UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 11 04 09 05 008 7

BM Talmud. Yiddish
499 Talmud Babli
.5
Y5
1921
v.1

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

פארלאג—„גמרא"

תלמוד בבלי

(גמרא אין אידיש).

איבערזעצט און ערקלעהרט

פון

דר' יעקב מאיר זאלקינד.

ערשטער באנד

ברכות

ארויסגעגעבען פון ב. וויינבערג,

לאנדאן תרפ"ב.

ב. וויינבערג'ס (ט.יו.) דרוקעריי, 188, בריק ליין, לאנדאן, א.

ENGLAND

Digitized by the Internet Archive
in 2010 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/talmudbabli01salk

במקום הקדמה.

די מעגליכקייט אַז שוין דער דריטער באַנד פֿון דיזער אַרבייט (דער צווייטער באַנד וועט ענטהאַלטען סדר זרעים און וועט זיין רייך אילוסטרירט אין פֿארבען) זאָל זיין געווידמעט צו אַן אויספֿיהרליך, אומפֿאַסענד ווערק איבערן תלמוד, זיין ענטשטעהונגס־געשיכטע, זיין מעטאדאלאגיע און די אַנדערע געביעטען פֿון דער תלמודישער וויסענשאַפֿט, באַפֿרייט אונז אייגענטליך פֿון אַ גרעסערער פֿאררעדע, ווי עס פאַסט זיך פֿאַר אזאַ ריזיגע אַרבייט ווי די ערשטע תלמוד איבערזעצונג אין אידיש און איבערהויפּט די ערשטע איבערזעצונג מיט אַן אויספֿיהרליכען פירוש. אין די פֿאלגענדע צ־ילען זאָל בלויז קורץ אָנגעדייטעט ווערען וואָס מיר האַלטען פֿאַר ניצליך פֿאַרן לעזער צו וויסען, בעפֿאָר ער טרעט צו צום שטודיום פֿון אונזער איבערזעצונג און פירוש.

בנוגע צו דער איבערזעצונג ווילען מיר באַמערקען אַז זי איז שטרענג ווערטליך, ביי אַל דער מיה, וואָס מיר האָבען זיך געגעבען, צו זיין געטריי צום אינהאַלט און אָפּשפּיגלען אין דער אידישער פּראַזע די פֿולע זאַפֿטיגקייט פֿין יעדען זאַץ אין אָריגינאַל. אויב בכלל ביי איבערזעצונגען פֿון וויסענשאַפֿטליכע ווערק איז זייער גרעסטע מעלה זייער שטרענגע גענויאיגקייט, אום וויפֿיעל מעהר איז דאָס דער פֿאַל ביי אַזאַ וויסענשאַפֿטליך און כאַראַקטעריסטיש ריזענווערק, וואָס געניסט אַזאַ הויכע מדרגה פֿון אויטאָריטעט און אַלגעמיינער אנערקענונג, ווי דער תלמוד. די קלענסטע, גע־וואָלטע אָדער אונגעוואָלטע, אפּווייכונג, צוליב אַ שווערינקייט אין טעקסט אָדער צוליב אַן אנציהענדע אויסדרוקסווייזע אין דער איבערזעצונגס שפּראַך, קאָן לייכט דעם אינהאַלט געבען אַן אַנדערע, און פֿרעמדע, באַדייטונג, צו וועלכער דער איבערזעצער האָט קיין שום רעכט ניט. דערפֿאַר האָבען מיר זיך שטרענג געהיט, אפילו ווען דער סטיל האָט אַמאָל צוליב דעם געמוזט ליידען. דערפֿאַר, פֿאַרשטעהט זיך, האָבען מיר אויך קיין וואָרט ניט צוגעלעגט און קיין וואָרט ניט אַראָפּגענומען. דאָרט, וואו דאָס איז אָבער געווען אימפעראַטיוו, צוליב אַ באַזונדערע באַטאָנונג, וועלכע פֿעהלט אין טעקסט דורך די קורצקייט פֿין דער אויסדרוקסווייזע פֿון דער תלמודישער שפּראַך, אָדער, פֿאַרקעהרט, צוליב איהרע פּלעאָנאַזמען, אָדער צוליב אַנדערע סבות, האָבען מיר דאָס צוגעלעגטע איינגעשלאָסען אין ( ) און דאָס וואָס איז איבעריג אין [ ], כדי דער לעזער זאָל דאָס לייכט ערקענען.

מיר האָבען זיך שטרענג געריכט ביי דער איבערזעצונג נאָך די כללי התלמוד פֿון אזוינע באקאנטע און אנערקאנטע אויטאָריטעטען ווי ר' שמואל הנגיד, („מבוא התלמוד"), ר' ישועה בר' יוסף הלוי („הליכות עולם"), ר' שמשון מקינון („ספר כריתות"), ר' יוסף ן' וירגא („שארית יוסף"), ר' חיים בנבנשתי („כנסת הגדולה"), ר' מלאכי בר' יעקב הכהן („יד מלאכי") און אַנדערע. יעדער טעכנישער אויסדרוק האָט זיין באַזונדערע ענטשפּרעכענדע איבערזעצונג, וועלכע ווערט גענוי אָפּגעהיט, אזוי אַז דער לערנער זאָל לייכט ערקענען פֿון דער איבערזעצונג, וואו עס שטעהט אין אָריגינאַל „רמי" אָדער „מתיב" אָדער "מתקיף" אא"וו פֿאַר אַ פֿראַגע, „אמר פלוני" אָדער „פלוני אמר" אלס אַן איינלייטונג פֿון א מימרא אא"וו.

פֿאַרן טעקסט האָבען מיר באַנוצט די ערשטע אונצענזורירטע תלמוד אויסגאַבען און „דקדוקי סופרים" פֿון ר' רנ"ן ראבינאוויץ, אַ קלאַסיש ווערק, וואָס איז פֿון דער גרעסטער הילף פֿאַר א ריכטיגען און וויסענשאַפֿטליכען שטודיום פֿון תלמוד. די טעקסט אָפּווייכונגען אין דעם מינכענער כ"י און אין „בית נתן„ אָדער אין די ערשטע תלמוד אויסגאַבען, וועלכע טראָגען אַ מעהר אָדער ווענינער אינהאַלטליך־זאַכליכען כאראַקטער, זיינען כמעט תמיד אָנגעדייטעט אין „פירוש", כדי דער לעזער זאָל אליין קאָנען פעסטשטעלען די ריכטיגע גירסא און איבערווינדען די שווערינקייטען אין טעקסט, וועלכע שטאַמען גאַנץ אָפֿט פֿון טעותן פֿון קאָפּיסטען און דרוקער, וואָס האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אין טעקסט און האָבען זיך איינגעבירגערט אין אונזערע תלמוד אויסגאַבען עד היום הזה.

בנוגע צום „פירוש" האָבען מיר זיך באַמיהט צו שאַפֿען אַ זאַך, וואָס זאָל זיין אַ דבר השוה לכל נפש, ניצליך פֿאַרן אָנפֿאַנגער אַזוי גוט ווי פֿאַרן למדן, אַ פירוש, וואָס זאָל העלפֿען דעם לערנער ריכטיג צו באַגרייפֿען די דיאַלעקטיק און דעם אידעענגאַנג פֿון תלמוד, וועלכער איז ווי אַ פֿאַרזיגעלט בוך פֿאַר דעם ניט געניטען, און צוגלייך ענטהאַלטען די פֿאַרשידענע מיינונגען פֿון די באַדייטענדסטע מפרשים, ווי אויך ערקלעהרען דאָס וואָס זיי האָבען אויסגעלאָזען. עס פֿאַרשטעהט זיך אַז מיר האָבען זיך הויפּטזעכליך געריכט נאָך דעם גרויסען „פרשנדתא" רש"י, אהן וועלכען עס איז אזוי גוט ווי אונמעגליך צו שווימען אין

BM
499
.5
Y5
1921
V.1

LIBRARY
NOV 25 1968
UNIVERSITY OF TORONTO

קאפירייטעד

נאכדרוקען, איבערדרוקען אין גאַנצען, אדער טהיילווייז
אהן ערלויבעניש פֿון איבערזעצער אדער אַרויסגעבער
איז שטרענג פֿאַרבאָטען פֿון געזעץ.

ברכות

פרק א.

משנה א'.

פון ווען אן מעג מען לייענען דאס שְׁמַע 1) אין אווענט? פון דער צייט אן וואס די כֹּהֲנִים 2) מעגען אריינקומען עסען זייער תְּרוּמָה 3); ביז צו דעם סוֹף פון ערשטען מִשְׁמָר 4); אזוי זאגט רבי 5) אֱלִיעֶזֶר. די חֲכָמִים 6) אבער זאגען: ביז האלבע נאכט. רַבָּן 7) גַּמְלִיאֵל ווידער זאגט: ביז עס געהט אויף דער מארגענשטערן 8). עס האט זיך אמאל געטראפען 9) אז זיינע קינדער זיינען געקומען 10) פון א שִׂמְחָה און האבען איהם געזאגט: מיר האבען נאך ניט געלייענט קיין שְׁמַע. האט ער צו זיי געזאגט: אויב דער מארגענשטערן איז נאך ניט אויפגעגאנגען זענט איהר מְחוּיָב צו לייענען. און 11) ניט נאר דא אליין 12), נאר אומעטום וואו די חֲכָמִים האבען געזאגט ביז „האלבע נאכט" איז די מִצְוָה דערפון 13) ביז דער מארגענשטערן געהט אויף: דאס פארברענען 14) פון חֵלֶב 15) און גליעדער 16) איז די מִצְוָה דערפון 17) ביז עס געהט אויף דער מארגענשטערן, און אלץ וואס מוז געגעסען ווערען דעמזעלבען טאג 18) איז די מִצְוָה דערפון 19) ביז עס געהט אויף דער מארגענשטערן 20). טא, פארוואס האבען די חֲכָמִים געזאגט „ביז האלבע נאכט" 21)? כְּדֵי צו דערווייטערן מענשען פון אן עֲבֵירָה 22).

גמרא.

וואו האט'ס דאָ דער תנא 23), וואָס ער פרעגט „פון ווען אָן" 24)? און נאָך עפעס: פאַרוואָס לערנט ער צוערשט ווע־גען אווענט? זאָל ער צוערשט לערנען וועגען פריהמאָרגען?— דער תנא בעציהט זיך אויף דער תורה, וואו עס שטעהט גע־שריבען 25): „בְּשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ" — „ווען דו לעגסט זיך שלאָפען און ווען דו שטעהסט אויף" 26), דערפאַר לערנט ער: „ווען איז די צייט פון לייענען שמע אין דער שלאָף-צייט? פון דער צייט אָן וואס די כהנים מעגען אַריינקומען עסען זייער תרומה". און אַז מען וויל, קען מען זאָגען 27) אַז ער לערנט עס פון דער בעשאַפונג פון דער וועלט, ווי עס שטעהט געשריבען 28): „און עס איז געוועזען אָווענט און עס איז געווען מאָרגען—איין טאָג" 29).—אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס לערנט ער אין אַ וויטערדיגער משנה 30): „אין דער פריה זאָגט מען צוויי ברכות פאַר דעם און איינע נאָכדעם, און אין אָווענט זאָגט מען צוויי ברכות פאַר דעם און צוויי נאָכדעם" 31), זאָל

פירוש.

1) קְרִיאַת־שְׁמַע, די 175סטע מצוה פון די תרי"ג מצות, וואָס בעשטעהט אייגענטליך פון דריי פָּרָשִׁיּוֹת: שְׁמַע, וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ און וַיֹּאמֶר, אָבער אין דער גמרא ווערט עס געוועהנליך אָנגערופען אויף'ן נאָמען פון דער ערשטער פָּרָשָׁה. 2) וועלכע זיינען געוואָרען טָמֵא דורך צָרַעַת אָדער דורך אָנריהרען זיך אָן אַן אונריינע זאַך און, לויט'ן דין, מעגען זיי אַריינקומען אין בית המקדש ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך טוֹבֵל געווען און די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען. 3) דער טייל פון די קָרְבָּנוֹת וואָס געהערט צו זיי. 4) די נאַכט ווערט געוועהנליך איינגעטיילט אין דריי, אָדער נאָך אַן אַנדער מיינונג, אין פיער מִשְׁמָרוֹת אָדער נאַכט-וואַכען. 5) ד"ה ניט פריהער און ניט שפעטער. — רַבִּי איז דער טיטעל וואָס ווערט אין דער גמרא גע־געבען צו די לעצטע תַּנָּאִים און ערשטע אֲמוֹרָאִים. 6) ד"ה אַנדערע תנאים. 7) רַבָּן וואָס איז אַ העכערער טיטעל ווי רַבִּי ווערט געגעבען צו אַ גָּדוֹל הַדּוֹר, דעם נָשִׂיא אדער ראֹשׁ יְשִׁיבָה. 8) די רויטקייט וואָס בעווייזט זיך אויף'ן האָריזאָנט בעפאָר עס הויבט אָן צו טאָגען. 9) אין דער גמרא ווערט געברויכט דאָס וואָרט „מַעֲשֶׂה", אַ פאַקט, און דער דין בלייבט שטענדיג ווי די מיינונג וועלכע די מעשה קומט צו אונטערשטיצען. 10) נאָך האַלבע נאַכט. 11) דאָס איז די פאָרטזעצונג פון רבן גַּמְלִיאֵל'ס רייד. 12) ביי קריאַת שמע פון אָווענט. 13) ד"ה די צייט ביז וואַנען מען מעג אָדער מען מוז עס טהון. 14) דאָס זיינען ביישפּיעלען וואָס ער גיט. 15) פון אַלע קָרְבָּנוֹת. 16) פון אַן עוֹלָה. 17) צו פאַרברענען עס. 18) דהיינו די קרבנות וואָס ווערען אָנגערופען חַטָּאת, אָשָׁם, תּוֹדָה א.א.וו. 19) צו עסען עס. 20) און דאָס וואָס איז ביז דאַמאָלס ניט געגעסען געוואָרען ווערט אָנגע־רופען נוֹתָר און מען טאָר דאָס ניט מעהר עסען. 21) ער אַליין פרעגט און פאַרענטפערט. 22) ד"ה דערמיט וואָס מען גיט איהם אַ קירצערען טערמין וועט ער דאָס טהון אין דער ריכטיגער צייט און ווי ער זאָל ניט אָפּלייגען וועט ער קיינמאָל ניט קומען דערצו עובר זמן צו זיין.

23) דער מְסַדֵּר פון דער משנה. 24) ד"ה ווי קומט ער צו פרעגען וועגען דער צייט פון לייענען-שמע בעפאָר ער האָט איבערהויפּט דער־מאָהנט אַז עס איז אַ חוב דאָס צו לייענען. 25) דְּבָרִים ו' ז', 26) דיזער תירוץ איז אַן ענטפער אויף ביידע קשיות, ווייל פון איהם נעהמען מיר אַרויס, ערשטענס, אַז עס איז אַ חוב צו לייענען שְׁמַע, און, צווייטענס, אַז אַזוי ווי בְּשָׁכְבְּךָ שטעהט צוערשט דערפאַר בעהאַנדעלט דער תנא צוערשט וועגען אָווענט. 27) דאָס איז נאָר אַ תירוץ אויף די צווייטע קשיא. 28) בְּרֵאשִׁית א' ה', 29) איז דאָס דאָך אַ בעווייז אַז דער אָווענט איז פריהער ווי דער טאָג. 30) די 4טע משנה פון דיזען פֶּרֶק. 31) נאָך שמע.

דעם ים התלמוד. דאָרט אָבער וואו די מיינונג פֿון „תוספות", „מהרש"א", „רבינו יונה" אָדער פֿון אַן אַנדער נושא כלים פֿון תלמוד איז אונז פֿאָרגעקומען איינלייכטענדער, אדער וואו מיר האָבען געפֿונען פֿאַר נויטיג צו זאָגען אַן אייגענע, נייע זאַך, האָבען מיר דיזע מיינונג פֿאָרגעצויגען, אנצייגענדיג פֿונדעסטוועגען צו גלייכער צייט אַז רש"י ערקלעהרט אַנדערש. אויך דאָרט, וואו עס איז אונז ניט מעגליך געווען צו ענטשיידען זיך פֿאַר דיזע אָדער יענע מיינונג, האָבען מיר די פֿאַרשידענע מיינונגען געבראַכט, אומעטום וויאו עס האַנדעלט זיך מכח אַ זאַכליך וויכטיגע דיפֿערענץ אין דער אויפֿפֿאַסונג. אַחוץ די כללים און טעכנישע אויסדריקע פֿון תלמוד, וועלכע ווערען אויף אָרט און שטעלע ערקלעהרט, זיינען אין „פירוש" געגעבען קורצע ביאגראַפֿישע און אַנדערע ערקלעהרונגען פֿון די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען און געגענשטענדען, וועלכע ווערען דאָרט דערמאָהנט, זעהר אָפֿט ערקלעהרונגען, וועלכע די מייסטע מפרשים האָבען אויסגעלאָזען, אבער וועלכע טאָרען ניט פֿעהלען אין אַ מאָדערנעם אויספֿיהרליכען פירוש. אין „פירוש" זיינען אויך אנגעוויזען די ציטירטע ערטער פֿון תנ"ך, תלמוד בבלי און ירושלמי, תוספתא או"וו, ווי אין „מסורת הש"ס", און אָפֿט נאָך מעהר.

הערות אָדער „חדושים", וועלכע האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות צום פשט פֿון דער גמרא און זיינען מעהר אדער וועניגער באַשטימט פֿאַר דעם פֿאַכמאַן, האָבען מיר געגעבען אין באַזונדערע אנמערקונגען אין רש"י כתב.

צוליב דעם וואָס עס איז אונז ניט תמיד מעגליך געווען צו זיין אנוועזענד ביים דרוק האבען זיך לײדער אַריינגעכאַפּט אַ געוויסע צאָהל דרוק פֿעהלערן. צום גליק זיינען דיזע טעותן אָבער אַזוי אונבאַדייטענד אַז זיי קאָנען ניט שטערען די ריכטיגע פֿאַרשטענדניש פֿון דער איבערזעצונג אָדער פֿון „פירוש", און אַזוי ווי יעדער לעזער וועט לייכט קאָנען זיי פֿאַרריכטען האָבען מיר ניט געפֿונען פֿאַר נויטיג צו געבען א „תקון טעות" ליסטע.

צום שלום ווילען מיר דאָ אויסדריקען אונזער הערצליכסטען דאַנק צום פֿארלעגער, אונזער פֿריינד ה' ברוך וויינבערג, וועמענס אויפֿאָפּפֿערענדע אַרבייט און ליעבע צו דער זאַך האָט אונז ערמעגליכט דורכצופֿיהרען דיזע גרויסע אַרבייט יוי אויך צו די זעצערס ה"ה א. שפיז און ב. שייער (איצט אין מאסקווע) און נ. וויינבערג און צום מאַשיניסט י. קאָרין, וועמענס פֿריינדליכקייט האָט אונז פֿיעל געהאָלפֿען.

מיר שיקען אַרויס דעם ערשטען באַנד פֿון דיזען קאָלאסאַלען ווערק אין דער אידישער עפֿענטליכקייט, אין דער האָפֿנונג אַז דער אידישער פּובליק וועט אַנערקענען די שווערע, אויפֿרייבענדע אַרבייט, וועלכע איז אין דעם אַריינגעלעגט געוואָרען, און וועט דאַדורך אונז ערמוטיגען פֿאָרטצוזעצען אונזער ביטראַג צו דער פּאָפּולאַריזירונג פֿון דאָס וואָס דאָס אידישע פֿאָלק שעצט אַלס זיין טייערסטען אוצר און וואָס האָט איהם געדיענט אַלס אַן אינאויסשעפּליכער קוואַל פֿון טרייסט און לעבענסקראַפֿט אויף זיין שווערען צוויטויזענדיעהריגען ליידענסוועג.

ה' כסלו תרפ"ב. **דער איבערזעצער און ערקלעהרער.**

צו איהר,

וועמען איך פֿאַרדאַנק הויפּטזעכליך מיין תלמודישען וויסען און ליבע צום לערנען, וועמעס האַרצענס-וואונש — צו זעהן אין איהר בכור א רינג אין דער שטאַלצער קייט פֿון זיידעס גדולי ישראל, וואָס ציהט זיך פֿון חכם צבי אן און פֿון נאָך פֿריהער, איז אבער לײדער ניט מקוים געוואָרען

צו מיין ליעבער הארציגער מוטער

היה אסתר האשה זאלקינד לאוי"ט,

איז דיזער באַנד, די בכורים פֿון אַן ארבייט אָהן א שעור,

אין איניגער קינדליכער ליעבע געווידמעט.

פֿון איהר זוהן דעם מחבר.

בעוויז דערפֿאַר 1), האָבען מיר אָבער אַ רמז אין דאָס וואָס שטעהט געשריבען 2): „און אַזוי װעלען מיר טהון די אַר-בייט 3), אַ העלפֿט פֿון זיי וועלען האַלטען די שפּיזען 4) פֿון דעם אויפֿגאַנג פֿון מאָרגענשטערן ביז די שטערן קומען אַרויס", און ווייטער שטעהט 5): „און די נאַכט וועט זיין פֿאַר אונז צו היטען און דער טאָג צו אַרבייטען". נו, צו וואָס איז דער אַנדערער פסוק? ווייל מען וואָלט דאָך געקענט מיינען אַז (אין אמת'ן) איז שוין נאַכט פֿון ווען די זון געהט אונטער, נאָר זיי 6) פֿלעגען בלייבען שפּעטער און קומען פֿריהער 7), טאָ קום און הער 8) „און די נאַכט וועט זיין פֿאַר אונז צו היטען און דער טאָג צו אַרבייטען" 9). היינט, אויב דו דענקסט אַז דער אָרעמאַן 10) און די מענשען 11) האָבען דעמזעלבען שעור און (דערצו) ייעסטו נאָך זאָגען אַז דער אָרעמאַן און דער כהן 12) האָבען אויך דעם גלייכען שעור, וועט דאָך אויסקומען אַז די חכמים זיינען איינס מיט רבי מאיר 13); אלא איז דאָך דערפֿון געדרונגען אַז דער אָרעמאַן האָט אַ בעזונדערן שעור און דער כהן האָט אַ בעזונדערן שעור 14)?—ניין, דער אָרעמאַן און דער כהן האָבען טאַקע דעמזעלבען שעור, אָבער דער אָרעמאַן און די מענשען האָבען ניט דעם גלייכען שעור 15).—אָבער אויב דער אָרעמאַן און דער כהן האָבען דעמזעלבען שעור, קען מען דאָך דערויף פֿרע-גען פֿון דער ברייתא: „פֿון ווען אָן הויבט מען אָן לייענען שמע אין אָווענט? פֿון דער צייט אָן וואָס די הייליגקייט פֿון שבת טרעט איין פֿרייטאָג-צו-נאַכט 16). אַזוי זאָגט רבי אליעזר. רבי יהושע זאָגט: פֿון דער צייט אָן וואָס די כהנים זיינען ריין צו עסען זייער תרומה. רבי מאיר זאָגט: פֿון דער צייט אָן וואָס די כהנים זיינען זיך טובל כדי צו עסען זייער תרומה 17). דערויף האָט איהם רבי יהודה באַמערקט: די כהנים זיינען זיך דאָך טובל בשעת עס איז נאָך טאָג 18)? רבי חנינא זאָגט: פֿון דער צייט אָן וואָס דער אָרעמאַן קומט אַריין עסען זיין ברויט מיט זאַלץ. רבי אחאי, און לויט אַן אַנדער מיינונג, רבי אחא זאָגט: פֿון דער צייט אָן וואָס דאָס רוב מענשען געהען צום טיש 19)." היינט, אויב דו וועסט זאָגען אַז דער אָרעמאַן און דער כהן האָבען דעם גלייכען שעור, וועט דאָך אויסקומען אַז רבי חנינא און רבי יהושע זיינען איינס 20), אלא איז דאָך דערפֿון געדרונגען אַז דער אָרעמאַן האָט אַ בע-זונדערן שעור און דער כהן האָט אַ בעזונדערן שעור. יאָ, אַזוי איז טאַקע געדרונגען!—וועלכער פֿון זיי 21) איז שפּעטער? דער שכל איז מחיב אַז דעם אָרעמאַן'ס איז שפּעטער, וואָרום אַז מען זאָל אָננעהמען אַז דעם אָרעמאַן'ס איז פֿריהער, וואָלט דאָך אויסגעקומען אַז רבי חנינא איז איינס מיט רבי אליעזר, אלא איז דאָך דערפֿון געדרונגען אַז דעם אָרעמאַן'ס איז שפּעטער. יאָ, אַזוי איז טאַקע געדרונגען!

דער רבי האָט געזאָגט: „דערויף האָט איהם רבי יהודה באַמערקט: די כהנים זיינען זיך טובל בשעת עס איז נאָך טאָג". רבי יהודה האָט דאָך רבי מאיר'ן טאַקע זעהר גוט באַמערקט 22)?!—רבי מאיר אָבער האָט איהם געענטפֿערט: דו מיינסט אַפֿנים אַז איך האַלט אין זינען דיין בין השמשות 23): ניין, איך האַלט אין זינען דעם בין השמשות פֿון רבי יוסי, וואָרום רבי יוסי האָט געזאָגט 24): דער בין השמשות גע-דויערט ווי אַ פּינטעל מיט'ן אויג, דער 25) קומט אַריין און דער 26) קומט אַרויס און עס איז אוממעגליך זיך דערויף אָפּ-צושטעלען 27). (ב' א') עס איז דאָך אַ קשיא פֿון רבי מאיר 28) אויף ר' מאיר?—עס זיינען דאָ צוויי מיינונגען פֿון תנאים איבער דאָס וואָס רבי מאיר האָט געזאָגט 29).—עס איז אַ דאָך קשיא פֿון רבי אליעזר אויף רבי אליעזר 30)?—עס זיינען דאָ צוויי

פירוש.

דיזער צייט, 1) אַז דער טאָג ענדיגט זיך מיט'ן אַרויסקומען פֿון די שטערן. 2) נחמיה ד' ט"ו). 3) פֿון בויען די פֿערטיידיגונגס מויער אַרום ירושלים. 4) צו פֿערטיידיגען זיך געגען די שונאים, בשעת נחמיה איז צוריקגע-קומען פֿון גלות בבל אין ירושלים און האָט זיך גענומען צו בויען אַ מויער אַרום די שטאָדט, האָבען די שונאים, וואָס האָבען ניט געוואָלט אַז די שטאָדט זאָל זיין באַפֿעסטיגט, געשטערט, און נחמיה'ס מענשען האָבען זיך געמוזט איינטיילען מיט דער אַרבייט כדי זי זאָל אָנגעהן שנעל, אין בשעת איין פּאַרטיע האָט געאַרבייט האָט די אַנדערע געמוזט שטעהן גרייט מיט געוועהר צו פֿאַרטיידיגען זיי געגען די וואָס האָבען געוואָלט שטערען. 5) אַ פסוק נאָכדעם. 6) נחמיה'ס מענשען. 7) צו דער אַרבייט. 8) וואָס דער צווייטער פסוק זאָגט.—דער אויסדרוק „תָּא שְׁמַע"—קום און הער—ווערט זעהר אָפֿט געברויכט אין דער גמרא ווען אַ פֿראַגע ווערט פֿאַרענטפֿערט אָדער אַ ספק ווערט קלאָר געמאַכט. 9) ד"ה אַז ער זאָגט אין ערשטען פסוק אַז די אַרבייט-צייט איז פֿון'ם אויפֿגאַנג פֿון מאָרגען-שטערן ביז'ן אַרויסקומען פֿון די שטערן און אין צווייטען פסוק רופֿט ער דאָס אָן טאָג, איז דאָך דערפֿון קלאָר אַז פֿון'ם אַרויסקומען פֿון די שטערן ביז'ן אויפֿגאַנג פֿון'ם מאָרגענשטערן איז נאַכט און פֿון אויפֿ-גאַנג פֿון'ם מאָרגענשטערן ביז'ן אַרויסקומען פֿון די שטערן איז טאָג. 10) וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער ערשטער ברייתא. 11). וואָס ווערען דערמאָהנט אין דער צווייטער ברייתא. 12) פֿון אונזער משנה. 13) און אין דער צווייטער ברייתא זעהט מען דאָך אַז עס איז אַ מחלוקה צווישען זיי. 14) און דו זאָגסט אַז זיי האָבען ביידע איין שעור. 15) ד"ה דער אָנ-פֿאַנג פֿון ביידע ברייתות איז טאַקע ניט איינשטימיג, אָבער דער אָנפֿאַנג פֿון דער ערשטער ברייתא איז גאָר ניט געגען דעם אָנפֿאַנג פֿון אונזער משנה. 16) ד"ה בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת, די דעמערונג וואָס טרעט איין צווישען טאָג און נאַכט אין אַזוי ווי עס איז אַ ספק צי דאָס איז נאָך טאָג און עס געהערט נאָך צו פֿרייטאָג אָדער צי דאָס איז שוין נאַכט און עס געהערט שוין צו שבת האָט עס, פֿון ספק וועגען, שוין די הייליגקייט פֿון שבת. 17) וואָס דאָס איז נאָך פֿאַר בין השמשות. 18) און עס איז דאָך אומ-מעגליך אַז מען זאָל מעגען לייענען שמע פֿון אָווענט בייטאָג. 19) זיין שעור איז דער שפּעטסטער. 20) און דאָ זיינען זיי גאָר מחולק. 21) פֿון די שעורים.

22) ד"ה ער האָט דאָך איהם געפֿרעגט טאַקע אַ האַרבע קשיא. 23) וואָס איז אַזוי לאַנג ווי לאַנג עס געדויערט צו געהן אַ האַלבע מייל, אונגעפֿעהר אַ שעה מיט אַ פֿערטעל (שבת ל"ד ב'). 24) דאָרט. 25) אָווענט. 26) טאָג. 27) ד"ה וויענדיג אַזוי אויגענבליקליך איז דאָס איבערהויפּט אוממעגליך צו בעשטימען ווי לאַנג עס געדויערט. 28) וואָרום אויבען אין דער ברייתא זאָגט ער „פֿון דער צייט וואָס מענשען קומען אַריין עסען זייער מאָהלצייט פֿרייטאָג-צו-נאַכט' און דאָ זאָגט ער „פֿון דער צייט וואָס די כהנים זיינען זיך טובל', וואָס דאָס איז דאָך פֿריהער. 29) נאָך איין תנא זאָל ר' מאיר האָבען געזאָגט אַזוי ווי עס שטעהט דאָ און נאָך'ן אַנדערן אַזוי ווי עס שטעהט אויבען אין דער ברייתא. 30) וואָרום אין דער ברייתא זאָגט ער „פֿון דער צייט אָן וואָס די הייליגקייט פֿון שבת

ער צוערשט לערנען וועגען אין אָוונט?—דער תנא האָט אָנגעהויבען מיט'ן אָוונט, דערנאָך האָט ער געלערנט וועגען אין דער פריה. איז האַלטענדיג ביי אין דער פריה ערקלערט ער שוין דאָס וואָס איז שייך צו שחרית און נאָכדעם ערשט ערקלערט ער דאָס וואָס איז שייך צו מעריב.

דער רבי 1) האָט געזאָגט: „פון דער צייט אָן וואָס די כהנים מעגען אַריינקומען עסען זייער תרומה". אייגענטליך, פון ווען אָן מעגען דיזע כהנים עסען תרומה? פון דער צייט אָן וואָס די שטערען קומען אַרויס, טאָ זאָל ער זאָגען: „פון דער צייט אָן וואָס די שטערען קומען אַרויס"?—ער וויל אגב אונז לערנען נאָך אַ זאַך: פון ווען אָן מעגען די כהנים עסען תרומה? פון דער צייט אָן וואָס די שטערען קומען אַרויס. און ער גיט אונז גלייך צו פערשטעהן אַז די כפרה 2) איז ניט קיין אָפּהאַלט 3); ווי מיר האָבען געלערנט אין אַ בָּרַיְתא 4): „וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר—און אַז די זון וועט אונטערגעהן וועט ער זיין אָפּגערייניגט" 5)—(מיינט צו זאָגען) אַז דער אונטערגאַנג פון דער זון קען יאָ אָפּהאַלטען פון עסען תרומה, אָבער די כפרה קען ניט אָפּהאַלטען פון עסען תרומה 6).—אָבער פון וואַנען ווייס מען אַז דער דאָזיגער ובא השמש מיינט דער אונטערגאַנג פון דער זון און וטהר מיינט אַז דער טאָג איז אָפּגערייניגט געוואָרען 7), (ב') טאָמער מיינט עס גאָר דער אונטערגאַנג פון איהר ליכטיגקייט 8) און וטהר מיינט גאָר אַז די פּערזאָן איז ריין געוואָרען 9)?—רבה דער זוהן פון רב 10) שילא האָט געענטפערט: אַז דאָס וואָלט געווען אַזוי, וואָלט די תורה געדאַרפט זאָגען ויטהר 11), וואָס איז עפּעס וטהר? (ווייל דאָס מיינט אַז) דער טאָג איז אָפּגערייניגט געוואָרען; ווי דאָס גלייכווערטעל זאָגט: אַז די זון געהט אונטער איז דער טאָג אָפּגערייניגט 12).—אין מערב 13) האָבען זיי ניט געהערט דאָס וואָס רבה דער זוהן פון רב שילא האָט געזאָגט און עס איז ביי זיי געפרעגט געוואָרען די פראַגע: דער דאָזיגער ובא השמש מיינט אַז די זון איז (אין גאַנצען) אונטערגעגאַנגען און דער וטהר מיינט אַז דער טאָג איז אָפּגערייניגט געוואָרען, אָדער מיינט עס דער אונטערגאַנג פון איהר ליכטיגקייט און וטהר מיינט אַז די פערזאָן איז ריין געוואָרען? דערנאָך איז זיי דאָס קלאָר געוואָרען פון אַ ברייתא 14). אַז ער לערנט אין דער ברייתא „דער סימן דערפון איז דאָס אַרויסקומען פון די שטערען", איז דאָך דערפון געדרונגען אַז דאָס מיינט דער פאָלשטענדיגער אונטערגאַנג פון דער זון און אַז וטהר מיינט אַז דער טאָג איז אָפּגערייניגט געוואָרען.

דער רבי 15) האָט געזאָגט: „פון דער צייט אָן וואָס די כהנים מעגען אַריינקומען עסען זייער תרומה", קען מען דאָך דערויף פרעגען פון דער ברייתא 16): „פון ווען אָן מעג מען לייענען שמע אין אָוונט? פון דער צייט אָן וואָס דער אָרעמאַן 17) קומט אַריין 18) עסען זיין ברויט מיט זאַלץ, ביז צו דער צייט ווען ער ווערט פאַרטיג און הייבט זיך אויף פון זיין מאָלצייט". מילא דער סוף 19) איז אודאי ניט איינשטימיג מיט אונזער משנה 20), עס פרעגט זיך אָבער צי איז ניט אויך דער אָנהויב געגען אונזער משנה 21)?—ניין! דער אָרעמאַן און דער כהן 22) האָבען דעם גלייכען שעור 23).—מען קען דאָך אָבער דערויף 24) פרעגען פון דער ברייתא 25): „פון ווען אָן הויבט מען אָן צו לייענען שמע אין אָוונט? פון דער צייט אָן וואָס מענשען קומען אַריין עסען זייער מאָלצייט פרייטאָג-צו-נאַכטס 26). אַזוי זאָגט רבי מאיר, אָבער די חכמים זאָגען: פון דער צייט אָן וואָס די כהנים זענען שוין ריין צו עסען זייער תרומה. דער סימן דערפאַר 27) איז דאָס אַרויסקומען פון די שטערען. און חאָטש מיר האָבען ניט קיין

פירוש.

1) ר' אליעזר. 2) דער קרבן וואָס יעדער טָמֵא וועלכער איז ווידער טהור געוואָרען האָט געדאַרפט ברענגען דעם אַכטען טאָג נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען ווידער ריין (וַיִּקְרָא ט"ו). 3) פון עסען תרומה. 4) נְגָעִים פ' י"ד.—בָּרַיְתוֹת זיינען מייגונגען פון תנאים וואָס ר' יהודה הנשיא, דער מסדר פון אונזער משנה, האָט אויסגעלאָזען און וואָס ר' חיא און ר' אושעיא האָבען נאָכהער צוזאַמען געקליבען. 5) וואָס שטעהט געשריבען אין ויקרא כ"ב ז'. 6) ד"ה אויב די זון איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען טאָר דער כהן וואָס איז ווידער ריין געוואָרען ניט עסען קיין תרומה, אָבער אויב זי איז יאָ אונטערגעגאַנגען מעג ער עסען און עס מאַכט ניט אויס וואָס ער האָט נאָך ניט געבראַכט קיין כפרה. 7) אין גאַנצען געענדיגט, אָפּגעפאַרטיגט. 8) ד"ה ניט ווען די זון איז שוין אין גאַנצען פאַרשוואונדען, נאָר ווען זי איז נאָך דאָ, אָבער איהר ליכטיגקייט הויבט אָן אונטערצוגעהן, וואָס דאָס איז דער אָנפאַנג פון זון-אונטערגאַנג, און עס איז נאָך לאַנג פאַר דעם מאָמענט ווען די שטערען קומען אַרויס. 9) ד"ה אַז פון דעם מאָמענט אָן איז דער כהן וואָס איז געוואָרען טמא שוין ווידער ריין. 10) מיט דעם טיטעל וואָס איז קלענער ווי רבי ווערען אָנגערופען די שפעטערדיגע אמוראים. 11) וְטָהֵר איז ניט קלאָר און קען זיך בעציהען ענטוועדער אויפ'ן טאָג אָדער אויף די פערזאָן, אָבער וְיִטְהַר וואָלט געווען קלאָרער און אַזוי ווי לויט דעם דקדוק פון לשון קודש וואָלט עס ניט געקענט זיך בעציהען אויפ'ן טאָג וואָלט עס דאָך ממה-נפשך געמוזט זיך בעציהען אויף די פערזאָן. 12) די גמרא געברויכט דאָ דעם אויסדרוק אִידְּכִי וואָס האָט גענוי די זעלבע בעדייטונג ווי טָהֵר און ערקלערט דערפאַר זעהר גוט דעם דרש פון דער גמרא. 13) ד"ה ארץ ישראל וואָס ליעגט אין מערב זייט פון בבל וואו אונזער גמרא איז פערפאַסט געוואָרען. 14) זעה עטליכע שורות ווייטער. 15) אין דער גמרא ווערט דאָ געברויכט דאָס וואָרט מַר—הערר, אַזוי רופען תלמידים אַ רבי בִּשְׁעַת זיי ציטירען זיינע רייד. 16) עס ווערט דאָ געברויכט דאָס וואָרט „וּרְמִינְהִי" וואָס איז אַ קצור פון די דריי ווערטער „וְרָמֵי אֲנָא אִיהִי"—און איך וואַרף געגען דאָס—און וואָס ווערט דאָס רוב בענוצט ווען די קשיא ווערט געפרעגט פון אַ ברייתא. 17) וועלכער פערמאָגט ניט צו קויפען אַ ליכט און איילט זיך דערפאַר צו עסען זיין אָוונט-ברויט כל זמן עס איז נאָך אַ ביסעל ליכטיג. 18) אין זיין הויז. 19) פון דיזער ברייתא. 20) וואָרום ווי שפעט דער אָרעמאַן זאָל ניט ענדיגען זיין אָוונט-ברויט איז דאָס נאָך אַלץ אַ סך פריהער אפילו ווי דער פריהסטער טערמין פון אונזער משנה (דער סוף פון ערשטען משמור, ווי ר' אליעזר זאָגט. 21) ד"ה אַז די צייט פון ווען אָן מען מעג לייענען שמע איז אין דיזער ברייתא אַנדערש ווי אין אונזער משנה. 22) וואָס ווערט דערמאָהנט אין אונזער משנה. 23) צייט, טערמין.—ד"ה די משנה און די ברייתא זענען ביידע איינשטימיג אַז די צייט פון ווען אָן מען מעג לייענען שמע איז ווען די שטערען קומען אַרויס. 24) אויף דעם תירוץ אַז דער אָרעמאַן און דער כהן האָבען דעמזעלבען שעור. 25) תוספתא ברכות פרק א'. 26) ווען דאָס עסען איז שוין פאַרטיג פון בייטאָג און צוליעב שבת האָט מען פריהער אַוועקגעלעגט די אַרבייט און דערפאַר עסט מען אויך פריהער ווי אַ גאַנצע וואָך. 27) פאַר

טריבען זיינע קינדער? און וועה איז צו די קינדער, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון דעם פאָטער'ס טיש.

די רבנן האָבען געלערנט 1): „צוליעב דריי טעמים טאָר מען ניט אריינגעהן אין אַ חורבה—צוליעב אַ חשד 2), צוליעב איינפאַלען 3) און צוליעב נישט גוטע".—צוליעב אַ חשד! עס איז דאָך שוין גענוג צוליעב איינפאַלען? 4)—(ב') (עס האַנדעלט זיך) ביי אַ נייער 5).—עס איז דאָך שוין אָבער גענוג צוליעב נישט-גוטע?—(עס האַנדעלט זיך) ביי זאַלבע-נאַנד 6)—אויב זאַלבענאַנד איז דאָך שוין קיין חשד אויך ניטא 7)—(עס האַנדעלט זיך) אַז ביידע זיינען אויסגעלאַסענע.—צוליעב איינפאַלען! עס איז דאָך שוין גענוג צוליעב אַ חשד און נישט-גוטע?—(עס האַנדעלט זיך) ביי צווי (מענשען) וואָס זיינען אָרענטליך 8).—צוליעב נישט-גוטע! עס איז דאָך שוין גענוג צוליעב אַ חשד און איינפאַלען?—(עס האַנדעלט זיך) ביי אַ נייער חורבה און צווי (מענשען) וואָס זיינען אָרענטליך 9).—אויב ביי צווי, איז דאָך שוין נישט-גוטע אויך נישטאָ 10)? דאָרט וואו ווייער אָרט איז 11), איז יאָ דאָ וואָס מורא צו האָבען (פאַר זיי). און אַז מען וויל קען מען זאָגען אַז עס האַנדעלט זיך טאַקע ביי איינעם און ביי אַ חורבה וואָס איז אַ נייע און שטעהט אויף'ן פעלד וואו עס איז ניטאָ (וואָס מורא צו האָבען) פאַר אַ חשד, ווייל פרויען זיינען ניט אַזוי הייפיג אויף'ן פעלד, אָבער וועגען נישט-גוטע איז יאָ דאָ (וואָס מורא צו האָבען).

די רבנן האָבען געלערנט 12): די נאַכט האָט פיער משמורים; אַזוי זאָגט רבי 13). רבי נתן זאָגט: דריי 14). וואָס איז דער טעם פון ר' נתן? עס שטעהט געשריבען 15): 'און גדעון איז געקומען מיט די הונדערט מענשען וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך צום עק פון דער מחנה אין אָנהויב פון דעם מיטעלסטען משמור', קען דאָך נאָר דער זיין דער מיטעלסטער וואָס האָט (איינעם) פאַר זיך און (איינעם) נאָך זיך" 16).—נו, און וואָס זאָגט רבי צו דעם „מיטעלסטען"?—איינער פון די מיטעלסטע 17).—נו, און ר' נתן 18)?—שטעהט דען „איינער פון די מיטעלסטע"? עס שטעהט דאָך „דער מיטעלסטער"!—וואָס איז דער טעם פון רבי 19)?—רבי זריקא האָט געזאָגט אַז רבי אמי האָט געזאָגט און דער ווידער זאָגט אַז רבי יהושע בן לוי האָט עס געזאָגט 20): אין איין פסוק שטעהט 21): 'האַלבע נאַכט שטעה איך אויף 22) צו דאַנקען דיר 23) פאַר דיינע גערעכטע געזעצען', און אין אַן אַנדערן פסוק שטעהט 24): 'מיינע אויגען פערדערן זיך פאַר 25) די משמורים', טאָ ווי קען דאָס מעגליך זיין? ווייל די נאַכט האָט פיער משמורים 26).—און (וואָס זאָגט) ר' נתן?—ער האַלט מיט ר' יהושע, ווי מיר האָבען געלערנט 27): „ר' יהושע זאָגט ביז דריי שעה 28), ווייל אַזוי איז דער שטייגער פון מלכים אויפצושטעהן אין דריי שעה": איז די זעקס (שעה) פון דער נאַכט 29) און די צווי פון טאָג (זיי) מאַכט עס אויס צווי משמורים 31). רבי אשי אָבער זאָגט 32):

פירוש.

1) די גמרא געברויכט דאָ דעם אויסדרוק „תָּנוּ רַבָּנָן" וואָס ווערט געוועהנליך געברויכט ווען עס ווערט ציטירט אַ ברייתא וואָס איז אַזוי גוט בעקאַנט ווי אַ משנה. 2) אַז מען זאָל איהם ניט חושד זיין אַז ער איז דאָרט מיט אַ פּרויענצימער. 3) ווייל די חורבה קען נאָך איינפאַלען. 4) וואָס דאַרפען די רבנן זאָגען צוליעב אַ חשד, עס איז דאָך שוין גענוג דער טעם טאָמער וועט עס איינפאַלען. 5) חורבה, וואו עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען טאָמער וועט עס איינפאַלען. 6) אַז עס געהן אַריין צווי מענשען איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר נישט-גוטע. 7) וואָרום די גמרא זאָגט אין קדושין פ' ב' אַז אַ פרוי מעג זיך מתיחד זיין מיט צווי מענער אויב זיי זיינען אָרענטליך. 8) וואו עס איז שוין ניטאָ וואָס מורא צו האָבען צוליעב חשד און נישט-גוטע, דערפאַר מוז שטעהן דער טעם פון איינפאַלען. 9) איז וועגען איינפאַלען און אַ חשד שוין ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, דערפאַר מוז שטעהן דער טעם פון נישט-גוטע. 10) פאַרוואָס מורא צו האָבען. 11) מען האָט דאַמאָלס אַלגעמיין געגלויבט אַז נישט-גוטע געפינען זיך געוועהנליך אין חורבות.

12) תוספתא ברכות פרק א', 13) אַזוי ווערט געוועהנליך גערופען רבי יהודה הנשיא, דער מסדר פון דער משנה. 14) משמורים האָט די נאַכט. 15) שופטים ז' י"ט. 16) ד"ה ווייל נאָר ביי דריי זאַכען קען זיין איינע אין דער מיט, וואָרום ביי ווייניגער פון דריי איז איבערהויפט ניטאָ קיין מיט, און ביי מעהר איז דאָ מעהר ווי איין זאַך אין דער מיט. בעזונדערס אונמעגליך איז דאָס ביי פיער. 17) עס מיינט ניט „דעם מיטעלסטען" נאָר „איינעם פון די מיטעלסטע", ווייל אין פיער משמורים זיינען דער צווייטער און דער דריטער די מיטעלסטע.—אין דער גמרא שטעהט „אחת מן התיכונה שבתיכונות" וואָס דאָס מוז זיין אַ טעות פון אַ סופר ווייל עס האָט ניט קיין זינן. מיר האָבען עס דערפאַר ניט איבערזעצט ווערטליך—„איינע פון דער מיטעלסטער וואָס אין די מיטעלסטע"—נאָר קורץ „איינע פון די מיטעלסטע". דער „דקדוקי סופרים" ברענגט אַז אין דער כתב-יד גמרא פון מינכען איז דער נוסח טאַקע דייטליך „אחת מן שתי התיכונות". 18) וואָס זאָגט ער דערצו. 19) וואָס ער זאָגט אַז די נאַכט האָט פיער משמורים, אַזוי ווי ר' נתן'ס אַרגומענט איז זעהר אַ שטאַרקער זוכט די גמרא צו געפינען דעם טעם פאַרוואָס רבי זאָגט פיער. 20) דאָ שטעהט דאָס וואָרט „אָמַר" (אמר... אמר... אמר...) און דאָס בעווייזט אַז איינער איז געווען אַ תלמיד פון אַנדערן און האָט עס פערזענליך פון איהם געהערט און אַז ער איז מסכים צו דאָס וואָס ער גיט איבער. וואָלט אָבער אָנשטאָט פון צווייטען „אמר" געשטאַנען „מִשּׁוּם" (אמר... משום...), וואָלט עס בעדייט אַז דאָס איז ניט קיין פערזענליכע טראַדיציע און אַז דער איבערגעבער איז ניט איינפערשטאַנען מיט דאָס וואָס ער גיט איבער, און מיר וואָלטען דאַן איבערזעצט איינפאַך: „עס האָט געזאָגט... אין נאָמען פון... 21) תהלים קי"ט ס"ב. 22) דוד המלך זאָגט עס. 23) גאָט. 24) דאָרט פסוק קמ"ח. 25) ד"ה איך שטעה אויף פריהער. 26) ווייל משמורים איז דאָך אין דער מעהרצאָל, קען עס דאָך ניט זיין ווייניגער ווי צווי, הייסט אַז דוד פלעגט אויפשטעהן האַלבע נאַכט און אויב די נאַכט האָט ניט מעהר ווי דריי משמורים, טאָ ווי קען ער זאָגען אַז ער איז שוין געווען וואַך פאַר די משמורים, ווייל אום האַלבע נאַכט איז דאָך געבליבען ניט מעהר ווי אַ משמור און אַ האַלבס, אלא מסתמא מוזען מיר זאָגען אַז די נאַכט האָט פיער משמורים, ווייל דאַמאָלס איז אום האַלבע נאַכט נאָך געבליבען צווי משמורים ביז צום סוף פון דער נאַכט. 27) אין דער משנה, ווייטער ט' ב'. 28) פון ווען ס'איז געוואָרען טאָג מעג מען לייענען קריאת שמע פון אין דער פריה. 29) אַזוי ווי די נאַכט ווערט געוועהנליך גערעכענט צוועלף שעה איז פון האַלבע נאַכט אָן נאָך געבליבען זעקס שעה. 30) ווייל קעניגע הויבען עריסט אָן אויפצושטעהן אין דער דריטער שעה. 31) ד"ה אַזוי פיעל ווי צווי משמורים, וואָס נאָך זיין מיינונג האַלטען זיי פיער שעה יעדער'ער, אָבער דאָס בעציהט זיך גאָר ניט אויף די משמורים פון דער נאַכט. 32) ווען עס שטעהט אין דער גמרא „אמר" נאָך'ן נאָמען פון דעם וואָס זאָגט, איז דאָס געוועהנליך אַ כלל אַז דער מאן דאמר איז געגען די מיינונג וואָס שטעהט פאַר דעם אין ער זאָגט אַ נייע זאַך. שטעהט אָבער „אמר" פאַר'ן נאָמען בעוויזט עס גענייגטהייט אַז די פריהערדיגע מיינונג ווערט אונ-

מיינונגען פֿון תנאים איבער דאָס וואָס ר׳ אליעזר האָט געזאָגט. און אַז מען וויל קען מען זאָגען אַז דער אָנפֿאַנג 1) איז גאָר ניט פֿון רבי אליעזר 2).

ביז צום סוף פֿון משמור 3).

ווי האַלט רבי אליעזר? האַלט ער אַז די נאַכט האָט דריי משמורים, טאָ זאָל ער (בעסער) זאָגען: ביז פֿיער שעה 4); האַלט ער אָבער אַז די נאַכט האָט פֿיער משמורים, טאָ זאָל ער (בעסער) זאָגען: ביז דריי שעה?—ער האַלט טאַקע אַז די נאַכט האָט דריי משמורים, נאָר ער וויל אונז געבען צו פֿער־שטעהן 5) אַז עס זיינען דאָ משמורים אין הימעל און עס זיינען דאָ משמורים אויף דער ערד. וואָרום עס שטעהט אין אַ ברייתא: „רבי אליעזר זאָגט: די נאַכט האָט דריי משמורים און ביי יעדען משמור זיצט דער קדוש ברוך הוא און ברומט ווי אַ לייב, ווי עס שטעהט געשריבען 6): ‚גאָט ב ר ו מ ט פֿון דער הויך און פֿון זיין הייליגער וואוינונג לאָזט ער אַרויס זיין שטים; ב ר ו מ ע ן ב ר ו מ ט 7) ער וועגען זיין וואוינונג‘ 8). און די סמנים דערפֿאַר 9): ביי דעם ערשטען משמור הירזען די עזלען, ביי דעם צווייטען בילען די הינט, ביי דעם דריטען זויגען שוין קינדער פֿון דער מוטערס ברוסט און פֿרויען שמועסען שוין מיט זייערע מענער“ 10)—וואָס רעכענט דאָ רבי אליעזר? רעכענט ער דעם אָנהייב פֿון די משמורים, טאָ וואָס דאַרף מען אַ סימן פֿאַר דעם אָנהויב פֿון דעם ערשטען משמור? עס איז דאָך אָוונט 11)! רעכענט ער אָבער דעם סוף פֿון די משמורים, טאָ וואָס דאַרף מען אַ סימן פֿאַר דעם סוף פֿון דעם לעצטען משמור? עס איז דאָך טאָג 12)!?—ער רעכענט דעם סוף פֿון׳ם ערשטען משמור און דעם אָנהייב פֿון׳ם לעצטען משמור און די מיט פֿון דעם מיטעלסטען. און אַז מען וויל קען מען זאָגען אַז ער רעכענט טאַקע דעם סוף פֿון אַלע משמורים; דו וועסט דאָך אָבער פֿרעגען: צו וואָס דאַרף מען דעם לעצטען און וואָס איז מיר די נפקא מינה 13)? וועגען לייענען קריאת שמע 14). איינער וואוינט אין אַ פֿינסטער הויז און ווייס ניט ווען ס׳איז די צייט פֿון לייענען קריאת שמע איז וויבאַלד די פֿרויען הויבען אָן צו שמועסען מיט זייערע מענער און קינדער הייבען אָן צו זויגען פֿון זייער מוטערס ברוסט, זאָל ער אויפֿשטעהן און לייענען.

רבי יצחק דער זוהן פֿון שמואל האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון רב: די נאַכט האָט דריי משמורים און ביי יעדען משמר זיצט דער קדוש ברוך הוא און ברומט ווי אַ לייב און זאָגט: וועה וואָס איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז און פֿערברענט מיין פּאַלאַץ און פֿערטריבען מיינע קינדער צווישען די גוים.

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: רבי יוסי האָט דערצעהלט: אַמאָל בין איך געווען אונטערוועגס און איך בין אַריינגעגאַנגען אין איינע פֿון די חורבות פֿון ירושלים כדי צו דאַוונען. איז געקומען אליהו 15), צו גוטען דערמאָהנט, און האָט אויף מיר געוואַרט ביי דער טיהר ביז איך וועל ענדיגען דאַוונען. נאָב־דעם ווי איך האָב געענדיגט דאַוונען, רופֿט ער זיך אָן צו מיר: שלום עליכם, רבי! האָב איך איהם געענטפֿערט: שלום עליכם, רבי ומורי! פֿרעגט ער מיך: מיין קינד, צו וואָס ביזטו אַריינגעגאַנגען אין דער דאָזיגער חורבה? ענטפֿער איך איהם: כדי צו דאַוונען. פֿרעגט ער מיך: פֿאַרוואָס האָסטו ניט געדאַוונט אויף׳ן וועג? ענטפֿער איך איהם: ווייל איך האָב מורא געהאַט, טאָמער וועלען די פֿערבייגעהערס מיך מפסיק זיין. מאַכט ער צו מיר: האָסטו געדאַרפֿט דאַוונען אַ קורצע תפלה 16). האָב איך דאַמאָלס דריי זאַכען פֿון איהם געלערנט: איך האָב געלערנט אַז מען טאָר ניט אַריינגעהן אין אַ חורבה; איך האָב געלערנט אַז מען מעג דאַוונען אויף׳ן וועג, און ווידער האָב איך געלערנט אַז ווען מען דאַוונט אויף׳ן וועג מעג מען דאַוונען אַ קורצע תפלה. פֿרעגט ער מיך ווידער: מיין קינד, וואָס פֿאַר אַ קול האָסטו געהערט אין דער דאָזיגער חורבה? האָב איך איהם געענטפֿערט: איך האָב געהערט אַ בת קול וואָס וואָרקעט ווי אַ טויב און זאָגט: וועה איז צו די קינדער וואָס צוליעב זייערע זינד האָב איך חרוב געמאַכט מיין הויז און פֿאַרברענט מיין פּאַלאַץ און האָב זיי פֿערטריבען צווישען די אומות. רופֿט ער זיך אָפּ: ווי איך זעה דיר אַ לעבעדיגען, ניט נאָר איצט אַליין זאָגט ער 17) אַזוי, נאָר דריי מאָל יעדען טאָג זאָגט ער דאָס. און ניט נאָר דאַמאָלס אַליין, נאָר יעדעס מאָל ווען אידען קומען אַריין אין די שוהלען און בתי מדרשים און ענטפֿערן „י ה א ש מ י ה ר ב ה מ ב ר ך“ שאָקעלט דער קדוש ברוך הוא מיט׳ן קאָפּ און זאָגט: וואויל איז געווען דעם קעניג וואָס מען האָט איהם אַזוי געלויבט אין זיין הויז! וואָס האָט אַ פֿאָטער וואָס האָט פֿאַר־

פ י ר ו ש.

טרעט איין“ און אין דער משנה זאָגט ער „פֿון דער צייט אָן וואָס די כהנים קומען אַריין‘. 1) פֿון אונזער משנה, ד״ה דער טייל וואו עס האַנדעלט זיך פֿון ווען אָן מעג מען לייענען שמע. 2) ד״ה דאָס וואָס שטעהט אין דער משנה „אַזוי זאָגט ר׳ אליעזר“ בעציהט זיך נאָר אויף ב י ז ו ו ע ן, ד״ה אויף די ווערטער „ביז צו דעם סוף פֿון׳ם ערשטען משמור“ און ניט מעהר, ווי מען קען זעהן פֿון די מיינונגען פֿון די חכמים און רבן גמליאל אין דער משנה, וועלכע בעריהרען אויך ניט מעהר ווי די פֿראַגע פֿון ב י ז ו ו ע ן און ניט פֿון ו ו ע ן אָ ן.

3) דאָס איז פֿון דער משנה, אין דער גמרא קומט צוערשט די משנה אין גאַנצען, נאַבהער ווערען בעזונדער ציטירט, אין דער פֿאָרם פֿון אַ טיטעל, די ערטער וועלכע די גמרא דיסקוטירט אויספֿיהרליך.

4) די נאַכט ווערט געוועהנליך גערעכענט צוועלף שעה און אַ דריטעל איז דערפֿאַר פֿיער שעה. די גמרא מיינט אַז דאָס וואָלט געווען דייטליכער ווי צו געברויכען דאָס וואָרט משמור. 5) ד״ה ער געברויכט בכונה דעם ניט דייטליכען אויסדרוק כדי צו לערנען אונז אגב אַז אין הימעל זיינען אויך דאָ משמורים. 6) ירמיה כ״ה ל׳. 7) דריי מאָל ווערט דאָס וואָרט ב ר ו מ ע ן דאָ דערמאָהנט, און דערפֿון דרשה׳ט רבי אליעזר אַז די נאַכט האָט דריי משמורים. 8) וואָס וועט חרוב ווערען. 9) פֿאַר די משמורים, צו דערקענען זייער צייט. 10) ווייל עס איז שוין נאָהענט צו טאָג און מענשען האָבען־זיך שוין אויפֿגעכאַפּט. 11) ד״ה ווי עס ווערט אָוונט ווייס מען דאָך שוין אַליין אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען דער ערשטער משמור. 12) ד״ה ווי עס הויבט אָן צו טאָגען ווייס מען דאָך שוין אַליין אַז דער לעצטער משמור האָט זיך געענדיגט. 13) וואָס קען מען דערפֿון אַרויסנעהמען עפּעס נייעס. 14) פֿון דער פֿריה.

15) הנביא. 16) די תפלה „הבינגו!“ וואָס ענטהאַלט די צוועלף מיטעלסטע ברכות פֿון שמונה עשרה. 17) דער בת קול.

געווען ווי אַ מענש וואָלט פֿרעגען גאָטס וואָרט". (ד' א')
בניהו בן יהוידע מיינט די סנהדרין 1) און אביתר מיינט די אורים ותומים 2), ווי עס שטעהט געשריבען 3): „און בניהו בן יהוידע איז איבער די כּרתי און פּלתי", און פֿאַרוואָס רופֿט מען זיי 4) „כרתי ופלתי"? כּרתי ווייל זייערע ווערטער זיינען ווי געשניצט 5), פּלתי ווייל זייערע ווערטער זיינען וואונדערבאַר 6); און ערשט נאָכהער (קומט) דעם קעניגס קאָמאַנדיר יואב 7).—רבי יצחק בר אדא, און אַנדערע זאָגען רב יצחק דער זוהן פֿון רב אידי, זאָגט: פֿון וועלכען פּסוק 8)? „ערוואַך, מיין עהרע, ערוואַך, האַרף און פֿידעל, און איך וועל וועקען דעם מאָרגענשטערן" 9).—רבי זירא זאָגט: משה האָט טאַקע געוואוסט און דוד האָט אויך געוואוסט 10); טאָ צו וואָס האָט מען געדאַרפֿט די פֿידעל, וויבאַלד אַז דוד האָט געוואוסט? כּדי אויפֿצומונטערן איהם פֿון שלאָף.—און וויבאַלד אַז משה האָט יאָ געוואוסט, טאָ צו וואָס האָט ער נעדאַרפֿט זאָגען אַרום האַלבע נאַכט"?—משה האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלען פרעה'ס שטערנזעהערס אַ טעות האָבען 11), וועלען זיי זאָגען אַז משה איז אַ ליגנער; וואָרום דער רבי האָט געזאָגט 12): „געוועהן דיין צונג צו זאָגען: איך וויים ניט, וואָרום דו קענסט אַמאָל ניט טרעפֿען, און עס וועט אויסקומען אַז דו ביזט אַ ליגנער."—רב אשי זאָגט: עס איז געווען 13) אום האַלבע נאַכט פֿון דעם דרייצעהנטען 14) אויף'ן פֿערצעהנטען 15), און דאָס האָט משה געמיינט רעדענדיג צו די אידען: דער קדוש ברוך הוא זאָגט: מאָרגען געגנוי אום האַלבע נאַכט ווי היינט 16), וועל איך אַרויסגעהן אין מיטען מצרים.

ווענען דוד'ס 17) „היט מיין נשמה וואָרום איך בין פֿרום" (זיינען דאָ צוויי מיינונגען), לוי און רבי יצחק. איינער זאָגט: אַזוי האָט דוד געזאָגט פֿאַר'ן קדוש ברוך הוא: רבונו של עולם! בין איך דען ניט פֿרום, וואָרום אַלע קעניגע פֿון מזרח און פֿון מערב שלאָפֿען ביז דריי שעה 18), אָבער איך „האַלבע נאַכט שטעה אויף צו דאַנקען דיר" 19); און דער אַנדערער 20): אַזוי האָט דוד געזאָגט פֿאַר'ן קדוש ברוך הוא: רבונו של עולם! בין איך דען ניט פֿרום, וואָרום אַלע קעניגע פֿון מזרח און פֿון מערב זיצען אין זייער פּראַכט אין פֿערזאַמלונגען 21) און ביי מיר זיינען די הענט איינגעריכט אין בלוט 22) און נאָכגעבורטען און היבעלעך 23) כּדי מטהר צו זיין אַ פֿרוי פֿאַר איהר מאַן 24). און ניט נאָר דאָס 25), נאָר אַלין וואָס איך טהו, בעראַט איך זיך מיט מפיבשת מיין רבי און זאָג צו איהם: מפיבשת, מיין רבי! האָב איך ריכטיג געפּסקנט? האָב איך ריכטיג פֿערמשפּט? האָב איך ריכטיג פֿרייגעשפּראָכען? האָב איך ריכטיג מטהר געווען? האָב איך ריכטיג מטמא געווען? און איך שעהם זיך גאָר ניט 26). רבי יהושע דער זוהן פֿון רב אידי זאָגט: וואו איז דער פּסוק? 27) „און איך וועל 'ריידען אין דיינע געזעצען פֿאַר מלכים 28) און וועל זיך ניט שעהמען" 29).—מיר האָבען געלערנט: זיין נאָמען איז אייגענטליך ניט געווען מפיבשת נאָר איש בשת, טאָ פֿאַר וואָס האָט מען איהם גערופֿען מפיבשת? ווייל ער פֿלעגט פֿערשעהמען דוד'ן אין הלכה 30). דערפֿאַר 31)

האָט דוד זוכה געווען און עס איז פֿון איהם אַרויסגעקומען כלאב, און רבי יוחנן האָט געזאָגט 32: זיין נאָמען איז איי-
געגנטליך ניט געווען כלאָב נאָר דניאל 33), טאָ פֿאַרוואָס האָט מען איהם גערופֿען כלאָב? ווייל ער פֿלעגט פֿערשעהמען 34) מפיבשת'ן אין הלכה. און וועגען איהם האָט שלמה געזאָגט אין זיין חכמה 35): „מיין זוהן, אויב דיין האַרץ איז קלוג, וועט זיך אויך מיין האַרץ פֿרעהען", און נאָך אַ פּסוק זאָגט 36): „זיי קלוג, מיין זוהן, און דערפֿרעה מיין האַרץ און איך וועל ענטפֿערן אַ וואָרט צו מיין בעליידיגער" 37).—און דוד האָט זיך דען גערופֿען פֿרום?! עס שטעהט דאָך געשריבען 38): „ווען איך וואָלט ניט געגלויבט צו זעהן די גוטסקייט פֿון גאָט

פּירוש.

1) ווייל ער איז געווען זייער ראש. 2) ווייל ער איז דאַמאָלס גע-
ווען כהן גדול, און וועמענס האַנד עס ליגען די אורים ותומים. 3) שמואל ב' כ' כ"ג. 4) די סנהדרין. 5) קורץ און אינהאַלטסרייך. דאָס וואָרט כּרת אין העברעאיש בעדייט שניידען. 6) פֶּלֶא אין העברעאיש בעדייט וואונדער. 7) ד"ה נאָכדעם ווי מען האָט זיך בעראַטען מיט אחיתופל א.א.וו. האָט יואב, וואָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פֿון חיל, באַקומען דעם בעפֿעהל אויסצופֿיהרען דעם פּלאַן. 8) ווערט גענומען די מעשה מיט דער פֿידעל. 9) תהלים נ"ז ט'. פֿון דעם פּסוק זעהט מען אַז די פֿידעל פֿלעגט איהם אויפֿוועקען, און ער פֿלעגט שוין זיין וואַך פֿריהער פֿאַר'ן מאָרגענשטערן. 10) ווען עס איז גענוי האַלבע נאַכט. 11) און ניט וויסען ווען עס איז גענוי האַלבע נאַכט. 12) דרך ארץ זוטאָ פ"ג. 13) בשעה משה האָט עס געזאָגט. 14) טאָג אין ניסן. 15) ד"ה אין דעם אָוועגט מיט וועלכען עס הויבט זיך אָן דער פֿערצעהנטער טאָג. 16) ד"ה „כחצות הלילה" מיינט ניט אַרום האַלבע נאַכט, נאָר דיזעלבע צייט ווי איצט וואָס איז האַלבע נאַכט.

17) וואָס דוד זאָגט אין תהלים פ"ו ב'. 18) פֿון ווען ס'איז געוואָרען טאָג. 19) תהלים קי"ט ס"ב. 20) רבי יצחק זאָגט. 21) פֿון זייערע אונ-
טערטענער וואָס פֿערזאַמלען זיך כּדי אָנצוטהון זיי כבוד. 22) פֿון נדה. 23) וואָס דאָס קינד ליעגט אין דעם איידער עס ווערט געבוירען. 24) ווייל די פֿרויען קומען צו איהם מיט שאלות נשים און ווילען וויסען צי זיי זיינען ריין אָדער אומריין. 25) ד"ה ניט נאָר צוליעב דעם אַליין פֿערדיען איך גערופֿען צו ווערען פֿרום. 26) חאָטש איך בין דער מלך און ער איז מיין אונטערטאַן. 27) צו בעווייזען אַז ער פֿלעגט זיך בעראַטען מיט מפיבשת. 28) מפיבשת איז געווען אַ זוהן פֿון שאול המלך. 29) תהלים קי"ט מ"ו. 30) אין דינים. מפיבשת פֿלעגט זאָגען דוד'ן אַז ער האָט גע-
מאַכט אַ טעות, ניט אַכטענדיג אויף דעם וואָס ער איז געווען דער קעניג און דאָס איז געווען אַ בזיון פֿאַר איהם.—דער נאָמען מפיבשת ווערט דאָ ווערטליך איבערזעצט און געדייטעט, אַז פֿון זיין מויל—מפּי, איז פֿאַר דוד'ן געווען אָפֿט אַ בזיון, בשת. 31) וואָס ער איז געווען ביי זיך אַזאַ עניו. 32) עס שטעהט דאָ „וְאָמַר" וואָס ווערט אין דער גמרא געוועהנליך בענוצט ביי אַן ערקלעהרונג. 33) אַזוי שטעהט אין דברי הימים א' ג' א'; אָבער אַזוי ווי אין שמואל ב' ג' ג' שטעהט אַז דוד'ס צווייטער זוהן האָט געהייסען כִּלְאָב, מאַכט רבי יוחנן זיין דרש פֿון דיזען ווידער-
שפּרוך. 34) דאָ שטעהט דאָס וואָרט „מַכְלִים" און אין „כלם"—פֿערשעהמען—זיינען די ערשטע צוויי אותיות דיזעלבע ווי אין דעם וואָרט כלאָב. דיזער סאָרט דרש קומט אָפֿט פֿאָר אין די אגדות פֿון דער גמרא. 35) ד"ה אין זיין בוך פֿון חכמה, משלי כ"ג ט"ו. 36) דאָרט כ"ז י"א. 37) ד"ה אַז דו וועסט זיין גרעסער אין לערנען פֿאַר מפיבשת, וועט עס זיין זיך אָב-
געעכענט פֿאַר דעם בזיון וואָס איך פֿלעג האָבען פֿון איהם. 38) תהלים כ"ז י"ג.

אַ משמור און אַ האַלב 1) ווערט שוין אויך אָנגערופען מ ש מ ו ר י ם 2).

ווייטער 3) האָט ר' זריקא געזאָגט אַז ר' אמי האָט געזאָגט און דער ווידער האָט געזאָגט אַז ר' יהושע בן לוי האָט עס געזאָגט 4): „מען זאָל רעדען פאַר אַ מת נאָר דאָס וואָס דער מת אַליין פלעגט רעדען 5).—רבי אבא בר כהנא זאָגט: דאָס איז נאָר געזאָגט געוואָרען וועגען רעדען אין לערנען, אָבער מכח וועלטליכע ענינים מאַכט ניט אויס 6). אַנדערע זאָגען אַז ר' אבא בר כהנא האָט אַזוי געזאָגט: דאָס איז געזאָגט געוואָרען וועגען רעדען אין לערנען און אַ פשיטא שוין וועגען וועלטליכע זאַכען 7).

און דוד פלעגט דען אויפשטעהן אום האַלבע נאַכט, ער פלעגט דאָך אויפשטעהן נאָך אין אָווענט? וואָרום עס שטעהט געשריבען 8) „קִדַּמְתִּי בַנֶּשֶׁף וָאֲשַׁוֵּעָה"—איך שטעה אויף אין אָווענט און שריי 9)—,און פון וואַנען ווייס מען אַז „נשף" מיינט אָווענט? ווייל עס שטעהט געשריבען 10): „ב נ ש ף ב ע ר ב י ו ם ב א י ש ו ן ל י ל ה ו א פ ל ה"—אין אָ ו ו ע נ ט ו ו ע ן ד ע ר ט אָ ג א י ז פ אַ ר ג אַ נ ג ע ן און עס ווערט שטאַרק נאַכט און פינסטער—. רבי אושעיא זאָגט אַז רבי אַחא האָט געזאָגט: ער 11) מיינט דאָס: עס איז קיינמאָל ניט ביי מיר פאָראיבער האַלבע נאַכט אין שלאָפען 12). רבי זירא זאָגט: ביז האַלבע נאַכט פלעגט ער דרעמלען ווי אַ פערד, פון דאַן אָן פלעגט ער זיך שטאַרקען ווי אַ לייב 13). רבי אַשי זאָגט: ביז האַלבע נאַכט פלעגט ער זיך עוסק זיין אין תורה, פון דאַן אָן מיט געזאַנג און לויב 14).—אָבער ווי קען „נשף" „בעדייטען אָ ו ו ע נ ט, עס מיינט דאָך גאָר פ ר י ה-מ אָ ר ג ע ן? וואָרום עס שטעהט געשריבען 15): „וַיַּכֵּם דָּוִד מֵהַנֶּשֶׁף וְעַד הָעֶרֶב לְמָחֳרָתָם"—און דוד האָט זיי געשלאָגען 16) פון נ ש ף ביז'ן אָווענט אויף מאָרגען—מיינט דאָס דאָך אודאי פון פ ר י ה מ אָ ר ג ע ן ביז'ן אָווענט?—ניין, פון אָווענט ביז אָווענט.—אויב אַזוי, האָט דאָך געדאַרפט שטעהן אין פסוק: פון נ ש ף ביז נ ש ף אָדער פון אָווענט ביז אָווענט?—ענדליך האָט רבא געזאָגט: עס זיינען דאָ צוויי נ ש ף, ווען עס רוקט זיך אָפּ 17) די נאַכט און עס קומט דער טאָג און ווען עס רוקט זיך אָפּ דער טאָג און עס קומט די נאַכט.—אָבער ווי זאָל דוד האָבען געוואוסט ווען ס'איז האַלבע נאַכט אַז משה רבינו האָט עס ניט געוואוסט? וואָרום עס שטעהט געשריבען 18): „אַ ר ו ם האַלבע נאַכט וועל איך אַרויסקומען אין מיטען מצרים' 19), טאָ וואָס איז עפּעס „אַ ר ו ם האַלבע נאַכט"? זאָלען מיר זאָגען אַז דער קדוש ברוך הוא האָט איהם געזאָגט „אַ ר ו ם האַלבע נאַכט", ווי קען דען זיין אַ ספק ביי דעם אויבער-שטען 20)? אלא מסתמא האָט ער איהם 21) געזאָגט „א ו ם האַלבע נאַכט", איז ער געקומען און האָט געזאָגט „אַ ר ו ם האַלבע נאַכט", זעהט מען דאָך אַז ער איז געווען אין ספק, און דוד זאָל דאָס יאָ האָבען געוואוסט?—דוד האָט געהאַט אַ סימן; וואָרום רב אחא 22) בר בונא האָט געזאָגט אַז רבי שמעון דער חסיד האָט געזאָגט 23): אַ פידעל איז געהאַנגען איבער דוד'ס בעט און ווען עס פלעגט ווערען האַלבע נאַכט פלעגט קומען אַ צפון-ווינד און בלאָזען אין איהר, פלעגט זי שפּיעלען פון זיך אַליין, פלעגט דוד גלייך אויפשטעהן און זיך עוסק זיין אין תורה ביז דער מאָרגענשטערן געהט אויף. אַז דער מאָרגענשטערן איז אויפגעגאַנגען, פלעגען די חכמי ישראל צו איהם אַריינקומען און זאָגען: אדוננו המלך: דיין פאָלק ישראל דאַרף האָבען פרנסה; פלעגט ער צו זיי זאָגען: געהט ערנעהרט זיך איינער פון אַנדערן. זאָגען זיי: מיט אַ הייפעלע קען מען אַ לייב ניט זעטיגען און אַ גרוב קען מען ניט פאַרפול מאַכען מיט דאָס וואָס איז פון איהר אַרויסגענומען געוואָרען 24). ענטפערט ער: געהט און ציהט אויס אייערע הענט געגען די אַרמעע 25). פלעגען זיי גלייך נעהמען אַן עצה פון אחיתופל 26) און זיך בעראַטען מיט די סנהדרין 27) און פרעגען די אורים ותומים 28). רב יוסף זאָגט: פון וועלכען פסוק 29)? עס שטעהט געשריבען 30): „און נאָך אחיתופל איז בניהו בן יהוידע און אביתר און דעם קעניגס קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע איז יואב", אחיתופל איז דער בעל עצה, ווי עס שטעהט געשריבען 31): „און די עצות פון אחיתופל וואָס ער פלעגט געבען אין יענע צייטען זיינען

פ י ר ו ש.

טערשטיצט און ערקלערט. 1) די זעקס שעה וואָס בלייבען נאָך פון האַלבע נאַכט אָן און וואָס דאָס איז אַ משמור און אַ האַלב נאָך ר' נתן וואָס האַלט אַז די נאַכט האָט נאָר דריי משמורים. 2) דערפאַר זאָגט דוד מיט רעכט מ ש מ ו ר י ם, און עס איז גאָר ניט נויטיג צו פאַרבינדען ר' נתן'ס מיינונג מיט ר' יהושע'ס און נעהמען צוויי שעה פון טאָג.

3) דער מאמר וואָס געהערט אייגענטליך גאָר ניט אַהער ווערט דאָ געבראַכט ווייל ער קומט פון די זעלבע פערזאָנען ווי דער פריהער-דיגער מאמר. עס איז אַזוי דער שטייגער פון דער גמרא צו ברענגען נאָך איין מאמר נאָך אַנדערע מאמרים וואָס די זעלבע פערזאָן האָט געזאָגט. 4) שמחות פרק ג' הלכה ז'. 5) ווייל דאַדורך טהוט מען אָן דעם מת כבוד און מען בעווייזט אַז מען אינטערעסירט זיך מיט דאָס וואָס ער פלעגט זיך אינטערעסירען. 6) אַז מען רעדט ניט פון דאָס וואָס דער מת פלעגט רעדען, ווייל דעריין ליעגט ניט קיין כבוד פאַר איהם. 7) מה דאָך אַז אין לערנען וואָס צוליעב דעם כבוד פון דער תורה און צוליעב דער מצוה פון לערנען וואָלט מען אפשר געקענט מיינען אַז עס מאַכט ניט אויס אַז מען רעדט ניט דעם מת'ס רייד, פונדעסטוועגען זאָגט ר' אבא בר כהנא אַז מען מוז דוקא רעדען זיינע רייד איז דאָך אודאי אַז מען טאָר ניט רעדען קיין פרעמדע רייד אין וועלטליכע ענינים.

8) תהלים קי"ט קמ"ב. 9) צו גאָט. 10) משלי ז' ט'. 11) דוד. 12) ווייל ער פלעגט אויפשטעהן פאַר האַלבע נאַכט. 13) ד"ה גאַנץ מונטער זיין. 14) צו גאָט. 15) שמואל א' ל' י"ז. 16) די פלשתים. 17) „נשף" אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, וואָס די אידען האָבען דאַמאָלס גערעדט, מיינט אַרויסשפּרינגען, זיך אָפּרוקען. 18) שמות י"א ד'. 19) צו שלאָגען זיי מיט דער לעצטער מכה. דאָס זיינען גאָט'ס ווערטער וואָס משה גיט איבער צו די אידען און ער זאָגט ניט „בחצות"—א ו ם האַלב, נאָר „כחצות"—אַ ר ו ם האַלב. 20) ד"ה אַז ער זאָל ניט וויסען גענוי די צייט. 21) משה"ן. 22) עס דאַרף בעסער שטעהן רב חנא. 23) סנהדרין ט"ז א'. 24) ד"ה מיט די ערד וואָס מען גראָבט פון איהר אַרויס. 25) פון שונא וואָס האַלט מיט אייך מלחמה, וועט איהר צונעהמען זיין פראָוויאַנט. 26) מכח די טאַקטיקע פון דער מלחמה. 27) צי זיי מעגען דאָס טהון. 28) צי זיי וועלען מצליח זיין. 29) ווערט דאָס גענומען. 30) דברי הימים א' כ"ז ל"ד. 31) שמואל ב' ט"ז כ"ג.

באַלד עס איז נאָר געווען אין דער פריה איז דאָס 1) ניט קיין ריכטיגע גאולה 2). און אַז מען וויל קען מען זאָגען אויף אַ פסוק," און צוואָר דרשה'נען דאָס ביידע פון דעם גלייכען פסוק; אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: „ווען דו לעגסט זיך און ווען דו שטעהסט אויף", האַלט ר' יוחנן אַז מען דאַרף פאַרגלייכען 3) דאָס לעגען זיך צום אויפשטעהן 4); אַזוי ווי ביים אויפשטעהן איז פריהער קריאת שמע און נאָכדעם שמונה עשרה, אַזוי איז ביים לעגען זיך פריהער קריאת שמע און נאָכדעם שמונה עשרה; און ר' יהושע בן לוי האַלט אַז מען דאַרף פאַרגלייכען דאָס לעגען זיך צום אויפשטעהן, אַזוי ווי ביים אויפשטעהן איז די קריאת שמע נאָהענט פון בעט 5), אַזוי איז אויך ביים לעגען זיך די קריאת שמע נאָהענט צום בעט 6). מר דער זוהן פון רבינא האָט געפרעגט פון דער משנה 7): „אין אָווענט מאַכט ער צוויי ברכות פאַר דעם און צוויי נאָכדעם 8)", היינט אויב דו ווערסט זאָגען אַז מען מוז פאַרבינדען 9), ווי קען מען איבערהויפט פאַרבינדען גאולה מיט שמונה עשרה, מען מוז דאָך זאָגען השכיבנו 10)?—דערויף האָט מען געענטפערט: אַזוי ווי די רבנן האָבען מתקן געווען (צו זאָגען) „השכיבנו," איז דאָס ווי אַ פאַרלענגערטע גאולה 11). ווארום אַז דאָס זאָל ניט זיין אַזוי, ווי וואָלט מען געקענט פאַרבינדען אין שחרית? ר' יוחנן האָט דאָך געזאָגט: פאַר דעם 12) זאָגט מען „ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" 13) און נאָכדעם זאָגט מען „יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי"? אלא איז דאָך דאָרט דער טעם וואָס צוליעב דעם וואָס די רבנן האָבען מתקן געווען צו זאָגען „ה' שפתי תפתח" איז דאָס ווי אַ פאַרלענגערטע שמונה עשרה, אַזוי איז דאָ אויך צוליעב דעם וואָס די רבנן האָבען מתקן געווען צו זאָגען „השכיבנו" איז דאָס ווי אַ פאַרלענגערטע גאולה 14).

רבי אלעזר האָט געזאָגט אַז רבי אבינא האָט עס געזאָגט: ווער עס זאָגט דרייםאָל יעדען טאָג „תְּהִלָּה לְדָוִד 15)" מעג ער זיכער זיין אַז ער וועט האָבען עולם הבא. — פאַר וואָס איז דאָס 16)? זאָל איך זאָגען ווייל עס געהט נאָכ'ן „אלף בית", טאָ זאָל מען בעסער זאָגען „אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ" וואָס געהט נאָך אַכט אַלף בית'ן, זאָל איך אָבער זאָגען ווייל עס איז אין דעריין דאָ „פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ 17)", טאָ זאָל מען דאָך בעסער זאָגען דעם הלל הגדול 18) וואו עס שטעהט „נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר? " — אלא מסתמא איז דאָס ווייל עס האָט ביידע זאַכען 19). — ר' יוחנן זאָגט: פאַר וואָס איז ניטאָ קיין נון אין „אשרי" 20)?—ווייל עס איז אין איהם אָנגעדייטעט די מפלה 21) פון די שונאי ישראל 22), ווי עס שטעהט געשריבען 23): „זי איז געפאַלען און וועט ניט מעהר אויפשטעהן די בתולה ישראל". — אין ארץ ישראל אָבער זעצט מען דעם פסוק אַזוי: זי איז געפאַלען און וועט ניט מעהר 24), שטעה אויף 25), בתולה ישראל!—רב נחמן בר יצחק זאָגט: פונדעסטוועגען 26) האָט דוד דאָס אָנגעדייטעט מיט רוח הקודש און האָט עס אונטערשטיצט 27), ווי עס שטעהט דאָרט געשריבען: „סוֹמֵךְ ה' לְכָל הַנּוֹפְלִים"—גאָט אונטערשטיצט אַלע געפאַלענע 28).

רבי אלעזר בר אבינא זאָגט: עס איז גרעסער דאָס וואָס שטעהט געשריבען ביי מיכאל 29) ווי דאָס וואָס שטעהט געשריבען ביי גבריאל, וואָרום ביי מיכאל שטעהט 30): „און עס איז געפלויגען צו מיר 31) איינער פון די שׂרפים", און ביי גבריאל שטעהט 32): „און דער מאַן גבריאל וואָס איך האָב פריהער געזעהן אין אַ וויזיאָן איז פליהענדיג צוגעפלויגען צו מיר 33) אַרום די צייט ווען מען ברענגט דעם קרבן פון אָווענט". — פון וואַנען אָבער איז דאָס אַרויסצונעהמען אַז דער דאָזיגער איינער איז מיכאל?—ר' יוחנן זאָגט: פון דער אַנאַלאָגיע פון איינער איינער 34); דאָ

פירוש.

וואָס בעשטעהט פון בקשות, ווייל אַז מען וויל בעטען אַ נייע טובה דאַרף מען צוערשט דאַנקען פאַר די פריהערדיגע טובות. 1) די גאולה וואָס איז שוין געווען אין אָווענט. 2) דערפאַר מאַכט ניט אויס אַז מען וועט לייענען קריאת שמע נאָך שמונה עשרה. 3) אין דער גמרא ווערט דאָ בענוצט דער אויסדרוק „הֶקֵּשׁ" וואָס איז איינער פון די לאָגישע כללים וואָס חז"ל האָבען אָנגעווענדעט אין זייערע דרשות און איז געבויט אויף דעם, אַז צוויי געגענשטענדע וואָס שטעהען נעבען אַן אַנאַנדער אין דער תורה און זיינען גלייך צו אַן־אַנדער אין איין פונקט זיינען זיי מסתמא גלייך נאָך אין אַנדערע פונקטען איבער וועלכע מיר זיינען ניט קלאָהר. 4) ד"ה פריהמאָרגען צו אָווענט. 5) ד"ה גלייך נאָכדעם ווי מען שטעהט אויף און ערשט נאַכהער שמונה עשרה. 6) ד"ה בעפאָר מען לעגט זיך און דערפאַר ערשט נאָך שמונה עשרה. 7) ווייטער י"א א'. 8) נאָך קריאת שמע. 9) זאָגען קריאת שמע פאַר שמונה עשרה. 10) ד"ה „השכיבנו" וואָס איז צווישען זיי איז דאָך מפסיק. 11) ווי אַ המשך פון קריאת שמע. 12) שמונה עשרה. 13) איז עס דאָך מפסיק צווישען קריאת שמע און שמונה עשרה. 14) ווייל דער אינהאַלט פון „השכיבנו" דערמאָהנט דעם זעלישען צושטאַנד אין וועלכע אינזערע אבות האָבען זיך געפינען אין מצרים בשעת גאָט איז אַרויס ביי נאַכט צו באַשטראָפען מצרים מיט דער לעצטער מכה וואָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער גאולה.

15) אַשְׁרֵי. 16) ד"ה פאַרוואָס איז דוקא דיזער מזמור אַזוי חשוב. 17) וואָס איז אַ שבח צו גאָט וועלכער שפייזט אַלע זיינע בעשעפעניששען מיט אַ ברייטער האַנד. 18) אַזוי ווערט אָנגערופען מזמור קל"ו: הודו לה' כי טוב. 19) ביידע מעלות, אי אלף בית אי אַ שבח פאַר שפייזען די וועלט, וואָס קיין אַנדער מזמור האָט עס ניט. 20) ד"ה פאַרוואָס פעהלט דאָרט דוקא אַ פסוק וואָס זאָל זיך אָנהויבען מיט אַ נון. 21) ד"ה ווייל אַ נון איז סימבאָליש פאַר דאָס וואָרט „נפל"—פאַלען. 22) ד"ה פאַרקעהרט געמיינט—די אידען, אַזוי ווי דער אויסדרוק „סגי נהור" מיינט „בלינד" 23) עמוס ה' ב'. 24) ווייטער פאַלען. 25) דאָס וואָרט „קום" ווערט דאָ אויפגעפאַסט אַלס בעפעהל און ניט אַלס דער שורש. 26) ד"ה הגם דוד האָט אויסגעלאָזען דעם נון. 27) ווייל אַזוי ווי נון איז סימבאָליש פאַר פאַלען איז סמך, מיט וועלכען דער ווייטערדיגער פסוק הויבט זיך אָן, סימבאָליש און האָט אויך די בעדייטונג „אונטערשטיצען". 28) ד"ה די געפאַלענע אידישע אומה.

29) דעם מלאך מיכאל. 30) ישעיה ו' ו'. 31) ישעיה הנביא דערצעהלט עס. 32) דניאל ט' כ"א. 33) דניאל דערצעהלט עס.—ביי מיכאל איז דאָס וואָרט פליהען איינמאָל דערמאָהנט, ביי גבריאל אָבער צוויי מאָל, בעווייזט עס דאָך אַז מיכאל טהוט זיין שליחות מיט איין פליה בעת אַז גבריאל מוז מפסיק זיין און זיך אָפרוהען. 34) אין דער גמרא שטעהט דאָ דער אויסדרוק „אתיא אחד אחד", דאָס איז אויך איינער פון די כללים פון דער גמרא: אַז אַ וואָרט געפינט זיך אין צוויי עהנליכע ערטער, פון וועלכע אין איינעם איז ניט גאַנץ דייטליך אויף וועמען אָדער אויף וואָס דאָס באַטרעפענדע וואָרט בעציהט זיך און אין דעם אַנדערן אָרט

אין דער וועלט פון לעבען" 1), און עס איז געלערנט נע־ווארען אין נאמען פון רבי יוסי: פארוואס שטעהען פינטעלעך אויף „לולא"2)? ווייל דוד האט געזאגט פאר'ן קדוש ברוך הוא: רבונו של עולם! איך בין איבערצייגט פון דיר אז דו וועסט בעצאהלען א גוטען שכר צו די צדיקים אויף יענער וועלט, אבער איך ווייס ניט צי איך וועל זיך בעטייליגען מיט זיי צי ניין, ווייל א זינד קען גורם זיין 3); אזוי ווי רבי יעקב בר אידי האט געלערנט 4). רבי יעקב בר אידי פרעגט נעמליך: אין איין פסוק שטעהט 5): „און איך 6) וועל זיין מיט דיר און דיך היטען וואו דו וועסט געהן 7)" און אין אנדער פסוק שטעהט 8): „און יעקב האט זעהר מורא געהאט"? ווייל ער האט געטראכט: טאמער קען א זינד גורם זיין 9). אזוי ווערט אויך געלערנט אין א ברייתא 10): (דאס וואס שטעהט 11): „ביז עס וועט אריבער דיין פאלק, גאט, ביז עס וועט אריבער דאס פאלק וואס דו האסט ערווארבען" איז „ביז עס וועט אריבער דיין פאלק, גאט" מיינט דעם ערשטען אריינקום 12), און „ביז עס וועט אריבער דאס פאלק וואס דו האסט ער־ווארבען" מיינט דעם צווייטען אריינקום 13). פון דאנען האבען די חכמים גענומען אז די אידען זיינען געווען ראוי אז עס זאל זיי געשעהן א נס אין עזרא'ס צייטען אזוי ווי עס איז געשעהן אין יהושע בן נון'ס צייטען 14), נאר די זינד האבען גורם געווען 15).

„און די חכמים זאגען: ביז האלבע נאכט".

מיט וועמען האלטען די חכמים 16)? האלטען זיי מיט רבי אליעזר 17), טא זאלען זיי זאגען ווי רבי אליעזר 18)? (ב') אויב זיי האלטען אבער מיט רבן גמליאל 19), טא זאלען זיי זאגען ווי רבן גמליאל 20)?—אין אמת'ן האלטען זיי טאקע מיט רבן גמליאל, אבער דאס וואס זיי זאגען „ביז האלבע נאכט" איז כדי צו דערווייטערן מענשען פון אן עבירה; ווי עס ווערט געלערנט אין א ברייתא: די חכמים האבען געמאכט א סיג 21) צו זייערע רייד כדי א מענש זאל ניט קומען פון פעלד אין אווענט און זאגען: איך וועל צוערשט געהן אהיים און וועל עפעס עסען און עפעס טרינקען און וועל זיך אביסעל צושפארען און דערנאך וועל איך לייענען קריאת שמע און דא־ווענען 22), און דערווייל נעהמט איהם אן א שטארקער שלאף און ער שלאפט אזוי אפ די גאנצע נאכט, נאר אז א מענש קומט פון פעלד אין אווענט זאל ער אריינגעהן אין שוהל, קען ער לערנען תנ"ך זאל ער לערנען תנ"ך, קען ער לערנען משניות זאל ער לערנען משניות, און לייענט קריאת שמע און דאווענט און דערנאך עסט ער זיין מאהלצייט און בענשט; און ווער עס איז עובר אויף די רייד פון די חכמים פארדיענט דעם טויט."—מיט וואס איז דאס אנדערש פון אנדערע ערטער וואו עס שטעהט ניט אז ער 23) „פארדיענט דעם טויט" און דא שטעהט יא אז ער „פארדיענט דעם טויט"?—אז מען וויל קען מען זאגען ווייל דא איז פאראן די צוואנגס-קראפט פון שלאף 24), און אז מען וויל קען מען זאגען כדי צו אפא־נירען דעם וואס זאגט אז מעריב איז א רשות 25), לאזט ער אונז הערען אז עס איז א חוב.

דער רבי האט געזאגט „און ער לייענט קריאת שמע און דאווענט", איז דערפון א בעוויז פאר רבי יוחנן, ווארום ר' יוחנן האט געזאגט 26): „ווער איז זיכער מיט עולם הבא? דער וואס פארבינדט די גאולה 27) מיט דער שמונה עשרה 28) פון מעריב 29)". רבי יהושע בן לוי זאגט: מען האט מתקן געווען אז די שמונה עשרה'ס זאלען זיין אין דערמיט 30)".—אויף וואס שטיצט זיך זייער מחלוקת?—אז מען וויל קען מען זאגען אויף א פסוק, און אז מען וויל קען מען זאגען אויף א סברא. „אז מען וויל קען מען זאגען אויף א סברא," ווייל ר' יוחנן האלט אז די גאולה 31) איז אפילו שוין געוועזן אין אווענט, נאר עס איז נאך ניט געווען קיין ריכטיגע גאולה ביז אין דער פריה 32), און ר' יהושע בן לוי האלט אז ווי

פירוש.

1) וואלט איך פערלארען די האפנונג, דוד זאגט עס. 2) „ווען ניט", דאס איז דאס ערשטע ווארט פון דיזען פסוק, און אויף יעדען אות איז דא א פינטעלע, וואס איז א סימן אז דאס ווארט האט מעהר א נעגאטיווען זין, און דא צב"ש ווייזט עס אז דוד איז געווען מעהר זיכער אויף ניין ווי אויף יא צו זעהן די גוטסקייט פון גאט א.א.וו. 3) אז איך זאל ניט געניסען דערפון. 4) סנהדרין צ"ח ב'. דאס איז א בייד שפיעל וואו דיזעלבע בעפירכטונג קומט פאר. 5) בראשית כ"ח ט"ו. 6) גאט רעדט עס צו יעקב אבינו. 7) האט דאך שוין יעקב ניט געדארפט האבען קיין מורא. 8) בראשית ל"ב ח'. 9) און גאט וועט איהם מעהר ניט בע־היטען. 10) סוטה ל"ו א'.—נאך א ביישפיעל און צוגלייך א בעוויז אז דאס קען טאקע טרעפען. 11) שמות ט"ו ט"ז. 12) פון די אידען אין ארץ ישראל אין יהושע'ס צייטען. 13) אין עזרא'ס צייטען, צוריק פון גלות בבל. 14) ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין ארץ ישראל ביד רמה אלס א פריי פאלק. 15) אז זיי זיינען נאר אריינגעקומען דורך די ערלויב־ניש פון כורש און זיינען געווען א לאנגע צייט אונטערגעווארפען צו איהם און צו די אנדערע פערסישע קעניגע וואס האבען געהערשט נאך איהם.

16) אין דער אויסטייטשונג פון'ם ווארט „בשכבך". 17) אז דאס מיינט ווען מען לעגט זיך שלאפען. 18) ד"ה „ביז צום סוף פון ערשטען משמור", א טערמין וואס איז גענוג שפעט אפילו פאר די וואס געהען שפעט שלאפען. 19) אז דאס מיינט כל זמן מענשען שלא־פען, ד"ה די גאנצע נאכט. 20) ד"ה „ביז עס געהט אויף דער מארגענ־שטערן". 21) א צוים, וואס פערהיט אז מען זאל ניט קומען צו נאהענט צו דאס וואס איז פערבאטען. 22) מעריב. 23) דער וואס איז עובר אויף די רייד פון חכמים. 24) וואס פערשלעפערט איהם געגען זיין ווילען, דערפאר האבען די חכמים געמוזט ארויפווארפען א בעזונדערע מורא כדי ער זאל זיך היטען און לייענען קריאת שמע בעפאר ער שלאפט איין. 25) א זאך וואס שטעהט פריי צו טהון דאס אדער ניט, אין גענגענזאץ צו „חובה"—פליכט.

26) וויטער ט' ב'. 27) אזוי ווערט אנגערופען די דריטע פרשה פון קריאת שמע, ווייל אין לעצטען פסוק ווערט דערמאהנט די ערלייזונג פון מצרים („איך בין אייער גאט וואס איך האב אייך ארויסגעפיהרט פון דעם לאנד מצרים" א.א.וו.). 28) אין דער גמרא שטעהט דער אויסדרוק „תפלה" וואס בעדייט אבער שמונה עשרה. 29) ד"ה צוערשט לייענט מען קריאת שמע און נאכהער זאגט מען שמונה עשרה. 30) צווישעןביידע קריאת שמע'ס, פון אין דער פריה און פון אווענט, קומט עס אויס אז אין דער פריה לייענט מען קריאת שמע פאר שמונה עשרה, אבער אין אווענט איז פארקעהרט. 31) פון מצרים. 32) ד"ה אזוי ווי אין אווענט איז שוין געווען די גאולה, דערפאר זאל מען פריהער לייענען קריאת שמע און דאנקען גאט פאר די גאולה און נאכהער זאגען שמונה עשרה

אינגלעך 1), ווארום עס שטעהט געשריבען 2): „און ער 3) האָט געזאָגט: אויב דו וועסט זיך צוהערען צו דעם קול פֿון דיין גאָט און וועסט טהון וואָס איז רעכט אין זיינע אויגען און וועסט געהאָרכען זיינע מצות און וועסט אָפּהיטען אַלע זיינע געזעצען, איז אַלע די קראַנקהייטען וואָס איך האָב אַרויפֿגעלעגט אויף מִצרים וועל איך ניט אַרויפֿלעגען אויף דיר, ווייל איך, גאָט, בין דיין רופא"! עס מיינט אָבער דאָס, אַז ווער עס קען זיך עוסק זיין אין דער תורה און טהוט עס ניט, שיקט דער קדוש ברוך הוא אויף איהם אָן מ א ו ס ע יסורים וואָס פֿ ע ר ד אַ ר ב ע ן איהם 4), ווי עס שטעהט גע־שריבען 5): „איך פֿאַרשטום אין שווייגען; ווייל איך האָב געשוויגען פֿון ג ו ט ס איז מיין וועהטאָג פֿ אַ ר ד אָ ר ב ע ן" 6): און ג ו ט ס מיינט די תורה, ווארום עס שטעהט געשריבען7): „ווייל איך האָב אייך געגעבען אַ גוטע לעהרע זאָלט איהר מיין תורה ניט פֿערגאַבלעסיגען 8)".

רבי זירא, און לויט אַנ'אַנדער מיינונג רבי חנינא בר פפא, זאָגט 9): [קומט און] קוקט זיך איין ווי די מדות פֿון דעם קדוש ברוך הוא זיינען אַנדערש ווי די מדות פֿון אַ בשר ודם; ביי מענשען פֿיהרט זיך אַז ווען אַ מענש פֿאַרקויפֿט עפּעס אַ זאַך צו זיין חבר, איז דער וואָס פֿאַרקויפֿט איז אומעטיג 10) און דער וואָס קויפֿט איז פֿרעהליך, אָבער ביי דעם קדוש ברוך הוא איז ניט אַזוי, און הגם ער האָט אַוועק־געגעבען 11) די תורה צו די אידען פֿונדעסטוועגען האָט ער זיך געפֿרעהט, ווי עס שטעהט געשריבען: „ווייל איך האָב אייך געגעבען אַ גוטע לעהרע זאָלט איהר מיין תורה ניט פֿאַרלאָזען 12)".

רבא, און לויט אַנ'אַנדער מיינונג רב חסדא, זאָגט: ווען אַ מענש זעהט אַז עס קומען יסורים אויף איהם, זאָל ער אונטערזוכען זיינע מעשים13), ווי עס שטעהט געשריבען14): „לאָמיר אונטערזוכען אונזערע וועגען און אויספֿאָרשען און מיר וועלען זיך צוריקקעהרען צו גאָט"; און אַז ער האָט אונטערזוכט און ער האָט גאָר ניט געפֿונען, זאָל ער דאָס צושרייבען צו בטול תורה 15) ווי עס שטעהט געשריבען 16): „וואויל איז צו דעם מאַן וואָס דו, גאָט, שטראָפֿסט איהם און דו באַלעהרסט איהם פֿון דיין תורה 17)"; און אויב ער האָט צוגעשריבען (דערצו) און ער האָט דאָך גאָר ניט געפֿונען, איז דאָס געוויס יסורים פֿון ליעבשאַפֿט: ווי עס שטעהט געשרי־בען 18): „ווארום וועמען גאָט האָט ליעב, דעם שטראָפֿט ער 19)".

רבא זאָגט אַז רב סחורה האָט געזאָגט און ער ווידער זאָגט אַז רב הונא האָט עס געזאָגט: וועמען דער קדוש ברוך הוא האָט גערן, דעם דריקט ער צו מיט יסורים, ווי עס שטעהט געשריבען 20): „און גאָט האָט געוואָלט צודריקען איהם21) מיט קראַנקהייט". מען וואָלט געקענט מיינען אפילו אַז ער נעהמט ווי 22) ניט אָן פֿאַר ליעב 23), דערפֿאַר קומט „ווען ער גיט זיין נפש פֿאַר אַנ'אָשם" 24) אונז צו לערנען אַז אַזוי ווי אַנ'אָשם מוז זיין באַוואוסטזיניג 25) אַזוי דאַרפֿען די יסורים אויך זיין באַוואוסטזיניג 26). און וואָס איז זיין שכר אַז ער נעהמט זיי פֿאַר ליעב? „ער וועט זעהן קינדער און מאריך ימים זיין27)", און ניט נאָר דאָס אַליין נאָר זיין לערנען וועט זיך ביי איהם האַלטען 28), ווי עס שטעהט געשריבען 29): „און גאָט'ס ווילען וועט אין זיין האַנד געלינגען".—רבי יעקב בר אידי און רב אחא בר חנינא זיינען מחולק; איינער זאָגט: יסורים של אהבה איז דאָס וואו עס איז ניטא קיין בטול תורה30), ווארום עס שטעהט געשריבען: „וואויל איז דעם מאַן וואָס דו, גאָט, שטראָפֿסט איהם און דו באַלעהרסט איהם פֿון דיין תורה 31)", און דער אַנדערער זאָגט: יסורים של אהבה איז דאָס וואו עס איז ניטאָ קיין בטול פֿון תפלה 32), ווארום עס שטעהט געשריבען 33): „געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט ער ניט אַוועקגענומען מיין תפלה און זיין גענאָד פֿון מיר 34)". האָט רבי אבא דער זוהן פֿון רבי חייא בר אבא צו זיי געזאָגט; אַזוי האָט ר' חייא בר אבא געזאָגט

פירוש.

לקיש. 1) וואָס האָבען נאָר וואָס אָנגעהויבען לערנען חומש וואו עס שטעהט דייטליך אַז די תורה בעשיצט פֿון יסורים, דאַרף מען דאָך דערצו ניט האָבען קיין דרשות פֿון ווייטע פסוקים. 2) שמות ט"ו כ"ו. 3) גאָט. 4) דער דרש איז דאָ געבויט אויף אַ וואָרטשפיעל, ווייל „כעור" הייסט אין העברעאיש מ א ו ס און „עכור" פֿערדאָרבען. 5) תהלים ל"ט ג'. 6) דאָס איז אויך אַ דרש, ווייל דער פשט איז דאָרט איינפֿאַך: „איך שווייג פֿון גוטס—ד"ה איך האָב ניט קיין גוטס—און מיין וועהטאָג א.א.וו." 7) משלי ד' ב'. 8) פֿון דיזען פסוק איז אי אַ בעוויז אַז „גוטס" מיינט די תורה אי אַז מען טאָר זי ניט פֿערלאָזען.

9) דער מאמר קומט דאָ, ווייל ער ענטהאַלט אַן אַנדער דרש אויף דעם פסוק מיט וועלכען עס ענדיגט זיך דער פֿריהערדיגער מאמר. 10) הגם ער האָט בעקומען געלד דערפֿאַר, ווייל עס טהוט וועה צו שיידען זיך מיט דאָס וואָס מען האָט. 11) און האָט דאָך גאָר ניט בע־קומען דערפֿאַר. 12) דער בעוויז ליעגט אין דעם וואָס גאָט בעט די אידען אַז זיין תורה זאָל זיך האַלטען ביי זיי.

13) כדי אויסצוגעפֿינען וואָס ער האָט פֿערבראָכען צו פֿערדינען די יסורים און דאָס מתקן צו זיין. 14) איכה ג' מ'. 15) ד"ה אַז ער ווערט בעשטראָפֿט דערפֿאַר וואָס ער האָט זיך ניט גענוג אָפּגעגעבען מיט לער־נען תורה. 16) תהלים צ"ד י"ב. 17) ד"ה דאַדורך וואָס דו בעשטראָפֿסט איהם ברענגסטו איהם דערצו אַז ער זאָל זיך מעהר עוסק בתורה זיין. 18) משלי ג' י"ב. 19) כדי צו פרובען איהם, אָדער—ווי רש"י ער־קלעהרט—כדי צו געבען איהם מעהר שכר אויף יענער וועלט.

20) ישעיה נ"ג י'. 21) די ווערטער „ה' חָפֵץ דַכְּאוֹ" דרשהנ'ט ער „וועמען גאָט האָט גערן דעם דריקט ער צו". 22) די יסורים. 23) אַז דאָס איז אויך יסורים של אהבה און דער שכר דערפֿאַר איז גרויס. 24) וואָס שטעהט אין דעמזעלבען פסוק. 25) אָשָׁם איז אַ קרבן וואָס ווערט גע־בראַכט כדי מכפר צו זיין פֿאַר געוויסע עבירות, און מען קען עס נאָר ברענגען ווען מען ווייס בעשטימט אַז מען האָט די באַטרעפֿענדע עבירה געטהאָן אויף וועלכע מען איז זיך מתודה בשעת דער קרבן ווערט גע־בראַכט. 26) ד"ה אַז דער בעל יסורים ווייס אַז ער האָט זיי ניט פֿער־דיענט און פֿונדעסטעוועגען נעהמט ער זיי אָן פֿאַר ליעב. 27) דאָס איז דער המשך פֿון דעמזעלבען פסוק. 28) און ער וועט עס קיינמאָל ניט פֿערגעסען. 29) דאָס איז דער סוף פֿון דעם פסוק. 30) ד"ה אַז עס איז אפילו ניט מעגליך צוצושרייבען דאָס צו בטול תורה. 31) ד"ה וואָס דו שטראָפֿסט איהם חאָטש ער לערנט דיין תורה. 32) ד"ה וואו מען קען זיי ניט צושרייבען אפילו צו האָבען פֿערנאַבלעסיגט תפלה. 33) תהלים כ"ו כ'. 34) און אין די פסוקים פֿאַר דעם ווערט גערעדט פֿון יסורים, איז

שטעהט געשריבען 1): „און עס איז געפלויגען צו מיר אײ־נער פון די שרפים" און דארט שטעהט 2): „און אט איז מיכאל איינער פון די ערשטע פירשטען געקומען צו העל־פען מיר". — אין א ברייתא ווערט געלערנט: מיכאל פליהט מיט איין (פליה) 3), גבריאל מיט צוויי, אליהו מיט פיער, און דער מלאך המות מיט אכט, אבער בשעת עס איז א מגפה (פליהט ער אויך) מיט איינעם.

ר' יהושע בן לוי זאגט: הגם מען לייענט קריאת שמע אין שוהל 4), איז א מצוה צו לייענען (אויך) פאר'ן בעט 5). רבי יוסי 6) זאגט: וואו איז דער פסוק דערפאר 7)? „זענט איהר צארענדיג, זאלט איהר ניט זינדיגען; זאגט אין אייער הארצען; 8) אויף אייער געלעגער און שווייגט 9), סלה 10)".—און אזוי ווי רב נחמן זאגט (ה' א') אז אויב ער איז א תלמיד חכם איז ער ניט מחויב 11), זאגט אביי אז אפילו א תלמיד חכם דארף זאגען חאטש איין פסוק פון געבעט, למשל: „בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי פָּדִיתָה אוֹתִי ה' אֵל אֱמֶת 12)".

רבי לוי בר חמא זאגט אז רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט 13): א מענש זאל שטענדיג אויפרייצען 14) דעם יצר טוב אויפ'ן יצר הרע, ווי עס שטעהט געשריבען: „רייצט אויף, וועט איהר ניט זינדיגען". האט ער איהם מנצח געווען איז גוט, אז ניט, זאל ער עוסק בתורה זיין, ווי עס שטעהט געשריבען: „זאגט אין אייער הארצען". האט ער איהם דער־מיט מנצח געווען איז גוט, אז ניט, זאל ער לייענען קריאת שמע, ווי עס שטעהט געשריבען: „אויף אייער געלעגער". האט ער איהם דערמיט מנצח געווען איז גוט, אז ניט, זאל ער איהם דערמאהנען דעם טאג פון שטארבען, ווי עס שטעהט געשריבען: „און שווייגט אויף אייביג".

ווייטער האט ר' לוי בר חמא געזאגט אז ר' שמעון בן לקיש האט געזאגט 15): דאס וואס שטעהט געשריבען 16): „און איך וועל דיר געבען 17) די שטיינערנע לוחות און די מצוות וואס איך האב געשריבען צו בעלעהרען זיי", איז די „לוחות" מיינט די עשרת הדברות, „תורה" מיינט חומש, „מצוות" מיינט משניות 18), „וואס איך האב געשריבען" מיינט נביאים וכתובים 19); „צו בעלעהרען זיי" מיינט גמרא 20). דערפון לערנען מיר אז דאס איז אלעס 21) געגעבען געווא־רען צו משה אויפ'ן בארג סיני.

רבי יצחק זאגט: ווער עס לייענט קריאת שמע פאר'ן שלאף איז ווי ער וואלט געהאלטען אין האנד א שווערד וואס איז פון ביידע זייטען שארף 22), ווארום עס שטעהט גע־שריבען 23): „די ערהאבענקייט פון גאט איז אין זייער האלז און א שווערד מיט צוויי שארפען אין זייער האנד".—ווי אזוי איז דאס געדרונגען 24)?—זאגט מר זוטרא, און אנדערע זאגען אז דאס איז געווען רב אשי: פון דעם אנפאנג פון דעם ענין; עס שטעהט געשריבען: „די פרומע וועלען זיך פרעהען אין כבוד, זיי וועלען לויבען 25) אויף זיי־ערע געלעגערס 26)" און גלייך נאכדעם שטעהט: „די ערהאבענקייט פון גאט איז אין זייער האלז און א שווערד מיט צוויי שארפען אין זייער האנד". — ווייטער האט ר' יצחק געזאגט: ווער עס לייענט קריאת שמע פאר'ן שלאף ווייכען די מזיקים פון איהם, ווארום עס שטעהט געשרי־בען 27): „און די קינדער פון רשף הויבען זיך אויף צו פליהען", און „פליהען" מיינט די תורה, ווארום עס שטעהט געשריבען 28): „אז דו וועסט לאזען דיינע אויגען אוועקפליהען דערפון וועט עס ניט זיין" 29), און „רשף" מיינט מזיקים, ווארום עס שטעהט געשריבען 30): „פארשמאכט פון הונגער און פארברענט פון רשף און קטב מרירי" 31).—רבי שמעון בן לקיש זאגט: ווער עס איז זיך עוסק אין דער תורה, ווייכען פון איהם יסורים 32), ווארום עס שטעהט געשריבען: „און די קינדער פון רשף הויבען זיך אויף צו פליהען" און „פליהען" מיינט די תורה, ווארום עס שטעהט געשריבען: „אז דו וועסט לאזען דיין אויג אוועקפליהען דערפון וועט עס ניט זיין", און „רשף" מיינט יסורים, ווארום עס שטעהט געשריבען: „פאר־שמאכט פון הונגער און פארברענט פון יסורים 33)".—האט רבי יוחנן געזאגט צו איהם 34): דאס ווייסען דאך אפילו חדר

פירוש.

איז דאס יא קלאהר, שליסען מיר דערפון אנאלאגיש אז אויך דארט וואו עס איז ניט דייטליך איז דיזעלבע פערזאן אדער זאך געמיינט. 1) אין ישעיה, וואו עס איז ניט דייטליך, 2) דניאל א' י"ג, 3) צו טהון א געוויסע שליחות.

4) אין מעריב, 5) ד"ה פאר'ן שלאף, 6) ריכטיגער „רב אסי", 7) צו בעווייזען אז מען דארף נאך לייענען קריאת שמע פאר שלאפען געהן. 8) ד"ה זאגט קריאת שמע, וואס עס שטעהט אין דעם „על לבבך", 9) ד"ה און שלאפט נאכדעם איין, 10) תהלים ד' ה', 11) נאך אמאל לייענען קריאת שמע, ווייל ער האלט דאך סיי ווי סיי שטענדיג אין לערנען, 12) תהלים ל"א ו'.

13) די גמרא ברענגט דאס דא, ווייל דאס איז אן אנדער דרש אויפ'ן זעלבען פסוק, 14) ער טייטשט דאס ווארט „רִגְזוּ" ניט „זייט איהר צארענדיג" נאר „רייצט אויף".

15) דער מאמר שטעהט דא צוליעב דעם וואס זיין איינלייטונג איז דיזעלבע ווי אין דעם מאמר פאר דעם, 16) שמות כ"ד י"ב, 17) דאס זאגט גאט צו משה, 18) ווייל די משנה ענטהאלט נאר מצוות, 19) ד"ה „וואס איך האב געשריבען" אחוץ די תורה, קען עס דאך ניט אנדערש מיינען ווי נביאים וכתובים, 20) ווייל אין דער גמרא ווערט געגעבען די בעלעהרונג איבער די טעמים פון די מצוות, 21) און ניט נאר חומש אליין.

22) צו בעשיצען זיך פאר מזיקים, 23) תהלים קמ"ט ו', 24) ד"ה פון וואנען איז פון דיזען פסוק געדרונגען אז עס האנדעלט זיך דא מכח קריאת שמע פאר'ן שלאף, 25) גאט, 26) ד"ה די קריאת שמע וואס מען לייענט בעפאר מען געהט צו בעט, 27) איוב ה' ז', 28) משלי כ"ג ה', 29) ד"ה אז דו וועסט זיך ניט שטענדיג בעפאסען דערמיט וועסטו עס פערגעסען, וואס דאס איז תורה, די כונה פון פסוק נאך ר' יצחק איז אז דורך די תורה, אין וועלכער עס געפינט זיך קריאת שמע, בלייבען אוועק די רשף, 30) דברים ל"ב כ"ד, 31) דער פשט פון די ווערטער „רֶשֶׁף" און „קֶטֶב מְרִירִי" איז „היץ" און „ביטערע פארניכטונג", נאר אזוי ווי אין פסחים קי"א ב' איז דא א מיינונג אז „קטב מרירי" איז דער נאמען פון א שד, מיינט ר' יצחק אז „רשף", צוליעב דעם וואס עס שטעהט דערנעבען, מיינט אויך א מזיק, 32) ער מאכט דעמזעלבען דרש אויף יסורים, 33) ד"ה אזוי ווי „קטב מרירי" מיינט א שד, קען שוין ניט „רשף" מיינען דאס גלייכע, מוז דאס דאך מיינען עפעס וואס איז אזוי שלעכט, און דאס איז, נאך זיין מיינונג, יסורים, 34) צו ר' שמעון בן

בפרהסיא 1)—און קינדער זיינען נישט? ווי איז דאָס געמיינט? זאָלען מיר זאָגען אַז ער האָט געהאַט נאָר זיי זיינען געשטאָרבען, ר' יוחנן פלעגט דאָך זאָגען: „דאָס איז אַ ביינדעל פון מיין צעהנטען זוהן"2)? אלא אודאי מיינט דאָס 3) אַז ער האָט גאָר נים געהאַט און יענעס 4) אַז ער האָט געהאַט און זיי זיינען געשטאָרבען.

ר' חייא בר אבא איז אַמאָל קראַנק געוואָרען, איז ר' יוחנן אַרויפגעקומען צו איהם און האָט איהם געפרעגט: זיינען דיר די יסורים ליעב? האָט ער איהם געענטפערט: (איך וויל) ניט זיי און ניט זייער שכר! רופט ער זיך אָן צו איהם: גיב מיר דיין האַנד! האָט ער איהם געגעבען זיין האַנד און (ר' יוחנן) האָט איהם אויפגעהויבען.—ר' יוחנן ווידער איז אַמאָל קראַנק געוואָרען, איז ר' חנינא אַרויפגעקומען צו איהם און האָט איהם געפרעגט: זיינען דיר די יסורים ליעב? האָט ער איהם געענטפערט: (איך וויל) ניט זיי און ניט זייער שכר! רופט ער זיך אָן צו איהם: גיב מיר דיין האַנד! האָט ער איהם געגעבען זיין האַנד און (ר' חנינא) האָט איהם אויפגעהויבען.—פאַרוואָס האָט זיך ר' יוחנן אַליין ניט אויפגעהויבען? — מען זאָגט: אַ געפאַנגענער קען זיך ניט אַליין בעפרייען פון געפענגניש.—ר' אלעזר איז אַמאָל קראַנק געוואָרען, איז ר' יוחנן אַרויפגעקומען צו איהם און אַז ער האָט געזעהן אַז ער וואָהנט אין אַ פינסטער הויז האָט ער אָפגעדעקט זיין אָרעם און עס איז געוואָרען ליכטיג 5). האָט ער באַמערקט אַז ר' אלעזר וויינט און האָט איהם געפרעגט: פאַרוואָס וויינסטו? אויב צוליעב דעם ווייל דו האָסט ניט געלערנט מעהר תורה, האָבען מיר דאָך געלערנט אין אַ משנה 6): „עס איז גאַנץ גלייך צו איינער ברענגט פיעל צו איינער ברעננט וועניג7) אבי ער איז מכון זיין האַרץ צו גאָט"8), אויב צוליעב פרנסה 9), איז דאָך ניט יעדער מענש זוכה צו האָבען צוויי טישען 10), און אויב צוליעב קינדער11), דאָס איז אַ ביינדעל פון מיין צעהנטען זוהן!—האָט ער איהם געענטפערט: וועגען דער שעהנקייט 12) וואָס וועט דאַרפען פוילען אין דער ערד וויין איך.—רופט ער זיך אָפ צו איהם: וועגען דעם מעגסטו טאַקע וויינען; און זיי האָבען ביידע געוויינט. דערווייל האָט ער איהם געפרעגט: זיינען דיר די יסורים ליעב? האָט ער איהם געענטפערט: (איך וויל) ניט זיי און ניט זייער שכר! רופט ער זיך אָן צו איהם: גיב מיר דיין האַנד! האָט ער איהם געגעבען זיין האַנד און (ר' יוחנן) האָט איהם אויפגעהויבען.

ביי רב הונא זיינען פיער הונדערט פעסער וויין זויער געוואָרען, זיינען צו איהם אַריינגעקומען רב יהודה דער ברודער פון ר' סלא חסיד און בי רבנן 13), און לויט אַנ'אַנדער מיינונג רב אדא בר אהבה און די רבנן, און האָבען איהם געזאָגט: זאָל דער רבי אונטערזוכען זיינע מעשים 14). האָט ער זיי געפרעגט: בין איך דען חשוד אין אייערע אויגען? האָבען זיי איהם געענטפערט: קען מען דען דעם קדוש ברוך הוא חושד זיין אַז ער וועט בעשטראָפען אָהן אַ משפט? רופט ער זיך אָפ צו זיי: אויב עס איז אימיצער דאָ וואָס האָט עפעס געהערט 15) נעגען מיך, זאָל ער דאָס אַרויסזאָגען. זאָגען זיי: מיר האָבען געהערט אַז דער רבי האָט זיין אַרענדאַטאָר ניט געגעבען קיין צווייגען 16). ענטפערט ער: ער גנב'עט דאָס דאָך אין גאַנצען אַוועק. זאָגען זיי צו איהם: אַ גלייכווערטעל זאָגט, אַז מען גנב'עט פון אַ גנב אפילו שמעקט עס אויך מיט גנבה. רופט ער זיך אָפ צו זיי: איך נעהם אויף זיך אַז איך וועל עס איהם געבען. איז אַנדערע זאָגען אַז דער עסיג איז צוריק געוואָרען וויין, און אַנדערע זאָגען אַז דער עסיג איז טייערער געוואָרען און איז פאַרקויפט געוואָרען פאַר'ן זעלבען פרייז ווי וויין 17).

אין אַ בריתא ווערט געלערנט: אבא בנימין זאָגט: אויף צוויי זאַכען האָב איך מיין גאַנצען לעבען זעהר אַכטונג געגעבען: אַז מיין תפלה זאָל זיין פאַר מיין בעט און אַז מיין בעט זאָל שטעהן צווישען צפון און דרום.—„אַז מיין תפלה זאָל זיין פאַר מיין בעט"! וואָס בעדייט „פאַר מיין בעט"? זאָל איך זאָגען אַז „פאַר מיין בעט" מיינט ווערטליך, רב יהודה האָט דאָך געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט, און אַנדערע זאָגען אַז ר' יהושע בן לוי האָט עס געזאָגט: פון וואַנען איז געדרונגנען אַז קיין שום זאַך טאָר ניט מפסיק זיין צווישען דעם וואָס דאַווענט און דער וואַנד? ווייל עס שטעהט געשריבען 18): „און חזקיה האָט אומגעדרעהט זיין פנים צו דער וואַנד און האָט מתפלל געווען".— זאָג ניט 19) „פאַר

פירוש.

יוחנן האָט געזאָגט. 1) איז דאָס אַ שאַנדע, און עס קען דערפאַר ניט זיין קיין יסורים של אהבה. 2) ביי ר' יוחנן זיינען געשטאָרבען צעהן זיהן און ער פלעגט שטענדיג טראָגען מיט זיך אַ קליין ביינדעלע פון דעם לעצטען זוהן, מיט וואָס ער פלעגט טרייסטען אַלע ליידענדע און זיי בעווייזען ווי מען דאַרף פאַר ליעב נעהמען די גרעסטע צרות, בעווייזט עס דאָך אַז דאָס איז געווען יסורים של אהבה, און ס'איז דאָך דערפון גופא אַ קשיא אויף דאָס וואָס ער זאָגט אַז עס איז ניט. 3) וואָס ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז עס איז ניט קיין יסורים של אהבה. 4) וואָס ער פלעגט זיך אַרומטראָגען מיט'ן ביינדעל.

5) ר' יוחנן איז געווען אויסערגעוועהנליך שעהן און זיין הויט האָט וואונדערבאַר געלויכטען, ווי די גמרא דערצעהלט אין בבא מציעא פ"ד א'. 6) מנחות ק"י א'. 7) קרבנות. 8) מסתמא איז דאָס גלייכען ביי לערנען תורה. 9) ר' אלעזר איז געווען זעהר אָרעם. 10) ד"ה ביידע וועלטען. 11) ר' אלעזר האָט ניט געהאַט קיין קינדער. 12) פון גוף.—אין דער כתב יד גמרא פון מינכען שטעהט „שופרא דידך" — „דיין שעהנקייט" ד"ה ר' אלעזר האָט געזאָגט אַז ער קלאָגט וועגען דער שעהנקייט פון ר' יוחנן וואָס וועט אַמאָל מוזען פוילען אין דער ערד. דיזער נוסח זעהט זיך אויס ריכטיגער צו זיין צוליעב כמה טעמים.

13) צו טרייסטען איהם וועגען דעם היזק. 14) כדי צו געפינען וואָס פאַר אַן עבירה ער האָט געטהאָן צו פאַרדיענען דיזען עונש. 15) שלעכטעס. 16) די צווייגען וואָס ווערען אַרומגעשניטען כדי די בוימער זאָלען בעסער וואַקסען און ברענגען מעהר פרוכט. דער דין איז אַז דער אַרענדאַטאָר האָט דעם גלייכען טהייל אין די צווייגען ווי דאָס וואָס ער האָט אין וויין.—אָריס איז דער וואָס בעאַרבייט אימיצענס ערד און קריגט דערפאַר אַ געוויסען טייל פון דער הכנסה, לויט אַן אָפמאַך. 17) אַזוי אַז רב הונא האָט יעדענפאַלס קיין היזק ניט געליטען.

18) ישעיה ל"ח ב'. 19) אַז אבא בנימין האָט געזאָגט.

אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: ביידע 1) זיינען יסורים של אהבה, וואָרום עס שטעהט געשריבען: „יועמען גאָט האָט ליעב 2), דעם שטראָפט ער". טאָ וואָס קומט אונז צו לערנען 3) „און דו באַלעהרסט איהם פון דיין תורה?" לייען ניט 4) „דו באַלעהרסט איהם" נאָר „דו באַלעהרסט אונז 5)", ד"ה דאָס 6) לערנען מיר פון דיין תורה דורך אַ קל וחומר 7) פון צאָהן און אויג: מה דאָך אַ צאָהן אָדער אַנ'אויג וואָס זיי זיינען נאָר איינצעלנע גליעדער פון אַ מענשען, קען אַ קנעכט דורך זיי ווערען פריי 8), אַ פשיטא שוין יסורים וואָס צוריבען דעם גאַנצען גוף פון דעם מענשען 9). — און דאָס איז דאָס גלייכע וואָס ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט, [וואָרום ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט]: עס שטעהט „ברית" ביי זאַלץ און עס שטעהט „ברית" ביי יסורים; עס שטעהט ב ר י ת ביי זאַלץ", וואָרום עס שטעהט געשריבען 10): „און דו זאָלסט ניט אויס-לאָזען דאָס זאַלץ פון פערבאַנד 11)", און עס שטעהט ב ר י ת ביי יסורים, וואָרום עס שטעהט געשריבען 12): „דאָס זיינען די ווערטער פון פערבאַנד 13)", איז אַזוי ווי [ברית וואָס שטעהט ביי זאַלץ מיינט אַז] זאַלץ מאַכט געשמאַק דאָס פלייש, אַזוי [איז ברית וואָס שטעהט ביי יסורים] מיינט אַז יסורים רייבען אָפּ אַלע זינד פון אַ מענשען.

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט 14): רבי שמעון בן יוחאי זאָגט: דריי גוטע מתנות האָט דער קדוש ברוך הוא געגעבען די אידען און אַלע דריי האָט ער געגעבען דורך יסורים. דאָס זיינען זיי: די תורה, ארץ ישראל און עולם הבא. פון וואַנען נעהמען מיר דאָס מכח דער תורה? ווייל עס שטעהט געשרי-בען: „וואויל איז דעם מאַן וואָס דו, גאָט, שטראָפסט איהם און דו באַלעהרסט איהם פון דיין תורה". ארץ ישראל? ווייל עס שטעהט געשריבען 15): „וואָרום ווי אַ מענש באַשטראָפט זיין זוהן אַזוי באַשטראָפט דיך דיין גאָט", און נאָכדעם שטעהט: „וואָרום דיין גאָט וועט דיך ברענגען אין אַ גוטע לאַנד 16)". און עולם הבא? ווייל עס שטעהט געשריבען 17): „וואָרום די מצות זיינען ליכט און די תורה איז ליכטיגקייט און דער וועג צום לעבען 18) זיינען בעשטראָפונגען".

אַ תנא האָט געלערנט פאַר ר' יוחנן: יעדערער וואָס גיבט זיך אָפּ מיט תורה און גמילות חסדים, (ב') אָדער וואָס באַגראָבט זיינע קינדער 19), ווערען אַלע זיינע זינד פאַרגעבען.— האָט איהם ר' יוחנן געזאָגט: מילא תורה און גמילות חסדים, ווייל עס שטעהט געשריבען 20): „דורך ח ס ד און א מ ת ווערט פאַרגעבען זינד", ח ס ד מיינט גמילות חסדים, וואָרום עס שטעהט געשריבען 21): „דער וואָס יאָגט זיך נאָך צדקה און חסד 22) וועט געפינען לעבען, גערעכטיגקייט און כבוד", א מ ת מיינט די תורה, וואָרום עס שטעהט געשריבען 23): „אמת זאָלסטו קויפען אָבער ניט פערקויפען", אָבער פון וואַ-נען נעהמסטו מכח דעם וואָס באַגראָבט זיינע קינדער?—האָט איהם אַנ'אַלטער מאַן 24) געענטפערט אין נאָמען פון ר' שמעון בן יוחאי: מיר לערנען אָפּ ז י נ ד פון ז י נ ד, דאָ שטעהט: „דורך חסד און אמת ווערט פאַרגעבען ז י נ ד" און דאָרט שטעהט 25): „און ער באַצאָהלט די זינד פון די עלטערן אין דעם שוים פון זייערע קינדער".

ר' יוחנן זאָגט: צרעת און קינדער 26) זיינען ניט קיין יסורים של אהבה 27).—צרעת נישט? עס ווערט דאָך געלערנט אין אַ ברייתא: דער וואָס האָט איינע פון די פיער קאָלירען פון צרעת 28) איז דאָס נישט אַנדערש ווי אַ מזבח פון כפרה 29)?—אַ מזבח פון כפרה איז דאָס טאַקע, אָבער יסורים של אהבה איז דאָס ניט. און אַז מען וויל קען מען זאָגען: דאָס 30) איז ביי אונז 31) און יענעם 32) איז ביי זיי 33). און אַז מען וויל קען מען ווייטער זאָגען: דאָס 34) איז פאַרבעהאַלטענערהייד 35) און יענעם 36) איז געמיינט

פ י ר ו ש.

דאָס אַ בעוויז אַז די ריכטיגע יסורים של אהבה זיינען וואו עס פאַלט אַוועק אפילו די סבה פון בטול תפלה. 1) ד"ה אין ביידע אופנים. 2) און עס ווערט דאָרט ניט געזאָגט פאַרוואָס. 3) „תלמוד לומר" ווערט בענוצט ווען עס ווערט עפּעס נייעס געלערנט פון אַ פסוק וואָס אין פלוג זעהט ער אויס איבעריג. 4) „אַל תִּקְרֵי"... ווערט בענוצט ווען צוליעב אַ דרש ווערט אַ וואָרט פון תנ"ך אַביסעל געענדערט. 5) עס שטעהט „תְּלַמְּדֶנּוּ" וואָס מיינט „דו באַלעהרסט א י ה ם", מאַכט ער דערפון „תְּלַמְּדֵנוּ"—„דו באַלעהרסט א ו נ ז. 6) אַז דער שכר פאַר יסורים של אהבה איז זעהר גרויס. 7) דאָס איז אייגער פון די כללים מיט וועלכע די חז"ל האָבען זיך בענוצט אין זייערע דרשות און בעדייט „לייכט און האַרב", ווייל עס ווערט אַרגומענטירט פון דער לייכטער זאַך צו דער האַרבער, ווי מען קען עס דאָ אין דער גמרא זעהן. 8) אויב אַ בעל בית שלאָגט זיין קנעכט אַרויס אַ צאָהן אָדער אַן אויג, איז דאָס אַ גרונד דערפאַר אַז דער קנעכט זאָל זיך קענען בעפרייען פון איהם. 9) איז דאָס אודאי אַ גרונד אַז דער וואָס האָט דאָס געליטען זאָל בעקומען גרויסען שכר. 10) ויקרא ב' י"ג. 11) עס האַנדעלט זיך וועגען קרבנות, וואו די תורה זאָגט אַז ביי אַ קרבן טאָר קיינמאָל ניט פעהלען קיין זאַלץ און עס ווערט אָנגערופען „בְּרִית"—אַ פערבאַנד, ווייל דאָס איז געווען אַ סימבאָל וואָס פלעגט בענוצט ווערען אין אַלטע צייטען ווען אַ פערבאַנד איז געמאַכט געוואָרען. 12) דברים כ"ח ס"ט. 13) דאָס שטעהט גלייך נאָך דער תוכחה, וואו די גרעסטע יסורים ווע-רען אויסגערעכענט.

14) מכילתא סוף פ' יתרו און ספרי פיסקא ל"ב אין פ' ואתחנן. 15) דברים ח' ה'. 16) בעוויזט עס דאָך אַז פריהער איז געווען יסורים און דערנאָך איז געווען דאָס אַריינקומען אין ארץ ישראל. 17) משלי ו' כ"ג. 18) ד"ה צום אייביגען לעבען.

19) ד"ה וואָס זיינע קינדער שטאַרבען בשעת ער לעבט נאָך. 20) משלי ט"ז ו'. 21) דאָרט כ"א כ"א. 22) ווייל „צדקה" שטעהט נעבען „חסד" בעוויזט עס אַז „חסד" מיינט גמילות חסדים. 23) משלי כ"ג כ"ג. 24) „הַהוּא סָבָא", אייגענטליך יענער אַלטער", און קומט געוועהנליך פאַר-בונדען מיט ר' שמעון בן יוחאי, און דערפאַר איז דאָ אַ דעה אַז דאָס איז אליהו הנביא. 25) ד"ה אין אַן אַנדער אָרט, אין ירמיה ל"ב י"ח. 26) ד"ה וואָס קינדער פעהלען אָדער האַלטען זיך ניט. 27) ד"ה מען קען זיי ניט בעטראַכטען אַלס יסורים של אהבה. 28) עס זיינען דאָ פיער קאָ-לירען ביי צרעת וואָס ווען איינע פון זיי ערשיינט ווייס מען אַז די פער-זאָן וואָס האָט עס איז טמא. 29) כדי אָפּצוקומען דערמיט פאַר זיינע זינד, קען מען דאָך דערפון זעהן אַז צרעת איז יאָ יסורים של אהבה. 30) די ברייתא. 31) אין בבל וואו די דינים פון טומאה און טהרה זיינען ניט שטרענג, איז דאָס יאָ יסורים של אהבה. 32) וואָס ר' יוחנן האָט געזאָגט. 33) אין ארץ ישראל, וואו די דינים פון טומאה און טהרה זיינען זעהר שטרענג, קען דאָס ניט זיין קיין יסורים של אהבה. 34) די ברייתא. 35) איז קיין שאַנדע ניט, קען דאָס זיין יסורים של אהבה. 36) וואָס ר

פון גאָט". — און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז ווען דריי 1) זיצען צו געריכט איז די שכינה מיט זיי? ווייל עס שטעהט 2: „צווישען ריכטער 3) משפט ער". און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז ווען צוויי זיצען און לערנען תורה איז די שכינה מיט זיי? ווייל עס שטעהט 4): „דאַמאָלס האָבען די גאָטספאָרכטיגע גערעדט איינער צום אַנדערן און גאָט האָט צוגעהערט זיין אויער און האָט געהערט 5) און עס איז פאַרשריבען געוואָרען אין דעם ספר הזכרונות וואָס ליעגט פאַר איהם צו גונסטען פון די גאָטספאָרכטיגע און די וואָס טראַכטען וועגען זיין נאָמען". וואָס מיינט „און די וואָס טראַכטען וועגען זיין נאָמען"? רב אשי זאָגט: אויב אַ מענש טראַכט צו טהון אַ מצוה און עס האָט זיך געמאַכט אַ סבה אַז ער האָט דאָס ניט געקענט טהון, פאַררעכענט איהם די תורה אַזוי ווי ער וואָלט דאָס יאָ געטהון. — און פון וואַנען איז געדרונגען אַז אפילו ווען איינער זיצט און לערנט תורה איז די שכינה מיט איהם? ווייל עס שטעהט 6): „אין יעדען אָרט וואו מיין נאָמען ווערט דערמאָהנט, וועל איך קומען צו דיר און וועל דיך בענשען". —וויבאַלד אָבער אַז אפילו ביי איינעם 7), איז זי דאָך ביי צוויי אודאי 8) דאָ? — ביי צוויי ווערען זייערע ווערטער פאַרשריבען אין דעם ספר הזכרונות, ביי איינעם אָבער ווערען זיינע ווערטער ניט פאַרשריבען אין דעם ספר הזכרונות 9). — וויבאַלד אָבער אַז אפילו ביי צוויי, איז דאָך ביי דריי אודאי? — ווייל מען האָט געקענט מיינען אַז אַ געריכט איז בלויז אַ פרידענס זאַך 10) און (דערפאַר) קומט די שכינה ניט, לאָזט ער אונז הערען אַז אַ געריכט איז אַזוי ווי תורה. — וויבאַלד אָבער אַז אפילו ביי דריי, איז דאָך ביי צעהן אודאי? — ביי צעהן קומט די שכינה פריהער, ביי דריי אָבער אַז זיי זיצען שוין 11).

ר' אבין, דער זוהן פון רב אדא, זאָגט אַז ר' יצחק האָט געזאָגט: פון וואַנען איז געדרונגען, אַז דער קדוש ברוך הוא לעגט תפילין? ווייל עס שטעהט געשריבען 12): „גאָט האָט געשוואָרען ביי זיין רעכטער האַנד און ביי זיין מעכטיגען אָרעם", „ביי זיין רעכטער האַנד" מיינט די תורה, ווי עס שטעהט געשריבען 13): „פון זיין רעכטער האַנד אַ פייערדיג געזעץ 14) פאַר זיי", און „ביי זיין מעכטיגען אָרעם" דאָס מיינט די תפילין, ווי עס שטעהט געשריבען 15): „גאָט וועט געבען מ אַ כ ט צו זיין פאָלק", און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז די תפילין מיינען מאַכט פאַר ישראל? ווייל עס שטעהט געשריבען 16): „און אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלען זעהן, אַז גאָטס נאָמען ווערט גערופען אויף דיר, וועלען זיי פאַר דיר מורא האָבען", און אין אַ בריתא ווערט געלערנט 17): דער גרויסער ר' אליעזר 18) זאָגט: דאָס מיינט די תפילין של ראש 19). — רב נחמן בר יצחק האָט געפרעגט רב חייא בר אבין: וואָס שטעהט געשריבען אין די תפילין פון רבונו של עולם? האָט ער איהם געענטפערט: „און ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל איין פאָלק אין דער וועלט 20)." — באַריהמט זיך דען דער קדוש ברוך הוא מיט די שבחים פון ישראל? — יאָ; וואָרום עס שטעהט געשריבען 21): „דו האָסט היינט גאָט עפענטליך בעקאַנט געמאַכט", „און גאָט האָט דיך היינט עפענטליך בעקאַנט געמאַכט", ד"ה דער קדוש ברוך הוא זאָגט צו די אידען: איהר האָט מיך אויסגעוועהלט פאַר איינעם אין דער וועלט, און איך וועל אייך אויך אויסוועהלען פאַר איינע אין דער וועלט. „איהר האָט מיך אויסגעוועהלט פאַר איינעם אין דער וועלט", וואָרום עס שטעהט געשריבען 22): „הער, ישראל, גאָט אונזער האַר גאָט איז א י י נ ע ר", „און איך וועל אייך אייך אויסוועהלען פאַר איינע אין דער וועלט", וואָרום עס שטעהט געשריבען: „און ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל א י י ן פאָלק אין דער וועלט!" — רב אחא, דער זוהן פון רבא, האָט געפרעגט רב אשי: דאָס איז אין איין בית, וואָס שטעהט אָבער אין די אַנדערע בתים 23)? —האָט ער איהם געענטפערט: „וואָרום ווער איז אַ גרויס פאָלק!" 24), „און ווער איז אַ גרויס פאָלק!" 25), „וואויל איז צו דיר ישראל!" 26), „אָדער האָט גאָט געפרובט" 27), „און מאַכען דיך העכער" 28). — אויב אַזוי, איז דאָך דאָ מעהר בתים 29)? — „וואָרום ווער איז אַ גרויס פאָלק!" און „און ווער איז אַ גרויס פאָלק!", וואָס זיינען עהנליך צו אייננאַנדער, אין איין בית,

פירוש.

אויף אַ פערזאַמלונג פון ניט ווייניגער ווי צעהן. דאָס לערנען מיר פון דער געשיכטע מיט די מרגלים, וואו גאָט זאָגט (במדבר י"ד כ"ז): „ווי לאַנג וועט דיזע שלעכטע געמיינדע אא"וו", און די מרגלים זיינען דאָך געווען צעהן, נאָכדעם ווי עס געהט אַראָפ פון זיי יהושע און כלב וועלכע האָבען ניט געהאַלטען מיט זיי. 1) ריכטער. אַ אידישער געריכט טאָר ניט באַשטעהן פון ווענינער ווי דריי ריכטער. 2) דאָס איז דער סוף פון דעם פריהערדיגען פסוק אין תהלים. 3) עס שטעהט „אלהים" וואָס אויסער דער בעדייטונג פון גאָט האָט עס נאָך מאַנכעס מאָל די בעדייטונג פון ריכטער. 4) מלאכי ג' י"ז. 5) ד"ה ווען זיי רעדען מיט אַן אַנדער און לערנען הערט זיך גאָט צו. 6) שמות כ' כ"א. 7) איז דאָ די שכינה. 8) טאָ וואָס דאַרף מען דערצו אַ בעזונדער פסוק. 9) ווי מען קען דאָס זעהן פון די פסוקים פון וועלכע מיר לערנען אָפּ. 10) ד"ה אַן אינסטיטוציע וואָס האָט נאָר דעם צוועק צו האַלטען שלום און אָרדנונג צווישען מענשען און האָט דערפאַר קיין שום שייכות ניט צו גאָט. 11) צו געריכט; ווייל ביי צעהן שטעהט „גאָט שטעהט" פאַר „אין דער געמיינדע" און ביי דריי שטעהט צוערשט „צווישען ריכטער" און נאָכדעם „משפט ער".

12) ישעיה ס"ב ח'. 13) דברים ל"ג ב'. 14) ד"ה אַז די תורה איז געגעבען געוואָרען מיט דער רעכטער האַנד. 15) תהלים כ"ט י"א. 16) דברים כ"ח י'. 17) ווייטער נ"ז א' און מנחות ל"ה ב'. 18) ר' אליעזר בן הורקנוס. אין עטליכע ערטער אין דער גמרא, געוועהנליך אין אגדתות, ווערט ער אָנגערופען ר' אליעזר הגדול. דער טעם דערפון איז ניט בעקאַנט. מייסטענס אָבער ווערט ער סתם אָנגערופען ר' אליעזר. 19) ווייל זיי זיינען אָפען און אויף זיי איז דאָ דער שין פון שַדַי. 20) דברי הימים א' י"ז כ"א. 21) דברים כ"ו י"ז און י"ח. 22) דברים ו' ד'. 23) אין די תפילין של ראש זיינען דאָ פיער בתים, אָפּטיילונגען, אין וועלכע עס ליעגען די פיער פרשות באַזונדער, אין של יד אָבער איז נאָר דאָ איין בית און די פיער פרשות זיינען געשריבען צוזאַמען. 24) דברים ד' ז'. 25) דאָרט ד' ח'. 26) דאָרט ל"ג כ"ט. 27) דאָרט ד' ל"ד. 28) דאָרט כ"ו י"ט. 29) וואָרום איצט רעכענט ער אויס פינף און פריהער איינס, איז זעקס, און בתים זיינען נאָר מעהר ווי פיער.

מיין בעט" נאָר „גֶעבּעֶן מיין בעט 1)". — „און אַז מיין בעט זאָל שטעהן צווישען צפון און דרום" 2)? — וואָרום רבי חמא דער זוהן פון ר' חנינא האָט געזאָגט אַז ר' יצחק האָט געזאָגט: ווער עס שטעלט זיין בעט צווישען צפון און דרום וועט ער האָבען קינדער זכרים, וואָרום עס שטעהט געשריבען 3): „און מיט דאָס וואָס דו האָסט פאַרבעהאַלטען 4) וועסטו פול מאַכען זייער בויך און זיי וועלען זאַט זיין מיט קינדער 5)." — רב נחמן בר יצחק זאָגט: אויסערדעם וועט זיין פרוי קיינמאָל ניט מפיל זיין, ווייל דאָ שטעהט „און מיט דאָס וואָס דו האָסט פאַרבעהאַלטען 6) וועסטו פול מאַכען זייער בויך" 7) און דאָרט שטעהט 8): „און ווען איהרע טעג זיינען פול געוואָרען צו האָבען אַ קינד איז גע-ווען אַ צווילינג אין איהר בויך" 9).

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: אבא בנימין זאָגט: אַז צוויי מענשען קומען אַריין דאַווענען 10), און איינער האַפּט אָפּ דאַווענט אָפּ פריהער און וואַרט ניט אויף זיין חבר און געהט אַרויס, ווערט איהם זיין תפלה אין זיין פנים צו-ריסען 11), וואָרום עס שטעהט געשריבען 12): „ער צרייסט זיין נפש 13) אין זיין כעס; זאָל צוליעב דיר דאָס לאַנד פאַר-לאָזען ווערען?" און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר ער איז נאָך גורם אַז די שכינה זאָל זיך אָפּטהון פון אידען, וואָרום עס שטעהט געשריבען 14): „און דער פעלזען זאָל זיך אָפּרוקען פון זיין פּלאַץ", און דער פעלזען איז קיין אַנדערער ווי דער קדוש ברוך הוא, וואָרום עס שטעהט געשריבען 15): „דעם פעלזען וואָס האָט דיך געבוירען 16) האָסטו פאַרגעסען". — און וואָס איז זיין שכר, אויב ער וואַרט אויף איהם? (ו' א') ר' יוסי דער זוהן פון ר' חנינא זאָגט: ער איז זוכה צו די ברכות וואָס שטעהען געשריבען 17): „אַז דו וואָלסט זיך צוגעהערט 18) צו מיינע מצות, וואָלט געווען דיין פרידען ווי אַ טייך און דיין גערעכטיגקייט ווי די חוואַליעס פון ים, און דיינע קינדער וואָלטען געווען ווי זאַמד א.א.וו."

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: אבא בנימין זאָגט: אַז דאָס אויג וואָלט געווען ערלויבט צו זעהן 19), וואָלט קיין בע-שעפעניש ניט געקענט אויסהאַלטען פון די ניט גוטע. אביי זאָגט: זיי זיינען מעהר פאַר אונז און זיי שטעהען אַרום אונז ווי די בערגלעך אַרום די גריבלעך 20). רב הונא זאָגט: יע-דערער פון אונז האָט טויזענד אויף זיין לינקער זייט און צעהן-טויזענד אויף זיין רעכטער זייט 21). רבא זאָגט: דאָס שטופּען זיך ביי דרשות קומט פון זיי; דאָס וואָס די קניע ווערען מאַט איז פון זיי; דאָס וואָס די קליידער פון די רבנן ווערען (שנעל) אָפּגעטראָגען איז ווייל זיי רייבען זיך אָן זיי, דאָס וואָס די פיס ברעכען זיך איז פון זיי. אויב אימיצער וויל זיי קענען לערנען, זאָל ער נעהמען דינע אַש און שיטען אַרום בעט, וועט ער באַמערקען אין דער פריה ווי טריט פון אַ האָהן; אויב אימיצער וויל זיי זעהן, זאָל ער נעהמען די נאָכגעבורט פון אַ שוואַרצער קאַץ וואָס איז אַן ערשטלינג און איז די טאָכטער פון אַ שוואַרצער קאַץ וואָס איז אויך געווען אַן ערשטלינג און זאָל דאָס פאַרברענען אין אַ פייער און צערייבען דאָס און אַריינטהון אַביסעל אין אויג, וועט ער זיי זעהן. מען מוז דאָס אָבער אַריינטהון אין אַן אייזער-נעם רעהר און פאַרמאַכען דאָס מיט אַן אייזערנער חתימה כדי זיי זאָלען דאָס ניט אַרויס'גנב'ענען, און מען מוז פאַר-מאַכען די עפענונג כדי מען זאָל ניט ניזק ווערען. רב ביבי דער זוהן פון אביי האָט דאָס געטהון און האָט געזעהן און איז ניזק געוואָרען, האָבען די רבנן געבעטען רחמים אויף איהם און ער איז געזונד געוואָרען.

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: אבא בנימין זאָגט: די תפלה פון אַ מענשען ווערט נאָר געהערט אין שוהל, וואָרום עס שטעהט געשריבען 22): „צו הערען דעם געזאַנג און די תפלה", (מיינט עס אַז) דאָרט וואו עס איז דאָ געזאַנג, דאָרט זאָל זיין די תפלה 23).

רבין 24), דער זוהן פון רב אדא, זאָגט אַז ר' יצחק האָט געזאָגט: פון וואַנען איז געדרונגען אַז דער קדוש ברוך הוא געפינט זיך אין שוהל? ווייל עס שטעהט געשריבען 25): „גאָט שטעהט אין דער געמיינדע פון גאָט" 26). און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז ווען צעהן דאַווענען איז די שכינה מיט זיי 27)? ווייל עס שטעהט: „גאָט שטעהט אין דער געמיינדע 28)

פירוש.

1) ד"ה אַז דאָס דאַווענען זאָל זיין גלייך ווי מען שטעהט אויף פון שלאָף. 2) פון וואַנען נעהמט מען דאָס? 3) תהלים י"ז י"ד. 4) אין פסוק שטעהט דאָס וואָרט „וּצְפוּנְךָ", טייטשט ער עס „צָפוֹן" אַזוי ווי עס וואָלט געשטאַנען, וּצְפוֹנְךָ און דרשה'ט: ווען דו וועסט שלאָפען אין צפון זייט. 5) „בָּנִים" בעדייט אי קינדער סתם אי זיהן. 6) ער דרשה'ט אויך „וצפונך" ווי ר' חמא און לעגט נאָך צו אַ נייעם דרש. 7) ד"ה זיי וועלען אויס-טראָגען די פולע צייט. 8) בראשית כ"ה כ"ד. 9) איז אַזוי ווי ביי רבקה מיינט פול אַז זי האָט אויסגעטראָגען די פולע צייט, אַזוי מיינט עס אויך דאָ.

10) אין אַ שוהל אין אָווענט. די שוהלען זיינען אין יענער צייט מייסטענס געווען אויף'ן פעלד, אויסערן שטאָדט. 11) ד"ה זי ווערט ניט אָנגענומען. 12) איוב י"ח ד'. 13) נפש מיינט תפלה, ווי מען קען זעהן פון שמואל א' א' ט"ו, וואו חנה זאָגט: „ואשפך את נפשי לפני ה'." דאָס איז אויך אַן אָנצוהערעניש אויף דעם וואָס ער שטעלט דאָס לעבען פון זיין חבר אין סכנה לאָזענדיג איהם אַליין ביינאַכט אויף'ן פעלד. דאָס איז נאַטירליך נאָר אַ דרש, און דער פשט פון פסוק איז גאַנץ אַנדערש. 14) דאָס איז דער המשך פון פסוק. 15) דברים ל"ב י"ח. 16) ד"ה גאָט, דאָס רעדט משה רבינו צו די אידען. 17) ישעיה מ"ח י"ח וי"ט. 18) וואַרטענדיג; דאָס וואָרט „הקשב" מיינט אויך וואַרטען.

19) דאָס וואָס איז פאַרבאָרגען פון'ם מענשליכען אויג. 20) וואָס מען גראָבט אַרום בוימער כדי צו פאַרהאַלטען דאָס וואַסער. 21) ווייל עס שטעהט אין תהלים צ"א ז': „יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ".

22) מלכים א' ח' כ"ח. 23) ווי אין בית המקדש וואו די תפלות זיינען געווען פאַרבונדען מיט'ן געזאַנג פון די לְוִיִּם.

24) דער מאמר שטעהט דאָ צוליעב זיין שייכות מיט דעם פריהערדי-גען, דעם לעצטען פון אבא בנימין'ס מאמרים, און נאָכהער קומען שוין, ווי געוועהנליך, אַנדערע מאמרים פון דעמזעלבען מאַן דאמר. — רבין איז אַ קאָנטראַקציע פון רבי אבין, ווי עס שטעהט ריכטיג ביי דעם ווייטערדיגען מאמר. 25) תהלים פ"ב א'. 26) ד"ה ער איז שטענדיג דאָ אין דעם הויז וואו זיין געמיינדע פערזאַמעלט זיך. 27) ד"ה אפילו ווען דאָס איז ניט אין שוהל. 28) דאָס וואָרט עֵדָה — געמיינדע — לעגט זיך

דאַוונען הינטער'ן שוהל און פלעגט זיך ניט אומדרעהען מיט'ן פנים צו דער שוהל, איז אַמאָל אליהו (הנביא) פאַרבייגעגאַנגען און האָט איהם באַמערקט, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר איהם פאַר אַ בעדואינער און האָט איהם געזאָגט: עפעס שטעהסטו פאַר דיין גאָט ווי דו וואָלסט געהאַט צוויי האַרען 1)! און האָט אַרויסגעצויגען זיין שווערד און האָט איהם געהרגעט.

איינער פון די רבנן האָט געזאָגט צו רב ביבי דעם זוהן פון אביי, און אַנדערע זאָגען אַז רב ביבי (האָט עס געזאָגט) צו רב נחמן בר יצחק: וואָס מיינט „כְּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם"2)? האָט ער איהם געזאָגט: דאָס מיינט אַז (גראַדע) די זאַכען וואָס (דאַרפען) שטעהן הויך אין דער וועלט האַלטען די מענשען פאַר וואָלוועל.—ר' יוחנן און ר' אלעזר זאָגען ביידע: אַז אַ מענש דאַרף אָנקומען צו לייטען ווערט זיין פנים פאַרענדערט ווי אַ כ ר ו ם, וואָרום עס שטעהט געשריבען: „כרום זלות לבני אדם"3). וואָס איז כ ר ו ם? אַז רב דימי איז געקומען האָט ער געזאָגט: עס איז דאָ אַ פויגעל אין די ווייטע מדינות וואָס הייסט כ ר ו ם, און אַז די זון שיינט באַקומט ער אַלע קאָלירען 4).—ר' אמי און ר' אסי זאָגען ביידע: עס איז איהם 5) ווי מען וואָלט איהם געמשפט מיט צוויי שטראָפען, מיט פייער און מיט וואַסער, וואָרום עס שטעהט געשריבען 6): „דו האָסט געמאַכט אַ מענש רייטען אויף אונזער קאָפּ, מיר זיינען אַריין אין פייער און וואַסער"7).

ווייטער האָט ר' חלבו געזאָגט אַז רב הונא האָט געזאָגט: אַ מענש זאָל שטענדיג אַכטונג געבען מנחה 8), ווארים אליהו איז נאָר געענטפערט געוואָרען דורך די תפלה פון מנחה, ווי עס שטעהט געשריבען 9): „און אַז ער האָט מקריב געווען די מנחה איז אליהו הנביא צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט: אָ גאָט, דער גאָט פון אברהם יצחק און ישראל אא"וו, ענטפער מיר, גאָט, ענטפער מיר!" „ענטפער מיר" אַז אַ פייער זאָל אַראָפּ פון הימעל און „ענטפער מיר" 10) אַז מען זאָל ניט זאָגען אַז דאָס איז געמאַכט מיט כשוף.—ר' יוחנן זאָגט: אויך מעריב 11), וואָרים עס שטעהט געשריבען 12): „מיין תפלה זאָל ווערען אויפגעריכט פאַר דיר ווי קטורת, דאָס אויפהעבען פון מיינע הענט ווי די מנחה פון אָ ווע נ ט" 13).— רב נחמן בר יצחק זאָגט: אויך שחרית, וואָרום עס שטעהט געשריבען 14): „אָ גאָט, אין דער פריה פאַרנעהם מיין קול, אין דער פריה ריכט איך אויף צו דיר און איך האָף".

ווייטער האָט ר' חלבו געזאָגט אַז רב הונא האָט געזאָגט: ווער עס געניסט פון אַ חתונה מאָלצייט און איז ניט משמח דעם חתן איז ער עובר אויף פינף קולות 15), וואָרים עס שטעהט געשריבען 16): „דער קול פון פרייד און דער קול פון שמחה, דער קול פון אַ חתן און דער קול פון אַ כלה, דער קול פון די וואָס רופען אויס: לויבט ה' צבאות!"17). און אַז ער איז איהם יא משמח, וואָס איז זיין שכר? האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט: ער איז זוכה צו דער תורה, וואָס איז געגעבען געוואָרען מיט פינף קולות, ווי עס שטעהט געשריבען 18): „און אַז עס איז געקומען דער דריטער טאָג... ווען עס איז געוואָרען פריהמאָרגען, זיינען געווען קולות און בליצען און אַ געדיכטער וואָלקען אויפ'ן באַרג און זעה... אַ שטאַרקער קול פון שופר אא"וו און דער קול פון שופר... איז געוואָרען אַלטמאָל שטאַרקער און שטאַרקער, משה רעדט... און גאָט ענטפערט איהם אויפ'ן קול" 19).—עס קען דאָך ניט... זיין 20), וואָרים עס שטעהט דאָך געשריבען 21): „און דאָס... גאַנצע פאָלק האָט געזעהן די קולות" 22)? יענע קולות... זיינען די וואָס זיינען געווען פאַר מתן תורה 23). ר' אבה... זאָגט: עס איז ווי ער וואָלט מקריב געווען אַ קרבן תודה..., וואָרים עס שטעהט געשריבען 24): „ווי ברענגען אַ תודה... אין דאָס הויז פון גאָט". רב נחמן בר יצחק זאָגט: עס איז... ווי ער וואָלט אויפגעבויט איינע פון די חורבות פון...

פירוש.

עולם און ער איז ניט קיין פורש מן הצבור, הגם, נאָך דיזער אויסטי... משנה פון רב הונא'ס מיינונג, קען אַמאָל אויסקומען אַז ער שטעה... מיט'ן פנים אין אַן אַנדער ריכטונג ווי דער עולם, אין די שוהלען אי... בבל איז דער אַריינגאַנג געווען אין מזרח און דער עולם האָט געדאַווענ... מיט'ן פנים צו מערב, וויל ירושלים ליגט אין מערב זייט פון בבל...

1) ד"ה דאַדורך וואָס דו דאַוונסט נעבען דער שוהל בעווייזטו אַז ד... דאַווענסט צו גאָט, אָבער דאַדורך וואָס דו שטעהסט ניט מיט'ן פנים צ... איהר בעווייזטו אַז צו גלייבסט ניט דאַווענסט צו אימיצן אַנדערש איך...

2) „ווען דאָס וואָס איז וואַרטפול ווערט ביי מענשען דערהויבען..." אָבער די גמרא דרשנט פאַרקעהרט: ווען דאָס וואָס איז ערהאַבען ווער... ביי מענשען וואַלוועל. דאָס איז דער סוף פון'ם פסוק און דעם פריהער... דיגען מאמר אין דערפאַר שטעהט דאָ דיזער דרש און די אַנדערע וואָ... בעציהען זיך אויף דעם גאַנצען פסוק. 3) ווי טייטשען דעם פסוק אויי... מען ווערט ווי אַ כרום אין וואָלוועל (ווען מען דאַרף אָנקומען) צו מענ... שען. 4) ... ווערט איך דער וואָס דאַרף אָנקומען צו לייטען. 5) דעם וואָס דאַרף אָנקומען צו לייטען. 6) תהלים ס"ו י"ב, 7) ד"ה אַז ווען אי... מענש רייט אויף אַנדערע איז דעם וואָס מען רייט אויף איהם ווי ע... וואָלט אַריין אין פייער און וואַסער.

8) ד"ה קיינמאָל ניט אויסלאָזען די תפלה און אויך אָפּהיטען איהר... ריכטיגע צייט, און דער צייט פון בית המקדש פלעגט מען יעדען טאָג מקריב זיין אַ קרבן מנחה אונגעפעהר צוויי און אַ האַלב שעה פאַר זיך... אונטערגאַנג. אָבער נאָך דעם חורבן האָט מען איינגעפיהרט אַנשטאָט פון קרבן אַ תפלה וואָס האָט דעם זעלבען נאָמען און די זעלבע צייט. 9) מלכים א' י"ח ל"ו ול"ז. 10) דאָס ערקלעהרט פאַרוואָס ער האָט צוויי מאָל געבעטען ענטפער מיר. 11) זאָל מען אָפּהיטען. 12) תהלים קמ"א ב', 13) דער פשט איז תפלה כתב. אבער אַזוי ווי אַנשטאָט קרבן שטעהט מ נ ח ה און נעבען דעם שטעהט א ו ו ע נ ט דרשנט ער אַז מעריב איז אויך אַזוי וויכטיג, און אַז מען דאַרף דאָס אָפּהיטען בעווייזט דער אָנהייב פון פסוק, וואו די תפלה ווערט פאַרגליכען צו קטורת וועלכע איז זעהר שטרענג אָפּגעהיט געוואָרען. 14) תהלים ה' ד'.

15) וואָס ווערט דערמאָהנט ביי התונה, 16) ירמיה ל"ג י"א, 17) פון דעם פסוק איז אויך דייטליך, אַז ווען מען איז משמח חתן כלה איז דאָס אַזוי גוט ווי לויבען גאָט. 18) שמות י"ט ט"ז וי"ט, ביי מתן תורה, 19) דאָ שטעהט דריי מאָל קול און איינמאָל קולות וואָס מיינט מינימום צוויי, איז דאָס פינף. 20) אַז די תורה איז געגעבען געוואָרען נאָר מיט פינף קולות, 21) שמות כ' ט"ו, 22) זעהט מען דאָך אַז עס שטעהט ביי מתן תורה מעהר ווי פינף קולות, 23) אָבער ביי מתן תורה גופא איז ניט מעהר געווען ווי פינף. 24) דאָס איז דער המשך פון דעם אויבענדער...

„וואויל איז צו דיר ישראל!" און „און ווער איז ווי דיין פֿאָלק ישראל!" אין איין בית, „אָדער האָט גאָט געפּרובט" אין איין בית, „און מאַכען דיך העכער" אין איין בית; (ב׳) און די אַלע זיינען (אויך) געשריבען אין של יד.

רבין, דער זוהן פֿון רב אדא, האָט געזאָגט אַז ר׳ יצחק האָט געזאָגט: ווער עס איז געוועהנט צו קומען אין שוהל אַריין און איז איין טאָג ניט געקומען, פֿרעגט זיך דער קדוש ברוך הוא נאָך איהם נאָך, ווי עס שטעהט געשריבען 1): „ווער איז צווישען אייך גאָטספֿאָרכטיג און הערט דעם קול פֿון זיין קנעכט 2), וואָס איז אַוועק אין דער פֿינסטער און עס איז ניטאָ קיין ליכט פֿאַר איהם"? אויב ער איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ מצוה זאַך, וועט זיין א ליכט פֿאַר איהם: אויב ער איז אָבער אַוועק אין אַ פּריוואַט אַנגעלעגענהייט איז ניטאָ קיין ליכט פֿאַר איהם. „ער זאָל זיך פֿאַרלאָזען אויפֿ'ן נאָמען פֿון גאָט" 3). פֿאַרוואָס 4)? ווייל ער האָט געזאָלט זיך פֿאַרלאָזען אויף דעם נאָמען פֿון גאָט 5) און ער האָט זיך ניט פֿאַרלאָזען.

ר׳ יוחנן זאָגט: אַז דער קדוש ברוך הוא קומט אַריין אין אַ שוהל און געפֿינט דאָרט ניט קיין מנין ווערט ער גלייך אין כעס, ווי עס שטעהט געשריבען 6): „פֿאַרוואָס בין איך געקומען און עס איז ניטאָ קיין מענש, איך האָב גערופֿען און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל ענטפֿערן?" 7).

ר׳ חלבו זאָגט אַז רב הונא האָט געזאָגט: ווער עס בעשטימט אַ שטענדיגען אָרט צו דאַווענען, וועט דער גאָט פֿון אברהם 8) איהם העלפֿען; און אַז ער שטאַרבט קלאָגט מען נאָך איהם: אוי ס'אַראַ עניו, ס'אַראַ חסיד, פֿון אברהם אבינו'ס תלמידים! — און פֿון וואַנען איז גענומען אַז אברהם האָט געהאַט אַ שטענדיגען אָרט? ווייל עס שטעהט געשריבען 9): „און אברהם האָט זיך געפֿעדערט צו דעם אָרט וואו ער איז (שוין) דאָרט געשטאַנען" 10), און שטעהן מיינט דאַווענען, ווי עס שטעהט געשריבען 11): „און פנחס האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט מתפלל געווען" 12).

ר׳ חלבו זאָגט אַז רב הונא האָט געזאָגט: אַז מען געהט אַרויס פֿון שוהל זאָל מען ניט מאַכען קיין גרויסע שפּרייזען 13). אביי זאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט בייַם אַרויסגעהן, אָבער בייַם אַריינגעהן איז אַ מצוה צו לויפֿען, וואָרום עס שטעהט געשריבען 14): „לאָמיר זיך יאָגען צו קענען גאָט". — ר׳ זירא זאָגט: פֿריהער אַז איך פֿלעג זעהן די רבנן אַז זיי לויפֿען אום שבת צום שעור האָב איך געטראַכט אַז די רבנן זיינען מחלל שבת 15), נאָכדעם אָבער ווי איך האָב געהערט דאָס וואָס ר׳ תנחום האָט געזאָגט אַז ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: „אַ מענש זאָל תמיד לויפֿען צו אַ מצוה אפילו אום שבת, וואָרום עס שטעהט געשריבען 16): ׳זיי וועלען געהן נאָך גאָט וואָס ברומט ווי אַ לייב, און ווען ער ברומט וועלען די קינדער קומען צו לויפֿען פֿון מערב׳ 17), לויף איך אויך.

ר׳ זירא זאָגט 18): דער שכר פֿאַר'ן שעור איז פֿאַר'ן לויפֿען; אביי זאָגט: דער שכר פֿאַר דער דרשה איז פֿאַר דעם ענגעניש 19); רבא זאָגט: דער שכר פֿאַר דער הלכה איז די סברא 20); רב פפא זאָגט: דער שכר פֿאַר נחום אבלים איז פֿאַר'ן שווייגען 21); מר זוטרא זאָגט: דער שכר פֿאַר אַ תענית איז פֿאַר דער צדקה 22); רב ששת זאָגט: דער שכר פֿאַר אַ הספד איז פֿאַר'ן וויינען אויפֿ'ן קול; רב אשי זאָגט: דער שכר פֿאַר אַ חתונה איז פֿאַר די ווערטער 23).

רב הונא 24) זאָגט: דער וואָס דאַווענט הינטער אַ שוהל הייסט אַ רשע 25), ווייל עס שטעהט געשריבען 26): „די רשעים געהען אַרום און אַרום" 27). אביי זאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט, אַז ער שטעהט ניט מיט'ן פנים צו דער שוהל; וויבאַלד אָבער ער שטעהט מיט'ן פנים צו דער שוהל מאַכט ניט אויס 28). — עס איז אַמאָל געווען אַ מענש וואָס פֿלעגט

פּירוש.

1) ישעיה נ׳ י׳. 2) ד"ה ער פֿאָלגט די רייד פֿון די נביאים. 3) דאָס איז דער סוף פֿון'ם פסוק. 4) איז ניטאָ קיין ליכט פֿאַר איהם. 5) אַז ער וועט איהם געבען זיינע בעדערפֿנישען חאָטשע ער פֿאַרבריינגט אַ טייל פֿון זיין צייט אין שוהל.

6) ישעיה נ׳ ב׳. 7) אמן א.א.וו., וואָס איז נאָר מעגליך ווען ס'איז דאָ מנין. — דער סוף פֿון פסוק, פון וועלכען דיזער דרש ווערט גענומען, דריקט אויס כעס: „מיט מיין געשריי טריקען איך אויס דעם ים א.א.וו.".

8) וואָס האָט אויך געהאַט אַ שטענדיגען אָרט צו דאַווענען. 9) בראשית י"ט כ"ז, דער סוף פֿון פסוק איז „פֿאַר גאָט" און דאָס שטעהט ביי דער געשיכטע פֿון דער איבערקעהרעניש פֿון סדום וואו אברהם'ס קרובים זיינען ניצול געוואָרען פֿון דער צערשטערונג. 10) ד"ה וואו ער פֿלעגט אָפֿט שטעהן. 11) תהלים ק"ו ל׳. 12) אייגענטליך איז פֿון דאָרט אַליין, און בעזונדערס פֿון דעם פֿריהערדיגען קאַפּיטעל וואו אברהם פּלעדירט ביי גאָט וועגען סדום, שוין קלאָר אַז שטעהן מיינט דאָ דאַווענען, אָבער די גמרא נעהמט בעסער איהר דרש פֿון דעם פסוק אין תהלים, וואו די ווערבען שטעהן אין בעטען שטעהען נעבען איינאַנדער.

13) כדי עס זאָל ניט אויסזעהן אַז די שוהל איז צו לאַסט און מען ענטלויפֿט פֿון דאָרט. 14) הושע ו׳ ג׳. 15) ווייל מען טאָר ניט מאַכען קיין גרויסע שפּרייזען אום שבת (שבת קי"ג ב׳). 16) הושע י"א י׳. 17) ד"ה אַזוי ווי די חיות קומען צו לויפֿען אַז דער לייב, וואָס ווערט בעטראַכט אַלס זייער מלך, רופֿט זיי. אַזוי וועלען אידען לויפֿען ווען גאָט וועט זיי רופֿען.

18) דער מאמר קומט דאָ אַריין אין מיטען פֿון ר׳ חלבו'ס מאמרים, ווייל ער געהערט צו ר׳ זירא וואָס ווערט דערמאָהנט אין דעם פֿריהערדיגען מאמר, און ווייל עס רעדט זיך דאָ אויך פֿון לויפֿען, און צוליעב איהם קומען שוין אויך די ווייטערדיגע קורצע און עהנליכע מאמרים פֿון אביי און רבא א.א.וו. 19) ד"ה דער שכר וואָס ווערט געגעבען פֿאַר'ן לויפֿען צום שעור אָדער וואָס מען ליידט פֿון דער ענגשאַפֿט ביי אַ דרשה איז גרעסער ווי דער שכר פֿאַר'ן שעור אָדער די דרשה גופא א.א.וו. 20) די פֿאַרשיעדענע סברות וואָס מען הערט לערנענדיג אַ הלכה זיינען אַמאָל אינטערעסאַנטער און לעהררייכער ווי די הלכה גופא. 21) ווען מען קומט איינעם מנחם אבל זיין, וואָס איז אַ מצוה, איז בעסער אַז מען שווייגט און מען רעגט ניט אויף דעם אבל ווען עס איז אַזוי אויך ביטער אויפֿ'ן האַרצען. בייַ אַ הספד אָבער איז דער עיקר מצוה צו וויינען הויך כדי אַלע זאָלען מיטוויינען און עס וועט זיך דאַדורך מעהר פֿיהלען דער פֿאַרלוסט פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם. 22) וואָס מען גיט דאַמאָלס. 23) וואָס מען רעדט כדי משמח זיין חתן וכלה.

24) נאָך אַלפֿס און רא"ש דאַרף דאָ שטעהן „ר׳ חלבו זאָגט אַז רב הונא האָט געזאָגט", און דערמיט ערקלערט זיך פֿאַר וואָס דער מאמר קומט דאָ. 25) ווייל עס מאַכט דעם איינדרוק אַז ער דאַווענט ניט צו דעם צו וועמען דער עולם דאַווענט. 26) תהלים י"ב ט׳. 27) און געהען ניט אַריין איניעווייניג. 28) ווייל ער בעווייזט דערמיט אַז זיין האַרץ איז מיט'ן

אַקאַרשט וואָס בלק דער קעניג פֿון מואב האָט געפּלאַנעוועט אא"וו". וואָס מיינט: „כדי צו וויסען די חסדים פֿון גאָט 1)"? ר' אלעזר זאָגט: דער קדוש ברוך הוא 2) האָט אַזוי געזאָגט צו די אידען: ווייסט וואָס פֿאַר אַ חסדים איך האָב געטהאָן מיט אייך, וואָס איך בין ניט אין כעס געוועזען אין די צייטען פֿון בלעם הרשע, ווארום אַז איך וואָלט (דאַמאָלס) אין כעס געווען, וואָלט פֿון די שונאי ישראל 3) קיין שריד ופליט ניט געבליבען. און דאָס האָט בלעם געזאָגט צו בלק 4): „ווי זאָל איך שעלטען אַז גאָט האָט ניט געשאָלטען, און ווי זאָל איך זיין אין כעס אַז גאָט איז ניט צאָרנדיג!" דערפֿון לערנען מיר אַז אין דער גאַנצער צייט איז ער ניט געוועזען אין כעס.—און ווי לאַנג געדויערט זיין כעס?—אַ רגע.—און וויפֿיעל איז אַ רגע?—ר' אבין, און נאָך אַן אַנדער מיינונג ר' אבינא, זאָגט: אַזוי לאַנג ווי עס געדויערט אויסצורעדען דאָס וואָרט רגע: און פֿון וואַנען נעהמען מיר אַז ער איז אויפֿגעבראַכט (נאָר איין) רגע? ווייל עס שטעהט געשריבען 5): „וואָרים ער 6) איז אַ רגע אין זיין צאָרן און דאָס גאַנצע לעבען אין זיין ווילען". און אז מען וויל קען מען זאָגען, פֿון דאַנען 7): „פֿאַרבעהאַלט זיך אַביסעל פֿאַר אַ רגע ביז דער צאָרן וועט פֿאַריבערגעהן".—און ווען איז ער אין כעס?—אַבּיי זאָגט: אין די ערשטע דריי שעה 8), ווען דער קאַם פֿון די העהנער ווערט בלאַס, און זיי שטעהען אויף איין פֿוס.—ווי שטעהען דאָך אַזוי אַלע מאָל 9)?—אַלע מאָל איז (נאָך) אין איהם 10) דאָ רויטע פֿלעקען, דאַמאָלס אָבער איז אין איהם ניטאָ קיין רויטע פֿלעקען.—עס איז געוועזען אַ צדוקי 11) וואָס האָט געוואָהנט אין שכנות פֿון ר' יהושע בן לוי און פֿלעגט איהם שטאַרק דאָקיטשען מיט פסוקים. האָט ער 12) איינמאָל גענומען אַ האָהן און האָט איהם געשטעלט צווישען די פֿיסלעך פֿון בעט און האָט אויף איהם אַכטונג געגעבען, און האָט געטראַכט אַז ווען עס וועט קומען דער מאָמענט וועט ער איהם 13) פֿאַרשעלטען. אַז עס איז אָבער געקומען דער מאָמענט איז ער איינגעשלאָפֿען. האָט ער געזאָגט: דערפֿון קען מען לערנען אַז עס איז ניט מענשליך אַזוי צו טהון, (וואָרום) עס שטעהט געשריבען 14): „און זיין 15) רחמנות איז אויף אַלע זיינע באַשעפֿעניששען 16)", און ווייטער שטעהט געשריבען 17): „עס איז אויך ניט גוט פֿאַר'ן צדיק צו באַשטראָפֿען".—עס איז געלערנט געוואָרען אין נאָמען פֿון ר' מאיר: בשעת די זונן הייבט אָן צו שיינען און אַלע קעניגע פֿון מזרח און פֿון מערב טהוען אַרויף זייערע קרוינען אויף זייערע קעפּ און בוקען זיך צו דער זונן ווערט דער קדוש ברוך הוא גלייך אין כעס.

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יוסי: איין פייניגונג פֿון דעם מענשען'ס האַרץ 18) איז בעסער ווי אַ סך מלקות, ווי עס שטעהט געשריבען 19): „און אַז זי 20) וועט זיך יאָגען נאָך איהרע ליעבהאָבערס און וועט זיי ניט האַפּען און אַז זי וועט זיי זוכען און וועט ניט געפֿינען וועט זי זאָגען 21): איך וועל געהן און זיך אומקעהרען צו מיין ערשטען מאַן, ווייל עס איז מיר דאַמאָלס געווען בעסער ווי איצט". ריש לקיש זאָגט: בעסער ווי הונדערט מלקות, ווי עס שטעהט געשריבען 22): „אַ געשריי ציבריכט מעהר דעם פֿאַרשטענדיגען ווי הונדערט קלעפּ דעם נאַר".

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יוסי: דריי זאַכען האָט משה געבעטען ביי גאָט און ער האָט עס איהם באַוויליגט: ער האָט געבעטען אַז די שכינה זאָל רוהען אויף ישראל, און ער האָט עס איהם באַוויליגט, ווי עס שטעהט געשריבען 23): „ווען דו געהסט מיט אונז", ער האָט געבעטען אַז די שכינה זאָל רוהען נאָר אויף ישראל און ער האָט עס איהם באַוויליגט, ווי עס שטעהט געשריבען 24): „און איך און דיין פֿאָלק זאָלען זיין אויסגעצייכענט", ער האָט געבעטען אַז דער קדוש ברוך הוא זאָל איהם בעקאַנט מאַכען זיינע וועגען און ער האָט עס איהם באַוויליגט, ווי עס שטעהט געשריבען 25): „לאָז מיך קענען לערנען דיינע וועגען 26)". ער האָט איהם געפֿרעגט 27): רבונו של עולם! פֿאַרוואָס איז דאָ צדיקים וואָס עס געהט זיי גוט און עס איז דאָ צדיקים וואָס עס געהט זיי שלעכט, (און) עס איז דאָ רשעים וואָס עס געהט זיי גוט און רשעים וואָס עס געהט זיי שלעכט? האָט ער איהם געענטפֿערט: משה! אַ צדיק וואָס עס געהט איהם גוט איז אַ צדיק בן צדיק, אַ צדיק וואָס עס געהט איהם שלעכט איז צדיק בן רשע, אַ רשע וואָס עס געהט איהם גוט איז אַ רשע בן צדיק, אַ רשע וואָס עס געהט איהם שלעכט איז אַ רשע בן רשע. — דער רבי האָט געזאָגט: „אַ צדיק וואָס עס געהט איהם גוט איז אַ צדיק בן צדיק און אַ צדיק וואָס עס געהט איהם שלעכט איז אַ צדיק בן רשע". דאָס איז דאָך אונמעגליך, וואָרום עס שטעהט געשריבען 28): „ער 29) באַשטראָפֿט די קינדער פֿאַר די זינד פֿון די עלטערן" און עס שטעהט אויך געשריבען 30): „אין קינדער זאָלען ניט געטיידט ווערען צוליעב עלטערן", פֿרעגען מיר פֿון איין פסוק אויף'ן אַנדערן און מיר פֿאַרענטפֿערן אַז עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 31)

פירוש.

ו' ה'. 1) וואָס שטעהט צום סוף פֿונ'ם פסוק. 2) ד"ה דער נביא זאָגט אין נאָמען פֿון קדוש ברוך הוא. 3) ד'ה פֿאַרקעהרט געמיינט — די אידען. זעה אויבען אין „פירוש" זייטע 11 נומ. 22. 4) במדבר כ"ג ח'. 5) תהלים ל' ו'. 6) גאָט. 7) ישעיה כ"ו כ'. 8) פֿון טאָג. 9) און ניט דוקא דאַמאָלס. 10) אין קאַם. 11) די צדוקים זיינען געווען אַ סעקטע וואָס האָט נאָר אַנערקענט די אויטאָריטעט פֿון דער געשריבענער תורה, ד'ה פֿון תנ"ך, און האָבען געקעמפֿט געגען די פרושים וועלכע האָבען אויסער דעם נאָך געגלויבט אין דער איבערליפֿערטער תורה, ד'ה אין די מצות אא"ו וואָס זיינען ניט אַריין אין תנ"ך און האָבען נאָכהער געפֿונען זייער אויסדרוק אין תלמוד. 12) ר' יהושע בן לוי. 13) דעם צדוקי. 14) תהלים קמ"ה ט'. 15) גאָט'ס. 16) ד'ה אפילו אויף די וואָס האָבען דאָס ניט פֿאַרדיענט. 17) משלי י"ז כ"ו.

18) געוויסענסביס. 19) הושע ב' ט'. 20) די כנסת ישראל. 21) ד"ה נאָר דאָס וועט ווירקען אויף איהר און ניט די צרות. 22) משלי י"ז י'.

23) שמות ל"ג ט"ז. 24) דאָרט. 25) דאָרט פסוק י"ג. 26) דיזע פסוקים בעווייזען נאָר משה'ס דריי בקשות; דער בעוויז פֿאַר דער באַוויליגונג ליעגט אין פסוק י"ז וואו גאָט ענטפֿערט משה'ן: „אויך דאָס וואָס דו האָסט גערעדט וועל איך טהון". 27) דאָס איז אַן ערקלערונג פֿון דער דריטער בקשה. 28) שמות ל"ד ז'. 29) גאָט. 30) דברים כ"ד ט"ז. 31) דער

ירושלים, וואָרום עס שטעהט געשריבען 1): „וואָרום איך וועל צוריק ברענגען די געפאַנגענע פון דעם לאַנד, האָט גאָט געזאָגט".

ווייטער האָט ר' חלבו געזאָגט אַז רב הונא האָט געזאָגט: ווער עס האָט אין זיך יראת שמים וועט זיינע ווערטער געהערט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 2): „דער סוף פון דער זאַך פאַר אַלע צו הערען 3) איז—האָב מורא פאַר גאָט און היט אָפּ זיינע מצות אא"וו". וואָס מיינט „וואָרום דאָס איז דער גאַנצער מענש" 4)? ר' אליעזר זאָגט: (עס מיינט אַז) דער קדוש ברוך הוא זאָגט אַז די גאַנצע וועלט איז נאָר צוליעב איהם בעשאַפען געוואָרען: ר' אבא בר כהנא זאָגט: אַז ער איז ווערט וויפיעל די גאַנצע וועלט; ר' שמעון בן עזאי זאָגט, און אַנדערע זאָגען אַז ר' שמעון בן זומא האָט עס געזאָגט: די גאַנצע וועלט איז נאָר בעשאַפען געוואָרען כדי ער זאָל האָבען געזעלשאַפט 5).

ווייטער האָט ר' חלבו געזאָגט אז רב הונא האָט געזאָגט: אז איינער ווייס אַז זיין חבר איז געוואוהנט איהם צו גריסען זאָל ער איהם פריהער גריסען, וואָרום עס שטעהט געשריבען 6): „זוך דעם שלום און יאָג זיך נאָך איהם" 7). און אַז מען ווערט באַגריסט און מען ענטפערט ניט הייסט מען אַ גזלן, וואָרום עס שטעהט געשריבען 8): „און איהר האָט אויסגערוימט דעם וויינגאָרטען, די גזילה פון אָרעמאַן 9) איז אין אייערע הייזער!"

(ז' א') ר' יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוסי: פון וואַנען (נעהמען מיר) אַז דער קדוש ברוך הוא דאַווענט? ווייל עס שטעהט געשריבען: 10) „און איך וועל זיי ברענגען צו מיין הייליגען באַרג און איך וועל זיי דערפרעהען און דאָס הויז פון מיין געבעט"; עס שטעהט ניט „פון זייער געבעט" נאָר „פון מיין געבעט", איז דערפון געדרונגען אַז דער קדוש ברוך הוא דאַווענט. וואָס בעט ער? רב זוטרא בר טוביה זאָגט אַז רב האָט געזאָגט: איך זאָל האָבען דעם ווילען אַז מיין רחמנות זאָל גובר זיין אויף מיין כעס און מיין באַרמהערציגקייט זאָל אַריבערשטייגען מיינע מדות 11) און איך זאָל זיך באַגעהן מיט מיינע קינדער מיט דער מדה פון רחמים און בעהאַנדלען זיי לפנים משורת הדין 12)!—אין אַ בריתא ווערט געלערנט: ר' ישמעאל בן אלישע 13) האָט געזאָגט: איינמאָל בין איך אַריינגעקומען אין קדשי הקדשים צו רויכערן די קטורת, האָב איך געזעהן דעם קדוש ברוך הוא 14) זיצענדיג אויף זעהר אַ הויכען שטוהל. האָט ער געזאָגט צו מיר: ישמעאל, מיין זוהן, בענטש מיך! האָב איך איהם געזאָגט: זאָל עס זיין דיין ווילען אַז דיין רחמנות זאָל גובר זיין אויף דיין כעס און דיין באַרמהערציגקייט זאָל אַריבערשטייגען דיינע מדות און דו זאָלסט זיך באַגעהן מיט דיינע קינדער מיט דער מדה פון רחמים און זיי בעהאַנדלען לפנים משורת הדין! האָט ער מיר צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ 15). דאָס 16) לערנט אונז, אַז אפילו די ברכה פון אַן איינפאַכען מענשען זאָל מען ניט האַלטען פאַר גרינג.

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוסי: פון וואַנען (נעהמען מיר) אַז מען זאָל אַ מענשען ניט מפיס זיין בשעת ער איז נאָך אין כעס? ווייל עס שטעהט געשריבען 17): „מיין פנים וועט אַוועקגעהן און איך וועל מרוצה ווערען צו דיר", (ד"ה) דער קדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משה 18): דו וואַרט אויף אַביסעל ביז דער כעס וועט אָפּגעהן פון מיין פנים און (דערנאָך) וועל איך דיר נאָכגעבען.—אָבער איז דען דאָ רוגזה ביי דעם קדוש ברוך הוא?—יאָ, וואָרום עס שטעהט געשריבען 19): „און גאָט איז צאָרענדיג יעדען טאָג".- און ווי לאַנג געדויערט זיין צאָרן?—אַ רגע.—און וויפיעל איז אַ רגע? — דער אַכט-און-פופציג-טויזענד-אַכט-הונדערט-אַכט-און-אַכציגסטער טייל פון אַ שעה איז אַ רגע. און קיין באַשעפעניש האָט דיזען מאָמענט ניט געקענט טרעפען אַחוץ בלעם הרשע, וואָס עס שטעהט ביי איהם געשריבען 20): „און ער ווייס וואָס דער אויבערשטער ווייס". מה דאָך ער האָט ניט געוואוסט וואָס זיין עזעל האָט געוואוסט 21), טאָ ווי זאָל ער האָבען געוואוסט דאָס וואָס דער אויבערשטער ווייס? אלא לערנען מיר דערפון אַז ער האָט געוואוסט צו טרעפען דעם מאָמענט ווען דער קדוש ברוך הוא איז אין כעס. און דאָס האָט דער נביא געמיינט ווען ער האָט געזאָגט צו די אידען 22): „מיין פאָלק, געדענק

פירוש.

מאָהנטען פסוק אין ירמיה. 1) דאָס איז דער סוף פון דעמזעלבען פסוק.

2) קהלת י"ב י"ג. 3) ווייל „הַכֹּל נִשְׁמָע" שטעהט אין נפעל, און מיינט דאהער „ווערען געהערט" אָדער „פאָלגען", טייטשט די גמרא דעם פסוק אַזוי: אַלע הערען אָדער פאָלגען דעם וואָס האָט מורא פאַר גאָט און היט זיינע מצות. 4) וואָס איז דער סוף פון דעם פסוק. 5) פון די דריי מיינונגען געהט איינע ווייטער ווי די אַנדערע: נאָך ר' אליעזר קומט אויס אַז הגם די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען צוליעב זיין זכות איז זי פונדעסטוועגען אַ תכלית פאַר זיך, ר' אבא פאַרגלייכט איהם מיט דער גאַנצער וועלט, נאָך'ן לעצטען מאַן דאמר אָבער איז ער דער תכלית פון דער בריאה, און די וועלט איז נאָר דאַצו דאָ צו באַדיענען איהם און האַלטען איהם געזעלשאַפט.

6) תהלים ל"ד ט"ו. 7) ד"ה וואַרט ניט ביז עס וועט דיר געגעבען ווערען שלום נאָר פאַרכאַפּ עס. 8) ישעיה ג' י"ד. 9) ער שטעלט זיך אויף'ן אויסדרוק „פון אָרעמאַן" וואָס איז אייגענטליך איבעריג, ווייל עס איז דאָך קיין נפקא מינא ניט צי מען בעגזלט אַ רייכען צו אַן אָרעמען; און ער דרשנט דערפון אַז דאָס מיינט די באַגריסונג וועלכע מען ענטפערט ניט, ווייל דאָס איז דאָס איינציגע וואָס מען קען גזלנען ביי דעם וואָס פאַרמאָגט גאָר ניט.

10) ישעיה נ"ו ז'. 11) פון שטרענגער גערעכטיגקייט. 12) ד"ה בעסער און באַרמהערציגער ווי די גערעכטיגקייט פאָדערט אָדער ווי זיי האָבען פאַרדיענט. 13) ער איז געווען אַ כהן גדול. 14) אין דער גמרא שטעהט דער שם אכתריאל יה ה' צבאות. 15) ווי ער וואָלט געענטפערט אמן. 16) וואָס דער קדוש ברוך הוא איז געווען צופרידען מיט ר' ישמעאל'ס ברכה.

17) שמות ל"ג י"ד. 18) עס האַנדעלט זיך ביי דער געשיכטע מיט דער גאָלדענער קאַלב, ווען גאָט איז געוואָרען שטאַרק אין כעס אויף די אידען און האָט זיי געוואָלט פאַרניכטען, און משה רבינו האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט געבעטען רחמים פאַר זיי. 19) תהלים ז' י"ב. 20) במדבר כ"ד ט"ז. 21) אַז אַ מלאך האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן שמאָלען וועג און איהם פערשפאַרט אַז זיי האָבען ניט געקענט דורכגעהן. 22) מיכה

דיר1)", נאָר (דאָס מיינט) צוליעב אברהם וואָס האָט דיך גערופען האַר2)!

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' שמעון בן יוחאי3): פֿון וואַנען (נעהמען מיר) אַז מען זאָל אַ מענשען ניט מפיס זיין בשעת ער איז נאָך אין כעס? ווייל עס שטעהט געשריבען: „אַז מיין פנים וועט אַוועקגעהן וועל איך מרוצה ווערען צו דיר".

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' שמעון בן יוחאי: זייט דער קב"ה האָט בעשאַפֿען זיין וועלט איז ניט געווען קיין מענש וואָס זאָל האָבען דעם קב"ה געדאַנקט ביז עס איז געקומען לאה און האָט איהם געדאַנקט, ווי עס שטעהט געשריבען4): „דאָס מאָל וועל איך דאַנקען גאָט5)".

ראובן6)! ר' אלעזר זאָגט: דאָס האָט לאה געמיינט: זעהט דעם אונטערשיעד צווישען מיין זוהן7) און מיין שוועהר'ס זוהן8)! הגם מיין שוועהר'ס זוהן האָט פֿאַרקויפֿט זיין בכורה פֿרייוויליג, ווי עס שטעהט געשריבען9): „און ער האָט פֿאַרקויפֿט זיין בכורה צו יעקב'ן" פֿונדעסטוועגען זעהט וואָס עס שטעהט פֿון איהם געשריבען10): „און עשו האָט יעקב'ן געהאַסט" און עס שטעהט אויך11): „און ער האָט געזאָגט: ניט אומזיסט האָט מען איהם געגעבען דעם נאָמען יעקב, ווייל ער האָט מיך צוויי מאָל אָפּגענאַרט12) א.א.וו.", אָבער מיין זוהן הגם יוסף האָט ביי איהם אַוועקגענומען די בכורה געגען זיין רצון, ווי עס שטעהט געשריבען13): „און ווייל ער14) האָט ענטווייהט דאָס געלעגער פֿון זיין פֿאָטער איז זיין בכורה אַוועקגעגעבען געוואָרען צו יוסף'ן" פֿונדעסטוועגען האָט ער איהם ניט מקנא געווען15), ווי עס שטעהט געשריבען16): „און אַז ראובן האָט דאָס17) דערהערט האָט ער איהם מציל געווען פֿון זייערע הענט".

רות! וואָס מיינט רות? ר' יוחנן זאָגט: אַז זי האָט זוכה געווען אַז דוד זאָל אַרויסקומען פֿון איהר, וועלכער האָט דעם קב"ה זאַטט18) געמאַכט מיט הימנעס און לויבגעזאַנגען. — פֿון וואַנען נעהמען מיר אַז אַ נאָמען האָט אַ ווירקונג19)? ר' אלעזר זאָגט: ווייל דער פסוק זאָגט20): „געהט און זעהט די מעשים פֿון גאָט וועלכער האָט געמאַכט פֿאַרוויסטונגען אין לאַנד", ליינט ניט21) פֿאַרוויסטונגען נאָר נעמען.

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' שמעון בן יוחאי: שלעכטע אויפֿגעבראַכטע קינדער זיינען פֿאַר אַ מענשען'ס הויז ערגער ווי די מלחמה פֿון גוג ומגוג, וואָרום עס שטעהט געשריבען22): „אַ מזמור פֿון דוד, ווען ער איז אַנטלאָפֿען פֿאַר זיין זוהן אבשלום" און דערנאָך שטעהט23): „אָ גאָט, ווי פֿיעל זיינען מיינע שונאים, ווי פֿיעל שטעלען זיך געגען מיך!" בעת אַז ביי דער מלחמה פֿון גוג ומגוג שטעהט24): „וואָס שטורעמען די פֿעלקער און די נאַציאָנען פלאַנעווען פוסטע זאַכען!" אָבער „ווי פֿיעל זיינען מיינע שונאים" שטעהט ניט25).

„אַ מזמור פֿון דוד ווען ער איז אַנטלאָפֿען פֿאַר זיין זוהן אבשלום". „אַ מזמור פֿון דוד"!? „אַ קינה פֿון דוד" האָט דאָך געדאַרפֿט שטעהן26)! האָט ר' שמעון בן אבישלום געזאָגט: צו וואָס איז דאָס געגליכען? צו אַ מענשען וואָס עס איז דאָ אויף איהם אַ שטר חוב, איז בעפֿאָר ער באַצאָהלט עס איז ער אומעטיג, נאָכדעם אָבער ווי ער האָט עס באַצאָהלט איז ער פֿרעהליך. דאָסזעלבע איז געווען מיט דוד. אַז דער קב"ה האָט איהם געזאָגט27): „איך וועל אויף דיר ברענגען אַ געגנער פֿון דיין אייגען הויז" איז ער געווען אומעטיג, ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער איז דאָס אַ קנעכט אָדער אַ ממזר, וואָס וועלען ניט האָבען קיין רחמנות אויף איהם, ווען ער האָט אָבער דערזעהן אַז דאָס איז אבשלום איז ער געוואָרען פֿרעהליך, דערפֿאַר הייסט עס מזמור.

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' שמעון בן יוחאי: מען מעג זיך רייצען מיט רשעים אויף דער וועלט, וואָרום עס שטעהט געשריבען28): „די וואָס פֿאַרלאָזען די תורה לויבען דעם רשע, אָבער די וואָס היטען די תורה רייצען זיך מיט זיי". און אַ ברייתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: ר' דוסתאי דער זוהן פֿון ר' מתון זאָגט: מען מעג זיך רייצען מיט רשעים אויף דער וועלט, וואָרום עס שטעהט: „די וואָס פֿאַרלאָזען די תורה לויבען דעם רשע א.א.וו.", און אויב אַ

פירוש.

1) וואָרום ער רעדט דאָך צו גאָט. 2) איז דערפֿאַר צייט אַז דו זאָלסט זיין דער האַר איבער זיינע קינדער.

3) דערזעלבער מאמר שטעהט פֿריהער און אויספֿיהרליכער אין נאָמען פֿון ר' יוסי, זעה זייטע 20.

4) בראשית כ"ט ל"ה. 5) יעקב אבינו האָט געהאַט פֿיער פֿרויען אין צייטליך זיהן, איז אַז יעדע פֿון זיינע פֿרויען וואָלט געהאַט די גלייכע צאָהל זיהן וואָלט עס אויסגעקומען דריי אויף יעדער פֿרוי, דערפֿאַר האָט לאה געדאַנקט גאָט אַז זי האָט געבוירען איהר פֿערטען זוהן, ווערבען זי האָט אַ נאָמען געגעבען יהודה וואָס מיינט דאַנקען גאָט.

6) צוליעב דער ערקלערונג פֿון דעם נאָמען יהודה אין דעם פֿריהערדיגען מאמר קומט דיזער און דער ווייטערדיגער מאמר אין וועלכע עס ווערט געגעבען אַן ערקלערונג פֿון די נעמען ראובן און רות. 7) ראו — זעהט, בן — זוהן. 8) עשו. 9) בראשית כ"ה ל"ג. 10) דאָרט כ"ז מ"א. 11) דאָרט פסוק ל"ו. 12) עשו האָט נאָך געהאַלטען יעקב'ן פֿאַר אַ שווינדלער און האָט ערקלערט זיין נאָמען, וואָס שטאַמט אייגענטליך פֿון דעם וואָרט עקב — טריט, ווייל ער איז געבאָרען געוואָרען גלייך נאָך איהם, מיט דעם ווערב עקב וואָס בעדייטעט באַשווינדלען. 13) דברי הימים א' ה' א'. 14) ראובן. 15) ד"ה ער האָט ניט געטראָגען קיין שנאה אויף איהם. 16) בראשית ל"ז כ"א. 17) וואָס די ברידער האָבען געוואָלט טהון צו יוסף'ן.

18) רוה אין העברעאיש מיינט זעטיגען. 19) אויף אַ מענשען'ס צוקונפֿט. 20) תהלים מ"ו ט'. 21) זעה „פירוש" זייטע 14 נומ. 4. — שמות — פֿאַרוויסטונגען, שמות — נעמען.

22) תהלים ג' א'. 23) דאָרט פסוק ב'. 24) דאָרט ב' א'. 25) קען מען דאָך דערפֿון זעהן אַז איין אייגענער שונא איז שרעקליכער ווי די מחנות פֿון גוג ומגוג.

26) מזמור מאַכט מען ביי אַ פֿרעהליכער געלעגענהייט, אָבער דער פֿאַל מיט אבשלום איז דאָך אַ זעהר טרויעריגער פֿאַל. 27) שמואל ב' י"ב י"א.

28) משלי כ"ח ד'.

איז אַז זיי האַלטען זיך ביי די מעשים פֿון זייערע עלטערן און דאָס 1) אַז זיי האַלטען זיך ניט ביי די מעשים פֿון זייערע עלטערן 2). אלא אודאי האָט ער איהם 3) אַזוי געזאָגט: אַ צדיק וואָס עס געהט איהם גוט איז אַ פֿאָלקאָמענער צדיק, אַ צדיק וואָס עס געהט איהם שלעכט איז ניט קיין פֿאָלקאָמענער צדיק, אַ רשע וואָס עס געהט איהם גוט איז ניט קיין פֿאָלקאָמענער רשע, אַ רשע וואָס עס געהט איהם שלעכט איז אַ פֿאָלקאָמענער רשע. און דאָס 4) איז געגען ר' מאיר, וואָרום ר' מאיר האָט געזאָגט: צוויי (זאַכען) האָט ער איהם באַוויליגט און איין (זאַך) האָט ער איהם ניט באַוויליגט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 5): „און איך וועל בעגנאַדיגען וועמען איך ווי ל בעגנאַדיגען" הגם ער פֿאַרדיענט עס ניט, „און איך וועל זיך ערבאַרעמען אויף וועמען איך ווי ל זיך ערבאַרעמען", הגם ער פֿאַרדיענט עס ניט 6). — „און ער 7) האָט געזאָגט: דו 8) קאָנסט ניט זעהן מיין פנים 9)", איז געלערנט געוואָרען אין נאָמען פֿון ר' יהושע בן קרחה: אַזוי האָט דער קדוש ברוך הוא געזאָגט צו משה: ווען איך האָב געוואָלט 10) האָסטו ניט געוואָלט, 11) איצט אָבער אַז דו ווילסט, וויל איך ניט. און דאָס 12) איז געגען דאָס וואָס ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט אַז ר' יונתן האָט געזאָגט; וואָרום ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט אַז ר' יונתן האָט געזאָגט: צוליעב דריי (זאַכען) האָט ער 13) זוכה געווען צו דריי (זאַכען); צוליעב „און משה האָט פֿאַרבעהאַלטען זיין געזיכט 14)" האָט ער זוכה געווען צו אַ שטראַהלענדען פנים, צוליעב „וויל ער האָט מורא געהאַט 15)" האָט ער זוכה געווען אַז „זיי 16) האָבען מורא געהאַט צוטרעטען צו איהם 17)", צוליעב „צו קוקען 18)" האָט ער זוכה געווען צו „און ער קוקט אויף די געשטאַלט פֿון גאָט 19)". — „און ווען איך וועל אַראָפּנעהמען מיין האַנד וועסטו זעהן מיין רוקען 20)", האָט רב חנא בר ביזנא געזאָגט אַז ר' שמעון החסיד האָט געזאָגט: דערפֿון לערנען מיר אַז דער קדוש ברוך הוא האָט משה'ן געוויזען דעם קשר פֿון די תפילין. 21)

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יוסי: יעדער צוזאָג וואָס איז אַרויס פֿון דעם קדוש ברוך הוא צו גוטען, איז אַפילו אַז דאָס איז נאָר געווען מיט אַ באַדינגונג, האָט ער דאָס שוין ניט מעהר צוריקגעצויגען. פֿון וואַנען נעהמען מיר דאָס? פֿון משה רבינו; וואָרום עס שטעהט געשריבען 22): „לאָז מיך צורוה און איך וועל זיי פֿאַרניכטען און וועל אויסמעקען זייער נאָמען פֿון אונטער דעם הימעל און וועל פֿון דיר מאַכען אַ מעכטיג פֿאָלק 23)", איז הגם משה האָט געבעטען רחמים און האָט די זאַך מבטל געמאַכט, פֿונדעסטוועגען האָט ער 24) דאָס מקיים געווען ביי זיינע 25) קינדער, וואָרום עס שטעהט געשריבען 26): „די קינדער פֿון משה זיינען געווען גרשום און אליעזר, און די קינדער פֿון אליעזר זיינען געווען רחביה דער ראש, און אליעזר האָט קיין אַנדערע קינדער ניט געהאַט, אָבער די קינדער פֿון רחביה האָבען זיך געמעהרט זעהר הויך", און רב יוסף האָט געלערנט: העכער ווי זעקס הונדערט טויזענד, וויל מיר לערנען אָפּ מ ע ה ר ע ן פֿון מ ע ה ר ע ן, דאָ שטעהט געשריבען „האָבען זיך ג ע מ ע ה ר ט זעהר הויך" און דאָרט שטעהט 27): „און די בני ישראל זיינען געווען פֿרוכטבאַר און האָבען זיך געווימעלט און זיך געמעהרט 28)".

(ב') ר' יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' שמעון בן יוחאי 29): זייט דער קדוש ב"ה האָט בעשאַפֿען די וועלט איז ניט געווען קיין מענש וואָס זאָל האָבען דעם קב"ה גערופֿען ה אַ ר 30), ביז עס איז געקומען אברהם און האָט איהם גערופֿען ה אַ ר! ווי עס שטעהט געשריבען 31): „און ער האָט געזאָגט: אַ ד נ י אלהים, ווי אַזוי 32) קען איך וויסען אַז איך וועל דאָס באַזיצען 33)?"—רב זאָגט: אויך דניאל 34) איז נאָר צוליעב אברהם דערהערט געוואָרען, וואָרום עס שטעהט געשריבען 35): „און איצט, אָ גאָט, הער זיך צו צו דער תפלה פֿון דיין קנעכט און צו זיינע תחנונים און זאָל דיין געזיכט (שיין) באַלייכטען דיין בית המקדש וואָס איז חרוב, צוליעב אַ ד נ י", האָט דאָך געדאַרפֿט שטעהן „צוליעב

פ י ר ו ש.

ערשטער פסוק, 1) דער צווייטער פסוק, 2) טאָ ווי איז דאָס מעגליך אַז אַ צדיק זאָל ליידען צוליעב דעם וואָס זיין פֿאָטער איז געווען אַ רשע, 3) גאָט צו משה, 4) וואָס ר' יוחנן זאָגט אַז אַלע דריי בקשות פֿון משה זיינען געוואָרען באַוויליגט, 5) שמות ל"ג כ', 6) אין דעם פסוק קומען פֿאָר צוויי אויסדרוקען פֿון ערבאַרעמען זיך און אַזוי ווי עס ווערט אין איהם באַזונדערס בעטאָנט „ויעבען איך ווי ל בעגנאַדיגען אא"וו" דרשנט ר' מאיר דערפֿון, אַז עס מיינט, האָטשע דער באַטרעפֿענדער האָט עס ניט פֿאַרדיענט, קען זיך דאָס שוין ניט בעציהען אויף דער דריטער בקשה וואָס האָט צו טהון מיט משה אליין וועלכער האָט עס יאָ פֿאַרדיענט, און דערפֿאַר מוז עס דאָך זיך באַציהען אויף די ערשטע צוויי בקשות, 7) גאָט, 8) משה, 9) וואָס שטעהט געשריבען דאָרט אין שמות, 10) אַז דו זאָלסט מיך זעהן, בשעת איך האָב זיך צו דיר בעוויזען אין דעם ברענענדיגען דאָרן, 11) וואָרום עס שטעהט דאָרט אַז משה האָט פֿאַרבעהאַלטען זיין פנים, 12) וואָס ר' יהושע בן קרחה האָט געזאָגט, 13) משה, 14) בשעת גאָט האָט זיך צו איהם באַוויזען אין דעם ברענענדיגען סנה, שמות ג' ו', 15) דאָרט, דאָס איז דער המשך פֿון פסוק, 16) די אידען, 17) שמות ל"ד ל', 18) דאָרט ג' ו', דאָס שטעהט נאָך „וויל ער האָט מורא געהאַט", 19) במדבר י"ב ח'.—איז דאָך דאָס וואָס משה האָט פֿאַרבעהאַלטען זיין פנים, לויט ר' שמואל בר נחמני, גאָר אַ מעלה, גראַדע להיפך פֿון דאָס וואָס ר' יהושע בן קרחה האָט געזאָגט, 20) גאָט זאָגט עס צו משה, שמות ל"ג כ"ג, 21) פֿון של ראש,

22) דברים ט' י"ד, 23) אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו משה בשעת ער איז געוואָרען אויפֿגעבראַכט איבער די מעשה עגל, און משה האָט זיך אַוועקגעשטעלט בעטען רחמים אויף די אידען, 24) גאָט, 25) משה'ס, 26) דברי הימים א' כ"ג ט"ו וי"ז, 27) שמות א' ז', 28) איז אַזוי ווי די צאָהל פֿון די וואָס זיינען אַרויס פֿון מצרים איז געווען העכער ווי זעקס הונדערט טויזענד אַזוי איז אויך געווען די צאָהל פֿון רחביה'ס קינדער העכער ווי זעקס הונדערט טויזענד,

29) דאָס איז אַ נייע סעריע פֿון ר' יוחנן'ס מאמרים, וועלכע זיינען אָבער ניט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יוסי נאָר אין נאָמען פֿון ר' שמעון בן יוחאי, 30) ד"ה מיט דעם נאָמען אֲדֹנָי וואָס באַצייכענט גאָט'ס הערשאַפֿט איבער דער וועלט, 31) בראשית ט"ו ח', 32) דורך וואָס פֿאַר אַ סימן, 33) ארץ ישראל, וואָס גאָט האָט איהם צוגעזאָגט, 34) בשעת ער האָט געבעטען צו גאָט אַז ער זאָל מאַכען אַ סוף צום גלות פֿון בבל 35) דניאל ט' י"ז.

„און איך בעט צו דיר, גאָט, אין אַן עת רצון" 1)? ווען איז אַן עת רצון, בשעת דער עולם דאַווענט. ר' יוסי, דער זוהן פֿון ר' הנינא זאָגט: פֿון דאַנען 2): „אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אין אַן עת רצון האָב איך דיר געענטפֿערט". ר' אחא דער זוהן פֿון ר' חנינא זאָגט: פֿון דאַנען 3): „וואָרום גאָט פֿאַרוואַרפֿט ניט אַ רבים" 3) און (אין אַן אַנדער פסוק) שטעהט 5): „ער האָט אויסגעלייזט אין פֿריעדען מיין זעלע פֿון אַ קאַמפּף געגען מיך, ווייל אַ רבים איז געווען מיט מיר" 6). אין אַ בריתא ווערט אויך געלערנט: ר' נתן זאָגט: פֿון וואַנען (נעהמען מיר) אַז דער קב"ה פֿאַרוואַרפֿט ניט די תפלה פֿון אַ רבים? ווייל עס שטעהט געשריבען: „וואָרום גאָט פֿאַרוואַרפֿט ניט אַ רבים" און עס שטעהט אויך געשריבען: „ער האָט אויסגעלייזט אין פֿריעדען מיין זעלע פֿון אַ קאַמפּף געגען מיך, ווייל אַ רבים איז געווען מיט מיר". דער קב"ה זאָגט 7): ווער עס איז זיך עוסק אין תורה און גמילות חסדים און דאַווענט מיט'ן צבור פֿאַררעכען איך איהם אַזוי ווי ער וואָלט מיך און מיינע קינדער אויסגעלייזט פֿון די גוים.

ריש לקיש האָט געזאָגט 8): דער וואָס האָט אַ שוהל אין זיין שטאָדט און ער געהט דאָרט ניט אַריין דאַווענען הייסט אַ שלעכטער שכן, וואָרום עס שטעהט געשריבען 9): „אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף אַלע מיינע שלעכטע שכנים וועלכע ריהרען זיך אָן אָן דער נהלה וואָס איך האָב געגעבען מיין פֿאָלק ישראל". און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר ער איז נאָך גורם גלות פֿאַר זיך און פֿאַר זיינע קינדער, וואָרום עס שטעהט געשריבען 10): „איך וועל זיי אַרויסרייסען פֿון זייער לאַנד און דאָס הויז יהודה וועל איך אַרויסרייסען פֿון זייער מיט" 11).

מען האָט ר' יוחנן דערצעהלט אַז עס זיינען דאָ זקנים אין בבל, האָט ער זיך געוואונדערט און האָט געזאָגט: עס שטעהט געשריבען 12): „כדי אייערע יאָהרען און די יאָהרען פֿון אייערע קינדער זאָלען זיין פֿיעל אויף דעם לאַנד" 13), אָבער אין חוץ לארץ ניט! אַז מען האָט איהם אָבער דערצעהלט אַז זיי געהען זעהר פֿריה 14) און בלייבען זעהר שפּעט 15) אין שוהל, האָט ער געזאָגט: אָט דאָס העלפֿט זיי! ווי ר' יהושע בן לוי פֿלעגט זאָגען צו זיינע זיהן: געהט פֿריה און בלייבט שפּעט אין שוהל, כדי איהר זאָלט מאריך ימים זיין. ר' אחא דער זוהן פֿון ר' הנינא זאָגט: וואו איז אַ פסוק דערפֿאַר 16)? „וואויל איז דעם מענשען וואָס פֿאָלגט מיר צו באַפֿלייסיגען זיך ביי מיינע טיהרען טאָג טעג-ליך, אָפּצוהיטען די רעהמען פֿון מיינע טיהרען" און גלייך דערנאָך שטעהט: „וואָרום ווער עס געפֿינט מיך האָט געפֿונען לעבען" 17). — רב חסדא האָט געזאָגט: אַ מענש זאָל תמיד אַריינגעהן צוויי טיהרען אין שוהל אריין. „צוויי טיהרען" ווי לעגט זיך דאָס אויף'ן זינען?! נאָר דאָס מיינט — דער שעור פֿון צוויי טיהרען 18), און דערנאָך זאָל ער דאַווענען.

„וועגען דעם בעט צו דיר יעדער פֿרומער מענש אין דער צייט פֿון געפֿינען 19)". ר' הנינא האָט געזאָגט: „אין דער צייט פֿון געפֿינען" מיינט אַ פֿרוי 20), וואָרום עס שטעהט געשרי-בען 21): „דער וואָס האָט געפֿונען אַ פֿרוי האָט געפֿונען גוטס". אין מערב 22) אַז איינער האָט חתונה געהאַט פֿלעגט מען איהם פֿרעגען 23): געפֿונען אָדער געפֿין 24)? גע-פֿונען, ווייל עס שטעהט „דער וואָס האָט געפֿונען אַ פֿרוי האָט געפֿינען גוטס און ווערט באַקומען גנאָד פֿון גאָט", געפֿין, ווייל עס שטעהט 25): „און איך געפֿין די פֿרוי ביטערער פֿאַר'ן טוידט א.א.וו." ר' נתן האָט געזאָגט: „אין דער צייט פֿון געפֿינען" מיינט די תורה, וואָרום עס שטעהט געשריבען 26):

פירוש.

ס"ט י"ד. 1) אַ גינסטיגער מאָמענט אַז די תפלה זאָל אָנגענומען ווערען. 2) ישעיה מ"ט ח'. ער דרשנט פֿון אַן אַנדער פסוק, ווייל פֿון דעם פֿרי-הערדיגען פסוק קען מען נאָר בעווייזען אַז מען דאַרף דאַווענען אין אַן עת רצון, בעת אַז פֿון דיזען פסוק איז אַ בעווייז אַז די תפלה ווערט אָנגענומען ווען מען דאַוועגט אין אַן עת רצון. 3) ער ווידער דרשנט פֿון אַנדערע פסוקים. ווייל פֿון די פֿריהערדיגע פסוקים איז נאָר דאָ אַ בעווייז אַז עס איז דאָ אַן עת רצון, אָבער ניט אַז אַן עת רצון איז ווען אַ צבור דאַווענט. 4) איוב ל"ו ה'. דער פשט פֿון פסוק איז אייגענטליך „גאָט איז שטאַרק א.א.וו.", נאָר אַזוי ווי דאָס וואָרט כַּבִּיר מיינט אויך פֿיעל מאַכט ער דיזען דרש. 5) תהלים נ"ה י"ט. 6) בעת איך האָב מתפלל געווען. 7) נאָך דעם רא"ש דאַרף דאָ שטעהן „ר' שמעון בן יוחאי זאָגט: דער קב"ה זאָגט א.ז.וו." און דאָס איז אַן אַנדער דרש אויף דעם לעצטען פסוק, וואו תורה און גמילות הסדים ווערען אָנגעדייטעט דורך דאָס וואָרט שלום, פֿון וועלכען זיי זיינען דער פֿונדאַמענט. דיזע גירסא זעהט אויס ריכטיגער צו זיין ווי די פֿון אונזער גמרא.

8) דיזער און דער פֿאָלגענדער מאמר קומען דאָ, ווייל זיי רעדען מכה דאַווענען אין שוהל, ווי אין דעם פֿריהערדיגען מאמר. 9) ירמיה י"ב י"ד. דער נביא רעדט דאָ וועגען די אידען גופא וואָס האָבען אייפ געהערט צו דיענען גאָט (אין בית המקדש) און האָבען געדיענט אָפּגעטער, און ער רופֿט זיי „מיינע שלעכטע שכנים", ד"ה וואָס האָבען אַ בית המקדש אין שכנות און ריהרען זיך גאָר אָן איהם אָבער געהען דאָרט ניט אַריין, איז דאָס דאָך אַ בעווייז פֿאַר דאָס וואָס ריש לקיש האָט געזאָגט. 10) דאָרט, דאָס איז דער סוף פֿון'ם פסוק. 11) „דאָס הויז יהודה" קען דאָ ניט מיינען דאָס גאַנצע פֿאָלק, ווי עס מיינט געוועהנליך, ווייל דאַן וועלען דאָך די ווערטער „פֿון זייער מיט" ניט האָבען קיין זינען, אלא מסתמא מיינט עס ווערטליך: יעדעס הויז, יעדע פֿאַמיליע, איז עס דאָך אַ בעווייז פֿאַר דעם צווייטען טייל פֿון ריש לקיש'ס רייד.

12) דברים י"א כ"א. 13) ד"ה מיינט עס דאָך דוקא אין ארץ ישראל. 14) צו שחרית. 15) ביי מעריב. 16) צו באַווייזען אַז ווען מען געהט פֿריה א.א.וו. איז מען מאריך ימים. 17) משלי ח' ל"ד ול"ה. 18) ד"ה אַכט איילען; וואָרום אַז מען שטעהט ביי נאָהענטצו דער טיהר זעהט עס אויס ווי די שוהל וואָלט געווען צו לאַסט און מען איז שטענדיג גערייט צו אַנטלויפֿען.

19) תהלים ל"ב ו'. — דער מאמר קומט דאָ, ווייל ער ענטהאַלט אַ סעריע פֿון דרשות אויף דאָס וואָרט געפֿינען וואָס שטעהט קרוב צום סוף פֿון דעם פֿריהערדיגען מאמר. 20) ד"ה דער פֿרומער מענש בעט אַז ער זאָל געפֿינען אַ גוטע פֿרוי. 21) משלי י"ח כ"ב. 22) ד"ה אין ארץ ישראל. 23) אַז מען האָט זיך געוואָלט ערקונדיגען צי ער האָט גוט גע-טראָפֿען. 24) מָצָא אָדער מוֹצֵא; אַן עפּיגראַמאַטישע פֿאָרמע וואָס דייטעט אָן אויף די בײדע פֿאָלגענדע פסוקים, אין וועלכע דיזע צוויי ווערטער גע-פֿינען זיך און פֿון וועלכע אין איינעם ווערט די פֿרוי געשילדערט אַלס עפּעס גוטס און אין דעם אַנדערן אַלס עפּעס שלעכטס. 25) קהלת ז' כ"ו. 26) משלי ה' ל"ה.

מענש שושקעט דיר צו און פֿרעגט: ס'טייטש, עס שטעהט דאָך געשריבען 1): „דו זאָלסט זיך ניט רייצען מיט שלעכטע, דו זאָלסט ניט מקנא זיין די וואָס טהוען אומרעכט"? זאָלסטו איהם זאָגען, אַז דער וואָס זיין האַרץ קלאַפּט איהם זאָגט אַזוי 2), אָבער (באמת מיינט דער פסוק) „דו זאָלסט ניט קאָנקורירען 3) מיט די שלעכטע", ד"ה צו זיין ווי די שלעכטע, און דו זאָלסט ניט מקנא זיין די וואָס טהוען אומרעכט", ד"ה צו זיין ווי די וואָס טהוען אומרעכט, וואָרום אַזוי שטעהט אויך אין אַן אַנדער פסוק 4): „דיין האַרץ זאָל ניט מקנא זיין די זינדיגע, נאָר (זאָל בלייבען) שטענדיג אין יראת שמים". — עס קען דאָך ניט זיין 5)! וואָרום ר' יצחק האָט געזאָגט: אויב דו זעהסט אַ רשע וואָס דאָס גליק שפּיעלט איהם, זאָלסטו זיך ניט טשעפּען מיט איהם, וואָרום עס שטעהט געשריבען 6): „עס גליקען אָפּ זיינע וועגען צו יעדער צייט", און נים נאָר דאָס אַליין נאָר ער געווינט נאָך שטענדיג ביים משפּט, ווי עס שטעהט געשריבען 7): „ער איז צו הויך פֿאַר דיינע משפּטים", און ניט נאָר דאָס אַליין נאָר ער זעהט (דעם דורכפֿאַל פֿון) זיינע שונאים, ווי עס שטעהט געשריבען 8): „אַלע זיינע שונאים בלאָזט ער אַוועק". — דאָס איז קיין קשיא ניט: דאָס 9) איז אין זיינע אַנגעלעגענהייטען און יענעם 10) איז אין גאָט זאַכען. און אַז מען וויל קען מען זאָגען אַז דאָס און יענעם זיינען אין גאָט זאַכען און פֿונדעסטוועגען איז דאָס קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז ביי אַ רשע וואָס דאָס גליק שפּיעלט איהם און יענעם איז ביי אַ רשע וואָס דאָס גליק שפּיעלט איהם ניט. און אַז מען וויל קען מען זאָגען אַז דאָס און יענעם זיינען ביי אַ רשע וואָס דאָס גליק שפּיעלט איהם און פֿונדעסטוועגען איז דאָס קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 11) איז ביי אַ פֿאָלקאָמענעם צדיק און יענעם 12) איז ביי אַ צדיק וואָס איז ניט פֿאָלקאָם, וואָרום רב הונא האָט געזאָגט: דאָס וואָס שטעהט געשריבען 13): „פֿאַרוואָס קוקסטו (רוהיג) צו אויף די אונגעטריַע, דו שווייגסט ווען דער רשע פֿאַרשלינגט דעם וואָס איז מעהר צדיק פֿאַר איהם", ווי קען דער רשע פֿאַרשלינגען דעם צדיק? עס שטעהט דאָך געשריבען 14): „גאָט וועט איהם ניט לאָזען אין זיין האַנד", און עס שטעהט אויך 15): „עס וועט דעם צדיק קיין אומרעכט ניט געשעהן", נאָר (עס מיינט דאָס): דעם וואָס איז מעהר צדיק פֿאַר איהם 16) קען ער יאָ פֿאַרשלינגען, אָבער אַ פֿאָלקאָמענעם צדיק קען ער ניט פֿאַרשלינגען. און אַז מען וויל קען מען זאָגען, אַז ביי דעם וואָס דאָס גליק שפּיעלט איהם איז דאָס אַנדערש 17).

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' שמעון בן יוחאי: ווער עס באַשטימט אַ באַשטענדיגען אָרט צו דאַווענען 18), וועלען זיינע שונאים פֿאַר איהם פֿאַלען, וואָרום עס שטעהט געשריבען 19): „און איך וועל מאַכען אַן אָרט פֿאַר מיין פֿאָלק ישראל און איך וועל איהם פֿערפֿלאַנצען און ער וועט דאָרט רוהען און וועט ניט מעהר ציטערן, און די אומגערעכטע מענשען וועלען איהם ניט מעהר פייניגען ווי פֿריהער 20)".—רב הונא האָט געפֿרעגט: (פֿאַרוואָס) שטעהט (דאָ) „פייניגען" און (דאָרט) שטעהט 21) „פֿאַרניכטען"? ווייל פֿריהער איז געווען „פייניגען" און נאָכהער איז געווען „פֿאַרניכטען" 22).

ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' שמעון בן יוחאי: עס איז גרעסער דאָס באַדיענען פֿון דער תורה 23) ווי דאָס לערנען פֿון איהר 24), וואָרום עס שטעהט געשריבען 25): „דאָ איז אלישע בן שפט וואָס האָט געגאָסען וואַסער אויף די הענט 26) פֿון אליהו", עס שטעהט ניט „וואָס האָט געלערנט 27)", נאָר „וואָס האָט געגאָסען", לערנען מיר דערפֿון אַז דאָס באַדיענען פֿון איהר איז גרעסער ווי דאָס לערנען פֿון איהר.

ר' יצחק האָט געפֿרעגט רב נחמן'ען: פֿאַרוואָס קומט דער רבי ניט אין שוהל דאַווענען? האָט ער איהם געענטפֿערט: איך קען ניט. רופֿט ער זיך אָן צו איהם: זאָל דער רבי אויפֿקלייבען צעהן מענשען און דאַווענען 28). האָט ער איהם געענטפֿערט: עס איז מיר שווער.—טאָ זאָל דער רבי זאָגען דעם שמש אַז ער זאָל קומען און לאָזען דעם רבי צו וויסען ווען דער עולם דאַווענט 29)!—האָט ער איהם געפֿרעגט: צו וואָס דאַרף מען דאָס? רופֿט ער זיך אָפּ: ווייל ר' יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' שמעון בן יוחאי 30): (ה' א') וואָס (באַדייטעט) דאָס וואָס שטעהט געשריבען 31):

פירוש.

1) תהלים ל"ז א', 2) ד"ה נאָר דער מענש וואָס זיין געוויסען איז ניט גאַנץ ריין טייטשט אַזוי דעם פסוק, 3) עס שטעהט דאָרט „אַל תִּתְחַר" און עס קען מיינען „דו זאָלסט זיך ניט רייצען" און „דו זאָלסט ניט קאָנקורירען"; דער סוף פֿון פסוק בעווייזט אָבער אַז די צווייטע באַדייטונג פּאַסט דאָ בעסער, 4) משלי כ"ג י"ז, 5) אַז מען מעג זיך רייצען אא"וו, 6) תהלים י' ה', 7) דאָרט, דאָס איז דער המשך פֿון פסוק, 8) דאָרט, דער סוף פֿון פסוק, 9) וואָס ר' יצחק זאָגט, 10) און 11) אַז מען מעג זיך רייצען, 12) וואָס ר' יצחק זאָגט אַז מען זאָל זיך ניט רייצען, 13) חבקוק א' י"ג, 14) תהלים ל"ז ל"ג, 15) משלי י"ב כ"א, 16) ד"ה וואָס איז אייגענטליך ניט קיין אמת'ער צדיק נאָר איז בעסער פֿאַר דעם רשע, 17) קען אפילו אַ פֿאָלקאָמענער צדיק אויך פֿאַרשלונגען ווערען,

18) זעה פֿריהער זייטע 18, 19) שמואל ב' ז' י', 20) דאָס איז גאָט'ס הבטחה צו דוד המלך און עס באַציהט זיך אויף'ן בית המקדש וואָס האַדייך וואָס עס וועט זיין פֿאַר אידען אַ באַשטימטער אָרט צו דאַווענען וועלען זייערע שונאים ניט קענען מעהר טהון ווי קיין שלעכטס, 21) דברי הימים א' י"ז ט', וואו דער פסוק ווערט איבערגעחזרט און עס שטעהט דאָרט „לְבַלֹּתוֹ" „צו פֿאַרניכטען איהם" אַנשטאָט „לְעַנֹּתוֹ" „צו פייניגען איהם", ווי אין שמואל, 22) ד"ה בשעת דער בית המקדש איז געבויט געוואָרען איז די הבטחה געווען אַז ער זאָל באַשיצען די אידען אפילו פֿון פייניגען, דערנאָך אָבער — דברי הימים איז געשריבען געוואָרען נאָך'ן ערשטען חורבן — אַז זיי האָבען געזינדיגט, איז די הבטחה ניט מעהר געווען אַז זיי וועלען באַשיצט ווערען פֿון פֿאַרניכטונג אָבער ניט פֿון פייניגונג.

23) ד"ה פֿון תלמידי חכמים, 24) ווייל דורך דעם שטענדיגען פֿאַרקעהר מיט זיי לערנט מען מעהר ווי דורך דעם דירעקטען לערנען, 25) מלכים ב' ג' י"א, 26) ד"ה האָט באַדיענט, 27) הגם אלישע איז געווען אַ תלמיד פֿון אליהו הנביא,

28) בצבור, 29) כדי צו דאַווענען אין דער גלייכער צייט ווען דער עולם דאַווענט, 30) דאָס איז דער גרונד פֿאַרוואָס דיזער מאמר קומט דאָ, 31) תהלים

געזאָגט און ער ווידער זאָגט אַז ר׳ אמי האָט עס געזאָגט 1): דאָס וואָס שטעהט געשריבען 2): „און די וואָס פֿאַרלאָזען גאָט וועלען אונטערגעהן" מיינט דעם וואָס לאָזט איבער אַ ספר תורה 3) און געהט אַרויס. ר׳ אבהו פֿלעגט אַרויסגעהן צווישען איין אײַפֿגערופֿענעם און דעם אַנדערן 4). רב פפא האָט געפֿרעגט: ווי איז צווישען איין פסוק און דעם אַנדערן? תיקו 5)! רב ששת פֿלעגט זיך אומדרעהען אָן אַ זייט און לערנען 6) און פֿלעגט זאָגען: מיר מיט אונזערס, און זיי 7) מיט זייערס!

רב הונא בר יהודה האָט געזאָגט אַז ר׳ אמי האָט געזאָגט 8): אַ מענש זאָל תמיד ענדיגען די פרשות מיט'ן צבור 9), צוויי מאָל חומש 10) און איינמאָל תרגום 11), (ב׳) און אפילו „עֲטָרוֹת וְדִיבֹן" 12), וואָרום דער וואָס ענדיגט די פרשות מיט'ן צבור ווערען זיינע טעג און יאָהרען פֿאַרלענגערט.—רבי ביבי דער זוהן פֿון אביי האָט געדאַכט צו ענדיגען די פרשות פֿון אַ גאַנץ יאָהר אום ערב יום כפור, האָט איהם חייא בר רב פֿון דפתי געלערנט: עס שטעהט געשריבען 13): „און איהר זאָלט זיך פייניגען דעם נייטען טאָג אין חדש 14), אין אָווענט", פייניגט מען זיך דען דעם נייטען 15)? מען פייניגט זיך דאָך דעם צעהנטען טאָג 16)! נאָר דאָס מיינט צו זאָגען אַז דער וואָס עסט און טרינקט דעם נייטען פֿאַררעכענט איהם די תורה אַזוי ווי ער וואָלט זיך האָבען געפייניגט דעם נייטען און דעם צעהנטען 17). האָט ער געדאַכט צו ענדיגען זיי נאָך פֿריהער 18), האָט איהם אַן אַלטער מאַן 19) געזאָגט: עס ווערט געלערנט אין אַ משנה 20): ער זאָל נאָר ניט פֿאָראויסגעהן און ניט צוריקבלייבען 21). ווי ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט צו זיינע זיהן: ענדיגט אייערע פרשות מיט'ן צבור צוויי מאָל חומש און איינמאָל תרגום, און גיט אַכטונג אויף די האַלז אָדערן 22), ווי ר׳ יהודה, וואָרום מיר האָבען געלערנט אין אַ משנה 23): „ר׳ יהודה זאָגט: ביז ער שניידט איבער די האַלז אָדערן" 24), און זייט פֿאָרזיכטיג 25) מיט אַן אַלטען מאַן וואָס האָט פֿאַרגעסען זיין לערנען דורך אַ סבה 26), וואָרום מיר ערקלערען 27): די לוחות און די שברי לוחות 28) זיינען געלעגען אין דעם ארון.

רבא האָט געזאָגט צו זיינע זיהן: ווען איהר שניידט

פירוש.

1) נאָך „אלפס" און „רא"ש" דאַרף דאָ ניט שטעהן „רב הונא א.ז.וו.", נאָר „ווייטער האָט ר׳ חייא בר אמי געזאָגט אין נאָמען פֿון עולא", און דאָס ערקלעהרט פֿאַרוואָס דער מאמר שטעהט דאָ. 2) ישעיה א׳ כ"ח. 3) אָפֿען, און ער איז איהר ניט גולל און שטעלט איהר ניט אַריין צוריק אין ארון קדוש נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט לייענען אין איהר. 4) בשעת קריאת התורה צווישען איין פרשה און דער אַנדערער, ווען איין עולה לתורה געהט אַוועק און דער אַנדערער קומט, הייסט עס ניט איבערגעלאָזען די ספר תורה. 5) תֵּיקוּ עס בלייבט שטעהן, ד"ה די פֿראַגע בלייבט שטעהן אָהן אַן ענטפֿער (ר׳ יעקב ששפורטש). אַנדערע ערקלעהרען, אַז דאָס איז אַ ראשי תיבות פֿון תִּשְׁבִּי יְתָרֵץ קוּשְׁיוֹת וּבְעָיוֹת — אליהו (הנביא) ווערט פֿאַרענטפֿערן קשיות און פֿראַגען, ד"ה אַז די דאָזיגע שווערע פֿראַגע ווערט פֿאַרענטפֿערט ווערען אין משיח'ס צייטען בשעת די סודות התורה וועלען פֿאַר אַלעמען קלאָר ווערען. מעהרערע פֿאַקטען זיינען אָבער געגען דיזע ערקלערונג, וועלכע איז וואַהרשיינליך ניט מעהר ווי אַ מנעמאָנישער סימן, בעזונדערס דער פֿאַקט, וואָס מאַנכע פֿראַגען וואָס ווערען אין איין אָרט אָפּגעשלאָסען מיט תיקו, זיינען אין אַנדערע ערטער אין דער גמרא פֿאַרענטפֿערט געוואָרען (זעה „יד מלאכי" סימן תרל"ה). דער „ערוך" ערקלעהרט, אַז דאָס שטאַמט פֿון דעם וואָרט „תֵּיק" — שיידעל, ד"ה די פֿראַגע בלייבט ווי אין אַ שיידעל, וואָס מען קען ניט וויסען, וואָס עס ליגט אינעווייניג. נאָך ר׳ בנימין מוספיא ווידער זאָל עס זיין אַ קצור פֿון דעם וואָרט „אִשְׁתִּיקוּ" — זיי זיינען געבליבען שטיל, ד"ה דער וואָס מען האָט איהם געפֿרעגט איז געבליבען שטיל און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. — בנוגע צום דין איז דער כלל, אַז ווען די פֿראַגע דרעהט זיך אַרום אַ זאַך וואָס איז מִדְּאוֹרַיְתָא, ד"ה פֿון דער תורה, פסקנען מיר לְהוּמְרָא, ד"ה מיר נעהמען דאָס אָן שטרענג און פֿאַרבאָטען דאָס; איז דאָס אָבער נאָר מִדְּרַבָּנָן, פסקנען מיר לְקוּלָּא און ערלויבען עס. דאָס איז אָבער נאָר אין געלד אַנגעלעגענהייטען (דער פסק דין געהט געוועהנליך אין אַזעלכע פֿאַלען מעהר צו גונסטען פֿון דעם נתבע, ד"ה פֿון דעם וואָס מען מאָהנט פֿון איהם), אין פֿראַגען אָבער פֿון אִסּוּר וְהֶתֵּר (כשר אָדער טרפה א.א.וו.) איז אפילו אַז דאָס איז נאָר מדרבנן פסקנען מיר אויך לחומרא וואו די פֿראַגע בלייבט מיט תיקו (זעה „יד מלאכי" סימן תרל"ד). 6) בשעת קריאת התורה. 7) דער עולם וואָס דאַווענט; און עס ליגט ניט אין דעם קיין שום בזיון פֿאַר דער תורה.

8) דער מאמר שטעהט דאָ, ווייל אין דעם פֿריהערדיגען מאמר ווערט גערעדט מכח קריאת התורה. 9) ד"ה ער זאָל לייענען די סדרה פֿון דער וואָך יעדע וואָך, אַזוי ווי דער צבור לייענט שבת אין שוהל. 10) ד"ה אין לשון הקדש. 11) אונקלוס. 12) במדבר ל"ג ג׳, וואָס זיינען אייגענ-נעמען, ווי צ"ב ראובן ושמעון א.א.וו., און דער תרגום „אונקלוס" האָט זיי דערפֿאַר ניט איבערזעצט ₀). 13) ויקרא כ"ג ל"ב. 14) תשרי. 15) ערב יום כפור. 16) יום כפור. 17) זעהט מען דאָך דערפֿון, אַז ערב יום כפור דאַרף מען זיך בעשעפֿטיגען מיט עסען און טרינקען און זיך ניט אָנשטרענ-גען מיט אַזוי פֿיעל לייענען די תורה. 18) ד"ה פֿאַר ערב יום כפור. 19) זעה „פירוש" זייטע 14 נומ. 24. 20) תְּנֵינָא, מיט דיזען וואָרט ווערט מאַנכמאָל איינגעפֿיהרט אַ ציטאַט פֿון אַ משנה, געוועהנליך אָבער מיט תְּנַן. 21) ד"ה ניט פֿאַרכאַפּען ווייטערדיגע סדרות און ניט בלייבען הינטערשטעליג פֿון דער סדרה פֿון דער וואָך. 22) ווען איהר קוילעט אַן עוף, כדי דאָס גאַנץ בלוט זאָל אַרויסגעהן. 23) חולין פרק ב׳ משנה א׳. 24) דאַן איז די שחיטה כשר. 25) ד"ה רעספּעקטירט. 26) ד"ה דורך אַזעלכע אומשטענדען ווי קראַנקהייט אָדער אָרעמקייט. 27) מנחות צ"ט א׳. 28) די ערשטע לוחות וואָס משה האָט צעבראָכען בעת ער איז געוואָרען אין כעס אויף די אידען פֿאַרוואָס זיי האָבען געמאַכט דעם עגל.

₀) אין אונזערע חומשים איז נעראָדע „עטרות ודיבן" יאָ איבערזעצט אין „תרגום אונקלוס": „מכללתא ומלכשתא", אָבער עס זעהט אויס אַז דאָס איז אַ פֿערבעסערונג פֿון אַ קאָפּיסט, פֿילייכט נאָכדעם וואָס דאָס איז אַזוי איבערזעצט אין „תרגום יונתן" און אין דעם „תרגום ירושלמי". אַז דאָס איז לכתחלה ניט געווען אין „תרגום אונקלוס" קען מען זעהן דערפֿון, וואָס רש"י זאָגט דאָ דייטליך „שאין בו תרגום", און וואָס „תוספות", וואָס פֿרעגט אויף רש"י, זאָגט: „אע"ג שאין בו תרגום ידוע (ד"ה אונקלוס) אבל תרגום ירושלמי". דער רא"ש, הפנים, האָט שוין געזעהן תרגומים וואו עס איז דאָ אַן איבערזעצונג פֿון „עטרות ודיבן" און וואו עס איז ניטאָ, ווייל ער זאָגט: „ונראה דנקט עטרות ודיבן לפי שיש ספרים שכתוב בהם תרגום" (זעה אויך „מעדני יום טוב" דאָרט). ר׳ שמואל דוד לוצאַטו ברענגט אין זיין „אוהב גר" אַז אין כתב יד וואו אין פנים איז ניט געווען קיין איבערזעצונג און ביי דער זייט איז געשטאַנען „מכללתא ומלכישתא". אַן אַנדער בעוויז איז וואָס אין פסוק ל"ד וואו עס שטעהט „את דיבן ואת עטרות" איז אין קיין אויסגאַבע פֿון „תרגום אונקלוס" ניטאָ קיין איבערזעצונג.

פֿילייכט מיינט די גמרא דערמיט וואָס זי זאָגט „און אפילו עטרות ודיבן" צו געבען אונז אַ טעם פֿאַרוואָס עס איז בכלל וויכטיג צו לייענען תרגום, ד"ה ווייל אפילו „עטרות ודיבן" וואָס זיינען אייגענע נעמען איבערזעצט אויך דער תרגום. דיזע ערקלעהרונג ווייזט אפילו אָב פֿון די אָקצעפּטירטע פּירושים, אָבער זי איז אין איינקלאַנג מיט דעם נוסח פֿון אונזערע חומשים, און דאָדורך פֿאַלען אַוועק פֿיעל קשיות. און דאָס וואָס רש"י זאָגט „שאין בו תרגום" באַציהט זיך ניט אויף פסוק ג׳ נאָר אויף פסוק ל"ד וואו עס איז טאַקע ניטאָ קיין איבערזעצונג אין „תרגום אונקלוס". אַ רמז אויף דיזער ערקלעהרונג איז דאָ אין רא"ש וואָס זאָגט: „להך פירושא הא דנקט עטרות ודיבן אע"פ שאין צורך כ"כ בתרגום, אבל ראובן ושמעון וכיוצא בהם אין צריך לקרות ג׳ פעמים".

"ווייל ווער עס געפינט מיך 1) האט געפונען לעבען און ער ווערט באקומען גענאד פון גאט". רב נחמן בר יצחק האט געזאגט: "אין דער צייט פון געפינען" מיינט דער טוידט, ווארום עס שטעהט געשריבען: "איין אויסגאנג פון טוידט" 2). אין א ברייתא ווערט אויך געלערנט: ניין הונדערט און דריי אופנים פון טוידט זיינען בעשאפען געווארען אין דער וועלט, ווארום עס שטעהט "לַמָּוֶת תּוֹצָאוֹת", און אזוי איז די גימטריא פון "תוצאות" 3). דער שווערסטער פון זיי איז פון קרופ 4), דער גרינגסטער פון זיי איז דער קוש 5). קרופ איז ווי א דארן אין א בינטעל וואל וואס פאלט אריין אונטען 6), און אנדערע זאגען, ווי די שטריק אין א שיף-מאכט 7). דער קוש איז (גרינג) ווי מען ציהט ארויס א האר פון מילך. ר' יוחנן האט געזאגט: "אין דער צייט פון געפינען" מיינט די קבורה. האט ר' חנינא גע-פרעגט: וואו איז דער פסוק דערפאר?—"די וואס זיינען מלא שמחה און פרעהען זיך אז זיי געפינען א קבר" 8). רבה דער זוהן פון רב שילא האט געזאגט: אט דאס מיינט דאס גלייכווערטעל, אז א מענש זאל בעטען רחמים צו האבען שלום ביז צו דער לעצטער שויפעל 9). מר זוטרא האט געזאגט: "אין דער צייט פון געפינען" מיינט א בית הכסא 10). אין מערב האט מען געזאגט; דאס וואס מר זוטרא האט געזאגט איז איז דאס בעסטע פון אלע.

רבא 11) האט געזאגט צו רפרם בר פפא: זאל דער רבי אונז עפעס זאגען פון יענע גוטע זאכען וואס ער האט געזאגט אין נאמען פון רב חסדא בנוגע צו שוהלען! האט ער איהם געזאגט: אזוי האט רב חסדא געזאגט: דאס וואס שטעהט געשריבען 12): "גאט ליעבט די טויערן פון ציון מעהר פון אלע וואהנונגען פון יעקב" (מיינט): גאט האט ליעב די טויערן וואס צייכענען זיך אויס דורך הלכה 13) מעהר ווי שוה-לען און בתי מדרשים. און דאס איז דאסזעלבע וואס ר' חייא בר אמי האט געזאגט אין נאמען פון עולא: זייט דער בית המקדש איז חרוב געווארען איז דעם קב"ה גאר ניט מעהר געבליבען אין זיין וועלט ווי די ד' אמות פון דער הלכה 14).— אביי האט געזאגט: פריהער פלעג איך לערנען צו הויז און דאווענען אין שוהל, נאכדעם אבער ווי איך האב געהערט דאס וואס ר' חייא בר אמי האט געזאגט אין נאמען פון עולא: "זייט דער בית המקדש איז חרוב געווארען איז דעם קב"ה גאר ניט מעהר געבליבען אין זיין וועלט ווי די ד' אמות פון דער הלכה" דאווען איך נאר דארט וואו איך לערן.—ר' אמי און ר' אסי הגם זיי האבען געהאט דרייצעהן שוהלען אין טבריא, פלעגען זיי נאר דאווענען צווישען די זיילען 25), דארט וואו זיי פלעגען לערנען.

ווייטער האט ר' חייא בר אמי געזאגט אין נאמען פון עולא: דער וואס לעבט פון זיין הארעוואניע איז גרעסער פאר א ירא שמים, ווארום ביי דעם ירא שמים שטעהט גע-שריבען 16): "וואויל איז דעם מענשען וואס האט מורא פאר גאט", אבער ביי דעם וואס לעבט פון זיין הארעוואניע שטעהט 17): "אז דו עסט פון דער הארעוואניע פון דיינע הענט איז וואויל צו דיר און גוט צו דיר", "וואויל צו דיר" אין דיזער וועלט און "גוט צו דיר" אויף יענער וועלט, און ביי דעם ירא שמים שטעהט ניט "און גוט צו דיר".

ווייטער האט ר' חייא בר אמי געזאגט אין נאמען פון עולא: א מענש זאל תמיד וואהנען וואו זיין רבי וואהנט, ווארום כל זמן שמעי בן גרא האט געלעבט האט שלמה ניט התונה געהאט מיט פרעה'ס טאכטער 18).— עס שטעהט דאך אבער אין א ברייתא אז מען זאל ניט וואהנען!? — דאס איז קיין קשיא ניט! דאס 19) איז אז ער פאלגט איהם און יענעם 20) איז אז ער פאלגט איהם ניט 21).

רב הונא בר יהודה האט געזאגט אז ר' מנחם האט

פירוש.

1) עס באציהט זיך דארט אויף דער תורה, 2) תהלים ס"ח כ"א.—ער דרשנט דאס ווארט "תּוֹצָאוֹת" — אויסגאנג, אזוי ווי עס וואלט געשטאנען "מוצאות"—געפינס, דער שורש "יצא"—אויסגעהן איז עהנליך צו "מצא"—געפינען. 3) גִּימַטְרִיָּא איז איינע פון די מעטאדעס מיט וועלכע די חכמים האבען זיך באנוצט אין זייערע דרשות, באזונדערס אין אגדתות און דארט וואו עס פעהלט א בעסערער באווייז, און בא-שטעהט אין דעם וואס די אותיות פון דעם באטרעפענדען ווארט, פון וועלכען דער דרש ווערט געמאכט, ווערען בעטראכט אין זייער נומע-רישען ווערטה (די אותיות פון אלף בית דיענען אויך, ווי בעקאנט, אלס ציפערן, למשל א-1, ב-2, ג-3 א.א.וו.) און צוזאמענגערעכענט, אין דעם ווארט "תוצאות" דא איז ת—400, ו—6, צ—90, א—1, ו—6, ת—400, צוזאמען אלזא 903, 4) א שווערע פארמע פון דיזער קראנקהייט, פון וועלכער דער חולה ווערט אלמעהליך דערשטיקט, 5) פון גאט, וואס נעהמט אוועק די נשמה אהן שום יסורים, מיט אזא טוידט זיינען גע-שטארבען משה, אהרן און מרים, ווייל עס שטעהט ביי זיי אז זיי זיינען געשטארבען "על פי ה'", דרשנט די גמרא (בבא בתרא י"ז א') אז דאס מיינט דורך "נשיקה"—א קוש, 6) און עס איז זעהר שווער איהם ארויס-צונעהמען, ווייל די וואל טשעפעט זיך און שלעפט זיך נאך, 7) וואס זיינען זעהר ענג אריינגעטהאן און עס איז זיי נאך שווערער ארויסצושלעפען ווי א דארן פון וואל, 8) איוב ג' כ"ב, 9) ערד וואס מען ווארפט אויף איהם ביי דער קבורה, ווייל ביז דאנען קען מען נאך אלין האבען צרות, 10) ווייל אין בבל איז די ערד געווען זומפיג און עס איז געווען שווער צו האבען א בית הכסא,

11) נאכדעם וואס אין די פריהערדיגע מאמרים איז גערעדט געווארען פון דער חשיבות פון שוהלען קומט דיזער מאמר און זאגט אז דער ארט וואו מען לערענט תורה איז נאך חשובער, 12) תהלים פ"ז ב'. 13) ד"ה די ערטער וואו מען לערנט תורה. — דאס איז א ווארטשפיעל. דער אייגענ-נאמען ציון ווערט דא פארטייטשט, אזוי ווי עס וואלט געשטאנען ציון וואס באדייטעט אויסצייכנונג. 14) די פיער איילען וואס דער וואס זיצט און לערנט פארנעהמט; ד"ה אז דאס לערנען פון תורה איז דאס העכסטע ביי גאט. 15) וואס האבען אויפגעהאלטען דאס געביי פון זייער ישיבה.

16) תהלים קי"ב א'. 17) דארט קכ"ח ב'.

18) שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא איז געווען שלמה המלך'ס רבי, און גלייך נאכדעם ווי ער איז געהרגעט געווארען שטעהט אז שלמה האט גענומען פרעה'ס טאכטער (מלכים א' ב' מ"ו און ג' א'). 19) וואס ר' חייא בר אמי האט געזאגט. 20) וואס עס שטעהט אין דער ברייתא אז מען זאל ניט וואהנען דארט וואו דער רבי וואהנט. 21) וועט ער ניט זיין קיין מזיד אויב ער טהוט עפעס וואס איז אומרעכט און וועט דורך זיינע מעשים ניט מצער זיין זיין רבי.

צו שיינען איז שוין טאָג, און דערנאָך לערנסטו „און ער איז דערמיט יוצא איינמאָל פאַר בייטאָג און איינמאָל פאַר ביי-נ אַ כ ט", בעוויזט עס דאָך שוין גאָר אַז דאָס איז נאָך נאַכט⁉ (ט' א') ניין! לעולם איז דאָס טאַקע שוין טאָג, נאָר ער רופט דאָס אָן נאַכט, ווייל עס זיינען דאָ מענשען וואָס שלאָ-פען נאָך דאַמאָלס 1). ר' אחא דער זוהן פון ר' חנינא זאָגט אַז ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר' שמעון וועלכער זאָגט אין נאָמען פון ר' עקיבא.—ר' זירא זאָגט: ער זאָל נאָר ניט זאָגען „השכיבנו" 2).—אַז רב יצחק בר יוסף איז געקומען, האָט ער געזאָגט אַז דאָס וואָס ר' אחא דער זוהן פון ר' חנינא האָט געזאָגט אַז ר' יהושע בן לוי האָט גע-זאָגט איז ניט בפירוש 3) געזאָגט געוואָרען נאָר עס איז דורך אַ דעדוקציע געזאָגט געוואָרען, וואָרום עס האָט זיך גע-טראָפען אַז אַ פּאָר רבנן האָבען זיך אָנגע'שכור'ט אויף דער חתונה פון ר' יהושע בן לוי'ס זוהן 4), זיינען זיי גע-קומען פאַר ר' יהושע בן לוי 5), האָט ער געזאָגט: ר' שמעון איז גוט געגונג אַז מען זאָל זיך מעגען פערלאָזען אויף איהם אין אַ שעת הדחק 6).

„עס האָט זיך אַמאָל געטראָפען אַז זיינע זיהן א.א.וו."

(איז דאָס מעגליך), אַז ביז דאַמאָלס האָבען זיי 7) ניט געהערט וואָס רבן גמליאל האָט געזאָגט? — זיי האָבען איהם אַזוי געפרעגט 8): זיינען די רבנן מחולק אויף דיר און ווען אַ יחיד איז געגען אַ רבים איז דאָך דער דין ווי די רבים 9), אָדער אפשר האָבען די רבנן דיזעלבע מיינונג ווי דו, נאָר דאָס וואָס זיי זאָגען „ביז האַלבע נאַכט" איז כדי צו דער-ווייטערן מענשען פון אַן עבירה? האָט ער זיי געענטפערט: די רבנן האַלטען מיט מיר, און איהר זייט מחויב 10), און דאָס וואָס זיי זאָגען „ביז האַלבע נאַכט" איז כדי צו דער-ווייטערן מענשען פון אַן עבירה 11).

„און ניט נאָר דאָ אַליין האָבען זיי געזאָגט, נאָר א.א.וו."

האָט דען רבן גמליאל אויך געזאָגט „ביז האַלבע נאַכט", וואָס ער לערנט „און ניט נאָר דאָ אַליין האָבען זיי געזאָגט" 12)? —רבן גמליאל האָט אַזוי געזאָגט צו זיינע זיהן: אפילו נאָך די רבנן וואָס זאָגען „ביז האַלבע נאַכט" איז (באמת) די מצוה דערפון ביז עס געהט אויף דער מאָרגענשטערן, נאָר דאָס וואָס זיי זאָגען „ביז האַלבע נאַכט" איז כדי צו דערווייטערן מענשען פון אַן עבירה.

„דאָס פאַרברענען פון חלב א.א.וו."

אָבער דאָס עסען פון קרבן פסח 13) ווערט דאָ ניט גע-לערנט, קען מען דאָך דערויף פרעגען פון דער בריתא: קריאת שמע פון אָוועגט און „הלל" אין די סדר נעכט און דאָס עסען פון קרבן פסח איז די מצוה דערפון ביז עס געהט אויף דער מאָרגענשטערן 14)? האָט רב יוסף געענטפערט: עס איז קיין קשיא ניט! דאָס 15) איז נאָך ר' אלעזר בן עזריה און יענעס 16) איז נאָך ר' עקיבא, וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: „און זיי זאָלען עסען דאָס פלייש אין דער-זעלבער נאַכט" 17), זאָגט ר' אלעזר בן עזריה: עס שטעהט דאָ „אין דערזעלבער נאַכט" און עס שטעהט ווייטער „און איך וועל דורכגעהן אין דאָס לאַנד מצרים אין דערזעל-בער נאַכט" 18), איז אַזוי ווי דאָרט איז געווען ביז האַלבע נאַכט 19), אַזוי איז אויך דאָ ביז האַלבע נאַכט. דערויף האָט איהם ר' עקיבא געזאָגט: עס שטעהט דאָך פריהער „אין איילעניש" 20) מיינט עס (אודאי) ביז דער צייט פון איילע-ניש 21). — אויב אַזוי, טאָ וואָס לערנט אונז „אין דער נאַכט" 22)?—ווייל מען וואָלט געקענט מיינען אַז מען מעג דאָס עסען ווי קדשים, בייטאָג 23), לערנט אונז „אין דער נאַכט" אַז עס זאָל (נאָר) ביי דער נאַכט געגעסען ווערען,

---

פ י ר ו ש.

שטעהט אין דער תורה. 1) איז דאָס דאָך אין איינקלאַנג מיט דעם טערמין פון „ובשכבך". 2) אויב ער לייענט ק"ש פון אָוועגט קורץ בעפאָר דער מאָרגענשטערן געהט אויף, ווייל „השכיבנו" באַדייטעט „לאָז אונז איינ-שלאָפען" און דאַן איז דאָך שוין דער סוף פון שלאָף. 3) ד"ה ר' יהושע בן לוי האָט ניט געזאָגט בפירוש אַז דער דין איז ווי ר' שמעון, נאָר ער האָט עפּעס געזאָגט פון וועלכעס מיר קענען שליסען אַז ער איז מיט דיזער מיינונג. 4) און זיינען איינגעשלאָפען אָהן קריאת שמע און זיך אויפגעכאַפּט אַז דער מאָרגענשטערן איז שוין געווען אויפגעגאַנגען. 5) צו פרעגען איהם צי זיי מעגען נאָך לייענען. 6) ד"ה ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ סבה אַז מען האָט ניט געקענט לייענען פריהער, ווי עס איז דאָ געווען דער פאַל.

7) רבן גמליאל'ס זיהן. 8) ד"ה באמת האָבען זיי טאַקע געוואוסט וואָס זייער פאָטער האָט געזאָגט. 9) ד"ה מוזען מיר פאָלגען די חכמים וואָס זאָגען „ביז האַלבע נאַכט" און מיר טאָרען שוין ניט מעהר לייענען ק"ש. 10) צו לייענען ק"ש. 11) זעה „פירוש" זייטע 3 נומ. 22.

12) דער לשון אין דער משנה זעהט אויס ווי אַן אַלגעמיינער כלל וואָס רבן גמליאל וואָלט געגעבען אַז „אומעטום וואו די חכמים זאָגען א.א.וו.", און אַזוי ווי עס וואָלט איהם אויך איינגעשלאָסען, דערפאַר פרעגט דאָ די גמרא.

13) וואָס די צייט דערפון איז אויך ביז עס געהט אויף דער מאָרגענ-שטערן. 14) טאָ פאַרוואָס איז דאָס אין דער בריתא יאָ דערמאָהנט געבען ק"ש פון אָוועגט, און אין אונזער משנה ניט. דיזעלבע קשיא קען אויך געפרעגט ווערען אויף „הלל" אָבער דאָס איז שוין איינגעשלאָסען אין דער קשיא אויף קרבן פסח, מיט וועלכען דאָס הלל זאָגען איז פערבונדען און פון וועלכען עס איז אָפּהענגיג. 15) אונזער משנה. 16) די ציטירטע בריתא. 17) וואָס שטעהט אין שמות י"ב ח' ביי דער מצוה פון קרבן פסח. 18) דאָרט פסוק ב' י"ב, ביי מכת בכורות. 19) ווי עס שטעהט ווייטער אין פסוק כ"ט: „און עס איז געווען אום האַלבע נאַכט א.א.וו.". 20) אַז דער קרבן פסח זאָל געגעסען ווערען אין איילעניש, דאָרט פסוק י"א. 21) וואָרום עס קען ניט מיינען ווערטליך, ווייל די גאַנצע נאַכט זיינען זיי דאָך געבליבען אין זייערע הייזער, ווי עס שטעהט דאָרט אין פסוק כ"ב: „קיין מענש זאָל ניט אַרויסגעהן פון דער טיהר פון זיין הויז ביז אין דער פריה", איז עס דאָך ניט געווען נויטיג צו עסען דעם קרבן פסח אין איילעניש, אלא מסתמא מיינט עס ביז גאַנץ אין דער פריה ווען די אידען האָבען זיך געגריטען אַוועקצוגעהן פון מצרים. 22) דאָס איז די געגענפראַגע.— ד"ה ווי באַלד אַז די צייט פון קרבן פסח איז ביז אין דער פריה און איז באַשטימט דורך דאָס וואָרט „אין איילעניש", איז דאָך דאָס וואָרט „אין דער נאַכט" שוין איבעריג, סיידען עס קומט צו לערנען אונז עפּעס נייעס. זעה „פירוש" זייטע 14 נומ. 3. 23) ד"ה ווי אַלע אַנדערע קרבנות וואָס

פלייש 1), זאָלט איהר ניט שניידען אויף דער האַנד—אייניגע זאָגען צוליעב דער סכנה 2), און אייניגע זאָגען, כדי ניט איבערצופיהרען די סעודה 3)—, און איהר זאָלט ניט זיצען אויף'ן בעט פון אַן אַראַמעערקע 4), און איהר זאָלט ניט פאַר-בייגעהן הינטער אַ שוהל בשעת דער עולם דאַווענט. „און איהר זאָלט ניט זיצען אויף'ן בעט פון אַן אַראַמעערקע", איי-ניגע זאָגען (אַז דאָס מיינט), איהר זאָלט זיך'ניט לעגען שלאָפען אָהן קריאת שמע 5), און אייניגע זאָגען, איהר זאָלט ניט חתונה האָבען מיט אַ גיורת, און אייניגע זאָגען (אַז דאָס מיינט) פשוט אַן אַראַמעערקע, צוליעב דאָס וואָס האָט פאַסירט מיט רב פפא; וואָרום רב פפא איז אַמאָל געגאַנגען צו אַן אַראַ-מעערקע, האָט זי איהם דערלאַנגט אַ בעט 6) און האָט גע זאָגט צו איהם: זעצט אייך! האָט ער געענטפערט: איך וועל זיך ניט זעצען סיידען דו וועסט אויפדעקען דאָס בעט. אַז מען האָט אויפגעדעקט דאָס בעט, האָט מען דאָרט געפונען אַ טויט קינד 7). דערפאַר האָבען די חכמים געזאָגט אַז מען טאָר זיך ניט זעצען אויף'ן בעט פון אַן אַראַמעערקע. „און איהר זאָלט ניט פאַרבייגעהן הינטער אַ שוהל בשעת דער עולם דאַווענט", איז אַ שטיצע פאַר ר' יהושע בן לוי, וואָרום ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: אַ מענש טאָר ניט פאַרבייגעהן הינטער אַ שוהל בשעת דער עולם דאַווענט 8). אביי זאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער אַריינ-גאַנג, אַז עס איז אָבער דאָ אַן אַנדער אַריינגאַנג מאַכט ניט אויס; אויך איז דאָס נאָר גערעדט, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער שוהל, אַז עס איז אָבער דאָ אַן אַנדער שוהל, מאַכט ניט אויס; אויך איז דאָס נאָר גערעדט, אַז מען טראָגט ניט קיין משא, אָדער מען לויפט ניט, אָדער מען געהט ניט אין תפילין, אַז עס איז אָבער דאָ איינע פון דיזע פאַלען, מאַכט עס ניט אויס 9).

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: ר' עקיבא האָט געזאָגט: צוליעב דריי זאַכען ליעב איך די מעדיער 10): אַז זיי שניידען פלייש, שניידען זיי נאָר אויף'ן טיש, אַז זיי קושען, קושען זיי נאָר אויף דער האַנד 11), און אַז זיי געבען אַן עצה, געבען זיי נאָר אויף'ן פעלד 12). רב אדא בר אהבה האָט געזאָגט: וואו איז אַ פסוק דערפאַר 13)? „און יעקב האָט געשיקט רופען רחל און לאה אין פעלד אַריין צו זיינע שעפסען" 14).—אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: רבן גמליאל זאָגט: צוליעב דריי זאַכען ליעב איך די פערסיער: זיי זיינען צנועים ביים עסען, צנועים אין בית הכסא, און צנועים אין אַן אַנדער זאַך 15).—„איך האָב באַפאָהלען די וואָס איך האָב אָ נ ג ע-ג ר יי ט" 16), האָט רב יוסף געלערנט: דאָס מיינט די פער-סיער וואָס זיינען מוכן ומזומן פאַר'ן גיהנום.

„רבן גמליאל זאגט: ביז עס געהט אויף דער מארגענשטערן" 17).

רב יהודה זאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: דער דין איז ווי רבן גמליאל.

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: ר' שמעון בן יוחאי זאָגט: אַמאָל (קומט פאָר) אַז אַ מענש לייענט קריאת שמע צוויי מאָל אין איין נאַכט, איינמאָל בעפאָר דער מאָרגענ-שטערן געהט אויף און איינמאָל נאָכדעם ווי דער מאָרגענ-שטערן איז אויפגעגאַנגען, און ער איז דערמיט יוצא זיין פליכט 18) איינמאָל פאַר בייטאָג און איינמאָל פאַר ביינאַכט. —דאָס ענטהאַלט דאָך אַ ווידערשפרוך אין זיך! דו זאָגסט אַליין „אַמאָל לייענט אַ מענש קריאת שמע צוויי מאָל אין איין נ אַ כ ט", איז דאָס דאָך נאַכט, דערנאָך לערנסטו „און ער איז דערמיט יוצא איינמאָל פאַר ביי ט אָ ג און איינמאָל פאַר ביינאַכט", בעווייזט עס דאָך שוין גאָר אַז עס איז טאָג?! —ניין! לעולם איז דאָס נאָך נאַכט 19), נאָר ער רופט עס אָן טאָג 20), ווייל עס זיינען דאָ מענשען וואָס שטעהען שוין דאַ-מאָלס אויף 21).—ר' אחא, דער זוהן פון ר' חנינא האָט גע-זאָגט אַז ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר' שמעון בן יוחאי.—אייניגע זאָגען אַז דאָס וואָס ר' אחא דער זוהן פון ר' חנינא האָט געזאָגט באַציהט זיך אויף אַן אַנדער ברייתא וואו עס ווערט געלערנט: ר' שמעון בן יוחאי זאָגט אין נאָמען פון ר' עקיבא: אַמאָל (קומט פאָר אַז) אַ מענש לייענט קריאת שמע צוויי מאָל אין איין טאָג, איינמאָל בע-פאָר די זון הויבט אָן צו שיינען און איינמאָל נאָכדעם ווי די זון האָט אָנגעהויבען צו שיינען, און ער איז דערמיט יוצא זיין פליכט איינמאָל פאַר בייטאָג און איינמאָל פאַר ביינאַכט. —דאָס ענטהאַלט דאָך אַ ווידערשפרוך אין זיך! דו זאָגסט אַליין „אַמאָל לייענט אַ מענש קריאת שמע צוויי מאָל אין איין ט אָ ג, בעווייזט עס דאָך אַז בעפאָר די זון הויבט אָן

פ י ר ו ש.

1) דער מאמר קומט דאָ, ווייל ער האָט אַן עהנליכקייט מיט דאָס וואָס ר' יהודה זאָגט וועגען קוילענען די האַלז אָדערן, וואָס שטעהט צום סוף פון דעם פריהערדיגען מאמר. 2) איינצושניידען די האַנד. 3) ווייל דאָס בלוט פון דער האַנד וועט קומען אויף דאָס פלייש, און די וואָס זיצען ביים טיש וועלען זיך מאוסען. 4) אַ גויה פון אֲרָם, אַ מדינה אין צפון פון ארץ ישראל. 5) ווי די געצענדיענער. 6) די בעטען אין יענע צייטען זיינען אייגענטליך ניט געוועזן קיין בעטען נאָר סאָפאַס אויף וועלכע מען פלעגט אי זיצען אי שלאָפען. 7) זי האָט געוואָלט מאַכען אויף איהם אַ בלבול, אַז ער האָט דאָס קינד דערהרגעט. 8) ווייטער ס"א א'. ווייל דאָס זעהט אויס ווי ער אַנטלויפט פון שוהל. 9) ווייל דאַמאָלס זעהט עס ניט אויס ווי ער וואָלט אַנטלויפען פון שוהל.

10) די איינוואָהנער פון דער מדינה מָדַי. 11) ווייל מען קען זיך דערביי ניט אָנשטעקען, אויב דער וואָס קושט ליידט פון אַן אָנשטעקענ-דער קראַנקהייט. 12) כדי קיינער זאָל ניט הערען. 13) אַז מען זאָל אַן עצה געבען אויף'ן פעלד. 14) בראשית ל"א ד', בשעת ער האָט זיך געוואָלט מיט זיי מיישב זיין צו פאַרלאָזען לבן'ען. 15) אין געשלעכטליכען פאַרקעהר. 16) ישעיה י"ג ג', דער פסוק בעציהט זיך אויף די פערסיער וועמען גאָט האָט אָנגעגרייט, ווי דער נביא זאָגט, צו צערשטערען בבל. — רבי יוסף וואָס האָט געלעבט אַסך שפּעטער, בשעת די פערסיער זיינען שוין געוועזן רעגענערירט, האָט פון זיי אַן אַנדער מיינונג ווי רבן גמליאל.

17) איז צייט פאַר די קריאת שמע פון אָווענט.

18) פון לייענען ק"ש. 19) ד"ה בנוגע צו אַנדערע מצות, וואָס זייער צייט איז בייטאָג, ווי תפילין און ציצית („תוספות"). 20) בנוגע צו ק"ש. 21) איז דאָס דאָך אין איינקלאַנג מיט דעם טערמין פון „ובקומך" וואָס

איך בעט דיך, געה און זאָג צו די אידען: איך בעט אייך 1), לייהט פֿון די מצרים זילבערנע און גאָלדענע כלים, כדי עס זאָל ניט זאָגען (ב') יענער צדיק 2): „און זיי 3) יעלען זיי 4) מאַכען פֿאַר קנעכט און זיי וועלען זיי פּייניגען" האָט ער יאָ מקיים געווען בײ זיי, „און דערנאָך וועלען זיי 5) אַרויסגעהן מיט אַ גרויס פֿאַרמעגען" 6) האָט ער ניט מקיים געווען בײ זיי. — האָבען זיי איהם 7) געענטפֿערט: הלואי לאָמיר שוין אַליין אַרויסקומען! דאָס איז ווי אַ מענש וואָלט געזעסען אין תפיסה און מען וואָלט צו איהם געזאָגט: מאָרגען וועלען מענשען דיך אַרויסנעהמען פֿון געפֿענגעניש און וועלען דיר געבען אַ סך געלד, וואָלט ער געענטפֿערט: איך בעט אייך, נעהמט מיך היינט אַרויס און דאָס אַנדערע בין איך אייך מוחל.

„און זיי האָבען זיי פֿאַרליהען" 8), זאָגט ר' אמי אַז דאָס לערנט אַז זיי האָבען זיי פֿאַרליהען איבער געוואַלט 9). איינינגע זאָגען: איבער געוואַלט פֿון די מצרים 10) און איינינגע זאָגען: איבער געוואַלט פֿון די אידען 11). די וואָס זאָגען „איבער געוואַלט פֿון די מצרים", ווייל עס שטעהט געשריבען 12): „און די איינוואָהנערין פֿון הויז טיילט זיך מיט מלחמה-רויב" 13), און די וואָס זאָגען „איבער געוואַלט פֿון די אידען" צוליעב דער משא 14).

„און זיי האָבען אויסגעלעדיגט מצרים" 15), זאָגט ר' אמי, אַז דאָס לערנט, אַז זיי האָבען איהר געמאַכט ווי אַ נעץ וואָס האָט ניט קיין קאָרן 16), און ריש לקיש זאָגט, אַז זיי האָבען איהר געמאַכט ווי אַ טיעף וואַסער וואָס האָט ניט קיין פֿיש 17).

„איך וועל זיין וואָס איך בין" 18) (מיינט אַז) דער קב"ה האָט געזאָגט צו משה: געה און זאָג די אידען: איך בין מיט אייך אין דיזען גלות און איך וועל מיט אייך זיין אין אַנדערע גלותן.—רופֿט ער זיך אָן צו איהם: רבונו של עולם, אַ צרה איז גענוג אַז זי איז שוין דאָ 19)! האָט דער קב"ה געזאָגט: געה זאָג זיי: „יאָס איך בין האָט מיך געשיקט צו אייך" 20).

„ענטפֿער מיר 21), גאָט, ענטפֿער מיר" 22), האָט ר' אבהו געזאָגט: פֿאַרוואָס האָט אליהו געזאָגט צוויי מאָל „ענטפֿער מיר"? דאָס לערנט אַז אליהו האָט געזאָגט פֿאַר'ן קב"ה: רבונו של עולם, ענטפֿער מיר, אַז אַ פֿייער זאָל אַראָפּ פֿון הימעל און פֿאַרברענען אַלין וואָס איז דאָ אויף'ן מזבח, און ענטפֿער מיר אַז עס זאָל זיי 23) ניט קימען אייפֿ'ן געדאַנק צו זאָגען, אַז דאָס איז געשעהען דורך כשוף 24), ווי עס שטעהט געשריבען 25): „און דו האָסט פֿאַרדרעהט זייער האַרץ אויף הינטען".

פירוש.

זעהט דאָ אין פסוק אין פֿלוג אויס. 1) דאָס וואָרט „נָא" שטעהט ניט אין אָנפֿאַנג פֿון פסוק, נאָר נאָך „רעד צו" וואָס באַציהט זיך אויף משה און פֿאַר „דאָס פֿאָלק", און דערויף ווערט געבויט נאָך אַ דרש, אַז די בקשה יאָס איז ענטהאַלטען אין וואָרט נא איז אַ דאָפּעלטע, ד"ה אַז גאָט בעט אי משה'ן אי דאָס פֿאָלק. 2) אברהם אבינו. 3) די מצרים. 4 און 5) די אידען. 6) בראשית ט"ו י"ג וי"ד, וואָס גאָט האָט אברהם'ען צוגעזאָגט בשעת ער האָט זיך צו איהם באַוויזען נאָך דער מלחמה מיט די מלכים. 7) די אידען צו משה.

8) שמות י"ב ל"ו. 9) פֿאַרלייהען אין העברעאיש הייסט לְהַשְׁאִיל אין הפעיל, וואָס איז אַ גראַמאַטישע פֿאָרמע וועלכע קען אויסדריקען אַ מהע-טיגקייט וואָס איז פֿאַרבונדען מיט צוואַנג, ד"ה מאַכען אַז אימיצער זאָל עפּעס טהון. אַ באַזונדערע גרונד פֿאַר זיין דרשה געפֿינט דאָ ר' אמי דערין וואָס עס שטעהט דאָ וַיַּשְׁאִלוּם, מיט אַ דירעקטען אָביעקט, און עס קען דערפֿאַר געטייטשט ווערען אי: און זיי (די מצרים) האָבען זיי (די אידען) פֿאַרליהען (גאָלד און זילבער א.ז.וו.)' אי „און זיי האָבען געמאַכט אַז זיי זאָלען פֿאַרלייהען. און אַזוי ווי דאָס וואָרט „וַיַּשְׁאִלוּם" קען אויך מיינען אַז „זיי האָבען געמאַכט אַז זיי זאָלען לייהען", קומען גאָבדעם ווי ר' אמי צייגט דאָ אָן בכלל דעם עלעמענט פֿון צוואַנג, צוויי ענטגעגענגעזעצטע מיינונגען וועלכע באַרוהען אויף די לעצטע צוויי ער-קלערונגס-מעגליכקייטען. 10) ד"ה אַז די מצרים האָבען באמת ניט געוואָלט פֿאַרלייהען, נאָר זיי זיינען דערצו געצוואונגען געוואָרען. 11) ד"ה אַז די אידען האָבען ניט געוואָלט נעהמען קיין זאַך, נאָר די מצרים האָבען זיי דערצו געצוואונגען. 12) תהלים ס"ח י"ג. 13) אין דעמזעלבען מזמור איז דאָ אַ רמז אויף יציאת מצרים, און דאָ ווערט גערעדט פֿון „מלחמה-רויב", און דאָס דאַרף אַ באַווייז אַז די מצרים האָבען געגעבען איבער געוואַלט. 14) ד"ה ווייל זיי האָבען זיך געזאָרגט אַרייצונעהמען פֿון מצרים האָבען זיי ניט געוואָלט שלעפּען מיט זיך אַ שווערע משא.

15) דאָס איז דער סוף פֿון פסוק אין שמות י"ב ל"ו. 16) ד"ה, אידען האָבען מצרים אזוי אויסגעשעפּט. אַז זי האָט שוין ניט געקענט מעהר אָנגרייפֿען אַנדערע פֿעלקער, פונקט ווי אַ נעץ וואָס האָט אין זיך קיין קאָרן ניט האָט ניט מיט וואָס צו ציהען די פֿויגעל צו זיך כדי צו כאַפּען זיי. 17) ד"ה אַז מצרים איז געוואָרען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז עס האָט זיך קיין פֿאָלק ניט מעהר געהויעט זיי אָנצוגרייפֿען, פונקט ווי עס לוינט זיך ניט צו פֿישען אין אַ טיעף וואַסער, ווייל דאָרט איז געוועהנליך קיין פֿיש ניטאָ. ריש לקיש געהט אַלזאָ נאָך ווייטער ווי ר' אמי.—ביידע דרשות זיינען געבויט דערויף, וואָס אויסלעדיגען אין העברעאיש הייסט נִצֵּל און זעהט אויס עהנליך צו מְצוּדָה — אַ טיעף וואַסער און מְצוּלָה — אַ נעץ. און אַנדער ווערטשפּיעל אין דיזע מאמרים איז דָּגָן — קאָרן, וואָס שטעהט ביי „מצודה", און דָּגִים — פֿיש, וואָס שטעהט ביי „מצולה".

18) שמות ג' י"ד, אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו משה אַז ער זאָל ענטפֿערן די אידען, ווען זיי וועלען איהם פֿרעגען, ווער עס האָט איהם געשיקט צו זיי. 19) מאָ וואָס דאַרף מען זיי נאָך דערצעהלען פֿון אַנדערע גלותן וואָס זיי וועלען האָבען? 20) דאָס איז דער סוף פֿון דעם פסוק. דער דרש איז געבויט דערויף וואָס אין דעמזעלבען פסוק שטעהט פֿריהער „אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה" און דערנאָך שטעהט בלויז „אֶהְיֶה".

21) דיזער מאמר שטעהט שוין בקצור פֿריהער, זעה זייטע 19. 22) מלכים א' י"ח ל"ז. 23) די נביאים פֿון בַּעַל. 24) ווי די צויבערער פֿון מצרים האָבען געזאָגט אויף די אותות ומופתים פֿון משה אַז האָבען דאָריך באַאיינפֿלוסט פרעה אַז ער זאָל ניט נאָכגעבען. 25) דאָס איז דער סוף פֿון דעם פסוק אין מלכים. דער פסוק ענטהאַלט די תפלה וואָס אליהו הנביא האָט מתפלל געווען אַז גאָט זאָל איהם באַווייזען דעם נס אַז אַ פֿייער זאָל אַראָפּ א.א.וו.: „ענטפֿער מיר א.א.וו., און דאָס פֿאָלק זאָל ווייסען אַז די בייט גאָט, האָסט דאָס דאָך דיין המשך ניט מיט דאָס וואָס שטעהט גלייך נאָכדעם „און דו האָסט פֿאַרדרעהט א.א.וו., דערפֿאַר דרשנט ר' אבהו אַז דיזע ווערטער געהערען אויך צו דער תפלה און ד"ה אַז אליהו האָט געבעטען אַז גאָט זאָל פֿאַרדרעהען זייערע מחשבות כדי עס זאָל זיי ניט קימען אייפֿ'ן געדאַנק אַז דאָס איז מעשה כשוף.

אָבער ניט בייטאָג. מילא ר' אלעזר בן עוריה האָט אַ גזרה שוה 1), דערפֿאַר דאַרף שטעהן „דיזעלבע" 2), אָבער צו וואָס דיענט דאָס דאָזיגע „דיזעלבע" פֿאַר ר' עקיבא'ן 3)? —עס קומט אויסצושליסען די פֿאָלגענדע נאַכט 4), ווייל מען האָט געקענט מיינען אַז וויבאַלד דער קרבן פסח איז קדשים קלים און שלמים זיינען קדשים קלים 5), איז אַזוי ווי מען מעג עסען שלמים צוויי טעג און איין נאַכט 6), אַזוי זאָל דער קרבן פסח געגעסען ווערען צוויי נעכט אָנשטאָט צוויי טעג 7), און מען זאָל דאָס מעגען עסען צוויי נעכט און איין טאָג 8), לערנט אונז „אין דערזעלבער נאַכט" אַז מען דאַרף עסען דיזעלבע נאַכט 9) און מען טאָר דאָס ניט עסען אין אַן אַנדער נאַכט.—און ר' אלעזר בן עוריה? 10)—ער לערנט עס אָפּ פֿון „איהר זאָלט ניט איבערלאָזען ביז פֿריהמאָרגען" 11)— און ר' עקיבא 12)?—אויב פֿון דאָרט, וואָלט איך געזאָגט אַז „ביז פֿריהמאָרגען" מיינט ביז צום צווייטען פֿריהמאָרגען 13). —און ר' אלעזר?—ער קען דיר ענטפֿערן, אַז יעדער „פֿריה-מאָרגען" מיינט דעם ערשטען פֿריהמאָרגען 14). און דיזע תנאים 15) זיינען 16) ווי יענע תנאים וואָס מיר האָבען גע-לערנט אין אַ ברייתא: „דאָרט זאָלסטו קוילענען דעם קרבן פסח פֿאַרנאַכט, ווען די זון געהט אונטער, אין דער צייט וואָס דו ביזט אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים" 17), זאָגט ר' אליעזר: „פֿאַרנאַכט" קוילעט מען, און „ווען די זון געהט אונטער" עסט מען 18), און „אין דער צייט וואָס דו ביזט אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים 19)" פֿאַרברענט מען; און ר' יהושע זאָגט: „פֿאַרנאַכט" קוילעט מען, און „ווען די זון געהט אונ-טער" עסט מען, און ווי לאַנג מעג מען אָנגעהן מיט'ן עסען? ביז „דער צייט וואָס דו ביזט אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים 20)". — ר' אבא האָט געזאָגט: אַלע זיינען איינשטימיג 21), אַז ווען די אידען זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פֿון מצרים איז דאָס געווען אין אָוועגט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 22): „גאָט דיין האַר האָט דיך אַרויסגענומען פֿון מצרים ביינאַכט" און אַז זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען (פֿון דאָרט) איז דאָס געווען ביי טאָג, ייאָרום עס שטעהט געשריבען 23): „אויף מאָרגען נאָך פסח זיינען די אידען אַרויסגעגאַנגען מיט אויפֿגעהייבענע הענט". יועגען וואָס אָבער זיינען זיי מחולק? וועגען דער צייט פֿון דער „אייליגניש" 24): ר' אלעזר בן עוריה האַלט אַז די איי-לעניש מיינט די אייליגניש פֿון מצרים 25), און ר' עקיבא האַלט אַז דאָס מיינט די אייליגניש פֿון די אידען 26).—אין אַ ברייתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: „גאָט דיין האַר האָט דיך אַרויס-גענומען פֿון מצרים ביינאַכט", זיינען זיי דען אַרויס ביינאַכט? זיי זיינען דאָך אַרויסגעגאַנגען בייטאָג, ייאָרום עס שטעהט גע-שריבען: „אויף מאָרגען פֿון פסח זיינען די אידען אַרויסגע-גאַנגען מיט אויפֿגעהייבענע הענט", נאָר דאָס 27) לערנט, אַז די גאולה האָט שוין ביי זיי אָנגעפֿאַנגען אין אָווענט.

„דַּבֶּר נָא בְּאָזְנֵי הָעָם וְיִשְׁאֲלוּ וכו' 28)"—רעד נאָר צו דאָס פֿאָלק אַז זיי זאָלען לייהען א.א.וו." — ביי ר' ינאי (אין דער ישיבה) פֿלעגט מען זאָגען אַז „נָא" איז תמיד אַן אויסדרוק פֿון בקשה 29). דער קב"ה האָט (נעמליך) געזאָגט צו משה:

פירוש.

מען מעג זיי עסען דעם גאַנצען טאָג פֿון דער שחיטה און די נאַכט וואָס קומט נאָכהער, ביז פֿריהמאָרגען. 1) גְּזֵרָה שָׁוָה, דער שלוס פֿון גלייכ-הייט, איינער פֿון די וויכטיגסטע לאָגישע כללים וואָס די חכמים האָבען באַנוצט אין זייערע דרשות און וואָס איז זעהר ענליך צו דעם כלל פֿון הֶקֵּשׁ (זעה „פירוש" זייטע 11 נומ. 3). די „גזירה שוה" באַרוהט דערויף, וואָס אויב מיר געפֿינען אין פֿאַרשיעדענע ערטער אין דער תורה, און ביי פֿאַרשיעדענע ענינים וואָס האָבען אייגענטליך גיט קיין שייכות מיט איינאַנדער, צוויי גלייכע אויסדריקע, וואָס זעהען אויס איבערפֿליסיג ענטוועדער ביידע אָדער איינער פֿון זיי, שליסען מיר דערפֿון אַז דאָס קומט אונז צו לערנען עפּעס נייעס, נעמליך אַז צוליעב דער גלייכהייט פֿון די באַטרעפֿענדע אויסדריקע זיינען די ביידע ענינים בכלל אויך ענ-ליך צו איינאַנדער און דאָס וואָס איז שייך ביי איין זאַך איז שייך ביי דער אַנדערער. אַ ביישפיעל האָבען מיר דאָ אין ר' אלעזר בן עוריה וואָס צוליעב דעם וואָס ביי דעם קרבן פסח שטעהט „בַּלַּיְלָה הַזֶּה" און ביי מכת בכורות שטעהט אויך „בַּלַּיְלָה הַזֶּה" לערנט ער אָפּ אַז אַזוי ווי די לעצטע מכה איז געווען אום האַלבע נאַכט אַזוי איז די צייט פֿון עסען דעם קרבן פסח ביז האַלבע נאַכט. הגם אַ לאָגישער כלל, פֿונדעסטוועגען זיינען נאָר די גזירות שות צולעסיג וואָס די חכמים האָבען זיי בקבלה אַז זיי שטאַמען פֿון משה רבינו, און דערפֿאַר שטעהען זיי — און דעסטגלייכען „הקש" — אַזוי פֿעסט אַז מען קען זיי ניט סותר זיין. 2) ווייל אַז דאָס וואָלט געפֿעהלט, וואָלט דאָך די גזרה שוה געווען אונמעגליך. 3) וועל-כער מאַכט זיין דרש פֿון דעם וואָרט „אין דער נאַכט" אַליין. 4) ד"ה די צווייטע נאַכט פֿון פסח. 5) די קרבנות זיינען געווען איינגעטיילט אין „קָדְשֵׁי קָדָשִׁים" און „קָדָשִׁים קַלִּים" — זעהר הייליגע און מינדער הייליגע. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערען: עוֹלָה, מִנְחָה, חַטָּאת און אָשָׁם, צו דער צווייטער אַלע אַנדערע קרבנות, דאַרונטער די פֿאַרשיעדענסטע אַרטען פֿון שְׁלָמִים — פֿריעדענס-אָפּפֿער. די „קדשי קדשים" אונטערשיידען זיך אין פֿיעל פונקטען פֿון די „קדשים קלים", באַזונדערס אין דעם וואָס פֿון די לעצטערע ווערט נאָר אַ זעהר קליינער טייל געאָפּפֿערט און דאָס איבריגע ווערט געגעסען פֿון די כהנים און פֿון די וואָס ברענגען דעם קרבן. 6) ד"ה דעם טאָג וואָס דער קרבן ווערט געקוילעט און די נאַכט און דעם טאָג נאָכדעם. 7) ווייל די מצוה צו עסען איהם איז דאָך ביי-נאַכט. 8) ד"ה די ערשטע נאַכט, דעם ערשטען טאָג און די צווייטע נאַכט פֿון פסח. 9) ד"ה די ערשטע נאַכט פֿון פסח. 10) פֿון וואַנען באַווייזט ער אַז מען טאָר עס גיט עסען אין קיין אַנדער נאַכט? 11) וואָס שטעהט דאָרט אין פסוק י', 12) פֿאַרוואָס לערנט ער עס ניט אָפּ פֿון דיזען פסוק? 13) ד"ה פֿון דעם אויסדרוק „ביז פֿריהמאָרגען" וואָלט מען גיט געקענט דייטליך אָפּלערנען אַז מען מוז עס עסען די ערשטע נאַכט. 14) ד"ה אומעטום וואו עס שטעהט אין דער תורה „ביז פֿריהמאָרגען" מיינט עס דעם פֿריהמאָרגען וואָס קומט גלייך נאָך דער נאַכט מכח וועלכער עס האַנדעלט זיך, איז דערפֿאַר דער אויסדרוק גאַנץ קלאָר, און ניט ווי ר' עקיבא זאָגט. 15) ר' אלעזר בן עזריה און ר' עקיבא. 16) מחולק אויף דעמזעל-בען אופן. 17) דברים ט"ז ו'. עס שטעהען דאָרט דריי טערמינען, וואָס איינער איז שפּעטער פֿאַר'ן אַנדערן, ווערען אויף דיזען ווידערשפּרוך די פֿאָלגענדע דרשות געבויט. 18) ד"ה הייבט זיך אָן די צייט פֿון עסען דעם קרבן פסח. 19) וואָס איז אין דער פֿריה. 20) קומט עס אויס אַז ר' אלעזר בן עזריה האָט דיזעלבע מיינונג ווי ר' אלעזר, און ר' עקיבא ווי ר' יהושע. 21) ד"ה אפילו ר' עקיבא. 22) דברים ט"ז א'. 23) במדבר ל"ג ג'. 24) וואָס שטעהט אין שמות י"ב י"א און ווערט אויבען דערמאָהנט. 25) וואָס די מצרים האָבען געאיילט נאָך דער לעצטער מכה אַז די אידען זאָלען אַרויסגעהן פֿון לאַנד; דאָס איז געווען ביי נאַכט. 26) אַרויסצוגעהן פֿון מצרים, וואָס איז געווען אין דער פֿריה. 27) וואָס שטעהט „ביינאַכט".

28) אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו משה קורץ בעפֿאָר די אידען האָבען פֿאַרלאָזען מצרים, שמות י"א ב'. דיזער און די ווייטערדיגע מאמרים קומען דאָ, ווייל זיי ענטהאַלטען דרשות יועגען יציאת מצרים, ווי אין דעם פֿריהערדיגען מאמר צום סוף. 29) און ניט פֿון אויפֿפֿאָדערונג, ווי עס

האָב פֿאַרבונדען 1) און איך בין דאָך ניזק געוואָרען! האָט ער 2) איהם געפֿרעגט: מיט וואָס ביזטו דאָס ניזק געוואָרען? וואָס דו האָסט געמוזט שלעפּען אַ הדס-בוים צום קעניג 3)?! דערפֿאַר האָסטו דאָך נאָך געראַפֿט צוצאָהלען, כדי צו זעהן דעם פנים פֿון קעניג! וואָרום ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַ מענש זאָל זיך תמיד בעפֿלייסיגען צו לויפֿען 4) אַנטקעגען די אידישע מלכים, און ניט נאָר אַנטקעגען די אידישע מלכים אַליין, נאָר אפילו אַנטקעגען די קעניגע פֿון די אומות העולם, כדי, אַז ער וועט זוכה זיין 5), זאָל ער קענען אונטערשיידען צווישען די מלכים פֿון די אידען און די מלכים פֿון די אַנדערע פֿעלקער.

ר' אלעא האָט געזאָגט צו עולא: אַז דו וועסט געהן אַהין 6), זאָלסטו גריסען מיין ברודער רב ברונא 7) אין דער געגענוואַרט פֿון דער גאַנצער פֿערזאַמלונג 8), וואָרום ער איז אַ גרויסער מאַן און פֿרעהט זיך מיט מצות. ער האָט איינמאָל פֿאַרבונדען „גאולה" מיט שמונה עשרה, איז אַ גאַנצען טאָג אַ שמייכעל 9) פֿון זיינע ליפּען ניט אַראָפּ. — ווי האָט ער געקענט פֿאַרבינדען? ר' יוחנן האָט דאָך געזאָגט 10): „פֿאַר דעם 11) זאָגט מען 'ה' שפתי תפתח' 12) און נאָכדעם זאָגט מען 'יהיו לרצון אמרי פי א.א.וו.'"! — האָט ר' אלעזר געזאָגט: דאָס 13) איז (הפנים געמיינט) די שמונה עשרה פֿון מעריב 14). — ר' יוחנן האָט דאָך אָבער אויך געזאָגט 15): „ווער איז זיכער מיט עולם הבא? דער וואָס פֿאַרבינדט די גאולה פֿון מעריב מיט דער שמונה עשרה פֿון מעריב"? — האָט דאַן ר' אלעזר געענטפֿערט: דאָס איז (הפנים געמיינט) די שמונה עשרה פֿון מנחה. — רב אשי האָט געזאָגט: מען קען אפילו זאָגען אַז דאָס (געהט) אויף אַלע 16), נאָר אַזוי ווי די רבנן האָבען דאָס 17) אַריינגעשטעלט אין דער שמונה עשרה 18), איז דאָס ווי אַ פֿאַרלענגערטע שמונה עשרה; וואָרום אַז מען זאָל דאָס ניט זאָגען, טאָ ווי קען מען פֿאַרבינדען אין מעריב? מען דאַרף דאָך זאָגען „השכיבנו"! נאָר אַזוי ווי די רבנן האָבען מתקן געווען „השכיבנו", איז דאָס ווי אַ פֿאַרלענגערטע „גאולה", אַזוי איז דאָ אויך, אַז וויבאַלד די רבנן האָבען דאָס אַריינגעשטעלט אין שמונה עשרה, איז דאָס ווי אַ פֿאַרלענגערטע שמונה עשרה. — דאָס דאָזיגע „יהיו לרצון אמרי פי" קען דאָך מיינען אַז מען דאַרף עס זאָגען נאָכדעם און עס קען אויך מיינען אַז פֿאַר דעם 19), טאָ וואָס איז דער טעם וואָס די רבנן האָבען דאָס מתקן געווען (דוקא) נאָך די אַכצעהן ברכות? זאָל מען דאָס זאָגען פֿאַר דעם! — האָט ר' יהודה דער זוהן פֿון ר' שמעון בן פזי געענטפֿערט: ווייל דוד האָט עס ערשט געזאָגט נאָך אַכצעהן מזמורים 20), דערפֿאַר האָבען די רבנן אויך מתקן געווען נאָך די אַכצעהן ברכות. — אַכצעהן זיינען דאָס?! עס זיינען דאָך נייניצעהן 21)! — „אַשְׁרֵי הָאִישׁ" און „לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם 22)" זיינען איין מזמור: וואָרום ר' יהודה דער זוהן פֿון ר' שמעון בן פזי האָט געזאָגט: הונדערט און דריי מזמורים האָט דוד געזאָגט און האָט ניט געזאָגט „הַלְלוּיָהּ", ביז ער האָט געזעהן די מפּלה פֿון די רשעים, ווי עס שטעהט געשריבען 23): „עס וועלען זיך ענדיגען זינדיגע אויף דער וועלט און רשעים וועלען ניט מעהר זיין, לויב גאָט, מיין זעלע, הללויה". הונדערט און דריי זיינען דאָס?! עס זיינען דאָך דאָ הונדערט און פֿיער 24)! אלא לערנען מיר דערפֿון, אַז „אשרי האיש" און „למה רגשו גוים" איז איין מזמור 25); וואָרום ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: **(י' א')** יעדער מזמור וואָס איז דוד'ן געווען (באַזונדערס) באַליעבט, האָט ער איהם אָנגעפֿאַנגען מיט „אשרי" און אויסגעלאָזען מיט „אשרי", „אָנגעפֿאַנגען מיט אשרי", ווי עס שטעהט געשריבען: „אשרי האיש", און „אויסגעלאָזען מיט אשרי", ווי עס שטעהט: „אַשְׁרֵי כָּל חוֹסֵי בוֹ 26)".

עס 27) זיינען געווען יונגאַטשעס וואָס האָבען געוואָהנט אין שכנות פֿון ר' מאיר און פֿלעגען איהם שטאַרק מצער זיין, האָט ר' מאיר מתפלל געווען געגען זיי, אַז זיי זאָלען שטאַרבען. האָט ברוריא זיין פֿרוי איהם געפֿרעגט: וואָס איז

פירוש.

1) „גאולה" מיט שמונה עשרה. 2) ר' יוסי בן אליקים ס). 3) אין „ירושלמי" ווערט אויספֿיהרליכער דערצעהלט, אַז דעמזעלבען טאָג האָט מען איהם געכאַפּט און מען האָט אויף איהם אַרויפֿגעלעגט צוואַנגס-אַרבייט — צו שלעפּען אַ הדס-בוים אין קעניגס פּאַלאַץ. 4) דאָס איז אין אַ געוויסער הינזיכט אַ רמז אויף ר' זירא'ס פֿעהלער; וואָרום ר' זירא האָט אַביסעל צוגעהינקט, ווייל ער האָט פֿאַרברענט אַ פֿוס, בעת ער האָט געפֿאַסט הונדערט טעג, אַז דער פֿייער פֿון גיהנם זאָל אויף איהם קיין שליטה ניט האָבען, און פֿלעגט אַלע דרייסיג טעג זיך אַריינזעצען אין אַ ברענענדיגען אויבען צו פּרובירען („בבא מציעא" פ"ה א'). דערמיט וועלען אויך בעסער פֿערשטאַנען ווערען זיינע מאמרים אויף זייטע 18. 5) צו דערלעבען משיח'ס צייטען.

6) קיין ארץ ישראל. 7) אַ תלמיד פֿון רב. 8) פֿון די תלמידי חכמים וואָס לערנען אין דערזעלבער ישיבה. 9) פֿון צופֿרידענהייט. 10) זעה זייטע 11. 11) שמונה עשרה. 12) איז עס דאָך מפסיק צווישען ק"ש און ש"ע. 13) וואָס ר' יוחנן האָט געזאָגט. 14) וואו עס איז ניט נויטיג צו פֿאַרבינדען „גאולה" מיט ש"ע. 15) זעה זייטע 10. 16) ד"ה אַז ר' יוחנן מיינט די ש"ע פֿון שחרית, מנחה און מעריב. 17) „ה' שפתי תפתח". 18) ד"ה פֿאַר דער ש"ע. 19) ד"ה ווייענדיג אַ בקשה אַז די תפלה זאָל אָנגענומען ווערען, קען מען עס דאָך זאָגען פֿאַר אָדער נאָך דער ש"ע. 20) „יהיו לרצון" איז אַ פסוק אין נייניצעהנטען מזמור. 21) ווייל „יהיו לרצון" שטעהט צום סוף פֿון'ם נייניצעהנטען מזמור. 22) דער אָנפֿאַנג פֿון ערשטען און צווייטען מזמור, ד"ה די ערשטע צוויי מזמורים זיינען איין מזמור. 23) אין 104-טען מזמור. 24) ווייל עס שטעהט דאָך צום סוף פֿון דעם 104-טען. 25) מאַכט עס שוין אויס 103. 26) דאָס איז דער סוף פֿון צווייטען מזמור, בעווייזט עס דאָך אַז די מזמורים א' און ב' זיינען אייגענטליך נאָר איין מזמור. — נאָך תוספות באַציהט זיך דאָס ניט נאָר אויף אשרי, ווייל דאָס איז דער איינציגער מזמור וואָס הויבט זיך אָן און ענדיגט זיך מיט „אשרי", נאָר אויף אַלע מזמורים וואָס האָבען דעמזעלבען אָנפֿאַנג און סוף, ווי די מזמורים וואָס פֿאַנגען זיך אָן און ענדיגען זיך מיט „הללויה" און מזמור קמ"ה וואָס הויבט זיך אָן מיט „תהלה לדוד" און ענדיגט זיך מיט „תהלת ה' ידבר פי."

27) דיזע געשיכטע קומט דאָ, ווייל זי ענטהאַלט אַ דרש אויף דעם פסוק: „עס וועלען זיך ענדיגען זינדיגע א.א.וו.", וואָס ווערט דערמאָהנט

ס) וואָהרשיינליך אַ ברודער פֿון ר' יוחנן'ס תלמיד ר' שמעון בן אליקים.

משנה ב׳.

פון ווען אן מעג מען לייענען „שמע“ אין דער פריה? פון ווען מען קען דערקענען צווישען הימעל־בלוי 1) און ווייס. ר׳ אליעזר זאגט: צווישען הימעל־בלוי און גרין 2). און מען ענדיגט עס ביז די זון הויבט אן צו שיינען 3). ר׳ יהושע זאגט: ביז דריי שעה 4), ווייל דער שטייגער פון מלכים 5) איז אויפצושטעהן אום דריי שעה. דער וואס לייענט נאכהער, האט ניט פארלארען 6), ווי א מענש וואס לייענט אין דער תורה 7).

גמרא.

וואָס מיינט „צווישען הימעלבלוי און ווייס“? זאָל איך זאָגען: צווישען אַ בינטעל ווייסע וואָל און אַ בינטעל הימעלבלויע וואָל? דאָס קען מען דאָך אפילו ביינאַכט דערקענען אלא (אודאי מיינט עס) צווישען דאָס הימעלבלויע און דאָס ווייסע וואָס איז דאָ אין דעם 8).—אין אַ בריתא ווערט געלערנט: ר׳ מאיר זאָגט 9): פֿון ווען מען קען דערקענען צווישען אַ וואָלף און אַ הונד; ר׳ עקיבא זאָגט: צווישען אַן עזעל און אַ ווילדען עזעל, און אַנדערע 10) זאָגען: פֿון ווען מען קען דערקענען אַ בעקאַנטען 11) וואָס מען זעהט אין אַן ענטפֿערנונג פֿון פֿיער איילען. רב הונא האָט געזאָגט: דער דין איז ווי „די אַנדערע“. אביי האָט געזאָגט: בנוגע צו תפילין ווי „די אַנדערע“, אָבער בנוגע צו קריאת שמע ווי די ותיקין 12), וואָרום ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: די ותיקין פֿלעגען דאָס 13) ענדיגען ווען די זון הויבט אָן צו שיינען כדי צו פֿאַרבינדען „גאולה“ 14) מיט שמונה עשרה און עס זאָל אויסקומען אַז זיי דאַווענען ביי טאָג 15). ר׳ זירא האָט געזאָגט: וואו איז אַ פסוק דערפֿאַר? „זיי וועלען דיך פֿאַרעהרען 16) מיט (דעם אויפֿגאַנג פֿון) דער זון און פֿאַר דער לבנה 17) אין אַלע דורות“.— ר׳ יוסי בן אליקים האָט איבערגעגעבען אין נאָמען פֿון דער הייליגער קהלה אין ירושלים 18): ווער עס פֿאַרבינדט „גאולה“ מיט שמונה עשרה וועט דעם גאַנצען טאָג ניט ניזק ווערען 19). האָט ר׳ זירא געזאָגט: דאָס קען דאָך ניט זיין, וואָרום איך

פירוש.

1) תְּכֵלֶת. 2) כְּרָתֵי—גרינער קנאָבעל. 3) אויף די שפיצען פֿון די בערג. 4) די ערשטע דריי שעה פֿון טאָג, אויב ער האָט צוועלף שעה, ד״ה ביז צום סוף פֿון דער ערשטער פֿערטעל פֿון טאָג. 5) אפילו, וואָס שטעהען געוועהנליך אויף צום שפּעטסטען, וואָרום אַזוי ווי די צייט פֿון ק״ש אין דער פֿריה איז אין דער תורה באַשטימט דורך „ובקומך“, הייסט עס ווען אַלע מענשען זיינען שוין אויף. 6). די ברכות וואָס מען דאַרף זאָגען פֿאַר און נאָך ק״ש, ד״ה ער מעג זיי זאָגען, הגם די צייט פֿון ק״ש איז שוין פֿאַריבער. 7) ד״ה זיין שכר אָבער איז ניט ווי מען לייענט ק״ש אין דער צייט נאָר ווי מען לערנט תורה.

8) ד״ה וואָס איז דאָ אין אַ בינטעל ווייסע וואָל, וואָס איז געפֿאַרבט געוואָרען אויף הימעלבלוי, און עס זיינען דאָרט דאָ ערטער, וואו די פֿאַרב האָט זיך ניט גוט צוגענומען, און עס זעהט זיך נאָך דאָס ווייסע, וואָס דאָס איז שוין אַ זאַך, וואָס מען קען ניט דערקענען ביינאַכט. „תוספות“ ערקלעהרט דאָס אַנדערש o): צווישען דעם בלויען פֿאָדעם (אין די אַלטע צייטען איז אין די ציצית געווען איין בלויער פֿאָדעם, ווי די תורה שרייבט פֿאַר „פתיל תכלת“) און די ווייסע פֿעדים וואָס זיינען דאָ אין די ציצית, וועלכע מען האַלט בעת מען לייענט ק״ש. 9) אַז די צייט פֿון לייענען ק״ש אין דער פֿריה איז. 10) אֲחֵרִים, לויט דער גמרא, צום סוף פֿון דער מסכת „הוריות“, איז דאָס אַ כלל, אַז וואו עס שטעהט „אחרים אומרים“ מיינט עס ר׳ מאיר און וואו עס שטעהט „יֵשׁ אוֹמְרִים“ — איינ־געזאָגען מיינט עס ר׳ נתן. דער טעם ווערט דאָרט ערקלעהרט, ווייל זיי האָבען באַליידיגט רבן שמעון בן גמליאל, דעם נשיא, און זיי זיינען דערפֿאַר אויסגעשלאָסען געוואָרען פֿון זיין ישיבה, האָט מען זיי געקנסט אַז ווען זייערע הלכות וועלען דאָרט איבערגעגעבען ווערען, זאָלען זייערע נעמען ניט דערמאָהנט ווערען בפירוש, נאָר מיט די סימנים „אחרים אומרים“ און „יש אומרים“. עס קומט אָבער אין דער גמרא אָפֿט פֿאָר, וואו „אחרים אומרים“ און „יש אומרים“ באַציהען זיך אויף אַנדערע חכמים ווי ר׳ מאיר און ר׳ נתן, ווי למשל דאָ, וואו ר׳ מאיר איז שוין דערמאָהנט און זיין מיינונג איז אַנדערש ווי די פֿון די „אחרים“ (זעה „תוספות“ דאָ אין „סוטה“ י״ב א׳ און „עבודה זרה“ ס״ד ב׳). ר׳ שמשון מקינון אין „ספר כריתות“ oo) ערקלעהרט אַז דאָרט וואו ר׳ מאיר גיט איבער אַ זאַך פֿון זיין רבי אלישע בן אבויה, וואָס איז נאַכהער געוואָרען אַ פֿריידענקער און האָט דערפֿאַר באַקומען דעם צונאָמען „אַחֵר“ — אַן אַנדערער, ווערט דער מאמר איינגעפֿיהרט מיט „אַנדערע“ (אין מעהרצאָהל, וואַהרשיינליך צוליעב אחר גופא און ר׳ מאיר וואָס ברענגט דעם מאמר אין זיין נאָמען). נאָך דיזער ערקלעהרונג איז שוין מעגליך אַז „אחרים אומרים“, וואָס שטעהט נאָך אַ מאמר אין ר׳ מאיר׳ס נאָמען בפירוש זאָל זיך אויך באַציהען אויף ר׳ מאיר. 11) לויט דעם „ירושלמי“ (זעה „תיספות“ דאָ), אַ בעקאַנטען מיט וועלכען מען איז ניט שטאַרק איינגטים בעקאַנט.—פֿון די פֿאַרשיעדענע טערמינען וואָס ווערען דאָ דערמאָהנט איז איינער שפּעטער פֿאַר׳ן אַנדערן. 12) זעהר פֿרומע מענשען (רש״י), פֿיליכט איז דאַרונטער געמיינט אַ געוויסע סעקטע. 13) ק״ש פֿון אין דערפֿריה. 14) די לעצטע פרשה פֿון ק״ש, זעה „פירוש“ זייטע 10 נומ. 27. 15) ד״ה ווען די זון הויבט אָן צו שיינען. 16) ד״ה זיי וועלען בעטען צו דיר. 17) דאָס באַציהט זיך אויף די ק״ש פֿון אָוועגט וואָס עס איז אַמבעסטען אַז מען זאָל דאָס לייענען אין אַנהויב פֿון אָווענט (מהרש״א). 18) קְהָלָא קַדִּישָׁא דְּבִירוּשְׁלַיִם, דערמיט ווערען געוועהנליך געמיינט (ירושלמי מעשר שני פרק ב׳ הלכה י׳) ר׳ יוסי בן המשולם (דער ברודער פֿון ר׳ נתן הבבלי) און ר׳ שמעון בן מנסיא, וועלכע זיינען געווען די פֿאָרשטעהער פֿון אַ געמיינדע פֿון חסידים אין ירושלים, וואָס מען האָט גערופֿען הייליג, ווייל זיי האָבען איינגעטיילט דעם טאָג אין דריי טיילען: „אַ דריטעל פֿאַר תורה, אַ דריטעל פֿאַר תפלה און אַ דריטעל פֿאַר אַרבייט“. 19) דער „ירושלמי“ ערקלעהרט ooo): ווייל נאָך „ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי“ — גאָט איז מיין פֿעלזען און מיין ערלייזער — שטעהט גלייך „יַעַנְךָ ה׳ בְּיוֹם צָרָה“ — גאָט וועט דיר ענטפֿערן אין דעם טאָג פֿון אַ צרה (תהלים י״ט ט׳ און כ׳ ב׳).

o) די ערקלעהרונג ווערט דאָרט כאַגרינדעט דורך אַ ציטאַט פֿון „מנחות“ מ״ג כ׳: „ראה אותו זו וכו׳“. כאַמת איז ניט געווען נויטיג צו ברענגען אַ ציטאַט פֿון אַזוי ווייט, ווייל דיזע ערקלעהרונג ווערט אויך דאָ גופא אַנגעדייטעט אין „ירושלמי“.

oo) דיזעלבע ערקלעהרונג ווערט אויך געבראַכט אין דעם „תוספות“ פֿון „סוטה“ י״ב א׳ וואו עס הייסט: „ואמר רבי פרחא כקונטרס נרפת (פֿיליכט איז דאַרונטער געמיינט דער ספר „כריתות“?) שמועות שקבל מאלישע בן אבויה קבעום בשם אחרים מפני שהיה שמו אחר, אבל שאר שמועות קבעום בשמו“. „תוספות“ איז אָבער ניט מסכים דערצו און זאָגט „ולא מסתברא“, ווייל, ווי ער ערקלעהרט, „דהא לר׳ נתן אסקו „יש אומרים“ ולית לך שכל שמועותיו קבעו כך“, וואָס איז אָבער ניט גאַנץ ריכטיג, ווייל פֿון איין זייט געפֿינען מיר „מאן יש אומרים ר׳ נחוניא בן הקנה היא“ („פסחים“ כ״ט א׳) און פֿון דער אַנדער זייט געפֿינען מיר אַ מחלוקת צווישען ר׳ נתן און „יש אומרים“ („מכלתא“ פרשה „ויסע“).

ooo) ווערט אויך געבראַכט דאָ אין „מהרש״א“, און אין רש״י פֿריקער דף ד׳ כ׳ אָבער אָהנע צו דערמאָהנען אַז דאָס איז פֿון „ירושלמי“.

בריסט אויף'ן אָרט פֿון'ם פֿערשטאַנד 1), און פֿאַרוואָס אין דאָס 2)? האָט ר' יהודה געזאָגט: כדי ער זאָל ניט זעהן דעם אָרט פֿון דער ערוה, און רב מתנה האָט געזאָגט: כדי, ער זאָל ניט זויגען פֿון דעם אָרט פֿון שמוץ; ער האָט געזעהען די מפלה פֿון רשעים, און ער האָט עס באַזונגען, ווי עס שטעהט: „עס וועלען זיך ענדיגען די זינדיגע און די רשעים וועלען ניט מעהר זיין, לויב גאָט, מיין זעעלע, הללויה"; ער האָט באַטראַכט דעם טאָג פֿון טוידט, און ער האָט עס באַזונגען, ווי עס שטעהט 3); „לויב גאָט, מיין זעעלע; דו ביזט זעהר גרויס, גאָט מיין האַר, מיט גלאַנץ און מאַיעסטעט ביזטו באַקליידט". פֿון וואַנען נעהמען מיר, אַז דאָס מיינט דעם טאָג פֿון טוידט? האָט רבה דער זוהן פֿון רב שילא געזאָגט: פֿון'ם סוף פֿון דעם ענין 4), וואו עס שטעהט געשריבען: „יוען דו פֿאַרבעהאַלטסט דיין פנים, דערשרעקען זיי זיך, דו נעהמסט אַוועק זייער גייסט און זיי געהען אויס און קעהרען זיך אום צו זייער ערד".

רב שימי בר עוקבא, און לויט אַן אַנדער מיינונג מר עוקבא, פֿלעגט אָפֿט זיין ביי ר' שמעון בן פזי, און ער 5) האָט פֿאָרגעטראָגען אַן אגדה פֿאַר ר' יהושע בן לוי. האָט ער איהם 6) געפֿרעגט: וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט: „לויב גאָט, מיין זעעלע, און מיין גאַנצעס אינעווענינגסטע זיין הייליגען נאָמען"? האָט ער איהם געענטפֿערט: קוק זיך איין, ווי אַנדערש עס איז די יכולת פֿון קב"ה פֿון דער יכולת פֿון אַ בשר ודם: אַ בשר ודם האָט ביכולת צו מאָלען אַ בילד אויף דער וואַנד, אָבער ער קען ניט אַריינטהאָן אין דעם קיין רוח און קיין נשמה, קיין מאָגען און קיין געדערים; דער קב"ה אָבער איז ניט אַזוי! ער מאָלט אַ בילד א י ן אַ בילד 7) און טהוט אין דעם אַריין אַ רוח און אַ נשמה, אַ מאָגען און געדערים! און דאָס איז וואָס חנה האָט געזאָגט 8): „עס איז ניטאָ קיין הייליגער ווי גאָט, וואָרום עס איז קיינער ניטאָ אַחוץ דיר, און עס איז ניטאָ קיין פֿ ע ל ז ע ן ווי אונזער גאָט", וואָס מיינט „עס איז ניטאָ קיין פֿ ע ל ז ע ן ווי אונזער גאָט"? עס איז ניטאָ קיין ק י נ ס ט ל ע ר 9) ווי אונזער גאָט. וואָס מיינט „וואָרום עס איז קיינער ניטאָ אַ ח ו ץ ד י ר"? האָט ר' יהודה בר מנסיא געזאָגט: לייען ניט „עס איז קיינער ניטאָ אַ ח ו ץ ד י ר". נאָר „עס איז ניטאָ וואָס עס זאָל ד י ך א י ב ע ר־ ל ע ב ע ן" 10), ווייל דאָס וואָס קומט פֿאַר ביי אַ מענשען קען ניט פֿאָרקומען ביי דעם קב"ה: ביי אַ מענשען קומט פֿאַר אַז זיינע אַרבייטען איבערלעבען איהם, אָבער דער קב"ה איבערלעבט זיינע אַרבייטען. האָט ער 11) איהם געזאָגט: די פֿינף „ברכי נפשי"ס 12), אַנטקעגען וועמען האָט זיי דוד געזאָגט? ער האָט עס געזאָגט ניט אַנדערש ווי וועגען דעם קב"ה און וועגען דער נשמה: אַזוי ווי דער קב"ה איז פֿול די גאַנצע וועלט, אַזוי איז די נשמה פֿול דעם גאַנצען גוף; אַזוי ווי דער קב"ה איז אַ רואה ואינו נראה, אַזוי קען אויך די נשמה זעהן, אָבער מען קען איהר ניט זעהן; אַזוי ווי דער קב"ה האַלט אויס די גאַנצע וועלט, אַזוי האַלט די נשמה אויף דעם גאַנצען גוף; אַזוי ווי דער קב"ה איז ריין, אַזוי איז אויך די נשמה ריין; אַזוי ווי דער קב"ה איז פֿאַרבאָרגען אין חדרי חדרים, אַזוי איז אויך די נשמה פֿאַרבאָרגען אין חדרי חדרים. זאָל דערפֿאַר קומען דאָס וואָס האָט אין זיך דיזע פֿינף איי־ גענשאַפֿטען 13) און זאָל לויבען דעם וואָס האָט אין זיך אויך דיזע פֿינף אייגענשאַפֿטען.

רב המנונא האָט געזאָגט: וואָס מיינט וואָס שטעהט געשריבען 14): „ווער איז ווי דער חכם און ווער ווייס די ב אַ ד י י ט ו נ ג פֿון אַ זאַך"? ווער איז ווי דער קב"ה וואָס האָט געוואוסט צו מאַכען אַ פ ש ר ה 15) צווישען צוויי צדיקים, צווישען חזקיהו און ישעיהו 16). חזקיה האָט געזאָגט: זאָל ישעיה קומען צו מיר, וואָרום אַזוי געפֿינען מיר ביי אליהו אַז ער איז געגאַנגען צו אחאב 17), [ווי עס שטעהט געשרי־ בען 18): „און אליהו איז געגאַנגען צו זעהן זיך מיט אחאב"]; ישעיה ווידער האָט געזאָגט: זאָל חזקיה קומען צו מיר, וואָרום אַזוי געפֿינען מיר ביי יהורם דעם זוהן פֿון אחאב אַז ער איז געגאַנגען צו אלישע. וואָס האָט דער קב"ה געטהאָן: האָט ער געבראַכט יסורים אויף חזקיה און האָט געזאָגט צו ישעיה: געה און זיי איהם מבקר חולה, ווי עס שטעהט געשריבען 19): „צו יענער צייט איז חזקיה טוידט קראַנק געוואָרען, איז ישעיה בן אמוץ, דער נביא, געקומען צו איהם און האָט איהם געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט — מאַך אַ צוואה, וואָרום דו שטאַרבסט און וועסט ניט לעבען א.א.וו.". וואָס מיינט „וואָרום דו שטאַרבסט און וועסט ניט לעבען"? „דו שטאַרבסט" אין ד ע ר וועלט „און וועסט ניט לעבען" אין י ע נ ע ר וועלט. האָט ער איהם געפֿרעגט: פֿאַרוואָס אַזאַ שטראָף? ענטפֿערט ער איהם: ווייל דו האָסט ניט מקיים געווען די ערשטע מצוה. רופֿט ער זיך אָפּ: ווייל איך האָב געזעהן מיט רוח הקדש, אַז עס וועלען פֿון מיר אַרויסקומען ניט קיין געראָטענע קינדער. ענטפֿערט ער איהם: וואָס

פירוש.

גען און זויגען. אין דעם דרש דאָ ווערען ביידע באַדייטונגען פֿאַר־ בונדען. 1) ד"ה נעבען דאָס האַרץ, וואָס איז דער זיין פֿון שכל, לויט דער אויפֿפֿאַסונג פֿון יענע צייטען. 2) ד"ה פֿאַרוואָס ניט נעבען גע־ בורטס־אָרט, 3) תהלים ק"ד א'. 4) ד"ה ווייטער אין דעמזעלבען מזמור, ק"ט כ"ט.

5) ד"ה ר' שמעון בן פזי, וואָס איז געווען אַ תלמיד פֿון ר' יהושע בן לוי. אין אונזערע גמרות שטעהט „והוה", אין דעם מינכענער כתב יד אָבער („דקדוקי סופרים") שטעהט „דהוה".—וו אָ ס ה אָ ט, וואָס איז ריכ־ טיגער ווי אין אונזער גמרא. 6) רב שימי ר' שמעון'ען. 7) ד"ה ער באַשאַפֿט דאָס קינד אין דער מוטער'ס לייב. 8) שמואל א' ב' ב'. 9) דער דרש איז געבויט אויף דער עהנליכקייט צווישען צוּר — פֿ ע ל ז ע ן, ד"ה גאָט, און צַיָּר — מ אַ ל ע ר, קינסטלער. 10) בִּלְתֶּךָ — אַ ח ו ץ ד י ר, לְבַלּוֹתֶךָ— צו איבערקומען דיר. 11) רב שימי. 12) וואָס זיינען דערמאָהנט אין דעם פֿריהערדיגען מאמר. 13) ד"ה די נשמה, דערפֿאַר שטעהט פֿינף מאָל „לויב גאָט, מיין ז ע ע ל ע".

14) קהלת ח' א'. 15) דער דרש באַרוהט דאַרויף וואָס ב אַ ד י י ט ו נ ג הייסט דאָ פֵּשֶׁר. 16) חזקיהו המלך און ישעיהו הנביא, וועלכע האָבען אַ צייט־לאַנג ניט געלעבט בשלום. 17) מלך ישראל, מיט וועלכען אליהו הנביא האָט אויך ניט געלעבט בשלום. 18) מלכים א' י"ח ב'. 19) ישעיה ל"ח א'.

דער טעם? ווייל עס שטעהט געשריבען: „יִתַּמּוּ חַטָּאִים 1)?! שטעהט דען „חוטאים"? עס שטעהט דאָך „חטאים 2)"! און דאַן, זעה וואָס שטעהט ווייטער אין פסוק: „ורשעים עוד אינם", הייסט דאָס, אַז ווען די זינדען וועלען זיך ענדיגען, וועט ניט מעהר זיין קיין רשעים. עס איז פיעל בעסער, אַז דו זאָלסט בעטען רחמים פאַר זיי, אַז זיי זאָלען תשובה טהון, וועלען זיי ניט מעהר זיין קיין רשעים. האָט ער געבעטען רחמים פאַר זיי, און זיי האָבען תשובה געטהאָן.

אַ צדוקי 3), האָט אַמאָל געפרעגט ברוריא: עס שטעהט געשריבען 4): „זינג, עקרה, וואָס האָט ניט געבאָרען", דערפאַר וואָס זי האָט ניט געבאָרען, זאָל זי זינגען?! — האָט זי איהם געענטפערט: שוטה, זעה וואָס שטעהט ווייטער אין פסוק: „וואָרום די קינדער פון דער וויסטער (אלמנה) 5) זיינען מעהר ווי די קינדער פון דער פערהייראַטער 6), האָט גאָט געזאָגט". אלא וואָס מיינט „זינג, עקרה, וואָס האָט ניט געבאָרען"? זינג, כנסת ישראל, וואָס דו ביזט געגליכען צו אַ פרוי אַן עקרה וואָס האָט ניט געבאָרען פאַר'ן גיהנם קיין קינדער — ווי איהר זענט.

אַ צדוקי האָט אַמאָל געפרעגט ר' אבהו: עס שטעהט געשריבען 7): „אַ מזמור פון דוד, ווען ער איז אַנטלאָפען פאַר אבשלום זיין זוהן" און ווייטער שטעהט 8): „אַ מִכְתָּם 9) פון דוד, ווען ער איז אַנטלאָפען פון שאול אין אַ הייל אַריין", וועלכע פאַסירונג איז געווען פריהער? די מעשה מיט שאול איז דאָך געווען פריהער! האָט ער עס דאָך פריהער געזאָלט שרייבען?! האָט ער איהם געענטפערט: איהר, וואָס דרשהט ניט קיין סמוכים 10), איז דאָס ביי אייך אַ קשיא; מיר אָבער, וואָס דרשהנען יאָ סמוכים, איז דאָס ביי אונז קיין קשיא ניט 11), ווי ר' יוחנן האָט געזאָגט: „פון וואַנען נעהמען מיר אַז סמוכים איז מן התורה 12)? ווייל עס שטעהט געשריבען 13): 'די סמוכים זיינען פאַר אַלע צייטען, זיי זיינען געמאַכט לויט'ן אמת און גערעכטיגקייט'". פאַרוואָס 14) שטעהט דער קאַפיטעל פון אבשלום נאָך דעם קאַפיטעל פון גוג ומגוג 15)? כדי אַז אויב אַ מענש וועט פרעגען: איז דאָס מעגליך אַז אַ קנעכט זאָל מורד זיין געגען זיין בעל הבית 16)? זאָל מען איהם ענטפערן: איז דאָס מעגליך אַז אַ זוהן זאָל מורד זיין געגען זיין פאָטער? פונדעסטוועגען (זעהען מיר דאָך אַז) דאָס האָט יאָ פאַסירט 17), אַזוי וועט דאָס אויך פאַסירען.

ר' יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' שמעון בן יוחאי 18): דאָס וואָס שטעהט געשריבען 19): „איהר מויל האָט זי געעפענט מיט חכמה, און אַ לעהרע פון גוטסקייט איז אויף איהר צונג", אַנטקעגען וועמען האָט שלמה דיזען פסוק געזאָגט? ער האָט עס געזאָגט ניט אַנדערש ווי וועגען דוד זיין פאָטער 20), וואָס האָט געוואָהנט אין פינף וועלטען און האָט געזונגען אַ לויבגעזאַנג 21): ער האָט געלעבט אין זיין מוטער'ס לייב, און ער האָט עס באַזונגען, ווי עס שטעהט 22): „לויב גאָט, מיין זעלע, און מיין גאַנצעס אינעוועניגסטע 23) זיין הייליגען נאָמען"; ער איז אַרויס אויף דער לעבעדיגער וועלט און האָט באַטראַכט די שטערען און פלאַנעטען, און ער האָט זיי באַזונגען, ווי עס שטעהט 24): „לויבט גאָט, איהר מלאכים זיינע, איהר געוואַלטיגע גבורים וואָס טהוען וואָס ער הייסט און הערען זיך צו צו דעם קול פון זיינע ווערטער, לויבט גאָט, אַלע זיינע מחנות 25) א.א.וו."; ער האָט געזויגען פון דער מוטער'ס ברוסט און באַטראַכט איהרע ציצען, און ער האָט עס באַזונגען, ווי עס שטעהט 26): „לויב גאָט, מיין זעלע, און פאַרגעס ניט אַלע זיינע וואָהלטהאַטען" 27), וואָס מיינט „אַלע זיינע וואָהלטהאַטען"? האָט ר' אבהו געזאָגט: דאָס וואָס ער האָט בעשאַפען די

פירוש.

אין דעם פריהערדיגען מאמר. 1) „עס וועלען זיך ענדיגען זינדיגע", וואָס דו פאַסט אויף אַזוי ווי עס וואָלט געשטאַנען: „עס זאָלען זיך ענדיגען א.א.וו.". 2) באמת האָט חַטָּאִים דיזעלבע בעדייטונג ווי חוֹטְאִים — זינדיגע, נאָר אַזוי ווי עס שטעהט ניט „חוֹטְאִים", דרשהט זי חַטָּאִים ווי עס וואָלט געשטאַנען חֲטָאִים וואָס מיינט זינדען.

3) דיזער מאמר קומט דאָ, ווייל ער ענטהאַלט אויך אַ געשיכטע וועגען ברוריא. — וועגען „צדוקים" זעה „פירוש" זייטע 21 נומ. 11. 4) ישעיה נ"ד א'. 5) דאָס מיינט די כנסת ישראל. 6) בעווייזט עס דאָך, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגען אַן עקרה אין ווערטליכען זין.

7) תהלים ג' א'. — דיזער מאמר קומט דאָ, ווייל ער ענטהאַלט אויך אַ געשיכטע מיט אַ צדוקי, ווי אין דעם פריהערדיגען מאמר. 8) דאָרט נ"ז א'. 9) אַ טעכנישער אויסדרוק וואָס באַצייכענט אַ געוויסע פאָעטישע פאָרמע, ווי מַשְׂכִּיל און אַנדערע וואָס קומען פאָר אין תהלים, די גענויע באַדייטונג פון וואָרט איז שוין געווען אונבעקאַנט צו די ערשטע איבערזעצערס פון תנ"ך און איז אַזוי געבליבען עד היום. 10) סְמוּכִים — פאַרבינדונגען, ד"ה אַז דער סדר פון די קאַפיטלען אין תנ"ך איז ניט קיין צופעליגע זאַך און אַז איין פרשה האָט אַ שייכות מיט דער פריהערדיגער. 11) ווייל מיר בעאַכטען ניט די כראָנאָלאָגישע אָרדנונג, ווי איהר, נאָר דעם טעקסטליכען צוזאַמענהאַנג. 12) ד"ה אַז אין תנ"ך איז דאָ אַ רמז דערויף. 13) תהלים קי"א ח'. — דער פשט איז דאָרט באמת אַן אַנדערער, נאָר אַזוי ווי פאַר דעם שטעהט: „די בעפעהלען פון גאָט זיינען ריכטיג", דרשנט ער אַז אויך די סמיכות וואָס איז דאָ צווישען זיי איז אויך אַזוי ריכטיג. 14) נאָכדעם ווי ר' אבהו בעוויזט דורך ר' יוחנן'ס מאמר (שטעהט אויך אין „יבמות" ד' א', אָבער דאָרט אין נאָמען פון ר' אלעזר) די וויכטיגקייט פון סמוכים בכלל, פאַרענטפערט ער די פראַגע, וואָס דער צדוקי האָט איהם דירעקט געפרעגט. 15) דער מזמור „למה רגשו" זאָל זיך באַציהען אויף די מלחמה פון גוג ומגוג. 16) ד"ה גאָט, און וועט דערפאַר וועלען אָפּלייקענען בכלל די מלחמת גוג ומגוג. 17) אבשלום געגען דוד.

18) דיזער מאמר קומט דאָ, ווייל ער ענטהאַלט אויך אַ דרש אויף דעם פסוק: „עס וועלען זיך ענדיגען די זינדיגע א.א.וו.", ווי די פריהערדיגע מאמרים. נאָך דער אונטערברעכונג פון די צוויי געשיכטען מיט די צדוקים, קומט די גמרא צוריק אויף דיזעלבע טעמע. 19) משלי ל"א כ"ו. 20) לויט'ן פשט באַציהט זיך דאָס באמת אויף די אשת חיל, וועלכע ווערט אין דיזען קאַפיטעל באַזונגען אין פסוקים וואָס געהען נאָך'ן אלף בית. 21) ד"ה וואָס האָט באַזונגען פינף מאָמענטען פון זיין לעבען. — דער דרש איז באַגרינדעט דערויף וואָס אין די מזמורים ק"ג און ק"ד שטעהט פינף מאָל „ברכי" — לויב. 22) תהלים ק"ג א'. 23) אַ רמז אויף דער צייט וואָס ער איז נאָך געווען אין דער מוטער'ס לייב. 24) דאָרט כ' וכ"א. 25) אַ רמז אויף די שטערען, ווייל דאָס וואָרט צָבָא — מחנה, שטעהט אָפט אין תנ"ך אין פאַרבינדונג מיט „שמים" און באַדייטעט מייסטענס שטערען, ווי „וּצְבָא הַשָּׁמַיִם לְךָ מִשְׁתַּחֲוִים" (נחמיה ט' ו') א.א.וו. 26) תהלים ק"ג ב'. 27) דער שורש גָּמַל אין העברעאיש מיינט באַלוי-

פֿאַרטיליגען, ווען ניט משה זיין אויסגעוועהלטער וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר איהם צו באַשיצען, איינצושטילען זיין צאָרן, אַז ער זאָל ניט צושטערען"; חזקיה האָט באַטאָנט זיין אייגענעם זכות, ווי עס שטעהט געשריבען: „געדענק, איך בעט דיך, אַז איך בין געגאַנגען פֿאַר דיר אין אמת און מיט'ן גאַנצען האַרצען און דאָס וואָס איז גוט אין דיינע אויגען האָב איך געטהאָן", איז איהם דער זכות פֿון אַנדערע באַטאָנט געוואָרען, ווי עס שטעהט געשריבען 1): „און איך וועל באַשיצען דיזע שטאָדט צו העלפֿען איהר צוליעב מיר און צוליעב דוד מיין קנעכט". און דאָס 2) שטימט מיט ר' יהושע בן לוי; וואָרום ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט געשריבען 3): „אָט אויף שלום איז מיר זעהר ביטער"? אפילו בשעת דער קב"ה האָט איהם געשיקט שלום, איז איהם געווען ביטער 4).

„לאָמיר נאָר מאַכען אַ קליינע דאַך-שטיבעל ביי דער וואַנד"5), זיינען רב און שמואל מחולק: איינער זאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ דאַך-שטיבעל 6) אָהן אַ סאָפּיט, און זיי האָבען דאָס באַדעקט; און דער אַנדערער זאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ גרויסע ווערא̇נדע און זיי האָבען דאָס אָפּגעטיילט אין צווייען 7). מילא נאָך דעם וואָס זאָגט אַ ווערא̇נדע, איז רעכט דאָס וואָס שטעהט „קיר" 8), אָבער נאָך דעם וואָס זאָגט אַ דאַך-שטיבעל; טאָ וואָס מיינט „קיר"? — אַז זיי האָבען דאָס צוגעדעקט 9). — מילא נאָך דעם וואָס זאָגט אַ דאַך-שטיבעל, איז רעכט דאָס וואָס שטעהט געשריבען „עלית", אָבער נאָך דעם וואָס זאָגט אַ ווערא̇נדע, וואָס מיינט „עלית"? — דאָס בעסטע הויז 10).

„און מיר וועלען איהם אַריינשטעלען דאָרט אַ בעט און אַ טיש און אַ שטוהל און אַ לייכטער" 11), האָט אביי, און לויט אַן אַנדער מיינונג ר' יצחק, געזאָגט: ווער עס וויל געניסען 12), זאָל געניסען ווי אלישע 13), און דער וואָס וויל ניט געניסען, זאָל נים געניסען ווי שמואל פֿון רמה 14), וואָרום עס שטעהט געשריבען 15): „און ער פֿלעגט זיך אומקעהרען אין רמה, ווייל ד אָ ר ט איז זיין הויז", האָט ר' יוחנן געזאָגט, אַז אומעטום וואוהין ער איז געגאַנגען, האָט ער געהאַט זיין הויז מיט זיך 16).

„און זי האָט געזאָגט צו איהר מאַן: איך ווייס זיכער, אַז ער איז אַ געטליכער מאַן, ער איז אַ הייליגער" 17), האָט ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט: פֿון דאַנען (איז געדרונגען) אַז אַ פֿרוי דערקענט בעסער אַן אורח ווי אַ מאַן. „ער איז אַ הייליגער", פֿון וואַנען האָט זי דאָס געוואוסט? זיינען רב און שמואל מחולק: איינער זאָגט: ווייל זי האָט ניט געזעהן אַז אַ פֿליעג זאָל אַריבערפֿליהען איבער זיין טיש 18); און דער אַנדערער זאָגט, ווייל זי, האָט זיין בעט באַצויגען מיט אַ פֿלאַקסענעם לייליך און זי האָט אויף דעם קיין קרי 19) ניט געזעהן. „ער איז אַ הייליגער", האָט ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט: ע ר איז הייליג, אָבער זיין משרת איז ניט הייליג. „און גיחזי איז צוגעגאַנגען איהר אַוועקשטופּען 20)", האָט ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט: ער האָט איהר אָנגענומען ביי דער ציערונג פֿון איהר שעהנקייט 21). — „ער קומט ת מ י ד ביי אונז פֿאַרביי 22)", האָט ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' אליעזר בן יעקב: ווער עס נעהמט אויף אַ תלמיד חכם צו גאַסט און איז איהם מהנה פֿון זיין פֿאַרמעגען, פֿאַררעכענט איהם די תורה אַזוי ווי ער וואָלט מקריב געווען דעם קרבן ת מ י ד.

ווייטער האָט ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' אליעזר בן יעקב: אַ מענש זאָל זיך ניט שטעלען אויף אַ הויכען אָרט און דאַווענען, נאָר ער זאָל דאַווענען אויף אַ נידעריגען אָרט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 23): „פֿון דער טיעף רוף איך צו דיר, גאָט". אין אַ בריתא ווערט אויך געלערנט: אַ מענש זאָל זיך ניט שטעלען ניט אויף אַ שטוהל און ניט אויף אַ פֿוס בענקעל און נים אויף אַ הויכען אָרט און דאַווענען, נאָר ער זאָל דאַווענען אויף אַ נידעריגען אָרט, ווייל עס פּאַסט ניט קיין הויכקייט פֿאַר דעם אויבערשטען, און ווי עס שטעהט געשריבען: „פֿון דער טיעף רוף איך צו דיר, גאָט", און אין אַן אַנדער פסוק שטעהט 24): „אַ תפֿלה פֿון דעם אָרעמאַן ווען ער איז פֿערחלשט 25)". — ווייטער האָט ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' אליעזר בן יעקב: אַז מען דאַווענט זאָל מען די פֿיס גלייך האַלטען, וואָרום עס שטעהט געשרי-

---

פ י ר ו ש.

1) מלכים ב' י"ט ל"ד, 2) דיזער דרש, 3) ישעיה ל"ח י"ז, אין דעם דאַנק געבעט פֿון חזקיה, 4) צוליעב דעם געפֿיהל, אַז די הילף איז ניט געווען צוליעב זיין אייגענעם זכות.

5) מלכים ב' ד' י', אַזוי האָט געזאָגט די פֿרוי פֿון שונם, וואו אלישע איז איינגעשטאַנען, צו איהר מאַן,—דיזער און די ווייטערדיגע מאמרים קומען דאָ, ווייל זיי ענטהאַלטען דרשות וועגען דער שונמית, וועלכע ווערט דערמאָהנט אין דעם ערשטען פֿון די פֿריהערדיגע מאמרים וואָס דרעהען זיך אַרום חזקיה, 6) אין פסוק שטעהט „עֲלִיַּת קִיר", אַן אויסדרוק, וואָס איז ניט גאַנץ קלאָר, און דאַרויף באַרוהט זייער מיינונגספֿאַרשיעדענהייט, 7) כדי צו מאַכען אַ קליין באַקוועם צימער פֿאַר'ן נביא, 8) ווייל זיי האָבען געמאַכט אַ וואַנד. 9) מיט אַ סאָפּיט, קִיר—וואַנד האָט אַן עהנליכקייט מיט תִּקְרָה—סאָפּיט, 10) ד"ה דאָס בעסטע צימער, דער שורש „עלה", פֿון וועלכען דאָס וואָרט עֲלִיָּה איז גענומען באַדייטעט אי עפּעס וואָס ליגט הויך (דערפֿאַר אַ דאַך-שטיבעל) אי עפּעס וואָס איז אויסגעצייכענט (דערפֿאַר דאָס בעסטע צימער).

11) מלאכים ב' ד' י', דאָס איז די פֿאָרטזעצונג פֿון די רייד פֿון דער שונמית, 12) אויף אַ רייזע, פֿון פֿרעמדע, 13) וואָס האָט קיין זאַך ניט מיטגענומען און וואָס זיין בעל הביתטע האָט איהם אַלין געגעבען, 14) שמואל הנביא, 15) שמואל א' ז' י"ז, 16) ד"ה אַלץ וואָס ער האָט געברויכט, כדי קיינעם ניט מטריח צו זיין,—דער דרש איז געבויט דערויף, וואָס פֿאַר דעם פסוק ווערען אויסגערעכענט די ערטער וואָס שמואל פֿלעגט באַזובען און וואָס די ווערטער „ווייל דאָרט איז זיין הויז" זיינען אייגענטליך איבעריג, ווייל דאָס איז אַ בעקאַנטע זאַך, דערפֿאַר דרשעט ר' יוחנן, אַז דאָס וואָרט ד אָ ר ט באַציהט זיך ניט אויף ר מ ה נאָר אויף אַלע ערטער וואָס ער האָט באַזוכט.

17) מלכים ב' ד' ט', 18) ווי עס ווערט דערצעהלט פֿון מזבח, אין „אבות" פ"ג משנה ב', 19) קֶרִי—זאַמענפֿלוס, פּאָלוציאָן, 20) מלכים ב' ד' כ"ז, 21) ד"ה די בריסט, 22) מלכים ב' ד' ט', דאָס איז דער סוף פֿון פסוק.

23) תהלים ק"ל א', 24) דאָרט ק"ב א', 25) בעווייזט עס דאָך אַז

געהען דיך אָן די סודות פֿון דעם אויבערשטען?! וואָס דו ביזט באַפֿאָהלען געוואָרען האָסטו געדאַרפֿט טהון, און זאָל דער קב"ה טהון דאָס וואָס עס איז איהם ניחא! זאָגט ער צו איהם: גיב מיר דיין טאָכטער! פֿילייכט וועט דיין זכות און מיינער גורם זיין, אַז עס זאָלען אַרויס פֿון מיר געראָטענע קינדער?! ענטפֿערט ער איהם: די גזירה איז שוין נגזר געוואָרען! רופֿט ער זיך אָפּ: בן אמוץ, ענדיג דיין נבואה און געה! איך האָב בקבלה פֿון זיידען'ס הויז, אַז אפילו אַז אַ שאַרפֿע שווערד ליעגט שוין אויף דעם מענשען'ס האַלז זאָל ער זיך ניט אָפּזאָגען פֿון רחמים 1). — עס איז געזאָגט געוואָרען 2): ר' יוחנן און ר' אלעזר זאָגען ביידע: אפילו אַז אַ שאַרפֿע שווערד ליעגט שוין אויף דעם מענשען'ס האַלז זאָל ער זיך ניט אָפּזאָגען פֿון רחמים, וואָרום עס שטעהט געשריבען 3): „אַז 4) ער זאָל אפילו וועלען מיך הרגענען, וועל איך האָפֿען צו איהם".—(ב') ר' חנן האָט געזאָגט: אפילו אַז אַ פּותר חלומות זאָגט צו אַ מענשען, אַז ער וועט מאָרגען שטאַרבען, זאָל ער זיך ניט אָפּזאָגען פֿון רחמים, וואָרום עס שטעהט געשריבען 5): „ווייל ביי אַ סך חלומות איז דאָ נאַרעשקייטען, ווי ביי אַ סך רייד; האָב נאָר מורא פֿאַר גאָט 6)".—אין דעם מאָמענט 7) „האָט זיך חזקיה אומגעדרעהט מיט'ן פּנים צו דער וואַנד און האָט מתפלל געווען צו גאָט 8)". וואָס באַדייטעט „וואַנד"? האָט ר' שמעון בן לקיש געזאָגט: פֿון די ווענט פֿון זיין האַרץ 9), ווי עס שטעהט געשריבען 10): „מיין גאַנצעס אינעווייניגסטע ציטערט, די ווענט פֿון מיין האַרץ א.א.וו.". ר' לוי זאָגט: ווענגען דער „וואַנד" — ער האָט (געמליך) געטענהט פֿאַר איהם: רבונו של עולם! מה דאָך וואָס דו האָסט אויפֿגעלעבט דאָס קינד פֿון דער פֿרוי פֿון שונם, וועלכע האָט נאָר געמאַכט איין קליינע וואַנד 11), הייסט אַז מיין זיידע 12) האָט באַדעקט דעם טעמפּעל מיט גאָלד און זילבער, איז דאָך אודאי און אודאי 13). „געדענק, איך בעט דיך, אַז איך בין געגאַנגען פֿאַר דיר אין אמת און מיט'ן גאַנצען האַרצען, און דאָס וואָס איז גוט אין דיינע אויגען האָב איך געטהאָן 14)". וואָס מיינט „און דאָס וואָס איז גוט אין דיינע אויגען האָב איך געטהאָן 15)"? האָט ר' יהודה געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: „דאָס וואָס ער פֿלעגט פֿאַרבינדען „גאולה" מיט שמונה עשרה 16); ר' לוי אָבער האָט געזאָגט: דאָס וואָס ער האָט פֿאַרבעהאַלטען דעם ספר הרפואות.

די רבנן האָבען געלערנט: זעקס זאַכען האָט הזקיהו המלך געטהאָן, האָבען זיי 17) אויף דריי מסכים געווען צו איהם, און אויף דריי האָבען זיי ניט מסכים געווען צו איהם. „אויף דריי האָבען זיי מסכים געווען צו איהם": ער האָט פֿאַרבעהאַלטען דעם ספר פֿון רפואות 18), און זיי האָבען מסכים געווען צו איהם, ער האָט צופּיצעלט די קופּערנע שלאַנג 19) און זיי האָבען מסכים געווען צו איהם, ער האָט געשלעפּט די ביינער פֿון זיין פֿאָטער 20) אויף אַ מטה פֿון שטריק 21), און זיי האָבען מסכים געווען צו איהם; „און אויף דריי האָבען זיי ניט מסכים געווען צו איהם": ער האָט פֿערשטאָפּט די וואַסער פֿון דעם גיחון 22), און זיי האָבען ניט מסכים געווען צו איהם, ער האָט אַראָפּגעריסען די טיהרען פֿון בית המקדש 23) און האָט עס געשיקט צום קעניג פֿון אשור, און זיי האָבען ניט מסכים געווען צו איהם, ער האָט מעבר געווען ניסן אין ניסן 24), און זיי האָבען ניט מסכים צו איהם. האָט דען חזקיהו ניט געוואוסט, אַז „ד י ז ע ר ח ד ש זאָל ביי אייך זיין דער ערשטער פֿון די חדשים 25)" (מיינט אַז נאָר) ד י ז ע ר איז ניסן און מען קען ניט מאַכען קיין אַנדערן פֿון ניסן?—ער האָט אַ טעות געהאַט אין דאָס וואָס שמואל האָט געזאָגט: מען טאָר ניט מאַכען קיין עבור יאָהר דעם דרייסיגסטען אדר, ווייל ער איז שוין ראוי אַז מען זאָל איהם באַשטימען אַלס ניסן; האָט ער געדאַכט אַז מיר האַלטען ניט פֿון „ווייל ער איז שוין ראוי 26)".

ר' יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יוסי בן זמרא: דער וואָס באַטאָנט 27) זיין אייגענעם זכות, ווערט איהם באַטאָנט דער זכות פֿון אַנדערע, און ווער עס באַטאָנט דעם זכות פֿון אַנדערע, ווערט איהם באַטאָנט זיין אייגענער זכות. משה האָט באַטאָנט דעם זכות פֿון אַנדערע, ווי עס שטעהט געשריבען 28): „געדענק אברהם, יצחק און ישראל דיינע קנעכט", איז איהם זיין אייגענער זכות באַטאָנט געוואָרען, ווי עס שטעהט געשריבען 29): „און ער האָט געוואָלט זיי

פ י ר ו ש .

1) ד"ה ער זאָל ניט אויפֿהערען צו האָפֿען און בעטען אויף גאָט'ס רחמנות. 2) איתמר. מיט דיזען וואָרט ווערען מאַנכמאָל איינגעפֿיהרט מאמרים פֿון אמוראים. 3) איוב י"ג ט"ו. 4) דאָרט שטעהט דאָס וואָרט „הן", וואָס דריקט אויס די געוויסהייט פֿון דער האַנדלונג, און דערפֿאַר באַוויזט עס „אַז אפילו אַ שאַרפֿע שווערד א.א.וו.". 5) קהלת ה' ו'. 6) וועסטו ניט דאַרפֿען מורא האָבען פֿאַר חלומות. 7) ד"ה גלייך ווי ער האָט געהערט פֿון ישעיה הנביא, אַז די גזירה איז שוין נגזר געוואָרען. 8) ישעיה ל"ח ב'. 9) ד"ה פֿון טיעפֿסטען האַרצען. 10) ירמיה ד' י"ט. 11) ד"ה אַ קליין חדר'ל פֿאַר דעם נביא אלישע; זעה מלכים ב' ד'. 12) שלמה המלך. 13) אַז דו זאָלסט מיך, זיין אייניקעל, ניט לאָזען שטאַרבען. 14) ישעיה ל"ח ג'. דאָס איז חזקיה'ס תפלה. 15) וואָס איז דאָך אייגענטליך איבעריג, ווייל עס חזרט איבער די ערשטע העלפֿט פֿון דער תפלה. 16) דאָס איז אויך דער טעם פֿאַרוואָס דער מאמר קומט דאָ.

17) די חכמים. 18) וואָס שלמה המלך זאָל האָבען געשריבען, כדי מענשען זאָלען זיך ניט פֿאַרלאָזען אויף איהם און זאָלען בעסער פֿרעגען אַ דאָקטאָר און זיך פֿאַרלאָזען אויף גאָט ווען זיי זיינען קראַנק. 19) וואָס משה האָט געמאַכט כדי צו היילען די וואָס זיינען געביסען געוואָרען פֿון שלאַנגען, ווי עס ווערט דערצעהלט, אין במדבר כ"א, און חזקיה האָט עס צערבראָכען, כדי אידען זאָלען ניט דיענען דערצו. 20) אחז. 21) ווייל ער איז געווען אַ רשע און האָט ניט פֿאַרדיענט קיין קעניגליכע לויה. 22) דער קוואַל ש ל ו ח נעבען ירושלים, כדי די קעניגע פֿון אשור זאָלען ניט האָבען קיין וואַסער, אַז זיי וועלען בעלאַגערן ירושלים, דאַדורך האָבען אָבער אויך די איינוואָהנער פֿון ירושלים געליטען, אין דברי הימים ב' ל"ב ל', פֿון וואַנען דאָס ווערט גענומען, שטעהט אפילו ניט אַז ער האָט דעם קוואַל פֿאַרשטאָפּט, נאָר אַז ער האָט איהם געגעבען אַן אַנדער ריכטונג. 23) וועלכע זיינען געווען באַדעקט מיט גאָלד. 24) ד"ה אַז עס איז שוין געווען ניסן, האָט ער געוואָלט מאַכען אַן עבור יאָהר און ערקלעהרען אַז דאָס איז נאָך אדר, ד"ה אדר ב'. 25) שמות י"ב ב'. 26) און מען קען דערפֿאַר נאָך מאַכען אַן עבור יאָהר דעם דרייסיגסטען אדר אויך.

27) אין אַ געבעט. 28) שמות ל"ב י"ג. 29) תהלים ק"ו כ"ג.

דעם טעם פֿון בית שמאי 1), אָבער וואָס איז דער טעם וואָס די בית שמאי זאָגען ניט ווי בית הלל? — בית שמאי קענען ענטפֿערן: אויב אַזוי 2), זאָל די תורה זאָגען „אין דער פֿריה און אין אָוועגט"; וואָס איז עפּעס „ווען דו לעגסט זיך און ווען דו שטעהסט אויף"? (אלא מיינט עס:) אין דער צייט וואָס מען לעגט זיך זאָל מען זיך ממש לעגען 3), און אין דער צייט וואָס מען שטעהט אויף זאָל מען ממש שטעהן 4). — אָבער וואָס מאַכען בית שמאי מיט „און ווען דו געהסט אין וועג 5)"? זיי דאַרפֿען דאָס האָבען (אויף'ן זעלבען אופן) ווי עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: „ווען דו זיצסט אין הויז" (מיינט) אַ חוין דעם וואָס איז באַשעפֿטיגט מיט אַ מצוה, „און ווען דו געהסט אין וועג" אַחוין אַ חתן 6). פֿון דאַנען האָבען זיי 7) געזאָגט: דער וואָס האָט חתונה מיט אַ בתולה איז פטור 8) און מיט אַן אַלמנה איז מחויב. ווי אַזוי איז דאָס געדרונגען 9)? האָט רב פפא געזאָגט: פֿון „אין וועג" 10); אַזוי ווי אַ וועג איז פֿרייוויליג 11) אַזוי מוז אַלין 12) זיין פֿריי-וויליג 13).—מיינט עס דען ניט, אַז אפילו מען געהט אין אַ דבר מצוה, פֿונדעסטוועגען זאָגט די תורה אַז מען זאָל לייע-נען 14)? — אויב אַזוי, האָט די תורה געזאָלט שרייבען „ווען מען זיצט און ווען מען געהט", וואָס איז עפּעס „ווען דו זיצסט און ווען דו געהסט"? (אלא מיינט עס) אין דיין זיצען און אין דיין געהן ביזטו מחויב, אָבער אויב דאָס איז וועגען אַ מצוה ביזטו פטור.—אויב אַזוי, זאָל דאָך אפילו דער וואָס האָט חתונה מיט אַן אַלמנה אויך (פטור זיין) 15)? —יענער 16) איז באַזאָרגט 17), אָבער דיזער 18) איז ניט פֿאַר-זאָרגט 19).—אויב צוליעב פֿאַרזאָרגט זיין, טאָ זאָל דאָך אפילו דער וואָס זיין שיף איז אונטערגעגאַנגען אויף'ן ים אויך (פטור זיין)? און אויב דו וועסט זאָגען, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, טאָ פֿאַרוואָס האָט ר' אבא בר זבדא געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: אַן אבל 20) איז מחויב צו אַלע מצות וואָס שטעהען אין דער תורה אַחוין תפילין 21) ווייל זיי הייסען אַ ציערונג 22), ווי עס שטעהט געשריבען 23): „דיין ציערונג זאָלסטו אָנטהון אויף דיר"? — דאָרט 24) איז ער טרוד אין טרדא פֿון אַ מצוה, אָבער דאָ 25) איז ער טרוד אין אַ פער-זענליכע טרדא.—און בית שמאי דאַרפֿען דאָס 26) האָבען אויף אויסצושליסען אַ שליח מצוה 27); אָבער בית הלל זאָגען אַז דאָס פֿאַרשטעהט מען ממילא, וואָרום מען מעג דאָך לייענען אפילו אויף'ן וועג 28).

די רבנן האָבען געלערנט 29): בית הלל זאָגען: מען מעג שטעהן און לייענען, מען מעג זיצען און לייענען, מען מעג זיך צולעגען און לייענען, מען מעג געהן אין וועג און לייענען און מען מעג טהון אַן אַרבייט און לייענען. און עס האָט פּאַסירט, אַז ר' ישמעאל און ר' אֶלעזר בן עזריה זיינען געווען צו טיש אין איין אָרט און ר' ישמעאל איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אויף אַ זייט און ר' אלעזר בן עזריה איז געשטאַנען. אַז עס איז געקומען די צייט פֿון קריאת שמע 30), און ר' אלעזר האָט זיך צוגעלעגט 31), האָט זיך ר' ישמעאל אויפֿגעשטעלט. האָט ר' אלעזר בן עזריה געזאָגט צו ר' ישמעאל: ישמעאל, ברודער, איך וועל דיר געבען אַ משל. (דו ווייסט) צו וואָס דאָס איז געגליכען? דאָס איז געגליכען צו איינעם וואָס מען זאָגט צו איהם: דיין באָרד איז (שעהן) געוואַקסען! ענטפֿערט ער: זאָל דאָס זיין פֿאַר די משחיתים 32)! אַזוי האָסטו גע-טהאָן, כל זמן איך בין געשטאַנען, ביזטו געלעגען, איצט אַז איך האָב זיך צוגעלעגט, האָסטו זיך אויפֿגעשטעלט 33). האָט ער איהם געענטפֿערט: איך האָב געטהאָן ווי בית הלל זאָגען 34), און דו האָסט געטהאָן ווי בית שמאי זאָגען. און ניט נאָר צוליעב דעם אַליין 35), נאָר טאָמער וועלען די תלמידים זעהן 36) און וועלען דאָס פֿעסטזעצען אַלס אַ הלכה פֿאַר אייביג. וואָס מיינט „און ניט נאָר צוליעב דעם אַליין 37)"? כדי טאָמער וועסטו זאָגען: בית הלל האַלטען דאָך אויך אַז מען מעג (לייענען) ליעגענדיג אויב מען ליעגט שוין פֿון פֿריהער 38); אָבער וויבאַלד אַז פֿריהער ביזטו געשטאַנען און איצט האָסטו

פירוש.

1) ד"ה פֿאַר וואָס דער טעם פֿון בית שמאי איז ניט ריכטיג. 2) ד"ה אויב מען מעג לייענען ק"ש אין וועלכער פּאָזיציע מען וויל, ווי בית הלל זאָגען. 3 און 4) ווען מען לייענט ק"ש. 5) מיט וואָס בית הלל בעווייזען אַז דאָס קען ניט מיינען ווערטליך. 6) ד"ה אַז אַ חתן אָדער אַז מען איז באַשעפֿ-טיגט מיט אַן אַנדער מצוה איז מען פטור פֿון ק"ש. 7) די חכמים. 8) פֿון ק"ש, ווייל זיינע רעיונות זיינען פֿאַרנומען מיט דער פֿראַגע פֿון בתולים. 9) אַז דער וואָס איז באַשעפֿטיגט מיט אַ מצוה איז פטור פֿון ק"ש. 10) ד"ה פֿון דעם וואָרט „בדרך". 11) ד"ה וואָס מען קען געהן אויף וועלכען וועג מען וויל. 12) ד"ה דאָס זיצען און דאָס געהן וואָס ווערט דאָרט דערמאָהנט. 13) איז דאָך דערפֿון געדרונגען, אַז ווען מען איז באַשעפֿטיגט מיט אַ מצוה, וואָס איז דאָך אַ חוב און ניט קיין פֿרייוויליגע זאַך, איז מען פטור פֿון ק"ש. 14) ד"ה אַזוי ווי דער בעוויז פֿון „בדרך" איז ניט גאַנץ קלאָר, קען עס אפשר מיינען, אַז די תורה הייסט, אַז אפילו ווען מען געהט אין וועג אין אַ דבר מצוה מוז מען אויך לייענען ק"ש. 15) ווייל חתונה האָבען בכלל איז דאָך אַ מצוה. 16 און 24) דער וואָס נעהמט אַ בתולה. 17) ד"ה דער קאָפּ איז איהם פֿאַרדרעהט מכח דער פֿראַגע פֿון בתולים, דערפֿאַר איז ער פטור פֿון ק"ש. 18) דער וואָס נעהמט אַן אַלמנה. 19) ווייל דאָ פֿאַלט אַראָב די פֿראַגע פֿון בתולים. 20) וואָס איז דאָך אודאי פֿאַרזאָרגט. 21) אָבער ניט אַחוין ק"ש. 22) וואָס אַן אבל טאָר ניט טראָגען. 23) יחזקאל כ"ד י"ז. 25) דער וואָס זיינע שיפֿען זיינען אונטערגעגאַנגען. 26) „ובלכתך בדרך" וואָס בית הלל מיינען דערמיט סותר צו זיין זייערע רייד. 27) אַז ער איז פטור פֿון ק"ש. 28) ד"ה אַז אויב דער וואָס געהט אין וועג אין זיינע אייגענע אינטערעסען מעג לייענען געהענדיג און איז ניט מחויב צו אונטערברעכען די רייזע, קען מען דאָך דערפֿון פֿאַרשטעהן אַז דער וואָס געהט אין אַ דבר מצוה איז אָין גאַנצען פטור פֿון ק"ש.

29) תָּנוּ רַבָּנָן. אַזוי ווערט געוועהנליך איינגעפֿיהרט אַ בריתא וואָס איז אַלגעמיין באַקאַנט און אָנערקענט. 30) פֿון אָוועגט. 31) כדי צו טהון ווי בית שמאי. 32) די באַרבירער. — ד"ה דערפֿאַר וואָס מען האָט דעם באָרד געליובט, וויל ער געהן איהם אָפּשערען. 33) ווי דו וואָלסט עס געטהאָן להכעיס. 34) און ניט כדי צו טהון פֿאַרקעהקט וואָס דו טהוסט. 35) האָב איך זיך אויפֿגעשטעלט. 36) אַז מיר ביידע האָבען זיך צוגעלעגט צו ק"ש פֿון אָוועגט, וועלען זיי מיינען אַז מיר האַלטען ביידע מיט בית שמאי. 37) ד"ה צו וואָס איז נאָך נויטיג צו געבען אַ צווייטען טעם, עס איז דאָך שוין גענוג דער ערשטער טעם וואָס ער האָט געזאָגט. 38) ד"ה דער ערשטער טעם וואָלט ניט געווען גענוג, ווייל אַזוי ווי נאָך בית הלל מעג מען לייענען ליעגענדיג, ד"ה אַז מען געפֿינט זיך צופֿעליגערווייזע אין דיזער פּאָזיציע בשעת עס קומט די צייט פֿון לייענען ק"ש, וואָלסטו

בען 1): „און זייערע פֿיס איז אַ גלייך פֿוס". — ווייטער האָט ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' אליעזר בן יעקב: וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט געשריבען 2): „איהר זאָלט ניט עסען אויף דאָס בלוט"? איהר זאָלט ניט עסען בעפֿאָר איהר טהוט תפלה פֿאַר אייער בלוט 3). ר' יצחק האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט און ער ווידער זאָגט אַז ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא האָט עס געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' אליעזר בן יעקב: ווער עס עסט און טרינקט און נאַכהער דאַווענט ער, איהם מיינט דער פסוק 4): „און מיך האָסט אַוועקגעוואָרפֿען הינטער דיין קערפער", לייען ניט „דיין קערפער" נאָר „דיין גרויסקייט 5)". דער קב"ה זאָגט נעמליך: נאָכדעם וואָס ער איז גרויס געוואָרען 6) נעהמט ער אויף זיך מלכות שמים 7)!

„ר' יהושע זאגט: ביז דריי שעה".

רב יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר' יהושע.

„דער וואס לייענט נאכהער, האט ניט פארלארען".

רב חסדא האָט געזאָגט אַז מר עוקבא האָט געזאָגט: ער זאָל נאָר ניט זאָגען „יוצר אור" 8). האָט מען דערויף געפֿרעגט 9): „דער וואָס לייענט נאַכהער, האָט ניט פֿאַרלאָרען, ווי אַ מענש וואָס לייענט אין דער תורה, אָבער ער זאָגט די צוויי ברכות 10) וואָס פֿאַר דעם און איינע 11) וואָס נאָכדעם"? איז דאָס אַן אָפּפֿראַגע אויף רב חסדא? יא, עס איז אַן אָפּפֿראַגע 12)! עס זיינען דאָ וואָס זאָגען, אַז רב חסדא האָט געזאָגט אַז מר עוקבא האָט געזאָגט: וואָס מיינט „האָט ניט פֿאַרלאָרען"? ער האָט ניט פֿאַרלאָרען די ברכות 13). —אין אַ בריתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: דער וואָס לייענט נאַכהער האָט ניט פֿאַרלאָרען, ווי אַ מענש וואָס לייענט אין דער תורה, אָבער ער זאָגט די צוויי ברכות וואָס פֿאַר דעם און איינע וואָס נאָכדעם. — ר' מני האָט געזאָגט: דער וואָס לייענט קריאת שמע אין דער צייט איז גרעסער ווי דער וואָס לערנט תורה, וואָרום אַז עס ווערט געלערנט: „דער וואָס לייענט נאַכהער, האָט ניט פֿאַרלאָרען, ווי אַ מענש וואָס לייענט אין דער תורה, קען מען דאָך דערפֿון שליסען, אַז דער וואָס לייענט עס אין דער צייט איז בעסער.

משנה ג'.

בית שמאי 14) זאגען: אין אווענט זאל יעדערער זיך צולעגען און לייענען 15), און אין דערפריה זאל מען שטעהן, ווייל עס שטעהט געשריבען: „ווען דו לעגסט זיך און ווען דו שטעהסט אויף"; און בית הלל זאגען: יעדער לייענט ווי זיין שטייגער איז 16), ווייל עס שטעהט געשריבען: „און ווען דו געהסט אין וועג" 17). — אויב אזוי, טא פאר וואס שטעהט „און ווען דו לעגסט זיך און ווען דו שטעהסט אויף" 18)? — אין דער צייט ווען מענשען לעגען זיך און אין דער צייט ווען מענשען שטעהען אויף 19). —ר' טרפון האט געזאגט: איך בין אמאל געגאנגען אין וועג און האב זיך צוגעלעגט צו לייענען 20), ווי די בית שמאי זאגען, בין איך געווען אין א געפאהר צוליעב רויבערס 21). —האבען זיי 22) איהם געזאגט: דו האסט פארדיענט אז עס זאל דיר א לייד געשעהן, ווייל דו האסט עובר געווען אויף די רייד פון די בית הלל.

גמרא.

(יא' א) מילא בית הלל ערקלעהרען זייער טעם און

פירוש.

ביים דאַווענען דאַרף מען זיך האַלטען נידעריג. 1) יחזקאל א' ז'. דאָס באַציהט זיך אויף די מלאכים. 2) ויקרא י"ט כ"ו. 3) ד"ה פֿאַר אייער לעבען, דער דרש איז געבויט דערויף וואָס שטעהט „דאָס בלוט" און עס קען דערפֿאַר ניט מיינען ווערטליך. 4) מלכים א' י"ד ט'. 5) אַל תִּקְרֵי „גַּוֶּיךָ אֶלָּא גֵּאֶיךָ". 6) דורך עסען. 7) אַ זאַך וואָס איז אונמעגליך, ווייל דעם עול פֿון מלכות שמים קען מען נאָר נעהמען אויף זיך אַז מען איז קליין און נידעריג ביי זיך.

8) וואָס איז אַ ברכה צו דעם בעשאַפֿער פֿון ליכט, ווייל דער טאָג האָט זיך שוין לאַנג אָנגעפֿאַנגען. 9) מֵיתִיבֵי—דער וואָס האָט פֿאָרגעטראָגען די באַטרעפֿענדע הלכה איז געפֿרעגט געוואָרען פֿון זיינע חברים אין דער ישיבה. „מיתיבי" ווערט געברויכט, אַז מען פֿרעגט אַן אמורא אַ קשיא פֿון אַ בריתא אָדער אַ משנה, וועלכע דער אמורא האָט קיין רעכט ניט צו אָפּאָנירען. דאָס קומט אויך פֿאָר, אַז מען פֿרעגט אויף אַ תנא פֿון אַ פסוק. 10) „יוֹצֵר אוֹר" און „אַהֲבָה רַבָּה", זעהען מיר דאָך דערפֿון, אַז אפילו מען לייענט ק"ש נאַכהער, זאָל מען זאָגען „יוצר אור", און ניט ווי רב חסדא האָט געזאָגט. 11) אֱמֶת וְיַצִּיב. 12) תְּיוּבְתָּא דְּרַב חִסְדָּא? תְּיוּבְתָּא! (לויט „ת"ח" ש"ג פ"א סי' ט'). דיזער אויסדרוק שטעהט צו באַווייזען אַז די הלכה וואָס איז פֿאָרגעטראָגען געוואָרען איז בטל און דער דין איז ווי דער וואָס האָט געפֿרעגט די קשיא. 13) זעה „פירוש" זייטע 32 נומ. 6.

14) „בית שמאי" און „בית הלל" זיינען געווען צוויי באַריהמטע ישיבות וואָס האָבען געשטאַמט פֿון שמאי און הלל, און זיינען תמיד געווען אין מחלוקת מיט איינאַנדער. „בית שמאי" האָבען געהאַט די טענדענץ מחמיר צו זיין אין אַלע פֿראַגען וואו זיי זיינען געווען אין מחלוקת מיט די „בית הלל". דער דין בלייבט אָבער תמיד, מיט אויסנאַהם פֿין זעקס זאַכען, ווי די „בית הלל". 15) קריאת שמע.—זיי זאָגען אַז „ובשכבך ובקומך" באַצייכענט ניט נאָר די צייט פֿון ק"ש, נאָר מיינט אויך ווערטליך און באַציהט זיך אויך אויף די אַרט און וויזע. 16) ד"ה אין וואָס פֿאַר אַ פאזיציע ער געפֿינט זיך. 17) איז אויב „ובשכבך ובקומך" זאָל מיינען ווערטליך, מוז דאָך „ובלכתך בדרך", וואָס שטעהט גלייך דערנאָך, אויך מיינען ווערטליך, וועט עס אויסקומען, אַז מען דאַרף געהן אין אַ וועג ווען מען לייענט ק"ש. 18) ד"ה פֿאַר וואָס שטעהט ניט אין דער תורה דייטליך: אין אָווענט און אין דער פֿריה? 19) ד"ה ווייל די אויסדריקע „אין אָווענט און דער פֿריה", הגם זיי זיינען דייטליך, זיינען זיי אָבער עלאַסטיש און קענען אויסגעצויגען ווערען אויף אַ לאַנגע צייט, בעת אַז „ובשכבך ובקומך" דעפֿינירט גענויער די צייט פֿון לייענען ק"ש. 20) דאָס איז געווען אין אָווענט. 21) ד"ה צוליעב דעם וואָס ער האָט ניט געלייענט גלייך און האָט פֿאַרבראַכט צייט כדי צו לייענען לויט די „בית שמאי", איז ער שיעור ניט אַריינגעפֿאַלען אין די הענט פֿון גזלנים, וואָס זיינען געווען אויפֿ'ן וועג. 22) די חכמים.

שטעהט געשריבען: 1) „און מיט אַן איביגע ליעבע האָב איך דיך געליעבט, דערפאַר בין איך געווען גנעדיג צו דיר".

רב יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: אַז מען שטעהט פריה אויף כדי צו לערנען, איז בעפאָר מען האָט געלייענט ק"ש מוז מען מאַכען אַ ברכה 2), אָבער נאָכ-דעם ווי מען האָט שוין געלייענט ק"ש דאַרף מען ניט מאַכען קיין ברכה, ווייל מען איז שוין יוצא מיט „אהבה רבה" 3).

רב הונא האָט געזאָגט: פאַר תנ"ך 4) דאַרף מען מאַכען אַ ברכה, אָבער פאַר מדרש 5) דאַרף מען ניט מאַכען קיין ברכה. ר' אלעזר האָט געזאָגט: פאַר תנ"ך און מדרש דאַרף מען מאַכען אַ ברכה, אָבער פאַר משנה דאַרף מען ניט מאַ-כען קיין ברכה. ר' יוחנן האָט געזאָגט: אפילו פאַר משנה דאַרף מען אויך מאַכען אַ ברכה, [אָבער פאַר גמרא דאַרף מען ניט מאַכען קיין ברכה]. רבא האָט געזאָגט: אפילו פאַר גמרא דאַרף מען אויך מאַכען אַ ברכה; ווארום רב חייא בר אשי האָט געזאָגט: אַסך מאָל בין איך געשטאַנען פאַר רב צו לערנען פרקים אין דעם ספר פון רב'ס ישיבה 6), פלעגט ער זיך פריער אין וואַשען די הענט און מאַכען אַ ברכה און דערנאָך פלעגט ער מיט אונז לערנען די פרקים.—וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען? האָט רב יהודה געזאָגט אַז שמואל האָט גע-זאָגט: „וואָס האָט אונז געהייליגט דורך זיינע מצות און האָט אונז באַפאָהלען צו באַשעפטיגען זיך מיט די רייד פון דער תורה" 7). ר' יוחנן פלעגט דאָס אַזוי ענדיגען: „מאַך זיס 8), אַ גאָט אונזער האַר, די ווערטער פון דיין תורה אין אונזער מויל און אין די מיילער פון דיין פאָלק ישראל און מיר און אונזערע קינדער און די קינדער פון דיין פאָלק ישראל זאָלען אַלע זיין פון די וואָס קענען דיין נאָמען און באַשעפטיגען זיך מיט דיין תורה. גע-לויבט ביזטו גאָט וואָס האָט זיין פאָלק ישראל געלערנט תורה". רב המנונא זאָגט: „וואָס האָט 9) אונז אויסערוועהלט פון אַלע פעלקער און האָט אונז געגעבען זיין תורה. געלויבט ביזטו גאָט וואָס האָט געגעבען די תורה". רב המנונא האָט גע-זאָגט: דאָס איז די בעסטע פון די ברכות 10). דערפאַר 11) זאָל מען זיי אַלע זאָגען.

עס ווערט דאָרט געלערנט אין דער משנה 12): „דער פאָרשטעהער 13) פלעגט צו זיי 14) זאָגען: זאָגט איין ברכה! פלעגען זיי מאַכען די ברכה 15) און פלעגען לייענען די „עשרת הדברות", „שמע", „והיה אם שמע", „ויאמר", און זאָגען מיט'ן עולם די דריי ברכות: „אמת ויציב", די „עבודה" 16) און די „ברכת כהנים" 17); און שבת פלעגען זיי צולעגען נאָך אַ ברכה פאַר דעם משמר וואָס געהט אַרויס" 18). וואָס מיינט „איין ברכה"?—עס איז אַזוי: אַז ר' אבא און ר' יוסי בר אבא זיינען געקומען אין אַ געוויסען אָרט, האָט מען זיי געפרעגט: וואָס מיינט „איין ברכה"? האָבען זיי ניט געוואוסט. זיינען זיי געגאַנגען און האָבען דאָס געפרעגט רב מתנה, האָט ער אויך ניט געוואוסט. זיינען זיי דאַן גע-גאַנגען און האָבען געפרעגט רב יהודה, האָט ער זיי געענט-פערט: אַזוי האָט שמואל געזאָגט: „אהבה רבה". ר' זריקא אָבער האָט געזאָגט אַז ר' אמי האָט געזאָגט און ער ווידער זאָגט אַז ר' שמעון בן לקיש האָט עס געזאָגט: „יוצר אור". אַז רב יצחק בר יוסף איז צוגעקומען, האָט ער געזאָגט אַז דאָס וואָס ר' זריקא האָט געזאָגט איז ניט בפירוש געזאָגט געוואָרען נאָר עס איז דורך אַ דעדוקציע געזאָגט געוואָרען 19), ווארום ר' זריקא האָט געזאָגט אַז ר' אמי האָט געזאָגט און ער ווידער זאָגט אַז ר' שמעון בן לקיש האָט עס געזאָגט: דאָס 20) מיינט צו זאָגען, אַז די ברכות פאַרהאַלטען ניט

פירוש.

1) ירמיה ל"א ג'.

2) די ברכה איבער דער תורה. 3) וואָס אַ טייל פון זיין אינהאַלט איז עהנליך צו דער ברכת התורה: „וְתֵן בְּלִבֵּנוּ א.א.וו. תּוֹרָתֶךָ א.א.וו."

4) ד"ה בעפאָר מען לערנט תנ"ך. 5) „מדרש" ווערט דאָ ניט פאַר-שטאַנען מדרש אין היינטיגען זין („מדרש רבה" א.א.וו.), נאָר די ספרים וואָס ענטהאַלטען עהנליכע דרושים אויף דער תורה ווי דער תלמוד, און געהען, פאַרקעהרט פון תלמוד, נאָך דעם סדר פון דער תורה, ווי „מכילתא" אויף אַ טייל פון שמות „ספרא" אויף ויקרא און „ספרי" אויף במדבר און דברים. 6) סִפְרָא דְבֵי רַב, אַזוי ווערט אָפט גערופען דער „ספרא", ווייל ער איז רעדיגירט געוואָרען פון דעם באַריהמטען אַמורא רב (זיין אייגענטליכער נאָמען איז געווען רב אבא בר איבו).—דער בעוויין איז דאָ ניט פאַר ר' אלעזר, ווי עס זעהט אין פלוג אויס, ווייל עס ווערט דערמאָהנט דער „ספרא" וועלכער געהערט צו מדרש, נאָר פאַר רבא, ווייל דורך דאָס לערנען פון דעם רבי מיט די תלמידים ענטשטעהט די דעבאַטע איבער דעם געגענשטאַנד פון לערנען, וואָס דאָס איז גמרא. אויך ווערט דערזעלבער מאמר דערמאָהנט שפּעטער, י"ד ב', וואו עס פעהלט דאָס וואָרט „ספרא".—דער אויסדרוק „שטעהען פאַר..." איז גלייך צו „לערנען ביי...", ווייל די תלמידים פלעגען געוועהנליך שטעהן בעת דער רבי האָט פאָרגעטראָגען דעם שעור. 7) בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה. 8) הַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹהֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ א.א.וו. 9) בָּא"י אֱמ"ה אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים א.א.וו. 10) ווייל אין איהר איז אויך דאָ אַ שבח פאַר אידען. 11) ד"ה ווייל דיזע איז די בעסטע, זיינען דאָך די אַנדערע אויך גוט; דערפאַר זאָל מען זיי אַלע זאָגען. נאָך „אלפס" און „רא"ש" דאַרף דאָ שטעהן „אמר רב פפא", און דיזע ווערטער געהערען שוין ניט מעהר צו רב המנונא.

12) תמיד פרק ה' משנה א'. 13) מְמוּנֶּה, לויט רש"י אידענטיש מיט סֶגֶן, דעם וויצע כהן גדול, וואָס פאַרטרעט דעם כהן גדול'ס אָרט, ווען ער ווערט פאַרהינדערט, דורך אַ סבה, פון טהון זיין דיענסט; לויט „תוספות" אָבער (זעה „סנהדרין" י"ט א' און „סוטה" מ"ב א') דער כהן וואָס שטעהט אָן דער שפיין פון דער פאַרטיע כהנים וואָס טהוען זייער וואָך דיענסט. די ערקלערונג פון „תוספות" זעהט אויס ריכטיגער צו זיין. 14) צו דער פאַרטיע כהנים פון דער וואָך. 15) די גמרא ערקלערט נאָכ-הער וועלכע ברכה. 16) „רְצֵה ה' אֱלֹהֵינוּ א.א.וו.", וואָס איז אַ תפלה אַז זייער עבודה זאָל אָנגענומען ווערען. 17) „יְבָרֶכְךָ ה' א.א.וו."—מעהר פלעגען דיזע כהנים ניט דאַווענען, ווייל זיי האָבען קיין צייט ניט גע-האַט; אויך פלעגען זיי דאָס זאָגען זעהר פריה, אין אַ צייט וואָס אַנדערע מענשען טאָרען נאָך ניט לייענען די ק"ש פון אין דער פריה („יומא" ל"ז ב'). 18) די פאַרטיע כהנים וואָס טהוט אַ וואָך דיענסט הייסט מִשְׁמָר. די פאַרטיעס פלעגען זיך בייטען יעדען שבת נאָך מוסף. 19) זעה „פירוש" זייטע 29 נומ. 3. 20) דער אויסדרוק אין דער משנה: „מאַכט איין ברכה!"

זיך צוגעלעגט, וועלען זיי 1) זאָגען: דערפֿון איז געדרונגען אַז זיי האַלטען (ביידע) ווי בית שמאי; און אויב די תלמידים וועלען דאָס זעהן, וועלען זיי אַזוי פֿעסטזעצען די הלכה פֿאַר אייביג 2).

רב יחזקאל האָט געלערנט: אַז מען טהוט ווי בית שמאי זאָגען האָט מען (ריכטיג) געטהאָן און (אַז מען טהוט) ווי בית הלל זאָגען האָט מען (ריכטיג) געטהאָן 3). רב יוסף זאָגט: אַז מען טהוט ווי בית שמאי זאָגען האָט מען אי־בערהויפּט גאָר ניט געטהאָן, וואָרום מיר האָבען גע־לערנט אין אַ משנה 4): „דער וואָס זיין קאָפּ און דאָס רוב פֿון זיין קערפּער איז אין דער סוכה און זיין טיש איז אין הויז 5), איז בית שמאי פּסל'ען 6) און בית הלל זיינען מכשיר. האָבען די בית הלל געזאָגט צו בית שמאי: עס איז דאָך אַמאָל פֿאָרגעקומען אַז די עלטערע 7) פֿון בית שמאי און די עלטערע פֿון בית הלל זיינען געגאַנגען באַזוכען ר' יוחנן בן החורנית און האָבען איהם געטראָפֿען מיט'ן קאָפּ און דאָס רוב פֿון זיין קערפּער אין דער סוכה בעת אַז דער טיש איז געווען אין הויז און זיי האָבען איהם גאָרניט געזאָגט. האָבען זיי דערויף געענטפֿערט: פֿון דאָרט איז אַ ראיה? זיי האָבען איהם טאַקע יאָ געזאָגט: אויב דו פֿיהרסט זיך תמיד אַזוי, האָסטו אין דיין לעבען די מצוה פֿון סוכה ניט מקיים געווען! — רב נחמן בר יצחק זאָגט: אַז מען טהוט ווי בית שמאי זאָגען איז מען חייב מיתה 8), וואָרום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה: „ר' טרפון האָט געזאָגט: איך בין אַמאָל געגאַנגען אין וועג, און האָב זיך צוגעלעגט צו לייענען ווי בית שמאי זאָגען, בין איך געווען אין אַ געפֿאַהר צוליעב רויבערס. האָבען זיי איהם געזאָגט: דו האָסט פֿאַרדיענט אַז עס זאָל דיר אַ לייד געשעהן, ווייל דו האָסט עובר געווען אויף די רייד פֿון בית הלל".

משנה ד'.

אין דער פריה זאגט מען צוויי ברכות פארהער און איינע נאכהער 9), און איז אווענט זאגט מען צוויי ברכות פארהער און צוויי נאכהער 10), איינע 11) איז לאנג און איינע איז קורץ 12). דארט וואו זיי 13) האבען געהייסען, אז עס זאל זיין לאנג, טאר מען ניט מאכען קורץ, אז עס זאל זיין קורץ, טאר מען ניט מאכען לאנג 14), אז עס זאל זיין מיט א שלום, טאר מען ניט מאכען אהן א שלום, אז עס זאל זיין אהן א שלום, טאר מען ניט מאכען מיט א שלום 15).

גמרא.

וועלכע ברכות זאָגט מען 16)? האָט ר' יעקב געזאָגט אַז ר' אושעיא האָט געזאָגט: **(ב')** „יוצר אור ובורא חשך" (דער שעפּפֿער פֿון ליכט און דער בעשאַפֿער פֿון פֿינסטער־ניש 17).—פֿאַר וואָס זאָל מען ניט זאָגען: „יוצר אור ובורא נוגה" 18)? — ווייל מען זאָגט ווי עס שטעהט געשריבען.— אויב אַזוי, (טאָ וואָס איז מכח) „עושה שלום ובורא רע" (ער מאַכט שלום און בעשאַפֿט שלעכטס)? זאָגט מען דען ווי עס שטעהט געשריבען? נאָר עס שטעהט „רע" און מען זאָגט „הכל" (אַלץ), ווייל דאָס איז אַ פֿיינערער אויסדרוק, טאָ זאָל מען דאָ אויך זאָגען „נגה", ווייל דאָס איז אַ פּאַסיגערער אויסדרוק? — ענדליך האָט רבא געזאָגט: כדי צו דערמאָה־נען די אייגענשאַפֿט פֿון טאָג ביינאַכט, און די אייגענשאַפֿט פֿון אָווענט בייטאָג.—מילא די אייגענשאַפֿט פֿון אָווענט בייטאָג, ווייל מען זאָגט „דער שעפּפֿער פֿון ליכט אין בעשאַפֿער פֿון פֿינסטערניש", אָבער וואו געפֿינט זיך די אייגענשאַפֿט פֿון טאָג ביינאַכט 19)? האָט אביי געזאָגט: אין „גולל אור מפני חשך וחשך מפני אור" (ער פֿאַרדעקט די פֿינסטערניש פֿון דער ליכטיגקייט און די ליכטיגקייט פֿון דער פֿינסטערניש 20).—און וואָס איז די אַנדערע (ברכה)? האָט רב יהודה געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: „אהבה רבה" (מיט גרויס ליעב־שאַפֿט), און אַזוי האָט ר' אליעזר געלערנט ר' פּדת זיין זוהן: „אהבה רבה", אין אַ בריתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: מען זאָגט ניט „אהבת עולם" (מיט אייביגע ליעבע) נאָר „אהבה רבה", אָבער די רבנן 21) זאָגען: „אהבת עולם", וואָרום אַזוי

פירוש.

מיר געקענט פֿרעגען, פאַרוואָס איך בין דוקא אויפֿגעשטאַנען. 1) די וואָס וועלען זעהן אַז איך ליעג אויך. 2) דערפֿאַר בין איך בכיוון אויפֿגעשטאַנען, כדי זיי זאָלען ניט קומען צו דיזען טעות און זאָלען וויסען אַז איך האַלט מיט בית הלל.

3) ד"ה מען קען טהון ווי מען וויל. 4) סוכה פ"ב. 5) בעת ער עסט. 6) ד"ה זיי זאָגען אַז דאָס הייסט ניט געגעסען אין דער סוכה, ווי די מצוה איז. 7) די אָנגעזעהענע מיטגליעדער פֿון דער ישיבה. 8) ד"ה מען האָט געטהאָן געגען דין. רב נחמן געהט ווייטער ווי רב יוסף.

9) פֿאַר און נאָך ק"ש. 10) צוזאַמען מאַכט עס זיבען ברכות, ווייל, ווי דער „ירושלמי" ערקלערט, עס שטעהט אין תהלים קי"ט קס"ד: „זיבען מאָל אַ טאָג האָב איך דיך געלויבט". 11) פֿון די צוויי ברכות נאָך ק"ש אין אָווענט. 12) „אמת ואמונה" איז לאַנג, „השכיבנו" איז קורץ. אַזוי ער־קלערט רש"י. דער רמב"ם אָבער ערקלערט — און זיין ערקלערונג זעהט אויס ריכטיגער צו זיין—אַז לאַנג הייסט אַ ברכה וואָס הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיט „ברוך אתה ה'"; אויב זי האָט אָבער נאָר איין „ברוך אתה ה'", צי אין אָנפֿאַנג צי צום סוף, הייסט זי קורץ. אין דיזען פֿאַל באַציהט זיך „איינע איז לאַנג און איינע איז קורץ" ניט מעהר אויף די צוויי ברכות נאָך ק"ש פֿון אָווענט, נאָר אויף די צוויי ברכות פֿאַר דעם, נעמליך „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם אשר בדברו מעריב ערבים א.א.וו." און „אהבת עולם א.א.וו.". אַנדערש טייטשט רבינו תם, וועלכער זאָגט, אַז עס באַציהט זיך אויף „אמת ואמונה" אַליין, און „אחת ארוכה ואחת קצרה" מיינט: „עס איז גלייך צי מען זאָגט עס לענגער צי מען איז דאָס מקצר. 13) די חכמים. 14) ד"ה זאָגען אַ ברכה מיט איין „ברוך אתה ה'", אָדער, פֿאַרקעהרט, צולעגען אַן איבריגען „ברוך אתה ה'". 15) אַ געשלאָסענע ברכה הייסט אַ ברכה וואָס ענדיגט זיך מיט „ברוך אתה ה'" גאַנץ גלייך צי זי איז אַ לאַנגע אָדער אַ קורצע, אַן אָפֿענע ברכה איז די וואָס פֿאַנגט זיך נאָר אָן מיט „ברוך אתה ה'".

16) אין דער פֿריה פֿאַר ק"ש. 17) די ברכה איז גענומען פֿון ישעיה מ"ה ז', וואו עס שטעהט: „יוֹצֵר אוֹר וּבוֹרֵא חֹשֶׁךְ עֹשֶׂה שָׁלוֹם וּבוֹרֵא רָע" און דאָס לעצטע וואָרט איז אין דער ברכה פֿאַרביטען געוואָרען פֿאַר הַכֹּל. 18) נֹגַהּ — שיין; ווייל וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט פֿינסטערניש מיט טאָג? 19) ד"ה אין די ברכות פֿון ק"ש אין אָווענט. 20) וואָס שטעהט אין דער ערשטער ברכה פֿאַר ק"ש אין אָווענט. 21) ד"ה אַנדערע חכמים.

הער 1): אַז מען הויבט אָן אין דער פריה מיט „יוצר אור" און מען לאָזט אויס מיט „מעריב ערבים" 2) איז מען גיט יוצא 3), און אַז מען הויבט אָן מיט „מעריב ערבים" און מען לאָזט אויס מיט „יוצר אור" איז מען יוצא 4); אין אָווענט אָבער אַז מען הויבט אָן מיט „מעריב ערבים" און מען לאָזט אויס מיט „יוצר אור" איז מען ניט יוצא 5), און אַז מען הויבט אָן מיט „יוצר אור" און מען לאָזט אויס מיט „מעריב ערבים" איז מען יוצא 6). דער כלל דערפון איז אַז אַלין געהט נאָך דעם שלום 7). — דאָרט 8) איז גאַנין אַנדערש, ווייל ער זאָגט דאָך (ווניג-סטענס) „ברוך יוצר המאורות" 9). — דאָס איז רעכט נאָך רב וואָס זאָגט, אַז אַ ברכה אין וועלכער עס ווערט ניט דער-מאָהנט קיין ש ם 10) איז ניט קיין ריכטיגע ברכה 11), אָבער נאָך ר' יוחנן וואָס זאָגט, אַז אַ ברכה אין וועלכער עס איז ניטאָ קיין מ ל כ ו ת 12) איז קיין ברכה ניט, וואָס קען מען דאָ (אַנטקעגען) זאָגען 13)? — געוויס 14)! אַזוי ווי רבה בר עולא האָט געזאָגט 15): „כדי צו דערמאָהנען די אייגענשאַפט פון טאָג ביינאַכט און די אייגענשאַפט פון אָווענט בייטאָג", איז אַז מען זאָגט די ברכה און „מלכות" פון אָנהויב, ווערט דאָס אויף ביידע געזאָגט 16).—קום און הער פון סוף 17): „דער כלל דערפון איז אַז אַלין געהט נאָך דעם שלום", טאָ וואָס זאָלען מיר אַרויסנעהמען 18) פון (דעם אויסדרוק) „דער כלל דערפון איז"? אודאי נעהמען מיר דערפון אַרויס דאָס וואָס מיר האָבען געזאָגט 19)! — ניין! מיר נעהמען אַרויס (דעם פאַל פון) ברויט און טייטלען 20). — ווי איז דאָס גע-מיינט? זאָלען מיר זאָגען אַז דאָס מיינט אַז איינער האָט גענעסען ברויט 21) און האָט געמיינט אַז ער האָט געגעסען טייטלען און האָט אָנגעהויבען 22) מיט דער דעה אַז דאָס איז טייטלען 23) און אויסגעלאָזען אויף ברויט 24), איז דאָס דאָך געניי ווי אונזער פראַגע 25)? — ניין! מיר דאַרפען דאָס, אַז דהיינו איינער האָט געגעסען טייטלען און ער האָט געמיינט אַז ער האָט געגעסען ברויט און האָט אָנגעהויבען אויף ברויט

פירוש.

צו דער אַנדערער, לויט דעם געגענשטאַנד איבער וועלכען די באַטרעפענדע ברכה ווירט געמאַכט. — די פראַגע איז דאָ, צו מיר געהען נאָך'ן עיקר, און בשעת ער האָט געזאָגט דעם עיקר האָט ער דאָך געמיינט אַז דאָס איז ווייז, אם כן איז די ברכה פאַלש הגם ער האָט ריכטיג אויסגעלאָזען, אָדער מיר געהען נאָך'ן שייס אין די ברכה איז דאָך ריכטיג. 1) דאָס איז א תשובה. — דאָ טוט ייערט געוויינהליך געברויכט, ווען אַ קשיא ווערט פעריענטפערט דורך אַ ציטאַט פון א משנה אָדער אַ ברייתא (אַזוי ווי דאָ) א.א.וו. 2) ד"ה אַז מען הויבט אָן די ברכה מיט דער דעה צו זאָגען „יוצר אור ובורא החשך", ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער נאָכדעם ווי מען האָט געזאָגט „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם" פאַרגעסט מען זיך און מען זאָגט „אשר בדברו מעריב ערבים" וואָס'געהערט צו מעריב. 3 און 5) ווייל דער שלום איז ניט ריכטיג. 4 און 6) ווייל דער שלום איז ריכטיג הגם דער אָנהויב איז ניט ריכטיג. 7) דערפאַר איז דאָך אויך אין אונזער פראַגע די ברכה ריכטיג, ווייל אַז ער האָט געהאַלטען ביים שלום האָט ער איינ-געזעהן אַז דאָס איז ביער און האָט געמאַכט „שהכל"? 8) אין דער ציטירטער ברייתא. — דאָס איז אַ געגען-ענטפער פון- דעם וואָס האָט געפרעגט די קשיא. 9) ד"ה פון דער ברייתא איז גאָר קיין ראיה ניט, ווייל דאָס וואָס מען איז דאָרט יוצא, אַז מען הויבט אָן אין דער פריה צב"ש מיט דער דעה צו זאָגען „אשר בדברו מעריב ערבים" און נאָכהער דערמאָהנט מען זיך אַז עס איז טאָג און מען זאָגט ריכטיג „יוצר אור ובורא החשך", איז דערפאַר וואָס דיזע ברכה ענדיגט זיך מיט „ברוך אתה ה' יוצר המאורות", און איז דערפאַר שוין אַליין אַ ריכטיגע ברכה, אָבער דאָ ביי ווין און ביער, וואו עס איז נאָר איינמאָל דאָ „ברוך אתה ה'", איז דאָס דאָך גאָר קיין ברכה ניט אפילו אַז דער שלום איז ריכטיג, ווייל בשעת עס איז געזאָגט געוואָרען „ברוך אתה ה'" האָט מען דאָך בדעה געהאַט אַז דאָס איז גאָר ווייז. 10) גאָט'ס נאָמען. 11) דערפאַר איז ריכ-טיג וואָס דו זאָגסט, אַז מען קען ניט פערגלייכען די ברייתא צו דער פראַגע, ווייל דאָרט זאָגט מען ווייניגסטענס „ברוך אתה ה'" און דאָ זאָגט מען גאָרניט. 12) ד"ה „מלך העולם". 13) ד"ה איז דאָך שוין „ברוך אתה ה' יוצר המאורות" אויך קיין ברכה ניט, ווייל עס פעהלט אין דעם „מלך העולם", קען מען דאָך שוין דערפאַר פאַרענטפערן די פראַגע פון דער ברייתא. 14) ד"ה געוויס איז דאָ וואָס אַנטקעגען צו זאָגען. 15) פרי-הער, זייטע 40, וואו דער מאמר שטעהט אָבער אין נאָמען פון רבא. 16) ד"ה די מ ל כ ו ת וואָס שטעהט אין אָנהויב פון דער ברכה באַציהט זיך אויך אויף דעם שלום, און עס איז דערפאַר ניט נויטיג אַז עס זאָל אין שלום אויך שטעהן „מלך העולם", אם כן איז עס אַ ריכטיגע ברכה אפילו נאָך ר' יוחנן, און מען קען בשום אופן ניט פאַרגלייכען די ברייתא מיט דער פראַגע, ווי מיר האָבען פריהער ערקלערט ס). רש"י ערקלערט אַנ-דערש: אַזוי ווי מען דאַרף דאָך דערמאָהנען די אייגענשאַפט פון טאָג ביינאַכט און פאַרקעהרט, איז הגם לויט ר' יוחנן איז דער שלום קיין ברכה ניט, ווייל עס פעהלט אין איהם מ ל כ ו ת, פונדעסטוועגען איז מען יוצא, ווייל דער אָנהויב פון דער ברכה וואָס האָט יאָ מ ל כ ו ת באַציהט זיך אויף ביידע, ד"ה אי אויף טאָג אי אויף נאַכט, מאַכט עס שוין ניט אויס דאָס וואָס מען האָט אָנגעפאַנגען בדעה געהאַט. דער ענטפער איז נאַטירליך שייך אי נאָך רש"י אי נאָך אונזער ערקלערונג, ווייל אין ביידע אופנים קען מען פרעגען: פאַרוואָס אַז מען הויבט אָן אין דער פריה מיט דער דעה צו זאָגען „יוצר אור" און מען זאָגט „אשר בדברו מעריב ערבים" אָדער אַז מען הויבט אָן אין אָווענט מיט דער דעה צו זאָגען „אשר בדברו מעריב ערבים" און מען זאָגט „יוצר אור" איז מען ניט יוצא, די ברכה געהט דאָך אויף ביידע, ד"ה אי אויף טאָג אי אויף נאַכט, נאָך רש"י'ס ערקלערונג, אָדער די מ ל כ ו ת פון אָנפאַנג פון דער ברכה געהט דאָך אויך אויף'ן שלום, נאָך אונזער ערקלערונג? 17) פון דער ציטירטער ברייתא.—דאָס איז אַ צווייטער פאַרזוך צו פאַרענטפערן די פראַגע. 18) לאָמיר זעהן, אַז אויסדרוק וואָס קומט אָפט פאָר אין דער תלמודישער טערמינאָלאָגיע, און באַשטעהט דעריין וואָס אויב נאָך אַן איינצעלנעם פאַל שטעהט אַן אַלגעמיינער כלל (ווי דאָ אין דער ברייתא וואו עס ווערען אויסגערעכענט אַלע מעגליכקייטען פון אָנהויבען אַזוי און אויסלאָזען אַנדערש, און עס שטעהט נאָך דער אַלגעמיינער זאַץ: „דער כלל דערפון א.א.וו."), קומט ער דאָך אודאי איינצושליסען אַנדערע פעלע וואָס זיינען ניט דערמאָהנט אין דעם איינצעלנעם דעטאַלירטען פאַל. 19) ד"ה אודאי באַציהט זיך דאָס אויף אונזער פראַגע מכח דעם וואָס האָט געהאַלטען אַ גלאָז ביער און האָט געמיינט אַז עס איז ווין א.א.וו., און מיר לערנען דערפון אַז די ברכה איז ריכטיג, ווייל איהר שלום איז געווען ריכטיג. 20) וועלכע זיינען פאַרוועקסעלט געוואָרען, ענליך צו ווין און ביער אין דער פראַגע. 21) ד"ה געבעקס ניט ברויט ממש (זעה „מהרש"ל"). 22) די „ברכה אהרונה". 23) ד'ה צו זאָגען „על העץ ועל פרי העץ". 24) ד"ה „על המחיה ועל הכלכלה". 25) ד'ה קען דאָך אונזער פראַגע פאַרענטפערט ווערען פון דער ברייתא, און אַזוי ווי דאָ ביי ברויט און טייטלען געהען מיר נאָך'ן שלום, אַזוי זאָלען מיר דאָרט אויך געהן.

ס) אויך אין ענגליבען אויבן ערקלערט דיזע גמרא אויף דער „כסף משנה" אין רמב"ם הל' ק"ש פ"א הל' ח'.

איינע די אַנדערע 1); וואָרום 2) מילא אַז מען זאָגט, אַז זיי פֿלעגען זאָגען „יוצר אור", איז דאָס ריכטיג „אַז די ברכות פֿאַרהאַלטען ניט איינע די אַנדערע", ווייל זיי האָבען דאָך ניט געזאָגט קיין „אהבה רבה" 3), (י"ב א') אָבער אויב מען זאָל זאָגען, אַז זיי פֿלעגען זאָגען „אהבה רבה", טאָ וואָס מיינט 4) „אַז די ברכות פֿאַרהאַלטען ניט איינע די אַנדערע"? טאָמער איז דאָס וואָס זיי האָבען ניט געזאָגט „יוצר אור", ווייל עס איז נאָך ניט געקומען די צייט פֿון „יוצר אור", אָבער אַזוי גיך ווי די צייט פֿון „יוצר אור" פֿלעגט קומען, פֿלעגען זיי דאָס יאָ זאָגען! — און פֿאַרוואָס עפּעס „דורך אַ דעדוקציע" 5)? — ווייל (ווען ניט) די דעדוקציע (וואָלט מען געקענט מיינען), אַז לעולם פֿלעגען זיי זאָגען „אהבה רבה" און אַז עס פֿלעגט קומען די צייט פֿון „יוצר אור" פֿלעגען זיי דאָס (אויך) זאָגען. — און וואָס מיינט 6) „אַז די ברכות פֿאַרהאַלטען ניט איינע די אַנדערע"? דער סדר פֿון די ברכות 17).

„און פֿלעגען לייענען די „עשרת הדברות", „שמע" „והיה אם שמע", „ויאמר", „אמת ויציב", די „עבודה" און די „ברכת כהנים". רב יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: אויך אויף'ן לאַנד 18) האָט מען געוואָלט אַזוי 19) לייענען, אָבער מען האָט עס פֿאַרוואָרפֿען צוליעב דאָס מורמלען פֿון די מינים 10). אין אַ בריתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: ר' נחמן זאָגט: מען האָט געוואָלט אַזוי לייענען אויף'ן לאַנד, נאָר מען האָט עס פֿאַרוואָרפֿען צוליעב דאָס מורמלען פֿון די מינים. רבה בר בר חנה האָט עס געוואָלט איינפֿיהרען אין סורא 11), האָט איהם רב חסדא געזאָגט: מען האָט עס שוין לאַנג פֿאַרוואָרפֿען צוליעב דאָס מורמלען פֿון די מינים. אמימר האָט עס געוואָלט איינפֿיהרען אין נהרדעא 12), האָט איהם רב אשי געזאָגט: מען האָט עס שוין לאַנג פֿאַרוואָרפֿען צוליעב דאָס מורמלען פֿון די מינים.

„און שבת פֿלעגען זיי צולעגען נאָך אַ ברכה פֿאַר דעם משמר וואָס געהט אַרויס". וואָס פֿאַר „נאָך אַ ברכה"? האָט ר' חלבו געזאָגט: דער משמר וואָס פֿלעגט אַרויסגעהן פֿלעגט זאָגען צו דעם משמר וואָס קומט אַריין: „דער וואָס זיין נאָמען הערשט אין דיזען געבוי זאָל מאַכען אַז עס זאָל ביי אייך הערשען ליעבשאַפֿט און ברידערליכקייט, שלום און פֿריינדשאַפֿט" 13).

„דאָרט וואו זיי האָבען געזאָגט אַז עס זאָל זיין לאַנג".

דאָס איז קלאָר, אַז ווען איינער האַלט אַ גלאָז ווייַן אין דער האַנד און מיינט אַז דאָס איז ביער, און ער הויבט אָן די ברכה מיט דער דעה אַז דאָס איז ביער, און ער לאָזט זי אָבער אויס אויף ווייַן 14), איז ער יוצא, ווייל אפילו אַז ער וואָלט געזאָגט „שהכל נהיה בדברו" (וואָס אַלץ איז געוואָרען דורך זיין באַפֿעהל) איז ער דאָך אויך יוצא, וואָרום מיר האָבען דאָך געלערנט אין דער משנה 15): „און אויב ער האָט געמאַכט „שהכל נהיה בדברו" אויף אַלע 16) איז ער יוצא" 17); ווי איז אָבער, אַז איינער האַלט אַ גלאָז ביער אין דער האַנד און מיינט אַז דאָס איז ווייַן, און ער הויבט אָן די ברכה מיט דער דעה אַז דאָס איז ווייַן, און ער לאָזט זי אָבער אויס אויף ביער? זאָל מען געהן נאָך דעם עיקר פֿון דער ברכה, אָדער זאָל מען געהן נאָך דעם שלוס 18)? — קום און

פ י ר ו ש.

1) ד"ה אַז ברכות זיינען ניט אָפּהענגיג איינע פֿון דער אַנדערער, און אַז מען האָט צו זאָגען מעהרערע ברכות און מען זאָגט נאָר איינע פֿון זיי איז מען יוצא פֿאַר דער וואָס מען האָט געזאָגט, און מיר זאָגען ניט אַז ווייל מען האָט ניט געזאָגט אַלע ווערט די איינע אויך ניט גערעכענט.
2) דאָ פֿאַנגט אָן די דעדוקציע, וואו רב יצחק באַווייזט ווי אַזוי ער נעהמט דערפֿון אַרויס אַז עס מיינט „יוצר אור". 3) ד"ה אַזוי ווי פֿאַר ק"ש פֿון דער פֿריה זיינען דאָ צוויי ברכות, „יוצר אור" און „אהבה רבה", און איינע פֿון זיי, נעמליך „יוצר אור", קען נאָר געזאָגט ווערען אַז עס איז שוין טאָג, איז אויב דער אויסדרוק „איין ברכה" מיינט „יוצר אור", בעווייזט עס דאָך דאַדורך וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען אַליין, אַז איין ברכה איז ניט אָפּהענגיג פֿון דער אַנדערער. 4) ד"ה טאָ ווי אַזוי קען מען דערפֿון נעהמען אַז א.א.וו. 5) ד"ה צו וואָס דאַרף מען נאָך די דעדוקציע פֿון רב יצחק, אַז עס איז דאָך אַזוי גוט ווי קלאָר פֿון ר' זריקא'ס צווייטען מאמר, אַז דער אויסדרוק „איין ברכה" מיינט נאָר „יוצר אור"? 6) ד"ה אויב מען וואָלט אַזוי געקענט מיינען, טאָ וואָס בעדייטעט „אַז די ברכות א.א.וו."? 7) ד"ה אַז מען מעג זאָגען איין ברכה פֿאַר דער אַנדערער, ניט נאָך'ן סדר פֿון די תפלות, ווי דאָ צב"ש „אהבה רבה" פֿאַר „יוצר אור", הגם עס שטעהט שפּעטער.

8) גבולין, אַזוי הייסט גאַנץ ארץ ישראל אַחוץ ירושלים (רש"י „כתובות" כ"ד ב'). 9) ד"ה די „עשרת הדברות" צוזאַמען מיט ק"ש. 10) ווייל זיי פֿלעגען מורמלען אויף דער תורה אַז אַלץ וואָס איז אין איהר מסיני איז נאָר די „עשרת הדברות".—די מ י נ י ם זיינען געווען אַ סעקטע וואָס איהר אידענטיטעט איז נאָך עד היום ניט פֿעסטגעשטעלט, די הערשענדסטע מיינונג פֿון די געלעהרטע איז אַז דאַרונטער ווערען פֿערשטאַנען די אידען-קריסטען. 11 און 12) סוּרָא און נְהַרְדְעָא זיינען געווען שטעדט אין בבל מיט באַריהמטע ישיבות, רבה בר בר חנה און אמימר, זיינען דאָרט, הפנים, געווען פֿאָרשטעהערס,—אין דער ערצעהלונג פֿון דער גמרא ליעגען דאָ צוויי רבותות, איינע גרעסער פֿאַר דער אַנדערער, די רבותא אין דער ערצעהלונג פֿון רבה בר בר חנה איז יאָס אפילו אין בבל, ד"ה ניט נאָר אין ארץ ישראל, זאָל מען אויך ניט לייענען די „עשרת הדברות" צוזאַמען מיט ק"ש. נאָכהער קומט נאָך אַ גרעסערע רבותא, אַז אפילו אין נהרדעא וואו עס איז בכלל קיין מינים ניט געווען (זעה „פסחים" נ"ו א': „ובנהרדעי דליכא מינין") און עס פֿאַלט דאָך אַוועק דער טעם פֿון „תרעומת המינים" זאָל מען דאָס אויך ניט טהון.
13) כדי זיי זאָלען זיך ניט קריגען ביים טיילען זיך מיט די חלקים פֿון קרבנות א.א.וו.°)—„תוספות" פֿרעגט דאָ מיט רעכט, וואָס פֿאַר אַ ברכה דאָס איז, אַז עס פֿעהלט אין דעם „ברוך אתה אלהינו מלך העולם".
14) ד"ה כל זמן ער זאָגט „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם" מיינט ער אַז דאָס איז ביער, פּלוצלינג זעהט ער איין אַז דאָס איז ווייַן און ענדיגט די ברכה ניט מיט „שהכל נהיה בדברו" נאָר מיט „בורא פרי הגפן". 15) ווייטער מ' א'. 16) פֿרוכט און גרינס. 17) ווייל דאָס וואָרט „שהכל" שליעסט אַלץ איין. 18) דער עיקר פֿון אַ ברכה איז איהר אַלגעמיינער טייל, ד"ה „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם" מיט וואָס אַלע ברכות הויבען זיך אָן, דער שלוס איז דער ספּעציפֿישער טייל פֿון די ברכות, ד"ה דאָס מיט וואָס זיי ענדיגען זיך און וואָס איז פֿאַרשיעדען פֿון איין ברכה

°) אויך אָן עהנליכען אופֿן ערקלערט דער „מזרש"א", אַז דאָס איז, ווייל כעפֿאָר מען האָט איינגעפֿיהרט דעם גורל פֿלעגען זיך אַלע כהנים כאַפּען צו איין אַרבייט און דאָס שטופּען זיך פֿלעגט פֿיהרען צו אונגליקען, ווי עס ווערט דערציהלט אין „יומא" כ"ג א' ווי אַ כהן האָט דאַדורך צוכראָכען אַ פֿוס א.א.וו., וועלכעס ער ציטירט. לויט אונזער ערקלערונג אָבער איז די ברכה ווענען „ליעבשאַפֿט א.א.וו." פֿאַרשטענדליכער און מעהר אַס פּלאַץ.

רבא האָט געזאָגט: אויב ער 1) איז אַ תלמיד חכם, דאַרף מען אַזש קראַנק ווערען צוליעב איהם 2).—פאַרוואָס? זאָלען מיר זאָגען, ווייל עס שטעהט געשריבען 3): „און עס קרענקט קיינעם פון אייך ניט און קיינער זאָגט מיר ניט אויס"? פיליייכט איז דאָס, ווייל ער איז געווען אַ קעניג 4)!—ניין, פון דאַנען 5): „און אַז זיי 6) זיינען קראַנק געווען האָב איך זיך אָנגעטהאָן אין אַ זאַק און האָב זיך געפייניגט מיט תעניתים, און זאָל דאָס מיר זיין וואָס איך האָב געבעטען פאַר זיי" 7).

ווייטער האָט רבה דער זוהן פון דעם אַלטען חיננא געזאָגט אין נאָמען פון רב: ווער עס טהוט עפּעס אַן עבירה און שעהמט זיך דערמיט, איז מען איהם מוחל אַלע זיינע זינד, וואָרום עס שטעהט געשריבען 8): „כדי דו זאָלסט געדענקען, און ווען דו וועסט זיך שעהמען, וועט קיינער ניט אויפמאַכען קיין מויל צוליעב דיין שעהמען זיך 9), ווייל איך וועל דיר פאַרגעבען אַלץ וואָס דו האָסט געטהאָן; אַזוי זאָגט גאָט דער האַר"!—פיליייכט איז דאָס, ווייל (עס האַנדעלט זיך דאָ מכח) אַ צבור?—נו, איז פון דאַנען 10): „און שמואל האָט געזאָגט צו שאול: פאַרוואָס האָסטו מיך מטריח געווען אַרויס־ברייגגען מיך? האָט שאול געענטפערט: עס טהוט מיר זעהר לייד 11), אָבער די פלשתים האַלטען מלחמה מיט מיר און גאָט האָט זיך אָפּגעטהאָן פון מיר און ענטפערט מיר ניט מעהר ניט דורך די נביאים און ניט אין חלומות, האָב איך דיך גערופען אַז דו זאָלסט מיר לאָזען צו וויסען, וואָס איך זאָל טהון", און ער דערמאָהנט ניט קיין אורים ותומים, ווייל ער האָט אויסגעהרגט נוב די שטאָדט פון די כהנים 12). און פון וואַנען נעהמען מיר, אַז מען האָט איהם מוחל געווען פון הימעל? ווייל עס שטעהט געשריבען 13): „און שמואל האָט געזאָגט צו שאול: מאָרגען וועסטו און דיינע קינדער זיין מיט מיר", און ר' יוחנן האָט געזאָגט: „מיט מיר" (מיינט): אין איין אָפּטיילונג מיט מיר 14). — די רבנן אָבער זאָגען: פון דאַנען 15): „און מיר וועלען זיי אויפהענגען פאַר גאָט אויף דעם בערגעל פון שאול, דעם אויסגעוועהלטען פון גאָט", עס איז אַרויס אַ בת קול און האָט אויסגערופען 16): „דעם אויס־געוועהלטען פון גאָט"!

ר' אבהו בן זוטרתי האָט געזאָגט אַז ר' יהודה בר זבידא האָט געזאָגט: זיי 17) האָבען געוואָלט צולעגען די פרשה פון בלק 18) אין קריאת שמע, נאָר זיי האָבען דאָס ניט צוגעלעגט צוליעב דער טרחה פון צבור 19). פאַר וואָס 20)? זאָלען מיר זאָגען, ווייל עס שטעהט דאָרט געשריבען 21): „דער אַלמעכטיגער וואָס האָט זיי אַרויסגעפיהרט פון מצרים"?! קען מען דאָך זאָגען די פרשה פון פראָצענט 22) אָדער די פרשה פון געוויב-

פירוש.

ווי ער האָט דאָס פאָלק אויסגעמוסרט, פאַרוואָס זיי האָבען געוואָלט האָבען אַ קעניג. 1) דער וואָס מען דאַרף פאַר איהם בעטען רחמים. 2) ד"ה אַזוי פיעל בעטען און פאַסטען ביז מען ווערט אַליין קראַנק.

3) שמואל א' כ"ב!—שמואל המלך וואַרפט דאָס פאָר זיינע דיענערס.—דאָס וואָרט „חולה" וואָס שטעהט דאָרט און האָט די פיגוראַטיווע באַ-דייטונג פון זיך ניט קימערן, עהנליך צו דעם אידישען אויסדרוק „עס קרענקט איהם דער קאָפּ", ווערט אין דיזען דרש ווערטליך אויפגע-פאַסט. 4) דאַרף מען צוליעב דער וויכטיגקייט פון זיין פּאָזיציע אַזוי ווייט געהן, אָבער ניט ביי געוועהנליכע מענשען. 5) ווערט עס געננומען, תהלים ל"ה י"ג. 6) דאָס זאָגט זיך באַציהען אויף דואג און אחיתופל, איבער וועלכע דוד באַקלאָגט זיך אַז זיי האָבען איהם שלעכט אָפּגעדיענט. באַווייזט עס דאָך אַז הגם דוד איז געווען אַ מלך און זיי זיינען געווען איינפאַכע מענשען, פונדעסטוועגען איז ער אַזוי ווייט געגאַנגען צוליעב זיי, דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען תלמידי חכמים. 7) וּתְפִלָּתִי עַל חֵיקִי תָשׁוּב, דיזער טייטש איז אפשר ניי, אָבער עס זעהט אונז אויס אַז דאָס איז דיווירקליכע מיינונג פון פסוק, וועלכער האָט קיין זין ניט ווערטליך איבערזעצט („און מיין תפלה זאָל צוריקקעהרען אין מיין בוזם"). די ער-קלערונג פון די מפרשים זיינען זעהר געמאַטערט און ווייטלויפיג. דאָס ווערב „שוב" מיט דעם אויסדרוק „אל חיק" באַדייטעט אין העברעאיש תמיד באַלוינען, ווי „וְהָשֵׁב לִשְׁכֵנֵינוּ שִׁבְעָתַיִם אֶל חֵיקָם חֶרְפָּתָם א.א.וו." (און באַצאָהל אונזערע שכנים זיעבען מאָל אַזויפיעל זייער באַליידיגונג), תהלים ע"ט י"ב.

8) יחזקאל ט"ז ס"ג, דער נביא זאָגט עס צו ירושלים. 9) מיר ער-קלעהרען דאָ „וְלֹא יִהְיֶה־לָּךְ עוֹד פִּתְחוֹן פֶּה מִפְּנֵי כְּלִמָּתֵךְ" אַנדערש פון דעם אַקצעפּטירטען פירוש („און דו וועסט ניט מעהר אויפמאַכען קיין מויל צוליעב דיין שאַנדע"), ווייל עס זעהט אונז אויס צו האָבען אַ בעסערען צוזאַמענהאַנג מיט דעם סוף פון פסוק, און ווייל נאָך דיזער ערקלעהרונג קומט אויס, אַז דער וואָס שעהמט זיך מיט אַן עבירה איז מען איהם ניט נאָר מן השמים מוחל נאָר אפילו מענשען אויך, ווייל דער מאמר פון רב איז סתם און זאָגט ניט אַז דאָס איז נאָר מן השמים, ערשט שפּעטער ביי שאול ווערט געפרעגט פון וואַנען מיר נעהמען אַז מען האָט איהם מוחל געווען פון הימעל. 10) שמואל א' כ"ח ט"ו, וואו עס האַנדעלט זיך ביי אַ יחיד, ווען שאול האָט גערעדט צו דעם גייסט פון שמואל וואָס אַ צויבערין האָט איהם פאָרגעפיהרט. 11) דיך צו מטריח זיין (צַר לִי מְאֹד), אָדער, ווי אַנדערע עקלעהרען, „עס איז מיר זעהר שלעכט און די פלשתים א.א.וו." 12) וואָס אין זייערע הענט ליעגען די אורים ותומים; איז דאָך דאָס וואָס ער דערמאָהנט ניט אַז ער האָט אויך געפרעגט די אורים ותומים, הגם ער האָט דאָס געטהאָן (מהרש"א), אַ סימן, אַז ער האָט זיך געשעהמט וואָס ער האָט אויסגעהרגט נוב. 13) שמואל א' כ"ח י"ט. 14) ד"ה אין גן עדן; איז דאָס דאָך אַ סימן, אַז מען האָט איהם מוחל געווען מן השמים, וואָרום אַז ניט, וואָלט ער דאָך ניט געקענט זיין אין גן עדן. 15) איז אַ באַווייז, אַז מען האָט איהם מוחל געווען פון הימעל.—שמואל ב' כ"א ו', וואו די גבעונים, וועלכע שאול האָט פאַרפאָלגט, פאַרלאַנגען פון דוד, אַז ער זאָל זיי געבען מיטגליעדער פון שאול'ס פאַמיליע, כדי צו נעהמען נקמה אָן זיי. 16) וואָרום עס איז דאָך אינמעגליך, אַז די גבעונים זאָלען האָבען גערופען זייער שונא שאול „דעם אויסגעוועהלטען פון גאָט", אלא אודאי איז עס געווען אַ בת קול וואָס האָט אויסגערופען; איז דאָס דאָך אַ סימן, אַז מען האָט איהם מוחל געווען פון הימעל ס).

17) די חכמים. 18) ד"ה די סדרה בלק. 19) ווייל עס וואָלט געווען צו-פיעל צו זאָגען. 20) ד"ה פאַרוואָס האָט מען געוואָלט צולעגען די סדרה פון בלק? 21) במדבר כ"ג כ"ב, וואָס דאָס איז אַ טעם פאַרוואָס „ויאמר" איז צוגעלעגט געוואָרען צו ק"ש. 22) אַז מען טאָר ניט נעהמען קיין פּרא-

ס) אויף דעם באוויז פון די רבנן קען מען אפילו פרעגען, אז פון דעם פסוק וואס זיי' ברייגגען, ווייזט ניט אויס אז מען האט שאול מוחל געווען צוליעב דעם וואס ער האט זיך געשעהמט, ווי פון דעם פריהערדיגען פסוק, נאר דערפאר וואס די זינד געגען די גבעונים איז פארגעבען געווארען דורך דעם טויט פון זיין משפחה.

בכלל איז קשה, פארוואס די גמרא ברענגט ניט אויף יידע באווייזע: „דילמא מלך שאני", אזוי ווי עס ווערט געפרעגט אין דעם פריהערדיגען מאמר אויך אויף שאול.

און אויסגעלאָזען אויף טייטלען, אַז ער איז יוצא, ווייל אפילו ער וואָלט אויסגעלאָזען אויף ברויט וואָלט ער אויך יוצא געווען. פאַרוואָס? ווייל טייטלען זעטיגען אויך 1).

רבה דער זוהן פון דעם אַלטען חיננא האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב: ווער עס האָט ניט געזאָגט „אמת ויציב" אין דער פריה און „אמת ואמונה" אין אָווענט 2) האָט זיין פליכט ניט ערפילט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 3): „צו דערצעה-לען דיין חסד אין דער פריה און דיין געטרייישאַפט אין די נעכט" 4).

ווייטער האָט רבה דער זוהן פון דעם אַלטען חיננא געזאָגט אין נאָמען פון רב: אַז דער וואָס דאַווענט פאַרנייגט זיך 5), זאָל ער זיך פאַרנייגען ביי (דעם וואָרט) „ברוך" און אַז ער גלייכט זיך אויס, זאָל ער זיך אויסגלייכען ביי דעם נאָמען (פון גאָט), האָט שמואל געזאָגט: וואָס איז דער טעם פון רב 6)? ווייל עס שטעהט געשריבען 7): „ג אָ ט ר י כ ט אויף די איינגעבייגטע". האָט מען איהם אָפּגע-פרעגט 8): „און פאַר מיין נאָמען האָט ער זיך געבייגט" 9). שטעהט דען ב י י מ י י ן נ אָ מ ע ן? עס שטעהט דאָך גע-שריבען „פ אַ ר מיין נאָמען" 10)! — שמואל האָט געזאָגט צו חייא דעם זוהן פון רב: בן תורה! קום, וועל איך דיר זאָגען אַ פיינע זאַך וואָס דיין פאָטער האָט געזאָגט. אַזוי האָט דיין פאָטער געזאָגט: אַז מען פאַרנייגט זיך, זאָל מען זיך פאַר-נייגען ביי „ברוך", און אַז מען גלייכט זיך אויס, זאָל מען זיך אויסגלייכען ביי דעם שם 11).—(ב') אַז רב ששת פלעגט זיך פאַרנייגען, האָט ער זיך פאַרנייגט ווי אַ צווייג 12), און אַז ער פלעגט זיך אויסגלייכען, האָט ער זיך אויסגעגלייכט ווי אַ שלאַנג 13).

ווייטער האָט רבה דער זוהן פון דעם אַלטען חיננא גע-זאָגט אין נאָמען פון רב: אַ גאַנץ יאָהר זאָגט מען „האל הקדוש" (דער הייליגער אַלמעכטיגער) 14) און „מלך אוהב צדקה ומשפט" 15) (דער קעניג וואָס ליעבט גערעכטיגקייט און משפט) חוץ אין די צעהן טעג פון ראש השנה ביז יום כפור וואָס מען דאַרף זאָגען „המלך הקדוש" (דער הייליגער ק ע נ י ג) און „המלך המשפט" (דער קעניג פון משפט) 16). ר' אלעזר אָבער האָט געזאָגט, אַז אפילו אַז מען זאָגט „האל הקדוש" 17) איז מען אויך יוצא, וואָרום עס שטעהט געשריבען 18): „און גאָט איז ערהאַבען דורך זיין משפט, און דער ה י י ל י ג ע ר אַל-מ ע כ ט י ג ע ר ווערט פאַרהייליגט דורך זיין גערעכטיגקייט". ווען „איז גאָט ערהאַבען דורך זיין משפט"? דאָס איז דאָך אין די צעהן טעג פון ראש השנה ביז יום כפור, און פונ-דעסטוועגען שטעהט דערביי „און דער הייליגער אַלמעכטיגער" (האל הקדוש).—ווי אַזוי בלייבט עס 19)? האָט רבי יוסף גע-זאָגט: „האל הקדוש" און „מלך אוהב צדקה ומשפט" 20), רבה אָבער האָט געזאָגט: „המלך הקדוש" און „המלך המשפט", און דער דין איז ווי רבה 21).

ווייטער האָט רבה דער זוהן פון דעם אַלטען חיננא געזאָגט אין נאָמען פון רב: דער וואָס קען בעטען רחמים אויף אימיצען און בעט ניט, ווערט אָנגערופען אַ זינדיגער,

ווייל עס שטעהט געשריבען 22): „חלילה אַז איך זאָל אויך זינדיגען פאַר גאָט און אויפהערען תפלה צו טהון פאַר אייך".

פירוש.

1) זיינען זיי דערפאַר איינגעשלאָסען אין „על המחיה ועל הכלכלה" (פאַר די ערנעהרונג און אויסהאַלטונג).—דיזער תירוץ איז נאַטירליך אויך זעהר שוואַך, ווייל ווייבאַלד אַז טייטלען זיינען אויך איינגעשלאָ-סען אין „על המחיה", איז דאָס דאָך שוין אַ גענוגענדער טעם פאַר זיך, טאָ וואָס האָט עס צו טהון מיט „דער כלל דערפון איז אַז אַלין געהט נאָך'ן שלוס"? אויך איז זעהר קשה דאָס וואָס דיזער זאָגט דאָך אויס-דריקליך, אַז אַלין געהט נאָך'ן שלוס און דערמיט איז דאָך די פראַגע דייטליך פאַרענטפערט.

2) נאָך ק"ש. 3) תהלים צ"ב ג'. 4) אין „אמת ויציב" (באַזונדערס אין „עזרת אבותינו" וואָס איז אַ המשך דערפון) ווערען באַשריבען גאָטס חסדים, און אין „אמת ואמונה" גאָטס צוזאָגען אויף שפּעטער, אין וועלכע מיר דאַרפען גלויבען.

5) אין די „אבות" ד"ה אין די ערשטע ברכות פון שמונה עשרה וואו די אבות ווערען דערמאָהנט, און אין „מודים". 6) אַז מען זאָל זיך אויסגלייכען ביי גאָטס נאָמען. 7) תהלים קמ"ו ח'. דער פשט איז דאָרט אייגענטליך אַז גאָט הויבט אויף די געפאַלענע. 8) „מיתיבי", זעה „פירוש" זייטע 38 נומ. 9. 9) מלאכי ב'ה'. 10) באַווייזט עס דאָך אַז ווען מען האַלט ביי דעם שם שטעהט מען שוין גלייך ס). 11) דאָס וואָס די גמרא דער-צעהלט דאָ וועגען שמואל, וואו רב'ס מאמר ווערט איבערגעחזרט אָהן שמואל'ס ערקלערונג באַווייזט קלאָר די אָפּפראַגע, הגם אין איהר ליעגט ניט נאָר אַן אָפּפראַגע אויף דעם טעם נאָר אויך אויף דאָס וואָס רב זאָגט בכלל. 12) ד"ה גלייך און מיט אַ וואָרף. 13) ד"ה לאַנגזאַם, כדי עס זאָל ניט אויסזעהן אַז דאָס פאַרנייגען זיך איז איהם צו לאַסט.

14) ד"ה מען לאָזט אויס די דריטע ברכה פון שמונה עשרה (אַתָּה קָדוֹשׁ) מיט „בָּרוּךְ אַתָּה ה' הָאֵל הַקָּדוֹשׁ". 15) ד"ה מען לאָזט אויס די עלפטע ברכה פון דער וואָכענדיגער שמונה העשרה (הָשִׁיבָה שׁוֹפְטֵינוּ) מיט „בָּרוּךְ אַתָּה ה' מֶלֶךְ אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט". 16) הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ" אין דער דריטער ברכה, אַנשטאָט „הָאֵל הַקָּדוֹשׁ", און „הַמֶּלֶךְ הַמִּשְׁפָּט" אין דער עלפטער, אַנשטאָט מֶלֶךְ אוֹהֵב א.א.וו.", ווייל אין דיזע טעג משפט גאָט די וועלט ווי אַ קעניג זיינע אונטערטע-נער. 17) אין די עשרת ימי תשובה. 18) ישעיה ה' ט"ז. 19) ד"ה ווי אַזוי בלייבט דער דין, ווי רב אָדער ווי ר' אלעזר? 20) ד"ה אַז אפילו אין די עשרת ימי תשובה מעג מען אויך זאָגען „האל הקדוש" א.א.וו. 21) ווייל עס איז אַ כלל, אַז וואו רבה און רב יוסף זיינען מחולק, איז דער דין ווי רבה, מיט דריי אויסנאַהמען (זעה „בבא בתרא" י"ב ב', קי"ד ב' און קמ"ג א'); אם כן איז אויך דער דין ווי רב געגען ר' אלעזר. (וואו עס שטעהט סתם ר' אלעזר איז דערמיט געמיינט ר' אלעזר בן פדת, זעה רש"י אין „שבת" י"ט ב').

22) שמואל א' י"ב כ"ג.—שמואל הנביא האָט עס געזאָגט, נאָכדעם

ס) אַז עס וואָלט ניט געווען געגען דער אַלגעמיין אָקצעפּטירטער אויפפאַסונג, וועלכער מיר האָבען דאָ געפאָלגט אין דער איבערזעצונג, וואָלטען מיר געזאָגט. אַז דער מקשן מיינט דאָ ניט צו באַהויפּטען, אַז מען זאָל זיך אויסגלייכען פ אַ ר דעם שם, נאָר אַפּצופרעגען שמואל'ן, פאַר וואָס מען זאָל זיך אויסגלייכען ב י י דעם שם, און אַנצודייטען דורך דעם פסוק וואָס ער ציטירט, אַז בעת דער שם ווערט דערמאָהנט זאָל מען נאָך שטעהן פאַרבויגען. דיזע אָפּווייכענדע אויפפאַסונג קען מען מאָטיווירען דאָדורך, וואָס דאָס פאַרבויגען זיך איז דאָך אייגענטליך צוליעב גאָטס נאָמען, צו ווייזען אונזער הכנעה צו איהם, און אַזוי געפינען מיר אויך אין דער „עבודה" פון יום כפור: „והכהנים והעם אע"ו כשהיו שומעים את השם אע"ו היו כורעים אע"ו". אחוץ דיזען טעם, איז דער דיוק וואָס ער מאַכט פון „בשמי" און „ומפני שמי", נאָך דער אָקצעפּטירטער אויפפאַסונג, ניט גאַנץ קלאָר, און וואָלט נאָר דאַן זיין באַרעכטיגט, ווען אין פסוק וואָלט געשטאַנען „ולפני שמי", וואָרום „ומפני" אין העברעאיש באַדייטעט ניט פ אַ ר אין דעם זין פון פריהער נאָר פון פ אַ ר אין דעם זין פון צוליעב, וועגען, ווי „ומפני חטאינו אע"ו". דער געוועהנליכער פשט פון דעם פסוק אונטערשטיצט עס אויך: „און צוליעב מיין נאָמען איז ער צובראָכען" (ד"ה ניהאָט ער זיך דערשראָקען און צובראָכען, ווי „אל תירא ואל תחת" אע"ו). מיר וואָלטען די פראַגע אַזוי איבערזעצט: „שטעהט דען ב י י (אָדער אין) מיין נ אָ מ ע ן? עס שטעהט דאָך „צוליעב מיין נאָמען!"

אין משיח'ס צייטען? עס שטעהט דאָך שוין געשריבען 1): „אָט וועלען צייטען קומען, זאָגט גאָט, וואָס מען וועט ניט מעהר זאָגען: זאָ וואַהר גאָט לעבט, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די אידען פֿון דעם לאַנד מצרים, נאָר—זאָ וואַהר גאָט לעבט, וואָס האָט אַרייסגעבראַכט און אַרויסגעפֿיהרט די קינדער פֿון ישראל פֿון דעם לאַנד אין צפֿון און פֿון אַלע לענדער, וואוהין איך האָב זיי פֿאַרוואָרפֿען"2)!—האָבען זיי איהם געענטפֿערט: דאָס מיינט ניט, אַז יציאת מצרים וועט אין גאַנצען אַרויס-געריסען ווערען, נאָר אַז די קנעכטשאַפֿט אין אַנדערע מלוכות 3) וועט זיין דער עיקר און יציאת מצרים וועט דערביי זיין אַ נעבענזאַך. אויף אַן עהנליכען אופֿן הייסט עס 4): „דיין נאָמען וועט ניט מעהר גערופֿען ווערען יעקב, נאָר ישראל וועט זיין דיין נאָמען", (י"ג א') מיינט עס ניט, אַז „יעקב" זאָל אָפּגעמעקט ווערען, נאָר אַז „ישראל" זאָל זיין דער עיקר און „יעקב" אַ נעבענזאַך. און אַזוי שטעהט אויך געשריבען 5): „איהר זאָלט ניט געדענקען וואָס עס איז פֿריהער געווען, און איהר זאָלט ניט באַטראַכטען וואָס עס איז געווען פֿאַרצייטען", איז „איהר זאָלט ניט געדענקען וואָס עס איז גע-וועזן פֿריהער" מיינט די קנעכטשאַפֿט אין אַנדערע מלוכות און „און איהר זאָלט ניט באַטראַכטען וואָס עס איז געווען פֿאַר-צייטען" מיינט יציאת מצרים 6).—„אָט וועל איך מאַכען אַ אַ נייעס, איצט שפּראָצט עס אַרויס" 7), האָט רב יוסף גע-לערנט: דאָס מיינט די מלחמה פֿון גוג ומגוג.—צו וואָס איז דאָס געגליכען? צו אַ מענש וואָס איז געגאַנגען אין וועג און האָט באַגעגענט אַ וואָלף און איז פֿון איהם ניצל געוואָרען, האָט ער געהאַלטען אין איין דערצעהלען די מעשה מיט'ן וואָלף. (נאַכהער) האָט ער באַגעגענט אַ לייב און ער איז פֿון איהם אויך ניצל געוואָרען, האָט ער שוין געהאַלטען אין איין דערצעהלען די מעשה מיט'ן לייב. (נאַכהער) האָט ער באַגעגענט אַ שלאַנג און איז פֿון איהר ניצל געוואָרען, האָט ער שוין פֿאַרגעסען די מעשה פֿון ביידע און האָט געהאַלטען אין איין דערצעהלען די מעשה מיט'ן שלאַנג. אַזוי איז אויך מיט די אידען: די שפּעטערדיגע צרות מאַכען אַז מען זאָל פֿאַרגעסען די פֿריהערדיגע.

„אברם דאָס איז אברהם" 8)—צוערשט איז ער געווען דער פֿאָטער פֿון ארם 9), און נאַכהער איז ער געוואָרען דער פֿאָטער פֿון דער גאַנצער וועלט 10).—שרי דאָס איז שרה 11) — צוערשט איז זי געווען אַ האַרענטע ביי איהר נאַציאָן און נאַכהער איז זי געוואָרען די האַרענטע פֿון דער גאַנצער וועלט 12).

בר קפּרא האָט געלערנט: דער וואָס רופֿט אברהם'ען אברם איז עובר אויף אַן עשה 13), ווייל עס שטעהט געשרי-בען 14): „און דיין נאָמען זאָל זיין אברהם". ר' אליעזר זאָגט: ער איז עובר אויף אַ לאו 15), ווייל עס שטעהט געשריבען 16): „און דיין נאָמען זאָל ניט מעהר גערופֿען ווערען אברם". אויב אַזוי, איז דאָך דאָסזעלבע אַז מען רופֿט שרה'ן שרי 17)?—דאָרט 18) האָט דער קב"ה געזאָגט צו אברהם: „שרי דיין פֿרוי זאָלסטו ניט מעהר רופֿען מיט'ן נאָמען שרי, ווייל איהר נאָמען איז שרה" 19).—אויב אַזוי, איז דאָך דאָסזעלבע אַז מען רופֿט יעקב'ן יעקב 20)?—דאָרט 21) איז אַנדערש, ווייל די תורה חורט עס איבער אַלע מאָל 22), ווי עס שטעהט געשריבען 23): „און גאָט האָט געזאָגט צו ישראל אין אַ וויזיאָן אין דער נאַכט און האָט גערופֿען: יעקב, יעקב!" —ר' יוסי בר אבין, און עס איז דאָ אַ מיינונג אַז ר' יוסי בר זבידא, האָט אָפּגעפֿרעגט 24): „דו ביזט גאָט דער האַר וואָס דו האָסט אויסגעוועהלט אברם" 25)? האָט מען איהם געענטפֿערט: דאָרט דערצעהלט דער נביא 26) צום שבח פֿון דעם אויבערשטען דאָס וואָס איז פֿריהער געווען 27).

פירוש.

1) ירמיה כ"ג ז' וח'. 2) איז עס דאָך אַ באַווייז אַז אין משיח'ס צייטען וועט יציאת מצרים ניט מעהר דערמאָהנט ווערען. 3) שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת, ד"ה דער איצטיגער גלות, וואו אידען זיינען אין קנעכטשאַפֿט ניט אין איין לאַנד, ווי אין מצרים, נאָר אין פֿאַרשיעדענע לענדער. 4) בראשית ל"ה י'. 5) ישעיה מ"ג י"ח. 6) זעהט מען דאָך דערפֿון אַז ביידע גלותן ווערען צוזאַמען דערמאָהנט, און יציאת מצרים וועט נאָר דאַן פֿאַרגעסען ווערען ווען שעבוד מלכות וועט אויך פֿאַרגעסען ווערען. 7) ישעיה מ"ג י"ט, דאָס איז די פֿאָרטזעצונג פֿון „איהר זאָלט ניט געדענקען א.א.וו.".

8) דברי הימים א' א' כ"ז.—דיזער און דער ווייטערדיגער מאמר קומען דאָ צוליעב דער פֿאַרענדערונג פֿון יעקב'ס נאָמען וואָס ווערט דער-מאָהנט אין דעם פֿריהערדיגען מאמר. 9) וואו ער איז געבוירען געוואָ-רען. אַבְרָם—אַב אֲרָם. 10) ווי עס שטעהט אין בראשית י"ז ד': „און דו וועסט זיין דער פֿאָטער פֿון אַסך פֿעלקער". 11) דאָס איז ניט קיין פסוק, אָבער צוליעב דעם פסוק וועגען אברהם ווערט אַן עהנליכער דרש געמאַכט איבער שרה. 12) שָׂרָה סתם מיינט אַ האַרענטע, באַציהט זיך דאָס אויף אַלע פֿעלקער, שָׂרַי אָבער צוליעב דעם יוד דריקט אויס די צוגעהעריגקייט צו אַ געוויסער נאַציאָן, אָדער קען מיינען מיין האַרענטע, ד"ה נאָר פֿון די אידען.

13 און 14) עֲשֵׂה (טהו!) באַצייכענט אַ פּאָזיטיווע מצוה, ד"ה אַ מצוה וואָס שטעהט אין דער תורה אַז מען זאָל זי טהון, לַאו (ניט) אָדער לֹא תַעֲשֶׂה (דו זאָלסט ניט טהון!) באַצייכענט אַ נעגאַטיווע מצוה, ד"ה אַ פֿאַרבאָט אין דער תורה אַז מען זאָל אַ געוויסע זאַך ניט טהאָן. פֿון די 613 מצות זיינען 248 מצות עשה און 365 מצות לא תעשה. 15) בראשית י"ז ה'. 16) דאָרט. 17) זאָל מען עובר זיין אויף אַן עשה, לויט בר קפּרא, אָדער אויף אַ לא תעשה, לויט ר' אליעזר; טאָ פֿאַרוואָס האָבען זיי נאָר דערמאָהנט אברהם? 18) ביי שרה. 19) בראשית י"ז ט"ו. דער פֿאַרבאָט באַציהט זיך אַלזאָ נאָר אויף אברהם און ניט אויף אַנדערע מענשען. 20) און ניט „ישראל", זאָל מען עובר זיין אויף אַן עשה אָדער אַ לא תעשה. 21) ביי יעקב. 22) באַווייזט זי דאָך דערמיט, אַז מען מעג דאָס. 23) בראשית מ"ו ב'. 24) דאָס וואָס בר קפּרא און ר' אליעזר זאָגען מכח רופֿען אברהם'ען אברם. 25) נחמיה ט' ז'. 26) נחמיה. — עס איז אָבער מערקווירדיג, וואָס די גמרא רופֿט נחמיה מיט'ן נאָמען נביא: אויך האָט דאָס ניט געזאָגט נחמיה גופא, נאָר די לוים ישוע, קדמיאל א.א.וו. (זעה דאָרט פסוק ה'). 27) ד"ה דאָרט ווערט דאָך ניט אברהם גערופֿען אברם, נאָר עס ווערט דערצעהלט: „דו ביזט גאָט דער האַר וואָס דו האָסט אויסגעוועהלט אברם (ד"ה בעת ער האָט נאָך געהיי-סען אברם) א.א.וו. און דו האָסט איהם געגעבען דעם נאָמען אברהם א.א.וו.".

טען 1), וואו עס ווערט אויך דערמאָהנט יציאת מצרים 2)!— האָט ר' יוסי בר אבין געזאָגט: ווייל עס געפינט זיך דאָרט דער פסוק 3): „ער קניעט און לעגט זיך 4) ווי אַ לייב און ווי אַ יונגער לייב; ווער וועט וואַגען איהם אויפצוועקן?5)" — קען מען דאָך זאָגען דעם פסוק און ניט מעהר 6)?!— עס איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען 7), אַז דאָרט וואו משה רבינו האָט אַ פרשה אָפּגעשלאָסען מעגען מיר אויך אָפּשליסען, און דאָרט וואו משה רבינו האָט ניט אָפּגעשלאָסען, טאָרען מיר ניט אָפּשליסען 8).— פאַר וואָס האָבען זיי די פרשה פון ציצית 9) צוגעלעגט 10)? — האָט ר' יהודה בר חביבא געזאָגט: ווייל עס איז דאָרט דאָ פינף 11) זאַכען: די מצוה פון ציצית, יציאת מצרים, דער עול 12) פון מצות און מכח די מינים, וועגען מחשבות פון עבירות און מחשבות פון עבודה זרה.— מילא די דריי פאָלגענדע זיינען דאָרט דייטליך ערקלעהרט: „דער עול פון מצוה", ווייל עס שטעהט געשריבען: „און אַז איהר וועט דאָס זעהן 13), וועט איהר געדענקען אַלע מצות פון גאָט", „ציציה", ווייל עס שטעהט דאָרט געשריבען: „און זיי זאָלען זיך מאַכען ציצית א.א.וו.", „יציאת מצרים", ווייל עס שטעהט דאָרט געשריבען: „וואָס איך האָב אייך אַרויסגעפיהרט פון דעם לאַנד מצרים, כדי צו זיין אייער האַר; איך בין גאָט אייער האַר!", אָבער פון וואַנען נעהמען מיר „מכח די מינים, וועגען מחשבות פון עבירות און מחשבות פון עבודה זרה"? — ווייל עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: „אחרי לבבכם" (נאָך אייער האַרץ) מיינט „מינות", וואָרום אַזוי הייסט עס 14): „דער רשע זאָגט אין זיין האַרץ: עס איז ניטאָ קיין גאָט!", „אחרי עיניכם" (נאָך אייערע אויגען) מיינט „די מחשבות פון עבירות", וואָרום עס שטעהט געשריבען 15): „און שמשון האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: אָט די זאָלסטו נעהמען פאַר מיר 16), ווייל זי איז געפעלליג מיינע אויגען", „אתם זונים" (וואָס איהר ווערט פאַרפיהרט) מיינט „די מחשבות פון עבודה זרה", וואָרום אַזוי הייסט עס 17): „און זיי זיינען פאַרפיהרט געוואָרען נאָך די אָפּגעטער" 18).

משנה ה׳.

מען דערמאָהנט יציאת מצרים ביינאַכט 19) ר' אלעזר בן עזריה האָט געזאָגט: איך בין ווי איינער וואָס איז שוין אַ זיבעציגער 20) און איך האָב ניט זוכה געווען 21), פאַרוואָס יציאת מצרים דאַרף געזאָגט ווערען ביינאַכט, ביז בן זומא האָט עס געדרשנט: אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען 22): „כדי דו זאָלסט געדענקען דעם טאָג וואָס דו ביזט אַרויס פון מצרים אַלע טעג פון דיין לעבען", איז „די טעג פון דיין לעבען" וואָלט געמיינט (נאָר) די טעג, „אַלע טעג פון דיין לעבען" מיינט אָבער די נעכט (אויך) 23). די חכמים אָבער זאָגען: „די טעג פון דיין לעבען" וואָלט געמיינט (נאָר) דיזע וועלט, „אַלע טעג פון דיין לעבען" שליסט אויך איין משיח'ס צייטען.

גמרא.

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: בן זומא האָט געזאָגט צו די חכמים 24): וועט מען דען דערמאָהנען יציאת מצרים

פירוש.

צענט, ויקרא כ"ה ל"ו—ל"ח. 1) אַז מען טאָר ניט האָבען קיין פאַלשע מאָכען און געוויכטען, ויקרא י"ט ל"ו (אויך דברים כ"ה י"ד—ט"ז). 2) אין ביידע פרשות שטעהט: „אֲנִי ה׳ אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם". 3) במדבר כ"ד ט'. 4 און 5) וואָס האָט אַן עהנליכקייט מיט „ובשכבך ובקומך" פון ק"ש ס). 6) וועט שוין ניט זיין קיין טרחה פאַר'ן עולם. 7) גְּמִירֵי ד"ה מיר האָבען דאָס בקבלה, דיזער אויסדרוק באַצייכענט אין הלכות אַ הלכה למשה מסיני, ד"ה אַז דער באַטרעפענדער דין שטאַמט נאָך פון משה און איז מינדליך איבערליעפערט געוואָרען פון איין דור צום אַנדערן. 8) ד"ה אַז די פאָרמע פון די פרשות פון הק"ש סס) שטאַמען פון משה און מיר מעגען נאָר אַרויסנעהמען גאַנצע פרשות, אָבער ניט איינעם אָדער מעהרערע פסוקים פון אַ פרשה און דאָס זאָגען ווי אַ באַזונדערע פרשה.—דערזעלבער מאמר קומט אויך פאָר אין „תענית" כ"ז ב' און אין „מגילה" ר"ב א', אָבער דאָרט ווערט ניט גערעדט פון אַ פרשה, ווי דאָ, נאָר פון אַ פסוק, ד"ה אַז די פסוקים שטאַמען פון משה און מען טאָר זיי ניט שפאַלטען און אַרויסנעהמען טיילען פון זיי. דער דאָרטיגער נוסח פאַסט אויך פאַר היער, ווייל „ער קניעט א.א.וו." איז נאָר אַ העלפט פון דעם פסוק. 9) ד"ה „ויאמר", במדבר ט"ו ל"ז—מ"א. 10) צו שמע. 11) עס זיינען דאָ אייגענטליך דערמאָהנט זעקס זאַכען, און דערפאַר איז אין אַנדערע אויסגאַבען דאָ די גירסא „זעקס" אָנשטאָט פינף, נאָר עס זעהט אויס אַז „מכח די מינים" געהערט צו „דעם עול פון מצות" און „מחשבות פון עבודה זרה" געהערט צו „מחשבות פון עבירה", מיטווּעלכע זיי זיינען פאַרבונדען דורך „און". אין „ילקוט", וואו דיזער מאמר קומט אויך פאָר, שטעהט אפילו אויך „פינף", אָבערעס פעהלט דאָרט „מכח די מינים". 12) ד"ה פליכט. 13) די ציצית. 14) תהלים י"ד א'. די ווערטער „מינים" און „מינות" באַצייכענען דאָ בכלל דעם אונגלויבען, אַנדערש פון „מינים" פריהער זייטע 42; זעה אויך „פירוש" דאָרט נומ. 10. 15) שופטים י"ד ג'. 16) פאַר אַ פרוי. עס האַנדעלט זיך דאָרט אום אַ פלשתית. 17) שופטים ח' ל"ג. 18) בְּעָלִים.

19) ד"ה מען לייענט די דריטע פרשה פון שמע „ויאמר", אין וועלכער עס ווערט דערמאָהנט יציאת מצרים, אפילו ביינאַכט, הגם דיזע פרשה האַנדעלט מכח ציצית וואָס איז ניט אָבליגאַטאָריש ביינאַכט. 20) ווייטער, כ"ז ב' און כ"ח א', ווערט דערצעהלט, אַז מען האָט איהם געוואָלט מאַכען פאַר אַ נשיא, נאָר ער איז נאָך געווען זעהר יונג, איז איהם געשעהן אַ נס און ער האָט באַקומען גרויע האָר איבער נאַכט און האָט אויסגעזעהן ווי אַ זקן. 21) צו געפינען אַ שטיצע אין אַ פסוק. 22) דברים ט"ז ג'. 23) אַ גאַנצער טאָג מיינט אַ מעת לעת, ד"ה טאָג און נאַכט.

24) אין דער ברייתא ווערט בן זומא'ס דעבאַטע מיט די חכמים פאָרט־געזעצט.

ס) דער „מהרש"א" באַמערקט דאָ, אַז ר' יוסי בר אבין האָט געקענט ציטירן אַן אַנדער פסוק פון דערזעלבער סדרה, ד"ה דעם פסוק: „הן עם כלביא יקום וכו' לא ישכב וכו'", וואָס ווערט טאַקע ציטירט אין „מדרש תנחומא" און אין „ילקוט". ווי עס זעהט אָבער אויס, האָט ער באַרעכנעט דעם פסוק: „כרע שכב כארי", ווייל דאָס לעגען זיך שטעהט אין איהם פאַר דאָס אויפשטעהן און עס קאָררעספאָנדירט דערפאַר מיט דער אָרדנונג פון „ובשכבך ובקומך".

סס) זעה אונזער ספר „ויאמר יעקב" זייטע 59 און 60, וואו דורך דיזע באַטראַכטונג ווערט פאַרענטפערט די קשיא פון „מגן אברהם" ס"א ס"ק ט' און פון „רוקח" וואָס ווערט דאָרט געבראַכט מכח „יהללו" און „וקרא זה אל זה", און וואו עס ווערט אויך געבראַכט די נוסחא פון „דקדוקי סופרים".

ווייל אויב מיר זאָלען מיינען, אַז מען מעג זי לייענען אין יעדער שפּראַך, טאָ צו וואָס דאַרף מען „הער", וואָס שטעהט אין דער תורה 1)? — מען דאַרף עס, ווייל עס שטעהט געשריבען: „און עס זאָלען זיין 2)".

די רבנן האָבען געלערנט: „און עס זאָלען זיין" (מיינט), אַז מען טאָר ניט לייענען קאַפּויר, (אַז עס וואָלט געשטאַנען) „די ווערטער אויף דיין האַרץ", וואָלט מען געקענט מיינען, אַז די גאַנצע פּרשה פאָדערט כונה, קומט „דיזע" 3) צו לערנען, אַז ביז אַהער 4) פאָדערט זיך כונה, אָבער פון דאַנען אָן און ווייטער פאָדערט זיך ניט מעהר קיין כונה. דאָס זיינען די רייד פון ר' אליעזר. האָט איהם ר' עקיבא געזאָגט: עס שטעהט דאָך: (ב') „וואָס איך באַפעהל דיר היינט אויף דיין האַרץ", לערנען מיר דערפון, אַז די גאַנצע פּרשה פאָדערט כונה 5). רבה בר בר חנה האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר' עקיבא. איניגע באַציהען דאָס 6) אויף דאָס וואָס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: דער וואָס לייענט שמע דאַרף עס האָבען אין זינען. ר' אחא זאָגט אין נאָמען פון ר' יהודה: ווי באַלד ער האָט געהאַט כונה אין ערשטען פּרק 7), דאַרף ער ניט מעהר. האָט רבה בר בר חנה געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר' אחא וואָס האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יהודה 8).—אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט: „און עס זאָלען זיין" (מיינט), אַז מען טאָר ניט לייענען קאַפּויר, „אויף דיין האַרץ", זאָגט ר' זוטרא: ביז אַהער 9) איז די מצוה פון כונה, אָבער פון דאַנען אָן און ווייטער איז די מצוה פון לייענען 10). ר' יאשיה זאָגט: ביז אַהער 11) איז די מצוה פון לייענען, אָבער פון דאַנען אָן און ווייטער איז די מצוה פון כונה 12). — פאַר וואָס איז גראַד „פון דאַנען אָן און ווייטער די מצוה פון לייענען"? — ווייל עס שטעהט געשריבען: „צו רעדען פון זיי" 13). — עס שטעהט דאָך דאָ אויך: „און דו זאָלסט רעדען פון זיי" 14)? —ער 15) האָט געמיינט דאָס: ביז אַהער איז די מצוה פון כונה און לייענען, פון דאַנען אָן און ווייטער איז לייענען אָהן כונה.—און פאַרוואָס איז גראַד „ביז אַהער די מצוה פון כונה און לייענען"? — ווייל עס שטעהט געשריבען: „אויף דיין האַרץ", „און דו זאָלסט רעדען פון זיי" 16). — דאָרט 17) שטעהט דאָך אָבער אויך „אויף אייער האַרץ", „צו רעדען פון זיי"? — דאָס 18) דאַרף מען האָבען דערפאַר וואָס ר' יצחק זאָגט: „און איהר זאָלט אַרויפטהון דיזע מיינע רייד" 19) (מיינט) אַז דאָס אַרויפטהון 20) זאָל זיין אַנטקעגען האַרצען 21)."

דער רבי האָט געזאָגט: „ר' יאשיה זאָגט: ביז אַהער איז די מצוה פון לייענען, אָבער פון דאַנען אָן און ווייטער איז די מצוה פון כונה", פאַר וואָס איז גראַד „פון דאַן אָן און ווייטער די מצוה פון כונה"? — ווייל עס שטעהט געשריבען: „אויף אייער האַרץ". — דאָ שטעהט דאָך אויך: „אויף דיין האַרץ" 22)? — ער 23) האָט דאָס געמיינט: ביז אַהער איז די מצוה פון לייענען און כונה, אָבער פון דאַנען און ווייטער איז כונה אָהן לייענען 24). — און פאַרוואָס איז גראַד „ביז אַהער די מצוה פון לייענען און כונה"? — ווייל עס שטעהט געשריבען: „אויף דיין האַרץ", „און דו זאָלסט רעדען פון זיי". — דאָרט שטעהט דאָך אויך: „אויף אייער האַרץ", „צו רעדען פון זיי"? — יענעם 25) האַנדעלט זיך מכח לערנען תורה, און די תורה מיינט דאָס: לערנט מיט אייערע קינדער תורה כדי זיי זאָלען זי לערנען 26).

די רבנן האָבען געלערנט: „שמע ישראל, ה' אלהינו ה' אחד!" ביז אַהער פאָדערט זיך כונה 27). דאָס זיינען די רייד פון ר' מאיר. רבא האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר' מאיר.— אין אַ בריתא ווערט געלערנט: סומכוס זאָגט: ווער עס איז מאריך אין „אחד", איז מען איהם מאריך זיינע טעג און יאָהרען. רב אחא בר יעקב האָט געזאָגט: אין דעם דלת 28). רב אשי האָט געזאָגט: ער זאָל נאָר ניט אָפּכאַפּען דעם חית 29).—ר' ירמיה איז געזעסען ביי 30) ר' חייא בר אבא, האָט ער 31) געזעהן, אַז ער 32) איז זעהר מאריך, האָט ער 33)

פירוש.

דערפון דעם דרש וואָס די רבנן מאַכען, 1) ווייל די תורה שליסט דאָך אויף איין ק"ש. 2) באַוואָרענט עס, אַז מען זאָל ניט מאַכען דערפון דעם דרש וואָס רבי מאַכט.

3) „והיו הדברים האלה". 4) ד"ה ביז „ובכל מאדך", די ערשטע צוויי פסוקים פון „שמע", וואו עס האַנדעלט זיך וועגען דער אָנערקענונג פון גאָטס איינהייט און פון ליעבען איהם מיט'ן גאַנצען האַרצען. 5) ד"ה אַזוי ווי נאָך „והיו הדברים האלה" שטעהט „אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם", קען זיך דאָס ניט מעהר באַציהען אויף די ערשטע צוויי פסוקים אַליין, נאָר אויף דאָס וואָס גאָט באַפעהלט אין דער גאַנצער פּרשה. 6) וואָס רבה בר בר חנה האָט געזאָגט. 7) ד"ה אין דער ערשטער פּרשה, אין „שמע". 8) און דערפאַר אויך ווי ר' עקיבא, 9 און 11) ביז צום סוף פון דער ערשטער פּרשה, 10) אפילו אָהן כונה, 12) אפילו אָהן לייענען. 13) „לְדַבֵּר בָּם", איז שוין געגנוג אַז מען רעדט זיי, ד"ה מען לייענט דאָס, 14) „וְדִבַּרְתָּ בָּם", אין דער ערשטער פּרשה. 15) ר' זוטרא, 16) ד"ה ווייל אין דער ערשטער פּרשה שטעהט אי „על לבבך" אי „ודברת בם". 17) אין דער צווייטער פּרשה שטעהט „על לבבכם" און „לדבר בם", טאָ פאַרוואָס דאַרף מען דאָרט ניט קיין כונה? 18) „על לבבכם" וואָס ווייזט אויף כונה, 19) פאַר „על לבבכם" שטעהט „וְשַׂמְתֶּם אֶת דְּבָרַי אֵלֶּה", 20) פון די תפילין של יד וואָס ענטהאַלטען דיזע „מיינע רייד", 21) אויף דעם אָרט פון דער לינקער האַנד וואָס איז געגענאיבער דאָס האַרץ; אם כן איז אַזוי ווי „על לבבכם" דיענט דאָ צו אַן אַנדער צוועק, בלייבט דאָך שוין ניט מעהר איבער ווי „לדבר בם", דערפאַר איז פון דער צווייטער פּרשה אָן געגנוג אַז מען לייענט עס, און אפילו אַז עס איז אָהן כונה.

22) אין דער ערשטער פּרשה, 23) ר' זוטרא. 24) ד"ה מען דאַרף עס נאָר האָבען בכונה און עס איז ניט נויטיג צו לייענען. 25) „לדבר בם". 26) ד"ה „לדבר בם" מיינט ניט „צו רעדען פון זיי", נאָר „צו לערנען זיי" (די רייד פון דער תורה); אם כן איז אַזוי ווי דאָס דיענט צו אַן אַנדער צוועק, בלייבט דאָך ניט מעהר ווי „על לבבכם", דערפאַר איז פון דער צווייטער פּרשה אָן געגנוג אַז מען האָט עס בכונה.

27) ד"ה נאָר אין ערשטען פסוק פון ק"ש. 28) ד"ה דאָס אויסציהען פון „אחד" זאָל זיין אין דעם דלת; ווייל דורך דעם לעצטען אות באַקומט ערשט דאָס וואָרט זיין ריכטיגע באַדייטונג. 29) צוליעב די אריכות פון דלת, ווייל דאַדורך וואָלט דאָס וואָרט אויך פאַרלאָרען זיין באַדייטונג, דאָס אַלף מאַכט הפנים ניט אויס, ווייל אפילו אָהן אַלף באַדייטעט עס איינהייט ניט נאָר אין אַראַמעאיש נאָר אפילו אין העברעאיש (זעה יחזקאל ל"ג ל': „וְדִבֶּר חַד אֶת אַחַד"), אָבער מאריך זיין אין דעם טאָר מען ניט (זעה „רא"ש"). 30) ד"ה געלערנט ביי. 31 און 33) ר' חייא בר אבא, 32) ר'

פרק ב.

משנה א'.

אז איינער האלט אין לייענען אין דער תורה 1), און עס קומט גראד אן די צייט פון לייענען 2), איז ער יוצא 3), אויב ער האט עס בכונה 4).—אין די אפשטעטלען 5) מעג מען גריסען אוים כבוד און מען מעג ענטפערן 6), און אין מיטען 7) מעג מען גריסען אוים מורא און מען מעג ענטפערן 8); אזוי זאגט ר' מאיר. ר' יהודה אבער זאגט: אין מיטען מעג מען גריסען אוים מורא און מען מעג ענטפערן אוים כבוד, און אין די אפשטעלען מעג מען גריסען אוים כבוד און מען מעג ענטפערן דעם גרוס פון יעדען מענשען 9). דאס זיינען די אפשטעלען: צווישען דער ערשטער ברכה און דער צווייטער 10), צווישען דער צווייטער און „שמע", צווישען „שמע" און „והיה אם שמע", צווישען „והיה אם שמע" און „ויאמר", צווישען „ויאמר" און „אמת ויציב". ר' יהודה זאגט: צווישען „ויאמר" און „אמת ויציב" טאר מען ניט מפסיק זיין.—ר' יהושע בן קרחה האט געזאגט: פאר וואס קומט די פרשה פון „שמע" פאר „והיה אם שמע"? כדי מען זאל פריהער אויף זיך נעהמען דעם עול פון מלכות שמים, און נאכהער אויף זיך נעהמען דעם עול פון די מצות 11). „והיה אם שמע" פאר „ויאמר" 12)? ווייל „והיה אם שמע" 13) איז גילטיג סאי פאר בייטאג סאי פאר ביינאכט, בעת אז „ויאמר" 14) איז נאר גילטיג פאר ביי טאג אליין.

גמרא.

איז דאך דערפון געדרונגען, אז ביי מצות דארף מען האבען כונה 15)?—וואס מיינט „אויב ער האט עס בכונה"?—צו לייענען 16). — „צו לייענען"!? ער האלט דאך שוין אין לייענען 17)? — (עס האנדעלט זיך דא) אז ער לייענט כדי מגיה צו זיין 18).

די רבנן האבען געלערנט: קריאת שמע (מוז זיין) ווי עס איז געשריבען 19); אזוי זאגט רבי. די חכמים אבער זאגען: אין יעדער שפראך. — וואס איז דער טעם פון רבי? — די תורה האט געזאגט: „און עס זאלען זיין" 20), (מיינט עס), אז זוי זאלען זיין ווי זיי זיינען.—און וואס איז דער טעם פון די רבנן? — די תורה האט געזאגט: „הער 21)!" (מיינט עס), אין וואס פאר א שפראך וואס דו פארשטעהסט. — וואס זאגט רבי דערצו, וואס עס שטעהט „הער"? — ער דארף דאס האבען דערפאר: מאך, אז דיינע אויערען זאלען הערען וואס דיין מויל ברענגט ארויס! די רבנן אבער האלטען ווי דער וואס זאגט: אויב ער האט זיין אויער ניט געמאכט הערען, איז ער (אויך) יוצא 22).—וואס זאגען אבער די רבנן דערצו, וואס עס שטעהט: „און עס זאלען זיין"? — זיי דארפען דאס האבען דערפאר, אז מען טאר ניט לייענען קאפויר 23).— און פון וואנען נעהמט רבי, אז מען טאר ניט לייענען קאפויר? — ער נעהמט עס ארויס פון דברים הדברים 24); די רבנן אבער דרשהנען ניט דברים הדברים 25).—דאס מיינט צו זאגען, אז רבי האלט, אז מען מעג זאגען די גאנצע תורה 26) אין יעדער שפראך, ווייל אויב מיר זאלען מיינען, אז מען מוז זי זאגען (נאר) אין לשון הקדש, טא צו וואס דארף מען „און עס זאלען זיין", וואס שטעהט אין דער תורה 27)? — מען דארף עס, ווייל עס שטעהט געשריבען: „הער!" 28). — דאס מיינט צו זאגען, אז די רבנן האלטען, אז מען מוז די גאנצע תורה זאגען (נאר) אין לשון הקדש,

---

פירוש.

1) די פרשה פון ק"ש. 2) ק"ש. 3) פאר דער מצוה פון ק"ש. 4) אז דאס לייענען זאל צוגלייך זיין לשם ק"ש. 5) די פויזעס צווישען איין פרשה אדער איין ברכה און דער אנדערער. 6) ד"ה גריסען און ענטפערן דעם גרוס פון א מענשען וואס מען דארף איהם רעספעקטירען. 7) פון א פרשה אדער א ברכה. 8) א מענשען וואס מען האט פאר איהם מורא אז ער זאל קיין שלעכטס ניט טהון, אויב מען וועט איהם ניט גריסען, אבער כדי צו גריסען א מענשען וואס מען דארף אפגעבען כבוד טאר מען ניט מפסיק זיין. 9) ר' יהודה איז דא מעהר מקיל פאר ר' יהושע, און מאכט אן אונטערשיעד צווישען גריסען און ענטפערן א גרוס, וואס דארף גיכער זיין ערלויבט, ווייל דאס איז א באליידיגונג אז מען ענטפערט ניט א גרוס. 10) פאר ק"ש, ד"ה צווישען „יוצר המאורות" און „אהבה רבה" אין דער פריה, אדער צווישען „המעריב ערבים" און „אהבת עולם" אין אווענט. 11) אין „שמע" ווערט גערעדט פון ליעב האבען גאט און אין „והיה אם שמע" פון מקים זיין די מצות, און מען קען דאך ניט מקיים זיין גאט'ס מצות בעפאר מען האט איהם אנערקענט. 12) דא איז די קשיא הארבער, ווייל אין דער תורה שטעהט דאך באמת „ויאמר" (במדבר ט"ו ל"ז—מ"א) פאר „והיה אם שמע" (דברים י"א כ"א). 13) וואס רעדט פון תורה לערנען און די מצות בכלל. 14) וואס רעדט נאר וועגען ציצית.

15) ד"ה דערפון וואס די משנה זאגט „אויב ער האט בכונה" (כונה הייסט דאס האבען די מצוה אין זינען בעת מען טהוט זי), אם כן איז דאך דערפון א קשיא אויף רבא, וואס זאגט אין „ראש השנה" כ"ח א': „אז איינער בלאזט שופר צוליעב מוזיק איז ער יוצא". 16) ד"ה דער אויסדרוק „אויב ער האט עס בכונה" מיינט ניט אין דעם זינען פון כונה, נאר פון האבען אין אביזכט, בעאבזיכטיגען צו לייענען. 17) קען מען עס דאך ניט אויסטייטשען אין דעם זינען פון בעאבזיכטיגען. 18) דעם ספר פון גרייזען, וואס דאס איז דאך קיין לייענען ניט, איז אויב ער בעאבזיכטיגט צו לייענען ריכטיג און עס קומט דערווייל אן די צייט פון ק"ש, איז ער שוין דערמיט אויך יוצא פאר ק"ש.

19) ד"ה מוז געזאגט ווערען נאר אין לשון הקדש. 20) „וְהָיוּ", אין דער ערשטער פרשה פון ק"ש. 21) „שְׁמַע", דארט,—דער ווערב שְׁמַע אין העבּרעאיש מיינט אחוץ הערען אויך פארשטעהן, באזונדערס ווען עס באציהט זיך אויף א שפראך. 22) ד"ה עס מאכט ניט אוים צי מען הערט וואס מען זאגט צי ניין, אבי מען זאגט עס. 23) צב"ש אנשטאט „שמע ישראל" זאגען „ישראל שמע". 24) ד"ה דערפון וואס עס שטעהט „הדברים" — דיזע רייד (וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה א.א.וו.) און ניט איינפאך דברים נעהמט ער ארויס, אז מען מוז דאס זאגען אזוי ווי עס שטעהט און ניט קאפויר. 25) ד"ה זיי געפינען ניט, אז מען קען דערפון דיזען דרש מאכען. 26) ד"ה דעם רעשט פון דער תורה (אחוץ ק"ש). 27) ווייל די תורה שליסט דאך אויך איין ק"ש. 28) באווארענט עס, אז מען זאל ניט מאכען

זעלבסטפארשטענדליך אז מען מעג ענטפערן. דאס זיינען די רייד פון ר' מאיר; ר' יהודה אבער זאגט: אין מיטען מעג מען גריסען אויס מורא און ענטפערן אויס כבוד (י"ד א') און אין די אפשטעלען מעג מען גריסען אויס כבוד און ענטפערן דעם גרוס פון יעדען מענשען. אין א בריתא ווערט אויך אזוי געלערנט: אז איינער לייענט „שמע" און עס באגעגענט איהם זיין רבי אדער אימיצער וואס איז גרעסער פאר איהם, איז אויב מען האלט אין די אפשטעלען מעג מען גריסען אויס כבוד און עס איז זעלבסט-פארשטענדליך אז מען מעג ענטפערן, און אין מיטען מעג מען גריסען אויס מורא און עס איז זעלבסט-פארשטענדליך אז מען מעג ענטפערן. דאס זיינען די רייד פון ר' מאיר; ר' יהודה אבער זאגט: אין מיטען מעג מען גריסען אויס מורא און ענטפערן צוליעב כבוד, און אין די אפשטעלען מעג מען גריסען אויס כבוד און ענטפערן דעם גרוס פון יעדען מענשען.

אחי, א תנא פון ר' חייא'ס ישיבה, האט געפרעגט ר' חייא'ן: ווי איז וועגען מפסיק זיין 1) אין „הלל" און אין דער „מגילה" 2)? צי זאגען מיר על פי קל וחומר 3), אז מה דאך אין קריאת שמע וואס איז מן התורה מעג מען מפסיק זיין, איז א פראגע אין „הלל" וואס איז (נאר) פון די רבנן? אדער אפשר איז דער פרסום פון נסים וויכטיגער 4)? האט ער איהם געענטפערט: עס איז גאר ניט; מען מעג מפסיק זיין.—רבה האט געזאגט: די טעג וואס יעדער איינער זאגט גאנץ „הלל" 5) מעג מען מפסיק זיין צווישען איין פרק און דעם אנדערן 6), אבער אין מיטען פון א פרק טאר מען ניט מפסיק זיין, און אין די טעג וואס מען זאגט ניט גאנץ „הלל" מעג מען אפילו אין מיטען פון א פרק מפסיק זיין 7). — עס קען דאך ניט זיין! ווארום רב בר שבא איז אויסגעקומען צו זיין ביי רבינא, און עס איז גראד געווען איינער פון די טעג וואס מען זאגט ניט גאנץ „הלל", און ער האט ניט מפסיק געווען 8).—עס איז עפעס אנדערש ביי רב בר שבא, ווייל ער איז ניט געווען געגנוג חשוב ביי רבינא 9).

אשיאן 10), א תנא פון ר' אמי'ס ישיבה, האט געפרעגט ר' אמי'ן: אז איינער האלט אין פאסטען 11), צי מעג ער פאר-זוכען? צי האט ער אויף זיך גענומען (ניט) צו עסען און (ניט) צו טרינקען, און דאס איז דאך ניט 12), צי האט ער אויף זיך גענומען (ניט קיין) הנאה צו האבען, און דאס איז דאך יא 13)? — האט ער איהם געענטפערט: עס איז גאר ניט; מען מעג פארזוכען! אין א בריתא ווערט אויך אזוי געלערנט: פארזוכען פאדערט ניט קיין ברכה, און דער וואס האלט אין פאסטען מעג פארזוכען, און עס מאכט גאר ניט אויס.—וויפיעל 14)? ר' אמי און ר' אבי האבען פארזוכט אונגעפעהר דעם שעור פון א רביעית 15).

רב האט געזאגט: ווער עס גיט זיין חבר שלום בעפאר ער דאווענט, איז גלייך ווי ער וואלט איהם געמאכט פאר א במה 16), ווארום עס שטעהט געשריבען 17): „לאזט צורוה דעם דעם מענשען, וואס האט נאר אן אטעם אין זיין נאז, ווארום וואס ווערט ער גערעכענט?" לייענט ניט וואס נאר במה 18). שמואל אבער האט געזאגט: פארוואס זאל מען זיך רע-כענען מיט איהם און ניט מיט גאט 19)? — רב ששת האט אפגעפרעגט: „אין די אפשטעלען מעג מען גריסען צוליעב כבוד און מען מעג ענטפערן 20)"? — האט ר' אבא ער-קלעהרט 21): (עס האנדעלט זיך) אז ער פעדערט זיך צו זיין טיהר 22).

ר' יונה האט געזאגט אז ר' זירא האט געזאגט: ווער עס טהוט אפ זיינע געשעפטען בעפאר ער דאווענט, איז גלייך ווי ער וואלט געבויט א במה. האט מען איהם געפרעגט: האסטו געזאגט: א במה? האט ער געענטפערט: ניין, איך האב געזאגט אז מען טאר ניט; אזוי ווי רב אידי בר אבין; ווארום רב אידי בר אבין האט געזאגט אז רב יצחק בר אשיאן האט געזאגט: א מענש טאר ניט טהון זיינע געשעפ-

פירוש.

1) כדי צו גריסען. 2) מגלת אסתר. 3) זעה „פירוש" זייטע 14 נומ. 7. 4) די בעקאנטמאכונג פון דעם נס פון יציאת מצרים, וואס ווערט דערמאהנט אין „הלל", און פון פורים, וואס ווערט דערמאהנט אין דער „מגילה" איז וויכטיגער פאר א זאך וואס איז מן התורה, און מען טאר דערפאר ניט מפסיק זיין דעריין. 5) „הלל" באשטעהט פון די מזמורים קי"ג, קי"ד, קט"ו, קט"ז, קי"ז און קי"ח אין תהלים, און איין און צוואנציג טעג אין יאהר ווערט עס אין גאנצען געזאגט, נעמליך: די ניין טעג פון סוכות, די אכט טעג פון חנוכה, די ערשטע צוויי טעג פון פסח אוןביידע טעג פון שבועות, די איבעריגע זעקס טעג פון פסח און אלע טעג פון ראש חודש ווערט פון מזמור קט"ו נאר די פסוקים י"ב—י"ח און פון מזמור קט"ז נאר די פסוקים י"ב—י"ט געזאגט. 6) ד"ה צווישען איין מזמור און דעם אנדערן. 7) ווייל דאמאלס זאגט מען דאך סאי ווי סאי די מזמורים קט"ו און קט"ז ניט אין גאנצען. — רבה איז מחולק אויף ר' חייא. 8) צו גריסען איהם. 9) אז ער זאל צוליעב דעם מפסיק זיין.

10) דער מאמר קומט דא צו צוליעב דער עהנליכקייט אין דער פארמע מיט דעם פריהערדיגען מאמר. 11) א תענית יחיד, ד"ה א פריוואט תענית, וואס איינער לעגט אויף זיך ארויף פרייוויליג, אבער ניט א תענית צבור, ווען מען טאר טאקע ניט פארזוכען קיין שום עסען. 12) פארזוכען איז דאך ניט עסען. 13) ווייל מען האט דאך הנאה פון פארזוכען. 14) מעג מען פארזוכען. 15) א פערטעל פון א לוג (אונגעפעהר א פערטעל פון א פיינט אדער א צעהנטעל פון א ליטער).

16) בָּמָה, א הויכער פלאץ, א מזבח אויסערהאלב דעם בית המקדש, אויף וועלכען עס איז ניט ערלויבט מקריב צו זיין קיין קרבנות. דער פארגלייך איז צוליעב דעם וואס תפלה איז אנשטאט פון קרבנות. 17) ישעיה ב' כ"ב. 18) אַל תִּקְרֵי בַּמֶּה אֶלָּא בָּמָה. 19) ער נעהמט ארויס דעמזעלבען דרש פון דעם פסוק, הגם ער לאזט דאס ווארט בַּמֶּה שטעהען ווי עס איז. 20) אזוי שטעהט אין אונזער משנה, אם כן מעג מען דאך אפילו אין מיטען ק"ש גריסען און ניט נאר פאר'ן דאווענען. 21) דאס וואס רב און שמואל האבען געזאגט.—תִּרְגְּמָה°). 22) ד"ה בעפאר ער דאווענט נעהמט ער זיך די טרחה אויפצוזוכען זיין פריינד און גריסען איהם, איז דאס א באליידיגונג פאר גאט, אבער גריסען א פריינד אז מען טרעפט זיך צופעליגער ווייזע מעג מען יא.

°) תַּרְגֵּם מיינט ניט איינפאך איבערזעצען נאר בונגלייך אויך ערקלערען, א נייעס זין אריינלעגען אין די ווערטער, ווי דא, וואס נאכדעם רב און שמואל זיינען אפגעפרעגט געווארן, ווערט זייער מאמר נאכ'ן אנדערש רעקאנסטרואירט, אזוי אז די קשיא איז איהם ניט מעהר מותר. דערפון איז א וויכטיגער באוויז פאר אונזער הפערה וועגען „ואפילו עטרות ודיבן" אין דער באמערקונג אויף זייטע 27.

איהם געזאָגט: וויבאַלד דו מאַכסט איהם רעגירען איבען און אונטען און אין די פיער ריכטונגען פון הימעל, ברויכסטו נים מעהר 1).

רב נתן דער זוהן פון מר עוקבא האָט געזאָגט אַז רב יהודה האָט געזאָגט: „על לבבך" (דאַרף מען זאָגען) שטע-הענדיג.—„על לבבך"? ווי קומסטו צו אַזאַ געדאַנקען?—ניין, איך מיין ביז „על לבבך". ר' יוחנן אָבער זאָגט: די גאַנצע פרשה 2) שטעהענדיג. און ר' יוחנן געהט נאָך זיין טעם 3), וואָרום רבה בר בר חנה האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט גע־זאָגט: דער דין איז ווי ר' אחא וואָס האָט געזאָגט אין נאָ-מען פון ר' יהודה 4).

די רבנן האָבען געלערנט: „שמע ישראל, ה' אלהינו ה' אחד!" דאָס איז געוועזען די ק"ש פון ר' יהודה הנשיא. רב האָט געזאָגט צו ר' חייא: איך האָב ניט געזעהען אַז רבי זאָל אויף זיך נעהמען דעם עול פון מלכות שמים 5). האָט ער איהם געענטפערט: יחסן 6)! בשעת ער פלעגט אַריבערפיה-רען מיט'ן האַנד איבערן פנים 7), פלעגט ער אויף זיך נעה-מען דעם עול פון מלכות שמים.—פלעגט ער עס נאָכהער ענדיגען, אָדער ער פלעגט עס ניט מעהר ענדיגען 8)? — בר קפרא זאָגט: ער פלעגט עס ניט מעהר ענדיגען; ר' שמעון דער זוהן פון רבי זאָגט: ער פלעגט עס יאָ ענדיגען. האָט בר קפרא געזאָגט צו ר' שמעון דעם זוהן פון רבי: מילא נאָך מיר, וואָס איך זאָג, אַז „ער פלעגט עס ניט מעהר ענדיגען", איז דאָס רעכט וואָס רבי פלעגט אויסזוכען אַ הלכה אין וועלכער עס געפינט זיך יציאת מצרים 9), אָבער נאָך דיר, וואָס דו זאָגסט, אַז „ער פלעגט עס נאָכהער ענדיגען", מאָ צי וואָס האָט ער עס געדאַרפט אויסזוכען 10)?—כדי צו דערמאָהנען יציאת מצרים אין דער צייט 11).

ר' אילא דער זוהן פון רב שמואל בר מרתא האָט גע-זאָגט אין נאָמען פון רב: אַז איינער זאָגט „שמע ישראל, ה' אלהינו ה' אחד!" און עס האָט זיך געטראָפען אַ סבה אַז ער איז איינגעשלאָפען, איז ער יוצא 12). רב נחמן האָט גע-זאָגט צו זיין דיענער דרו: ביי דעם ערשטען פסוק זאָלסטו מיך פלאָגען 13), ווייטער זאָלסטו מיך ניט מעהר פלאָגען. רב יוסף האָט געפרעגט רב יוסף דעם זוהן פון רבא: ווי פלעגט דיין פאָטער טהון? האָט ער איהם געענטפערט: ביי דעם ערשטען פסוק פלעגט ער זיך קווועלען 14), ווייטער פלעגט ער זיך ניט מעהר קווועלען.—רב יוסף האָט געזאָגט: אַז מען ליעגט אויף'ן רוקען טאָר מען ניט ליינען ק"ש.—הייסט עס, אַז נאָר ליינען טאָר מען ניט, אָבער שלאָפען מעג מען יאָ, ר' יהושע בן לוי פלעגט דאָך שעלטען די וואָס שלאָפען ליעגענדיג אויף'ן רוקען 15)? — מען קען זאָגען: שלאָפען אַז מען בייגט זיך אַביסעל צו 16) מאַכט ניט אויס, אָבער לייע-נען טאָר מען ניט אפילו אַז מען בייגט זיך נאָר אַביסעל צו.— ר' יוחנן אָבער פלעגט דאָך ליינען אַביסעל צוגעבייגט?— ביי ר' יוחנן איז עפּעס אַנדערש, ווייל ער איז געוועזען אַ דיקער מענש.

„און אין די אָפשטעלען מעג מען גריסען א.א.וו.".

„מעג מען ענטפערן" צוליעב וואָס 17)? זאָלען מיר זאָגען צוליעב כבוד? מה דאָך אַז מען מעג גריסען, איז אַ פראַגע אַז מען מעג ענטפערן? אלא (מיינט דאָס דאָך אודאי) אַז מען מעג גריסען צוליעב כבוד און ענטפערן דעם גרוס פון יעדען מענשען, טאָ זאָג דעם סוף 18): „און אין מיטען מעג מען גריסען אויס מורא און מען מעג ענטפערן", „מען מעג ענטפערן" צוליעב וואָס? זאָלען מיר זאָגען צוליעב מורא?! מה דאָך אַז מען מעג גריסען, איז אַ פראַגע אַז מען מעג ענטפערן? אלא (מיינט עס דאָך) צוליעב כבוד, אם כן איז עס דאָך דאָס זעלבע וואָס ר' יהודה האָט געזאָגט 19)? וואָרום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה: „ר' יהודה זאָגט: אין מיטען מעג מען גריסען אויס מורא און ענטפערן אויס כבוד, און אין די אָפשטעלען מעג מען גריסען אויס כבוד און ענטפערן דעם גרוס פון יעדען מענשען"?!—דאָ פעהלט עפּעס, און עס דאַרף אַזוי געלערנט ווערען 20): אין די אָפ־שטעלען מעג מען גריסען אויס כבוד און עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז מען מעג ענטפערן, און אין מיטען מעג מען גריסען אויס מורא און עס איז

פירוש.

ירמיה,—מיר פאַסען דאָ די זאַך אויף אַנדערש פון דער געוועהנליכער מיינונג, ווייל ר' ירמיה איז דאָך געוועזען אַ תלמיד פון ר' חייא בר אבא, און עס לעגט זיך ניט אויף'ן שכל, אַז דער תלמיד זאָל האָבען געמאַכט דיזע באַמערקונג צו זיין רבי. 1) ד"ה אויב דו ביזט מאריך אַזוי לאַנג, אַז דו זאָלסט קענען אין דער צייט דענקען, אַז גאָט רעגירט איבען און אונטען, מזרח, מערב, צפון און דרום, ד"ה די זעקס דימענסיאָנען וואָס יעדער פיזישער קערפער מוז האָבען ניט מעהר און ניט וועניגער—אַלזאָ אומעטום אין דער בעשאַפענער וועלט—איז גענוג.

2) ד"ה די ערשטע פרשה. 3) ד"ה דאָס וואָס ער זאָגט דאָ שטימט איבעראיין מיט דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אין אַן אַנדער אָרט. 4) אַז נאָר אין דער ערשטער פרשה פאָדערט זיך כונה, זעה פריהער זייטע 49.

5) ד"ה אַז ער זאָל מפסיק זיין אין לערנען בשעת עס איז געקומען די צייט פון ק"ש און זאָגען „שמע ישראל" מיט כונה. 6) בר פַּחֲתֵי, ווי דער „ערוך" און רש"י („שבת" ג' ב') ערקלערען. פיליכט דאַרף שטעהן בר אֲחָתֵי—פלימעניק, ווייל רב איז געוועזען דער זוהן פון ר' חייא'ס שוועסטער. 7) זאָגענדיג „שמע ישראל". 8) ד"ה צי פלעגט ער ענדיגען די ק"ש נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט לערנען דעם שעור צו ניין. 9) איז לערנענדיג מיט די תלמידים וועגען יציאת מצרים, איז ער שוין יוצא געוועזען דעם חוב צו דערמאָהנען דאָס אַלע טאָג, ווי מיר טהוען דאָס לייענענדיג די פרשה „ויאמר". 10) אַ הלכה וואו עס ווערט דערמאָהנט יציאת מצרים. 11) פון ק"ש.

12) מיט ק"ש, הגם ער האָט נאָר דעם ערשטען פסוק געלייענט. 13) אויב דו זעהסט, אַז איך האַלט ביי איינשלאָפען. 14) ניט איינצו-שלאָפען. 15) ווייל עס איז ניט זיטליך. 16) ד"ה אַז מען ליגט האַלב אויף אַ זייט און האַלב אויף'ן רוקען.

17) די פראַגע געהט אויף ר' מאיר, וואָס זאָגט אין דער משנה: „און אין די אָפשטעלען מעג מען גריסען צוליעב כבוד און מען מעג ענטפערן". — זעה אונזער „פירוש" צו דיזער משנה, כדי בעסער צו פאַרשטעהן דיזען מאמר. 18) פון ר' מאיר'ס רייד. 19) און אין אונזער משנה זיינען זיי דאָך מחולק. 20) אין אונזער משנה.

(רעדט) וועגן לערנען און יעגעס1) יעגען טהון2).—
איז דען אין „שמע“ נאָר דאָ וועגן לערנען און ניט וועגן
באַלעהרען און טהון? עס שטעהט דאָך דאָרט געשרי-
בען: „און דו זאָלסט עס באַלעהרען“, „און דו זאָלסט זיי
אָנבינדען“, „און דו זאָלסט זיי אויפשרייבען“3)! און נאָך
עפּעס: איז אין „והיה אם שמע“ נאָר דאָ וועגן באַלעה-
רען און ניט וועגן טהון? עס שטעהט דאָך דאָרט געשרי-
בען: „און איהר זאָלט אָנבינדען“, „און דו זאָלסט זיי אויפ-
שרייבען“4)! — ער5) האָט אַזוי געזאָגט: מיט רעכט דאַרף
„שמע“ קומען פאַר „והיה אם שמע“, ווייל עס (רעדט) וועגן
לערנען און באַלעהרען און טהון, „והיה אם שמע“
פאַר „ויאמר“, ווייל עס איז אין דעם דאָ וועגן באַלעה-
רען און טהון, אָבער אין „ויאמר“ איז ניט מעהר דאָ ווי
וועגן טהון. — דאָס6) נעהמען מיר דאָך שוין אַרויס פון
ר' יהושע בן קרחה7)? — דאָס מיינט ערשטענס און צוויי-
טענס8): ערשטענס כדי מען זאָל פריהער נעהמען אויף זיך דעם
עול פון מלכות שמים און נאָכהער זאָל מען נעהמען אויף
זיך דעם עול פון מצות9), און, צווייטענס, ווייל אין דעם10)
זיינען דאָ אָט די אַנדערע זאַכען11).

רב האָט (איינמאָל) געוואַשען די הענט און האָט גע-
לייענט ק"ש און האָט געלעגט תפילין און געדאַווענט. ווי אַזוי
האָט ער דאָס געקענט טהון12)? עס ווערט דאָך געלערנט
אין א ברייתא: אַז איינער גראָבט אַ הייל פאַר אַ מת אין אַ
קבר13) איז ער פטור פון ק"ש און תפלה און תפילין און
פון אַלע מצות וואָס שטעהען אין דער תורה14); אַז עס קומט
די צייט פון ק"ש קומט ער אַרויס און וואַשט די הענט און
לעגט תפילין און לייענט ק"ש און דאַווענט. איז דאָך דעריין
דאָ אַ ווידערשפּרוך, (וואָרום) אין אָנפאַנג (פון דער ברייתא)
שטעהט אַז ער איז פטור און אין סוף (שטעהט) אַז ער איז
מחויב, עס איז אָבער קיין קשיא ניט, ווייל אין סוף (האַנדעלט
עס זיך) ביי צוויי15) און אין אָנפאַנג ביי איינעם, אָבער אויף
אַלע אופנים איז דאָך דערפון אַ קשיא אויף רב16)! — רב
האַלט ווי ר' יהושע בן קרחה וואָס האָט געזאָגט: צוערשט
דעם עול פון מלכות שמים17) און נאָכהער דעם עול פון
מצות18). — ר' יהושע בן קרחה האָט טאַקע געזאָגט וועגן
מקדים זיין איין לייענען פאַר דעם אַנדערן לייענען19), אָבער
ייער האָט געהערט וועגן לייענען פאַר טהון20)? און נאָך
עפּעס: האַלט ער דען ווי ר' יהושע בן קרחה? רב חייא בר
אשי האָט דאָך געזאָגט: אַסך מאָל בין איך געשטאַנען פאַר
רב, פלעגט ער זיך פעדערן און וואַשען די הענט און מאַכען
אַ ברכה און פלעגט מיט אונז לערנען די פרקים און לעגען
תפילין און נאָכדעם פלעגט ער לייענען ק"ש21)! און טאָמער
וועסט זאָגען אַז דאָס איז ווייל די צייט פון ק"ש איז נאָך
ניט געקומען22), טאָ צו וואָס איז די עדות פון ר' חייא בר
אשי23)?—כדי צו אָפּלערנען דעם וואָס האָט געזאָגט, אַז פאַר
משנה דאַרף מען ניט מאַכען די ברכה24), דערפאַר לאָזט
ער אונז הערען אַז פאַר משנה דאַרף מען אויך מאַכען די
ברכה25).—אָבער אויף אַלע אופנים, איז דאָך דערפון אַ
קשיא אויף רב26)?—עס איז געווען די שולד פון שליח27).
עולא האָט געזאָגט: ווער עס לייענט ק"ש אָהן תפילין,

פירוש.

1) „ויאמר“. 2) „ועשיתם“. 3) „ושננתם“, „וקשרתם“, „וכתבתם“. 4) „וקשרתם“, „וכתבתם“. 5) ר' שמעון בן יוחאי. 6) ד"ה פאַרוואָס איין פרשה קומט פאַר דער אַנדערער. 7) אין אונזער משנה, טאָ וואָס דאַרף די גמרא נאָך ברענגען דאָס וואָס ר' שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט. 8) הָדָא וְעוֹד אַחֶרֶת, אַן אויסדרוק וואָס קומט אָפט פאָר אין דער גמרא, ווען נאָך אַ טעם ווערט צוגעגעבען. 9) ווי ר' יהושע בן קרחה האָט געזאָגט. 10) אין „שמע“. 11) ווי ר' שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט.

12) לייענען ק"ש פאַר תפילין לעגען. 13) די מייסטען קברים זיינען דאַמאָלס ניט געווען איינצעלנע ווי היינט, נאָר אונטערערדישע צימערן מיט האָריזאָנטאַלע הייליגע (כוכים) אין וועלכע מען פלעגט אַריינלעגען די מתים און פאַרמאַכען די עפענונג מיט אַ שטיין. 14) ווי דער כלל איז, אַז איינער איז באַשעפטיגט מיט אַ מצוה איז ער פטור פון אַלע אַנדערע מצות. 15) ד"ה אויב צוויי מענשען גראָבען דעם קבר זיינען זיי יאָ מחויב, ווייל די אַרבייט ווערט ניט אונטערבראָכען דאַדורך וואָס פריהער טהוט עס איינער, און דערנאָך, אַז ער איז פאַרטיג מיט'ן דאַווענען א.א.וו., נעהמט ער זיך צו דער אַרבייט און לאָזט דעם אַנדערן דאַווענען. 16) ווייל דאָ שטעהט דאָך צוערשט „און לעגען תפילין“ און נאָכהער „און לייענען ק"ש“. 17) ק"ש. 18) תפילין וואָס איז איינע פון די מצות. 19) דאָס לייענען פון „שמע“ וואָס איז מלכות שמים פאַר דאָס לייענען פון „והיה אם שמע“ וואָס רעדט פון מצות. 20) ד"ה ווער האָט עס געהערט אַז ר' יהושע זאָל האָבען געזאָגט אַז מען מוז פריהער לייענען און נאָכהער לעגען תפילין? 21) אם כן פלעגט דאָך רב פריהער אויף זיך נעהמען דעם עול פון מצות, פאַרקעהרט פון ר' יהושע בן קרחה.—זעה פריהער זייטע 41, וואו דיזער מאמר קומט פאָר, אָבער אָהן „און לייענען תפילין און נאָכדעם פלעגט ער לייענען ק"ש“, דיזער נוסח, ווי עס זעהט אויס, איז אויך געווען פאַר רש"י און דערפאַר ערקלערט ער אַז די פראַגע איז פון „און פלעגט מיט אונז לערנען די פרקים“. 22) דערפאַר פלעגט רב צוערשט לעגען תפילין און נאָכהער לייענען ק"ש. 23) ד"ה דער צוועק פון רב חייא בר אשי'ס ערצעהלונג איז דאָך אודאי צו באַלעהרען אַז רב פלעגט זיך אַזוי פיהרען. 24) ברכת התורה. 25) ד"ה די עדות פון רב חייא בר אשי איז ניט וועגן ק"ש און תפילין נאָר וועגן די ברכת התורה אַז מען דאַרף זי מאַכען אויך פאַר דאָס לערנען פון משנה○). 26) ווייל אין דער ערצעהלונג פון רב חייא בר אשי געפינען מיר, אַז ער פלעגט פריהער לעגען תפילין און נאָכהער לייענען ק"ש און דאָ ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט איינמאָל געטהאָן פאַרקעהרט. 27) דאָס איינע מאָל וואָס ער האָט געלייענט ק"ש פאַר תפילין לעגען; ד"ה ווייל דער שליח וואָס איז גע-גאַנגען ברענגען די תפילין האָט זיך געזוימט און דערווייל איז אָנגעקומען די צייט פון ק"ש און רב האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער עובר זמן זיין האָט ער דאָס מאָל אָפּגעלייענט ק"ש אָהן תפילין.

○) דאָס זעהט אויס צו זיין אַ טעות, ווייל דאָ האַנדעלט זיך דאָך וועגן „ספרא“ וואָס איז „מדרש“, קען עס דאָך ניט זיין קיין באַווייז פאַר משנה וואָס האָט אַ קלענערע חשיבות, לויט דעם נוסח פון אונזער גמרא (זעה זייטע 41), וואו ר' אלעזר זאָגט אַז פאַר „מדרש“ דאַרף מען מאַכען אַ ברכה אָבער פאַר משנה ניט. אין דעם מינכענער כתב יד (זעה „דקדוקי סופרים“) שטעהט טאַקע דאָ ניט „משנה“ נאָר „מדרש“. פיליכט וואָלט בעסער געווען „גמרא“, לויט אונזער ערקלערונג (זעה „פירוש“ זייטע 41 נומ. 6), אַז דער באַווייז פון רב חייא בר אשי איז ניט פאַר ר' אלעזר נאָר פאַר רבא וואָס זאָגט אַז אפילו פאַר גמרא דאַרף מען אויך מאַכען אַ ברכה. דאָס ווער באַ-זונדערס איינשטימען מיט דעם נוסח פון דאַנען, וואו עס שטעהט סתם „פרקין“, און עס פעהלט „כספרא דבי רב“, ווי אויף זייטע 41. בכלל איז דאָרט די גמרא שטאַרק פאַרגרייזט, און דער „דקדוקי סופרים“ ברענגט אין זיינע „הגהות“ אַ גאַנצע רייהע פון פאַרשיעדענע נוסחאות, פון וועלכע די בעסטע זעהט אויס צו זיין די: „אמר רב הונא: למקרא צריך לברך, למשנה אינו צריך לברך, ור' אלעזר אמר: למשנה צריך לברך, למדרש אינו צריך לברך, ר' יוחנן אמר: אף למדרש נמי צריך לברך, לתלמוד אינו צריך לברך, ורבא אמר: אף לתלמוד צריך לברך, דאמר רב חייא בר אשי א.א.וו. נאָך דיזער גירסא האָט אַלזאָ משנה אַ גרעסערע חשיבות פאַר מדרש.

טען בעפֿאר ער דאַווענט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 1): „גערעכטיגקייט וועט פֿאַר איהם געהן און ער וועט שטעלען זיינע טריט אין וועג אַריין" 2). ווייטער האָט רב אידי בר אבין געזאָגט אַז רב יצחק בר אשיאן האָט געזאָגט: ווער עס דאַווענט און נאַכהער געהט ער אין וועג אַריין, טהוט דער קב"ה פֿאַר איהם אָפּ זיינע געשעפֿטען, וואָרום עס שטעהט געשריבען: „גערעכטיגקייט וועט פֿאַר איהם געהן און ער 3) וועט שטעלען זיינע טריט אין וועג אַריין".

ווייטער האָט ר' יונה געזאָגט אַז ר' זירא האָט געזאָגט: דער וואָס שלאָפֿט זיבען טעג אָהן אַ חלום, הייסט ער אַ שלעכטער, וואָרום עס שטעהט געשריבען 4): „און דער זאַטער שלאָפֿט און ווערט ניט דערמאָהנט, אַ שלעכטער", לייען ניט זאַטער נאָר זיבען 5). האָט איהם ר' אחא דער זוהן פֿון ר' חייא בר אבא געזאָגט: אַזוי האָט ר' חייא געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט 6): ווער עס זעטיגט זיך מיט דער תורה, זאָגט מען איהם ניט אָן קיין שלעכטע בשורות 7), וואָרום עס שטעהט געשריבען: „און דער זאַטער שלאָפֿט און ווערט ניט דערמאָהנט מיט שלעכטס".

„דאס זיינען צווישען די אפשטעלען א.א.וו."

ר' אבהו האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר' יהודה וואָס האָט געזאָגט: צווישען „אלהיכם" און „אמת ויציב" טאָר מען ניט מפסיק זיין. ווייטער האָט ר' אבהו געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: וואָס איז דער טעם פֿון ר' יהודה? ווייל עס שטעהט געשריבען 8): (ב') „און גאָט דער האַר איז אמת".—דאַרף מען נאָך אַמאָל זאָגען „אמת", אָדער מען דאַרף ניט נאָך אַמאָל זאָגען „אמת" 9)? האָט ר' אבהו געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: מען דאַרף נאָך אַמאָל זאָגען „אמת", רבה אָבער האָט געזאָגט: מען דאַרף ניט נאָך אַמאָל זאָגען „אמת".

עס האָט אימיצער געדאַווענט פֿאַר'ן עמוד פֿאַר רבה, האָט רבה געהערט אַז ער האָט צוויי מאָל געזאָגט „אמת אמת", האָט רבה געזאָגט: צוליעב „אמת אמת" האָט ער זיך פֿאַרפֿלאָנטערט 10).—רב יוסף האָט געזאָגט: ווי גוט איז די הלכה וואָס רב שמואל בר יהודה האָט געזאָגט אַז ער איז געקומען: אין מערב זאָגט מען אין אָוועגט: „דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ה' אלהיכם אמת" 11). האָט איהם אביי געפֿרעגט: וואָס איז די גוטסקייט? רב כהנא האָט דאָך געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: עס איז ניט נויטיג אָנצוהויבען 12), האָט מען אָבער אָנגעהויבען, זאָל מען ענדיגען! און טאָמער ווּעסטו זאָגען, אַז „ואמרת אליהם" איז קיין אָנהויב ניט, רב שמואל בר יצחק האָט דאָך געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: „דבר-אל בני ישראל" איז קיין אָנהויב ניט, „ואמרת אליהם" איז יאָ אַן אָנהויב! האָט רב פפא געזאָגט: ווי האַלטען אין מערב אַז „ואמרת אליהם" איז אויך קיין אָנהויב ניט, ביז ער זאָגט „ועשו להם ציצית" 13). אביי האָט געזאָגט: דערפֿאַר הויבען מיר אויך אָן, ווייל זיי הויבען אָן אין מערב, אָבער אַזוי ווי מיר האָבען שוין אָנגעפֿאַנגען ענדיגען מיר דאָס, ווייל רב כהנא האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: „עס איז ניט נויטיג אָנצוהויבען, האָט מען אָבער אָנגעהויבען זאָל זאָל מען ענדיגען" 14). חייא דער זוהן פֿון רב האָט געזאָגט: אויב מען האָט געזאָגט 15): „אני ה' אלהיכם" 16) דאַרף מען זאָגען „אמת" 17), אָבער אויב מען האָט ניט געזאָגט: „אני ה' אלהיכם" דאַרף מען ניט זאָגען „אמת".—מען ברויכט דאָך אָבער צו דערמאָהנען יציאת מצרים 18)? מען קען דאָס זאָגען 19): מיר דאַנקען דיר, גאָט אונזער האַר, וואָס דו האָסט אונז אַרויסגעפֿיהרט פֿון מצרים און דו האָסט אונז אויסגעלייזט פֿון דעם הויז פֿון שקלאַפֿען און דו האָסט אונז באַוויזען נסים און גבורות אויף'ן ים און מיר האָבען צו דיר געזונגען.

„ר' יהושע בן קרחה האט געזאגט: פאר וואס קומט די פרשה פון שמע פאר? א.א.וו."

אין אַ בריתא ווערט געלערנט: ר' שמעון בן יוחאי זאָגט: מיט רעכט דאַרף „שמע" קומען פֿאַר „והיה אם שמע", ווייל דאָס 20) (רעדט) וועגען לערנען 21) און יענעס 22) וועגען באַלעהרען 23), „והיה אם שמע" פֿאַר „ויאמר", ווייל דאָס 24)

פירוש.

1) תהלים פ"ה י"ד. 2) אַלזאָ זאָל צוערשט זיין צדקית, דהיינו תפלה, און נאַכהער זאָל ער געהן אין וועג אַריין אין זיינע געשעפֿטען. 3) גאָט. דער פסוק ווערט דאָ אביסעל אַנדעריש געדרשנט: אַז דער מענש וועט טהון צדקות, וועט גאָט פֿיהרען זיינע טריט.

4) משלי י"ט י"ג, דער איינפֿאַכער פשט איז דאָרט: דער זאַטער שלאָפֿט און קיין שלעכטס קומט ניט אויף איהם. 5) שבע—שבע. 6) אַן אַנדער דרש אויף דעם פסוק. 7) אין אַ חלום.

8) ירמיה י' י', אַלזאָ שטעהט עס דאָך אין פסוק אויך צוזאַמען. 9) אויב מען האָט מפסיק געווען נאָך „אמת" וואָס מוז זיין פֿאַרבונדען מיט „אלהיכם", צי דאַרף מען, פֿאָרטזעצענדיג נאַכהער דעם דאַווענען, אָנפֿאַנגען בלויז „ויציב", אָדער מען מוז זאָגען „אמת ויציב".

10) דאָס איז אַ בעוויז פֿון דער גמרא פֿאַר רבה. 11) ד"ה פֿון דער גאַנצער פרשה „ויאמר" זאָגט מען אין ארץ ישראל אין אָוועגט ניט מעהר ווי דעם אָנהויב: „דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם" און דעם סוף: „אֲנִי ה' אֱלֹהֵיכֶם אֱמֶת", און מען לאָזט אויס דעם מיטען, ווייל עס האַנדעלט זיך דאָרט מכח ציצית וואָס איז ניט שייך ביי נאַכט. 12) „ויאמר" אין אָוועגט. 13) ד"ה דער ריכטיגער אָנהויב פֿון „ויאמר", וואָס ווערט אויך אָנגערופֿען פרשת ציצית, איז „וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִת", און דאָס וואָס שטעהט פֿריהער איז נאָר ווי אַ סאָרט הקדמה; דערפֿאַר מעג מען דאָט זאָגען און עס הייסט ניט אָנגעהויבען. 14) ד"ה באמת איז ניט נויטיג צו זאָגען „ויאמר" אין ק"ש פֿון אָווענט, צוליעב ציצית, נאָר אַזוי ווי מען זאָגט עס אין ארץ ישראל זאָלען מיר דאָס אויך זאָגען, מיט דעם אונטערשיעד אָבער וואָס דאָרט זאָגען זיי ניט מעהר ווי דעם אָנהויב און דעם סוף און מיר אַז מיר האָבען שוין אָנגעהויבען, זאָלען מיר שוין זאָגען אין גאַנצען, ווי רב כהנא א.א.וו. 15) אין אָווענט. 16) ד"ה „ויאמר". 17) ד"ה „אמת ואמונה א.א.וו." 18) און אויב מען זאָגט ניט „ויאמר" און ניט „אמת ואמונה", ווי קען מען דאָס דערמאָהנען. 19) אָנשטאָט „ויאמר" א.א.וו., ווייל דעריין איז דאָ יציאת מצרים און אַ רעזומע פֿון „אמת ואמונה".

20) „שמע". 21) „וְדִבַּרְתָּ בָּם". 22 און 24) „והיה אם שמע". 23) „וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם" (און איהר זאָלט דאָס באַלעהרען אייערע קינדער).

מדאורייתא, אָבער ביי תרומה איז עס דאָך 1) נאָר צוליעב דער ברכה, און ברכות זיינען (דאָך נאָר) מדרבנן און עס הענגט גאָר ניט אָב פֿון דער ברכה 2).—אָבער פֿון וואַנען איז גענומען, אַז דאָס איז (לויט) ר׳ יוסי? טאָמער איז דאָס גאָר (לויט) ר׳ יהודה, און ער האַלט, אַז אפילו ביי ק״ש איז בדיעבד יאָ אָבער לכתחלה ניט? מען קען דאָך פֿאַרשטעהן דערפֿון וואָס עס שטעהט „אַז מען לייענט" אַז בדיעבד יאָ אָבער לכתחלה ניט 3).—האָט מען געענטפֿערט: דאָס וואָס שטעהט „אַז מען לייענט" קומט גאָר צו באַטאָנען דאָס וואָס ר׳ יוסי האָט געזאָגט, אַז אפילו בדיעבד איז מען אויך ניט (יוצא) 4), וואָרום אויב אויף ר׳ יהודה, איז מען דאָך לכתחלה אויך יוצא 5).—איז דאָס אַלזאָ פֿעסטגעשטעלט געוואָרען 6) ווי ר׳ יוסי, טאָ נאָך וועמען געהט דאָס וואָס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 7): „אַ מענש זאָל ניט בענטשען אין האַרצען 8), אויב ער האָט עס אָבער יאָ געטהאָן, איז ער־יוצא"? ניט נאָך ר׳ יוסי און ניט נאָך ר׳ יהודה! וואָרום אויב נאָך ר׳ יהודה, זאָגט ער דאָך אַז אפילו לכתחלה איז מען אויך יוצא, און אויב נאָך ר׳ יוסי איז (מען) דאָך אפילו בדיעבד אויך ניט (יוצא)! — אלא וואָס דען, (עס געהט נאָך) ר׳ יהודה 9), אַז בדיעבד יאָ אָבער לכתחלה ניט, טאָ נאָך וועמען געהט דאָס וואָס ר׳ יהודה דער זוהן פֿון ר׳ שמעון בן פזי האָט געלערנט: אַ טויבער, וואָס רעדט אָבער הערט ניט, מעג לכתחלה אַראָפּנעהמען תרומה? ניט נאָך ר׳ יהודה און ניט נאָך ר׳ יוסי! וואָרום אויב נאָך ר׳ יהודה, זאָגט ער דאָך אַז בדיעבד יאָ אָבער לכתחלה ניט, און אויב נאָך ר׳ יוסי, זאָגט ער דאָך אַז אפילו בדיעבד אויך ניט!—לעולם געהט עס נאָך ר׳ יהודה, אַז אפילו לכתחלה אויך 10), און עס איז קיין קשיא ניט 11), ווייל דאָס 12) איז זיינס 13) און יענעס 14) איז זיין רבי׳ס 15); וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: ר׳ יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ אלעזר בן עזריה: אַז מען לייענט שמע דארף מען מאַכען 16) אַז דאָס אייער זאָל דאָס הערען, ווייל עס שטעהט געשריבען: „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!" האָט איהם ר׳ מאיר געזאָגט: עס שטעהט דאָך: „וואָס איך באַפֿעהל דיר היינט אויף דיין האַרצען" (מיינט עס) אַז די ווערטער געהען נאָך דער כונה פֿון האַרצען 17).

אַז מיר האַלטען שוין דערביי 18), קענען מיר אפילו זאָגען, אַז ר׳ יהודה האַלט ווי זיין רבי 19), און פֿונדעסטוועגען איז דאָס קיין קשיא ניט 20), ווייל דאָס 21) איז ווי ר׳ מאיר און יענעס 22) איז ווי ר׳ יהודה.

מיר האָבען דאָרט געלערנט אין דער משנה 23): „אַלע זיינען ראוי צו לייענען די מגילה, אַחוץ טויבע, אידיאָטען און מינדער יעהריגע 24); ר׳ יהודה אָבער ערלויבט מינדער־יעהריגע". ווער לערנט עס, אַז ביי טויבע איז אפילו בדיעבד אויך ניט 25)? האָט רב מתנה געזאָגט: דאָס איז (לויט) ר׳ יוסי, וואָרום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה: „אַז מען לייענט שמע און מען מאַכט ניט אַז דאָס אויער זאָל דאָס הערען איז מען יוצא. דאָס זיינען די רייד פֿון ר׳ יהודה; ר׳ יוסי אָבער זאָגט: מען איז ניט יוצא".—פֿון וואַנען אָבער איז גענומען,

אַז דאָס געהט נאָך ר׳ יוסי און אַז בדיעבד איז מען אויך
ניט יוצא, (ב׳) טאָמער געהט עס גאָר נאָך ר׳ יהודה, און
לכתחלה מאַקע ניט 26), אָבער בדיעבד איז גוט?—דאָס לעגט
זיך ניט אויף׳ן געדאַנקען, ווייל עס ווערט דאָ געלערנט וועגען
טויבע אַזוי ווי וועגען אידיאָטען און מינדער־יעהריגע 27), אי
אַזוי ווי ביי אידיאָטען און מינדער יעהריגע איז דאָך אפילו
בדיעבד אויך ניט, אַזוי איז ביי טויבע (אויך געמיינט) אַ
אפילו בדיעבד ניט.—פֿיליכט איז אָבער דאָס אַזוי און יענעס
אַזוי 28)?—אָבער ווי קען מען זי (איבערהויפּט) פֿעסטשטעלען
ווי ר׳ יהודה? וואָרום אַז ער לערנט (דאָרט) צום סוף: „ר׳
יהודה אָבער ערלויבט מינדער יעהריגע", באַווייזט עס דאָך,—
אַז דער אָנהויב איז ניט ווי ר׳ יהודה!—פֿיליכט אָבער אי
דאָס 29) אין גאַנצען ר׳ יהודה׳ס, און עס זיינען דאָ צווי

פירוש.

די תנאים, וואָס זיינען דאָ מחולק, די כתם משנה אָדער אַ מחלוקת פֿו
אַן אַנדער משנה שטימט איבעראיין. 1) דאָס וואָס אַ טויבער טאָר ניט
אַראָפּנעהמען קיין תרומה. 2) דערפֿאַר איז דאָס תרומה, הגם ער טאָר
ניט מאַכען קיין ברכה. 3) וואָרום „אַז מען לייענט" מיינט דאָך אַז מען
טהוט עס שוין. 4) ד״ה „אַז מען לייענט", אין אונזער משנה, באַציהט
זיך גאָר ניט אויף ר׳ יהודה נאָר אויף דאָס וואָס ר׳ יוסי האָט געזאָגט.
5) אם כן האָט געדאַרפֿט שטעהן „אַז מען וויל לייענען" און ניט „אַז
מען לייענט". 6) ד״ה אַז די משנה אין „תרומות" געהט נאָך ר׳ יוסי.
7) „מגילה" י״ט ב׳. 8) ד״ה האַלטען דאָס אין געדאַנקען אָבער ניט אויס-
שפּרעכען. בִּרְכַּת הַמָּזוֹן (בענטשען) איז מן התורה, וואָרום עס שטעהט
(דברים ח׳ י׳): „וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ" (און דו וועסט עסען און זאַט ווערען
און דו וועסט בענטשען). 9) אונזער משנה, און אַזוי אויך די משנה וועגען
תרומה און די ברייתא וועגען ברכת המזון. 10) ד״ה אונזער משנה געהט נאָך
ר׳ יהודה און ער האַלט דאָרט אַז אפילו לכתחלה איז מען אויך יוצא, או
דערפֿאַר שטימט דערמיט איין דאָס וואָס ר׳ יהודה דער זוהן פֿון ר׳ שמעון
בן פזי האָט געלערנט. 11) וואָס ביי ברכת המזון געפֿינען מיר אַז ר׳
יהודה האַלט אַז בדיעבד יאָ אָבער לכתחלה ניט. 12) וואָס ר׳ יהודה
דער זוהן פֿון ר׳ שמעון בן פזי זאָגט. 13) ד״ה אויך זיין מיינונג.
14) די ברייתא וועגען ברכת המזון. 15) אָבער ר׳ יהודה זעלבסט האַלט
ביי ברכת המזון אויך, אַז אפילו לכתחלה מעג מען בענטשען אין געדאַנ-
קען. אם כן איז די משנה פֿון „תרומות" לויט ר׳ יוסי. 16) צָרִיךְ, וואָס
דריקט אויס לכתחלה; אם כן באַווייזט עס, אַז אויב בדיעבד דאָס אויער
האָט ניט געהערט, איז מען יוצא; אַלזאָ גענוי ווי אין דער ברייתא ווע-
גען ברכת המזון. 17) און ניט נאָך דער אויסשפּראַך, דערפֿאַר איז אפילו
דאָ לכתחלה גענוג אַז מען האַלט זיי אין געדאַנקען. 18) ד״ה אַז עס ווערט
דאָ אויך ר׳ מאיר דערמאָהנט. 19) ר׳ אלעזר בן עזריה, אַז סאַי ביי ק״ש סאַי
ביי בענטשען מוז מען לכתחלה מאַכען אַז דאָס אויער זאָל הערען וואָס
מען זאָגט, און דערפֿאַר טאָר אַ טויבער לכתחלה ניט אַראָפּנעהמען קיין
תרומה. 20 און 21) דאָס וואָס ר׳ יהודה דער זוהן פֿון ר׳ שמעון בן פזי
זאָגט. 22) אונזער משנה און די ברייתא וועגען ברכת המזון.

23) „מגילה" י״ט ב׳. 24) אונטער דרייצעהן יאָהר. 25) ד״ה אַז מען
איז ניט יוצא מיט לייענען די מגילה אַז אַ טויבער האָט עס געלייענט.
26) טאָר אַ טויבער ניט לייענען די מגילה. 27) ד״ה דאַדורך וואָס זיי
שטעהען דאָ נעבען איינאַנדער זיינען זיי פֿאַרגליכען צו איינאַנדער. 28) ד״ה
הגם זיי שטעהען נעבען איינאַנדער, פֿונדעסטוועגען זיינען טויבע ניט
פֿאַרגליכען צו אידיאָטען און מינדער־יעהריגע, אם כן וועט די משנה אין
„מגילה" אויסקומען לויט ר׳ יהודה. 29) די משנה אין „מגילה".

איז ווי ער וואָלט פֿאַלש עדות געזאָגט געגען זיך זעלבסט 1). ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ווי ער וואָלט מקריב געווען אַן עולה אָהן אַ מנחה 2) אָדער אַ שלאַכט-אָפּפֿער אָהן נסכים 3).

ווייטער האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: דער וואָס וויל אויף זיך בשלמות נעהמען דעם עול פֿון מלכות שמים, (ט״ו א׳) זאָל האָבען נקיות און וואַשען די הענט און לעגען תפילין און לייענען ק״ש און דאַווענען; און דאָס הייסט מלכות שמים (נעהמען) בשלמות. ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דער וואָס האָט נקיות און וואַשט די הענט און לעגט תפילין און לייענט ק״ש און דאַווענט, פֿאַררעכענט איהם די תורה ווי ער וואָלט געבויט א מזבח און מקריב געווען אויף איהם אַ קרבן, וואָרום עס שטעהט געשריבען 4): „איך וואַש אין ריינקייט מיינע הענט און איך דרעה זיך אַרום דיין מזבח, גאָט!" האָט רבא צו איהם געזאָגט: האַלט ניט דער רבי, אַז עס איז ווי ער וואָלט זיך טובל געווען? וואָרום עס שטעהט געשריבען: „איך וואַש אין ריינקייט" און עס שטעהט ניט „איך וואַש מיינע הענט" 5).

רבינא האָט געזאָגט צו רבא: האָט דער רבי געזעהען דעם תלמיד חכם וואָס איז געקומען פֿון מערב און האָט געזאָגט: דער וואָס האָט ניט קיין וואַסער צו וואַשען די הענט, מעג אָפּווישען די הענט מיט ערד, אָדער מיט שטיינדליך אָדער מיט שפּענער. האָט ער איהם געענטפֿערט: ער האָט ריכטיג געזאָגט. שטעהט דען געשריבען: איך וועל וואַשען אין וואַסער? עס שטעהט דאָך „אין ריינקייט", מיינט דאָס יעדע זאַך וואָס מאַכט ריין. וואָרום רב חסדא פֿלעגט שעלטען די וואָס געהען זוכען וואַסער אין דער צייט פֿון דאַווענען 6). דאָס איז אָבער נאָר צוליעב ק״ש 7), אָבער צוליעב דעם דאַווענען זאָל מען יאָ זוכען. און ביז ווי ווייט? ביז אַ פּרסה 8). דאָס איז אָבער נאָר פֿאָרווערטס, ריקווערטס אָבער דאַרף מען זיך אפילו קיין מיל 9) אויך ניט אומקעהרען 10). און דערפֿון (נעהמען מיר), אַז אַ מיל דאַרף מען זיך ניט אומקעהרען, אָבער וועניגער ווי אַ מיל דאַרף מען זיך יאָ אומקעהרען.

משנה ב׳.

אז מען לייענט שמע און מען מאכט ניט אז דאס אויער זאל דאס הערען, איז מען יוצא 11); ר׳ יוסי אבער זאגט: מען איז ניט יוצא. אז מען לייענט און מען איז ניט מדקדק אין די אותיות 12), זאגט ר׳ יוסי, אז מען איז יוצא; ר׳ יהודה אבער זאגט, אז מען איז ניט יוצא. אז מען לייענט קאפויר, איז מען ניט יוצא. אז מען לייענט און מען מאכט א טעות, דאַרף מען זיך אומקעהרען צו דעם ארט וואו מען האט געמאכט דעם טעות.

גמרא.

וואָס איז דער טעם פֿון ר׳ יוסי? — ווייל עס שטעהט געשריבען: „הער!" (מיינט עס): מאַך אַז דיין אויער זאָל הערען וואָס דיין מויל ברענגט אַרויס.—און דער ערשטער תנא 13)? — ער האַלט אַז „שמע" מיינט: אין וואָס פֿאַר אַ שפּראַך דו פֿאַרשטעהסט 14).—און ר׳ יוסי?—מען קען דערפֿון ביידע זאַכען אַרויסנעהמען 15).

עס ווערט דאָרט אין דער משנה געלערנט 16): „אַ טויבער, וואָס רעדט אָבער הערט ניט 17), טאָר ניט אַראָפּנעהמען קיין תרומה 18), אויב ער האָט אָבער יאָ אַראָפּגענומען, איז דאָס וואָס ער האָט אַראָפּגענומען תרומה".—ווער לערנט עס 19), אַז אַ טויבער וואָס רעדט אָבער הערט ניט איז בדיעבד יאָ אָבער לכתחלה ניט? האָט רב חסדא געזאָגט: דאָס איז (לויט) ר׳ יוסי, וואָרום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה: „אַז מען לייענט „שמע" און מען מאַכט ניט אַז דאָס אויער זאָל דאָס הערען איז מען יוצא; דאָס זיינען די רייד פֿון ר׳ יהודה, ר׳ יוסי אָבער זאָגט: מען איז ניט יוצא", וואו האָט ר׳ יוסי געזאָגט אַז מען איז ניט יוצא? נאָר דאָ ביי ק״ש, ווייל עס איז

פירוש.

1) ווייל אין ק״ש שטעהט אַז מען זאָל לעגען תפילין און ער טהוט עס ניט (רבינו יונה). רש״י פּאַסט דאָס עפּיטעטיש אויף, אין „געגען זיך" מיינט „געגען גאָט", ווי „סגי נהור" פֿאַר „בלינד" (זעה „פירוש" זייטע 11 נאָטע 22). ער גיט אָבער ניט קיין ערקלערונג פֿאַרוואָס, אין די ערקלערונגען וואָס אַנדערע געבען פֿאַר איהם זיינען ניט גאַנץ אקצעפּטאַבעל. 2) אַ מעהל קרבן, וואָס מען מוז מקריב זיין מיט יעדער עולה. 3) ווין וואָס פֿלעגט געגאָסען ווערען אויף׳ן מזבח נאָך עולות און זבחים (זבחים זיינען קרבנות פֿון וועלכע עס ווערט נאָר געאָפּפֿערט אַ קליינער טייל).

4) תהלים כ״ו ו׳. 5) דאָס איז נאָר אַ דרש. וויילע „מיינע הענט" איז ניט דירעקט פֿאַרבונדען מיט „איך וואַש", האָט „וואַשען" אַן אַלגעמיינע באַדייטונג און איז דערפֿאַר אידענטיש מיט „זיך באָדען", „זיך טובל זיין".

6) אומזיסט צו פֿאַרזוימען די צייט. — דיזער מאמר קומט אויך פֿריהער פֿאָר, דף כ״ב א׳, און דאָרט שטעהט אויך „אין דער צייט פֿון דאַווענען". אין דעם מינכענער כתב יד אָבער שטעהט „אין דער צייט פֿון ק״ש" וואָס איז ריכטיגער, ווייל די גמרא זאָגט גלייך נאָכדעם: „דאָס איז אָבער נאָר צוליעב ק״ש". זעה אויך „תוספות". 7) כדי מען זאָל ניט איבער זמן זיין ביזן זוכען. 8) פּרסה—אַ גרויסע מייל, 4000 איילען אָדער שריט. 9) מיל—אַ קליינע מייל, געוועהנליך אַ פֿערטעל פֿון אַ פּרסה. 10) צוריק צו זוכען וואַסער.

11) דעם חוב פֿון ק״ש. — אין מאַנכע אויסגאַבען שטעהט נאָכדעם: „דאָס זיינען די רייד פֿון ר׳ יהודה", אַ נוסח וואָס זעהט אויס ריכטיג צו זיין, ווייל עס געפֿינט זיך אויך אין דער זעלבער משנה אין „ירושלמי" און אין „אלפֿס", און ווי מען קען אויך זעהן ווייטער פֿון דער שקלא וטריא אין דער גמרא. 12) צו אויסשפּרעכען זיי קלאָר און דייטליך.

13) פֿון דער משנה, וואָס זאָגט ער צו דיזען דרש? 14) זעה „פירוש" זייטע 48 נאָטע 21. 15) ד״ה פֿון „שמע" קען מען אַרויסנעהמען אי „מאַך אַז דיין אויער א.א.וו." אי „אין וואָס פֿאַר אַ שפּראַך א.א.וו.".

16) תרומות פּ״א מ״ב. 17) חרש—אַ טויבער, אָדער—אַ שטומער אין העברעאיש, אָבער די משנה ערקלערט דאָרט, אַז ווען עס שטעהט כתם חרש מיינט עס טויב-שטום (די גמרא באַנוצט ווירקליך זעהר זעלטען דאָס וואָרט אלם); דערפֿאַר קומט די ווייטערע ערקלערונג „וואָס רעדט אָבער הערט ניט". 18) דער חלק וואָס מוז אַראָפּגענומען ווערען אַלע יאָהר פֿון די פּראָדוקטען פֿון דער ערד פֿאַר די כהנים, געוועהנליך אַ פֿופֿציגסטע חלק פֿון דער רעקאָלטע. לויט געבען אַ צעהנטעל פֿון דעם צעהנטעל וואָס זיי באַקומען, און דאָס הייסט תרומת מעשר. נאָר כהנים מעגען עסען תרומה. 19) מאן תנא — ווער איז דער תנא, אַ פֿראַגע וואָס ווערט באַנוצט ווען עס האַנדעלט זיך אויסצוגעפֿינען, פֿון וועמען עס שטאַמט אַ סתם משנה, ד״ה אַן אַנאָנימער מאמר אין דער משנה, אָדער, ווי דאָ, פֿעסטצושטעלען, מיט וועמען פֿון

נעהמט אויך דער קבר אַריין און גיט אַרויס 1). דערפֿון קען מען זאָגען אַ קל וחומר: מה דאָך אַז דאָס מוטערלייב וואָס נעהמט אַריין שטילערהייט גיט עס אַרויס מיט אַ געשריי 2), וועט דאָך דער קבר וואָס נעהמט אַריין מיט אַ גרויס געשריי 3) אודאי אַרויסגעבען מיט גרויסע קולות 4). און דאָס איז אַן ענטפֿער צו די וואָס זאָגען, אַז תחית המתים איז ניט מן התורה 5).

ר׳ אושעיא האָט געלערנט פֿאַר רבא: „און דו זאָלסט זיי שרייבען" 6) מיינט אַז אַלץ זאָל געשריבען ווערען 7), אפילו די באַפֿעהלען אויך 8). האָט ער איהם געפֿרעגט: ווער האָט עס דיר געזאָגט 9)?—ר׳ יהודה, וואָס זאָגט 10): ביי אַ סוטה 11) שרייבט מען די קללות, אָבער די באַפֿעהלען 12) שרייבט מען ניט. און דאָרט איז עס דערפֿאַר, ווייל עס שטעהט דאָרט געשריבען: „און ער זאָל שרייבען דיזע קללות", אָבער דאָ וואו עס שטעהט: „און דו זאָלסט זיי שרייבען", (מיינט עס) אפילו די באַפֿעהלען אויך.—איז דען דער טעם פֿון ר׳ יהודה, ווייל עס שטעהט: „און ער זאָל שרייבען"? דער טעם פֿון ר׳ יהודה איז דאָך גאָר, ווייל עס שטעהט: „קללות", (מיינט עס) קללות יאָ, אָבער באַפֿעהלען ניט 13)! —מען ברויכט דאָס 14), ווייל מען וואָלט געקענט מיינען, אַז מען דאַרף פֿאַרגלייכען דאָס שרייבען (פֿון דאַנען) צו דאָס שרייבען פֿון דאָרט, און אַזוי ווי דאָרט איז דאָך קללות יאָ, אָבער באַפֿעהלען ניט, אַזוי זאָלען דאָ אויך די באַפֿעהלען ניט זיין, דערפֿאַר זאָגט די תורה: „און דו זאָלסט זיי שרייבען", אַז אפילו די באַפֿעהלען אויך.

רב עובדיה האָט געלערנט פֿאַר רבא: „ולמדתם" מיינט אַז דאָס לערנען זאָל זיין פערפֿעקט 15), נעמליך אַז עס זאָל זיין אַ פויזע צווישען פֿאַרבונדענע 16). האָט רבא זיך אָפּגערופֿען נאָך איהם: צום ביישפיל „על לבבך", „על לבבכם", „בכל לבבך", „בכל לבבכם", „עשב בשדך", „ואבדתם מהרה", „הכנף פתיל", „אתכם מארץ" 17).

ר׳ חמא בר חנינא האָט געזאָגט: ווער עס לייענט ק"ש און איז מדקדק אין די אותיות, וועט מען דעם גיהנם פֿאַר איהם קאַלט מאַכען, וואָרום עס שטעהט געשריבען 18): „בְּפָרֵשׂ שַׁדַּי בָּהּ מְלָכִים תַּשְׁלֵג בְּצַלְמוֹן", לייען ניט „בְּפָרֵשׂ" (צושפּרייטענדיג) נאָר „בְּפָרֵשׁ" (דייטליך אייסשפּרעכענדיג), לייען ניט „בצלמון" נאָר „בְּצַלְמָוֶת" (אין דעם שאָטען פֿון טויט) 19).

ווייטער האָט ר׳ חמא בר חנינא געזאָגט: פֿאַרוואָס זיינען צוזאַמענגעפּאָרט **(ט"ז א׳)** געצעלטען מיט טייכלעך, ווי עס שטעהט געשריבען 20): „ווי זיינען אויסגעשפּרייט ווי טייכלעך, ווי גאָרטענס ביי אַ טייך, ווי געצעלטען וואָס גאָט האָט אויפֿגעשטעלט, ווי צעדערבוימער ביי אַ וואַסער"? ווייל דאָס קומט צו זאָגען, אַז אַזוי ווי טייכלעך ברענגען אַרויס אַ מענשען פֿון אונריינקייט אין ריינקייט 21), אַזוי ברענגען די געצעלטען 22) אַרויס אַ מענשען פֿון דער וואָגשאָל פֿון זינד אין דער וואָגשאָל פֿון זכיות 23).

„אז מען לייענט קאַפּויר איז מען ניט יוצא א.א.וו."

ר׳ אמי און ר׳ אסי האָבען געהאַלטען אין פֿלעכטען אַ חופה 24) פֿאַר ר׳ אלעזר, האָט ער צו זיי געזאָגט: איך וועל דערווייל אַריבערגעהן עפּעס הערען אין בית מדרש און וועל צוריקקומען און אייך זאָגען. איז ער געגאַנגען און האָט דאָרט געפֿונען אַ תנא לערנענדיג פֿאַר ר׳ יוחנן 25): „אַז איינער לייענט 26) און האָט אַ טעות געהאַט, אָבער ער ווייס

פירוש.

1) ביי תחית המתים. 2) וואָס דאָס קינד שרייט ווען עס ווערט געבאָרען. 3) פֿון די וואָס טרויערן איבערן מת. 4) וואָס דער שופר של משיח וועט אַרויסלאָזען פֿאַר תחית המתים. 5) ד"ה ווערט דאָרט ניט דערמאָהנט.

6) וואָס שטעהט אין די ערשטע צוויי פרשות פֿון ק"ש. 7 און 15) אין תפילין און מזוזות. 8) וואָס קומען דאָרט פֿאָר, ווי „און איהר זאָלט אָנבינדען", „און דו זאָלסט זיי שרייבען" א.א.וו. 9) ד"ה פֿון וואַנען נעהמסטו דאָס? 10) „סוטה" י"ז א׳. 11) סוֹטָה—אַ פֿרוי וואָס דער מאַן האָט אויף איהר אַ חשד אַז זי איז איהם אונטריי. לויט במדבר ה׳ י"א—ל"א, וואָס ענטהאַלט די פרשה סוטה, האָט דער מאַן געדאַרפֿט ברענגען פֿאַר איהר אַ קרבן פֿון בלויזע גערשטען (מנחת קנאות), וועלכע די פֿרוי האָט געדאַרפֿט האַלטען, און דער כהן פֿלעגט צולאָזען די האָר פֿון דער פֿרוי און זי באַשווערען מיט אַ שבועה וואָס ענטהאַלט אין זיך אַ רייהע פֿון קללות פֿאַר דעם פֿאַל, אויב דער חשד איז אמת. דיזע קללות פֿלעגט ער אויפֿשרייבען מיט טינט אויף פּאַרמעט און דאָס אַריינטהון אין אַן ערדענער כלי, אין וועלכער עס איז געווען אַ רביעית וואַסער פֿון דעם כיור און אַביסעלע ערד פֿון אונטער דער פּאָדלאָגע פֿון בית המקדש, און אַז די טינט איז געוואָרען אָפּגעוואַשען און אויפֿגעלייזט אין דאָס וואַסער, פֿלעגט די פֿרוי דאָס דאַרפֿען טרינקען; און אויב דאָס האָט ניט געהאַט קיין שעדליכע ווירקונג אויף איהר געזונדהייט, איז דאָס געווען אַ סימן אַז זי איז אונשולדיג. 12) וואָס ווערען דערמאָהנט אין פרשת סוטה, ווי „און ער זאָל שרייבען" א.א.וו. 13) אָבער פֿון וואַנען איז גדרונגען דאָ ביי ק"ש, וואו עס שטעהט ניט אויסדריקליך וואָס צו שרייבען, אַז „און דו זאָלסט זיי שרייבען" מיינט די באַפֿעהלען אויך? 14) ד"ה דעם באַוויז וואָס ר׳ אושעיא נעהמט אַרויס פֿון ר׳ יהודה׳ס רייד און ערקלערענדיג אַז דאָס איז ווייל דאָרט שטעהט „וכתב" און דאָ „וכתבתם".

15) וּלְמַדְתֶּם—לִמּוּד תָּם (פערפֿעקט לערנען). 16) ד"ה צווישען צוויי ווערטער, פֿון וועלכע דאָס צווייטע הויבט זיך אָן מיט דעמזעלבען אות וואָס דאָס ערשטע ענדיגט זיך, און דערפֿאַר שמעלצען זיי צוזאַמען ווי איין וואָרט, ווען מען לייענט שנעל. 17) דער „אלפס" לעגט צו נאָך ביישפּילען: „וְחָרָה אַף", „וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ" א.א.וו., אין וועלכע די ווערטער וואָלטען באַקימען אַ גאַנץ אַנדערן זינען (יחקף א.א.וו.).

18) תהלים ס"ח ט״ו.—דער פּשט פֿון פסוק, וועלכער איז בכלל שווער צו פֿאַרשטעהן, איז: אַז גאָט האָט צושפּרייט די מלכים אין איהר האָט געשנייט אויף׳ן צלמון (אין דעם מזמור באַזינגט דוד די מלחמות וואָס די אידען האָבען געהאַט אַריינקומענדיג אין ארץ ישראל. צלמון איז דער נאָמען פֿון אַ באַרג.) 19) ד"ה אַז דו וועסט אויסשפּרעכען דייטליך גאָט׳ס רייד וועט זיין קאַלט ווי שניי אין דעם שאָטען פֿון טויט, ד"ה אין גיהנם.

20) במדבר כ"ד ו׳. בלעם האָט עס געזאָגט זעהענדיג די אויסגעשפּרייטע געצעלטען פֿון די אידען. 21) אַז מען באָדט זיך אין זיי. 22) פֿון דער תורה, ד"ה די ערטער וואו מען לערנט תורה. אין דער גמרא קומט דאָס וואָרט „געצעלט" זעהר אָפֿט פֿאַרבונדען מיט דעם וואָרט „תורה". 23) ד"ה ער ווערט דורך די תורה גערייניגט פֿון זיינע זינד.

24) די חופות פֿלעגען אין יענער צייט שפּעציעל געמאַכט ווערען פֿאַר יעדער חתונה פֿון דעם חתן׳ס אונטערפֿיהרערס אָדער גוטע פֿריינד. 25) „תוספתא" פ"א. 26) ק"ש. דאָס זעלבע איז אָבער אויך ביי „הלל" און

סאָרטען מינדער יעהריגע, און דאָרט 1) פֿעהלט עפּעס, און עס האָט געדאַרפֿט אַזוי שטעהן: אַלע זיינען ראוי צו לייענען די מגילה, אַחוץ טויבע, אידיאָטען און מינדער-יעהריגע. דאָס איז אָבער נאָר גערעדט פֿון מינדער-יעהריגע וואָס האַלטען נאָך ניט ביי חנוך 2), אָבער מינדער-יעהריגע וואָס האַלטען שוין ביי חנוך זיינען ראוי אפילו לכתחלה. דאָס זיינען די רייד פֿון ר׳ יהודה, וואָרום ר׳ יהודה ערלויבט מינדער-יעהריגע.—איז דאָס אַלזאָ פֿעסטגעשטעלט געוואָרען יוי ר׳ יהודה און אַז בדיעבד יאָ אָבער לכתחלה ניט, טאָ נאָך ווען מען געהט דאָס וואָס ר׳ יהודה דער זוהן פֿון ר׳ שמעון בן פזי האָט געלערנט: „אַ טויבער, וואָס רעדט אָבער הערט ניט, מעג לכתחלה אַראָפּנעהמען תרומה״? ניט נאָך ר׳ יהודה און ניט נאָך ר׳ יוסי! וואָרום אויב נאָך ר׳ יהודה, (זאָגט ער דאָך) אַז בדיעבד יאָ אָבער לכתחלה ניט, און אויב נאָך ר׳ יוסי, איז דאָך אפילו בדיעבד אויך ניט! אלא וואָס דען, דאָס 3) געהט נאָך ר׳ יהודה, און אַז אפילו לכתחלה אויך, טאָ נאָך וועמען וועט געהן דאָס וואָס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: „אַ מענש זאָל ניט בענטשען אין האַרצען, אויב ער האָט עס אָבער יאָ געטהאָן, איז ער יוצא״? ניט נאָך ר׳ יהודה און ניט נאָך ר׳ יוסי! וואָרום אויב נאָך ר׳ יהודה, זאָגט ער דאָך, אַז אפילו לכתחלה אויך, און אויב נאָך ר׳ יוסי, זאָגט ער דאָך, אַז אפילו בדיעבד אויך ניט!—לעולם געהט עס טאַקע נאָך ר׳ יהודה, און אַז אפילו לכתחלה אויך 4), און עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 5) איז זיינס און יענעס 6) איז זיין רבי׳ס 7), וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: „ר׳ יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ אלעזר בן עזריה: אַז מען לייענט שמע דאַרף מען מאַכען 8), אַז דאָס אויער זאָל דאָס הערען, ווייל עס שטעהט געשריבען: ׳שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!׳. האָט איהם ר׳ מאיר געזאָגט: עס שטעהט דאָך: ׳וואָס איך באַפֿעהל דיר היינט אויף דיין האַרצען׳ (מיינט עס), אַז די ווערטער געהען נאָך דער כונה פֿון האַרצען״ 9). אַז מיר האַלטען שוין דערביי 10), קענען מיר אפילו זאָגען, אַז ר׳ יהודה האַלט ווי זיין רבי 11), און פֿונדעסטוועגען איז קיין קשיא ניט 12), ווייל דאָס 13) איז ווי ר׳ יהודה און יענעס 14) איז ווי ר׳ מאיר.

רב חסדא האָט געזאָגט אַז רב שילא האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר׳ יהודה וואָס האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ אלעזר בן עזריה 15) און דער דין איז ווי ר׳ יהודה 16); און עס איז נויטיג 17), וואָרום אויב ער וואָלט אונז (נאָר) לאָזען צו וויסען, אַז דער דין איז ווי ר׳ יהודה, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז אפילו לכתחלה אויך 18), דערפֿאַר לאָזט ער אונז צו וויסען (צוגלייך), אַז דער דין איז ווי ר׳ יהודה וואָס האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ אלעזר בן עזריה, און אויב ער וואָלט אונז (נאָר) לאָזען צו וויסען, אַז דער דין איז ווי ר׳ יהודה וואָס האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ אלעזר בן עזריה, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז „מען דאַרף״ מיינט, אַז עס האָט קיין ווערט ניט 19), דערפֿאַר לאָזט ער אונז וויסען (צוגלייך), אַז דער דין איז ווי ר׳ יהודה 20).—רב יוסף האָט געזאָגט: די מחלוקת איז נאָר ביי ק״ש, אָבער ביי אַנדערע מצות זאָגען אַלע, אַז מען איז ניט יוצא, וואָרום עס שטעהט געשריבען 21): „פּאַס אויף און הער ישראל״.—האָט מען איהם אָפּגעפֿרעגט: (עס שטעהט דאָך:) „אַ מענש זאָל ניט בענטשען אין האַרצען 22), אויב ער האָט עס אָבער יאָ געטהאָן, איז ער יוצא״?—עס איז אודאי אַזוי געזאָגט געוואָרען: רב יוסף האָט געזאָגט: די מחלוקת איז נאָר ביי ק״ש, ווייל עס שטעהט געשריבען: „הער ישראל!״, אָבער ביי אַנדערע מצות זאָגען אַלע, אַז מען איז יוצא.—עס שטעהט דאָך אָבער: „פּאַס אויף און הער ישראל!״?—דאָס באַציהט זיך נאָר אויף דער תורה.

„אז מען לייענט און מען איז ניט מדקדק אין די אותיות״.

ר׳ טבי האָט געזאָגט אַז ר׳ יאשיה האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ביידע, דאָרט וואו זיי זיינען מקיל 23).

ווייטער האָט ר׳ טבי געזאָגט אַז ר׳ יאשיה האָט געזאָגט: וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט 24): „דריי זיינען עס וואָס ווערען ניט זאַט: דער קבר און דאָס געשלאָסענע מוטערלייב״? וואָרום באמת וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דער קבר מיט דעם מוטערלייב? נאָר עס מיינט צו זאָגען, אַז אַזוי ווי דאָס מוטערלייב נעהמט אַריין 25) און גיט אַרויס 26), אַזוי

פירוש.

1) אין דער משנה אין „מגילה״. 2) ד״ה וואָס זיינען נאָך ניט אַלט גיין יאָהר, ווען עס קומט די צייט וואָס מען דאַרף זיי ערציהען און געוועהנען צו מצות. 3) וואָס ר׳ יהודה דער זוהן פֿון ר׳ שמעון בן פזי האָט געזאָגט. 4) איז מען יוצא, ווען מען בענטשט אין געדאַנקען. 5) אַז אַ טויבער מעג לכתחלה אַראָפּנעהמען תרומה. 6) די בריתא וועגען ברכת המזון. 7) אם כן געהט די משנה אין „מגילה״ נאָך ר׳ יוסי. 8—14) זעה „פירוש״ צום סוף פֿון דעם פֿריהערדיגען מאמר, וואו דער סוף פֿון דיזען מאמר איז איבערגעהורט.

15) אַז „ווען מען לייענט שמע דאַרף מען מאַכען א.א.וו.״ 16) אַז מען איז יוצא אַז דאָס אויער האָט ניט געהערט בעת מען האָט געלייענט ק״ש. 17) צו זאָגען אַזוי ווי רב חסדא האָט געזאָגט. 18) מעג מען לייענען ק״ש אָהנע צו מאַכען אַז דאָס אויער זאָל דאָס הערען. 19) ד״ה אַז די ק״ש וואָס מען האָט געלייענט אָהנע צו הערען איז קיין ק״ש ניט. 20) אַז בדיעבד מאַכט ניט אויס. 21) דברים כ״ז ט׳.—ביי ק״ש שטעהט אַלזאָ נאָר „שמע״ וואָס אַחוץ הערען קען עס אויך מיינען פֿאַרשטעהן (זעה זייטע 48), אָבער ביי אַנדערע ברכות איז דאָס שטרענגער, ווייל דאָס „שמע״ פֿון דיזען פסוק קען ניט אַנדערש מיינען ווי הערען צוליעב דאָס וואָרט הַסְכֵּת וואָס שטעהט פֿאַר דעם, דערפֿאַר איז מען ביי זיי ניט יוצא, אויב דאָס אויער הערט ניט. 22) אַלזאָ באַווייזט עס דאָך, אַז עס איז ניט נאָר ביי ק״ש אַליין.

23) ד״ה ווי ר׳ יהודה, וואָס איז מקיל, אין אונזער משנה, ביי הערען און זאָגט אַז מען איז יוצא מיט ק״ש אפילו אַז מען האָט ניט געהערט וואָס מען האָט געלייענט, און ווי ר׳ יוסי וואָס איז מקיל ביי מדקדק זיין און זאָגט אַז מען איז יוצא אפילו אַז מען רעדט עס ניט אויס קלאָר און דייטליך.

24) משלי ל׳ ט״ו וט״ז.—אין דעם מינכענער כתב יד פֿעהלט „דריי זיינען עס וואָס ווערען ניט זאַט״, וואָס איז אויך ריכטיג, ווייל ניט עס האָט אַ שייכות צו דעם דרש וואָס ווערט דאָ געמאַכט, גיט עס איז פֿאַרבונדען אין פסוק מיט „דער קבר א.א.וו.״. 25) דעם זאַמען. 26) דאָס קינד.

די רבנן האָבען געלערנט 1): „פועלים, וועלכע טהוען אַרבייט ביי אַ בעל הבית, דאַרפֿען לייענען ק"ש און זאָגען די ברכות פֿאַרדעם און נאָכדעם, און ווען זיי עסען זייער ברויט דאַרפֿען זיי מאַכען די ברכות פֿאַרדעם און נאָכדעם, און דאַרפֿען זאָגען שמונה עשרה, אָבער זיי טאָרען ניט דאַרווענען פֿאַר'ן עמוד און ניט דוכן'ען" 2).—עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ ברייתא: נאָר אַ רעזומע פֿון שמונה עשרה 3)?—האָט רב ששת געזאָגט: עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 4) געהט נאָך רבן גמליאל 5) און יענעס 6) נאָך ר' יהושע 7).—אויב ווי ר' יהושע, טאָ פֿאַרוואָס איז גראָד פועלים? (ער זאָגט דאָך, אַז אפילו יעדער מענש 8)!—ביידע 9) געהען טאַקע נאָך רבן גמליאל און פֿונדעסטוועגען איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָ 10) (האַנדעלט זיך) אַז זיי אַר־ בייטען פֿאַר שכירות 11) און דאָרט 12), אַז זיי אַרבייטען נאָר פֿאַר'ן עסען. וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: פועלים, וועלכע טהוען אַרבייט ביי אַ בעל הבית, דאַרפֿען לייענען ק"ש און דאַווענען, און זיי מעגען עסען זייער ברויט אָהן אַ ברכה פֿאַרדעם 13), אָבער זיי דאַרפֿען נאָכדעם בענטשען צוויי ברכות 14). ווי אַזוי 15)? די ערשטע ברכה אַזוי ווי מען האָט זי מתקן געווען 16), די צווייטע ברכה הויבט מען אָן מיט דער „ברכת הארץ 17)" און מען שליעסט איין „בונה ירושלים" 18) אין דער „ברכת הארץ". דאָס איז אַלץ גערעדט, אַז זיי אַרבייטען פֿאַר שכירות, אויב זיי אַרבייטען אָבער פֿאַר'ן עסען, אָדער אַז דער בעל הבית עסט מיט זיי מיט, דאַרפֿען זיי בענטשען אַזוי ווי מען האָט מתקן געווען 19).

„אַ חתן איז פטור פֿון ק"ש".

די רבנן האָבען געלערנט: „ווען 20) דו זיצסט אין דיין הויז" (מיינט) אַחוץ דעם וואָס איז באַשעפֿטיגט מיט אַ מצוה, „און ווען דו געהסט אין וועג" (מיינט) אַחוץ אַ חתן. פֿון דאַנען האָבען זיי געזאָגט: דער וואָס האָט חתונה מיט אַ בתולה איז פטור און מיט אַן אלמנה איז מחויב.—ווי אַזוי איז דאָס גערדרונגען?—האָט רב פפא געזאָגט: פֿון „אין וועג"; אַזוי ווי אַ וועג איז פֿרייוויליג, אַזוי מוז דאָ אויך זיין פֿרייוויליג.—מיינט עס דען ניט, אַז אפילו ווען מען געהט אין אַ דבר מצוה, פֿונדעסטוועגען זאָגט די תורה, אַז מען זאָל לייענען?—אויב אַזוי, האָט די תורה געזאָלט זאָגען „ווען מען געהט", וואָס איז עפּעס „ווען דו געהסט"? איז דערפֿון גע־ דרונגען, אַז אין דיין געהן ביזטו מחויב, אָבער אויב וועגען אַ מצוה ביזטו פטור.—(ב') אויב אַזוי, טאָ וואָס איז גראָד „דער וואָס האָט חתונה מיט אַ בתולה"? זאָל דאָך אפילו דער וואָס האָט חתונה מיט אַן אלמנה אויך (פטור) זיין! דאָ איז ער טרוד, אָבער דאָרט איז ער ניט טרוד.—אויב צוליעב טרדה, טאָ זאָל דאָך אפילו דער וואָס זיין שיף איז אונטערגעגאַנגען אויף'ן ים אויך (פטור) זיין? טאָ פֿאַר וואָס האָט ר' אבא בר זבדא געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: אַן אבל איז מחויב צו אַלע מצות וואָס שטעהען אין דער תורה אַחוץ תפילין, ווייל זיי הייסען אַ ציערונג, ווי עס שטעהט געשרי־ בען: „דיין ציערונג זאָלסט אָנטהון אויף דיר א.א.וו."?—האָט מען געענטפֿערט: דאָרט איז עס אַ פֿרייוויליגע טרדה, אָבער דאָ איז עס אַ טרדה פֿון אַ מצוה.

משנה ד'.

ער 21) האָט זיך געבאָדען 22) די ערשטע נאַכט וואָ...
זיין פרוי איז געשטאָרבען 23); האָבען זיינע תלמידים צו...
איהם געזאָגט: רבי, דו האָסט דאָך אונז געלערנט, אַז...
אַן אבל טאָר זיך ניט באָדען! האָט ער זיי געענט־
פֿערט: איך בין ניט ווי אַנדערע מענשען, איך בין אַ...
שוועכלינג.—און אַז זיין שקלאַף טבי איז געשטאָרבען...
האָט ער זיך געלאָזט מנחם אבל זיין; האָבען זיינע...
תלמידים צו איהם געזאָגט: רבי, דו האָסט דאָך אונז...
געלערנט אַז מען לאָזט זיך ניט מנחם אבל זיין אויף...
שקלאַפֿען! האָט ער זיי געענטפֿערט: טבי מיין שקלאַף...
איז ניט געווען ווי די אַנדערע שקלאַפֿען, ער איז געווען...
אַן אדם כשר.—אַז אַ חתן וויל לייענען ק"ש די ערשטע...
נאַכט מעג ער לייענען. רבן שמעון בן גמליאל אָבער...
זאָגט: ניט יעדער וואָס וויל זיך נעהמען אַ נאָמען 24)...
מעג דאָס נעהמען.

גמרא.

וואָס איז דער טעם פֿון רבן גמליאל?—ווייל ער האַלט אַ...

פירוש.

1) „תוספתא" פ"ב, 2) ווייל דאָס נעהמט צופֿיעל צייט אַוועק...
3) זאָלען אַרבייטער זאָגען, טאָ פֿאַרוואָס שטעהט אין דער ציטירטע...
ברייתא גאַנץ שמונה עשרה? 4 און 12) וואו עס שטעהט אַז גאַנ...
שמונה עשרה, 5) וואָס זאָגט, אַז יעדער מענש מוז טעגליך זאָגען גאַנ...
שמונה עשרה, 6) וואו עס שטעהט אַז נאָר אַ רעזומע, 7) וואָס זאָגט, אַ...
עס איז גענוג אַז מען זאָגט יעדען טאָג אַ רעזומע פֿון שמונה עשרה...
זעה ווייטער כ"ח ב', 8) איז ניט מעהר מחויב צו זאָגען ווי דעם רע...
זומע, 9) ברייתות, 10) וואו עס שטעהט אַז זיי דאַרפֿען ניט מעהר זאָגען ווי...
אַ רעזומע, 11) אַחוץ עסען, טאָרען זיי ניט צופֿיעל צייט מבטל זיין...
13) ווייל דיזע ברכה איז ניט מדאורייתא, 14) ווייל ברכת המזון איז...
מן התורה, 15) בענטשען זיי, ד"ה וועלכע צוויי פֿון די פֿיער ברכות פֿ...
ברכת המזון? 16) ד"ה ברכת הזן („בָּאַ"י אֱמֶ"ה הַזָּן אֶת הָעוֹלָם כֻּלּוֹ א.א.וו.") א...
גאַנצען, 17) וואָס איז די צווייטע ברכה („נוֹדֶה לְּךָ ה' אֱלֹהֵינוּ עַל שֶׁהִנְחַלְ...
לַאֲבוֹתֵינוּ אֶרֶץ א.א.וו."), 18) וואָס איז די דריטע ברכה („רַחֵם ה' אֱלֹהֵינוּ ...
יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ א.א.וו."), די פֿערטע ברכה („בָּאַ"י אמ"ה הָא...
אָבִינוּ א.א.וו., הַמֶּלֶךְ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב א.א.וו.") זיינען זיי ניט מחויב צו זאָג...
ווייל זי איז נאָר מדרבנן (זעה „טוש"ע" א"ח סי' קצ"א), 19) ד"ה א...
גאַנצען, אם כן זעהען מיר דאָך אַז עס איז דאָ אַ חילוק צו מען אַרבי...
פֿאַר שכירות צו פֿאַר'ן עסען.

20) זעה זייטע 39, וואו דער גאַנצער מאמר ווערט איבערגעד...
מיט קליינע שינוים, און „פירוש" דאָרט פֿון נומ. 6 ביז 25.

21) רבן גמליאל, 22) אין וואַרעמען וואַסער (פי' המשניות להרמב"ם...
23) וועלכע מען האָט מקבר געווען נאָך בעפֿאָר עס איז געוואָרען נאַכ...
24) פֿון אַ שטרענג פֿרומען מענשען.—זעה די פֿריהערדיגע משנה א...
„פירוש" דאָרט, זייטע 58 נומ. 18.

ניט, וואו ער האָט דעם טעות געהאַט, איז אויב דאָס איז אין מיטען פֿון אַ פּרשה 1), זאָל ער נאָך אַמאָל אָנהויבען פֿון אָנפֿאַנג 2), אויב דאָס איז צווישען איין פּרשה און דער אַנדערער 3), זאָל ער נאָך אַמאָל אָנהויבען פֿון דער ערשטער פּרשה 4), אויב דאָס איז צווישען איין „וכתבתם" און דעם אַנדערן 5), זאָל ער נאָך אַמאָל אָנהויבען פֿון דעם ערשטען „וכתבתם". האָט איהם 6) ר' יוחנן געזאָגט: דאָס 7) איז אַלין נאָר גערעדט, אַז ער האָט נאָך ניט אָנגעהויבען „למען ירבו ימיכם", אויב אָבער ער האָט שוין אָנגעהויבען „למען ירבו ימיכם", איז ער מסתמא געגאַנגען נאָך זיין געוואָהנהייט 8). איז ער 9) (צוריק) געקומען און האָט דאָס זיי 10) געזאָגט: האָבען זיי איהם געזאָגט: אַז מיר וואָלטען נאָר געקומען דאָס אַליין צו הערען איז שוין גענוג פֿאַר אונז.

משנה ג'.

ארבייטער מענען לייענען 11) אויף דעם שפּיץ פֿון א בוים אדער אויף דעם שפּיץ פֿון א געביי־גע־שטעל 12); זיי טארען עס אבער ניט טהון מיט'ן דאַ־ווענען 13).—א חתן 14) איז פּטור פֿון ק"ש די ערשטע נאכט 15), און ביז שבת צו נאכט 16), אויב ער האט נאך גאר ניט געטהאן 17). עס האט אבער פּאסירט 18), אז רבן גמליאל האט חתונה געהאט, און האט די ערשטע נאכט געלייענט ק"ש; האבען זיינע תלמידים צו איהם געזאגט: רבי, דו האסט דאך אונז געלערנט, אז א חתן איז פּטור פֿון ק"ש! האט ער זיי געענטפֿערט: איך וועל אייך ניט הערען צו באפֿרייען זיך פֿון מלכות שמים אפילו איין שעה אויך ניט.

גמרא.

די רבנן האָבען געלערנט 19): „אַרבייטער מעגען לייענען 20) אויף דעם שפּיץ פֿון אַ בוים אָדער אויף דעם שפּיץ פֿון אַ געביי-געשטעל, און מעגען דאַווענען אויף דעם שפּיץ פֿון אַן אָליווענבוים אָדער אויף דעם שפּיץ פֿון אַ פֿייגענ-בוים 21), אָבער ביי אַנדערע בוימער מוזען זיי אַרונטערגעהן און דאַווענען; און דער בעל הבית מוז אויף יעדען פֿאַל אַרונטערגעהן און דאַווענען, ווייל ער קען דערביי ניט האָ-בען קיין קלאָרען געדאַנקען" 22). רב מרי, דער זוהן פֿון שמואל'ס טאָכטער 23), האָט געפֿרעגט רבא'ן: מיר האָבען געלערנט אין דער משנה: „אַרבייטער מעגען לייענען אויף דעם שפּיץ פֿון אַ בוים אָדער אויף דעם שפּיץ פֿון אַ געביי-געשטעל", באַוויזט עס דאָך, אַז עס פֿאָדערט זיך דערביי ניט קיין כונה, קען מען דאָך דערויף פֿרעגען פֿון דער ברייתא 24): „דער וואָס לייענט שמע דאַרף עס האָבען אין זינען, ווייל עס שטעהט געשריבען: „הער ישראל!" און ווייטער שטעהט 25): „פּאַס אויף און הער ישראל!", איז אַזוי ווי דאָרט איז 26) מיט איינפּאַסען, אַזוי דאַרף אויך דאָ זיין מיט אויפּפּאַסען" 27)!—האָט ער געשוויגען; נאָכהער האָט ער צו איהם געזאָגט: האָסטו עפּעס דעריבער געהערט? האָט ער איהם 28) געענטפֿערט: אַזוי האָט רב ששת געזאָגט: דאָס 29) איז נאָר אַז זיי הערען אויף צו אַרבייטען כדי צו לייענען 30).—עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ ברייתא: בית הלל זאָגען: זיי מעגען אָנגעהן מיט דער אַר-בייט און לייענען?—עס איז קיין קשיא ניט; דאָס 31) איז ביי דער ערשטער פּרשה 32) און יענעם 33) איז ביי דער צווייטער פּרשה.

פירוש.

„מגילה" (זעה „תוספות"). 1) ד"ה ער ווייס, אין וועלכער פּרשה דאָס איז געווען, אָבער ער ווייס ניט גענוי וואו. 2) פֿון יענער פּרשה. 3) ד"ה ער ווייס אַז ער האָט איין פּרשה געזאָגט, אָבער ער ווייס ניט צו דאָס איז נאָר געווען די ערשטע אָדער צי דאָס איז שוין געווען די צווייטע. 4) ד"ה פֿון ערשטען אָפּשטעל און אָנהויבען „והיה אם שמע" (לויט „רש"י" און „טוש"ע" א"ח סי' ס"ד), וואַהרשיינליך ווייל מיר נעהמען אָן אַז די ערשטע פּרשה האָט ער אודאי געזאָגט; אָדער פֿון „ואהבת" (לויט „רמב"ם" הל' ק"ש הל' י"ג און „סמ"ג" עשין י"ח). דער אונטערשיעד ליגט וואַהרשיינליך אין דעם וואָס רש"י פֿאַסט אויף דאָס וואָרט „פּרק" דאָ אין דער גמרא אַלס אָפּשטעל און דער רמב"ם אַלס פּרשה (זעה „כסף משנה" און „הגהות מיימוניות" דאָרט). 5) ד"ה ער ווייס, אַז ער איז שטעהן געבליבען ביי „וכתבתם", אָבער ווייס ניט, צי דאָס איז „וכתבתם" פֿון דער ערשטער פּרשה צי פֿון דער צווייטער. 6) דעם תנא. 7) אַז ער מוז צוריקגעהן צו דעם ערשטען „וכתבתם" (לויט „טור" און „סמ"ג" דאָרט). 8) און דאָס איז אודאי שוין דער צווייטער „וכתבתם" געווען. 9) ר' אלעזר. 10) ר' אמי און ר' אסי.—אין דעם מינכענער כתב יד ענדיגט זיך דיזער מאמר אַנדערש, און „נאָך געוואָהנהייט" שטעהט: האָט ער („ד"ה ר' אלעזר) געזאָגט: אַז איך וואָלט נאָר געקומען דאָס אַליין צו הערען איז שוין גענוג פֿאַר מיר".

11) ק"ש. 12) נִדְבָּךְ—אַ רישטאָוואַניע פֿון האָלץ וואָס מען מאַכט ווען מען בויט אַ הויז (זעה „פּי' המשניות להרמב"ם"). 13) ווייל ביים דאַ-ווענען דאַרף מען האָבען כונה, וואָס איז דאָ אונמעגליך, ווייל זיי דאַר-פֿען אַכטונג געבען, אַז זיי זאָלען ניט אַראָפּפֿאַלען. 14) וואָס נעהמט אַ בתולה. 15) זעה „פּירוש" זייטע 39 נומ. 8. 16) ד"ה ביז צום ערשטען שבת צו נאַכט נאָך דער חתונה. די חתונות פֿון בתולות פֿלעגען געוועהנליך זיין מיטוואָך (זעה „כתובות" פּ"א מ"א). 17) ד"ה אויב ער האָט נאָך ניט פֿאַרקעהרט געשלעכטליך מיט זיין פֿרוי. 18) דיזע געשיכטע קומט דאָ ניט סותר צו זיין וואָס עס שטעהט פֿריהער (זעה „פּירוש" זייטע 3 נומ. 9), נאָר צו זאָגען, אַז גרויסע מענער מעגען לייענען, אויב זיי ווילען (זעה „תוספות").

19) „תוספתא" פּ"ב. 20) ק"ש. 21) ווייל דיזע בוימער האָבען געדיכטע צווייגען און עס איז ביי זיי ניטאָ וואָס מורא צו האָבען טאָמער וועט מען אַראָפּפֿאַלען. 22) זייענדיג באַזאָרגט וועגען דער אַרבייט מעהר ווי די אַרבייטער. דאָס איז אָבער נאָר בנוגע צו דאַווענען, בנוגע צו ק"ש אָבער איז ניטאָ קיין חילוק צווישען אַרבייטער און בעל הבית („רשב"א"). 23) איהר נאָמען איז געווען רחל און זי איז געפֿאַנגען געוואָרען פֿון גוים און איז מעוברת געוואָרען פֿון איינעם פֿון זיי מיט'ן נאָמען איסור, וועל-כער האָט זיך מגיר געווען בעפֿאָר רב מרי איז געבאָרען געוואָרען, דערפֿאַר ווערט רב מרי קיינמאָל ניט אָנגערופֿען אויף זיין פֿאָטער'ס נאָמען, נאָר ענטוועדער אויף זיין מוטער'ס נאָמען (בר רחל) אָדער אויף זיין זיידען'ס נאָמען, ווי דאָ (בריה דבת שמואל), (זעה „כתובות" כ"ג א' און „בבא בתרא" קמ"ט א'). 24) „תוספתא" פּ"ב. זעה פֿריהער זייטע 49. 25) דברים כ"ז ט'. 26) „הער" פֿאַרבונדען. 27) טאָ פֿאַרוואָס זאָלען אַרבייטער מעגען לייענען אויף דעם שפּיץ פֿון בוים א.א.וו.? 28) רב מרי. 29) וואָס שטעהט אין אונזער משנה, אַז זיי מעגען לייענען. 30) ווייל דאַמאָלס קענען זיי האָבען כונה. 31) וואָס רב ששת האָט געזאָגט. 32) וואו עס פֿאָדערט זיך כונה. 33) וואָס בית הלל זאָגען.

זיך אַרומגאַרטלען מיט דיין באַרמהערציגקייט און עס זאָל קומען פֿאַר דיר די מדה פֿון דיין גוטסקייט און ענִיוּת.—אַז ר׳ זירא האָט געענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: זאָל עס זיין דיין רצון, אָ גאָט אונזער האַר, אַז מיר זאָלען ניט זינדיגען און מיר זאָלען ניט דאַרפֿען מבויש און פֿאַר-שעמט ווערען פֿאַר אונזערע עלטערן.—אַז ר׳ חייא האָט גע-ענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: זאָל עס זיין דיין רצון, אָ גאָט אונזער האַר, אַז דיין תורה זאָל זיין אונזער באַרוף און אונזער האַרץ זאָל ניט ווערה טהון און אונזערע אויגען זאָלען ניט פֿינסטער ווערען 1).—אַז רב האָט געענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי זאָגען: זאָל עס זיין דיין רצון 2), אָ גאָט אונזער האַר, אַז דו זאָלסט אונז געבען אַ לאַנג לעבען, אַ לעבען פֿון שלום, אַ לעבען פֿון גוטס, אַ לעבען פֿון ברכה, אַ לעבען פֿון פרנסה, אַ לעבען פֿון געזונטקייט און שטאַרקייט, אַ לעבען אין וועלכען עס איז דאָ די מורא פֿאַר זינד, אַ לעבען אין וועלכען עס איז ניטאָ קיין חרפה און קיין באַליידיגונג, אַ לעבען פֿון רייכקייט און פֿון כבוד, אַ לעבען אין וועלכען מיר זאָלען האָבען ליעבשאַפֿט צו דער תורה און גאָטספֿאַרכטיגקייט, אַ לעבען אין וועלכען דו זאָלסט ערפֿילען אַלע פֿאַרלאַנגען פֿון אונזער האַרץ צו גוטען.—אַז רבי האָט געענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: זאָל עס זיין דיין רצון 3), אָ גאָט אונזער האַר און דער האַר פֿון אונזערע עלטערן, אַז דו זאָלסט אונז מציל זיין פֿון עזות און עזות-פנימער, פֿון אַ שלעכטען מענשען און פֿון אַ שלעכטע באַגעגעניש, פֿון׳ם יצר הרע, פֿון אַ שלעכטען חבר און אַ שלעכטען שכן און פֿון דעם שטן דעם משחית, פֿון אַ שווע-רען משפט און פֿון אַ שווערען בעל דין, צי ער איז אַ איד צי ער איז ניט קיין איד. הגם בעאַמטע זיינען געשטאַנען פֿאַר רבי 4).—אַז רב ספרא האָט געענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: זאָל עס זיין דיין רצון, אָ גאָט אונזער האַר, אַז דו זאָלסט מאַכען שלום (י״ן א׳) אין דער פֿאַמיליע פֿון אויבען 5) און אין דער פֿאַמיליע פֿון אונטען 6) און צווישען די תלמידים וואָס געבען זיך אָפּ מיט דיין תורה, סאַי זיי לערנען דאָס לשמה סאַי זיי לערנען דאָס שלא לשמה, און די וואָס לערנען שלא לשמה זאָלען לערנען לשמה 7).—אַז ר׳ אלכסדרי האָט געענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: זאָל עס זיין דיין רצון, אָ גאָט אונזער האַר, אַז דו זאָלסט אונז שטעלען אין אַ ליכטיגען ווינקעל און דו זאָלסט אונז ניט שטעלען אין אַ פֿינסטערן ווינקעל, און אונזער האַרץ זאָל ניט ווערה טהון און אונזערע אויגען זאָלען ניט פֿינסטער ווערען.—עס זיינען דאָ וואָס זאָגען אַז דאָס פֿלעגט רב המנונא בעטען, און אַז ר׳ אלכסנדרי האָט געענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: האַר פֿון דער וועלט, עס איז אָפֿען און בעקאַנט צו דיר, אַז מיר ווילען טהון דיין רצון, אָבער וואָס האַלט אָפּ? די הייוועו פֿון טייג 8) און די קנעכטשאַפֿט פֿון די מלוכות. זאָל עס זיין דיין רצון, אַז דו זאָלסט אונז מציל זיין פֿון זייער האַנד, וועלען מיר זיך אומקעהרען צו טהון דיין ווילען מיט׳ן גאַנצען האַרצען.—אַז רבא האָט געענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: מיין גאָט 9), בעפֿאָר איך בין בעשאַפֿען געוואָרען, בין איך ניט געווען ווערט 10), און איצט אַז איך בין שוין בע-שאַפֿען געוואָרען, בין איך ווי בעפֿאָר איך בין בעשאַפֿען געוואָרען 11); שטויב בין איך לעבעדיגערהייד און אודאי און אודאי נאָך׳ן טויט, און איך שטעה פֿאַר דיר ווי אַ כלי פֿול מיט שאַנד און חרפה. זאָל עס זיין דיין ווילען, אָ גאָט מיין האַר, אַז איך זאָל ניט מעהר זינדיגען, און דאָס וואָס איך האָב געזינדיגט זאָלסטו אָפּמעקען דורך דיינע גרויסע רחמים אָבער ניט דורך יסורים און שלעכטע חולאתן 12). און דאָס איז געווען דער וידוי פֿון דעם קליינעם רב המנונא 13) אום יום כפור.—אַז מר דער זוהן פֿון רבינא פֿלעגט ענדיגען דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: מיין גאָט 14), היט מיין צונג פֿון שלעכטס און מיינע ליפּען פֿון רעדען פֿאַלשקייט, און די וואָס שעלטען מיך זאָל איך פֿאַרשווייגען, און מיין זעעלע זאָל זיין ווי שטויב פֿאַר אַלעמען 15). עפֿען מיין האַרץ פֿאַר דיין תורה, און איך זאָל זיך יאָגען נאָך דיינע מצות; און זיי מיך מציל פֿון אַ שלעכטע באַגעגעניש, פֿון דעם יצר הרע און פֿון אַ שלעכטע פֿרוי און פֿון אַלעס שלעכטס וואָס וויל זיך דורכדרענגען און אַריינקומען אין דער וועלט אַריין; און צערשטער גיך די פּלענער און מאַך צו נאַרניט די מחשבות פֿון אַלע די וואָס טראַכטען אויף מיר שלעכטס. „זאָלען די ווערטער פֿון מיין מויל און דער געדאַנק פֿון מיין האַרצען זיין געפֿעליג פֿאַר דיר, אָ גאָט, מיין פֿעלזען און מיין ערלייזער“ 16).—אַז רב ששת פֿלעגט פֿאַסטען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט דאַווענען: האַר פֿון דער וועלט 17), עס איז דיר בעקאַנט, אַז בשעת דער בית

פירוש.

1) פֿון פֿיעל לערנען. 2) דיזע תפלה, צו וועלכער עס זיינען צוגעזעצט געוואָרען די ווערטער: „שֶׁתְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ אֶת הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה“, ווערט איצט ביי די אשכנזים געזאָגט די שבתות וואָס מען בענטשט ראש חדש. פֿיעלייכט איז דער טעם וואָס אין איהר געפֿינט זיך עלף מאָל „חיים“ און אין אַ געוועהנליכען יאָהר ווערט עלף מאָל ראש חדש געבענטש. 3) דיזע תפלה איז אויפֿגענומען געוואָרען אין שחרית צווישען די ברכות השחר און די פרשה פֿון דער עקידה. 4) אַלס שוין און עהרען-גאַרדע און ער האָט ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבען, פֿונדעסטוועגען פֿלעגט ער אַזוי בעטען. 5) ווי רש״י ערקלערט, די שוץ-מלאכים וואָס יעדעס פֿאָלק האָט אין הימעל; וויל אַז זיי לעבען ניט בשלום ענטשטעהען אין דער וועלט בלוטיגע מלחמות. 6) די חכמים. 7) לִשְׁמָהּ הייסט ווען מען טהוט אַ מצוה צוליעבאיהר גופא, שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ ווען מען האָט דערביי זייטיגע פניות. 8) דער יצר הרע וואָס רייצט דעם גוף צו זינד ווי די הייוועו וואָס מאַכען די טייג אויפֿגעהן. 9) דיזע תפלה איז אויפֿגענומען געוואָרען אין דער שמונה עשרה פֿון יום כפור, צום סוף.—אין „יומא“ פ״ז ב׳, וואו דיזע תפלה געפֿינט זיך אויך, ווערט זי צוגעשריבען צו רב המנונא און נאָכהער קומט די באַמערקונג, אַז דאָס איז געווען דער וידוי פֿון רבא אַ גאַנץ יאָהר און פֿון דעם קליינעם רב המנונא אום יום כפור. (זעה „הגהות“ אין „דקדוקי סופרים“). 10) בע-שאַפֿען צו ווערען. 11) ד״ה האָב איך דאָס אויך ניט פֿאַרדיענט, אַזוי גוט ווי פֿריהער. 12) זעה זייטע 14. 13) אַ חבר פֿון ר׳ זירא. זעה אויך ווייטער ל״א א׳. דער צונאָמען איז צו אונטערשיידען איהם פֿון די אַנדערע אמוראים מיט׳ן גלייכען נאָמען. 14) דיזע תפלה ווערט איצט געזאָגט נאָך יעדער שמונה עשרה. (זעה „אבודרהם“ און „סדור רב עמרם“). 15) ד״ה פֿיהרען זיך מיט גרויס ענִיוּת. 16) תהלים י״ט ט״ו. 17) דיזע

די טרויער פֿון דער נאַכט 1) איז מדרבנן, וואָרום עס שטעהט געשריבען 2): „און איהר סוף וועט זיין ווי דער ביטערער טאָג“, און ביי אַ שוועכלינג האָבען די רבנן ניט גוזר געווען.

„און אז זיין שקלאַף טבי איז געשטאָרבען א.א.וו.“

די רבנן האָבען געלערנט: מען שטעלט זיך ניט אין אַ שורה 3) וועגען שקלאַפֿען און שקלאַפֿינען און מען זאָגט ניט וועגען זיי ניט די ברכה פֿון אבלים 4) און ניט די טרייסט-ווערטער פֿון אבלים 5).—עס האָט פּאַסירט, אַז אַ שקלאַפֿין פֿון ר׳ אליעזר איז געשטאָרבען, זיינען זיינע תלמידים אַריינגעקומען צו טרייסטען איהם. אַז ער האָט זיי געזעהן, איז ער אַרויפֿגעגאַנגען אין אייבערשטיבעל: זיינען זיי איהם נאָכגעגאַנגען, איז ער אַריין אין פֿאָר-זאַאַל; זיינען זיי איהם נאָכגעגאַנגען, איז ער אַריין אין עס-צימער: זיינען זיי איהם ווייטער נאָכגעגאַנגען. האָט ער צו זיי געזאָגט: איך האָב געמיינט, אַז מען קען אייך אָפּבריהען מיט לעבליכע וואַסער 6), איצט זעה איך אַז מען קען אייך ניט אָפּבריהען אפילו מיט זודיגע וואַסער. האָב איך אייך ניט געלערנט, אַז מען שטעלט זיך ניט אַ שורה וועגען שקלאַפֿען און שקלאַפֿינען און מען זאָגט ניט וועגען זיי ניט די ברכה פֿון אבלים און ניט די טרייסט ווערטער פֿון אבלים?! אָבער וואָס זאָגט מען יאָ וועגען זיי? אַזוי ווי מען זאָגט צו אַ מענשען וועגען זיין אָקס אָדער זיין עזעל וואָס זיינען געפֿאַלען: דער אויבערשטער זאָל דיר ממלא זיין דיין פֿערלוסט! אַזוי זאָגט מען צו איהם וועגען זיין שקלאַף אָדער שקלאַפֿין: דער אויבערשטער זאָל דיר ממלא זיין דיין פֿאַרלוסט!—אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט 7): מען איז ניט מספיד קיין שקלאַפֿען און שקלאַפֿינען. ר׳ יוסי אָבער זאָגט: אויב ער איז געווען אַן עהרליכער שקלאַף זאָגט מען אויף איהם: אוי סאַראַ גוטער און געטרייער מענש וואָס האָט געלעבט פֿון זיין האָראָוואַניע!—האָט מען צו איהם געזאָגט: אויב אַזוי, טאָ וואָס בלייבט שוין איבער (צו זאָגען) וועגען כשרים 8)?

די רבנן האָבען געלערנט: אבות רופֿט מען נאָר דריי 9) און אמהות רופֿט מען נאָר פֿיער 10). אבות פֿאַר וואָס 11)? זאָלען מיר זאָגען, ווייל מיר ווייסען ניט, צי מיר קומען אַרויס פֿון ראובן צי מיר קומען אַרויס פֿון שמעון?! ווייסען מיר דאָך ביי די אמהות אויך ניט, צי מיר קומען אַרויס פֿון רחל צי מיר קומען אַרויס פֿון לאה!—נאָר ביז אַהער זיינען זיי חשוב, ווייטער 12) זיינען זיי ניט מעהר חשוב.—אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט: שקלאַפֿען און שקלאַפֿינען רופֿט מען ניט „הערר זאָ און זאָ“ און „פֿרוי זאָ און זאָ“, אָבער רבן גמליאל׳ס 13) פֿלעגט מען יאָ רופֿען „הערר זאָ און זאָ“ און „פֿרוי זאָ און זאָ“.—איז דאָס 14) אַ „מעשה“ כדי סותר צו זיין 15)?—(ניין, נאָר) דערפֿאַר ווייל זיי זיינען געווען חשוב.

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט געשריבען 16): „אַזוי וועל איך דיך בענטשען אין מיין לעבען, ביי דיין נאָמען וועל איך אויפֿהויבען מיינע הענט“? „אַזוי וועל איך דיך בענטשען אין מיין לעבען“ מיינט ק״ש 17), „ביי דיין נאָמען וועל איך אויפֿהויבען מיינע הענט“ מיינט דאַווענען 18). און דער וואָס היט דאָס אָפּ, איהם מיינט דער פסוק 19): „מיין זעעלע זעטיגט זיך ווי מיט פֿעטס און מאַרך“; און אַחוץ דעם באַקומט ער נאָךביידע וועלטען, די וועלט און יענע וועלט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 20): „און מיט ליפּען פֿון געזאַנג לויבט מיין מויל“.

אַז ר׳ אלעזר 21) האָט געענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: זאָל עס זיין דיין רצון, אָ גאָט אונזער האַר, אַז אויף אונזער גורל זאָל פֿאַלען ליעבשאַפֿט און ברידערליכקייט און שלום און פֿריינדשאַפֿט און אַז דו זאָלסט אויסשפּרייטען אונזערע גרענעצען מיט (פֿיעל׳ תלמידים און דו זאָלסט מצליח זיין אונזער סוף דורך ערפֿאָלג און האָפֿנונג און זאָלסט אונז פֿלאַץ געבען אין גן עדן און אונז באַזאָרגען אין דיין וועלט מיט גוטע חברים און מיט אַ יצר טוב, און ווען מיר שטעהען אויף אין דער פֿריה זאָלען מיר געפֿינען, אַז אונזער האַרץ האָפֿט מורא צו האָבען פֿאַר דיין נאָמען, און זאָל פֿאַר דיר קומען אונזער זעעלענוואוינש צו גוטען.

אַז ר׳ יוחנן האָט געענדיגט דאַווענען, פֿלעגט ער אַזוי בעטען: זאָל עס זיין דיין רצון, אָ גאָט אונזער האַר, אַז דו זאָלסט אַ קוק טהון אויף אונזער חרפה און איינזעהן אונזערע צרות און דו זאָלסט אָנטהון דיין רחמנות און זיך באַדעקען מיט דיין גבורה און זיך אַרומנעהמען מיט דיינע חסדים און

פירוש.

1) נאָך דעם יום המיתה.—זעה „זבחים“ צ״ט ב׳. 2) עמוס ח׳ י׳.

3) אַז מען איז צוריקגעקומען פֿון בית הקברות, פֿלעגט מען מאַכען שורות פֿון ניט וועניגער פֿון צעהן מענשען אַרום דעם אבל און איהם טרייסטען. 4) זעה „כתובות“ ח׳ ב׳. אַז דער אבל איז צוריקגעקומען פֿון בית הקברות, פֿלעגט מען איהם אַריינשיקען אַ מאָלצייט און דערביי זאָגען די ברכת אבלים. 5) „הַמָּקוֹם יְנַחֵם אוֹתְךָ בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלָיִם“. 6) ד״ה אַז איהר וועט פֿאַרשטעהן פֿון ערשטען מאָל, אַז איך דרעה זיך פֿון אייך אַרויס. 7) תַּנְיָא אִידָךְ, אַן אויסדרוק וואָס ווערט געברויכט, ווען אַ נייע בריתא ווערט געבראַכט צו אונטערשטיצען די פֿריהערדיגע בריתא. 8) ד״ה וועגען עהרליכע מענשען וואָס זיינען ניט קיין שקלאַפֿען.

9) אברהם, יצחק און יעקב. 10) שרה, רבקה, רחל און לאה. 11) נאָר דריי און ניט אויך די שבטים. 12) ד״ה די שבטים און די אַנדערע צוויי פֿרויען פֿון יעקב, בלהה און זלפה, וואָס זיינען געווען שקלאַפֿינען פֿון רחל און לאה. 13) שקלאַפֿען און שיהלאַפֿינען. 14) וואָס ווערט דאָ דערצעהלט פֿון רבן גמליאל׳ס שקלאַפֿען. 15) דאָס וואָס שטעהט פֿאַר דעם אין דער בריתא.—זעה „פירוש“ צו דער פֿריהערדיגער משנה זייטע 58 נומ. 18, אויך „פירוש“ זייטע 3 נומ. 9.

16) תהלים ס״ג ה׳. 17) זעה בן זומא׳ס דרש אין דער משנה, זייטע 46. 18) דאָס אויפֿהויבע פֿון די הענט איז געוועהנליך אידענטיש מיט דאַווענען, זעה צב״ש ישעיה א׳ ט״ו. 19) דאָרט אין תהלים, דער פסוק גלייך נאָכדעם. 20) דאָרט, דער סוף פֿון פסוק. די ערשטע העלפֿט פֿון פסוק רעדט פֿון פֿעטס, אַלזאָ די-וועלטליכע גוטס, און די צווייטע העלפֿט פֿון ליובען גאָט, אַלזאָ יענע-וועלטליכע גוטס.

21) דיזער מאמר קומט דאָ, ווייל ער געהערט אויך, ווי דער פֿריהערדיגער, צו ר׳ אלעזר, און צוליעב איהם קומען שוין די אַנדער מאמרים וואָס זיינען עהנליך צו איהם („צל״ח“), און צוליעב זיי ווידער די רייהע פֿון קורצע מאמרים וואָס הויבען זיך אָן מיט: „... איז געווען געוועהנט צו זאָגען“ און „אַז די רבנן פֿלעגען פֿאַרלאָזען א.א.וו.“

אַז די רבנן 1) פֿלעגען פֿאַרלאָזען ר' אמי'ס, און אַנדערע זאָגען ר' חנינא'ס, ישיבה 2), פֿלעגען זיי אַזוי זאָגען 3): דו זאָלסט האָבען אַל-דאָס-גוטס אין דיין לעבען און דיין ענדע זאָל זיין דאָס לעבען פֿון עולם הבא און דיין האָפֿנונג אויף דורי דורות, דיין האַרץ זאָל דענקען פֿערשטאַנד און דיין מויל זאָל רעדען חכמה און דיין צונג זאָל אויסדריקען לויב-גע-זאַנגען, דיינע ברעמען זאָלען קוקען גלייך און דיינע אויגען זאָלען לייכטען מיט דעם גלאַנץ פֿון דער תורה און דיין פּנים זאָל שיינען מיט דעם שיין פֿון הימעל, דיינע ליפּען זאָלען אַרויסברענגען וויסענשאַפֿט און דיין גאַנצעס אינערעס זאָל זיך פֿרעהען מיט גערעכטיגקייט און דיינע טריט זאָלען זיך איילען צו הערען די ווערטער פֿון דעם וואָס לעבט אייביג. —אַז די רבנן פֿלעגען פֿאַרלאָזען רב חסדא'ס, און אַנדערע זאָגען ר' שמואל בר נחמני'ס, ישיבה, פֿלעגען זיי אַזוי זאָגען: „אונזערע לעהרער זיינען באַלאָדען; עס איז ניטאָ קיין אויס-ברוך און קיין אַרויסגאַנג און קיין ליאַרעם אין אונזערע גאַסען 4)". „אונזערע לעהרער זיינען באַלאָדען 5)" (ווערט ערקלערט פֿון) רב און שמואל, און אַנדערע זאָגען פֿון ר' יוחנן און ר' אלעזר; איינער זאָגט: „אונזערע לעהרער" אין דער תורה „זיינען באַלאָדען" מיט מצות, און דער אַנדע-רער זאָגט: „אונזערע לעהרער אין תורה און מצות „זיינען באַלאָדען" מיט יסורים, (ב') „עס איז ניטאָ קיין אויס-ברוך" (מיינט), אַז אונזער געזעלשאַפֿט זאָל ניט זיין ווי די געזעלשאַפֿט פֿון דוד, פֿון וועלכער עס איז אַרויסגע-קומען אחיתופל 6), „און קיין אַרויסגאַנג"—אַז אונזער געזעל-שאַפֿט זאָל ניט זיין ווי די געזעלשאַפֿט פֿון שאול, פֿון וועל-כען עס איז אַרויסגעקומען דואג האדומי 7), „און קיין ליאַ-רעם"—אַז אונזער געזעלשאַפֿט זאָל ניט זיין ווי די געזעל-שאַפֿט פֿון אלישע, פֿון וועלכער עס איז אַרויסגעקומען גיחזי 8), „אין אונזערע גאַסען"—אַז עס זאָל ביי אונז ניט זיין קיין זוהן אָדער אַ תלמיד וואָס לאָזט זיין געקעכטס פֿאַרברענען אין דער עפֿענטליכקייט 9).

„הערט 10) זיך צו צו מיר, איהר האַרט-הערציגע, וואָס זיינען וויט פֿון צדקה" (ווערט ערקלערט פֿון רב און שמואל, און אַנדערע זאָגען פֿון ר' יוחנן און ר' אלעזר 11); איינער זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט ערנעהרט צוליעב גערעכ-טיגקייט 12) און זיי 13) צוליעב (זייער) קראַפֿט 14, און דער אַנדערער זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט ערנעהרט צוליעב זייער 15) זכות און זיי אַליין ווערען אפילו צוליעב זייער אייגענעם זכות אויך ניט ערנעהרט, ווי דאָס וואָס רב יהודה האָט געזאָגט, [וואָרום רב יהודה האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט]: יעדען טאָג קומט אַרויס אַ בת קול פֿון דעם באַרג חורב 16) און זאָגט: די גאַנצע וועלט ווערט ערנעהרט צוליעב חנינא 17) מיין זוהן, און חנינא מיין זוהן קומט אויס מיט אַ קב 18) באָקסער 19) פֿון איין ערב שבת צום אַנדערן. דאָס 20) ווידער-שפּרעכט אָבער וואָס רב יהודה האָט געזאָגט; וואָרום רב יהודה האָט געזאָגט: ווער זיינען די „האַרטהערציגע"? דאָס זיינען די נאַרישע גובּאיער 21). רב יוסף האָט געזאָגט: אַ בעוויז האָסטו, אַז עס האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט איינער פֿון זיי מגייר געווען. רב אשי האָט געזאָגט: די איינוואָהנער פֿון מתא מחסיא 22) זיינען „האַרט-הערציגע", וואָרום זיי זעהען די שעהנקייט פֿון דער תורה צוויי מאָל אין יאָהר 23) און עס האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט איינער פֿון זיי מגייר געווען.

„אז א חתן וויל לייענען א.א.וו."

דאָס מיינט צו זאָגען, אַז רבן שמעון בן גמליאל באַ-טראַכט עס פֿאַר גאוה און די רבנן באַטראַכטען דאָס ניט פֿאַר גאוה 24).—מיר האָבען דאָך אָבער פֿאַרקעהרט פֿערשטאַ-נען! וואָרום מיר האָבען געלערנט אין אַ משנה 25): „דאָרט וואו מען איז זיך נוהג צו אַרבייטען אום תשעה באב מעג מען אַרבייטען און דאָרט וואו דער מנהג איז ניט צו אַרביי-טען טאָר מען ניט אַרבייטען, תלמידי חכמים אָבער זאָלען אין ערגעץ ניט אַרבייטען. רבן שמעון בן גמליאל אָבער זאָגט:

פ י ר ו ש.

1) וואָס האָבען דאָרט געלערנט. 2) כדי אומקעהרען זיך צוריק אַהיים. 3) איינער צום אַנדערן. 4) תהלים קמ"ד י"ד. 5) דאָ ווערט ערקלערט יואָס זיי האָבען געמיינט מיט דיזען פסוק. 6) וועלכער האָט געהאָלפֿען צו פֿאַרשטאַרקען דעם בונט וואָס איז אויסגעבראָכען געגען דוד דורך זיין זוהן אבשלום (זעה שמואל ב' ט"ו י"ב און י"ז א' וב'). 7) וואָס האָט פֿערמסרט פֿאַר שאול אַז די שטאָדט נוב איז פֿריינדליך צו דוד און האָט אויסגעהרגעט די דאָרטיגע כהנים (זעה שמואל א' כ"ב ט' און י"ח וי"ט). 8) וואָס האָט גענומען געלד פֿון נעמן דעם קאָמאַנדיר פֿון ארם, וועלכער איז געקומען צו אלישע היילען זיך פֿון זיין צרעת, און איז דערפֿאַר פֿון דעם נביא באַשטראָפֿט געוואָרען מיט צרעת. (זעה מלכים ב' ה' כ'—כ"ז), די מצורעים פֿלעגען מוזען שרייען: טמא, טמא! אַז זיי זיינען געגאַנגען אין גאַס, כדי מענשען זאָלען זיך היטען און ניט אָנשטעקען זיך פֿון זיי. 9) ד"ה וואָס טרעט עפֿענטליך אויף געגען די תורה.—אין די ערשטע ניט-צענזורירטע דרוקען שטעהט דאָ נאָך: „כגון ישו הנוצרי" (ווי יעזוס קריסטוס) וועלכעס פֿעהלט אין די היינטיגע גמרות.

10) ישעיה מ"ה י"ב. 11) דער טעם פֿאַרוואָס דיזער מאמר קומט דאָ, ווייל אין דעם פֿריהערדיגען איז אויך דאָ אַ דרש פֿון רב און שמואל און לויט אַנדערע פֿון ר' יוחנן און ר' אלעזר. 12) ד"ה צוליעב גאָט'ס גוטס-קייט, אָבער ניט ווייל די מענשען פֿאַרדיענען דאָס. 13) די צדיקים. 14) ד"ה צוליעב זייערע פֿאַרדיענסטען. 15) די צדיקים'ס. 16) דיזער מאמר קומט אויך פֿאָר אין „חולין" פ"ו א', וואו עס שטעהט ניט „פֿון דעם באַרג חורב", און אין „תענית" כ"ד ב', וואו רש"י זאָגט, אַז עס דאַרף ניט שטעהן. מיר דענקען אָבער, אַז עס מוז יאָ שטעהן, ווייל „מהר הורב" איז אַ רמז אויף די באָקסער (אין העברעאיש הָרוּב) מיט וואָס ר' חנינא פֿלעגט זיך שפּייזען. 17) ר' חנינא בן דוסא, אַ תלמיד פֿון ר' יוחנן בן זכאי, פֿון באַרוף אַ שטיינער העקער. 18) 4 לוג, זעה זייטע 51 נומ' 15. 19) די ביליגסטע פֿרוכט אין ארץ ישראל, וואו עס וואַקסט ווילד. 20) ד"ה דיזע ערקלערונג פֿון דעם אויבען דערמאָהנטען פסוק אין ישעיה. 21) די איינוואָהנער פֿון דער שטאָדט גובא אין סוריה, וועלכע, לויט „קדושין" ע' ב', זאָלען האָבען אָבגעשטאַמט פֿון די אַמאָ-ליגע גבעונים (זעה יהושע ט'). 22) אַ פֿאָרשטאָדט פֿון סורא. זעה „פירוש" זייטע 42 נומ' 11. 23) ווען אַסך אידען פֿלעגען צוזאַמען קומען אין סורא צו לערנען פֿון דעם דאָרטיגען ראש ישיבה, אין אדר, צוליעב די הלכות פֿון פסח, און אין אלול, צוליעב די הלכות פֿון סוכה.

24) וואָס אַ חתן לייענט ק"ש הגם ער איז פֿריי דערפֿון. 25) „פּסחים" נ"ד ב'.

המקדש האָט עקזיסטירט פֿלעגט אַ מענש ברענגען אַ קרבן אַז ער האָט געזינדיגט, פֿון וועלכען מען פֿלעגט נאָר מקריב זיין דאָס פֿעטס און דאָס בלוט, און דערמיט איז (די זינד) פֿאַרגעבען געוואָרען. איצט האַלט איך אין פֿאַסטען און מיין פֿעטס און בלוט איז דאַדורך פֿאַרמינדערט געוואָרען; זאָל עס זיין דיין רצון, אַז מיין פֿעטס און בלוט וואָס איז פֿאַרמינדערט געוואָרען זאָל באַטראַכט ווערען ווי איך וואָלט דאָס מקריב געווען פֿאַר דיר אויף׳ן מזבח און דו זאָלסט עס אָנ־נעהמען פֿון מיר.—אַז ר׳ יוחנן 1) פֿלעגט ענדיגען דעם ספר „איוב", פֿלעגט ער אַזוי זאָגען: דער סוף פֿון אַ מענשען איז צו שטאַרבען און דער סוף פֿון אַ בהמה איז די שחיטה און אויף אַלעמען ייאַרט דער טויט, אָבער וואויל איז דעם וואָס איז אויפֿגעבראַכט געוואָרען אויף תורה און האָראָוועט אין דער תורה און שטעלט צופֿרידען זיין באַ־שעפֿער און וואַקסט אויף מיט אַ גוטען נאָמען און פֿאַרלאָזט די וועלט מיט אַ גוטען נאָמען, און איהם האָט שלמה גע־מיינט ווען ער האָט געזאָגט 2): „אַ נאָמען איז בעסער פֿאַר גוטען בוימעל, און דער טאָג פֿון טויט פֿאַר׳ן טאָג פֿון גע־בורט".

ר׳ מאיר איז געווען געוועהנט צו זאָגען 3): לערן „מיט דיין גאַנצען האַרצען און מיט דיין גאַנצער זעעלע" 4) צו קענען מיינע וועגען און זיך באַפֿלייסיגען אין מיין תורה; היט מיין תורה אין דיין האַרץ און מיין מורא זאָל זיין פֿאַר דיינע אויגען; היט דיין מויל פֿון יעדער זינד און רייניג און הייליג זיך פֿון יעדער שולד און אונרעכט, וועל איך מיט דיר אומעטום זיין.—די רבנן פֿון יבנה זיינען געווען געוועהנט צו זאָגען: איך בין אַ באַשעפֿעניש און מיין חבר 5) איז אַ באַ־שעפֿעניש; מיין מלאכה איז אין שטאָדט און זיין מלאכה איז אויף׳ן פֿעלד; איך פֿעדער זיך צו מיין מלאכה און ער פֿע־דערט זיך צו זיין מלאכה; אַזוי ווי ער איבערנעהמט זיך ניט מיט זיין מלאכה, אַזוי איבערנעהם איך זיך ניט מיט מיין מלאכה; און טאָמער וועסטו זאָגען: איך טהו 6) דאָך אָבער אַסך און ער טהוט ווייניג, האָבען מיר דאָך געלערנט: „עס איז גאַנץ גלייך צי איינער 7) ברענגט פֿיעל צי איינער ברענגט ווייניג אַבי ער איז מכון זיין האַרץ צו גאָט".—אביי איז געווען געוועהנט צו זאָגען: אַ מענש זאָל האָבען שכל אין יראת שמים, „אַ ווייכער ענטפֿער שטילט איין כעס" 8), און זאָל לעבען אין גרויס שלום מיט זיינע ברידער און זיינע קרובים און מיט יעדען מענשען אפילו מיט אַ גוי (וואָס מען טרעפֿט) אין גאַס, כדי ער זאָל זיין באַליעבט אויבען און אָנגעזעהן אונטען און אָנגענומען ביי לייטען. מען פֿלעגט זאָגען פֿון רבן יוחנן בן זכאי, אַז עס האָט ביי איהם קיינמאָל ניט געטראָפֿען, אַז אַ מענש זאָל איהם פֿריהער גריסען, ניט אַמאָל אַ גוי אין גאַס. —רבא איז געווען געוועהנט צו זאָגען: דער צוועק פֿון חכמה איז תשובה און מעשים טובים, כדי אַ מענש זאָל ניט לערנען תנ״ך און משנה אַז ער זאָל נאָכהער זיך קענען אַוועקשטע־לען געגען זיין פֿאָטער און זיין מוטער און געגען זיין רבי און די וואָס זיינען גרעסער פֿאַר איהם אין חכמה און אין דער צאָהל 9), ווי עס שטעהט געשריבען 10): „דער עיקר פֿון חכמה איז גאָטספֿאָרכטיגקייט, אַ גוטער שכל צו אַלע וואָס טהוען עס"; עס שטעהט ניט „צו די וואָס טהוען" נאָר „צו די וואָס טהוען עס" 11), מיינט עס צו די וואָס טהוען לשמה און ניט צו די וואָס טהוען שלא לשמה, און די וואָס טהוען שלא לשמה וואָלט געווען גלייכער פֿאַר זיי אַז זיי וואָלטען גאָרניט גע־באָרען געוואָרען.—רב איז געווען געוועהנט צו זאָגען: [יענע וועלט איז ניט ווי די וועלט]; אין יענער וועלט איז נימאָ ניט קיין עסען און ניט קיין טרינקען און ניט קיין פּריה ורביה 12) און ניט קיין מסחר און ניט קיין קנאה שנאה און ניט קיין קאָנקורענציע, נאָר די צדיקים זיצען מיט זייערע קרוינען אויף זייערע קעפּ און האָבען הנאה פֿון דעם גלאַנץ פֿון דער שכינה, וואָרום עס שטעהט געשריבען 13): „און זיי האָבען געזעהען גאָט און זיי האָבען געגעסען און געטרונקען 14)".—די הבטחה וואָס דער קב״ה האָט צוגעזאָגט די פֿרויען איז גרעסער פֿון דאָס וואָס ער האָט צוגעזאָגט די מענער, וואָרום עס שטעהט געשרי־בען 15): „רוהיגע פֿרויען שטעהט אויף און הערט מיין קול, זיכערע טעכטער פֿאַרנעהמט וואָס איך זאָג". רב האָט גע־זאָגט צו ר׳ חייא: מיט וואָס האָבען דאָס די פֿרויען זוכה געווען? דערמיט וואָס זיי מאַכען, אַז זייערע קינדער זאָלען לערנען תנ״ך אין דער שוהל און אַז זייערע מענער זאָלען לערנען משנה ביי די רבנן און וואָס זיי וואַרטען אויף זייערע מענער ביז זיי קומען צוריק פֿון די רבנן.

פירוש.

תפלה ווערט איצט געוועהנליך געזאָגט אין תעניתים צום סוף פֿון דע[...] שמונה עשרה פֿון מנחה פֿאַר „יהיו לרצון אמרי פי א.א.וו.". 1) אַן אַנדע[...] גירסא איז: „ר׳ יוחנן האָט געזאָגט, אַז ווען ר׳ מאיר פֿלעגט ענדיגע[...] א.א.וו.". דיזע גירסא שיינט ריכטיגער צו זיין, ווייל דאַדורך ערקלערט זי[...] בעסער, פֿאַרוואָס עס קומט דאָ באַלד די רייהע פֿון מאמרים וועלכ[...] פֿאַנגען זיך אָן מיט: „...איז געווען געוועהנט צו זאָגען", פֿון וועלכ[...] דער ערשטער געהערט צו ר׳ מאיר („צל״ח"). 2) קהלת ז׳ א׳. טוֹב שֵׁ[...] מִשֶּׁמֶן טוֹב א.א.וו. דאָ ליעגט אַ וואָרט־שפּיעל: שֵׁם (נאָמען) שֶׁמֶן (בוימעל) אויך איז „טוב שם" אויפֿצופּאַסען אַזוי ווי עס וואָלט געשטאַנען „שם טוב"

3) מַרְגְּלָא בְּפוּמֵיהּ דְ..., פֿון הֶרְגֵּל—געוואָהנהייט. עס איז דאָ אַ מיינונג[...] אַז „מרגלא" מיינט אַ פּערל, ווי מַרְגָּלִית, נאַטירליך אין אַ פיגוראַטיווע[...] זין, ד״ה אַ וואַהל־שפּרוך. 4) וואָס שטעהט אין ק״ש, אַז עס מיינט[...] 5) דער פּויער וואָס האָט קיין צייט ניט צו לערנען תורה אַזוי פֿיעל ו[...] איך. 6) ד״ה איך לערן. 7) דער וואָס איז מקריב אַ קרבן.—זעה זייט[...] 15. 8) משלי ט״ו א׳. 9) פֿון יאָהרען. 10) תהלים קי״א א׳. 11) אַן אַנדע[...] גירסא, וועלכע שיינט ריכטיגער צו זיין און מעהר אין צוזאַמענהאַנג מיט[...] אינהאַלט (זי געפֿינט זיך אויך אין דעם מינכענער כתב יד), איז: „ע[...] שטעהט ניט „צו די וואָס לערנען עס" נאָר „צו די וואָס טהוען עס"[...] 12) געשלעכטליכער פֿאַרקעהר. 13) שמות כ״ד י״א. 14) ד״ה דאָס זעה[...] גאָט איז ביי זיי (די זיבעציג זקנים וואָס זיינען אַרויף מיט משה א[...] אהרן אויף׳ן הר סיני) געווען ווי זיי וואָלטען געגעסען און געטרונקע[...] באַווייזט עס, אַז דאָרט וואו מען זעהט די שכינה איז ניטאָ קיין עסען א[...] טרינקען. 15) ישעיה ל״ב ט׳. דער נביא ווענדט זיך דאָרט צוויי מאָל צ[...] די פֿרויען און ניט צו די מענער, און גיט זיי די הבטחה אַז זיי מעגע[...] זיין רוהיג אין זיכער.

און בענטשען און ער איז מחויב 1) צו אַלע מצות וואָס שטעהען אין דער תורה. רבן שמעון בן גמליאל 2) זאָגט: אַז ער איז מחויב צו דיזע 3), איז ער (אודאי) מחייב צו אַלע 4)! האָט ר' יוחנן געזאָגט: וואו ליעגט דאָ אַן אונטערשיעד צווישען זיי 5)? דער געשלעכטליכער פאַרקעהר איז דער אינטערשיעד צווישען זיי 6)." יעדענפאַלס שטעהט דאָך אין דער בריתא, אַז „ער 7) איז פטור פון ק"ש און פון תפלה און פון תפילין און פון אַלע מצות וואָס שטעהען אין דער תורה" 8)?! — האָט רב פפא געזאָגט: מען ערקלערט, אַז דאָס 9) (באַציהט זיך) אויף דעם וואָס קעהרט זיך אום מיט'ן פנים און עסט 10). רב אשי אָבער זאָגט: ווי באַלד עס ליעגט אויף איהם צו באַגראָבען איהם, איז דאָס ווי ער וואָלט געלעגען פאַר איהם 11); וואָרום עס שטעהט געשריבען 12): „און אברהם איז אויפגעשטאַנען פאַר זיין מת 13)" און ווייטער שטעהט 14): „און איך וועל באַגראָבען מיין מת פאַר מיר" 15).—הייסט עס אַלזאָ 16), אַז אויב עס איז זיין מת איז יאָ 17), אייב אָבער ער בעיאַכט איהם נאָר 18) איז ניט; עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ בריתא: דער וואָס בעוואַכט אַ מת, הגם עס איז ניט זיין מת, איז פטור פון ק"ש און פון תפילין און פון אַלע מצות וואָס שטע-הען אין דער תורה?—אַז ער בעוואַכט איהם, הגם עס איז ניט זיין מת, און אַז עס איז זיין מת, הגם ער בעוואַכט איהם ניט 19).—הייסט עס, אַז עס איז זיין מת אָדער אַז ער בעוואַכט איהם איז יאָ, אָבער אַז מען געהט אויף אַ בית הקברות איז ניט; עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ בריתא: אַ מענש זאָל ניט געהן אויף אַ בית הקברות מיט תפילין אויף'ן קאָפּ אָדער מיט אַ ספר תורה אויף'ן אָרעם און לייענען 20), און ווער עס טהוט דאָס, איז עובר אויף דאָס וואָס שטעהט 21): „דער וואָס פאַרשפּאָט דעם אָרעמאַן 22) לעסטערט זיין באַ־שעפער"?!—דאָרט 23) טאָר מען ניט נאָר אינערהאַלב די ד'אמות 24), אָבער אויסערהאַלב די ד'אמות איז מען מחויב; וואָרום דער רבי האָט געזאָגט 25): „אַ מת איז תופס ד'אמות בנוגע צו ק"ש", אָבער דאָ 26) איז מען אפילו חוץ די ד'אמות אויך פטור.—עס שטעהט פריהער 27): „דער וואָס בעוואַכט אַ מת, הגם עס איז ניט זיין מת, איז פטור פון ק"ש און פון תפלה און פון תפילין און פון אַלע מצות וואָס שטעהען אין דער תורה". אויב דאָס זיינען צוויי, בעוואַכט איינער און דער אַנ-דערער לייענט. בן עזאי זאָגט: אויב זיי פיהרען איהם-אויף אַ שיף, לעגען זיי איהם אַוועק אין איין עק און זיי ביידע דאַווענען אין דעם אַנדערן עק.—וואו ליעגט דאָ אַן אינטער־שיעד צווישען זיי 28)? האָט רבינא געזאָגט: דער אונטערשיעד

פירוש.

אַ ברכה טאָר ער ניט ענטפערן. 1) אין „מועד קטן" שטעהט „צו ק"ש און צו תפלה און צו תפילין און צו אַלע מצות א.א.וו.", און אַזוי אויך אין „אלפס" דאָ, וואו עס פעהלט אָבער מיט רעכט „און צו תפילין", ווייל ביי שבת איז דאָך ניט שייך קיין תפילין. 2) אַזוי אויך אין „ירושלמי": אין „מועד קטן" און אין „שמחות" (און אַזוי אויך אין „דקדוקי סופרים") אָבער שטעהט „רבן גמליאל". 3) צו ק"ש א.א.וו. (רש"י דאָרט אין „מועד קטן'). 4) מצות.ס) 5) ד"ה אייגענטליך איז דאָך דאָס וואָס רבן שמעון בן גמליאל זאָגט גענוי דאָסזעלבע וואָס דער ערשטער תנא זאָגט, טא פאַר-וואָס דריקט ער דאָס אַנדערש אויס? 6) וואָס לויט דעם ערשטען תנא איז דאָס ניט ערלויבט אפיל שבת און נאָך רבן שמעון בן גמליאל איז דאָס יאָ ערלויבט, לויט ר' יוסף הלוי איז דאָס נאָך דעם ערשטען תנא אַ חוב און נאָך רבן שמעון בן גמליאל אַ רשות (זעה [illegible]). 7) [illegible] אבל וואָס עסט אין אַן אַנדער הויז, אַלזאָ וואָס זיין מת ליעגט ניט פאַר איהם. 8) איז דאָך דער פון אַ קשיא אויף דאָס וואָס מיר [illegible] משנה, אַז אויב דער מת ליעגט ניט פאַר איהם [illegible] שטעהט אין דער בריתא, אַז ער איז פטור א.א.וו. [illegible] האָט ניט קיין אַנדער הויז און מוז אַריין עסען פאַר'ן מת [illegible] האָט אַן אַנדער הויז און דער מת ליעגט [illegible] ניט פאַר איהם [illegible] ער טאַקע ניט פטור [illegible] 11) [illegible] דאָס וואָס שטעהט אין דער בריתא אַז ער איז פטור [illegible] אויף דעם אבל וואָס איז ניט אין איין הויז מיט זיין מת, און מען דאַרף ניט אַרויסנעהמען פון דער משנה, אַז עס איז דאָ אַ חלוק צווישען זיין אין איין אָרט מיט'ן מת אָדער זיין אין אַנדער אָרט (און עס איז דערפאַר קיין קשיא ניט פון דער בריתא אויף דער משנה) [illegible] אונזער משנה האָט ניט די [illegible] פיגוראַטיווע [illegible] 12) [illegible] 13) און איז אַוועק פון זיין מת [illegible] אַ קבר פאַר שרה. 14) דאָרט פסוק ד'. 15) [illegible] הגם ער איז געווען אַוועק פון זיין מת, פונדעסטוועגען רופט ער דאָס „פאַר מיר", צוליעב דעם וואָס עס איז אויף איהם געלעגען דער חוב זי צו מקבר זיין. 16) דאָ הויבט זיך אָן אַ נייער דיוק אויף די רייד פון דער משנה, נאָך'ן „צל"ה", איז דאָס אַ קשיא אויף רב פפא, וואָרום אַז ער איז צו-זאַמען מיט'ן מת, מכתמא בעוואַכט ער איהם. 17) [illegible] 18) אין איז בעטם נאָר אַ [illegible] 19) [illegible] אין עס איז דערפאַר קיין קשיא ניט פון דער בריתא. 20) [illegible] 21) [illegible] י"ז ה'. 22) [illegible] דיזער אויסדרוק קומט [illegible] בעניג אויף טהון עפּעס אין דער געגענוואַרט פון [illegible] ניט טהון, באַזונדערס אין באַצוג אויף מתים. 23) [illegible] טאָר מען ניט לייענען ק"ש. 24) פיער איילען [illegible] 25) [illegible] אליעזר בן יעקב אין „סוכה" מ"ג ב'. 26) ביי דעם [illegible] אַ מת אָדער וואָס איז מחויב איהם מקבר צו זיין. 27) [illegible] אַן אויסדרוק וואָס ווערט געברויכט אין דער גמרא, ווען אַ מאמר וואָס איז פריהער נאָר אגב אורחא דערמאָהנט געוואָרען ווערט נאָך אַמאָל ציטירט כדי [illegible] ניט איהם [illegible] נאָך ציטירט דער [illegible] וואָס איז פריהער ניט געבראַכט געוואָרען. 28) ד"ה בן עזאי זאָגט דאָך עפּעס וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון דאָס

ס) מיט וואס רבן שמעון בן גמליאל'ס [illegible]
תנא זאגט איז א סווערע פראגע אבער [illegible]
אבער די פראגע ווערט לייכט פארענטפערט, ווען מען פרעגט [illegible]
אין אפשטאג פון פ"ג אין „ברכות", וואו דיזעלבע ברייתא ווערט מיט [illegible]
פעהלט נעמליך און „צו ק"ש אי צו תפלה און צו תפילין", אזוי ווי דא [illegible]
צו אלע מצות וואס שטעהען אין דער תורה". דערפאר איז רעכט וואס רבן [illegible]
„אז ער איז מחויב צו דיזע (ד"ה צו „המוציא" און „ברכת [illegible]") איז ער אודאי [illegible]
[illegible]
און וואס ר' יוחנן איז מדיק, אז דער אונטערשיעד צווישען ערשטען תנא און רשב"ג איז [illegible]
המטה. לויט דער גירסא פון „מועד קטן" באניהט זיך רשב"ג'ס „אז ער איז [illegible]
ק"ש א.א.וו., ווי רש"י ערקלערט דארט. אבער לויט דעם נוסח פון אונזער גמרא דא איז דאס
מעהר רבותא.

אז אין אנהויב פון דער ברייתא, ביי וואכען-[illegible]
אין דער תורה" איבערפליסיג, איז קלאר דערפון וואס [illegible]
משנה וועלכע איז ענהליך צו דער ברייתא האט עס [illegible]
יונה", וואו עס ווערט באמערקט: „כך היא [illegible]
עס זעהט אויס, אז צוליב דעם וואס א קאפיטעל האט אין דער רישא פון דער ברייתא אריינגעבראכט
„ופטור מק"ש ומן התפלה ומן התפילין ומכל מצות האמורות בתורה" איז שוין אין [illegible]
אריינגעקומען „וחיב בק"ש ובתפלה ובתפילין ובכל המצות האמורות בתורה", הגם עס איז געווען
קלאר פון רשב"ג'ס רייד אז דאס [illegible]

יעדער מענש זאָל זיך תמיד האַלטען פאַר אַ תלמיד חכם" 1). איז דאָך אַ קשיא פון די רבנן אויף די רבנן און אַ קשיא פון רבן שמעון בן גמליאל אויף רבן שמעון בן גמליאל! האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: מען דאַרף די מיינונג פאַרבייטען 2). רב שישא דער זוהן פון רב אידי האָט געזאָגט: מען דאַרף גאָר ניט פאַרבייטען: פון די רבנן אויף די רבנן איז קיין קשיא ניט, ווייל ק"ש לייענען דאָך אַלע, איז אַז ער לייענט אויך זעהט עס ניט אויס ווי גאוה; פון רבן שמעון בן גמליאל אויף רבן שמעון בן גמליאל ווידער איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָ העננגט עס דאָך אָפּ פון כונה און עס איז דאָך קלאָר אַז ער קען דאַמאָלס קיין כונה ניט האָבען, אָבער דאָרט ווערט מיינען דער וואָס זעהט איהם אַז דאָס איז ווייל ער האָט קיין מלאכה ניט; [געה און זעה], קנאַפּ לייזיג געהערם זיינגען דאָ אין גאָס!

* * * * * * * *

פרק ג.

משנה א׳.

דער וואָס זיין מת 3) ליעגט פאר איהם איז פטור פון ק"ש און פון תפלה און פון תפילין און פון אלע מצות וואָס שטעהען אין דער תורה 4). די וואָס טראָגען די מטה און די וואָס בייטען זיך אָפּ מיט זיי און די וואָס בייטען זיך נאכהער אָפּ נאָך זיי 5). סאַי די וואָס געפינען זיך פאר דער מטה 6) סאַי די וואָס געפינען זיך נאָך דער מטה 7), איז די וואָס זיינגען נויטיג פאר דער מטה זיינגען פטור, אבער די וואָס זיינגען ניט נויטיג פאר דער מטה זיינגען מחויב 8); סאַי די סאַי יענע זיינגען אבער פטור פון תפלה 9). אז מען האָט באגראָבען דעם מת און מען געהט שוין צוריק, איז אויב מען קען אנהויבען און ענדיגען 10) בעפאָר מען קומט צו דער שורה 11) זאָל מען אנהויבען, און אויב ניט זאָל מען ניט אנהויבען. פון די וואָס שטעהען שוין אין דער שורה זיינגען די אינעווייניגסטע פטור און די אויסענווייניגסטע 12) זיינגען מחויב.

גמרא.

הייסט עס אַז ער 13) ליעגט פאַר איהם איז ער יאָ 14), און אַז ער ליעגט פאַר איהם ניט 15) איז ניט, קען מען דאָך דערויף פרעגען פון דער ברייתא 16): „דער וואָס זיין מת ליעגט פאַר איהם, זאָל עסען אין אַן אַנדער הויז, און אויב ער האָט ניט קיין אַנדער הויז, זאָל ער עסען אין זיין חבר'ס הויז, און אויב ער האָט ניט ביי וועמען צו עסען, זאָל ער מאַכען אַ מחיצה 17) און עסען, און אויב ער האָט ניט מיט וואָס צו מאַכען אַ מחיצה, זאָל ער זיך אומדרעהען מיט'ן פּנים און עסען, אָבער ער טאָר ניט עסען אָנגעשפּאַרטערהייד 18) און טאָר ניט עסען קיין פלייש און ניט טרינקען קיין וויין און טאָר 19) ניט מאַכען קיין ברכה 20) און ניט בענטשען (י"ח א׳) און מען טאָר ניט מאַכען קיין ברכה און ניט בענטשען פאַר איהם 21) און ער איז פטור פון ק"ש און פון תפלה און פון תפילין און פון אַלע מצות וואָס שטעהען אין דער תורה; אָבער שבת מעג ער יאָ עסען אָנגעשפּאַרטערהייד און מעג עסען פלייש און טרינקען וויין און דאַרף מאַכען אַ ברכה און בענטשען און מען מעג פאַר איהם מאַכען אַ ברכה

פירוש.

1) און זאָל דערפאַר ניט אַרבייטען תשעה באב. 2) ד"ה אָנשטאָט „רבן שמעון בן גמליאל אָבער זאָגט", וואָס שטעהט אין דער משנה, דאַרף שטעהן „די רבנן אָבער זאָגען", וועט שוין ניט זיין קיין קשיא פון די רבנן אויף די רבנן א.א.וו.

3) ד"ה אַ מת וועלכען ער איז מחויב מקבר צו זיין. 4) ווייל ער איז טרוד מיט דער קבורה וואָס איז אַ מצוה, און דער וואָס איז באַשעפ־טיגט מיט אַ מצוה איז פטור פון אַלע אַנדערע מצות.—עס איז אייגענט־ליך ניט נויטיג צו זאָגען אַז ער איז פטור פון תפלה, ווייל אויב מען איז פטור פון ק"ש און תפילין וואָס זיינגען מדאורייתא איז מען דאָך אודאי שוין פטור פון תפלה, נאָר עס ווערט דערמאָהנט צוליעב די וואָס טראָגען די מטה וואָס ביי זיי איז דאָ אַ חלוק. 5) זיינגען אויך פטור.— די מטה ווערט געטראָגען פון די וואָס געהען צו דער לויה און יעדערער טראָגט אַביסעל. 6) און האָבען נאָך ניט געטראָגען. 7) און האָבען שוין יאָ געטראָגען. 8) אֵת שֶׁלְּמִטָּה צֹרֶךְ בָּהֶם פְּטוּרִים וְאֵת שֶׁאֵין לַמִּטָּה צֹרֶךְ בָּהֶם חַיָּבִים; אַזוי לויט „תוספות" און רמב"ם („פי׳ המשניות") און אלפס און רא"ש און אין דער משנה אין „ירושלמי" און אין „מתניתא דתלמודא דבני מערבא" פון לו און אין דעם מינכענער כתב יד א.א.וו. לויט רש"י אָבער „אֵת שֶׁלִּפְנֵי הַמִּטָּה צֹרֶךְ בָּהֶם פְּטוּרִים וְאֵת שֶׁלְּאַחַר הַמִּטָּה צֹרֶךְ בָּהֶם חַיָּבִים" (ווי עס שטעהט אויך אין די מייסטע גמרות), ד"ה אַז די וואָס געפינען זיך פאַר דער מטה און דאַרפען נאָך טראָגען זיינגען פטור, אָבער די וואָס געפינען זיך נאָך דער מטה זיינגען מחויב אפילו אַז זיי זיינגען נויטיג, ווייל זיי האָבען שוין געטראָגען. 9) ווייל דאָס איז ניט מדאורייתא (רש"י), אָדער ווייל שמונה עשרה מוז מען זאָגען שטעהענדיג אויף אַן אָרט (רבינו יונה). 10) ק"ש. 11) זעה „פירוש" זייטע 60 נומ. 3. 12) ד"ה אויב די „שורה" באַשטעהט פון צוויי אָדער מעהר רייהען.—די אינעווייניגסטע זעהען די אבלים מעהר, דערפאַר זיינגען זיי מעהר טרוד מיט דעם נחום אבלים.

13) דער מת. 14) איז ער יאָ פטור פון ק"ש א.א.וו. 15) ד"ה אַז ער ליעגט אין אַן אַנדער אָרט. 16) „מועד קטן" כ"ג ב׳ און „שמחות" פ"י. 17) אַ ווענטעל צווישען איהם און דעם מת, ווייל אַז מען עסט פאַר'ן מת, וואָס קען דאָך ניט עסען, זעהט עס אויס ווי מען וואָלט פון איהם חוזק געמאַכט. 18) אויף דער לינקער זייט, ווי עס איז דאַמאָלס געווען די מאָדע אין די העכערע געזעלשאַפטס-קלאַסען און ווי מיר עסען אין די סדר נעכט. 19) לויט דעם „ירושלמי" (זעה „תוספות" דאָ און אין „מועד קטן" און רא"ש דא׳ אויך „מרדכי" און „סמ"ג" און „טור"; לויט רש"י „דאַרף", וואָס איז אָבער ניט באַרעכטיגט, ווי מען קען זעהן פון דער שקלא וטריא פון דער גמרא און פון דאָס וואָס שטעהט פאַר דעם וועגען עסען פלייש און טרינקען וויין וואָס איז דאָך ניט קיין חיובo). 20) „המוציא". לויט רש"י אין אלפס „בענטשען", וואָס איז וואַהרשיינליך אַ טעות, ווי מען קען זעהן פון דעם ווייטערדיגען זאַץ אין רש"י אין דער גמרא. 21) ד"ה איהם מוציא זיין דאַדורך וואָס אַן אַנדער מאַכט „המוציא" און ער ענטפערט „אמן" אָדער וואָס מען איז איהם מצרף צו אַ מזומן ביים בענטשען (רש"י; זעה אָבער „תוספות" דאָרט אין „מועד קטן"). לויט דעם „ירושלמי" אָבער מיינט עס, אַז ווען ער מאַכט אַ ברכה א.א.וו. טאָרען אַנדערע ניט ענטפערן „אמן", און, פאַרקעהרט, אַז אַנדערע מאַכען

---

o) דערפאַר האָבען מיר איבערזעצט ביי שבת „און מעג עסען פלייש א.א.וו. און דאַרף מאַכען אַ ברכה א.א.וו." (זעה אויך „רבינו יונה" ד"ה „ובשבת").

ווינטערדיגען טאָג. „און די מתים ווייסען גאָר ניט" 1), דאָס מיינט די רשעים וואָס אפילו בעת זיי לעבען נאָך הייסען זיי שוין טויטע, ווי עס שטעהט געשריבען 2): „און דו גע־הרגעטער רשע, דער פירשט פון די אידען!" ; און אַז מען וויל קען מען זאָגען פון דאַנען 3): „דורך צוויי עדות אָדער דריי זאָל דער טויטער געטוידט ווערען", ער לעבט דאָך נאָך?! נאָר ער איז שוין טויט פון פריהער 4).

ר' חייא'ס זיהן זיינען אַרויסגעצויגען אין אַ דאָרף און האָבען פאַרגעסען 5) וואָס זיי האָבען געלערנט און האָבען זיך געמוטשעט צו דערמאָהנען זיך. האָט זיך איינער אָפּגערופען צום אַנדערען: איך בין נייגיעריג צו וויסען, צי אונזער פאָטער ווייס פון אונזער צער! האָט דער אַנדערער געענטפערט: פון וואַנען זאָל ער וויסען? עס שטעהט דאָך געשריבען 6): זיינע קינדער איז שווער און ער ווייס ניט"! רופט זיך יע־נער אָפּ: עס שטעהט דאָך אָבער 7): „נאָר זיין לייב טהוט איהם וועה און זיין זעעלע טרויערט אין איהם", און ר' יצחק האָט דאָך געזאָגט 8): „די ווערים טהוען וועה דעם מת ווי אַ נאָדעל אַ לעבעדיגען לייב" 9)?—מען קען זאָגען: זייערע אייגענע יסורים שפירען זיי, אָבער פרעמדע יסורים שפירען זיי ניט.—עס קען דאָך ניט זיין, וואָרום מיר האָבען דאָך געלערנט אין אַ בריתא 10): „עס איז געווען אַ מעשה מיט אַ חסיד 11) וואָס האָט געגעבען אַן אָרעמאַן אַ דינר 12) אום ערב ראש השנה אין אַ הונגער־יאָהר, האָט איהם זיין פרוי געערגערט, איז ער אַוועק און האָט גענעכטיגט אויף'ן בית עלמין. האָט ער געהערט ווי צוויי רוחות 13) אונטערהאַלטען זיך און איינע רופט זיך אָפּ צו דער אַנדערער: חבר'טע, קום לאָמיר אַרומפליהען אין דער וועלט און הערען הינטער דעם פאָרהאַנג 14), וואָס פאַר אַ פורעניות עס געהען קומען אויף דער וועלט! האָט די אַנדערע געענטפערט: איך קען ניט, ווייל איך בין באַ־גראָבען אין אַ מאַטע פון ראָהר 15); געה דו אַליין, און וואָס דו וועסט הערען וועסטו מיר דערצעהלען. איז זי אַוועק און האָט אַרומגעשוועבט און איז נאָכהער צוריקגעקומען. האָט זי די אַנדערע געפרעגט: חבר'טע, וואָס האָסטו געהערט הינטער דעם פאָרהאַנג? רופט זי זיך אָפּ: איך האָב געהערט, אַז דער וואָס וועט זייען פאַר דעם ערשטען פריה־רעגען 16) וועט דער האָגעל דאָס צערשלאָגען. איז ער געגאַנגען און האָט געזייעט פאַר דעם צווייטען פריה־רעגען. איז ביי אַלע־מען צערשלאָגען געוואָרען און ביי איהם איז ניט צערשלאָ־גען געוואָרען. דעם אַנדערען יאָהר איז ער ווידער געגאַנ־גען און האָט גענעכטיגט אויף'ן בית הקברות. האָט ער ווידער געהערט ווי דיזעלבע צוויי רוחות אונטערהאַלטען זיך און איינע זאָגט צו דער אַנדערער: קום לאָמיר אַרומשוועבען אין דער וועלט און הערען הינטער דעם פאָרהאַנג, וואָס פאַר אַ פורעניות עס געהען קומען אויף דער וועלט! ענט־פערט זי איהר: חבר'טע איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז איך קען ניט, ווייל איך בין באַגראָבען אין אַ מאַטע פון ראָהר; געה דו אַליין און וואָס דו וועסט הערען קום און דערצעהל מיר. איז זי אַוועק און האָט אַרומגעשוועבט און איז נאָכהער צו־ריקגעקומען. האָט די אַנדערע זי געפרעגט: חבר'טע, וואָס האָסטו געהערט הינטער דעם פאָרהאַנג? ענטפערט זי: איך האָב געהערט, אַז דער וואָס וועט זייען פאַר דעם צווייטען פריה־רעגען ־וועט דער בראַנד דאָס צערשלאָגען 17). איז ער געגאַנגען און האָט געזייעט פאַר דעם ערשטען פריה־רעגען. איז ביי אַלעמען פאַרברענט געוואָרען, און ביי איהם איז ניט פאַרברענט געוואָרען. האָט זיין פרוי איהם געפרעגט: פאַר־וואָס איז פאַראַיאָהרען ביי אַלעמען צערשלאָגען געוואָרען און ביי דיר איז ניט צערשלאָגען געוואָרען און היי־יאָהר איז ביי אַלעמען פאַרברענט געוואָרען און ביי דיר איז ניט פאַרברענט געוואָרען? האָט ער איהר אַלץ אויסגעזאָגט. דערצעהלט מען, אַז אין עטליכע טעג נאָכדעם האָט זיך די פרוי פון דעם חסיד צוקריעגט מיט דער מוטער פון יענער מיידעל און האָט איהר געזאָגט: קום וועל איך דיר ווייזען, אַז דיין טאָכטער ליעגט באַגראָבען אין אַ מאַטע פון ראָהר. אויף'ן דריטען יאָהר איז ער ווידער געגאַנגען און האָט גענעכטיגט אויף'ן בית הקברות און האָט ווידער געהערט, ווי דיזעלבע רוחות אונטערהאַל־טען זיך און איינע רופט זיך אָפּ צו דער אַנדערער: חבר'טע,

פירוש.

שווער ווי הרגענען אַ לייב.—נאָך „תוספות" איז „אין מיטען פון אַ גרוב" אַ רמז אויף „ויקרא" (דער „ספרא" בעהאַנדעלט „ויקרא") וואָס איז דער דריטער, אַלזאָ דער מיטעלסטער ספר פון חומש. 1) ר' חייא זעצט דאָ פאָרט זיין ערקלערונג פון דעם פסוק אין קהלת. 2) יחזקאל כ"א ל', דער נביא זאָגט עס צו דעם קעניג צדקיהו. 3) דברים י"ז ו'. 4) ד"ה פון דעם מאָמענט אָן וואָס ער האָט בעגאַנגען דעם פאַרברעכען פאַר וועלכען ער ווערט פאַרמישפּט צום טויט. דער דיוק איז ווייל עס שטעהט הַמֵּת (דער טויטער) און ניט הַמּוּמָת (וואָס דאַרף געהרגעט ווערען). אין „ירושלמי" ווערט דאָסזעלבע געדרשנט פון דעם פסוק: „וואָרום איך וויל ניט אַז דער טויטער זאָל שטאַרבען", איז יחזקאל י"ח ל"ב, וואָס איז ריכטיגער, ווייל אין פסוק כ"ג דאָרט שטעהט: „טהו איך דען וועלען אַז דער רשע זאָל שטאַרבען?"

5) אין אונזערע גמרות שטעהט „ואייקר" (און עס איז שווער געוואָרען), מיר האָבען אָבער איבערזעצט נאָך דעם מיגבענער כתב יד, וואו עס שטעהט „ואתעקר מיניהו". 6) איוב י"ד כ"א. דאָרט האַנדעלט זיך וועגען געשטאָרבע־נע, און דער פשט פון „יִכְבְּדוּ" איז—עס ווערען געעהרט, גאָר אַזוי ווי עס שטעהט ניט יִכְבְּדוּ, ווי עס האָט געזאָלט שטעהן, טייטשט ער עס איז שווער. 7) דאָרט פסוק כ"ב. 8) „שבת" י"ג ב' און אַנדערע ערטער. 9) באַווייזט עס דאָך, אַז זיי שפירען און ווייסען אַלץ. 10) „אבות דרבי נתן" פ"ג. 11) אין „בבא קמא" ק"ג ב' און „תמורה" ט"ו ב' ווערט ערקלערט, אַז ווי עס שטעהט מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד איז דאָרטיגער געמיינט ענטוועדער ר' יהודה בן בבא, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, אָדער ר' יהודה בר' אילעי, אַ תלמיד פון ר' טרפון און ר' עקיבא. 12) אַ רוימישע מטבע וואָס פלעגט געמאַכט ווערען אי פון זילבער אי פון גאָלד און האָט געהאַט פאַרשיעדענע ווערטען. 13) נשמות פון מתים, דאָ פון צוויי מיידליך. 14) ד"ה דעם הימעל, וואו גאָט זיצט און משפט אום ראש השנה די וועלט. 15) פאַסט עס ניט צו ווייזען זיך אין דער וועלט אין אַזוינע אָרימע תכריכים ווי אַ ראָגאָזשע פון טשעראָט. 16) אין ארץ ישראל קומען די רע־גענס אין אַ באַשטימטער צייט און מען ריכט זיך נאָך זיי אין פאַרזייען די תבואות. עס זיינען דאָ דריי פריה־רעגענס; דער ערשטער פאַלט אין דער וואָך וואָס הויבט זיך אָן מיט'ן 17טען חשון, דער צווייטער אין דער וואָך וואָס הויבט זיך אָן מיט'ן 23סטען חשון און דער דריטער אין דער וואָך פון ראש חדש כסלו אָן. 17) דער בראַנד שעדיגט געוועהנליך די

צווישען זיי ליעגט אין (דער פֿראַגע צו) מיר האָבען מורא פֿאַר מייז 1); איינער 2) האַלט, אַז מיר האָבען יאָ מורא 3), און דער אַנדערער 4) האַלט, אַז מיר האָבען ניט קיין מורא 5).

די רבנן האָבען געלערנט 6): „אַז איינער פֿיהרט ביינער 7) פֿון איין אָרט אין דעם אַנדערן, זאָל ער זיי ניט אַריינטהון אין אַ דאָפּעל-זאַק 8) און אַרויפֿלעגען אויף'ן עזעל און רייטען אויף איהם 9), ווייל דאָס וואָלט געווען אַ בזיון פֿאַר זיי; אויב ער האָט אָבער מורא פֿאַר גוים אָדער פֿאַר גזלנים 10), מעג ער יאָ. און דאָס וואָס עס ווערט דאָ געזאָגט וועגען ביינער איז אויך געזאָגט בנוגע צו אַ ספר תורה". אויף וואָס באַציהט זיך דאָס? זאָלען מיר זאָגען, אַז אויף דעם אָנהויב 11), איז עס דאָך זעלבסטפֿאַרשטענדליך, וואָרום מיט וואָס זאָל אַ ספר תורה ערגער זיין פֿאַר ביינער? אלא (אודאי באַציהט זיך דאָס) אויף דעם סיף 12).

רחבה האָט געזאָגט אַז ר' יהודה האָט געזאָגט: דער וואָס זעהט אַ מת און געהט ניט צו זיין לויה איז עובר אויף „דער וואָס פֿאַרשפּאָט דעם אָרעמאַן 13) לעסטערט זיין באַשעפֿער". און וואָס איז זיין שכר אויב ער געהט יאָ צו זיין לויה? האָט ר' אסי געזאָגט: וועגען איהם זאָגט דער פסוק 14): „דער וואָס האָט רחמנות אויף'ן אָרעמאַן איז ווי ער וואָלט פֿאַרליהען עפּעס צו גאָט" 15), „און עס פֿאַרעהרט איהם 16) דער וואָס האָט רחמנות אויף'ן אביון".

ר' חייא און ר' יוחנן האָבען זיך אונטערהאַלטען אויף אַ בית הקברות, איז ביי ר' יונתן אַ ציצית אַראָפּגעפֿאַלען; האָט ר' חייא צו איהם געזאָגט: הויב עס אויף, כדי זיי 17) זאָלען ניט זאָגען: מאָרגען קומען זיי צו אונז 18) און היינט פֿאַרשעמען זיי אונז 19). רופֿט ער זיך אָפּ צו איהם: ווי אַזוי ווייסען זיי דאָס? עס שטעהט דאָך געשריבען 20): „און די מתים ווייסען גאָרניט"! האָט ער איהם געענטפֿערט: אויב דו האָסט געלערנט האָסטו ניט איבערגעחזרט, און אויב דו האָסט איבערגעחזרט, האָסטו ניט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט און אויב דו האָסט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט האָט מען דיר ניט גוט ערקלערט 21): „וואָרום די לעבעדיגע ווייסען אַז זיי וועלען שטאַרבען" דאָס מיינט די צדיקים וואָס אפילו אַז זיי זיינען שוין טויט הייסען זיי לעבעדיגע 22), וואָרום עס שטעהט געשריבען 23): „און בניהו בן יהוידע, דער זוהן פֿון אַ לעבעדיגען מענשען מיט פֿיעל מעשים, פֿון קבצאל, ער האָט דערשלאָגען די צוויי געוואַלטיגע לייבען פֿון מואב און ער איז אַרונטערגעגאַנגען און האָט דערשלאָגען אַ לייב אין מיטען פֿון אַ גרוב אין אַ טאָג פֿון אַ שניי-שטורעם", (ב') „דער זוהן פֿון אַ לעבעדיגען מענשען"! זיינען דען אַלע מענשען קינדער פֿון מתים? נאָר „דער זוהן פֿון אַ לעבעדיגען מענשען" 24) מיינט: פֿון איינעם וואָס אפילו נאָך זיין טויט הייסט ער אַ לעבעדיגער, „מיט פֿ י ע ל מ ע ש י ם, פֿון ק ב צ א ל" (מיינט): וואָס האָט פֿ אַ ר פֿ י ע ל פֿ אַ כ ט און ג ע ז אַ מ ע ל ט די אַ ר ב י י ט ע ר ס פֿאַר דער ת ו ר ה 25), „און ער האָט דערשלאָגען די צוויי לייבען פֿון מואב" (מיינט): וואָס האָט ניט איבערגעלאָזען זיין גלייכען ניט (אין דער צייט) פֿון ערשטען בית המקדש און ניט אין דער צייט פֿון צווייטען בית המקדש 26), „און ער איז אַרונטערגעגאַנגען און האָט דערשלאָגען אַ לייב אין מיטען פֿון אַ גרוב אין אַ טאָג פֿון אַ שניי-שטורעם" זאָגען איינינע אַז (דאָס מיינט, אַז) ער האָט דורכגעבראָכען דעם אייז און איז אַרונטערגעגאַנגען און האָט זיך טובל געווען 27), און אַנדערע זאָגען, אַז ער האָט געלערנט דעם ספר פֿון רב'ס ישיבה 28) אין אַ

פ י ר ו ש.

וואָס דער ערשטער תנא זאָגט און ער איז דאָך אויף איהם גאָרניט מחולק, טאָ פֿאַרוואָס שטעהט: „בן עזאי אָבער זאָגט"? 1) ד"ה טאָמער וועלען די מייז עסען דעם מת, 2) דער ערשטער תנא, 3) דערפֿאַר זאָגט ער אַז „איינער בעוואַכט און דער אַנדערער לייענט א.א.וו.", אפילו אַז דאָס איז אויף אַ שיף. 4) בן עזאי. 5) דערפֿאַר זאָגט ער, אַז „זיי לעגען איהם אַוועק אין איין עק א.א.וו.'

6) „שמחות פ' י"ג. 7) פֿון אַ מת, אָדער איבערהויפּט אַ מת. 8) אַ לאַנגער זאַק וואָס מען פֿיהרט אין איהם משא און מען לעגט עס אויף אַן עזעל אַזוי אַז עס הענגט אַראָפּ פֿון ביידע זייטען. 9) אויף'ן עזעל; אַזוי לויט אלפס און רמב"ם. אין אונזערע גמרות אָבער שטעהט „אויף זיי" ד"ה אויף די ביינער, וואָס איז בלי ספק אַ טעות. 10) און ווייל רייטען אויף'ן עזעל כדי ער זאָל גיכער אַוועק. 11) פֿון דער בריתא, ד"ה אַז מען טאָר ניט אַריינטהון אין אַ זאַק א.א.וו. 12) ד"ה אַז אויב מען האָט מורא פֿאַר גוים אָדער פֿאַר גזלנים מעג מען דאָס יאָ טהון.

13) זעה „פירוש" זייטע 65 נומ' 22.—דיזער און די ווייטערדיגע מאמרים קומען דאָ, ווייל עס האַנדעלט זיך אין זיי מכח מתים, הגם דאָס האָט ניט צו טהון מיט ק"ש. 14) משלי י"ט י"ז. 15) דער גרעסטער אָרעמאַן איז דער מת, און אַז מען טהוט איהם אַ טובה איז ווי מען וואָלט האָבען אַ חוב ביי גאָט וואָס איז זיכער צו באַצאָהלען פֿאַר דעם מת וועלכער קען ניט מעהר אָפּטהון קיין טובה. דער דרש איז געבויט אויף דאָס וואָרט „מַלְוֵה" (ער פֿאַרלייהט) וועלכעס ווערט קאָררינירט אין מְלַוֵּה (ער באַגלייט). 16) גאָט,—דאָס איז אַן אַנדער פסוק אין משלי, י"ד ל"א. אין דעם מינכענער כתב יד פֿעהלט דיזער פסוק מיט רעכט, ווייל דער דרש ווערט נאָר פֿון דעם פֿריהערדיגען פסוק גענומען.

17) די מתים. 18) ד"ה וועלען זיי אויך שטאַרבען. 19) דערמיט וואָס זיי ווייזען אונז ציצית פֿון וועלכע מיר זיינען פטור. 20) קהלת ט' ה'. 21) וואָס מיינט, דאָס וואָס שטעהט פֿאַרדעם אין דעמזעלבען פסוק. 22) דער דרש איז געבויט דערויף, וואָס אַז דער פסוק זאָל מיינען ווי דער איינפֿאַכער פשט איז, וועט עס דאָך קלינגען זעהר באַנאַל אָדער אפיקורסיש, אלא מסתמא מיינט עס אַז די לעבעדיגע ד"ה די צדיקים ווייסען אַז זיי וועלען שטאַרבען, דערפֿאַר זיינען זיי זיך מכין פֿאַר יענער וועלט, אָבער די טויטע ד"ה די רשעים מאַכען זיך אַזוי ווי זיי וואָלטען דאָס גאָרניט געוואוסט. 23) שמואל ב' כ"ג כ'. 24) דער איינפֿאַכער פשט איז—אַ לעבהאַפֿטער טיכטיגער מענש, באמת דאַרף דאָרט שטעהן חַיִל (קראַפֿט) און ניט חַי, ווי עס שטעהט טאַקע אין דברי הימים א' י"א כ"ב, וואו דערזעלבער פסוק קומט פֿאָר. 25) ד"ה האָט פֿאַרשפּרייט תורה און געהאַט פֿיעל תלמידים. „רַב פְּעָלִים מִקַּבְצְאֵל" ווערט געדרשנט: רַב פּ י ע ל, פְּעָלִים (מעשים) ווי עס וואָלט געשטאַנען פּוֹעֲלִים—אַ ר ב י י ט ע ר, מִקַּבְצְאֵל ווי עס וואָלט געשטאַנען מְקַבֵּץ אֵל—ער זאַמעלט פֿאַר גאָט, ד"ה פֿאַר דער ת ו ר ה. 26) „דערשלאָגען" ווערט דאָ אויפֿגעפֿאַסט אין דעם זין פֿון א י ב ע ר ט ר עפֿ ע ן, אַ ר י ב ע ר ש ט י י ג ע ן; „די צוויי געוואַלטיגע לייבען פֿון מואב" באַציהט זיך אויף'ן ערשטען און צווייטען בית (זעה ישעיה כ"ט א': „הוֹי אֲרִיאֵל אֲרִיאֵל"), וואָס זיינען געשטאַנען אויף'ן פּלאַץ וואָס דוד וועלכער שטאַמט (דורך רות) פֿון מ ו א ב האָט אויסגעוועהלט. 27) כדי ער זאָל קענען לערנען תורה ריינערהייד. 28) „ספרא", וואָס איז דער שווערסטער ספר, אַזוי ווי אַ לייב איז די שטאַרקסטע חיה („תוספות"). זעה „פירוש" זייטע 41 נומ' 6.—ביידע זאַכען זיינען אַזוי

אַ רינגע פֿון אַ דאַך און האָט איהם צערשפּאָלטען דעם מוח.— אַ תלמיד חכם איז אַנדערש, ווייל דער קב"ה נעהמט זיך אָן פֿאַר זיין כבוד.

ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: ווער עס רעדט שלעכטס פֿון געשטאָרבענע תלמידי חכמים פֿאַלט אַריין אין גיהנם, וואָרום עס שטעהט געשריבען 1): „און די וואָס פֿאַרבייגען זייערע קרומע וועגען וועט זיי גאָט פֿיהרען מיט די וואָס טהוען אונ־רעכט. שלום איף אידען", אפילו בשעת עס איז „שלום אויף אידען", „וועט זיי גאָט פֿיהרען מיט די וואָס טהוען אונרעכט"2). אין ר' ישמעאל'ס ישיבה האָט מען געלערנט: אויב דו זעהסט אַז אַ תלמיד חכם האָט געטהאָן אַן עבירה ביינאַכט זאָלסטו ניט נאָכקלערען 3) וועגען איהם בייטאָג, טאָמער האָט ער 4) תשובה געטהאָן, ווי פֿאַלט דיר איין אַז טאָמער? ער האָט אודאי תשובה געטהאָן 5)! דאָס איז אָבער נאָר גערעדט 6) אין זאַכען וואָס זיינען שייך צום גוף, אָבער אין געלד זאַכען איז כל זמן ער האָט עס ניט אָפּגעגעבען דעם וואָס קומט.

ווייטער האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט: אין פֿיער און צוואַנציג ערטער (ווערט דערמאָהנט אַז) בית דין מעגען אַריינלעגען אין חרם צוליעב דעם כבוד פֿון אַ רב; און מיר האָבען זיי אַלע געלערנט אין אונזער משנה. האָט איהם ר' אלעזר געפֿרעגט: וואו? האָט ער איהם געענטפֿערט: דו מעגסט זוכען! איז ער געגאַנגען און האָט געזוכט און האָט געפֿונען דריי: דער וואָס נעהמט לייכט נטילת ידים 7), דער וואָס רעדט שלעכטס פֿון געשטאָרבענע תלמידי חכמים און דער וואָס שטעלט אַסך אויף זיך געגען דעם אויבערשטען. וואָס איז „דער וואָס רעדט שלעכטס פֿון געשטאָרבענע תלמידי חכמים"? דאָס וואָס מיר האָבען געלערנט 8): „ער 9) פֿלעגט אַזוי זאָגען: מען גיט ניט טרינקען 10) ניט אַ גיורת און ניט אַ באַפֿרייטע שקלאַפֿין 11), און די חכמים פֿלעגען זאָגען: מען גיט יאָ טרינקען. האָבען זיי איהם געזאָגט: עס איז דאָך געווען אַ מעשה מיט כרכמית, אַ באַפֿרייטע שקלאַפֿין אין ירושלים, וואָס שמעיה און אבטליון 12) האָבען איהר געגעבען טרינקען. האָט ער זיי געענטפֿערט: איהר גלייבען 13) האָבען איהר געגעבען טרינקען. האָבען זיי איהם מחרים געווען, און אַזוי ווי ער איז געשטאָרבען זייענדיג אין חרם האָבען בית דין געשטיינינגט זיין ארון". און וואָס איז „דער וואָס נעהמט לייכט נטילת ידים"? דאָס וואָס מיר האָבען געלערנט 14): „ר' יהודה האָט געזאָגט: חס ושלום אַז מען זאָל האָבען עקיבא בן מהללאל מחרים געווען, וואָרום די עזרה 15) האָט קיינמאָל ניט ענטהאַלטען אַ אידען וואָס זאָל קומען צו עקיבא בן מהללאל אין חכמה און רייניקייט 16) און מורא פֿאַר זינד; נאָר וועמען האָט מען מחרים געווען? אלעזר בן חנוך וואָס האָט ניט געהאַלטען קיין סך פֿון נטילת ידים, און אַז ער איז געשטאָרבען, האָט בית דין געשיקט אַז מען זאָל אַוועקלעגען אַ גרויסען שטיין אויף זיין ארון, כדי צו לערנען אונז, אַז אויב איינער איז מוחרם געוואָרען און ער איז געשטאָרבען זייענדיג אין חרם שטיינינגען בית דין זיין ארון". און וואָס איז „דער וואָס שטעלט אַסך אויף זיך געגען דעם אויבערשטען"? דאָס וואָס מיר האָבען געלערנט 17): „שמעון בן שטח 18) האָט געשיקט (זאָגען) צו חוני המעגל: דו פֿאַרדיענסט מוחרם צו ווערען און אַז דו וואָלסט ניט געווען חוני וואָלט איך דיך אַריינגעלעגט אין חרם, אָבער וואָס זאָל איך טהון, אַז דו פעשעצעסט זיך פֿאַר גאָט און ער טהוט וואָס דו ווילסט, ווי אַ קינד

פּירוש.

1) תהלים קכ"ה ה', יַחְשִׁים עֲלַלְקִם א.א.וו. דער פשט איז: און די וואָס געהען אין קרומע וועגען, אָבער אַזוי ווי אין דעם פסוק פֿאַר דעם ווערט גערעדט פֿון „גוטע" און „גערעכטיגע", דרשנט ער, אַז דאָס מיינט די וואָס פֿאַרקרימען די וועגען פֿון צדיקים און רעדען פֿון זיי שלעכטס. דאָ ליעגט פֿיליכט אויך אַ וואָרט־שפּיעל: וְהַמַּטִּים (די וואָס פֿאַרבייגען) —לְסַפֵּר אַחַר מִטָּתוֹ (רעדען שלעכטס פֿון אַ טויטען). 2) אין דעם מינכענער כתב יד פֿעהלט פֿון „שלום" ביז אַהער, און מיט רעכט, ווייל עס האָט באמת גאָר קיין שייכות ניט מיט דעם דרש דאָ. 3) קיין שלעכטס. 4) דערווייל. 5) ד"ה עס דאַרף וועגען דעם גאָר קיין ספק ניט זיין. 6) אַז מען טאָר ניט נאָכקלערען א.א.וו.

7) וואַשען זיך פֿאַר'ן עסען. 8) „עדיות" פ"ה מ"ו. 9) עקביא בן מהללאל. 10) דאָס ביטערע וואַסער וואָס מען פֿלעגט געבען טרינקען אַ סוטה. זעה „פירוש" זייטע 57 נומ' 11. 11) ווייל אין דער פרשה פֿון סוטה שטעהט „בני ישראל" מיינט עס די וואָס זיינען אידען דורך זייער אָפּשטאַמונג, און עס שליעסט אויס די וואָס זיינען געוואָרען אידען. 12) שמעיה איז געווען דער ראש פֿון די סנהדרין און אבטליון דער וויצע־פּרעזידענט אין דער צייט פֿון דעם קעניג הורדוס. 13) דּוּגְמָא, ד"ה ווייל זיי זיינען געווען גלייך צו איהר (אין „גיטין" נ"ז ב' ווערט דערצעהלט אַז שמעיה און אבטליון זאָלען האָבען אָפּגעשטאַמט פֿון סנחריב דעם קעניג פֿון אשור.—זעה אָבער וועגען דעם גרעץ'ס „געשיכטע דער יודען" באַנד 3.—עס איז אויך מעגליך אַז די שקלאַפֿין האָט געהייסען כרכמית, ווייל זי איז געווען פֿון דער שטאָדט כרכמיש אין אשור), ד"ה אויך ניט קיין אויטאָבטאָגנע אידין, דערפֿאַר האָבען זיי איהר געגעבען טרינקען כדי צו ווייזען דעמאָנסטראַטיוו אַז עס איז ניטאָ קיין אונטערשיעד צווישען אידען און גרים. אַזוי לויט רש"י און „ירושלמי" „מועד קטן" פ"ג. לויט דעם „ערוך" אָבער (און נאָמען פֿון רב האי גאון; זעה „תוספות") מיינט דוגמא עפּעס וואָס איז עהנליך, ד"ה זיי האָבען איהר ניט געגעבען קיין ריכטיגע מים המאררים נאָר עפּעס וואָס האָט אַזוי אויסגעזעהן, כדי צו וואַרפֿען אויף איהר אַ מורא און דאַדורך דערגעהן צו דער חשד איז אַן אמת'ער. מיר האָבען אָבער פֿאָרגעצויגען רש"י'ס ערקלערונג, ווייל דאָ ליעגט מעהר גרונד, פֿאַר וואָס מען האָט איהם געיאָ'לט מחרים זיין. דער „רמב"ם" און דער „ראב"ד" אין „עדיות" דאָרט ברענגען ביידע ערקלערונגען, דער „רמב"ם" זייענדיג מעהר גוטה צו דער ערקלערונג פֿון „ערוך" און דער „ראב"ד" צו רש"י'ס ערקלערונג. 14) דאָרט אין „עדיות". 15) עֲזָרָה, דער הויף פֿון בית המקדש, וואו גרויסע מאַסען פֿון אידען פֿלעגען צוזאַמענקומען פסח, שבועות און סוכות. 16) הייליגקייט. 17) „תענית" י"ט א', עס ווערט דאָרט דערצעהלט, אַז עס איז איינמאָל געווען אַ טרוקען יאָהר, האָבען די אידען געבעטען חוני, וואָס איז געווען בעקאַנט פֿאַר א גרויסען צדיק, אַז ער זאָל תפלה טהון פֿאַר זיי. האָט חוני געמאַכט אַ קרייז (דערפֿאַר האָט ער באַקומען דעם צונאָמען הַמְעַגֵּל—דער קרייז מאַכער) אַרום זיך אויף דער ערד און האָט געזאָגט: רבונו של עולם, איך וועל ניט אַוועק פֿון דאַנען ביז וואַנען עס וועט געהן אַ רעגען. האָבען אָנגעהויבען טראָפּענס צו קאַפּען. האָט חוני געזאָגט: איך וויל אַ רעגען וואָס זאָל אָנפֿילען אַלע גריבער א.א.וו., האָט גענומען געהן אַ צו שטאַרקער רעגען. האָט חוני געזאָגט, אַז ער וויל ניט קיין מבול און ער האָט אויסגעפֿיהרט, אַז עס איז געגאַנגען אַ גוטער מעסיגער רעגען. 18) דער ראש פֿון סנהדרין אין דער צייט פֿון קעניג אלכסנדר

קום לאָמיר אַרומשוועבען אין דער וועלט און הערען הינטער דעם פאָרהאַנג, וואָס פאַר אַ פורענות עס געהען קימען אויף דער וועלט! האָט די אַנדערע געענטפערט: לאָז אָפּ, דאָס וואָס מיר האָבען גערעדט צווישען זיך איז שוין בעקאַנט געוואָרען ביי די לעבעדיגע". זעהען מיר דאָך אַז זיי ווייסען יאָ 1)!

פיליכט איז אימעצער קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען און האָט עס זיי דערצעהלט.—קום און הער 2): זעירי האָט געהאַט אַוועקגעלעגט געלד ביי דער בעל הביתטע פון זיין קוואַרטיר. (פלוצלונג) איז זי געשטאָרבען בשעת ער איז גראָד געווען אין דער ישיבה. איז ער געגאַנגען צו איהר אויף'ן בית הקברות און האָט זי געפרעגט: וואו איז דאָס געלד? האָט זי איהם געענטפערט: געה נעהם דאָס אַרויס פון אונטער דער רינע פון שוועל אין דעם און דעם אָרט און זאָג מיין מאַמען, אַז זי זאָל מיר שיקען מיין קאַם און מיין פודער־קעסטעל מיט דער און דער וועלכע וועט מאָרגען דאָ אָנ־קומען 3). זעהען מיר דאָך, אַז זיי ווייסען יאָ!—פיליכט האָט דאָס דער מלאך הדומה פריהער אויסגערופען.—קום און הער: ביי שמואל'ס פאָטער פלעגט מען איינלעגען יתומים'שע געלדער. אַז ער איז געשטאָרבען, איז שמואל ניט געווען דערביי 4), פלעגט מען איהם נאָכשרייען: דער זוהן פון דעם וואָס האָט אויפגעגעסען יתומים'שע געלדער! איז ער געגאַנגען צו איהם אויף'ן בית הקברות און האָט צו זיי 5) געזאָגט: איך דאַרף האָבען אבא'ן 6). האָבען זיי איהם געענטפערט: דאָ איז דאָך אַסך אַבא'ס.—איך דאַרף האָבען אבא דעם זוהן פון אבא.—האָבען זיי איהם געענטפערט: דאָ איז אויך דאָ אַסך וואָס הייסען אבא דער זוהן פון אבא. האָט ער צו זיי געזאָגט: איך דאַרף האָבען אבא דעם זוהן פון אבא וואָס איז דער פאַטער פון שמואל. וואו איז ער? האָבען זיי איהם געענטפערט: ער איז אַרויף אין דער ישיבה פון הימעל. דערווייל האָט ער באַמערקט לוי'ן 7) וואָס איז געזעסען דרויסען. האָט ער איהם געפרעגט: פאַרוואָס זיצסטו דרויסען? פאַרוואָס ביזטו ניט אַרויף? האָט ער איהם געענטפערט: ווייל מען האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי פיעל יאָהרען וויפיעל איך בין ניט אַריין אין ר' אפס'ס 8) ישיבה, ווען איך האָב דאַדורך מצער געווען, וועט מען מיך ניט אויפנעהמען אין דער ישיבה של מעלה. אונטערדעסען איז אָנגעקומען זיין פאָטער. האָט ער געזעהען, אַז ער וויינט און פרעהט זיך. פרעגט ער איהם": פאַרוואָס וויינסטו? ענטפערט ער: ווייל די ביזט אין גיכען אהער קומען.—און פאַרוואָס האָסטו זיך געפרעהט? ווייל די ביזט זעהר אָנגעזעהן אין דיזער וועלט.—רופט ער זיך אָפּ: אויב איך בין דאָך אָנגעזעהן, לאָמיר אַרויפנעהמען לוי'ן! און זיי האָבען לוי'ן אַרויפגענומען.—פרעגט ער איהם: וואו זיינען די יתומים'שע געלדער. האָט ער איהם געענטפערט: געה נעהם עס אַרויס פון אונטער דער מיהל; די אויבערשטע און די אונטערשטע געהערען אונז און די מיטעלסטע געהערען צו די יתומים. פרעגט ער איהם: פאַרוואָס האָסטו דאָס אַזוי געטהאָן? האָט ער געענטפערט: כדי אויב עס וועלען דאָס גנבים גנבנען, וועלען זיי אונזערע גנבנען 9), און אויב די ערד

יועט עפעס כליה מאַכען, וועט זי אונזערע כליה מאַכען 10). זעהען מיר דאָך, אַז זיי ווייסען יאָ 11)!—אפשר איז דאָס אַנדערש ביי שמואל, ווייל צוליעב דעם וואָס ער איז געווען אָנגעזעהן רופט מען צוערשט אויס: מאַכט פלאַץ!

און ר' יונתן גופא 12) האָט חרטה געהאַט, וואָרום ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט אַז ר' יונתן האָט געזאָגט: פון וואַנען איז געדרונגען אַז די מתים אונטערהאַלטען זיך מיט אייננאַנדער? ווייל עס שטעהט געשריבען 13): „און גאָט האָט געזאָגט צו איהם: דאָס איז דאָס לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרען צו אברהם, צו יצחק און צו יעקב צו זאָגען" 14), וואָס מיינט „צו זאָגען"? דער קב"ה האָט געזאָגט צו משה: געה זאָג צו אברהם, יצחק און יעקב: די שבועה וואָס איך האָב אייך געשוואָרען האָב איך שוין מקיים געווען צו אייערע קינדער. (י"ט א') היינט, אויב מיר זאָלען מיינען, אַז זיי ווייסען ניט, טאָ וואָס וועט זיין, אַז ער וועט עס זיי זאָגען?—וויבאַלד אָבער אַז זיי ווייסען יאָ, טאָ וואָס איז נויטיג געווען זיי צו זאָגען?—כדי משה'ן מחזיק טובה צו זיין 15).

ר' יצחק האָט געזאָגט: ווער עס רעדט שלעכטס פון אַ מת איז ווי ער וואָלט גערעדט שלעכטס אויף אַ שטיין. אייניגע ערקלערען דאָס, ווייל זיי ווייסען ניט, און אַנדערע ערקלערען, אַז זיי ווייסען אפילו יאָ אָבער עס האַרט זיי ניט, עס קען דאָך ניט זיין! וואָרום רב פפא האָט געזאָגט: עס האָט אימעצער גערעדט שלעכטס פון מר שמואל, איז אַראָפּגעפאַלען

פירוש.

גאַנץ יונגע שפּראָצונגען, פאַרקעהרט פון האָגעל וואָס דערשלאָגט די שטאַרקערע שפּראָצלינגען. 1) אפילו פרעמדע יסורים. 2) זעה „פירוש" זייטע 5 נומ' 8. 3) ד"ה וועט שטאַרבען. 4) און האָט דערפאַר ניט געוואוסט, וואו דאָס געלד איז און ווערמען עס קומט. 5) צו די מתים. 6) שמואל'ס פאָטער האָט געהייסען אבא בר אבא. 7) ר' לוי בר סיסי, אַ תלמיד פון רבי און אַ חבר פון שמואל'ס פאָטער. אין רש"י שטעהט „שמואל'ס חבר", וואָס איז אַ טעות, און דערפאַר קאָריגירט דער „מהרש"ל" „חברו" אין „חבירו" (ער האָט איהם דערקענט). 8) רבי'ס סעקרעטאַר און דער ראש פון זיין ישיבה נאָך רבי'ס טויט. 9) דאָס אויבערשטע געלד. 10) דאָס אונטערשטע. 11) ווייל שמואל'ס פאָטער האָט דאָך איהם געזאָגט, אַז ער וועט אין גיכען אַהין קומען („תוספות"ס).

12) וואָס האָט פריהער געזאָגט, אַז די מתים ווייסען ניט, זעה זייטע 66. 13) דברים ל"ד ד'. 14) לאמר. 15) ד"ה כדי צו געבען איהם אַ געלעגענהייט צו באַקומען נאָך שכר.

ס) רש"י ערקלערט: זיי ווייסען, ווער עס איז חשוב געווען די נעכטיגע ו(מי חשוב כן החיים). דיזע ערקלערונג קען אָבער ניט זיין ריכטיג, ווייל עס איז דאָך דאָ די פראַגע אַזוי זיי ווייסען מכח די יסורים פון פרעמדע. אויך איז דאָס גאַנץ נעגען דעם ענטפער וואָס די גמרא גיט אויף דיזע פראַגע: „אפשר איז ביי שמואל אנדערש א.א.וו." מיר האָבען דערפאַר ערקלערט ווי „תוספות". אונבאַרשטענדליך איז אויך, וואָס רש"י מיינט מיט „כן החיים", ווייל שמואל'ס פאָטער האָט דאָך געמיינט, אַז ער איז חשוב אין יענער וועלט, ווי מען קען דערפון זעהן, וואָס שמואל זאָגט: „אויב איך בין חשוב א.א.וו.", וואָס וואָלט דאָך גאָר קיין טעם ניט געהאַט אויב עס וואָלט זיך כאַוויגען אויף די וועלט, און דערפון וואָס ער איז געווען פרעהליך, דאָ ליגט כלי ספק אַ מיספאַרשטענדניס וואָס כאַרוהט דאַרויף וואָס געוועהנליך מיינט „האי עלמא"—די וועלט, אָבער אַז שמואל'ס פאָטער האָט עס געזאָגט, האָט ער דאָך דערמיט געמיינט יענע וועלט.

אכפאַנג דף י"ט א' זאָגט רש"י: „אין מכניס כלום אלא בערא דגופא", וואָס איז אויך אונפאַרשטענדליך, ווייל דאָרט האַנדעלט זיך דאָך איבערהויפט ניט וועגען נער גאָר פאַרקעהרט וועגען אַ פרעהליכע בשורה און ווייל בכלל האָט ר' יונתן ניט געמאַכט קיין חלוק צווישען אייגענע און פרעמדע יסורים.

ניט 1), קען מען דאָך דערויף פֿרעגען פֿון אַ בריתא: אַז מען האָט באַגראָבען דעם מת און מען געהט שוין צוריק, איז אויב מען קען אָנהויבען און ענדיגען אפילו נאָר איין פרשה אָדער איין פסוק 2)?—דאָ מיינט אויך: אויב מען קען אָנהויבען און ענדיגען אפילו איין פרשה אָדער איין פסוק בעפֿאָר מען קומט צו דער שורה זאָל מען אָנהויבען און אויב ניט זאָל מען ניט אָנהויבען.

(ב׳) „פון די וואס שטעהען שוין אין דער שורה א.א.וו.“

די רבנן האָבען געלערנט 3): „די שורה וואָס זעהט אינעווענינ 4) איז פטור 5) און די וואָס זעהט ניט אינעווענינ איז מחויב. ר׳ יהודה זאָגט: די וואָס זיינען געקומען צוליעב דעם אבל 6) זיינען פטור און צוליעב זיך זעלבסט זיינען מחויב“.

רב יהודה האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: דער וואָס געפֿינט שעטנז אין זיין מלבוש, זאָל ער איהם אויסטהון אפילו אין מיטען מאַרק. פֿאַרוואָס? „עס העלפֿט ניט קיין חכמה און קיין פֿערשטאַנד און קיין עצה געגען גאָט“ 7), „דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען חלול השם גיט מען אפילו אַ רב קיין כבוד ניט“ 8). — האָט מען דערויף געפֿרעגט פֿון אַ בריתא 9): אַז מען האָט באַגראָבען דעם מת און מען קומט שוין צוריק און עס זיינען דאָ צוויי וועגען, פֿון וועלכע איינער איז טהור און דער אַנדערער איז טמא 10), געהט ער 11) אויף׳ן ריינעם, געהט מען מיט איהם מיט אויף׳ן ריינעם וועג, און אויב ער געהט אויף דעם אונריינעם וועג, געהט מען אויך מיט איהם מיט, צוליעב זיין כבוד. טאָ פֿאַרוואָס? זאָל מען זאָגען: „עס העלפֿט ניט קיין חכמה און קיין פֿערשטאַנד 12) געגען גאָט“? האָט ר׳ אבא ערקלערט: עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ פֿעלד אויף וועלכען אַ קבר איז צואַקערט געוואָרען, וואָס איז נאָר דרבנן 13); וואָרום ר׳ יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: אַ מענש מעג בלאָזען אויף אַ פֿעלד אויף וועלכען אַ קבר איז צואַקערט געוואָרען 14) און געהן; און רב יהודה בר אשי האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון רב: אַ פֿעלד מיט אַ צואַקערטען קבר וואָס איז צוטראָטען געוואָרען 15) איז טהור.—קום און הער וואָס ר׳ אלעזר בר צדוק האָט געזאָגט: מיר פֿלעגען שפּרינגען איבער ארונות פֿון מתים אַנטקעגען אידישע מלכים 16), און ניט אַליין אַנטקעגען אידישע מלכים האָבען זיי דאָס געזאָגט נאָר אפילו אַנטקעגען די מלכים פֿון די אומות העולם, כדי, אַז ער וועט זוכה זיין, זאָל ער קענען אונטערשיידען צווישען די מלכים פֿון די אידען און די מלכים פֿון די אַנדערע פֿעלקער 17). טאָ פֿאַרוואָס? זאָל מען זאָגען: „עס העלפֿט ניט קיין חכמה און קיין פֿערשטאַנד און קיין עצה געגען גאָט“!—ווייל דאָס געהט נאָך רבא; וואָרום רבא האָט געזאָגט: על פי תורה 18) איז אַ רוים 19) אין וועלכען עס איז דאָ אַ טפח 20) לעדיגער פּלאַץ אַ מחיצה פֿאַר טומאה 21), און וואו עס איז ניטאָ אַ טפח לעדיגער פּלאַץ איז ניט קיין מחיצה פֿאַר טומאה 22), און

פירוש.

1) זאָל מען ניט אָנהויבען ק״ש. 2) זאָל מען אָנהויבען לייענען.

3) „שמחות“ פ״י. 4) ד״ה דעם פּלאַץ צווישען די געגענאיבער שטע-הענדיגע שורות, דאָרט וואו דער אבל זיצט. 5) פֿון ק״ש. 6) די בריתא ווערט דאָ, הפנים, געבראַכט כדי צו ערקלערען די אויסדריקע „אינעווע-ניגסטע“ און „אויסענווענינסטע“ אין אונזער משנה. נאָך דעם ערשטען תנא מיינט עס, די וואָס קענען זעהען וואָס עס טהוט זיך אינעווענינ צווישען די שורות°), נאָך ר׳ יהודה אָבער זיינען דיזע אויסדריקע ניט קיין לאָקאַלע באַגריפֿען נאָר באַדייטען דאָס פֿאַרהעלטניש צו דעם אבל°°), ד״ה „אינעווענינסטע“ הייסען די וואָס זיינען געקומען מנחם אבל זיין און „אויסענווענינסטע“ די וואָס זיינען געקומען „צוליעב זיך“°°°), ד״ה גלאַט אַזוי, איים נייגיעריגקייט.

7) משלי כ״א ל׳. 8) אַ מאמר וואָס קומט פֿאָר אין „עירובין“ ס״ג א׳ א. א. ע. דער פסוק און דער מאמר קומען אַלס ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: פֿאַרוואָס אפילו אין מיטען מאַרק? ווייל דאָרט וואו עס האַנ-דעלט זיך וועגען גאָט׳ס מצות העלפֿט ניט קיין אַרויסדרעהן זיך און דער גרעסטער מענש דאַרף זיך ניט שעהמען צו טהון אַ זאַך וואָס איז ניט לפי כבודו.—דיזער און די ווייטערדיגע מאמרים קומען דאָ צוליעב זייער שייכות מיט די פֿריהערדיגע מאמרים וואו עס רעדט זיך וועגען דעם כבוד פֿון גרויסע מענער און צוליעב זייער געגענזאַץ צום לעצטען מאמר, וואו ק״ש ווערט פֿאַרבויגען צוליעב דעם כבוד פֿון אַן אבל. 9) זעה „פירוש“ זייטע 38 נומ. 9. 10) דהיינו עס איז אויף איהם דאָ אַ קבר. 11) דער אבל. 12) אין דעם מינכענער כתב יד שטעהט דאָ, ריכטיג, „און קיין עצה“. 13) וועלכע האָבען מורא, טאָמער האָט דער אַקער פֿאַרשלעפּט אַ ביינדעל און מען וועט דערויף אַרויפֿטרעטען, דערפֿאַר איז דאָ צוליעב דעם כבוד פֿון אבל ערלויבט, אָבער דאָרט וואו די טומאה איז ניט אין ספק טאָר מען טאַקע ניט געהן. 14) ד״ה אויפֿשאַרען די ערד צו זעהן צי עס זיינען דאָרט דאָ ביינער, איז עס דאָך אַ בעוויז אַז דאָס איז ניט מעהר ווי מדרבנן, וואָרום אַז עס וואָלט געווען מדאורייתא וואָלט אַזאַ אונטערזוכען ניט געווען גענוג. 15) מיט די פֿיס פֿון אַסך געהן. 16) כדי זיי מקבל פנים צו זיין אָדער זעהן. ר׳ אלעזר בר צדוק איז געווען אַ כהן (זעה „בכורות“ ל״ו א׳). 17) זעה זייטע 33, וואו דאָס ווערט איבער-געחזרט. 18) דְּבַר תּוֹרָה, ד״ה הלכה למשה מסיני (זעה „פירוש“ זייטע 46 נומ. 7). 19) וואָס ענטהאַלט אַ מת.—אֹהֶל—געצעלט, ד״ה אַ געשלאָ-סענער, באַגרענצטער רוים. 20) טֶפַח—פֿויסט, קולאַק. 21) אַז די טומאה וואָס איז אין איהם דאָ זאָל זיין באַשרענקט נאָר אויף דיזען רוים און ניט געהן ווייטער. 22) און דער רוים וואָס ענטהאַלט די טומאה איז דערפֿאַר

°) עס איז אָבער ניט קלאָר, צי דאָס מיינט אַז כן אפילו הינטערדיגע שורות, וויבאַלד זיי קענען נאָר זעהן וואָס עס טהוט זיך אינעווענינ, צי דאָס איז נאָר אַ ווייטערדיגע ערקלערונג כדי בעסער צו דעפֿינירען די ערשטע שורה (אַזוי בכ״ס דער רמב״ם אין „פי׳ המשניות“: „והפנימיים הם העם הרואים את האבלים ואין ביניהם אנשים אמצעיים ואשר אחריהם נקראים חיצונים“. —דיזער מאמר בכלל קען פֿערשיעדענאַרטיג געדייטעט ווערען און איז דערפֿאַר שווער צו פֿאַר-שטעהן, און עס איז אונבעגרייפֿליך, פֿאַרוואָס די מפרשים האָבען איהם אַזוי ווענינ אויפֿמערק-זאַמקייט געשענקט.

°°) דערקיט ערקלערט זיך וואָס ר׳ יהודה׳ס רייד ווערען דאָ אַנדערש ציטירט ווי דאָ אין דער „תוספתא“ פ״ב און דאָרט אין „שמחות“ און וואָס די ערשטע בעלבט פֿון זיי ווערט פֿי נאָכגען אויסגעלאָזען (אין דער „תוספתא“: „ר׳ יהודה אומר: אם אין שם אלא שורה אחת, העומדים שם לשם כבוד חייבין, לשם אבל פטורין“; אין „שמחות“: „רי״א: אפי׳ אין שם אלא שורה אחת וכו׳“), צוליעב וועלכעם זיין מאמר כאָקומט אַ גאַנץ אַנדערן זין.—אין „רבינו יונה“ ווערען דריי ערקלערונגען געבראַכט: „אית דמפרשי לחומרא דאריכא קאי, והכי קאמר, כי אמרינן דשורה הרואה את הפנים פטורה ה״מ שבאין מחמת האבל וכו׳, ואית דמפרשי דאסיפא קאי, דאפי׳ בשורה פנימית רואה את הפנים וכו׳, ואית דאמרי, דאפי׳ שאר כו״א שבאים לנחמו וכו׳“; עס זעהט אויס, אַז דער „רבינו יונה“ האָט זיך פֿאַרלאָזען אויף אונזער גמרא דאָ און האָט ניט געזעהן דעם גאַנצען מאמר פֿון ר׳ יהודה אין „שמחות“ און אין דער „תוספתא“, לויט וועלכען אַלע דריי ערקלערונגען מוזען אַוועקפֿאַלען.

°°°) אין „שמחות“ שטעהט „צוליעב כבוד“, ד״ס וואָהרשיינליך, ווייל עס איז אַ כבוד צו זיין אין אַזאַ שורה.

וואס קאפריזעט זיך פאר זיין פאטער און ער גיט איהם אלץ נאך: און דיך מיינט דער פסוק 1): „דיין פאטער און מוטער וועלען זיך פרעהען, און די וואס האט דיך געבארען וועט מלא שמחה זיין".—און מעהר איז ניטא? עס איז דאך דא נאך! ווארום עס ווערט דאך געלערנט אין א ברייתא 2): „תודוס פון רוים האט איינגעפיהרט ביי די רוימישע אידען צו עסען די סדר-נעכט גאנץ אבגעבראטענע יונגע ציגעלעך 3); האט איהם שמעון בן שטח געשיקט (זאגען): אז דו וואלסט ניט געווען תודוס, וואלט איך דיך אריינגעלעגט אין חרם, ווייל דו מאכסט אז אידען זאלען עסען קדשים אויסערהאלב 4)!—מיר האבען דאך געזאגט „אין אונזער משנה" און דאס איז דאך גאר א ברייתא.—און אין דער משנה איז מעהר ניטא?! עס איז דאך יא דא! ווארום מיר האבען דאך געלערנט 5): „אז מען האט איהם 6) צערשניטען אין שטיקער און מען האט אריינגעטהאן לעהם צווישען איין גליעד און דעם אנדערען 7), זאגט ר' אלעזר אז ער איז טהור 8), און די חכמים זאגען, אז ער איז טמא; און דאס איז געווען דער שלאנגען-אויווען. פארוואס „שלאנגען-אויווען"? האט רב יהודה געזאגט אז שמואל האט געזאגט: דאס לערנט 9), ווייל מען האט איהם 10) ארומגענומען מיט הלכות ווי א שלאנג און מען האט איהם 11) טמא געמאכט"; און מיר האבען געלערנט 12): יענעם טאג האט מען געבראכט אלע טהרות 13) וואס ר' אליעזר האט מטהר געווען און מען האט עס פאר איהם פארברענט און נאכהער האט מען איהם מחרים גע-ווען 14)!—אבער אין דער משנה שטעהט דאך ניט וועגען חרם 15)!—וואו געפינט מען אבער די פיער און צוואנציג ער-טער?—ר' יהושע בן לוי פארגלייכט איין זאך צו דער אנ-דערער, אבער ר' אלעזר פארגלייכט ניט איין זאך צו דער אנדערער 16).

„די וואס טראגען די מטה און די וואס בייטען זיך אפ מיט זיי".

די רבנן האבען געלערנט 17): מען זאל ניט ארויספיה-רען קיין מת 18) קורץ פאר (דער צייט פון) ק"ש 19), אבער אויב מען האט שוין אנגעהויבען 20), זאל מען ניט מפסיק זיין. עס קען דאך ניט זיין! ווארום רב יוסף'ן האט מען דאך ארויסגעפיהרט קורץ פאר ק"ש!—ביי אן אנגעזעהענער פערזענליכקייט איז דאס אנדערש.

„סאי די וואס געפינען זיך פאר דער מטה סאי די וואס געפינען זיך נאך דער מטה".

די רבנן האבען געלערנט: די וואס זיינען באשעפטיגט מים באקלאגען דעם מת 21) זאלען, אזוי לאנג ווי דער מת ליעגט פאר זיי, ארויסגעהען איינציגווייז און לייענען 22), און אז דער מת ליעגט ניט פאר זיי, זאלען זיי בלייבען זיצען און לייענען און ער 23) זיצט און שווייגט; זיי שטעהען אויף און בעטען 24) און ער שטעהט און איז אויף זיך מצדיק את הדין 25) און זאגט: רבונו של עולם, איך האב אסך געזונדיגט פאר דיר און דו האסט זיך מיט מיר קיין טויזענדסט חלק ניט אפגערעכענט. זאל עס זיין דיין ווילען, א גאט אונזער האר, אז דו זאלסט פארריכטען אונזער בראך און דעם בראך פון דיין גאנצען פאלק ישראל אין רחמים. אביי האט געזאגט: א מענש דארף דאס ניט זאגען 26), ווארום ר' שמעון בן לקיש האט געזאגט, און אזוי האט מען אויך געלערנט אין נאמען פון ר' יוסי: א מענש זאל קיינמאל ניט עפענען דעם שטן'ס מויל 27); און רב יוסף האט געזאגט: וואו איז א פסוק דערפאר? ווייל עס שטעהט געשריבען 28): „מיר זיינען כמעט געווארען ווי סדום", און דער נביא הויבט שוין גלייך אן 29): „הערט גאט'ס ווארט, איהר קצינים פון סדום".

„אז מען האט באגראבען דעם מת און מען געהט שוין צוריק א.א.וו.".

הייסט עס, אז אויב מען קען אנהויבען און ענדיגען אין גאנ-צען איז יא, אבער אויב נאר איין פרשה אדער איין פסוק איז

פירוש.

ינאי, וועמעס שוואגער ער איז געווען. 1) משלי כ"ג כ"ה. 2) „פסחים" נ"ג א' און „ביצה" כ"ג א'. 3) אלם א זכר פון קרבן פסח וואס פלעגט געבראטען ווערען אין גאנצען (שמות י"ב ט'). 4) פון בית המקדש.—דאס איז אייגענטליך ניט געווען קיין קדשים, נאר זייענדיג א זכר פון קרבן פסח קען עס פארפיהרען מענשען צו דענקען אז מען מעג עסען קדשים חוץ פון בית המקדש, דערפאר האבען דאס די חכמים פארבאטען. 5) „כלים" פ"ה מ"י און „בבא מציעא" נ"ט ב' א"א. 6) א באוועגליכען אויווען, געמאכט פון לעהם און געברענט אין א ציגעלניע, וואס איז טמא געווארען און דארף, לויט דער תורה, צערבראכען ווערען, ווי יעדע ערדענע כלי. 7) ד"ה אנשטאט צערברעכען האט מען איהם צערשניטען אין שטיקער און מען האט איהם נאכהער צוריק אויפגעשטעלט, צוקלעפענדיג די שטיקער מיט לעהם אייגער צום אנדערען. 8) אויף שטענדיג, ווייל בעת ער איז איצט געמאכט געווארען, איז ער דאך ניט געברענט געווארען אין פייער, האט ער שוין ניט מעהר דעם דין פון אן ערדענע כלי ווי א טאפ א.א.וו. 9) אין דעם מינכענער כתב יד פעהלט דאס ווארט „מלמד", וועלכעס איז דא ווירקליך ניט אם פלאין. 10) די חכמים ר' אליעזר'ן. 11) דעם אויווען. 12) אין „בבא מציעא" דארט. 13) אלע ריינע זאכען וואס האבען זיך אנגעריהרט אן דעם אויווען און ר' אליעזר האט געזאגט אז זיי זיינען ניט טמא. 14) ווייל ער האט זיך צופיעל געאמפערט מיט די חכמים. אין דער גמרא שטעהט „און מען האט איהם געבענטשט", וואס איז נאטירליך עפעמיסטיש געמיינט. 15) ד"ה דאס שטעהט דאך נאר אין „בבא מציעא" אין דער ברייתא וואס איז דארט אנגעשטעפעט צו דער משנה, וועלכע ווערט דארט ציטירט, אבער אין דער משנה גופא שטעהט דאך ניט וועגען חרם. 16) ד"ה ר' יהושע בן לוי פארגלייכט אלע ערטער, וואו א יחיד עקשנט זיך איין געגען א רבים, צו דיזע דריי, קומט עס ביי איהם אוים פיער און צוואנציג ערטער, ר' אלעזר (ניט ר' אליעזר) אבער רעכענט נאר די ערטער, וואו עס שטעהט אויסדריקליך וועגען חרם, דערפאר איז ביי איהם נאר פאראן דריי.

17) „שמחות" פ"י. 18) צו דער קבורה. 19) כדי מען זאל קענען לייענען ק"ש. 20) ארויספיהרען.

21) אין די אלטע צייטען זיינען געווען פראפעסיאנעלע באקלאגערס פון געשטארבענע. 22) ק"ש. 23) דער אבל. 24) שמונה עשרה. 25) ד"ה גיט גאט גערעכט און איז מקבל באהבה דעם פארלוסט. 26) ד"ה „און דו האסט זיך מיט מיר קיין טויזענדסט חלק ניט אפגערעכענט". 27) ד"ה זיך אליין ניט צופיעל אנקלאגען און דאדורך געבען דעם שטן א געלעגענהייט אויף איהם מקטרג צו זיין. 28) ישעיה א' ט'. 29) דארט פסוק י'.

רב פפא האָט געזאָגט צו אביי 1): מיט וואָס זיינען מיר אַנדערש פֿון די פֿאַרצייטיגע, וואָס זיי פֿלעגט זיך טרעפֿען נסים און אונז טרעפֿען זיך קיינע נסים? איז דאָס צוליעב'ן לערנען? האָט מען דאָך אין רב יהודה'ס 2) צייטען ניט מעהר געלערנט ווי „נזיקין" 3), און מיר לערנען (אַלע) זעקס סדרים, און אַז רב יהודה (זעלבסט) פֿלעגט (שוין) קומען צו (דער פֿראַגע וועגען) שטענגלעך 4), (ווי) „אַז אַ פֿרוי האָט איינגעלעגט גרינס אין אַ טאָפּ 5)" און אַנדערע זאָגען „אָליווען וואָס מען האָט זיי איינגעלעגט מיט זייערע בלעטער זיינען טהור" 6), פֿלעגט ער זאָגען: מיר זעהען דאָ די חקירות פֿון רב און שמואל 7), פֿונדעסטוועגען אַז רב יהודה. פֿלעגט אויסטהון איין שוך 8), פֿלעגט שוין קומען רעגען, און אַז מיר פּייניגען זיך און שרייען מיט אַלע כחות נעהמט קיינער קיין נאָטיץ ניט פֿון אונז 9)! האָט ער איהם געענטפֿערט: די פֿאַרצייטיגע פֿלעגען זיך מוסר נפש זיין אויף קדוש השם, אָבער מיר זיינען זיך ניט מוסר נפש אויף קדוש השם; ווי למשל רב אדא בר אהבה יואָס האָט אַמאָל געזעהן אַ כאַמאַריטאַנערקע 10) איינ'ן גאַס יואָס איז געווען אָנגעטהאָן אַ כרבלתא 11) און ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ אידישע טאָכטער, איז ער צוגעגאַנגען און האָט עס אַראָפּגעריסען פֿון איהר: נאָכהער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז זי איז א כאַמאַריטאַנערקע, און מען האָט עם 12) אָפּגעשאַצט פֿיער הונדערט זוז 13). האָט ער איהר געפֿרעגט: ווי הייסטו? האָט זי געענטפֿערט: מתון. האָט ער זיך אָפּגערופֿען: מתון, געדולד 14) איז ווערט פֿיער הונדערט זוז!

רב גידל 15) איז געווען געוואוינט צו געהן און זיצען ביי די טויערן פֿון די מקוות און זאָגען צו זיי 16): אַזוי און אַזוי זאָלט איהר זיך טובל זיין! האָבען איהם די רבנן געפֿרעגט: האָט דער רבי גאָר קיין מורא ניט פֿאַר דעם יצר הרע 17)? האָט ער זיי געענטפֿערט: זיי קומען מיר פֿאָר ווי ווייסע גענז 18).

ר' יוחנן איז געווען געוואוינט צו קומען און זיצען ביי די טויערן פֿון די מקוות און פֿלעגט זאָגען: אַז די אידישע טעכטער וועלען קומענדיג פֿון דער טבילה זיך איינקוקען אין מיר, וועלען זיי האָבען קינדער וואָס זיינען אַזוי שעהן ווי איך בין 19). האָבען איהם די רבנן געפֿרעגט. האָט דער רבי גאָר קיין מורא ניט פֿאַר אַן עין הרע? האָט ער זיי געענטפֿערט: איך שטאַם אָפּ פֿון יוסף'ס קינדער, וואָס אַן עין הרע האָט אויף זיי קיין ווירקונג ניט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 20): „אַ שעהנער צווייג איז יוסף, אַ שעהנער צווייג ביי אַ קוואַל", און ר' אבהו האָט געזאָגט: לייען ניט ביי אַ קוואַל נאָר אַריבערשטייגענדיג דאָס אויג 21). ר' יוסי בר' חנינא האָט געזאָגט: פֿון דאַנען 22): „און זיי זאָלען זיך מעהרען ווי פֿיש אין דעם לאַנד", אַזוי ווי די פֿיש פֿון ים זיינען באַדעקט פֿון'ם וואַסער און אַן עין הרע האָט אויף זיי קיין שליטה ניט, אַזוי זאָל אויף יוסף'ס קינדער אַן עין הרע קיין שליטה ניט האָבען. און אַז מען וויל, קען מען אַזוי זאָגען: דאָס אויג וואָס האָט ניט געוואָלט געניסען פֿון דאָס וואָס געהערט ניט איהם 23), זאָל אַן עין הרע דערויף קיין שליטה ניט האָבען.

פירוש.

איז אַ מת מצוה לכתחלה אויסגעשלאָסען פֿון די וועגען וועלכע ער טאָר זיך ניט מטמא זיין, אם כן איז די האַנדלונג קיין זאַך ניט דוחה.

1) דיזער מאמר קומט דאָ צוליעב דער געשיכטע מיט רב אדא בר אהבה, וועלכע איז אין איינקלאַנג מיט דאָס וואָס שטעהט אין אָנפֿאַנג פֿון דעם פֿריהערדיגען מאמר וועגען דעם וואָס געפֿינט שעטנז אין זיין מלבוש. 2) רב יהודה בר רב יחזקאל, אַ תלמיד פֿון רב און דער גרינדער פֿון דער גרויסער ישיבה אין פומבדיתא. 3) דער דריטער סדר פֿון דער משנה וואָס באַשעפֿטיגט זיך מייסטענס מיט ציוויל-געזעצען ווי היזקות, שטראָפֿען, אייגענטום'ס-רעכט א.א.וו. 4) ד"ה ווי ווייט די שטענגלעך פֿון פירות פֿיהרען צו זייער טומאה צו דער פרי אָדער עההאַלטען טומאה פֿון איהר. 5) אַזוי הייבט זיך אָן דער צווייטער פרק פֿון „טהרות". 6) דאָס איז דער אָנפֿאַנג פֿון פרק ב' פֿון „עוקצין". 7) ד"ה דיזע לייכטע משנות פֿלעגען איהם פֿאָרקומען ווי די טיעפֿסטע פלפולים פֿון רב און שמואל. 8) כדי צו זיצען בתענית און בעטען אויף רעגען. 9) ד"ה איז גאָט ניט ממלא אונזער בקשה. 10) אַ פֿרוי פֿון די שומרונים, אַ אידישע סעקטע וואָס אָנערקענט נאָר דעם חומש און שטאַמט פֿון די גוים וועלכע האָבען זיך באַזעצט אין ארץ ישראל אין דער צייט פֿון גלות בבל און הגם זיי האָבען זיך מגיר געווען האָבען זיי ניט אָנגענומען דאָס יודענטום אין גאַנצען און זיך ניט אַסימילירט מיט די אידען. אַ קליינער רעשט פֿון דער סעקטע עקזיסטירט נאָך עד היום אין דער שטאָדט שכם. 11) אַזאַ פֿאַר-שייט קלייד. 12) דעם היזק, פֿיליכט מיינט עס די חרפה וואָס ער האָט איהר אָנגעטהאָן, ווייל דאָ שטעהט דאָך, אַז ער האָט אַרונטערגעריסען און ניט אַז ער האָט צעריסען. 13) אַ זילבערנער דינר (זעה „פירוש" זייטע 67 נומ' 12), וואָס איז געווען ווערט לערך $8\frac{1}{2}$ פענס אָדער 85 סאַנטים. 14) ד"ה אַז איך וואָלט ניט געווען איבעראיילט, וואָלט איך ניט בעדאַרפֿט באַצאָהלען 400 זוז.—דאָ ליעגט אַ דאָפּעלטער וואָרטשפּיעל, נעמליך דאָס וואָס געדולד הייסט מתון און וואָס מתון, מתון קלינגט ווי מאתן (200) מאתן און צוויי מאָל צוויי הונדערט איז פֿיער הונדערט.

15) דיזער און דער פֿאָלגענדער מאמר קומען דאָ, ווייל זיי ענט-האַלטען אויך ערצעהלונגען פֿון מערקווירדיגע מעשים פֿון גדולים בנוגע צו פֿרויען. 16) צו די פֿרויען וואָס געהען זיך טובל זיין. 17) ד"ה טאָמער וועט זיין תאוה דערביי אויפֿגערעגט ווערען. 18) ד"ה איך האָב גאָר ניט אין זינען דערביי אַז זיי זיינען פֿרויען.

19) זעה זייטע 15. 20) בראשית מ"ט כ"ב. 21) עֲלֵי עָיִן, ד"ה וואָס איז שטאַרקער ווי א שלעכט אויג. עין באַדייטעט אויג און קוואַל. 22) בראשית מ"ח ט"ז. דאָס איז געווען יעקב'ס ברכה צו מנשה און אפרים. 23) אַ רמז אויף דעם אינצידענט וואָס יוסף האָט געהאַט מיט

[illegible] אַזוי [illegible] אַז [illegible]
דערפֿאַר ניט גענוי איבערזעצט. דער „ערוך" ערקלערט, אַז דאָס איז אַ רויט קלייד, ווייל כרבלא
באַדייטעט דער קאַם פֿון אַ האַהן, זייענדיג אַ שרייענדיג פֿאַרב וואָס רייסט אויף די אויגען פֿאַר
עם ניט אַז אַ אידישע טאָכטער זאָל דאָס טראָגען. רש"י ערקלערט: „בגד לבוש חשוב", און די
פֿאַרנייטקייט פֿאַרשטעהט, לויט דעם „מהרש"א", אין דעם וואָס עס פּאַסט ניט צו געהן אין גאַס
מיט אַזאַ טייער קלייד. ביידע ערקלערונגען זיינען אָבער ניט גאַנץ אָקצעפּטאַבעל, ווייל עס ער-
קלערט ניט גענוג, פֿאַרוואָס רב אדא בר אהבה האָט געפֿונען פֿאַר נויטיג דאָס אַרונטערצורייסען. בי-
לייכט מיינט עס אַ כאַלעט-קליידעל, ד"ה אַ קורצע קליידעל וואָס די האַרפֿען-שפּיעלערס און טענצערינס
פֿלעגען טראָגען און עס שטאַמט פֿון גריעכיש (זעה „בראשית רבה" פ' כ"ד: „אכי כל תופש
כנור ועוגב ערדכלין וכרכלין" און פ' נ"א: „ויהי כמנחק בעיני חתניו ערדכלין וכרכלין"),
אָדער ווייל דער זוים איז אויסגעשניטען אין שפּיצען ווי דער קאַם פֿון אַ האַהן; און אפֿשר מיינט
עס אַ געוויסע פֿאַרשייטע קאָפּ-באַדעקונג וואָס איז עהנליך צו דעם קאַם פֿון אַ האַהן, און דערמיט ער-
קלערט זיך, וואָס ערשט נאָכדעם ווי רב אדא האָט עס אַרונטערגעריסען האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז
די פֿרוי איז ניט געווען קיין אידישע.—דאָס וואָרט קומט נאָך צוויי מאָל פֿאָר אין תנ"ך: אין דברי הימים
א' ט"ו [illegible]: „ודוד מכרבל במעיל בוץ". וואָס באַווייזט דורך די פּאַראַלעל-שטעלע אין שמואל
[illegible]
[illegible]

אין די מייסטע ארונות איז יאָ דאָ אַ טפח לעדיגער פלאַץ 1) נאָר מען האָט גוזר געווען 2), ווייל עס זיינען דאָ מאַנכע וואָס האָבען דאָס ניט 3), אָבער צוליעב דעם כבוד פון מלכים האָבען די רבנן ניט גוזר געווען 4).—טאָ קום און הער 5): „דער כבוד פון לייטען איז אַזוי גרויס, אַז ער איז דוחה א לא תעשה 6) פון דער תורה". טאָ פאַרוואָס? זאָל מען זאָגען: „עס העלפט ניט קיין חכמה און קיין פערשטאַנד און קיין עצה געגען גאָט"! האָט רב בר שבא ערקלערט פאַר רב כהנא: דאָס באַציהט זיך אויף'ן לאו פון „לא תסור" 7). האָט מען געלאַכט פון איהם: דער לאו פון „לא תסור" איז דאָך אויך דאורייתא! האָט רב כהנא געזאָגט: אַ גרויסער מאַן האָט עפּעס געזאָגט און עס איז ניטאָ וואָס צו לאַכען. אַלע זאַכען וואָס זיינען מדרבנן שטיצען זיך אויף'ן לאו פון „לא תסור" 8), אָבער דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך אום (אַ מענשען'ס) כבוד האָבען די רבנן ניט גוזר געווען.—טאָ קום און הער 9): „און דו ועסט זיך מאַכען ניט וויסענדיג פון זיי 10)" מיינט, אַז אַמאָל מעגסטו זיך מאַכען ניט וויסענדיג פון זיי און אַמאָל טאָרסטו זיך ניט מאַכען ניט וויסענדיג פון זיי. צום ביישפּיעל? אויב ער איז אַ כהן און ער 12) איז אויף אַ בית הקברות, אָדער אויב ער איז אַלט און עס פאַסט ניט פאַר איהם 12), אָדער אויב זיין אַרבייט איז וויכטיגער ווי זיין חבר'ס 13), דערפאַר שטעהט „און דו זאָלסט זיך מאַכען ניט וויסענדיג". טאָ פאַרוואָס? זאָל מען זאָגען: „עס העלפט ניט קיין חכמה און קיין פערשטאַנד און קיין עצה געגען גאָט" 14)!—דאָרט איז אַנדערש, ווייל עס שטעהט „און דו וועסט זיך מאַכען ניט וויסענדיג פון זיי" 15). — טאָ זאָלען מיר אָפּלערנען פון דאַנען 16)?—ווייל מיר לערנען ניט אָפּ קיין אסור (והתר פראַגען) פון געלד (פראַגען) 17). — טאָ קום און הער 18): „וואָס מיינט צו זאָגען 'און וועגען זיין שוועסטער'" 19)? (עס מיינט), אַז אויב איינער איז געגאַנגען קוילענען זיין קרבן פסח אָדער מל'ען זיין זוהן און האָט דערהערט אַז אימיצער איז ביי איהם געשטאָרבען, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ער דאַרף זיך אומקעהרען און זיך מטמא זיין 20), דערפאַר שטעהט: „ער זאָל זיך ניט מטמא זיין": וואָלט מען געקענט מיינען, אַז אַזוי ווי ער טאָר זיך ניט מטמא זיין וועגען זיי, אַזוי טאָר ער זיך ניט מטמא זיין וועגען אַ מת מצוה 21), דערפאַר זאָגט דער פסוק: „און וועגען זיין שוועסטער", אַז וועגען זיין שוועסטער טאָר ער זיך ניט מטמא זיין, **(כ' א')**, אָבער וועגען אַ מת מצוה דאַרף ער זיך יאָ מטמא זיין". טאָ פאַרוואָס? זאָל מען זאָגען: „עס העלפט ניט קיין חכמה און קיין פער-שטאַנד און קיין עצה געגען גאָט"?—דאָרט איז אַנדערש, ווייל עס שטעהט „און וועגען זיין שוועסטער" 22).—טאָ זאָלען מיר אָפּלערנען פון דאַנען 23)?—אַ ש ב ו א ל ת ע ש ה (זיין און טהו ניט) 24) איז אַנדערש.

פ י ר ו ש .

אויך טמא, 1) האָבען זיי דערפאַר ניט געדאַרפט זיין טמא, 2) אַז זיי זאָלען יאָ טמא זיין, 3) קיין טפח לעדיגען פלאַץ, 4) דערפאַר האָט ר' אלעזר בר צדוק געשפּרונגען אויף זיי, 5) „מנחות" ל"ז ב' א, א, ע, 6) ד"ה אַז צוליעב אימיצען'ס כבוד מעג מען טהון אַ זאַך וואָס איז פאַרבאָטען אין דער תורה, 7) דברים י"ז י"א, „לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ" (דו זאָלסט ניט אָפּטרעטען פון דאָס וואָס זיי—די חכמים פון יעדען דור—וועלען דיר זאָגען), 8) אם כן האָט רב בר שבא ערקלערט, אַז דאָס מיינט נאָר אַ לאו וואָס איז מדרבנן, אָבער ניט אַ לאו וואָס איז מדאורייתא, 9) „בבא מציעא" ל' א' א, א, ע, 10) דברים כ"ב א', דער פּשט איז דאָרט איינפאַך: „דו זאָלסט ניט זעהן דעם אָקס פון דיין ברודער אָדער זיין שעפּס ארומבלאָנדזשענדיג און דו זאָלסט זיך מאַכען ניט וויסענדיג דערפון". 11) דער אָקס, 12) צו טרייבען אַן אָקס, 13) ד"ה אויב זיין צייט וואָס ער וועט פאַרלירען זיך נאָכיאָגענדיג נאָך'ן אָקס איז מעהר ווערט ווי דער אָקס אָדער ווי דאָס וואָס זיין באַזיצער וועט וועלען איהם געבען, 14) וואָרום השבת אבדה איז דאָך אַ מצוה, 15) ד"ה און עס שטעהט נישט דערביי „ניט", טייטשען מיר: „און דו זאָלסט א,א,ו,". 16) ד"ה זאָלען מיר פון דאַנען אָפּלערנען, אַזוי ווי צוליעב כבוד מעג מען אַמאָל פאַרבויגען די מצוה פון השבת אבדה, אַזוי זאָל אַ בכבודער מענש ניט דאַרפען אַראָפּנעהמען זיין מלבוש אין מיטען מאַרק, אַז ער האָט אין איהם געפונען שעטנז, 17) ווייל דאָס זיינען צוויי פאַרשיעדענע געביעטען, וועלכע האָבען קיין שייכות ניט מיט איינאַנדער, און דערפאַר לערנען מיר אויך ניט אָפּ געלדפראַגען פון פראַגען פון אסור והתר (זעה „פירוש" זייטע 27 נומ. 5), רש"י ערקלערט, ווייל געלדפראַגען זיינען לייכטער ווי אסור והתר פראַגען, וואָס איז אָבער ניט גאַנץ ריכטיג, ווייל אין פיעלע פונקטען זיינען געלד-פראַגען האַרבער ווי צב"ש ווען עס האַנ-דעלט זיך מכח אַרויסנעהמען געלד פון מוחזק, 18) „מגילה" ג' ב' א, א, ע, 19) במדבר ו' ז', וואָס שטעהט ביי אַ נזיר, עס שטעהט דאָרט נעמליך: כָּל יְמֵי הַזִּירוֹ לַה׳ עַל נֶפֶשׁ מֵת לֹא יָבֹאוּ; לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ לְאָחִיו וּלְאַחֹתוֹ לֹא יִטַּמָּא לָהֶם בְּמֹתָם א,א,ו," (די גאַנצע צייט פון זיין נזירות צו גאָט זאָל ער ניט קומען אין באַריהרונג מיט אַ מת; וועגען זיין פאָטער און זיין מוטער און זיין ברודער און זיין שוועסטער זאָל ער זיך ניט מטמא זיין מיט זיי ווען זיי שטאַרבען), איז די פראַגע, צו וואָס דאַרף די תורה אויסרעכענען פאָטער א,א,ו, נאָכדעם ווי עס שטעהט פריהער אַלגעמיין אַז „ער זאָל ניט קומען אין באַריהרונג מיט אַ מת" און מיר לערנען דער פון, אַז „וועגען זיין פאָטער" מיינט, אַז ער דאַרף זיך ניט מטמא זיין וועגען זיין פאָטער, אָבער ער דאַרף זיך מטמא זיין וועגען אַ מת מצוה; „וועגען זיין מוטער" מיינט אַז אפילו אויב דער נזיר איז צוגלייך אויך אַ כהן דאַרף ער זיך אויך מטמא זיין וועגען אַ מת מצוה, הגם ער טאָר ניט וועגען זיין אייגענער מוטער; „וועגען זיין ברודער" מיינט אַז אפילו ער איז אַ כהן גדול דאַרף ער זיך מטמא זיין וועגען אַ מת מצוה, הגם ער טאָר דאָס ניט טהון וועגען זיין ברו-דער, 20) ד"ה לאָזען דעם קרבן פסח וואָס מוז געמאַכט ווערען אין דער צייט אָדער דאָס מל'ען וואָס מוז געמאַכט ווערען דעם אַכטען טאָג (אויב ניט, איז ביי ביידע דאָ די שטראָף פון כרת) און זיך באַשעפטיגען מיט זיין געשטאָרבענער שוועסטער, 21) ד"ה אַ מת וואָס ליעגט אויף'ן וועג און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל איהם מקבר זיין, 22) און עס איז דאָך איבעריג, מאַכען מיר דערפון דעם דרש וואָס מיר האָבען געמאַכט, 23) ד"ה זאָל ביי שעטנז אויך דער כבוד פון לייטען דוחה זיין אַ זאַך וואָס איז מן התורה, 24) שֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה מיינט, ווען עפּעס וואָס שטעהט אין דער תורה ווערט נדחה ניט דורך אַ דירעקטע האַנדלונג דאַגעגען נאָר דאַדורך וואָס מען זיצט רוהיג און טהוט עס ניט. דאָ צ,ב,ש, ביים נזיר איז אַ „שב ואל תעשה", ווייל ער ט ה ו ט דאָך גאָר ניט דערמיט וואָס ער איז ניט מקריב דעם קרבן פסח אָדער איז ניט מל זיין זוהן, ער פערהאַלט זיך ניט מעהר ווי פ אַ ס י ו ו צו דיזע מצות, דערפאַר קען דער כבוד פון לייטען דוחה זיין אַזאַ זאַך, ווייל עס פיהרט ניט צו אַ דירעק-טער האַנדלונג: דאַגעגען אָבער ביי שעטנז איז דאָ אַ דירעקטע האַנדלונג דערמיט וואָס ער טראָגט דעם מלבוש אין וועלכען עס געפינט זיך שעטנז, דערפאַר איז דאָס האַרבער ווי דער כבוד פון לייטען. דאָס וואָס דער נזיר איז זיך אָבער מטמא מיט דעם מת מצוה זעהט אפילו יאָ אויס ווי אַ דירעקטע האַנדלונג, באמת אָבער איז דאָס ניט, ווייל, לויט דעם דרש,

איז (אויך) מדאורייתא 1), אָבער אויב דאָס איז נאָר מדרבנן, זיינען זיי דאָך (באמת) ניט מחויב דערצו, און דער וואָס איז ניט מחויב צו אַ זאַך קען ניט מוציא זיין אַ רבים וואָס זיינען יאָ מחויב דערצו. ווי בלייבט דאָס?—קום און הער: באמת האָבען זיי געזאָגט 2): אַ זוהן 3) מעג בענטשען פאַר זיין פאָטער 4) און אַ שקלאַף מעג בענטשען פאַר זיין בעל הבית און אַ פרוי מעג בענטשען פאַר איהר מאַן, אָבער די חכמים האָבען געזאָגט: זאָל אַ קללה קומען אויף דעם מענשען וואָס זיין פרוי אָדער זיינע קינדער בענטשען פאַר איהם. איז אויב דו וועסט ווירקליך זאָגען, אַז דאָס איז מדאורייתא, קען קומען דער וואָס איז (מחויב) מדאורייתא און מוציא זיין דעם וואָס איז (אויך) מדאורייתא, אָבער אויב דאָס איז נאָר מדרבנן, טאָ ווי קען קומען דער וואָס איז מדרבנן און מוציא זיין דעם וואָס איז מדאורייתא 5)?—איז אַ מינדער-יעהריגער נאָך דיין טעם מחויב 6)?—דאָ 7) האַנדעלט זיך דהיינו אַז ער 8) האָט (נאָר) גענעסען אַ שיעור וואָס איז מדרבנן 9), קען קומען דער וואָס איז (מחויב) מדרבנן 10) און מוציא זיין דעם וואָס איז (אויך נאָר) מדרבנן 11).

רב עוירא האָט גדרשנט און האָט עס מאַנכמאָל געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אמי און מאַנכמאָל האָט ער דאָס געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אסי: די מלאכי השרת האָבען געזאָגט פאַר דעם קב״ה: רבונו של עולם, עס שטעהט אין דיין תורה 12): „דער וואָס איז ניט נושא פנים און נעהמט ניט קיין שוחר" און דו ביזט דאָך נושא פנים צו די אידען, וואָרום עס שטעהט געשריבען 13): „יִשָּׂא ה׳ פָּנָיו אֵלֶיךָ"! האָט ער זיי גע-ענטפערט: ווי אַזוי זאָל איך ניט נושא פנים זיין צו די אי-דען, אַז איך האָב זיי געשריבען אין דער תורה 14): „און אַז דו וועסט עסען און זאַט ווערען זאָלסטו בענטשען גאָט דיין האַר", און זיי זיינען מדקדק אויף זיך 15) אפילו אויף אַן אָליווע אָדער אויף אַן איי!

משנה ג׳.

א בעל קרי 16) זאל טראכטען 17) אין הארצען און זאל ניט זאגען די ברכות 18) ניט פארדעם און ניט נאכ-דעם 19), און ביים עסען זאל ער זאגען די ברכה נאכ-דעם 20), אבער ער זאל ניט זאגען די ברכה פאר-דעם 21). ר׳ יהודה זאגט: ער דארף זאגען די ברכות אי פאר זיי אי נאך זיי 22).

גמרא.

רבינא האָט געזאָגט: דאָס מיינט צו זאָגען, אַז טראַכטען איז ווי רעדען 23); וואָרום אויב מיר זאָלען דענקען, אַז עס איז ניט ווי רעדען, טאָ פאַרוואָס זאָל ער טראַכטען 24)?—אויב טראַכטען איז אָבער יאָ ווי רעדען, טאָ זאָל ער שוין דאָס מיט די ליפען אַרויסברענגען?—ווי מיר געפינען ביי (דעם באַרג) סיני 25). רב חסדא אָבער זאָגט: טראַכטען איז ניט ווי רעדען; וואָרום אויב מיר זאָלען דענקען, אַז טראַכטען איז ווי רעדען, טאָ זאָל ער דאָס שוין מיט די ליפען אַרויס-ברענגען!—אויב אָבער טראַכטען איז ניט ווי רעדען, טאָ פאַרוואָס זאָל ער טראַכטען 26)?—האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: כדי ער זאָל ניט זיצען לעדיג בשעת אַלע זיינען דערמיט באַשעפטיגט.—טאָ זאָל ער לערנען אַן אַנדער פרשה?—האָט רב אדא בר אהבה געזאָגט: מיט אַ זאַך וואָס דער צבור איז דערמיט באַשעפטיגט 27).—(כ״א א׳) אָבער תפלה איז דאָך אַ זאַך וואָס דער צבור איז דערמיט באַשעפטיגט, און פונדעסטוועגען האָבען מיר געלערנט אין דער משנה 28): „אויב ער האָט געהאַלטען אין מיטען תפלה 29) און ער האָט זיך דערמאָהנט אַז ער איז אַ בעל קרי זאָל ער ניט אויפהע-רען אין דער מיטען נאָר ער זאָל מקצר זיין", איז דאָס ווייל ער האָט שוין אָנגעפאַנגען, אויב ער האָט אָבער נאָך ניט

פ י ר ו ש.

דו האָסט געמאַכט אין אונזער לייב און פאַר דיין תורה וואָס דו האָסט אונז געלערנט", און ביי פרויען איז דאָך ניט שייך מילה און זיי זיינען דאָך פטור פון לערנען תורה, אם כן איז אַז זיי זאָגען דאָס איז דאָס נאָר מדרבנן. 1) ד״ה מענער. 2) בְּאֱמֶת אָמְרוּ באַצייכענט געוועהנליך אַ הלכה למשה מסיני (זעה „פירוש" זייטע 46 נומ׳ 7). 3) ד״ה אַ מינדעריעהריגער. 4) אויב ער קען ניט בענטשען. 5) ווי עס שטעהט אין דער בריתא, אַז אַ פרוי מעג בענטשען פאַר איהר מאַן. 6) ד״ה ווי קאָנסטו אַרויסנעהמען פון דער בריתא, אַז אַ פרוי איז מחויב צו בענטשען מן התורה, ווייל עס שטעהט דאָרט, אַז זי מעג בענטשען פאַר איהר מאַן, עס שטעהט דאָך דאָרט אויך, אַז אַ מינדער-יעהריגער מעג בענטשען פאַר זיין פאָטער, און ער איז דאָך אודאי ניט מחויב מדאוריתא. 7) ד״ה דאָס וואָס שטעהט אַז אַ מינדעריעהריגער מעג בענטשען פאַר זיין פאָטער. 8) דער פאָטער. 9) ד״ה די גרויס פון אַן אָליווע, לויט ר׳ מאיר, אָדער פון אַן איי, לויט ר׳ יהודה, וואָס מן התורה איז ער ניט מחויב נאָכהער צו בענטשען (זעה וויטער מ״ה א׳). 10) דער מינדעריעהריגער. 11) דערפאַר איז פון דעם מינדעריעהריגען קיין קשיא ניט און מיר קענען גוט אַרויסנעהמען פון דער בריתא וועגען דעם חיוב פון פרויען.

12) דברים י׳ י״ז. 13) במדבר ו׳ כ״ו. 14) דברים ח׳ י׳. 15) צו בענטשען.

16) בַּעַל קֶרִי—איינער וואָס עס האָט איהם עפּעס געטראָפען, ד״ה וואָס האָט געהאַט אַ פּאָלוציאָן. 17) די ק״ש. 18) אפילו ניט אין האַר-צען. 19) זעה זייטע 40.—ווייל די ברכות פון ק״ש זיינען ניט מדאורייתא. 20) ד״ה בענטשען אין האַרצען („רבינו יונה"), ווייל דאָס איז מדאורייתא. 21) „המוציא", ווייל דאָס איז ניט מדאורייתא. 22) מיט׳ן מויל. ר׳ יהודה איז מחולק אויף דעם ערשטען תנא אי דערמיט וואָס ער מאַכט קיין חלוק ניט צווישען ק״ש און איהרע ברכות אי דערמיט וואָס ביי ביידע ער-לויבט ער צו זאָגען מיט׳ן מויל („רבינו יונה"). לויט דעם „ירושלמי" זיי-נען ביידע מסכים, אַז ק״ש לייענט ער מיט׳ן מויל, אָבער בנוגע צו די ברכות זיינען זיי מחולק; נאָך׳ן ערשטען תנא זאָל ער זיי לייענען אין געדאַנקען און נאָך ר׳ יהודה זאָל ער אפילו זיי אויך מיט׳ן מויל לייענען.

23) און מען איז דערפאַר יוצא ווען מען זאָגט אַ ברכה אין געדאַנקען אָנשטאָט מיט׳ן מויל. 24) ווייל אויף דעם אופן האָט דאָך דאָס טראַכ-טען קיין ווערט ניט. 25) וואו די אומרייניגע האָבען ניט געטאָרט שטעהען נאָהענט צום באַרג. הגם דאָרט האָט עס זיך נאָר געהאַנדעלט וועגען הערען (הערען איז גלייך צו טראַכטען און טראַכטען איז גלייך צו זאָגען עפּעס אין געדאַנקען), אם כן באַווייזט עס דאָך אַז טראַכטען איז ווי רעדען און דאָרט וואו מען קען ניט רעדען מעג מען טראַכטען ס). פון דאָרט האָט עזרא אָפּגעלערנט די תקנה וועלכע ער האָט איינגעפיהרט, אַז דער וואָס האָט געהאַט אַ פּאָלוציאָן מוז זיך טובל זיין בעפאָר ער לערנט תורה (זעה „בבא קמא" פ״ב א׳). 26) ד״ה טאָ וואָס העלפט דאָס טראַכטען? 27) זאָל ער זיך אויך באַשעפטיגען. 28) וויטער כ״ב ב׳ 29) שמונה עשרה.

ס) אין דעם מינכענער כתב יד שטעהט אנשטאט „כסיני" „פאלגענדעס": „מה סיני דכור אסור הרהור מותר אף האי נמי דכור אסור הרהור מותר". זעה אויך אין „הגהות" אין „דקדוקי סופרים" דארט.

משנה ב׳.

פרויען און שקלאפען און מינדער יעהריגע 1) זיינען פטור פון ק״ש (ב׳) און פון תפילין; זיי זיינען אבער מחויב צו תפלה און צו מזוזה און צו ברכת המזון.

גמרא.

ק״ש! אודאי 2)! דאס איז דאך א מצות עשה וואס הענגט אפ פון א באשטימטער צייט; און פרויען זיינען דאך פטור פון אלע מצות וואס הענגען אפ פון א באשטימטער צייט 3)!— ווייל מען וואלט געקענט מיינען, אז צוליעב דעם וואס עס איז דעריין ·דא מלכות שמים 4), דערפאר לאזט ער דאס אונז צו וויסען 5).

„און פון תפילין".

אודאי 6)?!—ווייל מען וואלט געקענט מיינען, אז צוליעב דעם וואס עס איז פארגליכען צו מזוזה 7), דערפאר לאזט ער דאס אונז צו וויסען 8).

„זיי זיינען אבער מחויב צו תפלה".

צוליעב רחמים 9), ווייל 10) מען וואלט געקענט מיינען, אז צוליעב דעם וואס עס שטעהט דערביי 11): „אין אוונט און אין דער פריה און נאכמיטאג" איז דאס ווי א מצות עשה וואס הענגט אפ פון א באשטימטער צייט, דערפאר לאזט ער דאס אונז צו וויסען 12).

„און צו מזוזה".

אודאי 13)?!—ווייל מען וואלט געקענט מיינען, אז צוליעב דעם וואס עס איז פארגליכען צו תורה לערנען 14), דערפאר לאזט ער דאס אונז צו וויסען 15).

„און צו ברכות המזון".

אודאי 16)?!—ווייל מען וואלט געקענט מיינען, אז צוליעב דעם וואס עס שטעהט געשריבען 17): „ווען גאט וועט אייך געבען אין אוונט פלייש צו עסען און ברויט אין דער פריה צו ווערען זאט", איז דאס ווי א מצות עשה וואס הענגט אפ פון א באשטימטער צייט, דערפאר לאזט ער דאס אונז צו· וויסען 18).

רב אדא בר אהבה האט געזאגט: פרויען זיינען מחויב צו קדוש 19) מן התורה.—פארוואס? דאס איז דאך א מצות עשה וואס איז אפהענגיג פון א באשטימטער צייט און פרויען זיינען דאך פטור פון אלע מצות עשה׳עס וואס זיינען אפ־הענגיג פון א באשטימטער צייט! האט אביי געזאגט: דאס איז מדרבנן.—האט איהם רבא געפרעגט: ער האט דאך געזאגט „מן התורה"! און פארוואס זאלען זיי ניט מחויב זיין מדרבנן צו אלע מצות עשה׳עס 20)? ענדליך האט רבא ער־קלערט: די תורה זאגט „זכור" (געדענק) און „שמור" (היט אפ) 21), איז דער וואס איז מחויב אפצוהיטען 22) איז אויך מחויב צו געדענקען 23), און אזוי ווי פרויען זיינען מחויב אפ־צוהיטען 24) זיינען זיי אויך מחויב צו געדענקען 25).

רבינא האט געפרעגט רבא׳ן: דאס וואס פרויען (זיינען מחויב) צו ברכת המזון איז מדאורייתא אדער מדרבנן 26)?— וואס זאל דערפון ארויסגענומען ווערען? — מוציא זיין אנדערע. ווארום אויב עס איז ווירקליך מדאורייתא, קען קומען דער וואס איז (מחויב) מדאורייתא און מוציא זיין דעם וואס

פירוש.

פוטיפר׳ס פרוי, וועלכע האט איהם געוואלט פארפיהרען.—דאס איז א נייער דרש אויף דעם ערשטען פסוק און פאסט בעסער צו דער געשיכטע וואס ווערט דא דערצעהלט.

1) לויט רש״י אפילו אז זיי זיינען שוין עלטער ווי ניין יאהר; לויט רבינו תם (זעה „תוספות") אבער, אז זיי זיינען נאך ניט געווארען ניין יאהר אלט (זעה „פירוש" זייטע 56 נום. 2).

2 און 6) אז פרויען זיינען פטור, טא צו וואס דארף עס שטעהן אין אונזער משנה? 3) מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁהַזְּמַן גְּרָמָא הוּא. זעה „קדושין" כ״ט א׳. 4) און אלע מענשען זיינען דאך מחויב צו אנערקענען גאט׳ס הערשאפט, דערפאר זיינען פרויען ניט פטור, הגם דאס איז א מצות עשה שהזמן גרמא הוא. 5 און 8) אין דער משנה, אז זיי זיינען פטור.

7) ד״ה אז צוליעב דעם וואס אין ק״ש שטעהט „וקשרתם", וועלכעס באציהט זיך אויף תפילין, נעבען „וכתבתם", וועלכעס באציהט זיך אויף מזוזה, זאלען מיר מאכען א „הקש" (זעה „פירוש" זייטע 21 נום. 3) און זאגען, אז אזוי ווי פרויען זיינען מחויב צו מזוזה, אזוי זאלען זיי אויך זיין מחויב צו תפילין.

9) ד״ה ווייל יעדער מענש דארף בעטען צו גאט אויף רחמים. 10) דא ווערט ערקלערט, פאר וואס זיי זיינען מחויב צו תפלה, הגם עס איז נאר מדרבנן. 11) תהלים נ״ה י״ח. 12, 15 און 18) אין דער משנה, אז זיי זיינען מחויב.

13 און 16) אז פרויען זיינען מחויב. 14) ד״ה אז צוליעב דעם וואס עס שטעהט אין ק״ש „ולמדתם אותם את בניכם", און מיר זאגען אז בניכם מיינט אייערע זיהן אבער ניט אייערע טעכטער, און פרויען זיינען ניט מחויב צו לערנען תורה, זאל דערפאר „וכתבתם על מזוזות", וואס שטעהט נעבען דעם זיך אויך נאר אויף מענער באציהען, און פרויען זאלען אלוא זיין פטור פון מזוזה.

17) שמות ט״ז ח׳.

19) הגם דאס איז א מצות עשה שהזמן גרמא הוא. 20) ד״ה אויב פרויען זאלען זיין מדרבנן מחויב צו קדוש, הגם זיי זיינען דערפון פטור מן התורה, פארוואס זאל דאס ניט זיין דער פאל ביי אלע אנדערע מצות? 21) די „עשרת הדברות" שטעהען צוויי מאל אין דער תורה, איינ־מאל אין שמות כ׳, וואו עס שטעהט: „זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ (געדענק צו האלטען הייליג דעם טאג פון שבת), און אין דברים ה׳, וואו עס שטעהט: שָׁמוֹר וכו׳ (היט אפ א.א.וו.), דרשהנען מיר דערפון אז „זכור" מיינט צו געדענקען די קדושה פון שבת דאדורך וואס מען מאכט קדוש אויף ווין. 22) שבת. 23) ד״ה צו מאכען קדוש. 24) ווארום דער לאו פון „דו זאלסט ניט טהון קיין מלאכה" אום שבת באציהט זיך אזוי גוט אויף פרויען ווי אויף מענער, און ביי לא תעשה׳ס איז בכלל ניטא קיין אונטערשיעד צווישען א מצוה וואס איז אפהענגיג אדער וואס איז ניט אבהענגיג פון א באשטימטער צייט. 25) דערפאר איז רב אדא געווען גערעכט וואס ער האט געזאגט, אז זיי זיינען מחויב צו קדוש מן התורה.

26) ד״ה ווייל עס שטעהט אין דער תורה „און אז דו וועסט עסען און זאט ווערען זאלסטו בענטשען" וועלכעס שטעהט אויך אין בענ־טשען און באציהט זיך אויף אלעמען, דערפאר קענען עס אויך פרויען זאגען, אדער ווייל אזוי ווי איינע פון די ברכות פון בענטשען איז די „ברכת הארץ", וואס ענטהאלט א דאנק צו גאט פאר דאס לאנד וואס ער האט די אידען געגעבען, און פרויען האבען דאך קיין חלק ניט באקומען דערפון, אם כן זיינען זיי ניט מחויב דערצו מן התורה און דאס וואס זאגען עס איז נאר מדרבנן. אזוי לויט רש״י. לויט „תוספות" אבער איז דאס מדרבנן, ווייל אין בענטשען שטעהט: „און פאר דיין צייכען וואס

נען 1) די וואָכעדיגע 2) אום שבת 3), דאַרפֿען זיי דאָס ענדיגען? האָט ער אונז געענטפֿערט: זיי דאַרפֿען ענדיגען די גאַנצע ברכה 4)!—וואָס פֿאַר אַ דמיון איז דאָס! דאָרט 5) איז דאָך יעדערער מחויב 6), נאָר די רבנן האָבען ניט מטריח געווען 7) צוליעב כבוד שבת 8), אָבער דאָ, האָט ער דאָך שוין גע-דאַווענט 9)!

ווייטער האָט רב יהודה געזאָגט אַז שמואל האָט גע-זאָגט: אַז איינער האָט שוין גערדאַווענט און ער קומט אַריין אין אַ שוהל און געפֿינט דאָרט אַ צבור דאַווענדיג, איז אויב ער קען עפּעס מחדש זיין דעריין 10), זאָל ער נאָך אַמאָל דאַווענען, און אויב ניט, זאָל ער ניט נאָך אַמאָל דאַווענען. —און עס איז נויטיג 11), וואָרום אַז ער וואָלט אונז נאָר גע-לערנט דעם ערשטען פֿאַל 12), (וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס איז נאָר ווען ער איז ביידע מאָל אַ יחיד 13) (ב') אָדער ביידע מאָל בצבור, אָבער אויב צוערשט ביחידות און נאָכהער בצבור, איז דאָס ווי ער וואָלט נאָך ניט געהאַט גע-דאַווענט, דערפֿאַר לערנט ער אונז 14), און אַז ער וואָלט אונז נאָר דאָס 15) געלערנט, (וואָלט מען געקאָנט מיינען), ווייל ער האָט נאָך ניט אָנגעפֿאַנגען 16), אָבער דאָרט 17), וואו ער האָט דאָך שוין אָנגעפֿאַנגען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז (ער דאַרף) ניט (אויפֿהערען). דערפֿאַר איז דאָס נויטיג!

רב הונא האָט געזאָגט: אַז איינער קומט אַריין אין אַ שוהל און געפֿינט דאָרט אַ צבור דאַווענדיג (שמונה עשרה), איז אויב ער קען אָנהויבען און ענדיגען בעפֿאָר דער שליח צבור האַלט ביי „מודים“, זאָל ער דאַווענען, און אויב ניט, זאָל ער ניט דאַווענען. ר' יהושע בן לוי אָבער האָט געזאָגט: אויב ער קען אָנהויבען און ענדיגען בעפֿאָר דער שליח צבור האַלט ביי דער „קדושה“, זאָל ער דאַווענען, און אויב ניט, זאָל ער ניט דאַווענען 18).—איבער וואָס זיינען זיי מחולק?— איינער 19) האַלט, אַז אַ יחיד מעג זאָגען „קדושה“ 20) און דער אַנדערער 21) האַלט, אַז אַ יחיד טאָר ניט זאָגען קיין „קדושה“. און אַזוי האָט רב אדא בר אהבה געזאָגט: פֿון וואַנען איז גענומען, אַז אַ יחיד טאָר ניט זאָגען קיין „קדושה“, ווייל עס שטעהט 22): „און איך וועל געהייליגט ווערען אין מיטען פֿון די בני ישראל“, ביי יעדער דבר שבקדושה 23) טאָר ניט זיין ווייניגער פֿון צעהן. ווי אַזוי איז דאָס געדרונגען? וואָרום רבנאי 24) דער ברודער פֿון ר' חייא בר אבא האָט גע-לערנט: מיר לערנען אָפּ „אין מיטען“ פֿון „אין מיטען“—דאָ שטעהט געשריבען: „און איך וועל געהייליגט ווערען אין מ י ט ע ן פֿון די בני ישראל“ און דאָרט שטעהט 25): „זונ-דערט זיך אָפּ פֿון א י ן מ י ט ע ן פֿון דיזער געמיינדע“, איז אַזוי ווי דאָרט זיינען געווען צעהן 26), אַזוי מיינט דאָ אויך צעהן.—און אַזוי ווי אַלע 27) האַלטען, אַז מען טאָר ניט מפסיק זיין 28), האָט מען זיי געפֿרעגט: ווי איז מכח מפסיק זיין צוליעב „יהא שמיה רבא מברך“ 29)? אַז רב דימי איז געקומען, האָט ער געזאָגט אַז ר' יהודה און ר' שמעון 30), די תלמידים פֿון ר' יוחנן, זאָגען: צוליעב קיין זאַך טאָר מען ניט מפסיק זיין אויסער „יהא שמיה רבא מברך“, צוליעב וועלכעס מען מעג מפסיק זיין אפילו אַז מען איז זיך עוסק אין די מעשה מרכבה 31). אָבער דער דין איז ניט ווי ער.

„ר' יהודה זאָגט: ער דאַרף זאָגען די ברכות פֿאַר זיי“.

מיינט עס צו זאָגען, אַז ר' יהודה האַלט, אַז אַ בעל קרי מעג לערנען תורה? ר' יהושע בן לוי האָט דאָך אָבער געזאָגט: פֿון וואַנען איז געדרונגען, אַז אַ בעל קרי טאָר ניט לערנען תורה? ווייל עס שטעהט געשריבען 32): „און דו זאָלסט זיי 33) בעקאַנט מאַכען צו דיינע קינדער און צו דיינע

פ י ר ו ש.

1) אין „אלפס“ און רא"ש" ריכטיגער „אין אָנגאַנגען אָן“. (אַזוי אויך אין דעם מינכענער כתב יד „ומתחלי בתפלת חול בשבת“). 2) שמונה עשרה. 3) און זיי דערמאָהנען זיך אין דער מיטען אַז עס איז שבת. 4) אין וועלכער זיי האַלטען בעת זיי דערמאָהנען זיך. אם כן איז דאָך דערפֿון אַ קשיא אויף דאָס וואָס רב יהודה האָט געזאָגט, אַז מען זאָל אויפֿהערען אפילו אין דער מיטען פֿון אַ ברכה. 5) אין דעם פֿאַל פֿון דעם וואָס זאָגט די וואָכעדיגע שמונה עשרה אום שבת. 6) צו זאָגען שמונה עשרה יעדען טאָג. 7) צו זאָגען גאַנץ שמונה עשרה אום שבת. 8) דערפֿאַר טאָר מען ניט אויפֿהערען אין מיטען פֿון אַ ברכה. 9) איז ער דאָך שוין ניט מעהר מחויב, דערפֿאַר דאַרף ער אויפֿהערען אפילו אין דער מיטען פֿון אַ ברכה אַזוי גיך ווי ער דערמאָהנט זיך אַז ער האָט שוין גערדאַווענט.

10) ד"ה אַ נייע בקשה צולעגען צו דער שמונה עשרה. 11) צו ברענגען דאָ ביידע מאמרים פֿון ר' יהודה. 12) ד"ה אַז מען זאָל אויפֿהערען אפילו אין דער מיטען פֿון אַ ברכה אויב מען דערמאָהנט זיך אַז מען האָט שוין גערדאַווענט. 13) ד"ה אַז ער האָט גערדאַווענט פֿאַר זיך אי דאָס ערשטע מאָל אי דאָס צווייטע מאָל בעת ער דערמאָהנט זיך אַז ער האָט שוין גערדאַווענט. 14) דעם צווייטען מאמר פֿון רב יהודה, וואו עס שטעהט אַז ער מעג נאָך דאַמאָלס נאָך אַמאָל דאַווענען מיט'ן צבור אויב ער קען עפּעס מחדש זיין דעריין, כדי מיר זאָלען וויסען, אַז עס איז קיין חלוק ניט און מען דאַרף אויפֿהערען אין דעם מאָמענט וואָס מען דערמאָהנט זיך, אַז מען האָט שוין גערדאַווענט. 15) דעם צווייטען מאמר. 16) דערפֿאַר דאַרף ער ניט נאָך אַמאָל זאָגען מיט'ן צבור. 17) אין ערשטען מאמר.

18) ווייל אויב צוליעב דעם וואָס ער וועט האַלטען אין אַן אַנדער אָרט אין דער שמונה עשרה וועט ער ניט קענען מיטזאָגען די „קדושה“ אָדער פֿאַרבויגען זיך ביי „מודים“ וועט עס אויסזעהן ווי ער וואָלט גע-לייקענט אין גאָט. 19) רב הונא. 20) דערפֿאַר איז ניטאָ פֿאַרוואָס מורא צו האָבען, ווייל יעדערער וועט פֿאַרשטעהן, אַז דאָס וואָס ער זאָגט ניט די „קדושה“ מיט'ן צבור, איז ווייל ער האַלט ניט דערביי, און אַז ער וועט דערביי האַלטען וועט ער דאָס זאָגען. 21) ר' יהושע בן לוי. 22) ויקרא כ"ב ל"ב. 23) ד"ה ביי יעדער געלעגענהייט, וואו גאָט'ס נאָמען ווערט געהייליגט. 24) ריכטיגער רב ינאי. 25) במדבר ט"ז כ"א. 26) דאָס ווידער ווערט אָפּגעלערנט דורך אַ פֿאַרגלייך פֿון „געמיינדע“ וואָס שטעהט דאָ מיט „געמיינדע“ וואָס שטעהט ביי די מרגלים (במדבר י"ד כ"ז) וועלכע זיינען געווען צעהן (זעה „מגילה“ כ"ג ב'). 27) ד"ה אי רב הונא אי ר' יהושע בן לוי. 28) אין מיטען שמונה עשרה כדי צו זאָגען „קדושה“ אָדער „מודים“ מיט דעם עולם. 29) אין „קדיש“. 30) וואַהר-שיינליך ר' יהודה בן פזי און ר' שמעון בר אבא אָדער ר' שמעון בן לקיש, דער שוואָגער פֿון ר' יוחנן. 31) מַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה—די קאַפּיטלען א' און י' אין יחזקאל, וועלכע ענטהאַלטען טיעפֿע מיסטישע ענינים בנוגע צו די מלאכים א.א.וו.

32) דברים ד' ט'. 33) די ווערטער פֿון דער תורה.

אָנגעפאַנגען, זאָל ער גאָר ניט אָנפאַנגען 1)!—תפלה איז אַנדערש, ווייל עס איז דעריין ניטאָ קיין מלכות שמים 2).—אָבער אין בענטשען נאָך'ן עסען איז דאָך אויך ניטאָ קיין מלכות שמים און פונדעסטוועגען האָבען מיר געלערנט אין דער משנה: „ביים עסען זאָל ער זאָגען די ברכה נאָכדעם, אָבער ער זאָל ניט זאָגען די ברכה פאַרדעם" 3)!—אָבער דערפאַר: ווייל ק"ש און ברכת המזון זיינען מדאורייתא אָבער תפלה איז (נאָר) מדרבנן.

רב יהודה האָט געזאָגט: פון וואַנען איז גענומען אַז בענטשען איז מן התורה? ווייל עס שטעהט געשריבען 4): „און אַז דו וועסט עסען און זאַט ווערען זאָלסטו בענטשען". פון וואַנען איז גענומען אַז די ברכה פאַר דער תורה איז מן התורה? ווייל עס שטעהט געשריבען 6): „וואָרום איך רוף דעם נאָמען פון גאָט, דערפאַר גיט עהרע צו אונזער האַר" 7).—ר' יוחנן האָט געזאָגט: מיר (קענען) אָפלערנען די ברכה נאָך דער תורה 8) דורך אַ קל וחומר פון בענטשען און די ברכה פאַר'ן עסען דורך אַ קל וחומר פון דער ברכה פאַר דער תורה; „די ברכה נאָך דער תורה דורך אַ קל וחומר פון בענטשען": מה דאָך אַז ביים עסען וואו עס פאָרדערט זיך ניך (קיין ברכה) פאַרדעם 9), פאָרדערט זיך נאָכדעם, איז דאָך אַ פשיטא שוין אַז ביי דער תורה וואו עס פאָרדערט זיך פאַרדעם, זאָל זיך אודאי אויך פאָרדערן נאָכדעם; „און די ברכה פאַר'ן עסען דורך אַ קל וחומר פון דער ברכה פאַר דער תורה": מה דאָך אַז ביי דער תורה וואו עס פאָרדערט זיך ניט (קיין ברכה) נאָכדעם, פאָרדערט זיך פאַרדעם, איז דאָך אַפשיטא שוין אַז ביים עסען וואו עס פאָרדערט זיך נאָכדעם, זאָל זיך אודאי אויך פאָרדערן פאַרדעם.—מען קען דאָס אָבער אָפפרעגען: פאַרוואָס ביים עסען 10), ווייל מען האָט דאָך הנאה געהאַט 11), און פאַרוואָס ביי תורה 12), ווייל דאָס איז אייביגער לעבען 13)! און אַחוץ דעם האָבען מיר דאָך געלערנט אין אונזער משנה: „אין ביים עסען זאָל ער זאָגען די ברכה נאָכדעם, אָבער ער זאָל ניט זאָגען די ברכה נאָכדעם"!—דאָס איז אַ (גוטע) אָפפראַגע 14)!

רב יהודה האָט געזאָגט 15): אַז מען איז אין ספק צי מען האָט געלייענט ק"ש צי מען האָט (נאָך) ניט געלייענט, דאַרף מען ניט נאָך אַמאָל לייענען, אָבער אַז מען איז אין ספק צי מען האָט געזאָגט „אמת ויציב" צי מען האָט ניט געזאָגט, דאַרף מען נאָך אַמאָל זאָגען „אמת ויציב". פאַרוואָס? ווייל ק"ש איז מדרבנן און „אמת ויציב" איז מדאורייתא 16). האָט רב יוסף געפרעגט: (עס שטעהט דאָך) „אין יוען די לעגסט זיך אין ייען די שטעהסט אויף" 17)! האָט איהם אביי געענטפערט: דאָס באַציהט זיך אויף לערנען תורה 18).—מיר האָבען אין אונזער משנה געלערנט: „אַ בעל קרי זאָל טראַכטען אין האַרצען און זאָל ניט זאָגען די ברכות ניט פאַרדעם און ניט נאָכדעם, און ביים עסען זאָל ער זאָגען די ברכה נאָכדעם, אָבער ער זאָל ניט זאָגען די ברכה פאַרדעם", היינט אויב מיר זאָלען מיינען, אַז „אמת ויציב" איז מן התורה, זאָל ער זאָגען די ברכה נאָכדעם 19)?—פאַרוואָס זאָל ער דאָס זאָגען? אויב צוליעב יציאת מצרים, האָט ער דאָס דאָך שוין דערמאָהנט אין ק"ש 20)!—טאָ זאָל ער זאָגען דאָס 21), וועט ער ניט מעהר דאַרפען יענעם 22)?—ק"ש איז וויכטיגער, ווייל עס האָט ביידע זאַכען 23).—ר' אלעזר אָבער האָט געזאָגט: אויב מען איז אין ספק צי מען האָט געלייענט ק"ש צי מען האָט (נאָך) ניט געלייענט, דאַרף מען נאָך אַמאָל לייענען ק"ש 24), אָבער אַז מען איז אין ספק צי מען האָט געדאַווענט (שמונה עשרה) צי מען האָט נאָך ניט געדאַווענט, דאַרף מען ניט נאָך אַמאָל דאַווענען. ר' יוחנן אָבער האָט געזאָגט: הלואי זאָלען מענשען אַ גאַנצען טאָג דאַווענען 25).

ווייטער האָט רב יהודה געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: אַז מען האַלט אין מיטען שמונה עשרה און מען דערמאָהנט זיך, אַז מען האָט שוין געדאַווענט, זאָל מען איינהערען אפילו אין דער מיטען פון אַ ברכה.—עס קען דאָך ניט זיין! וואָרום רב נחמן האָט דאָך געזאָגט: אַז מיר זיינען געווען אין רבה בר אבוה'ס ישיבה, האָבען מיר איהם געפרעגט: אַז ישיבה-לייט מאַכען אַ טעות און דערמאָה־

פירוש.

1) אפילו ניט אין געדאַנקען, טאָ פאַרוואָס זאָל ער ק"ש יאָ לייענען אין געדאַנקען? 2) ד"ה ווייל אין קיינע פון די נייגצעהן ברכות פון שמונה עשרה איז ניטאָ „מלך העולם", דאַגעגען אָבער אין ק"ש דאַרף מען אויף זיך נעהמען דעם עול פון מלכות שמים, זעה זייטע 50. 3) ד"ה אַזוי ווי אין דער ברכה „המוציא" איז דאָך יאָ דאָ „מלך העולם", טאָ פאַרוואָס זאָל דאָס ניט זיין ווי ק"ש?

4) דברים ח' י'. 5) זעה זייטע 41. 6) דברים ל"ב ג'. 7) משה האָט עס געזאָגט אַלס אַן איינלייטונג צו דער שירה פון „האזינו", און ווי עס ווערט ערקלערט אין „יומא" ל"ז א' מיינט עס, אַז משה פאָרדערט אויף די אידען, אַז זיי זאָלען ענטפערן „אמן", ווייל ער דערמאָהנט גאָט'ס נאָמען. זעהען מיר דאָך אם כן, אַז משה האָט געמאַכט אַ ברכה פאַר דער שירה, און עס איז דערפאַר אַ בעוויין, אַז פאַר לערנען תורה דאַרף מען מאַכען אַ ברכה. 8) ד"ה אַז מען דאַרף מאַכען אַ ברכה נאָך דער תורה. 9) מן התורה. 10) דאַרף מען בענטשען נאָכדעם. 11) דאַרף מען דערפאַר דאַנקען גאָט פאַר דעם מאַטעריעלען גענוס, אָבער ביי דער תורה וואָס איז דאָך ניט קיין מאַטעריעלער גענוס זאָל מען ניט מעהר דאַרפען דאַנקען. 12) דאַרף מען פאַרדעם אַ ברכה מאַכען. 13) ד"ה ווייל דאָס גיט אונז אייביגען לעבען, דערפאַר דאַרפען מיר גאָט שוין פאַרדעם דאַנקען, אָבער ביים עסען זאָל גאַנץ גענוג זיין דאָס וואָס מיר דאַנקען איהם נאָך דעם גענוס. 14) תיובתא, זעה זייטע 38.

15) לויט „אלפס' און „רא"ש" (אויך נאָך רש"י ד"ה „ולואי" און דעם מינכענער כתב יד): „אמר רב יהודה אמר שמואל', דיזע גירסא איז ריכטיגער, ווייל די ווייטערדיגע מאמרים פאַנגען זיך אָן מיט: ואמר רבי יהודה אמר שמואל". 16) ד"ה ווייל אין „אמת ויציב" ווערט דערמאָהנט יציאת מצרים און דאָס דערמאָהנען פון יציאת מצרים איז מן התורה, זעה די משנה זייטע 46. 17) אם כן איז דאָך ק"ש אויך מדאורייתא. 18) ד"ה „ובשכבך ובקומך" מיינט אַז מען זאָל אי ביי נאַכט אי ביי טאָג לערנען תורה. 19) ד"ה זאָל ער זאָגען „אמת ויציב", און פאַרוואָס שטעהט אין דער משנה: „און ניט נאָכדעם"? 20) אין דער פרשה „ויאמר". (זעה זייטע 46. 21) „אמת ויציב". 22) ד"ה זאָגען ק"ש. 23) ד"ה אי יציאת מצרים אי מלכות שמים. 24) ווייל ער האַלט אַז ק"ש איז מדאורייתא. 25) ר' יוחנן איז דערפאַר מחולק אויף ר' אלעזר און האַלט, אַז אויב מען איז אין ספק מכח דאַווענען, זאָל מען נאָך אַמאָל דאַווענען.

עס באַוויזט זיך ביי איהם קרי 1) און אַ נדה 2) וואָס דער זאַמען איז ביי איהר אַרויסגעקומען 3), (אָדער) אַ פֿרוי וואָס האָט געהאַט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר און עס האָט זיך ביי איהר באַוויזען בלוט 4) דאַרפֿען זיך טובל זיין 5), ר׳ יהודה אָבער פּטר׳ט" 6). (אם כן) פּטר׳ט ר׳ יהודה נאָר אַזאַ בעל קרי וואָס איז צוגלייך אַ זב, ווייל ער איז דאָך לכתחלה נאָך ניט פֿעהיג פֿאַר טבילה, אָבער דעם וואָס איז בלויז אַ בעל קרי איז ער מחייב 7)! און טאָמער וועסטו זאָגען, אַז דער דין איז גלייך, ד"ה אַז אפילו אַ בלויזען בעל קרי פּטר׳ט ר׳ יהודה אויך, און דאָס וואָס זיי זיינען מחולק ביי אַ זב וואָס עס באַוויזט זיך ביי איהם קרי 8) איז כדי צו באַטאָנען דאָס וואָס די רבנן האָבען געזאָגט 9), טאָ וואָס זאָלען מיר זאָגען צו דעם סוף 10): „אַ פֿרוי וואָס האָט געהאַט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר און עס האָט זיך ביי איהר באַוויזען בלוט דאַרף זיך טובל זיין"? צוליעב וועמען ווערט דאָס געלערנט? זאָלען מיר זאָגען אַז צוליעב די רבנן, איז דאָס דאָך אודאי! וואָרום מה דאָך אַז אַ זב וואָס עס באַוויזט זיך ביי איהם קרי, וועלכער איז דאָך לכתחלה ניט פֿעהיג פֿאַר טבילה, זיינען די רבנן (דערצו) מחייב, איז עס דאָך אַ פשיטא שוין ביי אַ פֿרוי וואָס האָט געהאַט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר און עס האָט זיך ביי איהר באַוויזען בלוט, ווייל זי איז דאָך לכתחלה יאָ פֿעהיג פֿאַר טבילה 11)! אלא אודאי איז עס דאָך צוליעב ר׳ יהודה, און עס איז אַבזיכטליך געלערנט געוואָרען 12), **(כ"ב א׳)** אַז אַ פֿרוי וואָס האָט געהאַט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר און עס האָט זיך ביי איהר באַוויזען בלוט דאַרף זיך ניט טובל זיין, אָבער אַ בלויזער בעל קרי איז יאָ מחויב 13)! זאָג ניט „ער דאַרף ז אָ ג ע ן די ברכות" נאָר „ער דאַרף ט ר אַ כ ט ע ן" 14). —אָבער האַלט דען ר׳ יהודה פֿון טראַכטען 15)? עס ווערט דאָך געלערנט אין אַ ברייתא: אַ בעל קרי וואָס האָט ניט קיין וואַסער אויף טבילה לייענט ק"ש און זאָגט ניט די ברכות פֿאַרדעם און ניט נאָכדעם, און עסט זיין ברויט און בענטשט נאָכהער אָבער ער זאָגט ניט די ברכה פֿאַרדעם, נאָר ער דענקט עס אין האַרצען און ברענגט עס ניט אַרויס מיט די ליפּען 16). דאָס זיינען די רייד פֿון ר׳ מאיר; ר׳ יהודה אָבער זאָגט: סאַי דיזע סאַי יענע 17) ברענגט ער אַרויס מיט די ליפּען 18)! האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: ווייל ר׳ יהודה בעטראַכטעט זיי 19) ווי די דינים פֿון „דרך ארץ" 20); וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 21): „און דו זאָלסט זיי בעקאַנט מאַכען צו דיינע קינדער און צו דיינע קינדס קינ-דער" און נאָכהער שטעהט: „דער טאָג וואָס דו ביזט גע-שטאַנען פֿאַר גאָט דיין האַר ביי (דעם באַרג) חורב", איז אַזוי ווי דאָרט 22) איז געוועזען מיט מורא און פֿורכט און ציטערניש און טרייסלען זיך 23), אַזוי, דאַרף דאָ 24) אויך זיין מיט מורא און פֿורכט און ציטערניש און טרייסלען זיך. דער-פֿאַר האָבען זיי 25) געזאָגט: זבים און מצורעים 26) און די

פ י ר ו ש .

איז מטמא אַלץ וואָס ער ריהרט זיך אָן, און אַז עס געהען פֿאָריבער זיבען טעג נאָכדעם און עס בעוויזט זיך ביי איהם ניט מעהר קיין פֿלוס דאַרף ער זיך טובל זיין אין קוואַל וואַסער און ער איז ווידער ריין. אויב די מאַטעריע בעוויזט זיך ביי איהם דריי מאָל—אין הפסקות פֿון וועניגער ווי אַ מעת לעת—ווערט ער אָנגערופֿען אַ פֿאָלשטענדיגער זב און דאַרף ברענגען בעפֿאָר ער ווערט ווידער ריין אַ קרבן פֿון צוויי יונגע טויבען, הגם זאָנסט איז קיין חלוק ניט צווישען איהם און דעם געוועהנליכען זב אי בנוגע צו דער טומאה אי בנוגע צו צעהלען די זיבען טעג און זיך טובלן אין קוואַל וואַסער (זעה ויקרא ט"ו און „זבחים" פ"א און רמב"ם הל׳ מחוסרי כפרה פ"ב). 1) סאָלוציאָן, זאמענפֿלוס, ויעהרענד די זיבען טעג וואָס ער מוז צעהלען נאָך דעם לעצטען פֿלוס. 2) נִדָּה—אַ פֿרוי וואָס האָט די פּעריאָדע. וועהרענד דיזער צייט איז זי טמא, און זי דאַרף צעהלען זיבען טעג פֿון ווען דאָס בלוט הערט זיך אויף צו בעווייזען (שִׁבְעָה נְקִיִּים) און ווערט ווידער ריין, אַז זי איז זיך טובל צום סוף פֿון די זיבען טעג. 3) ד"ה אַ פֿרוי וואָס האָט געהאַט געשלעכטלי-כען פֿאַרקעהר בעפֿאָר די פּעריאָדע איז ביי איהר אָנגעקומען און אַז זי האָט שוין געהאַלטען אין צעהלען די זיבען טעג איז דער זאַמען אַרויס-געקומען. דאָס איז געמיינט בעפֿאָר עס איז געוואָרען דריי טעג (זעקס עוגות; אַן עוֹנָה איז אַ צייט פֿון צוועלף שעה) זייט זי האָט געהאַט דעם געשלעכטליכען פֿאַרקעהר. וועהרענד דיזער צייט איז דער זאַמען נאָך פֿריש און איז מטמא ווי קרי און די באַטרעפֿענדע פֿרוי ווערט בעטראַכ-טעט ווי אַ בעל קרי. 4) פֿון נדה. אין דער משנה, ווייטער כ"ו א׳, שטעהט ניט דָם נאָר נִדָּה. לויט דעם „מהרש"ל" מיינט עס אַז דער זאַמען איז אַרויסגעקומען בעפֿאָר זי האָט בעקומען די פּעריאָדע. 5) אויב זיי ווילען לייענען ק"ש אָדער דאַווענען שמונה עשרה אָדער לערנען תורה, לויט דער תקנה פֿון עזרא, אַז אַ בעל קרי דאַרף זיך טובל זיין, הגם דיזע טבילה בעפֿרייט זיי ניט פֿון דער אַנדערער טומאה וואָס זיי האָבען. 6) זיי פֿון דיזער טבילה, ווייל וויבאַלד זייער אַנדערע טומאה, וואָס איז פֿיעל האַרבער פֿון דער טומאה פֿון אַ בעל קרי, ערלויבט זיי צו לער-נען תורה (זעה ווייטער אין דיזען מאמר), קען דאָך די לייכטע טומאה פֿון אַ בעל קרי זיי דאָס ניט פֿאַרוועהרען, אם כן איז דאָך דיזע טבילה אין גאַנצען איבעריג. 7 און 13) צו טבילה בעפֿאָר ער לערנט תורה א.א.וו., אם כן איז עס דאָך אַ סתירה צו דאָס וואָס מיר זאָגען אין דעם פֿרי-הערדיגען מאמר, אַז פֿון אונזער משנה ווייזט אויס, אַז ר׳ יהודה האַלט, אַז אַ בעל קרי מעג לערנען תורה אָהן טבילה! 8) און ניט ביי אַ גע-וועהנליכען בעל קרי. 9) ד"ה כדי מיר זאָלען וויסען, אַז די רבנן זיינען אַזוי ווייט מחמיר בנוגע צו דער טבילה פֿון אַ בעל קרי בעפֿאָר ער לערנט תורה, אַז זיי זיינען דערצו מחייב אפילו אַ זב, הגם דיזע טבילה באַפֿרייט איהם ניט פֿון זיין טומאה. (אין דעם מינכענער כתב יד שטעהט דיזע ערקלערונג אויסדריקליך אין דער גמרא: „דאפילו בזב שראה קרי נמי מחייבי"). 10) פֿון דער משנה. 11) ד"ה גלייך נאָכדעם ווי זי האָט געהאַט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר און בעפֿאָר עס האָט זיך ביי איהר בלוט בעוויזען. 12) כדי צו לאָזען אונז וויסען. 14) ד"ה דאָס וואָס שטעהט אין אונזער משנה (זעה זייטע 75): „ר׳ יהודה זאָגט: ער דאַרף זאָגען די ברכות א.א.וו.", מיינט ניט זאָגען מיטן מויל, נאָר זאָגען אין געדאַנקען. אם כן האַלט אויך ר׳ יהודה אַז אַ בעל קרי דאַרף האָבען טבילה, ווי מיר נעהמען אַרויס פֿון דער ווייטערדיגער משנה, אָבער עס איז פֿון דאָרט קיין סתירה ניט אויף דאָס וואָס ער זאָגט אין אונזער משנה, ווייל דאָ האַנדעלט עס זיך נאָר ווענען זאָגען אין געדאַנקען. 15) ד"ה אַז זאָגען אין געדאַנקען איז גענוג. 16) דעם טעם זעה „פּירוש" זייטע 75 נומ׳ 21. 17) ד"ה סאַי „המוציא" סאַי „ברכת המזון". 18) בעווייזט עס דאָך, אַז ער האַלט, אַז זאָגען אין געדאַנקען איז ניט גענוג, טאָ פֿאַרוואָס זאָלען מיר איהם קאָריגירען אין אונזער משנה און זאָגען, אַז ער מיינט טראַכטען? 19) די ברכות ביים עסען. 20) וואָס אַ בעל קרי מעג לערנען אָהן טבילה; דערפֿאַר זאָגט ער אין דער ברייתא, אַז ער מעג זיי זאָגען מיט׳ן מויל און עס איז דערפֿון קיין קשיא ניט אויף דאָס וואָס ער זאָגט אין אונזער משנה, לויט דער געמאַכטער קאָרעקטור. 21) „מועד קטן" ט"ו א׳. 22) ביי מתן תורה. 23) זעה שמות כ׳ י"ח-כ"א. 24) ביי תורה לערנען און מצות טהון. 25) די חכמים. 26) קרעציגע.

קינדרס קינדער" און נעבען דעם שטעהט 1): „דער טאָג וואָס דו ביזט געשטאַנען א.א.וו." 2), אין אַזוי ווי דאָרט האָבען בעל קרי ניט געטאָרט 3), אַזוי טאָרען דאָ 4) בעלי קרי אויך ניט! און טאָמער וועסטו זאָגען, אַז ר' יהודה דרשהט ניט קיין סמוכים 5), רב יוסף האָט דאָך אָבער געזאָגט 6), אַז אפילו דער וואָס דרשהט ניט קיין סמוכים אין דער גאַנצער תורה דרשהט עס אָבער אין דברים, וואָרום ר' יהודה דרשהט ניט קיין סמוכים אין דער גאַנצער תורה, אָבער אין דברים דרשהט ער יאָ! און פֿון וואַנען ווייסען מיר, אַז ער דרשהט ניט (קיין סמיכים) אין דער גאַנצער תורה? וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 7): „בן עזאי זאָגט: עס שטעהט א): 'אַ מכשפה זאָלסטו ניט לאָזען לעבען' 9) און ווייטער שטעהט 10): 'יעדערער וואָס ליעגט מיט אַ בהמה זאָל געטוידט ווערען', שטעהען די ביידע ענינים נעבען איינאַנדער, צו לערנען, אַז אַזוי ווי דעם וואָס ליעגט מיט אַ בהמה קומט סקילה 11), אַזוי קומט אַ מכשפה אויך סקילה. האָט איהם ר' יהודה געזאָגט: צוליעב דעם וואָס די ביידע ענינים שטעהען נעבען איינאַנדער, זאָלען מיר איהר אַרייספֿיהרען געשטייניגט צו ווערען 12)?! נאָר (דערפֿון 13)): אַן אוב און אַ ידעוני 14) זיינען דאָך אייגענטליך אין כלל פֿון אַלע מכשפים 15), טאָ פֿאַרוואָס זיינען זיי אויסגענומען 16)? כדי צו פֿאַרגלייכען מיט זיי און צו לערנען 17), אַז אַזוי ווי אַן אוב און אַ ידעוני קומט סקילה, אַזוי קומט אויך אַ מכשפה סקילה". און פֿון וואַנען ווייסען מיר, אַז אין דברים דרשהט ער יאָ! ווייל עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 18): „ר' אליעזר זאָגט: אַ מענש מעג חתונה האָבען מיט דער וואָס איז פֿאַרגוואַלטיגט אָדער פֿאַרפֿיהרט געוואָרען פֿון זיין פֿאָטער און מיט דער וואָס איז פֿאַרגוואַלטיגט אָדער פֿאַרפֿיהרט געוואָרען פֿון זיין זוהן; ר' יהודה אָבער אסרט די וואָס איז פֿאַרגוואַלטיגט אָדער פֿאַרפֿיהרט געוואָרען פֿון זיין פֿאָטער. האָט רב גידל געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: וואָס איז דער טעם פֿון ר' יהודה? ווייל עס שטעהט געשריבען 19): „אַ מענש זאָל ניט נעהמען די פֿרוי פֿון זיין פֿאָטער און זאָל ניט אָפּדעקען די שאַנדע פֿון זיין פֿאָטער", (מיינט עס) אַז די שאַנדע וואָס זיין פֿאָטער האָט געזעהען זאָל ער ניט אָפּ דעקען 20): און פֿון וואַנען איז גענומען, אַז דאָס באַציהט זיך אויף די וואָס איז פֿאַרגוואַלטיגט געוואָרען פֿון זיין פֿאָטער? ווייל נעבען דעם שטעהט 21): 'און דער מאַן וואָס איז געלעגען מיט איהר זאָל געבען א.א.וו.'"; דערפֿאַר זאָגט מען: יאָ, אין דברים דרשהט ער טאַקע, אָבער דיזע סמיכים 22) דאַרף ער האָבען פֿאַר אַן אַנדער (דרשה) פֿון ר' יהושע בן לוי; וואָרום ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט 23): „ווער עס לערנט זיין זוהן תורה, פֿאַררעכענט איהם די תורה ווי ער וואָלט זי זעלבסט מקבל געווען פֿון דעם באַרג חורב (סיני), ווייל עס שטעהט געשריבען: 'און דו זאָלסט זיי בעקאַנט מאַכען צו דיינע קינדער און צו דיינע קינדרס קינדער' און נאָכדעם שטעהט: 'דער טאָג וואָס דו ביזט געשטאַנען פֿאַר גאָט דיין האַר ביי (דעם באַרג) חורב'".

מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 24): אַ זב 25) וואָס

פירוש.

1) דאָרט פסוק י'. 2) „פֿאַר גאָט דיין האַר ביי (דעם באַרג) חורב" ד"ה סיני. 3) שטעהן נעבען דעם באַרג (זעה „פירוש" זייטע 75 נומ' 25). 4) ביי תורה לערנען. 5) זעה „פירוש" זייטע 34 נומ' 10. 6) „יבמות" ד' א'. 7) דאָרט. 8) שמות כ"ב י"ז. 9) און עס שטעהט דאָרט ניט וואָס פֿאַר אַ טויט שטראָף עס קומט איהר. 10) דאָרט פסוק י"ח. 11) דאָס לערנען מיר אָפּ אין „סנהדרין" נ"ד ב' דורך אַ גזרה שוה, ווייל דאָ (אין דער פּאַראַלעל-שטעלע אין ויקרא כ' ט"ו) שטעהט „תַּהֲרֹגוּ" און ביי דעם וואָס רעדט צו צו דיענען עבודה זרה (דברים י"ג י') שטעהט „הָרֹג תַּהַרְגֶנּוּ" און דאָרט שטעהט אויסדריקליך „וּסְקַלְתּוֹ" (דו זאָלסט איהם פֿאַרשטייניגען). 12) וואָס איז די שווערסטע מיתה. 13) לערנען מיר אָפּ, אַז עס קומט איהר סקילה. 14) אוב—דער וואָס מאַכט אַ געשפּענסט רעדען, יִדְּעֹנִי—דער וואָס לעגט אויס וואָס עס וועט שפּעטער זיין. 15) ה"ה זיינען דאָך אויך כישוף מאַכער, ניט מעהר וואָס אַ מכשף איז אַן אַלגעמיינער אויסדרוק פֿאַר אַלע אופנים פֿון כישוף און זיי באַצייכענען אַ געוויסע פֿאָרמע דערפֿון. 16) וואָס ביי זיי שטעהט אויסדריקליך, אַז עס קומט זיי סקילה (זעה ויקרא כ' כ"ז). 17) נאָך דעם אַכטען כלל פֿון די בעקאַנטע דרייצעהן כללים פֿון ר' ישמעאל, לויט וועלכע די תורה ווערט געדרשנט, אַז: „יעדע זאַך וואָס געהערט צו אַ געוויסער קאַטעגאָריע און איז אויסגענומען פֿון דער קאַטעגאָריע (דערמיט וואָס די תורה בעהאַנדעלט זי באַזונדער), באַציהט זיך דאָס (וואָס די תורה זאָגט בנוגע דערצו) ניט אויף זי אַליין נאָר עס באַציהט זיך אויף דער גאַנצער קאַטעגאָריע". 18) „יבמות" צ"ז א'. 19) דברים כ"ג א'. 20) ד"ה אַזוי ווי די אַנדערע העלפֿט פֿון דעם פסוק איז דאָך אייגענטליך איבעריג, מיינט דאָס איינצושליסען אפילו די וואָס איז ניט קיין פֿרוי אין אייגענטליכען זין פֿון וואָרט, אין דעם מינכענער כתב יד פֿעהלט די אַנדערע העלפֿט פֿון פסוק. 21) אין דעם פסוק פֿאַרדעם, דברים כ"ב כ"ט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פֿאַרפֿיהרטער, און פֿאַרדעם שטעהט די פרשה פֿון דער פֿאַרגוואַלטיגטער. דער המשך פֿון פסוק איז „צו דעם פֿאָטער פֿון דער מיידעל"ס). 22) וואָס ר' יהושע בן לוי האָט פֿריהער געדרשהט און וועלכע געפֿינען זיך אויך אין דברים. 23) „קדושין" ל' א'.

24) ווייטער כ"ו א'. אין מינכענער כתב יד שטעהט ניט „תנן" נאָר „ורמינהי", וואָס איז פֿיעל ריכטיגער, ווייל דאָ ווערט געבראַכט אַ קשיא פֿון ר' יהודה אויף ר' יהודה (זעה „הגהות" אין „דקדוקי סופרים"). 25) זָב—דער וואָס עס רינט ביי איהם. דער אונטערשיעד צווישען אַ זב און אַ בעל קרי איז וואָס ביי אַ בעל קרי קומט איינמאָל אַרויס שִׁכְבַת זֶרַע (זאָמען), געוועהנליך דורך ליידענשאַפֿטליכע אויפֿרעגונג אין שלאָף, און ביי אַ זב קומט אַרויס אייטער וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין געשלעכטליכען רעהר דורך אַ וואונד און האָט קיין שייכות ניט מיט ליידענשאַפֿטליכע איינבילדונג. אַ זָבָה איז אַ פֿרוי וואָס עס באַווייזט זיך ביי איהר בלוט ניט אין דער צייט פֿון איהר פעריאָדע, דער פֿלוס ביי אַ זב איז דערפֿאַר ווייס און ביי זבה רויט, די טומאה פֿון אַ זב איז פֿיעל האַרבער ווי פֿון אַ בעל קרי, ביי דעם ערשטען מאָל ווען עס באַווייזט זיך ביי איהם די מאַטעריע ווערט ער נאָך באַטראַכטעט אַלס אַ געוועהנליכער בעל קרי, ביי דעם צווייטען מאָל אָבער—אויב די הפסקה צווישען איין פֿלוס און דעם אַנדערען איז וועניגער ווי אַ מעת לעת—ווערט ער שוין בעטראַכטעט אַלס אַ זב און

ס) אין דעם מינכענער כתב יד שטעהט אויך דער המשך פון פסוק. ווי עס זעהט אויס פון דאָגען און פון דער גירסא דא „ומנין דכאנוסת אביו" מיינט די גמרא דא נו באַווייזען, אז עס האנדעלט זיך דא דוקא מכח די וואָס איז פון זיין פאָטער פאַרגוואַלטיגט געוואָרען. אין „יבמות" אבער, וואו דערזעלבער מאמר קומט פאר, שטעהט „ומנין דכאנוסה" און די גמרא מיינט אס כן נו באַווייזען פון דער אנדערער העלפט פון פסוק אז עס האנדעלט זיך דא וועגען א פאַרגוואַלטיגטער. כנ״ל. אין דעם מינכענער כתב יד שטעה דא אויך אזוי, הגם דער המשך פון פסוק ווערט נעבראכט. די גירסא דא איז די ריכטיגסטע, ווי מען קען זעהן פון גאַנצען אינהאַלט.

די רבנן האָבען געלערנט: אַ בעל קרי וואָס מען האָט אויף איהם אַרויפֿגעגאָסען ניין קב וואַסער איז טהור. נחום איש גם זו 1) האָט דאָס צוגעשושקעט 2) צו ר׳ עקיבא, און ר׳ עקיבא האָט עס צוגעשושקעט צו בן עזאי, און בן עזאי איז אַרויס און האָט עס עפֿענטליך געלערנט צו זיינע תלמידים. עס זיינען איבער דעם געוועזען מחולק צוויי אמוראים אין מערב, ר׳ יוסי בר אבין און ר׳ יוסי בר זבידא. איינער האָט געזאָגט „געלערנט״ 3), און דער אַנדערער האָט געזאָגט „צו־געשושקעט״ 4). דער וואָס האָט געזאָגט „געלערנט״, צוליעב׳ן בטול פֿון תורה און צוליעב׳ן בטול פֿון פריה ורביה 5), און דער וואָס האָט געזאָגט „צוגעשושקעט״, כדי תלמידי חכמים זאָלען זיך ניט געפֿינען ביי זייערע פֿרויען ווי הינהנער 6). ר׳ ינאי האָט געזאָגט: איך האָב געהערט אַז מען איז אין דעם מקיל 7) און איך האָב געהערט אַז מען איז אין דעם מחמיר 8), און ווער עס איז אין דעם מחמיר אויף זיך וועט מען איהם מאריך ימים ושנים זיין.—ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: וואָס איז די מעלה פֿון די 9) וואָס זיינען זיך טובל אין דער פֿריה?—„וואָס איז די מעלה״?! ער איז דאָך דער וואָס זאָגט, אַז אַ בעל קרי טאָר זיך ניט באַשעפֿטיגען מיט תורה 10)! — ער האָט אַזוי געזאָגט: וואָס איז די מעלה פֿון פֿערציג סאָה? מען מעג דאָך מיט ניין קב! וואָס איז די מעלה פֿון טבילה? מען מעג דאָך דורך אַרויפֿגיסען! ר׳ חנינא האָט געזאָגט: זיי האָבען (דערמיט) געמאַכט אַ גרויסען גדר 11), וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: עס איז געוועזען אַ מעשה מיט איינעם וואָס האָט אויפֿגעפֿאָדערט אַ פֿרוי צו אַן עבירה 12), האָט זי צו איהם געזאָגט: דו גאָרנישט איינער, האָסטו דען פֿערציג סאָה וואָס דו זאָלסט זיך טובלען אין דעם 13)? איז ער גלייך אָפּגעטראָטען פֿון איהר.

רב הונא האָט געזאָגט צו די רבנן: רבותי, פֿאַרוואָס נעהמט איהר לייכט דיזע טבילה 14)? אויב צוליעב קעלט, קאָן מען דאָך אין אַ מרחץ 15)! האָט רב חסדא צו איהם געזאָגט: איז דען דאָ אַ טבילה אין וואַרעמע וואַסער? האָט ער זיך אָפּגערופֿען: רב אדא בר אהבה האַלט מיט דיר 16).

ר׳ זירא איז געזעסען אין אַ וואַנע אין באָד (און) האָט געזאָגט צו זיין דיענער: געה ברענג מיר ניין קב און גיס עס אַרויף אויף מיר. האָט איהם ר׳ חייא בר אבא געזאָגט: צו וואָס האָט דער רבי דאָס נויטיג? ער זיצט דאָך שוין אין דעם! האָט ער איהם געענטפֿערט: (דאָס דאַרף זיין) ווי די פֿערציג סאָה; אַזוי ווי ביי די פֿערציג סאָה דאַרף זיין טבילה און ניט אַרויפֿגיסען, אַזוי דאַרף ביי די ניין קב זיין אַרויפֿגיסען און ניט טבילה.

רב נחמן האָט מתקן געווען אַ קרוג פֿון ניין קב 17). אַז רב דימי איז געקומען, האָט ער געזאָגט אַז רב עקיבא און ר׳ יהודה גלוסטרא 18) האָבען געזאָגט: דאָס 19) איז נאָר גערעדט ביי אַ קראַנקען וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג 20), אָבער ביי אַ קראַנקען וואָס רופֿט דאָס אַליין אַרויס (דאַרף מען האָבען) פֿערציג סאָה.—רב יוסף האָט געזאָגט: רב נחמן׳ס קרוג איז צעבראָכען געוואָרען 21).—אַז רבין איז געקומען, האָט ער געזאָגט: אין אושא איז געווען דער פֿאַל (ב׳) אין רב אושעיא׳ס פֿאָרצימער, אַז מען איז געקומען און מען האָט עס רב אסי׳ן געפֿרעגט, האָט ער געענטפֿערט: דאָס 22) איז נאָר גערעדט ביי אַ קראַנקען וואָס רופֿט דאָס אַליין אַרויס, אָבער אַ קראַנקער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג איז איבערהויפּט פּטור. האָט רב יוסף געזאָגט: רב נחמן׳ס קרוג איז ווידער גאַנץ געוואָרען 23).

אַ יאָ, אַלע אמוראים און תנאים זיינען מחולק איבער עזרא׳ס (תקנה), טאָ לאָמיר זעהן, ווי האָט עזרא מתקן געווען! האָט אביי געזאָגט: עזרא האָט מתקן געווען פֿאַר אַ געזונטען וואָס רופֿט דאָס אַליין אַרויס פֿערציג סאָה און פֿאַר אַ געזונטען וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג ניין קב; זיינען געקומען די אמוראים 24) און זיינען מחולק ביי אַ קראַנקען: דער רבי 25), האַלט אַז אַ קראַנקער וואָס

פּירוש.

1) ער האָט דיזען צונאָמען באַקומען, ווייל ער פֿלעגט אַלץ מקבל באהבה זיין און פלעגט זאָגען אויף יעדער צרה וואָס עס האָט איהם געטראָפֿען: „גַּם זוּ לְטוֹבָה!״ (דאָס איז אויך צום גוטען). 2) לַחַשׁ. דיזער אויסדרוק ווערט געברויכט ווען עס ווערט געלערנט אַ היתר וואָס מען וויל ניט אַז ער זאָל בעקאַנט ווערען אין דער ברייטער עפֿענטליכקייט, ווי דאָ, אָדער ווען עס ווערט געוואָרענט פֿאַר אַ פֿאַלשער פֿאַרטייטשונג פֿון אַ פסוק (זעה צב״ש זייטע 24 ערשטע שורה). 3) אַז בן עזאי האָט עס עפֿענטליך געלערנט. 4) ד״ה אַז בן עזאי האָט עס אויך נאָר בסוד געזאָגט. 5) ד״ה בן עזאי האָט עס בכונה עפֿענטליך בעקאַנט געמאַכט, כדי מען זאָל וויסען אַז טבילה איז ניט נויטיג, ווייל די טרחה פֿון טבילה איז אַזוי גרויס אַז זי שטערט דאָס לערנען פֿון תורה און פֿעראורזאַכט אַז מען זאָל ווייניגער מקיים זיין די ערשטע מצוה, צו זיין פֿרוכטבאַר און פֿאַרמעהרען זיך. 6) ד״ה כדי זיי זאָלען ניט האָבען צופֿיעל געשלעכט־ליבען פֿאַרקעהר דאַדורך וואָס עס ווערט אַלגעמיין בעקאַנט אַז עס איז ניט נויטיג צו האָבען קיין ריכטיגע טבילה. 7) ד״ה אַז מען באַגנוגט זיך מיט אַרויפֿגיסען ניין קב. 8) אַז מען איז זיך טובל אין פֿערציג סאה וואַסער (אַ סְאָה איז 6 קב, אַ קב איז אַ כלי וואָס קען אַריינגעהמען 24 מיטעל גרויסע אייער). 9) בעלי קרי. 10) אם כן טהוען זיי דאָך מיט דער טבילה נאָר זייער חוב, טאָ וואָס איז דאָ שייך צו רעדען וועגען אַ מעלה. 11) גָּדֵר—צוים, דאָסזעלבע וואָס סְיָג (זעה „פירוש״ זייטע 10 נומ. 21). 12) צו זיין מיט איהר אַליין, וועלכעס איז ניט ערלויבט. 13) אויב דו קומסט צו אונריינע געדאַנקען דורך זיין מיט מיר ביחידות און דאָס פֿעראורזאַכט אַז דו ווערסט אַ בעל קרי. — מיר זעהען אַלזאָ דערפֿון אַז די איינפֿיהרונג פֿון פֿערציג סאה היט אָפּ פֿון זינד.

14) אין איהר ערלויבט זיך נוהג צו זיין ווי ר׳ יהודה בן בתירא. 15) ד״ה אין וואַרעמע וואַסער. 16) אַז דיזע טבילה דאַרף זיין אין אַ מקוה ווי אַלע טבילות.

17) וואָס מען פֿלעגט אַרויפֿגיסען אין דער פֿריה פֿאַר׳ן לערנען אויף די תלמידים וואָס זיינען געווען בעלי קרי. 18) דער דיקער. — אין דעם מינכענער כתב יד שטעהט „קלסתראה״ — דער צנוע. 19) וואָס שטעהט אַז עס איז גענוג אַרויפֿצוגיסען ניין קב. 20) ד״ה ביי אַ קראַנקען וואָס ווערט ניט ווילענדיג אַ בעל קרי. 21) ד״ה די תקנה איז ניט נויטיג געווען, ווייל עס טרעפֿט זיך זעלטען אַז אַ קראַנקער זאָל ווערען אַ בעל קרי ניט ווילענדיג. 22) וואָס שטעהט אַז מען דאַרף אַרויפֿגיסען ניין קב. 23) ד״ה לויט רב אסי׳ס ענטפֿער איז רב נחמן׳ס תקנה טאַקע ניצליך געווען.

24) רב דימי און רבין. 25) רב דימי.

וואָס האָבען געהאַט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר מיט אַ נדה 1) מעגען לייענען אין דער תורה 2) און אין נביאים און כתובים 3) און לערנען משנה און גמרא און הלכות און אגדות 4), אָבער אַ בעל קרי טאָר דאָס ניט 5). ר׳ יוסי אָבער זאָגט: ער מעג לערנען די משניות וואָס זיינען איהם געלייפֿיג, ער טאָר אָבער ניט ערקלערען די משנה 6). ר׳ יוחנן בן יוסף זאָגט: ער מעג ערקלערען די משנה, אָבער ער טאָר ניט ערקלערען די גמרא 7). ר׳ נתן בן אבישלום זאָגט: ער מעג אפילו די גמרא אויך ערקלערען, נאָר ער זאָל ניט אויסרעדען די שמות 8) וואָס איז דאָ אין דעם. ר׳ יוחנן הסנדלר 9), דער תלמיד פֿון ר׳ עקיבא, זאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ עקיבא: ער טאָר איבערהויפט ניט אַריינקומען צו באַלעהרען 10), און מאַנכע זאָגען 11): ער טאָר איבערהויפט ניט אַריינקומען אין בית מדרש. ר׳ יהודה זאָגט: ער מעג לערנען די הלכות פֿון „דרך ארץ" 12).— ר׳ יהודה׳ן האָט זיך אַמאָל געטראָפֿען קרי, איז ער געגאַנגען צום טייך. האָבען זיינע תלמידים צו איהם געזאָגט: רבי, לערן מיט אונז אַ פרק אין די הלכות פֿון „דרך ארץ"! איז ער אַרונטערגעגאַנגען און האָט זיך טובל געווען און האָט מיט זיי געלערנט. האָבען זיי איהם געזאָגט: רבי, דו האָסט דאָך אונז געלערנט: „ער מעג לערנען די הלכות פֿון „דרך ארץ"! האָט ער זיי געענטפֿערט: הגם איך בין מקיל פֿאַר אַנדערע, בין איך מחמיר פֿאַר זיך זעלבסט.

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: ר׳ יהודה בן בתירא פֿלעגט זאָגען: די רייד פֿון דער תורה קענען ניט אָננעהמען קיין טומאה 13). עס איז געווען אַ מעשה מיט אַ תלמיד, וואָס האָט געשטאָטערט 14) אין דער געגענוואַרט פֿון ר׳ יהודה בן בתירא, האָט ער צו איהם געזאָגט: מיין זוהן, עפֿען אויף דיין מויל און דיינע ווערטער זאָלען לייכטען, ווייל די רייד פֿון דער תורה קענען ניט אָננעהמען קיין טומאה, ווי עס שטעהט געשריבען 15): „מיינע רייד זיינען דאָך ווי פֿייער, זאָגט גאָט", (ד״ה) אַזוי ווי פֿייער נעהמט ניט אָן קיין טומאה, אַזוי קענען די רייד פֿון דער תורה ניט אָננעהמען קיין טומאה.

דער רבי האָט פֿריהער געזאָגט: „ער מעג ערקלערען די משנה, אָבער ער טאָר ניט ערקלערען די גמרא", אונטערשטיצט דאָס ר׳ אילעי׳ן; וואָרום ר׳ אילעי האָט געזאָגט אַז רב אחא בר יעקב האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון אונזער רבי 16): דער דין איז, אַז ער מעג ערקלערען די משנה, אָבער ער טאָר ניט ערקלערען די גמרא. און דאָס איז ווי תנאים (האָבען געלערנט): ער מעג ערקלערען די משנה, אָבער ער טאָר ניט ערקלערען די גמרא; דאָס זיינען די רייד פֿון ר׳ מאיר. ר׳ יהודה בן גמליאל אָבער זאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ חנינא בן גמליאל: ער טאָר ביידע זאַכען ניט; און מאַנכע זאָגען 17): ער מעג ביידע זאַכען. איז דער וואָס זאָגט, אַז ער טאָר ביידע זאַכען נים, האַלט ווי ר׳ יוחנן הסנדלר, און דער וואָס זאָגט, אַז ער מעג ביידע זאַכען, האַלט ווי ר׳ יהודה בן בתירא 18).

רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט 19): די וועלט איז זיך נוהג 20) ווי יענע דריי אַלטע: ווי ר׳ אלעי אין ראשית הגז 21), ווי ר׳ יאשיה אין כלאים 22), ווי ר׳ יהודה בן בתירא אין די רייד פֿון דער תורה. „ווי ר׳ אלעי אין ראשית הגז", וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: „ר׳ אלעי זאָגט: ראשית הגז איז נאָר איינגעפֿיהרט אין ארץ ישראל"; „ווי ר׳ יאשיה אין כלאים", וואָרום עס שטעהט געשריבען 23): „דו זאָלסט נים פֿאַרזייען דיין וויינגאָרטען מיט פֿאַרשיעדענע מינים", זאָגט ר׳ יאשיה, אַז מען איז נאָר דאַן חייב ווען מען פֿאַרזייט ווייץ און גערשטען און וויינטרויבען-קערענדליך מיט איין וואָרף פֿון דער האַנד 24); „ווי ר׳ יהודה בן בתירא אין די רייד פֿון דער תורה", וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: „ר׳ יהודה בן בתירא זאָגט: די רייד פֿון דער תורה קענען ניט אָננעהמען קיין טומאה". אַז זעירי איז געקומען, האָט ער געזאָגט: זיי 25) האָבען בטול געמאַכט די טבילה 26), און מאַנכע זאָגען 27): זיי האָבען בטול געמאַכט דאָס וואַשען די הענט 28), ווי (עס שטעהט 29), אַז רב חסדא פֿלעגט שעלטען די וואָס נעהען זוכען וואַסער אין דער צייט פֿון דאַווענען.

פירוש.

צָרַעַת אין איהרע פֿאַרשיעדענע פֿאָרמען איז אַ האַרבע טומאה און ווערט אויספֿיהרליך בעהאַנדעלט אין ויקרא י״ג וי״ד. 1) וועלכע זיינען טמא זיעבען טעג. 2) חומש. 3) תהלים, משלי, איוב, די פֿינף מגילות, דניאל, עזרא, נחמיה און דברי הימים. 4) ווייל זיי קענען דאָס טהון מיט דער נעטיגער מורא און פֿורכט א.א.וו. דער וואָס איז געווען מיט אַ נדה דאַרף זיך אָבער פֿריהער טובל זיין. אין דעם מינכענער כתב יד שטעהט „במשנה ובמדרש ובתלמוד א.א.וו." (זעה זייטע 41 און אַנמערקונג זייטע 53). 5) ווייל עס פֿעהלט איהם געוועהנליך דער ערנסט וואָס איז נויטיג דערצו. 6) ווייל דערביי דאַרף מען זיך פֿאַרטיעפֿען. 7) ווייל דאָס איז נאָך טיעפֿער. לויט רש״י דאַרף דאָ שטעהן „מדרש" אָנשטאָט „גמרא". 8) גאָט׳ס נעמען. 9) דער שוסטער. 10) קיין שום זאַך ניט, נאָר ער דאַרף שווייגען אין בית מדרש. 11) אַז ר׳ יוחנן הסנדלר האָט געזאָגט. 12) די מסכתא „דרך ארץ" וועלכע ענטהאַלט גוטע הנהגות און מדות פֿון תלמידי חכמים. נאָך ר׳ יהודה זיינען די ברכות ביים עסען ניט קיין מצות נאָר גוטע הנהגות.

13) און אַ טמא מעג זיך דערפֿאַר באַשעפֿטיגען מיט דער תורה. 14) ד״ה ער האָט געערדט צו שנעל און האָט זיך דערפֿאַר געפּלאָנטערט. ער איז נעמליך געווען אַ בעל קרי. 15) ירמיה כ״ג כ״ט.

16) רב. 17) אַז ר׳ יהודה בן גמליאל האָט געזאָגט. 18) זעה די ביידע פֿריהערדיגע מאמרים.

19) „חולין" קל״ו ב׳. 20) מקיל צו זיין. 21) רֵאשִׁית הַגֵּז—דאָס ערשטע ביסעל פֿון די וואָל וואָס מען שערט אָפּ פֿון די שעפּסען און וועלכעס עס דאַרף געגעבען ווערען צו די כהנים. 22) כִּלְאַיִם—פֿאַרזייען אַ פֿעלד מיט צוזאַמענגעמישטע זריעות פֿון פֿאַרשיעדענע מינים אָדער צונויפֿפּאָרען חיות און בוימער פֿון פֿאַרשיעדענע מינים, וועלכעס איז פֿאַרבאָטען ○). 23) דברים כ״ב ט׳. 24) וואו עס איז דאָ אַ דאָפּעלטער כלאים, די פֿאַרמישונג פֿון זריעות מיט נטיעות און די פֿאַרמישונג פֿון צוויי מינים זריעות, ווייץ און גערשטען וואָס איז אַן און פֿאַר זיך שוין כלאים. 25) די חכמים. 26) וואָס עזרא האָט מתקן געווען פֿאַר בעלי קרי בעפֿאָר זיי געהען לערנען תורה אָדער לייענען ק״ש (נאָך רב האי גאון נאָר פֿאַר ק״ש). 27) אַז זעירי האָט געזאָגט. 28) פֿאַר לערנען תורה א.א.וו. 29) זעה זייטע 54 און „פירוש" דאָרט נום. 6 און 7.

○) אין דעם מינכענער כתב יד איז די אָרדנונג אַנדערש: „כר׳ יהודה בן בתירא בדברי תורה, כר׳ יאשיה בכלאים, כר׳ אלעי בראשית הגז, כר׳ יהודה ב״ב בדברי תורה הא דאמרן, כר׳ יאשיה בכלאים דתניא: ר״י אומר אינו חיב וכו׳, כר׳ אלעי בראשית הגז דתניא וכו׳״, און אַזוי איז אויך די אָרדנונג אין „אלפס" און „רא״ש".

ווייק־וואסער 1), ביז מען טהוט אין דעם ניט אריין ווא-
סער 2). און ווי ווייט זאָל מען זיך מתרחק זיין דערפון 3)
און פון צואה? פיער איילען.

גמרא.

די רבנן האָבען געלערנט: אַז מען האַלט אין מיטען שמונה עשרה און מען דערמאָהנט זיך אַז מען איז אַ בעל קרי זאָל מען ניט אויפהערען, נאָר מען זאָל מקצר זיין; אַז מען האַלט אין לייענען אין דער תורה און מען דערמאָהנט זיך אַז מען איז אַ בעל קרי זאָל מען ניט אויפהערען און אַוועקגעהן, נאָר מען לייענט עס אָפּ חאַפּענדיג. ר' מאיר זאָגט: אַ בעל קרי טאָר ניט לייענען אין דער תורה מעהר ווי דריי פסוקים 4).—אין אַ בריתא ווייטער ווערט געלערנט: אַז מען האַלט אין מיטען שמונה עשרה און מען באַמערקט פאַר זיך צואה זאָל מען געהן פאָרווערטס, ביז מען האָט עס פיער איילען הינטער זיך.—עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ בריתא: אָן אַ זייט 5)?—עס איז קיין קשיא ניט; דאָס 6) איז אַז עס איז מעגליך און יענעס 7) אַז עס איז אונמעגליך.—אַז מען האָט אָפּגעדאַווענט און מען געפינט צואה אויף דעם אָרט, האָט רבה געזאָגט, אַז הגם מען האָט געזינדיגט, איז די תפלה אַ (גוטע) תפלה. האָט רבא דאַגעגען אויסגעזעצט 8): עס איז דאָך „דער קרבן פון רשעים איז אַן עקעל" 9)? און רבא האָט דערפאַר אַזוי געזאָגט: אַזוי ווי דאָס איז געווען גזינדיגט, איז, הגם מען האָט געדאַווענט, די תפלה אַן עקעל 10).

די רבנן האָבען געלערנט: אַז מען האַלט אין מיטען שמונה עשרה און וואַסער 11) (הייבט אָן צו) טראָפּען אויף די קניע, זאָל מען אויפהערען ביז די וואַסער הערט אויף און נאָכהער הייבט מען ווידער אָן צו דאַווענען. פון וואַנען הייבט מען אָן? זיינען רב חסדא און רב המנונא (מחולק); איינער זאָגט: מען הייבט אָן פון אָנהויב, און דער אַנדערער זאָגט: פון דעם אָרט וואו מען איז שטעהן געבליבען. מען קען זאָגען אַז זיי זיינען מחולק דעריין: (כ"ג א') איין רבי האַלט, אַז אויב עס געדויערט 12) (אַזוי לאַנג) אַז מען זאָל קאָנען ענ-דיגען אין גאַנצען הייבט מען אָן פון אָנהויב, און דער אַנ-דערער רבי האַלט, פון דעם אָרט וואו מען איז שטעהן גע-בליבען 13). האָט רב אשי געזאָגט: דאָס דאָזיגע „אויב עס געדויערט" ברויכט דאָך נאָך צו האָבען אַן „אויב עס געדווי-ערט ניט" 14): נאָר אַלע האַלטען טאַקע, אַז אויב עס גע-דויערט (אַזוי לאַנג) אַז מען זאָל קענען ענדיגען אין גאַנצען הייבט מען אָן פון אָנהויב, נאָר דאָ זיינען זיי מחולק אַז עס געדויערט ניט, האַלט איין רבי, אַז דער דאָזיגער מענש האָט געדאַרפט אָפּלעגען 15) און איז (לכתחלה) ניט געווען ראוי 16) און זיין תפלה איז (דערפאַר) קיין תפלה ניט 17), און דער אַנדערער רבי האַלט, אַז דער דאָזיגער מענש איז יאָ גע-ווען ראוי 18), און זיין תפלה 19) איז (דערפאַר) יאָ אַ תפלה 20).

די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס דאַרף האָבען נקיות טאָר ניט דאַווענען, און אויב ער האָט יאָ געדאַווענט איז זיין תפלה אַן עקעל. רב זביד, און מאַנכע זאָגען אַז רב יהודה, האָט געזאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט אַז ער קען זיך ניט איינהאַלטען, אָבער אויב ער קען זיך יאָ איינהאַלטען, איז זיין תפלה אַ (ריכטיגע) תפלה. און ווי לאַנג? האָט רב ששת געזאָגט: ביז אַ מייל 21). עס זיינען דאָ וועלכע לערנען דאָס אין דער בריתא (גופא) 22): דאָס איז נאָר גערעדט אַז ער קען זיך ניט איינהאַלטען, אָבער אויב ער קען זיך יאָ איינ-האַלטען איז זיין תפלה אַ תפלה. און ווי לאַנג? האָט רב זביד געזאָגט: ביז אַ מייל.—ר' שמואל בר נחמן, האָט גע-זאָגט אַז ר' יונתן האָט געזאָגט: דער וואָס דאַרף האָבען נקיות טאָר ניט דאַווענען, ווייל עס שטעהט געשריבען 23): „גרייט זיך צו פאַר דיין גאָט, ישראל!"—ווייטער האָט ר' שמואל בר נחמני געזאָגט אַז ר' יונתן האָט געזאָגט: דאָס וואָס שטעהט געשריבען 24): „היט דיין פוס ווען דו געהסט אין גאָט'ס הויז" (מיינט): היט זיך אַז דו זאָלסט ניט זינדי-גען, און אויב דו זינדיגסט יאָ, ברענג מיר אַ קרבן 25). „און נאָהענט צו הערען די רייד פון חכמים" 26), האָט רבא ער-

פירוש.

1) וואַסער וואָס מען ווייקט אין דעם פלאַקס, וועלכעס שטינקט אויך. 2) ד"ה ריינע וואַסער.—ווייטער אין דער גמרא, כ"ה ב', ווערט דיזע שטעלע פון דער משנה קאָריגירט און עס דאַרף שטעהן „און אין השתנה ביז מען א.א.וו.". דאָס באַציהט זיך אַלזאָ ניט אויף שלעכטע און ווייק־וואַסער. 3) פון השתנה, ווען מען וויל לייענען ק"ש.

4) אַזוי ווי ביי קריאת התורה אין שוהל, וואָס טאָר ניט זיין ווייני-גער פון דריי פסוקים (זעה „מגילה" כ"ג ב'). 5) ד"ה אַז מען זאָל געהן אָן אַ זייט און ניט פאָרווערטס. 6) וואָס שטעהט אַז פאָרווערטס. 7) וואָס שטעהט אַז אָן אַ זייט. 8) מַתְקִיף דריקט אויס אַ האַרבע קשיא, וואו דער איינוואַנד שטיצט זיך געוועהנליך אויף אַ ראַציאָנעלע באַגרינדונג און ניט אויף אַן אויטאָריטאַטיווע איבערליפערטע לעהרע. 9) דאָס איז אַ פסוק אין „משלי" כ"א כ"ז. ד"ה דער קרבן פון אַ רשע איז אַן עקעל אפילו ווען דער קרבן איז אַן און פאַר זיך ריכטיג. 10) און מען דאַרף דער-פאַר נאָך אַמאָל דאַווענען.—לויט „תוספות" האַנדעלט עס זיך אין אַן אָרט וואָס מען האָט געקענט ערוואַרטען אַז עס איז דאָרט דאָ צואה.

11) השתנה. 12) דאָס איינהאַלטען זיך. 13) ד"ה די מחלוקת דרעהט זיך אום די פראַגע, ווי לאַנג דאָס איינהאַלטען זיך האָט געדויערט. 14) ד"ה אין דער מחלוקת פון רב חסדא און רב המנונא האָט געדאַרפט זיין אַ חילוק צווישען אויב עס געדויערט און אויב עס געדויערט ניט, און אַזוי ווי דער חילוק פעהלט איז אַ סימן אַז דאָס מיינט אפילו אויב עס געדויערט ניט. 15) די תפלה. 16) צו דאַווענען, ווייל ער האָט דאָך געפיהלט אַז ער וועט אין גיכען דאַרפען משתין זיין. 17) און ער דאַרף דערפאַר צוריק אָנהייבען פון אָנפאַנג. 18) נאָר ער האָט ניט געקענט פאָראויסזעהן אַז ער וועט מוזען אין מיטען אונטערברעכען. 19) ביז דאָס וואַסער האָט אָנגעהייבען צו קומען פון זיך. 20) און דערפאַר דאַרף ער נאָר אָנהייבען פון דעם אָרט וואו ער איז שטעהן געבליבען.

21) ד"ה זיך איינהאַלטען אַזוי לאַנג וויפיעל עס געדויערט צו געהן אַ מייל (פרסה), ד.ה. אונגעפעהר אַ שעה. 22) ד"ה דער מאמר „דאָס איז נאָר גערעדט א.א.וו.", וואָס שטעהט פריהער אין נאָמען פון רב זביד אָדער רב יהודה, שטאַמט באמת ניט פון זיי נאָר געהערט צו דער בריתא גופא אַלס אַ המשך פון „דער וואָס דאַרף האָבען נקיות א.א.וו.", און אַלין וואָס רב זביד האָט געזאָגט איז ניט מעהר ווי „ביז אַ מייל". 23) עמוס ד' י"ב. 24) קהלת ד' י"ז. 25) ד"ה היט זיך ניט צו זינדיגען, ווּעסטו פאַרשפּאָרען צו בעמיהען דיינע פיס צו געהן אין גאָט'ס הויז כדי צו ברענגען אַ קרבן. 26) דיזער און די ווייטערדיגע ציטאַטען זיינען

רופט דאָס אַליין אַרויס איז ווי אַ געזונטער וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס, און אַ קראַנקער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג איז ווי אַ געזונטער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג, און יענער רבי 1) האַלט, אַז אַ קראַנקער וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס איז ווי אַ געזונטער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג, און אַ קראַנקער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג איז איבערהויפּט פּטור. האָט רבא געזאָגט: מילא טבילה 2) „האָט עזרא טאַקע מתקן געווען, אָבער האָט ער דען מתקן געווען דאָס אַרויסגיסען 3)? דער רבי האָט דאָך (אַליין) געזאָגט 4): „עזרא האָט מתקן געווען טבילה פאַר בעל קריין! האָט רבא אַזוי געזאָגט: עזרא האָט מתקן געווען טבילה אין פערציג סאָה פאַר אַ געזונטען וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס, זיינען געקומען די רבנן און האָבען מתקן געווען ניין קב פאַר אַ געזונטען וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג, זיינען (נאָכהער) געקומען די אמוראים 5) און זיינען מחולק ביי אַ קראַנקען: דער רבי האַלט, אַז אַ קראַנקער וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס איז ווי אַ געזונטער וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס, און אַ קראַנקער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג איז ווי אַ געזונטער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג, און יענער רבי האַלט, אַז אַ געזונטער וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס (דאַרף האָבען) פערציג סאָה, און אַ קראַנקער וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס איז ווי אַ געזונטער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג (און דאַרף האָבען) ניין קב, אָבער אַ קראַנקער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג איז איבערהויפּט פּטור.—רבא האָט געזאָגט: דער דין איז, אַז אַ געזונטער וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס און אַ קראַנקער וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס (דאַרפען האָבען) פערציג סאָה, און אַ געזונטער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג (דאַרף האָבען) ניין קב, אָבער אַ קראַנקער וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג איז איבערהויפּט פּטור.

די רבנן האָבען געלערנט 6): „אַ בעל קרי וואָס מען האָט אויף איהם אַרויפגעגאָסען ניין קב וואַסער איז טהור". דאָס איז נאָר גערעדט אַז פאַר זיך 7), אָבער פאַר אַנדערע 8) (דאַרף מען האָבען) פערציג סאָה; ר' יהודה אָבער זאָגט: פערציג סאָה אויף יעדען פאַל. ר' יוחנן און ר' יהושע בן לוי, און ר' אלעזר און ר' יוסי בר' חנינא, איינער פון דער פּאָר און איינער פון דער אַנדערער פּאָר (זיינען מחולק) מכח דעם אָנהויב 9): איינער זאָגט, אַז דאָס וואָס שטעהט „דאָס איז נאָר גערעדט אַז פאַר זיך, אָבער פאַר אַנדערע (דאַרף מען האָבען) פערציג סאָה" באַציהט זיך נאָר אויף אַ קראַנקען וואָס רופט דאָס אַליין אַרויס, אָבער פאַר אַ קראַנקען וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג (גענוגט) ניין קב, און דער אַנדערער זאָגט, אַז וויבאַלד פאַר אַנדערע איז אפילו ביי אַ קראַנקען וואָס עס פּאַסירט ביי איהם ניט ווילענדיג מוז זיין פערציג סאָה; און איינער פון דער פּאָר און איינער פון דער אַנדערער פּאָר (זיינען מחולק) מכח דעם סוף 10): איינער זאָגט, אַז דאָס וואָס ר' יהודה זאָגט „פערציג סאָה אויף יעדען פאַל" באַציהט זיך נאָר ווען עס איז אין דער ערד 11), אָבער ניט אין כלים, און דער אַנדערער זאָגט, אַז אפילו אין כלים אויך.—מילא נאָך דעם וואָס זאָגט, אַז אפילו אין כלים, איז רעכט דאָס וואָס ווערט געלערנט: „ר' יהודה אָבער זאָגט: פערציג סאָה אויף יעדען פאַל", אָבער נאָך דעם וואָס זאָגט, אַז אין דער ערד יאָ, אָבער אין כלים ניט, טאָ וואָס זאָל דאָ „אויף יעדען פאַל" מרבה זיין?—עס איז מרבה געשעפּטע וואַסער 12).

רב פּפּא און רב הונא דער זוהן פון ר' יהושע און רבא דער זוהן פון שמואל האָבען צוזאַמען געגעסען, האָט רב פּפּא צו זיי געזאָגט: לאָזט מיך בענטשען 13), ווייל אויף מיר איז געקומען ניין קב. האָט רבא דער זוהן פון ר' שמואל צו זיי געזאָגט: מיר האָבען דאָך געלערנט: „דאָס איז נאָר גערעדט אַז פאַר זיך, אָבער פאַר אַנדערע (דאַרף מען האָבען) פערציג סאָה", טאָ לאָזט מיך בענטשען, ווייל אויף מיר איז געקומען פערציג סאָה. האָט זיך רב הונא צו זיי אָפּגערופען: לאָזט בעסער מיך בענטשען, ווייל איך האָב ניט געהאַט ניט דאָס און ניט יענעס 14). — רב חמא פלעגט זיך טובלן 15) אום ערב פסח 16) כדי מוציא זיין אַנדערע זייער פליכט 17); אָבער דער דין איז ניט ווי ער 18).

משנה ד'.

אז מען האלט אין מיטען שמונה עשרה און מען דערמאהנט זיך אז מען איז א בעל קרי זאל מען ניט אויפהערען, נאר מען זאל מקצר זיין 19). אז מען געהט אראפ זיך טובלן 20), איז אויב מען קען ארויסקומען און זיך צודעקען און לייענען בעפאר די זון הייבט אן צו שיינען, זאל מען ארויסקומען און זיך צודעקען און לייענען, און אויב ניט, זאל מען זיך באדעקען מיט'ן וואסער און לייענען. אבער מען זאל זיך ניט באדעקען ניט מיט שלעכטע וואסער 21) און ניט מיט

פירוש.

1) רבין. 2) אין 40 סאה. 3) פון 9 קב. 4) ב"ק פ"ב א'. 5) רב דימי און רבין.

6) זעה זייטע 81. 7) ד"ה אַז מען וויל זעלבסט לערנען תורה. 8) ד"ה אַז מען וויל לערנען מיט אַנדערע. 9) ד"ה אין די רייד פון דעם ערשטען תנא. 10) ד"ה אין ר' יהודה'ס רייד. 11) ד"ה אַז די פערציג סאה וואָס דער בעל קרי דאַרף זיך טובלן אין זיימוזען זיין אין דער ערד, ד"ה אין אַ גרוב. 12) ד"ה אַז די פערציג סאה מעג זיין וואַסער וואָס מען האָט געשעפּט פון אַן אַנדער אָרט און אַריינגעטהאָן אין דער גרוב און ניט דוקא וואַסער וואָס קוועלט פון דיזער גרוב גופא.

13) מזומן. 14) ד"ה ווייל ער איז בכלל ריין געווען און האָט קיין קרי ניט געהאַט. 15) אין פערציג סאה. 16) פאַר'ן קרבן פסח. 17) ווייל ער פלעגט לערנען מיט אַנדערע; אָבער אַ גאַנץ יאָהר פלעגט ער זיך באַגנוגען מיט ניין קב. 18) ד"ה ווייל ענטוועדער גענוגט ניין קב סיי פאַר זיך סיי פאַר אַנדערע, אָדער עס בלייבט ווי ר' יהודה בן בתירא, אַז אַ בעל קרי דאַרף דאָס אויך ניט.

19) ד"ה נאָר זאָגען דעם אָנהויב און סוף פון יעדער ברכה. 20) און עס קומט אָן די צייט פון לייענען ק"ש. 21) ד"ה שטינקעדיגע וואַסער.

איז ניט ווייער כלי מעג זיין אפילו ווייניגער פֿון אַ טפח 1). מר זוטרא, און מאַנכע זאָגען אַז רב אשי, האָט געזאָגט: אַ בעוויז איז 2), ווארום קליינע קריגלעך 3) ראַטעווען אָפּ 4) אין דעם געצעלט פֿון אַ מת 5).—ווייטער האָט רבה בר בר חנה געזאָגט: אַז מיר פֿלעגען נאָכגעהן נאָך ר' יוחנן 6) און ער פֿלעגט וועלען אַריינגעהן אין אַ בית הכסא, איז אַז ער פֿלעגט האַלטען אַ ספר פֿון אגדה פֿלעגט ער עס אונז געבען, אָבער אַז ער פֿלעגט האַלטען תפילין פֿלעגט ער אונז ניט געבען, (און) האָט געזאָגט: אַזוי ווי די רבנן האָבען עס ערלויבט 7), (ב') וועלען מיר עס (בעסער אַליין) היטען. רבא האָט געזאָגט: אַז מיר פֿלעגען נאָכגעהן נאָך רב נחמן, איז אַז ער פֿלעגט האַלטען אַ ספר פֿון אגדה פֿלעגט ער עס אונז געבען 8), אָבער אַז ער האָט געהאַלטען תפילין פֿלעגט ער אונז ניט געבען, (און) האָט געזאָגט: אַזוי ווי די רבנן האָבען עס ערלויבט, וועלען מיר עס (בעסער אַליין) היטען 9).

די רבנן האָבען געלערנט 10): „אַ מענש טאָר ניט האַלטען קיין תפילין אין דער האַנד אָדער אַ ספר תורה אין אָרעם און דאַווענען 11), און טאָר ניט משתין זיין בעת מעשה, און טאָר ניט שלאָפֿען ניט קיין ריכטיגען שלאָף און ניט קיין דרעמעל 12). האָט שמואל געזאָגט: אַ מעסער און געלד און אַ שיסעל 13) און אַ לעבעל (ברויט) איז דעסגלייכען" 14). רבא האָט געזאָגט אַז רב ששת האָט געזאָגט: דער דין איז ניט ווי דיזע ברייתא 15), ווייל זי איז לויט בית שמאי 16), וואָרום אויב לויט בית הלל, איז מה דאָך עס איז ערלויבט 17) אין אַ שטענדיגען בית הכסא, איז דאָך אין אַ צייטווייליגען בית הכסא 18) אודאי (ערלויבט). האָט מען דערויף גע-פֿרעגט 19): „די זאַכען וואָס איך האָב דיר דאָ 20) ערלויבט, האָב איך דיר דאָרט 21) פֿאַרוועהרט" מיינט דאָך אודאי תפילין 22); היינט אויב דו ווילסט זאָגען לויט בית הלל, האָב איך דיר דאָ ערלויבט אין אַ שטענדיגען און האָב דיר דאָרט פֿאַרוועהרט אין אַ צייטווייליגען בית הכסא, אָבער אויב דו ווילסט זאָגען לויט בית שמאי, ערלויבען זיי דאָך בכלל גאָר ניט 23)!—יענע ברייתא איז גאָר געלערנט געוואָרען וועגען איין טפח און צוויי טפחים 24), וואָרום איינמאָל ווערט גע-לערנט: „אַז מען געהט אויף נקיות זאָל מען זיך אָפּדעקען פֿון הינטען איין טפח 25) און פֿון פֿאָרענט צוויי טפחים 26)", און אין אַן אַנדער ברייתא ווערט געלערנט: „פֿון הינטען אַ טפח און פֿון פֿאָרענט גאָר ניט", מיינט עס דאָך אודאי אַז ביידע 27) (באַציהען) זיך אויף אַ מאַן, און עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָ 28) (האַנדעלט זיך) מכח שטוהל גאַנג און דאָרט 29) מכח השתנה 30); אָבער ווי לעגט זיך דאָס אויף'ן שכל, וואָרום אויב ביי השתנה, טאָ צו וואָס זאָל מען אי-בערהויפּט דאַרפֿען פֿון הינטען אַ טפח? אלא מסתמא האַנ-דעלט עס זיך אין ביידע 31) מכח שטוהל גאַנג, און עס איז קיין קשיא ניט 32), ווייל דאָ 33) (האַנדעלט זיך) מכח אַ מאַן און דאָרט 34) מכח אַ פֿרוי 35). אויב אַזוי 36), טאָ וואָס (מיינט) דאָס וואָס ווערט געלערנט דערביי 37): „דאָס איז אַ קל וחומר וואָס דאַגעגען איז ניטאָ קיין ערווידערונג" 38)? וואָס הייסט „וואָס דאַגעגען איז ניטאָ קיין ערווידערונג 39)? דאָס ליעגט דאָך אין דער נאַטור 40)! אלא אודאי (באַציהט זיך דאָס) אויף תפילין. איז דאָס אַן אָפּפֿראַגע אויף דאָס וואָס רבא (האָט געזאָגט) אַז רב ששת האָט געזאָגט 41)? יאָ, עס

פירוש.

כדי עס זאָל זיין ווי אַן אָהל (זעה „פירוש" זייטע 71 נומ. 19) און מפסיק זיין צווישען זיי און דעם שמוץ. 1) ווייל דאַדורך וואָס עס איז ניכר איז דאָס אַ מחיצה. 2) פֿאַר דאָס וואָס אביי האָט געזאָגט. 3) וואָס זיינען ניט ברייט קיין טפח, נאָר זיי האָבען אַ דעקעל און זיי זיינען פֿערבונדען. 4) פֿון טומאה, ווען זיי זיינען ניט גאַנץ פֿול. 5) ווען זיי שטעהען צווישען דעם מת און אַנדערע זאַכען, ווייל זיי ווערען בע-טראַכט פֿאַר אַ מחיצה וואָס איז מפסיק און האַלט אָפּ די טומאה. 6) וועלכער איז געוועזען זיין רבי. 7) צו האַלטען אין האַנד. 8) ווען ער האָט געוואָלט אַריינגעהן אין אַ בית הכסא. 9) אין „אלפס" שטעהט „לא נטרח" ד"ה לויענט עס זיך ניט זיי (די תלמידים) מטריח צו זיין.

10) סוכה מ"א ב'. 11) ווייל זייענדיג בעזאָרגט אַז זיי זאָלען ניט אַראָפּפֿאַלען וועט ער ניט קענען מתפלל זיין מיט דער נויטיגער כונה. 12) צוליעב נפיחה. 13) וואָס איז פֿול. 14) בנוגע צו תפלה, ווייל זיינע מחשבות זיינען בעת מעשה פֿאַרנומען מיט אַכטונג געבען אַז ער זאָל זיך ניט איינשניידען מיט'ן מעסער, אָדער דאָס געלד זאָל זיך ניט צו-שיטען, אָדער די שיסעל זאָל זיך ניט אויסגיסען, אָדער דאָס ברויט זאָל ניט אַראָפּפֿאַלען און שמוציג ווערען. 15) דאָס באַציהט זיך אויף „און טאָר ניט משתין זיין בעת מעשה". 16) וועלכע זאָגען, אַז מען וויל אַריינ-געהן אין אַ בית הכסא זאָל מען זיי אויסטהון און אַוועקלעגען אויף אַ פֿענסטער, און ניט האַלטען אין האַנד (זעה זייטע 84). 17) צו האַלטען די תפילין אין האַנד (זעה דאָרט). 18) ווי עס איז דער פֿאַל דאָ אין דער ברייתא, וואָס דער פלאַץ ווערט ערשט אַ בית הכסא דאַדורך וואָס מען איז דאָרט משתין. 19) מיתיבי, זעה „פירוש" זייטע 38 נומ. 9. 20) אין אַ שטענדיגען בית הכסא. 21) אין אַ צייטווייליגען בית הכסא. 22) ד"ה וועגען האַלטען תפילין בעת מען געהט אַריין אין אַ בית הכסא, וואָס בית הלל ערלויבען אין אַ שטענדיגען בית הכסא און פֿאַרוועהרען בעת מען איז משתין. 23) אין אַ שטענדיגען בית הכסא. 24) און ניט וועגען תפילין. 25) צוליעב צניעות. 26) כדי מען זאָל ניט באַשפּריצט ווערען פֿון דער השתנה. דער אויסדרוק „די זאַכען וואָס איך האָב דיר דאָ ערלויבט א.א.וו." מיינט דערפֿאַר אַז דאָס וואָס איז ערלויבט פֿון פֿאָרענט איז ניט ערלויבט פֿון הינטען, און האָט גאָר ניט צו טהון מיט תפילין אין אַ בית הכסא. 27) און 31) ווידערשפּרעכענדע ברייתות. 28) און 33) אין דער ערשטער ברייתא. 29) און 34) אין דער צווייטער ברייתא. 30) איז גענוג פֿון פֿאָרענט אַ טפח, און פֿון הינטען ברויך מען זיך גאָרניט אָפּצודע-קען. 32) פֿון איין ברייתא אויף די אַנדערע. 35) און דער אויסדרוק „די זאַכען וואָס איך האָב דיר דאָ ערלויבט א.א.וו." מיינט אַז דאָס וואָס איז ערלויבט אָפּצודעקען ביי אַ מאַן איז ניט ערלויבט ביי אַ פֿרוי. 36) ד"ה אויב „די זאַכען וואָס איך האָב דיר דאָ ערלויבט א.א.וו." באַציהט זיך אויף די פֿראַגע פֿון איין טפח און צוויי טפחים. 37) צום סוף פֿון ידער ציטירטער ברייתא. 38) ד"ה דערביי קען מען אויפֿשטעלען אַ קל וחומר וואָס עס איז ניט מעגליך צו ווידערלעגען איהם. 39) ד"ה אויב דאָ האַנדעלט זיך מכח תפילין און לויט בית הלל, קען מען דאָ פֿרעגען אַ קל וחומר: מה דאָך אַז עס איז ערלויבט אין אַ שטענדיגען בית הכסא, דאַרף עס דאָך אודאי ערלויבט זיין אין אַ צייטווייליגען, און עס איז אונמעגליך צו ווי-דערלעגען אַזאַ קל וחומר, אָבער אויב עס האַנדעלט זיך דאָ מכח איין טפח און צוויי טפחים, טאָ וואָס פֿאַר אַ קל וחומר קען מען דאָ איבער-הויפּט פֿרעגען. 40) אַז דער מאַן מוז זיך פֿון פֿאָרענט אָפּדעקען ביי השתנה, און ניט די פֿרוי. 41) אַז די ברייתא איז לויט בית שמאי.

קלערט: זיי נאָהענט צו הערען די רייד פֿון חכמים, וואָרום אַז זיי זינדיגען ברענגען זיי אַ קרבן און טהוען תשובה; „מעהר פֿון די גאַבען פֿון די נאַראָנים"—זיי ניט 1) ווי די נאַראָנים וועלכע זינדיגען און ברענגען אַ קרבן, אָבער טהוען קיין תשובה ניט; „וואָרום זיי ווייסען ניט צו טהון שלעכטס", אם כן, זיינען זיי דאָך צדיקים! נאָר (דאָס מיינט): זיי ניט ווי די נאַראָנים וועלכע זינדיגען און ברענגען אַ קרבן, אָבער זיי ווייסען ניט צי זיי ברענגען דאָס פֿאַר אַ גוטע זאַך צי זיי ברענגען דאָס פֿאַר אַ שלעכטע זאַך. דער קב"ה זאָגט: זיי קאָנען ניט אונטערשיידען צווישען גוטס און שלעכטס, און זיי ברענגען מיר אַ קרבן! רב אשי, און אַנדערע זאָגען אַז רב חנינא בר פפא, האָט געזאָגט: היט אָפּ נקיות 2) בעפֿאָר דו שטעלסט זיך דאַווענען פֿאַר מיר.

די רבנן האָבן געלערנט: אַז איינער דאַרף אַריינגעהן אין אַ בית הכסא, זאָל ער אויסטהון די תפילין אין אַן ענטפֿערנונג פֿון פֿיער איילען און זאָל אַריינגעהן 3). רב אחא דער זוהן פֿון רב הונא האָט געזאָגט אַז רב ששת האָט געזאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט אין אַ שטענדיגען בית הכסא, אָבער אין אַ צייטווייליגען בית הכסא 4) מעג ער אויסטהון און גלייך געהן אויף נקיות. און אַז ער קומט אַרויס 5) זאָל ער זיך דערווייטערן פֿיער איילען און זיי אָנטהון, ווייל ער האָט דאָס שוין געמאַכט פֿאַר אַ שטענדיגען בית הכסא.— עס איז ביי זיי געפֿרעגט געוואָרען: מעג אַ מענש אַריינגעהן אין תפילין אין אַ שטענדיגען בית הכסא משתין צו זיין? האָט רבינא ערלויבט און רב אדא בר מתנא האָט פֿאַרווערט. איז מען געגאַנגען און מען האָט עס רבא'ן געפֿרעגט, האָט ער געענטפֿערט: עס איז פֿאַרווערט, ווייל מיר האָבן מורא טאָמער וועט ער אין זיי געהן אויף נקיות, און אַנדערע זאָגען, טאָמער וועט ער אין זיי אַ נפיחה טהון.— אין אַן אַנדער ברייתא ווערט געלערנט: אַז איינער דאַרף אַריינגעהן אין אַ שטענדיגען בית הכסא, זאָל ער אויסטהון די תפילין אין אַן ענטפֿערנונג פֿון פֿיער איילען און זאָל זיי לעגען אויף אַ פֿענסטער וואָס איז נאָהענט צו אַ רשות הרבים 6) און זאָל אַריינגעהן. און אַז ער קומט אַרויס, זאָל ער זיך דערווייטערן פֿיער איילען און זיי אָנטהון. דאָס זיינען די רייד פֿון בית שמאי; בית הלל אָבער זאָגען: ער מעג זיי האַלטען אין האַנד און אַריינגעהן. ר' עקיבא זאָגט: ער מעג זיי האַלטען אין זיין בגד און אַריינגעהן. „אין זיין בגד"! ווי פֿאַלט עס דיר איין? ער קען זיך דאָך אַמאָל פֿאַרגעסען און זיי וועלען אַרויספֿאַלען! נאָר זאָג: ער מעג זיי האַלטען אין זיין בגד און אין זיין האַנד און אַריינגעהן. און מען מעג זיי אַריינלעגען אין די לעכער וואָס זיינען נאָהענט צום בית הכסא, אָבער מען זאָל זיי ניט אַריינלעגען אין די לעכער וואָס זיינען נאָהענט צו אַ רשות הרבים, טאָמער וועלען פֿאַרבייגעהער זיי צונעהמען און עס וועט קומען צו אַ חשד; וואָרום עס האָט אַמאָל פּאַסירט מיט אַ תלמיד וואָס האָט אַוועקגעלעגט זיינע תפילין אין לעכער וואָס זיינען געווען נאָהענט צו אַ רשות הרבים, איז געגאַנגען אַ זונה און האָט זיי אַוועקגענומען און איז אַריינגעקומען אין בית המדרש און האָט געזאָגט: זעהט מיט וואָס דער און דער האָט מיר באַצאָהלט! און אַז יענער תלמיד האָט דאָס דערהערט, איז ער אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿ'ן שפּיץ דאַך און האָט זיך אַראָפּגעוואָרפֿען און איז געשטאָרבען. האָט מען צו יענער צייט מתקן געווען, אַז מען מעג זיי האַלטען אין בגד און אין דער האַנד און אַריינגעהן.

די רבנן האָבן געלערנט: צוערשט פֿלעגט מען אַריינלעגען די תפילין אין לעכער וואָס זיינען נאָהענט צום בית הכסא, פֿלעגען קומען מייז 7) און זיי אַוועקשלעפּען, האָט מען מתקן געווען אַז מען זאָל זיי לעגען אויף פֿענסטער וואָס זיינען נאָהענט צו אַ רשות הרבים 8); פֿלעגען אָבער קומען פֿאַרבייגעהער און זיי אַוועקנעהמען, האָט מען מתקן געווען אַז מען מעג זיי האַלטען אין האַנד און אַריינגעהן.— ר' מיאשא דער זוהן 9) פֿון ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דער דין איז: מען וויקעלט זיי צונויף ווי אַ ספר און מען האַלט זיי מיט דער רעכטער האַנד אַנטקעגען האַרצען. האָט רב יוסף בר מניומי געזאָגט אַז רב נחמן האָט געזאָגט: די רצועה זאָל נאָר ניט אַרויסקומען פֿון דער האַנד (די לענג פֿון) אַ טפח 10). ר' יעקב בר אחא האָט געזאָגט אַז ר' זירא האָט געזאָגט: דאָס 11) איז נאָר גערעדט אַז עס איז דאָ צייט בייטאָג אָנצוטהון זיי, אָבער אויב עס איז ניטאָ בייטאָג קיין צייט אָנצוטהון זיי, מאַכט מען פֿאַר זיי אַ מין בייטעל (וואָס איז ברייט) אַ טפח און מען לעגט זיי (דאָרט) אַריין. רבה בר בר חנה האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: ביי טאָג וויקעלט מען זיי צונויף ווי אַ ספר און מען לעגט זיי אין האַנד אַנטקעגען האַרצען, און ביי דער נאַכט 12) מאַכט מען פֿאַר זיי אַ מין בייטעל פֿון אַ טפח און מען לעגט זיי אַריין. האָט אביי געזאָגט: דאָס 13) איז נאָר גערעדט ביי אַ כלי וואָס איז זייער כלי 14), אָבער אַ כלי וואָס

פּ י ר ו ש.

די פֿאָרטזעצונג פֿון דעם אויבענדערמאָהנטען פסוק אין קהלת. 1) דאָס איז די פֿאָרטזעצונג פֿון רבא'ס ערקלערונג. 2) דאָס איז אַן אַנדער ערקלערונג פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון'ם אויבענדערמאָהנטען פסוק אין קהלת, דאָס וואָרט ר ג ל (פוס) בעדייטעט אָפֿט אין העבראַאיש נקיות, ווי „לְהָסֵךְ אֶת רַגְלָיו" (שמואל א' כ"ד ד').

3) און מעג בשעת מעשה האַלטען די תפילין אין האַנד. 4) ד"ה אַזעלכער וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט באַנוצט געוואָרען. 5) פֿון דעם צייטווייליגען בית הכסא. 6) עפֿענטליכער פּלאַץ.

7) ווייל די בתי הכסא זיינען געווען אויף'ן פֿעלד. 8) וואו עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פֿאַר מייז. 9) ריכטיגער דער אייניקעל (דעם זוהן'ס זוהן; זעה ווייטער כ"ד ב'). 10) די ברייט פֿון אַ האַנד. דער טעם איז, ווייל די רצועה איז אויך הייליג צוליעב דעם וואָס איהרע קשרים האָבען די פֿאָרמעס פֿון שי"ן, דלת און יוד וועלכע מאַכען אויס דעם געטליכען נאָמען שַׁדַּי. 11) וואָס שטעהט, אַז מען וויקעלט זיי צונויף ווי אַ ספר א.א.וו. 12) ווען מען לעגט זיי אַוועק בעת מען געהט שלאָפֿען. 13) וואָס שטעהט, אַז דער בייטעל מוז זיין ברייט אַ טפח. 14) ד"ה ווען דער בייטעל איז ספּעציעל פֿאַר די תפילין, ווערט עס גערעכענט פֿאַר איינס מיט די תפילין, און דערפֿאַר מוז עס האָבען אַ חלל פֿון טפח,

האָט ער מיר געזאָגט: געה, ברענג מיר די תפילין! - האָב איך זיי געפֿונען צווישען קישען און מאַטראַץ, וואו עס איז ניט אונטערן קאָפּ, און האָב פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען אַ טאָג פֿון טבילה 1), און אַז ער האָט עס געטהאָן 2) כדי צו לערנען אונז אַ הלכה דורך אַ מעשה 3).

רב יוסף דער זוהן פֿון רב נחוניא האָט געפֿרעגט רב יהודה'ן: ווי איז אַז צוויי שלאָפֿען אין איין בעט? מעג דער זיך אומדרעהען מיט'ן פנים 4) און לייענען ק"ש און יענער זיך אומדרעהען מיט'ן פנים און לייענען ק"ש? האָט ער איהם געענטפֿערט: אַזוי האָט שמואל געזאָגט: אפילו אַז זיין פֿרוי איז מיט איהם5). האָט רב יוסף דאַגעגען אויסגעזעצט6): זיין פֿרוי און אַ פֿרעמדער אודאי 7)? אדרבה, זיין פֿרוי איז דאָך ווי זיין אייגענער גוף 8), אָבער אַ פֿרעמדער איז דאָך ניט ווי זיין אייגענער גוף 9)! — מען האָט דערויף גע־פֿרעגט 10): אַז צוויי שלאָפֿען אין איין בעט מעג דער זיך אומדרעהען מיטן פנים און לייענען און יענער זיך אומדרע־העז מיטן פנים און לייענען, און אין אַן אַנדער ברייתא ווערט געלערנט: אַז איינער שלאָפֿט אין אַ בעט און זיינע קינדער אָדער זיין הויזגעזינד ליעגען ביי זיין זייט טאָר ער ניט לייענען ק"ש סיידען אַ טוך איז מפסיק צווישען זיי, אָבער אויב זיינע קינדער אָדער זיין הויזגעזינד זיינען קליינע מעג ער יאָ 11). מילא נאָך רב יוסף 12) איז קיין קשיא ניט 13), ווייל דאָ 14) (האַנדעלט זיך) וועגען זיין פֿרוי 15) און דאָרט16) וועגען אַ פֿרעמדען, אָבער נאָך שמואל איז דאָך אַ קשיא 17) — שמואל קען [דיר] ענטפֿערן: ווי אַזוי איז דאָס ריכ־טיג נאָך רב יוסף? עס ווערט דאָך געלערנט אין אַ ברייתא: אַז איינער שלאָפֿט אין אַ בעט און זיינע קינדער אָדער זיין הויזגעזינד זיינען (אויך) אין דעם בעט טאָר ער ניט לייענען קיין ק"ש סיידען אַ טוך איז מפסיק צווישען זיי 18)! אלא וואָס בלייבט דיר צו זאָגען? (בנוגע צו) זיין פֿרוי זיינען נאָך רב יוסף דאָ תנאים 19); נו, איז נאָך מיר אויך דאָ תנאים 20).

דער רבי האָט געזאָגט: „דער מעג זיך אומדרעהען מיטן פנים און לייענען ק"ש"; עס זיינען דאָך אָבער דאָ די הינטענס 21)? איז דערפֿון אַ בעוויז פֿאַר רב הונא, וואָרום רב הונא האָט געזאָגט: ביי די הינטענס איז ניט שייך (דער חשש) פֿון ערוה. מען קען זאָגען אַז דאָס איז (נאָך) אַ בעוויז פֿאַר רב הונא (וואָס זאָגט)22): „אַ פֿרוי מעג זיצען און אָראָפּ־נעהמען חלה 23) נאַקעטערהייד 24), ווייל זי קען פֿאַרשטעלען איהר ערוה מיטן באָדען 25), אָבער אַ מאַן ניט 26). —רב נחמן בר יצחק האָט עס אָבער אויסגעטייטשט 27), אַז דאָס מיינט נאָך אַז איהר ערוה איז גאַנץ באַדעקט מיט דער ערד 28).

דער רבי האָט געזאָגט: „אויב זיינע קינדער אָדער הויזגעזינד זיינען קליינע מעג מען". ביז ווי אַלט? האָט רב חסדא געזאָגט: אַ מיידעל ביז דריי יאָהר און איין טאָג און אַ אינגעל ביז ניין יאָהר און איין טאָג. מאַנכע זאָגען: אַ מיידעל ביז עלף יאָהר און איין טאָג און אַ אינגעל ביז צוועלף יאָהר און איין טאָג. ביידע שטימען איין ביז „די בריסט זיינען פֿאַרטיג און דאָס האָר שפּראָצט"29). —רב כהנא האָט געזאָגט צו רב אשי: דאָרט 30) האָט רבא געזאָגט, אַז הגם עס איז אַן אָפּפֿראַגע אויף שמואל, פֿונדעסטוועגען איז דער דין ווי שמואל 31), אָבער ווי איז דאָ 32)? האָט ער איהם

פירוש.

1) ד"ה וואָס זיין פֿרוי איז געגאַנגען אין מקוה. 2) דאָס וואָס ער האָט איהם געהייסען ברענגען די תפילין. 3) אַז דער דין איז ווי שמואל וואָס האָט געזאָגט אַז עס איז ערלויבט אפילו אַז זיין פֿרוי איז מיט איהם. —הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה הייסט, ווען אַ דין ווערט געלערנט ניט דורך אַ טעאָרעטישע ערקלערונג נאָר דורך אַ פּראַקטישען ביישפּיעל, דורך די האַנדלונגסוויזע פֿון אַן אויטאָריטעט.

4) נאָך אויסען. 5) מעג ער זיך אויך אומדרעהען מיטן פנים און לייענען ק"ש. 6) זעה „פירוש" זייטע 83 נומ. 8. 7) ד"ה פֿון רב יהודה'ס ענטפֿער זעהט אויס, אַז דאָ ליעגט א רבותא, ווייל מה דאָך ווען זיין פֿרוי איז מיט איהם און ער קען בעת מעשה דורך באַריהרונג קומען צו זינדיגע מחשבות מעג ער זיך אומדרעהען און לייענען, איז דאָך אודאי ערלויבט ווען ער שלאָפֿט מיט אַ פֿרעמדען. 8) און ווייל ער איז געוועהנט צו זיין מיט איהר איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען טאָמער וועט ער בעת מעשה קומען צו שלעכטע געדאַנקען. 9) און עס איז דערפֿאַר יאָ דאָ וואָס מורא צו האָבען; אם כן קען מען דאָך פֿון שמואל'ס רייד קיין ענטפֿער ניט אַרויסנעהמען אויף רב יוסף'ס פֿראַגע. 10) פֿון אַ ברייתא. זעה „פירוש" זייטע 38 נומ. 9. 11) לייענען ק"ש אפילו ווען קיין טוך איז ניט מפסיק צווישען איהם און זיי. 12) וואָס מאַכט אַן אונטערשיעד צווישען זיין פֿרוי און אַ פֿרעמדען. 13) און 17) פֿון איין ברייתא אויף דער אַנדערער. 14) אין דער ערשטער ברייתא. 15) ד"ה די „צוויי" וואָס שטעהט דאָרט מיינט מאַן און פֿרוי. 16) אין דער צווייטער ברייתא. 18) לויט רש"י איז דאָס די פֿריהערדיגע ברייתא וועלכע ווערט דאָ ציטירט און אַזוי ווי די פֿרוי איז איינגעשלאָסען אין דעם וואָרט „הויזגעזינד", איז דערפֿאַר אַ קשיא פֿון איין ברייתא אויף די אַנדערע; לויט „תוספות" אָבער ווערט דאָ אַן אַנדער ברייתא ציטירט (ווייל זי ווערט איינגעלייטעט מיט וְהָתַנְיָא און ניט מיט וְהָא קָתָנֵי כָּאן = עס ווערט דאָך דאָ געלערנט) און אַנשטאַט הויזגעזינד דאַרף דאָ שטעהן זיין פֿרוי (ווייל מיר געפֿינען אין ערגעץ ניט אַז די פֿרוי זאָל באַצייכענט ווערען מיטן נאָמען הויזגעזינד), און די קשיא איז דערפֿאַר נאָך דייטליכער. 19) וועלכע זיינען מחולק אין רב יוסף'ס מיינונג, און איינער האַלט אַז מען מעג לייענען ק"ש ווען מען זיין מיט דער פֿרוי און דער אַנדערער האַלט אַז מען טאָר ניט, און דאַדורך ערקלערט זיך די סתירה צווישען ביידע ציטירטע ברייתות. 20) וועלכע זיינען מחולק, אין איינער האַלט אַז מען מוז מאַכען אונטערשיעד צווישען ווען מען איז מיט דער פֿרוי אָדער ווען מען איז מיט אַ פֿרעמדען, און דער אַנדערער האַלט אַז עס איז אין דעם קיין חילוק ניט.

21) ד"ה זיי באַריהרען זיך דאָך דערביי, מיט זייערע הינטענס. 22) „חלה" פרק ב' משנה ג'. 23) די שטיק טייג וואָס ווערט אַראָפּגענומען פֿון יעדען געבעק אַלס אַ קרבן. זעה במדבר ט"ו כ'. 24) הגם זי מוז דערביי מאַכען אַ ברכה, און מען טאָר ניט מאַכען קיין ברכה נאַקעטער־הייד. 25) און עס מאַכט גאָר ניט אויס וואָס דער הינטען בלייבט דאָך ניט פֿאַרדעקט. 26) ווייל ביי איהם ווערט די ערוה ניט פֿאַרשטעלט דורך'ן זיצען אויפֿ'ן באָדען. 27) תרגמה. זעה זייטע 51 אַנמערקונג. 28) ווייל דאַמאָלס איז אויך דער הינטען מייסטענס פֿאַרשטעלט, אם כן איז נאָך דיזער ערקלעהרונג קיין באַווייז ניט פֿאַר רב הונא.

29) דאָס איז אַ פסוק אין יחזקאל ט"ז ז', ד"ה די רונדקייט פֿון די בריסט און דאָס וואַקסען פֿון די האָר איז אויף יעדען פֿאַל אַ סימן פֿון געשלעכטליכער מאַטוריטעט. 30) ביי דער פֿראַגע צו מען מעג די תפילין לעגען אונטערן צוקאָפּענס. 31) אַז עס איז ערלויבט אפילו אַז די פֿרוי איז מיט איהם; זעה זייטע 86. 32) אַז צוויי שלאָפֿען אין איין בעט,

בלייבט אַן אָפּפראַגע. — עס איז דאָך אָבער פאָרט אַ קשיא: מה דאָך אַז עס איז ערלויבט אין אַ שטענדיגען בית הכסא, דאַרף דאָך אין אַ צייטוויילִיגען בית הכסא אודאי (ערלויבט זיין)! — ער מיינט אַזוי: אין אַ שטענדיגען בית הכסא, וואו עס איז דאָך ניטאָ קיין וואַסער שפּראָצען 1), איז ערלויבט, אָבער אין אַ צייטווייליגען בית הכסא, וואו עס איז דאָך יאָ דאָ וואַסערשפּראָצען, איז פאַרווערט.— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס איז דאַגעגען ניטאָ קיין ערווידערונג? דאַגעגען איז דאָך דאָ אַ גוטע ערווידערונג! — ער מיינט אַזוי: די זאַך 2) ווערט קלאָר געמאַכט דורך אַ טעם 3) און ניט [קלאָר געמאַכט] דורך אַ קל וחומר, וואָרום אויב דאָס זאָל קלאָר געמאַכט ווערען דורך אַ קל וחומר 4) וועט דאָס זיין אַ קל וחומר וואָס דאַגעגען איז ניטאָ קיין ערווידערונג 5).

די רבנן האָבען געלערנט 6): „אַז איינער וויל אַריינגעהן צו אַ באַשטימטע סעודה 7) זאָל ער אַרומגעהן צעהן מאָל פיער איילען אָדער פיער מאָל צעהן איילען 8) און האָבען נקיות און נאַכהער זאָל ער אַריינגעהן. ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דער וואָס געהט אַריין צו אַ באַשטימטע סעודה זאָל אויס-טהון זיינע תפילין 9) און נאַכהער זאָל ער אַריינגעהן". און דאָס איז אין געגענזאַץ צו ר׳ חייא 10), וואָרום ר׳ חייא האָט געזאָגט: ער זאָל זיי אַוועקלעגען אויף זיין טיש, ווייל עס פאַסט זיך אַזוי 11). און ביז וואַנען 12)? האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: ביז צו דער צייט פון בענטשען.

איינמאָל ווערט געלערנט: אַ מענש מעג צוזאַמען בינדען זיינע תפילין מיט זיין געלד 13) אין זיין אונטערהעמד 14), און אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט: מען זאָל ניט צוזאַמען בינדען! — דאָס איז קיין קשיא ניט, (ווייל) דאָס 15) איז אַז ער האָט עס באַשטימט 16) און יענעס 17) אַז ער האָט עס ניט באַשטימט; וואָרום רב חסדא האָט געזאָגט 18): „אַ תפילין־טוך וואָס מען האָט באַשטימט אויף איינצובינדען דעריין תפילין, איז אויב מען האָט דעריין איינגעבונדען תפילין טאָר מען ניט איינבינדען דעריין קיין געלד, אָבער אויב מען האָט עס באַשטימט און מען האָט דעריין ניט איינגעבונדען אָדער אויב מען האָט דעריין איינגעבונדען און מען האָט עס ניט באַשטימט, מעג מען איינבינדען דעריין געלד. און נאָך אביי וואָס זאָגט 19), אַז די באַשטימונג איז די הויפּטזאַך, (און) אַז מען האָט עס באַשטימט 20), הגם מען האָט דעריין ניט איינגעבונדען 21), איז דאָס איינגעבונדען, איז אויב מען האָט עס באַשטימט איז פאַרווערט 22), און אויב מען האָט ניט באַשטימט איז ניט (פאַרווערט)".

רב יוסף דער זוהן פון רב נחוניא האָט רב יהודה׳ן גע-פרעגט: מעג אַ מענש אַוועקלעגען זיינע תפילין אונטערן צוקאָפּענס 23)? אונטערן צופוסענס איז ביי מיר קיין פראַגע ניט, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ בזיון פאַר זיי, נאָר די פראַגע איז ביי מיר, ווי איז אונטערן צוקאָפּענס? האָט ער איהם גע-ענטפערט: אַזוי האָט שמואל געזאָגט: עס איז ערלויבט אפילו אַז זיין פרוי איז מיט איהם.—האָט מען דערויף געפרעגט 24): אַ מענש זאָל ניט לעגען זיינע תפילין אונטערן צופוסענס, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ בזיון פאַר זיי, אָבער ער מעג זיי לעגען אונטערן צוקאָפּענס, און אויב זיין פרוי איז מיט איהם איז דאָס (אויך) פאַרווערט. אויב דאָרט איז דאָ אַן אָרט וואָס איז דריי טפחים העכער אָדער דריי טפחים נידעריגער 25) איז דאָס ערלויבט.—איז דאָס אַן אָפּפראַגע אויף שמואל? יאָ עס איז אַן אָפּפראַגע 26)! — רבא האָט געזאָגט: הגם עס ווערט געלערנט אין דער בריתא אַז דאָס איז אַן אָפּפראַגע אויף שמואל, (פונדעסטוועגען) בלייבט דער דין ווי ער. פאַרוואָס? (כ״ד א׳) ווייל וואָס עס היט זיי מעהר אָפּ 27) איז בע-סער 28).—און וואו זאָל מען זיי אַוועקלעגען?—האָט ר׳ ירמיה געזאָגט: צווישען קישען און מאַטראַץ, וואו עס איז ניט אונ-טערן קאָפּ 29). — ר׳ חייא האָט דאָך אָבער געלערנט: מען מעג זיי לעגען אין (זייער) זעקעל אונטערן צוקאָפּענס!—(דאָס מיינט, אַז דער בולטער טייל פון זעקעל 30) איז דרויסען.— בר קפרא 31) פלעגט זיי איינוויקלען אין דעם פאָרהאַנג 32) און פלעגט לאָזען דעם בולטען טייל דרויסען. רב שישא דער זוהן פון רב אידי פלעגט זיי לעגען אויף אַ בענקעל און פאַרשפּרייטען אַ טוך איבער זיי. רב המנונא 33) דער זוהן פון רב יוסף האָט געזאָגט: איך בין אַמאָל געשטאַנען פאַר רבא,

פירוש.

1) פון השתנה וועלכע פאַלען אויף די פיס און וואָס מען דאַרף אָפּווישען מיט דער רעכטער האַנד (זעה „יומא" ל׳ א׳). 2) וועגען תפילין אין אַ שטענ-דיגען אָדער צייטווייליגען בית הכסא. 3) צוליעב די וואַסער שפּראָצען. 4) ד״ה אַז באמת דאַרף ביי אַ צייטווייליגען בית הכסא זיין לייכטער ווי ביי אַ שטענדיגען, נאָר מיר טהוען פאַרקעהרט. 5) ד״ה מען וועט ניט קענען זאָגען: אַזוי ווי דאָס איז ערלויבט אין אַ שטענדיגען, וואו מיר האַנדלען אין דער און דער זאַך לקולא, זאָל דאָס אויך זיין ערלויבט אין אַ צייטווייליגען, וואו מיר האַנדלען אין דערזעלבער זאַך לחומרא, ווייל עס איז ניטאָ קיין פאַל וואו אין אַ צייטווייליגען בית הכסא זאָל זיין אין אַ שטענדיגען.

6) שבת פ״ב א׳. 7) וואו עס פאַסט ניט אַז ער זאָל אין מיטען פון דער סעודה אַרויסגעהן זאָבען נקיות. 8) און יעדען מאָל פרובירען צו ער קען ניט האָבען קיין נקיות, ווייל דאָס געהן איז מעורר די נקיות. 9) צוליעבן חשש טאָמער וועט ער זיך אָנשכורן ביי דער סעודה און דאָס וועט זיין אַ בזיון פאַר די תפילין. 10) לויט „אלפס" און „רא״ש", ריכטיגער, ר׳ חייא בר אבא. 11) כדי ער זאָל קענען זיי גלייך אָנטהון ווען מען האַלט ביים בענטשען. 12) זאָלען די תפילין ליעגען.

13) אין צוויי בעזונדערע קניפּלעך נעבען איינאַנדער. 14) אַ פּרַקְסוּתָא, אַזוי לויט ר׳ האי גאון; לויט רש״י אָבער די טוך מיט וועלכע זיי פלע-גען זיך דאַמאָלס באַדעקען די קעפּ. 15) די צווייטע בריתא. 16) אַז עס זאָל זיין ספּעציעל פאַר תפילין. 17) דאָס וואָס שטעהט אַז מען מעג זיי יאָ צוזאַמען בינדען. 18) „סנהדרין" מ״ח א׳. 19) דאָרט מ״ז ב׳. 20) פאַר תפילין. 21) קיין תפילין. 22) איינצובינדען דעריין געלד.

23) ווען ער געהט שלאָפען. 24) מיתיבי. זעה „פירוש" זייטע 38 נומ. 9. 25) פון דעם צוקאָפּענס. 26) זעה „פירוש" זייטע 38 נומ. 12. 27) פון מייז אָדער גנבים. 28) ד״ה איז וויכטיגער ווי די פראַגע פון בזיון. 29) ד״ה אויף דעם אָרט וואו זיין קאָפּ ליעגט ניט דערויף. לויט דעם מהרש״ל האַנדעלט עס זיך דאָ אַז די תפילין זיינען אין אַ זעקעל אָדער אין אַ כלי. 30) ד״ה דער טייל פון תפילין-זעקעל וואו די תפילין ליעגען. 31) לויט דער גירסא פון „שאלתות" (פ׳ בא) ר׳ פפא. 32) פון בעט. 33) ריכטיגער ר׳ נחמיה; אַזוי אויך אין „רא״ש".

אויך קיין קשיא ניט, ווייל אפשר 1) ווי רב יהודה, ווארום רב יהודה האט געזאגט: אז איינער האלט אין מיטען דאַ־ווענען און עס מאכט זיך ביי איהם שפייעכץ, זאל ער דאס לאזען איינזאפען אין זיין אויבער בגד, און אויב דאס איז א שעהנער מלבוש, זאל ער דאס לאזען איינזאפען אין זיין אונטערהעמד.—רבינא איז געשטאנען הינטער רב אשי, האט זיך ביי איהם 2) געמאכט שפייעכץ און ער האט עס ארו־בערגעוואָרפען אויף הינטען. האט ער 3) איהם געפרעגט: האלט דער רבי ניט פון דאס וואס רב יהודה (האט גע־זאגט)? האט ער איהם געענטפערט: איך עקעל זיך דער־פאר 4). — „דער וואס לאזט הערען זיין קול אין דאַווענען געהערט צו די וואס זיינען קנאפע מאמינים". האט רב הונא געזאגט: דאס איז געזאגט אז ער קען האבען כונה שטילער־הייד, אבער אויב ער קען ניט האבען קיין כונה שטילערהייד מעג ער יא 5); און דאס איז נאר געמיינט אז ער דאַווענט פאר זיך, אבער אויב בצבור וועט ער שטערען דעם צבור 6).

ר' אבא פלעגט זיך ארויסדרעהען פון רב יהודה, ווייל ער האט געוואלט געהן קיין ארץ ישראל און רב יהודה האט געזאגט, אז דער וואס געהט פון בבל קיין ארץ ישראל איז עובר אויף א (מצות) עשה 7), ווארום עס שטעהט געשרי־בען 8): „זיי וועלען געבראכט ווערען קיין בבל און זיי זאלען דארט זיין ביז איך וועל זיך דערמאהנען אן זיי, אזוי זאגט גאט". האט ער 9) געזאגט: איך וועל געהן און עפעס פון איהם הערען פון בית מדרש 10) און נאכהער וועל איך אוועק. איז ער געגאנגען און האט געפונען אז א תנא האט געלערנט פאר רב יהודה: אז איינער האלט אין מיטען דאַווענען און טהוט א נפיחה, זאל ער ווארטען ביז דער ווינד 11) געהט אוועק און דאַווענען נאכהער ווייטער 12). מאנכע זאגען: אז איינער האלט אין מיטען דאַווענען און וויל א נפיחה טהון, זאל ער זיך ריקווערטס מתרחק זיין פיער איילען און טהון די נפיחה און ווארטען ביז דער ווינד געהט אוועק און נאכ־הער ווייטער דאַווענען, און זאל זאגען 13): „רבונו של עולם! דו האסט אונז בעשאפען מיט לעכער עפענונגען און לעכער רעהרען, און דיר איז גאנץ גוט בעקאנט אונזער חרפה און שאנד אין אונזער לעבען און צום סוף שטויב און ווערים", און זאל אנהייבען וואו ער איז שטעהן געבליבען. האט ער געזאגט: אז איך וואלט געקומען נאר דאס אליין צו הערען איז שוין גענוג פאר מיר.

די רבנן האבען געלערנט: אז איינער שלאפט אין-זיין טוך 14) און ער קען ניט ארויסשטעקען זיין קאפ צוליעב קעלט, זאל ער מאכען מיטן טוך א מחיצה ארום זיין האלז 15) און זאל לייענען ק"ש; און עס זיינען דא וואס זאגען: ארום זיין הארץ 16). אבער לויט דעם ערשטען תנא, זעהט דאך זיין הארץ 17) די ערוה 18)! — ער האלט אז אויב דאס הארץ זעהט די ערוה איז ערלויבט 19).

רב הונא האט געזאגט אז ר' יוחנן האט געזאגט: אז מען געהט אין ערטער וואו עס איז דא טנוף מעג מען ארויפ־לעגען די האנד אויפן מויל און לייענען ק"ש. האט איהם רב

חסדא געזאגט: ביי גאט! אז ר' יוחנן וואלט דאס מיר גע־זאגט מיט זיין אייגענעם מויל וואלט איך איהם ניט געפאלגט. מאנכע זאגען אז רבה בר בר חנה האט געזאגט אז ר' יהושע בן לוי האט געזאגט: אז מען געהט אין ערטער וואו עס איז דא טנוף, מעג מען ארויפלעגען די האנד אויפן מויל און לייענען ק"ש. האט איהם רב חסדא געזאגט: ביי גאט! אז ר' יהושע בן לוי וואלט דאס מיר געזאגט מיט זיין אייגענעם מויל וואלט איך איהם ניט געפאלגט. — אבער האט דען רב הונא אזוי געזאגט? רב הונא האט דאך געזאגט: א תלמיד חכם טאר ניט שטעהן אין אן ארט וואו עס איז דא טנוף, ווייל עס איז אונמעגליך אז ער זאל שטעהן אהנע צו טראכטען וועגען דער תורה 20)! — עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דא (האנדעלט זיך) וועגען שטעהן 21) און דארט וועגען געהן 22). — אבער האט דען ר' יוחנן אזוי געזאגט? רבה בר בר חנה האט דאך געזאגט אז ר' יוחנן האט גע־זאגט: אומעטום מעג מען טראכטען וועגען די רייד פון דער תורה אחוץ אין א מרחץ און אין א בית הכסא! און טאמער וועסטו דא אויך ווען זאגען אז דא (האנדעלט זיך) וועגען שטעהן און דארט וועגען געהן, קען עס דאך ניט זיין, ווארום ר' אבהו פלעגט נאכגעהן נאך ר' יוחנן און אז ער האט געהאלטען אין לייענען ק"ש פלעגט ער שטיל בלייבען ווען ער איז געקומען צו ערטער וואו עס איז דא טנוף. האט ער געפרעגט ר' יוחנן: פון וואנען זאל איך אנהויבען? האט ער איהם געענטפערט: ווען דאס 23) האט אזוי לאנג גדויערט אז מען זאל קענען ענדיגען אין גאנצען זאלסטו אנהייבען פון אנפאנג 24).—ער 25) האט איהם אזוי געזאגט: איך פער־זענליך בין ניט מיט דער מיינונג, אבער אזוי ווי דו ביזט יא מיט דער מיינונג 26), איז אויב דאס האט אזוי לאנג גע-

פירוש.

זיין תפלה. 1) האט רבי געטהאן. 2) ביי רב אשי. 3) רבינא. 4) ד"ה ווייל שפייעכץ איז מיר עקעלהאפט. 5) דאַווענען אויפן קול. 6) און ער טאר דערפאר ניט דאַווענען אויפן קול אפילו אז ער קען שטילערהייד ניט האבען קיין כונה.

7) זעה „פירוש" זייטע 47 נומ. 13 אין 14. 8) ירמיה כ"ז כ"ב. 9) ר' אבא. 10) שטעהענדיג דרויסען. 11) לויט'ן „טור" ריכטיגער ניט רוח נאר ריח. 12) פון וואנען ער איז שטעהן געבליבען. 13) בעפאר ער הייבט אן ווייטער צו דאַווענען.

14) ד"ה אז ער איז גאנץ נאקעט נאר ער איז איינגעטוליעט אין א טוך. 15) ד"ה ער זאל ארויפציהען דאס טוך און האלטען דאס שטייף ארום דעם האלז כדי זיין גאנצער גוף זאל זיין צוגעדעקט. 16) ד"ה פאר דעם בויך. 17) וואס איז דער זיין פון כונה. — נאך דער פארצייטיגער אנטראפאלאגישער אויפפאסונג נעמליך איז דאס הארץ געווען דער אר־גאן פון דענקען און פיהלען. 18) טא ווי אזוי קען ער האבען כונה ביים דאַווענען? 19) צו דאַווענען.

20) ד"ה ווייל ער האט די טבע צו טראכטען שטענדיג אין לערנען. 21) א לענגערע צייט, וועלכעס איז איהם ניט ערלויבט. 22) צופעליגער־ווייזע. 23) די הפסקה. 24) אם כן איז עס דאך א בעווייז, אז נאך ר' יוחנן טאר מען ניט לייענען ק"ש אפילו בלויז אז מען געהט אין אן ארט וואו עס איז דא טנוף. 25) ר' יוחנן, דאס איז דער תירוץ. 26) אז

גענטפֿערט: וועבט מען אַלײן נאָך אין געוועב 1)? נאָר וואו עס איז געזאָגט געוואָרען איז געזאָגט געוואָרען און וואו עס איז ניט געזאָגט געוואָרען איז נים געזאָגט געוואָרען 2).— רב מרי האָט געפֿרעגט רב פפא'ן: ווי איז אַז האָר 3) געהט דורך'ן מלבוש? מעג מען דאַן לייענען 4)?—האָר איז האָר 5)!

רב יצחק האָט געזאָגט: אַ טפח ביי אַן אשה 6) איז (ווי) ערוה. צו וועלכען צוועק? אויב כדי צו בעטראַכטען איהר, האָט דאָך רב ששת געזאָגט: פֿאַרוואָס רעכענט די תורה אויס 7) די אויסענווענינסטע ציערונג 8) מיט די אינעווע-נינסטע 9)? כדי צו זאָגען אונז אַז דער וואָס בעטראַכט אפילו דעם קלײנעם פֿינגערל פֿון אַ פֿרוי איז ווי ער וואָלט בעטראַכט דעם אָרט פֿון דער ערוה 10). אלא (אודאי האַנדעלט זיך דאָס 11)) מכח זיין (אייגענע) פֿרוי און בנוגע צו ק"ש. —רב חסדא האָט געזאָגט: דער שענקעל פֿון אַ פֿרוי איז (ווי) ערוה 12), ווייל עס שטעהט געשריבען 13): „אַנטפלעק דעם שענקעל, געה אַריבער טייכען" און (נאָכהער שטעהט 14): „אַנטפלעקט זאָל ווערען דיין ערוה און עס זאָל אויך געזעהן ווערען דיין חרפה".—שמואל האָט געזאָגט: דער קול פֿון אַ פֿרוי איז (ווי) ערוה, וואָרום עס שטעהט 15): „ווייל דיין קול איז זיס און דיין אויסזעהען איז שעהן" 16).— רב ששת האָט געזאָגט: די האָר פֿון אַ פֿרוי איז (ווי) ערוה, וואָרום עס שטעהט געשריבען 17): דיין האָר איז ווי אַ סטאַדע פֿון ציגען 18)".

ר' חנינא האָט געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז רבי האָט אויפֿגעהאנגען זיינע תפֿילין 19). האָט מען דערויף געפֿרעגט (פֿון אַ בריתא): דער וואָס הענגט אויף זיינע תפֿילין וועט איהם זיין לעבען אויפֿגעהאנגען ווערען! די וואָס פֿלעגען דרשהנען די שווערע (פסוקים) האָבען געזאָגט: „און דיין לעבען וועט דיר הענגען אַנטקעגען 20)" באַציהט זיך אויף דעם וואָס הענגט אויף זיינע תפֿילין. — עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 21) איז ביי דער רצועה 22) און יענעם 23) איז ביי דעם קשר. און אַז מען וויל קאָן מען זאָגען אַז סיי ביי דער רצועה סיי ביי דעם קשר איז פֿאַרוועהרט, און דאָס וואָס רבי האָט אויפֿגעהאנגען איז ווייל ער האָט (זיי) אויפֿגעהאנגען (ליגענדיג) אין זעקעל.—אויב אַזוי, טאָ וואָס איז דאָס נויטיג געווען צו דערצעהלען? ווייל מען וואָלט געקאָנט מיינען אַז מען דאַרף זיי אַוועקלעגען ווי אַ ספר תורה, דערפֿאַר לאָזט ער אונז צו וויסען 24).

ווייטער האָט רב חנינא געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז רבי האָט 25) געגרעבסט און געגעניצט און גענאָסען און גע-שפּיגען (ב') און צורעכט געמאַכט זיין טלית 26), אָבער ער האָט זיך ניט איינגעוויקעלט 27), און אַז ער האָט געגעניצט פֿלעגט ער אַרויפֿלעגען די האַנד אויף דער מאָרדע 28). האָט מען דערויף געפֿרעגט (פֿון אַ בריתא): דער וואָס לאָזט הע-רען זיין קול אין דאַווענען געהערט צו די וואָס זיינען קנאַפּע מאמינים 29), דער וואָס הויבט אויף זיין קול אין דאַווענען געהערט צו די פֿאַלשע נביאים 30). דער וואָס גרעבסט אין

דאַווענען איז אַ גראָבער נפש, דער וואָס ניעסט אין דאַ-ווענען איז דאָס אַ שלעכטער סימן פֿאַר איהם, און מאַנכע זאָגען אַז מען דערקענט דערפֿון אַז ער איז אַ פֿאַסקודניק, דער וואָס שפּייט אין דאַווענען איז ווי ער וואָלט געשפּיגען פֿאַר'ן קעניג. מילא ביי גרעבסען און געניצען איז קיין קשיא ניט 31), ווייל דאָרט 32) (איז געווען) ניט ווילענדיג און דאָ 33) (מיינט עס) בכיון, אָבער פֿון ניעסען אויף ניעסען איז אַ קשיא 34). — פֿון ניעסען אויף ניעסען איז אויך קיין קשיא ניט, ווייל דאָרט 35) (מיינט עס) פֿון אויבען און דאָ 36) פֿון אונטען 37), וואָרום ר' זירא האָט געזאָגט: די זאַך האָט מען מיר געגעבען צו פֿאַרשטעהן אין רב המנונא'ס ישיבה און זי איז ביי מיר ווערט ווי מיין גאַנצעם לערנען 38). — דער וואָס ניעסט אין דאַווענען איז דאָס אַ גוטער סימן פֿאַר איהם: אַזוי ווי מען גיט איהם נחת רוח אונטען 39), אַזוי וועט מען איהם געבען נחת רוח אויבען 40). אָבער פֿון שפּייען אויף שפּייען איז דאָך אַ קשיא.—פֿון שפּייען אויף שפּייען איז

פירוש.

צי זיי מעגען לייענען ק"ש, און די הלכה איז ווי שמואל. 1) ד"ה מוז דאָס אומעטום זיין גלייך? 2) אַז דער דין איז ווי שמואל. 3) פֿון דער ערוה 4) ק"ש, אָדער ווערט עס בעטראַכט ווי ערוה. 5) און ניט ערוה; ד"ה עס מאַכט ניט אויס.

6) ד"ה די ברייט פֿון אַ טפח פֿון איהר לייב וואָס איז אָפּגעדעקט. 7) במדבר ל"א נ', וואו עס ווערט באַריכט פֿון די נדבות פֿון ציערונגען וואָס די אידען האָבען געגעבען אַלס אַ כפרה (פֿאַר דער זינד פֿון בע-טראַכטען די טעכטער פֿון מדין). 8) ריגגען, בראַסליעטען אא"וו. 9) פּוּמַז, אַ מין שלאָס וואָס די פֿרויען פֿלעגען דאַמאָלס טראָגען אויף דער ערוה. 10) אם כן איז דאָך נויטיג אַז דאָס זאָל דוקא זיין די ברייט פֿון אַ טפח. 11) וואָס רבי יצחק האָט געזאָגט. 12) בנוגע צו בעטראַכטען אַנדערע פֿרויען און צו לייענען ק"ש אַנטקעגען זיין אייגענע פֿרוי. 13) ישעיה מ"ז ב'. 14) דאָרט פסוק ג'. 15) שיר השירים ב' י"ד. 16) דער קול איז דאָ פֿאַרגליכען צו דעם אויסזעהען.—פֿיליכט ליעגט דאָ אַ וואָרט-שפּיעל: עָרֵב — איז זיס און ערוה. 17) שיר השירים ד' א'. 18) פֿיליכט ליעגט דער באַווייז דעריין וואָס גלייך נאָכדעם שטעהט „שֶׁגָּלְשׁוּ מֵהַר גִּלְעָד" און עס ליעגט דאָ אייך אַ וואָרט-שפּיעל: שגלשו—שגל—געשעכטליכער פֿאַרקעהר.

19) אויף אַ טשוואָק. 20) דאָס איז אַ פסוק אין דברים כ"ח ס"ו. 21) וואָס שטעהט אַז מען טאָר ניט. 22) קומט דער קשר אויס אונטען און עס איז אַ בזיון, ווייל דער קשר האָט אין זיך קדושה (זעה „פירוש" זייטע 84 נומ. 11). 23) וואָס עס ווערט דערצעהלט פֿון רבי. 24) אַז מען מעג זיי אויפֿהענגען אין תפילין זעקעל.

25) בעת'ן דאַווענען. 26) אַז ער זאָל זיך ניט אַראָפּרוקען (אַזוי לויט „תוספות"), ווייל דאָס אַלעס ווערט ניט בעטראַכט פֿאַר אַ הפסקה. 27) אין טלית, אויב ער איז אין גאַנצען אַראָבגעפֿאַלען. 28) צו פֿאַרשטעלען דעם מויל. 29) ווייל ער באַווייזט דערמיט אַז ער גלויבט ניט אַז גאָט קען הערען אַ שטיל געבעט. 30) ווי מיר געפֿינען ביי די נביאי הבעל וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין ליאַרעמען כדי זייער גאָט זאָל זיי הערען (זעה מלכים א' י"ח כ"ב). 31) אויף רבי. 32) ביי רבי. 33) און 35) ביי רבי. 33 און 36) אין דער בריתא. 34) ווייל ניעסען קומט דאָך שטענדיג ניט ווילענדיג. 37) ד"ה ניט מיט'ן נאָז. 38) ווייל ער איז געווען געוועהנט אַ סך צו ניעסען. 39) ווייל דאָס ניעסען מאַכט פֿרייט. 40) ד"ה מען וועט גוט אָננעהמען

אַז מען האָט אין דעם אַריינגעלעגט פֿעל" 1). — מען האָט רב ששת געפֿרעגט: ווי איז 2) ביי אַ שלעכטען גערוך וואָס האָט קיין באַזים ניט 3)? האָט ער זיי געענטפֿערט: געהט און זעהט די ראָגאָזשעס פֿון די ישיבות וואו מאַנכע שלאָ־פֿען און מאַנכע לערנען 4). און דאָס איז נאָר ביי לערנען תורה, אָבער ניט ביי ק"ש 5). און אפֿילו ביי לערנען תורה איז דאָס נאָר גערעדט אַז דאָס 6) (קומט) פֿון אַן אַנדערן, אָבער ניט אַז עס (קומט) פֿון זיך זעלבסט 7).

עס איז געזאָגט געוואָרען: ביי אַ צואה וואָס ווערט אַריבערגעפֿיהרט האָט אביי געזאָגט אַז מען מעג לייענען ק"ש, רבא אָבער האָט געזאָגט אַז מען טאָר ניט לייענען ק"ש 8). האָט אביי געזאָגט: פֿון וואַנען נעהם איך דאָס? ווייל מיר האָבען געלערנט 9): „אַז אַ טמא 10) שטעהט אונטער אַ בוים און אַ טהור געהט פֿאַרביי 11) ווערט ער טמא 12), אַז אַ טהור שטעהט אונטער אַ בוים און אַ טמא געהט פֿאַרביי בלייבט ער טהור, אָבער אַז ער 13) שטעלט זיך אָפּ ווערט ער טמא 14). דאָסזעלבע איז ביי אַ שטיין וואָס האָט אַ נגע"15).—רבא אָבער קען דיר ענטפֿערן: דאָרט 16) העננגט עס אָפּ פֿון שטענדיגקייט 17), ווארום עס שטעהט געשריבען 18): „אַליין זאָל ער זיצען, מחוץ למחנה זאָל זיין זיין פּלאַץ", אָבער דאָ האָט די תורה געזאָגט 19): „און דיין לאַגער זאָל זיין הייליג" און עס איז דאָך ניט 20).

רב פּפּא האָט געזאָגט: דער שנויץ פֿון אַ חזיר איז ווי אַ צואה וואָס ווערט אַריבערגעפֿיהרט 21). אודאי 22)?! — עס איז יאָ נויטיג 23), (ווייל עס מיינט), אפילו ווען ער קומט אַרויס פֿון אַ טייך 24).

רב יהודה האָט געזאָגט: ביי צווייפֿעלהאַפֿטע צואה איז פֿאַרוועהרט 25), ביי צווייפֿעלהאַפֿטע השתנה איז ערלויבט. מאַנכע זאָגען אַז רב יהודה האָט געזאָגט: ביי צווייפֿעל־האַפֿטע צואה אין הויז איז ערלויבט 26), אויפֿן מיסט איז פֿאַר־וועהרט, און ביי צווייפֿעלהאַפֿטע השתנה איז אפילו אויפֿן מיסט אויך ערלויבט. ער האַלט ווי רב המנונא, ווארום רב המנונא האָט געזאָגט: די תורה האָט נאָר פֿאַרוועהרט 27) בלויז אַנט-קעגען דעם שטראַהל 28), און ווי ר' יונתן, ווארום ר' יונתן האָט אויפֿגעוואָרפֿען די פֿראַגע 29): עס שטעהט געשריבען 30) „און אַן אָרט זאָלסטו האָבען אויסערהאַלב דעם לאַגער וואו דו זאָלסט אַרויסגעהן דרויסען" 31), און ווייטער שטעהט 32): „און אַ רידעל זאָלסטו האָבען ביי דיין געוועהר און אַז דו וועסט זיצען דרויסען זאָלסטו דערמיט גראָבען און נאַכהער פֿאַרדעקען דיין אַרויסגאַנג", טאָ ווי איז דאָס? דאָ 33) איז ביי גרויסע 34) און דאָרט 35) איז ביי קליינע 36); אם כן האָט די תורה ביי קליינע בלויז אַנטקעגען דעם שטראַהל פֿאַר־וועהרט, אָבער אַז ער איז שוין געפֿאַלען אויף דער ערד איז ערלויבט, און די גזירה 37) איז נאָר פֿון די רבנן, אָבער די רבנן האָבען נאָר גוזר געווען ווען עס איז געוויס, אָבער אַז עס איז צווייפֿעלהאַפֿט האָבען זיי ניט גוזר געווען. און ווי לאַנג 38), ווען עס איז געוויס? האָט ר' יהודה געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: כל זמן עס איז נאָך פֿייכט 39), און אַזוי

האָט רבה בר בר חנה געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: כל זמן עס איז נאָך פֿייכט, און אַזוי האָט עולא געזאָגט: כל זמן עס איז נאָך פֿייכט. גניבא האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון רב: כל זמן מען דערקענט נאָך אַ שפּור 40). האָט רב יוסף געזאָגט: זאָל גאָט גניבא'ן מוחל זיין! מה דאָך ביי צואה האָט רב יהודה געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט אַז עס איז ערלויבט 41) וויבאַלד עס האָט זיך פֿון אויסענווענינג אַביסעל פֿערהאַרטעוועט, איז דאָך ביי השתנה אודאי 42). האָט איהם אביי געזאָגט: פֿאַרוואָס זאָלסטו זיך שטיצען דערויף? שטיין זיך בעסער אויף דאָס וואָס רבה דער זוהן פֿון רב הונא האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: ביי צואה איז פֿאַרוועהרט 43) אפילו אַז עס איז ווי אַ שאַרבען. — און ווי איז געמאָלט צואה ווי אַ שאַרבען? האָט רבה בר בר חנה געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַז מען וואַרפֿט עס און עס צוברעקעלט זיך ניט, און מאַנכע זאָגען: אַז מען קייקעלט עס און עס צערברע־קעלט זיך ניט 44). רבינא האָט געזאָגט: איך בין געשטאַנען

פּירוש.

פֿעהלט „און ניט אַנטקעגען די צואה פֿון חזירים". אַזוי אויך אין מינכענער כ"י.

1) כדי צו גאַרבען זיי.—דאָס באַציהט זיך נאָר אויף די צואה פֿון הינט און חזירים, און לויט דיזער בריתא טאָר מען אויף קיין שום אופן ניט לייע-נען ק"ש אַנטקעגען די צואה פֿון מענשען, אָבער אַנטקעגען די צואה פֿון הינט און חזירים מעג מען יאָ לייענען, אַז עס איז אין דעם קיין פֿעל ניטאָ. 2) בנוגע צו לייענען ק"ש. 3) נפיחה. 4) און עס מאַכט גאָר ניט אויס וואָס עס קען אַמאָל קומען אַ שלעכטער גערוך פֿון די תלמידים וואָס שלאָפֿען. 5) ד"ה אויב מען וויל לייענען ק"ש דאַרף מען אין דיזען פֿאַל אַרויסגעהן דרויסען און לייענען. 6) די נפיחות. 7) אין דיזען פֿאַל דאַרף מען וואַרטען ביז דער שלעכטער גערוך הערט אויף.

8) און מען מוז מפסיק זיין בעת מען פֿיהרט פֿאַרביי די צואה. 9) נגעים פ' י"ג מ' ז'. 10) ד"ה אַ מצורע, ביי איינעם וואָס טראָגט א מת אָבער איז קיין חילוק ניט צווישען זיצען און שטעהן אָדער געהן, ווייל אַ מת בילדעט שטענדיג אַן אוהל. 11) אונטערן בוים. 12) ווייל דער בוים בילדעט אַן אוהל (זעה „פּירוש" זייטע 71 נומ. 19). 13) דער מצורע. 14) ווייל זיצען איז ווי שטעהן, — אם כן זעהן מיר אַז אַ פֿאָרי-בערגעהענדע טומאה מאַכט ניט אויס. 15) זעה ויקרא י"ד פֿון פסוק י"ד אָן און צום סוף פֿון קאַפּיטעל וואו אַלע נגעים ווערען פֿאַרגליכען צו אַ מצורע. 16) ביי אַ מצורע. 17) ד"ה אי זיצען אי שטעהן מיינט אויף איין אָרט. 18) ויקרא י"ג מ"ו. 19) דברים כ"ג ט"ו; ביי צואה. 20) אין דעם מאָמענט וואָס די צואה געהט פֿאַרביי. אם כן איז קיין באַווייז דערפֿון.

21) בנוגע צו לייענען ק"ש או"ו. 22) ווייל חזירים ראָיען זיך שטענ-דיג אין צואה; טאָ וואָס האָט דאָ רב פּפּא הערמיט מחדש געווען. 23) געווען דאָס צו זאָגען. 24) איז דער חזיר אויך ווי אַ צואה וואָס ווערט אַריבערגעפֿיהרט.

25) צו לייענען ק"ש. 26) ווייל עס איז ניט דער שטייגער פֿון צואה צו זיין אין הויז. 27) צו לייענען ק"ש. 28) וואָס קומט אַרויס בעת מען איז משתין, אָבער ניט אַנטקעגען סתם השתנה. 29) רַ"י. 30) דברים כ"ג י"ג. 31) און עס ווערט דאָרט ניט דערמאָהנט וועגען פֿאַרדעקען. 32) אַ פסוק ווייטער. 33) אין צווייטען פסוק. 34) שטוהלגאַנג. 35) אין ערשטען פסוק. 36) השתנה. 37) ניט צו לייענען ק"ש אַנטקעגען. 38) דאַרף מען וואַרטען ביז מען זאָל מעגען לייענען ק"ש. 39) דער אָרט וואו די השתנה איז געפֿאַלען. 40) ד"ה כל זמן מען קען דערקענען אַז מען האָט אויף דעם אָרט משתין געווען. 41) און 43) צו לייענען ק"ש אַנטקעגען. 42) ווען עס איז ניט מעהר פֿייכט. 44) אין דיזען צושטאַנד איז עס ווי-

דויערט אַז מען זאָל קענען ענדיגען אין גאַנצען זאָל־סטו אָנהייבען פֿון אָנפאַנג. — אין איין ברייתא ווערט געלערנט ווי רב הונא און אין אַן (אַנדער) ברייתא ווערט געלערנט ווי רב חסדא. „אין איין ברייתא ווערט געלערנט ווי רב הונא": אַז מען געהט אין ערטער וואו עס איז דאָ טנוף מעג מען אַרויפֿלעגען די האַנד אויפֿן מויל און לייענען ק"ש, „און אין אַן (אַנדער) ברייתא ווערט געלערנט ווי רב חסדא": אַז איינער איז געגאַנגען אין ערטער וואו עס איז דאָ טנוף טאָר ער ניט לייענען ק"ש, און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר אפילו אַז ער האָט געהאַלטען אין לייענען מוז ער אויפֿהערען. וואָס איז אַז ער הערט ניט אויף? האָט ר' מייאשא דער אייניקעל פֿון ר' יהושע בן לוי געזאָגט: וועגען איהם זאָגט דער פסוק 1): „און אויך איך האָב זיי געגעבען געזעצען וואָס זיינען ניט גוט און משפטים וואָס זיי קענען זיך ניט איינלעבען מיט זיי". ר' אסי האָט געזאָגט 2): „וועה צו די וואָס שלעפּען די זינד מיט שטריק פֿון גאָרניט"3). רב אדא בר אהבה האָט געזאָגט: פֿון דאַנען: „ווייל ער האָט גאָט'ס וואָרט מבזה געוועזן"4). און וואָס איז זיין שכר אַז ער הערט יאָ אויף? האָט ר' אבהו געזאָגט: וועגען איהם זאָגט דער פסוק 5): „און צוליעב דער זאַך 6) וועט איהר מאריך ימים זיין".

רב הונא האָט געזאָגט: אַז ביי איינעם איז זיין בגד אַרומגעבונדען אַרום זיינע לענדען 7) מעג ער לייענען ק"ש. אין אַ ברייתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: אַז זיין בגד פֿון טוך אָדער פֿון פֿעל אָדער פֿון זאַק איז אַרומגעבונדען אַרום זיינע לענדען מעג ער לייענען ק"ש, (כ"ה א') אָבער ביי תפלה מוז דאָס האַרץ אויך זיין צוגערעקט 8). — ווייטער האָט רב הונא געזאָגט: אַז מען פֿאַרגעסט און מען געהט אַריין אין די תפילין אין אַ בית הכסא, זאָל מען אויף זיי די האַנד אַרויפֿלעגען ביז מען איז פֿאַרטיג. „ביז מען איז פֿאַרטיג"! ווי פֿאַלט דאָס דיר איין? נאָר ווי רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט: ביז מען ענדיגט די ערשטע שטיק 9). — פֿאַרוואָס ניט זיך גלייך אויפֿהייבען 10) און אונטערברעכען 11)? — צוליעב דאָס וואָס רבן שמעון בן גמליאל (האָט געזאָגט); ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 12): „רבן שמעון בן גמליאל זאָגט: שטוהלגאַנג וואָס געהט צוריק 13) פֿאַראורזאַכט אַ מענשען וואַסערזוכט 14), השתנה וואָס געהט צוריק 15) פֿאַראורזאַכט אַ מענשען געלבזוכט".

עס איז געזאָגט געוואָרען 16): „אַז ביי איינעם איז דאָ צואה אויפֿ'ן לייב, אָדער אַז איינעמס האַנד ליעגט אין אַ בית הכסא 17), האָט רב הונא געזאָגט אַז ער מעג לייענען ק"ש, און רב חסדא האָט געזאָגט אַז ער טאָר ניט לייענען קיין ק"ש"18). האָט רבא געזאָגט: וואָס איז רב הונא'ס טעם? ווייל עס שטעהט געשריבען 19): „אַלץ וואָס אָ ט ע מ ט 20) זאָל לויבען גאָט". „און רב חסדא האָט געזאָגט אַז ער טאָר ניט לייענען קיין ק"ש". וואָס איז רב חסדא'ס טעם? ווייל עס שטעהט געשריבען 21): „אַלע מיינע ק נ אָ כ ע ן וועלען זאָגען: אָ גאָט, ווער איז ווי דו!"

עס איז געזאָגט געוואָרען: (פֿון) אַ שלעכטען גערוך וואָס האָט אַ באַזיס 22), האָט רב הונא געזאָגט אַז מען דאַרף זיך דערווייטערן פֿיער איילען 23) און מען מעג לייענען ק"ש, און רב חסדא האָט געזאָגט אַז מען דאַרף זיך דערווייטערן פֿון דעם אָרט וואו דער גערוך האָט אויפֿגעהערט און מען מעג לייענען ק"ש. — אין אַ ברייתא ווערט געלערנט ווי רב חסדא: אַ מענש זאָל ניט לייענען ק"ש ניט אַנטקעגען די צואה פֿון מענשען 24) און ניט אַנטקעגען די צואה פֿון הינט און ניט אַנטקעגען די צואה פֿון חזירים און ניט אַנטקעגען די צואה פֿון היהנער און ניט אַנטקעגען די צואה פֿון מיסט 25) וואָס האָט אַ שלעכטען גערוך, און אויב דאָרט איז דאָ אַן אָרט וואָס איז צעהן טפחים הויך אָדער צעהן טפחים נידעריג מעג ער זיך זעצען ביי דער זייט 26) און לייענען ק"ש, אָבער אויב עס איז ניטאָ זאָל ער זיך דערווייטערן אַזוי ווייט ווי זיינע אויגען קענען זעהן 27). דאָסזעלבע איז ביי תפלה. פֿון אַ שלעכטען גערוך וואָס האָט אַ באַזיס זאָל מען זיך דערווייטערן פֿיער איילען פֿון דעם אָרט פֿון גערוך און לייענען ק"ש. רבא האָט געזאָגט: דער דין איז ניט ווי דיזע ברייתא בנוגע צו אַלע דיזע זאַכען 28), נאָר ווי דאָס וואָס ווערט געלערנט אין דער ברייתא 29): „אַ מענש זאָל ניט לייענען ק"ש ניט אַנטקעגען די צואה פֿון מענשען און ניט אַנטקעגען די צואה פֿון חזירים 30) און ניט אַנטקעגען די צואה פֿון הינט

פירוש.

מען טאָר ניט לייענען ק"ש ווען מען געהט אין אַן אָרט וואו עס איז דאָ טנוף. 1) יחזקאל כ' כ"ה. 2) אַז איהם מיינט דער פסוק. 3) ישעיה ה' י"ח. ד"ה וואָס שלעפּען אויף זיך אַרויף עבירות וועלכע זיי האָבען לייכט געקענט פֿאַרמיידען. 4) במדבר ט"ו ל"א. 5) דברים ל"ב מ"ז. 6) דָּבָר — זאַך אָדער וואָרט.

7) ד"ה אַז דער מלבוש באַדעקט איהם נאָר פֿון די לענדען אַראָפּ און ביז די לענדען איז ער נאַקעט. 8) ווייל ביי תפלה דאַרף מען שטעהן מיט מורא ווי פֿאַר אַ קעניג. 9) פֿון די צואה וואָס קומט אַרויס. 10) ווי מען דערמאָהנט זיך. 11) דעם שטוהלגאַנג. 12) ווייטער ס"ב ב' און אין אַנדערע ערטער. 13) און 15) ווען מען אונטערברעכט אָדער מע האַלט זיך איין. 14) אַ קראַנקהייט וואָס מאַכט דעם בויך געשוואָלען.

16) איתמר, זעה „פירוש" זייטע 36 נומ. 2 17) ד"ה אפילו אַז ער זעלבסט שטעהט ניט אין בית הכסא, נאָר זיין האַנד איז אויסגעשטרעקט און געפֿינט זיך דאָרט. 18) יומא ל' א'. 19) דער לעצטער פסוק פֿון תהלים. 20) ד"ה נאָר די אָרגאַנען וואָס אָטעמען, דהיינו מויל און נאָז, זיינען מחויב צו לויבען גאָט, אָבער ניט די אַנדערע טיילען פֿון דעם מענשליכען קערפּער. 21) תהלים ל"ה י'.

22) ד"ה וואָס קומט פֿון צואה און ניט פֿון אַ נפיחה. 23) פֿון דער באַזיס, הגם דער גערוך איז נאָך אַלין דאָ. עס מיינט דאָ זעלבסטפֿאַרשטענדליך אַז די צואה איז הינטען און מען זעהט זי ניט. 24) אפילו אַז זי ריעכט ניט מעהר. 25) אין „אלפס" שטעהט „און ניט אַנטקעגען מיסט". דיזע גירסא שיינט ריכטיגער צו זיין, ווייל די ווערטער „די צואה פֿון מיסט" האָבען קיין זינען ניט. אין דעם מינכענער כ"י שטעהט אויך „ולא כנגד אשפה". 26) פֿון דעם אָרט פֿין וואַנען עס קומט דער שלעכטער גערוך. 27) ד"ה אויב ער קען ניט מאַכען אַז זי זאָל אויסקומען פֿון הינטען, ווייל אויב יאָ, האָט דאָך רב חסדא געזאָגט אַז עס איז גענוג זיך צו דערווייטערן פֿיער איילען („רשב"א"). 28) דיזע פֿינף ווערטער („בכל הני שמעתתא") פֿעהלען, מיט רעכט, אין „אַלפס" און „רא"ש" און אין מינכענער כ"י. 29) תוספתא פ"ב. 30) אין דער תוספתא

רבא האט געזאגט: אַז צואה געפינט זיך אין אַ דורכזיכטיגע כלי מעג מען לייענען ק"ש אַנטקעגען, אָבער אַז די ערוה געפינט זיך אין אַ דורכזיכטיגע כלי טאָר מען ניט לייענען ק"ש אַנטקעגען. „אַז צואה געפינט זיך אין אַ דורכזיכטיגע כלי מעג מען לייענען ק"ש אַנטקעגען", ווייל ביי צואה הענגט עס אָפּ פון פאַרדעקען 1), און (דאָ) איז דאָך דאָס פאַרדעקט, „אָבער אַז די ערוה געפינט זיך אין אַ דורכזיכטיגע כלי טאָר מען ניט לייענען ק"ש אַנטקעגען", ווייל די תורה האָט געזאָגט 2): „און ער זאָל ניט זעהן ביי דיר קיין שום ערוה", און (דאָ) זעהט מען עס דאָך.—אביי האָט געזאָגט: (אַז עס איז נאָר דאָ) אַביסעלע צואה פאַרניכטעט מען דאָס מיט שפּייעכץ 3). רבא האָט געזאָגט: און דוקא מיט דיקע שפּייעכץ.—רבא האָט געזאָגט: (אַז עס איז דאָ) צואה אין אַ גריבעל שטעלט מען דערויף 4) דעם שוך און מען לייענט ק"ש.—מר דער זוהן פון רבינא האָט געפרעגט: ווי איז אַז צואה איז צוגעקלעבט צום שוך? תיקו 5)!—רב יהודה האָט געזאָגט: אַנטקעגען אַ נאַקעטען גוי טאָר מען ניט לייענען ק"ש.—פאַרוואָס עפּעס אַ גוי? (מען טאָר דאָך) אפילו (אַנטקעגען) אַ אידען 6) אויך (ניט)! — (אַנטקעגען) אַ אידען איז קלאָר אַז מען טאָר ניט, אָבער (אַנטקעגען) אַ גוי איז נויטיג 7), ווייל מען וואָלט געקענט מיינען אַז אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען וועגען זיי 8): „וואָס זייער פלייש איז ווי די פלייש פון עזלען" זיינען זיי טאַקע ווי עזלען 9), דערפאַר לאָזט ער אונז צו וויסען אַז ביי זיי ווערט אויך אָנגערופען ערוה, וואָרום עס שטעהט געשריבען 10): „און די ערוה פון זייער פאָטער האָבען זיי ניט געזעהן".

„אבער מען זאל זיך ניט באדעקען ניט מיט שלעכטע וואסער און ניט מיט ווייק־וואסער, ביז מען טהוט אין דעם ניט אריין וואסער".

אָבער וויפיעל וואַסער זאָל מען אין דעם אַריינגיסען 11)?! — נאָר עס מיינט אַזוי: מען זאָל זיך מיט שלעכטע וואַסער אָדער מיט ווייק־וואַסער איבערהויפּט ניט באַדעקען, אָבער ביי השתנה 12) מעג מען לייענען אַז מען טהוט אין דעם אַריין וואַסער.

די רבנן האָבען געלערנט: „וויפיעל וואַסער זאָל מען אין דעם אַריינטהון? אַביסעל. ר' זכאי אָבער זאָגט: אַ רביעית 13)". האָט רב נחמן געזאָגט: די מחלוקת איז נאָר אויב שפּעטער 14), אָבער אויב פריהער 15) איז (גענוג) אַביסעל; און רב יוסף האָט געזאָגט: די מחלוקת איז נאָר אויב פריהער 16), אָבער אויב שפּעטער זאָגען אַלע אַז אַ רביעית. רב יוסף האָט געזאָגט צו זיין דיענער: גיב ברענג מיר אַ רביעית וואַסער 17), ווי ר' זכאי.

די רבנן האָבען געלערנט 18): „אַנטקעגען אַ מיסטקאַסטען און אַ נאַכט געשיר 19) טאָר מען ניט לייענען ק"ש אפילו אַז עס איז גאָר ניטאָ אין זיי 20), און (אַנטקעגען) השתנה גופא 21) ביז מען טהוט אין דעם ניט אַריין וואַסער. און וויפיעל וואַסער זאָל מען אַריינטהון אין דעם? אַביסעל; ר' זכאי אָבער זאָגט: אַ רביעית; סיי פאַר דעם בעט סיי הינטער דעם בעט 22). רבן שמעון בן גמליאל זאָגט: הינטער דעם בעט מעג מען לייענען, פאַר דעם בעט טאָר מען ניט לייענען, אָבער מען דערווייטערט זיך פיער איילען און מען לייענט. ר' שמעון בן אלעזר זאָגט: אפילו אַז דאָס איז אַ הויז פון הונדערט איילען טאָר מען ניט לייענען סיידען מען טראָגט דאָס אַרויס אָדער מען שטעלט עס אונטערן בעט". האָט מען זיי געפרעגט: ווי האָט ער 23) געזאָגט? הינטער דעם בעט מעג מען גלייך לייענען און פאַר דעם בעט זאָל מען זיך דערווייטערן פיער איילען, און לייענען, אָדער פיילייכט האָט ער אַזוי געזאָגט: הינטער דעם בעט דערווייטערט מען זיך פיער איילען און מען לייענט, (אָבער) פאַרן בעט טאָר מען איבערהויפּט ניט לייענען? קום און הער 24) וואָס עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: ר' שמעון בן אלעזר זאָגט: הינטער דעם בעט מעג מען גלייך לייענען (און) פאַרן בעט דערווייטערט מען זיך פיער איילען; רבן שמעון בן גמליאל אָבער זאָגט: אפילו (אין) אַ הויז פון הונדערט איילען טאָר מען ניט לייענען סיידען מען טראָגט דאָס אַרויס אָדער מען שטעלט עס אונטערן בעט.—אונזער פראַגע איז (אפילו דערמיט) פאַרענטפערט געוואָרען 25), אָבער די בריתות ווידער-

---

פירוש.

1) ווייל ביי צואה שטעהט: „און דו זאָלסט פאַרדעקען דיין שטוהלגאַנג" (דברים כ"ג י"ד). 2) דאָרט פסוק ט"ו. 3) וואָס מען שפּייט אויף דעם אַרויף. 4) אויפן גריבעל. 5) די פראַגע איז געבליבען אונפאַרענטפערט; זעה „פירוש" זייטע 27 נומ. 5.—מיר פסקענען נאַטירליך אַז מען טאָר ניט, ווייל אין פראַגען פון אסור והתר געהען מיר שטענדיג לחומרא וואו עס שטעהט תיקו (זעה דאָרט). 6) אַ נאַקעטען. 7) דאָס צו זאָגען. 8) יחזקאל כ"ג כ'. 9) און אַנטקעגען חיות מעג מען דאָך לייענען ק"ש. 10) בראשית ט' כ"ג, ביי דער געשיכטע פון נח וואָס האָט זיך אָפּגעדעקט שלאָפענדיג אין זיין געצעלט און זיינע זיהן שם און יפת האָבען איהם צוגעדעקט. נח איז דאָך ניט געווען קיין איד.

11) כדי צו מאַכען אַז די שלעכטע וואַסער זאָל גוט ווערען. ד"ה דאָס איז דאָך אונמעגליך, ווייל מען דאַרף דאָך דערצו האָבען אַ סך וואַסער. 12) אַז עס איז ניט פיעל און עס געפינט זיך אין אַ כלי.

13) אַ פערטיל פון אַ לוג (זעה „פירוש" ז. 51 נומ. 15).—נזיר ל"ח א'. 14) אויב די השתנה איז פריהער און די וואַסער שפּעטער, ד"ה אויב די השתנה איז אין אַ כלי, און מען דאַרף אַריינגיסען אין דעם וואַסער כדי מען זאָל מעגען לייענען ק"ש אַנטקעגען, איז נאָר אין דעם פאַל פאַרלאַנגט ר' זכאי אַז עס זאָל זיין אַ רביעית. 15) אויב די וואַסער איז פריהער, ד"ה אויב השתנה איז אַריינגעגאָסען געוואָרען אין ריינע וואַסער. 16) נאָר אין דעם פאַל ערלויבט דער ערשטער תנא אַביסעל. 17) אפילו אויב פריהער.

18) תוספתא פ"ב. 19) פון לעהם אָבער אָהן גלאַזור. 20) ווייל זיי ציהען די אונריינקייט אין זיך איין. לויט רש"י, ווייל זיי זיינען לכתחלה באַשטימט פאַר אונריינקייט. 21) וואָס געפינט זיך אין אַ כלי וואָס איז ניט באַשטימט דערפאַר. 22) ווייל דאָס בעט איז ניט קיין מחיצה צווישען איהם און די אונריינקייט. 23) רבן שמעון בן גמליאל. 24) זעה „פירוש" ז. 5 נומ. 8. 25) בנוגע צו דעם אונטערשיעד צווישען פאַר און הינטער דעם בעט.

פאַר ר' יהודה פון דפתי, האָט ער דערזעהן צואה און האָט מיר געזאָגט: גיב אַ קוק צו עס האָט זיך פון אויסענווייניג אַביסעל פערהאַרטעוועט צו ניין 1). מאַנכע זאָגען אַז ער האָט איהם אַזוי געזאָגט: גיב אַ קוק צו עס האָט זיך שוין געשפּאָלטען. — אַלזאָ ווי בלייבט עס 2)? — עס איז געזאָגט געוואָרען: ביי צואה וואָס איז ווי אַ שאַרבען זאָגט אַמימר אַז עס איז פאַרוועהרט און מר זוטרא זאָגט אַז עס איז ערלויבט, האָט רבא געזאָגט: דער דין איז אַז ביי צואה וואָס איז ווי אַ שאַרבען איז פאַרוועהרט און ביי השתנה כל זמן עס איז נאָך פייכט. האָט מען דערויף געפרעגט: ביי השתנה איז פאַרוועהרט כל זמן עס איז נאָך פייכט, אָבער אַז עס האָט זיך איינגעזאַפּט 3) אָדער אויסגעטריקענט 4) איז ערלויבט. מיינט עס ניט אַז איינגעזאַפּט איז צוגעגליכען צו אויסגעטריקענט? אַזוי ווי אויסגעטריקענט איז ווען מען דערקענט שוין ניט מעהר קיין שפור, אָבער אַז מען דערקענט נאָך אַ שפור איז פאַרוועהרט הגם עס איז ניט מעהר פייכט 5). — אָבער נאָך דיין טעם, וואָס זאָל מען זאָגען צו דעם אָנפאַנג 6)? אַז נאָר כל זמן עס איז נאָך פייכט איז פאַרוועהרט, אָבער אַז מען קען נאָך דערקענען אַ שפור איז שוין ערלויבט 7)?! אָבער אודאי קען מען דערפון גאָר ניט אַרויסנעהמען. — מען קען זאָגען אַז דאָס איז ווי די תנאים 8): ביי אַ כלי וואָס מען האָט דערפון אַרויסגעגאָסען די השתנה טאָר מען ניט לייענען קיין ק"ש אַנטקעגען, אָבער ביי השתנה גופא וואָס איז אויסגעגאָסען געוואָרען איז אויב דאָס איז איינגעזאַפּט געוואָרען מעג מען און אויב עס איז ניט איינגעזאַפּט געוואָרען טאָר מען ניט. ר' אסי אָבער זאָגט: כל זמן עס איז נאָך פייכט. וואָס מיינט איינגעזאַפּט און וואָס מיינט ניט איינגעזאַפּט וואָס דער ערשטער תנא דערמאָהנט? זאָל מען זאָגען אַז איינגעזאַפּט מיינט אַז עס איז ניט מעהר פייכט און ניט איינגעזאַפּט אַז עס איז נאָך פייכט, און ר' יוסי קומט דאָ צו זאָגען אַז כל זמן עס איז נאָך פייכט טאָר מען ניט, אָבער אַז מען דערקענט נאָך אַ שפור מעג מען? איז עס דאָך ווי דער ערשטער תנא 9)! אלא (אודאי מיינט) איינגעזאַפּט אַז מען דערקענט ניט מעהר קיין שפור און ניט איינגעזאַפּט אַז מען דערקענט נאָך אַ שפור, קומט ר' יוסי און זאָגט אַז נאָר כל זמן עס איז נאָך פייכט טאָר מען ניט, אָבער אַז מען דערקענט בלויז אַ שפור מעג מען 10). — ניין! אלע זיינען טאַקע מודה אַז נאָר כל זמן עס איז נאָך פייכט טאָר מען ניט, אָבער אַז מען דערקענט בלויז אַ שפור מעג מען, (ב') אָבער דאָ זיינען זיי מחולק מכח אַזוי פייכט אַז עס מאַכט פייכט 11).

„אז מען געהט אראפּ זיך טובלן, איז אויב מען קען ארויסקומען אא"ו".

מען קען זאָגען אַז דער אַנאָנימער תנא 12) (האַלט) ווי ר' אליעזר וואָס זאָגט „ביז די זון הייבט אָן צו שיינען" 13). — מען קען אפילו זאָגען ווי ר' יהושע 14), און פיליכט איז דאָס 15) פאַר די ותיקין 16), ווארום ר' יוחנן האָט געזאָגט 17): „די ותיקין פלעגען דאָס ענדיגען ווען די זון הייבט אָן צו שיינען".

„און אויב ניט, זאָל מען זיך באדעקען מיט וואסער און לייענען".

זיין האַרץ זעהט דאָך אָבער (דערביי) די ערוה? האָט ר' אלעזר געזאָגט, און עס איז דאָ וואָס זאָגען אַז ר' אחא בר אבא בר אחא האָט עס געזאָגט אין נאָמען פון רבי: דאָס איז געמיינט מיט מוטנע וואַסער, זוייל דאָס איז ווי פעסטער באָדען, (און טאַקע) כדי דאָס האַרץ זאָל ניט זעהן די ערוה.

די רבנן האָבען געלערנט: אין קלאָרע וואַסער מעג מען זיצען ביזן האַלז און לייענען, און מאַנכע זאָגען אַז מען מוז זיי מיט די פיס מוטנע מאַכען. לויטן ערשטען תנא זעהט דאָך אָבער דאָס האַרץ די ערוה?! ער האַלט אַז ווען דאָס האַרץ זעהט די ערוה מעג מען 18). אָבער דער טריט 19) זעהט דאָך די ערוה?! ער האַלט אַז ווען דער טריט זעהט די ערוה מעג מען. — עס איז געזאָגט געוואָרען: אַז דער טריט זעהט די ערוה מעג מען, אָבער אַז ער ריהרט דאָס אָן, זאָגט אביי אַז מען טאָר ניט, און רבא זאָגט אַז מען מעג. רב זביד האָט דיזע הלכה אַזוי געלערנט; רב חיננא דער זוהן פון רב איקא האָט עס אָבער אַזוי געלערנט: אַז ער ריהרט עס אָן זיינען אַלע מודה אַז מען טאָר ניט, אָבער אַז ער זעהט עס, זאָגט אביי אַז מען טאָר ניט, און רבא זאָגט אַז מען מעג, ווייל די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען פאַר מלאכים 20). און דער דין איז: ווען ער ריהרט עס אָן טאָר מען ניט, אָבער אַז ער זעהט עס מעג מען.

פירוש.

כעל, פונדעסטוועגען ווערט עס שוין בעטראַכט ווי אַ שאַרבען. 1) ווערט מען מעגען לייענען ק"ש. 2) בנוגע צו השתנה. 3) אין דער ערד. 4) דורך די זון. 5) און ניט ווי רבא האָט געזאָגט. 6) פון דער ציטירטער ברייתא. 7) ד"ה גראָד פאַרקעהרט פון דאָס וואָס מען קען אַרויסנעהמען פון דעם סוף פון דער ברייתא. 8) ד"ה אַז דער ענין דאָ איז גלייך צו אַן אַנדער ענין אין וועלכען עס איז דאָ אַ מחלוקת צווישען תנאים. דער אויסדרוק לֵימָא כְּתַנָּאֵי קומט אָפט פאָר אין דער גמרא, וואו אַ מחלוקת האָט ניט געקענט קומען צו אַן ענטשיידונג און עס ווערט פרובירט צו קומען דערצו דורך אַזאַ מין פאַרגלייך. 9) טאָ אין וואָס זיינען זיי מחולק? 10) אַלזאָ געננוי די זעלבע מחלוקת ווי פריהער. 11) האַלט דער ערשטער תנא אַז מען טאָר ניט לייענען ק"ש אַנטקעגען השתנה בלויז דאַן ווען עס איז אַזוי פייכט אַז עס מאַכט פייכט אַלין וואָס עס ריהרט זיך אָן דעם אָן, און ר' יוסי איז מחמיר און האַלט אַז אפילו עס איז ניט אַזוי שטאַרק פייכט טאָר מען אויך ניט.

12) וועלכער זאָגט אין אונזער משנה: „אַז מען געהט אַראָפּ זיך טובלן אא"ו און לייענען בעפאָר די זון הייבט אָן צו שיינען". 13) זעה משנה זייטע 32. 14) וועלכער זאָגט דאָרט: „ביז דריי שעה". 15) וואָס שטעהט אין אונזער משנה. 16) אָבער פאַר אַנדערע מענשען איז טאַקע ביז דריי שעה. 17) זעה זייטע 32.

18) לייענען ק"ש. 19) אונטער האַרץ ווערט פאַרשטאַנען דער מיטעלסטער טייל פון קערפער, פון די אַקסלען ביז פאַר דער ערוה, אונטער טריט דער אונטערשטער טייל, ד"ה די פיס. 20) וועלכע האָבען ניט קיין ערוה, אָבער מענשען קענען זיך ניט העלפען וואָס זיי האָבען דאָס יאָ און זיינען ניט מחויב זיך אַזוי וויט אָפּצוהיטען.

סיער 1) זיינען ווי פאַרדעקטע אפילו אַז עס איז אין זיי דאָ צואה 2).

משנה ה'.

א) זב וואס עס באַווייזט זיך ביי איהם קרי און א נדה וואס דער זאמען איז ביי איהר ארויסגעקומען און א פרוי וואס האט געהאט געשלעכטליכען פאַר־קעהר און עס האט זיך ביי איהר באוויזען בלוט דאַר־פען זיך טובל זיין; ר' יהודה אבער פטר'ט.

גמרא.

עס איז ביי זיי געפרעגט געוואָרען: ווי איז נאָך ר' יהודה אַז עס באַווייזט זיך זיבה ביי אַ בעל קרי 4)? האָט ר' יהודה צוליעב דעם געפטר'ט 5) אַ זב וואָס עס באַווייזט זיך ביי איהם קרי, ווייל ער איז דאָך לכתחלה נאָך ניט פעהיג פאַר טבילה 6), אָבער אַ בעל קרי וואָס עס באַווייזט זיך ביי איהם זיבה, וועלכער איז דאָך לכתחילה יאָ פעהיג פאַר טבילה 7), איז ער טאַקע מחייב, אָדער פּליינבט איז קיין אונטערשיעד ניט? קום און הער 8): „אַ פרוי וואָס האָט געהאַט געשלעכט־ליכען פאַרקעהר און עס האָט זיך ביי איהר באַוויזען בלוט דאַרף זיך טובל זיין; ר' יהודה אָבער פטר'ט", און אַ פרוי וואָס געהאַט געשלעכטליכען פאַרקעהר און עס האָט זיך ביי איהר באַוויזען בלוט איז דאָך ווי אַ בעל קרי וואָס עס באַווייזט זיך ביי איהם זיבה, פונדעסטוועגען פטר'ט זי ר' יהודה 9), איז דאָך דערפון געדרונגען 10). ר' חייא האָט אויסדריקליך געלערנט: אַ בעל קרי וואָס עס באַווייזט זיך ביי איהם זיבה דאַרף זיך טובל זיין, ר' יהודה אָבער פטר'ט.

* * * * * * * *

פרק ד'.

משנה א'.

די תפלה פון שחרית 11) איז ביז האַלבען טאָג; ר' יהודה זאגט: ביז פיער שעה 12). די תפלה פון מנחה איז ביז אוונט 13); ר' יהודה זאגט: ביז די העלפט פון דער מנחה (צייט) 14). די תפלה פון מעריב איז ניט פעסטגעזעצט 15), און פון מוספים א גאַנצען טאג; ר' יהודה זאגט: ביז זיעבען שעה 16).

גמרא.

קען מען דאָך דערויף 17) פרעגען פון דער ברייתא 18): „די מצוה דערפון 19) איז ווען די זון הייבט אָן צו שיינען, כדי צו פאַרבינדען „גאולה" מיט שמונה עשרה און עס זאָל אויסקומען אַז מען דאַווענט ביי טאָג" 20). — דאָס וואָס ווערט געלערנט אין יענער ברייתא איז פאַר די ותיקין, וואָרום ר' יוחנן האָט געזאָגט: „די ותיקין פלעגען דאָס ענדיגען ווען די זון הייבט אָן צו שיינען" 21), אָבער די גאַנצע וועלט 22) (מעג) ביז האַלבען טאָג. — און שפעטער ניט? ר' מרי דער זוהן פון רב הונא דער זוהן פון ר' ירמיה בר אבא האָט דאָך געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַז מען האָט אַ טעות און מען דאַווענט ניט מעריב, דאַווענט מען אין שחרית צוויי מאָל 23), שחרית 24), דאַווענט מען אין מנחה צוויי מאָל 25)! — אייגענטליך מעג מען אַ גאַנצען טאָג אָנגעהן מיטן דאַווענען, (נאָר) אויב ביז האַלבען טאָג באַקומט מען דעם שכר פאַר דאַ־ווענען אין דער צייט, אָבער אייב שפּעטער, באַקומט מען שכר פאַר דאַווענען בלויז און [מען באַקומט] ניט [דעם שכר] פאַר דאַווענען אין דער צייט. — עס איז ביי זיי גע־

פ י ר ו ש.

מעג מען אודאי. 1) אין זייערע בתי הכסא איז די גרוב ניט געווען אינעווייניג, נאָר מעהר אָדער וועניגער ווייט דערפון, און די גרוב איז געווען פאַרבונדען מיטן בית הכסא דורך אַ משופע'דיגען אונטערערדי-שען קאַנאַל, דורך וועלכען די צואה פלעגט זיך אַראָפקייקלען אין גרוב אַריין. 2) און מען מעג דערפאַר דאַווענען אַנטקעגען זיי אין אַן ענטפערונג פון פיער איילען.

3) זעה ענ־ע זייטע 78 און אָנפאַנג זייטע 79 (וואו דיזע משנה ווערט ציטירט) און „פירוש" דאָרט נומ. 24 און 1 ביז 6.

4) ד"ה פאַרקעהרט ווי עס שטעהט אין אונזער משנה. 5) און 9) פון טבילה פאַר תורה אא"וו. 6) און 7) זעה „פירוש" זייטע 79 נומ. 5 און 6. 8) אַ תירוץ פון אונזער משנה גופא. 10) אַז אַ בעל קרי וואָס עס באַ-ווייזט זיך ביי איהם זיבה פטר'ט ר' יהודה אויך פון טבילה.

11) די צייט צו דאַווענען. 12) די ערשטע פיער שעה פון טאָג. 13) ביז עס הייבט אָן ווערען פינסטער. 14) זעה ווייטער אין דער גמרא וואו דאָס ווערט ערקלעהרט. 15) און מען מעג דאַווענען די גאַנצע נאַכט. 16) אין דער משנה פון ירושלמי פעהלט דיזער זאַץ. אין „תוספות" ד"ה תא שמע, כ"ז א', ווערט געזאָגט אַז דאָס פעהלט אין אַלע אַלטע ספרים און עס ווערט ערקלערט אַז רבי האָט דאָס ניט אַריינגעשטעלט אין דער משנה, ווייל ער האַלט ניט ווי ר' יהודה. אין דער ברייתא שטעהט יאָ דיזער זאַץ.

17) אויף דעם אָנפאַנג פון אונזער משנה. 18) ורמינהי; זעה „פירוש" ז. 4 נומ. 16. 19) פון לייענען ק"ש אין דער פריה. 20) זעה ז. 32 און „פירוש" דאָרט נומ. 14 און 15. — טאָ פאַרוואָס שטעהט דאָ אין דער משנה אַז מען מעג דאַווענען שחרית ביז האַלבען טאָג? 21) זעה דאָרט און ז. 92. — וועגען „ותיקין" זעה „פירוש" ז. 32 נומ. 12. פּיליבט איז דערמיט געמיינט די סעקטע אסיים ס). 22) אַלע אַנדערע מענשען. 23) צוויי שמונה עשרה'ס. 24) ד"ה אַז מען פאַרגעסט צו דאַ-ווענען שחרית. 25) אם כן זעהען מיר דאָך אַז מען מעג דאַווענען די

ס) ר' א"ה ווייס זאגט אפילו אין „דור דור ודורשיו" חלק א' פ' י"ג, וואו ער ציטירט די גמרא פון היער, „אבל אין ותיקין כנוי לאסיים"; ער גיט אבער ניט קיין טעם דער-פאר. געוועהנלך נעמען די וואס זיינען געגען די אידענטיפיצירונג פון „ותיקין" אדער „חסידים הראשונים" אא"וו. מיט די „אסיים" אלס גרונד אן, דאס וואס די „אסיים" זיינען געווען געגען קרבנות אין געגענזאץ צו יענע, וועלכע האבען גראדע א סך מקריב געווען. זיי פארגעסען אבער אז די „אסיים" זיינען ניט געווען קיין איינהייטליכע סעקטע, נאר זיינען בעשטאנען פון פארשידענע גרופען, וואס האבען זיך אונטערשיידט פון איינאנדער אין זייערע מנהגים און די באזונדערע באטאנונג וואס זיי האבען געלעגט אויף געוויסע מצות, ווי "טובלי שחרית", „כנאים" אא"וו. ר' יואל מילער אין זיין „מסכת סופרים" אויסגאבע אידענטיפיצירט די „ותיקין" מיט די „אסיים", און דאסזעלבע טהוט ר' יוסף דערענבורג אין זיין פראנצויזישען בוך „איבער די געשיכטע און ד. געאגראפיע פון פאלעסטינא לויט די תלמודים און די אנדערע רבנישע קוועלען", ערשטער טייל, זייטע 169, וואו די אידענטיטעט ווערט פעסטגעשטעלט דורך א פארגלייך פון דער גמרא דא מיט א באריכט איבער די „אסיים" און זייערע מנהגים אין יוסף פלאוויוס' „מלחמות פון די אידען", II, 8, 5. עס איז מערקווירדיג, וואס פראפ. עמיל שירער באנוצט זיך גראדע מיט דיזע ביידע קוועלען כדי אויפצושטעלען די לעבערליכע השערה -- וועלכע איז ביי איהם מעהר א געוויסהייט איידער א השערה -- אז די אסיים האבען געדיענט צו דער זון (זעה זיין „געשיכטע דעם יידישען פאלקעס אא"וו", 2טער טייל, זייטען 480 און 488).

שפרעכען זיך דאך 1)! — איך דרעה אום די לעצטע 2). — ‎פארוואס גראד אומדרעהען די לעצטע? דרעה אום די ער־‎שטע! — ווען מען האט מען געהערט זאגענדיג אז א גאנצע ‎הויז איז ווי פיער איילען? ר' שמעון בן אלעזר'ן 3).

רב יוסף האט געזאגט: איך האב רב הונא'ן געפרעגט: ‎אז א בעט איז נידעריגער ווי דריי 4), איז ביי מיר זעלבסט־‎פארשטענדליך אז עס איז ווי קאמפאקט 5), (אבער) ווי איז ‎אויב דריי, פיער, פינף, זעקס, זיבען, אכט, ניין? האט ער ‎געענטפערט: איך ווייס ניט. אויף צעהן האב איך גאר ‎ניט געפרעגט. האט אביי געזאגט: דו האסט גוט געטהאן ‎וואס דו האסט ניט געפרעגט, (ווארום) יעדע צעהן (טפחים) ‎זיינען אן אנדער רשות. רבא האט געזאגט: דער דין איז, ‎אז נידעריגער ווי דריי איז ווי קאמפאקט, צעהן איז אן אנ־‎דער רשות, פון דריי ביז צעהן איז דאס וואס רב יוסף האט ‎רב הונא'ן געפרעגט און ער האט איהם ניט ערקלעהרט.— ‎רב האט געזאגט: דער דין איז ווי ר' שמעון בן אלעזר, און ‎אזוי האט באלי געזאגט אז רב יעקב דער זוהן פון שמואל'ס ‎טאכטער 6) האט געזאגט: דער דין איז ווי ר' שמעון בן ‎אלעזר; אבער רבא האט געזאגט: דער דין איז ניט ווי ‎ר' שמעון בן אלעזר.

רב אחאי האט חתונה געמאכט זיין זוהן אין הויז פון רב ‎יצחק בר שמואל בר מרתא. האט ער איהם אריינגעפיהרט ‎אין דער חופה 7) און עס האט זיך ניט איינגעגעבען 8). איז ‎ער געגאנגען אונטערזוכען 9) און האט דארט געפונען א ספר ‎תורה ליגענדיג. האט ער געזאגט: אז איך וואלט איצט ניט ‎געקומען, וואלט איהר געבראכט מיין זוהן אין א סכנה 10), ‎ווארום עס ווערט געלערנט אין א בריתא: אין א הויז וואו ‎עס איז דא א ספר תורה אדער תפילין טאר מען ניט האבען ‎קיין געשלעכטליכען פארקעהר ביז מען טראגט זיי ניט ארויס ‎אדער מען לעגט זיי ניט אריין אין א כלי וואס איז אין נאך א ‎כלי. האט אביי געזאגט: דאס איז נאר גערעדט ביי א כלי ‎וואס איז ניט זייער כלי 11), אבער ביי א כלי וואס איז זייער ‎כלי ווערען אפילו צעהן כלים 12) בעטראכט ווי איין כלי. ‎רבא האט געזאגט: א פארהאנג (כ"ן א') פון א (ביכער) ‎שראנק איז ווי א כלי וואס איז נאך א כלי 13). ר' יהושע ‎בן לוי האט געזאגט: ביי א ספר תורה דארף מען מאכען ‎א מחיצה פון צעהן 14). מר זוטרא'ן איז אויסגעקומען צו ‎זיין אין הויז פון מר בר רב אשי, האט ער געזעהן די (בעט) ‎שטעל פון מר בר רב אשי אז דארט איז געלעגען א ספר ‎תורה און ער האט פאר איהר געמאכט א מחיצה פון צעהן ‎(טפחים), און האט איהם געפרעגט: ווי ווער?—ווי ר' יהושע ‎בן לוי.— טאמער אבער האט ר' יהושע בן לוי נאר דאן גע־‎זאגט, אז מען האט ניט קיין אנדער חדר, אבער דער רבי האט ‎דאך אן אנדער חדר? — האט ער איהם געענטפערט: דאס ‎איז מיר ניט געקומען אויפ'ן געדאנק.

„און וויפיעל זאל מען זיך דערוויטערן דערפון און פון צואה? פיער איילען".

רבא האט געזאגט אז רב סחורה האט געזאגט און ער ‎זאגט אז רב הונא האט עס געזאגט: דאס איז נאר גערעדט ‎אז עס איז הינטען, אויב עס איז אבער פארענט זאל מען ‎זיך דערווייטערן אזוי ווייט ווי די אויגען קענען זעהן; און ‎דעסגלייכען ביי תפלה. — עס קען דאך ניט זיין! ווארום ‎רפרם בר פפא האט געזאגט אז רב חסדא האט געזאגט: ‎א מענש מעג שטעהן אנטקעגען א בית הכסא 15) און דאַ־‎ווענען. — דארט האנדעלט זיך וועגען א בית הכסא וואו עס ‎איז ניטא (מעהר) קיין צואה.—עס קען דאך ניט זיין! ווארום ‎רב יוסף בר חנינא האט געזאגט 16): „דאס וואס איז געזאגט ‎געווארען וועגען א בית הכסא מיינט אפילו אז עס איז אין ‎איהם ניטא קיין צואה, און דאס וואס איז געזאגט געווארען ‎וועגען א מרחץ 17) מיינט אפילו אז עס איז אין איהם ניטא ‎קיין מענש".—נאר דארט 18) האנדעלט זיך ביי א נייעם 19). ‎— אבער רבינא האט זיך דאך געפרעגט: ווי איז אז מען ‎האט עס 20) באשטימט פאר א בית הכסא? איז די באשטי־‎מונג גילטיג אדער איז די באשטימונג ניט גילטיג 21)?—ביי ‎רבינא איז נאר געווען די פראגע וועגען זיך אוועקשטעלען ‎דארט און דאווענען אינעווייניג 22), אבער ניט וועגען אנט־‎קעגען 23).—רבא האט געזאגט: די בתי הכסא פון די פער־

פירוש.

1) ווייל דאס וואס שטעהט אין דער צולעצט ציטירטער בריתא אין נאמען פון ר' שמעון בן אלעזר שטעהט אין דער צוערשט ציטירטער אין נאמען פון רבן שמעון בן גמליאל, און, פארקעהרט, דאס וואס שטעהט דא אין נאמען פון רשב"ג שטעהט דארט אין נאמען פון רשב"א. 2) ד"ה איך דרעה אום די נעמען אין דער לעצטער בריתא, און עס איז דערפאר קיין קשיא ניט פון איין בריתא אויף די אנדערע. 3) דערפאר מוז מען דוקא אומדרעהען די נעמען אין דער צולעצט ציטירטער בריתא כדי צו מאכען זי איינשטימען מיט דער ערשטער, און ניט אין דער ערשטער.

4) טפחים פון דער ערד. 5) ד"ה ווי פארבונדען מיט דער ערד, און דאס וואס מען שטעלט אונטען איז ווי פארבעהאלטען. 6) זעה „פירוש" זייטע 58 נומ. 23.

7) די חופה אין יענע צייטען איז געווען דאס שלאפצימער וואו מען פלעגט באלעגען דאס נייע פאר פאלק. (זעה אויך „פירוש" ז. 57 נומ. 24. 8) ד"ה ער האט ניט געקענט האבען קיין געשלעכטליכען פארקעהר. 9) אויסגעפינען פארוואס עס האט זיך ניט איינגעגעבען. 10) צו שטארבען פון גרויס אנשטרענגונג, לויט רש"י, צו שטארבען צוליעב אן עבירה. 11) זעה „פירוש" זייטע 84 נומ. 14. 12) וואס ליגען איינע אין דער אנדערער. 13) ווייל דאס איז דאך ניט זייער כלי (רש"י). פיליכט ווייל עס האט א געוויסע קדושה צוליעב די ספרים. 14) טפחים. אויב מען ווייל אין דעם צימער האבען געשלעכטליכען פארקעהר, ביי אנדערע היי־ליגע ספרים איז שוין אבער גענוג אז מען פארדעקט זיי.

15) אין אן ענטפערונג פון פיער איילען.—16) שבת י' א'. 17) אז מען טאר דארט ניט טראכטען וועגען תורה. 18) וואס רפרם אא"וו האט געזאגט. 19) וואו עס איז נאך קיין צואה גארניט געווען. 20) א געוויסען ארט. 21) די קשיא איז אין פאל די באשטימונג זאל יא זיין גילטיג, ווארום אויב אן ארט ווערט בעטראכט אלס א בית הכסא בלויז דאדורך וואס עס איז דערצו באשטימט געווארען ווערט דאך דערמיט ווידערלעגט דאס וואס ווערט געזאגט אז רפרם אא"וו האט געמיינט ביי א נייעם בית הכסא. 22) אין אן ארט וואס איז באשטימט געווארען פאר א בית הכסא. 23) ווייל דאס

דאָרט געשטאַנען", און שטעהן מיינט דאַווענען, ווייל עס שטעהט: „און פנחס האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט מתפלל געווען" 1); יצחק האָט איינגעפיהרט די תפלה פון מנחה, וואָרום עס שטעהט 2): „און יצחק איז אַרויסגעגאַנגען רעדען 3) אייפן פעלד געגען אָיוענט", און רעדען 4) מיינט, ווייל עס שטעהט 5): „אַ תפלה פון אַן אָרימען ווען עס פאַרקלעמט איהם און פאַר גאָט גיעסט ער אויס זיין רייד" 6); יעקב האָט איינגעפיהרט די תפלה פון מעריב, וואָרום עס שטעהט 7): „און יעקב האָט געטראָפען 8) אַן אָרט און האָט דאָרט איבערגענעכטיגט", און טרעפען מיינט דאַווענען, ווייל עס שטעהט 9): „און דו זאָלסט ניט מתפלל זיין פאַר דיזען פאָלק און זאָלסט ניט אויפהייבען פאַר זיי קיין געזאַנג און תפלה און זאָלסט מיך ניט טרעפען" 10); און אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט ווי ר' יהושע בן לוי 11): „פאַרוואָס האָבען זיי געזאָגט 12): „די תפלה פון שחרית איז ביז האַלבען טאָג"? ווייל דאָס מקריב זיין פונ'ם תמיד פון אין דער פריה איז אָנגעגאַנגען ביז האַלבען טאָג; „ר' יהודה זאָגט: ביז פיער שעה" 13), ווייל דאָס מקריב זיין פונ'ם תמיד פון אין דער פריה איז אָנגעגאַנגען ביז פיער שעה 14); און פאַרוואָס האָבען זיי געזאָגט: „די תפלה פון מנחה איז ביז אָווענט"? ווייל דאָס מקריב זיין פונ'ם תמיד פון פאַרנאַכט איז אָנגעגאַנגען ביז אָווענט; „ר' יהודה זאָגט: ביז די העלפט פון דער מנחה (צייט)", ווייל דאָס מקריב זיין פונ'ם תמיד פון פאַרנאַכט איז אָנגעגאַנגען ביז די העלפט פון דער מנחה צייט; און פאַרוואָס האָבען זיי געזאָגט: „די תפלה פון מעריב איז ניט פעסטגעזעצט"? ווייל די גליעדער 15) און פעט 16) וואָס זיינען ניט פאַרברענט געוואָרען פאַר אָוענט פלעגט מען פאַרברענען די גאַנצע נאַכט; און פאַרוואָס האָבען זיי געזאָגט: „און פון מוספים אַ גאַנצען טאָג"? ווייל די מוסף קרבנות פלעגט מען מקריב זיין דעם גאַנצען טאָג; „ר' יהודה זאָגט: ביז זיעבען שעה", ווייל דאָס מקריב זיין פון קרבן מוסף איז אָנגעגאַנגען ביז זיעבען שעה. און 17) ווען איז די גרויסע מנחה 18)? פון זעקס און אַ האַלב שעה אָן 19) און ווייטער. און ווען איז די קליינע מנחה? פון ניין און אַ האַלב שעה אָן 20) און ווייטער. עס 21) איז ביי זיי געפרעגט געוואָרען: מיינט ר' יהודה 22) די העלפט פון דער ערשטער מנחה 23), אָדער מיינט ער די העלפט פון דער לעצטער מנחה 24)? קום און הער, וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: ר' יהודה זאָגט: די העלפט פון דער לעצטער מנחה מיינט מען, און דאָס איז עלף שעה אָהן אַ פערטעל" 25). קען מען זאָגען אַז דאָס 26) איז אַן אָפּפראַגע אויף ר' יוסי דער זוהן פון ר' חנינא 27)? — ר' יוסי דער זוהן פון ר' חנינא קען דיר אַזוי ענטפערן: לעולם קען מען זאָגען אַז 28) די תפלות זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פון די אבות, נאָר די רבנן האָבען זיי געשטיצט 29) אויף די קרבנות 30); וואָרום אַז מיר זאָלען דאָס ניט זאָגען 31), טאָ ווער האָט איינגעפיהרט די תפלה פון מוסף, לויט ר' יוסי דער זוהן פון ר' חנינא? נאָר די תפלות זיינען טאַקע איינגעפיהרט געוואָרען פון די אבות, אָבער די רבנן האָבען זיי געשטיצט אויף די קרבנות.

„ר' יהודה זאָגט: ביז פיער שעה".

עס איז ביי זיי געפרעגט געוואָרען: איז ביז אינקלוזיוו,

פירוש.

ל'ט און במדבר כ"ח ג' און ד'). 1) זעה ז, 18, וואו דיזער טייל פון דער בריתא ווערט ציטירט, 2) בראשית כ"ד ס"ג, 3) לָשׂוּחַ, 4) שִׂיחָה, 5) תהלים ק"ב א', 6) שִׂיחוֹ, 7) בראשית כ"ח י"א, 8) וַיִּפְגַּע, דער דרש איז געבויט דערויף וואָס דער שורש פָּגַע מיינט אי באַגעגענען אי שטאַרק בעטען, 9) ירמיה ז' ט"ז, 10) וְאַל תִּפְגַּע בִּי, 11) תוספתא פ"ג, 12) און 13) אין אונזער משנה, אַזוי אויך אין די ווייטערדיגע ציטאַטען, 14) לויט ר' יהודה, אַזוי אויך אין די ווייטערדיגע ערקלערונגען, 15) פון עולות, 16) פון אַלע אַנדערע קרבנות, וואָס זייער בלוט איז געשפריצט געוואָרען פאַר זונען אונטערגאַנג, 17) דיזער טייל פון דער בריתא האָט אפילו קיין שייכות ניט אַהער, אָבער אין דער גמרא קומט אָפט פאָר אַז ציטירענדיג אַ געוויסען טייל פון אַ מאמר ווערט שוין געבראַכט דער מאמר אין גאַנצען. 18) מִנְחָה גְדוֹלָה איז די מאַקסימום צייט און מִנְחָה קְטַנָּה די מינימום צייט פון מנחה, די ערשטע ווערט אויך אָנגערופען מִנְחָה קַמָּא (די ערשטע מנחה) און די צווייטע מִנְחָה אַחֲרוֹנָה (די לעצטע מנחה), פאַר דער ערשטער האָט מען ניט געטאָרט מקריב זיין דעם תמיד פון פאַרנאַכט, און פאַר דער צווייטער פלעגט מען געוועהנליך איהם ניט מקריב זיין, 19) ד"ה פון האַלב איינס אָן, ווייל מיטאָגצייט עררייכט די זון איהר העכסטען שטאַנד און פון דער צייט אָן הייבט זי אָן צו נייגען זיך נאָך מערב (אָווענט זייט), און ביי דעם צווייטען תמיד שטעהט „בֵּין הָעַרְבַּיִם" (צווישען די אָווענטען — פאַרנאַכט). 20) ד"ה פון האַלב פיער אַ זייגער (זעה פסחים נ"ח א', וואו עס שטעהט אַז מען פלעגט דעם תמיד שחטען אום אַכט און אַ האַלב שעה—האַלב דריי—און מקריב זיין אום ניין און אַ האַלב שעה—האַלב פיער—). 21) אין דעם מינכענער כתב יד פעהלט פון היער ביז „ר' יהודה זאָגט" און די ווערטער „מיינט מען, און דאָס" און מיט רעכט, ווייל דאָס שטעהט ניט אין דער בריתא און בכלל האָט עס דאָ קיין פלאַץ ניט, דער סוף פון ציטאַט פון דער בריתא איז אַלזאָ נאָר: „די העלפט פון דער לעצטער מנחה איז עלף שעה אָהן אַ פערטעל". 22) וואָס זאָגט אין אונזער משנה „ביז די העלפט פון דער מנחה (צייט)". 23) ד'ה אַ העלפט פון די פינף און אַ האַלב שעה וואָס בלייבען נאָך איבער פון טאָג זייט דעם אָנהויב פון דער מנחה גדולה וועלכער איז אום זעקס און אַ האַלב שעה, (אַ שעה מיינט ניט אַ שטונדע, נאָר אַ צוועלפטעל פון טאָג, און קען דערפאַר זיין מעהר ווי אַ שטונדע אָדער וועניגער, יע נאָכדעם דער טאָג איז לאַנג אָדער קורץ). 24) ד"ה אַ העלפט פון די צוויי און אַ האַלב שעה וואָס בלייבען נאָך איבער פון טאָג נאָך די ניין און אַ האַלב שעה ווען די מנחה קטנה הייבט זיך אָן. 25) ד'ה פינף פערטעל שעה בעפאָר עס ווערט אָווענט. 26) די צולעצט ציטירטע בריתא. 27) ווייל ער זאָגט אַז די תפלות זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פון די אבות, און פון דער בריתא זעהט מען דאָך אַז דאָס איז אַנטקעגען די תמידים. 28) דיזע פינף ווערטער פעהלען, און מיט רעכט, אין מינכענער כ"י. 29) די שטיצע (סמיכה) אין דער תלמודישער טערמינאָלאָגיע איז ניט דער אייגענטליכער גרונד נאָר אַ צווייטער צוגעגעבענער טעם צו אַ געוויסער זאַך, מאַנכעס מאָל אַ סאָרט מנעמאָנישער סימן, כדי בעסער צו געדענקען אָדער ריכטיגער באַשטימען די זאַך. 30) אין מינכענער כ"י שטעהט, ריכטיגער, „תמידים", ווייל דאָ האַנדעלט זיך דאָך נאָר וועגען די תמידים און ניט וועגען אַנדערע קרבנות. 31) אַז ר' יוסי זאָגט אַז די רבנן האָבען געשטיצט די תפלות אויף די תמידים, און מיר זאָלען אָננעהמען אַז ער האָט בלויז געזאָגט אַז די תפלות זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פון די אבות.

פֿרעגט געוואָרען: ווי איז אַז מען האָט אַ טעות און מען דאַווענט ניט מנחה? מעג מען דאַווענען צוויי מאָל אין מעריב? טאָמער וועסטו וועלען זאָגען (אַז דאָס איז ווי) „אַז מען האָט אַ טעות און מען דאַווענט ניט מעריב, דאַווענט מען אין שחרית צוויי מאָל", איז דאָך דאָרט ווייל דאָס איז איין טאָג, וואָרום עס שטעהט געשריבען 1): „און עס איז געווען אָוונט און עס איז געווען טאָג, איין טאָג" 2), אָבער דאָ איז דאָך די תפלה 3) אַנשטאָט דעם קרבן 4), און אַ קרבן 5) ווערט דאָך בטל אַז זיין טאָג איז פֿאָריבער, אָדער אפשר איז אַז וויבאַלד דאַווענען איז (אַ בקשה אויף) רחמים זאָל מען מעגען אָנגעהן מיטן דאַווענען ווען מען וויל.—קום און הער וואָס רב הונא בר יהודה האָט געזאָגט אַז ר' יצחק האָט געזאָגט און ער ווידער האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט עס געזאָגט: אַז מען האָט אַ טעות און מען דאַווענט ניט מנחה, דאַווענט מען אין מעריב צוויימאָל, און עס האָט גאָרניט צו טהון דערמיט וואָס אַ קרבן ווערט בטל אַז זיין טאָג איז פֿאָריבער. — מען האָט דערויף געפֿרעגט פֿון אַ בריתא: „אַ קרומע זאַך וואָס מען קען ניט פֿאַרריכטען און עפּעס וואָס פֿעהלט און מען קען דאָס ניט צעהלען" 6), איז „אַ קרומע זאַך וואָס מען קען ניט פֿאַרריכטען" מיינט אַז מען לאָזט אויס ק"ש פֿון אָוונט און ק"ש פֿון דער פֿריה, אָדער די תפלה פֿון אָוונט און די תפלה פֿון אין דער פֿריה 7), און „עפּעס וואָס פֿעהלט און מען קען דאָס ניט צעהלען" מיינט אַז אַ צאָהל פֿון חברים נעהמען זיך צוזאַמען פֿאַר אַ דבר מצוה און מען איז ניט מיט זיי. — האָט ר' יצחק געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: דאָ 8) האַנדעלט זיך נאָר אַז מען לאָזט אויס בכיון. רב אשי האָט געזאָגט: מען קען דאָס אויך באַווייזען דאַדורך וואָס עס שטעהט „אַז מען לאָזט אויס" און עס שטעהט ניט „אַז מען האָט אַ טעות" 9). איז דערפֿון געדרונגען 10).

(ב') די רבנן האָבען געלערנט: אַז מען האָט אַ טעות און מען דאַווענט ניט מנחה אום ערב שבת, דאַווענט מען פֿרייטאָג צו נאַכט צוויי מאָל; אַז מען האָט אַ טעות און מען דאַווענט ניט מנחה אום שבת, דאַווענט מען אום מוצאי שבת צוויימאָל די וואָכענדיגע 11); מען אונטערשיידט 12) אין דער ערשטער אָבער [מען אונטערשיידט] ניט אין דער צווייטער 13), און אויב מען האָט אונטערשיידט אין דער צווייטער און מען האָט ניט אונטערשיידט אין דער ערשטער, ווערט די צווייטע פֿאַררעכענט 14), אָבער די ערשטע ווערט ניט פֿאַררעכענט 15). — מען קען זאָגען אַז ווייל מען האָט ניט אונטערשיידט אין דער ערשטער איז דאָס ווי מען וואָלט איבערהויפּט ניט געדאַווענט און מען מוז עס איבערזאָגען. מען קען אָבער דערויף פֿרעגען פֿון דער בריתא 16): „אַז איינער האָט אַ טעות און דערמאָהנט ניט גְּבוּרוֹת גְּשָׁמִים 17) אין תְּחִיַּת הַמֵּתִים 18) אָדער די שְׁאֵלָה 19) אין בִּרְכַּת הַשָּׁנִים 20) מאַכט מען איהם איבערזאָגען, אָבער הַבְדָּלָה 21) אין חוֹנֵן הַדָּעַת 22) מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען 23), ווייל ער קען דאָך דאָס זאָגען איבער'ן כוס" 24)! בלייבט אַ קשיא.

עס איז געזאָגט געוואָרען: ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא האָט געזאָגט: די תפלות זיינען פֿון די אבות 25) איינגעפֿיהרט געוואָרען; ר' יהושע בן לוי אָבער האָט געזאָגט: די תפלות זיינען איינגעפֿיהרט געוואָרען 26) אַנטקעגען די תמידים 27). אין איין בריתא ווערט געלערנט ווי ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא און אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט ווי ר' יהושע בן לוי. אין איין בריתא ווערט געלערנט ווי ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא: אברהם האָט איינגעפֿיהרט די תפלה פֿון שחרית, וואָרום עס שטעהט: און אברהם האָט זיך געפֿעדערט אין דער פֿריה צו דעם אָרט וואו ער איז

פירוש.

תפלה פֿון שחרית ביז האַלבען טאָג. 1) בראשית א' ה'. 2) ד"ה ווייל די נאַכט געהערט צום טאָג. 3) און 4) פֿון מנחה. 5) וואָס־איז באַשטימט פֿאַר אַ געוויסען טאָג. 6) קהלת א' ט"ו. 7) איז דאָך דערפֿון אַ קשיא אויף דאָס וואָס איז פֿריהער געזאָגט געוואָרען אַז „אויב מען האָט אַ טעות און מען דאַווענט ניט מעריב, דאַווענט מען אין שחרית צוויי מאָל אא"וו". 8) אין דער ציטירטער בריתא. 9) ווי עס איז פֿריהער געשטאַנען. 10) אַז אויב מען האָט אַ טעות און מען דאַווענט ניט מעריב, דאַווענט מען אין שחרית צוויי מאָל אא"וו.

11) שמונה עשרה. 12) ד"ה מען זאָגט אין דער פֿערטער ברכה פֿון שמונה עשרה די תפלה „אַתָּה חוֹנַנְתָּנוּ" אין וועלכער מען לויבט גאָט פֿאַר דעם אונטערשיעד וואָס ער האָט געמאַכט צווישען די רוהע טעג און די וואָכענדיגע טעג. 13) ווייל די ערשטע שמונה עשרה געהערט צו מעריב פֿון מוצאי שבת און די צווייטע איז פֿאַר די שמונה עשרה פֿון מנחה וועלכע מען האָט ניט געזאָגט. 14) פֿאַר די שמונה עשרה פֿון מוצאי שבת, אָבער ניט פֿאַר די שמונה עשרה פֿון דער שבתדיגער מנחה, ווייל דאַדורך וואָס מען האָט געזאָגט אין איהר „אתה חוננתנו" האָט מען באַוויזען אַז זי איז נאָר געווען געמיינט פֿאַר מוצאי שבת. 15) ניט פֿאַר די שמונה עשרה פֿון מוצאי שבת און ניט פֿאַר די שמונה עשרה פֿון דער שבתדיגער מנחה, ווייל ער האָט אין איהר ניט געזאָגט „אתה חוננתנו" און ווייל ווען מען זאָגט אַ תפלה וואָס איהר צייט איז שוין פֿאָריבער פֿאַר אַ תפלה וואָס איז אין דער ריכטיגער צייט האָט זי קיין ווערט ניט. 16) תוספתא פ"ג און ווייטער כ"ט א' און ל"ג א'. 17) די קראַפֿט פֿון די רעגענס; אַזוי ווערט אָנגערופֿען „מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם"—וואָס מאַכט בלאָזען ווינד און פֿאַלען רעגען—וואָס מען זאָגט אין שמונה עשרה אין ווינטער. 18) אַזוי ווערט אָנגערופֿען די צווייטע ברכה פֿון שמונה עשרה וועלכע פֿאַנגט זיך אָן מיט „אַתָּה גִּבּוֹר" און רעדט וועגען דער אויפֿערשטעהונג פֿון די טויטע. 19) די בקשה; אַזוי ווערט אָנגערופֿען „טַל וּמָטָר" וועלכעס ווערט אויך געזאָגט אין שמונה עשרה אין ווינטער. 20) די ברכה פֿון די יאָהרען; אַזוי ווערט אָנגערופֿען די ניינטע ברכה פֿון שמונה עשרה וועלכע פֿאַנגט זיך אָן מיט „בָּרֵךְ אא"וו אֶת הַשָּׁנָה" און אין וועלכער מען בעט אויף אַ גוטען יאָהר. 21) אונטערשיעד; אַזוי ווערט אָנגערופֿען „אתה חוננתנו". 22) דער וואָס באַוויליגט מיט וויסען; אַזוי ווערט אָנגערופֿען די פֿערטע ברכה וועלכע פֿאַנגט זיך אָן מיט „אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת" און אין וועלכער גאָט ווערט געלויבט פֿאַר דעם פֿערשטאַנד וואָס ער האָט מענשען געגעבען. 23) אם כן איז דאָך דערפֿון אַ קשיא אויף דאָס וואָס איז פֿריהער געזאָגט געוואָרען אַז אויב מען האָט ניט אונטערשיידט אא"וו מוז מען עס איבערזאָגען. 24) ווען ער מאַכט הבדלה.

25) אברהם, יצחק און יעקב. 26) פֿון די אנשי כנסת הגדולה. 27) די צוויי איינציהריגע שאָף וואָס מען פֿלעגט יעדען טאָג מקריב זיין, איינעם אין דער פֿריה און איינעם פֿאַר נאַכט. (זעה שמות כ"ט ל"ח און

„און אַז מען פֿלעגט מקריב זיין דעם תמיד פֿון אין דער פֿריה אום פֿיער שעה"! טאָ נאָך ווען געהט דאָס וואָס מיר האָבען געלערנט 1): „און אַז די זון פֿלעגט ווערען היים פֿלעגט ער צוגעהן' 2) מיינט אום פֿיער שעה 3). דו זאָגסט „אום פֿיער שעה", פֿילייכט מיינט עס אָבער אום זעקס שעה 4)? אַזוי ווי דאָס וואָס שטעהט 5) „ווען דער טאָג איז היים געוואָרען" מוז מיינען אום זעקס שעה 6), טאָ אויף ווען זאָל איך פֿעסטזעצען (די צייט פֿון) „אַז די זון פֿלעגט ווערען היים פֿלעגט ער צוגעהן"? אום פֿיער שעה" 7). ווי ווער איז דאָס 8)? ניט ווי ר' יהודה און ניט ווי די רבנן! ווארום נאָך ר' יהודה איז דאָך אום פֿיער שעה אויך נאָך פֿריהמאָרגען 9), און נאָך די רבנן איז דאָך דער פֿריהמאָרגען ביז האַלבען טאָג. — אַז מען וויל קען מען זאָגען ווי ר' יהודה, און אַז מען וויל קען מען זאָגען ווי די רבנן. „אַז מען וויל קען מען זאָגען ווי די רבנן", ווארום אַזוי ווי די תורה זאָגט „יעדען פֿריהמאָרגען" 10) טיילען מיר דאָס איין אין צוויי פֿריהמאָרגענס 11); „און אַז מען וויל קען מען זאָגען ווי ר' יהודה", ווארום דער איבעריגער „פֿריהמאָרגען" איז כדי צו געבען אַ שעה פֿריהער 12). — אַלע האַלטען על כל פנים אַז „און אַז די זון פֿלעגט ווערען היים פֿלעגט ער צוגעהן" מיינט אום פֿיער שעה, אָבער ווי אַזוי איז דאָס געדרונגען? האָט ר' אחא בר יעקב געזאָגט: די תורה זאָגט „און אַז די זון פֿלעגט ווערען היים פֿלעגט עס צוגעהן", ווען איז די צייט וואָס די זון איז (שוין) היים אָבער דער שאָטען איז (נאָך) קיהל? מוז מען זאָגען, אום פֿיער שעה.

„די תפלה פֿון מנחה איז ביז אווענט אא"וו".

האָט רב חסדא געזאָגט צו רב יצחק: דאָרט 13) האָט רב כהנא געזאָגט אַז דער דין איז ווי ר' יהודה, ווייל אין עדיות ווערט געלערנט ווי ער, אָבער ווי איז דאָ 14)? האָט ער געשוויגען און האָט איהם גאָר ניט געזאָגט. האָט רב חסדא געזאָגט: לאָמיר נאָר זעהן: וויבאַלד אַז רב פֿלעגט דאַווענען די שבתדיגע 15) אום ערב שבת בעת עס איז נאָך געווען טאָג 16), איז דערפֿון געדרונגען אַז דער דין איז ווי ר' יהודה 17).—אדרבה! אַזוי ווי רב הונא און די רבנן פֿלעגען ניט דאַווענען 18) סיידען עס איז געוואָרען אָווענט, איז דערפֿון געדרונגען אַז דער דין איז ניט ווי ר' יהודה.—איצט, אַז עס איז ניט פֿעסטגעשטעלט געוואָרען צו דער דין בלייבט ווי דער רבי אָדער ווי יענער רבי 19), איז דער וואָס טהוט ווי דער רבי האָט (ריכטיג) געטהאָן און דער וואָס טהוט ווי יענער רבי האָט (ריכטיג) געטהאָן.

רב'ן איז אויסגעקומען צו זיין 20) אין הויז פֿון גניבא און ער האָט געדאַווענט די שבתדיגע 21) אום ערב שבת, און ר' ירמיה בר אבא האָט געדאַווענט הינטער רב, האָט רב געענדיגט און האָט ניט געשטערט די תפלה פֿון ר' ירמיה 22). זיינען דערפֿון דריי זאַכען געדרונגען: עס איז געדרונגען אַז מען מעג דאַווענען די שבתדיגע אום ערב שבת, און עס איז געדרונגען אַז אַ תלמיד מעג דאַווענען הינטער זיין רבי 23), און ווייטער איז דערפֿון געדרונגען אַז מען טאָר ניט פֿאַריבערגעהן אין פֿראָנט פֿון די וואָס דאַווענען. דאָס אונטערשטיצט אויך ר' יהושע בן לוי'ן, וואָרום ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: מען טאָר ניט פֿאַריבערגעהן אין פֿראָנט פֿון די וואָס דאַווענען.—עס קען דאָך ניט זיין 24), ווארום ר' אמי און ר' אסי פֿלעגען יאָ פֿאַריבערגעהן! — ר' אמי און ר' אסי פֿלעגען נאָר פֿאַריבערגעהן ווייטער ווי פֿיער איילען 25). — אָבער ווי האָט ר' ירמיה דאָס געמעגט טהון 26)? רב יהודה האָט דאָך געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: אַ מענש זאָל קיינמאָל ניט דאַווענען (ב') ניט אין פֿראָנט פֿון זיין רבי 27)

פירוש.

ווי דיזע הלכות), און דערפֿאַר ווערט דאָס דאָ גערופֿען מיטן נאָמען בחירתא, וועלכער האָט דיזעלבע באַדייטונג.

1) מכילתא פ' בשלח. 2) שמות ט"ז כ"א, עס האַנדעלט זיך וועגען דעם מן וואָס מען האָט געמוזט זאַמלען יעדען פֿריהמאָרגען, ווייל שפּעטער אין טאָג פֿלעגט עס צושמעלצען. 3) ד"ה צעהן אַ זייגער אין דער פֿריה. 4) אום מיטאָג צייט, ווייל די זון עררייכט דאַמאָלס דעם העכסטען פונקט אין הימעל. 5) בראשית י"ח א', ביי אברהם, ווען די מלאכים האָבען זיך צו איהם באַוויזען. 6) ד"ה אַזוי ווי דאָ ווערט די צייט אָנגעדייטעט דורך דעם מאָמענט ווען די זון ווערט היים און דאָרט ווען דער טאָג ווערט היים, מיינט עס אַלזאָ דאָ די צייט ווען עס איז היים אין דער זון אָבער נאָך ניט אין שאָטען און דאָרט ווען עס איז שוין אומעטום היים, און די צייט ווען עס ווערט אויך היים אין שאָטען איז אום האַלבען טאָג. 7) ווייל פֿאַר דיזער צייט איז די זון נאָך ניט היים. 8) דאָס וואָס שטעהט דאָרט ביי דעם מן: „און זיי האָבען איהם געזאַמעלט יעדען פֿריהמאָרגען און אַז די זון פֿלעגט ווערען היים פֿלעגט ער צוגעהן" און עס איז דאָך אַס־כן דערפֿון געדרונגען אַז אום פֿיער שעה איז דאָס שוין ניט מעהר פֿריהמאָרגען. 9) ווייל מען מעג דאָך דאַווענען שחרית ביז פֿיער שעה, און ביז איז דאָך אינקלוזיוו. 10) בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר. 11) ד"ה ווייל עס שטעהט צוויי מאָל „פֿריהמאָרגען" ווערט דער פֿריהמאָרגען, וועלכער איז לויט די רבנן אייגענטליך ביז האַלבען טאָג, איינגעטיילט אין צוויי פֿריהמאָרגענס, אין אַ פֿריהמאָרגען פֿון די ערשטע דריי שעה און אַ פֿריהמאָרגען פֿון די אַנדערע דריי שעה, און אַזוי ווי דער מן פֿלעגט געזאַמעלט ווערען אין דעם ערשטען פֿריהמאָרגען, איז קיין קשיא ניט פֿון דאַנען אויפֿ'ן תמיד, וואו עס שטעהט אויך „בבקר" און זיין צייט איז געווען ביז האַלבען טאָג.—דער דרש איז געבויט דערויף וואָס עס שטעהט צוויי מאָל „בבקר", לויטן פשט אָבער מיינט „בבקר בבקר" איינפֿאַך „יעדען פֿריהמאָרגען", ווייל אין העברעאיש ווערט די שטענדיגקייט און ווידערהאָלונג פֿון אַ זאַך אויסגעדריקט דורך איבערחזרן פֿון דעם וואָרט וואָס באַצייכענט די זאַך, ווי דאָ „בבקר בבקר"—יעדען פֿריהמאָרגען, יום יום—יעדען טאָג אא"וו. 12) ד"ה באמת איז דער פֿריהמאָרגען נאָר ביז פֿיער שעה, אָבער דעם מן האָט מען נאָר געזאַמעלט ביז דריי שעה כדי ער זאָל ניט צוגעהן. „בבקר בבקר" מיינט אַלזאָ — פֿריה׳ אין דעם פֿריהמאָרגען.

13) בנוגע צו שחרית. 14) בנוגע צו מנחה. 15), 18) און 21) די שמונה עשרה פֿון פֿרייטאָג צו נאַכט. 16) ד"ה ער פֿלעגט מקבל שבת זיין בשעת עס איז נאָך געווען גוט ליכטיג. 17) ווייל נאָך איהם הערט דאָך אויף די צייט פֿון מנחה אַ שעה מיט אַ פֿערטעל בעפֿאָר עס ווערט אָווענט. 19) ווי ר' יהודה אָדער ווי די רבנן.

20) פֿרייטאָג. 22) ד"ה רב איז געבליבען שטעהן אויפֿ'ן אָרט וואו ער האָט געדאַווענט און איז ניט געגאַנגען זיך זעצען אויף זיין אָרט ביז ר' ירמיה האָט געענדיגט זיין תפלה, ווייל ער וואָלט דערמיט ר' ירמיה'ן געשטערט. 23) ר' ירמיה איז געווען אַ תלמיד פֿון רב. 24) אַז מען טאָר ניט פֿאַריבערגעהן אא"וו. 25) אין פֿראָנט פֿון די וואָס דאַווענען שמונה עשרה. 26) דאַווענען הינטער זיין רבי. 27) ווייל ער בעווייזט דערמיט

אָדער איז ב י ז עקסקלוזיוו 1)? — קום און הער 2): „ר׳ יהודה זאָגט: ביז די העלפֿט פֿון דער מנחה (צייט)"; איז אויב מיר ווילען זאָגען אַז ב י ז איז עקסקלוזיוו, איז טאַקע דאָ אַן אונטערשיעד צווישען ר׳ יהודה און די רבנן 3), אָבער אויב מיר ווילען זאָגען אַז ב י ז איז אינקלוזיוו 4), איז דאָך ר׳ יהודה (כ״ז א׳) איינס מיט די רבנן 5)! — אלא וואָס? ב י ז איז עקסקלוזיוו! טאָ וואָס זאָל מען זאָגען צום סוף 6): „און פֿון מוספים אַ גאַנצען טאָג; ר׳ יהודה זאָגט: ביז זיעבען שעה", און אין אַ בריתא ווערט געלערנט 7): „אַז איינער דאַרף דאַווענען צוויי תפלות, איינע פֿון מוסף און איינע פֿון מנחה, דאַווענט ער (צוערשט) די (תפלה) פֿון מנחה און נאַכהער פֿון מוסף, ווייל יענע 8) איז אַ שטענדיגע 9) און די איז ניט שטענדיג; ר׳ יהודה זאָגט: ער דאַווענט (צוערשט) פֿון מוסף און נאַכהער פֿון מנחה, ווייל יענע 10) געהט פֿאָריבער 11) און די געהט ניט פֿאָריבער"; איז אויב מיר ווילען זאָגען אַז ב י ז איז אינקלוזיוו איז מעגליך אַז די צוויי תפלות זאָלען זיך צוזאַמענטרעפֿען 12), אָבער אויב מיר ווילען זאָגען אַז ב י ז איז עקסקלוזיוו, טאָ ווי איז דאָס מעגליך אַז די צוויי תפלות זאָלען זיך צוזאַמענטרעפֿען, וואָרום אַז די (צייט) פֿון מנחה קומט אָן איז דאָך שוין די (צייט) פֿון מוסף פֿאָריבער 13)? — אלא וואָס? ב י ז איז אינקלוזיוו! איז דאָך אַ קשיא אויפֿ'ן אָנפֿאַנג 14): וואו איז דאָ דער אונטערשיעד צווישען ר׳ יהודה און די רבנן? — דענקסטו אַז ער 15) מיינט מיט דער „העלפֿט פֿון דער מנחה (צייט)" די צווייטע העלפֿט? ער מיינט די ערשטע העלפֿט 16) און זאָגט דאָס: ווען געהט אַוועק די ערשטע העלפֿט און עס קומט אַריין די לעצטע העלפֿט? אַז עס געהט אַוועק עלף שעה אָהן אַ פֿערטעל 17). רב נחמן האָט געזאָגט: מיר האָבען אויך געלערנט 18): „ר׳ יהודה בן בבא האָט עדות געזאָגט אויף פֿינף זאַכען: אַז מען פֿעראַנלאַסט אַ מינדעריעהריגע אַז זי זאָל ניט ווילען 19), אַז מען ערלויבט אַ פֿרוי צו הייראַטען אויף (די אויסזאָגע פֿון) איין עדות 20), אַז אַ האָהן איז געשטייניגט געוואָרען אין ירושלים, ווייל ער האָט געהרגעט אַ נפש 21), אַז מען האָט געגאָסען אויפֿ'ן מזבח ווין וואָס איז אַלט געווען פֿערציג טעג 22), און אַז מען פֿלעגט מקריב זיין דעם תמיד פֿון אין דער פֿריה אום פֿיער שעה". איז דערפֿון גערדרונגען אַז ב י ז איז אינקלוזיוו 23). אַזוי איז טאַקע גערדרונגען! — רב כהנא האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר׳ יהודה, ווייל אין דער בעסטער 24) ווערט געלערנט ווי ער.

פ י ר ו ש.

1) עַד וְעַד בִּכְלָל, עַד וְלֹא עַד בִּכְלָל. ווען אַ טערמין ווערט אָנגעדייטעט מיט דעם וואָרט ב י ז אַלס צייט גרענעץ, מיינט עס אַז די אָנגעדייטעטע צייט איז איינגעשלאָסען, ד״ה אַריינגערעכענט אין דעם ראָזיגען ב י ז, אָדער אין זי אויסגעשלאָסען, ד״ה ניט אַריינגערעכענט. דאָ צב״ש איז די פֿראַגע, צי מיינט ר׳ יהודה אַז מען מעג דאַווענען שחרית ביז צום ס ו ף פֿון דער פֿערטער שעה, אָדער ביז צום סוף פֿון דער דריטער, ד״ה ווען די פֿערטע שעה ה י י ב ט ז י ך אָ ן. 2) אַ בעווייז פֿון אונזער משנה גופא. 3) ווייל די רבנן זאָגען, אַז די צייט פֿון מנחה איז ביז עס פֿאַנגט זיך אָן אָווענט, און לויט ר׳ יהודה איז די צייט ביז אַ שעה און אַ פֿערטעל פֿאַר דעם, ווייל די מנחה צייט איז די לעצטע צוויי און אַ האַלבע שעה פֿון טאָג און אַ העלפֿט דערפֿון איז ווען אַ שעה און אַ פֿערטעל איז פֿאָריבער. 4) מיינט עס דאָך ביז צום סוף פֿון דער צווייטער העלפֿט, ד״ה ביז דער טאָג איז צו ענדע און עס הייבט זיך אָן אָווענט. 5) טאָ פֿאַרוואָס זיינען זיי מחולק? 6) פֿון אונזער משנה. — פֿון דאַנען איז אַ בעווייז אַז דער זאַץ „ר׳ יהודה זאָגט: ביז זיעבען שעה" געהערט יאָ צו אונזער משנה", זעה „פירוש" זייטע 95 נומ. 16. 7) ווייטער כ״ח א׳. 8) די שמונה עשרה פֿון מנחה. 9) ווערט געדאַווענט יעדען טאָג, און אַ זאַך וואָס איז שטענדיג קומט פֿריהער פֿאַר דאָס וואָס איז ניט שטענדיג. 10) די שמונה עשרה פֿון מוסף. 11) ד״ה ווייל לויט ר׳ יהודה איז איהר צייט נאָר ביז זיעבען שעה, דאַגעגען אָבער מנחה מעג מען דאָך נאָך איהם דאַווענען ביז אַ שעה און אַ פֿערטעל פֿאַר אָווענט. 12) אין דער האַלבער שעה צווישען האַלב איינס און איינס; ווייל די צייט פֿון מוסף איז לויט ר׳ יהודה ביז זיעבען שעה, ד״ה בין איינס נאָך מיטאָג, און די צייט ווען די מנחה גדולה הייבט זיך אָן איז זעקס און אַ האַלב שעה, ד״ה האַלב איינס. 13) ווייל די זיעבעטע שעה ווערט דאָך ניט אַריינגערעכענט. 14) פֿון אונזער משנה. 15) ר׳ יהודה. 16) און ב י ז איז טאַקע אינקלוזיוו. 17) אם כן איז טאַקע אַן אונטערשיעד צווישען ר׳ יהודה און די רבנן, ווייל נאָך זיי מעג מען דאַווענען מנחה שפּעטער, ד״ה ביז עס ווערט אָווענט. 18) אַז נאָך ר׳ יהודה איז ב י ז אינקלוזיוו.—עדיות פ״ו מ״א און נדה ח׳ א׳. 19) איהר מאַן. — דער דין איז אַז נאָר אַ פֿאָטער קען פֿערהייראַטען אַ מינדעריעהריגע טאָכטער, אָבער ניט אַ מוטער, און אויב אַ מוטער האָט פֿערהייראַט איהר מינדעריעהריגע טאָכטער, קען די טאָכטער, ווען זי ווערט אַ דערוואַקסענע און זי ליעבט ניט איהר מאַן, איהם פֿאַרלאָזען און זיך פֿערהייראַטען מיט אַן אַנדער מאַן אָהנע צו ברויכען אַ גט פֿון דעם ערשטען מאַן, ווייל דיזע קידושין איז ניט מעהר ווי מדרבנן. אין דעם פֿאַל אַז צוויי ברידער הייראַטען צוויי שוועסטער, וועלכע האָבען ניט קיין פֿאָטער און פֿון וועלכע איינע איז אַ דערוואַקסענע און די אַנדערע אַ מינדעריעהריגע און דער מאַן פֿון דער דערוואַקסענער שטאַרבט און לאָזט ניט קיין קינדער, דאַרף בית דין (לויט ר׳ אליעזר אין יבמות ק״ט א׳) פֿעראַנלאַסען די מינדעריעהריגע אַז זי זאָל ניט ווילען איהר מאַן, כדי ער זאָל קענען נעהמען (מְיַבֵּם זיין) זיין ברודער׳ס אלמנה; וואָרום אַז ניט, טאָר ער סיי ווי סיי ניט וואָהנען מיט זיין פֿרוי, ווייל פֿון דעם מאָמענט אָן וואָס די יְבָמָה (זיין שוועגערין) איז אָפּהענגיג פֿון איהם איז זי ווי זיין פֿרוי און לעבענדיג מיט דער מינדעריעהריגער, ד״ה מיט זיין אייגענער פֿרוי, וואָלט אויסגעקומען ווי לעבען מיט אַ שוועגערין, וואָס איז ניט ערלויבט. 20) וואָס קומט און זאָגט איהר אָן אַז איהר מאַן איז געשטאָרבען אין אַ ווייטער מדינה. 21) דער האָהן האָט געמליך געהרגעט אַ קליין קינד און איז פֿערמשפּט געוואָרען צו סקילה, ווי אַן אָקס וואָס דערשטעכט אַ מענשען, ווייל מיר לערנען אָפּ דורך אַ גזירה שוה פֿון שבת, אַז אַזוי ווי דאָרט מיינט ניט דוקא אַז דער אָקס זאָל האָבען רוה נאָר אַלע בהמות אא״וו, אַזוי מיינט אויך דאָס וואָס שטעהט אין דער תורה (שמות כ״א כ״ט): „דער אָקס זאָל ווערען געשטייניגט" ניט דוקא אַן אָקס נאָר יעדער בעל חי וואָס הרגעט אַ מענשען. 22) ווייל ווין וואָס איז שוין אַלט 40 טעג איז שוין ריכטיגער ווין און מען מעג איהם נוצען פֿאַר אַ נֶסֶךְ (אַ טרינק קרבן). 23) ווייל „אום פֿיער שעה" איז צום סוף פֿון די פֿיער שעה, אם כן איז דאָך די פֿערטע שעה אַריינגערעכענט. 24) מסכת פֿון דער משנה (בחירתא). אַזוי ווערט אָנגערופֿען די נאָר וואָס ציטירטע מסכת ע ד י ו ת, ווייל אַ גרויסער טייל פֿון די הלכות וואָס ווערען דאָרט דערמאָהנט ווערען איינגעפֿיהרט מיט „הֵעִיד..." — עס האָט ע ד ו ת געזאָגט... דער נאָמען פֿון דער מסכת שטאַמט פֿון דיזע איינפֿיהרונגען, צוגלייך בעדייטעט אָבער דאָס וואָרט ע י ד י ת אין דעם תלמודישען דיאַלעקט דאָס ב ע ס ט ע, די העכסטע קוואַליטעט (ווייל די דאָרטיגע הלכות שטאַמען פֿון גרויסע אויטאָריטעטען און דער דין איז דערפֿאַר

די רבנן האָבען געלערנט: עס איז געווען אַ מעשה מיט אַ תלמיד וואָס איז געקומען פאַר ר׳ יהושע און האָט איהם געפרעגט: איז די תפלה פון אָווענט אַ רשות אָדער אַ חוב? האָט ער איהם געענטפערט: אַ רשות! איז ער געקומען פאַר רבן גמליאל און האָט איהם געפרעגט: איז די תפלה פון אָווענט אַ רשות אָדער אַ חוב? האָט ער איהם געענטפערט: אַ חוב! האָט ער איהם געזאָגט: ר׳ יהושע אָבער האָט מיר געזאָגט אַז עס איז אַ רשות! האָט ער איהם געענטפערט: וואַרט ביז די פאַנצער טרעגער 1) וועלען אַריינקומען אין בית מדרש! אַז די פאַנצער טרעגער זיינען אַריינגעקומען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער פראַגענשטעלער און האָט געפרעגט: איז די תפלה פון אָווענט אַ רשות אָדער אַ חוב? האָט איהם רבן גמליאל געענטפערט: אַ חוב! (נאַכהער) רופט זיך רבן גמליאל אָפּ צו די חכמים: איז אפשר אימיצער דאָ וואָס איז (מיט מיר) מחולק אין דער זאַך? האָט ר׳ יהושע געענטפערט: ניין! מאַכט ער צו איהם: מען האָט דאָך מיר אין דיין נאָמען געזאָגט (אַז דו האַלטסט) אַז עס איז אַ רשות! און זאָגט צו איהם: יהושע, שטעל זיך אויף, כדי מען זאָל אַנטקעגען דיר עדות זאָגען 2)! האָט זיך ר׳ יהושע אויפגעשטעלט און האָט געזאָגט: אַז איך וואָלט געלעבט און ער וואָלט געווען טויט, קען דער לעבענדיגער אָפּלייקענען דעם טויטען, אָבער אַז איך לעב און ער לעבט (אויך), ווי קען אַ לעבענדיגער אָפּלייקענען אַ לעבענדיגען 3)? איז רבן גמליאל געזעסען און האָט (ווייטער) געדרשהט, און ר׳ יהושע איז געבליבען שטעהן אויף די פיס, ביז דער גאַנצער עולם האָט אָנגעהויבען צו גראַמבלען און זיי האָבען גערופען צו חוצפית דעם פאָרטראָגער 4): הער אויף! און ער האָט אויפגעהערט. האָבען זיי געזאָגט: ביז ווי לאַנג נאָך וועט מען איהם האַלטען אין איין מצער זיין? פאַר אַ יאָהרען ראש השנה האָט ער איהם מצער געווען 5), וועגען בכורות אין דער מעשה מיט ר׳ צדוק האָט ער איהם מצער געווען 6), איצט האָט ער איהם ווייטער מצער געווען. לאָמיר איהם אַראָפּזעצען 7)! וועמען זאָלען מיר אַרויפזעצען אויף זיין אָרט? זאָלען מיר אַרויפזעצען ר׳ יהושע׳ן? איז ער דאָך דער וואָס דער אינצידענט האָט מיט איהם געטראָפען 8)! זאָלען מיר אַרויפזעצען ר׳ עקיבא׳ן? פיליכט באַשטראָפט ער איהם, און ער האָט דאָך ניט קיין זכות אבות 9)! נאָר לאָמיר אַרויפזעצען ר׳ אלעזר בן עזריה, ווייל ער איז אַ חכם און אַ רייכער מאַן און ער איז דער צעהנטער (דור) פון עזרא; ער איז אַ חכם און ווען ער 10) וועט איהם עפּעס פרעגען 11) וועט ער איהם (קענען) ענטפערן, ער איז אַ רייכער מאַן און ווען ער וועט עפּעס דאַרפען פועלן ביי דעם קיסר 12) קען ער אויך געהן און פועלן, און ער איז דער צעהנטער (דור) פון עזרא און האָט דערפאַר זכות אבות און ער 13) וועט ניט קענען באַשטראָפען איהם. זיינען זיי געקומען צו איהם 14) און האָבען איהם געפרעגט: איז דעם רבי׳ן ניחא צו ווערען ראש ישיבה 15)? האָט ער זיי געענטפערט: איך וועל געהן און זיך בעראַטען מיט מיין פאַמיליע. איז ער געגאַנגען און האָט זיך בעראַטען מיט זיין פרוי. האָט זי איהם געזאָגט: (כ"ח א׳) אפשר וועט מען דיך (נאַכהער) אַראָפּזעצען 16)? האָט ער איהר געענטפערט: [אַ מענש זאָל ניצען] אַ טייערן בעכער איין טאָג, און (אַ דאגה וואָס) מאָרגען וועט ער זיין צערבראָכען! רופט זי זיך אָפּ: דו האָסט דאָך אָבער ניט קיין ווייסע (האָר) 17)! ער איז יענעם טאָג אַלט געוואָרען

פירוש.

1) די תלמידי חכמים וואָס דעבאַטירען אין דער ישיבה וועגען הלכות זיינען דאָ געגליכען צו גלאַדיאַטאָרען מיט פאַנצערס וועלכע ראַנגלען זיך אין דער אַרענאַ. 2) אַז דו האָסט עס געזאָגט. 3) דערמיט האָט ער מודה געווען אַז ער האָט עס טאַקע געזאָגט. 4) תּוּרְגְּמָן אָדער מתורגמן, וואָס איז געשטאַנען פאַר רבן גמליאל און האָט פאָרגעטראָגען זיין שעור. דער מתורגמן איז אורשפּרינגליך געווען דער וואָס פלעגט איבערזעצען און ערקלערען די סדרה פון דער וואָך בשעת קריאת התורה אין אַראַמעאיש, די דאַמאָליגע שפּראַך פון דער גרויסער מאַסע פון פאָלק. אין די ישיבות אין בבל איז נאַכהער איינגעפיהרט געוואָרען אַז דער מתורגמן פלעגט פאָרטראָגען דעם שעור. דער ראש ישיבה פלעגט זיצען און פאָרזאָגען איהם שטיל די דרשה אין העברעאיש און ער פלעגט שטעהן און פאָרטראָגען אין אַ פאָפּולערע פאָרמע אין אַראַמעאיש.—ר׳ חוצפית°) איז געווען איינער פון די עשרה הרוגי מלכות וואָס די רוימער האָבען געהרגעט נאָך דעם פאַל פון ביתר. 5) אין ראש השנה כ"ה א׳ ווערט דערצעהלט אַז רבן גמליאל און ר׳ יהושע זיינען ניט געווען אייניג בנוגע דעם טאָג ווען ראש השנה דאַרף זיין, האָט רבן גמליאל געהייסען ר׳ יהושע׳ן אַז ער זאָל קומען צו איהם מיט זיין שטעקען און געלד—ווי אין אַ געוועהנליכען וואָכענדיגען טאָג—אין דעם טאָג וואָס נאָך ר׳ יהושע׳ס חשבון איז אויסגעקומען אַז עס דאַרף זיין ראש השנה, און ר׳ יהושע האָט געפאָלגט און איז אַזוי געקומען. — איבעראַל וואו עס שטעהט סתם ר׳ יהושע איז דערמיט געמיינט ר׳ יהושע בן חנניה, אַ תלמיד פון ר׳ יוחנן בן זכאי און זעהר אָנגעזעהן ביי די קיסרים האדריאן און טריאן. ער איז געווען דער אב בית דין אין יבנה און רבן גמליאל איז געווען דער נשיא. רבן גמליאל וואָס ווערט דאָ דערמאָהנט איז רבן גמליאל דער צווייטער, דער נאָכפאָלגער פון ר׳ יוחנן בן זכאי אַלס נשיא. 6) אין בכורות ל"ו א׳ ווערט דערצעהלט אַז ר׳ צדוק האָט געפרעגט צו אַ כהן וואָס איז ניט קיין אַן עם הארץ איז אויך חשוד אַז ער מאַכט בכיון די ערשט געבאָרענע כּרים פון זיין פיה פאַר בעלי מומים כדי ער זאָל זיי קענען באַנוצען, האָט רבן גמליאל געזאָגט אַז אַלע כהנים זיינען חשוד און ר׳ יהושע האָט געזאָגט אַז נאָר כהנים עמי הארצים זיינען חשוד און עס איז דאַדורך ענטשטאַנען אין דער ישיבה דיזעלבע סצענע ווי עס ווערט דאָ דערצעהלט. 7) פון דער נשיאות. 8) וועט זיך רבן גמליאל צופיעל מצער זיין. 9) ד"ה פיליכט וועט איהם רבן גמליאל פאַרשעלטען און די קללה וועט מקוים ווערען, ווייל ניט זייענדיג קיין יחסן וועט דער זכות פון זיינע עלטערן איהם ניט קענען בייטשטעהן. 10) און 13) רבן גמליאל. 11) וועלענדיג איהם ברענגען אין אַ פאַרלעגענהייט. 12) לטובה פון די אידען. 14) צו ר׳ אלעזר בן עזריה. 15) דער נשיא איז אויך געווען ראש ישיבה.—דער נשיא (פון סנהדרין) איז אורשפּרינגליך געווען דער פּאָליטישער פאָרשטעהער און דער אב בית דין דער רעליגיעזער, אָבער נאָכדעם ווי די אידען האָבען פאַרלאָרען די פּאָליטישע מאַכט איז דער נשיא געווען דער רעליגיעזער פּרעזידענט און דער אב בית דין דער וויצע פּרעזידענט. דער נשיא פלעגט זיין אַן אייניקעל פון הלל. 16) ד"ה אפשר וועלען זיי זיך איבערבעטען מיט רבן גמליאל און מען וועט דיך צוליעב דעם אַראָפּזעצען. אַזוי שטעהט אויסדריקליך אין דעם מינכענער כ"י. 17) וואָס עס פּאַסט פאַר

°) דאָ אין דער גמרא פעהלט דער טיטעל „רבי" הגם ר׳ חוצפית האָט איהם פאַרדיענט. פיליכט איז דאָס ווייל די מתורגמנים בכלל זיינען ניט געווען שטאַרק נאָכגעשעצט.

און ניט הינטער זיין רבי 1), און אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: ר' אליעזר 2) זאָגט: דער וואָס דאַווענט הינטער זיין רבי, און דער וואָס גיט זיין רבי שלום אָדער ער ענטפערט איהם שלום 3), און דער וואָס איז מחולק אויף דער ישיבה פון זיין רבי, און דער וואָס זאָגט אַ זאַך 4) וואָס ער האָט ניט געהערט פון זיין רבי איז גורם אַז די שכינה זאָל זיך אָפּטהון פון אידען! — ר' ירמיה בר אבא איז עפּעס אַנדערש, ווייל ער איז געווען אַ תלמיד וואָס איז (צוגלייך אויך) אַ חבר; און דערמיט ערקלערט זיך אויך וואָס ר' ירמיה בר אבא האָט געזאָגט צו רב: האָסטו שוין געמאַכט אַן אונטערשיעד 5)? און יענער האָט איהם געענטפערט: יאָ, איך האָב שוין געמאַכט אַן אונטערשיעד! און ער האָט ניט געזאָגט: האָט דער רבי שוין געמאַכט אַן אונטערשיעד? — אָבער האָט ער דען שוין געמאַכט אַן אונטערשיעד? ר' אבין האָט דאָך געזאָגט: איינמאָל האָט רבי געדאַווענט די שבתדיגע אום ערב שבת און איז (נאַכהער) אַריין אין מרחץ און אַרויס 6) און האָט מיט אונז געלערנט אונזער פרק, און עס איז נאָך אַלין ניט געווען פינסטער! האָט רבא געזאָגט: דאָס וואָס ער איז (דאָרט) אַריינגעגאַנגען, איז (נאָר) געווען כדי צו שוויצען, און דאָס איז נאָך געווען פאַר דער גזירה 7). — דאָס קען דאָך ניט זיין 8)! ווארום אביי האָט דאָך ערלויבט רב דימי בר ליואי אויסצורויכערן קערב מיט שוועבעל 9). דאָס איז געווען אַ טעות 10). — אָבער ווערט דען אַ טעות אַנולירט 11)? אבידן האָט דאָך דערצעהלט אַז איינמאָל האָט זיך דער הימעל פאַרוואָלקענט און דאָס פאָלק האָט געמיינט אַז עס איז שוין אָוועט און זיינען אַריינגעגאַנגען אין שוהל און האָבען געדאַווענט די מוצאי שבתדיגע אום ערב שבת. (נאַכהער) זיינען זיך די וואָלקען צוגאַנגען און די זון האָט (ווידער) געשיינט, איז מען געגאַנגען און מען האָט געפרעגט רבי; האָט ער געענטפערט: אַזוי ווי מען האָט שוין געדאַווענט האָט מען אָפּגעדאַווענט 12). — ביי אַ צבור איז עפּעס אַנדערש, ווייל מען דאַרף זיי ניט מטריח זיין.

ר' חייא בר אבין האָט געזאָגט: רב האָט געדאַווענט די שבתדיגע אום ערב שבת; ר' יאשיה האָט געדאַווענט די מוצאי שבתדיגע אום שבת. (ווי) האָט רב געדאַווענט די שבתדיגע אום ערב שבת? האָט ער (אויך) געמאַכט קדוש [איבער אַ כוס], אָדער ער האָט ניט געמאַכט קידוש [איבער אַ כוס] 13)? קום און הער וואָס רב נחמן האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: אַ מענש מעג דאַווענען די שבתדיגע אום ערב שבת און ער מאַכט קדוש [איבער אַ כוס]: און דער דין איז ווי ער. (ווי) האָט ר' יאשיה געדאַווענט די מוצאי שבתדיגע אום שבת? האָט ער (אויך) געמאַכט הבדלה [איבער אַ כוס], אָדער ער האָט ניט געמאַכט הבדלה [איבער אַ כוס] 14)? קום און הער וואָס רב יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: אַ מענש מעג דאַווענען די מוצאי שבתדיגע אום שבת און ער מאַכט הבדלה [איבער אַ כוס]. ר' זירא האָט געזאָגט אַז ר' אסי האָט געזאָגט און ער האָט געזאָגט אַז ר' אלעזר האָט עס געזאָגט און ער האָט געזאָגט אַז ר' חנינא האָט עס געזאָגט און ער ווידער האָט געזאָגט אַז רב האָט עס געזאָגט: ביי דעם קאַנט פון דיזען זייל האָט ר' ישמעאל ברבי יוסי געדאַווענט די שבתדיגע אום ערב שבת. אַז עולא איז געקומען האָט ער געזאָגט: דאָס איז געווען ביי דעם קאַנט פון אַ פאַלמע און ניט ביי דעם קאַנט פון אַ זייל, און דאָס איז ניט געווען ר' ישמעאל ברבי יוסי נאָר דאָס איז געווען ר' אלעזר ברבי יוסי, און דאָס איז ניט געווען די שבתדיגע אום ערב שבת נאָר דאָס איז געווען די מוצאי שבתדיגע אום שבת 15).

„די תפלה פון מעריב איז ניט פעסטגעזעצט".

וואָס מיינט „איז ניט פעסטגעזעצט"? זאָלען מיר זאָגען 16) אַז אויב מען וויל מעג מען דאַווענען אַ גאַנצע נאַכט, האָט דאָך געזאָלט שטעהן: די (צייט פון דער) תפלה פון מעריב איז אַ גאַנצע נאַכט? נאָר וואָס מיינט „איז ניט פעסטגעזעצט", (אַז עס איז) ווי דער וואָס זאָגט אַז די תפלה פון אָוועט איז אַ רשות 17); ווארום ר' יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: (מכח) די תפלה פון אָוועט זאָגט רבן גמליאל אַז דאָס איז אַ חוב און ר' יהושע זאָגט אַז דאָס איז אַ רשות. אביי האָט געזאָגט: דען דין איז ווי דער וואָס זאָגט אַז עס איז אַ חוב, און רבא האָט געזאָגט: דער דין איז ווי דער וואָס זאָגט אַז עס איז אַ רשות.

פירוש.

אַז ער האַלט זיך מיט איהם גליך, און דאָס איז אַ חוצפה. 1) ווייל דאָס קען אויסזעהן אַז ער דאַווענט צו זיין רבי. 2) אין „אלפס" און „רא"ש" שטעהט ר' אליעזר בן חכמא, און אַזוי אויך אין דעם מינכענער כ"י. 3) און רופט איהם ניט דערביי מיטן נאָמען ר ב י, ד"ה ער זאָגט צו איהם „שלום עליכם" און זאָגט ניט „שלום עליכם, רבי". 4) אין נאָמען פון זיין רבי. 5) צווישען שבת און אום דער וואָכען דורך אויפהערען צו טהון דאָס וואָס מען מעג נאָר טהון אין דער וואָכען. 6) וואָס איז דאָך פאַרווערט אום שבת. — אין מינכענער כ"י שטעהט, ריכטיגער, שטאָט ויצא — און איז אַרויס — וישן — און האָט געשלאָפען. 7) וואָס מען האָט גוזר געווען אַז מען טאָר ניט האָבען קיין שוויצבאָד אום שבת (זעה שבת מ' א'). 8) אַז נאָך קבלת שבת ווען עס איז נאָך טאָג זאָל מען ניט מעהר טאָרען טהון קיין מלאכה. 9) נאָכדעם ווי ער האָט שוין מקבל שבת געווען. 10) רב דימי האָט געהאַט אַ טעות און האָט פריה מקבל שבת געווען, ווייל עס איז געווען פאַרוואָלקענט און ער האָט געמיינט אַז עס איז שוין שפּעט; אָבער אַז מען איז בכיון מקבל שבת פריה טאָר מען טאַקע נאַכהער קיין מלאכה ניט מעהר טהון. 11) ווי אין דעם פאַל פון רב דימי בר ליואי, וואו די קבלת שבת זיינע איז בעטראַכט געוואָרען ווי בטל, ווייל אַז ניט וואָלט דאָך אביי איהם ניט ערלויבט צו טהון אַ מלאכה נאַכהער. 12) און עס איז ניט נויטיג אַז מען זאָל נאָך אַמאָל דאַווענען מעריב פון מוצאי שבת, ווען עס איז געוואָרען פינסטער און שבת איז באמת אויסגעגאַנגען. אם כן זעהען מיר דאָך אַז אַ תפלה איז אַ ריכטיגע תפלה אפילו אַז מען האָט זי געדאַווענט על פי טעות.

13) ווייל עס איז נאָך ניט געווען שבת. 14) ווייל עס איז דאָך נאָך געווען שבת. 15) פון דיזער מעשה איז אַ באַווייז אַז דער דין איז ווי ר' יאשיה, הגם דאָס שטעהט ניט אויסדריקליך נאָך די רייד פון רב יהודה אין נאָמען פון שמואל, אַזוי ווי עס שטעהט פריהער נאָך די רייד פון רב נחמן אין נאָמען פון שמואל. אין דעם מינכענער כ"י שטעהט אָבער נאָך די רייד פון רב נחמן אויך ניט „און דער דין איז ווי ער".

16) אַז דאָס מיינט. 17) זעה ז, 10 נומ, 25.

האָט געטראָגען דאָס קלייד 1) זאָל ווייטער טראָגען דאָס קלייד, אָבער ווי קען דער וואָס האָט ניט געטראָגען דאָס קלייד זאָגען צו דעם וואָס האָט געטראָגען דאָס קלייד: שיק מיר דיין קלייד און איך וועל דאָס טראָגען? האָט ר׳ עקיבא געזאָגט צו די רבנן: פאַרמאַכט די טיהרען, כדי די דיענער פון רבן גמליאל זאָלען ניט קומען און באַליידיגען די רבנן! האָט ר׳ יהושע געזאָגט: עס איז בעסער אַז איך זאָל אַליין געהן צו זיי. איז ער אַוועקגעגאַנגען און האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיהר און האָט געזאָגט צו איהם 2): אַ שפּרענגער וואָס איז דער זוהן פון אַ שפּרענגער 3) מעג שפּרענגען 4), אָבער ווי קען דער וואָס איז ניט קיין שפּרענגער און ניט דער זוהן פון אַ שפּרענגער זאָגען צו דעם וואָס איז אַ שפּרענגער און דער זוהן פון אַ שפּרענגער: דיין וואַסער איז (איינפאַכע) ברונען וואַסער און דיין אַש איז די אַש פון אַ (פאַרברענטען) שטעקעל 5)? האָט איהם ר׳ עקיבא געענטפערט: ר׳ יהושע, דו האָסט זיך איבערגעבעטען? מיר האָבען דאָך דאָס נאָר צוליעב דיין כבוד געטהאָן! מאָרגען וועל איך און דו זיין אין דער פריה ביי זיין טיהר 6). האָבען זיי געזאָגט: וואָס זאָלען מיר טהון 7)? זאָלען מיר איהם אַראָפּזעצען? עס איז דאָך אונז איבערגעבען געוואָרען 8), אַז אין הייליגע זאַכען געהט מען העכער אָבער ניט נידעריגער 9); זאָל דער רבי דרשהנען איין שבת און יענער איין שבת? וועט זיין ביי זיי קנאה! נאָר זאָל רבן גמליאל דרשהנען דריי שבתים 10) און ר׳ אלעזר בן עזריה איין שבת; און דאָס מיינט דער רבי ווען ער זאָגט 11): „וועמענס שבת איז דאָס געווען? דאָס איז געווען ר׳ אלעזר בן עזריה׳ס". און דער תלמיד 12) איז געווען ר׳ שמעון בן יוחאי.

„און פון מוספים א גאנצען טאג".

האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: ער 13) ווערט אָבער אָנגערופען אַ פּושע.

די רבנן האָבען געלערנט 14): „אַז איינער דאַרף דאַווענען צוויי תפלות, איינע פון מנחה און איינע פון מוסף, דאַווענט ער (צוערשט) די (תפלה) פון מנחה און נאָכהער דאַווענט ער פון מוסף, ווייל יענע איז אַ שטענדיגע און די איז ניט שטענדיג; ר׳ יהודה זאָגט: ער דאַווענט (צוערשט) פון מוסף און נאָכהער דאַווענט ער פון מנחה, ווייל יענע איז אַ מצוה וואָס געהט פאַריבער און די איז אַ מצוה וואָס געהט ניט פאַריבער". ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דער דין איז אַז ער דאַווענט (צוערשט) פון מנחה און נאָכהער דאַווענט ער פון מוסף.

אַז ר׳ זירא פלעגט מיעד ווערען פון לערנען, פלעגט ער געהן און זיך צוזעצען ביי דער טיהר פון ר׳ נתן בר טובי׳ס ישיבה, (ווייל) ער האָט געזאָגט: אַז די רבנן וועלען פאַרבייגעהן וועל איך זיך אויפשטעלען פאַר זיי און וועל מקבל זיין שכר 15). אַז ר׳ נתן בר טובי איז אַרויסגעקומען האָט ער 16) איהם געפרעגט: ווער האָט געזאָגט אַ הלכה אין בית מדרש 17)? האָט ער איהם געענטפערט: אַזוי האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: דער דין איז ניט ווי ר׳ יהודה וואָס האָט געזאָגט: „אַ מענש דאַווענט (צוערשט) פון מוסף און נאָכהער דאַווענט ער פון מנחה". האָט ער איהם געפרעגט: רבי יוחנן האָט דאָס געזאָגט? האָט ער איהם געענטפערט: יאָ, עס איז שוין פערציג מאָל פון איהם געלערנט געוואָרען. האָט ער (ווידער) געפרעגט: איז דאָס ביי דיר די איין און איינציגע 18) אָדער איז דאָס ביי דיר די נייעסטע 19)? האָט ער איהם געענטפערט: דאָס איז ביי מיר עפּעס נייעס, ווייל איך בין געווען אין ספק צו דאָס איז ניט געווען ר׳ יהושע בן לוי 20).

ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: ווער עס דאַווענט די תפלה פון מוסף נאָך זיעבען שעה, לויט ר׳ יהודה, איהם מיינט דער פסוק 21): „די צערבראָכענע („נוגי") וועגען ימים טובים האָב איך פאַרניכטעט; זיי זיינען געווען פון דיר" 22). פון וואַנען איז גענומען אַז דאָס דאָזיגע „נוגי" איז אַן אויסדרוק פון צערברעכען? — ווי רב יוסף פלעגט דאָס ערקלערען: אַ בראָך זאָל קומען אויף די שונאים פון דאָס הויז ישראל 23), ווייל זיי האָבען פאַרשפּעטיגט די צייטען פון די ימים טובים אין ירושלים! — ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: ווער עס דאַווענט די תפלה פון שחרית נאָך פיער שעה, לויט ר׳ יהודה, איהם מיינט דער פסוק: „נוּגֵי מִמּוֹעֵד אָסַפְתִּי מִמֵּךְ הָיוּ". פון וואַנען איז גענומען אַז דאָס דאָזיגע „נוגי" איז אַן אויס-

פירוש.

1) פון נשיאות. 2) צו ר׳ אלעזר בן עזריה. 3) ד״ה אַ כהן בן כהן. 4) ד שפּרענגג וואַסער פון אַ קרבן חטאת. 5) און ניט פון מקדש. ר׳ יהושע האָט דערמיט געוואָלט אָנדייטען צו ר׳ אלעזר בן עזריה אַז אַזוי ווי דער וואָס איז ניט קיין כהן טאָר ניט טהון די אַרבייטען פון אַ כהן, אַזוי איז דאָס אויך ניט פאַסענד פאַר איהם צו פאַרנעהמען דעם פלאַץ פון רבן גמליאל. 6) ד״ה באַזוכען רבן גמליאל. 7) בנוגע צו ר׳ אלעזר בן עזריה. 8) גמירי. (זעה „פירוש" ז. 46 נומ. 7). אין דעם מינבענער כ״י פעהלט דאָס, און מיט רעכט, ווייל דאָס איז דאָך ניט קיין הלכה למשה מסיני. 9) קען מען דערפאַר ר׳ אלעזר בן עזריה ניט מאַכען קלענער ווי דאָס וואָס ער איז.— מַעֲלִין בַּקֹּדֶשׁ וְאֵין מוֹרִידִין איז אַ בעקאַנטער תלמודישער כלל און אין מנחות צ״ט א׳ ווערט עס אָפּגעלע־נט פון במדבר י״ז ד׳ און שמות מ׳ י״ח. 10) דער „מהרש״א" פרעגט, פאַרוואָס ניט זאָגען אַז רבן גמליאל זאָל דרשהנען צוויי שבתים און ר׳ יהושע איין שבת. אין דעם מינכענער כ״י שטעהט אָבער ווירקליך צוויי שבתים. 11) ר׳ יהושע אין חגיגה ג׳ א׳. 12) וואָס האָט געפרעגט צי די תפלה פון אָווענט איז אַ רשות אָדער אַ חוב.

13) דער וואָס דאַווענט מוסף נאָך זיעבען שעה.

14) זעה ז. 98 און „פירוש" דאָרט נומ. 11—8.

15) פאַר רעספּעקטירען תלמידי חכמים. 16) ר׳ זירא. 17) לויט רש״י: ווער האָט עס געזאָגט אין בית מדרש אַז דער דין איז ווי ר׳ יהודה? 18) הלכה וואָס דו האָסט געהערט פון ר׳ יוחנן, און דערפאַר איז זי ביי דיר אַזוי באַליעבט. 19) ד״ה אַ חדוש, ווייל דו האָסט ניט ערוואַרטעט אַז ר׳ יוחנן זאָל דאָס זאָגען.— אין דער פראַגע ליעגט אַ וואָרט-שפּיעל: חדא — איינע, חדת — ניי. 20) ד״ה ווייל ער האָט געגלויבט אַז ריב״ל האָט עס געזאָגט.

21) צפניה ג׳ י״ח. 22) נוּגֵי מִמּוֹעֵד אָסַפְתִּי מִמֵּךְ הָיוּ, ד״ה די וואָס זיינען צערבראָכען געוואָרען ווייל זיי האָבען ניט ריכטיג אָפּגעהיט די ימים טובים האָב איך אא״וו. דער פּשט פון דיזען שווערען פסוק שיינט אָבער, פאַרקעהרט, צו זיין אַ נחמה: די וואָס טרויערן וועגען די ימים טובים, (ווייל זיי קענען ניט עולה לרגל זיין קיין ירושלים אויף יום טוב) האָב איך צונויפגעקליבען; זיי זיינען דיינע. 23) דאָס מיינט נאַטירליך פאַרקעהרט,

אַכצעהן יאָהר; האָט זיך איהם געטראָפֿען אַ נס און עס איז ביי איהם געוואָרען אַכצעהן גרויע לאָקען 1). דערפֿאַר האָט ר׳ אלעזר בן עזריה געזאָגט 2): „איך בין ווי איינער וואָס איז שוין אַ ז י ב ע צ י ג ע ר״, און (ער זאָגט) ניט זיבעציג יאָהר אַלט.—עס ווערט געלערנט: יענעם טאָג 3) האָט מען אָפּגעזאָגט דעם שומר פֿון דער טיהר 4) און עס איז ערלויבט געוואָרען צו (אַלע) תלמידים אַריינצוגעהן; ווייל רבן גמליאל האָט געלאָזען אויסרופֿען אַז אַ תלמיד וואָס זיין אינערעס איז ניט ווי זיין אויסערעס זאָל ניט אַריינקומען אין בית מדרש 5). יענעם טאָג זיינען צוגעקומען מעהרערע בייַנק 6). ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: וועגען דעם זיינען געווען מחולק אבא יוסף בן דוסתאי און די רבנן; איינער האָט געזאָגט אַז עס זיינען צוגעקומען פֿיער הונדערט בייַנק, און דער אַנדערער האָט געזאָגט זיעבען הונדערט בייַנק. האָט זיך רבן גמליאל שטאַרק מצער געווען און האָט געזאָגט: טאָמער האָב איך חס ושלום אָפּגעהאַלטען די תורה פֿון אידען 7)! האָט מען איהם געוויזען אין חלום ווייסע קערב פֿול מיט אַש 8), אָבער דאָס איז ניט געווען אַזוי 9), ווייל מען האָט עס איהם נאָר געוויזען צו באַרוהיגען איהם. — עס ווערט געלערנט: יענעם טאָג איז ע ד י ו ת געלערנט געוואָרען; און אומעטום וואו עס שטעהט י ע נ ע ם ט אָ ג 10) איז דאָס טאַקע געווען יענער טאָג 11); און עס איז ניט געווען קיין הלכה וואָס איז געבליבען העגגען 12) אין בית מדרש וואָס זאָל ניט ווערען ערקלערט 13). און אפילו רבן גמליאל איז ניט אַוועקגעבליבען פֿון בית מדרש אפילו איין שעה אויך ניט, וואָרום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 14): „יענעם טאָג איז געקומען יהודה, אַן עמוני וואָס האָט זיך מגיר געווען, און האָט זיי געפֿרעגט: מעג איך אַריינקומען אין קהל 15)? האָט איהם רבן גמליאל געענטפֿערט: דו טאָרסט ניט אַריינקומען אין קהל! ר׳ יהושע אָבער האָט איהם געענטפֿערט: דו מעגסט אַריינקומען אין קהל! האָט איהם 16) רבן גמליאל געפֿרעגט: עס שטעהט דאָך אָבער ׳אַן עמוני און אַ מואבי זאָלען ניט אַריינקומען אין דער געמיינדע פֿון גאָט׳ 17)? האָט איהם ר׳ יהושע געענטפֿערט: וואָהנען דען עמון און מואב אויף זייערע פּלעצער 18)? סנחריב דער קעניג פֿון אשור איז שוין לאַנג געקומען און האָט אויסגעמישט אַלע אומות, וואָרום עס שטעהט געשריבען 19): „און איך האָב אַוועקגענומען די גרעניצען פֿון פֿעלקער און זייער צוקונפֿט האָב איך צערשטערט און איך האָב געשטירצט די מאַכט פֿון די איינוואָהנער״, און דאָס וואָס איז סעפּאַראַט איז סעפּאַרירט געוואָרען פֿון דאָס רוב 20). האָט איהם רבן גמליאל געפֿרעגט: עס שטעהט דאָך אָבער 21): „און נאַכהער וועל איך צוריקברענגען די געפֿאַנגענע פֿון די קינדער פֿון עמון, זאָגט גאָט״, זיינען זיי דאָך (מסתמא) שוין צוריקגעקעהרט 22)? האָט איהם ר׳ יהושע געענטפֿערט: עס שטעהט דאָך אויך 23): „און איך וועל צוריקברענגען די געפֿאַנגענע פֿון מיין פֿאָלק ישראל״, און פֿונדעסטוועגען זיינען זיי נאָך ניט צוריקגעקעהרט 24)! האָט מען איהם 25) גלייך ערלויבט אַריינצוקומען אין קהל״. האָט רבן גמליאל געזאָגט: אַז עס איז יאָ אַזוי, וועל איך געהן איבערבעטען ר׳ יהושע׳ן. אַז ער איז געקומען אין זיין הויז, האָט ער געזעהן אַז די באַלקענס פֿון זיין הויז זיינען שוואַרץ און ער האָט איהם געזאָגט: פֿון די וועגד פֿון דיין הויז איז ניכר אַז דו ביזט אַ קוילענברענער 26). האָט ער איהם געענטפֿערט: וועה איז צו דעם דור וואָס דו ביזט זיין פֿיהרער, וואָרום דו קענסט ניט דעם צער פֿון די תלמידי חכמים (און ווייסט ניט) מיט וואָס זיי זיינען זיך מפרנס און פֿון וואָס זיי ערנעהרען זיך. רופֿט ער זיך אָן צו איהם: איך ערנידעריג זיך פֿאַר דיר; זיי מיר מוחל! האָט ער זיך ניט געמאַכט וויסען. — טהו דאָס צוליעב דעם כבוד פֿון מיין פֿאָטער! — האָט ער זיך איבערגעבעטען מיט איהם. האָבען זיי 27) געזאָגט: ווער זאָל געהן און אָנזאָגען דאָס צו די רבנן? האָט זיך אָנגערופֿען אַ וועשער: איך וועל געהן. האָט ר׳ יהושע געשיקט (זאָגען) אין בית מדרש: דער וואָס

פ י ר ו ש.

אַ נשיא כדי מען זאָל פֿאַר איהם דרך ארץ האָבען. 1) אין ירושלמי שטעהט אַז די גאַנצע האָר איז ביי איהם געוואָרען גרוי. 2) זעה משנה ז׳, 46, 3) און 11) ווען ר׳ אלעזר בן עזריה איז געוואָרען אַ נשיא. 4) פֿון דער ישיבה. 5) ווייל עס ווערט געלערנט אַז דער וואָס לערנט מיט אַן אונווירדיגען תלמיד איז ווי ער וואָלט געוואָרפֿען אַ שטיין (ד״ה געדיענט) פֿאַר דער עבודה זרה מערקור. ר׳ אלעזר בן עזריה אָבער האַלט אַז עס מאַכט ניט אויס אפילו אַז מען לערנט תורה שלא לשמה, ווייל דאַדורך קומט מען צו לערנען זי לשמה. 6) אין דער ישיבה, ווייל עס זיינען צוגעקומען אַ סך תלמידים. 7) דערמיט וואָס ער האָט ניט יעדען אַריינגעלאָזען אין דער ישיבה. 8) ד״ה עפּעס וואָס איז געווען שעהן פֿון אויסענווענדיג און מאוס אינעווענדיג. 9) ד״ה די נייע תלמידים זיינען ניט געווען אונווירדיג. 10) בו ביום. 12) אונערקלערט. 13) ווייל דער צוואַוואַקס פֿון די תלמידים האָט פֿאַרטיעפֿט און פֿאַרשאַרפֿט די דעבאַטע. 14) ידים פ״ד מ״ד. 15) אין כלל ישראל, ד״ה מעג איך חתונה האָבען מיט אַ אידישע פֿרוי? 16) ר׳ יהושע׳ן. 17) דברים כ״ג ד׳. די פֿעלקער עמון און מואב זיינען באַזונדערס באַשטראָפֿט געוואָרען, ווייל זיי זיינען ניט אַרויסגעקומען מיט ברויט און וואַסער ווען די אידען זיינען באַפֿרייט געוואָרען פֿון מצרים און ווייל זיי האָבען אָנגעדונגען בלעם׳ן צו שעלטען זיי. 18) ד״ה עקזיסטירען דען נאָך דיזע פֿעלקער? 19) ישעיה י׳ י״ג. דער נביא לעגט דאָרט אַריין דיזע ווערטער אין מויל פֿון דעם קעניג פֿון אשור. 20) ד״ה אַזוי ווי דאָס רוב פֿון פֿאָלק עמון עקזיסטירט ניט מעהר, ווערט יהודה וואָס איז אויסגעטרעטען פֿון זיי און איז געוואָרען אַ איד ניט מעהר בעטראַכט אַלס אַן עמוני און עס איז ניט חל אויף איהם דאָס וואָס שטעהט אין דער תורה וועגען די עמונים.—כ ל ד פ ר י ש מ ר ו ב א פ ר י ש איז אַ בעקאַנטער תלמודישער און מיינט אַז ביי אַ זאַך וואָס געפֿינט זיך פֿאַר זיך און מיר ווייסען ניט צו וועלכער פֿון צוויי גרופּען פֿון דיזער זאַך זי געהערט, נעהמען מיר אָן אַז זי געהערט צו דער גרופּע וועלכע איז דאָס רוב, צב״ש אין דער בריתא פֿון ניין יאַטקעס וואָס פֿאַרקויפֿען כשרע פֿלייש און איינע וואָס פֿאַרקויפֿט טרפה און מען געפֿינט אַ שטיק פֿלייש וואָס מען ווייס ניט פֿון וועלכער יאַטקע עס קומט אא״וו (זעה חולין צ״ה א׳, גדה י״ח א׳ א.א.ע.). 21) ירמיה מ״ט ו׳. 22) אם כן עקזיסטירען זיי דאָך ווידער אַלט פֿאָלק. 23) עמוס ט׳ י״ד. 24) פֿון דער הבטחה איז אם כן קיין באַוויז ניט אַז דאָס איז שוין אַ פֿאַקט. 25) יהודה׳ן. 26) איינער וואָס ברענט האָלץ און מאַכט דערפֿון קוילען. דאָס איז געווען איינע פֿון די אָרימסטע פרנסות. 27) רבן גמליאל און ר׳ יהושע.

האַמער, פאַרוואָס וויינסטו? האָט ער זיי געענטפערט: מה דאָך אַז איך וואָלט געוויינט, ווען מען וואָלט מיך געפיהרט 1) פאַר אַ קעניג וואָס איז אַ בשר ודם, וואָס איז היינט דאָ און מאָרגען אין קבר, וואָס אויב ער ווערט אין כעס אויף מיר איז דאָס ניט קיין אייביגער כעס און אויב ער אַרעסטירט מיך איז זיין אַרעסט ניט אויף אייביג און אויב ער פאַרמשפט מיך צום טויט איז דאָס ניט קיין אייביגער טויט, טאָ ווי זאָל איך ניט וויינען אַז מען געהט מיך איצט פיהרען פאַר'ן קב"ה, דעם העכסטען קעניג פון אַלע קעניגע, וואָס לעבט און עקזיסטירט אייביג און אייביג, וואָס אויב ער ווערט אויף מיר אין כעס איז דאָס אַן אייביגער כעס און אויב ער אַרעסטירט מיך איז דאָס אַן אייביגער אַרעסט און אויב ער פאַרמשפט מיך צום טויט איז דאָס אַן אייביגער טויט, און איך קען איהם ניט באַרוהיגען מיט אַ גוט וואָרט אָדער אָפּקויפען מיט געלד, און אויסערדעם זיינען פאַר מיר דאָ צוויי וועגען, איינע צום גן עדן און די אַנדערע צום גיהנם, און איך וויים ניט אויף וועלכען מען וועט מיך פיהרען! האָבען זיי איהם געבעטען: רבי, גיב אונז אַ ברכה! האָט ער צו זיי געזאָגט: הלואי זאָלט איהר מורא האָבען פאַר גאָט ווי איהר האָט מורא פאַר אַ בשר ודם! האָבען די תלמידים איהם געפרעגט: ניט מעהר? האָט ער זיי געענטפערט: הלואי 2)! ווארום איהר ווייסט דאָך אַז ווען אַ מענש טהוט אַן עבירה זאָגט ער: הלואי, זאָל מיך קיינער ניט זעהן 3)! פאַר דער פטירה האָט ער צו זיי געזאָגט: רוימט אַרויס די כלים צוליעב טומאה 4) און גרייט צו אַ שטוהל פאַר חזקיה מלך יהודה וואָס איז געקומען 5).

משנה ג׳.

רבן גמליאל זאגט: א מענש זאל יעדען טאג בעטען שמונה עשרה; ר׳ יהושע זאגט: א רעזומע 6) פון שמונה עשרה; ר׳ עקיבא זאגט: אויב ער קען דאווענען געלויפיג זאל ער דאווענען שמונה עשרה, אבער אויב ניט, (נאר) א רעזומע פון שמונה עשרה. ר׳ אליעזר זאגט: דער וואס מאכט זיין תפלה פאר א פעסטגעזעצטע זאך 7), ביי דעם קען די תפלה ניט זיין קיין געבעט. ר׳ יהושע זאגט: דער וואס געהט אין אן ארט פון סכנה זאל בעטען א קורצע תפלה און זאגען: „העלף, א גאט, דיין פאלק, דעם רעשט פון ישראל! אויף אלע וועגען פון (זייער) וואנדערן 8) זאלען זייערע באדערפעניש׳ען זיין פאר דיר 9). געלויבט ביזטו, א גאט, וואס הערט זיך צו צו א תפלה". אז איינער רייט אויף אן עזעל זאל ער א אפשטייגען און דאווענען, און אויב ער קען ניט אראפשטייגען 10) זאל ער זיך אומדרעהען מיטן פנים 11), און אויב ער קען זיך ניט אומדרעהען מיטן פנים זאל ער ריכטען זיין הארץ אנטקעגען [דאס הויז פון] דעם קדשי קדשים 12). אז איינער פאהרט אויף א שיף אדער אויף א פליטע זאל ער ריכטען זיין הארץ אנטקעגען [דאס הויז פון] דעם קדשי קדשים 13).

גמרא.

אַנטקעגען וואָס זיינען דיזע אַכצעהן 14)? האָט ר׳ הלל דער זוהן פון ר׳ שמואל בר נחמני געזאָגט: אַנטקעגען די אַכצעהן מאָל פון גאָטס נאָמען 15) וואָס דוד דערמאָהנט אין „הָבוּ לַה׳ בְּנֵי אֵלִים" 16); רב יוסף אָבער האָט געזאָגט: אַנטקעגען די אַכצעהן מאָל פון גאָטס נאָמען וואָס ווערט דערמאָהנט אין קריאת שמע. ר׳ תנחום האָט געזאָגט אַז ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: אַנטקעגען די אַכצעהן גליעדער פון דעם רוקען־ביין 17) און ר׳ תנחום האָט געזאָגט אַז ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דער וואָס דאַווענט דאַרף זיך אַזוי בוקען אַז אַלע גליעדער פון דעם רוקען־ביין זאָלען זיך עפענען 18); עולא אָבער האָט געזאָגט: ביז ער זעהט ווי אַן

פירוש.

טיטלען כאַראַקטעריזירען זיין גרויסקייט און געלעהרזאַמקייט. 1) צום משפט. 2) כאָטשע אַזוי פיעל. 3) הגם ער וויים דאָך בשעת מעשה אַז אפילו אויב מענשען זעהען איהם ניט, זעהט עס דאָך גאָט; אם כן איז עס דאָך אַ בעוויז אַז מען האָט פאַר גאָט וועניגער מורא ווי פאַר מענשען. 4) ווייל כלים וואָס זיינען אין איין צימער מיט אַ מת ווערען טמא. 5) באַגלייטען די נשמה.

6) אַ קצור. 7) ד"ה ער בעטראַכט עס פאַר אַ מוז. 8) בְּכָל פָּרָשַׁת הָעִבּוּר. זעה אָבער ווייטער כ"ט ב, די ערקלעהרונגען פון דער גמרא. 9) זאָלסטו זיי געבען וואָס זיי בעדאַרפען. 10) ווייל ער האָט ניט ווער עס זאָל דעם עזעל צוהאַלטען. 11) צו ירושלים און דאַווענען. 12) ד"ה האָבען דעם בית המקדש אין זינען בעת ער דאַווענט. 13) און עס איז ניט נויטיג צו צו פרובירען זיך אומדרעהען מיטן פנים צו ירושלים, ווייל דאָס איז געפעהרליך צוליעב דעם וואָס די שיף קען זיך נאָך איבערקעהרען („תוי"ט" און „רש"י"), צוליעב דיזען טעם מעג מען דאָרט דאַווענען די שמונה עשרה אפילו זיצענדיג (זעה „טור א"ח" סי׳ צ"ד).

14) ברכות (שמונה עשרה), ד"ה אויף וועלכע שטעלע אין תנ"ך שטיצען זיי זיך און פאַרוואָס גראַדע אַכצעהן? 15) אַזְכָּרָה. 16) דער 29-סטער קאַפּיטעל פון תהלים. 17) וואָס געהט דורך אין דער לענג פון'ם רוקען און איז צוזאַמענגעשטעלט פון גריעדער (ביינער) וועלכע זיינען הויל אין דער מיטען און זיינען מיטאיינאַנדער צוזאַמענגעהאַלטען דורך דעם מאַרך וואָס געהט דורך ווי אַן עלאַסטישער שנור דורך זיי און גיט דעם קערפּער די מעגליכקייט צו בויגען זיך נאָך אַלע ריכטונגען. דיזע ביינדלעך און די לאַנגע האַלב-קיילעכדיגע ביינער וואָס צווייגען זיך אָפּ אויף בײדע זייטען פון די אויבערשטע צוועלף פון זיי האַלטען צוזאַמען דאָס פלייש פון דעם קערפּער ס). 18) אין אַ גראַדער פּאָזיציע, שטעהענדיג אָדער ליעגענדיג, געפינען זיך די גליעדער פון דעם רוקען-ביין געדיכט נעבען איינאַנדער, אַזוי ווי זיי וואָלטע געווען פון איין שטיק, אָבער ביים איינבויגען זיך עפענען זיי זיך (ד"ה דער טייל וואָס איז ענגעגענגעזעצט צו דער ריכטונג וואוהין דער קערפּער בויגט זיך) און

ס) נאך דער היינטיגער אנאטאמיע באשטעהט דער רוקען-ביין פון צוועלף אויבערשטע גליע-דער מיט צוועלף פאר ריפען (ניט עלף, ווי אין אהלות פ"א מ"ח) און פינף אונטערשטע, אלזא בזאמען נאר זיעבצעהן. דאס וועט איבעראיינשטימען מיט אן אנדער דעה אין תלמוד אז די שמונה עשרה האט אורשפרינגליך געהאט נאר זיעבצעהן ברכות (זעה ירושלמי ברכות פ"ד ה"ג: „אם יאמר לך אדם י"ז אינון וכו׳" און במדבר רבה י"ח: „טוב בגימטריא י"ז תפלות, י"ט ברכות, הוצא משם ברכת המינין שתקנוה ביבנה ואת צמח דוד שתקנו אחריו").

דרוק פֿון צער 1)? ווייל עס שטעהט געשריבען 2): „מיין זעעלע צעררינט פֿון טרויער (מתוגה)"; רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט: פֿון דאַנען 3): „איהרע בתולות זיינען טרויעריג (נוגות) און איהר איז ביטער".

רב אויא איז געווען נים געזונד און איז נים געקומען צו דער דרשה פֿון רב יוסף 4). אַז ער איז אויף מאָרגען געקומען האָט אביי געוואָלט רב יוסף'ן גוט שטימען 5) און ער האָט איהם 6) געפֿרעגט: פֿאַרוואָס איז דער רבי נים געקומען צו דער דרשה? האָט ער איהם געענטפֿערט: ווייל דאָס האַרץ איז מיר געווען שוואַך און איך האָב נים געקענט. האָט ער איהם געפֿרעגט: פֿאַרוואָס האָסטו נים עפּעס געגעסען און נאָכהער געקומען? האָט ער איהם געענטפֿערט: איז דער רבי נים איינשטימיג מיט רב הונא? ווארום רב הונא האָט געזאָגט: אַ מענש טאָר גאָר נים פֿאַרזוכען בעפֿאָר ער דאַווענט די תפלה פֿון מוסף! רופֿט ער זיך אָפּ צו איהם: האָט דער רבי געוואָלט דאַווענען די תפלה פֿון מוסף פֿאַר זיך און נאָכהער עפּעס פֿאַרזוכען און קומען! האָט ער איהם געענטפֿערט: האַלט דער רבי נים פֿון דאָס וואָס ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַ מענש טאָר נים דאַווענען פֿריהער פֿאַר'ן צבור? רופֿט ער זיך אָפּ צו איהם: איז דען נים געזאָגט געוואָרען מכח דעם אַז ר׳ אבא האָט געזאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט אַז מען איז מיט'ן צבור 7)? — אָבער דער דין איז נים ווי רב הונא און נים ווי ר׳ יהושע בן לוי: „(נים) ווי רב הונא" (בנוגע צו דאָס) וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרען 8), „(און נים) ווי ר׳ יהושע בן לוי", ווארום ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט 9): „אַז עס קומט די צייט פֿון דער תפלה פֿון מנחה טאָר אַ מענש קיין שום זאַך נים פֿאַרזוכען בעפֿאָר ער דאַווענט די תפלה פֿון מנחה".

משנה ב׳.

ר נחוניא בן הקנה פֿלעגט בעטען א קורין געבעט אריינקומענדיג אין בית מדרש און ארויסקומענדיג. האט מען איהם געפרעגט: ווי קומט דיזע תפלה? האט ער [זיי] געענטפערט: אריינקומענדיג בעט איך אז קיין מכשול זאל זיך דורך מיר נים טרעפען און ארויסקומענדיג גיב איך א דאנק פאר מיין שיקזאל.

גמרא.

די רבנן האָבען געלערנט: וואָס פֿלעגט ער 10) זאָגען אַריינקומענדיג? — „זאָל עס זיין דיין ווילען, אָ, מיין גאָט, אַז קיין שום מכשול זאָל זיך נים טרעפֿען דורך מיר און אַז איך זאָל נים נכשל ווערען אין אַ הלכה, כדי מיינע חברים זאָלען זיך פֿרעהען מיט מיר 11), און אַז איך זאָל נים פסקענען אַז דאָס וואָס איז אומריין איז ריין אָדער אַז דאָס וואָס איז ריין איז אומריין, און אַז מיינע חברים זאָלען נים נכשל ווערען אין אַ הלכה, כדי איך זאָל זיך פֿרעהען מיט זיי". — וואָס פֿלעגט ער זאָגען אַרויסקומענדיג? — „איך דאַנק דיר, אָ מיין גאָט, וואָס דו האָסט געמאַכט אַז מיין שיקזאַל זאָל אויסקומען צו זיין פֿון די וואָס זיצען אין בית מדרש און דו האָסט נים געמאַכט אַז מיין שיקזאַל זאָל אויסקומען צו זיין פֿון די וואָס זיצען אויף די עקען 12), ווייל זיי פֿעדערן זיך און איך פֿעדער זיך, (אָבער) איך פֿעדער זיך פֿאַר די רייד פֿון תורה און זיי פֿעדערן זיך פֿאַר פּוסטע רייד; איך האָרעווע און זיי האָרעווען, (אָבער) איך האָרעווע און וועל באַקומען שכר און זיי האָרעווען און וועלען קיין שכר נים באַקומען; איך יאָג זיך און זיי יאָגען זיך, (אָבער) איך יאָג זיך צו דעם לעבען פֿון עולם הבא און זיי יאָגען זיך אין גיהנם אַריין".

די רבנן האָבען געלערנט 13): „אַז ר׳ אליעזר איז קראַנק געוואָרען זיינען זיינע תלמידים אַריינגעקומען איהם מבקר חולה זיין און האָבען צו איהם געזאָגט: רבי, לערן אונז די וועגען פֿון לעבען כדי מיר זאָלען זוכה זיין דורך זיי צו דעם לעבען פֿון עולם הבא! האָט ער צו זיי געזאָגט: היט אָפּ דעם כבוד פֿון אייערע חברים און האַלט אָפּ אייערע קינדער פֿון פלאַפלען 14) און זעצט זיי אַוועק אויף די קניע פֿון תלמידי חכמים, און בעת איהר דאַווענט זאָלט איהר געדענקען פֿאַר וועמען איהר שטעהט, און צוליעב דעם וועט איהר זוכה זיין צו דעם לעבען פֿון עולם הבא". — און אַז רבן יוחנן בן זכאי איז קראַנק געוואָרען זיינען זיינע תלמידים אַריינגעקומען איהם מבקר חולה זיין. אַז ער האָט זיי דערזעהן האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען. האָבען איהם זיינע תלמידים געפֿרעגט: ליכט פֿון ישראל, צענטראַלער זייל 15), שטאַרקער

פירוש.

עפּעמיסטיש. (זעה „פירוש" ז, 11 נומ. 22). 1) דיזע איבערזעצונג איז אויך ריכטיגער. דיזער זאַין פֿעהלט אָבער אין „אלפס", „רא"ש" און מינכענער כ"י. 2) תהלים קי"ט כ"ח. 3) איכה א׳ ד׳.

4) וועלכער איז געווען ראש ישיבה אין פומבדיתא און פֿלעגט דרשהנען שבת פֿאַר מוסף, און נאָך דער דרשה פֿלעגט מען געהן אין בית מדרש און דאָרט דאַווענען מוסף. 5) כדי ער זאָל נים זיין אין כעס אויף רב אויא. 6) רב אויא'ן. 7) אין איין בית מדרש, אָבער אַז מען דאַווענט פֿאַר זיך אין אַן אַנדער פלאַין מעג מען דאַווענען פֿריהער פֿאַר'ן צבור. 8) אַז מען טאָר גאָר נים פֿאַרזוכען פֿאַר מוסף. 9) שבת ט׳ ב׳.

10) ר׳ נחוניא בן הקנה, ער האָט געלעבט אין דער צייט פֿון ר׳ יוחנן בן זכאי און איז געווען דער רבי פֿון ר׳ ישמעאל בן אלישע. 11) אַזוי לויט „מהרש"א". לויט „רש"י" אָבער: און מיינע חברים וועלען זיך דערפֿרעהען (מיט שאָדען פֿרייד), און וועלען צוליעב דעם באַשטראָפֿט ווערען. דער אויסדרוק שֶׂמֵחַ בְּ... איז אָבער זעהר געגען דיזע ערקלערונג, און דער סוף פֿון דער תפלה באַווייזט אויך אַז די ערקלערונג פֿון „מהרש"א" איז ריכטיגער. 12) פֿון די גאַסען: ד"ה מארקזיצערס, געלדוועקסלערס אא"וו, וועלכע פֿלעגען אָנפֿיהרען זייערע געשעפֿטען אויף די ווינקלען פֿון די גאַסען.

13) דרך ארץ רבה פ"ג, אָבער דאָרט איז דער טעקסט אַביסעל אַנדערש און דאָרט שטעהט נים ר׳ אליעזר נאָר ר׳ אלעזר בן עזריה. — דיזער און דער פֿאָלגענדער מאמר קומען דאָ צוליעב דער עהנליכקייט מיט ר׳ נחוניא'ס תפלה. 14) הִגָּיוֹן°). 15) וואָס האַלט אויף דעם גאַנצען בנין. דיזע

°) דאָס וואָרט הגיון איז פֿון די פֿאַרשיעדענע מפרשים פֿאַרשיעדען ערקלערט געוואָרען: אַלס פילאָזאָפֿיע, לאָגיק, תנ"ך אא"וו, אָבער מיר דענקען אַז די ריכטיגע איבערזעצונג איז פּלאַפּלען אָדער איבעריגעס לעבעדיך לערנען אָדער רעדען, ווי „המנפנפים והמהגים" אין ישעיה ח׳ י"ט און „להגיון כתנו ליגיעה לא כתנו" (בנוגע צו די כתובים אחרונים) אין ירושלמי סנהדרין פ"י, דער המשך פֿון „און זעצט זיי אַוועק אא"וו" איז אויך אַ בעווייז דערפֿאַר.

אַנטקעגען וואָס זיינען די זיעבען פֿון שבת 1)? האָט ר׳ חלפתא בן שאול געזאָגט: אַנטקעגען די זיעבען קולות־וואָס דוד האָט דערמאָהנט איבער וואַסער 2). אַנטקעגען וואָס זיינען די ניין פֿון ראש השנה 3)? האָט ר׳ יצחק פֿון קרטיגנין געזאָגט: אַנטקעגען די ניין מאָל פֿון גאָטס נאָמען וואָס חנה האָט דערמאָהנט אין איהר תפלה 4), וואָרום דער רבי האָט געזאָגט 5): „אום ראש השנה זיינען שרה, רחל און חנה דערמאָהנט געוואָרען" 6). אַנטקעגען וואָס זיינען די פֿיער און צוואַנציג פֿון אַ תענית 7)? האָט ר׳ חלבו געזאָגט: אַנטקעגען די פֿיער און צוואַנציג (אויסדרוקען פֿון) געבעט וואָס שלמה האָט דערמאָהנט בעת ער האָט אַריינגעבראַכט דעם ארון אין דעם קדשי קדשים 8). אויב אַזוי, טאָ זאָל מען דאָס יעדען טאָג זאָגען?—ווען האָט דאָס שלמה געזאָגט? אין אַ טאָג פֿון רחמים 9)! דאַרפֿען מיר דאָס אויך זאָגען (נאָר) אין אַ טאָג פֿון רחמים 10).

„ר׳ יהושע זאגט: א רעזיומע פון שמונה עשרה".

וואָס מיינט „אַ רעזיומע פֿון שמונה עשרה"? האָט רב געזאָגט: אַ קצור פֿון יעדער ברכה 11); שמואל אָבער האָט געזאָגט: „מאַך אונז פֿאַרשטענדיג 12), אָ אונזער גאָט, צו קענען דיינע וועגען, מאַך גרייט אונזער האַרץ צו מורא האָ־ פֿאַר דיר, און פֿאַרגיב אונז, כדי מיר זאָלען ווערען אויסגע־ לייזט, און האַלט אונז ווייט פֿון [אונזערע] וועהטאָגען, און מאַך פֿעט די לאָנקעס פֿון דיין לאַנד, און זאמעל צונויף אונזערע צערשפּרייטע פֿון (אַלע) פֿיער עקען, און די וואָס בלאָנדזען 13) זאָלען געמישפּט ווערען לויט דיין ווילענשאַפֿט 14), און אויף די רשעים זאָלסטו אויפֿהעבען דיין האַנד, און די צדיקים זאָלען זיך פֿרעהען מיט דעם אויפֿבוי פֿון דיין שטאָדט, און מיט דער ווידעראויפֿשטעלונג פֿון דיין טעמפּעל, און מיט דער אויפֿבליהונג פֿון דעם גלאַנץ פֿון דוד דיין קנעכט און דער ווידעראויפֿשיינונג פֿון דאָס ליכט פֿון דיין געזאַלבטען זוהן פֿון ישי 15); בעפֿאָר מיר רופֿען נאָך זאָלסטו ענטפֿערן. געלויבט ביזטו, אָ גאָט, וואָס הערט זיך צו צו אַ געבעט".

אביי פֿלעגט שעלטען די וואָס בעטען „הביננו". רב נחמן האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: אַ גאַנץ יאָהר מעג אַ מענש בעטען „הביננו" אַ חוץ מוצאי שבת און מוצאי יום טוב, ווייל מען דאַרף דאָך זאָגען „הבדלה 16)" אין „חונן הדעת" 17). האָט רבה בר שמואל דאַגעגען אויסגעזעצט 18): טאָ זאָל מען די פֿערטע ברכה 19) זאָגען באַזונדער 20)! האָ־ בען מיר דען ניט געלערנט אין דער משנה 21): „ר׳ עקיבא זאָגט: מען זאָגט עס 22) אַלס אַ פֿערטע ברכה באַזונדער; ר׳ אליעזר זאָגט: אין „מודים"! — טהוען מיר דען אַ גאַנץ יאָהר ווי ר׳ עקיבא, אַז מיר זאָלען דאָס איצט אויך טהון 23)? און פֿאַרוואָס טהוען מיר ניט אַ גאַנץ יאָהר ווי ר׳ עקיבא? ווייל מען האָט מתקן געווען אַכצעהן (ברכות) און [מען האָט] ניט [מתקן געווען] ניינצעהן! אַזוי האָט מען דאָ אויך מתקן געווען זיעבען 24) און [מען האָט] ניט [מתקן געווען] אַכט. האָט מר זוטרא דאַגעגען אויסגעזעצט: טאָ לאָמיר דאָס איינ־

פירוש.

שטעהט פֿריהער אַז אויב דער בעל תפלה האָט אַ טעות אין דער ברכה געגען די צדוקים, הייסט מען איהם אַוועקגעהן פֿון עמוד.

1) שבת און יום באַשטעהט די שמונה עשרה פֿון זיעבען ברכות, די דריי ערשטע און די דריי לעצטע און די מיטעלסטע וועלכע הייבט זיך אָן מיט אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ און ענדיגט זיך מיט מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת אום שבת און מְקַדֵּשׁ יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים אום יום טוב, דיזע ברכה הייסט קְדוּשַּׁת הַיּוֹם. 2) אין מזמור כ״ט פֿון תהלים וואו עס ווערט גערעדט פֿון וואַסער און געוויטער שטעהט זיעבען מאָל דאָס וואָרט קול. 3) אין מוסף פֿון ראש השנה ווערען געזאָגט אַחוץ די דריי ערשטע (וועלכע זיינען אַביסעל אַנדערש און לענ־ גער, באַזונדערס די דריטע) און די דריי לעצטע נאָך דריי אַנדערע: מַלְכֻיּוֹת וועלכע הייבט זיך אָן מיט אַתָּה בְחַרְתָּנוּ און ענדיגט זיך מיט מֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ מְקַדֵּשׁ יִשְׂרָאֵל וְיוֹם הַזִּכָּרוֹן (אין איהר איז שוין איינגעשלאָסען די קדושת היום), זִכְרוֹנוֹת וועלכע הייבט זיך אָן מיט אַתָּה זוֹכֵר און ענדיגט זיך מיט זוֹכֵר הַבְּרִית, שׁוֹפָרוֹת וועלכע הייבט זיך אָן מיט אַתָּה נִגְלֵיתָ און ענדיגט זיך מיט „שומע קול תרועת עמו ישראל ברחמים". אין שחרית ווערען נאָר זיעבען ברכות געזאָגט. 4) נאָכדעם ווי שמואל איז געבאָרען געוואָרען, זעה שמואל א׳ ב׳ א׳—י׳. 5) ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע, ראש השנה י״א א׳ און יבמות ס״ד ב׳. 6) פֿאַר גאָט צו האָבען אַ קינד. 7) אַז עס פֿלעגט ניט געהן קיין רעגען פֿלעגען בית דין אין די דאַמאָליגע צייטען גוזר זיין אַ תענית צבור פֿון דריי טעג; אַז דאָס האָט ניט געהאָלפֿען פֿלעגען זיי גוזר זיין אַ תענית צבור פֿון ווייטערע דריי טעג; און אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפֿען פֿלעגען זיי גוזר זיין אַ נאָך שטרענגערען תענית פֿון ווייטערע זיעבען טעג, אין וועלכע עס פֿלעגען צו די אַכצעהן ברכות פֿון דער שמונה עשרה צוקומען נאָך זעקס ברכות וועלכע מען פֿלעגט זאָגען נאָך דער זיעבעטער ברכה (רְאֵה נָא בְעָנְיֵנוּ), זעה תענית פ״ב מ״א וואו דיזע ברכות זיינען אויסגערעכענט. 8) זעה שלמה׳ס תפלה אין מלכים א׳ ח׳ י״ב—נ״ג. 9) ווען מען דאַרף בעטען אויף רחמים. אין מועד קטן ט׳ א׳ א.א.ע. ווערט דערצעהלט אַז ווען שלמה האָט געוואָלט אַריינטראָגען דעם ארון מיט די לוחות אין קדשי קדשים האָבען די טויערען זיך ניט געוואָלט עפֿענען און שלמה האָט געמוזט תפלה טהון אַז זיי זאָלען זיך עפֿענען. 10) ווען דער הימעל איז פֿאַרמאַכט און מען דאַרף בעטען אויף רעגען.

11) דעם אָנהויב פֿון יעדער ברכה און איהר שלוס (זעה „פירוש" ז. 42 נומ. 18). אַזוי שטעהט אויך אויסדריקליך אין דעם מינכענער כ״י. 12) הֲבִינֵנוּ. לויט שמואל מוז מען די ערשטע און די לעצטע דריי ברכות זאָגען אין גאַנצען, אָבער אַנשטאָט די צוועלף מיטעלסטע זאָגט מען די ברכה הביננו וואָס איז אַ קצור פֿון זיי („מאַך אונז פֿאַרשטענדיג, אָ אונזער גאָט, צו קענען דיינע וועגען" אַנטקעגען אתה חונן, „מאַך גרייט אונזער האַרץ צו מורא האָבען פֿאַר דיר" אַנטקעגען הֲשִׁיבֵנוּ אא״וו) אָהן דעם שלוס און ענדיגט זיך מיט שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה. 13) ד״ה וואָס זינדיגען. 14) ד״ה נאָכ׳ן אידישען געזעץ, ווי „השיבה שופטינו כבראשונה" (קעהר אום אונזערע ריכטער ווי פֿריהער)ס). 15) דוד בן ישי. דאָס איז אַ בקשה וועגען דער רעסטאַווראַציע פֿון דוד׳ס דינאַסטיע (מלכות בית דוד).

16) און 22) „אתה חוננתנו". 17) און 19) „אתה חונן". 18) מתקיף. זעה „פירוש" ז. 83 נומ. 8. 20) ד״ה זאָל מען זאָגען „אתה חונן" אין גאַנצען און נאָכהער זאָגען „הביננו", וועט מען שוין קענען זאָגען „אתה חוננתנו". 21) ווייטער ל״ג א׳. 23) ד״ה מאַכען מיר דען פֿון „אתה חוננתנו" אַ באַזונדערע ברכה ווען מיר זאָגען גאַנץ שמונה עשרה, אַז מיר זאָלען דאָס־ זעלבע טהון זאָגענדיג „הביננו". 24) די דריי ערשטע און די דריי לעצטע

ס) רש״י ברענגט צוויי אַנדערע ערקלעהרונגען און זאָגט וועגען דער צווייטער „וכן עיקר", אָבער זיי זיינען ביידע ניט גענוג איינלייכטענד. אונבאַגרייפליך איז וואָס דער מהרש״א האַלטענדיג מיט רש״י׳ס מיינונג וועגען דעם ערקלעהרט דערביי „דלהך לישנא הוא מעין הברכה השיבנו אבינו לתורתך וכו׳" און פֿאַרגעסט אַז דיזער טייל פֿון „הביננו" קאָרעספּאָנדירט מיט „השיבה שופטינו", וואָרום מיט „השיבנו" קאָרעספּאָנדירט גאָר דער פֿריהערדיגער טייל „ומול את לבבנו ליראתך".

איסר אַנטקעגען הארצען 1). ר׳ חנינא האָט געזאָגט: ווי באַלד ער שאָקעלט מיטן קאָפּ דאַרף ער ניט מעהר. האָט רבא געזאָגט: דאָס איז אָבער נאָר אַז ער איז זיך מצער און ווייזט ווי ער וואָלט זיך געבוקט. — זיינען עס דען אַכצעהן? עס זיינען דאָך ניינצעהן! האָט ר׳ לוי געזאָגט: די ברכה געגען די צדוקים 2) האָט מען (ערשט) מתקן געווען אין יבנה 3). אַנטקעגען וואָס האָט מען זי מתקן געווען? האָט ר׳ לוי דער זוהן פון ר׳ שמואל בר נחמני געזאָגט: לויט ר׳ הלל אַנטקעגען „אֵל 4) הַכָּבוֹד הִרְעִים", לויט רב יוסף אַנטקעגען „אֶחָד" 5) וואָס איז דאָ אין ק"ש, נאָך ר׳ תנחום, (וואָס האָט געזאָגט אַז ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט, אַנטקעגען דאָס קליינע גליעד פון דעם רוקען־ביין 6).

די רבנן האָבען געלערנט 7): „שמעון דער פלאַקס אַר־בייטער 8) האָט איינגעשטעלט די (איצטיגע) אָרדנונג פון די אַכצעהן ברכות 9) פאַר רבן גמליאל אין יבנה". רבן גמליאל האָט געפרעגט די חכמים: איז אימיצער דאָ וואָס קען מתקן זיין אַ ברכה געגען די צדוקים? האָט זיך שמואל הקטן 10) אויפגעשטעלט און האָט דאָס מתקן געווען. איבער אַיאָהר האָט ער דאָס פאַרגעסען (כ"ט א׳) און האָט זיך פאַר־טראַכט צוויי דריי שעה וועגען דעם, און מען האָט איהם ניט געהייסען אַוועקגעהן 11). — פאַרוואָס האָט מען איהם ניט געהייסען אַוועקגעהן? רב יהודה האָט דאָך געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: אַז איינער מאַכט אַ טעות אין אַלע אַנדערע ברכות 12) הייסט מען איהם ניט אַוועקגעהן, (אָבער) אין דער ברכה געגען די צדוקים הייסט מען איהם אַוועקגעהן 13), ווייל מיר האָבען מורא טאָמער איז ער אַ מין! — ביי שמואל הקטן איז עפּעס אַנדערש, ווייל ער אַליין האָט דאָך דאָס מתקן געווען. — פאַרוואָס זאָלען מיר ניט טראַכטען, טאָמער האָט ער הרטה געקריגען 14)? — האָט אביי געזאָגט: עס איז איבערגעבען געוואָרען, אַז אַ גוטער קען ניט ווערען קיין שלעכ־טער. — פאַרוואָס ניט? עס שטעהט דאָך געשריבען 15): „און ווען דער פרומער געהט אַוועק פון זיין פרומקייט און טהוט אַן אונרעכט"! — דערמיט מיינט מען איינעם וואָס איז געווען אַ רשע פון אָנהויב אָן 16), און ניט אַזוינעם וואָס איז אַ צדיק פון אָנהויב אָן. — אָבער פאַרוואָס ניט? מיר האָבען דאָך גע־לערנט אין דער משנה 17): „דו זאָלסט ניט גלויבען אין זיך זעלבסט 18) ביז דעם טאָג פון דיין טויט", וואָרום יוחנן כהן גדול האָט אַכציג יאָהר געדיענט אַלס כהן גדול און צום סוף איז ער געוואָרען אַ צדוקי! און אביי האָט געזאָגט: ינאי 19) איז (דיזעלבע פערזאָן וואָס) יוחנן; רבא אָבער האָט געזאָגט: ינאי איז באַזונדער און יוחנן איז באַזונדער; ינאי איז געווען אַ רשע פון אָנהויב אָן און יוחנן איז געווען אַ צדיק פון אָנהויב אָן. איז דאָס רעכט לויט אביי 20), אָבער לויט רבא איז דאָך אַ קשיא 21)! — רבא קען ענטפערן: (באמת דאַרף מען ביי) אַ צדיק פון אָנהויב אָן אויך (מורא האָבען) טאָמער האָט ער חרטה געקריגען; אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָט מען איהם ניט געהייסען אַוועקגעהן 22)? ביי שמואל הקטן איז אָבער עפּעס אַנדערש, ווייל ער האָט שוין געהאַט אָנגעפאַנ־גען 23), וואָרום רב יהודה האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט, און מאַנכע זאָגען אַז דאָס איז געווען ר׳ יהושע בן לוי: דאָס 24) איז נאָר גערעדט, אַז ער האָט נאָך ניט אָנגעפאַנ־גען, אָבער אַז ער האָט שוין אָנגעפאַנגען 25) ענדיגט ער דאָס.

פירוש.

די עפּענונג צווישען איין גליעד און דעם אַנדערן ווערט גרעסער וואָס מעהר דער קערפּער בויגט זיך. 1) ד"ה די עפענונג צווישען די צוויי קנייטשען פון דעם פלייש פאַר דעם בויך וואָס ענטשטעהען דורך איינ־בויגען זיך נאָך פאָרענט איז אַזוי ברייט ווי אַן איסר. איסר איז אַ קליינע מטבע, אַ פיער און צוואַנציגסטעל פון אַ דינר. 2) וְלַמַּלְשִׁינִים וכו׳. וועגען די צדוקים זעה „פירוש" ז. 21 נומ. 11. פיליכט דאַרף דאָ שטעהן מינים אַנ־שטאָט צדוקים. וועגען די מינים זעה „פירוש" ז. 42 נומ. 10. יוסטין מאַרטיר און היעראָנימוס דערצעהלען שוין אַז די אידען שעלטען די קריסטען דריי מאָל טעגליך. 3) ד"ה פיעל שפּעטער ווי די אַנדערע אַכצעהן. — יבנה איז שוין געווען אַ צענטער פאַר תורה נאָך אין דער צייט פון בית המקדש, אין נאָך דעם חורבן האָט עס פאַרנומען דעם פּלאַץ פון ירושלים און איז געווען דער זיץ פון סנהדרין. 4) אין דעם אויבענדערמאָהנטען קאַ־פּיטעל אין תהלים. אֵל באַדייטעט גאָט, הגם עס איז ניט אַ נאָמען פון גאָט. 5) איינער מיינט אויך גאָט. 6) וואָס פאַר אַ גליעד עס איז דער־מיט געמיינט איז שווער צו וויסען. פיליכט איז דערמיט געמיינט דאָס אינטערשטע ביינדעל פון דעם רוקען-ביין.

7) מגילה י"ז ב׳. 8) דער נאָמען פון אַ תנא. 9) שמונה עשרה. — לויט דער גמרא ווייטער ל"ג א׳ האָבען די אנשי כנסת הגדולה פאַרפאַסט די שמונה עשרה. שמעון הפקולי האָט אם כן נאָר די אָרדנונג פון די ברכות איינגעשטעלט. לויט דער גמרא אין מגילה י"ז ב׳ שטאַמט אויך די אָרדנונג פון זיי. דער ווידערשפּרוך ווערט אָבער געקלערט דאַדורך וואָס די גמרא דערצעהלט דאָרט י"ח א׳ אַז די ברכות זיינען פאַרגעסען געוואָרען און שמעון הפקולי האָט זיי ווידער איינגעשטעלט. 10) לויט דעם ירושלמי סוטה פ"ט הי"ג האָט מען איהם אַזוי גערופען ווייל הגם זייענדיג אַ זעהר גרויסער געלעהרטער האָט ער זיך זעהר קליין געהאַל־טען. לויט דעם ירושלמי צום סוף פון סוטה זעהט אויס אַז ער האָט געלעבט אין דער צייט פון הלל וואָס איז געווען דער עלטער זיידע פון רבן גמליאל. 11) פון עמוד. 12) פון דער שמונה עשרה. 13) אין מדרש תנחומא ויקרא פ"ב שטעהט אַז מען צווינגט איהם צו זאָגען נאָך אַמאָל, ווייל אויב ער איז באמת אַ מין שעלט ער זיך גופא און דער עולם ענטפערט דערויף אמן. 14) און איז געוואָרען אַ מין, און דערפאַר איז איהם דיזע תפלה ניט געווען געלויפיג. 15) יחזקאל י"ח כ"ד. 16) ד"ה דער פסוק רעדט פון אַ רשע וואָס איז געוואָרען אַ צדיק און ווערט נאָכהער ווי־דער אַ רשע. 17) אבות פ"ב מ"ד. 18) אַז דו ביזט אַ צדיק. 19) וואָס עס ווערט פון איהם דערצעהלט אין קדושין ס"ו א׳ אַז ער האָט געלאָזט אויסהרגענען די חכמים. ינאי המלך איז די זעלבע פערזאָן ווי יוחנן כהן גדול און איז געווען דער זוהן פון שמעון החשמונאי און דער פאָטער פון דעם קעניג אלכסנדר ינאי (זעה „דור דור ודורשיו" ח"א פי"ד). זאָ־גענדיג אַז ינאי איז געווען אַ רשע פון אָנהויב אָן מיינט רבא הפנים אלכסנדר ינאי. 20) ד"ה אַזוי ווי יוחנן זייענדיג ינאי איז ניט געווען קיין צדיק פון אָנהויב אָן און אַזוי ווי פון אַ גוטען קען קיין שלעכטער ניט ווערען איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבען טאָמער איז שמואל הקטן געוואָרען אַ מין. 21) ד"ה וויבאַלד אַז ינאי און יוחנן זיינען באַזונדערע פערזאָנען, איז דאָך פון יוחנן אַ בעוויז אַז פון אַ צדיק קען יאָ ווערען אַ רשע, טאָ פאַרוואָס האָט מען ניט מורא געהאַט אין פאַל פון שמואל הקטן און איהם ניט געהייסען אַוועקגעהן פון עמוד? 22) אין מינכענער כ"י פעהלט פון „רבא קען ענטפערן" ביז אַהער. 23) און 25) צו זאָגען ולמלשינים, נאָר ער האָט אַ טעות געהאַט אין מיטען. 24) וואָס עס

„ר׳ אליעזר זאגט: דער וואס מאכט זיין געבעט פאר א פעסטגעזעצטע זאך אא״וו״.

וואָס מיינט „אַ פעסטגעזעצטע זאַך״? האָט ר׳ יעקב בר אידי געזאָגט אַז ר׳ אושעיא האָט געזאָגט: דער וואָס די תפלה איז ביי איהם ווי אַ משא; [און] די רבנן זאָגען: דער וואָס זאָגט עס ניט אין אַ טאָן פון געבעט; רבה און רב יוסף זאָגען ביידע 1): דער וואָס קען אין איהר גאָר ניט מחדש זיין 2). ר׳ זירא האָט געזאָגט: איך קען עפּעס מחדש זיין, אָבער איך האָב מורא, טאָמער וועל איך זיך (צוליעב דעם) פאַרמישען 3). אביי בר אבין און ר׳ חנינא בר אבין זאָגען ביידע: דער וואָס דאַווענט ניט ווען די זון איז רויט 4); ווארום ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט 5): „עס איז אַ מצוה צו דאַווענען ווען די זון איז רויט״, און ר׳ זירא האָט געזאָגט: פון וועלכען פסוק 6)? „זיי וועלען דיך אָנבעטען מיט דער זון און פאָר דער לבנה פון דורי דורות״ 7). אין מערב 8) פלעגט מען שעלטען דעם וואָס דאַווענט 9) ווען די זון איז רויט. פאַרוואָס? טאָמער געהט ביי איהם אַוועק די צייט 10).

„ר׳ יהושע זאגט: דער וואס געהט אין אן ארט פון סכנה זאל בעטען א קורצע תפלה און זאגען: „העלף, א גאט, דיין פאלק, דעם רעשט פון ישראל; אויף אלע פָּרָשַׁת הָעִבּוּר״.

וואָס מיינט „פרשת העבור״ 11)? האָט רב חסדא געזאָגט אַז מר עוקבא האָט געזאָגט: אפילו בשעת דו ביזט אויף זיי פול מיט צאָרן 12) ווי אַ מעוברתע פרוי 13), „זאָלען זייערע באַדערפנישען זיין פאַר דיר״. עס זיינען דאָ וואָס זאָגען אַז רב חסדא האָט געזאָגט אַז מר עוקבא האָט געזאָגט: אפילו בשעת זיי זיינען עובר אויף די רייד פון דער תורה, „זאָלען זייערע באַדערפנישען זיין פאַר דיר״.

די רבנן האָבען געלערנט 14); „דער וואָס געהט אין אַן אָרט וואו עס זיינען דאָ טשאַטעס פון חיות און רויבער איז מתפלל אַ קורצע תפלה. און וואָס איז די קורצע תפלה? ר׳ אליעזר זאָגט: „טהו דיין ווילען אויבען אין הימעל און גיב גייסטעס רוהע צו די פון אונטען וואָס האָבען פאַר דיר מורא און טהו דאָס וואָס איז גוט אין דיינע אויגען; געלויבט ביזטו, אָ גאָט, וואָס הערט זיך צו צו אַ געבעט״. ר׳ יהושע זאָגט: „דערהער דאָס געבעט פון דיין פאָלק ישראל און ערפיל גיך זייער בקשה; געלויבט ביזטו, אָ גאָט, וואָס הערט זיך צו צו אַ געבעט״ 15). ר׳ אלעזר ברבי צדוק זאָגט: „דערהער דאָס געשריי פון דיין פאָלק ישראל און ערפיל גיך זייער בקשה; געלויבט ביזטו, אָ גאָט, וואָס הערט זיך צו צו אַ געבעט״. אַנדערע זאָגען: „די באַדערפנישען פון דיין פאָלק ישראל זיינען אַסך און זייער וויסען איז קורץ 16). זאָל עס זיין דיין ווילען, אָ אונזער גאָט, אַז דו זאָלסט געבען יעדען איינציגען וויפיעל ער דאַרף פאַר זיין פרנסה און יעדען קערפער וואָס עס פעהלט איהם. געלויבט ביזטו, אָ גאָט, וואָס הערט זיך צו צו אַ תפלה״. רב הונא האָט געזאָגט: דער דין איז ווי די אַנדערע 17).

אליהו האָט געזאָגט צו רב יהודה דעם ברודער פון רב סלא חסיד: קאָך זיך ניט, וועסטו ניט זינדיגען, טרינק זיך ניט אָן, וועסטו ניט זינדיגען, און אַז דו געהסט אין וועג אַריין, בעראַט זיך מיט דיין שעפּער און געה. וואָס מיינט „בעראַט זיך מיט דיין שעפער און געה״? האָט ר׳ יעקב געזאָגט אַז רב חסדא האָט געזאָגט: דאָס מיינט די תפלה פון וועג 18), און ר׳ יעקב האָט געזאָגט אַז רב חסדא האָט געזאָגט: דער וואָס נעהמט אין וועג אַריין דאַרף מתפלל זיין די תפלה פון וועג. וואָס איז די תפלה פון וועג? — „זאָל עס זיין דיין ווילען, מיין גאָט, אַז דו זאָלסט מיך פיהרען בשלום און זאָלסט מיך ראַטעווען פון די הענד פון די שונאים און פון די וואָס איבערפאַלען אויף די וועגען און זאָלסט בענטשען דאָס וואָס איך טהו און זאָלסט מיר פאַרלייהען חן און גנאָד און רחמים אין דיינע אויגען און אין די אויגען פון די וואָס זעהען מיך; געלויבט ביזטו, אָ גאָט, וואָס הערט זיך צו צו אַ תפלה״.

אביי האָט געזאָגט: תמיד (ל׳ א׳) זאָל אַ מענש זיך פאַראייניגען מיטן צבור 19). ווי זאָל מען זאָגען? — „זאָל עס זיין דיין ווילען, אָ אונזער גאָט, אַז דו זאָלסט אונז 20) פיהרען בשלום אא״וו״. — ווען זאָל מען מתפלל זיין? האָט ר׳ יעקב געזאָגט אַז ר׳ חסדא האָט געזאָגט: ווען מען הייבט אָן

פירוש.

דיגען פון דער שמונה עשרה איז דאַן ווי אויסגעהן, הגם ער איז נאָך ניט אויסגעגאַנגען.

1) דאמרי תרוייהו. דיזער אויסדרוק שטעהט געוועהנליך ווען צוויי וואָס זייגען תמיד מחולק זאָגען דיזעלבע זאַך. 2) און זאָגט שטענדיג דעמזעלבען נוסח. דער נוסח פון די תפלות איז פריהער ניט געווען פעסט-געזעצט, און יעדערער האָט געזאָגט דעם אינהאַלט פון זיי אויף אַן אַנ-דער שטייגער. 3) און פאַרגעסען וואו איך האַלט. 4) ד״ה ער דאַווענט וויל ער מוז, אָבער ער זוכט ניט צו דאַווענען אין דער ריכטיגער צייט, שחרית ווען די זון געהט אויף און מנחה ווען זי געהט אונטער. דאָס זיינען די צייטען ווען די זון איז רויט. 5) שבת קי״ח ב׳. 6) איז דאָס אַרויסגענומען. 7) תהלים ע״ב ה׳. 8) ארין ישראל. 9) מנחה. 10) דורך אַ סבה און ער וועט עובר זמן זיין. עס איז דערפאַר בעסער צו דאַווע-נען מנחה פריהער.

11) זעה די איבערזעצונג אין דער משנה. די ערקלעהרונג פון דער גמרא דאָ איז אַ דרש. 12) עֶבְרָה. דאָס וואָרט און „מעוברת״ זייגען אַ וואָרטשפּיעל אויף „העבור״. דאָס זעלבע איז דאָס וואָרט „עובר״ אין דער צווייטער ערקלעהרונג. 13) איז פול מיט איהר קינד.

14) תוספתא פ״ג. 15) דיזער מאמר פעהלט אין גאַנצען אין דער תוספתא, און מיט רעכט, ווייל עס איז דאָך דיזעלבע תפלה וואָס אין דעם פאָלגענדען מאמר. 16) ד״ה זיי ווייסען ניט וואָס צו בעטען פון דיר. 17) זעה „פירוש״ ז. 32 נומ. 10.

18) תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ.

19) ד״ה מען זאָל ניט בעטען די קורצע תפלה אין דער איינצאָהל נאָר אין דער מעהרצאָהל. 20) און ניט ווי עס איז פריהער געשטאַנען

שליסען 1), (נעמליך:) „הבינגו ה' אלהינו המבדיל בין קדש לחול"! — בלייבט אַ קשיא!

רב ביבי דער זוהן פֿון אביי האָט געזאָגט: אַ גאַנץ יאָהר דאַווענט מען „הבינגו" אַחוץ ווינטער, ווייל מען דאַרף דער־מאָהנען די „שאלה" אין „ברכת השנים" 2). האָט מר זוטרא דאַגעגען אויסגעזעצט: טאָ לאָמיר דאָס איינשליסען, (נעמ־ליך:) „און מאַך פֿעט די לאָנקעס פֿון דיין לאַנד, און גיב טוי און רעגען"! — עס וועט קומען צו אַ פֿאַרמישונג 3). — אויב אַזוי, קען מען דאָך ביי „הבדלה" אין „חונן הדעת" אויך קומען צו אַ פֿאַרמישונג 4)? — מען קען זאָגען: אַזוי ווי דאָרט 5) קומט עס דאָך אין אָנהויב פֿון דער תפלה, וועט מען זיך ניט פֿאַרמישען 6), אָבער דאָ 7) וואו עס קומט דאָך אין מיטען פֿון דער תפלה, וועט מען זיך יאָ פֿאַרמישען. — האָט רב אשי דאַגעגען אויסגעזעצט: טאָ זאָל מען דאָס זאָגען אין „שוֹמֵעַ תְּפִלָּה" 8)! ווארום ר' תנחום האָט געזאָגט אַז רב אסי האָט געזאָגט: אַז איינער האָט אַ טעות און דער־מאָהנט ניט „גבורות גשמים" אין „תחית המתים" מאַכט מען איהם איבערזאָגען, (אָבער) די „שאלה" אין „ברכת השנים" מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען, ווייל ער קען דאָך דאָס דערמאָהנען אין „שומע תפלה"; אויך ביי „הבדלה" אין „חונן הדעת" מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען, ווייל ער קען דאָך דאָס זאָגען איבערן כוס.—אַז מען מאַכט אַ טעות איז עפּעס אַנדערש. — עס שטעהט פֿריהער: „ר' תנחום האָט געזאָגט אַז רב אסי האָט געזאָגט: אַז איינער האָט אַ טעות און דערמאָהנט ניט „גבורות גשמים" אין „תחית המתים" מאַכט מען איהם איבערזאָגען, (אָבער) די „שאלה" אין „ברכת השנים" מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען, ווייל ער קען דאָך דאָס דערמאָהנען אין „שומע תפלה"; אויך ביי „הבדלה" אין „חונן הדעת" מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען, ווייל ער קען דאָך דאָס זאָגען איבערן כוס". האָט מען דערויף גע־פֿרעגט: „אַז איינער האָט אַ טעות און דערמאָהנט ניט „גבורות גשמים" אין „תחית המתים" מאַכט מען איהם אי־בערזאָגען, די „שאלה" אין „ברכת השנים" מאַכט מען איהם איבערזאָגען, אָבער „הבדלה" אין „חונן הדעת" מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען, ווייל ער קען דאָך דאָס זאָגען איבערן כוס" 9)! — עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 10) איז (ווען מען דאַווענט) פֿאַר זיך, און יענעם איז בצבור. — פֿאַר וואָס ניט אַז בצבור? ווייל ער האָט דאָס שוין געהערט פֿון שליח צבור! אויב אַזוי, טאָ פֿאַרוואָס שטעהט „ווייל ער קען דאָך דאָס זאָגען אין „שומע תפלה"? עס האָט דאָך געדאַרפֿט שטעהן: „ווייל ער הערט עס פֿון שליח צבור"! נאָר איןביידע (ציטאַטען האַנדעלט זיך טאַקע) פֿאַר זיך, עס איז אָבער קיין קשיא ניט 11), ווייל יענעם 12) מיינט אַז מען דערמאָהנט זיך פֿאַר „שומע תפלה" 13), (ב') און דאָס 14) אַז מען דערמאָהנט זיך ערשט נאָך „שומע תפלה" 15).

ר' תנחום האָט געזאָגט אַז רב אסי האָט געזאָגט און ער האָט געזאָגט אַז ר' יהושע בן לוי האָט עס געזאָגט: אַז איינער מאַכט אַ טעות און דערמאָהנט ניט פֿון ראש חודש 16) אין דער „עבודה" 17), קעהרט ער זיך אום צו דער „עבודה" 18); אויב ער דערמאָהנט זיך אין „מודים", קעהרט ער זיך אום צו דער „עבודה"; (אויב ער דערמאָהנט זיך) אין „שים שלום", קעהרט ער זיך אויך אום צו דער „עבודה"; אָבער אויב ער האָט שוין געענדיגט 19), קעהרט ער זיך אום צום אָנהויב 20). האָט רב פפא דער זוהן פֿון רב אחא בר אדא געזאָגט: דאָס וואָס מיר זאָגען אַז „אויב ער האָט שוין גע־ענדיגט, קעהרט ער זיך אום צום אָנהויב" איז נאָר געמיינט אַז ער איז שוין אויסגעגאַנגען, אָבער אויב ער איז נאָך ניט אויסגעגאַנגען, קעהרט ער זיך אום צו דער „עבודה". האָט מען איהם געפֿרעגט: פֿון וואַנען נעהמסטו דאָס? האָט ער געענטפֿערט: איך האָב עס געהערט פֿון מיין פֿאָטער און לעהרער 21) און מיין פֿאָטער און לעהרער (האָט עס געהערט) פֿון רב. רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט: דאָס וואָס מיר זאָגען אַז „אויב ער איז שוין אויסגעגאַנגען, קעהרט ער זיך אום צום אָנהויב", איז נאָר געמיינט אויב ער איז ניט גע־וואָהנט צו זאָגען קיין געבעטען 22) נאָך דער שמונה עשרה, אָבער אייב ער איז יאָ געוואָהנט צו זאָגען געבעטען נאָך דער שמונה עשרה, קעהרט ער זיך אום צו דער „עבודה". עס זיינען דאָ וואָס זאָגען אַז רב נחמן בר יצחק האָט (אַזוי) גע־זאָגט: דאָס וואָס מיר זאָגען אַז „אויב ער איז נאָך ניט אויסגעגאַנגען, קעהרט ער זיך אום צו דער „עבודה" איז נאָר געמיינט אַז ער איז געוואָהנט צו זאָגען געבעטען נאָך דער שמונה עשרה, אָבער אויב ער איז ניט געוואָהנט צו זאָגען קיין געבעטען נאָך דער שמונה עשרה, קעהרט ער זיך אום צום אָנהויב 23).

פירוש.

1) ד"ה מאַכען דערפֿון אַ קצור ווי פֿון די אַנדערע ברכות און אַריינגעהמען דאָס אין „הבינגו".

2) „טל ומטר" אין „ברך עלינו" (זעה „פירוש" ז. 96 נומ. 19 און 20). 3) און מען וועט פֿאַרגעסען צו דערמאָהנען די „שאלה", ווייל מען זאָגט עס ניט שטענדיג. 4) ד"ה פֿאַרוואָס שטעהט צום סוף פֿון דעם פֿריהערדיגען מאמר אַז עס בלייבט אַ קשיא? מען קען דאָך דאָרט אויך געבען דעמזעלבען תירוץ („מהרש"ל"). 5) ביי „הבדלה" אין „חונן הדעת". 6) ווייל אין אָנהויב האָט מען שטענדיג מעהר כונה. 7) ביי „שאלה" אין „ברכת השנים". 8) אין „שמע קולנו". 9) זעה זייטע 96 און „פירוש" דאָרט 24—17. 10) וואָס שטעהט אַז מען מאַכט איהם איבערזאָגען אַז ער פֿאַרגעסט די „שאלה". 11) פֿון דער ציטירטער בריתא אויף דאָס וואָס ר' תנחום האָט געזאָגט בנוגע צו דער „שאלה". 12) וואָס ר' תנחום האָט געזאָגט. 13) איז ניט נויטיג איבערצוזאָגען, ווייל מען קען דאָך דאָס דערמאָהנען אין „שומע תפלה". 14) די בריתא. 15) מוז מען איבערזאָגען די שמונה עשרה, ווייל מען האָט דאָך שוין ניט מעהר וואו צו דערמאָהנען די „שאלה".

16) יַעֲלֶה וְיָבֹא. 17) די זעכצעהנטע ברכה, רְצֵה און וְתֶחֱזֶינָה, ווייל עס ווערט אין איהר געבעטען אַז די עבודה פֿון די כהנים זאָל צוריק איינגע־פֿיהרט ווערען אין בית המקדש. 18) אַז ער דערמאָהנט זיך אין מיטען. 19) די שמונה עשרה און דערמאָהנט זיך אַז ער האָט פֿאַרגעסען „יעלה ויבא". 20) פֿון דער שמונה עשרה. 21) ער איז צוגלייך געווען אַ תלמיד פֿון זיין פֿאָטער. רב אחא בר אדא איז געווען אַ תלמיד פֿון רב און רב המנונא. 22) אֱלֹהַי, נְצוֹר לְשׁוֹנִי מֵרָע או"ו (זעה ז. 61). 23) ווייל דאָס ענ־

לייענט ער; אַז איינער שטעהט אויף פֿאַרטאָג כדי צו פֿאָהרען אין אַ וואָגען אָדער אין אַ שיף מעג ער דאַוונען 1), און אַז עס קומט די צייט פֿון ק"ש לייענט ער. ר' שמעון בן אלעזר אָבער זאָגט: אויף יעדען פֿאַל לייענט ער ק"ש 2) און דאַוונט (נאָכהער), כדי ער זאָל פֿאַרבינדען „גאולה" מיט שמונה עשרה" 3). אין וואָס זיינען זיי מחולק? דער רבי 4) האַלט אַז (דאָס בעטען פֿון דער) שמונה עשרה שטעהענדיג איז וויכטיגער 5), און יענער רבי 6) האַלט אַז דאָס פֿאַרבינדען פֿון „גאולה" מיט שמונה עשרה איז וויכטיגער 7).

מרימר און מר זוטרא פֿלעגען צוזאַמענגעהמען אַ מנין אום שבת פֿאַר יום טוב 8) און דאַוונען 9) און נאָכהער פֿלעגען זיי געהען צו דער דרשה. רב אשי 10) פֿלעגט דאַוונען פֿאַר זיך (און) זיצענדיג (און זייענדיג) מיט דעם צבור 11) און אַז ער איז געקומען אַהיים פֿלעגט ער נאָך אַמאָל דאַוונען שטעהענדיג. האָבען איהם די רבנן געזאָגט: זאָל דער רבי טהון ווי מרימר און מר זוטרא! האָט ער זיי געענטפֿערט: עס איז מיר שווער. — טאָ זאָל דער רבי טהון ווי שמואל'ס פֿאָטער און לוי 12)! האָט ער זיי געענטפֿערט: איך האָב ניט געזעהען אַז די רבנן וואָס זיינען עלטער פֿאַר אונז זאָלען האָבען אַזוי געטהון 13).

משנה ד׳.

ר׳ אלעזר בן עזריה זאָגט: די תפלה פֿון מוסף איז נאָר אין אַ געמיינדע 14). אָבער די חכמים זאָגען: סיי אין אַ געמיינדע סיי ניט אין אַ געמיינדע. ר׳ יהודה זאָגט אין זיין נאָמען 15): אומעטום וואו עס איז דאָ אַ געמיינדע איז אַ יחיד פטור פֿון דער תפלה פֿון מוסף.

גמרא.

ר' יהודה איז דאָך דאָסזעלבע וואָס דער ערשטער תנא 16)! — דער אונטערשיעד צווישען זיי איז (בנוגע צו) אַ יחיד וואו עס איז ניטאָ קיין געמיינדע, האַלט דער ערשטער תנא אַז ער איז פטור, און ר' יהודה האַלט אַז ער איז מחויב 17). רב הונא בר חיננא האָט געזאָגט אַז רב חייא דער זוהן פֿון רב האָט געזאָגט: דער דין איז ווי דאָס וואָס ר' יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ראב"ע. האָט איהם רב חייא בר אבין געזאָגט: דו האָסט ריכטיג געזאָגט, ווארום שמואל האָט געזאָגט: איך האָב קיינמאָל ניט געדאַוונט די תפלה פֿון מוסף ביחידות (ב') אין נהרדעא 18) אַחוץ יענעם טאָג ווען עס איז אָנגעקומען דעם קעניגס מיליטער אין שטאָדט און האָבען באַלעסטיגט די רבנן אַז זיי האָבען ניט געקענט דאַוונען, האָב איך געדאַוונט פֿאַר זיך, ווייל איך בין (דאַמאָלס) געווען ווי אַ יחיד וואו עס איז ניטאָ קיין געמיינדע. ר' חנינא איז געזעסען (און) געלייענט פֿאַר ר' ינאי, [איז ער געזעסען] און האָט געזאָגט: דער דין איז ווי דאָס וואָס ר' יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ראב"ע. האָט ער איהם געזאָגט: געה און לייען עס דרויסען 19), ווארום דער דין איז ניט ווי דאָס וואָס ר' יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ראב"ע. ר' יוחנן האָט געזאָגט: איך האָב געזעהען אַז ר' ינאי האָט געדאַוונט און דערנאָך האָט ער נאָך אַמאָל געדאַוונט 20). האָט ר' ירמיה געזאָגט צו ר' זירא: פֿילייכט האָט ער פֿריהער זיינע געדאַנקען ניט געהאַט קאָנצענטרירט און נאָכהער האָט [זיינע געדאַנקען] קאָנצענטרירט 21)! האָט ער איהם געענטפֿערט: זעה וואָס פֿאַר אַ גרויסער מענש זאָגט ערות וועגען דעם 22)! — ר' אמי און ר' אסי, הגם זיי האָבען געהאַט דרייצעהן שוהלען אין טבריא, פֿלעגען זיי נאָר דאַווענען צווישען די זיילען, דאָרט וואו זיי פֿלעגען לערנען 23). — עס איז געזאָגט געוואָרען אַז רב יצחק בר אבדימי

פירוש.

עס איז ראש השנה אָדער סוכות אָדער פורים, הגם עס איז נאָך ניט טאָג. 1) בעפֿאָר ער זעצט זיך אריין, ווייל נאָכהער וועט ער ניט קענען צוליעב דער מורא פֿאַרן וואַסער. 2) ד"ה ער וואַרט ביז עס קומט די צייט פֿון ק"ש. 3) זעה „פירוש" ז. 10 נומ. 27. 4) דער ערשטער תנא. 5) דערפֿאַר דאַוונט ער בעפֿאָר דער רייזע כדי עס זאָל איהם ניט אויסקומען צו דאַווענען ניט שטעהענדיג. 6) ר' שמעון בן אלעזר. 7) און דאָס איז דאָך נאָר מעגליך אַז מען לייענט ק"ש פֿריהער.

8) ווען זיי פֿלעגען דרשהנען וועגען יום טוב יעדערער אין זיין שטאָדט. 9) שחרית בצבור און פֿאַרבינדען „גאולה" מיט שמונה עשרה, ווייל דער עולם פֿלעגט זיך צוגעהן נאָך ק"ש און דאַוונען שמונה עשרה פֿאַר זיך. 10) ער איז געווען ראש ישיבה אין סורא (זעה „פירוש" ז. 42 נומ. 11). 11) ד"ה ער פֿלעגט ניט אָפּדאַוונען פֿריהער נאָר בעת ער איז געזעסען מיטן עולם און דער מתורגמן האָט פֿאָרגעטראָגען זיין דרשה (זעה „פירוש" ז. 10 נומ. 4) האָט ער געלייענט ק"ש און געדאַוונט די שמונה עשרה, כדי צו פֿאַרבינדען „גאולה" מיט שמונה עשרה; ער האָט אָבער ניט געדאַוונט שטעהענדיג, ווייל ער האָט ניט געוואָלט מטריח זיין דעם עולם זיך אויפֿצושטעלען פֿאַר איהם. 12) ד"ה אויפֿשטעהן פֿאַרטאָג און דאַוונען שמונה עשרה שטעהענדיג, כדי ער זאָל ניט דאַרפֿען דאַוונען צוויי מאָל. זעה אָנפֿאַנג פֿון פֿריהערדיגען מאמר. — שמואל'ס פֿאָטער האָט געהייסען אבא בר אבא (זעה „פירוש" ז. 68 נומ. 6). 13) און דאַוונען שמונה עשרה פֿאַר ק"ש. דערפֿאַר פֿלעגט ער דאַוונען בעת דער דרשה, און אַזוי ווי ער האָט אונטער דיזע אומשטענדען ניט געקענט האָבען דערביי די נויטיגע כונה האָט ער נאָך אַמאָל געדאַוונט ווען ער איז אַהיים געקומען.

14) חֶבֶר עִיר, אָבער אַ יחיד איז ניט מחויב צו דאַוונען מוסף. 15) אין נאָמען פֿון ר' אלעזר בן עזריה.

16) ר' אלעזר בן עזריה, און פֿון דער משנה זעהט דאָך אויס אַז זיי זיינען מחולק, ווארום אַז ניט וואָלט דאָך די משנה ניט געבראַכט דאָס וואָס ר' יהודה זאָגט. 17) ד"ה לויט דעם ערשטען תנא וואָס איז בערליעפֿערט ר' אלעזר בן עזריה'ס מיינונג, האָט ראב"ע געמיינט אַז אַ יחיד איז פטור פֿון מוסף וואו ער זאָל ניט זיין, און לויט ר' יהודה מיינט ראב"ע אַז אַ יחיד איז פטור נאָר דאָרט וואו עס איז דאָ אַ געמיינדע. 18) וואו עס איז געווען אַ גרויסע געמיינדע. 19) ד"ה דאָ אין דער ישיבה איז ניטאָ קיין פלאַץ פֿאַר אַזעלכע אונריכטיגע לעהרען. 20) ש"ע ביחידות; הייגט אַז ער האָט געדאַוונט צוויי מאָל ש"ע מסתמא איז די צווייטע געווען פֿון מוסף, און עס איז אַ בעווייז אַז ער האַלט ניט פֿון דאָס וואָס ראב"ע האָט געזאָגט. 21) ד"ה פֿילייכט האָט ר' ינאי ביידע מאָל געדאַוונט די ש"ע פֿון שחרית און האָט דערפֿאַר נאָך אַמאָל געדאַוונט, ווייל ער האָט דאָס ערשטע מאָל געדאַוונט אָהן כונה, אָבער בנוגע צו מוסף האַלט ער טאַקע מיט ראב"ע. 22) ד"ה ר' יוחנן דערציעהלט דאָס מסתמא האָט ער גוט בעאָבאַכטעט אַז די ביידע ש"ע'ס זיינען ניט געווען פֿון שחרית. 23) זעה ז. 26, וואו דיזער מאמר שטעהט. לויט „תוספות" ווערט ער דאָ געבראַכט, ווייל דערפֿון

אַרויסצוגעהן אין וועג. — (און) ביז וואַנען 1)? האָט ר' יעקב געזאָגט אַז רב חסדא האָט געזאָגט: ביז אַ מייל 2). — און ווי אַזוי בעט מען דאָס? האָט רב חסדא געזאָגט: שטעהענדיג; רב ששת אָבער האָט געזאָגט: אפילו געהענדיג. — רב חסדא און רב ששת זיינען (אַמאָל) געגאַנגען אין וועג, האָט זיך רב חסדא אַוועקגעשטעלט און האָט מתפלל געווען. האָט רב ששת געזאָגט צו זיין דיענער 3): וואָס טהוט רב חסדא? האָט ער איהם געענטפערט: ער שטעהט און איז מתפלל. האָט ער צו איהם געזאָגט: שטעל מיך אויך אַוועק, וועל איך מתפלל זיין, „ווארום וואָס איז גוט דאַרף מען ניט רופען שלעכט" 4).

וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען „הביננו" און דער קורצער תפלה? ביי „הביננו" מוז מען זאָגען די דריי ערשטע און די דריי לעצטע, דערפאַר אָבער אַז מען קומט אַהיים איז מען ניט מחויב [נאָך אַמאָל] צו דאַווענען 5), און ביי דער קורצער תפלה ברויכט מען ניט צו זאָגען ניט די דריי ערשטע און ניט די דריי לעצטע, דערפאַר אָבער אַז מען קומט אַהיים איז מען מחויב [נאָך אַמאָל] צו דאַווענען. און דער דין איז אַז 6) „הביננו" איז שטעהענדיג און די קורצע תפלה איז סיי שטעהענדיג סיי געהענדיג.

„אז איינער רייט אויף אַן עזעל אא"וו".

די רבנן האָבען געלערנט 7): „אַז איינער רייט אויף אַן עזעל און עס קומט אָן די צייט פֿון דאַווענען, איז אויב ער האָט ווער עס זאָל צוהאַלטען דעם עזעל, זאָל ער אַרונטער געהן און דאַווענען, און אויב ניט, זאָל ער זיצען אויף זיין אָרט און דאַווענען; רבי זאָגט: אויף יעדען פֿאַל זאָל ער זיצען אויף זיין אָרט און דאַווענען, ווייל ער קען דערביי ניט האָבען קיין קלאָהרע געדאַנקען". האָט רבא, און מאַנכע זאָגען ר' יהושע בן לוי, געזאָגט: דער דין איז ווי רבי.

די רבנן האָבען געלערנט 8): „אַ בלינדער און דער וואָס קען זיך ניט אויס אין די ריכטונגען 9), זאָל ריכטען זיין האַרץ אַנטקעגען זיין פֿאָטער אין הימעל, וואָרום עס שטעהט געשריבען 10): „און זיי וועלען תפלה טהון צו גאָט"; אַז איינער שטעהט 11) אין חוץ לארץ, זאָל ער ריכטען זיין האַרץ אַנטקעגען 12) ארץ ישראל, וואָרום עס שטעהט 13): „און זיי וועלען תפלה טהון צו דיר דורך זייער לאַנד"; אַז איינער שטעהט אין ארץ ישראל, זאָל ער ריכטען זיין האַרץ אַנטקעגען ירושלים, וואָרום עס שטעהט 14): „און זיי וועלען תפלה טהון צו גאָט דורך די שטאָדט וואָס דו האָסט אויסגעוועהלט"; אַז איינער שטעהט אין ירושלים, זאָל ער ריכטען זיין האַרץ אַנטקעגען דעם בית המקדש, וואָרום עס שטעהט 15): „און זיי וועלען תפלה טהון צו דיזען הויז"; אַז איינער שטעהט אין בית המקדש, זאָל ער ריכטען זיין האַרץ אַנטקעגען [דאָס הויז פֿון] קדשי קדשים, וואָרום עס שטעהט 16): „און זיי וועלען תפלה טהון צו דיזען אָרט"; אַז איינער שטעהט אינ'ם [הויז פֿון] קדשי קדשים, זאָל ער ריכטען זיין האַרץ אַנטקעגען [דאָס הויז 17) פֿון] כַּפֹּרֶת 18); אַז איינער שטעהט הינטערן [הויז פֿון] כפרת 19), זאָל ער זיך בעטראַכטען ווי (ער וואָלט געשטאַנען) פֿאַר'ן כפרת 20); קומט עס אויס אַז דער וואָס שטעהט אין מזרח דרעהט זיך אום מיטן פנים צו מערב, אין מערב דרעהט זיך אום מיטן פנים צו מזרח, אין דרום דרעהט זיך אום מיטן פנים צו צפון, אין צפון דרעהט זיך אום מיטן פנים צו דרום (און) עס קומט אויס אַז אַלע אידען ריכטען זייער האַרץ צו איין אָרט". ר' אבין, און מאַנכע זאָגען ר' אבינא, האָט געזאָגט: פֿון וועלכען פסוק? „ווי דער טורעם פֿון דוד איז דיין האַלז, געבויט אַלס אַ וועגוויייזער 21)" — אַ היגעל וואָס אַלע מיילער ווענדען זיך אַהין.

אַז שמואל'ס פֿאָטער און לוי פֿלעגען דאַרפֿען אַרויסגעהן אין וועג אַריין פֿלעגען זיי זיך פֿעדערן און דאַווענען 22) און אַז עס איז געקומען די צייט פֿון ק"ש פֿלעגען זיי לייענען. לויט וועמען (איז דאָס)? לויט יענעם תנא וואָס לערנט אין אַ ברייתא 23): „אַז איינער שטעהט אויף פֿאַרטאָג כדי צו געהן אין וועג אַריין, ברענגט מען איהם אַ שופר און ער מעג בלאָזען, אַ לולב און ער מעג שאָקלען, אַ מגלה און ער מעג לייענען 24), און אַז עס קומט די צייט פֿון ק"ש

פירוש.

אָ „מיין גאָט, אַז דו זאָלסט מיך פיהרען אא"וו". 1) מעג מען בעטען די תפלת הדרך. 2) פרסה (זעה „פירוש" ז, 54 נומ. 8). אָבער אַז מען איז שוין אָפּגעגאַנגען מעהר ווי אַ מייל טאָר מען שוין ניט מעהר בעטען די תפלת הדרך. לויט „הלכות גדולות" איז די פֿראַגע היער, ווי לאַנג מוז דער וועג זיין אַז מען זאָל זיין מחויב צו בעטען די תפלת הדרך, און דער ענטפֿער איז אַז אַם ווייניגסטען אַ מייל; אַז דער וועג איז אָבער ווייניגער ווי אַ מייל איז מען ניט מחויב צו בעטען. 3) וועלכער האָט איהם געפֿיהרט, ווייל ער איז געווען בלינד. 4) בבא קמא פ"א ב', ד"ה הגם איך האַלט אַז מען מעג בעטען די תפלת הדרך געהענדיג בין איך ניט מחויב צו טהון פֿאַרקעהרט ווי רב חסדא, ווייל שטעהענדיג מעג מען עס דאָך אודאי טהון.

5) שמונה עשרה. 6) דאָס איז איבערפֿליסיג, ווייל „והלכתא" קומט שטענדיג נאָך אַ מחלוקת, אָבער דאָ איז דאָך קיין שום מחלוקת ניט פֿאָרגעקומען. דאָס פֿעהלט אויך אין „אלפס" און „רא"ש" און אין דעם מינכענער כ"י.

7) תוספתא פ"ג.

8) דאָרט. 9) ד"ה ער ווייס ניט אין וועלכער ריכטונג ארץ ישראל ליעגט. 10) מלכים א' ח' מ"ד. 11) שמונה עשרה. 12) און זיך שטעלען מיטן פנים צו. 13) דאָרט פסוק מ"ח. 14) דאָרט פסוק מ"ד. 15) דברי הימים ב' ו' ל"ב. 16) מלכים א' ח' ל"ה. 17) פֿעהלט מיט רעכט אין „רא"ש" און דעם מינכענער כ"י. 18) דער צודעק פֿון ארון וואָס איז געשטאַנען אין קדשי קדשים, ד"ה אַנטקעגען דעם ארון, דאָס אַלערהייליגסטע פֿון בית מקדש. 19) אין דעם הויף פֿון עלף איילען וואָס איז געווען צווישען דער מערב וואַנד פֿון קדשי קדשים און דער מערב וואַנד פֿון דער עֲזָרָה (פֿאָרהויף פֿון בית מקדש). 20) און זאָל זיך אומדרעהען מיטן פנים צו מזרח, צום כפרת. 21) שיר השירים ד' ד'. דאָס וואָרט תַּלְפִּיּוֹת קומט איינמאָל פֿאָר אין תנ"ך און ווערט פֿון די מייסטע מפרשים און איבערזעצער ערקלעהרט אַלס אַרסענאַל. מיר האָבען אָבער איבערזעצט לויט רש"י (זעה דאָרט; גענומען פֿון אבן גנאח), ווייל דאָס שיינט ריכטיגער צו זיין, לויט דעם דרש פֿון דער גמרא דאָ. „תלפיות" — תֵּל (היגעל, בערגעל), פִּיּוֹת (מיילער).

22) פֿאַר זונען-אויפֿגאַנג („תוספות"). 23) תוספתא פ"ג. 24) אויב

פרק ה׳.

משנה א׳.

מען שטעלט זיך ניט דאווענען סיידען פון טיעפען ערנסט 1). די פארצייטיגע חסידים 2) פלעגען ווארטען 3) איין שעה 4) און דאווענען, כדי זיי זאלען (קענען) ריכטען זייער הארץ צו זייער פאטער אין הימעל. אפילו אז דער קעניג גריסט איהם 5), זאל ער איהם ניט ענטפערן, און אפילו אז א שלאנג איז ארומגעוויקעלט ארום זיין טריט זאל ער ניט אויפהערען.

גמרא.

פון וואנען איז דאס גענומען 6)? האט ר׳ אלעזר געזאגט: ווייל דער פסוק זאגט 7): „און זי האט געהאט אביטער געמיט".—אבער ווי אזוי 8)? פיליכט איז ביי חנה עפעס אנדערש, ווייל עס איז איהר געווען שטארק ביטער אויפן הארצען 9)? נאר ר׳ יוסי ברבי חנינא האט געזאגט: פון דאנען 10): „און איך קום אין דיין הויז צוליעב דיין גרויס גענאד, איך בוק זיך פאר דיין הייליגען פאלאץ אין מורא פאר דיר".—אבער ווי אזוי? מאמער איז ביי דוד עפעס אנדערש, ווייל ער האט זיך זעהר מצער געווען ביים דאווענען 11)? נאר ר׳ יהושע בן לוי האט געזאגט: פון דאנען 12): „בוקט זיך צו גאט אין הייליגער שעהנקייט", „לייען ניט 13) „אין שעהנקייט (בְּהַדְרַת)" נאר „אין ציטערן (בְּחֶרְדַּת)".—אבער ווי אזוי? פיליכט מיינט עס טאקע ווירקליך אין שעהנקייט, ווי ר׳ יהודה וואס פלעגט זיך אויספוצען און נאכהער דאווענען? נאר רב נחמן בר יצחק האט געזאגט: פון דאנען 14): „דיענט גאט מיט פורכט און פרעהט זיך מיט ציטערן". וואס מיינט „און פרעהט זיך מיט ציטערן"? האט רב אדא בר מתנא געזאגט אז רב האט געזאגט: דארט וואו עס איז דא פרייד 15) זאל זיין ציטערן. — אביי איז געזעסען פאר 16) רבה, האט ער 17) באמערקט אז ער איז צו לוסטיג און האט איהם געזאגט: עס שטעהט דאך געשריבען: „און פרעהט זיך מיט ציטערן"! האט ער איהם געענטפערט: איך האב תפילין געלעגט 18). ר׳ ירמיה איז געזעסען פאר ר׳ זירא, האט ער 19) באמערקט אז ער איז צו לוסטיג און האט איהם געזאגט: עס שטעהט דאך געשריבען 20): „ביי יעדער טרויער איז דא עפעס וואס בלייבט איבער" 21)! האט ער איהם געענטפערט: איך האב תפילין געלעגט.

מר דער זוהן פון רבינא האט זיין זוהן חתונה געמאכט און האט באמערקט אז די רבנן זיינען צו לוסטיג, (ל״א א׳) האט ער געבראכט א טייערן בעכער וואס איז ווערט געווען פיער הונדערט זוז 22) און האט עס צערבראכען פאר זיי, זיינען זיי געווארען טרויעריג. רב אשי האט זיין זוהן חתונה געמאכט און האט באמערקט אז די רבנן זיינען צו לוסטיג, האט ער געבראכט א בעכער פון ווייסע גלאז 23) און האט עס צערבראכען פאר זיי, זיינען זיי געווארען טרויעריג.—די רבנן האבען געזאגט צו דעם קליינעם רב המנונא 24) אויף דער חתונה פון מר דעם זוהן פון רבינא: זאל דער רבי אונז עפעס זינגען! האט ער זיי געענטפערט: וועה איז צו אונז, וואס מיר וועלען שטארבען! וועה איז צו אונז, וואס מיר וועלען שטארבען! האבען זיי צו איהם געזאגט: וואס זאלען מיר דיר נאכזאגען 25)? האט ער זיי געענטפערט: וואו איז די תורה און וואו זיינען די מצוות וואס זאלען אונז באשיצען 26)?

ר׳ יוחנן האט געזאגט אין נאמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי: א מענש טאר ניט לאכען מיטן פולען מויל אין דער יועלט, ווארום עס שטעהט געשריבען 27): „דאמאלס וועט אונזער מויל זיין פול מיט געלעכטער און אונזער צונג מיט געזאנג". ווען (וועט דאס זיין)? ווען „מען וועט זאגען ביי די גוים: גאט האט געטהון גרויסע זאכען מיט דיזע" 28). מען האט געזאגט אויף ריש לקיש אז ער האט קיינמאל ניט געלאכט מיטן פולען מויל, זייט ער האט עס געהערט פון ר׳ יוחנן זיין רבי.

די רבנן האבען געלערנט: מען טאר זיך ניט שטעלען דאווענען ניט אין מיטען פון א דין און ניט אין מיטען פון א געשפרעך איבער א הלכה 29), אבער (מען מעג) אין מיטען פון אן אלגעמיין אנערקענטער הלכה 30). און ווי איז געמאלט אן אלגעמיין אנערקענטע הלכה? האט אביי געזאגט: ווי דאס וואס ר׳ זירא האט געזאגט: אידישע טעכטער האבען אויף

פירוש.

1) כֹּבֶד רֹאשׁ, ד״ה מיט הכנעה און מיט אן איינגעבויגטען קאפ. 2) חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים, עס איז דא א סברא אז דארונטער מיינט מען א געוויסע גרופע פון די אסיים (זעה אנמ. ז. 95). 3) דארט וואו זיי פלעגען דאווענען. 4) לויט „רבינו יונה" מיינט עס דא ווירקליך א שטונדע און ניט א צוועלפטעל פון טאג, ווי געוועהנליך אומעטום וואו עס שטעהט שעה (זעה „פירוש" ז. 97 נומ. 23). 5) דעם וואס האלט אין מיטען דאווענען.

6) אז „מען שטעלט זיך ניט דאווענען א״וו". 7) שמואל א׳ א׳ י׳, גלייך נאכדעם שטעהט: „און האט געבעטען צו גאט". 8) איז דאס באוויזען פון דיזען פסוק. 9) צוליעב דעם וואס זי האט קיין קינדער ניט געהאט. 10) תהלים ה׳ ח׳. 11) אבער ביי געוועהנליכע מענשען איז דאס ניט נויטיג. 12) תהלים כ״ט ב׳. 13) זעה „פירוש" ז. 14 נומ. 4. 14) תהלים ב׳ י״א. 15) פרייד איז איינער פון די אויסדרוקען פון תפלה. 16) געלערנט ביי. 17) רבה. 18) איז דאס א באוויז אז איך האב גאט אין זינען און מיין לוסטינקייט איז ניט צוליעב לייכטזיניגקייט. 19) ר׳ זירא. 20) משלי י״ד כ״ג. 21) ד״ה אז מען צייגט זיך אומעטיג וועט מען בעקיינען דערפאר שכר.

22) זעה „פירוש" ז. 73 נומ. 13. 23) ד״ה פון איינפאכע גלאז, אין דער טייערער געשיכטע ליעגט נאך מעהר רבותא. — לויט „תוספות" שטאמט דערפון דער מנהג פון צערברעכען א גלאז אונטער דער חופה. 24) זעה „פירוש ז. 61 נומ. 13. 25) אלס א רעפרען. 26) פון גהינם, ד״ה מיר האבען ניט גענוג געטהון גוטס אז מיר זאלען ניט דארפען מורא האבען פאר׳ן טויט.

27) תהלים קכ״ו ב׳. 28) דאס איז די פארטזעצונג פון דיזען פסוק.

29) דְּבַר הֲלָכָה; ווייל צוליעב דער קאנצענטראציע פון די געדאנקען וואס זיי פאדערען, וועט מען ניט קענען האבען די נויטיגע כונה וואס מען דארף האבען ביים דאווענען. 30) הֲלָכָה פְּסוּקָה; ווייל דערביי איז ניטא

האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון רבי 1): דער דין איז ווי דאָס וואָס ר' יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ראב"ע.—ר' חייא בר אבא האָט געדאַוועֿנט און דערנאָך האָט ער נאָך אַמאָל געדאַוועֿנט. האָט איהם ר' זירא געפֿרעגט: פֿאַרוואָס טהוט דאָס דער רבי? אויב ווייל דער רבי האָט דערביי 2) ניט גע-האַט קאָנצענטרירט זיינע געדאַנקען, האָט דאָך ר' אלעזר געזאָגט: אַ מענש זאָל תמיד זיך פּרובירען, (און) אויב זיין האַרץ קען האָבען כונה זאָל ער דאַוועֿנען, און אַז ניט זאָל ער ניט דאַוועֿנען! אלא (איז דאָס) ווייל דער רבי האָט ניט דערמאָהנט פֿון ראש חדש 3), ווערט עס דאָך געלערנט אין אַ ברייתא: אַז מען האָט אַ טעות און מען דערמאָהנט ניט פֿון ראש חודש אין מעריב מאַכט מען איהם ניט איבערזאָ-גען 4), ווייל ער קען דאָך דאָס זאָגען אין שחרית, אין שחרית מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען, ווייל ער קען דאָך דאָס זאָגען אין מוסף, אין מוסף מאַכט מען איהם ניט איבערזאָ-גען, ווייל ער קען דאָך דאָס זאָגען אין מנחה! האָט ער איהם געענטפֿערט: איז דען ניט וועגען דעם געזאָגט געוואָרען אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט געוואָרען אייב בצבור 5).

ווי לאַנג זאָל געדויערן צווישען איין תפלה און דער אַנדערער 6)? (זיינען דאָ מיינונגען פֿון) רב הונא און רב חסדא; איינער זאָגט: ביז זיין געמיט באַרוהיגט זיך, און דער אַנדערער זאָגט: ביז זיין געמיט באַגייסטערט זיך 7). דער וואָס זאָגט: ביז זיין געמיט באַרוהיגט זיך, ווייל עס שטעהט געשריבען 8): „און איך האָב זיך געבעטען (ואתחנן) ביי גאָט", און דער וואָס זאָגט: ביז זיין געמיט באַגייסטערט זיך, ווייל עס שטעהט געשריבען 9): „און משה האָט געבעטען (ויחל)".

רב ענן האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: אַז איינער האָט אַ טעות און דערמאָהנט ניט פֿון ראש חדש אין מעריב מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען, ווייל בית דין זיינען נאָר מקדש דעם חדש ביי טאָג 10). האָט אמימר געזאָגט: דער שכל איז מחיב אַז דאָס וואָס רב האָט געזאָגט מיינט אויב דער חדש איז אַ פֿולער, אָבער ביי אַ ניט פֿולען 11) חדש מאַכט מען איהם יאָ איבערזאָגען 12). האָט רב אשי געזאָגט צו אמימר: האָט רב דען ניט געגעבען קיין טעם? טאָ וואָס איז מיר דער חלוק צו פֿול צו ניט פֿול! נאָר עס איז באמת קיין חלוק ניט.

פירוש.

זאָל זיין אַ בעוויז אַז דער דין איז ווי די רבנן און ניט ווי ראב"ע ס).

1) ר' יהודה הנשיא. ר' יצחק בר אבדימי אָדער ר' יצחק רבה איז גע-ווען דער תנא פֿון זיין ישיבה אין דער רבי פֿון רב. רש"י איבערזעצט דאָ „רבינו"—אונזער רבי און באַציהט דאָס אויף רב (ר' אבא בר איבו) און מיינט דערמיט דעם צווייטען רב יצחק בר אבדימי, דעם חבר פֿון רב חסדא סס) און רבי פֿון אביי און רבא. רש"י איז וואַהרשיינליך געווען געצוואונגען אַזוי צו ערקלעהרען צוליעב דעם טיטעל רב וואָס שטעהט פֿאַר זיין נאָמען אין צוליעב דער איינלייטונג „עס איז געזאָגט געוואָרען" (איתמר) וועלכעס שטעהט געוועהנליך פֿאַר ציטאַטען פֿון אמוראים (זעה „פירוש" ז. 39 נוט. 2). מיר האָבען אָבער איבערזעצט רבי, ווייל ווייטער ל"ג ב' קומט דערזעלבער אויסדרוק פֿאַר און דאָרט איז קלאָר (רש"י ערקלעהרט דאָרט טאַקע גאָר ניט) אַז דאָס מיינט רבי און ווייל מיר געפֿינען אין ערגעץ ניט אַז דער צווייטער רב יצחק בר אבדימי זאָל האָבען געוועזען זיין אַ תלמיד פֿון רב. זעה אויך „תוספות" אין כתובות נ"ו ב'. 2) ביי דער שמונה עשרה. 3) יעלה ויבא. 4) די שמונה עשרה. 5) ווייל דאַדורך וואָס ער הערט עס נאָכהער פֿון דעם שליח צבור איז דאָס ווי ער וואָלט זעלבסט דערמאָהנט. לויט „הלכות גדולות" באַציהט זיך דאָס אויפֿן שליח צבור, ד"ה אויב דער חזן פֿאַר-געסט יעלה ויבא אין דער הויכער שמונה עשרה איז ער ניט מחויב צו איבערחזרן די ש"ע כדי ניט צו באַלעסטיגען דעם עולם, אָבער אַז אַ יחיד פֿאַרגעסט איז ער יאָ מחויב.

6) ד"ה צווישען די ש"ע פֿון שחרית און די ש"ע פֿון מוסף, אָדער צווישען צוויי שמונה עשרה'ס, אויב מען האָט אַ טעות און מען מוז איבער-זאָגען. 7) כְּדֵי שֶׁתִּתְחוֹנֵן דַּעְתּוֹ עָלָיו; כְּדֵי שֶׁתִּתְחוֹלֵל דַּעְתּוֹ עָלָיו. לויט דעם ערשטען, ביז עס קומט ביי איהם די שטימונג פֿון רוהע און הכנעה, און לויט דעם צווייטען, ביז עס קומט די שטימונג פֿון באַגייסטערונג און עקסטאַזע, דער ברען, דאָס היילּיגע אויפֿציטערן (זעה די גמרא אָנפֿאַנג נעקסטען פרק). 8) דברים ג' כ"ג. וָאֶתְחַנַּן. 9) שמות ל"ב י"א. וַיְחַל ססס).

10) ראש חדש, און פֿאָלגליך ימים טובים, פֿלעגען דאַמאָלס פֿעסט-געזעצט ווערען ניט דורך אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונג, ווי היינט, און ווי די קראים טהוען עס נאָך עד היום, נאָר דורך בעאָבאַכטונגען פֿון דער לבנה וועלכע, מאַכענדיג איהר באַוועגונג אַרום די ערד אין קאַרגע דרייסיג טעג, הייבט זיך אָן ביסלאַכוויז ווידער צו באַווייזען נאָכדעם ווי זי איז ביסלעכוויז פֿערשוואונדען געוואָרען אין דער דער לעצטער צייט פֿון דעם פֿריהערדיגען חדש. דעם דרייסיגסטען טאָג פֿלעגט בית דין זיצען און וואַרטען אויף עדות וואָס זאָ־ען קומען און זאָגען אַז זיי האָ-בען געזעהען די נייע לבנה, און אַז באַגלויבטע עדות זיינען געקומען און האָבען ערקלעהרט אַז זיי האָבען געזעהען פֿלעגט בית דין זאָגען „מקודש!" און עס איז שוין געווען ראש חדש, און דאָס איז איבעראַל באַקאַנט געוואָרען דורך פֿייער סיגנאַלען פֿאַר די נאָהענטע ערטער און שלוחים פֿאַר די ווייטערע. אויב שלעכטער וועטער האָט אָבער געשטערט די בעאָבאַכטונג, איז דער דרייסיגסטער טאָג געוואָרען באַטראַכט אַלס דער לעצטער טאָג פֿון חדש און דער נייער חדש האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אויף מאָרגען. די עדות האָט מען נאָר אָנגענומען בייטאָג. 11) פֿול איז אַ חדש ווען ער האָט 30 טעג, ניט פֿול ווען ער האָט נאָר 29. 12) ביי אַ פֿולען חדש איז דאָ צוויי טעג ראש חדש (פֿון וועלכער דער ערשטער טאָג געהערט נאָך צום פֿערגאַנגענעם חדש) און אויב מען פֿאַרגעסט „יעלה ויבא" די ערשטע נאַכט ברויכט מען ניט איבערצוזאָגען, ווייל מען קען עס דאָך זאָגען די צווייטע נאַכט, אָבער ביי אַ ניט פֿולען חדש וואו עס איז נאָר דאָ איין טאָג ראש חדש מוז מען די ש"ע יאָ איבערזאָגען.

ס) דער „מהרש"א" באמערקט אפילו דערויף: „נ"ב הוא ענין בפני עצמו ואין כאן מקומו בדי"ף אינו אלא כתוס' מיושב יפה", עס איז אבער שווער צו זעהן ווי אזוי עס איז צו נעהמען דערפון אז דאס באציהט זיך אויף מוסף, ווייל לויט דעם אינהאלט דארט, זעה ו, 26, ליגט די באטאנונג דארט נאר אויף דאווענען דארט וואו זיצען לערנט.

סס) זעה ווייטער ל"ח ב': „דרש רב חסדא משום רבינו ומנו רב".

ססס) רש"י זאגט אפילו: „והיא היא אלא כלישנא בעלמא פליגי", וואהרשיינליך ווייל ער שטיצט זיך דערויף וואס אי דער שורש חנן אי דער שורש חלה בעדייטען זיך בעטען און ווייל די אותיות נון און למד קומענדיג פון איין ארגאן פארבייטען זיך אפט מיט איינאנדער. אן עזנ-ייבער דרש וואו נון און למד קומען פאר געפינט זיך אויף „ויחן את פני העיר" (בראשית ל"ג י"ח) אין בראשית רבה ע"ט: „חנן את הפנים שבעיר התחיל מפלא וכו'". מיר האבען אבער אנדערש איבערזעצט, ווייל בכלל איז געוועהנליך דא א חלוק ווען נאך א פראגע ווערען צוויי נעמען פון ערקלערער דערמאהנט און נאכהער שטעהט „חד אמר... וחד אמר..." און ווייל בפרט דא, באזונדערס דורך „כדי", איז דייטליך אז דער אונטערשיעד צווישען רב הונא און רב חסדא איז מעהר ווי אין דער אויסדרוקס ווייזע. מיר דענקען אז דער אונטערשיעד איז אין דער הויפטזאך אין וועלכער שטימונג מען מוז זיך געפינען בעת'ן דאווענען און אונזער ערקלערונג באזירט זיך דערויף וואס חנן דריקט אויס הכנעה און צובראכענקייט, ווי „תחנונים ידבר רש" (משלי י"ח כ"ג), און חלה (געהעריג צו חול, הלה) דריקט אויס ציטערן און ביטערן, ווי „וסער מתחולל" (ירמיה כ"ג י"ט). די ריכטיגקייט פון דער השערה קען מען אויך זעהן פון דעם טאן פון די ציטירטע פסוקים, ווייל אין „ואתחנן" איז משה'ס תפלה דעמיטיג (זעה רש"י דארט: „אין חנון בכל מקום אלא לשון מתנת חנם" און רמב"ן: „אמר ואתחנן ולא אמר ואתפלל כי ידבר בתחנה") און אין „ויחל" איז זי שטורמיש און פרעטענציעז.

רי רבנן האָבען געלערנט 1): „דער וואָס דאַווענט דאַרף ריכטען זיין האַרץ צום הימעל". אבא שאול זאָגט: אַן אָנדייטונג דערויף איז 2): „דו ריכטעסט זייער האַרץ, דיין אויער הערט זיך צו"3). אין אַ בריתא ווערט געלערנט 4): „ר' יהודה האָט געזאָגט: אַזוי איז געווען דער מנהג פון ר' עקיבא: אַז ער האָט געדאַווענט בצבור פלעגט ער מקצר זיין און אַוועקגעהן, כדי דעם עולם ניט אויפהאַלטען, אָבער אַז ער האָט געדאַווענט פאַר זיך איז אַז איינער האָט איהם געלאָזען אין דעם ווינקעל האָט ער איהם (נאָכהער) געפונען אין אַן אַנדער ווינקעל. און פאַר וואָס איז דאָס געווען? צוליעב קניען און בוקען זיך 5).

ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט 6): „תמיד זאָל אַ מענש דאַווענען אין אַ הויז וואו עס זיינען דאָ פענסטער, וואָרום עס שטעהט געשריבען 7): „און די פענסטער זיינען ביי איהם געווען אָפען אא"וו".

„מען 8) וואָלט געקענט מיינען אַז אַ מענש דאַרף דאַווענען אַ גאַנצען טאָג, האָט אָבער שוין דניאל ערקלעהרט 9): „און דריי מאָל אַ טאָג אא"וו". מען וואָלט געקענט מיינען אַז ער 10) האָט עס אָנגעפאַנגען נאָכדעם ווי ער איז געקומען אין גלות, שטעהט אָבער 11): „ווי ער האָט געטהון פיעל פריהער". מען וואָלט געקענט מיינען אַז אַ מענש מעג דאַווענען אין וואָס פאַר אַ ריכטונג ער וויל, דערפאַר ווערט געלערנט 12): „אַנטקעגען ירושלים". מען וואָלט געקענט מיינען אַז מען זאָל זיי צוזאַמעננעהמען אין איינעם 13), האָט דאָס אָבער שוין דוד ערקלעהרט, ווי עס שטעהט געשריבען 14): „אין אָוונט און אין דער פריה און (נאָך) מיטאָג אא"וו". מען וואָלט געקענט מיינען אַז מען דאַרף לאָזען הערען דעם קול ביים דאַווענען, האָט דאָס אָבער שוין חנה ערקלעהרט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 15): „און איהר קול האָט מען ניט געהערט". מען וואָלט געקענט מיינען אַז צוערשט זאָל אַ מענש בעטען פאַר זיינע באַדערפענישען 16) און נאָכהער מתפלל זיין 17), האָט דאָס אָבער שוין שלמה ערקלעהרט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 18): „צו הערען דעם געזאַנג און דאָס געבעט", ג ע ז א נ ג מיינט תפלה 19), און ג ע ב ע ט מיינט די בקשה 20). מען טאָר ניט זאָגען קיין שום בקשה נאָך „אמת ויציב" 21), אָבער נאָך דער תפלה 22) מעג מען זאָגען אפילו אַזוי פיעל ווי דער סדר פון וידוי פון יום כפור". עס איז אויך געזאָגט געוואָרען אַז רב חייא בר אשי האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט 23): „הגם זיי האָבען געזאָגט אַז אַ מענש מעג בעטען וואָס ער בעדאַרף אין „שומע תפלה", פונדעסטוועגען אויב ער וויל זאָגען נאָך דער תפלה 24) אפילו אַזוי פיעל ווי דער סדר פון וידוי פון יום כפור מעג ער זאָגען".

רב המנונא האָט געזאָגט: וויפיעל גרויסע הלכות קען מען אַרויסנעהמען פון דיזע פסוקים וועגען חנה! „און חנה האָט גערעדט צו איהר האַרץ" 25), פון דאַנען איז גענומען אַז דער וואָס דאַווענט דאַרף האָבען כונה אין האַרצען; „בלויז איהרע ליפען האָבען זיך באַוועגט 26), פון דאַנען איז גענומען אַז דער וואָס דאַווענט מוז אויסשפּרעכען מיט די ליפען; „אָבער איהר קול האָט מען ניט געהערט 27), פון דאַנען איז גענומען אַז מען טאָר ניט אויפהייבען דעם קול ביים דאַווענען; „און עלי האָט איהר געהאַלטען פאַר אַ שכורע" 28), פון דאַנען איז גענומען אַז אַ שכור טאָר ניט דאַווענען; „און עלי האָט צו איהר געזאָגט: ביז ווי לאַנג וועסטו זיין שכור אא"וו"? 29), האָט ר' אלעזר געזאָגט: פון דאַנען איז גענומען אַז ווען איינער זעהט פון זיין חבר (ב') עפּעס וואָס איז ניט אנשטענדיג 30) דאַרף ער איהם אויסרעדען; „און חנה האָט געענטפערט און געזאָגט: ניין, מיין הער!" 31), האָט עולא געזאָגט און מאַנכע זאָגען אַז ר' יוסי ברבי חנינא האָט עס געזאָגט: זי האָט איהם (געמליך) געזאָגט: דו ביזט ניט קיין הער אין דער זאַך און דער רוח הקדש רוהט ניט אויף דיר, אויב דו ביזט מיר חושד דערין. אייניגע זאָגען אַז זי האָט איהם אַזוי געזאָגט: דו ביזט ניט קיין הער און עס איז ביי דיר ניטאָ ניט קיין שכינה און ניט קיין רוח הקדש, ווייל דו האָסט מיך פאַראורטהיילט צום שלעכטען און דו האָסט מיך ניט געאורטהיילט צום גוטען; ווייסטו דען ניט אַז „איך בין אַ פרוי מיט אַ שווער געמיט און האָב ניט געטרונקען ניט קיין וויין און ניט קיין ביער" 32)? ר' אלעזר האָט געזאָגט: פון דאַנען איז גענומען אַז ווען איינער ווערט אומזיסט פאַרדעכטיגט דאַרף ער איהם מודיע זיין 33); „האַלט ניט דיין דיענסט פאַר אַן אונווירדיגע פרוי" 34), האָט ר' אלעזר געזאָגט: פון דאַנען איז גענומען אַז אויב אַ שכור דאַווענט איז דאָס ווי ער וואָלט געדיענט עבודה זרה, ווייל דאָ שטעהט „פאַר אַן אונווירדיגע פרוי" און דאָרט שטעהט 35): „עס זיינען פון דיר

פירוש.

שייכות ניט. פיליכט איז דאָס, ווייל דאָ האַנדעלט זיך אויך וועגען באַגלייטען רב שימי בר אשי ס).

1, 4, 6 און 8) תוספתא פ"ג, 2) דער פסוק אין תהלים י' י"ז, 3) ד"ה אויב דאָס האַרץ איז געריכטעט צו גאָט, הערט ער זיך צו. 5) און צוליעב דעם האָט ער מאריך געווען.

7) דניאל ו' מ"א, וואו עס ווערט גערעדט פון דניאל'ס תפלה.

9, 11 און 12) דאָרט אין דניאל, 10) דניאל, 13) ד"ה דאַווענען שחרית, מנחה און מעריב אין איין צייט, 14) תהלים נ"ה י"ח, 15, 25, 26, 27 און 28) שמואל א' א' י"ג, 16 און 20) ד"ה די ברכות פון „אתה חונן" ביז „שומע תפלה", וועלכע ענטהאַלטען בקשות פאַר די פאַרשידענע באַדערפענישען, 17, 19, 22 און 24) די דריי ערשטע ברכות, וועלכע ענטהאַלטען אַ לויב צו גאָט, 18) מלכים א' ח' כ"ח. 21) ד"ה פאַר די דריי ערשטע ברכות, 23) עבודה זרה ח' א'.

29) שמואל א' א' י"ד, 30) אפילו אַז דאָס איז ניט אַ זאַך וואָס איז דירעקט פאַרבאָטען פון דער תורה („תוספות"), 31) און 32) דאָרט פסוק ט"ו, 33) ד"ה ערקלעהרען דעם וואָס האָט איהם חושד געווען, אַז ער איז אונשולדיג, 34) דאָרט פסוק ט"ז, 35) דברים י"ג י"ד,

ס) פון דאַנען איז אַ ראיה אַ בעווייז אַז רבא איז די ריכטיגע גירסא און ניט אין סוטה, וואו עס שטעהט „רב אשי". רב מרדכי וואָס ווערט דאָ דערמאָהנט איז אָס כן ניט אידענטיש מיט רב מרדכי דעם תלמיד פון רב אשי (זעה דס"ו כינה ז' א' ד"ה „א"ל" און גיטין י"ט א' ד"ה „זיכו"), נאָר אַ תלמיד פון רבא (זעה שבת נ"ט ב') ווי רב כהנא, דער רבי פון רב אשי און ד"מ פון פום נהרא (בבא בתרא כ"ב א'), און ביידע זיינען דערפאַר געווען חברים פון רב שימי בר אשי וועלכער איז אויך געווען אַ תלמיד פון רבא און זאָל געוועזען זיין דער פאָטער פון רב אשי (זעה „דור דור ודורשיו" ח"ג פי"ג). אַנדערע תלמידים פון רבא, און דערפאַר אויך צייטגענאָסען – און אפשר אויך חברים – פון רב שימי בר אשי, זיינען געווען רבינא און רב נחמן בר יצחק, וועלכע ווערען אויך דערמאָהנט דאָרט אין סוטה אין אַ געשיכטע פון באַגלייטען.

זיך מחמיר געמאַכט אַז אפילו ווען עס באַווייזט זיך בלויז ווי אַ טראָפּען בלוט ווי (די גרויס פון) אַ זענעפט קערענדיל צעהלען זיי שוין זיעבען ריינע (טעג 1). רבא האָט געזאָגט: ווי דאָס וואָס רב הושעיא האָט געזאָגט 2): „אַ מענש מעג זיך קלוגען און אַריינברענגען זיין תבואה 3) בעת עס איז נאָך מיט דער מעקענע 4), כדי זיין בהמה זאָל עס מעגען עסען און עס איז פריי פון מעשר" 5). און אַז מען וויל קען מען זאָגען, ווי דאָס וואָס רב הונא האָט געזאָגט אַז ר' זעירא האָט געזאָגט 6): „אַז איינער לאָזט אַן אָדער ביי אַ בהמה פון קדשים טאָר מען דערפון 7) קיין געברויך ניט מאַכען און עס איז אַן אונטערשלאָגונג" 8). — די רבנן האָבען געטהון ווי אונזער משנה 9), רב אשי האָט געטהון ווי די בריתא 10).

די רבנן האָבען געלערנט 11): „מען שטעלט זיך ניט דאַווענען ניט אין מיטען פון טרויעריגקייט און ניט אין מיטען פון פוילקייט און ניט אין מיטען פון געלעכטער און ניט אין מיטען פון שמועסען 12) און ניט אין מיטען פון לייכטזין און ניט אין מיטען פון פוסטע רייד, נאָר אין מיטען פון פרייד איבער די מצוה 13). אויך זאָל אַ מענש זיך ניט געזעגענען מיט זיין חבר ניט אין מיטען פון שמועסען און ניט אין מיטען פון געלעכטער און ניט אין מיטען פון לייכטזין און ניט אין מיטען פון פוסטע רייד, נאָר אין מיטען פון אַ געשפּרעך איבער אַ הלכה, ווארום אַזוי געפינען מיר ביי די פאַרצייטיגע 14) נביאים אַז זיי האָבען געענדיגט זייערע רייד מיט לויב און טרייסט ווערטער". און אַזוי האָט מרי דער אייניקעל 15) פון רב הונא דעם זוהן פון רב ירמיה בר אבא געלערנט: „אַ מענש זאָל זיך געזעגענען מיט זיין חבר נאָר אין מיטען פון אַ געשפּרעך איבער אַ הלכה, ווייל ער וועט איהם צוליעב דעם געדענקען" 16). אַזוי ווי „רב כהנא האָט באַגלייט רב שימי בר אשי פון פום נהרא 17) ביז בי צניתא 18) אין בבל. אַז ער איז דאָרט אָנגעקומען האָט ער 19) איהם געפרעגט: רבי, איז דאָס אמת וואָס מען זאָגט אַז דיזע פאַלמען פון בבל עקזיסטירען נאָך פון אדם הראשון [ביז איצט]? האָט ער איהם געזאָגט: דו האָסט מיך דערמאָהנט אַ וואָרט פון ר' יוסי ברבי חנינא, ווארום ר' יוסי ברבי חנינא האָט געזאָגט: וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט געשריבען 20): „אין אַ לאַנד וואָס קיין מענש איז דאָרט ניט דורכגעגאַנגען און קיינער האָט דאָרט ניט געוואוינט"? ווי באַלד קיינער איז (אפילו) ניט דורכגעגאַנגען, טאָ ווי האָט אימיצער דאָרט געזאָלט וואוינען 21)? נאָר דאָס מיינט צו זאָגען, אַז יעדעס לאַנד וואָס אדם הראשון האָט באַשטימט פאַר אַ ישוב איז באַזעצט געוואָרען און דאָס לאַנד וואָס אדם הראשון האָט ניט באַשטימט פאַר אַ ישוב איז ניט באַזעצט געוואָרען 22). רב מרדכי 23) האָט באַגלייט רב שימי בר אשי פון הגרוניא ביז בי כיפי, און מאַנכע זאָגען ביז בי דורא".

פירוש.

מעהר וואָס צו דענקען. 1) זעה „פירוש" ז, 79 גומ, 2, באמת האָבען זיי דאָס ניט נויטיג צו טהון, ווייל די תורה (ויקרא ט"ו כ"ח) שרייבט נאָר פאַר „שבעה נקיים" פאַר אַ ריכטיגע נדה, ד"ה פאַר אַ פרוי וואָס עס באַווייזט זיך ביי איהר בלוט דריי טעג הינטער אייננאַנדער אין ה, עלף טעג וואָס עס איז דאָ צווישען איין נדה און דער אַנדערער. 2) פסחים ט' א' א.א.ע. 3) אין שייער אַריין. 4) איידער עס איז גערייניגט און אויפגעשאָטען אין קופקעס. 5) דער דין איז אַז מען איז מחויב צו געבען מעשר ערשט נאָכדעם ווי די תבואה איז אַריינגעפיהרט געוואָרען אין שייער און גערייניגט געוואָרען פון די פסולת אין אויפגעשאָטען געוואָרען אין קופקעס, ווייל עס שטעהט אין דער תורה (דברים י"ח ד') „די ערשטע פון דיין געטריידע" אין בעפאָר דיזע אַרבייטען זיינען געטהון געוואָרען הייסט עס נאָך ניט קיין געטריידע, אַז מען פיהרט אַריין די תבואה בעפאָר איז מען מן התורה נאָך ניט מחויב צו געבען מעשר, אָבער די רבנן האָבען געאַסרט צו עסען דערפון אַ ריכטיגע מאָהלצייט (סְעוּדַת קֶבַע) און האָבען ערלויבט אַ צובייס (סְעוּדַת עֲרַאי), און דאָס עסען פון אַ בהמה ווערט בעטראַכט ווי אַ סעודת עראי (זעה פאה פ"א מ"ו), דערפאַר מעג די בהמה דערפון עסען בעפאָר דיזע אַרבייטען זיינען אָפּגעטהון געוואָרען. 6) מעילה י"ב ב', דאָרט שטעהט עס אָבער אין נאָמען פון רב. 7) פון דעם בלוט. 8) אַזוי מען מאַכט דערפון יאָ אַ געברויך, און מען מוז ברענגען אַ קרבן מעילה, ווי ביי יעדער הייליגער זאַך פון וועלכער מען מאַכט אַ געברויך פאַר זיך זעלבסט. אייגענטליך מעג מען פון די בלוט פון קדשים יאָ מאַכען אַ פערזענליכען געברויך אין עס איז קיין אונטערשלאָגונג ניט (זעה צב"ש יומא נ"ט ב', וואו דאָס ווערט אָפּגעלערנט פון ויקרא י"ז י"א), דאָס איז אָבער נאָר ביי בלוט פון דער שחיטה אין דער עזרה, אָבער ניט ביי בלוט פון אָדערלאָזען וואָס ווערט באַטראַכט ווי דער גוף פון דער בהמה וועלכער טאָר ניט באַנוצט ווערען פאַר פערזענליכע צוועקען. 9) און האָבען זיך ניט געשטעלט דאַווענען סיידען פון טיעפען ערנסט. 10) און פלעגט זיך שטעלען דאַווענען אין מיטען פון אַ הלכה פסוקה.

11) תוספתא פ"ג. 12) ליצנות („רש"י"). 13) ד"ה נאָכדעם ווי מען לויבט גאָט פאַר שמונה עשרה פאַר זיינע חסדים, ווי עֶזְרַת אֲבוֹתֵינוּ וכו' אין שחרית, אַשְׁרֵי אין מנחה אין בָּרוּךְ ה' לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן אין מעריב (רש"י). 14) אין דעם מינכענער כ"י פעהלט דאָס וואָרט „הראשונים", און מיט רעכט, ווימען קען זעהן פון ירושלמי, וואו עס ווערט געפרעגט, פאַרוואָס האָט ירמיה (וועלכער געהערט דאָך ניט צו די נביאים ראשונים) געענדיגט איכה מיט „כי אם מאוס מאסתנו וכו'", הגם דאָרט שטעהט יאָ „הראשונים", לויט „מהרש"א" מיינט „נביאים הראשונים" דאָ אייגענטליך די פאַרצייטיגע נביאים. 15) ריכטיגער „דער זוהן", אַזוי אויך אין מינכענער כ"י און אין עירובין ס"ר א', וואו דיזער מאמר שטעהט. 16) לויט „מהרש"א": ווייל צוליעב דעם וועט ער איהם דערמאָהנען אַן אַנדער הלכה וואָס ער האָט אַמאָל געהערט. אָהן דיזער ערקלעהרט איז באמת שווער צו פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט דאָ די געשיכטע פון רב כהנא וואָס ווערט דאָ דערצעהלט. 17) נעבען נהרדעא. 18) אַזוי גערופען, ווייל דאָרט זיינען געוואַקסען אַסך פאַלמען. צְנִיתָא — פאַלמע. 19) רב כהנא. 20) ירמיה ב' ו'. 21) אם כן איז דאָך די צווייטע העלפט פון פסוק איבעריג, באמת איז יאָ מעגליך דורכגעהן דורך אַ לאַנד אָהנע דאָרט צו וואָהנען, אָבער די פראַגע איז ריכטיג, ווייל אין העברעאיש בעדייטעט עבר זיך קורץ אויפהאַלטען און ישב זיך לאַנג אויפהאַלטען אויף אַ פלאַץ. 22) עס איז דערפאַר ניט נויטיג צו גלויבען אַז די פאַלמען פון בי צניתא עקזיסטירען נאָך פון אדם הראשון אָן, נאָר עס מיינט אַז אדם הראשון האָט באַשטימט אַז דאָרט זאָלען וואַקסען פאַלמען. 23) דיזער מאמר געהערט אייגענטליך ניט אַהער, נאָר ער איז מיטציטירט געוואָרען מיט דעם פריהערדיגען מאמר פון סוטה מ"ו ב' (וואו עס ווערט בעהאַנדעלט די פראַגע, ווי ווייט מען דאַרף אַ רבי אָדער אַ חבר באַגלייטען), ווי עס קומט אָפּט פאָר אין דער גמרא, אַז אין ציטאַטען קומען אַריין אויך די טיילען פון מאמר וואָס האָבען אַהער קיין

„וועגען דיזען אינגעל האָב איך תפלה געטהון" 1), האָט ר' אלעזר געזאָגט: שמואל האָט געפסקענט אַ הלכה אין געגענוואַרט פֿון זיין רבי, ווארום עס שטעהט 2): „און זיי 3) האָבען געשחטען דעם אָקס און זיי האָבען געבראַכט דעם אינגעל צו עלי", האָט מען דען צוליעב דעם געבראַכט דעם אינגעל צו עלי, ווייל מען האָט געשחטען דעם אָקס 4)? נאָר עלי האָט צו זיי געזאָגט: רופֿט מיר אַ כהן וואָס זאָל קומען און שחטען! האָט שמואל געזעהען אַז זיי זוכען אַרום אַ כהן צו שחטען, האָט ער צו זיי געזאָגט: צו וואָס דאַרפֿט איהר זוכען אַ כהן צו שחטען? די שחיטה פֿון אַ זר 5) איז אויך כשר. האָט מען איהם געבראַכט פֿאַר עלי און ער האָט איהם געפֿרעגט: פֿון וואַנען נעהמסטו דאָס? האָט ער איהם געענטפֿערט: שטעהט דען: „דער כהן זאָל שחטען"? עס שטעהט דאָך 6): „די כהנים זאָלען מ ק ר י ב זיין", פֿון דעם אויפֿנעהמען 7) אָן און ווייטער איז די מצוה פֿון די כהנים; פֿון דאַנען איז גענומען אַז די שחיטה 8) פֿון אַ זר איז כשר. האָט ער איהם געזאָגט: דו האָסט טאַקע גוט געזאָגט, אָבער דו האָסט געפסקענט אַ הלכה אין געגענוואַרט פֿון דיין רבי, און דער וואָס פסקענט אַ הלכה אין געגענוואַרט פֿון זיין רבי איז חייב מיתה 9). איז חנה צוגעקומען און האָט געשריען צו איהם: „איך בין די פֿרוי וואָס איז דאָ געשטאַנען מיט דיר!" האָט ער איהר געזאָגט: לאָז מיך איהם בעשטראָפֿען און איך וועל בעטען גאָט אַז ער זאָל דיר געבען אַ גרעסערן פֿון איהם. האָט זי איהם געענטפֿערט: „וועגען ד י ז ע ן אינגעל האָב איך תפלה געטהון!". „און חנה האָט גערעדט צו איהר האַרץ", האָט ר' אלעזר געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יוסי בן זמרא: ו ו ע ג ע ן איהר האַרץ 10). זי האָט (נעמליך) געזאָגט פֿאַר איהם: רבש"ע, פֿון אַלין וואָס דו האָסט בעשאַפֿען אין אַ פרוי האָסטו קיין זאַך ניט צוועקלאָז בעשאַפֿען, די אויגען צו זעהן און די אויערן צו הערען, די נאָז צו ריעכען, דעם מויל צו רעדען, די הענד צו טהון מיט זיי אַרבייט, די פֿים צו געהן מיט זיי, די בריסט צו זויגען מיט זיי; טאָ פֿאַרוואָס זאָל איך ניט זויגען מיט אָט די בריסט וואָס דו האָסט מיר געגעבען אויפֿן האַרצען? גיב מיר אַ זוהן, וועל איך איהם זויגען מיט זיי. — ווייטער האָט ר' אלעזר געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יוסי בן זמרא: דער וואָס פֿאַסט אום שבת צערייסט מען איהם זיין גזר דין (אפילו) פֿון זיעבעציג יאָהר 11), אָבער דערפֿאַר רעכענט מען זיך אָפּ מיט איהם פֿאַר דעם דין פֿון עונג שבת 12). ווי קען מען דאָס גוט מאכען? האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: דאַדורך וואָס מען פֿאַסט אַן אַנדער תענית נאָך דיזען תענית 13).—ווייטער האָט ר' אלעזר געזאָגט: חנה האָט אַרויסגעוואָרפֿען (האַרטע) רייד געגען גאָט, ווארום עס שטעהט 14) „און זי האָט מתפלל געוועזן אויף גאָט", מיינט עס אַז זי האָט אַרויסגעוואָרפֿען (האַרטע) רייד ג ע ג ע ן גאָט 15).

ווייטער האָט ר' אלעזר געזאָגט: אליהו האָט אַרויסגעוואָרפֿען (האַרטע) רייד אַנטקעגען גאָט, ווארום עס שטעהט 16): „און ד ו האָסט פֿאַרדרעהט זייער האַרץ אויף הינטען" 17). ר' שמואל דער זוהן פֿון רב יצחק האָט געזאָגט: פֿון וואַנען איז גענומען אַז דער קב"ה האָט נאָכהער מודה געווען צו אליהו? (ל"ב א') ווייל עס שטעהט 18): „און וואָס א י ך האָב שלעכט געמאַכט". — ר' חמא דער זוהן פֿון ר' חנינא האָט געזאָגט 19): „ווען נים דיזע דריי פסוקים 20) וואָלטען זיך די פֿים פֿון די שונאי ישראל 21) געבראָכען 22); איינער איז דאָס וואָס שטעהט: „און וואָס איך האָב שלעכט געמאַכט", דער אַנדערער איז דאָס וואָס שטעהט 23): „אַזוי ווי לעהם אין דער האַנד פֿון טעפּער אַזוי זענט איהר אין מיין האַנד, דאָס הויז ישראל" און דער דריטער איז דאָס וואָס שטעהט 24): „און איך וועל אַרויסנעהמען דאָס שטיינערנע האַרץ פֿון אייער לייב און וועל אייך געבען אַ האַרץ פֿון פֿלייש". רב פפא האָט געזאָגט: פֿון דאַנען 25): „און מיין גייסט וועל איך אַריינטהון אין אייך און וועל מאַכען אַז איהר זאָלט געהן אין מיינע געזעצען".

ווייטער האָט ר' אלעזר געזאָגט: משה האָט אַרויסגעוואָרפֿען (האַרטע) רייד אַנטקעגען גאָט, ווארום עס שטעהט 26): „און משה האָט מתפלל געוועזן צו גאָט", לייען ניט „אל ה'" נאָר „עַל ה'" 27), ווארום אין ר' אליעזר בן יעקב'ס ישיבה

פירוש.

מען לייענט ק"ש אא"וו מעג מען יאָ זיצען.—דער דרש איז געבויט דערויף וואָס „מיט דיר" איז אייגענטליך דאָ איבעריג און עס באַווייזט מסתמא אַז עלי איז אויך געשטאַנען בעת חנה האָט תפלה געטהון ס). לויט „תוספות" איז דער דרש געבויט דערויף וואָס „עמכה" (מיט דיר) איז דאָ געשריבען מיט אַ הא, וועלכעס מיינט 5 און באַווייזט אַז אין דער פֿינפֿטער אייל מעג מען זיצען, אָבער ניט נאָהענטער. 1) דאָרט פסוק כ"ז. 2) דאָרט פסוק כ"ה. 3) שמואל'ס עלטערן. 4) ד"ה וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט איינס מיט דעם אַנדערן? 5) זָר — פֿרעמדער, איינער וואָס איז ניט קיין כהן. 6) ויקרא א' ה'. 7) פֿון בלוט נאָך דער שחיטה (זעה חגיגה י"א א' וואו די גמרא ערקלעהרט אַז „והקריבו" מיינט די „קבלת הדם"). 8) וועלכע איז דאָך פֿאַר דעם. 9) עירובין ס"ג א'. 1 און 15) דער דרש איז געבויט דערויף וואָס עס שטעהט דאָ ניט אֶל — צו נאָר עַל—א ו י ף, ו ו ע ג ע ן, געגען. 11) ד"ה אפילו אַז דער גזר דין איז שוין געחתמעט געוואָרען מיט זיעבעציג יאָהר צוריק. — לויט „רבינו חננאל" האַנדעלט עס זיך דאָ וועגען אַ תענית חלום, ווען מען מאַכט אַ תענית צוליעב אַ שלעכטען חלום („תוספות"). 12) ד"ה ווייל דורך דעם תענית האָט ער ניט געהאַלטען די מצוה פֿון האָבען פֿאַרגעניגען אום שבת. 13) דעם פֿאָלגענדען טאָג (רש"י). 14) שמואל א' א' י'.

16) מלכים א' י"ח ל"ח. 17) אליהו באַשולדיגט אַלזאָ גאָט אין דעם וואָס די אידען זיינען איהם געוואָרען אונגעטריי. 18) מיכה ד' ו'. 19) סוכה נ"ב ב'. דאָרט שטעהט אָבער „ר' יוחנן". 20) וואָס לעגען אויף גאָט די פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר די שלעכטס וואָס אידען טהוען. 21) עפֿעמיסטיש געמיינט (זעה „פירוש" ז. 11 נוט. 22). 22) ד"ה זיי וואָלטען ניט געקענט איינשטעהן פֿאַר גאָטס משפט. 23) ירמיה י"ח ו'. 24) יחזקאל ל"ו כ"ו. 25) דאָרט פסוק כ"ז, דיזער פסוק דריקט דיזען געדאַנק נאָך שאַרפֿער אויס. 26) במדבר י"א ב'. 27) זעה „פירוש" אויבען, נוט. 10 און 15. דער דרש איז געבויט דערויף, וואָס נאָכדעם שטעהט ניט די תפלה, ווי עס איז געוועהנליך דער פֿאַל, און וואָס פֿאַר דעם שטעהט אַז די

ס) דערנו קומט נאָך וואָס ככלל דריקט די פראַפאָזיציע „עס", אין געגענזאַץ צו „את", אַ געוויסע גלייכהייט פון די פאַרטונדענע געגענשטאַנדען (זעה אומער ספר „ויאמר יעקב" ז. 3).

אַרויסגעקומען אונווירדיגע מענשען"1), איז אַזוי ווי דאָרט מיינט עס עבודה זרה, אַזוי מיינט עס דאָ אויך עבודה זרה; „און עלי האָט געענטפֿערט און געזאָגט: גיה לשלום!"2), האָט ר' אלעזר געזאָגט: פֿון דאַנען איז גענומען אַז אויב איינער איז אומזיסט חושד זיין חבר דאַרף ער איהם איבערבעטען, און ניט דאָס אַליין נאָר ער דאַרף איהם נאָך געבען אַ ברכה, ווארום עס שטעהט: „און דער גאָט פֿון ישראל זאָל ערפֿילען דיין פֿער־לאַנג"3). „און זי האָט אַ נדר געטהון און געזאָגט: ה' צְבָאוֹת!4)" האָט ר' אלעזר געזאָגט: זייט דער קב"ה האָט זיין וועלט בעשאַפֿען איז ניט געווען קיין מענש וואָס זאָל האָבען גע־רופֿען דעם קב"ה „צבאות"5), ביז חנה איז געקומען און האָט איהם גערופֿען „צבאות"; חנה האָט (נעמליך) געטענהט פֿאַרן קב"ה: רבונו של עולם, פֿון אַלע מאַסען זאַכען וואָס דו האָסט בעשאַפֿען אין דיין וועלט איז דאָס דיר שווער צו געבען מיר איין זוהן? צו וואָס איז דאָס געגליכען? צו אַ קע־ניג אַ בשר ודם וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה פֿאַר זיינע דיענער, איז געקומען אַן אָרעמאַן און האָט זיך אַוועקגע־שטעלט ביי דער טהיר און האָט געבעטען: גיט מיר כאָטש איין שטיקעל! קיינער האָט איהם אָבער ניט בעאַכטעט: האָט ער זיך אַריינגעשטופּט און איז אַריין צום קעניג און האָט צו איהם געזאָגט: אדוני קעניג, פֿון דער גאַנצער סעודה וואָס דו האָסט געמאַכט איז דאָס דיר שווער צו געבען מיר כאָטש איין שטיקעל? „אויב דו וועסט איינזעהן"6), האָט ר' אלעזר געזאָגט: חנה האָט (נעמליך) געטענהט פֿאַרן קב"ה: אויב דו וועסט איינזעהן איז גוט, און אויב דו וועסט ניט איינ־זעהן7), וועל איך געהן און זיך פֿאַרבעהאַלטען פֿון אלקנה מיין מאַן8), און אַז איך וועל זיך פֿאַרבעהאַלטען וועט מען מיר געבען צו טרינקען די וואַסער פֿון אַ סוטה9), און דו וועסט דאָך ניט מאַכען דיין תורה פֿאַר אַ ליגען, ווארום עס שטעהט דאָך געשריבען10): „און אויב זי איז ריין וועט זי האָבען קינדער"! איז דאָס ריכטיג לויט דעם וואָס זאָגט אַז11) אויב זי12) איז געווען אַן עקרה ווערט זי מעוברת, אָבער לויט דעם וואָס זאָגט אַז13) אויב זי פֿלעגט געהן שווער צו קינד האָט זי געהאַט אַ לייכטע געבורט, אויב (זי פֿלעגט האָבען) נקבות האָט זי געהאַט זכרים, אויב שוואַרצע האָט זי געהאַט העלע, אויב קליינע האָט זי געהאַט גרויסע, טאָ וואָס איז דאָ צו זאָגען14)? ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא15): „'און אויב זי איז ריין וועט זי האָבען קינדער' בעדייטעט אַז אויב זי איז געווען אַן עקרה ווערט זי מעוברת; דאָס זיינען די רייד פֿון ר' ישמעאל. האָט איהם ר' עקיבא גע־פֿרעגט: אם כן זאָלען אַלע עקרות געהן און זיך פֿאַרבעהאַלטען און די וואָס האָט ניט געזינדיגט וועט מעוברת ווערען? נאָר דאָס מיינט אַז אויב זי פֿלעגט געהן שווער צו קינד האָט זי געהאַט אַ לייכטע געבורט, אויב (זי פֿלעגט האָבען) קליינע האָט זי געהאַט גרויסע, אויב שוואַרצע האָט זי געהאַט העלע, אויב איין (קינד) האָט זי געהאַט צוויי". טאָ וואָס מיינט: „אויב דו וועסט איינזעהן"? די תורה רעדט ווי מענשען רע־דען געוועהנליך16). „דעם צער פֿון דיין דינסט און וועסט מיך האָבען אין זינען און דו וועסט ניט פֿאַרגעסען דיין דינסט און דו וועסט געבען דיין דינסט"17), האָט ר' יוסי ברבי חנינא געזאָגט: צו וואָס זיינען דיזע דריי מאָל „דינסט"? חנה האָט (נעמליך) געטענהט פֿאַרן קב"ה: רבש"ע, דריי פּראָבעס פֿון טויט האָסטו בעשאַפֿען ביי דער פֿרוי— און מאַנכע זאָגען, דריי סבות פֿון טויט18)—און דאָס זיינען נדה און חלה און ליכט בענשען19); האָב איך דען אַמאָל עובר געווען אויף איינע פֿון זיי? „און דו וועסט געבען דיין דינסט אַ קינד פֿון מענשען"20), וואָס מיינט „אַ קינד פֿון מענשען"? האָט רב געזאָגט: אַ (גרויסער) מאַן אונטער (גרוי־סע) מענער, און שמואל האָט געזאָגט: אַ קינד וואָס וועט זאַלבען צוויי מענשען, און ווער זיינען זיי? שאול און דוד, און ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַ קינד וואָס ווערט געגליכען צו צוויי מענשען, און ווער זיינען זיי? משה און אהרן, ווי עס שטעהט21): „משה און אהרן צווישען זיינע כהנים און שמואל צווישען די וואָס רופֿען זיין נאָמען", און די רבנן זאָגען: „אַ קינד פֿון מענשען"—אַ קינד וואָס איז ניט באַמערקבאַר אונטער מענשען. אַז רב דימי איז געקומען, האָט ער ערקלעהרט22): ניט צו לאַנג און ניט צו קורץ און ניט צו קליין און ניט צו פֿעט און ניט צו רויט און ניט צו בלייך און ניט צו קלוג און ניט צו נאַריש. „איך בין די פֿרוי וואָס איז דאָ געשטאַנען מיט דיר"23), האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט: פֿון דאַנען איז גענומען אַז מען טאָר ניט זיצען אין די ד' אמות פֿון תפלה24).

פירוש.

וואו עס האַנדעלט זיך ביי אַן עִיר הַנִּדַּחַת — אַ שטאָדט וואָס פֿאַלט אָפּ פֿון גאָט און געהט איבער צו עבודה זרה. 1) בַּת בְּלִיַּעַל, בְּנֵי בְלִיַּעַל. 2 און 3) שמואל א' א' י"ז, 4, 6, 17 און 20) דאָרט פסוק י"א. 5) דאָס וואָרט „צבאות" שטעהט צום ערשטען מאָל אין תנ"ך אין ערשטען קאַפּיטעל פֿון שמואל א'.— צבאות—מאַסען, אַרמייען, ד"ה די געזאַמטהייט און מאַסענהאַפֿ־טיגקייט פֿון אַלין וואָס עקזיסטירט. 7) דער דרש איז געבויט דערויף וואָס עס שטעהט דאָרט צווייאָמאָל זעהן, רָאֹה תִרְאֶה, וועלכעס שטעהט אָבער נאָר צוליעב דער באַטאָנונג, ווי אומעטום אין העבּרעאיש וואו דער אינפֿיני־טיוו שטעהט פֿאַרן באַשטימטען ווערב ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ באַטאָנונג, ווי נָתוֹן תִּתֵּן — דו זאָלסט געבען (דברים ט"ו י') א.א. 8) און זיין בִּיחידות מיט אַן אַנדער מאַן, כדי אלקנה זאָל איהר חושד זיין אין זנות מיט יענעם מאַן. 9) אַ פֿרוי וואָס איז פֿאַרדעכטיגט אין אונגעטרייאַשאַפֿט צו איהר מאַן (זעה „פירוש" ז. 57 נ"ס. 11). 10) במדבר ה' כ"ח. 11) און 13) דיזער פסוק מיינט. 12) די סוטה. 14) ד"ה טאָ וואָס וואָלט חנה אויפֿ־געטהון מיט פֿאַרבעהאַלטען זיך? 15) סוטה כ"ו א', אָבער דאָרט זיינען די נעמען פֿאַרוועקסעלט. 16) און עס איז ניט נויטיג צו מאַכען אַ דרש פֿון דאָס וואָס עס שטעהט דאָרט צוויי מאָל זעהן. 18) דער דרש איז געבויט אויף די עהנליכקייט פֿון אַמְהוֹת — דינסטען און מיתות — טויט. אַן אַנדער וואָרט־שפּיעל איז בְּדְקֵי — פּראָבעס און דִּבְקֵי—סבות, צוטשעפּעניש. 19) אין דער פֿאָרלעצטער משנה פֿון שבת פ"ב שטעהט נעמליך אַז „צוליעב דריי עבירות שטאַרבען פֿרויען ווען זיי געהען צו קינד, ווייל זיי היטען ניט אָפּ נדה אָדער חלה נעהמען אָדער ליכט בענשען". 21) תהלים צ"ט ו'. 22) דאָס וואָס די רבנן האָבען געמיינט. 23) שמואל א' א' כ"ו. 24) ד"ה פֿון דעם וואָס שטעהט שמונה עשרה. לויט „תשובות הגאונים" איז נאָר געמיינט אַז מען זיצט לעדיג, אָבער אַז

זעלבסט טאָר מען ניט מתיר נדר זיין, אָבער אַנדערע מעגען דאָס פֿאַר איהם טהון", און שמואל האָט געזאָגט: דאָס לערנט אַז ער האָט זיך מוסר נפש געווען פֿאַר זיי, וואָרום עס שטעהט 1): „און אויב ניט, טאָ מעק מיך אויס פֿון דיין בוך". רבא האָט געזאָגט אַז רב יצחק האָט געזאָגט: דאָס לערנט אַז ער האָט פֿעראורזאַכט אַז עס זאָל פֿאַלען אויף זיי די מדה פֿון רחמים 2), און די רבנן האָבען געזאָגט: דאָס לערנט אַז משה האָט געזאָגט פֿאַרן קב"ה: רבש"ע, עס וואָלט געווען ניט שעהן פֿאַר דיר צו טהון אַזאַ זאַך. „ויחל משה את פני ה'" 3), ווערט אין אַ בריתא געלערנט: ר' אלעזר הגדול 4) זאָגט: דאָס לערנט אַז משה איז געשטאַנען און האָט געבעטען פֿאַרן קב"ה ביז עס האָט איהם אָנגענומען אַ פֿיבער (אחילו). וואָס איז אחילו? האָט ר' אלעזר געזאָגט: אַ פֿייער אין די ביינער. וואָס איז אַ פֿייער אין די ביינער? האָט אביי געזאָגט: אַ פֿייער אין די ביינער 5). — „געדענק 6) אברהם, יצחק און ישראל דיינע קנעכט צו וועלכע דו האָסט געשוואָרען ביי זיך זעלבסט". וואָס מיינט „ביי זיך זעלבסט"? האָט ר' אלעזר געזאָגט: משה האָט (נעמליך) געטענהט פֿאַרן קב"ה: רבש"ע, וואָלסטו צו זיי געשוואָרען ביי הימעל און ערד, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַזוי ווי הימעל און ערד וועלען (אַמאָל) בטל ווערען, אַזוי קען אויך דיין שבועה בטל ווערען, אָבער וויבאַלד דו האָסט צו זיי געשוואָרען ביי דיין גרויסען נאָמען, איז דאָך אַזוי ווי דיין גרויסער נאָמען וועט לעבען און עקזיסטירען פֿאַר אייביג און אייביג, אַזוי מוז דיין שבועה עקזיסטירען פֿאַר אייביג און אייביג.—„און 7) דו האָסט גערעדט צו זיי: איך וועל פֿאַרמעהרען אייערע קינדער ווי די שטערען אין הימעל, און דאָס גאַנצע לאַנד וואָס איך האָב געזאָגט". פֿאַר וואָס, „וואָס איך האָב געזאָגט"? עס האָט דאָך געדאַרפֿט שטעהן „וואָס דו האָסט געזאָגט 8)"! האָט ר' אלעזר געזאָגט: ביז דאַנען זיינען די רייד פֿון דעם תלמיד 9), פֿון דאַנען און ווייטער זיינען די רייד פֿון דעם רבי 10); רבִ שמואל בר נחמני אָבער האָט געזאָגט: ביידע זיינען די רייד פֿונם תלמיד, נאָר משה האָט אַזוי געטענהט פֿאַרן קב"ה: רבש"ע, די ווערטער וואָס דו האָסט מיר געזאָגט: געה און זאָג דאָס די אידען אין מיין נאָמען! בין איך געגאַנגען און האָב זיי דאָס געזאָגט אין דיין נאָמען, טאָ וואָס זאָל איך איצט זאָגען? —„מִבִּלְתִּי 11) יְכֹלֶת ה'" (ווייל גאָט האָט ניט געקענט)", עס האָט דאָך געדאַרפֿט שטעהן „יָכֹל ה'"! האָט ר' אלעזר געזאָגט: משה האָט (נעמליך) געטענהט פֿאַרן קב"ה: רבש"ע, די אומות העולם וועלען דאָך איצט זאָגען: ער איז שוואַך געוואָרען ווי אַ נקבה 12) און קען ניט (מעהר) ראַטעווען! האָט דער קב"ה געזאָגט צו משה: מען האָט דאָך אָבער געזעהן די נסים און גבורות וואָס איך האָב זיי באַוויזען אויפֿן ים! האָט ער איהם געענטפֿערט: רבש"ע, אָבער מען וועט דאָך זאָגען: איין קעניג 13) האָט ער געקענט בייקומען, אָבער איין און דרייסיג קעניגע 14) האָט ער טאַקע ניט געקענט בייקומען.—ר' יוחנן האָט געזאָגט: פֿון וואַנען איז גענומען אַז דער קב"ה האָט נאָכהער מודה געווען ו משה? ווייל עס שטעהט 15): „און גאָט האָט געזאָגט: איך האָב פֿאַרגעבען, לויט דיינע רייד". אין ר' ישמעאל'ס ישיבה האָט מען געלערנט: „לויט דיינע רייד" וועלען אַמאָל זאָגען די אומות העולם: וואָהל איז דעם תלמיד וואָס זיין רבי איז מודה צו איהם. „אָבער 16) אַזוי וואהר ווי איך לעב", האָט רבא געזאָגט אַז רב יצחק האָט געזאָגט: דאָס לערנט אַז דער קב"ה האָט געזאָגט צו משה: משה, דו האָסט מיך מחיה געווען מיט דיינע רייד! — ר' שמלאי האָט גערדרשנט: אַ מענש זאָל תמיד צוערשט אויסרעכענען די שבחים פֿון קב"ה און נאָכהער זאָל ער בעטען. פֿון וואַנען איז דאָס גענומען? פֿון משה, ווארום עס שטעהט געשריבען 17): „און איך האָב זיך געבעטען ביי גאָט צו יענער צייט", און ווייטער שטעהט: „אָ גאָט, דו האָסט אָנגעהויבען צו ווייזען דיין קנעכט דיין גרויסקייט און דיין שטאַרקע האַנד, ווארום וואו איז אַ גאָט אין הימעל אָדער אויף דער ערד וואָס זאָל קענען אויפֿטהון דיינע מעשים און דיינע גבורות", און ערשט נאָכדעם שטעהט: „לאָז מיך אַריבערגעהן און זעהן דאָס גוטע לאַנד אא"וו".

(סימן 18): מעשים, צדקה, קרבן, כהן, תענית, שלאָס, אייזען:)

פירוש.

1) שמות ל"ב ל"ב. 2) ד"ה זיי זאָלען ניט געמשפט ווערען נאָך זייער פֿאַרדיענסט, נאָר גאָט זאָל אויף זיי רחמנות האָבען. 3) אין מינכענער כ"י פֿעהלט עס, און מיט רעכט. 4) ר' אליעזר בן הורקנוס, אַ תלמיד פֿון ר' יוחנן בן זכאי און אַן איידעם פֿון רבן שמעון בן גמליאל. 5) אביי גיט דאָ ניט קיין ערקלעהרונג נאָר אַן אַראַמעיִשע איבערזעצונג (אֶשָּׁתָא דְגַרְמֵי) פֿון אֵשׁ שֶׁל עֲצָמוֹת, ווי ר' אלעזר ערקלעהרט אֲחִילוּ. 6) שמות ל"ב י"ג. 7) דאָרט. 8) ווייל משה האָט דאָך בלויז ציטירט גאָט'ס רייד. 9) משה. 10) גאָט, ד"ה פֿון „וואָס איך האָב געזאָגט" איז גאָט'ס רייד. 11) במדבר י"ד ט"ז. 12) דער דרש איז געבויט דערויף וואָס עס שטעהט יכלת און תיו איז די ענדונג פֿון ווייבליכע סובסטאַנטיווען אין אָפּהענגיגקייט פֿון אַן אַנדער כובסטאַנטיוו, ווי פָּרָה—אַ קוה, פָּרַת—די קוה פֿון... דאָס איז אָבער נאָר אַ דרש, און דער טעקסט איז גראַמאַטיש ריכטיג („מבלתי יכל ה'" וואָלט גראַמאַטיש ניט געווען גאַנץ ריכטיג), ווייל יכלת איז אַ סובסטאַנטיוווירטער ווערב און בעדייטעט מעגליכקייט, ד"ה ווערטליך איבערזעצט: „צוליעב דער אונמעגליכקייט פֿון גאָט". 13) פרעה. 14) אין וועמענס בעזיין ארץ ישראל איז דאַמאָלס געווען און וועלכע די אידען האָבען געמוזט באַזיעגען בעפֿאָר זיי האָבען דאָס לאַנד בעקומען (זעה יהושע י"ב ט'—כ"ד). 15) במדבר י"ד כ'. 16) דאָרט פסוק כ"א. 17) דברים ג' כ"ג, כ"ד און כ"ה.

18) דיזע מנעמאָנישע סימנים קומען אָפֿט פֿאָר אין דער גמרא פֿאַר אַ רייהע פֿון מאמרים, געוועהנליך קורצע, פֿון איין תנא אָדער אמורא, אויב זיי האָבען אַ געוויסען צוזאַמענהאַנג מיט אייגאַנדער, אָדער פֿון פֿאַרשיעדענע תנאים און אמוראים, אויב זיי באַציהען זיך אויף דעמזעלבען ענין, אָדער פֿאַר אַ רייהע פֿון קושיות וואָס אייגער פֿרעגט אויף דעם אַנדערן. די סימנים באַשטעהען ענטוועדער פֿון גאַנצע ווערטער, ווי דאָ, וועלכע כאַראַקטעריזירען געוועהנליך דעם אינהאַלט פֿון יעדען מאמר, אָדער פֿון בלויז ראשי תיבות פֿון דיזע ווערטער, ווי פנ"ך עכ"ס (זעה שבת כ"ה א') א"א. דאָס וואָרט „סימן" שטעהט געוועהנליך נאָך די סימנים, מאַנכעסמאָל אָבער פֿאַר זיי, ווי דאָ. דער סדר פֿון די סימנים, איז אָפֿט

לייענט מען אַן עין פֿאַר אַן אלף און אַן אלף פֿאַר אַן עין. אין ר׳ ינאי׳ס ישיבה האָט מען געזאָגט: פֿון דאַנען1): „וְדִי זָהָב". וואָס מיינט „ודי זהב"? האָט מען אין ר׳ ינאי׳ס ישיבה געזאָגט: אַזוי האָט משה געטענהט פֿאַרן קב"ה: רבש"ע, צוליעב דער מאַסע פֿון זילבער און גאָלד וואָס דו האָסט אָנגעגעבען ישראל אַז זיי האָבען שוין געזאָגט „גענוג"! איז אַרויסגעקומען אַז זיי האָבען געמאַכט דעם עגל! אין ר׳ ינאי׳ס ישיבה האָט מען (דאָס נעמליך) ערקלעהרט: אַ לייב ברומט ניט פֿאַר אַ קאָרב מיט שטרוי נאָר פֿאַר אַ קאָרב מיט פֿלייש. ר׳ אושעיא האָט געזאָגט: דאָס איז געגליכען צו איינעם וואָס האָט געהאַט אַ מאָגערע בהמה אָבער מיט ברייטע ביינער; האָט ער איהר גענומען קאָרמענען מיט וויקע, האָט זי אָנגעהויבען איהם צו בריקעווען. האָט ער איהר געזאָגט: וואָס האָט גורם געווען אַז דו זאָלסט מיך בריקעווען אַז ניט די וויקע מיט וועלכע איך האָב דיך אָנגעקאָרמעט! ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דאָס איז געגליכען צו אַ מענש וואָס האָט געהאַט אַ זוהן; האָט ער איהם אַרומגעוואַשען און פֿאַרפֿומירט און האָט איהם געגעבען גוט צו עסען און צו טרינקען און האָט איהם אָנגעהאָנגען אַ בייטעל (מיט געלד) אויפֿן האַלז און האָט איהם אַוועקגעזעצט ביי דער טהיר פֿון זונות. טאָ וואָס זאָל דער דאָזיגער זוהן טהון אַז ניט זינדיגען?! רב אחא דער זוהן פֿון רב הונא האָט געזאָגט אַז רב ששת האָט געזאָגט: אָט דאָס מיינט וואָס מענשען זאָגען: אַ פֿולער בויך ערגעהרט שלעכטס! ווי עס שטעהט2): „פֿאַשענדיג זיך זיינען זיי זאַט געוואָרען, און אַז זיי זיינען זאַט געוואָרען זיינען זיי ביי זיך געהויבען געוואָרען, דערפֿאַר האָבען זיי מיך פֿאַרגעסען". רב נחמן זאָגט: פֿון דאַנען3): „און אַז דו וועסט ביי זיך געהויבען ווערען און וועסט פֿאַרגעסען גאָט", און די רבנן זאָגען: פֿון דאַנען4): „און אַז ער וועט זיך זאַט אָנעסען און פֿעט ווערען וועט ער זיך אָפּקעהרען"; און אַז מען וויל קען מען זאָגען: פֿון דאַנען5): „און אַז ישורון6) איז פֿעט געוואָרען האָט ער זיך געבריקעוועט". ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט אַז ר׳ יונתן האָט געזאָגט: פֿון וואַנען איז גענומען אַז דער קב"ה האָט נאָכהער מודה געווען צו משה? ווארום עס שטעהט7): „און מיט זילבער האָב איך זיי אָנגעפֿילט און מיט גאָלד, האָבען זיי דערפֿון געמאַכט אַ געץ".

„און8) גאָט האָט גערעדט צו משה: געה אַרונטער!" וואָס מיינט „געה אַרונטער!"? האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: דער קב"ה האָט געזאָגט צו משה: געה אַרונטער פֿון דיין גדולה! ווארום איך האָב דיר דאָך נאָר געגעבען גדולה צוליעב ישראל, אָבער איצט אַז זיי האָבען געזינדיגט, טאָ וואָס דאַרף איך דיך? איז משה גלייך אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרען אַז ער האָט ניט געהאַט קיין כח צו רעדען; אָבער ווי ער9) האָט געזאָגט10): „לאָז מיך אָפּ און איך וועל זיי פֿאַרניכטען", האָט משה (צו זיך) געזאָגט: (הייסט עס אַז) דאָס העננט אָפּ פֿון מיר! האָט ער זיך גלייך אַוועקגעשטעלט און זיך געשטאַרקט מיט תפלה און האָט געבעטען רחמים. דאָס איז געגליכען צו אַ קעניג וואָס איז געוואָרען אין כעס אויף זיין זוהן און האָט איהם שטאַרק געשלאָגען. איז זיין פֿריינד געזעסען דערביי און האָט מורא געהאַט אַ וואָרט צו זאָגען, (אָבער אַז) דער קעניג האָט זיך אָנגערופֿען: אַז מיין פֿריינד וואָלט דאָ ניט געזעסען וואָלט איך דיך דערהרגעט! האָט ער (צו זיך) געזאָגט: (הייסט עס אַז) דאָס העננט אָפּ פֿון מיר! איז ער גלייך אויפֿגעשטאַנען און האָט איהם אָפּגעראַטעוועט. — „און11) איצט לאָז מיך אין רוה און מיין צאָרן וועט זיך אויף זיי אָנצינדען און איך וועל מאַכען אַ סוף צו זיי און איך וועל פֿון דיר מאַכען אַ גרויס פֿאָלק אא"וו", האָט ר׳ אבהו געזאָגט: אַז דאָס וואָלט ניט געווען קיין בפירושער פסוק וואָלט מען דאָס ניט געקענט זאָגען. דאָס לערנט אַז משה האָט אָנגעכאַפּט דעם קב"ה ווי אַ מענש כאַפּט אָן זיין חבר ביי זיין בגד און האָט געזאָגט צו איהם: רבש"ע, איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען סיידען דו וועסט זיי מוחל זיין און פֿאַרגעבען. — „און איך וועל פֿון דיר מאַכען אַ גרויס פֿאָלק אא"וו", האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: משה האָט (נעמליך) געטענהט פֿאַרן קב"ה: רבש"ע, מה דאָך אַז אַ שטוהל פֿון דריי פֿיס12) קען זיך ניט האַלטען פֿאַר דיר בשעת דו ווערסט אין כעס, ווערט דאָך אַ שטוהל פֿון איין פֿוס13) אידאי און אודאי זיך ניט האַלטען! און אַחוץ דעם, שעהם איך זיך דאָך פֿאַר מיינע עלטערן, (ווארום) זיי וועלען דאָך זאָגען: זעהט, וואָס פֿאַר אַ פֿאָרשטעהער ער האָט זיי געגעבען! ער האָט געוואָלט אַליין גרויס ווערען, האָט ער ניט געבעטען קיין רחמים אויף זיי! — „און14) משה האָט געבעטען פֿאַר גאָט", האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: דאָס לערנט אַז משה איז געשטאַנען און האָט געבעטען פֿאַרן קב"ה ביז ער האָט איהם פֿאַרמאַטערט, און רבא האָט געזאָגט: ביז ער האָט איהם מתיר נדר געווען15), (ווייל) דאָ שטעהט „ויחל" און דאָרט שטעהט16): „ער זאָל זיין וואָרט ניט צערשטערען (יַחֵל)", און דער רבי האָט געזאָגט17): זיך

פירוש.

אידען האָבען זיך באַקלאָגט אויף גאָט און האָבען דאַדורך זיין צאָרן ערוועגט. לויט דעם דרש האָט משה געוויסערמאַסען גערעכטפֿאַרטיגט די טענות פֿון די אידען 1) דברים א׳ א׳.—משה לעגט די פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿאַרן עגל אויף גאָט זעלבסט. דער דרש איז געבויט דערויף וואָס מיר געפֿינען אין גאַנץ תנ"ך ניט אַ פלאַץ מיטן נאָמען „די זהב". — דַי—גענוג, זָהָב—גאָלד. 2) הושע י"ג ו׳. 3) דברים ח׳ י"ד, דער פֿריהערדיגער פסוק רעדט פֿון רייכטימער. 4) דאָרט ל"א כ׳. 5) דאָרט ל"ב ט"ו, 6) אַן אַנדער קאָלעקטיוו נאָמען פֿאַר אידען, ווי צב"ש ישראל א"א. 7) הושע ב׳ י׳.

8) שמות ל"ב ז׳. 9) גאָט. 10) דברים ט׳ י"ד. 11) שמות ל"ב י׳. 12) אברהם, יצחק און יעקב. 13) משה אַליין. 14) שמות ל"ב י"א.—די פֿאָלגענדע דרשות זיינען וואָרטשפּיעלען געגרינדעט אויף די פֿאַרשיעדענע בעדייטונגען וואָס דער שורש חל (ויחל—און ער האָט געבעטען) קען האָבען: חלה—קראַנק ווערען, מיעד זיין, חלל—צערשטערען, דערשלאָגען זיין, חול—פֿאַלען, רוהען, חול—וואָכענדיג, ניט-הייליג, חיל—ציטערן. 15) ד"ה דעם נדר וואָס גאָט האָט געטהון צו פֿאַרניכטען די אידען. 16) במדבר ל׳ ג׳, אין דער פרשה פֿון נדרים. 17) חגיגה י׳ א׳.

ד"ה זיי שטאַרק אין דער תורה און פֿעסט אין מעשים טובים. פֿון וואַנען איז דאָס גענומען ביי תפלה? ווייל עס שטעהט: „האָף צו גאָט, זיי שטאַרק און ערמוטיג דיין האַרץ און האָף צו גאָט". פֿון וואַנען איז דאָס גענומען ביי דרך ארץ? ווייל עס שטעהט 1): „לאָמיר זיך גוט שטאַרקען פֿאַר אונזער פֿאָלק אא"וו".

„און 2) ציון האָט געזאָגט: גאָט האָט מיך פֿאַרלאָזען און גאָט האָט מיך פֿאַרגעסען". פֿאַרלאָזען איז דאָך דאָס־זעלבע וואָס פֿאַרגעסען 3)?! האָט ריש לקיש געזאָגט: די כנסת ישראל האָט (נעמליך) געטענהט פֿאַרן קב"ה: רבש"ע, אַז אַ מענש נעהמט אַ פֿרוי נאָך זיין ערשטער פֿרוי געדענקט ער פֿונדעסטוועגען די מעשים פֿון דער ערשטער, אָבער דו האָסט מיך אי פֿאַרלאָזען אי פֿאַרגעסען. האָט איהר דער קב"ה געענטפֿערט: טאָכטער מיינס, צוועלף מזלות 4) האָב איך בעשאַפֿען אין הימעל און פֿאַר יעדען מזל האָב איך בעשאַפֿען דרייסיג אַרמייען און פֿאַר יעדע אַרמיי האָב איך בעשאַפֿען דרייסיג לעגיאָנען און פֿאַר יעדען לעגיאָן האָב איך בעשאַפֿען דרייסיג סקוואַדראָנען און פֿאַר יעדען סקוואַדראָן האָב איך בעשאַפֿען דרייסיג קאָהאָרטען 5) און אויף יעדע קאָהאָרטע האָב איך בעשאַפֿען דרייסיג לאַגערן און אין יעדען לאַגער האָב איך אויפֿגעהענגט דריי הונדערט און פֿינף און זעכציג צעהנדליג מיליאָנען שטערען, אַנטקעגען די זונניאָהרען 6), און דאָס אַלץ האָב איך נאָר צוליעב דיר בעשאַפֿען, און דו טענהסט: דו האָסט מיך פֿאַרלאָזען און האָסט מיך פֿאַרגעסען! — „פֿאַרגעסט 7) אַ פֿרוי איהר זויג קינד?" דער קב"ה האָט (נעמליך) געזאָגט: ווי קען איך פֿאַרגעסען די עולות 8) פֿון די באַראַנעס און די בכורים וואָס דו האָסט פֿאַר מיר מקריב געווען אין דער מדבר! רופֿט זי זיך אָפּ צו איהם: רבש"ע, אָבער וויבאַלד עס איז ניטאָ קיין פֿאַרגעסענהייט פֿאַר דעם טהראָן פֿון דיין הערליכקייט, טאָמער וועסטו מיר ניט פֿאַרגעסען די געשיכטע מיט דעם עגל? האָט ער איהר געענטפֿערט: „אויך דאָס וועל איך דיר פֿאַרגעסען". רופֿט זי זיך ווידער אָפּ צו איהם: רבש"ע, אָבער וויבאַלד עס איז יאָ דאָ פֿאַרגעסענהייט פֿאַר דעם טהראָן פֿון דיין הערליכקייט, טאָמער וועסטו מיר פֿאַרגעסען דאָס וואָס האָט פּאַסירט אויפֿ'ן (באַרג) סיני? האָט ער איהר געענטפֿערט: „און איך 10) וועל דיך ניט פֿאַרגעסען". און דאָס איז וואָס ר' אלעזר האָט געזאָגט אַז ר' אושעיא האָט געזאָגט: דאָס וואָס שטעהט „אויך דאָס וועל איך דיר פֿאַרגעסען" איז די געשיכטע מיט'ן עגל, „און איך וועל דיך ניט פֿאַרגעסען" איז דאָס וואָס האָט פּאַסירט אויפֿ'ן (באַרג) סיני.

„די פארצייטיגע חסידים פלעגען וואַרטען איין שעה".

פֿון וואַנען איז דאָס גענומען 11)? האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט: (ווייל) דער פסוק זאָגט 12): „וואָהל איז צו די וואָס זיצען אין דיין הויז". וויטער האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט: דער וואָס דאַווענט דאַרף וואַרטען איין שעה נאָכ'ן דאַווענען, וואָרום עס שטעהט 13): „נאָר צדיקים דאַנקען דיין נאָמען, עס זיצען די גערעכטע פֿאַר דיר". — אין אַ ברייתא ווערט אויך געלערנט: דער וואָס דאַוונט דאַרף וואַרטען איין שעה פֿאַרן דאַווענען און איין שעה נאָכן דאַווענען. פֿון וואַנען איז גענומען אַז פֿאַרן דאַווענען? ווייל עס שטעהט: „וואָהל איז צו די וואָס זיצען אין דיין הויז". און פֿון וואַנען איז גענומען אַז נאָכן דאַווענען? ווייל עס שטעהט: „נאָר צדיקים דאַנקען דיין נאָמען, עס זיצען די גערעכטע פֿאַר דיר". — די רבנן האָבען געלערנט: די פֿאַרצייטיגע חסידים פֿלעגען וואַרטען איין שעה און דאַווענען איין שעה און נאָכהער ווידער וואַרטען איין שעה. אָבער וויבאַלד זיי פֿלעגען זיך פֿאַרווייל בייס דאַווענען ניין שעה אין טאָג 14), טאָ ווי אַזוי האָט זיך זייער תורה ביי זיי געקענט האַלטען און ווי אַזוי איז זייער אַרבייט אָפּגעטהון געוואָרען? נאָר ווייל זיי זיינען געווען חסידים האָט זיך זייער תורה ביי זיי געהאַלטען און זייער אַרבייט איז געבענשט געוואָרען.

„אפילו אז דער קעניג גריסט איהם זאל ער איהם ניט ענטפערן".

רב יוסף האָט געזאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט ביי אידישע מלכים, אָבער ביי די מלכים פֿון די אומות העולם מעג ער מפסיק זיין 15). האָט מען דערויף געפֿרעגט: אַז איינער דאַווענט און זעהט אַז אַ גזלן אָדער אַ וואָגען קומט אַנטקעגען זאָל ער ניט אויפֿהערען, נאָר ער זאָל מקצר זיין און אַוועקגעהן 16)! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז אויב ער קען מקצר זיין (זאָל

פירוש.

א׳ ז׳. 1) שמואל ב׳ י׳ י"ב, דאָרט האַנדעלט זיך וועגען פֿאַרטיידיגען דאָס לאַנד.

2) ישעיה מ"ט י"ד. — דיזער מאמר קומט דאָ צוליעבן סוף וועלכער שטאַמט אויך פֿון ר׳ אלעזר און האָט אַ שייכות מיט די פֿריהערדיגע מאמרים וועגען משה. 3) טאָ וואָס דאַרפֿען ביידע אויסדריקע שטעהן? 4) די אין דער אַסטראָנאָמיע בעקאַנטע 12 „שטערנבילדער פֿון דעם טיער קרייז" פֿון וועלכע די עקליפּטיק — דער שיינבאַרער יעהרליכער קרייז פֿון דער זון — באַשטעהט. 5) דיזע איינטיילונג ריכטעט זיך נאָך דער רוימישער מיליטער איינטיילונג. 6) וועלכע באַשטעהען פֿון 365 טעג. 7) ישעיה מ"ט ט"ו. 8) דער דרש איז געבויט אויף אַ וואָרט־שפּיעל: עול — זויג קינד, עוֹלָה — אַ קרבן וואָס ווערט אין גאַנצען פֿאַרברענט. 9) און 10) דער סוף פֿון דעם פסוק אין ישעיה. — לויט רש"י איז דאָס (אֵלֶּה) אַ רמז אויפֿ'ן עגל, ווען זיי האָבען געזאָגט: „דאָס איז דיין גאָט, ישראל" (שמות ל"ב ד׳), און איך (אָנֹכִי) אַ רמז אויף מתן תורה, ווייל די עשרת הדברות הייבען זיך אָן מיט „אנכי".

11) אַז מען דאַרף וואַרטען פֿאַרן דאַווענען. 12) תהלים פ"ד ה׳, דער סוף פֿון פסוק איז: „זיי וועלען דיך נאָך אייביג לויבען", (אין דעם מינכענער כ"י שטעהט דער פסוק אין גאַנצען), אַלזאָ פֿריהער קומט זיצען און נאָכהער לויבען. דער שורש ישב דריקט אויס לאַנג בלייבען אויף אַ פלאַץ. 13) דאָרט ק"מ י"ד. דאָ שטעהט פֿאַרקעהרט פֿריהער דאַנקען און נאָכהער זיצען. 14) דריי שעה ביי יעדער תפלה.

15) אַ אידישער מלך וועט פֿאַרשטעהן פֿאַר וואָס ער האָט ניט געענטפֿערט און וועט איהם גאָר ניט טהון, אָבער אַ גוישער מלך וועט עס אָננעהמען פֿאַר אַ בעליידיגונג און וועט איהם הרגנען. 16) אם כן זעהען

(ב׳) ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: תפלה איז גרעסער פֿאַר מעשים טובים, ווארום מיר האָבען קיין גרעסערן ניט אין מעשים טובים פֿאַר משה רבינו און פֿונדעסטוועגען האָט מען איהם נאָר צוליעב תפלה געענטפֿערט, ווארום עס שטעהט 1): „רעד ניט מעהר צו מיר!" און נעבען דעם שטעהט: „געה אַרויף אויפֿן שפּיץ פֿון (באַרג) פסגה".—ווייטער האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: אַ תענית איז גרעסער פֿאַר צדקה. פֿאַר וואָס? ווייל דאָס איז מיטן גוף און יענעס איז (בלויז) מיט געלד.—ווייטער האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: תפלה איז גרעסער פֿאַר קרבנות, ווארום עס שטעהט 2): „וואָס טויג מיר די מאַסע פֿון אייערע אָפּפֿער?" און עס שטעהט 3): „און אפילו אַז איהר שפּרייט אויס אייערע הענד".—ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אַ כהן וואָס האָט געהרגעט אַ מענשען טאָר ניט דוכנען, ווארום עס שטעהט 4): „אייערע הענד זיינען פֿול מיט בלוט". — ווייטער האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: זייט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען זיינען די טויערן פֿון תפלה פֿאַרשלאָסען געוואָרען, ווארום עס שטעהט 5): „אפילו ווען איך שריי און יאָמער איז מיין תפלה פֿאַרשטאָפּט", אָבער הגם די טויערן פֿון תפלה זיינען פֿאַרשלאָסען געוואָרען זיינען אָבער די טויערן פֿון טרעהרען ניט פֿאַרשלאָסען, וואָרום עס שטעהט 6): „הער זיך צו, אָ גאָט, צו מיין תפלה און פֿאַרנעהם מיין יאָמער און צוליעב מיין טרעהר וועסטו ניט שטילשווייגען".—רבא פֿלעגט ניט גיזר תענית זיין אין אַ וואָלקענדיגען טאָג, צוליעב דעם וואָס עס שטעהט 7): „דו האָסט זיך פֿאַררעקט מיט אַ וואָלקען כדי קיין תפלה זאָל ניט דורכקומען". — ווייטער האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: זייט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַן אייזערנע וואַנד צווישען ישראל און זייער פֿאָטער אין הימעל, וואָרום עס שטעהט 8): „און דו נעהם דיר אַן אייזערנע פֿאַן און מאַך עס פֿאַר 9) אַן אייזערנע וואַנד צווישען דיר און דער שטאָדט" 10).

ר׳ חנין האָט געזאָגט אַז ר׳ חנינא האָט געזאָגט: דער וואָס איז מאריך אין זיין תפלה, קומט זיין תפלה ניט לעדיג צוריק. פֿון וואַנען נעהמען מיר דאָס? פֿון משה רבינו, וואָרום עס שטעהט 11): „און איך האָב מתפלל געווען צו גאָט" און נאָכהער שטעהט 12): „און גאָט האָט זיך צו מיר אויך דאָס מאָל צוגעהערט".—עס קען דאָך ניט זיין! ווארום ר׳ חייא בר אבא האָט דאָך געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דער וואָס איז מאריך אין זיין תפלה און קוקט אויס דערפֿאַר 13), וועט ער ענדליך קומען צו אַ וועהטאָג אין האַרצען 14), וואָרום עס שטעהט 15): „אַ פֿאַרשלעפּטע האָפֿנונג 16) איז אַ וועהטאָג אין האַרצען". און ווי קען ער דאָס פֿאַרריכטען? דערמיט וואָס ער איז זיך עוסק בתורה, וואָרום עס שטעהט 17): „אָבער (דורך דעם) בוים פֿון לעבען ווערט די האָפֿנונג ערפֿילט", און דער „בוים פֿון לעבען" מיינט קיין אַנדער זאַך ווי תורה, וואָרום עס שטעהט 18): „זי איז אַ בוים פֿון לעבען פֿאַר די וואָס האַלטען זיך פֿעסט אָן איהר"! — דאָס איז קיין קשיא ניט! (ווייל) דאָס איז אַז ער איז מאריך און קוקט אויס דערפֿאַר און יענעס איז אַז ער איז מאריך אָבער ער קוקט ניט אויס דערפֿאַר. — ר׳ חמא דער זוהן פֿון ר׳ חנינא האָט געזאָגט: אַז אַ מענש זעהט אַז ער האָט תפלה געטהון און מען האָט איהם ניט געענטפֿערט זאָל ער נאָך אַמאָל תפלה טהון, וואָרום עס שטעהט 19): „האָף צו גאָט, זיי שטאַרק און ערמוטיג דיין האַרץ 20) און האָף (ווייטער) צו גאָט".

די רבנן האָבען געלערנט: פֿיער זאַכען פֿאָרדערן אַז מען זאָל זיך אָן זיי פֿעסט האַלטען: תורה און מעשים טובים, תפלה און דרך ארץ 21). פֿון וואַנען איז דאָס גענומען ביי תורה און מעשים טובים? ווייל עס שטעהט 22): „זיי נאָר שטאַרק און זעהר פֿעסט אָפּצוהיטען און טהון גאַנץ נאָך דער תורה"

פירוש.

ניט אין איבעראיינשטימונג מיט דעם סדר פֿון די מאמרים גופא, אויך זיינען ניט שטענדיג די סימנים דאָס אַם מייסטען כאַראַקטעריסטישע פֿון די מאמרים, ווי דאָ צב"ש. אין תלמוד בבלי זיינען דאָ 156 אַזעלכע סימנים, וועהרענד אין ירושלמי פֿעהלען זיי לחלוטין. זייער ענטשטעהונגס געשיכטע און צייט איז שווער פֿעסטצושטעלען, אָבער לויט רש"י שטאַמען זיי נאָך פֿון די חכמי התלמוד (זעה עירובין נ"ד ב׳).

1) דברים ג׳ כ"ו און כ"ז, נאָך דער תפלה פֿון משה אַז גאָט זאָל איהם ערלויבען זעהן ארץ ישראל. 2) ישעיה א׳ י"א. 3) דאָרט פ׳ ט"ו. די פֿאָרטזעצונג פֿון פסוק איז: „פֿאַרשטעל איך מיינע אויגען פֿון אייך, אפילו אַז איהר וועט אַסך תפלה טהון וועל איך זיך ניט צוהערען". פֿון דער רבותא איז אַלזאָ אַ בעוייז אַז תפלה איז גרעסער. 4) דאָרט.—הגם שטאַמענדיג פֿון אַן אַנדערן קומט דאָ דיזער מאמר, ווייל ער באַהאַנדעלט דעמזעלבען פסוק. 5) איכה ג׳ ח׳. 6) תהלים ל"ט י"ג. — דער בעוייז ליעגט דעריין וואָס ביי טרעהרען איז אויסגעדריקט אַ געוויסע זיכערקייט, בעת אַז ביי תפלת איז דער אויסדרוק אַ געבעט (זעה „תוספות" בבא מציעא נ"ט א׳) ○). לויט רש"י איז עס דערפֿאַר וואָס עס שטעהט ניט „און זעה מיין טרעהר", אם כן איז דאָס אַ בעוייז אַז גאָט זעהט טרעהרען און מען דאַרף נאָר בעטען אַז ער זאָל זיי אָננעהמען. 7) איכה ג׳ מ"ד.—הגם ניט פֿון ר׳ אלעזר קומט דיזער מאמר דאָ צו ווייזען אַז רבא האָט ר׳ אלעזר׳ס רייד אויפֿגעפּאַסט אין אַ קאָנקרעטען זין.— שֶׁנֶּאֱמַר שטעהט געוועהנליך פֿאַר אַ ציטירטען פסוק, ווען ער איז ניט מעהר ווי אַן אסמכתא (זעה „פירוש" ז, 97 נומ. 29). מיר האָבען דאָס איבערזעצט מיט „צוליעב דעם וואָס עס שטעהט". 8) יחזקאל ד׳ ג׳. 9) אַ סימן פֿון, 0) ירושלים.

11) דברים ט׳ כ"ו. 12) דאָרט י׳ י׳. — אין דעם מינכענער כ"י ווערט אָנשטאָט דעם ערשטען פסוק ציטירט דער פסוק פֿאַר דעם, וואו משה רעדט פֿון בעטען פֿערציג טעג און פֿערציג נעכט, אָבער באמת זיינען ביידע פסוקים איבעריג, און דער בעסטער בעוייז איז פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון דעם צווייטען פסוק: „און איך בין געשטאַנען אויפֿ׳ן באַרג (אין געבעט) ווי אין דער ערשטער צייט פֿערציג טעג און פֿערציג נעכט". 13) ד"ה אַז צוליעב דעם וועט זיין בקשה ערפֿילט ווערען. — מְעַיֵּן פֿון עַיִן — אויג. 14) ווייל זי וועט ניט ערפֿילט ווערען. 15) משלי י"ג י"ב. 16) תּוֹחֶלֶת קען אויך בעדייטען געבעט, פֿונם שורש חלה (זעה „פירוש" ז, 118 נומ. 13). 17) אין דער אַנדערער העלפֿט פֿון דעם ציטירטען פסוק. 18) דאָרט ג׳ י"ח. 19) תהלים כ"ז י"ד. 20) אויב די ערשטע תפלה האָט ניט געהאָלפֿען.

21) דרך ארץ בעדייטעט אין דער גמרא גוטע זיטען, געשלעכטליכער פֿאַרקעהר און וועלטליכע באַשעפֿטיגונגען, ד"ה אַלץ וואָס געהערט צו דעם סאָציאַלען לעבען. היער האָט עס די לעצטע באַדייטונג. 22) יהושע

○) דאָ ווידערהאָלט „תוספות" כלויז רש"י׳ס ערקלעהרונג אָהנע עפּעס מוסיף צו זיין.

אין „חונן הדעת“[1]; ר׳[2] עקיבא זאגט: מען זאגט עס אלס א פערטע ברכה באזונדער; ר׳ אליעזר זאגט: אין „מודים“[3].

גמרא.

„מען דערמאָהנט ׳גבורות גשמים׳“, פאַרוואָס? האָט רב יוסף געזאָגט: ווייל דאָס איז געגליכען צו דער אויפלעבונג פון די טויטע[4], דערפאַר האָט מען עס אַריינגעשטעלט אין „תחית המתים“. „און די ׳שאלה׳ אין ׳ברכת השנים׳“, פאַר־וואָס? האָט רב יוסף געזאָגט: ווייל דאָס האָט אַ שיכות צו פרנסה, דערפאַר האָט מען עס אַריינגעשטעלט אין דער ברכה פאַר פרנסה. „׳הבדלה׳ אין ׳חונן הדעת׳“, פאַרוואָס? האָט רב יוסף געזאָגט: ווייל דאָס איז אַ חכמה[5], דערפאַר האָט מען עס אַריינגעשטעלט אין דער ברכה פאַר הכמה; די רבנן האָבען אָבער געזאָגט: ווייל דאָס האָט אַ שייכות מיט אום דער וואָכען, דערפאַר האָט מען עס אריינגעשטעלט אין דער ברכה פון אום דער וואָכען[6].

ר׳ אמי האָט געזאָגט: וויסען איז אַזוי גרויס אַז מען האָט עס אַריינגעשטעלט אין אָנפאַנג פון דער ברכה פון אום דער וואָכען. ווייטער האָט ר׳ אמי געזאָגט: וויסען איז אַזוי גרויס אַז עס שטעהט צווישען צוויי אותיות[7], וואָרום עס שטעהט[8]: „ווייל אַ גאָט פון וויסען איז גאָט“; און דער וואָס האָט קיין וויסען ניט טאָר מען אויף איהם קיין רחמנות ניט האָבען[9], וואָרום עס שטעהט[10]: „ווייל דאָס איז ניט קיין פאַרשטענדיג פאָלק, דערפאַר וועט אויף איהם זיין שעפער קיין רחמנות ניט האָבען“.—ר׳ אלעזר האָט גע־זאָגט: דער בית המקדש איז אַזוי גרויס אַז עס שטעהט צווישען צוויי אותיות, וואָרום עס שטעהט[11]: „דו האָסט געמאַכט, אָ גאָט, אַ מקדש, אָ גאָט“. ווייטער האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: אַז אַ מענש האָט וויסען איז דאָס ווי דער בית המקדש וואָלט אין זיין צייט געבויט געוואָרען, (ווייל) וויסען שטעהט צווי־שען צוויי אותיות (און) דער בית המקדש שטעהט צווישען צוויי אותיות. האָט רב אחא קרחינאה דאַגעגען אויסגעזעצט: אויב אַזוי, קומט דאָך אויס אַז נקמה איז אויך גרויס, ווייל עס שטעהט דאָך צווישען צוויי אותיות, וואָרום עס שטעהט[12]: „אַ גאָט פון נקמות איז גאָט“! האָט ער איהם געענט־פערט: יאָ, אין אַ געוויסער הינזיכט איז דאָס טאַקע גרויס, און דאָס איז וואָס עולא האָט געזאָגט: דיזע צוויי נקמות[13] צו וואָס זיינען זיי? איינע צו גוטען און די אַנדערע צו שלעכ־טען: צו גוטען, וואָרום עס שטעהט[14]: „ער איז ערשיע־נען פון דעם באַרג פארן“[15], צו שלעכטען, וואָרום עס שטעהט: „אַ גאָט פון נקמות איז גאָט, דער גאָט פון נקמות איז ערשיענען“[16].

„ר׳ עקיבא זאָגט: מען זאגט עס אלס א פערטע ברכה אאו״ו.

רב שמן בר אבא האָט געזאָגט צו ר׳ יוחנן: אַ יאָ, די אנשי כנסת הגדולה האָבען מתקן געווען פאַר אידען ברכות און תפלות, קדושות און הבדלות, טאָ לאָמיר זעהן וואו זיי האָבען דאָס[17] מתקן געווען[18]! האָט ער איהם געענט־פערט: צוערשט[19] האָבען זיי דאָס אַריינגעשטעלט אין דער שמונה עשרה, אַז זיי זיינען רייך געוואָרען[20] האָבען זיי דאָס מתקן געווען איבער אַ כוס[21], און אַז זיי זיינען (ווידער) אָרים געוואָרען האָבען זיי עס ווידער אַריינגע־שטעלט אין דער שמונה עשרה[22], און (דערפאַר) האָבען זיי געזאָגט אַז דער וואָס מאַכט הבדלה אין דער ש״ע דאַרף נאָך מאַכען הבדלה איבער אַ כוס. — עס איז אויך געזאָגט געוואָרען אַז ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: די אנשי כנסת הגדולה האָבען מתקן געווען פאַר אידען ברכות און תפלות, קדושות און הבדלות; צוערשט האָבען זיי דאָס אַריינגעשטעלט אין דער ש״ע, אַז זיי זיינען רייך געוואָרען האָבען זיי דאָס מתקן געווען איבער אַ כוס, און אַז זיי זיינען (ווידער) אָרים געוואָרען האָבען זיי עס ווידער אַריינגעשטעלט אין דער ש״ע, און (דערפאַר) האָבען זיי געזאָגט אַז דער וואָס מאַכט הבדלה אין דער ש״ע דאַרף נאָך מאַכען הבדלה איבער אַ כוס. רבא האָט געזאָגט: און מיר האָבען געפרעגט געגען דיזע הלכה[23]: „אַז איינער האָט אַ טעות און דערמאָהנט ניט „גבורות גשמים“ אין „תחית המתים“ אָדער די „שאלה“ אין „ברכת השנים“ מאַכט מען איהם איבערזאָגען, אָבער „הבדלה“ אין „חונן הדעת“ מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען, ווייל ער קען דאָך דאָס זאָגען איבער אַ כוס“[24]!—זאָג ניט „ווייל ער קען דאָך דאָס

פירוש.

1) זעה „פירוש“ ז. 96 נומ. 17—22. 2) זעה ז. 107 און „פירוש“ דאָרט נומ. 22. 3) פאַר דער שלוס ברכה פון „מודים“ („רבינו יונה“).

4) ד״ה ווייל דורכן רעגען לעבען אויף די פון דער היץ האַלב אָפ־געטטאָרבענע פלאַנצען. 5) ד״ה ווייל נאָר דער וואָס האָט וויסען אָדער שכל קען אונטערשיידען צווישען הייליג און פראָפאַן אא״וו. 6) ד״ה אַזוי ווי נאָכדעם ווי מען זאָגט „אתה חוננתנו“ הייבט זיך שוין אָן אום דער וואָכען, דערפאַר זאָגט מען עס אין דער פערטער ברכה וואָס איז די ערשטע פון די ברכות וואָס מען זאָגט נאָר אום דער וואָכען.

7) נעמען פון גאָט. 8) שמואל א׳ ב׳ ג׳. 9) דאָס איז נאַטירליך נאָר אַ רעדענס אַרט און איז ניט געמיינט ווערטליך. 10) ישעיה כ״ז י״א. 11) שמות ט״ו י״ז. 12) תהלים צ״ד א׳. 13) וואָס שטעהען דאָרט אין פסוק. 14) דברים ל״ג ב׳. 15) סיני, צו געבען די אידען די תורה. 16) אין דעם פסוק שטעהט צווייטאָל דאָס וואָרט „נקמות“ און איינמאָל דאָס וואָרט „הופיע“ (ער איז ערשיענען) וועלכעס באַציהט זיך אויף ביידע. דאָס ערשטע „נקמות“ שטעהט צווישען צוויי אותיות און אַזוי ווי דאָס מיינט צוליעב דעם צו גוטען באַציהט זיך דאָס אויף „ערשיענען“ פון דברים ל״ג ב׳, און דאָס צווייטע וועלכע שטעהט ניט צווישען צוויי אותיות מיינט צו שלעכטען, נעמליך אַז גאָט איז ערשיענען צו באַשטראָפען די וואָס אונטערדריקען די אָרימע פון פאָלק, פון וועלכע עס רעדט זיך אין יענעם קאַפיטעל פון תהלים.

17) הבדלה. 18) און ווי קומט עס וואָס ר׳ עקיבא און ר׳ אליעזר זיינען מחולק אין אונזער משנה? 19) קומענדיג פון בבל און זייענדיג אָרים. 20) די אידען, און האָבען זיך געקענט ערלויבען צו טרינקען וויין. 21) און מען האָט אויפגעהערט צו זאָגען דאָס אין דער ש״ע. 22) און בינו לבינו איז פאַרגעסען געוואָרען וואו מען דאַרף דאָס זאָגען. 23) פון תוספתא פ״ג; זעה אויך ז. 96 און 106. 24) אם כן איז עס דאָך נאָר

ער מקצר זיין, און אויב ניט מעג ער מפסיק זיין1).— די רבנן האבען געלערנט: עס האט פאסירט אז א חסיד האט געדאווענט אויפן וועג, איז אנגעקומען א שררה און האט איהם שלום געגעבען, האט ער איהם ניט צוריק שלום געגעבען. האט ער געווארט ביז ער האט געענדיגט דאווענען און נאכדעם ווי ער האט געענדיגט דאווענען האט ער צו איהם געזאגט: דו נארניט איינער, עס שטעהט דאך אין אייער תורה: „היט זיך אפ און היט זעהר דיין נפש2)" און עס שטעהט אויך: „און איהר זאלט זעהר אפהיטען אייער נפש"3), טא פארוואס האסטו מיר ניט צוריקגעגעבען שלום בשעת איך האב דיר שלום געגעבען? אז איך וואלט דיין קאפ אפגעשניטען מיט א שווערט, ווער וואלט געמאהנט דיין בלוט פון מיר? האט ער איהם געענטפערט: ווארט א ביסעל4) און איך וועל דיך מפיס זיין [מיט רייד, און ער האט איהם ערקלעהרט]: אז דו וואלסט געשטאנען פאר א קעניג א בשר ודם און דיין חבר וואלט געקומען און וואלט דיר שלום געגעבען, וואלטסטו (ל"ג א') איהם צוריקגעגעבען? רופט ער זיך אפ צו איהם: ניין! — און אז דו וואלטסט איהם יא צוריקגעגעבען, וואס וואלט מען געטהון צו דיר? ענטפערט ער איהם: וואלט מען מיין קאפ מיט א שווערט אפגעשניטען. רופט ער זיך אפ צו איהם: איז עס דאך א קל וחומר: מה דאך אז דאס איז דער פאל ווען דו וואלטסט געשטאנען פאר א קעניג א בשר ודם, וואס היינט איז ער דא און מארגען איז ער אין קבר, איז עס דאך אודאי און אודאי ווען איך שטעה פאר דעם העכסטען קעניג פון אלע קעניגע, דעם קב"ה, וואס לעבט און עקזיסטירט אייף אייביג און אייביג! האט זיך דער שררה גלייך איבערגעבעטען מיט איהם און דער חסיד איז אוועק לשלום אהיים.

„אפילו אז א שלאנג איז ארומגעוויקעלט ארום זיין טריט זאל ער ניט אויפהערען".

רב ששת האט געזאגט: דאס איז נאר גערעדט אז א שלאנג, אויב אבער א שקארפיאן מעג ער אויפהערען5). האט מען דערויף געפרעגט6): „אז איינער פאלט אריין אין א לייבענגרוב זאגט מען אויף איהם ניט עדות אז ער איז געשטארבען7), אבער אויב ער פאלט אריין אין א גראבען וואס איז פול מיט שלאנגען אדער שקארפיאנען מעג מען אויף איהם יא עדות זאגען אז ער איז געשטארבען"8)!—דארט איז אנדערש, ווייל זיי זינגען מזיק צוליעב דעם דרוק9). — ר' יצחק האט געזאגט: אז איינער זעהט אקסען מעג ער אויפהערען, ווארום רב אושעיא האט געלערנט10): „פון אן אקס וואס האט נאך קיינמאל ניט געשטויסען זאל מען זיך דערווייטערן פופציג איילען און פון אן אקס וואס איז שוין געווארענט געווארען11) אזוי ווייט ווי ער12) קען זעהן". עס איז געלערנט געווארען אין נאמען פון ר' מאיר: (אפילו) אז דער קאפ פון אן אקס איז אין א טארבע13) געה ארויף אויפן בוידעם און ווארף אוועק דעם לייטער [אונטער דיר]. שמואל האט געזאגט: דאס איז נאר געמיינט ביי א שווארצען אקס

און אין די טעג פון ניסן, ווייל דער שטן טאנצט דאמאלס צווישען זיינע הערנער14).

די רבנן האבען געלערנט15): עס האט פאסירט אין א געוויסען ארט וואו עס איז געווען א הידרא16) און פלעגט מזיק זיין מענשען, איז מען געקומען און מען האט עס ר' חנינא בן דוסא צו וויסען געלאזט. רופט ער זיך אפ: ווייזט מיר איהר הויל! האט מען איהם געוויזען איהר הויל און ער האט ארויפגעשטעלט זיין טריט אויף די עפענונג פון דער הויל. איז די הידרא ארויסגעקומען און האט איהם געביסען17) און זי איז (גלייך) געפגרט. האט ער זי גענומען אויף די פלייצעס און האט זי געבראכט אין בית המדרש און האט צו זיי געזאגט: זעהט, קינדער, ניט די הידרא טויטעט, נאר די זינד טויטעט. האט מען דאמאלס געזאגט: וועה איז צו דעם מענשען וואס א הידרא באגעגנט איהם, און וועה איז צו דער הידרא וואס ר' חנינא בן דוסא באגעגנט איהר!

משנה ב'.

מען דערמאהנט „גבורות גשמים" אין „תחית המתים" אין די „שאלה" אין „ברכת השנים" און „הבדלה"

פירוש.

מיר דאך אז אפילו דארט וואו עס איז דא א סכנה טאר מען ניט אויפהערען. 1) אין „אלפס" שטעהט: „ווייל דאס איז אויב ער קען מקצר זיין און יענעס אויב ער קען ניט מקצר זיין; קען ער מקצר זיין זאל ער מקצר זיין, און אויב ניט מעג ער מפסיק זיין", און אזוי איז אויך די גירסא אין דעם מינכענער כ"י. 2) דברים ד' ט'. 3) דארט פסוק ט"ו. 4) פיליכט מיינט עס, כדי זיך צו פארווייל‏ען אויך נאכן דאווענען, ווי די חסידים פלעגען טהון, די מעשה (איבער דעם צוועק פון א „מעשה" זעה „פירוש" ז, 3 נומ. 9) ערצעהלט אלזא ניט נאר אז דער חסיד האט ניט מפסיק געווען אין מיטען דאווענען, נאר ענטהאלט נאך א רבותא דערצו אז אפילו נאכדעם ווי ער האט שוין געענדיגט האט ער נאך געווארט, אנדערש איז דער אויסדרוק שווער צו ערקלעהרען.

5) ווייל דאס איז פיעל געפעהרליכער. 6) פון יבמות קכ"א א'. 7) כדי זיין פרוי זאל מעגען חתונה האבען מיט אן אנדערן, ווייל ביי לייבען איז אמאל מעגליך אז זיי זאלען איהם ניט טשעפען. 8) אם כן זעהען מיר דאך אז שלאנגען זיינען אזוי געפעהרליך ווי שקארפיאנען, טא פארוואס מאכט רב ששת אן אונטערשיעד צווישען זיי?°) 9) פון זיין פאלען, און דאס מאכט זיי בייז. 10) פסחים קי"ב ב'. 11) ד"ה וואס האט שוין דריי מאל געשטויסען און זיין בעל הבית איז צוליעב דעם געווארענט געווארען, שור תם און שור מועד. 12) דער אקס. 13) מיט היי, דאס איז א רבותא, אז מען דארף זיך מתרחק זיין פון איהם אפילו אז ער נעהט ניט. 14) ד"ה ווייל ער איז דאמאלס זעהר ווילד.

15) תוספתא פ"ג. 16) ערוד—וואסערשלאנג; לויט חולין קכ"ז א', ארויסגעקומען פון צוזאמען פארען א שלאנג מיט אן עקדעש. 17) אין דער תוספתא און אין ירושלמי, וואו די געשיכטע ווערט בכלל דערצעהלט מיט אסך שינוים, שטעהט אז ער האט דאמאלס מתפלל געווען און האט ניט מפסיק געווען אפילו אז ער איז געביסען געווארען.

°) אייגענטליך איז דאס קיין קשיא ניט, ווייל רב ששת רעדט פון א שלאנג און אין יבמות ווערט געמאנט פול מיט שלאנגען. דער תירוץ „צוליעב דעם דרוק" איז אליין ניט נויטיג, זעה אויך אומער „ויאמר יעקב" ז, 61, וואו מיר פרעגען פארוואס די קשיא באציהט זיך אויף רב ששת און ניט אויף די משנה גופא און דעם תירוץ וואס מיר געבען דארט.

געזאָגט געוואָרען אַז מען איז נוטה 1), וואָרום עס ווערט געזאָגט, אַז רב יצחק בר אבדימי האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון רבי 2), אַז אַזוי איז דער דין, און מאַנכע זאָגען, אַז מען איז נוטה, ר' יוחנן האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען מודה 3), און ר' חמא בר אבא האָט געזאָגט, אַז מען פֿאַרזועהט עס 4). ר' זירא האָט געזאָגט: נעהם אָן דאָס וואָס ר' חייא בר אבא (האָט געזאָגט) [אין דיין האַנד], וואָרום ער איז שטאַרק מדיק ווען ער גיט איבער אַ הלכה פֿון דעם מויל פֿון (זיין) רבי; ווי רחבא פֿון פומבדיתא, וואָרום רחבא האָט געזאָגט אַז ר' יהודה האָט געזאָגט 5): „דער באַרג פֿון בית (המקדש) האָט געהאַט אַ דאָפּעלטען זיילענגאַנג און איין זיילענגאַנג איז געווען אין דעם אַנדערן זיילענגאַנג" 6). — רב יוסף האָט געזאָגט: איך ווייס ניט דאָס און איך ווייס ניט יענעס 7), נאָר איך ווייס פֿון רב און שמואל אַז זיי האָבען פֿאַר אונז מתקן געווען 8) אַ פּערל אין בבל 9): „און דו האָסט אונז בעקאַנט געמאַכט, אָ אונזער גאָט, דיינע גערעכטע גע-זעצען 10) און דו האָסט אונז געלערנט צו טהון די פֿעראָרד-נונגען פֿון דיין ווילען און דו האָסט אונז געשענקט צייטען פֿון פֿרייד און ימים טובים פֿון פֿרייוויליגע אָפּפֿער און דו האָסט אונז פֿאַרערבט די הייליגקייט פֿון שבת און די הייליגקייט פֿון יום טוב און די פֿייערליכקייט פֿון די רגלים; די הייליגקייט פֿון שבת האָסטו אָפּגעזונדערט פֿון דער הייליגקייט פֿון יום טוב און דעם זיבעטען טאָג האָסטו געהייליגט פֿון די זעקס אַרבייטס-טעג; דו האָסט אָפּגעזונדערט און גע-הייליגט דיין פֿאָלק ישראל מיט דיין הייליגקייט, און דו האָסט אונז געגעבען אא"וו".

משנה ג'.

אז איינער זאָגט 11): (אַפּילו) ביז אַ נעסט פֿון אַ פֿוי-געל דערגרייכט דיין רחמנות 12)! אָדער: פֿאַר די גוטס זאָל דערמאָהנט ווערען דיין נאָמען 13)! (אָדער: „מודים", „מודים"), הייסט מען איהם שווייגען 14).

גמרא.

מילא פֿאַר „מודים, מודים! הייסט מען איהם שווייגען", ווייל דאָס זעהט אויס ווי (עס וואָלטען געווען) צוויי האַרען 15), „אָדער: פֿאַר די גוטס זאָל דערמאָהנט ווערען דיין נאָמען!" מיינט [אויך 16)] פֿאַר די גוטס יאָ, אָבער ניט פֿאַר שלעכטס, און מיר האָבען דאָך געלערנט אין דער משנה 17): „אַ מענש איז מחויב צו לויבען גאָט פֿאַר שלעכטס, ווי ער לויבט גאָט פֿאַר גוטס", אָבער פֿאַרוואָס פֿאַר „(אַפּילו) ביז אַ נעסט פֿון אַ פֿויגעל דערגרייכט דיין רחמנות"? זיינען דעריין מחולק געווען צוויי אמוראים אין מערב, ר' יוסי בר אבין און ר' יוסי בר זבידא; איינער האָט געזאָגט: ווייל ער מאַכט דאַ-דורך קנאה צווישען גאָטס באַשעפֿענישען 18), און דער אַנ-דערער האָט געזאָגט: ווייל ער מאַכט דאַדורך די מדות פֿון קב"ה אַ זאַך פֿון רחמנות בעת זיי זיינען אָבער גזרות 19).

איינער האָט געדאַווענט פֿאַרן עמוד פֿאַר רבה און האָט געזאָגט: דו וואָס דו האָסט רחמנות געהאַט אויף אַ נעסט פֿון אַ פֿויגעל, האָב רחמנות און דערבאַרעם זיך איבער אונז! האָט רבה געזאָגט: אַיי פֿאַרשטעהט דיזער תלמוד חכם זיין האַר מרצה צו זיין! האָט אביי זיך אָנגערופֿען צו איהם: מיר האָבען דאָך געלערנט אין דער משנה „מען הייסט איהם שווייגען 20)"! אָבער רבה האָט נאָר געוואָלט מאַכען אַ שפּאַס מיט אביי. — איינער האָט געדאַווענט פֿאַרן עמוד פֿאַר ר' חנינא און האָט געזאָגט: דער גרויסער און מעכטיגער און פֿורכטבאַרער און געוואַלטיגער און קראַפֿטפֿולער און נע-פֿירכטעטער און שטאַרקער און מוטיגער און זיכערער און

פ י ר ו ש.

1) ד"ה ר' זירא ענטפֿער קומט פֿאַר, און „פירוש" דאָרט נומ. 23 און 24. האָט ניט געענטפֿערט אַז דער דין איז ווי ר' אליעזר, נאָר אַז מען איז נוטה אַזוי צו טהון אין אַ יום טוב וואָס קומט נאָך אויס אַ שבת. 2) זעה „פירוש" ז, 112 נומ. 1. 3) די רבנן צו ר' אליעזר. 4) הלכה, מַטִּין, מודים, נִרְאִין. דער אונטערשיעד צווישען דיזע אויסדריקע און זייער פּראַקטישער אָנווענדונג איז וואָס אויב דער דין איז אַזוי ווערט עס עפֿענטליך גע-לערנט פֿאַר אַלעמען, און אויב מען איז נוטה מעג מען לערנען אַ יחיד אַזוי צו טהון, אָבער ניט עפֿענטליך, און אויב מען פֿאַרזועהט עס מיינט אַז מען לערנט עס אפילו אַ יחיד אויך ניט, נאָר עס מאַכט ניט אויס אַז ער טהוט אַזוי. מודים איז דאָסזעלבע ווי הלכה. 5) פסחים י"ג ב' א.א.ע. 6) ווי אַ קרייז אין אַ קרייז. רחבא האָט געברויכט דאָס וואָרט סְטָיו פֿאַר גאַלעריע אַנשטאָט אִצְטְבָא (ביידע שטאַמען פֿון דעם גריעכי-שען וואָרט סטאָאַ), הגם געוועהנליך ווערט עס אין דער גמרא גערו-פֿען אצטבא, און ער האָט עס געטהון דערפֿאַר ווייל זיין רבי האָט זיך באַדיענט מיט דעמזעלבען וואָרט. 7) ניט אַז מען זאָגט „אתה חוננתנו" און ניט אַז מען זאָגט עס אין „מודים" ווען יום טוב קומט אויס נאָך אַ שבת. לויט רש"י: ניט פֿון „אַזוי איז דער דין" און ניט פֿון „מען איז נוטה", אָבער דיזע ערקלעהרונג שיינט אונז ניט ריכטיג צו זיין, ווייל רב יוסף פֿיהרט דאָך דאָ איין אַ גאַנץ נייע זאַך פֿאַר „הבדלה" אָן אַ יום טוב וואָס קומט אויס נאָך אַ שבת און האָט בכלל ניט מעהר צו טהון מיט „אתה חוננתנו". 8) צו זאָגען אַלס „הבדלה" אָן אַ יום טוב וואָס קומט אויס נאָך אַ שבת. 9) לויט „מהרש"א" ווערט דאָ בעטאָנט בבל, ווייל אין ארץ ישראל ווערט נאָר געהאַלטען איין טאָג יום טוב, קומט נאָר זעלטען פֿאַר אַז יום טוב זאָל אויסקומען נאָך אַ שבת, אָבער אין בבל וואו עס איז געהאַלטען געוואָרען צוויי טעג יום טוב קומט דאָס אָפֿט פֿאַר. 10) „וַתּוֹדִיעֵנוּ ה' אֱלֹהֵינוּ אֶת מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ וכו'", וואָס ווערט געזאָגט צווישען אַתָּה בְחַרְתָּנוּ און וַתִּתֶּן לָנוּ אין מעריב פֿון אַ יום טוב וואָס קומט אויס נאָך אַ שבת.

11) אין דאַווענען. 12) ווייל דאָס קען גערייטעט ווערען אַז נאָר אַזוי ווייט, אָבער ניט ווייטער. די גמרא ערקלעהרט עס אפילו אַנדערש, אָבער פֿון דער געשיכטע וואָס ווערט נאָכדעם דערצעהלט איז קלאָהר אַז דאָס איז דער ריכטיגער טעם ○). — אין דברים כ"ב ו' שטעהט אַז מען געפֿינט אַ נעסט מיט יונגע פֿויגעלעך טאָר מען פֿון זיי ניט אַוועקנעהמען די מוטער. 13) ווייל דאָס מיינט אַז מיר דאַרפֿען דאַנקען גאָט נאָר פֿאַר גוטס. 14) לויט דעם ירושלמי איז דאָס נאָר אַז מען זאָגט עס בצבור.

15) צוויי געטער. 16) אין דעם מינכענער כ"י פֿעהלט דיזעס וואָרט און מיט רעכט. 17) ווייטער נ"ד א'. 18) ווייל דאָס קען מיינען אַז גאָט האָט נאָר רחמנות געהאַט אויף פֿויגעל. 19) באַפֿעהלען וואָס דאַרפֿען אויסגעפֿיהרט ווערען אָהן שום טעם. 20) טאָ פֿאַר וואָס לויבסטו איהם?

○) מיר האָבען איבערזעצט „על קן צפור" מיט „ביז אַ נעסט אא"וו" און איבערא-יינשטימונג מיט אַ מיינונג אין ירושלמי: „אית תניי תני על ואית תניי תני עד". דער וואָס לערנט „על" ערקלעהרט דאָס דאָרט: „על קן צפור הגיעו רחמיך ועל אותו האיש (ד"ה דער וואָס בעט די בקשה) לא הגיע ורחמיך", און ער בעטראַכטעט דאָס „כקורא תגר על מדותיו של הקב"ה".

זאָגען איבער אַ כוס", נאָר זאָג: „ווייל ער זאָגט עס דאָך (סיי ווי סיי) איבער אַ כוס". — עס איז אויך געזאָגט געוואָרען אַז ר' בנימין בר יפת האָט געזאָגט: ר' יוסי האָט געפֿרעגט ר' יוחנן אין צידון, און מאַנכע זאָגען אַז ר' שמעון בן יעקב פֿון צור (האָט געפֿרעגט) ר' יוחנן — און איך האָב דאָס געהערט 1) —: אַז איינער מאַכט הבדלה אין דער ש"ע דאַרף ער נאָך מאַכען הבדלה איבער אַ כוס אָדער ניט? און ער האָט איהם געענטפֿערט: ער דאַרף נאָך מאַכען הבדלה איבער אַ כוס. — עס איז ביי זיי געפֿרעגט געוואָרען: ווי איז אַז מען מאַכט הבדלה איבער אַ כוס, דאַרף מען נאָך מאַכען הבדלה אין דער שמונה עשרה? האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: (מיר קענען דאָס אַרויסנעהמען דורך) אַ קל וחומר פֿון דער שמונה עשרה: מה דאָך אַז ביי ש"ע וואו דאָס איז געוועזען דער עיקר פֿון דער תקנה 2), האָבען זיי געזאָגט אַז דער וואָס מאַכט הבדלה אין דער ש"ע דאַרף נאָך מאַכען הבדלה איבער אַ כוס, איז דאָך אַז מען מאַכט הבדלה איבער אַ כוס, וואָס דאָס איז ניט דער עיקר פֿון דער תקנה, אודאי און אודאי 3). —ר' אחא דער לאַנגער 4) האָט געלערנט פֿאַר רב חיננא: דער וואָס מאַכט הבדלה אין דער ש"ע טהוט בעסער ווי דער וואָס מאַכט הבדלה איבער אַ כוס, און אויב ער מאַכט הבדלה אין ביידע זאָל זיין אַ ברכה אויף זיין קאָפּ. —דאָס איז דאָך אָבער אַ ווידערשפּרוך! דו זאָגסט אַליין אַז „דער וואָס מאַכט הבדלה אין דער ש"ע טהוט בעסער ווי דער וואָס מאַכט הבדלה איבער אַ כוס", בעוויזט עס דאָך אַז אין ש"ע אַליין איז גענוג, און נאַכהער לערנסטו „און אויב ער מאַכט הבדלה אין ביידע זאָל זיין אַ ברכה אויף זיין קאָפּ", אָבער וויבאַלד ער איז יוצא געוועזען מיט דער ערשטער איז ער דאָך שוין פטור 5), איז עס דאָך 6) אַ ברכה וואָס איז ניט נויטיג, און רב האָט דאָך געזאָגט, און מאַנכע זאָגען אַז ריש לקיש (האָט עס געזאָגט), און עס ייִנען דאָ וואָס זאָגען אַז ר' יוחנן און ריש לקיש האָבען עס ביידע געזאָגט: דער וואָס מאַכט אַ ברכה וואָס איז ניט נויטיג איז עובר אויף „לֹא תִשָּׂא" 7)! — נאָר זאָג אַזוי: אויב ער מאַכט הבדלה אין דאָס 8) און [מאַכט] ניט [הבדלה] אין יענעם 9) זאָל זיין אַ ברכה אויף זיין קאָפּ. — רב חסדא האָט געפֿרעגט רב ששת: ווי איז אַז מען האָט אַ טעות אין ביידע 10)? האָט ער איהם געענטפֿערט: אַז מען האָט אַ טעות אין ביידע הייבט מען נאָך אַמאָל אָן פֿון אָנהויב 11). — (ב') רבינא האָט רבא'ן געפֿרעגט: ווי איז דער דין 12)? האָט ער איהם געענטפֿערט: דאָס איז ווי ביי קדוש: אַזוי ווי ביי קדוש מען (נאָך אַמאָל) קדוש איבער אַ כוס הגם מען האָט שוין געמאַכט קדוש 13) אין דער ש"ע, אַזוי איז אויך ביי הבדלה, הגם מען האָט שוין געמאַכט הבדלה אין דער ש"ע, פֿונדעסטוועגען מאַכט מען נאָך אַמאָל הבדלה איבער אַ כוס.

„ר' אליעזר זאָגט: אין „מודים".

ר' זירא האָט גערייטען אויף אַן עזעל און ר' חייא בר אבא איז נאָכגעגאַנגען נאָך איהם. האָט ער 14) צו איהם גע-זאָגט: האָסטו ווירקליך געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יוחנן אַז דער דין איז ווי ר' אליעזר 15) אין אַ יום טוב וואָס קומט אויס נאָך אַ שבת 16)? האָט ער איהם געענטפֿערט: יאָ, אַזוי איז דער דין! — איז דאָך דערפֿון געדרונגען אַז זיי זיינען מחולק 17) — זיינען זיי דען ניט מחולק? די רבנן זיינען דאָך מחולק 18)! — מען קען זאָגען אַז די רבנן זיינען נאָר מחולק בנוגע צו אַ גאַנץ יאָהר, אָבער פֿון וואַנען איז גענו־מען אַז זיי זיינען (אויך) מחולק בנוגע צו אַ יום טוב וואָס קומט אויס נאָך אַ שבת? —אָבער ר' עקיבא איז דאָך מחולק? — טהוען מיר דען אַ גאַנץ יאָהר ווי ר' עקיבא, אַז מיר זאָלען איצט זיך אָוועקשטעלען און אויך טהון ווי ער? און פֿאַר וואָס טהוען מיר ניט אַ גאַנץ יאָהר ווי ר' עקיבא? ווייל מען האָט מתקן געווען אַכצעהן (ברכות) און [מען האָט] ניט [מתקן געווען] ניינצעהן, אַזוי האָט מען אויך מתקן געווען זיבעצען און [מען האָט] ניט [מתקן געווען] אַכט 19). —האָט ער איהם געזאָגט: עס איז ניט געזאָגט געוואָרען אַז דער דין איז אַזוי, נאָר עס איז

פירוש.

אַ פֿראַגע פֿון קענען, אָבער ניט פֿון מוזען, ווי ר' יוחנן האָט גע-זאָגט. 1) דאָס זאָגט ר' בנימין בר יפת וועלכער איז געוועזען אַ תלמיד פֿון ר' יוחנן. אין דעם מינכענער כ"י שטעהט נאָך דאָס וואָרט מגיה (פֿון איהם) ד"ה פֿון ר' יוחנן. רב בנימין בר יפת איז אם כן ניט געוועזען בשעת מעשה, נאָר ר' יוחנן האָט עס איהם דערצעהלט. 2) ווייל די אנשי כנסת הגדולה האָבען דאָך צוערשט מתקן געווען נאָר אין ש"ע. 3) אַז מען דאַרף נאָך מאַכען הבדלה אין דער ש"ע. 4) רב אחא בר פפא. 5) פֿון מאַכען הבדלה. 6) דאָס צווייטע מאָל הבדלה. 7) „דו זאָלסט ניט דערמאָהנען דעם נאָמען פֿון דיין גאָט פֿאַר גאָרניט" (שמות כ' ז') איז איינע פֿון די „עשרת הדברות". 8) ש"ע. 9) איבער אַ כוס. די ערשטע העלפֿט פֿון ר' אחא'ס מאמר מיינט אַלזאָ אַז אין ש"ע אַליין איז בעסער ווי אי אין ש"ע און אי איבער אַ כוס. 10) ד"ה מען פֿאַרגעסט „אתה חוננתנו" אין דער ש"ע און „המבדיל" אין דער הבדלה איבערן כוס („אור זרוע" הל' מוצ"ש סי' צ"א). 11) פֿון ש"ע און פֿון הבדלה איבערן כוס. אויב אַזוי איז אָבער די צווייטע העלפֿט, „און אויב ער מאַכט הבדלה אא"וו", לויט דער פֿאַרבעסערונג, איבעריג, ווייל דאָס איז דאָך גענוי ווי די ערשטע העלפֿט. אין דעם מינכענער כ"י איז דער נוסח פֿון דעם מאמר אַ גאַנץ אַנדערער: „רב חייא דער לאַנגער האָט געלערנט פֿאַר רב הונא: דער וואָס מאַכט הבדלה אא"וו און אויב ער מאַכט הבדלה אין דאָס אָדער אין יענעם זאָל זיין אַ ברכה אא"וו און נאַכהער לערנסטו „אין דאָס אָדער אין יענעם זאָל זיין אַ ברכה אויף זיין קאָפּ", בעוויזט עס דאָך אַז זיי זיינען ביידע גלייך! —נאָר זאָג: אויב ער מאַכט הבדלה אין דאָס און אין יענעם זאָל זיין אַ ברכה אא"וו". דיזער נוסח איז פֿאַרשטענדליכער און ריכטיגער און שטימט אויך איין מיט דעם ווייטערדיגען מאמר וואו רבא נעהמט עס אַרויס פֿון אַ פֿאַרגלייך מיט קדוש°).
12) ד"ה צו דאַרף מען נאָך מאַכען הבדלה איבער אַ כוס, אָדער עס איז גענוג וואָס מען מאַכט הבדלה אין דער ש"ע. 13) ד"ה אָנגענומען די קדושה פֿון שבת אָדער פֿון יום טוב.

14) ר' זירא. 15) אַז מען זאָגט „הבדלה" אין „מודים". 16) ווייל דאַמאָלס זאָגט מען דאָך ניט „אתה חונן". 17) ווייל „אַזוי איז דער דין (הלכה)" שטעהט שטענדיג נאָר נאָך אַ פלוגתא. 18) אין אונזער משנה און זאָגען אַז מען זאָגט עס אין „חונן הדעת". 19) זעה ז. 107" וואו דיזער

°) אַן אַנדער בעווייז פֿאַר די ריכטיגקייט פֿון דיזער גירסא ברענגט ר' ר"ן ראַבינאָוויץ אין „דקדוקי סופרים" אין די „הגהות" דערפֿון וואָס אין „שבלי הלקט" כלל ב' סי' ל"ה ווערט גע-בראַכט אַ תשובה פֿון ר' האי גאון: „ששאלתם וכו' שהרי אמרו רבותינו ז"ל המבדיל בתפלה ו ע ל הכוס ינוחו לו ברכות על ראשו וכו'".

מאר ניט ענטפערן אמן 1) נאך די כהנים 2), ווייל ער קען זיך נאך פערמישען 3), און אויב דארט איז ניטא קיין אנדער כהן אחוץ איהם טאר ער ניט דוכנען 4); אבער אויב ער איז ביי זיך זיכער אז הגם ער דוכנט וועט ער צוריקקעהרען צו דער שמונה עשרה מעג ער יא.

גמרא.

די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס דאַרף דאַווענען פאַרן עמוד דאַרף זיך לאָזען בעטען 5), און אויב ער לאָזט זיך ניט בעטען איז ער געגליכען צו אַ געקעכטס וואָס איז אונגעזאַלצען, אָבער אויב ער לאָזט זיך צופיעל בעטען איז ער געגליכען צו אַ געקעכטס וואָס איז איבערגעזאַלצען. ווי זאָל ער טהון? צום ערשטען מאָל 6) זאָל ער זיך לאָזען בעטען 7), צום צווייטען מאָל זאָל ער נאָכגעבען 8), און צום דריטען מאָל זאָל ער שטעלען אַ פוס און אַרונטערגעהן 9).

די רבנן האָבען געלערנט 10): „דריי (זאַכען) זיינען שווער (צו פאַרטראָגען) ווען זיי זיינען אַסך און אַנגענעהם ווען זיי' זיינען אַביסעל, און דאָס זיינען: זויערטייג, זאַלץ 11) און זיך לאָזען בעטען".

רב הונא האָט געזאָגט: אַז מען האָט אַ טעות 12) אין די דריי ערשטע 13), הייבט מען ווידער אָן פון אָנהויב, אין די מיטעלסטע 14), הייבט מען ווידער אָן פון „אתה חונן", אין די לעצטע, הייבט מען ווידער אָן פון דער „עבודה" 15); רב אסי אָבער האָט געזאָגט: די מיטעלסטע האָבען קיין אָרדנונג ניט 16). האָט רב ששת דערויף געפרעגט 17): „פון וואַנען הייבט ער ווידער אָן? פון אָנהויב פון דער ברכה אין וועלכער יענער האָט דעם טעות געמאַכט", איז עס דאָך אַן אָפפרעגע אויף רב הונא 18)! — רב הונא קען ענטפערן: אַלע מיטעלסטע זיינען איין ברכה 19).

רב יהודה האָט געזאָגט: אַ מענש זאָל קיינמאָל ניט בעטען פאַר זיינע אייגענע בעדערפעניששען נים אין די דריי ערשטע און נים אין די דריי לעצטע, נאָר אין די מיטעלסטע, וואָרום ר' חנינא האָט געזאָגט: די ערשטע זיינען געגליכען צו אַ קנעכט וואָס שטעלט אויס די שבחים פון זיין האַר, די מיטעלסטע זיינען געגליכען צו אַ קנעכט וואָס בעט אַ בעלוינונג פון זיין האַר, די לעצטע זיינען געגליכען צו אַ קנעכט וואָס האָט שוין באַקומען די באַלוינונג פון זיין האַר און זעגענט זיך אָפּ און געהט אַוועק.

די רבנן האָבען געלערנט 20): „עס האָט פאַסירט מיט אַ תלמיד וואָס האָט געדאַווענט פאַרן עמוד פאַר ר' אליעזר און האָט זעהר מאריך געווען. האָבען זיינע תלמידים צו איהם געזאָגט: רבי, וואָס פאַר אַ מאריך דאָס איז! האָט ער זיי געענטפערט: איז ער דען מעהר מאריך פאַר משה רבינו, ביי וועמען עס שטעהט געשריבען 21): „די פערציג טעג און די פערציג נעכט אא"וו"? — ווידער האָט פאַסירט מיט אַן אַנדער תלמיד וואָס האָט געדאַווענט פאַרן עמוד פאַר ר' אליעזר און האָט זעהר מקצר געווען. האָבען זיינע תלמידים צו איהם געזאָגט: ווי קורץ ער מאַכט דאָס! האָט ער זיי געענטפערט: איז ער דען מעהר מקצר פאַר משה רבינו, (ביי וועמען) עס שטעהט געשריבען 22): „אָ, גאָט, ביטע, הייל זי דאָך!"

ר' יעקב האָט געזאָגט אַז רב הסדא האָט געזאָגט: דער וואָס בעט רחמים אויף זיין חבר האָט ניט נויטיג צו דערמאָהנען זיין נאָמען, וואָרום עס שטעהט: „אָ, גאָט, ביטע, הייל זי דאָך!" און מרים'ס נאָמען איז ניט דערמאָהנט געוואָרען.

די רבנן האָבען געלערנט 23): „דאָס זיינען די ברכות וואָס מען דאַרף זיך אין זיי בוקען: אין די „אבות" 24) ביים אָנהויב און סוף 25) (און) אין „מודים" 26) ביים אָנהויב און סוף 27), און אויב איינער וויל זיך בוקען ביים סוף פון יעדער ברכה און ביי דעם אָנהויב פון יעדער ברכה לערנט מען איהם אַז ער זאָל זיך ניט בוקען" 28). ר' שמעון בן פזי האָט געזאָגט אַז ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט אין נאָמען פון

פירוש.

אַז די ש"ע זאָל דערווייל בלייבען לאַנג אונטערבראָכען. 1) נאָך יעדען פון די דריי פסוקים פון דער ברכת כהנים. 2) וועלכע דוכנען. 3) האָבענדיג פאָרצוזאָגען די כהנים יעדען וואָרט, און וועט דורכן אמן זאָגען פאַרגעסען צו ער דאַרף זיי פאָרזאָגען יאר אָדער ישא. 4) ווייל ער קען דאַדורך פאַרגעסען אַז ער דאַרף גלייך אָנהויבען „שים שלום".

5) ווייל דאָס איז אַ סימן פון בעשיידענהיים און בעווייזט אַז ער האַלט זיך ניט ראוי צו זיין דער שליח פון צבור. 6) וואָס מען בעט איהם. 7) ד"ה אָפזאָגען. 8) ד"ה אָבער זיך נאָך ניט ריהרען פון אָרט. מהבהב. לויט רש"י זיך צוגרייטען, לויט דעם „ערוך" צושאָקלען מיטן קאָפּ. מיר האָבען איבערזעצט מיט נאָכגעבען, ווייל דאָס קאָרעספאָנדירט מיט דעם שורש יהב וועלכער בעדייטעט אין העברעאיש און אַראַמעיש געבען. 9) אַרונטערגעהן, ווייל דער עמוד איז געשטאַנען טיעפער ווי דער באָדען פון שוהל (זעה ז, 37).

10) גיטין ע' א'. 11)ביידע האָבען צו טהון מיט געקעכטס, וואָס ווערט דערמאָהנט אין דעם פריהערדיגען מאמר.

12) לוים רש"י מיינט עס דאָ און אין אינזער משנה ניט אַ טעות אין אַ ברכה נאָר איבערהופּען אַ ברכה. 13) ברכות פון ש"ע. 14) פון דער פערטער ביז צו דער זעכצעהנטער. 15) רצה. 16) און דערפאַר דאַרף מען ניט ווידער אָנהויבען פון דער פערטער אויב מען הופט איבער איינע פון זיי, נאָר מען זאָגט זי גלייך נאָך דער ברכה אין וועלכער מען האָט זיך דערמאָהנט. אַזוי לויט רש"י. רי"ף „אלפס" און רשב"ם (זעה „תוספות" און „רא"ש") מיינט עס אַז אַזוי ווי זיי האָבען קיין אָרדנונג ניט איז ניט נויטיג ווידער אָנצוהויבען פון דער פערטער, מען מוז אָבער ווידער אָנהויבען פון דער ברכה וואו דער טעות איז געווען און זאָגען כסדר ביז צום סוף. 17) פון אונזער משנה. 18) פון דאַנען איז אַ בעווייז פאַר די מיינונג פון „אלפס" און „רשב"ם", וואָרום לויט רש"י'ס ערקלעהרונג וואָלט דאָך דערפון געווען אַ קשיא אויך אויף רב אסי. 19) און דערפאַר דאַרף מען ווידער אָנהויבען פון „אתה חונן" וואָס איז דער אָנהויב פון דיזער איינער ברכה.

20) מכילתא פ' בשלח. 21) דברים ט' כ"ה. 22) במדבר י"ב י"ג.

23) תוספתא פ"א. 24) אַזוי ווערט גערופען די ערשטע ברכה פון ש"ע, ווייל דאָרט ווערען דערמאָהנט די אבות אברהם, יצחק און יעקב. 25) „ברוך אתה ה' מגן אברהם". 26) „מודים אנחנו לך". 27) „ברוך אתה ה' הטוב שמך ולך נאה להודות". 28) ווייל עס איז ניט מעהר ווי גאוה

געהערטער גאָט! האָט ער אָפּגעוואַרטעט ביז ער האָט גע־ענדיגט און אַז ער האָט געענדיגט האָט ער צו איהם גע־זאָגט: האָסטו שוין געענדיגט אַלע שבחים פון דיין האַר? צו וואָס אַזוי פיעל? אָט די דריי וואָס מיר זאָגען 1), איז אַז משה וואָלט זיי ניט געהאַט געזאָגט אין דער תורה 2) און די אנשי כנסת הגדולה וואָלטען ניט געקומען און דאָס איינ־געפיהרט אין דער שמונה עשרה 3) וואָלטען מיר דאָס ניט געקענט זאָגען, און דו האָסט אַזוי פיעל! דאָס איז געגליכען צו אַ קעניג אַ בשר ודם וואָס האָט פאַרמאָגט אַ מיליאָן גאָלדענע דינר 4), און אַז מען לויבט איהם מיט זילבערנע, וואָלט עס דען ניט געווען אַ בזיון פאַר איהם?

ווייטער האָט ר׳ חנינא געזאָגט: אַלץ איז אין די הענד פון גאָט אַחוץ יראת שמים, ווארום עס שטעהט 5): „און איצט, ישראל, וואָס פאַרלאַנגט דען דיין גאָט פון דיר אַז ניט מורא צו האָבען 6)?"—איז דען יראת שמים אַזאַ קלייניגקייט 7)? ר׳ חנינא האָט דאָך געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי: דער קב"ה האָט אין זיין שאַץ קאַמער ניט מעהר ווי אַן אוצר פון יראת שמים, ווארום עס שטעהט 8): „די מורא פאַר גאָט דאָס איז זיין (אייגענער) אוצר"! — יאָ, ביי משה איז דאָס טאַקע געווען אַ קלייניגקייט, ווארום ר׳ חנינא האָט געזאָגט 9): דאָס איז געגליכען צו אַ מענשען וואָס מען בעט פון איהם אַ גרויסע כלי, און ער האָט עס, קומט עס ביי איהם אויס ווי אַ קליינע כלי, (אָבער אַז מען בעט) אַ קליינע און ער האָט ניט, קומט עס ביי איהם אויס ווי אַ גרויסע כלי.

„מודים, מודים!", הייסט מען איהם שווייגען.

ר׳ זירא האָט געזאָגט: דער וואָס זאָגט „שמע שמע" איז דאָסזעלבע ווי ער וואָלט געזאָגט „מודים, מודים". האָט מען דערויף געפרעגט: „אַז איינער לייענט שמע און חזרט עס איבער איז דאָס מאוס"; (מיינט עס דאָך אַז) מאוס איז דאָס אפילו, אָבער שווייגען הייסט מען איהם ניט! — עס איז קיין קשיא ניט, (ווייל) דאָס 10) איז אַז ער חזרט איבער וואָרט ביי וואָרט און יענעס 11) אַז ער חזרט איבער פסוק ביי פסוק.—האָט רב פפא געפרעגט אביי'ן: טאָמער האָט ער אָבער פריהער קיין כונה ניט געהאַט און נאָכהער האָט ער יאָ כונה געהאַט 12)? האָט ער איהם געענטפערט: (ל"ד א׳) איז דען דאָ ביי גאָט שותפות 13)? אויב ער האָט פריהער קיין כונה ניט געהאַט, דאַרף מען איהם שלאָגען מיט אַ האַ־מער פון אַ שמיעד 14) ביז ער וועט יאָ כונה האָבען.

משנה ד׳.

(אַז 15) איינער זאָגט: עס לויבען דיך די גוטע! איז דאָס פון די פאַלשע דרכים 16)). אַז איינער דאַווענט פאַרן עמוד און מאַכט אַ טעות 17), זאָל אַן אַנדערער זיך שטעלען אויף זיין אָרט. און ער 18) זאָל זיך דאַ־מאָלס ניט לאָזען בעטען 19). פון וואַנען הייבט ער אָן? פון אנהויב פון דער ברכה אין וועלכער יענער האָט דעם טעות געמאַכט. דער וואָס דאַווענט פאַרן עמוד

פירוש.

1) הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא (גרויסער, מעכטיגער און פורכטבאַרער). 2) דברים י׳ י"ז. 3) זעה נחמיה ט׳ ל"ב. 4) אַ רוימישע מטבע אין גאָלד, זילבער און קופער, זעה „פירוש" ז, 73 נומ. 13.

5) דברים י׳ י"ב. 6) די מורא פאַר גאָט איז אַלזאָ די איינציגע זאַך וואָס דער מענש האָט אין האַנד. 7) וואָס משה דריקט זיך אויס אין דיזען פסוק אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ לייכטע זאַך. 8) ישעיה ל"ג ו׳. 9) אין דעם מינכענער כ"י פעהלט „דאמר ר׳ חנינא", און מיט רעכט, דאָס פעהלט אויך אין מגילה כ"ה א׳, וואו דער מאמר קומט פאָר.

10) וואָס עס שטעהט אַז עס איז מאוס. 11) וואָס עס שטעהט אַז מען הייסט איהם שווייגען. — ווען מען חזרט איבער יעדעס וואָרט האָט עס איבערהויפט קיין טעם ניט (און דערפאַר איז דאָס מאוס), ווייל דאָס איז ווי חוזק געמאַכט, אָבער ווען מען חזרט איבער יעדען פסוק איז דאָס ווי מען וואָלט געבעטען צו צוויי געטער. אַזוי לויט „רש"י" און „ריא"ז"; לויט „אלפס" אָבער איז דאָס גראַדע פערקעהרט; „אלפס" ערקלעהרט אָבער ניט פאַר וואָס. מיט דערזעלבער מיינונג זיינען אויך „הלכות גדולות" און „רבינו חננאל" (זעה אויך „תוספות", „מהרש"א" און „טור א"ח" ס"א ט׳). 12) ד"ה טאָמער האָט דער וואָס האָט איבערגע־חזרט יעדען פסוק דאָס געטהון, ווייל ער האָט דאָס ערשטע מאָל קיין כונה ניט געהאַט. 13) ד"ה עס איז דאָך אָבער פאָרט ווי מען בעט צו צוויי געטער, אַזוי לויט „מהרש"א". — דערפון איז אַ גוטער בעווייז פאַר די אויבענדערמאָהנטע ערקלעהרונג פון „רש"י" געגען „אלפס" אא"וו. 14) ד"ה מען דאַרף איהם געוועהנען דערצו.

15) דיזער מאמר דאַרף שטעהן אין אָנפאַנג פון דער פריהערדיגער משנה (משנה ג׳), וואו ער געהערט ווירקליך לויט זיין אינהאַלט. אַזוי שטעהט עס אויך אין „אלפס", „רא"ש", דעם מינכענער כ"י און אין מגילה כ"ה, וואו די משנה ג׳ מיט דער גאַנצער גמרא וואָס געהערט צו איהר ווערט איבערגעחזרט מיט קליינע שינוים. אין ירושלמי דאָ פעהלט דער מאמר בכלל אי אין משנה ג׳ אי אין דיזער משנה, אָבער אין מגילה שטעהט ער יאָ אין אָנהויב פון דער משנה. 16) **דרכי טעות**, ווייל דאָס קען מיינען אַז נאָר די גוטע (לויט „רבינו יונה": נאָר פאַר די גוטס וואָס גאָט טהוט איינעם, דאָס איז אָבער דאָס גלייכע ווי „ועל טוב יזכר שמך" וואָס שטעהט שוין אין דער פריהערדיגער משנה) לויבען גאָט, אָבער ניט די שלעכטע, אָדער ווייל דאָס קען מיינען אַז מען לויבט בשעת מעשה זיך זעלבסט און מען האַלט זיך פאַר גוט. אנשטאָט „דרכי טעות" דאַרף אָבער שטעהן „דרכי מינות" (אַזוי אויך אין דעם מינכענער כ"י), און „טעות" איז שפּעטער אַריינגעשטעלט געוואָרען צוליעב דער צענזור, וועלכע האָט געוואוסט אַז אונטער מינים און מינות ווערען פער־שטאַנען קריסטען און קריסטענטום (זעה „פירוש" ז, 42 נומ. 9). אין דיזען פאַל איז אָבער שווער צו פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט מיטן קריסטענטום. פיליכט מיינט אָבער היער מינות די פערסישע רעליגיאָן פון זאַראַאַסטער, וועלכע איז דאַמאָלס געווען שטאַרק פאַרברייטעט, ווי דאָס מיינט אָפט אין די גמרא, און די באַזונדערע באַ־טאָנונג פון „גוטע" קען געדייטעט ווערען אַלס אַ רמז אויף איהר גלויבען אין צוויי געטליכע כחות וועלכע געפינען זיך אין אַ שטענדיגען קאַמפף מיט אייניאַנדער, אָרמוזד, דער גאָט פון גוטס און אחרימאַן, דער גאָט פון שלעכטס, און דעם חוב פון מענשען צו זיין גוט און דיענען דעם גאָט פון גוטס כדי ער זאָל איהם אַרויסהעלפען פון דער מאַכט פון אחרימאַן, און אַז דער וואָס זאָגט עס אין זיין תפלה איז אַן אַנהענגער פון דיזער אמונה. לויט דיזער ערקלעהרונג פאַלט אַוועק די קשיא וואָס דער „רשב"א" פרעגט מיט רעכט פון „וחסידיך יברכוכה" — און דיינע פרומע לויבען דיך (תהלים קמ"ה י׳) און בעזונדערס פון „אך צדיקים יודו לשמך" — נאָר צדיקים דאַנקען דיין נאָמען (דאָרט ק"מ י"ד). 17) אין דער שמונה עשרה. 18) דער אַנדערער. 19) ווייל עס איז ניט שעהן

נאָך קיין אויג ניט געזעהן אַחוץ דיר גאָט וואָס דו וועסט טהון פאַר די וואָס האָפען צו דיר" 1). — ווייטער האָט ר' חייא בר אבא געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַלע נביאים האָבען נאָר נביאות געזאָגט אויף משיח'ס צייטען, אָבער (וואָס איז שייך) צו עולם הבא „האָט נאָך קיין אויג ניט געזעהן אַחוץ דיר גאָט". און דאָס איז אין ווידערשפּרוך צו שמואל, ווארום שמואל האָט געזאָגט 2): „דער אונטערשיעד צווישען עולם הזה און משיח'ס צייטען באַשטעהט ניט מעהר ווי אין דער קנעכטשאַפט ביי די מלוכות 3), ווארום עס שטעהט 4): „ווייל עס וועט ניט אויפהערען קיין אָרימאַן פון דעם לאַנד" 5). — ווייטער האָט ר' חייא בר אבא געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַלע נביאים האָבען נאָר נביאות געזאָגט פאַר בעלי תשובה, אָבער (וואָס איז שייך צו) פאָלקאָמענע צדיקים „האָט נאָך קיין אויג ניט געזעהן אַחוץ דיר גאָט". און דאָס איז אין ווידערשפּרוך צו ר' אבהו, ווארום ר' אבהו האָט געזאָגט: דאָרט וואו בעלי תשובה שטעהען קענען (אפילו) פאָלקאָמענע צדיקים ניט שטעהן, ווארום עס שטעהט 6): „שלום שלום צו דעם ווייטען און צו דעם נאָהענטען", צוערשט צו דעם ווייטען 7) און נאָכדעם ערשט צו דעם נאָהענטען 8). ר' יוחנן קען אָבער אַזוי זאָגען: וואָס מיינט ווייט? דער וואָס איז פון תמיד אָן געווען ווייט פון אַן עבירה, און וואָס מיינט נאָהענט? דער וואָס איז געווען נאָהענט צו אַן עבירה און האָט זיך דערווייטערט דערפון. אָבער וואָס מיינט איצט „האָט נאָך קיין אויג ניט געזעהן"? האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט: דאָס מיינט דעם ווין וואָס שטעהט נאָך קאָנסערווירט אין זיינע טרויבען פון ששת ימי בראשית אָן. ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: דאָס איז דער עדן וואָס די אויג פון קיין שום באַשעפעניש האָט נאָך אויף איהם קיין שליטה ניט געהאַט. און טאָמער וועסטו פרעגען: טאָ וואו איז אדם הראשון געווען אַז ניט אין גאָרטען 10)? אָדער טאָמער וועסטו זאָגען: דער גאָרטען איז דאָך דאָסזעלבע וואָס עדן! לערנט אונז דער פסוק 11): „און אַ טייך קומט אַרויס פון עדן צו באַוועסערען דעם גאָרטען" אַז דער גאָרטען איז אַ באַזונדער זאַך און עדן איז אַ באַזונדער זאַך.

די רבנן האָבען געלערנט: עס האָט פּאַסירט אַז דער זוהן פון רבן גמליאל איז קראַנק געוואָרען האָט ער געשיקט צוויי תלמידי חכמים צו ר' חנינא בן דוסא אַז ער זאָל בעטען רחמים אויף איהם. ווי ער האָט זיי דערזעהן איז ער אַרויף אין דאַך-שטיבעל און האָט געבעטען רחמים אויף איהם, און אַז ער איז אַראָפּגעקומען האָט ער צו זיי געזאָגט: געהט, ווארום זיין פיבער האָט אָפּגעלאָזען. האָבען זיי איהם געפרעגט: ביזטו דען אַ נביא? האָט ער זיי געענטפערט: איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין זוהן פון אַ נביא, נאָר איך האָב דאָס בקבלה: אויב מיין געבעט איז געלייפיג אין מיין מויל, פאַרשטעה איך אַז עס איז אָנגענומען געוואָרען, און אויב ניט, פאַרשטעה איך אַז עס איז פאַרוואָרפען געוואָרען. האָבען זיי זיך אַוועקגעזעצט און פאַרשריבען און פּינקטליך אויסגערעכענט דעם מאָמענט און אַז זיי זיינען געקומען צו רבן גמליאל האָט ער צו זיי געזאָגט: ביי גאָט, איהר האָט גיט אַראָפּגענומען און ניט צוגעלעגט, נאָר עס איז טאַקע אַזוי געוועזען; אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זיין פיבער אָפּגעלאָזען און ער האָט אונז געבעטען וואַסער צו טרינקען.—ווידער האָט פּאַסירט מיט ר' חנינא בן דוסא אַז ער איז געגאַנגען לערנען תורה ביי רבן יוחנן בן זכאי און רבי יוחנן בן זכאי'ס זוהן איז קראַנק געוואָרען. האָט ער צו איהם געזאָגט: חנינא, מיין זוהן, בעט רחמים אויף איהם אַז ער זאָל בלייבען לעבען! האָט ער געלעגט זיין קאָפּ צווישען זיינע קניע און האָט געבעטען רחמים אויף איהם און ער איז געבליבען לעבען. האָט ר' יוחנן בן זכאי געזאָגט: אַז בן זכאי וואָלט געוואָרפען 12) זיין קאָפּ צווישען זיינע קניע אַ גאַנצען טאָג וואָלט מען פון איהם קיין נאָטיץ ניט גענומען! האָט זיין פרוי איהם געפרעגט: איז דען חנינא גרעסער פאַר דיר? האָט ער איהר געענטפערט: ניין, נאָר ער איז ווי אַ דיענער ביים קעניג 13), און איך בין ווי אַ בעאַמטער ביים קעניג 14).

ווייטער האָט ר' חייא בר אבא געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט 15): אַ מענש. זאָל נאָר דאַווענען אין אַ הויז וואו עס זיינען דאָ פענסטער, ווייל עס שטעהט: „און די פענסטער זיינען ביי איהם געווען אָפען אין דאַך-שטיבעל אַנטקעגען ירושלים". — רב כהנא האָט געזאָגט: איך האַלט פאַר אַ חצוף דעם וואָס דאַווענט אין אַ טהאָל 16). ווייטער האָט רב כהנא געזאָגט: איך האַלט פאַר אַ חצוף דעם וואָס

פירוש.

די נביאים האָבען נביאות געזאָגט. 1) ד"ה דאָס האָבען אפילו די נביאים ניט געקענט פאָרויסזעהן.—דאָס איז אַ פסוק אין ישעיה ס"ד ג'. 2) שבת ס"ג א' א.א.ע., וואו די מייסטען פון ר' חייא בר אבא'ס מאמרים וואָס שטעהען דאָ קומען פאָר. 3) ד"ה נאָר דאָס וואָס דער גלות וועט אויפהערען אין משיח'ס צייטען, אָבער ווייטער וועט אַלץ בלייבען ווי געווען. 4) דברים ט"ו י"ד. 5) ד"ה אַזוי ווי כל זמן מיר לעבען אויף דער ערד—עולם הזה—וועט עס נאָך אַלץ געבען אָרימע לייט און אַזוי ווי אונטער די ימות המשיח ווערט דאָך פערשטאַנען ניט מעהר ווי אַ געוויסע פער-יאָדע פון אונזער לעבען אויף דער וועלט, קען דאָך די גוטס וואָס די נביאים האָבען נביאות געזאָגט זיך ניט באַציהען אויף די ימות המשיח, אויף אַ צייט וואו אַזאַ איבעל ווי אָרעמקייט וועט נאָך אַלץ עקזיסטירען. אם כן באַווייזט עס אַז אין משיח'ס צייטען וועט אַלץ זיין גענוי ווי איצט מיט דעם איינציגען אונטערשיעד וואָס אידען וועלען דאַמאָלס ניט מעהר זיין אין גלות. 6) ישעיה נ"ז י"ט. 7) וואָס איז אַמאָל געווען ווייט פון גאָט. 8) וואָס איז שטענדיג געווען נאָהענט צו גאָט. 9) אין מינכע-נער כ"י פעהלט דאָס וואָרט „השתא" און מיט רעכט. פיליכט מיינט עס אָבער, איצט נאָך ר' יוחנן'ס ערקלעהרונג. 10) גן עדן. 11) בראשית ב' י'. פון דעם פסוק איז קלאָר אַז דאָס זיינען צוויי באַזונדערע פלעצער.

12) הטיח. אין דעם מינכענער כ"י שטעהט הניח—געלעגט. 13) וואָס איז תמיד ביים קעניג אָהנע צו בעטען ערלויבעניש אויף אַריינצוקומען. 14) וואָס ערשיינט נאָר פאַר'ן קעניג ווען ער ווערט גערופען.

15) זעה ז', 115, וואו דיזער מאמר קומט פאָר, און „פירוש" דאָרט נומ. 6 און 7.—דיזער און די צוויי ווייטערדיגע מאמרים האָבען אייגענט-ליך געדאַרפט קומען פאַר די געשיכטען מיט ר' חנינא בן דוסא. 16) וואו

ר קפרא 1): אַ געוועהנליכער מענש 2) (טהוט) ווי מיר האָ-
ען (נאָר וואָס) געזאָגט, (ב) אַ כהן גדול ביי דעם סוף
ון יעדער ברכה, און דער קעניג ביים אָנהויב [פון יעדער
רכה] און סוף פון יעדער ברכה 3). ר' יצחק בר נחמני
אָט געזאָגט: מיר האָט מען איבערגעגעבן פון ר' יהישע
ן לוי: אַ געוועהנליכער מענש (טהוט) ווי מיר האָבען (נאָר
אָס) געזאָגט, אַ כהן גדול ביים אָנהויב פון יעדער ברכה,
ער קעניג אָבער אַז ער האָט זיך געבוקט הייבט ער זיך
ט מעהר אויף 4), ווארום עס שטעהט 5): „און עס איז גע-
ען נאָכדעם ווי שלמה האָט געענדיגט בעטען צו גאָט
יזע גאַנצע תפלה און תחנה האָט ער זיך אויפגעהויבען
ון קניען פאַר דעם מזבח פון גאָט אויף זיינע קניע". — די
בנן האָבען געלערנט 6): „קידה (מיינט ליגען) מיטן פנים
אויף דער ערד), ווארום עס שטעהט 7): „און בת שבע איז
עלעגען (וַתִּקֹּד) מיטן פנים אויף דער ערד", כְּרִיעָה מיינט
אויף די קניע, ווארום עס שטעהט: „פון קניען (מִכְּרֹעַ) אויף
ינע קניע", הִשְׁתַּחֲוָאָה מיינט אויסציהען די הענד און די פיס,
ארום עס שטעהט 8): „זאָל איך און דיין מוטער און דיינע
רידער קומען זיך אויסציהען (להשתחות) פאַר דיר אויף דער
רד" 9)?" — רב חייא דער זוהן פון רב הונא האָט געזאָגט:
יך האָב געזעהן אַז אביי און רבא פלעגען זיך שטאַרק
אַרנייגען 10). — איינמאָל ווערט געלערנט: ווער עס קניעט
יי דער „הודאה" איז אויסגעצייכענט, און אין אַן אנדער בריתא
ערט געלערנט: איז מאוס! — עס איז קיין קשיא ניט, ווייל
אָס 11) איז ביים אָנהויב און יענעס איז ביים סוף. — רבא האָט
עקניעט אין „מודים" ביים אָנהויב און סוף. האָבען איהם די רבנן
עפרעגט: פאַרוואָס טהוט דער רבי אַזוי? האָט ער זיי געענט-
ערט: איך האָב געזעהן אַז רב נחמן האָט געקניעט 12) און
יך האָב געזעהן אַז רב ששת האָט אויך אַזוי געטהון. — עס
ערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ בריתא: ווער עס קניעט
יי דער „הודאה" איז מאוס! — דאָס מיינט די „הודאה" פון
הלל" 13). — עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ בריתא:
ער עס קניעט ביי דער „הודאה" און ביי דער „הודאה" פון
הלל" 14) איז מאוס! — דערמיט איז נאָר געמיינט די „הודאה"
פון „ברכת המזון" 15).

משנה ה'.

אז איינער דאווענט און מאכט א טעות איז דאס
א שלעכטער סימן פאר איהם, און אויב ער איז א
שליח צבור איז דאס א שלעכטער סימן פאר די וואס
האבען איהם געשיקט 16), ווייל „דער שליח פון א מענ-
שען איז גלייך ווי ער אליין" 17). מען דערצעהלט פון
ר' חנינא בן דוסא אז ווען ער פלעגט מתפלל זיין פאר
קראנקע פלעגט ער פארויסזאגען אז דער וועט לעבען
און יענער וועט שטארבען. האט מען איהם געפרעגט:
פון וואנען ווייסטו דאס? האט ער [זיי] געענטפערט:
אויב מיין געבעט איז געלייפיג אין מיין מויל פאר-
שטעה איך אז עס איז אנגענומען געווארען, און אויב
ניט פארשטעה איך אז עס 18) איז פארווארפען גע-
ווארען.

גמרא.

אויף וועלכע 19)? האָט ר' חייא געזאָגט אַז רב ספרא
האָט געזאָגט אין נאָמען פון איינעם פון רבי'ס ישיבה: אויף
די „אבות". מאַנכע לערנען דאָס אויף דער בריתא: דער
וואָס דאַווענט 20) דאַרף האָבען כונה אין זיין האַרץ ביי אַלע
פון זיי, אויב ער קען אָבער ניט האָבען קיין כונה ביי אַלע
פון זיי, זאָל ער (כאָטש) האָבען כונה אין האַרצען ביי איי-
נער. האָט ר' חייא געזאָגט אַז רב ספרא האָט געזאָגט אין
נאָמען פון איינעם פון רבי'ס ישיבה (אַז דאָס מיינט) אין
די „אבות".

„מען דערצעהלט פון ר' חנינא אא"וו".

פון וואַנען איז דאָס גענומען 21)? האָט ר' יהושע בן
לוי געזאָגט: ווייל דער פסוק זאָגט 22): „אַז די רייד פון די
ליפען זיינען געזונד 23) איז שלום שלום צו ווייט און נאָהענט
זאָגט גאָט און איך וועל איהם היילען".

ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט 24) אַז ר' יוחנן האָט
געזאָגט: אַלע נביאים האָבען נאָר נביאות געזאָגט 25) פאַר
דעם וואָס מאַכט חתונה זיין טאָכטער מיט אַ תלמיד חכם
אָדער וואָס מאַכט געשעפטען פאַר אַ תלמיד חכם אָדער
וואָס איז גלאַט מהנה אַ תלמיד חכם פון זיין פאַרמעגען,
אָבער (וואָס איז שייך צו) די תלמידי חכמים גופא „האָט

פירוש.

צו טהון מעהר ווי די חכמים האָבען געהייסען („תוספות"). 1) א צייט-
גענאָסע פון רבי, זיין אייגענער נאָמען איז ניט בעקאַנט. 2) הֶדְיוֹט. 3) ווייל
וואָס איינער איז גרעסער דאַרף ער זיך אַלץ האַלטען נידעריגער פאַר
גאָט. 4) ביז ער ענדיגט ש"ע. 5) מלכים א' ח' נ"ד. 6) מגילת כ"ב ב,
און שבועות ט"ז ב'. 7) מלכים א' א' ל"א. 8) בראשית ל"ז י'. 9) ד"ה
ליעגען גאַנץ אויף דער ערד, און דאָס איז דאָך נאָר געמאָלט אַז די הענד
אין די פיס זיינען אויך אויסגעצויגען. 10) דמצלו אצלויי, לויט רש"י
זיך פאַרנייגען אָן אַ זייט, אָבער ניט אויסציהען די הענד און די פיס.
11) וואָס עס שטעהט אַז עס איז אויסגעצייכענט. 12) אין „מודים" ביים
אָנהויב און סוף. 13) „הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו". 14) קען דאָך
אַלזאָ „הודאה" סתם שוין ניט זיין אידענטיש מיט דער „הודאה" פון
„הלל". 15) „נודה לך ה' אלהינו על שהנחלת לאבותינו אא"וו".
16) ד"ה פאַר די וואָס ער דאַווענט פאַר זיי. 17) דאָס איז אַ בע-
קאַנטער כלל אין דער גמרא. 18) אָדער „ער", ד"ה דער חולה.
19) פון די ברכות באַציהט זיך דאָס וואָס שטעהט אין אונזער משנה
אַז עס איז אַ שלעכטער סימן אויב מען האָט אַ טעות. 20) ש"ע.
21) ד"ה פון וואַנען האָט ר' חנינא בן דוסא זיין סימן גענומען?
22) ישעיה נ"ז י"ט. 23) דער פשט פון פסוק איז: „ער בעשאַפט די רייד
פון די ליפען", דער דרש איז געבויט אויף די עהנליכקייט פון בּוֹרֵא—ער
בעשאַפט און בָּרִיא—געזונד.
24) דיזער מאמר און די פאָלגענדע קומען דאָ, ווייל זיי געהערען
צו ר' חייא, ר' חייא סתם איז דערזעלבער ווי ר' חייא בר אבא, אַ תלמיד
פון ר' יוחנן. אין דעם מינכענער כ"י הייבט זיך דיזער מאמר ניט אָן מיט
„אמר" נאָר מיט „ואמר" און אָנשטאָט „ר' יהושע בן לוי" וואָס שטעהט
פריהער שטעהט דאָרט „ר' חייא בר אבא". 25) ד"ה אַל דאָס גוטס וואָס

דער אַנדערער לערנט „נטע רבעי"! און (אפילו) נאָך דעם וואָס לערנט „כרם רבעי" איז דאָס רעכט אויב ער לערנט עס 1) אָפּ דורך אַ גזירה שוה 2), ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: דאָ שטעהט 3) „כדי צו פאַרמעהרען אייך זיין ת ב ו א ה" און ווייטער שטעהט 4) „און די ת ב ו א ה פון ווייגגאָרטען", איז אַזוי ווי דאָרט (האַנדעלט עס זיך מכח) אַ ווייגגאָרטען אַזוי איז דאָ אויך (געמיינט) אַ ווייגגאָרטען, בלייבט איבער איין ה ל ו ל פאַר אַ ברכה, אָבער אויב ער לערנט עס ניט אָפּ דורך אַ גזירה שוה 5), טאָ פון וואַנען נעהמט ער מכח אַ ברכה 6)? און אפילו אַז ער לערנט עס יאָ אָפּ דורך אַ גזירה שוה, געפינען מיר 7) פאַר נאָכדעם 8), אָבער פון וואַנען איז גענומען אַז פאַרדעם? — דאָס איז קיין קשיא ניט! ווייל דאָ ווערט אָפּגעלערנט דורך אַ קל וחומר: מה דאָך אַז מען מאַכט אַ ברכה ווען מען איז זאַט, איז דאָך אודאי און אודאי ווען מען איז הונגעריג. — מילא געפינען מיר ביי אַ ווייגגאָרטען 9), אָבער פון וואַנען איז גענומען ביי אַנדערע מינים 10)? — ווייל מיר לערנען עס אָפּ פון אַ ווייגגאָרטען: אַזוי ווי עס פאָדערט זיך אַ ברכה ביי אַ ווייגגאָרטען וואָס איז אַ זאַך וואָס מען געניסט דערפון, אזוי פאָדערט זיך אַ ברכה ביי יעדער זאַך וואָס מען געניסט דערפון. — מען קען דאָך אָבער אָפּפרעגען: פאַרוואָס ביי אַ ווייגגאָרטען? ווייל מען דאַרף (דערפון איבערלאָזען) עוֹלֵלוֹת 11)! — קען מען אָבער (דאַגעגען) בעווייזען פון געטריידע 12). — (קען מען ווידער אָפּפרעגען:) פאַרוואָס ביי געטריידע? ווייל מען דאַרף (דערפון אַראָפּנעהמען) חלה! — קען מען אָבער (דאַגעגען) בעווייזען פון אַ ווייגגאָרטען; און דער דין 13) מוז צוריקגעצויגען ווערען 14), ווייל דאָס איז ניט ווי יענעס און יענעס איז ניט ווי דאָס, נאָר די געמיינזאַמע זייט פון זיי איז (וואָס ביידע זיינען) אַ זאַך וואָס מען געניסט דערפון און דערפאַר פאָדערט זיך דערביי אַ ברכה, אַזוי פאָדערט זיך אויך אַ ברכה ביי יעדער זאַך וואָס מען געניסט דערפון. — זיי האָבען דאָך אָבער נאָך אַן אַנדער געמיינזאַמע זייט — דאָס וואָס זיי האָבען אַ שייכות מיטן מזבח 15), דאַרפען דאָך (אם כן) אַליוון 16) אויך צוקומען, ווייל זיי האָבען דאָך אויך אַ שייכות מיטן מזבח 17)? אָבער וואָצו דאַרפען אַליוון צוקומען צוליעב דער שייכות מיטן מזבח? עס שטעהט דאָך דערביי בפירוש „כרם" 18)! וואָרום עס שטעהט געשריבען 19): „און ער האָט פאַרברענט פון אַ סקירדע ביז שטעהענדיגע תבואה און ביז אַ כ ר ם פון אַליוון"! — האָט רב פפא געזאָגט: אַ כ ר ם פ ו ן אַ ל י ו ו ע ן ווערט עס טאַקע אָנגערופען, אָבער סתם כ ר ם ווערט עס ניט אָנגערופען 20). — אָבער יעדענפאַלס איז עס דאָך אַ קשיא, וואָס זיי האָבען נאָך אַן אַנדער געמיינזאַמע זייט — דאָס וואָס זיי האָבען אַ שייכות מיטן מזבח! — נאָר מיר לערנען דאָס 21) אָפּ פון די זיעבען מינים 22): אַזוי ווי די זיעבען מינים זיינען אַ זאַך וואָס מען געניסט דערפון און עס פאָדערט זיך דערביי אַ ברכה 23) אַזוי פאָדערט זיך אַ ברכה ביי יעדער זאַך וואָס מען געניסט דערפון. — (מען קען דאָך אָבער אָפּפרעגען:) פאַרוואָס ביי די זיעבען מינים? ווייל מען איז מחויב (צו ברענגען פון זיי) בִּכּוּרִים 24)! און נאָך עפּעס 25): דאָס איז רעכט פאַר נאָכדעם, אָבער פון וואַנען איז גענומען אַז פאַרדעם? — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס ווערט אָפּגעלערנט דורך אַ קל וחומר: מה דאָך אַז מען מאַכט אַ ברכה ווען מען איז זאַט, איז דאָך אודאי און אודאי ווען מען איז הונגעריג. — אָבער נאָך דעם וואָס לערנט „נטע רבעי" איז דאָס רעכט 26) פאַר יעדער זאַך וואָס איז אַ פלאַנצע, אָבער פון וואַנען נעהמט ער פאַר דאָס וואָס איז ניט קיין פלאַנצע, ווי פלייש, אייער און פיש? — נאָר דאָס איז אַ סברא 27) אַז אַ מענש טאָר גאָר ניט געניעסען פון דער וועלט אָהן אַ ברכה.

פ י ר ו ש .

מען דאַרף אויסלייזען און דער אַנדערער ה ל ו ל. אַז נאָר דאָרט וואו עס פאָדערט זיך געזאַנג פאָדערט זיך אויסלייזען אא"וו. 1) אַז דער דין פון רבעי באַציהט זיך נאָר אויף ווייגשטעק. 2) זעה „פירוש" ז. 30 נומ. 1. 3) ויקרא י"ט כ"ה, ביי דעם דין פון ערלה און רבעי. 4) דברים כ"ט ב', ביי דעם דין פון כלאים (זעה „פירוש" ז. 80 נומ. 22). 5) נאָר פון דעם צווייטען ה ל ו ל. 6) ווייל איין ה ל ו ל איז דאָך פאַר אויסלייזען און דער אַנדערער פאַר רבעי. 7) אַז מען דאַרף מאַכען אַ ברכה. 8) ווי ביים בענשען, וואו עס שטעהט: „און אַז דו וועסט עסען און זאַט ווערען זאָלסטו בענשען אא"וו". 9) ד"ה אַז מען דאַרף מאַכען אַ ברכה איבער וויין. 10) פון פירות. 11) די טרויבען וואָס וואַקסען איינצעלן, ניט אין בינטעלס, און וועלכע מען טאָר ניט אַראָפּנעהמען ביי דער רעקאָלטע, נאָר מען לאָזט עס פאַר די אָרימע לייט (זעה ויקרא י"ט י'). 12) ביי וועלכע עס איז דאָך ניטאָ דער דין פון עוללות און פונדעסטוועגען פאָדערט זיך דערביי אַ ברכה, וואָרום פאַר „אַז דו וועסט עסען און זאַט ווערען זאָלסטו בענשען" שטעהט „וועסטו עסען דאָרט ברויט" (דברים ח' ט' און י'). 13) וואָס האָט געזאָלט געפאָלגערט ווערען פון דעם פאַרגלייך צווישען אַ ווייגגאָרטען און געטריידע. 14) ווען אַ פאַרגלייך ווערט פרובירט און עס ווערט אויסגעפונען אַז מען קען איהם ניט גוט קאָנסטרואירען שטעהט געוועהנליך אין דער גמרא (נאָר אין תלמוד בבלי) דער אויסדרוק וְחָזַר הַדִּין, ד"ה די שלוספאָלגערונג פון דעם פאַרגלייך איז צוריקגעצויגען און אונגילטיג. נאָכהער שטעהט געוועהנליך לֹא רְאִי זֶה כִּרְאִי זֶה וְלֹא רְאִי זֶה כִּרְאִי זֶה (דאָס איז ניט ווי יענעס און יענעס איז ניט ווי דאָס), ד"ה ווייל די סימנים פון די צוויי פאַרגליכענע זאַכען זיינען פאַרשיעדען, און נאָכהער ווערט אַ פאַרגלייך געמאַכט אויף דער באַזיס פון אַ געוויסער זייט וואָס ביידע זאַכען האָבען געמיינזאַם און דער פאַרגלייך ווערט איינגעפיהרט דורך דעם אויסדרוק, הַצַּד הַשָּׁוֶה שֶׁבָּהֶם. 15) וואָס וויין ווערט באַנוצט פאַר נסכים און פיינע מעהל פאַר מנחות. 16) אָדער אויל. 17) וואָרום אויל ווערט דאָך אויך געניצט פאַרן מזבח. 18) אם כן איז עס דאָך שוין צוליעב דעם ווי וויין. 19) שופטים ט"ו ה'. 20) אם כן וואָלט מען דערפון אַליין ניט געקענט פאַרגלייכען אויל מיט וויין. 21) אַז מען דאַרף מאַכען אַ ברכה איבער פירות. 22) מיט וועלכע ארץ ישראל צייכענט זיך באַזונדערס אויס, נעמליך: ווייץ, גערשטען, וויין, פייגען, מילגרוימען, אַליוון און טייטלען (דברים ח' ח'). 23) ווייל דער פסוק „און אַז דו וועסט עסען און זאַט ווערען זאָלסטו בענשען" שטעהט דאָרט וואו די זיעבען מינים ווערען דערמאָהנט. 24) די ערשטע פרוכט פון יעדער סעזאָן וואָס ווערען רייף. לויט מנחות פ"ד ב' ברענגט מען בכורים נאָר פון די זיעבען מינים. 25) אין דעם מינכענער כ"י פעהלט דיזע פראַגע און דער ענטפער דערויף, און מיט רעכט, ווייל דאָס שטעהט דאָך שוין פריהער. 26) אַז מען מאַכט אַ ברכה. 27) אַ זאַך וואָס דער שכל

רעכענט אוים זיינע זינד 1), ווארום עס שטעהט 2): „וואהל איז צו דעם וואס זיין שולד איז פארגעבען, די זינד איז פארדעקט" 3).

פרק ו'.

(ל"ה א') משנה א'.

ווי מאכט מען א ברכה איבער פירות 4)? איבער די פירות פון בוימער זאגט מען „בורא פרי העץ (וואס האט בעשאפען די פרוכט פון בוים)", מיט אויסנאהמע פון וויין, ווייל איבער וויין זאגט מען „בורא פרי הגפן (וואס האט בעשאפען די פרוכט פון וויינשטאק)"; און איבער די פירות פון דער ערד זאגט מען „בורא פרי האדמה (וואס האט בעשאפען די פרוכט פון באדען)", מיט אויסנאהמע פון ברויט 5), ווייל איבער ברוט זאגט מען „המוציא לחם מן הארץ (וואס האט ארויסגעבראכט ברויט פון דער ערד)"; און איבער גרינס זאגט מען „בורא פרי האדמה". ר' יהודה אבער זאגט: „בורא מִינֵי דְשָׁאִים (וואס האט בעשאפען אלערליי גראז-פלאנצען)" 6).

גמרא.

פון וואנען איז דאס גענומען 7)? ווייל די רבנן האבען געלערנט 8): „א הייליגער לויב (הִלּוּלִים) צו גאט" 9), דאס 10) לערנט אז עס פארדערט זיך ביי זיי א ברכה פאר־דעם און נאכדעם 11). פון דאנען (ווידער) 12) האט ר' עקיבא געזאגט: א מענש טאר קיין שום זאך ניט פארזוכען בעפאר ער מאכט א ברכה". — אבער דיענט דען דאס דאזיגע „א הייליגער לויב (הלולים)" דערצו? דאס דארף מען דאך גאר האבען, ערשטענס, אז די תירה מיינט: לייז עס אוים און נאכהער מעגסטו עס עסען 13), און צווייטענס, אז דארט וואו עס פארדערט זיך געזאנג פארדערט זיך אויסלייזען און דארט וואו עס פארדערט זיך ניט קיין געזאנג פארדערט זיך ניט אויסלייזען 14), און ווי דאס וואס ר' שמואל בר נחמני (האט געזאגט) אז ר' יונתן האט געזאגט, ווארום ר' שמואל בר נחמני האט געזאגט אז ר' יונתן האט געזאגט 15): „פון וואנען איז גענומען אז מען זאגט נאר דעם געזאנג 16) איבער וויין 17)? ווייל עס שטעהט 18): „און דער וויינשטאק האט צו זיי געזאגט: זאל איך אויפהערען מיין זאפט וואס דערפרעהט גאט און מענשען?", מילא מענשען דערפרעהט עס, אבער מיט וואס דערפרעהט עס גאט? פון דאנען איז גענומען אז מען זאגט נאר דעם געזאנג איבער וויין"! דאס 19) איז רעכט נאך דעם וואס לערנט „נֶטַע רְבָעִי (א פיער-יעהריגע פלאנצע)" 20), אבער נאך דעם וואס לערנט „כֶּרֶם רְבָעִי (א פיער-יעהריגער וויינגארטען)" 21) וואס איז דא צו זאגען 22)? ווארום עס ווערט געזאגט: ר' חייא און ר' שמעון דער זוהן פון רבי (זיינען מחולק), איינער לערנט „כרם רבעי" און

פירוש.

אלע קענען איהם זעהען דאוונענדיג. 1) אין דאוונען, ווייל אויב ער וואלט זיך באמת געשעהמט מיט זיי וואלט ער זיי ניט אויסגערעכענט. 2) תהלים ל"ב א'. 3) דער פשט איז „וואס די זינד איז פארדעקט" ד"ה פארגעבען.

4) אין העברעאיש בעצייכענט דאס ווארט פירות אלע עסענווארג וועלכע וואקסען (אדער ווערען געמאכט פון דאס וואס וואקסט, ווי וויין און ברויט), אלזא מעהר ווי אויבסט אדער פרוכט. 5) פאר וויין און ברויט זיינען דא בעזונדערע ברכות צוליעב זייער וויכטיגקייט, וויין אלס דאס פיינסטע געטראנק, און ברויט אלס די נויטווענדיגסטע נאהרונג פון מענשען. 6) ר' יהודה מיינט אז די גרינסען וואס וואקסען אין דער פארמע פון גראזען זיינען פארשיעדען פון די אנדערע פרוכטען פון באדען און מוזען האבען אן אנדער ברכה. — אין דער משנה ווערט נאר געגעבען דער טייל פון די ברכות וואס איז פארשיעדען פון ברכה צו ברכה און ניט דער טייל וועלכען זיי האבען אלע געמיינזאם: „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם".

7) אז מען דארף מאכען א ברכה איבער פירות. 8) ספרא קדושים פרשה ג' פ"ו. 9) ויקרא י"ט כ"ד. דער דין איז אז ווען מען פלאנצט א בוים טאר מען די ערשטע דריי יאהר ניט עסען זיין פרוכט, וועלכעס ווערט אנגערופען ; אין דעם פערטען יאהר מעג מען שוין דאס עסען (עס הייסט דאן נֶטַע רְבָעִי), אבער נאר אין ירושלים, און פון דעם פינפטען יאהר אן מעג מען דאס שוין אומעטום עסען און עס איז ניט מעהר הייליג. דער ציטירטער פסוק באציהט זיך אויף נטע רבעי. 10) וואס עס שטעהט הלולים, אין דער מעהרצאהל, און ניט הלול. 11) אלזא צוויי ברכות, ווייל דאס מינימום פון דער מעהרצאהל איז צוויי. 12) ווייל עס שטעהט אז מען דארף לויבען גאט בעפאר מען געניסט צום ערשטען מאל די פירות פון דעם בוים וואס מען האט געפלאנצט. 13) אויב מען וויל עסען די פרוכט פון פערטען יאהר אויסערהאלב ירושלים מוז מען דאס צוערשט אויסלייזען, ד"ה פערוואנדלען פון דעם צושטאנד פון הייליגקייט אין עפעס וואס איז פראפאן, וואכענדיג. נטע רבעי ווערט אויף פאלגענדען אופן אויסגעלייזט: מען לעגט די פרוכט אין איין ארט און מען נעהמט א פרוטה אין דער רעכטער האנד און מען מאכט די ברכה „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על פדיון כרם רבעי". נאכהער זאגט מען: „בזמן שבית המקדש קים היו פירות רבעי להקדש ועכשיו יהי רצון שיהיו המעות האלו להקדש והפירות חולין" (זעה „כל בו" סי' צ"ב) און מען ווארפט די פרוטה אין וואסער אריין, דאדורך ווערט די פרוכט ענטהייליגט און מען מעג עס עסען אומעטום. — אין דעם אויסדרוק פון דער גמרא ליעגט א ווארט-שפיעל: „אחליה והדר אכליה". חִלּוּל — אויסלייזען איז אויך עהנליך צו הִלּוּל — לויב. 14) ד"ה אז דער דין פון רבעי באציהט זיך נאר אויף טרויבען. 15) ערכין י"א א'. 16) דעם שיר וואס די לוים פלעגען זינגען יעדען טאג אין בית המקדש בעת מען האט מקריב געווען דעם קרבן תמיד פון אין דער פריה און פון פארנאכט. יעדען טאג פון דער וואך פלעגען זיי זינגען אן אנדער שיר, א מזמור פון תהלים (זונטאג מזמור כ"ד, מאנטאג מ"ח, דיענסטאג פ"ב, מיטוואך צ"ד, דאנערשטאג פ"א, פרייטאג צ"ג, שבת צ"ב; זעה די לעצטע משנה פון תמיד און ראש השנה ל"א א'). איצט ווערען דיזע מזמורים געזאגט צום סוף פון דאוונען. 17) בשעת מען גיעסט אויפן מזבח דעם רביעית וויין וואס געהערט אלס נסך צו יעדען תמיד. 18) שופטים ט' י"ג. 19) וואס פון דעם ווארט „הלולים" ווערט געלערנט וועגען א ברכה פאר־דעם און נאכדעם. 2) ד"ה אז דער דין פון רבעי באציהט זיך אויף אלע פלאנצען. אין דיזען פאל בלייבט דאך איבער איין הלול, לערנען מיר דערפון אז מען דארף מאכען א ברכה. 21) ד"ה אז דער דין פון רבעי באציהט זיך נאר אויף וויינשטאקען. 22) ווייל אין דיזען פאל קומט דאך איין חלול צו לערנען אז

דאָס און נים יענעם ערהאַלטען. ווייטער האָט רבה בר בר חנה געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהודה ברבי אילעי 1): „קום און זעה ווי די היינטיגע דורות זיינען ניט ווי די פאַרצייטיגע דורות. די פאַרצייטיגע דורות פלעגען אַריינפיהרען זייערע פירות דורכן פראָנט טויער 2) כדי מען זאָל מוזען פון זיי מעשר געבען, אָבער די היינטיגע דורות פיהרען אַריין זייערע פירות אויף דעכער און הויפען 3) און פאַרצוימטע פלעצער כדי זיי זאָלען זיין פריי פון מעשר, ווארום ר׳ ינאי האָט געזאָגט: טֶבֶל 4) קומט ניט אונטער דעם חיוב פון מעשר 5) סיידען עס זעהט דעם פראָנט פון הויז, ווארום עס שטעהט 6): „איך האָב אַרויסגערוימט דאָס הייליגע 7) פון ה ו י ז", ר׳ יוחנן אָבער האָט געזאָגט: אפילו דער הויף איז באַשטימענד 8), ווארום עס שטעהט 9): „און זיי וועלען עסען אין דיינע ט ו י ע ר ן 10) און זאַט ווערען".

„מיט אויסנאהמע פון וויין אא"וו".

פאַרוואָס איז עפּעס וויין אַנדערש? זאָל מען זאָגען אַז וויל דאָס איז ענטשטאַנען דורך אַ פאַרענדערונג אין עפּעס בעסערס דערפאַר איז דאָס אויך פאַרענדערט בנוגע צו דער ברכה, איז דאָך אויל אויך ענטשטאַנען דורך אַ פאַרענדערונג אין עפּעס בעסערס און פונדעסטוועגען איז דאָס ניט פאַר־ענדערט בנוגע צו דער ברכה, ווארום רב יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט, און אַזוי האָט ר׳ יצחק געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: איבער אָליוועןן אויל מאַכט מען אַ ברכה „בורא פרי העץ"! — האָט מען געענטפערט: דאָרט איז דאָס וויל עס איז דאָך אַנדערש ניט מעגליך; ווי זאָל מען דען די ברכה מאַכען? זאָל מען מאַכען אַ ברכה „בורא פרי הזית"? הייסט דאָך די פרי (דערפון) אויך ז י ת 11)! — מען קען דאָך אָבער מאַכען אַ ברכה „בורא פרי עץ זית"?—נאָר מר זוטרא האָט געזאָגט: (ווייל) וויין שפּייזט און אויל שפּייזט נים. — און אויל שפּייזט דען ניט? מיר האָבען דאָך געלערנט אין דער משנה 12): „אַז איינער טהוט אַ נדר געגען שפּייז איז איהם ערלויבט וואַסער און זאַלץ", און מיר האָבען דערביי אויפגעוואָרפען די פראַגע 13): (הייסט עס אַז) וואַסער און זאַלץ ווערען ניט אָנגערופען קיין שפּייז, אָבער אַלע (אַנדערע) זאַכען ווערען יאָ אָנגערופען שפּייז, קען מען דאָך זאָגען אַז דערפון איז אַן אָפּפראַגע אויף רב און שמואל וועלכע זאָגען אַז מען מאַכט די ברכה „בורא מיני מזונות (שפּייזען)" בלויז אויף די פינף מינים 14), האָט רב הונא ערקלעהרט (אַז דאָס מיינט) אַז ער זאָגט: איך זאָג זיך אָפּ פון אַלץ וואָס שפּייזט 15); אם כן שפּייזט דאָך אויל יאָ! — נאָר וויין קרעפטיגט און אויל קרעפטיגט ניט. — און וויין קרעפטיגט דען? רבא פלעגט דאָך טרינקען וויין אַ גאַנץ ערב פסח כדי דאָס הערץ זאָל איהם ציהען און ער זאָל עסען מעהר מצה!—ביי אַ סך ציהט דאָס (דאָס הערץ), אָבער ביי אַביסעל קרעפטיגט עס.—אָבער קרעפטיגט עס דען איי־בערהויפט? עס שטעהט דאָך געשריבען 16): „און וויין דער־פרעהט דאָס הערץ פון מענשען, [עס מאַכט דעם פנים גלאַנצען מעהר ווי אויל], און ברויט קרעפטיגט דאָס הערץ פון מענשען אא"וו", אַלזאָ נאָר ברויט קרעפטיגט, אָבער וויין קרעפטיגט ניט! — נאָר וויין האָט אין זיך ביידע זאַכען: עס קרעפטיגט און דערפרעהט, ברויט (אָבער) קרעפטיגט טאַקע, אָבער דערפרעהען דערפרעהט עס ניט. — אויב אַזוי 17), טאָ זאָל מען דערביי זאָגען די דריי ברכות 18)?—(ווייל) מענשען מאַכען דערפון קיין באַשטימטע מאָהלצייט ניט.—רב נחמן בר יצחק האָט געפרעגט רבא׳ן: ווי איז אַז מען מאַכט דערפון יאָ אַ באַשטימטע מאָהלצייט? האָט ער איהם געענטפערט: אַז אליהו וועט קומען וועט ער זאָגען צו דאָס קען באַשטימט ווערען19), דערווייל‌ע אָבער האַלט קיין מענש ניט דערפון.

עס שטעהט פריהער 20): „רב יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט, און אַזוי האָט ר׳ יצחק געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: איבער אָליוועןן אויל מאַכט מען אַ ברכה „בורא פרי העץ". ווי איז דאָס געמאָלט? זאָל מען זאָגען אַז מען טרינקט עס אַלס אַ געטראַנק, שאַדט עס דאָך 21), וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 22): אַז איינער 23) טרינקט 24) אויל פון תרומה בעצאָהלט ער דעם קרן 25), [ער בעצאָהלט] אָבער ניט דעם חומש 26), אָבער אַז איינער זאַלבט זיך מיט אויל פון תרומה באַצאָהלט ער דעם קרן

פ י ר ו ש.

1) גיטין פ"א א׳, 2) זעה רש"י דאָרט און בבא מציעא פ"ח א׳, 3) הינטערשטע, 4) אַזוי הייסט די אָפּגעשניטענע תבואה בעפאָר מען האָט פון איהר מעשר געגעבען. 5) מן התורה, 6) דברים כ"ו י"ג, דאָס זאָגט מען בעת מען גיט דעם מעשר, 7) דעם מעשר, וועלכער איז הייליג ד"ה פאַרבאָטען צו געניסען פאַרן אייגענטימער, 8) פאַר מעשר, ד"ה אפילו פון דעם מאָמענט וואָס די תבואה קומט בלויז אַריין אין הויף איז מען שוין מחויב צו געבען מעשר דערפון. 9) דברים כ"ו י"ב, 10) ד"ה ניט דוקא אין פראָנט פון הויז.

11) וועט דאָך די ברכה ניט זיין דייטליך, אָדער, לויט רש"י, וועט דאָך די ברכה גיט זיין אויף אַ פרי נאָר אויף אַ פרי פון אַ פרי, און דאָס איז דאָך בעשאַפען פון מענשען און ניט פון גאָט, 12) עירובין כ"ו ב׳, 13) הֲוֵינַן בָּהּ, 14) פון תבואה, געמליך ווייץ, גערשטען, האָבער, שפעליץ און קאָרן, 15) ד"ה ער זאָגט ניט „אַלע שפּייז", ווייל ש פ י י ז ווערען נאָר אָנגערופען די פינף מינים, נאָר ער זאָגט „אַלץ וואָס שפּייזט", און דאָס שליסט איין אַלץ אחוץ וואַסער און זאַלץ. 16) תהלים ק"ד ט"ו, 17) ד"ה אויב וויין שפּייזט און קרעפטיגט, 18) ד"ה זאָל מען נאָכדעם בענשען, ווי נאָך ברויט, — „ברכת המזון" באַשטעהט פון דריי ברכות: ברכת הַזָן, ברכת הארץ (הייבט זיך אָן מיט „נודה לך" און ענדיגט זיך מיט „על הארץ ועל המזון") און „בונה ירושלים" (הייבט זיך אָן מיט „רחם" און ענדיגט זיך מיט „בונה ברחמיו ירושלים אמן"), דיזע דריי ברכות זיינען מדאוריתא, שפעטער האָבען די רבנן מוסיף געווען אַ פער־טע ברכה, „הטוב והמטיב", (פון „האל אבינו מלכנו" ביז צום סוף). 19) ד"ה צו מען קען דערפון מאַכען אַ בעשטימטע מאָהלצייט.

20) גופא (זעה „פירוש" ז, 65 גומ. 27). 21) און מען מאַכט דאָך ניט קיין ברכה אויף דאָס וואָס איז שעדליך, 22) תוספתא תרומות פ"ז, וואו עס איז דאָ אַ בעוויז אַז ביי אַנדערע געלעגענהייטען, אחוץ ברכות, איז אויך דאָ אַן אונטערשיעד צווישען שעדליך און נוצליך, 23) וואָס איז ניט קיין כהן, 24) בשוגג, 25) ווי יעדערער וואָס טהוט אַ שאָדען צו אימיצען אַנדערש, 26) די פינפטעל פון ווערט וואָס מען דאַרף באַצאָהלען אַלס שטראָף אחוץ דעם קרן פאַר באַנוצען זיך בשוגג מיט דאָס וואָס איז הייליג, ווייל ביים חומש שטעהט „און אַז אַ מענש וועט עסען עפּעס

די רבנן האָבען געלערנט: אַ מענש טאָר גאָר ניט געניסען פֿון דיזער וועלט אָהן אַ ברכה, און דער וואָס געניסט פֿון דיזער וועלט אָהן אַ ברכה באַגעהט אַן אונטערשלאָגונג 1). ווי קען ער דאָס גוט מאַכען? ער זאָל געהן צו אַ (תלמיד) חכם.—ער זאָל געהן צו אַ (תלמיד) חכם! וואָס קען ער איהם העלפֿען? ער האָט דאָך שוין געטהון דאָס וואָס איז פֿאַרבאָטען! — נאָר רבא האָט געזאָגט: ער זאָל לכתחלה געהן צו אַ (תלמיד) חכם און זיך לערנען ביי איהם די ברכות כדי ער זאָל ניט קומען צו אַן אונטערשלאָגונג. רב יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: דער וואָס געניסט פֿון דיזער וועלט אָהן אַ ברכה איז ווי ער וואָלט גענאָסען עפּעס וואָס איז געהייליגט צו גאָט, וואָרום עס שטעהט 2): „צו גאָט געהערט די ערד און דאָס וואָס זי איז פֿול דערמיט". ר' לוי האָט אויפֿגעוואָרפֿען אַ פֿראַגע: (איינמאָל) שטעהט געשריבען: „צו ג אָ ט געהערט די ערד און דאָס וואָס זי איז פֿול דערמיט" און (אַן אַנדערם מאָל) שטעהט געשריבען 3): „די הימלען זיינען הימלען פֿאַר גאָט, אָבער די ערד האָט ער געגעבען צו די מענשען"!—עס איז קיין קשיא ניט, (ווייל) דאָ איז פֿאַר דער ברכה (ב') און דאָרט 4) איז נאָך דער ברכה. ר' חנינא בר פפא האָט געזאָגט: דער וואָס געניסט פֿון דיזער וועלט אָהן אַ ברכה איז ווי ער וואָלט בעגזלט דעם קב"ה און די כנסת ישראל, וואָרום עס שטעהט 5): „דער וואָס באַרויבט זיין פֿאָטער און זיין מוטער און זאָגט אַז עס איז קיין פֿאַרברעך ניט איז אַ חבר פֿון אַ פֿאַרדערבער", און „זיין פֿאָטער" איז קיין אַנדערער ווי דער קב"ה, וואָרום עס שטעהט 6): „ער איז דאָך דיין פֿאָטער וואָס האָט דיך ערוואָרבען", און „זיין מוטער" איז קיין אַנדערע ווי די כנסת ישראל, וואָרום עס שטעהט 7): „הער צו, מיין זוהן, דעם מוסר פֿון דיין פֿאָטער און פֿאַרלאָז ניט די תורה פֿון דיין מוטער". וואָס מיינט: „איז אַ חבר פֿון אַ פֿאַרדערבער"? האָט ר' חנינא בר פפא געזאָגט: ער איז אַ חבר פֿון ירבעם בן נבט וואָס האָט פֿאַרדאָרבען די אידען געגען זייער פֿאָטער אין הימעל 8).

ר' חנינא בר פפא האָט אויפֿגעוואָרפֿען די פֿראַגע: (איינמאָל) שטעהט געשריבען 9): „און איך וועל אַוועקנעהמען מיין קאָרן אין זיין צייט אא"וו" און (אַן אַנדערם מאָל) שטעהט געשריבען 10): „און דו וועסט איינזאַמלען דיין קאָרן אא"וו"! — עס איז קיין קשיא ניט, (ווייל) דאָס 11) איז אַז די אידען טהוען דעם ווילען פֿון דעם אויבערשטען, און יענעס אַז די אידען טהוען ניט דעם ווילען פֿון דעם אויבערשטען 12).

די רבנן האָבען געלערנט 13): „'און דו וועסט איינזאַמלען דיין קאָרן', וואָס מיינט עס צו זאָגען? ווייל עס שטעהט 14): „עס זאָל זיך ניט אָפּטהון דיזער ספר פֿון דער תורה פֿון דיין מויל" וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס איז ווערטליך אויפֿצופאַסען, מיינט „און דו וועסט איינזאַמלען דיין קאָרן" צו זאָגען: פֿיהר זיך דערמיט נאָכן שטייגער פֿון דער וועלט 15). דאָס זיינען די רייד פֿון ר' ישמעאל; ר' שמעון בן יוחאי אָבער זאָגט: [ווי איז דאָס מעגליך] אַז אַ מענש זאָל אַקערן אין דער צייט פֿון אַקערן און זייען אין דער צייט פֿון זייען און שניידען אין דער צייט פֿון שניידען און דרעשען אין דער צייט פֿון דרעשען און אויסבלאָזען די מעקענע בשעת עס איז דאָ אַ ווינד, טאָ וואָס זאָל זיין מיט דער תורה? נאָר ווען די אידען טהוען דעם ווילען פֿון דעם אויבערשטען ווערט זייער אַרבייט אָפּגעטהון פֿון אַנדערע, וואָרום עס שטעהט 16): „און פֿרעמדע וועלען זיך אַוועקשטעלען און וועלען פּאַשען אייערע שאָף אא"וו", אָבער ווען די אידען טהוען ניט דעם ווילען פֿון דעם אויבערשטען מוזען זיי אַליין טהון זייער אַרבייט, וואָרום עס שטעהט: „און דו וועסט איינזאַמלען דיין קאָרן"; און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר זיי מוזען נאָך אָפּטהון די אַרבייט פֿון אַנדערע, וואָרום עס שטעהט 17): „'און דו וועסט דיענען דיינע פֿיינד אא"וו". אביי האָט געזאָגט: אַ סך האָבען געטהון ווי ר' ישמעאל און עס האָט זיך זיי איינגעגעבען 18), (און אַ סך האָבען געטהון) ווי ר' שמעון בן יוחאי און עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען. רבא פֿלעגט זאָגען צו די רבנן 19): איך בעט אייך, ווייזט זיך ניט פֿאַר מיר אין די טעג פֿון ניסן 20) און אין די טעג פֿון תשרי 21) כדי איהר זאָלט (צוליעב דעם) ניט זיין פֿאַרטראָגען ווענען אייער חיונה אַ גאַנץ יאָהר.

רבה בר בר חנה האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יהודה ברבי אילעי: קום און זעה ווי די היינטיגע דורות זיינען ניט ווי די פֿאַרצייטיגע דורות. די פֿאַרצייטיגע דורות האָבען געמאַכט זייער תורה פֿאַר אַ שטענדיגע זאַך און זייער אַרבייט פֿאַר אַ צופֿעליגע זאַך, האָט זיך ביי זיי אי דאָס אי יענעס ערהאַלטען, אָבער די היינטיגע דורות האָבען געמאַכט זייער אַרבייט פֿאַר אַ שטענדיגע זאַך און זייער תורה פֿאַר אַ צופֿעליגע זאַך, האָט זיך ביי זיי ניט

פירוש.

איז מחיב. מיר לערנען אַלזאָ וועגען דעם חיוב פֿון אַ ברכה ניט פֿון די זיעבען מינים און ניט פֿון הלולים, און דער פסוק פֿון ויקרא אין אָנפֿאַנג פֿון דיזען מאמר איז ניט מעהר ווי אַן אסמכתא („תוספות").

1) ד"ה ער אייגענט זיך אָן דאָס וואָס געהערט צו גאָט. 2) תהלים כ"ד א'. 3) דאָרט קט"ו ט"ז. 4) וואָס שטעהט אַז די ערד געהערט צו די מענשען. 5) משלי כ"ח כ"ד. 6) דברים ל"ב ו'. 7) משלי א' ח'. — אייגענטליך האָט פֿון דיזען פסוק אויך געקענט זיין אַ בעוויז פֿאַר „זיין פֿאָטער", אָבער דער בעוויז פֿון דעם פסוק אין דברים איז דייטליכער. 8) ער האָט צושפּאָלטען דאָס אידישע פֿאָלק אין צווייען און האָט אַוועקגעשטעלט אָנגעטער ביי די גרעניצען פֿון זיין לאַנד כדי די צעהן שבטים וואָס האָבען געהאַלטען מיט איהם זאָלען ניט מעהר עולה לרגל זיין קיין ירושלים.

9) הושע ב' י"א. 10) דברים י"א י"ד. 11) וואָס שטעהט אין דעם פסוק פֿון דברים. 12) נעהמט גאָט ביי זיי אַוועק זייער קאָרן.

13) ספרי פ' עקב פיסקא מ"ב. 14) יהושע א' ח'. 15) ד"ה באַשעפֿטיג זיך טאַקע מיט דער תורה, אָבער גיב זיך אויך אָפּ מיט דיין באַרוף. 16) ישעיה ס"א ה'. 17) דברים כ"ח מ"ח. 18) ד"ה זיי האָבען געהאַט ערפֿאָלג אי אין דער תורה אי אין זייער באַרוף. 19) וואָס האָבען געלערנט ביי איהם. 20) די צייט פֿון שניט. 21) די צייט ווען מען פרעסט די טרויבען און אָליווען.

גענאָגט „שהכל נהיה בדברו", ווייל עס ווערט דאָך שפּעטער פאַרהאַרטעוועט. האָט שמואל געזאָגט צו רב יהודה: שאַרפער קאָפּ, דער שכל איז מחיב ווי דו (זאָגסט)! ווארום רעטיך ווערט דאָך אויך שפּעטער פאַרהאַרטעוועט 1), און פונדעסט-וועגען מאַכט מען דעריבער אַ ברכה „בורא פרי האדמה".— דאָס איז אָבער ניט ריכטיג! ווייל רעטיך פאַרזייט מען צו-ליעב די ווייכע רעטיכער 2), אָבער פאַלמען פלאַנצט מען ניט צוליעב די פּאַלמען שפּיצען, און איבער דאָס וואָס מען פלאַנצט ניט צוליעב דעם מאַכט מען קיין ברכה ניט. — אָבער דעם קאַפּער-שטרויך 3) פלאַנצט מען דאָך צוליעב די בליטען, און דאָך ווערט געלערנט אין אַ בריתא: „בנוגע צו די פאַרשיעדענע זאַכען פון דעם קאַפּער-שטרויך איז איבער די בלעטער און די קנאָספּען זאָגט מען „בורא פרי האדמה", און איבער די קערנער און די שאָלעכין זאָגט מען „בורא פרי העץ" 4)! — האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: דעם קאַ-פער-שטרויך פלאַנצט מען אויך צוליעב די שפּראָצען, אָבער פאַלמען פלאַנצט מען ניט צוליעב די פאַלמען שפּיצען 5).— און הגם שמואל האָט רב יהודה'ן געלויבט בלייבט דער דין ווי שמואל.

רב יהודה האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: פון אַ קאַפּער-שטרויך פון ערלה 6) זאָל מען אין חוץ לארץ 7) אַוועקוואַרפען די קערנער און עסען די שאָלעכין. דאָס מיינט (אודאי) צו זאָגען, ווייל די קערנער זיינען די פרי און די שאָלעכין איז ניט קיין פרי, קען מען דאָך דערויף פרע-גען פון דער בריתא: „בנוגע צו די פאַרשיעדענע זאַכען פון דעם קאַפּער-שטרויך איז איבער די בלעטער און די קנאָס-פען זאָגט מען „בורא פרי האדמה", און איבער די קערנער און די שאָלעכין זאָגט מען „בורא פרי העץ" 8)! — ער 9) האָט עס געזאָגט ווי ר' עקיבא, ווארום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 10): „ר' אליעזר זאָגט: פון דעם קאַפּער-שטרויך גיט מען מעשר פון די קנאָספּען און קערנער און שאָלעכין, ר' עקיבא אָבער זאָגט: מען גיט נאָר מעשר בלויז פון די קערנער, ווייל דאָס איז די פרי (דערפון)". — טאָ זאָל ער 11) זאָגען אַז דער דין איז ווי ר' עקיבא? — אַז ער וואָלט גע-זאָגט אַז דער דין איז ווי ר' עקיבא, וואָלט מען געקענט מיינען אַז אפילו אין ארץ ישראל 12), דערפאַר לערנט ער אונז 13), אַז אפילו דער וואָס איז מיקל 14) אין ארץ ישראל איז דער דין ווי ער נאָר אין חוץ לארץ 15), אָבער ניט אין ארץ ישראל. — טאָ זאָל ער זאָגען אַז דער דין איז ווי ר' עקיבא אין חוץ לארץ, ווייל דער וואָס איז אַ מיקל אין ארץ ישראל איז דער דין ווי ער אין חוץ לארץ? — אַז ער וואָלט אַזוי געזאָגט וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס 16) איז נאָר ביי דעם מעשר פון בוימער וואָס איז אפילו אין ארץ ישראל גופא בלויז מדרבנן 17), אָבער ביי ערלה וואָס איז אין ארץ ישראל מדאוריתא וואָלט מען געקענט מיינען אַז מען דאַרף גוזר זיין אפילו אין חוץ לארץ 18), דערפאַר לערנט ער אונז 19).

רבינא האָט געפונען מר בר רב אשי עסענדיג די שאָ-לעכין און אַוועק וואַרפענדיג די קערנער 20), האָט ער איהם געפרעגט: דו ביזט אודאי מיט דער מיינונג פון ר' עקיבא, ווייל ער איז אַ מיקל, טאָ פאַרוואָס זאָל דער רבי ניט טהון ווי בית שמאי וועלכע זיינען נאָך מעהר מיקל? ווארום מיר האָבען געלערנט 21): „אַ קאַפּער-שטרויך, זאָגען בית שמאי, איז כלאים 22) אין אַ וויינגאָרטען, אָבער בית הלל זאָגען אַז דאָס איז ניט קיין כלאים אין אַ וויינגאָרטען; ביידע אָבער געבען צו אַז מען איז דערביי מחויב אָפּצו-האַלטען ערלה". — אָבער דאָ איז דאָך אַ ווידערשפרוך: דו זאָגסט אַליין „אַ קאַפּער-שטרויך, זאָגען בית שמאי, איז כלאים אין אַ וויינגאָרטען", הייסט עס דאָך אַז דאָס איז אַן אַרט גרינס, און נאָכהער לערנסטו „ביידע אָבער געבען צו אַז מען איז דערביי מחויב אָפּצוהאַלטען ערלה", בעוויזט עס דאָך שוין ווידער אַז דאָס איז אַ מין בוים! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל בית שמאי זיינען בספק 23) און זיינען (דערפאַר) דאָ מחמיר און דאָרט מהמיר 24). — אָבער 25) יעדענפאַלס איז עס דאָך לויט בית שמאי אַ ספק ערלה, און מיר האָבען דאָך געלערנט 26): „צווייפעלהאַפטע ערלה איז אין ארץ ישראל פאַרבאָטען 27), און אין סוריא 28) ער-לויבט, און אין חוץ לארץ מעג מען (אפילו) געהן (ב') און קויפען דאָס 29), נאָר מען דאַרף איהם 30) ניט זעהען קלוי-בענדיג דאָס 31)"! — דאָרט וואו ר' עקיבא איז געגען ר'

פירוש.

—אַן עסענוואַרג. 1) אַז מען רייסט עס ניט אַרויס באַצייטענס. 2) פוגלא, ד"ה מיט דער אַבזיכט אַז מען זאָל דאָס עסען ווען עס איז נאָך ווייך. 3) אַזאַ פלאַנצע וואָס וואַקסט איף פעלזען און אַלטע ווענד. 4) אם כן זעהען מיר דאָך אַז מען מאַכט אַ ברכה אפילו איבער דעם צוליעב וואָס די פלאַנצע איז ניט געפלאַנצט געוואָרען. 5) ווייל אַז מען רייסט זיי אַראָפּ וואַקסען די בלעטער ניט מעהר.

6) זעה „פירוש" ז, 130 נומ. 9. 7) וואו דער דין פון ערלה איז נאָר מדרבנן. 8) אם כן זעהט מען דאָך אַז די שאָלעכין איז אַזוי גוט אַ פרי ווי די קערנער פונם קאַפּער-שטרויך. 9) און 11) רב יהודה. 10) מעשרות פ"ד מ"ו. 12) מעג מען אויך עסען די שאָלעכין פון די קער-נער פונם קאַפּער-שטרויך. 13) דאַדורך וואָס ער זאָגט עס דירעקט אַז אין חוץ לארץ מעג מען עסען די שאָלעכין, אין דערמאָהנט ניט אַז דער דין איז ווי ר' עקיבא. 14) ביי ערלה 15) ווייל ניט זייענדיג מדאוריתא געהען מיר דערביי נאָך דער קולא. 16) וואָס ר' עקיבא האָט געזאָגט. 17) ווייל די תורה האָט נאָר מחיב געווען צו געבען מעשר פון געטריידע, וויין און אויל. 18) ניט צו עסען די שאָלעכין פון די קערנער פון אַ קאַפּער-שטרויך. 19) דירעקט אַז מען מעג דאָס עסען.

20) פון אַ קאַפּער-שטרויך פון ערלה. 21) תוספתא כלאים סוף פון פ"ג.—שטאָט „דתנן" וואָלט געווען ריכטיגער „דתניא", ווייל דאָס איז דאָך ניט קיין ציטאַט פון אַ משנה. 22) זעה „פירוש" : 80 נומ. 24. 23) וואָס דאָס איז. 24) ד"ה זיי בעהאַנדלען עס ביי כלאים אַלס אַ גרינס און ביי ערלה אַלס אַ בוים. 25) דאָס איז די פאָרטזעצונג פון רבינא'ס פראַגע צו מר בר רב אשי. 26) ערלה פ"ג מ"ט. 27) ווייל לויט ויקרא י"ט כ"ג באַציהט זיך דער דין פון ערלה אויף ארץ ישראל. 28) ארם צובא וואָס דוד האָט עראָבערט און האָט עס אַריינגענומען אין ארץ ישראל (זעה שמואל ב' י', ו', ח', י"ט). 29) פון איינעם וואָס איז אַ חשוד אַז ער האַלט ניט אָפּ ערלה. 30) דעם פאַרקויפער. 31) אם כן זעהען מיר דאָך אַז מען מעג

און בענצאָהלט דעם הומש 1)"! אלא וואָס? ער עסט עס מיט ברויט? אויב אַזוי, איז דאָך דאָס ברויט די הויפּטזאַך און דאָס די נעבענזאַך, און מיר האָבען דאָך געלערנט אין דער מישנה 2): „דאָס איז אַ כלל: אומעטום וואו עס איז דאָ אַ הויפּטזאַך און אַ נעבענזאַך מאַכט מען אַ ברכה אויף די הויפּטזאַך און דאָס פּטרט שוין די נעבענזאַך"! אלא וואָס? ער טרינקט עס מיט אניגרון—ווי רבה בר שמואל האָט ערקלעהרט: אניגרון איז די יויך פון מייערן, אכסיגרון איז די יויך (ל"ו א') פון אַלע (אַנדערע) געקאָכטע גרינסען—אם כן איז דאָך דאָס אניגרון די הויפּטזאַך און די אויל די נעבענזאַך,' און מיר האָבען דאָך געלערנט אין דער משנה: „דאָס איז אַ כלל: אומעטום וואו עס איז דאָ אַ הויפּטזאַך און אַ נעבענזאַך מאַכט מען אַ ברכה אויף די הויפּטזאַך און דאָס פּטרט שוין די נעבענזאַך"!—עס האַנדעלט זיך דאָ אַז די האַלז טהוט איהם וועה 3). ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא 4): „אַז איינעם טהוט וועה די האַלז זאָל ער ניט דירעקט גאָרגלען מיט אויל אום שבת 5), נאָר זאָל אַריין טהון אַ סך אויל אין אניגרון און אַראָפּשלינגען".—דאָס איז דאָך אָבער זעלבסט פאַרשטענדליך!—מען וואָלט געקענט מיינען אַז וויבאַלד ער באַצוועקט דאָך דאָס אַלס אַ רפואה דאַרף ער דעריבער איבערהויפּט קיין ברכה ניט מאַכען, קומט עס אונז צו לערנען אַז אַזוי ווי ער האָט דאָך אָבער דערפון אַ הנאה 6) דאַרף ער יאָ מאַכען אַ ברכה.

איבער ווייצען מעהל 7) האָט רב יהודה געזאָגט אַז 8) „בורא פרי האדמה"9), און רב נחמן האָט געזאָגט אַז „שהכל נהיה בדברו (וואָס אַלץ איז געוואָרען דורך זיין וואָרט)". האָט רבא געזאָגט צו רב נחמן: שפּאַר זיך ניט מיט רב יהודה, ווייל ר' יוחנן און שמואל האַלטען מיט איהם, וואָרום רב יהודה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט, און אַזוי האָט ר' יצחק געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: איבער אָליוועןאויל מאַכט מען אַ ברכה „בורא פרי העץ"; זעהט מען דאָך אַז הגם עס איז פאַרענדערט געוואָרען 10) פונדעסטוועגען בלייבט דאָס נאָך ביי דאָס וואָס עס איז געווען 11), אַזוי איז דאָ אויך הגם עס איז פאַרענדערט געוואָרען 12) פונדעסטוועגען בלייבט דאָס נאָך ביי דאָס וואָס עס איז געווען 13).—אָבער ווי קען מען דאָס פאַרגלייכען? דאָרט האָט עס דאָך ניט מעהר קיין אַנדערע פאַרבעסערונג 14), אָבער דאָ האָט עס דאָך נאָך אַן אַנדערע פאַרבעסערונג דורך דאָס ברויט 15)! — און אַז עס האָט ניט מעהר קיין אַנדערע פאַרבעסערונג מאַכט מען דעריבער ניט די ברכה „בורא פרי האדמה" נאָר „שהכל"? ר' זירא האָט דאָך געזאָגט אַז רב מתנא האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: איבער רויהע קירבעס און גערשטען מעהל מאַכט מען די ברכה „שהכל נהיה בדברו", איז דאָך דערפון געדרונגען 16) אַז איבער ווייצען (מעהל) מאַכט מען „בורא פרי האדמה"!—ניין; איבער ווייצען (מעהל) מאַכט מען אייך „שהכל נהיה בדברו"!—טאָ זאָל ער 17) אונז לערנען איבער ווייצען (מעהל), (וועלען מיר פאַרשטעהן אַז) אַ פשיטא שוין איבער גערשטען (מעהל)?—אַז ער וואָלט אונז געלערנט איבער ווייצען (מעהל), וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס איז נאָר איבער ווייצען (מעהל), אָבער איבער גערשטען (מעהל) זאָל מען איבערהויפּט קיין ברכה ניט מאַכען, דערפאַר לערנט ער אונז 18).—אָבער פאַרוואָס זאָל דאָס 19) זיין ערגער ווי זאַלץ און ליאָק? ווארום עס ווערט דאָך געלערנט אין אַ בריתא 20): „'איבער זאַלץ און ליאָק מאַכט מען 'שהכל נהיה בדברו'!—מען דאַרף דאָס האָבען; ווייל מען וואָלט געקענט מיינען 21) אַז זאַלץ און ליאָק ווייל מענשען זיינען געוועהנט אַריינצוּוואַרפען דאָס אין מויל 22), אָבער גערשטען מעהל ווייל עס איז דאָך שוועד פאַר די ווערים אין די געדערים 23) דאַרף מען דערפאַר איבערהויפּט קיין ברכה ניט מאַכען דעריבער 24), דערפאַר לערנט ער 25) אונז 26) אַז ווייל מען האָט דאָך אָבער דערפון אַ הנאה 27) דערפאַר דאַרף מען דעריבער יאָ מאַכען אַ ברכה.

איבער די שפּיצען פון פאַלמען 28) האָט רב יהודה געזאָגט אַז 29) „בורא פרי האדמה", און שמואל האָט געזאָגט אַז „שהכל נהיה בדברו". רב יהודה האָט געזאָגט „בורא פרי האדמה", ווייל דאָס איז דאָך אַ פּרי 30), און שמואל האָט

פירוש.

הייליגעס בשוגג" (ויקרא כ"ב י"ד) און די באַטאָנונג פון עסען מיינט אַז דוקא נאָר דאָס וואָס איז ניצליך. 1) ווייל דאָס זאַלבען זיך טהוט איהם גוט. 2) ווייטער מ"ד א'. 3) און ער דאַרף איינעהמען אַ סך אייל; דאַמאָלס איז, פאַרקעהרט, די אויל די הויפּטזאַך און דאָס אניגרון די נעבענזאַך. 4) תוספתא שבת פ"ג. 5) ד"ה ער זאָל ניט אַריינעהמען די אויל אין מויל אַריין מיט דער כונה צו גאָרגלען נאָר אַראָפּצושלינגען און דאַן מעג ער גאָרגלען אויב ער וויל, ווייל אַריינעהמען לכתחלה צו גאָרגלען איז דאָך צוליעב אַ רפואה און די חכמים האָבען גוזר געווען אויף רפואות אום שבת צוליעבן מאַכען זיי וואָס איז אַ מלאכה. 6 און 27) די הנאה פון עסען, אַחוץ דער רפואה.

7) אַז מען עסט עס רויהערהייד. 8 און 29) מען דאַרף מאַכען אַ ברכה. 9) ווייל דאָס איז ווי מען וואָלט געגעסען רויהע ווייצען קערנער. 10) פון אָליוועןאין אויל, דורך פרעסען. 11) די פרוכט פון אַ בוים. 12) פון קערנער אין מעהל, דורך מאָהלען. 13) די פרוכט פון באָדען. 14) ווייל מען פלאַנצט דאָך אָליוועןבוימער לכתחלה צוליעב די אויל, דערפאַר איז דאָס ווי דאָס וואָלט געווען די דירעקטע פרי פון דעם בוים. 15) ווייל מען זייעט דאָך ניט קיין ווייצען צוליעב די מעהל נאָר צוליעב ברויט, דערפאַר איז עס ניט ווי די פרי גופא, די ווייצען קערנער, און ניט ווי ברויט, און מען דאַרף דעריבער מאַכען די אַלגעמיינע ברכה „שהכל", וועלכע מען מאַכט איבער אַלץ וואָס עס לאָזט זיך ניט קלאַסיפיצירען. 16) וואָס עס שטעהט בלויז גערשטען מעהל אַז עס מיינט דוקא גערשטען און ניט קיין אַנדער זאַך. 17) און 25) ר' זירא. 18) און 26) אויסדריקליך איבער גערשטען מעהל. 19) גערשטען מעהל. 20) ווייטער מ' ב' און נדרים נ"ה ב'. 21) ווען עס וואָלט ניט געשטאַנען אויסדריקליך גערשטען מעהל און מיר וואָלטען דאָס געדאַרפט אָפּלערנען דורך אַ קל וחומר פון זאַלץ און ליאָק. 22) דאַרף מען יאָ מאַכען אַ ברכה דעריבער. 23) וועלכע עס פאַרטרייבט. 24) ווייל דאָס איז דאָך ניט קיין עסען נאָר אַ רפואה.

28) קוֹרָא, די ווייכע בלעטער וואָס קומען צו יעדען יאָהר און ווערען אין צווייטען יאָהר פאַרהאַרטעוועט, פאַרהאָלצט. בשעת זיי זיינען נאָך ווייך קען מען זיי עסען. 30) אין דעם מינכענער כ"י שטעהט ריכטיגער אוכלא

„אלע אַנדערע בוימער פֿון װען זיי ברענגען אַרויס" 1)! — נאָר רבא האָט געזאָגט: וואו זאָגען מיר אַז עס איז אַ שומר פֿון דער פּרי? דאָרט וואו די פּרי שטאַרבט אָפּ אַז מען נעהמט אַוועק דעם שומר, אָבער דאָ 2) וועט דאָך די פּרי ניט אָפּשטאַרבען ווען מען זאָל אַוועקנעהמען דעם שומר. אַ פֿאַקט איז אַז מען האָט אַראָפּגענומען די בליטען פֿון אַ מילגרוים איז דער מילגרוים פֿאַרדאַרט געוואָרען, אָבער אַז מען האָט אַראָפּגענומען די בלום פֿון אַ קאַפּער קערענדעל האָט זיך דאָס קאַפּער קערענדעל ערהאַלטען. (און) 3) דער דין איז ווי מר בר רב אשי וואָס האָט אַוועקגעוואָרפֿען די קערנער און האָט געגעסען די שאָלעכין; און אַזוי ווי בנוגע צו ערלה איז דאָס 4) ניט קיין פּרי, אַזוי איז דאָס אויך ניט קיין פּרי בנוגע צו ברכות, און מען מאַכט דעריבער ניט די ברכה „בורא פּרי העץ" נאָר „בורא פּרי האדמה" 5).

איבער פֿעפֿער האָט רב ששת געזאָגט אַז „שהכל", רבא אָבער האָט געזאָגט אַז גאָר ניט. און רבא געהט דערביי נאָך זיין מיינונג, ווארום רבא האָט געזאָגט 6): „אַז מען קייט פֿעפֿער אום יום כפור איז מען פּטור 7), אַז מען קייט אינגבער אום יום כפור איז מען פּטור. האָט מען דערויף געפֿרעגט 8): ר' מאיר פֿלעגט זאָגען: וויבאַלד עס שטעהט דייטליך „און איהר זאָלט זיין פֿרוכט האַלטען פֿאַר ערלה 9)" פֿאַרשטעהט איך דען ניט אַז עס האַנדעלט זיך דאָ װעגען אַ בוים פֿון עסבאַרע פֿרוכט? טאָ וואָס קומט צו לערנען (דאָס וואָס שטעהט נאָך) עין מַאֲכָל (אַ בוים פֿון עסענוואַרג)? כדי איינצושליסען 10) דעם בוים וואָס דער טעם פֿון זיין האָלץ און זיין פֿרוכט איז דערזעלבער 11), און וואָס איז דאָס? דאָס איז די פֿעפֿער פֿלאַנצע. דאָס לערנט אונז אַז ביי פֿעפֿער איז דאָ דער דין פֿון ערלה 12), און ווידער לערנט עס אונז אַז אין ארץ ישראל פֿעהלט קיין שום זאַך ניט, ווארום עס שטעהט 13): 'אַ לאַנד וואָס ניט אין אָרעמקייט וועסטו אין איהם עסען ברויט; קיין זאַך פֿעהלט דאָרט ניט'" 14)! — עס איז קיין קשיא ניט! ווייל דאָס 15) איז ווען עס איז איינגעמאַכט און יענעס 16) ווען עס איז טרוקען. — די רבנן האָבען געזאָגט צו מרימר: „אַז מען קייט אינגבער אום יום כפור איז מען פּטור", רבא האָט דאָך אָבער געזאָגט: די אינגבער מאַרמעלאַדע וואָס קומט פֿון די אינדיאַנער איז ערלויבט 17) און מען מאַכט דעריבער די ברכה „בורא פּרי האדמה"? — דאָס איז קיין קשיא ניט! ווייל דאָס איז איינגעמאַכט און יענעס טרוקען.

איבער פּודינג 18) (געמאַכטע) אין אַ טאָפּ און [אַזוי] איבער קוטיע 19) האָט רב יהודה געזאָגט אַז „שהכל נהיה בדברו", רב כהנא אָבער האָט געזאָגט אַז „בורא מיני מזונות". איבער בלויזע קוטיע איז קיינער ניט מחולק אַז „בורא מיני מזונות", נאָר וואו זיינען זיי מחולק, ביי קוטיע וואָס איז (געמאַכט) ווי פּודינג אין אַ טאָפּ; האָט רב יהודה געזאָגט אַז „שהכל", ווייל ער האַלט אַז דער האָניג איז (דערביי) דער עיקר, רב כהנא אָבער האָט געזאָגט אַז „בורא מיני מזונות", ווייל ער האַלט אַז די מעהל איז דער עיקר. רב

יוסף האָט געזאָגט: דער שכל איז מחיב ווי רב כהנא, ווא־רום רב און שמואל זאָגען ביידע אַז דאָס וואָס האָט אין זיך פֿון די פֿינף מינים 20) מאַכט מען דעריבער די ברכה „בורא מיני מזונות".

עס שטעהט פֿריהער: „רב און שמואל זאָגען ביידע אַז דאָס וואָס האָט אין זיך פֿון די פֿינף מינים מאַכט מען דעריבער די ברכה 'בורא מיני מזונות'", עס איז דאָך אָבער אויך געזאָגט געוואָרען אַז רב און שמואל זאָגען ביידע אַז דאָס וואָס איז פֿון די פֿינף מינים מאַכט מען דערי־בער די ברכה „בורא מיני מזונות"! — מען דאַרף זיי אָבער האָבען 21), ווארום אַז ער וואָלט אונז געלערנט נאָר דאָס וואָס איז, וואָלט מען געקענט מיינען 22) ווייל עס איז דאָך ווי עס איז געווען, אָבער ווען עס ווערט פֿאַרמישט איז ניט 23), (ל"ז א') דערפֿאַר לערנט ער אונז דאָס וואָס האָט אין זיך, און אַז ער וואָלט אונז געלערנט דאָס וואָס האָט אין זיך, וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס

פירוש.

דער משנה פֿון שביעית. 1) אם כן האַלטען דאָך די רבנן אומעטום ווי ר' יוסי, און מען קען דאָך שוין ניט זאָגען אַז רב נחמן האַלט ווי ר' יוסי. 2) ביי דעם קאַפּער־שטרויך. 3) דיזער מאמר שטאַמט פֿון „הלכות גדולות" (זעה „תוספות" און „רא"ש") און פֿעהלט אין די ערשטע תלמוד אויסגאַבען. זייענדיג שפּעטער אינטערפּאָלירט קומט ער אין קלאַמערן. 4) די שאָלעכין. 5) די מיינונג פֿון „תוספות" איז גראַדע פֿאַרקעהרט.

6) יומא פ"א ב'. 7) פֿון דעם עונש פֿון כרת וואָס קומט פֿאַר עסען אום יום כפור, ווייל דאָס הייסט ניט קיין עסענוואַרג. 8) דאָרט און סוכה ל"ה א'. 9) אין סוכה ווערט ציטירט דער פֿריהערדיגער טייל פֿון פסוק „און איהר וועט פֿלאַנצען אַ בוים" און, לויט רש"י, געהט די דייטליכ־קייט אַז עס האַנדעלט זיך דאָ מכח אַ בוים פֿון עסבאַרע פֿרוכט דערפֿון אַרויס וואָס צום סוף פֿון פסוק שטעהט „עס זאָל ניט געגעסען ווערע". ווי דער ציטאַט שטעהט דאָ און אין יומא איז אָבער ניט נויטיג אָנצוקומען צום סוף פֿון פסוק און די דייטליכקייט ליעגט אין ציטאַט גופא, ווייל עס וואָלט דאָך געווען זינלאָז צו הייסען האַלטען ערלה ביי אַ בוים פֿון פֿרוכט וואָס מען קען ניט עסען, און ר' מאיר פֿרעגט מיט רעכט צו וואָס עס דאַרף נאָך שטעהן „עין מאכל". 10) דאָס איז איינע פֿון די פֿאָרמעס פֿון דער תלמודישער דיסקוסיע: מַשְׁמַע שֶׁנֶּאֱמַר... אֵינִי יוֹדֵעַ שֶׁ...? אֶלָּא מַה תַּלְמוּד לוֹמַר...? לְהָבִיא... („פֿון דער דייטליכקייט פֿון דאָס וואָס שטעהט"—דאָ קומט איין טייל פֿון פסוק—„וויים איך דען ניט"—דאָ קומט דאָס וואָס איז אַלע־מען אין דעם ענין קלאָר פֿון דעם ציטירטען פסוק — „טאָ וואָס קומט צו לערנען"—דאָ קומט דער טייל פֿון פסוק וואָס ערשיינט אַלס איבערפֿליסיג —„כדי איינצושליסען" — דאָ קומט דאָס נייע וועלכע ווערט דערפֿון גע־דרונגען—). 11) עס שטעהט ניט „עין של מאכל" נאָר „עין מאכל", אַלזאָ הייסט עס — אַ בוים אַן עסענוואַרג. 12) און די פֿעפֿער פֿלאַנצע ווערט גערעכענט אַ בוים הגם זי איז ניט מעהר ווי אַ קליינער בוש. 13) דברים ח' ט'. 14) אם כן זעהען מיר דאָך אַז פֿעפֿער איז אַן עסענוואַרג! 15) וואָס שטעהט אַז מען מאַכט דעריבער אַ ברכה. 16) וואָס רבא זאָגט. 17) צו עסען, און עס מאַכט ניט אויס וואָס עס איז געקאָכט געוואָרען פֿון גוים.

18) חֲבִיץ, אַ געדיכט פֿליסיגער מאכל געמאַכט פֿון מעהל, האָניג און אויל. 19) דַיְסָא, געשטויסענע ווייץ. 20) זעה „פּירוש" ז, 133 נומ. 14. 21) ביידע מאמרים. 22) אַז דערפֿאַר מאַכט מען „בורא מיני מזונות". 23) מאַכט מען ניט „בורא מיני מזונות".

אליעזר טהוען מיר ווי ער 1), אָבער בית שמאי געגען בית הלל ענדערט גאָר ניט 2). — אָבער דאָס 3) קען מען דאָך אַרויסנעהמען דערפון 4), ווייל זי איז [געוואָרען] דער שומר 5) פון דער פרי, און די תורה האָט דאָך געזאָגט 6): „און איהר זאָלט זיין פרוכט (את פריו) האַלטען פאַר ערלה", מיינט את (מיט) דאָס וואָס איז צוגעטשעפּעט צו דער פרי 7), און וואָס איז דאָס? דער שומר פון דער פרי! — האָט רבא געזאָגט: וואו זאָגען מיר אַז זי 8) איז [געוואָרען] דער שומר פון דער פרי? דאָרט וואו זי איז דאָ סיי ווען זי 9) איז שוין אַראָפּגעריסען און סיי ווען זי איז נאָך פיקס, אָבער דאָ איז זי דאָך נאָר דאָ ווען זיי זיינען נאָך פיקס 10), אָבער ווען זיי 11) זיינען שוין אַראָפּגעריסען איז זי דאָך שוין מעהר ניטאָ 12). — האָט אביי דערויף געפרעגט 13): „דער פטום פון אַ מילגרוים ווערט מיטגערעכענט 14), אָבער זיין בליט 15) ווערט ניט מיטגערעכענט" 16), הייסט אַז עס ווערט געזאָגט אַז זיין בליט ווערט ניט מיטגערעכענט, בעווייזט עס דאָך אַז עס איז ניט קיין עסענוואַרג, און מיר האָבען נעלערנט ביי ערלה 17): „ביי די שאָלעכץ פון מילגרוימען און זייערע בליטען, ביי די שאָלעכץ פון ניס און די קערנער איז מען מחויב אָפּצוהאַלטען ערלה 18)"! — נאָר רבא האָט געזאָגט: וואו זאָגען מיר אַז עס איז [געוואָרען] דער שומר פון דער פרי? דאָרט וואו עס איז דאָ בשעת די פרי ווערט רייף, אָבער די שאָלעכץ פון די קערנער פונם קאַפּער-שטרויך איז דאָך ניטאָ מעהר בשעת די פרי ווערט רייף 19). — אָבער דאָס קען דאָך ניט זיין! ווייל רב נחמן האָט דאָך געזאָגט אַז רבה בר אבוה האָט געזאָגט 20): „די שוימען פון טייטלען 21) פון ערלה זיינען פאַרבאָטען, ווייל זיי זיינען דאָך [געוואָרען] די שומרים פון דער פרי, און ווען זיינען זיי די שומרים פון דער פרי? בעת זיי 22) זיינען נאָך קליין 23), און פונדעסטוועגען הייסען זיי שוין די שומרים פון דער פרי"! — רב נחמן האַלט מיט ר' יוסי; ווארום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 24): „ר' יוסי האָט געזאָגט: סְמָדַר 25) איז פאַרבאָטען" 26). — אָבער די רבנן זיינען מחולק אויף איהם 27). — האָט רב שימי פון נהרדעא דאַגעגען איינגעווענדעט: אָבער זיינען דען די רבנן מחולק אויף איהם ביי אַנדערע בוימער? ווארום מיר האָבען דאָך געלערנט אין דער משנה 28): „פון ווען אָן טאָר מען ניט מעהר שניידען קיין בוימער 29) אין זיעבעטען יאָהר 30)? בית שמאי זאָגען: אַלע בוימער פון ווען זיי ברענגען אַרויס 31), און בית הלל זאָגען: באָקסער בוימער פון ווען זיי 32) בעקומען די פאָרמע פון קערענדלאַך, אַליוון בוימער פון ווען זיי הייבען אָן צו בליהען, און אַלע אַנדערע בוימער פון ווען זיי ברענגען אַרויס", און (דערויף) האָט רב אסי באַמערקט: בֹּסֶר (אונרייף) און גֵּרוּעַ (קערנדעל) און פּוֹל הַלָּבָן (ווייסע בעבלאַך) איז איינס און דאָס זעלבע 33). — „ווייסע בעבלאַך"! וואָס פאַלט דיר איין 34)? נאָר עס מיינט וואָס איז גרויס ווי ווייסע בעבלאַך. — ווען האָבען מיר געהערט זאָגען אַז בסר יאָ 35) אָבער סמדר ניט? די רבנן 36)! און פונדעסטוועגען ווערט געלערנט 37)

פירוש.

עס עסען. 1) און די געגענמיינונג ווערט גאַנץ פאַרוואָרפען. 2) זייער מיינונג, ד"ה זיי בלייבען ביי זייער מיינונג און בעטראַכטען דאָס ניט אַלס צווייפעלהאַפטע ערלה נאָר אַלס געוויסע ערלה; דערפאַר האָט מר בר רב אשי נאָר געקענט טהון ווי ר' עקיבא און ניט ווי בית שמאי. 3) אַז ביי די שאָלעכץ פון די קערנער פון קאַפּער-שטרויך איז שייך דער דין פון ערלה, 4) הגם ר' עקיבא האַלט ביי מעשר אַז דאָס איז ניט קיין פרי. 5) ד"ה דאָס וואָס שיצט. 6) ויקרא י"ט כ"ג. 7) אֶת דער אַרטיקעל פון אקוזאַטיוו (אָביעקט) מיינט אויך אין העברעאיש מ י ט (געוועהנליך אין דעם זין פון אַ נעבענזאַך) און ווערט שטענדיג אין דעם דרש פון דער גמרא באַנוצט אויף איינצושליסען דאָס וואָס באַגלייט דעם אָביעקט און איז מיט איהם פאַרבונדען און וועלכעס שטעהט ניט אויסדריקליך אין דער תורה, ווי דאָ, ווייל עס שטעהט אֶת פִּרְיוֹ און ניט בלויז פִּרְיוֹ. 8) די שאָלעכץ. 9) די פרי. 10) ד"ה ווען זיי וואַקסען נאָך. 11) די קערנער פונם קאַפּער-שטרויך. 12) ווייל זי פאַלט דאָך אַראָפּ. 13) פון עוקצין פ"ב מ"ג. 14) אַז עס זאָל אויסמאַכען די גרויס פון אַן איי און ווען עס איז טמא זאָל עס מטמא זיין אַנדערע עסענוואַרג. 15) וועלכע דיענט באַטאַניש ביי מילגרוימען צו דעם זעלבען צוועק וואָס די שאָלעכץ ביי די קערנער פונם קאַפּער-שטרויך. 16) ווייל הגם די שומרים ווערען יאָ מיטגערעכענט בנוגע צו מטמא זיין עסענוואַרג (זעה חולין ק"ז ב'), איז אָבער דאָ די בליט דער שומר פון שומר און דאָס ווערט ניט מיטגערעכענט (זעה דאָרט קי"ט ב'). 17) ערלה פ"ב מ"ח. 18) און מען טאָר זיי ניט עסען פאַרן פערטען יאָהר; אָבער ווארום זאָל מען ניט טאָרען עסען די בליטען? זיי פאַלען דאָך שפּעטער אַראָפּ פון דער שאָלעכץ, אם כן קען מען זיי דאָך, לויט דער ערקלעהרונג פון רבא, ניט בעטראַכטען אַלס שומרים. 19) ווייל זי הייבט אָן אָפּצופאַלען ווען די קערנער האַלטען אין ווערען רייף, אַלזאָ בעת זיי זיינען נאָך פיקס אויף דער פלאַנצע. 20) פסחים נ"ב ב'. 21) זיי זיינען דאָס זעלבע וואָס די שאָלעכץ פון די קערנער איז ביי דעם קאַפּער-שטרויך. 22) די טייטלען. 23) און האַרט, איידער זיי הייבען אָן צו רייפען. 24) ערלה פ"א מ"ז. 25) אַזוי הייסען די קליינינקע טרויבען (יאַגאָדעס) וואָס פאָרמירען זיך גלייך נאָך'ן אַראָפּפאַלען פון די בליטען. 26) ווען עס איז ערלה, ווייל עס האָט שוין די געשטאַלט פון אַ פרי, אַלזאָ איז אַזוי ווי די פרי איז שוין אַ פרי אפילו ווען זי איז נאָך ניט רייף, אַזוי איז אויך איהר שומר שוין אַ ריכטיגער שומר. 27) דאָרט אין דער משנה און האַלטען אַז סמדר איז נאָך ניט קיין פרי און זייענדיג אַ רבים געגען אַ יחיד בלייבט דער דין ווי זיי. דערפאַר זיינען אויך די קערנער פונם קאַפּער-שטרויך נאָך קיין פירות ניט כל זמן זיי זיינען נאָך אין דער שאָלעכץ, און די שאָלעכץ איז דערפאַר ניט קיין שומר פון דער פרי. 28) שביעית פ"ד מ"י. 29) פרוכט בוימער. 30) יעדער זיעבעטער יאָהר איז געווען אַ יאָהר פון רוהע פאַרן באָדען און קיין פעלד-אַרבייט האָט ניט געטאָרט געטהון ווערען. דער באָדען איז געוואָרען אַ פּ ג ע ל אָ ז ע ן (הֶפְקֵר), און די פרוכט וואָס איז געוואַקסען פון זיך אַליין האָט ניט געהערט צום בעל הבית אַליין נאָר צו די אָרימעלייט וועלכע זיינען געווען פריי צו קומען און נעהמען. אין אַזאַ יאָהר האָט דער בעל הבית ניט געטאָרט אויסהאַקען קיין פרוכט בוימער, ווייל דאַדורך וואָלט ער בערויבט די אָרימעלייט פון דאָס וואָס געהערט צו זיי, און ווייל עס שטעהט ביי שמטה „צו עסען" (ויקרא כ"ה ו') מיינט עס „צו עסען אָבער ניט צו פאַרדאַרבען". 31) זייער פרוכט. 32) די פירות. 33) ד"ה אומעטום וואו עס שטעהט איינער פון די דריי אויסדריקען באַצייכענט עס דעם גלייכען צושטאַנד וואָס די ווייטרויבען האַלטען אין זייער וואַקסען. 34) ד"ה עס האַנדעלט זיך דאָך דאָ וועגען ווייטרויבען און ניט וועגען בעבלאַך. 35) איז יאָ אַ פרי, בסר איז דער צושטאַנד פון די ווייטרויבען ווען זיי זיינען שוין כמעט אין זייער פולער גרויס, אָבער נאָך גרין און האַרט און זויער. 36) ווייל זיי זיינען דאָך מחולק אויף ר' יוסי אין דער ציטירטער משנה פון ערלה. 37) דאָ אין

פאַסירט אַז רבן גמליאל 1) און די זקנים 2) האָבען צוזאַמען געשפייזט אין אַ דאַך-שטיבעל אין יריחו און מען האָט פאַר זיי געבראַכט טייטלען 3) און זיי האָבען דאָס געגעסען. האָט רבן גמליאל געגעבען ר׳ עקיבא׳ן רשות צו בענשען. האָט ר׳ עקיבא געכאַפּט און האָט געמאַכט די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פון די דריי. האָט זיך רבן גמליאל צו איהם אָפּגערופען: עקיבא, ווי לאַנג וועסטו זיך אַריינמישען אין דער מחלוקת? האָט ער איהם געענטפערט: רבי, הגם דו זאָגסט אַזוי, אָבער דיינע חברים זאָגען דאָך אַנדערש און דו האָסט דאָך אונז געלערנט, רבי, אַז ווען אַ יחיד איז געגען אַ רבים איז דער דין ווי די רבים! ר׳ יהודה זאָגט אין זיין 4) נאָמען אַז דאָס וואָס געהערט צו די זיעבען מינים (ב׳) און איז ניט אַ סאָרט געטריידע, אָדער אפילו אַז דאָס איז אַ סאָרט געטריידע אָבער מען האָט דערפון קיין ברויט ניט געמאַכט 5), זאָגט רבן גמליאל אַז (מען דאַרף זאָגען) די דריי ברכות, און די חכמים זאָגען אַז איין ברכה 6); דאָס וואָס געהערט ניט צו די זיעבען מינים און איז ניט אַ סאָרט געטריידע, ווי ברויט פון רייז און הירזשע, זאָגט רבן גמליאל אַז די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פון די דריי, און די חכמים זאָגען אַז גאָרניט" 7). — מיט וועמען שטימט דאָס 8) אַלזאָ איבעראיין? מיט רבן גמליאל?! טאָ וואָס זאָל מען זאָגען צום סוף פון דער ערשטער 9): „אויב די שטיקער זיינען ניט מעהר גאַנץ מאַכט מען פאַרדעם דעריבער די ברכה „בורא מיני מזונות" און נאָכדעם מאַכט מען דעריבער די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פון די דריי"? לויט וועמען זאָל דאָס זיין? אויב לויט רבן גמליאל, איז מה דאָך אַז איבער טייטלען אין קיטניע 10) האָט רבן גמליאל געזאָגט אַז די דריי ברכות, איז דאָך „אויב די שטיקער זיינען ניט מעהר גאַנץ" אודאי 11)! אלא אודאי מיט די רבנן 12)! אויב אַזוי וועט דאָך זיין אַ קשיא פון די רבנן אויף די רבנן 13)! — לעולם איז דאָס טאַקע ווי די רבנן, נאָר ביי רייז דאַרף שטעהן 14): און נאָכדעם מאַכט מען דעריבער גאָר קיין ברכה ניט.

רבא האָט געזאָגט: איבער די פודינגס פון די דאָרפסלייט, אין וועלכע עס ווערט אַריינגעטהון אַ סך מעהל, מאַכט מען די ברכה „בורא מיני מזונות". פאַרוואָס? ווייל די מעהל איז (דעריין) דער עיקר. (אָבער) פון שטאָדט, אין וועלכע עס ווערט ניט אַריינגעטהון קיין סך מעהל, מאַכט מען דעריבער די ברכה „שהכל נהיה בדברו". פאַרוואָס? (ווייל) די האָניג איז (דעריין) דער עיקר. אָבער נאַכהער האָט רבא געזאָגט אַז איבער ביידע „בורא מיני מזונות", ווייל רב און שמואל זאָגען ביידע אַז איבער דאָס וואָס האָט אין זיך פון די פינף מינים מאַכט מען די ברכה „בורא מיני מזונות".

רב יוסף האָט געזאָגט: איבער ברויט פודינג 15) וואו עס זיינען דאָ בראָקענס (די גרויס) פון אַ כזית מאַכט מען פאַרדעם די ברכה „המוציא לחם מן הארץ" און נאָכדעם מאַכט מען דעריבער די דריי ברכות, און וואו עס זיינען ניטאָ קיין בראָקענס פון אַ כזית מאַכט מען דעריבער פאַרדעם די ברכה „בורא מיני מזונות" און נאָכדעם די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פון די דריי. האָט רב יוסף געזאָגט: פון וואַנען נעהם איך דאָס 16)? ווייל עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 17): „אַז מען 18) שטעלט זיך מקריב זיין מנחות אין ירושלים זאָגט מען „ברוך שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה", נעהמט מען דאָס עסען מאַכט מען די ברכה „המוציא לחם מן הארץ", און עס ווערט ווענגען דעם געלערנט „און אַלע 19) צערברעקעלט מען אין אַ כזית". האָט אביי צו איהם געזאָגט: אָבער אויב אַזוי וועט דאָך אויסקומען אַז נאָך דעם תנא פון ר׳ ישמעאל׳ס ישיבה וואָס האָט געזאָגט אַז מען צערברעכט זיי 20) ביז זיי ווערען צוריק מעהל דאַרף מען ניט מאַכען די ברכה „המוציא לחם מן הארץ"! און טאָמער וועסטו זאָגען

פירוש.

דאַרף נאַכהער זאָגען. 1) דער צווייטער. 2) אַ ריכטיגע דעפיניציע פון דיזען טיטעל איז שווער פעסטצושטעלען, ווייל מאַנכמאָל מיינט עס די מיטגלידער פון סנהדרין, מאַנכמאָל די עלטסטע פון דער געמיינדע, מאַנכמאָל קומט דאָס צו אונטערשיידען צווישען צוויי חכמים מיט דעם גלייכען נאָמען (ווי ר׳ גמליאל הזקן, ד״ה דער ערשטער, צו אונטערשיידען פון זיין אייניקעל רבן גמליאל דעם צווייטען) און מאַנכמאָל שיינט עס צו זיין אַ טיטעל וואָס איז גרעסער ווי ח כ ם (זעה תענית ט״ז א׳) און מיט וועלכען די בעדייטענדסטע געלעהרטע ווערען בעצייכענט, ווי הלל און שמאי א״א, ווי עס שיינט האָט עס דאָ די לעצטערע בעדייטונג. 3) וואָס איז איינע פון די זיעבען מינים. 4) רבן גמליאל׳ס. 5) ווייל נאָך ברויט זיינען אַלע מודה אַז מען דאַרף בענשען. 6) די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע אא״וו. 7) זעה „פירוש" ז. 138 נומ. 12. 8) וואָס שטעהט אין דער ברייתא אַז נאָכדעם (ד״ה נאָך רייז) קומט די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פון די דריי. 9) העלפט פון דער ברייתא, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען קייען ווייץ. 10) וואָרום אין דעם מאמר וואָס ר׳ יהודה גיט איבער אין רבן גמליאל׳ס נאָמען שטעהט דאָך „אָדער אפילו אַז עס איז אַ סאָרט געטריידע אָבער מען האָט דערפון קיין ברויט ניט געמאַכט". 11) ווייל דאָס איז דאָך פריהער געוועזען ברויט, טאָ מיט וואָס זאָל דאָס ערגער זיין פאַר קוטיע? 12) וואָס זאָגען אַז נאָך קוטיע קומט די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע אא״וו, און ווען דאָס ברויט איז דורכן קאָכען צערריבען געוואָרען אַז די שטיקער זיינען ניט מעהר גאַנץ איז דאָס ניט מעהר ווי ברויט נאָר ווי קוטיע. 13) ווייל זיי זאָגען דאָך אַז נאָך ברויט פון רייז און הירזשע קומט גאָר קיין ברכה ניט און אין דער ברייתא קומט דאָך נאָך זיי אויס אַז נאָך ברויט פון רייז דאַרף מען זאָגען די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פון די דריי. 14) אין דער ציטירטער ברייתא.

15) איינגעוויקטע שטיקלעך ברויט; לויט „תוספות" בלויז אָפּגעפאַרעט און ניט געקאָכט. 16) אַז אויב די בראָקענס זיינען ווי די גרויס פון אַ כזית מאַכט מען „המוציא". 17) מנחות ע״ה ב׳, וואו דיזער גאַנצער אָפּשניט געפינט זיך. 18) לויט רש״י אין מנחות אַ כהן וואָס איז מקריב צום ערשטען מאָל. לויט „תוספות" די משמרה פון כהנים וועלכע טהוט איהר וואָך דיענסט (די כהנים זיינען געווען איינגעטיילט אין 24 משמרות, אָפּטיילונגען, און יעדער משמרה איז אויסגעקומען צו טהון צוויי מאָל יעהרליך אַ וואָך דיענסט), און זיי מאַכען „שהחינו" ווייל זייער צייט איז פעסטגעזעצט. לויט רש״י דאָ מיינט עס אַ ישראל וואָס ברענגט אַ מנחה נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט געבראַכט קיין מנחה, אָבער „תוספות" פאַרוואַרפט מיט רעכט דיזע מיינונג, ווייל די אויסדרוקע מקריב זיין און עסען באַווייזען קלאָר אַז דאָס באַציהט זיך אויף אַ כהן און ניט אויף אַ ישראל. 19) און 20) בראָקענס פון די מנחות, די מנחות פלעגען ווערען צערברעקעלט (זעה ויקרא ב׳ ו׳) און

וואָס האָט אין זיך פֿון די פֿינף מינים יאָ, אָבער איבער רייז און הירזשע (נאָר דאַן) ניט ווען זיי זיינען פֿאַרמישט, אָבער אויב זיי זיינען ווי זיי זיינען געווען דאַרף מען אָננעהמען אַז אפילו איבער רייז און הירזשע דאַרף מען אויך מאַכען די ברכה „בורא מיני מזונות", דערפֿאַר לערנט ער אונז אַז דאָס וואָס איז פֿון די פֿינף מינים מאַכט מען יאָ דעריבער די ברכה „בורא מיני מזונות" כדי אויסצושליסען רייז און הירזשע איבער וועלכע מען מאַכט ניט קיין „בורא מיני מזונות" אפילו ווען זיי זיינען ווי זיי זיינען געווען.—אָבער מאַכט מען דען ניט איבער רייז און הירזשע קיין „בורא מיני מזונות"? עס ווערט דאָך געלערנט אין אַ ברייתא: האָט מען פֿאַר איהם געבראַכט ברויט פֿון רייז אָדער ברויט פֿון הירזשע, מאַכט ער דעריבער אַ ברכה פֿאַרדעם און נאָכדעם ווי איבער דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ 1), און מכח דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: פֿאַרדעם מאַכט מען דעריבער די ברכה „בורא מיני מזונות" און נאָכדעם מאַכט מען דעריבער די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פֿון די דריי 2)! — עס איז יאָ ווי דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ און עס איז ניט ווי דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ; עס איז יאָ ווי דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ דערמיט וואָס מען מאַכט דעריבער אַ ברכה פֿאַרדעם און נאָכדעם, און עס איז ניט ווי דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ, ווייל איבער דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ (מאַכט מען) פֿאַרדעם „בורא מיני מזונות" און נאָכדעם די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פֿון די דריי, אָבער דאָ מאַכט מען פֿאַרדעם די ברכה „שהכל נהיה בדברו" און נאָכדעם „בורא נפשות רבות וחסרונן על כל מה שברא (וואָס האָט בעשאַפֿען אַ סך נפשות און דאָס וואָס עס פֿעהלט זיי, פֿאַר אַלין וואָס ער האָט בעשאַפֿען אא"וו)".—אָבער געהערט דען ניט רייז צו דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ? עס ווערט דאָך געלערנט אין אַ ברייתא: דאָס איז וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ: חִילְקָא׳ טַרְגִּיס׳ זָרִיד׳ עַרְסָן 3), פֿיינע מעהל און רייז! — [לויט וועמען איז דאָס?] דאָס איז לויט ר׳ יוחנן בן נורי, ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 4): „ר׳ יוחנן בן נורי זאָגט: רייז איז אַ סאָרט געטריידע און עס קומט כרת פֿאַרן חמץ דערפֿון און אַ מענש קען דערמיט יוצא זיין זיין פֿליכט 5) אום פסח", אָבער ניט לויט די רבנן.—„ניט לויט די רבנן"?! עס ווערט דאָך געלערנט אין אַ ברייתא 6): „אַז מען קייט ווייץ מאַכט מען דעריבער די ברכה „בורא פרי האדמה", אָבער האָט מען עס געמאָלען און (נאָכהער) געבאַקט און (נאָכהער) גע-קאָכט איז כל זמן די שטיקער זיינען נאָך גאַנץ 7) מאַכט מען פֿאַרדעם דעריבער די ברכה „המוציא לחם מן הארץ" און נאָכדעם מאַכט מען דעריבער די דריי ברכות, און אויב די שטיקער זיינען ניט מעהר גאַנץ מאַכט מען פֿאַרדעם דעריבער די ברכה „בורא מיני מזונות" און נאָכדעם מאַכט מען דעריבער די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פֿון די דריי; אַז מען קייט רייז מאַכט מען דעריבער די ברכה „בורא פרי האדמה", אָבער האָט מען עס געמאָלען און (נאַכהער) גע-באַקט און (נאַכהער) געקאָכט איז הגם די שטיקער זיינען נאָך גאַנץ מאַכט מען פֿאַרדעם דעריבער די ברכה „בורא מיני מזונות" און נאָכדעם מאַכט מען דעריבער די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פֿון די דריי". לויט וועמען איז דאָס? זאָל מען זאָגען אַז דאָס איז לויט ר׳ יוחנן בן נורי וועלכער האָט געזאָגט אַז רייז איז אַ סאָרט געטריידע, דאַרף מען דאָך מאַכען „המוציא לחם מן הארץ" און די דריי ברכות? אלא מסתמא איז עס דאָך לויט די רבנן; איז עס דאָך אם כן אַן אָפּפֿראַגע אויף רב און שמואל 8)! יאָ עס איז אַן אָפּ-פֿראַגע!

דער רבי האָט געזאָגט: „אַז מען קייט ווייץ מאַכט מען דעריבער די ברכה ‚בורא פרי האדמה׳"; עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ ברייתא אַז „בורא מיני זרעים"! — עס איז קיין קשיא ניט! ווייל דאָס 9) איז לויט ר׳ יהודה 10) און יענעס איז לויט די רבנן, ווארום מיר האָבען געלערנט אין אונזער משנה: „און איבער גרינס זאָגט מען „בורא פרי האדמה", ר׳ יהודה אָבער זאָגט: ‚בורא מיני דשאים׳" 11).

דער רבי האָט געזאָגט: „אַז מען קייט רייז מאַכט מען דעריבער די ברכה „בורא פרי האדמה", אָבער האָט מען עס געמאָלען און (נאַכהער) געבאַקט און (נאַכהער) געקאָכט איז הגם די שטיקער זיינען נאָך גאַנץ מאַכט מען פֿאַרדעם דע-ריבער די ברכה „בורא מיני מזונות" און נאָכדעם מאַכט מען דעריבער די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פֿון די דריי"; עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ ברייתא אַז נאָכדעם (מאַכט מען) גאָרניט 12)!—האָט רב ששת געזאָגט: עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז לויט רבן גמליאל און יענעס איז לויט די רבנן, ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 13): „דאָס איז אַ כלל: דאָס וואָס געהערט צו די זיעבען מינים זאָגט רבן גמליאל אַז 14) די דריי ברכות, און די חכמים זאָגען אַז די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פֿון די דריי. [און] עס האָט

פירוש.

1) פֿון די פֿינף מינים („מעשה קדרה"). 2) ברכות פֿון בענשען (זעה „פירוש" ז. 133 נומ. 18), ד"ה די „ברכה אחרונה": עַל הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה וכו׳ (אַ קצור פֿון „ברכת הארץ") רַחֵם וכו׳ לִ יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ וכו׳ (אַ קצור פֿון „בונה ירושלים׳ כִּי אַתָּה ה׳ טוֹב וּמֵטִיב וכו׳ (אַ קצור פֿון „הטוב והמטיב").
3) ווייצען קערנער געטיילט אין צווייען, דרייען, פֿיערען, און פֿינפֿען.
4) פסחים ל"ה א׳ און קי"ד ב׳. 5) פֿון עסען אונגעזייערטעס. 6) תוספתא פ"ד. 7) און ניט צעררינען געוואָרען אין אַ קאַשע דורכן קאָכען. 8) וועל-כע האַלטען אַז מען מאַכט „בורא מיני מזונות" נאָר איבער די פֿינף מינים, אלזאָ ניט איבער רייז.

9) די ברייתא. 10) וואָס האַלט אַז יעדע אַרט דאַרף האָבען אַ בעזונדער ברכה. 11) און דערפֿאַר מאַכט מען איבער ווייץ „בורא מיני זרעים", ווייל דאָס געהערט צו דעם מין פֿון זרעים (זאמען).

12) ד"ה ניט מעהר ווי „בורא מיני נפשות" ווי נאָך יעדער זאַך וואָס געהערט ניט צו די זיעבען מינים. 13) תוספתא פ"ד. 14) מען

טרימא 1), אָבער מען טאָר ניט מאַכען קיין מעט. און דער דין איז אַז אויב מען האָט געמאַכט טרימא פֿון טייטלען מאַכט מען דעריבער „בורא פרי העץ". פֿאַרוואָס? ווייל זיי בלייבען נאָך ווי זיי זיינען פֿריהער געווען.

איבער שתיתא 2) האָט רב געזאָגט אַז „שהכל נהיה בדברו", און שמואל האָט געזאָגט אַז „בורא מיני מזונות". האָט רב חסדא געזאָגט אַז זיי זיינען ניט מחולק, ווייל דאָס 3) איז אַז עס איז געדיכט און יענעם אַז עס איז שיטער; דאָס געדיכטע ווערט געמאַכט צו עסען און דאָס שיטערע ווערט געמאַכט פֿאַר אַ רפואה. האָט רב יוסף דערויף געפֿרעגט 4): „און זיי 5) זיינען אייניג אַז מען מעג מישען 6) שתיתא אום שבת און מען מעג טרינקען עגיפטישען זיתום 7)", היינט אויב מיר זאָלען מיינען אַז דאָס 8) האָט דעם צוועק פֿאַר אַ רפואה, איז דען אַ רפואה ערלויבט אום שבת? האָט איהם אביי געענטפֿערט: און דו דענקסט ניט אזוי? מיר האָבען דאָך געלערנט אין דער משנה 9): „אַלע עסענוואַרג מעג אַ מענש עסען אום שבת פֿאַר אַ רפואה און אַלע געטרענקען מעג ער טרינקען"! אלא וואָס וועסטו זאָגען 10)? דער מענש האָט דאָך די אַבזיכט דאָס צו עסען?! אַזוי האָט דער מענש דאָ אויך 11) די אַבזיכט דאָס צו עסען! אַן אַנדער וואַריאַנטע איז דאָ: אלא וואָס וועסטו זאָגען? דער מענש האָט דאָך די אַבזיכט דאָס צו עסען און די רפואה איז בלויז ממילא?! אַזוי האָט ער דאָ אויך די אַבזיכט צו עסען און די רפואה איז בלויז ממילא! — און עס איז נויטיג (צו ברענגען) דאָס וואָס רב און שמואל 12) (האָבען געזאָגט), ווייל פֿון דאָרט 13) וואָלט מען געקענט מיינען אַז 14) ער האָט דאָך די אבזיכט צו עסען און די רפואה איז בלויז ממילא, אָבער דאָ 15) וויבאַלד ער האָט דאָך לכתחלה די אַבזיכט פֿאַר אַ רפואה דאַרף מען דעריבער איבערהויפט קיין ברכה ניט מאַכען, דערפֿאַר לערנט אונז דאָס, אַז ווייל מען האָט דאָך אַ הנאה דערפֿון דאַרף מען מאַכען אַ ברכה דעריבער.

„ווייל איבער ברויט זאָגט מען „המוציא או"וו".

די רבנן האָבען געלערנט: ווי זאָגט מען? „המוציא לחם מן הארץ". ר' נחמיה אָבער זאָגט: „מוציא לחם מן הארץ". האָט רבא געזאָגט: בנוגע צו מוציא איז קיינער ניט מחולק אַז דאָס מיינט וואָס האָט אַרויסגעבראַכט 16), ווארום עס שטעהט געשריבען 17): „גאָט וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט (מוציאָם) פֿון מצרים", נאָר וואו זיינען זיי מחולק? בנוגע צו המוציא; די רבנן האַלטען אַז המוציא מיינט וואָס האָט אַרויסגעבראַכט, ווארום עס שטעהט געשריבען 18): „וואָס האָט דיר אַרויסגעבראַכט (המוציא) וואַסער פֿון אַ פֿעלזען שטיין", ר' נחמיה אָבער האַלט אַז המוציא מיינט וואָס וועט אַרויסברענגען, ווארום עס שטעהט 19): „וואָס וועט אייך אַרויסברענגען (המוציא) פֿון די לאַסט אַרבייטען פֿון מצרים". אָבער לויט די רבנן מיינט אַזוי דער קב"ה אין יענעם (פסוק): אַז איך וועל אייך אַרויסברענגען וועל איך פֿאַר אייך טהון אַזאַ זאַך אַז איהר זאָלט וויסען אַז איך בין דער וואָס האָט אייך אַרויסגעבראַכט פֿון מצרים, ווארום עס שטעהט געשריבען 20): „און איהר וועט וויסען אַז איך בין ה' אייער גאָט וואָס האָט אַרויסגעבראַכט".

די רבנן האָבען געלויבט פֿאַר ר' זירא אַ זוהן פֿון רב זביד, דעם ברודער פֿון ר' שמעון בר רב זביד, אַז ער איז אַ גרויסער מאַן און איז קלאָר אין די ברכות. האָט ער צו זיי געזאָגט: אַז ער וועט קומען צו אייך ברענגט איהם צו מיר. איינמאָל איז ער ביי איהם געווען און מען האָט איהם געבראַכט אַ ברויט, האָט ער [אָנגעפֿאַנגען און] געזאָגט מוציא. רופֿט ער זיך אָפּ: דער איז דאָס וואָס מען זאָגט אויף איהם אַז ער איז אַ גרויסער מאַן און איז קלאָר אין די ברכות! מילא אַז ער וואָלט געזאָגט המוציא, (ב') וואָלט ער אונז (דערמיט) געלערנט דעם פשט 21) און ער וואָלט אונז געלערנט אַז דער דין איז ווי די רבנן, אָבער אַז ער

פירוש.

גירסא און אויפֿפֿאַסונג פֿון דעם כ"י פ' איז ריכטיגער. 1) ווייל עס בלייבט נאָך ווי די פרי און מען קען דעריבער מאַכען „בורא פרי העץ".

2) אַ געריכט געמישט פֿון האָניג און מעהל פֿון געברענטע זאַנגען וואָס זיינען געטריקענט געוואָרען אין אַן אויווען בשעת זיי זיינען נאָך געווען פֿייכט. 3) וואָס שמואל האָט געזאָגט. 4) פֿון שבת קנ"ו א'. 5) רבי און רב יוסי וועלכע זיינען מחולק צו מען מעג אריינגיסען אום שבת וואַסער אין קלייען. 6) מיטן לעפֿעל. 7) אַזאַ ביער געמאַכט פֿון געברענטע גערשטען (זעה פסחים מ"ב ב'). 8) די שיטערע שתיתא. 9) שבת ק"ט ב' און יומא מ"ט ב'. 10) אַלס ערקלערונג פֿון דער נאָר וואָס ציטירטער משנה. 11 און 15) ביי דער שיטערער שתיתא. 12) לויט „מהרש"ל" דאַרף „ושמואל" דאָ ניט שטעהן, ווייל דער פֿאָלגענדער אויספֿיהר באַציהט זיך דאָך נאָר אויף רב. אין דעם מינכענער כ"י פֿעהלט בכלל פֿון „וצריכא" ביז צום סוף פֿונם מאמר. 13) פֿון דער משנה אין שבת. 14) דערפֿאַר דאַרף מען דעריבער מאַכען אַ ברכה ווייל.

16) און דערפֿאַר איז מוציא אודאי אַ ריכטיגע ברכה, ווייל דאָס ברויט וואָס מיר עסען און פֿאַר וועלכעס מיר דאַנקען גאָט איז דאָך שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרען. 17) במדבר כ"ג כ"ב. דאָס האָט בלעם געזאָגט, און דאָס איז דאָך געווען נאָכדעם ווי גאָט האָט אַרויסגעבראַכט די אידען פֿון מצרים. 18) דברים ח' ט"ו. משה דערצעהלט דאָרט אַלין וואָס גאָט האָט געטהון פֿאַר די אידען. 19) שמות ו' ו'. דאָס האָט משה געזאָגט צו די אידען בעת זיי זיינען נאָך געווען אין מצרים. 20) אין דעמזעלבען פסוק פֿאַרדאָס. — לויט דעם דקדוק פֿון העברעאיש איז דער אונטערשיעד צווישען המוציא און מוציא נאָר דאָס וואָס יענעס האָט דעם באַשטימטען אַרטיקעל און דאָס האָט ניט, און די אויפֿפֿאַסונג פֿון די רבנן איז די ריכטיגערע, ווייל הגם המוציא קען אויך מיינען וואָס ברענגט אַרויס אָדער וואָס וועט אַרויסברענגען מיינט עס אָבער מייסטענס וואָס האָט אַרויסגעבראַכט, וועהרענד מוציא מיינט שטענדיג נאָר וואָס ברענגט אַרויס, די ראיה פֿון במדבר כ"ג כ"ב איז ניט ריכטיג, ווייל דאָרט איז מוציא פֿאַרבונדען מיט דעם סופֿיקס—ם (זיי) וואָס איז אַזוי גוט באַשטימט ווי דער אַרטיקעל ה— און איז דערפֿאַר אַזוי ווי המוציא. ווייטער פסקנט אויך די גמרא ווי די רבנן.

21) אין שמות ו' ז', ווי די רבנן האָבען דאָס ערקלעהרט

אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, ווערט דאָך געלערנט אין אַ בריתא: האָט מען פֿון אַלע 1) צונויפֿגעקליבען אַ כזית 2) און זיי גע-געסען, איז אויב דאָס איז חמץ קומט דערפֿאַר כרת, און אויב דאָס איז מצה איז אַ מענש דערמיט יוצא זיין פֿליכט אום פסח! — עס האַנדעלט זיך דאָ אַז מען האָט זיי ווידער צוזאַמען געקנעטען 3). — אויב אַזוי, טאָ וואָס ווערסטו זאָגען צום סוף: דאָס איז אָבער נאָר אויב ער האָט זיי געגעסען אין דער צייט וואָס עס געדויערט עסען אַ פְּרָס 4)? ווייל אויב מען האָט זיי ווידער צוזאַמען געקנעטען, טאָ פֿאַרוואָס איז עפּעס „אויב ער האָט זיי געגעסען"? עס האָט דאָך גע-דאַרפֿט שטעהן: אויב ער האָט עס 5) געגעסען! — עס האַנ-דעלט זיך דאָ אַז זיי קומען פֿון אַ גרויסען ברויט 6). — אַלזאָ ווי בלייבט דאָס? האָט רב ששת געזאָגט: איבער ברויט פֿו-דינג מאַכט מען די ברכה „המוציא לחם מן הארץ" הגם אַז עס איז ניטאָ אין דעם קיין בראָקענס פֿון אַ כזית. דערויף האָט רבא באַמערקט: דאָס איז אָבער נאָר אויב עס האָט דאָס אויסזעהן פֿון ברויט.

פֿון טרוקנין דאַרף מען נעהמען „חלה"; אָבער אַז רבין איז געקומען (האָט ער געזאָגט אַז) ר' יוחנן האָט גע-זאָגט: טרוקנין זיינען פטור פֿון „חלה". וואָס איז אַזוינס טרוקנין? האָט אביי געזאָגט: (געמאַכט אין) אַ לאָך אין דער ערד 7). ווייטער האָט אביי געזאָגט: טריתא איז פטור פֿון „חלה". וואָס איז אַזוינס טריתא? מאַנכע זאָגען: געזאָטענע טייג 8), און מאַנכע זאָגען: אינדישע ברויט 9), און מאַנכע זאָגען: ברויט וואָס מען מאַכט פֿאַר כותח 10). ר' חייא האָט געלערנט: ברויט וואָס מען מאַכט פֿאַר כותח איז פטור פֿון „חלה". עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ בריתא אַז מען איז יאָ מחויב צו נעהמען „חלה" דערפֿון! דאָרט איז עס ווי דער טעם ווערט דאָרט געלערנט: ר' יהודה זאָגט: עס הענגט אָפּ פֿון דעם אופן ווי דאָס ווערט געמאַכט; האָט מען דאָס געמאַכט (ל"ח א') ווי קיכלאַך 11) איז מען מחויב 12), אָבער ווי ברעטער 13) איז מען פטור. אביי האָט געפֿרעגט רב יוסף: וואָס פֿאַר אַ ברכה מאַכט מען איבער (דאָס וואָס איז געבאַקען אין) אַ לאָך אין דער ערד? האָט ער איהם געענטפֿערט: מיינסטו אפשר אַז דאָס איז ברויט? עס איז ניט מעהר ווי געוועהנליכע טייג און מען מאַכט דע-ריבער די ברכה „בורא מיני מזונות". מר זוטרא האָט גע-מאַכט דערפֿון אַ מאָהלצייט און האָט דריבער געמאַכט „המוציא לחם מן הארץ" און די דריי ברכות. מר בר רב אשי האָט געזאָגט: און אַ מענש איז דערמיט יוצא זיין חוב אום פסח. פֿאַרוואָס? ווייל מען קען דאָס רופֿען „ברויט פֿון אָרעמקייט" 14).

ווייטער האָט מר בר רב אשי געזאָגט: איבער סירופּ פֿון טייטלען מאַכט מען „שהכל נהיה בדברו". פֿאַרוואָס? ווייל דאָס איז ניט מעהר ווי אַ זאַפּט 15). ווי ווער איז דאָס? ווי דער תנא וואָס מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 16): „ביי סירופּ פֿון טייטלען און עפּלוויין און עסיג פֿון ווינטערדיגע ווינטרויבען און אַנדערע פֿרוכט זאַפּטען פֿון תרומה איז ר' אליעזר מחייב (צו באַצאָהלען) דעם קרן און אַ פֿינפֿטעל 17), און ר' יהושע פטר'ט" 18).

איינער פֿון די רבנן האָט געפֿרעגט רבא'ן: ווי איז אי-בער טרימא 19)? האָט רבא ניט ריכטיג באַגריפֿען וואָס ער האָט איהם געפֿרעגט: איז רבינא געזעסען פֿאַר רבא און האָט זיהם 20) געפֿרעגט: מיינסטו פֿון סעזאם 21) אָדער מיינסטו פֿון זאַפֿרען 22) אָדער מיינסטו פֿון טרויבען קער-נער 23)? דערווייל האָט רבא באַגריפֿען און האָט איהם געענטפֿערט: דו האָסט אודאי געמיינט צערריבענע (טייט-לען) 24), און האָסט מיך דערמאָהנט דאָס וואָס רב אסי האָט געזאָגט: פֿון טייטלען פֿון תרומה מעג מען מאַכען

פירוש.

נאַכהער פֿלעגט דער כהן נעהמען אַ האַנדפֿול דערפֿון און דאָס פֿאַרברע-נען אויפֿן מזבח. 1) פינף מינים. אַזוי לויט „תוספות". לויט רש"י בראָ-קענס פֿון די מנחות, אָבער „תוספות" פֿאַרוואַרפֿט דאָס מיט רעכט, ווייל די מנחות זיינען דאָך אַלע געווען מצה (זעה מנחות נ"ב ב'). 2) אום פסח. 3) און נאַכהער געבאַקען. 4) די העלפֿט פֿון אַ ברויט וואָס איז גרויס ווי 8 אייער. אויב דאָס עסען פֿון דעם צוזאַמען געקליבענעם כזית געדויערט אָבער לענגער וויפֿיעל עס דאַרף נעהמען אויפֿעסען אַ פרס איז דאָס ווי מען וואָלט געגעסען אַ העלפֿט פֿון אַ כזית איין טאָג און די אַנדערע העלפֿט דעם אַנדערן טאָג און עס קומט דערפֿאַר ניט קיין כרת. 5) ווייל דאָס באַציהט זיך דאָך ניט מעהר אויף די בראָקענס נאָר אויף דאָס נייע געבאַקענע שטיק. 6) אַ גרויס שטיק, ד"ה דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען קליינע ברעקלאַך וואָס מען האָט ווידער צוזאַמען גע-קנעטען, נאָר וועגען ברעקלאַך וואָס שטאַמען פֿון אַ גרעסערע שטיק, ווייל די מנחה איז ניט גוט צערברעקעלט געוואָרען, אָבער אויב די מנחה איז גוט צערברעקעלט געוואָרען ווערען די ברעקלאַך וואָס זיינען קליי-נער ווי אַ כזית ניט גערעכענט אַז מען זאָל דאַרפֿען מאַכען איבער זיי „המוציא" אָדער יוצא זיין מיט זיי די מצוה פֿון עסען מצה אום פסח.

7) וואַסער און מעהל צוזאַמען געמישט אין אַ לאָך אין אויווען און געבאַקען, אַן אַשען ברויטעל. 8) וואַסער און מעהל צוזאַמען געמישט ווי אַ פּאַפּ און אויסגעגאָסען אין אַ געהייצטען אויווען. 9) טייג געבאַקען אויף אַ שפּיז און הינטער איינאַנדער באַשמירט מיט אויל אָדער מיט צושלאָגענע אייער. 10) אַ מין קוואַס וואָס מען פֿלעגט מאַכען אין בבל פֿון פֿאַרשימעלטע ברויט און מילך און זאַלץ. דעם סאָרט ברויט פֿלעגט מען באַקען אויף דער זון. 11) שעהן געפֿאָרמט. 12) צו נעהמען חלה, ווייל דאַדורך באַווייזט מען אַז מען מיינט עס צו נוצען אַלס ברויט. 13) פּלאַך און ניט געפֿאָרמט, פּלעצעל. 14) דברים ט"ז ג'.

15) וואָס די פרי שוויצט אויס און ניט קיין אויבסט. 16) תרומות פי"א מ"ב. 17) אויב איינער וואָס איז ניט קיין כהן האָט עס געטרונקען בשוגג. — זעה „פירוש" ז. 133 נומ. 25 און 26. 18) ווייל דאָס איז ניט מעהר ווי אַ זאַפּט און ניט קיין פרי און עס איז ניט שייך קיין תרומה ביי זיי. מר בר רב אשי האַלט דערפֿאַר ווי ר' יהושע.

19) פֿרוכט צערריבען אין גרויסע שטיקער. 20) דעם וואָס האָט גע-פֿרעגט. 21) פֿון וועלכע מען מאַכט אַזאַ אויל געטרענק. 22) וואָס ווערט אַריינגעטהון אין ווין צו ווירצען איהם. 23) וועלכע מען לעגט איין אין וואַסער און מען מאַכט דערפֿון אַזאַ קוואַס. 24) חֲשִׁילְתָּא. אין דעם כ"י פ' (זעה „הגהות" אין „דקדוקי סופרים") שטעהט אויסדריקליך „חשילתא דתמרי", ווי מיר האָבען איבערזעצט. אין דעם מינכענער כ"י שטעהט אין רבינא'ס פֿראַגע „פֿון טייטלען" אַנשטאָט „פֿון טרויבען קערנער". לויט רש"י מיינט „חשילתא" אַ צערריבענע, שוואַכע פֿראַגע. עס איז אָבער קלאָר פֿון רב אסי'ס רייד און פֿון דעם סוף פֿונם מאמר אַז די

זאָגען אַז געקאָכטע גרינסען בלייבען דאָס וואָס זיי זיינען געוועזן מאַכט מען פאַרדעם די ברכה „בורא פרי העץ" און נאָכדעם מאַכט מען די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פון די דריי, אָבער אויב דו ווילסט זאָגען אַז געקאָכטע גרינסען בלייבען ניט דאָס וואָס זיי זיינען געוועזן איז מילא פאַרדעם מאַכט מען די ברכה „שהכל נהיה בדברו", אָבער וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען נאָכדעם? — פליבט „בורא נפשות רבות וחסרונן על כל מה שברא". — רב יצחק בר שמואל 1) האָט דערויף געפרעגט 2): „די גרינסען וואָס אַ מענש איז דערמיט יוצא זיין פליכט 3) אום פסח איז מען יוצא מיט זיי און מיט זייער שטענגעל, אָבער ניט ווען זיי זיינען איינגעלייגט און ניט ווען געקאָכט און ניט ווען געזאָטען", היינט אויב מיר זאָלען דענקען אַז זיי בלייבען ווי זיי זיינען געוועזן, טאָ פאַר-וואָס ניט ווען געקאָכט? — דאָרט איז אַנדערש; ווייל עס דאַרף דאָך זיין דער טעם פון מרור און דאָס פעהלט דאָך.

ר' ירמיה האָט ר' זירא'ן געפרעגט: פאַרוואָס האָט ר' יוחנן געמאַכט אַ ברכה 4) איבער אַן איינגעזאַלצענע אָלייוו? אַז מען נעהמט אַרויס דאָס קערענדעל 5), (ל"ט א') פעהלט איהר דאָך דער שעור 6)! האָט ער איהם געענטפערט: מיינסט אַפנים אַז עס איז מחויב צו זיין אַ גרויסער כזית? עס דאַרף זיין אַ מיטעלמעסיגער כזית, און דאָס איז געוועזן, ווארום די אָליווע וואָס מען האָט געבראַכט פאַר ר' יוחנן איז געוועזן (אַזוי) גרויס אַז נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגענומען דאָס קערענדעל איז נאָך איבערגעבליבען דער שעור. ווארום מיר האָבען געלערנט 7): „דער כזית וואָס זיי האָבען געזאָגט איז ניט קיין קליינער און ניט קיין גרויסער נאָר אַ מיטעלמעסיגער און דאָס איז 8) אגורי", און ר' אבהו האָט עקלעהרט: איהר נאָמען איז אייגענטליך ניט אגורי נאָר אברוטי, און מאַנכע זאָגען אַז איהר נאָמען איז סמרוסי, נאָר פאַרוואָס רופט מען זי אגורי, ווייל דאָס אויל איז אין איהר אָנגעזאַמעלט (אָגור) 9).

מען קען זאָגען אַז דאָס 10) איז ווי די (מחלוקת צווישען די פאָלגענדע) תנאים. ווארום צוויי תלמידים זיינען געזעסען פאַר בר קפרא בעת מען האָט געבראַכט פאַר איהם קרויט און מעלדע 11) און קוראָפּאַטקעס. האָט בר קפרא איינעם פון זיי געגעבען רשות צו מאַכען אַ ברכה, האָט ער געכאַפּט און געמאַכט אַ ברכה איבער די קוראָפּאַטקעס 12). האָט זיין חבר פון איהם געלאַכט. איז בר קפרא אין כעס געוואָרען און האָט געזאָגט: איך בין ניט אין כעס אויף דעם וואָס האָט געמאַכט די ברכה, נאָר איך בין אין כעס אויף דעם וואָס האָט געלאַכט; אויב דיין חבר איז ווי איינער וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון פלייש 13), טאָ פאַר-וואָס האָסטו פון איהם געלאַכט? נאָכהער האָט ער געזאָגט: איך בין ניט אין כעס אויף דעם וואָס האָט געלאַכט, נאָר איך בין אין כעס אויף דעם וואָס האָט געמאַכט די ברכה. ער האָט נעמליך געזאָגט: אויב דאָ איז ניטאָ קיין חכמה, איז דען דאָ ניטאָ קיין עלטער 14)? עס ווערט דערצעהלט אַז ביידע האָבען ניט איבערגעלעבט דעם יאָהר. מסתמא זיינען זיי געווען מחולק דעריין: דער וואָס האָט גע-אַכט די ברכה האָט געהאַלטען אַז אַזוי ווי איבער געקאָכטע גרינסען און איבער קוראָפּאַטקעס מאַכט מען „שהכל נהיה בדברו", ציהט מען דערפאַר פאָר דאָס וואָס איז באַליעבט, און דער וואָס האָט געלאַכט האָט געהאַלטען אַז אַזוי ווי איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען „בורא פרי האדמה" און איבער קוראָ-פּאַטקעס „שהכל נהיה בדברו", ציהט מען דערפאַר פאָר די פירות 15). — ניין, אַלע האַלטען מאַקע אַז איבער געקאָכטע גרינסען און קוראָפּאַטקעס מאַכט מען „שהכל נהיה בדברו", אָבער דאָ זיינען זיי מחולק אין דיזער מיינונג: איינער האַלט אַז מען דאַרף פאָרציהען דאָס וואָס איז באַליעבט, און דער אַנדערער האַלט אַז מען דאַרף פאָרציהען קרויט, ווייל עס נעהרט.

ר' זירא האָט געזאָגט: בשעת מיר זיינען געוועזן ביי רב הונא האָט ער צו אונז געזאָגט אַז איבער די קעפּ פון ריבען 16) מאַכט מען „בורא פרי האדמה" אויב מען צער-שניידט זיי אין גרויסע שטיקער און „שהכל נהיה בדברו" אויב אין קליינע שטיקלעך 17). אָבער אַז מיר זיינען געקומען צו רב יהודה האָט ער צו אונז געזאָגט: איבער ביידע (מאַכט מען) „בורא פרי האדמה", ווייל דאָס וואָס מען צערשניידט זיי קליינער איז כדי זייער געשמאַק זאָל ווערען זיסער. — רב אשי האָט געזאָגט: בשעת מיר זיינען געוועזן ביי רב כהנא האָט ער צו אונז געזאָגט אַז איבער מייערן געקאָכטן ווייל מען טהוט אין דעם ניט אַריין קיין סך מעהל (מאַכט מען)

פירוש.

ווערט געלערנט אַז איינגעזאַלצענע זאַכען האָבען דעמזעלבען דין ווי גע-קאָכטע. 1) ריכטיגער רב שמואל בר רב יצחק, אַזוי אויך אין דעם מינ-כענער כ"י און אומעטום אין דער גמרא, זעה אויך ז. 52. 2) פון דער משנה אין פסחים ל"ט א'. 3) פון עסען מרור.

4) די ברכה אחרונה. 5) וואָס עס ווערט געטהון ווען מען זאַלצט זיי איין. 6) פון אַ כזית, און די ברכה אחרונה מאַכט מען דאָך נאָר ווען מען האָט ווייניגסטענס געגעסען אַ כזית, ווייל ביי דער ברכה איבער די פירות פון ארץ ישראל שטעהט עסען, און עסען מיינט לכל הפחות אַ כזית. 7) כלים פי"ז מ"ח. 8) ווי דער סאָרט אָליווען וואָס מען רופט. 9) לויט רש"י אָנגעזאַמעלט אויף איין אָרט ווי אין טרויבען און ניט פאַר-טיילט איבער די גאַנצע פרי. מיט דיזער ערקלעהרונג מיינט רש"י געוויס צו זאָגען אַז ר' אבהו גיט דאָ ניט בלויז אַן ערקלעהרונג פאַרוואָס די-זער סאָרט אָליווען הייסט „אגורי", נאָר אויך פאַרוואָס ער איז מיטעל-גרויס, ווייל ווען דאָס אויל וואָלט געווען פאַרטיילט איבער די גאַנצע [illegible] זען און גרויס.

10) די פריהערדיגע מחלוקת בנוגע צו דער ברכה וואָס מען דאַרף מאַכען איבער געקאָכטע גרינסען. 11) אַ סאָרט שפינאַט. 12) „שהכל". 13) און האָט דערפאַר געמאַכט אַ ברכה איבער די קוראָפּאַטקעס, ווייל דאָס איז ביי איהם טייער וויכטיג אַ נאָוויגע. 14) ד"ה אויב איך בין ניט גענוג קאָמפּעטענט אין זיינע אויגען אַלס געלעהרטער האָט ער מיך דאָך אַלס עלטערן געדאַרפט פרעגען וואָס פאַר אַ ברכה ער זאָל מאַ-כען. 15) און ער האָט צוערשט געדאַרפט מאַכען „בורא פרי האדמה" און נאָכהער „שהכל" איבער די קוראָפּאַטקעס.

16) וועלכע מען עסט רויהערהייד. 17) ווייל זיי ווערען דאַדורך מינדערווערטיג אין אויסזעהן און געשמאַק.

האָט געזאָגט מוציא, טאָ וואָס האָט ער אונז (דערמיט) געלערנט 1)? — אָבער ער 2) האָט עס נאָר געטהון כדי אויסמיידען די מחלוקת.—און דער דין איז: „המוציא לחם מן הארץ”, וואָרום עס איז ביי אונז זיכער ווי די רבנן וועלכע זאָגען אַז דאָס מיינט וואָס האָט אַרויסגעבראַכט.

„און איבער גרינס זאָגט מען או״ו”.

דאָס 3) לערנט אַז גרינס איז ווי ברויט; אַזוי ווי ברויט וואָס ווערט פֿאַרענדערט דורך פֿייער 4), אַזוי איז אויך גרינס וואָס ווערט פֿאַרענדערט דורך פֿייער. האָט רבנאי געזאָגט אין נאָמען פֿון אביי: דאָס מיינט צו זאָגען אַז איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען די ברכה „בורא פרי האדמה”. (פֿון 5) וואַנען איז דאָס גענומען? ווייל עס ווערט געלערנט אַז גרינס איז אַזוי ווי ברויט).

רב חסדא האָט גערדרשהט אין נאָמען פֿון אונזער רבי — און דאָס מיינט רב —: איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען די ברכה „בורא פרי האדמה”, אָבער די רבנן וואָס זיינען אַרונטערגעקומען פֿון ארץ ישראל — און דאָס מיינט עולא—האָבען געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ יוחנן: איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען די ברכה „שהכל נהיה בדברו”, און איך זאָג 6): דאָס וואָס איז צוערשט געווען „בורא פרי האדמה” ווערט דאָס „שהכל נהיה בדברו” אַז מען קאָכט עס, און דאָס וואָס איז צוערשט געווען „שהכל נהיה בדברו” ווערט דאָס „בורא פרי האדמה” אַז מען קאָכט עס 7).—מילא „דאָס וואָס איז צוערשט געווען „שהכל נהיה בדברו” ווערט דאָס „בורא פרי האדמה” אַז מען קאָכט עס” קומט פֿאָר ביי קרויט און ריבען און קירבעס, אָבער ווי קען פֿאָרקומען „דאָס וואָס איז צוערשט געווען „בורא פרי האדמה” ווערט דאָס „שהכל נהיה בדברו” אַז מען קאָכט עס”? האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: דאָס קומט פֿאָר ביי קנאָבעל און פאריי.

רב נחמן האָט גערדרשהנט אין נאָמען פֿון אונזער רבי — און דאָס מיינט שמואל —: איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען די ברכה „בורא פרי האדמה”, אָבער אונזערע חברים וואָס זיינען אַרונטערגעקומען פֿון ארץ ישראל — און דאָס מיינט עולא—האָבען געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ יוחנן: איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען די ברכה „שהכל נהיה בדברו”, און איך זאָג: דאָס איז געלערנט געוואָרען אין אַ(ן אַנדער) מחלוקת 8); וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 9): „מען איז יוצא 10) מיט אַ מצה וואָס איז איינגעווייקט געוואָרען אָדער וואָס איז געקאָכט אָבער ניט צערריבען געוואָרען. דאָס זיינען די רייד פֿון ר׳ מאיר; ר׳ יוסי אָבער זאָגט: מען איז יוצא מיט אַ מצה וואָס איז איינגעווייקט געוואָרען אָבער ניט מיט אַ געקאָכטער אפילו אַז זי איז צערריבען געוואָרען”.— דאָס איז אָבער ניט אַזוי, ווייל אַלע האַלטען טאַקע אַז איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען די ברכה „בורא פרי האדמה”, נאָר דאָס וואָס ר׳ יוסי האָט דאָרט געזאָגט איז ווייל עס דאַרף דאָך זיין דער טעם פֿון מצה און דאָס פֿעהלט דאָך דאָרט, אָבער דאָ איז אפילו ר׳ יוסי מודה.

ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען די ברכה „בורא פרי האדמה”, אָבער ר׳ בנימין בר יפת האָט געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען די ברכה „שהכל נהיה בדברו”. האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: עולא 11) האָט זיין טעות גענומען פֿון ר׳ בנימין בר יפת. ר׳ זירא האָט זיך דעריבער געוואונדערט: ווי קומט ר׳ בנימין בר יפת צו ר׳ חייא בר אבא? ר׳ חייא בר אבא איז שטאַרק מדייק ווען ער גיט איבער אַ הלכה פֿון ר׳ יוחנן זיין רבי, און ר׳ בנימין בר יפת איז ניט מדייק. אַחוץ דעם פֿלעגט ר׳ חייא בר אבא אַלע דרייסיג טעג איבערחזרן וואָס ער האָט געלערנט 12) פֿאַר ר׳ יוחנן זיין רבי, און ר׳ בנימין בר יפת פֿלעגט ניט איבערחזרן, און אַחוץ דעם, אָבגעזעהן פֿון דאָס און יענעס 13), (האָט דאָך פּאַסירט מיט) לופּענע 14) וואָס מען האָט געקאָכט זיעבען מאָל אין אַ טאָפּ און מען האָט עס געגעסען אַלס אַ נאָכשפּייז און מען איז געקומען פֿרעגען ר׳ יוחנן, האָט ער געזאָגט אז מען מאַכט דעריבער די ברכה „בורא פרי האדמה”. און אַחוץ דעם האָט דאָך ר׳ חייא בר אבא געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז ר׳ יוחנן האָט געגעסען אַן איינגעזאַלצענע 15) אָליווע און האָט דעריבער געמאַכט אַ ברכה פֿאַרדעם און נאָכדעם. איז אויב דו ווערסט

פירוש.

1) ווייל אַ״ע זיינען דאָך איינשטימיג אַז דאָס מיינט וואָס האָט אַרויסגעבראַכט. 2) דער זוהן פֿון רב זביד.

3) וואָס איבער גרינס שטעהט גלייך נאָך ברויט. 4) מאַכט מען דעריבער דיזעלבע ברכה. 5) דיזער מאמר פֿעהלט אין „אלפס” און „רא״ש”, און מיט רעכט, ווייל ער איז באמת איבעריג נאָכדעם ווי עס שטעהט „דאָס מיינט צו זאָגען”. אין דעם מינכענער כ״י פֿעהלט אויך „דאָס מיינט צו זאָגען”.

6) רב חסדא ערקלערט אַז די ביידע מיינונגען זיינען ניט ענטגעגען געזעצט צו איינאַנדער. 7) ד״ה מיר ריכטען זיך נאָך דעם אופן ווי דאָס ווערט אַם מייסטען געגעסען; אויב דאָס ווערט געוועהנליך געגעסען רויהערהייד מאַכט מען „שהכל” ווען עס ווערט געקאָכט, און אויב עס ווערט געוועהנליך געגעסען געקאָכטערהייד מאַכט מען „בורא פרי האדמה” ווען עס ווערט געקאָכט, ווייל דיזער צושטאַנד איז דער הויפּטצוועק פון דער פרי, און „שהכל” ווען מען עסט עס רויהערהייד. רב׳ס מיינונג באַציהט זיך דערפֿאַר אויף גרינסען וואָס מען עסט געוועהנליך געקאָכטערהייד, און עולא׳ס מיינונג אויף די וואָס מען עסט געוועהנליך רויהערהייד.

8) די מחלוקת דאָ צווישען שמואל און ר׳ יוחנן איז דיזעלבע וואָס צווישען ר׳ מאיר און ר׳ יוסי; שמואל האַלט ווי ר׳ מאיר אַז דאָס קאָכען פֿאַרענדערט ניט און ר׳ יוחנן האַלט ווי ר׳ יוסי אַז דאָס פֿאַרענדערט יאָ. 9) פסחים מ״א א׳. 10) די מצוה פֿון עסען מצה.

11) זעה דעם פֿריהערדיגען מאמר. 12) אין דעם חודש. 13) פֿון די ביידע טעמים פֿאַר וואָס ר׳ חייא בר אבא איז וויכטיגער ווי ר׳ בנימין בר יפת איז דאָ אַ דירעקטער באַווייז אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אז איבער געקאָכטע גרינסען מאַכט מען „בורא פרי האדמה”. 14) תורמוס — פֿייגענבאָהנע, וועלפֿישע באָב, לופענע, אַ פֿלאַנצע וואָס ווערט געזייט אויף אונפֿרוכטבאַרע באָדענס צוליעב איהר פֿעהיגקייט אויפֿצונעהמען אין זיך פֿיעל שטיק-שטאָף פֿון דער לופֿט. די באָב זיינען זעהר ביטער רויהערהייד און מען קען זיי ערשט געניסען נאָך לאַנגען קאָכען. 15) אין פסחים ע״ו א׳

זאָגט; שבת איז אַ מענש מחויב אָנצושניידען צוויי ברויטען. פֿאַרוואָס? ווייל עס שטעהט געשריבען 1): „דאָפּעלטע ברויט". רב אשי האָט געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז רב כהנא האָט געהאַלטען צוויי און אָפּגעשניטען נאָר איינעם 2). ר' זירא פֿלעגט אָפּשניידען פֿאַר דער גאַנצער מאָהלצייט 3). האָט רבינא באַמערקט צו רב אשי: אָבער דאָס זעהט דאָך אויס ווי פֿרעסעריי! האָט ער איהם געענטפֿערט: אַזוי ווי ער האָט עס ניט געטהון יעדען טאָג און האָט עס נור היינט געטהון, זעהט עס ניט אויס ווי פֿרעסעריי.

אַז עס פֿלעגט זיך ר' אמי און ר' אסי מאַכען אַ ברויט פֿון אַן ערוב פֿלעגען זיי דעריבער מאַכען „המוציא לחם מן הארץ" און פֿלעגען זאָגען: אַזוי ווי איין מצוה איז שוין דערמיט געטהון געוואָרען, לאָמיר דערמיט טהון נאָך אַ מצוה.

(מ' א') רב האָט געזאָגט: (אַז איינער זאָגט 4):) נעהם, די ברכה איז שוין געמאַכט! נעהם, די ברכה איז שוין געמאַכט! דאַרף ער ניט נאָך אַמאָל אַ ברכה מאַכען 5), (אָבער): ברענג זאַלץ! ברענג אַ צוביים! דאַרף ער (נאָך אַמאָל) מאַכען אַ ברכה. ר' יוחנן אָבער האָט געזאָגט: אפילו: ברענגט זאַלץ! ברענגט אַ צוביים! דאַרף ער אויך ניט (נאָך אַמאָל) מאַכען אַ ברכה 6), (אָבער): מיש 7) פֿאַר די אָקסען! מיש פֿאַר די אָקסען! דאַרף ער (נאָך אַמאָל) מאַכען אַ ברכה; און רב ששת האָט געזאָגט: אפילו: מיש פֿאַר די אָקסען! דאַרף ער אויך ניט (נאָך אַמאָל) אַ ברכה מאַכען, וואָרום רב יהודה האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט 8): „אַ מענש טאָר ניט עסען בעפֿאָר ער גיט זיין פֿיעה פֿוראַזש, וואָרום עס שטעהט 9): „און איך וועל געבען גראָז אין דיין פֿעלד פֿאַר דיין פֿיעה" און נאַכהער ערשט (שטעהט): 'און דו וועסט עסען און זאַט ווערען'".

רבא דער זוהן פֿון שמואל האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' חייא: דער וואָס שניידט 10) טאָר ניט אָפּשניידען סיידען מען האָט געבראַכט זאַלץ אָדער צוביים פֿאַר יעדען איינעם. רבא דעם זוהן פֿון שמואל איז אויסגעקומען צו זיין ביי דעם ריש גלותא 11) און מען האָט איהם געבראַכט אַ ברויט, האָט ער דאָס גלייך אָפּגעשניטען 12). האָט מען איהם געפֿרעגט: האָט דער רבי חרטה געהאַט פֿון זיין הלכה? האָט ער זיי געענטפֿערט: ביי דיזען איז ניט נויטיג צו וואַרטען 13).

ווייטער האָט רבא דער זוהן פֿון שמואל געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' חייא: השתנה קען מען נאָר גאַנץ אויסלעדיגען ווען מען זיצט 14). רב כהנא האָט געזאָגט: אָבער ביי ווייכע ערד 15) אפילו שטעהענדיג, און אויב עס איז נימאָ קיין ווייכע ערד, זאָל מען זיך שטעלען אויף אַ הויכען אָרט און משתין זיין אין אַ משיפּעדיגען אָרט.

ווייטער האָט רבא דער זוהן פֿון שמואל געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' חייא: נאָך יעדען עסען עס זאַלץ און נאָך יעדען טרונקען טרינק וואַסער, און דו וועסט קיינמאָל ניט ניזק ווערען. אין אַ ברייתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: נאָך יעדען עבען עס זאַלץ און נאָך יעדען טרינקען טרינק וואַסער, און דו וועסט קיינמאָל ניט ניזק ווערען. אין אַן אַנדער ברייתא ווערט געלערנט: האָט אימיצער עפּעס געגעסען און האָט ניט געגעסען קיין זאַלץ, האָט אימיצער עפּעס געטרונקען און האָט ניט געטרונקען קיין וואַסער, זאָל ער ביי טאָג זאָרגען אַז ער זאָל ניט האָבען קיין (שלעכטען) גערוך פֿון מויל און אין דער נאַכט זאָל ער זאָרגען אַז ער זאָל ניט קריגען קרופּ 16).

די רבנן האָבען געלערנט: ווער עס לאָזט זיין עסען שווימען אין וואַסער 17) באַקומט קיינמאָל קיין בויך וועהטאָג ניט. און וויפֿיעל 18)? אַ קיתון 19) אויף יעדען ברויט.

רב מרי האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: ווער עס איז געוועהנט צו (עסען) לינזען איינמאָל אין דרייסיג טעג פֿאַרהיט זיין הויז פֿון קרופּ; אָבער ניט יעדען טאָג. פֿאַרוואָס? ווייל דאָס איז שעדליך פֿאַר דעם גערוך פֿון מויל. ווייטער האָט רב מרי געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: ווער עס איז געוועהנט צו (עסען) זענפֿט איינמאָל אין דרייסיג טעג פֿאַרהיט זיין הויז פֿון שווערע קראַנקהייטען; אָבער ניט יעדען טאָג. פֿאַרוואָס? ווייל דאָס איז שעדליך פֿאַר האַרץ שוואַכקייט. רב חייא בר אשי האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: ווער עס איז געוועהנט צו (עסען) קליינע פֿישלאַך באַקומט קיינמאָל קיין בויך וועהטאָג ניט; און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר קליינע פֿישלאַך מאַכען פֿרוכטבאַר און פֿאַרגרעסערן און פֿאַרשטאַרקען דעם גאַנצען מענשליכען קערפּער. ר' חמא דער זוהן פֿון ר' חנינא האָט געזאָגט: ווער עס איז געוועהנט צו (עסען) קימעל באַקומט קיינמאָל קיין האַרץ וועהטאָג ניט. האָט מען דערויף געפֿרעגט: רבן

פירוש.

אַן אָרימאַן עסט געוועהנליך שטיקלעך. 1) שמות ט"ז כ"ב, ביים מן. 2) ווייל „דאָפּעלטע ברויט שטעהט נאָר ביים קלייבען דעם מן אָבער ניט ביים עסען דערפֿון. 3) אַ גרויסען פּעניץ, צו ווייזען אַז ער עסט אַסך לכבוד שבת.

4) נאָכדעם ווי ער האָט שוין געמאַכט „המוציא" און האָט דעם פּעניץ אָפּגעשניטען און האַלט איצט אין פֿאַרטיילען חלקים דערפֿון צו די וואָס זיצען ביים טיש, איידער ער עסט אַליין. 5) בעפֿאָר ער עסט אַליין, ווייל הגם רערען איז אַ הפסקה און איז מבטל די ברכה, ווי צב"ש ביי תפילין וואו מען מוז נאָך אַמאָל מאַכען די ברכה אויב מען האָט גערעדט צווישען דער ברכה און דאָס לעגען פֿון די תפילין, איז דאָס דאָ קיין הפסקה ניט, וואָרום דאָס געהערט צו דער זאַך. 6) ווייל דאָס איז דאָך אויך שייך צו דער סעודה. 7) דעם צובער. 8) גטין ס"ב א'. 9) דברים י"א ט"ו.

10) [illegible] 11) דער פֿאָרשטעהער פֿון גלות, אַזוי פֿלעגט הייסען דער פֿאָרשטעהער פֿון די אידען אין בבל אין געגענזאַץ צו דעם פֿאָרשטעהער פֿון די ארץ ישראל אידען וועלכער האָט געהייסען נשיא—פירשט. 12) און ניט געוואַרט אויף זאַלץ. 13) ווייל עס איז אַזאַ געשמאַק ברויט אַז מען קען דאָס עסען אָהן אַ צוביים.

14) ווייל שטעהענדיג האָט מען שטענדיג מורא אַז מען זאָל זיך ניט פֿאַרשפּריצען און עס בלייבט דערפֿאַר תמיד אַביסעל צוריק. 15) וואו עס שפּריצט ניט.

16) זעה „פירוש" ז. 26 נומ. 4.

17) ד"ה ער טרינקט אַסך ביים עסען. 18) זאָל מען טרינקען. 19) אַזאַ קריגעל.

„בורא פרי האדמה", אָבער פֿון ריבען וואָס מען טהוט אין דעם אַריין זעהר פֿיעל מעהל (מאַכט מען) „בורא מיני מזונות", און נאַכהער האָט ער געזאָגט אַז איבער ביידע „בורא פרי האדמה", ווייל דאָס וואָס טהוט מען אין דעם אַריין זעהר פֿיעל מעהל איז בלויז כדי צו מאַכען עס געדיכט.

רב חסדא האָט געזאָגט: מייערן געקעכץ איז גוט פֿאַר דאָס האַרץ און גוט פֿאַר די אויגען און נאָך מעהר פֿאַר די געדערים. האָט אביי געזאָגט: דאָס איז אָבער נאָר אַז עס איז לאַנג געשטאַנען אויפֿן פריפעטשיק און האָט געמאַכט טיאָך, טיאָך 1)! — רב פפא האָט געזאָגט: עס איז ביי מיר געוויס אַז די וואַסער פֿון מייערן 2) איז ווי מייערן 3) און די וואַסער פֿון ריבען איז ווי ריבען און די וואַסער פֿון אַלע געקאָכטע גרינסען איז ווי אַלע געקאָכטע גרינסען. (אָבער) רב פפא האָט געפֿרעגט: ווי איז די וואַסער פֿון קראָפּ? טהוט מען דאָס אַריין צוליעב די פֿערפֿיינערונג פֿון געשמאַק 4), אָדער מען טהוט עס אַריין כדי אַראָפּצונעהמען די שוים? קום און הער 5): „נאָכדעם ווי קראָפּ האָט שוין דעם טאָפּ געגעבען זיין געשמאַק 6) קען דערביי ניט מעהר זיין (דער אסור פֿון) תרומה און עס קען ניט מעהר מטמא זיין עסענוואַרג"7), איז דאָך דערפֿון געדרונגען אַז מען טהוט עס בלויז אַריין צוליעב די פֿערפֿיינערונג פֿון געשמאַק. אַזוי איז טאַקע דערפֿון געדרונגען!

רב חייא בר אשי האָט געזאָגט: איבער צוויבאַק (וואָס מען ווייקט איין) אין אַ שיסעל מאַכט מען די ברכה „המוציא". און דאָס איז געגען ר' חייא, ווארום ר' חייא האָט געזאָגט: די ברכה 8) דאַרף זיך ענדיגען מיטן ברויט 9). האָט רבא דאַגעגען איינגעווענדעט: פֿאַרוואָס ניט ביי צוויבאַק? ווייל ווען מען ענדיגט די ברכה ענדיגט מען אויף אַ פעניץ! אין דאָך ביי ברויט אויך אַז מען ענדיגט דאָס ענדיגט מען אויף אַ פעניץ 10)! (ב') נאָר רבא האָט געזאָגט: מען מאַכט די ברכה 11) און נאַכהער שניידט מען אָפּ. די נהרדעאער פֿלעגען טהון ווי ר' חייא און די רבנן האָבען געטהון ווי רבא. רבינא האָט געזאָגט: די מאַמע האָט מיר געזאָגט: דיין טאַטע פֿלעגט טהון ווי ר' חייא, ווארום ר' חייא האָט געזאָגט: די ברכה דאַרף זיך ענדיגען מיטן ברויט, און די רבנן האָבען געטהון ווי רבא. און דער דין איז ווי רבא וואָס האָט געזאָגט: מען מאַכט די ברכה און נאַכהער שניידט מען אָפּ.

עס איז געזאָגט געוואָרען: אַז מען ברענגט פֿאַר זיי שטיקער און גאַנצע 12), האָט רב הונא געזאָגט אַז מען מעג מאַכען די ברכה איבער די שטיקער און דאָס פטרט שוין די גאַנצע, און ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז איבער די גאַנצע (ווייל עס) איז אַ מצוה פֿון בעסטען 13), אָבער אַז דאָס שטיק איז פֿון ווייץ און די גאַנצע איז פֿון גערשטען זאָגען אַלע אַז מען מאַכט די ברכה איבער דאָס שטיק פֿון ווייץ און דאָס פטרט שוין די גאַנצע פֿון גערשטען 14). ר' ירמיה בר אבא האָט געזאָגט: דאָס 15) איז ווי די תנאים 16): „מען גיט תרומה אַ קליינע גאַנצע ציבעלע און ניט קיין העלפֿט פֿון אַ גרויסע ציבעלע 17). ר' יהודה אָבער זאָגט: ניין! דוקא די העלפֿט פֿון אַ גרויסער ציבעלע". זיינען זיי מסתמא דעריין מחולק: איין רבי 18) האַלט אַז מען ציהט פֿאָר דאָס וואָס איז חשובער 19), און דער אַנדערער רבי האַלט אַז מען ציהט פֿאָר די גאַנצע. דאָרט וואו עס איז דאָ אַ כהן איז קיינער ניט מחולק אַז מען ציהט פֿאָר דאָס וואָס איז חשובער אָבער וואו זיינען זיי מחולק? אַז עס איז ניטאָ קיין כהן 20). ווארום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 21): „אומעטום וואו עס איז דאָ אַ כהן גיט מען תרומה פֿון דאָס בעסטע, און דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין כהן גיט מען תרומה פֿון דאָס וואָס קען שטעהן; ר' יהודה אָבער זאָגט: מען גיט נאָר פֿון דאָס בעסטע". רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט: אַ ירא שמים איז יוצא פֿאַר ביידע 22), און ווער איז דאָס? מר דער זוהן פֿון רבינא; ווארום מר דער זוהן פֿון רבינא פֿלעגט לעגען דאָס שטיק אונטער די גאַנצע 23) און פֿלעגט אָפּשניידען 24). — אַ תנא האָט געלערנט פֿאַר רב נחמן בר יצחק: מען לעגט דאָס שטיק אונטער די גאַנצע און מען שניידט אָפּ און מען מאַכט די ברכה. האָט ער איהם געפֿרעגט: ווי הייסטו? האָט ער איהם געענטפֿערט: שלמון. האָט ער צו איהם געזאָגט: דו ביזט שלום און דיין לערנען איז שלום, ווייל דו האָסט שלום געמאַכט צווישען די תלמידים. — רב פפא האָט געזאָגט: אַלע זיינען מודה אַז פסח לעגט מען אַ שטיק אונטער די גאַנצע און מען ברעכט אָפּ. פֿאַרוואָס? ווייל עס שטעהט געשריבען „ברויט פֿון אָרימקייט" 25). — ר' אבא האָט גע-

פירוש.

1) ד"ה האָט שטאַרק געזאָטען. 2) ד"ה וואָס מען האָט אין זיי געקאָכט מייערן. 3) בנוגע צו דער ברכה. 4) אין מען דאַרף דערפֿאַר דעריבער מאַכען „בורא פרי האדמה". 5) דאָס וואָס שטעהט אין עוקצין פ"ג מ"ד. 6) און מען האָט איהם אַרויסגענומען פֿון דעם געקעכץ. 7) ווייל עס איז שוין דאַמאָלס ווי האָלץ און ניט מעהר אַן עסענוואַרג.

8) פֿון „המוציא". 9) ד"ה מיטן אָפּשניידען דעם ערשטען פעניץ ברויט, און דאָס איז דאָך ניט מעגליך ביי איינגעווייקטע ברויט. 10) ד"ה מיט וואָס זאָל ברויט זיין בעסער ווי איינגעווייקטע צוויבאַק? ביי ברויט מאַכט מען דאָך אויך ניט די ברכה אויף דאָס גאַנצע נאָר אויף דאָס שטיק וואָס מען שניידט אָפּ. 11) בשעת דער ברויט איז נאָך גאַנץ.

12) ברויט. 13) לויט רש"י האַנדעלט עס זיך דאָ ווען די שטיקער זיינען אַזוי גרויס ווי די גאַנצע, קען מען דאַן, לויט רב הונא, מאַכען איבער וועלכע מען וויל, אָבער אויב די שטיקער זיינען גרעסער מוז מען נאָך איהם דוקא מאַכען איבער די שטיקער, לויט „תוספות" אָבער מעג מען מאַכען ווי מען וויל דוקא אַז די שטיקער זיינען גרעסער ווי די גאַנצע. 14) ווייל ווייץ איז חשובער און אויך שטעהט עס אין דער תורה (דברים ח' ח') פֿאַר גערשטען. 15) וואָס שטעהט אַז מען גיט אַ שטיק פֿון ווייץ דעם פֿאָרצוג פֿאַר אַ גאַנצע פֿון גערשטען. 16) האָבען געלערנט אין תרומות פ"ב מ"ה. 17) הגם זי איז גרעכער פֿאַר דער גאַנצער, לויט „תוספות" הגם זי איז געשמאַקער. 18) ר' יהודה. 19) און דערפֿאַר דאַרף מען אויך פֿאָרציהען די שטיקער פֿון ווייץ פֿאַר די גאַנצע פֿון גערשטען. 20) און מען דאַרף די תרומה האַלטען ביז מען וועט אַ כהן געפֿינען, און אַ האַלבע ציבעלע איז שווערער צו האַלטען ווי אַ גאַנצע. 21) תרומות פ"ב מ"ד. 22) פֿאַר ר' הונא און ר' יוחנן. 23) אין האָט אם כן ביידע אין האַנד געהאַלטען מאַכענדיג די ברכה. 24) פֿון ביידע אָדער פֿין דער גאַנצער, אָבער בלויז פֿין שטיק טאָר מען ניט. 25) און;

איז ווי די (פאלגענדע מחלוקת פון) תנאים 1): „אז איינער האט געזעהן א ברויט און האט געזאגט: ווי שעהן איז דיזעס ברויט; געלויבט זיי דער אויבערשטער וואס האט עס בעשאפען! האט ער יוצא געווען 2), (אדער) אז איינער האט געזעהן א פייג און האט געזאגט: ווי שעהן איז דיזע פייג; געלויבט זיי דער אויבערשטער וואס האט זי בעשאפען! האט ער יוצא געווען. דאס זיינען די רייד פון ר' מאיר; ר' יוסי אבער זאגט: דער וואס ענדערט דעם נוסח וואס די חכמים האבען פארמולירט ביי די ברכות האט ניט יוצא געווען זיין חוב". קען מען זאגען אז רב הונא זאגט ווי רב יוסי און ר' יוחנן זאגט ווי ר' מאיר.—רב הינא קען דיר ענטפערן: דאס וואס איך האב געזאגט איז אפילו לויט ר' מאיר, ווייל ר' מאיר האט נאר דארט געזאגט 3), ווייל ער דערמאהנט דאך דעם נאמען ברויט, אבער דארט וואו דאס ווארט ברויט ווערט ניט דערמאהנט איז אפילו ר' מאיר מודה 4). און ר' יוחנן קען דיר ענטפערן: דאס וואס איך האב געזאגט איז אפילו לויט ר' יוסי, ווייל ר' יוסי האט נאר דארט געזאגט 5), ווייל ער זאגט דאך א ברכה וואס די רבנן האבען ניט מתקן געווען, אבער אז ער זאגט „שהכל נהיה בדברו" וואס די רבנן האבען יא מתקן געווען איז אפילו ר' יוסי מודה 6).

בנימין דער פאסטוך האט אפגעבראכען א (שטיק) ברויט און האט געזאגט 7): געלויבט זיי דער האר פון דיזען ברויט! האט רב געזאגט אז ער האט יוצא געווען. רב האט דאך אבער געזאגט אז א ברכה אין וועלכער גאטס נאמען ווערט ניט דערמאהנט איז קיין ברכה ניט! — ער 8) האט געזאגט: געלויבט זיי דער בארעמהערציגער, דער האר פון דיזען ברויט 9)!—עס פאדערט זיך דאך אבער די דריי ברכות?!— דאס וואס רב האט געזאגט אז ער האט יוצא געווען מיינט אז ער האט יוצא געווען אפילו פאר דער ערשטער ברכה 10). — וואס ווייל ער אונז דערמיט לערנען? — אז הגם דאס איז געזאגט געווארען אין א פראפאנעם לשון. — אבער דאס האבען מיר דאך שוין געלערנט 11): „און דיזע מעג מען זאגען אין יעדען לשון: די פרשה פון דער סוטה 12), די ערקלערונג ביי מעשר 13) און קריאת שמע און תפילין און בענשען"!—דאס 14) איז נויטיג געווען! ווייל מען וואלט געקענט מיינען אז דאס 15) איז נאר אז מען זאגט עס אין א פראפאנעם לשון (גענוי) אזוי ווי די רבנן האבען דאס מתקן געווען אין לשון הקדש, אבער אז מען זאגט עס אין א פראפאנעם לשון ניט ווי די רבנן האבען דאס מתקן געווען אין לשון הקדש זאלען מיר זאגען אז (מען איז) ניט (יוצא), דערפאר לערנט ער דאס אונז.

עס שטעהט פריהער: „רב האט געזאגט: א ברכה אין וועלכער גאטס נאמען ווערט ניט דערמאהנט איז קיין ברכה ניט", ר' יוחנן אבער האט געזאגט 16) אז א ברכה אין וועלכער עס איז ניטא קיין מלכות 17) איז קיין ברכה ניט. האט אביי געזאגט: איך האלט מיט רב; וואררום עס ווערט געלערנט אין א ברייתא 18): „איך האב ניט עובר געווען אויף דיינע מצוות און איך האב ניט פארגעסען 19) (מיינט) „איך האב ניט עובר געווען" אויף ניט לויבען דיר 20) און „איך האב ניט פארגעסען" צו דערמאהנען דיין נאמען", און וועגען מלכות ווערט דארט גאר ניט דערמאהנט. ר' יוחנן אבער לערנט: „איך האב ניט פארגעסען" צו דערמאהנען דערביי דיין נאמען און דיין מלכות.

משנה ג'.

און איבער דאס וואס זיין וואקסען קומט ניט 21) פון דער ערד זאגט מען „שהכל נהיה בדברו". איבער עסיג און איבער אראבגעפאלענע פרוכט (נובלות) און איבער גובאי 22) זאגט מען „שהכל נהיה בדברו"; ר' יהודה אבער זאגט אז דאס וואס איז אן ארט קללה מאכט מען דעריבער קיין ברכה ניט 23). אז מען האט פאר זיך מעהרערע מינים, זאגט ר' יהודה אז אויב דארונטער געפינט זיך איינער פון די זיעבען מינים מאכט מען די ברכה איבער איהם, אבער די חכמים זאגען אז מען מעג מאכען א ברכה אויף וועלכען פון זיי מען וויל.

גמרא.

די רבנן האבען געלערנט: איבער דאס וואס זיין וואקסען קומט ניט פון דער ערד, ווי דאס פלייש פון בהמות, חיות און עופות און פיש, זאגט מען „שהכל נהיה בדברו"; איבער מילך און איבער אייער און איבער קעז זאגט מען „שהכל"; איבער ברויט וואס איז פארשימעלט געווארען און איבער וויין וואס איז זויער געווארען און איבער א געקעכץ

פירוש.

1) תוספתא פ"ד. 2) פאר א ברכה, דערע ברכות ווי קדוש, הבדלה אא"וו. 3) און 6) אז ער האט יוצא געווען. 4) און 5) אז מען איז ניט יוצא.

7) נאך דעם עסען. ער האט עס געזאגט אויף אראמעאיש: בְּרִיךְ מָרֵיהּ דְּהַאי פִּתָּא. 8) בנימין דער פאסטוך. 9) בְּרִיךְ רַחֲמָנָא אא"וו. 10) פון די דריי, די „ברכת הזן". 11) סוטה ל"ב א' און שבועות ל"ט א'. 12) וואס דער כהן לייענט פאר בשעת ער באשווערט זי (במדבר ה' כ"א און כ"ב). 13) דברים כ"ו י"ג—ט"ו. 14) וואס רב האט געזאגט. 15) וואס שטעהט אין דער ציטירטער משנה.

16) וויטער מ"ט א'. 17) ד"ה וואו עס פעהלט „מלך העולם". 18) „ספרי" פ' כי תבא פיסקא ש"ג ס). 19) דברים כ"ו י"ג. דאס ווערט געזאגט ביי דער ערקלעהרונג פון מעשר. 20) ד"ה ניט מאכען די ברכה וואס מען מאכט ביים אראפנעהמען תרומה און מעשר: ברוך אא"וו אשר קדשנו במצותיו וצונו לְהַפְרִישׁ תְּרוּמָה וּמַעֲשֵׂר.

21) דירעקט. 22) א סארט היישעריקען וואס מען מעג עסען. 23) און דערפאר דארף מען ניט מאכען קיין ברכה איבער דיזע דריי, ווייל זיי זיינען א קללה.

ס) אין „רא"ש" און אין דעם מינכענער כ"י שטעהט ניט „דתניא" נאר „דתנן", ווייל דער ציטאט געפינט זיך אויך אין א משנה, מעשר שני פ"ה מי"א (זעה אויך „תוספות יום טוב" דארט און „פני יהושע" און „צל"ח"). אזוי ווי דער מאמר איז דא ניט ריכטיג ציטירט, ווייל סיי אין דער משנה סיי אין „ספרי" ווערט דער חוב פון דער ברכה ניט אפגעלערנט פון „איך האב ניט עובר געווען" און דער נוסח אין בידע איז: „לא עברתי ממצותיך לא הפרשתי ממין על שאינו מינו אא"וו, ולא שכחתי לא שכחתי מלברכך ומלהזכיר שמך עליו", איז מעגליך אז „דתניא" איז טאקע ריכטיג און דא ווערט ניט דער „ספרי" נאר אן אנדערע אונז אונבעקאנטע ברייתא ציטירט וואו דער נוסח איז געווען דערזעלבער ווי דא אין דער גמרא. א בעקאנטע משנה וואלט ר' יוחנן אפשר ניט קאריגירט, ווי ער טהוט עס דא.

שמעון בן גמליאל זאָגט דאָך: קימעל איז איינער פֿון די „עכציג סמי המות און דער וואָס שלאָפֿט אין דער מזרח זייט פֿון זיין שייער 1) איז אַליין שולדיג אין זיין בלוט 2)! — דאָס איז קיין קשיא ניט! (ווייל) דאָרט האַנדעלט זיך מכח זיין ריח און דאָ מכח זיין טעם. אַז ר׳ ירמיה׳ס מוטער פֿלעגט איהם באַקען ברויט פֿלעגט זי דאָס באַשיטען 3) און (נאַכהער) אַראָפּקראַצען 4).

„ר׳ יהודה אבער זאגט: „בורא מיני דשאים".

ר׳ זירא, און מאַנכע זאָגען אַז ר׳ חיננא בר פפא, האָט געזאָגט: דער דין איז ניט ווי ר׳ יהודה. ווייטער האָט ר׳ זירא, און מאַנכע זאָגען אַז ר׳ חיננא בר פפא, געזאָגט: וואָס איז דער טעם פֿון ר׳ יהודה? עס שטעהט אין פסוק 5): „געלויבט איז גאָט יעדען טאָג"; לויבט מען דען גאָט ביי טאָג און [מען לויבט איהם] ניט ביי דער נאַכט? נאָר דאָס מיינט צו זאָגען: יעדען טאָג זאָלסטו איהם געבען זיין פאַסענדען לויב 6); אַזוי זאָלסטו דאָ אויך פֿאַר יעדען סאָרט איהם געבען זיין פאַסענדע ברכה.

ווייטער האָט ר׳ זירא, און מאַנכע זאָגען אַז ר׳ חיננא בר פפא, געזאָגט: קום און זעה ווי די פֿיהרונג פֿון קב"ה איז פֿאַרשיעדען פֿון די פֿיהרונג פֿון אַ בשר ודם: אַ בשר ודם פֿיהרט זיך אַז ער אונטערשטיצט אַ פוסטע כלי 7) און ער אונטערשטיצט ניט אַ פֿולע כלי 8), אָבער דער קב"ה איז ניט אַזוי, אַ פֿולע אונטערשטיצט ער און אַ פוסטע אונטערשטיצט ער ניט, וואָרום עס שטעהט 9): „און ער האָט געזאָגט: אויב דו וועסט זיך צוהערען (שָׁמֹעַ תִּשְׁמַע)" (מיינט 10) עס:) אויב הערען 11) וועסטו (ווייטער) הערען, און אויב ניט וועסטו ניט (מעהר) הערען. אַן אַנדער ערקלעהרונג: אויב הערען דאָס אַלטע 12) וועסטו הערען דאָס נייע, אָבער אויב דיין האַרץ קעהרט זיך אָפּ דערפֿון וועסטו ניט מעהר הערען.

משנה ב׳.

האט מען געמאכט „בורא פרי האדמה" איבער די פירות פון בוימער האט מען יוצא געווען, אבער „בורא פרי העץ" איבער די פירות פון דער ערד האט מען ניט יוצא געווען[13], און אויב מען האט געזאגט „שהכל נהיה בדברו" איבער אלע האט מען יוצא געווען[14].

גמרא.

ווער איז דער תנא (וואָס האַלט) אַז דער עיקר פֿון אַ בוים איז די ערד? האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: דאָס איז ר׳ יהודה; וואָרום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 15): „איז דער קוואַל אויסגעטריקענט אָדער דער בוים אויסגעהאַקט געוואָרען ברענגט מען 16) אָבער מען לייענט ניט 17), ר׳ יהודה אָבער זאָגט: מען ברענגט און לייענט" 18).

„איבער די פירות פון דער ערד אא"וו".

דאָס איז דאָך זעלבסטפֿאַרשטענדליך 19)! האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: דאָס איז נאָר נויטיג צוליעב ר׳ יהודה וואָס האָט געזאָגט אַז ווייץ איז אַ סאָרט בוים; וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 20): „דער בוים וואָס אדם הראשון האָט דערפֿון געגעסען, זאָגט ר׳ מאיר, איז געווען אַ וויינשטאָק, ווייל קיין זאַך ברענגט ניט (אַזאַ) קלאָג אויף מענשען ווי וויין, וואָרום עס שטעהט 21): „און ער האָט געטרונקען פֿון דעם וויין און איז שכור געוואָרען"; ר׳ נחמיה זאָגט: דאָס איז געווען אַ פֿייגענבוים, ווייל זיי האָבען גוט געמאַכט דורך דאָס וואָס זיי האָבען פֿריהער שלעכט געמאַכט, וואָרום עס שטעהט 22): „און זיי האָבען אויפֿגענעהט פֿייגענבלעטער"; ר׳ יהודה זאָגט: דאָס איז געווען ווייץ, ווייל אַ קינד ווייס ניט צו רופֿען טאַטע! מאַמע! סיידען ער האָט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון קאָרן" 23). וואָלט מען געקענט מיינען אַז ווי באַלד ר׳ יהודה האָט געזאָגט אַז ווייץ איז אַ סאָרט בוים זאָל מען דעריבער מאַכען „בורא פרי העץ", דערפֿאַר ווערט אונז געלערנט אַז מען מאַכט דאָרט „בורא פרי העץ" וואו אַז מען נעהמט אַראָפּ די פרי און עס בלייבט דער צווייג ברענגט ער ווידער אַרויס 24), (ב׳) אָבער דאָרט וואו אַז מען נעהמט אַראָפּ די פרי און דער בלייבענדער צווייג קען ניט ווידער אַרויסברענגען מאַכט מען ניט „בורא פרי העץ" נאָר „בורא פרי האדמה".

און אויב מען האט געזאגט „שהכל" איבער אלע אא"וו".

עס איז געזאָגט געוואָרען: רב הונא האָט געזאָגט: אַחוץ איבער ברויט און איבער וויין 25), און ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אפילו איבער ברויט און וויין. קען מען זאָגען אַז דאָס

פ י ר ו ש.

1) פֿון דעם שייער וואו דער קימעל געפֿינט זיך. 2) ווייל דער פֿייכטער מערב ווינד וואָס בלאָזט ביי דער נאַכט צו מזרח ברענגט אַריין דעם ריח פֿון דעם קימעל אין זיין גוף אַריין און פֿערסמט איהם. 3) מיט קימעל צוליעבן טעם. 4) צוליעב דער שעדליכקייט פֿונם ריח.

5) תהלים ס"ח כ׳. 6) וואָכענטעג באַזונדער, שבת באַזונדער אא"וו.

7) אַן אונוויסענדער מענש. 8) אַ תלמיד חכם. 9) שמות ט"ו כ"ו.

10) דער דרש איז געבויט אויף די ווידערהאָלונג פֿון דעם ווערב שמע. זעה „פירוש" ז, 116 נומ. 7. 11) אָדער לערנען, ד"ה אויב דו האָסט פֿריהער געלערנט און זיך צוגעהערט צו גאָטס רייד. 12) ד"ה אויב דו איבערחזרסט אָפֿט וואָס דו האָסט פֿריהער געלערנט וועסטו קענען לערנען נייעס.

13) ווייל „די פֿרוכט פֿון באָדען" שליסט אויך איין דאָס וואָס וואַקסט אויף בוימער, אָבער „די פֿרוכט פֿון בוים" קען ניט איינשליסען דאָס וואָס וואַקסט ניט אויף אַ בוים. 14) ווייל אַלץ איז בעשאַפֿען געוואָרען דורך גאָטס וואָרט.

15) בכורים פ"א מ"ו. 16) די בכורים דערפֿון. 17) די פרשה פֿון בכורים (זעה דברים כ"ו ה׳—י׳), ווייל דער באָדען, פֿאַר וועלכען מען דאַנקט גאָט אין דיזער פרשה, האָט דאָך דאַן מעהר קיין ווערט ניט. 18) ווייל דער באָדען איז דאָך געבליבען, און דאָס איז דער עיקר.

19) טאָ צו וואָס ברויכט די משנה דאָס צו לערנען? 20) סנהדרין ג׳ א׳. 21) בראשית ט׳ כ"א. 22) דאָרט ג׳ ז׳. 23) אין דעם מינכענער כ"י שטעהט ריכטיגער ווייץ; אם כן איז דאָך „דער בוים פֿון ווייסען" געווען ווייץ. 24) פירות.

25) ווייל זיי האָבען אַ באַזונדערע חשיבות צוליעב זייער וויכטיגקייט אַלס נאַהרונג און געטרענק און ווייל זיי ווערען געברויכט ביי אַסך אַנ-

צוג קומט דעם מין וואס געהערט צו די זיעבען (מינים) און די רבנן האלטען אז מען דארף פארציהען דאס וואס איז באליעבט 1), אבער אז זיי האבען ניט די גלייכע ברכה 2) זאגען אלע אז מען דארף מאכען א ברכה איבער דעם און נאכהער מאכט מען איבער יענעם 3). האט מען דערויף געפרעגט 4): אז מען האט פאר זיך רעטיך און אליווען מאכט מען א ברכה איבערן רעטיך און דאס פטרט שוין די אליווען 5)! — עס האנדעלט זיך דא אז דער רעטיך איז דער עיקר 6).—אויב אזוי, טא וואס זאלען מיר זאגען צום סוף 7): ר׳ יהודה אבער זאגט: מען דארף מאכען א ברכה איבער די אליווען, ווייל די אליווען זיינען איינער פון די זיעבען מינים? האלט דען ניט ר׳ יהודה פון דאס וואס מיר האבען געלערנט אין דער משנה 8): „אומעטום וואו עס איז דא א הויפטזאך און א נעבענזאך מאכט מען א ברכה איבער ד הויפטזאך און דאס פטרט שוין די נעבענזאך"? און טאמער וועסטו זאגען: יא, ער האלט טאקע ניט דערפון, ווערט דאך געלערנט אין א ברייתא: ר׳ יהודה זאגט: אויב די אליווען זיינען דא צוליעבן רעטיך מאכט מען א ברכה איבערן רעטיך און דאס פטרט שוין די אליווען!—לעולם האנדעלט זיך טאקע דא אז דער רעטיך איז דער עיקר, און דאס וואס ר׳ יהודה און די רבנן זיינען מחולק איז גאר בנוגע צו אן אנדער זאך, נאר דא פעהלט עפעס, און עס האט געדארפט אזוי געלערנט ווערען: אז מען האט פאר זיך רעטיך און אליווען מאכט מען א ברכה איבערן רעטיך און דאס פטרט שוין די אליווען. דאס איז אבער נאר גערעדט אז דער רעטיך איז דער עיקר, אבער אויב דער רעטיך איז ניט דער עיקר זאגען אלע אז מען דארף מאכען א ברכה איבער דעם און נאכהער מאכט מען איבער יענעם. און ביי אנדערע צוויי מינים 9) וואס האבען די גלייכע ברכה מעג מען מאכען א ברכה איבער וועלכען פון זיי מען וויל; ר׳ יהודה אבער זאגט אז מען דארף מאכען א ברכה איבער די אליווען, ווייל די אליווען זיינען איינער פון די זיעבען מינים.

עס זיינען דעריין מחולק ר׳ אמי און ר׳ יצחק דער שמיעד 10). איינער זאגט אז די מחלוקת איז נאר ווען זיי האבען די גלייכע ברכה, האלט ר׳ יהודה אז דער פארצוג קומט דעם מין וואס געהערט צו די זיעבען (מינים) און די רבנן האלטען אז מען דארף פארציהען דאס וואס איז באליעבט, אבער ווען זיי האבען ניט די גלייכע ברכה זאגען אלע אז מען דארף מאכען א ברכה איבער דעם און נאכהער איבער יענעם, און דער אנדערער זאגט אז די מחלוקת איז אפילו ווען זיי האבען ניט די גלייכע ברכה. מילא לויט דעם וואס זאגט אז די מחלוקת איז נאר ווען זיי האבען די גלייכע ברכה איז רעכט 11), אבער לויט דעם וואס זאגט אז זיי זיינען מחולק (אפילו) ווען זיי האבען ניט די גלייכע ברכה, טא איבער וואס זיינען זיי מחולק 12)? האט ר׳ ירמיה געזאגט: בנוגע צו דאס וואס קומט צוערשט; ווארום ר׳ יוסף, און עס זיינען דא וואס זאגען אז ר׳ יצחק, האט געזאגט: דאס וואס שטעהט צוערשט אין פסוק קומט צוערשט בנוגע צו דער ברכה, ווארום עס שטעהט 13): „א לאנד פון ווייץ און גערשטען און ווייןשטעק און פייגען און מילגרוימען, א לאנד פון אליווען אויל און האניג". און דאס איז געגען ר׳ חנן; ווארום ר׳ חנן האט געזאגט 14): „דער גאנצער פסוק איז געזאגט געווארען וועגען די (פארשיעדענע) שעורים 15): ווייץ, ווארום מיר האבען געלערנט אין דער משנה 16): „אז איינער געהט אריין אין א הויז וואס האט א נגע 17) און זיינע קליידער זיינען אויף זיינע אקסלען און ער האלט זיינע שיך און רינגען אין דער האנד ווערט ער און זיי גלייך טמא, אבער אז ער איז געוועזן אנגעטהון אין זיינע קליידער און זיינע שיך האט ער געטראגען אויף די פיס און זיינע רינגען אויף די פינגער ווערט ער גלייך טמא, אבער זיי בלייבען טהור כל זמן ער פארזוימט זיך (דארט) ניט אזוי לאנג ווי עס נעדויערט אויפצועסען א פרס 18) פון א ווייצען ברויט—אבער ניט פון א גערשטען ברויט— וועלכען מען עסט אנגעשפארטערהייד און מיט א צוביים"19). גערשטען, ווארום מיר האבען געלערנט אין דער משנה 20): „א ביינדעל 21) (די גרויס) ווי א גערשטען איז מטמא דורך אנריהרען אדער טראגען דאס אבער עס איז ניט מטמא דורכן געצעלט" 22), וויינשטאק צוליעב א רביעית ויין פאר א נזיר 23), פייגען, ווייל ווי א געטריקענטע פייג (איז דער שעור) בנוגע צו ארויסטראגען אום שבת 24), מילגרוימען ווי מיר האבען גע-

פירוש.

דיג א ברכה אויף איין מין איז מען מוציא דעם אנדערן. 1) ד"ה דעם מין וואס איז באליעבט. 2) צב"ש אליווען און רעטיך. 3) ווייל דא קען מען דאך ניט מוציא זיין דעם אנדערן מין מיט דער ברכה איבער דעם ערשטען מין. 4) פון א ברייתא. 5) אם כן זעהען מיר דאך אז אפילו ווען זיי האבען ניט די גלייכע ברכה איז ניט נויטיג צו מאכען א ברכה איבער יעדען מין באזונדער. 6) און די אליווען ווערען געגעסען כדי אוועקצונעהמען די שארפקייט און דעם ריח פון רעטיך. 7) פון דער ציטירטער ברייתא. 8) ווייטער מ"ד א׳. זעה אויך ז. 134. 9) וואס איינער פון זיי געהערט צו די זיעבען מינים.

10) ר׳ יצחק בן טבלא, א תלמיד פון ר׳ יוחנן. 11) וואס ר׳ יהודה און די רבנן זיינען מחולק, ווייל עס האנדעלט זיך דא מכח דער פראגע צו דער פארצוג קומט דאס וואס געהערט צו די זיעבען מינים צו דאס וואס איז באליעבט. 12) ווייל יעדער מין דארף דאך אין דיזען פאל האבען א באזונדער ברכה. 13) דברים ח׳ ח׳. 14) ערובין ד׳ א׳ און סוכה ה׳ ב׳. 15) ד"ה דער פסיק רעכענט ניט אויס די פירות דורך וועלכע ארץ ישראל צייכענט זיך אויס און דאס וואס שטעהט פריהער איז דערפאר השובער, נאר ער רעכענט אויס די פירות וואס ארץ ישראל פארמעגט און וועלכע דיענען אלס סימנים פאר די פארשידענע שעורים פון די חכמים. 16) נגעים פי"ג מ"ט און חולין ע"א ב׳. 17) זעה ויקרא י"ד פון פסוק ל"ג ביז צום סוף פון קאפיטעל. 18) זעה „פירוש" ז. 140 נום. 4. 19) ווייל דאס עסט זיך גיכער. 20) אהלות פ"ב מ"ג. 21) פון א מת. 22) ד"ה דאדורך וואס מען געפינט זיך דערמיט אין דעמזעלבען געשלאסענעם רוים. 23) ד"ה ווייל א נזיר קומט מלקות אויב ער געניסט פון דאס וואס קומט פון א וויינשטאק, וועלכעס עס איז איהם פארבאטען (זעה במדבר ו׳ ד׳), אזוי פיעל וויפיעל עס מאכט אויס א רביעית וויין. 24) ד"ה מען טאר ניט ארויסטראגען אום שבת אין א רשות הרבים עסענוואארג די גרויס פון א געטריקענטע פייג. (זעה שבת ע"ו ב׳).

וואָס האָט פֿאַרלאָרען זיין אויסזעהן 1) זאָגט מען „שהכל"; איבער זאַלץ און איבער ליאָק און איבער שוועמלעך און מאָרכלען 2) זאָגט מען „שהכל". מיינט דאָס צו זאָגען אַז שוועמלעך און מאָרכלען זיינען ניט קיין ערד געוויקסען? עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ ברייתא 3): „אַז איינער טהוט אַ נדר געגען די פירות פֿון דער ערד זיינען די פירות פֿון דער ערד איהם פֿאַרוועהרט אָבער שוועמלעך און מאָרכלען זיינען איהם ערלויבט; אַז ער זאָגט אָבער: אַלע ערד געוויקסען זאָלען מיר זיין פֿאַרוועהרט זיינען איהם שוועמלעך און מאָרכלען אויך פֿאַרוועהרט"! האָט אביי געזאָגט: וואַקסען טהוען זיי אפילו פֿון דער ערד, אָבער זויגען טהוען זיי ניט פֿון דער ערד 4).— עס ווערט דאָך אָבער געלערנט „איבער דאָס וואָס זיין וואַקסען קומט ניט פֿון דער ערד"!— לערן 5): איבער דאָס וואָס זויגט ניט פֿון דער ערד.

„און איבער אראפגעפאלענע פרוכט".

וואָס הייסט „אַראָפּגעפֿאַלענע פֿרוכט"? (זיינען) ר' זירא און ר' אילעא (מחולק); איינער זאָגט: די וואָס ווערען פֿאַרברענט פֿון דער היץ, און דער אַנדערער זאָגט: טייטלען וואָס דער ווינד (וואַרפֿט אַראָפּ). — מיר האָבען (אָבער) געלערנט אין אונזער משנה: „ר' יהודה אָבער זאָגט אַז דאָס וואָס איז אַן אַרט קללה מאַכט מען דעריבער קיין ברכה ניט", איז מילא לויט דעם וואָס האָט געזאָגט „די וואָס ווערען פֿאַרברענט פֿון דער היץ" איז רעכט וואָס ער רופֿט עס „אַן אַרט קללה", אָבער לויט דעם וואָס האָט געזאָגט „טייטלען וואָס דער ווינד (וואַרפֿט אַראָפּ)" טאָ וואָס איז שייך „אַן אַרט קללה"?—אויף די איבעריגע 6). מאַנכע זאָגען (אַזוי): מילא לויט דעם וואָס האָט געזאָגט „די וואָס ווערען פֿאַרברענט פֿון דער היץ" איז רעכט וואָס מיר מאַכען דעריבער „שהכל", אָבער לויט דעם וואָס האָט געזאָגט „טייטלען וואָס דער ווינד (וואַרפֿט אַראָפּ)" (טאָ פֿאַרוואָס עפּעס) „שהכל"? מען דאַרף דאָך מאַכען „בורא פרי העץ" 7)! נאָר ביי „אַראָפּגעפֿאַלענע פֿרוכט" סתם איז קיינער ניט מחולק אַז דאָס מיינט די וואָס ווערען פֿאַרברענט פֿון דער היץ אָבער וואו זיינען זיי מחולק? ביי די אַראָפּגעפֿאַלענע פֿרוכט פֿון אַ טייטעלבוים (נובלות תמרה). ווארום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 8): „די וואָס מען מעג לייכט נעהמען בנוגע צו דמאי 9) זיינען: שִׁיתִין און רִימִין און עוּזְרְדִין בְּנוֹת שׁוּחַ און בְּנוֹת שִׁקְמָה און גּוּפְנִין און נִצְפָּה און נוֹבְלוֹת תְּמָרָה"; שיתין האָט רבה בר בר חנה געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז דאָס זיינען אַ סאָרט פֿייגען, רימין זיינען אַרטישאָקען, עוזרדין זיינען מיספּעלען, בנות שוח האָט רבה בר בר חנה געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז דאָס זיינען ווייסע פֿייגען, בנות שקמה האָט רבה בר בר חנה געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז דאָס זיינען סיקאַמאָר-פֿייגען, גופנין זיינען שפּעטיגע טרויבען, נצפה איז די קאַפּער-פֿרוכט, (איבער) נובלות תמרה (זיינען מחולק) ר' אילעא און ר' זירא, איינער זאָגט: די וואָס ווערען פֿאַרברענט פֿון דער היץ, און דער אַנדערער זאָגט: טייטלען וואָס דער ווינד (וואַרפֿט אַראָפּ). מילא לויט דעם וואָס האָט געזאָגט „די וואָס ווערען פֿאַרברענט פֿון דער היץ" איז רעכט וואָס עס ווערט געלערנט „די וואָס מען מעג לייכט נעהמען בנוגע צו דמאי", ווייל אַז דאָס איז אַ ספק 10) איז מען פטור 11) און אַז עס איז א ודאי איז מען מחויב, אָבער לויט דעם וואָס האָט געזאָגט „טייטלען וואָס דער ווינד (וואַרפֿט אַראָפּ)" טאָ פֿאַרוואָס זאָל מען זיין מחויב (אפילו) אַז עס איז אודאי? דאָס איז דאָך הפקר 12)! — עס האַנדעלט זיך דאָ אַז ער 13) האָט פֿון זיי געמאַכט אַ קופּקע; ווארום ר' יצחק האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' אליעזר בן יעקב 14): „לֶקֶט, שִׁכְחָה און פֵּאָה 15) פֿון וועלכע מען 16) האָט געמאַכט אַ קופּקע זיינען בעשטימט פֿאַר מעשר 17)". מאַנכע זאָגען (אַזוי): (מ"א א') מילא לויט דעם וואָס האָט געזאָגט 18) „טייטלען וואָס דער ווינד (וואַרפֿט אַראָפּ)" איז רעכט וואָס עס ווערט דאָ 19) גערופֿען סתם „אַראָפּגעפֿאַלענע פֿרוכט" 20) און דאָרט ווערט עס גערופֿען „(די אַראָפּגעפֿאַלענע פֿרוכט) פֿון אַ טייטעלבוים", אָבער לויט דעם וואָס האָט געזאָגט „די וואָס ווערען פֿאַרברענט פֿון דער היץ" טאָ זאָל ענטוועדער אי דאָ אי דאָרט געלערנט ווערען „די אַראָפּגעפֿאַלענע פֿרוכט פֿון אַ טייטעלבוים" אָדער אי דאָ אי דאָרט סתם „אַראָפּגעפֿאַלענע פֿרוכט"? — בלייבט אַ קשיא!

„אז מען האט פאר זיך מעהרערע מינים אא"וו".

עולא האָט געזאָגט: די מהלוקת 21) איז נאָר אַז זיי האָבען די גלייכע ברכה 22), האַלט ר' יהודה אַז דער פֿאָר-

פירוש.

1) כליה ווערענדיג. 2) אַזאַ מין שוועמלעך. 3) נדרים נ"ה ב'. 4) נאָר פֿון דער פֿייכטקייט פֿון דער לופֿט. 5) ד"ה דאַרונטער איז צו פֿאַרשטעהן.

6) ד"ה „אַן אַרט קללה" באַציהט זיך אויף עסיג און גובאי וואָס ווערען דערמאָהנט צוזאַמען מיט „נובלות" אָבער ניט אויף „נובלות" גופא. 7) ווייל זיי זיינען דאָך ניט ערגער געוואָרען דורכן אַראָפּפֿאַלען. 8) דמאי פ"א מ"א. 9) און אַז מען קויפֿט זיי פֿון אַן עם הארץ איז מען ניט מחויב צו געבען מעשר דערפֿון. דְּמַאי הייסען די פירות וואָס מען קויפֿט פֿון אַן עם הארץ, וואו מען איז ניט זיכער צו מעשר איז דערפֿון שוין געגעבען געוואָרען. ביי מינדערווערטיגע פירות זיינען די עמי הארץ ניט אַזוי חשוד געווען ווי ביי גוטע פירות, און דערפֿאַר האָבען די חכמים אין דיזען פֿאַל מיקל געווען. 10) צו מעשר איז דערפֿון געגעבען געוואָרען. 11) פֿון געבען מעשר. 12) דאַדורך וואָס דער ווינד וואַרפֿט זיי אַראָפּ. 13) דער וואָס האָט זיי צונויפֿגעקליבען. 14) סוטה מ"ג ב'. 15) דאָס וואָס די אָרימעלייט קלייבען צונויף נאָך דעם בעל הבית, דאָס וואָס דער בעל הבית פֿאַרגעסט אויפֿן פֿעלד און עס געהערט צו די אָרימעלייט, די עקען פֿון פֿעלד וואָס דער בעל הבית איז מחויב איבערצולאָזען פֿאַר די אָרימעלייט. 16) דער אָרימאַן. 17) דער חיוב פֿון מעשר דערביי איז מדרבנן, און זיי האָבען בלויז צוליעב דעם מחיב געמאַכט דעם אָרימאַן צו געבען מעשר, ווייל זעהענדיג די קופּקעס וועט יעדערער אָננעהמען אַז דאָס איז אייגענע תבואה. 18) אַז אין דער ציטירטער משנה פֿון דמאי מיינט עס. 19) אין אונזער משנה. 20) און עס מיינט „די וואָס ווערען פֿאַרברענט פֿון דער היץ".

21) אין אונזער משנה. 22) צב"ש אָליווען און עפּעל, ווייל מאַכען-

רב הונא האָט געגעסען דרייצעהן ברויטען 1) פֿון דריי אין אַ קב 2) און האָט ניט געמאַכט קיין ברכה 3). האָט רב נחמן צו איהם געזאָגט: דאָס איז הונגער 4)! אָבער דאָס וואָס אַנדערע מאַכען דערפֿון אַ סעודה 5) דאַרף מען (נאָכדעם) בענשען 6).

רב יהודה איז געווען באַשעפֿטיגט מיט (דער חתונה פֿון) זיין זוהן אין רב יהודה בר חביבא'ס הויז. האָט מען פֿאַר זיי געבראַכט ברויט וואָס קומט מיט די געבראָטענע זאַנגען. אַז ער איז אַריינגעקומען, האָט ער געהערט ווי זיי מאַכען „המוציא". האָט ער זיי געפֿרעגט: וואָס איז דאָס פֿאַר א צ י — צ י וואָס איך הער דאָ? איהר האָט הפנים געמאַכט „ה מ ו צ י א לחם מן הארץ"? האָבען זיי איהם געענטפֿערט: יאָ, ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: ר' מונא האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' יהודה: איבער דאָס ברויט וואָס קומט מיט די געבראָטענע זאַנגען מאַכט מען „המוציא", און שמואל האָט געזאָגט אַז דער דין איז ווי ר' מונא. האָט ער צו זיי געזאָגט: עס איז געזאָגט געוואָרען אַז דער דין איז ניט ווי ר' מונא. רופֿען זיי זיך אָפּ צו איהם: דער רבי אַליין האָט דאָך געזאָגט אין נאָמען פֿון שמואל אַז מיט וואַפֿלען מעג מען מאַכען אַן ערוב און מען מאַכט דעריבער „המוציא"! — דאָרט איז אַנדערש, ווייל מען באַשטימט עס דאָך פֿאַר אַ סעודה 7), אָבער דאָרט וואו מען מאַכט דערפֿון ניט קיין סעודה 8) (מאַכט מען) ניט 9).

רב פפא איז אויסגעקומען צו זיין ביי רב הונא דעם זוהן פֿון רב נתן. נאָכדעם ווי זיי האָבען געענדיגט זייער סעודה האָט מען געבראַכט פֿאַר זיי עפּעס צו עסען. האָט רב פפא גענומען און געגעסען. האָט מען איהם געפֿרעגט: האַלט ניט דער רבי אַז נאָכדעם ווי מען האָט געענדיגט טאָר מען ניט מעהר עסען 10)? האָט ער זיי געענטפֿערט: עס איז געזאָגט געוואָרען אַז (נאָכדעם) עס איז פֿון טיש אַראָפּגענומען געוואָרען 11). — רבה 12) און ר' זירא איז אויסגעקומען צו זיין ביי דעם ריש גלותא 13). נאָכדעם ווי מען האָט פֿאַר זיי אַראָפּגענומען פֿון טיש, האָט מען זיי פֿון דעם ריש גלותא צוגעשיקט (נאָך) אַ פּאָרציע. האָט רבה געגעסען און ר' זירא האָט ניט געגעסען. רופֿט ער זיך אָפּ צו איהם: האַלט ניט דער רבי אַז נאָכדעם ווי מען האָט אַראָפּגענומען פֿון טיש טאָר מען ניט מעהר עסען? האָט ער איהם געענטפֿערט: מיר ריכטען זיך נאָך דעם טיש פֿון דעם ריש גלותא 14).

רב האָט געזאָגט: דער וואָס איז געוועהנט צו אויל 15), פֿאַרהאַלט איהם דאָס אויל 16). רב אשי האָט געזאָגט: בעת מיר זיינען געווען ביי רב כהנא האָט ער צו אונז געזאָגט: צום ביישפּיעל מיר וואָס מיר זיינען געוועהנט צו אויל פֿאַרהאַלט אונז דאָס אויל. — אָבער דער דין איז ניט ווי אַלע דיזע הלכות 17), נאָר ווי דאָס וואָס ר' חייא בר אשי האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: עס זיינען דאָ דריי זאָפֿאָרטען: זאָפֿאָרט נאָך דער סמיכה 18) דאַרף זיין די שחיטה, זאָפֿאָרט נאָך דער גאולה דאַרף זיין די תפלה 19), זאָפֿאָרט נאָך נטילת ידים 20) דאַרף זיין די ברכה 21). אביי האָט געזאָגט: מיר ווילען נאָך צולעגען: זאָפֿאָרט נאָך תלמידי חכמים קומט אַ ברכה 22), ווארום עס שטעהט 23): „און גאָט האָט מיך צוליעב דיר געבענשט". אַז מען וויל קען מען זאָגען פֿון דאַנען 24): „און גאָט האָט צוליעב יוסף געבענשט דאָס הויז פֿון דעם מצרי".

משנה ד'.

האט מען געמאכט א ברכה איבער דעם וויין וואס פארן עסען 25), האט מען (דערמיט) געפטרט 26) דעם וויין וואס נאכן עסען 27); האט מען געמאכט א ברכה איבער די צושפייז 28) וואס פארן עסען, האט מען

פ י ר ו ש.

1) לויט רש"י: פֿון די וואָס מען עסט מיט געבראָטענע זאַנגען (זעה דעם פֿריהערדיגען אָפּשניט); לויט „הלכות גדולות" און אַנדערע: געוועהנליכע ברויטען ○). 2) זעה „פירוש" ז. 63 נומ. 18 און ז. 51 נומ. 15. 3) ברכת המזון. לויט „הלכות גדולות" ווייל ער איז דערמיט נאָך אַלץ ניט זאַט געוואָרען און ער האָט געהאַלטען אַז מען דאַרף נאָר בענשען ווען מען עסט צו זאַט, ווארום עס שטעהט „ואכלת ושבעת וברכת". 4) ד"ה הגם מען עסט דערפֿון וועניג האָט רב הונא דערפֿון אַזוי פֿיעל געגעסען ווייל ער איז געווען שטאַרק הונגעריג. לויט „הלכות גדולות": רב הונא האָט צוליעב דעם ניט געבענשט, ווייל ער איז נאָך אַלץ הונגעריג געווען. 5) ד"ה וואָס די מייסטען מענשען קענען זיך דערמיט אָנעסען. 6) ווייל „ואכלת ושבעת" איז ניט אינדיווידועל געמיינט נאָר עס באַציהט זיך אויף דאָס רוב מענשען.

7) ווארום אַז ניט, וואָלט דאָך דער ערוב קיין ווערט ניט געהאַט. 8) ד"ה וואו מען עסט זיי מיט אַנדערע שפּייזען. 9) „המוציא".

10) סיידען מען בענשט און מאַכט אויפסניי אַ ברכה איבער די צוגעקומענע שפּייז, ווייל די ברכה וואָס מען מאַכט אין אָנהויב פֿון דער סעודה באַציהט זיך נאָר אויף דער סעודה און ניט אויף דאָס וואָס קומט נאָכדעם ווי מען האָט זי געענדיגט. 11) דאָס ברויט און די אַנדערע עסענוואַרג פֿאַרן בענשען אין ניט נאָכדעם ווי מען געענדיגט האָט 12) אָדער רבא 13) זעה „פירוש" ז. 145 נומ. 11. 14) און דער טיש וואו דער ריש גלותא איז געזעסען איז נאָך ניט געווען אַראָפּגערוימט.

15) צו זאַלבען די הענד מיט אויל נאָכן עסען. 16) נאָך ביי דער סעודה, און ער מעג עסען אָהן אַ ברכה אפילו אַז מען האָט שוין אַראָפּגענומען פֿון טיש כל זמן ער האָט נאָך די הענד ניט געזאַלבט. 17) ד"ה ניט אַז מען טאָר ניט עסען נאָכדעם ווי מען האָט געענדיגט אָדער ווען מען האָט אַראָפּגענומען פֿון טיש אָדער ווען מען האָט די הענד געזאַלבט מיט אויל, נאָר דאָס האַנגט אָפּ פֿון די „מים אחרונים". 18) דאָס אַרויפֿלעגען די הענד אויפֿן קרבן. 19) זעה „פירוש" ז. 10 נומ. 27 און 28. 20) וואַשען די הענד מיט „מים אחרונים". 21) בענשען. 22) ד"ה אַז מען נעהמט גוט אויף אַ תלמיד חכם - ווערט באַלד דאָס הויז געבענשט. 23) בראשית ל' כ"ז. לבן האָט עס געזאָגט צו יעקב. 24) דאָרט ל"ט ה'.

25) און 27) עס איז דאַמאָלס געווען די זיטע צו טרינקען וויין און עסען צושפּייזען אין אָנהויב און צום סוף פֿון דער סעודה, פֿאַרן בענשען. 26) פֿון אַ ברכה. 28) פַּרְפֶּרֶת, לויט רש"י: פֿיש, געפֿליגעל א"ז וו.

○) רש"י פערוואָרפט אַפילו דיזע מיינונג, ווייל עס שטעהט פריהער כ' כ', „ויסס החמירו על עצמם עד כזית ועד כביצה", אָבער עס איז שווער אָננונעהמען אַז דאָס זאָל געוועזען זיין „דאָס ברויט וואָס קומט מיט געבראָטענע זאַנגען (פת הבאה בכיסנין)", ווייל לויט רש"י'ס אייגענער ערקלעהרונג איז עס דאָך אַ סאָרט וואַפֿלען און איז קליין, און עס איז אונדענקבאַר אַז דאָס זאָל זיי.

לערנט אין דער משנה 1): „ביי די כלים 2) פֿון בעלי בתים (ב׳) איז דער שעור ווי אַ מילגרוים" 3), אַ לאַנד פֿון אָלי-ווען אויל, האָט ר׳ יוסי דער זוהן פֿון ר׳ חנינא ער-קלעהרט: אַ לאַנד וואָס אַלע איהרע שעורים זיינען ווי אָלי-ווען (כזית), „אַלע איהרע שעורים"! וואָס פֿאַלט דיר איין? עס זיינען דאָך דאָ די וואָס מיר האָבען (נאָר וואָס) דער-מאָהנט! נאָר אַ לאַנד וואָס די מייסטען שעירים איהרע 4) זיינען ווי אָליווען, האָניג 5), ווייל (דער שעור) אום יום כפור איז ווי אַ גרויסע טייטעל 6). און יענער 7)? שטעהען דען דיזע שעורים בפירוש געשריבען? זיי זיינען דאָך נאָר מדרבנן, און דער פּסוק איז ניט מעהר ווי אַן אסמכתא" 8).

רב חסדא און רב המנונא זיינען צוזאַמען ביים טיש געזעסען, און מען האָט פֿאַר זיי געבראַכט טייטלען און מילגרוימען. האָט רב המנונא גענומען און האָט צוערשט געמאַכט אַ ברכה איבער די טייטלען. האָט איהם רב חסדא געפֿרעגט: האַלט דער רבי ניט דערפֿון וואָס ר׳ יוסף, און עס זיינען דאָ וואָס זאָגען אַז ר׳ יצחק, האָט געזאָגט אַז דאָס וואָס שטעהט צוערשט אין פּסוק קומט צוערשט בנוגע צו דער ברכה? האָט ער איהם געענטפֿערט: דאָס איז דאָס צווייטע נאָך „לאַנד" און יענעס איז דאָס פֿינפֿטע נאָך „לאַנד" 9). האָט ער זיך אָבגערופֿען צו איהם: הלואי וואָלטען מיר געהאַט אייזערנע פֿיס כדי מיר זאָלען דיר קענען (תמיד) פֿאָלגען 10)!

עס איז געזאָגט געוואָרען: אַז מען ברענגט אימיצען אין מיטען דער סעודה פֿייגען און וויינטרויבען 11), האָט רב הונא געזאָגט אַז עס פֿאָדערט זיך דערביי אַ ברכה פֿאַרדעם אָבער [עס פֿאָדערט זיך] ניט נאָכדעם 12), און אַזוי האָט רב נחמן געזאָגט אַז עס פֿאָדערט זיך דערביי אַ ברכה פֿאַרדעם אָבער [עס פֿאָדערט זיך] ניט נאָכדעם, רב ששת אָבער האָט געזאָגט אַז עס פֿאָדערט זיך דערביי אַ ברכה סיי פֿאַרדעם סיי נאָכדעם, ווייל עס איז ניטאָ קיין זאַך וואָס עס פֿאָדערט זיך דערביי אַ ברכה פֿאַרדעם און [עס פֿאָדערט זיך דערביי קיין ברכה] ניט נאָכדעם אחוץ דאָס ברויט וואָס קומט מיט די געבראָטענע זאַנגען 13). און דאָס איז געגען ר׳ חייא. ווארום ר׳ חייא האָט געזאָגט אַז ברויט פּטרט אַלע מינים עסענוואַרג און וויין פּטרט אַלע מינים געטרענק 14). רב פּפּא האָט געזאָגט: דער דין איז אַז ביי דאָס וואָס קומט אין מיטען דער סעודה צוליעב דער סעודה 15) פֿאָדערט זיך ניט קיין ברכה פֿאַרדעם און נים נאָכדעם 16), און (ביי דאָס וואָס קומט) אין מיטען דער סעודה ניט צוליעב דער סעודה 17) פֿאָדערט זיך אַ ברכה פֿאַרדעם 18) אָבער [עס פֿאָדערט זיך קיין ברכה] ניט נאָכדעם 19), אָבער נאָך דער סעודה 20) פֿאָדערט זיך דערביי אַ ברכה סיי פֿאַרדעם סיי נאָכדעם 21). מען האָט געפֿרעגט בן זומא: פֿאַרוואָס האָט מען געזאָגט אַז „ביי דאָס וואָס קומט אין מיטען דער סעודה צוליעב דער סעודה פֿאָדערט זיך ניט קיין ברכה פֿאַרדעם און ניט נאָכדעם"? האָט ער [זיי] געענטפֿערט: ווייל דאָס ברויט 22) פּטרט דאָס 23). — אויב אַזוי, טא זאָל דאָס ברויט אויך פּטרן דעם וויין 24)? — ביי וויין איז עפּעס אַנדערש, (מ"ב א׳) ווייל ער איז גורם אַ ברכה פֿאַר זיך 25).

פירוש.

1) כלים פי"ז מ"א אא"ע. 2) פֿון האָלץ. 3) ד"ה אויב די כלי האָט אַן עפֿענונג וואָס איז גרויס ווי אַ מילגרוים קען זי ניט מעהר טמא ווערען אָדער אויב זי איז געוועזען טמא ווערט זי ווידער טהור אַז מען מאַכט אין איהר אַ לאָך וואָס איז אַזוי גרויס. דער שעור ביי כלים פֿון בעלי מלאכות איז קלענער. 4) ווי דאָס עסען פֿון חלב און בלוט און דאָס וואָס בלייבט איבער פֿון קרבנות איבער זייער צייט אא"וו. 5) דאָס מיינט אייגענטליך טייטלען. 6) ד"ה אויב מען עסט אום יום כפור די גרויס פֿון אַ גרויסער טייטעל קומט דערפֿאַר כרת. 7) ד"ה וואָס זאָגט ר׳ יצחק דערצו? 8) זעה „פירוש" ז, 97 נומ, 29.

9) אין דעם ציטירטען פּסוק שטעהט נעמליך צווייטאַל דאָס וואָרט „לאַנד", און מילגרוימען זיינען די פֿינפֿטע נאָך דעם ערשטען „לאַנד" און טייטלען די צווייטע נאָך דעם צווייטען „לאַנד". דערפֿאַר האָט ער געגעבען דעם פֿאָרצוג צו טייטלען. 10) און לערנען פֿון דיר.

11) אַלס אַ נאָכשפּייז און ניט אַלס אַ צובייס צום ברויט, ווייל אַלס אַ צובייס איז עס אַ נעבענזאַך און אַ נעבענזאַך איז פּטור פֿון אַ ברכה פֿאַרדעם און נאָכדעם. 12) ווייל דאָס בענשען איז דאָס מוציא. 13) וועלכע מען פֿלעגט אין יענער צייט עסען נאָכן בענשען (אַזוי לויט רש"י; לויט „תוספות" אָבער אין מיטען דער סעודה), ווייל דאָס איז געזונד פֿאַרן האַרצען. דאָס דאָזיגע ברויט איז געווען געמאַכט ווי וואַפֿלען און מען פֿלעגט אין דעם אַריינטהון ניס און מאַנדלען און פֿאַרשיעדענע געווירצען, און ווייל מען פֿלעגט נאָר וועניג עסען דערפֿון איז ניט נויטיג געווען צו מאַכען נאָכדעם די ברכה אחרונה. 14) פֿון די ברכות פֿאַרדעם און נאָכדעם, ד"ה נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט „המוציא" מעג מען אַלץ עסען אָהן אַ ברכה און נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט „בורא פרי הגפן" (לויט „תוספות" ווען מען טרינקט וויין ניט בשעת דער סעודה, ווייל בשעת דער סעודה פּטרט דאָך „המוציא" אפילו די געטרענק אויך, אחוץ וויין) מעג מען אַלץ טרינקען אָהן אַ ברכה. 15) ד"ה וואָס געהערט צו דער סעודה, לויט „תוספות" צב"ש פֿלייש, פֿיש, געקעכץ (אין דעם פֿאַרמאַער כ"י שטעהט דאָס אויך אויסדריקליך, זעה „הגהות" אין „דקדוקי סופרים"), לויט רש"י דאָס וואָס קומט אַלס אַ צובייס צום ברויט. 16) לויט „תוספות": ווייל אַזוי ווי מען עסט דאָס געוועהנליך מיט ברויט פּטרט דאָס „המוציא" אפילו אַז מען עסט אָהן ברויט; לויט רש"י: ווייל דאָס איז די נעבענזאַך פֿון ברויט און דאָס וואָס איז די הויפּטזאַך איז מוציא די נעבענזאַך. 17) לויט „תוספות": ווייל מען עסט עס געוועהנליך ניט בשעת דער סעודה, ווי מילגרוימען, טייטלען אז"וו; לויט רש"י: ווייל עס קומט ניט אַלס אַ צובייס צום ברויט נאָר אַלס אַ זעטיגענדע שפּייז פֿאַר זיך, ווי גריץ, קרויט אא"וו. 18) ווייל אַזוי ווי עס געהערט ניט צום ברויט פּטרט דאָס „המוציא" ניט. 19) ווייל דאָס בענשען שליסט דאָס אויך איין, דיזע מיינונג שטימט גאַנץ איין מיט דאָס וואָס רב הונא און רב נחמן האָבען פֿריהער געזאָגט. 20) לויט „תוספות": ווען מען עסט עס נאָך דער סעודה; לויט רש"י: ווען מען עסט אין מיטען דער סעודה דאָס וואָס מען עסט געוועהנליך נאָך דער סעודה, צב"ש אויבסט. 21) לויט „תוספות": ווייל זיי האָבען דאָך מעהר קיין שייכות ניט צו דער סעודה; לויט רש"י: ווייל דאָס איז ניט קיין נעבענזאַך צום ברויט אַז „המוציא" זאָל דאָס פּטרן און קיין זעטיגענדע שפּייז אַז דאָס בענשען זאָל דאָס קענען איינשליסען. 22) „המוציא". 23) ד"ה ווייל מען עסט עס צוליעבן ברויט. 24) וואָס מען טרינקט בשעת דער סעודה. 25) ד"ה ער האָט אַ חשיבות, ווייל (לויט רש"י) זעהר אָפֿט מאַכט מען איבער איהם אַ ברכה ניט צוליעבן טרינקען נאָר צוליעב אַן אַנדערע געלעגענהייט, ווי קדוש, הבדלה אא"וו, אָדער (לויט „רשב"א", זעה „תוספות") ווייל דאָס איז אַ געטרענק וואָס האָט אַ ספּעראַטע ברכה.

עס איז ביי זיי געפֿרעגט געוואָרען: זיינען בית שמאי מחולק אויפֿן אָנהויב, אָדער אפשר זיינען זיי מחולק אויפֿן סוף? אַזוי ווי דער ערשטער תנא זאָגט אַז ווען מען האָט געמאַכט אַ ברכה איבער דאָס ברויט האָט מען דערמיט געפטרט די צושפּייז, און אַ פשיטא שוין דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ 1), קומען בית שמאי און זאָגען אַז ניט נאָר פּטרט דאָס ברויט ניט די צושפּייז, נאָר אפילו דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ פּטרט עס אויך ניט; אָדער אפשר זיינען זיי מחולק אויפֿן סוף, און אַזוי ווי עס ווערט געלערנט אַז ווען מען האָט געמאַכט אַ ברכה איבער די צושפּייז האָט מען דערמיט ניט געפטרט דאָס ברויט, (און דאָס מיינט) אַז ברויט פּטרט עס מאַקי ניט, אָבער דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ פּטרט עס יאָ, קומען בית שמאי און זאָגען אַז אפילו דאָס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ טאָפּ פּטרט עס אויך ניט? תיקו 2)!

„האָט מען זיך געזעצט, מאַכט יעדערער אַ"וו".

(הייסט עס) אַז האָט מען זיך אָנגעלעהנט איז יאָ 3), אָבער אַז מען האָט זיך ניט אָנגעלעהנט איז ניט, קען מען דאָך דערויף פֿרעגען פֿון דער ברייתא 4): „אַז צעהן געהן אין וועג, מאַכט יעדערער די ברכה פֿאַר זיך אפילו אַז זיי עסען אַלע פֿון איין לעבעל; האָבען זיי זיך אָבער אַוועקגעזעצט עסען מאַכט איינער די ברכה פֿאַר אַלע אפילו אַז יעדער איינער עסט פֿון זיין לעבעל", אַלזאָ לערנט עס דאָך אַ וועקגעזעצט הגם ניט אָנגעלעהנט! האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט אַז (דאָס מיינט אַז) זיי האָבען צום ביישפּיעל געזאָגט: לאָמיר געהן עסען ברויט אין דעם און דעם אָרט 5). — אַז רב איז נפטר געוואָרען, זיינען זיינע תלמידים נאָכגעגאַנגען 6). אַז זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט, האָבען זיי געזאָגט: לאָמיר געהן עסען ברויט ביי דעם טייך דנק! נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפּגעגעסען זיינען זיי געזעסען, און האָבען זיך געפֿרעגט: האָבען מיר געלערנט אין דער משנה דוקא אַז מען האָט זיך אָנגעלעהנט, אָבער ניט אַז מען איז געזעסען, אָדער ווייבאַלד אַז מען האָט געזאָגט „לאָמיר געהן עסען ברויט אין דעם און דעם אָרט" איז דאָס אפשר גלייך ווי ווען מען וואָלט זיך אָנגעלעהנט? האָבען זיי ניט געוואוסט. איז רב אדא בר אהבה אויפֿגעשטאַנען (מ"ג א') און האָט אומגעדרעהט די קריעה 7) אויף הינטען און האָט געריסען אַן אַנדער קריעה און געזאָגט: רב איז נפטר געוואָרען און מיר האָבען זיך ניט אויסגעלערנט 8) ברכת המזון! דערווייל איז אָנגעקומען אַן אַלטער מאַן 9) און האָט זיי געפֿרעגט פֿון אונזער משנה אויף די ברייתא 10) און האָט זיי געלערנט אַז ווייבאַלד מען האָט געזאָגט „לאָמיר געהן עסען ברויט אין דעם און דעם אָרט" איז דאָס גלייך ווי ווען מען וואָלט זיך אָנגעלעהנט.

„האָט מען זיך אָנגעלעהנט, מאַכט איינער די ברכה".

האָט רב געזאָגט: דאָס איז נאָר געזאָגט ביי ברויט, ווייל דערביי פֿאָדערט זיך אָנלעהנען זיך, אָבער ביי וויין פֿאָדערט זיך ניט קיין אָנלעהנען זיך; ר' יוחנן אָבער האָט געזאָגט אַז אפילו ביי וויין פֿאָדערט זיך אויך אָנלעהנען זיך. מאַנכע זאָגען אַז רב האָט געזאָגט: דאָס איז נאָר געזאָגט ביי ברויט, ווייל דאָס אָנלעהנען זיך טהוט איהם גוט, אָבער ביי וויין העלפֿט דאָס אָנלעהנען זיך ניט; ר' יוחנן אָבער האָט געזאָגט אַז אפילו ביי וויין טהוט אויך דאָס אָנלעהנען זיך גוט. האָט מען דערויף געפֿרעגט 11): „ווי איז דער סדר פֿון אָנלעהנען זיך 12)? די געסט קומען אַריין און זעצען זיך אויף בענק און שטוהלען ביז אַלע קומען אַריין. (נאָכהער) ברענגט מען זיי וואַסער און יעדערער וואַשט איין האַנד 13). (נאָכהער) ברענגט מען אַריין וויין און יעדערער מאַכט די ברכה פֿאַר זיך. (נאָכהער) געהען זיי אַרויף 14) און לעהנען זיך אָן און מען ברענגט זיי וואַסער. הגם יעדערער האָט שוין איין האַנד געוואַשען, וואַשט ער איצט ביידע הענד 15). (נאָכהער) ברענגט מען אַריין וויין, און הגם יעדערער האָט שוין געמאַכט די ברכה פֿאַר זיך, מאַכט איצט איינער די ברכה פֿאַר אַלע" 16). איז נאָך דעם נוסח אַז רב האָט געזאָגט: „דאָס איז נאָר געזאָגט ביי ברויט, ווייל דערביי פֿאָדערט זיך אָנלעהנען זיך, אָבער ביי וויין פֿאָדערט זיך ניט קיין אָנלעהנען זיך" איז אַ קשיא פֿון אָנפֿאַנג 17)! — ביי געסט איז אַנדערש, ווייל זיי האָבען בדעה אַוועקצוגעהן 18). — און נאָך דעם נוסח אַז רב האָט געזאָגט: „דאָס איז נאָר געזאָגט ביי ברויט, ווייל דאָס אָנלעהנען זיך טהוט

פירוש.

1) וואָס זעטיגט און געהערט דערפֿאַר ריכטיג צו דער סעודה. 2) זעה „פירוש" ז. 27 נומ. 5.

3) מאַכט איינער די ברכה פֿאַר אַלע. 4) תוספתא פ"ה. 5) איז גענוג זיך אַוועקזעצען, ווייל דער אָרט פֿון דער מאָלצייט איז שוין באַשטימט, אָבער גלאַט אַוועקזעצען זיך איז ניט גענוג אַז איינער זאָל מעגען מאַכען די ברכה פֿאַר אַלע. 6) איהם מקבר זיין אין אַן אַנדער שטאָדט. 7) וואָס ער האָט געריסען נאָך זיין רבי, ווי אַ תלמוד דאַרף טהון. 8) די דינים וועגען. 9) זעה „פירוש" ז. 14 נומ. 24. 10) פֿון תוספתא פ"ה וואָס איז פֿריהער ציטירט געוואָרען.

11) פֿון תוספתא פ"ד. 12) דאָרט שטעהט ריכטיגער סעודה. 13) צו האַלטען דעם כוס פֿון וועלכען מען טרינקט פֿאַרן עסען. 14) אויף די דיוואַנעס אָדער בעטען אויף וועלכע מען פֿלעגט דאַמאָלס זיצען בעת עסען. 15) ווייל ביים עסען באַדיענט מען זיך דאָך מיט ביידע הענד. 16) ווייל ניט האָבענדיג געטרונקען דעם ערשטען כוס אויף דעם אָרט פֿון דער סעודה ווערט ער ניט באַטראַכטעט אַלס „דער וויין וואָס פֿאַר דעם עסען" און די ברכה וואָס מען האָט איבער איהם געמאַכט פּטרט ניט דעם צווייטען כוס וועלכער איז דער אייגענטליכער „וויין וואָס פֿאַר דעם עסען". 17) פֿון דער ציטירטער ברייתא, וואו עס שטעהט אַז יעדערער מאַכט די ברכה פֿאַר זיך. ווייבאַלד אַז ביי וויין פֿאָדערט זיך איבערהויפּט ניט קיין אָנלעהנען זיך, טאָ פֿאַרוואָס זאָל ניט איינער מאַכען די ברכה פֿאַר אַלע? 18) פֿון דעם אָרט וואו זיי האָבען דעם וויין געטרונקען, זיי טריגקען דעם וויין נאָר וואַרטענדיג אויף די אַנדערע געסט. אונטער געסט ווערען דאָ פֿאַרשטאַנען די אָרימעלייט וועלכע עס איז דאַמאָלס געווען זיטע ביי די רייכע איינצולאַדען צו סעודות. דאָס וואָס

(דערמיט) געפּטרט די צושפּייז וואס נאכן עסען; האט מען געמאכט א ברכה איבער דאס ברויט, האט מען (דערמיט) געפּטרט די צושפּייז. איבער די צושפּייז, האט מען ניט געפּטרט דאס ברויט; בית שמאי זאגען אז1) אפילו ניט דאס וואס מען מאכט אין א טאפּ. האט מען זיך געזעצט2), מאכט יעדערער די ברכה פאר זיך, האט מען זיך אנגעלעהנט3), מאכט איינער די ברכה פאר אלע4). (ב') ברענגט מען אריין וויין אין מיטען עסען, מאכט יעדערער די ברכה פאר זיך, נאכן עסען, מאכט איינער די ברכה פאר אלע, און ער זאגט אויך5) איבערן ווייהרויך6), הגם מען ברענגט דעם ווייהרויך אריין ערשט נאך דער סעודה7).

גמרא.

רבה בר בר חנה האט געזאָגט אז ר' יוחנן האט געזאָגט: דאָס8) איז נאָר גערעדט אום שבתים און ימים טובים, ווייל מענשען באַשטימען דאַן וויין פאַר זייער מאָלצייט9), אָבער אַ גאַנץ יאָהר מאַכט מען אַ ברכה איבער יעדען כוס10). עס איז אויך געזאָגט געוואָרען אז רבה בר מרי האט געזאָגט אז ר' יהושע בן לוי האט געזאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט געוואָרען אום שבתים און ימים טובים און נאָכדעם ווי מען קומט אַרויס פון מרחץ און מען לאָזט זיך אָן אָדער, ווייל מענשען באַשטימען דאַן וויין פאַר זייער מאָלצייט, אָבער אַ גאַנץ יאָהר מאַכט מען אַ ברכה איבער יעדען כוס. רבה בר מרי איז אויסגעקומען צו זיין ביי רבא'ן אום דער וואָכען און ער האט געזעהן ווי ער האט געמאַכט אַ ברכה11) פאַרן עסען און נאָכהער האט ער ווידער געמאַכט נאָכן עסען, האט ער12) צו איהם געזאָגט: ריכטיג, און אַזוי האט ר' יהושע בן לוי געהייסען. רב יצחק בר יוסף איז אויסגעקומען צו זיין ביי אביי'ן אום יום טוב און ער האט געזעהן אַז ער האט געמאַכט אַ ברכה איבער יעדען כוס, האט ער איהם געפרעגט: האַלט דער רבי ניט פון דאָס וואס ר' יהושע בן לוי (האט געזאָגט)? האט ער איהם געענטפערט: איך האָב זיך נאָר וואָס מיישב געווען13).

עס איז ביי זיי געפרעגט געוואָרען: ווי איז אַז מען ברענגט אַריין וויין אין מיטען עסען14)? פּטרט עס דעם וויין וואָס נאָכן עסען? זאָלען מיר זאָגען אז15) „האָט מען געמאַכט אַ ברכה איבער דעם וויין וואָס פאַרן עסען האָט מען (דערמיט) געפּטרט דעם וויין וואָס נאָכן עסען" איז דערפאַר ווייל דאָס16) איז צו טרינקען און יענעס17) איז צו טרינקען, אָבער דאָ וואו דאָס18) איז אַראָפּצושווענקען19) און יענעס20) איז צו טרינקען (פּטרט עס ניט), אָדער אפשר איז קיין אונטערשיעד ניט? רב האט געזאָגט אז עס פּטרט, אָבער רב כהנא האט געזאָגט אז עס פּטרט ניט; רב נחמן האט געזאָגט אז עס פּטרט, אָבער רב ששת האט געזאָגט אז עס פּטרט ניט; רב הונא און רב יהודה און אַלע תלמידים פון רב זאָגען אַז עס פּטרט ניט. רבא האט רב נחמן'ן געפרעגט21): „ברענגט מען אַריין וויין אין מיטען, עסען מאַכט יעדערער די ברכה פאַר זיך, נאָכן עסען, מאַכט איינער די ברכה פאַר אַלע22)"! האָט ער איהם געענטפערט: דאָס מיינט אַזוי: אויב מען האָט ניט אַריינגעבראַכט קיין וויין אין מיטען עסען נאָר נאָכן עסען, מאַכט איינער די ברכה פאַר אַלע.

„האָט מען געמאַכט אַ ברכה איבער דאָס ברויט, האָט מען (דערמיט) געפּטרט די צושפּייז, איבער די צושפּייז, האָט מען ניט געפּטרט דאָס ברויט; בית שמאי זאָגען אַז אפילו ניט דאָס וואָס מען מאַכט אין אַ טאָפּ".

פירוש.

לויט „תוספות" איינגעוויקטע ברויט. 1) די ברכה וואָס מען האָט געמאַכט איבער די צושפייז פּטרט. 2) עסען ניט אָנגעלעהנטערהייד. 3) די דאַמאָליגע זיטע איז געווען צו עסען אָנגעלעהנט אויף דער לינקער זייט (ווי מיר זיצען פסח ביי די סדרים). 4) ווייל דאָס אָנלעהנען זיך באַשטימט די קביעות פון אַ סעודה. 5) די ברכה „בּוֹרֵא עֲצֵי בְשָׂמִים (וואָס האָט בעשאַפען שמעקעדיגע האָלצען)". 6) מֻגְמָר. די דאַמאָליגע זיטע איז געווען אַריינצוברענגען נאָכן עסען אַ פייער טאָפּ מיט ברענענדע קוילען אויף וועלכע מען פלעגט רויכערן פאַרשידענע בשמים. 7) ד"ה נאָכן בענטשען, אריינא פיעל שפעטער פון ווייהרויך, ווייל דער וואָס הייבט אָן די לעצטע ברכות ענדיגט זיי.

8) וואָס שטעהט אין אונזער משנה אַז די ברכה איבער דעם וויין וואָס פאַרן עסען פּטרט דעם וויין וואָס נאָכן עסען. 9) ד"ה ווייל האָבעג-דיג צייט זיצען מענשען לענגער ביים טיש און טרינקען וויין נאָכן עסען, און אַז זיי מאַכען דערפאַר די ברכה איבערן וויין וואָס פאַרן עסען האָבען זיי בכונה אויך דעם וויין וואָס זיי וועלען טרינקען נאָכן עסען. 10) ווייל דאַמאָלס איז מען ניט מאריך אין דער סעודה, קומט עס אויס ווי מען וואָלט זיך ביי יעדען כוס מיישב געווען צו מען זאָל איהם טרינקען און מאַכענדיג די ברכה איבערן ערשטען כוס האָט מען אַלזאָ ניט געהאַט בכונה אַז זי זאָל פּטרן די ווייטערדיגע כוסות. 11) איבער וויין. 12) רבה בר מרי, לויט „דבּרי הנגאל" (זעה „הגהות" אין „דקדוקי סופרים") רבא, און רבה בר מרי איז געווען דער וואָס האָט די ברכה געמאַכט. 13) צו טרינקען וויין ביים עסען, אָבער געוועהנליך טרינק איך ניט. 14) און פאַר דער מאָלצייט האָט מען קיין וויין געטרונקען. 15) דאָס וואָס שטעהט אין אונזער משנה. 16) דער וויין וואָס פאַרן עסען. 17) און 20) דער וויין וואָס נאָכן עסען. 18) דער וויין אין מיטען עסען. 19) דאָס עסען, אין מיטען עסען פלעגט מען דאַמאָלס זעהר ווענִיג טרינקען. 21) פון אונזער משנה. 22) אם כן זעהן מיר דאָך אַז הגם יעדער איינער האָט שוין געמאַכט אַ ברכה איבער דעם וויין אין מיטען עסען, פונדעסטוועגען מוז מען מאַכען אַ פרישע ברכה איבער דעם וויין וואָס קומט נאָכן עסען, באַ פאַר וואָס זאָגט רב נחמן אַז עס פּטרט. רבא פאַסט אויף אַז אין דער משנה האַנדעלט זיך וועגען צוויי וויינען, דער וויין וואָס אין מיטען עסען און דער וויין וואָס נאָכן עסען.

אזוי גרויס ווי א דריטעל פון א קב, וואס איז מעהר ווי א האלב ליטער. אויך זייענדיג, לויט זיין ערקלערונג, א זעהר רייך געבעקס און ענטהאלטענדיג כים און מאנדלען איז דאס אונדענקבאר אז רב הונא זאל קענען האבען געגעסען אזוי פיעל, ווי הונגעריג ער זאל ניט געוועזען זיין. „כל"ח" און „פני יהושע" ערקלערען אז „הלכות גדולות" מיינט ניט אז רב הונא האט ניט געבענטשט נאר האט ניט געוואלט בענטשען און מוציא זיין אנדערע, ווייל זיי האבען זיך זאט געגעסען און ער ניט. רש"י ברענגט דיזע מיינונג פון „הלכות גדולות" ווייטער מ"ח א'. ד"ה „עד שיאכל".

באשאפען שעהנע באשעפענישען און שעהנע בוימער כדי מענשען זאלען פון זיי הנאה האבען".

רב זוטרא בר טוביה האט געזאגט אז רב האט געזאגט: פון וואנען איז גענומען אז מען מאכט א ברכה איבער א ריח? ווייל עס שטעהט 1): „יעדע נשמה וועט לויבען גאט, הללויה"; וואס איז אזוינס וואס די נשמה האט הנאה דערפון, אבער דער גוף האט ניט קיין הנאה דערפון? מוז מען זאגען דער ריח. — ווייטער האט רב זוטרא בר טוביה געזאגט: די אידישע יונגע לייט וועלען אמאל ארויסגעבען א געשמאקען ריח ווי דער לבנון, ווארום עס שטעהט 2): „זיינע יונגע צווייגעלעך וועלען זיך אויסברייטען און זיין שעהנקייט וועט זיין ווי אן אליווען בוים און א ריח וועט ער האבען ווי דער לבנון".—ווייטער האט רב זוטרא בר טוביה געזאגט אז רב האט געזאגט: דאס וואס שטעהט 3): „אלין האט ער שעהן געמאכט פאר זיין צייט" לערנט אז דער קב"ה האט יעדען איינעם זיין מלאכה שעהן געמאכט אין זיינע אויגען. האט רב פפא געזאגט: דאס איז וואס די וועלט זאגט: הענג אן א דבר אחר א פאלם שפיץ און ער וועט טהון זיינס!— ווייטער האט רב זוטרא בר טוביה געזאגט אז רב האט געזאגט: א פאקעל איז ווי צוויי און די לבנה איז ווי דריי 4). איז ביי זיי געפרעגט געווארען: מיינט עס אז א פאקעל איז ווי צוויי מיט איהם, אדער אפשר אז א פאקעל איז ווי צוויי אחוץ איהם? קום און הער: „און די לבנה איז ווי דריי", הייגט מילא אז דו וועסט זאגען אז מיט איהם איז רעכט, אבער אויב דו וועסט זאגען אז אחוץ איהם, טא צו וואס דארפען מיר פיער? דער רבי האט דאך געזאגט: צו איינעם קען ערס5) זיך באווייזען און איהם מזיק זיין, צו צוויי קען ער זיך באווייזען אבער ניט מזיק זיין זיי, צו דריי באווייזט ער זיך אפילו ניט! נאר מסתמא איז דערפון געדרונגען אז א פאקעל איז ווי צוויי מיט איהם. אזוי איז טאקע דערפון געדרונגען!—ווייטער האט רב זוטרא בר טוביה געזאגט אז רב האט געזאגט, און עס זיינען דא וואס זאגען אז רב חנא בר ביזנא האט געזאגט אז ר' שמעון דער חסיד האט געזאגט, און ווידער זיינען דא וואס זאגען אז ר' יוחנן האט געזאגט אין נאמען פון ר' שמעון בן יוחאי: ליעבער זאל זיך א מענש אריינווארפען אין א ברענענדען קאלך אויווען איידער ער זאל אימיצען עפענטליך פארשעמען. פון וואנען נעהמען מיר דאס? פון תמר, ווארום עס שטעהט 6): „זי איז געווארען ארויסגעפיהרט או"ו".

די רבנן האבען געלערנט: אז מען האט געבראכט פאר איהם 7) אויל 8) און א הדס 9), זאגען בית שמאי אז ער מאכט (צוערשט) א ברכה איבער דאס אויל און נאכהער מאכט ער א ברכה איבער דעם הדס, און בית הלל זאגען אז ער מאכט (צוערשט) א ברכה איבער דעם הדס און נאכהער מאכט ער א ברכה איבער דאס אויל. האט רבן גמליאל געזאגט: איך וועל ענטשיידען 10); פון אויל געווינען מיר דעם ריח און מיר געווינען דאס זאלבען, אבער פון א הדס געווינען מיר דעם ריח אבער מיר געווינען ניט דאס זאלבען 11). האט ר' יוחנן געזאגט: דער דין איז ווי דאס וואס דער ענטשיידער האט געזאגט. רב פפא איז אויסגעקומען צו זיין ביי רב הונא דעם זוהן פון רב איקא. האט מען פאר זיי געבראכט אויל און א הדס; האט רב פפא גענומען און צוערשט געמאכט א ברכה איבער דעם הדס און נאכהער האט ער געמאכט א ברכה איבער דאס אויל. האט ער איהם געפרעגט: האלט ניט דער רבי אז דער דין איז ווי דאס וואס דער ענטשיידער האט געזאגט? האט ער איהם געענטפערט: אזוי האט רבא געזאגט: דער דין איז ווי בית הלל. אבער דאס איז ניט אזוי 12). ער האט דאס נאר געטהון כדי זיך אויסצודרעהען 13).

די רבנן האבען געלערנט 14): „אז מען האט געבראכט פאר זיי אויל און ווין 15), זאגען בית שמאי אז מען האלט דאס אויל אין דער רעכטער האנד 16) און דעם ווין אין דער לינקער האנד און מען מאכט א ברכה 17) איבער דאס אויל און נאכהער מאכט מען א ברכה איבער דעם ווין 18), און בית הלל זאגען אז מען האלט דעם ווין אין דער רעכטער האנד און דאס אויל אין דער לינקער האנד און מען מאכט א ברכה איבער דעם ווין און נאכהער מאכט מען א ברכה איבער דאס אויל און מען ווישט אפ 19) אויפן קאפ פון דעם סארווער, און אויב דער סארווער איז א תלמיד חכם ווישט מען אפ אין דער וואנד, ווייל עס איז א שאנדע פאר א תלמיד חכם ארויסצוגעהן אין גאס פארפומירטערהייד"

פירוש.

1) תהלים ק"נ ו'. 2) הושע י"ד ז'. 3) קהלת ג' י"א. 4) מענשען, בנוגע צו דער מורא פאר שדים ביי נאכט. 5) א שד. 6) בראשית ל"ח כ"ה. תמר האט ניט געוואלט אויסזאגען פון וועמען זי איז מעוברת געווארען, הגם מען האט זי שוין געהאט ארויסגעפיהרט צו פארברענען, ווייל מען האט זי געהאלטען פאר א זונה.

7) ביים סוף פון דער סעודה. 8) צו שמעקען און רייניגען די הענד פון די עסענווארג ס). 9) צו שמעקען. 10) צו גונסטען פון בית שמאי 11) דערפאר האט אויל א פארצוג פאר הדס. 12) ד"ה רבא האט עס גארניט געזאגט. 13) ד"ה רב פפא האט באמת א טעות געהאט, נאר אזוי ווי עס האט איהם ניט געפאסט האט ער געזאגט אז רבא האט אזוי געזאגט.—אין „אלפס" פעהלט דיזער מאמר, און ער פסקנט ווי בית הלל, אזוי ווי רבא האט געזאגט.

14) תוספתא פ"ה. 15) וואס מען טרינקט נאכן עסען, אבער ניט דער ווין וואס מען באנוצט פאר א כוס של ברכה. 16) ווייל מען מאכט צוערשט די ברכה איבער דאס אויל. 17) ברוך אא"ו בורא שמן ערב. 18) עס האנדעלט זיך דא אום דער וואכען, ווען מען טרינקט געוועהנליך ניט קיין ווין ביים עסען און דערפאר איז דיזער ווין ניט פטור פון א ברכה דורך דעם ווין וואס מען האט געטרונקען פארן עסען. 19) די הענד.

ס) לויט רש"י בלויז רייניגען די הענד. לויט „תוספות" אבער איז דאס אויל אויך צו שמעקען און עס האנדעלט זיך דא מכח א פארפומירטען אויל, ווייל אויל וואס ווערט נאר געברויכט צו רייניגען פאדערט קיין ברכה ניט (זעה ווייטער נ"ג א'). „אלפס" איז הפנים געווען מיט דער ערשטער מיינונג—און איז דערפאר גורס „ופוטר את ההדס" אנשטאט „ואח"כ מברך על ההדס". דיזעלבע גירסא האט אויך דער רמב"ם און דער מינכענער כ"י (זעה אבער אויך „רא"ש" און „מעיו"ט" און „טור" סי' רט"ז און „בית יוסף"). מיר האבען אין אונזער ערקלערונג איינגעשלאסען ביידע צוועקען, ווייל פון די רייד פון רבן גמליאל זעהט עס אויס אז דאס אויל האט באמת געהאט דיזען דאפעלטען צוועק.

איהם גוט, אָבער ביי ווײַן העלפֿט דאָס אָנלעהנען זיך ניט" איז אַ קשיא פֿון סוף 1)! — דאָרט איז אַנדערש, ווייל אַזוי ווי דאָס אָנלעהנען זיך טהוט גוט דעם ברויט, טהוט דאָס אָנלעהנען זיך שוין גוט אויך דעם ווײַן.

„ברענגט מען אַריין ווײַן אין מיטען דעם עסען".

מען האָט בן זומא געפֿרעגט: פֿאַרוואָס האָבען זיי געזאָגט: „ברענגט מען אַריין ווײַן אין מיטען דעם עסען, מאַכט יעדערער די ברכה פֿאַר זיך, נאָך דעם עסען, מאַכט איינער די ברכה פֿאַר אַלע"? האָט ער געענטפֿערט: ווייל דער שלונד איז ניט פֿריי 2).

„און ער זאָגט אויך איבערן ווייהרויך אא"וו".

אַז עס ווערט געלערנט „און ער זאָגט אויך איבערן ווייהרויך" איז דאָך דערפֿון געדרונגען אַז אפילו ווען עס איז דאָ אימיצער וואָס איז חשובער פֿאַר איהם, אָבער פֿאַרוואָס (זאָל דאָס אַזוי זיין)? — ווייל ער האָט צוערשט געוואַשען די הענד מיט די לעצטע 3). און דאָס איז אַ שטיצע פֿאַר רב, וואָרום רב חייא בר אשי האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: דער וואָס וואַשט צוערשט די הענד מיט די לעצטע איז באַשטימט פֿאַרן בענשען. — רב און ר' חייא זיינען געזעסען ביים טיש פֿאַר רבי. האָט רבי געזאָגט צו רב: שטעה אויף און וואַש די הענד! האָט ער 4) באַמערקט אַז ער 5) האָט געציטערט 6). האָט איהם ר' חייא געזאָגט: יחסן 7), ער האָט דיר דערמיט אָנגעדייטעט אַז דו זאָלסט אַ קלעהר טהון וועגען בענשען 8)!

ר' זירא האָט געזאָגט אַז רבא בר ירמיה האָט געזאָגט: פֿון ווען אָן מאַכט מען די ברכה איבער דעם ריח 9)? אַז עס הויבט אָן אַרויפגעהן זיין (רויך) זייל. האָט זיך ר' זירא אָנגערופֿען צו רבא בר ירמיה: מען האָט דאָך אָבער נאָך ניט געשמעקט? האָט ער איהם געענטפֿערט: טאָ ווי מאַכט מען, לויט דיין מיינונג, „המוציא לחם מן הארץ"? מען האָט דאָך נאָך ניט געגעסען! נאָר דאָס איז דאָך ווייל מען האָט ברעה צו עסען, אַזוי האָט מען דא אויך בדעה צו שמעקען. — ר' חייא דער זוהן פֿון אבא בר נחמני האָט געזאָגט אַז רב חסדא האָט געזאָגט אַז זעירי האָט געזאָגט: איבער אַלע ווייהרויכען מאַכט מען די ברכה „בורא עצי בשמים" אחוץ מאָשוס וואָס שטאַמט פֿון אַ חיה און מען מאַכט דעריבער „בורא מיני בשמים". האָט מען דערויף געפֿרעגט 10): מען מאַכט „בורא עצי בשמים" נאָר איבערן באַלזאַם (וואָס וואַקסט ביי רבי און איבער דעם באַלזאַם (וואָס וואַקסט) ביי דעם קייזער און איבער הדסים פֿון אומעטום! עס איז אָן אָפּפֿראַגע! — רב חסדא האָט רב יצחק'ן געפֿרעגט: וואָס פֿאַר אַ ברכה מאַכט מען איבער באַלזאַם אויל? האָט ער איהם געענטפֿערט: אַזוי האָט רב יהודה געזאָגט: „בּוֹרֵא שֶׁמֶן אַרְצֵנוּ (וואָס האָט בעשאַפֿען דאָס אויל פֿון אונזער לאַנד)" 11). רופֿט ער זיך אָפּ: אָבער ווי איז פֿאַר אַלעמען, אחוץ רב יהודה וועמען ארץ ישראל איז באַזונדערם באַליעבט? האָט ער איהם געענטפֿערט: אַזוי האָט ר' יוחנן געזאָגט „בורא שמן עָרֵב (וואָס האָט בעשאַפֿען פֿיין שמעקענדען אויל)". — רב אדא בר אהבה האָט געזאָגט: איבער קאָסטוס 12) מאַכט מען „בורא עצי בשמים", אָבער ניט איבער דאָס אויל אין וועלכען עס איז איינגעלעגט געוואָרען, און רב כהנא האָט געזאָגט אַז אפילו איבער דאָס אויל אין וועלכען עס איז איינגעלעגט געוואָרען, אָבער ניט איבער דאָס אויל אין וועלכען עס איז צעררִיבען געוואָרען; די נהרדעאער 13) האָבען געזאָגט אַז אפילו איבער דאָס אויל אין וועלכען עס איז צעררִיבען געוואָרען.

(ב') רב גידל האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: איבער יאַסמין מאַכט מען „בורא עצי בשמים". רב חננאל האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: איבער ראָזמאַרין מאַכט מען „בורא עצי בשמים". האָט מר זוטרא געזאָגט: פֿון וועלכען פסוק 14)? „און זי האָט זיי אַרויפֿגעבראַכט אויפֿן דאַך און האָט זיי פֿאַרבעהאַלטען אין די ה אָ ל ץ פֿון פֿלאַקס" 15). רב משרשיא האָט געזאָגט: איבער די נאַרציסען פֿון גאָרטען מאַכט מען „בורא ע צ י בשמים", פֿון פֿעלד „בורא ע ש ב י בשמים". רב ששת האָט געזאָגט: איבער פֿיאַלקעס מאַכט מען „בורא עשבי בשמים". מר זוטרא האָט געזאָגט: ווער עס גיט אַ שמעק אַן אתרוג אָדער אַ קוויטע זאָגט „ברוך שֶׁנָּתַן רֵיחַ טוֹב בַּפֵּירוֹת (געלויבט איז אא"וו וואָס האָט אַריינגעגעבען אַ גוטען ריח אין פֿרוכט)". רב יהודה האָט געזאָגט: דער וואָס קומט אַרויס אין ניסן צייט און זעהט ווי די ביימער בליהען זאָגט: „געלויבט זאָל זיין דער וואָס האָט קיין זאַך ניט פֿערפֿעהלט אין זיין וועלט און האָט דאָרט

פירוש.

רב זאָגט אַז ביי ווײַן מאַכט איינער די ברכה פֿאַר אַלע אָהן אָנלעהנען זיך באַציהט זיך נאָר אויף דעם ווײַן וואָס מען טרינקט ניט בעת דער סעודה אָדער בעת דער סעודה און אויף דעם אָרט פֿון דער סעודה. דאָ ווערט אָבער דער ווײַן געטרונקען בעת דער סעודה אָבער ניט אויף דעם אָרט פֿון דער סעודה. 1) פֿון דער ברייתא, וואו עס שטעהט אַז הגם יעדערער האָט שוין געמאַכט די ברכה פֿאַר זיך מאַכט איינער די ברכה פֿאַר אַלע, פֿאַר וואָס זאָל זיין ברכה גענוג זיין פֿאַר אַלע?

2) ד"ה ווייל יעדערער האָט זיינע געדאַנקען אויף דאָס עסען און ניט אויף דעם וואָס מאַכט די ברכה, אָדער ווייל מען קען זיך דערוואַרגען ענטפֿערנדיג א מ ן אין מיטען שלינגען.

3) מים אחרונים 4) ר' חייא. 5) רב. 6) ער האָט מורא געהאַט טאָמער האָט איהם רבי געהייסען וואַשען די הענד, ווייל זיי זיינען ניט געווען ריין. 7) זעה „פירוש" ז. 50 נומ. 6. 8) ד"ה ער האָט דיך מכבד געווען מיט בענשען, דערפֿאַר האָט ער דיר געהייסען צוערשט וואַשען די הענד.

9) פֿון דעם ווייהרויך. 10) פֿון דער פֿאָלגענדער ברייתא. 11) ווייל דער באַלזאַם וואַקסט אַסך אַרום יריחו. 12) אַזאַ וואָרצעל פֿון וועלכער מען פֿלעגט מאַכען פֿאַרפֿום. 13) רב חמא (זעה סנהדרין י"ז ב'). —

14) איז גענומען אַז עֵץ מיינט ניט דוקא ה אָ ל ץ אָדער אַ ב ו י ם אין שטרענגען זין פֿון וואָרט און דערפֿאַר קען מען מאַכען די ברכה „בּוֹרֵא ע צ י בשמים" איבער די נאָר וואָס דערמאָהנטע פֿלאַנצען. 15) יהושע ב' ו'. מיר זעהען אַלזאָ פֿון דאָרט אַז אפילו די שטענגלעך פֿון פֿלאַקס הייסען אויך האָלץ.

עסען ביז אַ פליג פלעגט זיך אַראָפּקייקלען פון זיין שטערן 1), און ר' אמי און ר' אסי האָבען געגעסען ביז זייער האָר איז אויסגעפאַלען; ר' שמעון בן לקיש האָט געגעסען ביז ער פלעגט זיך צומישעווען 2), און ר' יוחנן האָט דאָס געמעלדעט ביים נשיא, פלעגט ר' יהודה הנשיא נאָך איהם שיקען פאָליציי וועלכע האָבען איהם געבראַכט אַהיים. — אַז רב דימי איז געקומען האָט ער דערצעהלט אַז ינאי המלך 3) האָט געהאַט אַ שטאָדט אין די קעניגליכע בערג 4) וואָס מען פלעגט פון איהר אַרויספיהרען פון ערב שבת צו ערב שבת זעקס הונדערט טויזענד בעקען איינגעזאַלצענע פיש (כלויז) פאַר די פיינען שניידערס 5). — אַז רבין איז געקומען האָט ער דערצעהלט אַז ינאי המלך האָט געהאַט אַ בוים אין די קעניגליכע בערג פון וועלכען מען פלעגט יעדען חודש אַראָפּנעהמען פון דריי אויסבריהונגען צו פערציג סאה יונגע טויבען. אַז ר' יצחק איז געקומען האָט ער דערצעהלט אַז עס איז געווען אַ שטאָדט אין ארץ ישראל וואָס האָט געהייסען גופנית, אין וועלכער עס זיינען געווען אַכציג פאָר ברידער כהנים פאַרהייראַט מיט אַכציג פאָר שוועסטער טעכטער פון כהנים. האָבען די רבנן געזוכט פון סורא ביז נהרדעא 6) און האָבען ניט געפונען 7) אַחוץ די טעכטער פון רב חסדא וועלכע זיינען געווען פאַרהייראַט מיט רמי בר חמא און מר עוקבא בר חמא, אָבער הגם יענע זיינען געווען כהנות זיינען זיי אָבער ניט געווען קיין כהנים.

רב האָט געזאָגט: אַ סעודה וואָס קיין זאַלץ איז ניטאָ דערביי איז קיין סעודה ניט. ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַ סעודה וואָס קיין זופּ איז ניטאָ דערביי איז קיין סעודה ניט.

משנה ו'.

האָט מען געגעסען וויינטרויבען אדער פייגען אדער מילגרוימען מאַכט מען נאָכהער די דריי ברכות. דאָס זיינען די רייד פון רבן גמליאל 8); די חכמים אבער זאָגען: די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פון די דריי. ר' עקיבא זאָגט: אפילו אַז איינער עסט געקאָכטע גרינס, און דאָס איז זיין שפּייז, מאַכט ער די דריי ברכות. דער וואָס טרינקט וואַסער צוליב דורשט מאַכט די ברכה „שהכל נהיה בדברו", ר' טרפון אבער זאָגט: „בורא נפשות רבות וחסרונן".

גמרא.

וואָס איז דער טעם פון רבן גמליאל? ווייל עס שטעהט געשריבען 9): „אַ לאַנד פון ווייץ און גערשטען א"וו", און עס שטעהט געשריבען 10): „אַ לאַנד וואו ניט אין אָרימקייט וועסטו דאָרט עסען ברויט", און ווייטער שטעהט געשריבען 11): „און אַז דו וועסט עסען און זאַט ווערען זאָלסטו בענשען נאָך דיין האַר" 12). — און די רבנן 13)? (דאָס וואָרט „לאַנד 14)" האַקט איבער דעם ענין 15). — און (וואָס זאָגט) רבן גמליאל דערצו וואָס „לאַנד" האַקט איבער דעם ענין? ער ברויכט דאָס אויף אויסצושליסען דעם וואָס קייט ווייץ 16).

ר' יעקב בר אידי האָט געזאָגט אַז ר' חנינא האָט געזאָגט: דאָס וואָס געהערט צו די פינף מינים 17) מאַכט מען דעריבער 18) פאַרדעם די ברכה „בורא מיני מזונות" און נאָכדעם די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פון די דריי. רבה בר מרי האָט געזאָגט אַז ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דאָס וואָס געהערט צו די זיעבען מינים 19) מאַכט מען פאַרדעם די ברכה „בורא פרי העץ" און נאָכדעם די ברכה וואָס

פ י ר ו ש.

ער האָט אויפגעגעסען האָט איהם ניט געגעהרט. 1) ד"ה ביז ער איז געוואָרען אַזוי פול אַז אפילו די קנייטשען פון זיין שטערן האָבען זיך אויסגעצויגען און די הויט איז געוואָרען אַזוי גלאַט אַז אפילו אַ פליעג האָט זיך אויף איהר ניט געקאָנט האַלטען. 2) רש"י ערקלעהרט „ביז ער פלעגט משוגע ווערען", און אַזוי ווי דאָס קאָן ניט זיין די איבערזעצונג פון „עד דמריד" זעהט אויס אַז ער האָט פאַר זיך געהאַט די גירסא „עד דטריד". אונזער איבערזעצונג איז אָבער מעהר אין איינקלאַנג מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון ריש לקיש, לויט דאָס וואָס ווערט פון איהם דערצעהלט אין בבא מציעא פ"ד א'. 3) אלכסנדר ינאי, זעה „פירוש" ז. 106 נומ. 19. 4) הַר הַמֶּלֶךְ (ניט צו פאַרוועקסלען מיט דער שטאָדט טור מַלְכָּא) איז וואַהרשיינליך אידענטיש מיט די הָרֵי אֶפְרַיִם, די קייט פון בערג וועלכע ציהען זיך פון דעם עֵמֶק יִזְרְעֶאל כמעט ביז ירושלים. לויט גרעץ (געשיכטע דער יודען באַנד 2 ז. 127) פערדאַנקען זיי דיזען נאָמען צו די פעסטונגען וואָס די קעניגע פון דער חשמונאים דינאַסטיע האָבען דאָרט געבויט. 5) אַזוי גרויס איז געווען די צאָהל פון די אַרבייטער וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי אַראָפּנעהמען די צייטיגע געוואָרענע פייגען, אָן אַנדערע גוזמא. 6) ביידע שטעדט אין בבל, זעה „פירוש" ז. 42 נומ. 12. 7) אַן עהנליכען פאַל פון צוויי שוועסטער כהנות פאַרהייראַט מיט צוויי ברודער כהנים.

8) רבן גמליאל האַלט אַז מען דאַרף בענשען נאָך דאָס וואָס געהערט צו די זיעבען מינים, זעה ז. 138.

9) דברים ח' פסוק ח', 10) דאָרט פסוק ט', 11) דאָרט פסוק י', 12) אין ערשטען פסוק זיינען אויסגערעכענט די זיעבען מינים; דער צווייטער דייטעט אָן אַז אַלע זיעבען מינים ווערען בעטראַכטעט ווי ברויט ס), און אין דריטען זיינען אָנגעדייטעט די דריי ברכות (זעה ווייטער מ"ח ב'). 13) וואָס איז זייער טעם? 14) מיט וועלכען דער צווייטער פסוק הויבט זיך אָן. 15) דערפאַר באַציהט זיך דער דריטער פסוק נאָר אויפן צווייטען און מען דאַרף נאָר בענשען נאָך ברויט (וואָס ווערט דערמאָהנט אין צווייטען פסוק). 16) ד"ה דער דריטער פסוק באַציהט זיך טאַקי אויף אַלין וואָס ווערט דערמאָהנט אין ערשטען, און דער צווייטער פסוק קומט צוגלייך סס) צו לערנען אַז מען דאַרף בענשען נאָר ווען מען עסט — דער טאָן ליעגט אויף דאָס וואָרט „עסען" וואָס געפינט זיך דאָרט אין פסוק — אָבער ניט ווען מען קייט אַפילו ווען דאָס איז ווייץ.

17) פון תבואה, נעמליך: ווייץ, גערשטען, האָבער, שפּעלט און קאָרן. 18) אויב מען האָט דערפון געמאַכט אַ געקעכץ אָדער אַ געבעקס. 19) און איז ניט קיין תבואה, ד"ה ניט ווייץ און גערשטען וועלכע

ס) כילייכט לויט דער פינפטער מדה (פרט וכלל) פון ר' ישמעאל'ס דרייצעהן מדות וואָס די תורה ווערט לויט זיי געדרשט. רש"י ערקלעהרט איינפאַך אַז „וברכת" באַציהט זיך אויף אַלע („וברכת אכלהו קאי"). נאָך דיזער ערקלעהרונג איז אָבער אונפאַרשטענדליך צו וואָס די גמרא ברויכט דאָ צו ציטירען דעם צווייטען פסוק. אין דעם מינכענער כ"י פעהלט באמת דיזער פסוק, און אַזוי אויך אין ילקוט פ' עקב רמז תת"ן, און עס איז דערבאַר מעגליך אַז ער האָט אויך געפעהלט אין רש"י'ס כ"י פון דער גמרא. אין זיינע „הגהות" און „דקדוקי סופרים" באַמערקט ר' רנ"ן ראבינאוויץ „ובאמת אין לו צורך כלל לאותו פסוק"; לויט אונזער ערקלעהרונג אָבער איז דייטליך אַז דיזער פסוק איז גאָר ניט איבערפליסיג.

סס) מיר האָבען אויך דאָ אַנדערש ערקלעהרט ווי רש"י, אין איינקלאַנג מיט אונזער ערקלעהרונג אין נומ. 12.

די רבנן האָבן געלערנט: זעקס זאַכען איז אַ שאַנדע פֿאַר אַ תלמיד חכם: ער זאָל ניט אַרויסגעהן אין גאַס פאַרפֿומירטערהייד, און ער זאָל ניט אַרויסגעהן אַליין ביי נאַכט, און ער זאָל ניט אַרויסגעהן אין געלאַטעטע שיך, און ער זאָל זיך ניט אונטערהאַלטען מיט אַ פֿרוי אין גאַס, און ער זאָל ניט זיצען צום טיש 1) אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון עמי הארצים, און ער זאָל ניט אַריינקומען צולעצט אין בית המדרש אַריין. און מאַנכע זאָגען: אויך זאָל ער ניט שפרייזען קיין גרויסע שריט און ער זאָל ניט געהן דעם קאָפּ פֿאַרריסען. „ער זאָל ניט אַרויסגעהן אין גאַס פאַרפֿומירטערהייד", האָט ר' אבא דער זוהן פֿון ר' חייא בר אבא געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז דאָס מיינט (נאָר) דאָרט וואו מען איז חשוד אויף פערעראסטיע. רב ששת האָט געזאָגט אַז דאָס איז נאָר גערעדט אויף די קליידער, אָבער אויפֿן קערפּער נעהמט דער שווייס דאָס אַרוים 2). האָט רב פפא געזאָגט אַז די האָר זיינען ווי די קליידער, און מאַנכע זאָגען אַז דאָס איז ווי דער קערפּער. „און ער זאָל ניט אַרויסגעהן אַליין ביינאַכט", צוליעב אַ חשד 3), און דאָס איז נאָר גערעדט אַז ער האָט ניט קיין באַשטימטע צייט, אָבער אַז ער האָט אַ באַשטימטע צייט 4) ווייס מען אַז ער געהט צוליעב זיין צייט. „און ער זאָל ניט אַרויסגעהן אין געלאַטעטע שיך", אונטערשטיצט עס ר' חייא בר אבא, וואָרום ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט 5): „עס איז אַ שאַנדע פֿאַר אַ תלמיד חכם אַרויסצוגעהן אין געלאַטעטע שיך". עס קאָן דאָך ניט זיין! וואָרום ר' חייא בר אבא (אַליין) איז דאָך אַרויסגעגאַנגען! האָט מר זוטרא דער זוהן פֿון רב נחמן געזאָגט אַז (דאָס מיינט) מיט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. און דאָס איז נאָר גערעדט אויפֿן אויבערלעדער, אָבער אויף דער זויל מאַכט ניט אויס. און בנוגע צום אויבערלעדער איז נאר גערעדט אויף דער גאַס, אָבער אין הויז מאַכט ניט אויס; און דאָס איז נאָר גערעדט אין זומער, אָבער אין ווינטער מאַכט ניט אויס 6). „און ער זאָל זיך ניט אונטערהאַלטען מיט אַ פֿרוי אין גאַס", האָט רב חסדא געזאָגט אַז אפילו ווען דאָס איז זיין אייגענע פֿרוי. אין א ברייתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: אפילו ווען דאָס איז זיין פֿרוי, און אפילו ווען דאָס איז זיין טאָכטער, און אַפילו ווען דאָס איז זיין שוועסטער, ווייל ניט יעדערער איז באַקאַנט מיט זיין פֿערוואַנדשאַפֿט. „און ער זאָל ניט זיצען צום טיש אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון עמי הערצים"; פֿאַרוואָס? ווייל ער קען זיך נאָך לאָזען פֿאַרשלעפּען פֿון זיי. „און ער זאָל ניט אַריינקומען צולעצט אין בית המדרש אַריין", ווייל מען וועט איהם רופֿען אַ פושע 7). „און מאַנכע זאָגען: אויך זאָל ער ניט שפרייזען קיין גרויסע שריט", ווייל דער רבי האָט געזאָגט 8): „אַ גרויסער שפרייז נעהמט אַוועק אַ פֿינף הונדערטסטעל פֿון דער ליכט פֿונ'ם מענשענס אויגען". ווי קאָן מען דאָס ווידער גוט מאַכען? מען באַקומט עס צוריק דורך דעם קדוש פֿון (פֿרייטאג) צו נאַכט. „און ער זאָל ניט געהן דעם קאָפּ פֿאַרריסען", ווארום דער רבי האָט געזאָגט: דער וואס געהט מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ אפילו ד' אמות איז ווי ער וואָלט פֿאַרדרענגט די פֿיס פֿון דער שכינה 9), וואָרום עס שטעהט געשריבען 10): „די גאַנצע ערד איז פֿול מיט זיין כבוד".

(מ"ד א') משנה ה'.

האט מען פאר איהם צוערשט געבראכט איינגעזאלצענעס און ברויט דערצו, מאכט ער א ברכה אויף דאס איינגעזאלצענע און דאס פטרט שוין דאס ברויט, ווייל דאס ברויט איז דערביי א נעבענזאך. דאס איז א כלל: אומעטום וואו עס איז דא א הויפטזאך און א נעבענזאך מאכט מען א ברכה אויף די הויפטזאך און דאס פטרט שוין די נעבענזאך.

גמרא.

אָבער איז דען דאָ אַזוינס וואו דאָס איינגעזאַלצענע זאָל זיין די הויפטזאַך און דאָס ברויט זאָל זיין די נעבענזאַך? האָט רב אחא דער זוהן פֿון רב עוירא געזאָגט אַז רב אשי האָט געזאָגט: דאָס איז געלערנט געוואָרען מכח איינעם וואָס עסט פירות פֿון גנוסר 11).

רבה בר בר חנה האָט געזאָגט: אַז מיר פֿלעגען נאָכגעהן נאָך ר' יוחנן עסען פירות פֿון גנוסר איז אַז מיר זיינען געווען זאַלבע הונדערט פֿלעגען מיר נעהמען יעדער איינער צו צעהן און אַז מיר זיינען געווען זאַלבע צעהנט פֿלעגען מיר נעהמען יעדער איינער צו הונדערט, און אַ הונדערט פֿלעגט (קוים) 12) אַריינגעהן אין אַ קאָרב פֿון דריי סאה 13), און ער 14) פֿלעגט עס אויפֿעסען און זיך שווערען אַז ער האָט נאָך קיין שפייז ניט פֿאַרזוכט. קיין שפייז! וואָס פֿאַלט דיר איין? נאָר זאָג קיין נאַהרונג 15). ר' אבהו פֿלעגט (דאָס)

פירוש.

1) יָשַׁב — זיצען אָנגעלעהנט, לויט „אלפס" און „רא"ש" יָשַׁב — זיצען, אַלזאָ ניט נאָר ניט ביים עסען. 2) דערפֿאַר מעג אַ תלמיד חכם אַרויסגעהן אין גאַס ווען בלויז זיין קערפער איז פארפֿומירט. 3) כדי מען זאָל איהם ניט חושד זיין אין זנות. 4) צו לערנען ביי זיין רבי ביי נאַכט. 5) שבת קי"ד א'. 6) ווייל די בלאָטע פֿאַרדעקט די לאַטעס. 7) ווייל מען וועט דענקען אַז ער פֿוילט זיך צו געהן אין בית מדרש אַריין. 8) שבת קי"ג ב'. 9) ד"ה ווי ער וואָלט פֿאַרדרענגט גאָט פֿון דער וועלט און ניט געגעבען איהם דעם כבוד וואָס ער דאַרף איהם געבען. 10) ישעיה ו'ג'.

11) די פירות וואָס וואַקסען נעבען יַם כִּנֶּרֶת (אָדער גנוסר, די מיטעלסטע פֿון די דריי אָזערעס פֿון ארץ ישראל) וועלכע האָבען אין זיך ענטהאַלטען זעהר פֿיעל צוקער און מען פֿלעגט דערפֿאַר נאַכהער עסען איינגעזאַלצענעס כדי צו פֿערטרייבען די צו שטאַרקע זיסקייט. נאַכהער ווידער פֿלעגט מען עסען אַ קליין שטיקעל ברויט צו פֿאַרטרייבען דעם טעם פֿון דאָס איינגעזאַלצענע.

12) מיר איבערזעצען לויט „מהרש"ל". אין דעם מינכענער כ"י שטעהט אויך ווירקליך „לא מחזיק" אַנשטאָט „הוה מחזיק". דאָס איז אויך מעהר אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פֿון רבה בר בר חנה'ס מעשיות וועלכע זיינען בעקאַנט וועגען זייער גוזמאדיגער איבערטריבענקייט. 13) זעה „פירוש" ז, 81 נוט, 8 14) ר' יוחנן, 15) ד"ה אז די גאנצע מאסע פירות וואס

איז געקומען האָט ער געזאָגט: אַ ווייך געבראָטענע איי איז בעסער ווי זעקס מיט לעפעל פיינע מעהל. אַז רב דימי איז געקומען האָט ער געזאָגט: אַ ווייך געבראָטענע איי איז בעסער ווי זעקס און אַ האַרט געבראָטענע ווי פיער. בנוגע צו דאָס וואָס איז געקאָכט איז אַן איי געזונטער פאַר אַלץ וואָס איז (גרויס) ווי אַן איי, אַחוץ פליישׂ.

„ר׳ עקיבא זאָגט: אפילו אז איינער עסט געקאָכטע גרינס אא״וו".

אָבער גיט עס דען געקאָכטע גרינס וואָס זאָל שפייזען? האָט רב אשי געזאָגט: עס האַנדעלט זיך וועגען קרויט שטענגלען.

די רבנן האָבען געלערנט 1): „מילץ איז גוט פאַר די ציין און אומגעזונד פאַר די געדערים; פּאָריי איז אומגעזונד פאַר די ציין און גוט פאַר די געדערים"; יעדע רויהע גרינס מאַכט גרין 2); אַלץ וואָס איז קליין 3) מאַכט קליין; אַלץ וואָס לעבט 4) דערקוויקט דאָס לעבען, און אַלץ וואָס איז נאָהענט צום לעבען 5) דערקוויקט דאָס לעבען; קרויט (איז גוט) פאַר שפייז און מייערן פאַר אַ רפואה; וועה צו דאָס הויז 6) דורך וועלכען ריבען קומען דורך. — דער רבי האָט געזאָגט: „מילץ איז גוט פאַר די ציין און אומגעזונד פאַר די געדערים". וואָס פאַר אַ מיטעל איז דאָ דערצו? מען זאָל עס צוקייען און אַרויסוואַרפען. „פּאָריי איז אומגעזונד פאַר די ציין און גוט פאַר די געדערים". וואָס פאַר אַ מיטעל איז דאָ דערצו? מען זאָל עס קאָכען און אַראָפּשלינגען. „יעדע רויהע גרין מאַכט גרויס", האָט ר׳ יצחק געזאָגט: אין דער ערשטער מאָלצייט נאָך אָדער־לאָזען. ווייטער האָט ר׳ יצחק געזאָגט: דער וואָס עסט גרינס פאַר דער פערטער שעה טאָר מען זיך מיט איהם ניט אונטערהאַלטען. פאַר וואָס? צוליעבען גערוך 7). ווייטער האָט ר׳ יצחק געזאָגט: אַ מענש טאָר ניט עסען קיין רויהע גרינס פאַר דער פערטער שעה. אמימר און מר זוטרא און רב אשי זיינען (צוזאַמען) געזעסען; האָט מען זיי געבראַכט רויהע גרינס פאַר דער פערטער שעה; האָבען אמימר און רב אשי געגעסען, און מר זוטרא האָט ניט געגעסען. האָבען זיי זיך אָבגערופען צו איהם: וואָס איז דיין מיינונג? דערפאַר ווייל ר׳ יצחק האָט געזאָגט אַז דער וואָס עסט גרינס פאַר דער פערטער שעה טאָר מען זיך מיט איהם ניט אונטערהאַלטען צוליעבען גערוך? האָבען מיר דאָך געגעסען און פונדעסטוועגען אונטערהאַלטסטו זיך מיט אונז! האָט ער זיי געענטפערט: איך האַלט (נאָר) פון דאָס אַנדערע פון ר׳ יצחק, דאָס וואָס ר׳ יצחק האָט געזאָגט אַז אַ מענש טאָר ניט עסען קיין גרינס פאַר דער פערטער שעה. „אַלץ וואָס איז קליין מאַכט קליין", האָט רב חסדא געזאָגט: אפילו אַ ציקעלע וואָס איז ווערט אַ זוז 8). און דאָס איז נאָר גערעדט אַז עס האָט־נאָך ניט קיין פערטעל 9), אָבער אַז עס האָט שוין אַ פערטעל מאַכט ניט אויס. „אַלץ וואָס לעבט דערקוויקט דאָס לעבען", האָט רב פפא געזאָגט: אפילו די פישלעך צווישען די טשיראָטען. „אַלץ וואָס עס איז נאָהענט צום לעבען דערקוויקט דאָס לעבען", האָט רב אחא בר יעקב געזאָגט: האַלז. רבא פלעגט זאָגען צו זיין דיענער: ווען דו ברענגסט מיר רויהע פליישׂ באַמיה זיך צו ברענגען מיר פון דאָס וואָס איז נאָהענט צו דעם אָרט פון דער ברכה 10). „קרויט (איז גוט) פאַר שפייז און מייערן פאַר אַ רפואה", הייסט עס אַז קרויט איז (נאָר גוט) פאַר שפייז אָבער ניט פאַר א רפואה, עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ ברייתא 11): „זעקס זאַכען היילען אַ חולה פון זיין קראַנקהייט און די רפואה איז אַ ריכטיגע רפואה, און דאָס זיינען זיי: קרויט און מייערן און וואַסער פון טרוקענע פאַליי און מאָגען און אייטער און לעבערנעץ"! נאָר זאָג אַז קרויט איז אויך גוט פאַר שפייז. „וועה צו דאָס הויז דורך וועלכען ריבען קומען דורך". עס קען דאָך ניט זיין, וואָרום רבא פלעגט דאָך זאָגען צו זיין דיענער: ווען דו זעהסט ריבען אויפן מאַרק זאָלסטו ניט פרעגען מיט וואָס איך וועל עסען דאָס ברויט. האָט אביי געזאָגט: (דאָס מיינט) אָהן פליישׂ, און רבא האָט געזאָגט: אָהן וויין. עס איז געזאָגט געוואָרען: רב האָט געזאָגט: אָהן פליישׂ, און שמואל האָט געזאָגט: אָהן האָלץ 12), און רבא האָט געזאָגט: אָהן וויין. רבא האָט געזאָגט צו רב פפא: ביער ברויער 13)! מיר ברעכען דאָס 14) דורך פליישׂ און וויין, אָבער מיט וואָס ברעכט איהר דאָס וועלכע האָבען ניט קיין סך וויין? האָט ער איהם געענטפערט: דורך האָלץ. די פרוי פון רב פפא פלעגט דאָס נאָך ברעכען דורך אַכט פערסישע שייטלעך האָלץ נאָכדעם ווי עס איז שוין געווען געקאָכט.

די רבנן האָבען געלערנט: אַ קליינער איינגעזאַלצענער פיש טויט אַ מאָל דעם זיבעטען, דעם זיבעצעהנטען און דעם זיבען און צוואַנציגסטען, און מאַנכע זאָגען דעם דריי און צוואַנציגסטען 15). און דאָס איז נאָר גערעדט ווען ער איז ניט גוט געבראָטען, אָבער אויב ער איז גוט געבראָטען מאַכט ניט אויס; און אַפילו ווען ער איז ניט גוט געבראָטען איז דאָס נאָר גערעדט אַז מען האָט נאָכהער קיין ביער ניט געטרונקען, אָבער אַז מען האָט נאָכהער ביער געטרונקען מאַכט ניט אויס.

„דער וואָס טרינקט וואַסער צוליב דורשט א״וו".

וואָס זאָל דאָס אויסשליסען? האָט רב אידי בר אבין געזאָגט: (דאָס מיינט) אויסצושליסען דעם (מ״ה א׳) וואָס יוארגט זיך מיט אַ שטיק פליישׂ 16).

פירוש.

1) שבת ק״י א׳. 2) דעם פנים. 3) אונצייטיג. 4) קליינע בעלי חיים, ווי פישלעך, וואָס מען עסט גאַנצערהייד. 5) ווען מען עסט די לעבענס-טיילען פון בעלי חיים. 6) מאָגען. 7) וועלכער איז שעדליך פאַר אַ לעדיגען מאָגען. 8) ד״ה אפילו אויב דאָס איז אַזוי פעט און גוט אַז עס איז ווערט א זוז. 9) פון זיין גרויס. 10) ד״ה פון דער שחיטה. 11) ווייטער נ״ז ב׳ און עבודה זרה כ״ט א׳. 12) ד״ה ווען די ריבען זיינען ניט גענוג געקאָכט געוואָרען. 13) רב פפא איז געווען אַ ברויער פון טייטעל ביער (זעה בבא מציעא ס״ה א׳). 14) די שעדליכקייט פון די ריבען.

15) טאָג נאָכן איינזאַלצען.

16) און ער טרינקט וואַסער כדי אַראָפּצושווענקען דאָס דאָרף ער ניט מאַכען קיין ברכה, ווייל ער האָט דאָך קיין הנאה ניט דערפון.

איז אַ רעזיומע פֿון די דריי. אביי האָט געפֿרעגט רב דימי: ווי אַזוי איז די ברכה וואָס איז אַ רעזיומע פֿון די דריי? האָט ער איהם געענטפֿערט: איבער די פירות פֿון בוימער: „פֿאַר דעם בוים און פֿאַר די פֿרוכט פֿון בוים 1) און פֿאַר די פֿרוכטבאַרקייט פֿון פֿעלד און פֿאַר דאָס הערליכע, גוטע און ברייטע לאַנד וואָס דו האָסט געגעבען בירושה צו אונזערע עלטערען צו עסען פֿון זיין פֿרוכט און זאַט ווערען פֿון זיין גוטס. דערבאַרעם זיך, אָ גאָט אונזער האַר, אויף ישראל דיין פֿאָלק און אויף ירושלים דיין שטאָדט און אויף דיין בית המקדש און אויף דיין מזבח און בוי ירושלים דיין הייליגע שטאָדט אין גיכען אין אונזערע טעג און ברענג אונז דאָרט אַרויף און דערפֿרעה אונז דאָרט 2), ווארום דו ביסט גוט און מהוסט אַלעמען גוטס" 3); איבער 4) די פֿינף מינים 5): „פֿאַר די נאַהרונג און פֿאַר די שפּייז און פֿאַר די פֿרוכטבאַרקייט פֿון פֿעלד או"וו", און מען לאָזט אויס 6): „פֿאַר דאָס לאַנד און פֿאַר די נאַהרונג". מיט וואָס שליסט מען 7)? אַז רב דימי איז געקומען האָט ער געזאָגט אַז רב פֿלעגט שליסען אום ראש חדש: „געלויבט דער וואָס האָט געהייליגט ישראל און ראש חדש" 8). ווי איז דאָ 9)? האָט רב חסדא געזאָגט: „פֿאַר דאָס לאַנד און פֿאַר ז י י נ ע פירות" 10), און ר' יוחנן האָט געזאָגט: „פֿאַר דאָס לאַנד און פֿאַר ד י פירות" 11). האָט ר' עמרם געזאָגט אַז זיי זיינען ניט מחולק, ווייל דאָס 12) איז פֿאַר אונז 13) און יענעס 14) איז פֿאַר זיי 15). האָט רב נחמן בר יצחק דאַגעגען איינגעווענדעט: זיי עסען 16) און מיר 17) זאָלען מאַכען אַ ברכה? נאָר פֿאַרקעהרט: רב חסדא האָט געזאָגט: „פֿאַר דאָס לאַנד 18) און פֿאַר ד י פירות" 19); ר' יוחנן אָבער האָט געזאָגט: „פֿאַר דאָס לאַנד און פֿאַר ז י י נ ע פירות" 20).

(ב') רב יצחק בר אבדימי האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון רבי: איבער אייער און איבער (אַלע) מינים פֿליישען מאַכט מען פֿאַרדעם „שהכל" און נאָכדעם „בורא נפשות רבות א א"וו", אָבער (נאָך) גרינס ניט; און ר' יצחק האָט געזאָגט: אפילו (נאָך) גרינס, אָבער ניט (נאָך) וואַסער; און רב פפא האָט געזאָגט: אפילו (נאָך) וואַסער. מר זוטרא פֿלעגט טהון ווי ר' יצחק בר אבדימי און רב שימי בר אשי פֿלעגט טהון ווי ר' יצחק; און דער סימן 21) איז: איינער ווי צוויי און צוויי ווי איינער 22). רב אשי האָט געזאָגט: איך טהו ווי אַלע 23) ווען איך דערמאָהן זיך. מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 24): „אַלץ וואָס פֿאָדערט אַ ברכה נאָכדעם פֿאָדערט אויך אַ ברכה פֿאַרדעם, אָבער עס איז דאָ וואָס פֿאָדערט אַ ברכה פֿאַרדעם און פֿאָדערט ניט קיין ברכה נאָכדעם", איז מילא לויט רב יצחק בר אבדימי (מיינט עס) אויסצושליסען גרינס, לויט ר' יצחק אויסצושליסען וואַסער, אָבער וואָס (מיינט עס) אויסצושליסען לויט רב פפא? — (עס מיינט) אייסצושליסען מצוות 25). אָבער וואָס (מיינט עס) אויסצושליסען לויט די ארץ ישראל לייט וועלכע מאַכען אַ ברכה „וואָס האָט אונז געהייליגט דורך זיינע מצוות און האָט אונז באַפֿאָהלען צו היטען זיינע געזעצען 26)" נאָכדעם ווי זיי טהוען אויס די תפילין? — (עס מיינט) אויסצושליסען פֿאַרפֿומען.

ר' ינאי האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: אַן איי איז געזונטער פֿאַר אַלץ וואָס איז (גרויס) ווי אַן איי. אַז רבין

פ י ר ו ש.

געהערען אויך צו די זיעבען מינים. 1) בָּאַ"יְ אֱמֶ"הָ עַל הָעֵץ וְעַל פְּרִי הָעֵץ, איבער וויין עַל הַגֶּפֶן וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן, איבער פֿרוכט און וויין עַל הַגֶּפֶן וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן וְעַל הָעֵץ וְעַל פְּרִי הָעֵץ, איבער די פֿינף מינים, פֿרוכט און וויין עַל הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה עַל הַגֶּפֶן וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן עַל הָעֵץ וְעַל פְּרִי הָעֵץ, און דעם גלייכען ביים שלום) וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה אא"וו. 2) נאַכהער ווערט דערמאָהנט אום שבת וּרְצֵה וְהַחֲלִיצֵנוּ בְּיוֹם הַשַּׁבָּת הַזֶּה, אום ראש חדש וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה בְּיוֹם רֹאשׁ הַחֹדֶשׁ הַזֶּה אא"וו. 3) כִּי אַתָּה ה' טוֹב וּמֵטִיב לַכֹּל, און מיר לעגען נאָך צו וְנוֹדֶה לְּךָ עַל הָאָרֶץ וְעַל הַפֵּרוֹת (אָדער וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן אא"וו). 4) דאָס וואָס איז געמאַכט פֿון. 5) אין „אלפס" און „רא"ש" און אין דעם מינכענער כ"י (און אַזוי אויך אין „שאילתות" און אַנדערע ראשונים) שטעהט דיזער זאַץ פֿאַר דעם פֿריהערדיגען, ד"ה צוערשט „איבער די פֿינף מינים אא"וו" און נאַכהער, „איבער די פירות פֿון בוימער אא"וו". 6) דאָס באַציהט זיך אויפֿן שלום „ונודה לך על הארץ אא"וו", וואָס קומט פֿאַר דער חתימה, ד"ה פֿאַר דער שלום ברכה „בא"י אמ"ה על הארץ אא"וו". 7) דאָס באַציהט זיך אויף דער שלום ברכה. 8) רב איז הפנים געווען מיט דער מיינונג אַז די חתימה דאַרף ענטהאַלטען די באַדייטונג פֿון טאָג („מעין המאורע") וועלכע מיר דערמאָהנען פֿאַר „כי אתה ה' טוב (זעה נומ. 2). 9) ד"ה ווי לאָזט מען אויס איבער די פירות פֿון בוימער ס)? 10) וְעַל פֵּרוֹתֶיהָ. 11) וְעַל הַפֵּרוֹת. 12) וואָס דער בבלי רב חסדא האָט געזאָגט. 13 און 17) אין בבל. 14) וואָס ר' יוחנן דער ארץ ישראלדיגער האָט געזאָגט. 15) אין ארץ ישראל. זייענדיג אין ארץ ישראל באַצייכענט שוין דער אויסדרוק „ד י פירות" ממילא די פירות פֿון לאַנד און עס איז ניט נויטיג נאָך נאָהענטער צו באַשטימען דאָס דורך דעם באַזיץ פֿירוואָרט „זיינע". 16) די פירות פֿון ארץ ישראל. 18) ארץ ישראל. 19) פֿון בבל; די פירות וואָס מיר געניסען פֿון דעם לאַנד וואו מיר וואָהנען. 20) ווייל געניסענדיג אין ארץ ישראל גופא די פירות פֿון ארץ ישראל דאַנקט מען גאָט פֿאַר דאָס לאַנד און זיינע פירות.

21) צו געדענקען דאָס. 22) מר זוטרא — איין נאָמען — האָט געטהון ווי רב יצחק בר אבדימי — צוויי נעמען, און רב שימי בר אשי — צוויי נעמען — האָט געטהון ווי ר' יצחק — איין נאָמען. 23) ד"ה אפילו ווי רב פפא. 24) נדה נ"א ב'. 25) ווי תפילין, ציצית אא"וו, וועלכע פֿאָדערען בלויז אַ ברכה פֿאַרדעם. 26) „אשר קדשנו במצותיו וצונו לִשְׁמוֹר חֻקָּיו".

ס) מיר האָבען אין די נומערן 6—9 אַנדערש ערקלעהרט ווי רש"י און אַנדערע מפרשים, ווייל ערשטענס זעהט עס ניט אויס פֿון דעם אינהאַלט פֿון דער גמרא דאָ אַז עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען „חתימה כפתיחה" דורך וועלכעס רש"י וויל גלאַט מאַכען די שוועריגקייטען פֿון דעם טעקסט דאָ, און צווייטענס ווייל דאַדורך פֿאַרשווינדען אַט די אַלע שוועריגקייטען (זעה די פֿאַרשידענע נוסחאות וואָס ר' רבינאָוויץ ברענגט אין די „הגהות" אין „דקדוקי סופרים") און עס איז ניט נויטיג צו מעקען „וחותם על הארץ" כדי די פֿראַגע „מיחתם במאי חתים" וואָס קומט גלייך נאָכדעם זאָל ניט זיין אונפֿאַרשטענדליך, אָדער פֿאַרקעהרט צו לאָזען „וחותם על הארץ" און דערפֿאַר מעקען ביז „מקדש ישראל וראשי חדשים". לויט אונזער ערקלעהרונג איז דער נוסח פֿון דעם טעקסט פֿון אונזער גמרא ריכטיגער נעגען די גירסא פֿון „אלפס" או"וו (זעה נומ. 5)· צוערשט בעהאַנדעלט די גמרא די פירות פֿון בוימער און נאָכהער די פֿינף מינים, און אַזוי ווי די גמרא ענדיגט דעם טעקסט פֿון דער ברכה אחרונה מיט „כי אתה ה' טוב ומטיב לכל" און ברענגט ניט „ונודה לך או"וו", ערקלעהרט זי, האַלטענדיג ביי די פֿינף מינים, ווי מען לאָזט אויס „על הארץ ועל המחיה", ד"ה „ונודה לך על הארץ ועל המחיה" (מיר האָבען בכונה איבערזעצט „וחותם" מיט „מען לאָזט אויס" און ניט „מען שליסט"). נאָכהער פֿרעגט די גמרא מיט וואָס מען שליסט („שוין די באַטייטונג פֿון „מיחתם במאי חתים?" געגענאיבער „וחותם" בעווייזט אויף אַן אונטערשיעד, אויף דער חתימה אָדער שלום ברכה) און ברענגט די מיינונג פֿון רב אַז די חתימה דאַרף זיין „מעין המאורע", וועלכעס דאַרף אַריינקומען אין דער ברכה אחרונה לויט'ן ירושלמי (זעה „תוספות" דאָ ד"ה „על העץ"). נאָכדעם פֿרעגט די גמרא „הכא מאי?" (די פֿראַגע איז אויך אַ באַווייז פֿאַר די ריכטיגקייט פֿון אונזער נוסח, ווייל זי האָט קיין זין ניט לויט דער גירסא פֿון „אלפס"), ד"ה ווי לאָזט מען אויס איבער פירות פֿון בוימער, און ערקלעהרט אַז רב חסדא האָט געזאָגט או"וו.

אַלזאָ דריי יאָ אָבער צוויי ניט 1)! — דאָרט איז אַנדערש, ווייל זיי האָבען דאָך פֿון אָנפֿאַנג אָן דאָס געמאַכט פֿאַר אַ פֿליכט 2). — טאָ קום און הער: אַ סאַרווער וואָס האָט צוויי באַדיענט מעג מיט זיי מיטעסען הגם זיי האָבען איהם דאָס ניט ערלויבט 3); אַז ער האָט אָבער דריי באַדיענט מעג ער נאָר דאַן מיט זיי מיטעסען ווען זיי האָבען דאָס איהם ערלויבט 4)! — דאָרט איז אַנדערש, (ב') ווייל עס איז זיי אַנגענעהמער אַז דאָס זאָל געמאַכט ווערען אַ פֿליכט פֿון אָנפֿאַנג אָן. — טאָ קום און הער 5): „פֿרויען מאַכען מזומן פֿאַר זיך, אָבער אויב פֿרויען און שקלאַפֿען און מינדעריעהריגע ווילען מאַכען מזומן (צוזאַמען) טאָרען זיי ניט [מאַכען מזומן" 6)]. [הונדערט פֿרויען 7)] הונדערט פֿרויען אפילו זיינען דאָך ווי צוויי מענער 8), און פֿונדעסטוועגען ווערט געלערנט „פֿרויען מאַכען מזומן פֿאַרזיך און שקלאַפֿען מאַכען מזומן פֿאַרזיך"! — דאָרט איז אַנדערש, ווייל עס איז דאָך דאָ (מעהר) פערזאָנען 9). — אויב אַזוי, טאָ וואָס וועסטו זאָגען צום סוף: „אָבער אויב פֿרויען און שקלאַפֿען ווילען מאַכען מזומן (צוזאַמען) טאָרען זיי ניט [מאַכען מזומן]", פֿאַרוואָס ניט? עס איז דאָך דאָ (מעהר) פערזאָנען! — דאָרט איז אַנדערש, (ווייל דאָס איז) צוליב פֿאַרשייטקייט.

מען קאָן שליסען 10) אַז רב איז דער וואָס האָט געזאָגט: „אויב זיי 11) ווילען בענשען במזומן טאָרען זיי ניט [בענשען במזומן]", וואָרום רב דימי בר יוסף האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: ווען דריי האָבען געגעסען צוזאַמען און איינער פֿון זיי איז אַוועק אין מאַרק, רופֿען זיי איהם 12) און בענשען במזומן מיט איהם 13). דאָס איז אַלזאָ דערפֿאַר וואָס זיי רופֿען איהם, אָבער אויב זיי רופֿען איהם ניט, (טאָרען זיי) ניט 14)! — דאָרט איז אַנדערש, ווייל דאָס איז דאָך לכתחלה ביי זיי געווען אַ פֿליכט. — נאָר מען קאָן שליסען אַז רב יוחנן איז דער וואָס האָט געזאָגט: „אויב זיי ווילען בענשען במזומן טאָרען זיי ניט [בענשען במזומן]", וואָרום רבה בר בר חנה האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: אויב צוויי עסען צוזאַמען קאָן איינער יוצא זיין מיטן בענשען פֿון צווייטען. האָבען מיר דערביי אויפֿגעוואָרפֿען די פֿראַגע 15): וואָס וויל ער אונז דערמיט לערנען? עס ווערט דאָך געלערנט 16): „אַז מען הערט 17) און מען ענטפֿערט ניט 18) איז מען יוצא" 19)!! האָט ר' זירא געזאָגט: (דאָס קומט) צו לערנען אַז עס גיט ביי זיי ניט קיין בענשען במזומן. קאָן מען דאָס דערפֿון שליסען! — האָט רבא דער זוהן פֿון רב הונא געזאָגט צו רב הונא: אָבער די רבנן וואָס זיינען געקומען פֿון מערב 20) זאָגען דאָך אַז אויב זיי ווילען בענשען במזומן מעגען זיי [בענשען במזומן], און זיי האָבען דאָך דאָס אודאי געלערנט פֿון ר' יוחנן 21)! — ניין, זיי האָבען דאָס געלערנט פֿון רב בעפֿאָר ער איז געקומען אין בבל.

עס שטעהט פֿריהער: „רב דימי בר יוסף האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: ווען דריי האָבען געגעסען צוזאַמען און איינער פֿון זיי איז אַוועק אין מאַרק, רופֿען זיי איהם און בענשען במזומן מיט איהם". האָט אביי געזאָגט: דאָס איז אָבער נאָר אַז זיי רופֿען איהם און ער ענטפֿערט 22). מר זוטרא האָט געזאָגט: און דאָס איז נאָר גערעדט אַז זיי זיינען דריי, אָבער אויב זיי זיינען זאַלבע צעהנט מוז ער צוקומען 23). האָט רב אשי דאַגעגען אויסגעזעצט: אדרבה, דער שכל איז מחיב פֿאַרקעהרט: ניין זעהן אויס ווי צעהן, אָבער צוויי זעהן ניט אויס ווי דריי 24)! אָבער דער דין איז ווי מר זוטרא. פֿאַר וואָס? ווייל מען דאַרף דאָך דערמאָהנען גאָטס נאָמען, איז דאָס ניט דער שטייגער ביי וועניגער פֿון צעהן. אביי האָט געזאָגט: מיר האַלטען 25) אַז ווען צוויי האָבען געגעסען צוזאַמען איז אַ מצוה אַז זיי זאָלען זיך צושיידען 26). אין אַ בריתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: ווען צוויי האָבען געגעסען צוזאַמען איז אַ מצוה אַז זיי זאָלען זיך צושיידען. דאָס איז אָבער נאָר גערעדט אַז ביידע זיינען תלמידי חכמים, אָבער אויב איינער איז אַ תלמיד חכם און דער אַנדערער אַן עם הארץ, זאָל דער תלמיד חכם בענשען און דעם עם הארץ איז יוצא.

פירוש.

יעדערער פֿאַרזיך. 1) וואָרום אַז מזומן זאָל זיין ערלויבט ביי צוויי, וואָלט דאָך איינער פֿון די דריי אודאי געמעגט אַוועקגעהן, ווייל די צוויי איבערגעבליבענע וואָלטען דאָך געווען גענוג אויף בענשען במזומן. 2) ד"ה אַזוי ווי מזומן ביי דריי איז אַ חוב און ביי צוויי בלויז אַ רשות, דערפֿאַר זאָגט די ציטירטע בריתא אַז די דריי טאָרען זיך ניט צושיידען, ווייל הגם די צוויי איבערגעבליבענע וואָלטען געקענט בענשען במזומן איז אָבער אַ מצוה וואָס איז אַ חוב גרעסער ווי אַ מצוה וואָס איז בלויז אַ רשות. 3) ווייל ער פֿאַרשאַפֿט זיי דאָך דאַדורך די געלעגענהייט צו בענשען במזומן. 4) היינט אויב מזומן איז מעגליך ביי צוויי, פֿאַרוואָס זאָל ער מעגען מיטעסען מיט זיי? זיי קענען דאָך דאָס טהון אָהן איהם, וואָרום דאָ איז דאָך ניט קיין רעדע פֿון אַ פֿליכט לכתחלה? 5) אַ בריתא אין ערכין ג' א'. 6) צוליב פֿאַרשייטקייט. 7) דיזע ווערטער זיינען איבעריג און האָבען די מפרשים פֿיעל שוועריגקייטען געמאַכט. ר' רנ"ן ראַבינאָוויץ האָט אויסגעפֿונען אַז אין דער ערשטער תלמוד אויסגאַבע זיינען זיי געשטאַנען אַלס אַ קוסטאָס (אַ צייכען פֿון איינע אָדער מעהרערע ווערטער מיט וועלכע די פֿאָלגענדע זייט זאָל זיך אָנפֿאַנגען, וואָס די פֿאַרצייטיגע דרוקערס פֿלעגען אַוועקשטעלען צום סוף פֿון יעדען עמוד), און פֿון דאָרט האָבען זיי זיך אַריינגעכאַפּט על פי טעות אין טעקסט אַריין ביי די שפּעטערדיגע דרוקערס. 8) בנוגע צו מזומן וועלכעס איז פֿאַר זיי אַ רשות אַזוי ווי דאָס איז פֿאַר צוויי מענער. 9) און אפֿילו ביי אַ רשות איז גלייבער אַז דאָס ווערט געטהון פֿון מעהר ווי צוויי.

10) תִּקְפּוֹס. 11) צוויי וואָס האָבען געגעסען צוזאַמען. 12) ד"ה זיי לאָזען איהם צו וויסען אַז זיי ווילען בענשען במזומן, און ער דרעהט זיך אום צו זיי הגם בלייבענדיג שטעהן אויפֿן אָרט וואו ער געפֿינט זיך. 13) הגם ער איז ניט מיט זיי. 14) ווייל זיי זיינען דאַן ניט מעהר ווי צוויי, אם כן באַווייזט עס דאָך אַז רב האַלט אַז צוויי טאָרען ניט בענשען במזומן. 15) זעה „פירוש" ז, 133 נומ. 13. 16) תְּנֵינָא (זעה „פירוש" ז, 27 נומ. 20). — סוכה ל"ח ב'. 17) אַ ברכה. 18) אמן. 19) מיט דעם חוב פֿון מאַכען אַ ברכה. 20) ארץ ישראל. 21) וועלכער איז געווען דער גרינדער פֿון דער ישיבה אין ארץ ישראל (טבריא).

22) ד"ה אַז ער איז אַזוי נאָהענט אַז ער קען ענטפֿערן בָּרוּךְ שֶׁאָכַלְנוּ או"ו. 23) כדי זיי זאָלען קענען זאָגען נְבָרֵךְ אֱלֹהֵינוּ או"ו. 24) און דערפֿאַר האָט געראָד ביי דריי דער דריטער געדאַרפֿט צוקומען. 25) נְקִיטִינַן, אַן אויסדרוק וועלכען אביי געברויכט באַזונדערס ווען ער ציטירט אנאנים איבערליפֿערטע הלכות. 26) כדי זיי זאָלען בענשען פֿאַרזיך.

„ר׳ טרפון אבער זאגט: בורא נפשות רבות וחסרונן".

רבא דער זוהן פון רב חנן האָט געפרעגט אביי׳ן, און מאַנכע זאָגען רב יוסף׳ן: ווי איז דער דין? האָט ער איהם געענטפערט: געה אַרויס און זעה ווי דאָס פאָלק פיהרט זיך 1).

• • • • • • • • •

פרק ז׳.

משנה א׳.

ווען דריי האבען געגעסען צוזאמען זיינען זיי מחויב צו בענשען במזומן. אז איינער האט געגעסען דמאי 2) אדער מעשר ראשון 3) פון וועלכען זיין תרומה 4) איז אראפגענומען געווארען 5), מעשר שני 6) אדער הקדש 7) וואס זיינען אויסגעלייזט געווארען, אדער אז דער סארווער האט געגעסען א כזית, אדער (אז איינער איז) א כותי 8), מעג מען זיי מצרף זיין צו א מזומן 9); אבער אז איינער האט געגעסען טבל 10) אדער מעשר ראשון פון וועלכע זיין תרומה איז נאך ניט אראפגענומען געווארען אדער מעשר שני און הקדש וואס זיינען ניט אויסגעלייזט געווארען, אדער אז דער סארווער האט געגעסען וועניגער ווי א כזית, אדער (אז איינער איז) א געצען דיענער טאר מען זיי ניט מצרף זיין צו א מזומן. פרויען און שקלאפען און מינדער יעהריגע טאר מען ניט מצרף זיין צו א מזומן. ביז וויפיעל 11) דארף מען זיך באטייליגען אין א מזומן 12)? ביז א כזית; ר׳ יהודה אבער זאגט: ביז ווי אן איי.

גמרא.

פון וואנען איז דאָס גענומען 13)? האָט רב אסי געזאָגט: ווייל דער פסוק זאָגט 14): „פ א ר ה ע ר ל י כ ט ג אָ ט מ י ט מ י ר 15) און לאָמיר דערהעבען זיין נאָמען צוזאַמען". ר׳ אבהו אָבער האָט געזאָגט: פון דאנען 16): „וואָרום א י ך רוף דעם נאָמען פון גאָט, ג י ט עהרע צו אונזער גאָט".

רב חנן בר אבא האָט געזאָגט: פון וואַנען איז געדרונגען אַז דער וואָס ענטפערט א מ ן טאָר זיין קול ניט אויפהעבען העכער ווי דער וואָס מאַכט די ברכה? ווייל עס שטעהט: „פאַרהערליכט גאָט מיט מיר און לאָמיר דערהעבען זיין נאָמען צוזאַמען" 17). ר׳ שמעון בן פזי האָט געזאָגט: פון וואַנען איז געדרונגען אַז דער איבערזעצער 18) טאָר זיין קול ניט אויפהויבען העכער ווי דער בעל קורא? ווייל עס שטעהט 19): „משה האָט גערעדט און גאָט האָט איהם געענטפערט אויפן קול" 20), האָט דאָך ניט געדאַרפט שטעהן „אויפן קול" 21), נאָר וואָס קומט „אויפן קול" צו לערנען? אַז דאָס מיינט אין דעם (זעלבען) קול ווי משה 22). אין א ברייתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: דער איבערזעצער טאָר ניט אויפהעבען זיין קול העכער ווי דער בעל קורא, און אויב פאַרן איבערזעצער איז אונמעגליך צו אויפהעבען זיין קול ווי דער בעל קורא, זאָל דער בעל קורא אראָפּלאָזען זיין קול 23) און לייענען.

עס איז געזאָגט געוואָרען: ווען צוויי האָבען געגעסען צוזאַמען, זיינען רב און ר׳ יוחנן מחולק, איינער זאָגט אַז אויב זיי ווילען בענשען במזומן מעגען זיי בענשען במזומן, און דער אַנדערער זאָגט אַז אויב זיי ווילען בענשען במזומן טאָרען זיי ניט [בענשען במזומן]. מיר האָבען דאָך אָבער געלערנט אין אונזער משנה: „ווען דריי האָבען געגעסען צוזאַמען זיינען זיי מחויב צו בענשען במזומן", אַלזא דריי יאָ, אָבער צוויי ניט 24)! — דאָרט איז אַ פליכט, אָבער דאָ איז אַ רשות 25). — טאָ קום און הער 26): „ווען דריי האָבען געגעסען צוזאַמען זיינען זיי מחויב צו בענשען במזומן און זיי טאָרען זיך ניט צושיידען" 27),

---

פירוש.

1) און אַזוי ווי דער עולם האָט זיך שוין נוהג געווען צו מאַכען פאַרדעם „שהכל" און נאָכדעם „בורא נפשות" בלייבט ניט דער דין ווי ר׳ טרפון אַז מען מאַכט פאַרדעם „בורא נפשות" („תוספות").

2) זעה „פירוש" ז. 148 נומ. 9. 3) דאָס ערשטע צעהנטעל פון דער רעקאָלטע, וועלכעס געהערט צו די לוים (זעה במדבר י״ח כ״א—כ״ד). 4) די תרומת מעשר, ד״ה דאָס צעהנטעל וואָס די לוים זיינען מחויב צו געבען די כהנים פון זייער צעהנטעל. 5) אָבער פון וועלכען קיין תרומה גדולה, ד״ה דאָס פופציגסטעל אָדער זעכציגסטעל פון דער רעקאָלטע וואָס נאָר דער אייגענטימער אַליין, און ניט דער לוי, איז מחויב צו געבען די כהנים (זעה במדבר י״ח ח׳ אא״וו), איז נאָך ניט געגעבען געוואָרען. עס האַנדעלט זיך דאָ אין דעם פאַל ווען דער לוי האָט אָפגענומען זיין מעשר בעפאָר דער אייגענטימער האָט געגעבען די תרומה גדולה. 6) דאָס צווייטע צעהנטעל וואָס מען דאַרף אַראָפּנעהמען נאָך תרומה גדולה און מעשר ראשון און וועלכעס מען מוז נאָר פאַרצעהרען אין ירושלים, סיידען מען לייזט עס אויס פאַר געלד, וועלכע מען מוז אָבער אויך פאַרצעהרען אין ירושלים, צולעגענדיג דערצו אַ פינפטעל פון ווערט פונם מעשר, וועלכער מעג דאַן געגעסען ווערען איבעראַל (זעה דברים י״ד כ״ד—כ״ו און כ״ו יב—ט״ו). 7) אַ זאַך וואָס ווערט אַוועקגעשענקט צום בית המקדש און קאָן אויך אויסגעקויפט ווערען מיט געלד, צולעגענדיג אַ פינפטעל פון איהר ווערט. 8) כותי זעה „פירוש" ז. 73 נומ. 4. 9) הגם דער סאַרווער איז ניט געזעסען ביים טיש און אַ כותי איז ניט קיין גאַנצער איד און אין דמאי אא״וו איז דאָ אַ שטיקעל איסור. 10) טֶבֶל זעה „פירוש" ז. 133 נומ. 4. 11) ד״ה וויפיעל דאַרף מען לכל הפחות האָבען געגעסען. 12) אַז מען זאָל מעגען אפילו בענשען איבער אַ כוס און מוציא זיין אַנדערע.

13) אַז דער מינימום פאַר אַ מזומן איז דריי. 14) תהלים ל״ד ד׳. 15) פ אַ ר ה ע ר ל י כ ט שטעהט אין דער מעהרצאָהל — גַּדְּלוּ — און דער מינימום פון אַ מעהרצאָהל איז צוויי, און מ י ט מ י ר איז נאָך איינער, איז דריי, דעסגלייכען אין דעם פסוק פון ר׳ אבהו. 16) דברים ל״ב ג׳.

17) ד״ה אין גלייכען טאָן. 18) וואָס איבערזעצט די סדרה אויף תרגום ביי קריאת התורה. 19) שמות י״ט י״ט. 20) בְּקוֹל — לויט. 21) ווייל עס פאַרשטעהט זיך דאָך אַז גאָט׳ס שטימע איז לויט. 22) ד״ה הגם פאַר גאָט איז דאָך ניט נויטיג געווען צו רעדען לויט, ווייל ער האָט דאָך נאָר גערעדט צו משה אליין, נאָר אַזוי ווי משה וואָס האָט איבערגעגעבען גאָטס רייד האָט געמוזט רעדען גאַנץ לויט כדי דאָס גאַנצע פאָלק זאָל קענען הערען האָט שוין גאָט אויך גערעדט אויפן קול. 23) צו דעמזעלבען טאָן ווי דער איבערזעצער.

24) איז דאָך דערפון אַ קשיא אויף דעם וואָס זאָגט אַז ווען צוויי ווילען בענשען במזומן מעגען זיי. 25) ד״ה דריי מ ו ז ע ן, אָבער צוויי מ ע ג ע ן בענשען במזומן און עס איז דערפאַר קיין קשיא ניט. 26) דאָס וואָס עס שטעהט אין א ברייתא, ווייטער ג׳ א׳. 27) און בענשען

„הזן". מען קאָן זאָגען אַז דאָס איז ווי די תנאים 1), וואָס איינמאָל ווערט געלערנט אַז בענשען איז צוויי אָדער דריי 2), און אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט אַז דריי אָדער פיער 3). און אַזוי ווי עס איז אָנגענומען 4) אַז אַלע האַלטען אַז „הטוב והמטיב" איז ניט מן התורה 5), מסתמא זיינען זיי דעריין מחולק: דער וואָס האָט געזאָגט „צוויי אָדער דריי" האַלט אַז ביז „הזן" 6), און דער וואָס האָט געזאָגט „דריי אָדער פיער" האַלט אַז ביז „נברך" 7). — ניין! רב נחמן פאַרענטפערט דאָס 8) נאָך זיין טעם און רב ששת פאַרענטפערט דאָס נאָך זיין טעם. רב נחמן פאַרענטפערט דאָס נאָך זיין טעם, אַז אַלע האַלטען טאַקע 9) ביז „נברך"; נאָך דעם וואָס האָט געזאָגט „דריי אָדער פיער" איז ריכטיג 10), און דער וואָס האָט געזאָגט „צוויי אָדער דריי" קאָן זאָגען אַז דאָ האַנדעלט זיך ביים בענשען פון אַרבייטער, וואָרום דער רבי האָט געזאָגט 11): "ער העבט אָן מיט „הזן" און שליסט איין „בונה ירושלים" אין דער „ברכת הארץ" 12). רב ששת פאַרענטפערט דאָס נאָך זיין טעם, אַז אַלע האַלטען אַז ביז „הזן"; נאָך דעם וואָס האָט געזאָגט „צוויי אָדער דריי" איז ריכטיג, און דער וואָס האָט געזאָגט „דריי אָדער פיער" האַלט אַז „הטוב והמטיב" איז מן התורה 13).

רב יוסף האָט געזאָגט: מען קאָן פאַרשטעהן אַז „הטוב והמטיב" איז ניט מן התורה, וואָרום אַרבייטער לאָזען דאָך דאָס אויס. רב יצחק בר שמואל בר מרתא האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב: מען קאָן פאַרשטעהן אַז „הטוב והמטיב" איז ניט מן התורה, וואָרום עס העבט זיך אָן מיט „ברוך" 14) אוּן שליסט ניט מיט „ברוך", ווי עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא 15): „אַלע ברכות פאַנגט מען אָן מיט „ברוך" און שליסט מיט „ברוך", אחוץ די ברכות איבער פירות און די ברכות איבער מצוות און אַ ברכה וואָס שטעהט אונמיטעלבאַר נעבען אַן אַנדערער און די לעצטע ברכה פון קריאת שמע. מאַנכע פון זיי 16) פאַנגט מען אָן מיט „ברוך" און שליסט ניט מיט „ברוך", (ב') און מאַנכע פון זיי 17) שליסט מען מיט „ברוך" אָבער מען פאַנגט ניט אָן מיט „ברוך", און „הטוב והמטיב" פאַנגט מען אָן מיט „ברוך" און שליסט ניט מיט „ברוך", פאָלגליך 18) איז דאָס אַ ברכה פאַר זיך 19). ווייטער האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: מען קאָן פאַרשטעהן אַז „הטוב והמטיב" איז ניט מן התורה, וואָרום מען לאָזט עס אויס אין הויז פון אַן אבל 20), ווי עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא 21): „וואָס זאָגט מען אין הויז פון אַן אבל? „ברוך הטוב והמטיב", ר' עקיבא אָבער זאָגט: „ברוך דַיַּן הָאֱמֶת. — „הטוב והמטיב" יאָ, אָבער „דין אמת" ניט? — נאָר זאָג: אויך „הטוב והמטיב". — מר זוטרא איז אויסגעקומען צו גאַסט ביי רב אשי ווען אַן אומגליק האָט איהם פאַסירט 22). האָט ער גענומען און געמאַכט אַ ברכה: „דער גוטער וואָס טהוּט גוטס, דער אמתער גאָט, דער אמתער ריכטער, וואָס משפט מיט גערעכטיגקייט און נעהמט אַוועק מיט גערעכטיגקייט און הערשט איבער זיין וועלט צו טהון דאָרט ווי ער וויל, וואָס אַלע זיינע וועגען זיינען גערעכט, וואָס אַלץ איז זיינס און מיר זיינען זיין פאָלק און זיינע קנעכט און פאַר אַלץ זיינען מיר מחויב צו דאַנקען און לויבען איהם, דער וואָס פאַרריכט בראָכען ביי אידען זאָל פאַרריכטען דיזען בראָך ביי אידען צום לעבען".

וואו העבט ער 23) ווידער אָן? האָט רבי זביד געזאָגט אין נאָמען פון אביי: ער העבט ווידער אָן פון אָנפאַנג 24), און די רבנן האָבען געזאָגט: פון דאָרט וואו ער האָט אויפגעהערט 25). און דער דין איז אַז פון דאָרט וואו ער האָט אויפגעהערט.

דער ריש גלותא האָט געזאָגט צו רב ששת: הגם איהר זייט אַלטע רבנן, זיינען אָבער די פערסיאַנער געניטער פאַר אייך אין דער טיש עטיקעטע. ווען עס זיינען דאָ צוויי בע־

פירוש.

דער וואָס בענשט זאָגט „נברך" און די אַנדערע צוויי ענטפערען „ברוך שאכלנו אא"וו". 1) זעה „פירוש" ז. 92 נומ. 8. 2) לויט רש"י: צוויי אָדער דריי ברכות (הזן, הארץ, בונה ירושלים), אָבער אויב צוויי בענשען זאָגען זיי נאָר צוויי ברכית (הארץ, בונה ירושלים). לויט „אלפס" און „תוספות": אויב צוויי עסען צוזאַמען און אייגער קאָן נאָר איין ברכה און דער אַנדערער קאָן די ביידע אַנדערע, אָדער ווען דריי עסען צוזאַמען און יעדער קאָן אַ באַזונדערע ברכה, זאָגט יעדערער די ברכה וואָס ער קאָן און איז מוציא די אַנדערע. 3) לויט רש"י: ווען איינער אָדער צוויי עסען צוזאַמען ווערען נאָר די דריי ברכות געזאָגט, אָבער ווען דריי עסען צוזאַמען ווערען געזאָגט פיער ברכות, ד"ה נאָך די ברכה פון מזומן דערצו, פון „נברך" ביז „בטובו חיינו", וועלכע גילט אַלס פערטע ברכה. לויט „תוספות": ווען דריי אָדער פיער עסען צוזאַמען און יעדערער קאָן אַ באַזונדערע ברכה, זאָגט איינער „נברך", אַן אַנדערער „הזן", א דריטער „הארץ" און דער פערטער „בונה ירושלים". 4) סְבָרוּהָ — אַלגעמיין פערשטאַנען אין דער ישיבה. 5) קאָן דאָס אם כן ניט גערעכענט ווערען אין דער צאָהל פון די ברכות. 6) אַז מזומן איז ביז צום סוף פון „הזן", ווי רב ששת, צוויי וואָס עסען צוזאַמען בענשען אַלזאָ בלויז „הארץ" און „בונה ירושלים"; דער דריטער וואָס מוז מפסיק זיין זיין עסען מוז וואַרטען ביז צום סוף פון „הזן". 7) אַלזאָ ווי רב נחמן, אַז „הזן" געהערט ניט צו דער ברכה פון מזומן. 8) די סתירה צווישען ביידע בריתות. 9) אַז מזומן איז. 10) ווייל ווען צוויי עסען זאָגען זיי בלויז די דריי ברכות, און ווען דריי עסען צוזאַמען זאָגען זיי נאָך דערצו „נברך". 11) ז. 59. 12) אם כן זאָגען צוויי אַרבייטער נאָר צוויי ברכות, און ווען דריי אַרבייטער עסען צוזאַמען זאָגען זיי נאָך דערצו א דריטע — „נברך". 13) קומט דאָך צו נאָך אַ ברכה.

14) און וואָלט עס געווען מן התורה וואָלט עס דאָך געווען אוממעגליך, זייענדיג אַ ברכה וואָס שטעהט אונמיטעלבאַר נעבען אַן אַנדערער. 15) פסחים ק"ד ב'. 16) צב"ש די ברכות איבער פירות און מצוות, ווייל זייהר אינהאַלט איז קורץ און שטרענג זאַכליך. 17) אַ ברכה וואָס שטעהט אונמיטעלבאַר נעבען אַן אַנדערער. 18) כְּלָל. 19) און געהערט ניט צו ברכת המזון. 20) לויט ר' עקיבא. 21) צום סוף פון שמחות. 22) ווען זיין זוהן איז געשטאָרבען.

23) לויט רש"י: דער וואָס מוז מפסיק זיין זיין עסען כדי די אַנדערע צוויי וואָס האָבען שוין געענדיגט זאָלען קאָנען בענשען במזומן; לויט „תוספות": וואו העבט אָן דער וואָס בענשט במזומן נאָך דעם ווי די צוויי אַנדערע האָבען געענטפערט „ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו". 24) לויט רש"י: פון „הזן" אָן; לויט „תוספות": ער זאָגט נאָך אַמאָל „נברך" שאכלנו משלו ובטובו „חיינו". 25) לויט רש"י: פון „הארץ"; לויט „תוספות": ער זאָגט נאָך אַמאָל „ברוך שאכלנו משלו אא"וו".

רבא האָט געזאָגט: דאָס האָב איך געזאָגט און עס איז אויך געוואָרען געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ זירא ווי איך: אַז דריי האָבען געגעסען צוזאַמען זאָל איינער מפסיק זיין 1) פֿאַר צוויי 2), אָבער צוויי זאָלען ניט מפסיק זיין פֿאַר איי־נעם. — אָבער דאָס קאָן דאָך ניט זיין! וואָרום רב פפא מיט נאָך איינעם האָבען דאָך מפסיק געוועזען פֿאַר אבא מר זיין זוהן. — אין פֿאַל פֿון רב פפא איז אַנדערש, ווייל ער האָט געהאַנדעלט לפנים משורת הדין.

יהודה בר מרימר און מר בר רב אשי און רב אחא פֿון דפתי האָבען צוזאַמען געגעסען; איז צווישען זיי ניט געוועזען קיינער וואָס זאָל זיין מעהר מופלג ווי די אַנדערע, כדי ער זאָל בענשען פֿאַר זיי. (זיינען זיי געזעסען און האָבען זיך זעלבסט געפֿרעגט 3): איז דאָס וואָס מיר האָבען געלערנט אין אונזער משנה: „ווען דריי האָבען געגעסען צוזאַמען זיינען זיי מחויב צו בענשען במזומן" נאָר ווען עס איז דאָ אַ גרויסער מאַן 4), אָבער ווען זיי זיינען איינאַנדער גלייך איז גלייכער אַז די ברכות זאָלען צושיידט ווערען. האָט יעדערער געבענשט פֿאַרזיך. אַז זיי זיינען געקומען פֿאַר מרימר, האָט ער צו זיי געזאָגט: פֿאַר בענשען האָט איהר יוצא געוועזען, אָבער פֿאַר מזומן האָט איהר ניט יוצא געוועזען, און טאָמער וועט איהר זאָגען: טאָ לאָמיר איצט בענשען במזומן, איז אָבער ביי מזומן ניטאָ קיין צוריק.

אַז איינער קומט אַריין און געפֿינט זיי בענשענדיג 5), וואָס זאָל ער נאָך זיי זאָגען? האָט רב זביד געזאָגט: „ברוך ומבורך" 6), און רב פפא האָט געזאָגט: ער ענטפֿערט „אמן". אָבער זיי זיינען ניט מחולק, ווייל דאָס איז אַז ער האָט זיי געטראָפֿען זאָגענדיג „נברך" און יענעס אַז ער האָט זיי געטראָפֿען זאָגענדיג „ברוך"; האָט ער זיי געטראָפֿען זאָגענדיג „נברך" זאָגט ער „ברוך ומבורך", האָט ער זיי אָבער געטראָפֿען זאָגענדיג „ברוך" ענטפֿערט ער (בלויז) „אמן".

איינמאָל ווערט געלערנט אַז דער וואָס ענטפֿערט „אמן" נאָך זיינע (אייגענע) ברכות איז אויסגעצייכענט, און אין אַן אַנדער ברייתא ווערט געלערנט אַז עס איז מאוס! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז אין „בונה ירושלים" און יענעס אין אַנדערע ברכות 7). אביי פֿלעגט ענטפֿערן הויך 8), כדי די אַרבייטער זאָלען פֿאַרשטעהן 9) און אויפֿשטעהן, ווייל „הטוב והמטיב" איז ניט מן התורה 10); רב אשי דאַגעגען פֿלעגט ענטפֿערן שטילערהייד, כדי זיי זאָלען ניט גערינג האַלטען „הטוב והמטיב".

(מ"ז א׳) ר׳ זירא איז קראַנק געוואָרען, איז ר׳ אבהו צו איהם אַרויפֿגעקומען און האָט זיך פֿאַרגענומען אַז ווען דער קליינער מיט די פֿאַרסמאַליעטע פֿיס 11) וועט געזונט ווערען וועט ער מאַכען אַ יום טוב פֿאַר די רבנן. אַז ער איז געזונד געוואָרען האָט ער געמאַכט אַ סעודה פֿאַר אַלע רבנן. אַז מען האָט געהאַלטען ביי אָפּשניידען 12) האָט ער געזאָגט צו ר׳ זירא: זאָל דער רבי אָפּשניידען! האָט ער איהם געענטפֿערט: האַלט דער רבי ניט פֿון דאָס וואָס ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אַז דער בעל הבית שניידט אָפּ? האָט ער 13) אָפּגעשניטען. אַז מען האָט געהאַלטען ביים בענשען האָט ער 14) צו איהם געזאָגט: זאָל דער רבי בענשען! האָט ער איהם געענטפֿערט: האַלט דער רבי ניט פֿון דאָס וואָס רב הונא פֿון בבל 15) האָט געזאָגט אַז דער וואָס האָט אָבגעשניטען בענשט? און מיט וועמען האַלט ער 16)? ער האַלט מיט דאָס וואָס ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר׳ שמעון בן יוחאי אַז דער בעל הבית שניידט אָפּ און דער אורח בענשט. דער בעל הבית שניידט אָפּ, כדי ער זאָל אָפּשניידען מיט אַ פֿוילער האַנד 17), און דער אורח זאָל בענשען כדי ער זאָל בענשען דעם בעל הבית. וואָס בענשט ער? — זאָל זיין דער ווילען 18) אַז דער בעל הבית זאָל ניט פֿאַרשעמט ווערען אין דער וועלט און ניט באַליידיגט ווערען אין יענער וועלט! און רבי פֿלעגט נאָך צולעגען די ווערטער: און זאָל זעהר באַגליקט ווערען אין זיין גאַנצען פֿאַרמעגען און זאָל זיינע און אונזערע איינגענטימער זיין מולדיג און נאָהענט צו דער שטאָדט 19), און זאָל דער שטן קיין שליטה ניט האָבען ניט אויף דאָס וואָס ער טהוט און ניט אויף דאָס וואָס מיר טהוען, און זאָל זיך ניט אין איהם און ניט אין אונז דערוועקען קיין געדאַנק פֿון זינד און עבירה און פֿאַרברעך פֿון איצט און אויף אייביג!

ביז וואַנען איז די ברכה פֿון מזומן 20)? האָט רב נחמן געזאָגט: ביז „נברך" 21), און רב ששת האָט געזאָגט: ביז

פירוש.

1) זיין עסען. 2) אויב זיי האָבען פֿריהער געענדיגט און ווילען בענשען במזומן, נאָכן בענשען קען ער פֿאָרטזעצען זיין עסען.

3) אין „אלפס" און „רא"ש" שטעהט: „האָבען זיי געזאָגט: דאָס וואָס אא"וו". 4) אין יאָהרען און חכמה, ווי דער דין איז אַז דער גרעסטער פֿון דער געזעלשאַפֿט בענשט (זעה ווייטער מ"ז א׳).

5) במזומן. 6) ווייל נאָך ניט האָבענדיג געגעסען קאָן ער ניט זאָגען בָּרוּךְ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ. 7) לויט רש"י ניט בלויז צום סוף פֿון בענשען נאָר אויך צום סוף פֿון די ברכות פֿון ק"ש אא"וו, אָבער ניט צום סוף פֿון יעדער איינצעלנער ברכה. 8) „אמן" אין „בונה ירושלים". 9) אַז דאָס בענשען איז געענדיגט. 10) זיינען זיי ניט מחויב צו זיין דערביי.

11) דאָס איז געוועזען ר׳ זירא׳ס צונאָמען, ווייל ער איז געוועזען קליין געוואקסען און ווייל די פֿיס זיינען ביי איהם געוועזען פֿאַרברענט. אין בבא מציעא פ"ה א׳ ווערט דערציילט אַז ער האָט געפֿאַסט הונדערט תעניתים אַז דער פֿייער פֿון גיהינום זאָל אויף איהם קיין שליטה ניט האָבען און פֿלעגט אַלע דרייסיג טעג מאַכען אַ פּראָבע. איינמאָל האָבען די רבנן איהם אַן עין הרע געגעבען און זיינע פֿיס זיינען פֿאַרסמאַליעט געוואָרען. 12) די מוציאס. 13, 14 און 16) ר׳ אבהו. 15) דאָס איז דיזעלבע פּערזאָן ווי רב הונא סתם, נאָר ווייל די געשיכטע האָט פּאַסירט אין ארץ ישראל ווערט ער דאָ גערופֿען רב הונא פֿון בבל. 17) ווייל דער אורח וועט זיך שעמען און וועט אָפּשניידען קליינע המוציאס. 18) פֿון גאָט. 19) כדי מען זאָל קאָנען אויף זיי גוט אויפֿפּאַסען.

20) ד"ה ביז וואַנען דאַרף דער דריטער וואָס איז נאָך ניט פֿאַרטיג מיטן עסען מפסיק זיין זיין עסען כדי די אַנדערע צוויי וואָס זיינען שוין פֿאַרטיג זאָלען קאָנען בענשען במזומן („תוספות"). לויט רש"י: וואָס איז דער טייל פֿון בענשען וואָס נאָר דריי מעגען זאָגען אָבער ניט צוויי? אָבער „תוספות" פֿאַרוואַרפֿען דיזע מיינונג, שטיצענדיג זיך אויפֿן ירושלמי און ווייל עס איז דאָך אונמעגליך צו באַהויפּטען אַז צוויי זאָלען ניט טאָרען זאָגען די „ברכת הזן" וועלכע איז מן התורה o). 21) ד"ה ביז

o) אַן אַנדער טעם וואָס „תוספות" ברענגט איז דאָס וואָס שטעהט „סניס סלסה" און ניט „סתים סלס", ווי עס וואָלט געדאַרפֿט שטעהן ווען דאָס וואָלט זיך באַצויגען אויף ברכות, וועלכע זיינען לשון נקבה, אָבער אין דעם מינכענער כ"י שטעהט ווירקליך „סתים סלס". זעה אויך „מהרש"א" וועלכער באַמערקט פֿוין אַז דיזער טעם איז ניט גענוגענד.

ווייל די ברכה איז נאָך ניט געענדיגט; איז דאָך ביי דער מינאָריטעט 1) אויך די ברכה נאָך ניט געענדיגט 2)! האָט ער איהם געענטפערט: ווייל איך זאָג אַז דער וואָס ענטפערט „אמן" מעהר וויפיעל מען דאַרף איז אין טעות 3).

די רבנן האָבען געלערנט 4): „מען ענטפערט ניט ניט קיין אָפּגעהאַפּטען אמן 5), און ניט קיין אָפּגעשניטענעם אמן 6) און ניט קיין פאַריתום'טען אמן 7) און מען זאָל אַ ברכה ניט אַרויסשליידערן פון מויל 8). בן עזאי זאָגט: דער וואָס ענטפערט אַ פאַריתום'טען אמן, וועלען זיינע קינדער ווערען יתומים, אַן אָפּגעהאַפּטען וועלען זיינע יאָהרען פאַרהאַפּט ווערען, אַן אָפּגעשניטענעם וועלען זיינע יאָרען אָפּגעשניטען ווערען, און דער וואָס איז מאריך אין אמן, וועלען זיינע יאָהרען און טעג פאַרלענגערט ווערען".

רב און שמואל האָבען צוזאַמען געגעסען. איז רב שימי בר' חייא צוגעקומען, און האָט זיך געאיילט צו עסען. האָט איהם רב געפרעגט: דו ווילסט הפנים זיך מצרף זיין צו אונז 9)! מיר האָבען שוין אָפּגעגעסען 10). האָט שמואל זיך אָפּגערופען צו איהם: אַז מען וואָלט מיר געבראַכט שוועמליך און אבא'ן 11) יונגע טויבען, וואָלטען מיר דען ניט געגעסען 12)?! — די תלמידים פון רב האָבען צוזאַמען געגעסען. איז רב אחא אַריינגעקומען. האָבען זיי געזאָגט: אָט דאָ איז געקומען אַ גרויסער מאַן וואָס וועט בענשען פאַר אונז! האָט ער צו זיי געזאָגט: איהר האַלט הפנים אַז דער גרעסטער בענשט; דער עיקר פון דער סעודה 13) בענשט. אָבער דער דין איז אַז דער גרעסטער בענשט אפילו ווען ער איז געקומען צום סוף 14).

„אז איינער האָט געגעסען דמאי או"ו".

דאָס איז דאָך אָבער ניט ראוי פאַר איהם 15)! — אַז ערוויל קען ער דאָך מפקיר זיין זיין פאַרמעגען און ווערען אַן אָרעמאַן און (דאַן) עס איז דאָך יאָ ראוי פאַר איהם, וואָרום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 16): „מען מעג געבען עסען אָרעמע לייט דמאי און איינגעקוואַרטירטע סאָלדאַטען דמאי" 17). רב הונא האָט אָבער געזאָגט אַז אין אַ בריתא ווערט געלערנט 18): „בית שמאי זאָגען: מען טאָר ניט געבען אָרימע-לייט און איינגעקוואַרטירטע סאָלדאַטען עסען דמאי".

„אדער מעשר ראשון פון וועלכען זיין תרומה איז אראפגענומען געוואָרען".

דאָס איז דאָך קלאָר! — דאָס איז נאָר נויטיג פאַר דעם פאַל אַז ער 19) האָט עס פאַרהאַפּט 20) נאָך אין די זאַנגען 21) און האָט אַראָפּגענומען דערפון תרומת מעשר, אָבער ער האָט ניט אַראָפּגענומען דערפון קיין תרומה גדולה 22); און דאָס איז ווי ר' אבהו, וואָרום ר' אבהו האָט געזאָגט אַז ריש לקיש האָט געזאָגט 23): „מעשר ראשון וואָס מען האָט פאַרהאַפּט נאָך אין די זאַנגען איז פטור פון תרומה גדולה, ווייל עס שטעהט 24): „און איהר זאָלט אַראָפּנעהמען דערפון די תרומה פון גאָט מעשר פונם מעשר", (אַלזאָ בלויז) מעשר פונם מעשר האָב איך דיר 25) באַפאָהלען, אָבער ניט תרומה גדולה אָדער תרומת מעשר פונם מעשר". האָט רב פפא געזאָגט צו אביי: אויב אַזוי איז דאָך אפילו אויך אַז ער האָט עס פאַרהאַפּט ווען שוין אין קופקעס 26)? האָט ער איהם געענטפערט: צוליעב דיר זאָגט (אַן אַנדער) פסוק 27): (ב') „פון אַלע אייערע מעשרות זאָלט איהר 28) אַראָפּנעהמען".— אָבער וואָס זעהסטו דאָ 29)? — דאָס איז שוין געוואָרען קאָרן און יענעס איז נאָך ניט געוואָרען קיין קאָרן 30).

„מעשר שני אדער הקדש וואס זיינען אויסגעלייזט געוואָרען".

דאָס איז דאָך קלאָר! — עס האַנדעלט זיך דאָ צב"ש אַז מען האָט שוין געגעבען דעם קרן אָבער מען האָט נאָך ניט געגעבען דאָס פינפטעל 31), און עס לערנט אונז אַז דאָס פינפטעל איז קיין אָפּהאַלט ניט.

„אדער אז דער סארוועד האָט געגעסען א כזית".

דאָס איז דאָך קלאָר! — ווייל מען וואָלט געקאָנט דאַנגען איינווענדען דאָס וואָס דער סאַרוועד האָט דאָך ניט געהאַט קיין באַשטימטען פלאַץ, דערפאַר ווערט דאָס געלערנט.

פירוש.

1) וואָס בלייבט נאָך איבער נאָך דער מאיאָריטעט וועלכע האָט שוין געענדיגט. 2) טאָ פאַרוואָס זאָל מען ניט וואַרטען מיטן אָפּשניידען ביז אויך זיי. ד"ה ביז אַלע, וועלען האָבען געענטפערט. 3) דערפאַר דאַרף מען ניט וואַרטען אַזוי לאַנג ביז אַלע וועלען דאָס האָבען געטהון.

4) תוספתא מגלה פ"ג. 5) אַן אמן וואו דער אלף ווערט ווייניג געהערט. 6) אַן אמן וואו דער נון איז קוים הערבאר. 7) ד"ה ווען מען ענטפערט אמן בלויז ווייל מען האָט געהערט אַנדערע ענטפערענדיג און מען ווייסט ניט נאָך וואָס פאַר אַ ברכה מען האָט געענטפערט. 8) צו שנעל אויסרעדען.

9) און דו איילסט זיך צו עסען כדי מיר זאָלען קאָנען בענשען במזומן. 10) איידער דו ביסט געקומען, און דו קאָנסט אונז ניט מחיב זיין צו בענטשען מזומן. 11) פאַטער, און עהרען גאָמען וועלכען שמואל פלעגט שטענדיג רופען רב וועלכער איז געווען עלטער פאַר איהם. 12) בעווייזט דאָס דאָך אַלזאָ אַז אונזער סעודה איז נאָך ניט געענדיגט. 13) דער וואָס איז געווען ביי דער סעודה פון אָנפאַנג אָן. 14) ער מעג אָבער אַן אַנדערן מכבד זיין דערמיט אויב ער וויל („תוספות").

15) ד"ה מען טאָר דאָך דאָס ניט עסען, און ווען מען מאַכט אַ ברכה איבער אַ זאַך וואָס מען טאָר ניט געניסען איז דאָס ווי אַ גאָטלעסטערונג. 16) דמאי פ"ג מ"א א א"ע. 17) ווייל די מייסטען עמי הא-רצים היטען יאָ אָפּ מעשר, און דער אסור פון דמאי איז ניט מעהר ווי מדרבנן. 18) און 23) שבת קכ"ו ב' אא"ע.

19) דער לוי. 20) צו גענעהמען דעם מעשר. 21) בעפאָר דער כהן האָט גענומען די תרומה גדולה (זעה „פירוש" ז, 160 נומ. 5). 22) אם כן געפינט זיך נאָך אין זיין מעשר, אַ פופציגסטעל אָדער זעכציגסטעל תרומה גדולה, פון וועלכער דער לוי איז אָבער פריי לויט ר' אבהו. 24) במדבר י"ח כ"ו. 25) לוי. 26) נאָכן דרעשען, טאָ פאַרוואָס דוקא ווען נאָך אין די זאַנגען? 27) במדבר י"ח כ"ט. דאָרט שטעהט אָבער „מתנותיכם" און ניט „מעשרותיכם" ווי עס ווערט דאָ ציטירט. 28) לויים. 29) ד"ה וואָס זעהסט אין דיזען פסוק אַז עס זאָל זיין אַ חלוק צו אין די זאַנגען צו אין קופקעס. 30) ד"ה ווען די תבואה איז שוין אין קופקעס הייסט עס קאָרן און מען איז מחויב צו געבען דערפון תרומה גדולה ווייל עס שטעהט (דברים י"ח ד'): „דאָס ערשטע פון דיין קאָרן זאָלסטו איהם געבען"; איז אויב דער לוי איז פאַרהאַפּט דערפון זיין מעשר איז ער דערפאַר מחויב צו געבען תרומה גדולה; אָבער ווען די תבואה איז נאָך אין די זאַנגען הייסט עס נאָך ניט קיין קאָרן אין דער כהן האָט נאָך קיין רעכט ניט דערויף, דערפאַר איז דער לוי דאַן ניט מחויב צו געבען דערפון קיין תרומה גדולה אויב ער האָט פאַרהאַפּט זיין מעשר.

31) זעה „פירוש" ז, 160 נומ. 6 און 7.

טען, זעצט זיך צוערשט דער גרעסטער אנגעלעהנטערהייד 1), און דער צווייטער פֿון איהם העכער פֿון איהם 2), און ווען עס זיינען דריי, זעצט זיך דער גרעסטער אַנגעלעהנטערהייד אין דער מיט, דער צווייטער פֿון איהם העכער פֿון איהם, און דער דריטער פֿון איהם נידעריגער פֿון איהם 3). האָט ער איהם געפֿרעגט: און אַז ער 4) וויל מיט איהם 5) רעדען, וועט ער זיך דאַרפֿען אויפֿהעבען און זיך אַוועקזעצען כדי מיט איהם צו רעדען 6)! האָט ער איהם געענטפֿערט: ביי די פערסיאַנער איז אַנדערש, ווייל זיי פֿאַרשטענדיגען זיך אויפֿן ווינק 7). — פֿון וואַנען העבען זיי אָן די ערשטע וואַסער 8)? האָט ער איהם געענטפֿערט: פֿון דעם גרעסטען. — אַלזא זאָל דער גרעסטער זיצען און וואַרטען מיט זיינע הענד ביז אַלע וועלען זיך האָבען געוואַשען? האָט ער איהם געענטפֿערט: איהם ברענגט מען אָבער גלייך זיין טישעל 9). — פֿון וואַנען העבען זיי אָן די מים אחרונים? — האָט ער איהם געענטפֿערט: פֿון דעם קלענסטען. — און דער גרעסטער זאָל אַלזא זיצען מיט שמוציגע הענד ביז אַלע וועלען זיך האָבען געוואַשען? — האָט ער איהם געענטפֿערט: אָבער זיין טישעל ווערט ניט אַוועקגענומען ביז מען ברענגט איהם דאָס וואַסער 10). — האָט רב ששת געזאָגט: איך ווייס אַ ברייתא, וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 11), „ווי איז דער סדר פֿון אָנלעהנען זיך? ווען עס זיינען דאָ צוויי בעטען, זעצט זיך צוערשט דער גרעסטער אָנגעלעהנטערהייד, און דער צווייטער נידעריגער פֿון איהם 12), און ווען עס זיינען דאָ דריי בעטען זעצט זיך צוערשט דער גרעסטער אָנגעלעהנטערהייד, דער צווייטער פֿון איהם העכער פֿון איהם 13), און דער דריטער נידעריגער פֿון איהם. מיט די ערשטע וואַסער העבט מען אָן פֿון דעם גרעסטען. מיט די מים אחרונים העבט מען (אויך) אָן פֿון דעם גרעסטען, ווען דאָס זיינען פֿינף, אָבער אויב עס זיינען דאָ הונדערט 14), הויבט מען אָן פֿון דעם קלענסטען 15) ביז מען קומט צו דעם פֿינפֿטען 16) און דאַן העבט מען ווידער אָן פֿון דעם גרעסטען. און צו דעם וואָס די מים אחרונים קומען צוריק געהערט אויך דאָס בענשען. און דאָס 17) איז אַ שטיצע פֿאַר רב, וואָרום רב חייא בר אשי האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: דער וואָס האָט צוערשט געוואַשען די הענד מיט די לעצטע איז באַשטימט פֿאַרן בענשען. — רב און ר׳ חייא זיינען געזעסען ביים טיש פֿאַר רבי. האָט רבי געזאָגט צו רב: שטעה אויף און וואַש די הענד! האָט ער באַמערקט אַז ער האָט געציטערט. האָט ער איהם געזאָגט: יחסן, ער האָט דיר דערמיט אָנגעדייטעט אַז דו זאָלסט אַ קלעהר טהון וועגען בענשען!

די רבנן האָבען געלערנט: מעז איז ניט מכבד 18) ניט אויף וועגען און ניט אויף בריקען (מ"ז א׳) און ניט בנוגע צו פֿאַרשמוצטע הענד 19). — רבין און אביי זיינען געוועזען אונטערוועגס, איז רבין׳ס עזעל פֿאָרויסגעגאַנגען און ער האָט צו איהם 20) ניט געזאָגט: זאָל דער רבי (פֿאָרויס) געהן. האָט ער 21) ביי זיך געטראַכט: זייט דיזער רבי דאָ איז געקומען פֿון ארץ ישראל איז ער ביי זיך גרויס געוואָרען. אַז ער איז געקומען פֿאַר דער טיהר פֿון אַ שוהל, האָט ער 22) געזאָגט: זאָל דער רבי אַריינגעהן! רופֿט ער זיך אָן צו איהם: און ביז איצט בין איך ניט געוועזען קיין רבי!? האָט ער איהם געענטפֿערט: אַזוי האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: מען איז נאָר מכבד ביי אַ טיהר וואו עס איז דאָ אַ מזוזה. — דאָרט וואו עס איז דאָ אַ מזוזה יאָ, אָבער דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין מזוזה ניט! אויב אַזוי דאַרף מען דאָך ניט מכבד זיין פֿאַר אַ בית מדרש אָדער אַ שוהל, ווייל עס איז דאָך דאָרט ניטאָ קיין מזוזה? — נאָר זאָג: פֿאַר אַ טיהר וואָס איז ראוי צו האָבען אַ מזוזה.

רב יהודה דער זוהן פֿון רב שמואל בר שילת האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון רב: די וואָס זיצען ביים טיש טאָרען ניט עסען ביז וואַנען דער וואָס שניידט אָפּ פֿאַרזוכט. איז רב ספרא (דערביי) געזעסען און האָט געזאָגט: עס איז געזאָגט געוואָרען פֿ א ר ז ו כ ע ן 23). — וואָס איז דער אונטערשיעד? — אַ מענש 24) דאַרף זיך געברויכען דעם זעלבען אויסדרוק ווי זיין רבי.

די רבנן האָבען געלערנט 25): „צוויי וואַרטען אויף איינאַנדער ביי דער שיסעל, אָבער דריי וואַרטען ניט; דער וואָס שניידט אָפּ ציהט צוערשט אויס זיין האַנד 26), און אויב ער וויל אָפּגעבען כבוד זיין רבי אָדער איינעם וואָס איז גרעסער פֿאַר איהם מעג ער דאָס טהון". — רבה בר בר חנה איז געוועזען באַשעפֿטיגט (מיט דער חתונה) פֿון זיין זוהן ביי רב שמואל דעם זוהן פֿון רב קטינא אין הויז. האָט ער זיך צוערשט אַוועקגעזעצט 27) און האָט זיין זוהן געלערנט 28): דער וואָס שניידט אָפּ טאָר ניט אָפּשניידען ביז וואַנען די וואָס ענטפֿערן האָבען געענדיגט (צו זאָגען) א מ ן. רב חסדא האָט געזאָגט: ביז דאָס רוב פֿון די וואָס ענטפֿערן. האָט רמי בר חמא איהם געפֿרעגט: פֿאַר וואָס עפּעס דאָס רוב?

פ י ר ו ש.

1) אויף זיין בעט. 2) ד"ה אויף זיין לינקער זייט צוקאָפּענס. 3) רעכטס, ביי איהם צופֿוסען. 4) דער גרעסטער. 5) מיט דעם וואָס זיצט לינקס. 6) ווייל דער גרעסטער זיצט דאָך נידעריגער פֿאַר איהם און מיטן פנים אין אַן אַנדער ריכטונג, וואָלט דאָך בעסער געווען אַז דער צווייטער זאָל זיצען נידעריגער, כדי ער זאָל קאָנען הערען וואָס ער זאָגט. 7) האָבען זיי ניט נויטיג צו רעדען. 8) וואָס מען וואַשט זיך צום עסען. — רב ששת פֿרעגט דאָס ווייטער. 9) ביי די פערסיאַנער איז געווען די זיטע צו עסען באַזונדער אויף קליינע טישלעך. 10) און ער עסט אם כן נאָך בעת די אַנדערע וואַשען זיך שוין די הענד. 11) תוספתא פ"ה. 12) כדי ער זאָל קאָנען רעדען מיט איהם. 13) און אויב ער וויל צו איהם רעדען זאָל ער זיך אויפֿהעבען און ניט מטריח זיין דעם צווייטען אין דער געגענוואַרט פֿון אַ קלענערען פֿון איהם. 14) ד"ה מעהר ווי פֿינף. 15) כדי דער גרעסטער זאָל ניט דאַרפֿען זיצען לעדיג די גאַנצע צייט. 16) פֿון איהם. 17) זעה ז. 152 און „פירוש" דאָרט נומ. 2—8.

18) אַ גרעסערען פֿאַר זיך פֿאָרויסצוגעהן. 19) צו וואַשען זיך צוערשט מיט מים אחרונים. 20) רבין צו אביי. 21) אביי. 22) רבין.

23) ניט ע ס ען. 24) וואָס גיט עפּעס איבער אין נאָמען פֿון זיין רבי.

25) תוספתא פ"ה. 26) איינצוטינקען דאָס ברויט אין דער שיסעל מיט זאַלץ. 27) צום טיש. 28) די הלכות פֿון דער סעודה.

דאָס איז דאָך קלאָר! — עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ גר וואָס האָט זיך שוין געמלט אָבער האָט זיך נאָך ניט געטובלט, ווארום ר' זירא האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט 1): „מען איז ניט קיין גר סיידען מען מלט זיך און טובלט זיך"; איז מען אַלזא נאָך אַלץ אַ געצענדיענער אַזוי לאַנג ווי מען האָט זיך נאָך ניט געטובלט.

„פרויען און שקלאַפען און מינדער יעהריגע טאָר מען ניט מצרף זיין צו א מזומן".

ר' יוסי האָט געזאָגט: (אפילו) אַ מינדער יעהריגען וואָס ליעגט נאָך אין וויעגעל מעג מען מצרף זיין צו אַ מזומן. מיר האָבען דאָך אָבער געלערנט אין אונזער משנה: „פרויען און שקלאַפען און מינדער יעהריגע טאָר מען ניט מצרף זיין צו אַ מזומן"! — ער איז דער וואָס האָט געזאָגט ווי ר' יהושע בן לוי, ווארום ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: הגם מען האָט געזאָגט אַז אַ מינדער יעהריגען וואָס ליעגט נאָך אין וויעגעל טאָר מען ניט מצרף זיין צו אַ מזומן, אָבער מען מעג איהם צו־נעהמען צו צעהן 2). — ווייטער האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט: ניין און אַ שקלאַף ווערען צוזאַמענגערעכענט. האָט מען דערויף געפרעגט 3): „עס האָט פּאַסירט מיט ר' אליעזר אַז ער איז אַריינגעקומען אין אַ שוהל און האָט דאָרט ניט געפונען קיין מנין, האָט ער באַפרייט זיין שקלאַף און האָט מיט איהם משלים געמאַכט דעם מנין", אַלזאָ איז דאָס ווייל ער האָט איהם באַפרייט, אָבער אַז ער וואָלט איהם ניט באַפרייט וואָלט ער ניט (געקאָנט)! — מען האָט געדאַרפט צוויי, האָט ער איינעם באַפרייט און איז אויסגעקומען מיט דעם אַנדערן 4). — אָבער ווי אַזוי האָט ער דאָס געטהון? רב יהודה האָט דאָך געזאָגט 5)! „דער וואָס באַפרייט זיין שקלאַף איז עובר אויף אַן עשה 6), ווארום עס שטעהט 7): „איהר זאָלט זיי שטענדיג האַלטען פאַר קנעכט"! — פאַר אַ מצוה זאַך איז אַנדערש. — אָבער דאָס איז דאָך אַ מצוה וואָס קומט דורך אַן עבירה?! — אַ מצוה וואָס איז נוגע אַ רבים איז אַנדערש. — ווייטער האָט ר' יהושע בן לוי געזאָגט: אַ מענש זאָל זיך תמיד פּעדערן אין שוהל אַריין כדי ער זאָל זוכה זיין גערעכענט צו ווערען צו די ערשטע צעהן, ווארום אפילו אַז הונדערט קומען נאָך איהם נעהמט ער [אויף זיך] דעם שכר פון זיי אַלע. — „דעם שכר פון זיי אַלע"?! ווי לעגט זיך דאָס אויפן זינען? נאָר זאָג אַז מען גיט איהם אַזוי פיעל שכר וויפיעל זיי אַלעמען. — רב הונא האָט געזאָגט: ניין און דער ארון (קודש) ווערען צוזאַמענגערעכענט. האָט רב נחמן איהם געפרעגט: איז דער ארון דען אַ פּערזאָן? נאָר רב הונא האָט געזאָגט: ניין וואָס זעהען אויס ווי צעהן ווערען צוזאַמענגערעכענט. מאַנכע זאָגען אַז דאָס איז ווען זיי זיינען צוזאַמען, און מאַנכע זאָגען אַז דאָס איז ווען זיי זיינען צוואָרפען. — ר' אמי האָט געזאָגט: צוויי און שבת ווערען צוזאַמענגערעכענט. האָט איהם רב נחמן געפרעגט: איז דען שבת אַ פּערזאָן? נאָר ר' אמי האָט געזאָגט: צוויי תלמידי חכמים וואָס שאַרפען איינער דעם אַנדערן אין הלכה ווערען צוזאַמענגערעכענט 8). האָט רב חסדא אָנגעוויזען: צב"ש איך און רב ששת, (און) רב ששת האָט אָנגעוויזען: צב"ש איך און רב חסדא.

ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַ מינדער יעהריגען וואָס בליהט 9) מעג מען מצרף זיין צו אַ מזומן. אין אַ בריתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: אַ מינדער יעהריגען ביי וועלכען עס האָבען זיך שוין באַוויזען צוויי האָר 10) מעג מען מצרף זיין צו אַ מזומן, און ביי דעם וואָס האָבען זיך נאָך ניט באַוויזען צוויי האָר טאָר מען ניט מצרף זיין צו אַ מזומן, אָבער מען איז ניט שטאַרק מדקדק ביי אַ מינדער יעהריגען. ענטהאַלט עס דאָך אַ ווידערשפּרוך אין זיך זעלבסט, ווייל (צוערשט) ווערט געזאָגט אַז אויב עס האָבען זיך ביי איהם באַוויזען צוויי האָר איז יאָ און אויב עס האָבען זיך ניט באַוויזען איז ניט און נאַכהער ווערט געלערנט אַז מען איז ניט מדקדק ביי אַ מינדער יעהריגען; טאָ וואָס זאָלען מיר דערפון 11) אַרויסנעהמען אַלאַ? (מ"ח א') נעהמען מיר דערפון אַרויס אַ מינדער יעהריגען וואָס בליהט 12)! — אָבער דער דין איז ניט ווי אַלע דיזע הלכות 13), נאָר ווי דאָס וואָס רב נחמן האָט געזאָגט: אַ מינדער יעהריגען וואָס וויים צו וועמען מען בענשט מעג מען מצרף זיין צו אַ מזומן. — אביי און רבא זיינען געזעסען 14) פאַר רבה. האָט רבה זיי געפרעגט: צו וועמען בענשט מען? האָבען זיי געענטפערט: צום אויבערשטען! — און וואו געפינט זיך דער אויבערשטער? — האָט רבא געוויזען אויף דער סטעליע, און אביי איז אַרויסגעגאַנגען דרויסען און האָט געוויזען אויפן הימעל. האָט רבה צו זיי געזאָגט: איהר וועט ביידע זיין רבנן; [דאָס איז וואָס] אַ גלייכוואָרט זאָגט: אַ מעלאָן קאָן מען שוין דערקענען אַן דער קנאָספּע 15).

רב יהודה דער זוהן פון רב שמואל בר שילת האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב: אַז ניין האָבען געגעסען קאָרן (שפּייזען) און איינער האָט געגעסען גרינס ווערען זיי צוזאַמענגערעכענט. האָט ר' זירא געזאָגט: איך האָב רב יהודה'ן געפרעגט: ווי איז ביי אַכט? ווי איז ביי זיבען? האָט ער מיר געענטפערט אַז עס איז קיין אונטערשיעד ניט. ביי זעקס

פירוש.

1) יבמות מ"ו ב'.
2) ד"ה אויב עס זיינען דאָ ניין דערוואַקסענע מעג מען איהם צו־רעכענען און בענשען „נברך אלהינו". 3 און 5) פון גטין ל"ח ב'. 4) שקלאַף, וועלכער איז ניט באַפרייט געוואָרען. 6) זעה „פירוש" ז, 47 נומ. 13. 7) ויקרא כ"ה מ"ו. 8) אַלס דריי צו בענשען במזומן.
9) קָטָן פּוֹרֵחַ — לויט רש"י: אַ מינדער יעהריגער ביי וועלכען עס באַווייזען זיך די סימנים פון געשלעכטליכער רייפקייט פאַר דער צייט; לויט „תוספות": אַ מינדער יעהריגער וואָס שטעהט שוין אין 13טען יאָהר אָבער די סימנים פון געשלעכטליכער רייפקייט זיינען ביי איהם נאָך ניט גענוג ענטוויקעלט. 10) אויפן געשלעכטס גליעד. דאָס איז דער סימן פון געשלעכטליכער רייפקייט. 11) פון דער צווייטער העלפט פון דער בריתא 12) ביי וועלכען מען איז ניט מדקדק, לויט רש"י, צו ער האָט שוין דערגרייכט דעם ריכטיגען אַלטער, לויט „תוספות", צו די סימנים זיינען שוין ביי איהם גענוג ענטוויקעלט. 13) אַז ניין און דער ארון קודש אָדער צוויי און שבת ווערען צוזאַמענגערעכענט, אָדער אַז אַ מינדער יעהריגען וואָס בליהט מעג מען מצרף זיין צו אַ מזומן („תוספות"). 14) ד"ה געלערנט יונגערהייד. 15) אַז דאָס וועט זיין אַ מעלאָן און ניט קיין קירבעס.

„אדער (אז איינער איז) א כותי מעג מען איהם מצרף זיין צו א מזומן".

אבער פאַרוואָס? זאָל ער זיין (ניט בעסער) ווי אן עם הארץ, און אין אַ בריתא ווערט געלערנט: מען מאַכט ניט קיין מזומן מיט אן עם הארץ! האָט אביי געזאָגט: (עס האַנדעלט זיך) וועגען אַ כותי וואָס איז אַ חבר 1). רבא האָט געזאָגט: מען קאן אפילו זאגען (אַז עס האַנדעלט זיך 2) וועגען אַ כותי וואָס איז אן עם הארץ, אבער דאָרט 3) האַנדעלט זיך וועגען אן עם הארץ לויט די רבנן, וועלכע זיינען מחולק אויף ר' מאיר, ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא 4): „ווער הייסט אַן עם הארץ? דער וואָס עסט ניט קיין חולין 5) אין ריינקייט. דאָס זיינען די רייד פון ר' מאיר, אָבער די הכמים זאָגען: דער וואָס גיט ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין מעשר פון זיינע פירות"; אָבער די כותים געבען יאָ מעשר ווי עס באדארף צו זיין, וואָרום זיי זיינען זעהר אָפּגעהיט אין דאָס וואָס שטעהט געשריבען אין דער תורה, ווי דער רבי האָט געזאָגט 6): „אַלע מצוות וואָס די כותים האָבען אָנגענומען זיינען זיי דעריין מעהר מדקדק ווי אידען".

די רבנן האָבען געלערנט 7): „ווער הייסט אַן עם הארץ? דער וואָס לייענט ניט קיין קריאת שמע אין אווענט און אין דערפריה. דאָס זיינען די רייד פון ר' אליעזר. ר' יהושע זאָגט 8): דער וואָס לעגט ניט קיין תפילין; בן עזי זאָגט: דער וואָס האָט ניט קיין ציצית אין זיין בגד: ר' נתן זאָגט: דער וואָס האָט ניט קיין מזוזה אויף זיין טיהר; ר' נתן 9) בר יוסף זאָגט: דער וואָס האָט זיהן און איז זיי ניט מגדל צו לערנען תורה; אַנדערע 10) זאָגען: אפילו אַז איינער האָט געלערנט מקרא און משנה איז ער אַן עם הארץ, אויב ער האָט ניט באַדיענט תלמידי חכמים" 11). האָט רב הונא געזאָגט: דער דין איז ווי די אַנדערע. — רמי בר חמא האָט ניט (געוואָלט) מצרף זיין צו מזומן רב מנשיא בר תחליפא, וועלכער האָט געלערנט ספרא און ספרי 12) און הלכה 13). אַז רמי בר חמא איז נפטר געוואָרען, האָט רבא געזאָגט אַז רמי בר חמא איז נאָר צוליב דעם געשטאָרבען, ווייל ער האָט רב מנשיא בר תחליפא ניט מצרף געווען צו מזומן. — עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין א בריתא: „אַנדערע זאָגען: אפילו אַז איינער האָט געלערנט מקרא און משנה איז ער אן עם הארץ, אויב ער האָט ניט באַדיענט תלמידי חכמים"! — ביי רב מנשיא בר תחליפא איז עפּעס אַנדערש, ווייל ער האָט יאָ באַדיענט תלמידי חכמים, נאָר רמי בר חמא האָט זיך וועגען דעם ניט ערקונדיגט. לויט אַן אַנדער ווערסיע: ווייל אַז ער האָט געהערט אַ הלכה פון [דעם מויל פון] די רבנן פלעגט ער דאָס איינשטודירען, דערפאַר איז ער ווי אַ תלמיד הכם.

„אבער אז איינער האט געגעסען טבל אדער מעשר אא"וו".

דאָס איז דאָך קלאָר! — ניין, מען דאַרף דאָס האָבען צוליב אַ טבל וואָס איז (נאָר) טבל מדרבנן. — ווי איז דאָס געמיינט? — אין אַ געפעס וואָס האָט קיין לאָך ניט 14).

„מעשר ראשון אא"וו".

דאָס איז דאָך קלאָר! — ניין, מען דאַרף דאָס האָבען אין פאַל ער 15) האָט עס פאַרחאַפּט ווען שוין אין קופקעס, 16), ווייל מען וואָלט געקאָנט מיינען ווי רב פפא האָט געזאָגט צו אבא, לערנט עס אונז אַז עס איז ווי ער האָט איהם געענטפערט 17).

„מעשר שני אא"וו".

דאָס איז דאָך קלאָר! — ניין, מען דאַרף עס האָבען אין פאַל ווי זיינען אויסגעלייזט געוואָרען אָבער זיי זיינען ניט אויסגעלייזט געוואָרען לויטן דין: מעשר שני, צב"ש אַז מען האָט עס אויסגעלייזט מיט אַ גלאַטער מטבע 18), די תורה האָט אָבער געזאָגט 19): „און דו זאָלסט פ אַ ר ב י נ ד ע ן דאָס געלד אין דיין האַנד", (מיינט עס) געלד אויף וועלכע עס איז דאָ אַ ב י ל ד 20); הקדש, אַז מען האָט עס אומגעביטען אויף ערד און מען האָט עס ניט אויסגעלייזט מיט געלד, די תורה האָט אָבער געזאָגט 21): „און ער זאָל געבען דאָס ג ע ל ד און עס 22) וועט איהם געהערען".

„אדער אז דער סארווער האט געגעסען וועניגער ווי א כזית".

דאָס איז דאָך קלאָר! — ווייל עס ווערט געלערנט אין אָנהויב 23) „ווי אַ כזית" ווערט געלערנט צום סוף „וועניגער ווי אַ כזית".

„אדער (אז איינער איז) א געצענדינער טאר מען איהם ניט מצרף זיין צו א מזומן".

פ י ר ו ש.

1) חָבֵר אַ טיטעל פאר איינעם וואָס היט שטרענג אָפּ די דינים פון טומאות און טהרות; לויט רמב"ם (פי' המ' ברכות פ"ד מ"ד) אַ תלמיד חכם. 2) אין אונזער משנה. 3) אין דער בריתא. 4) גטין ס"א א' און תוספתא ע"ז פ"ג. 5) חוּלִין — פראָפאַנע, ניט הייליגע שפייזען, אין געגענזאַץ צו קָדָשִׁים — הייליגע שפייזען. 6) קדושין ע"ו א' אא"ע.

7) סוטה כ"ב א'. 8) אין סוטה שטעהט: „דאָס זיינען די רייד פון ר' מאיר, אָבער די חכמים זאָגען". 9) אין סוטה שטעהט „יונתן" 10) אֲחֵרִים (זעה „פירוש" ז. 32 נומ. 10). 11) לויט רש"י איז דארונטער צו פאַרשטעהן דאָס לערנען פון גמרא, ד"ה דער פאַרקעהר מיט תלמידי חכמים וועלכע ערקלעהרען די משנה. 12) זעה „פירוש" ז. 41 נומ. 5. 13) משנה אָדער בריתא (זעה „דרכי המשנה" ז. 8 אנמ. 8).

14) מעשר פון דאָס וואָס וואַקסט אין אַ כלי אָהן אַ לאָך איז נאָר מדרבנן, דערפאַר איז אויך דער טבל דערפון נאָר מדרבנן, און די משנה לערנט אונז אַז מען טאָר ניט מצרף זיין צו אַ מזומן אפילו דעם וואָס האָט נאָר געגעסען אַזאַ טבל. דאָס וואָס וואַקסט אין אַ כלי מיט אַ לאָך אבער איז ווי עס וואָלט געוואקסען אין דער ערד.

15) דער לוי. 16 און 17) זעה ז. 165.

18) א ס י מ ו ן — אַ מטבע וואָס איז אָפּגעריבען געוואָרען אָדער וואָס האָט לכתחלה קיין אויפשריפט ניט געהאַט און האָט ניט מעהר ווי דעם ווערט פון איהר מעטאַל. 19) דברים י"ד כ"ה. 20) דער דרש איז געבויט אויף די עהנליכקייט פון דעם שורש צ ו ר — פאַרבינדען און צ ו ר ה — בילד. 21) ויקרא כ"ז י"ט. 22) דאָס אויסגעלייזטע הקדש.

23) פון דער משנה, וואו עס ווערען אויסגערעכנט די וועלכע מען מעג מצרף זיין צו א מזומן.

קדושת היום 1) אין מיטען. ר' אליעזר זאָגט: אַז מען ווי̄ל דאָס זאָגען אין דער נחמה מעג מען זאָגען, אין „ברכת הארץ" מעג מען זאָגען, אין דער ברכה וואָס די חכמים האָבען מתקן געוועזן אין יבנה מעג מען זאָגען; אָבער די חכמים זאָגען אַז מען זאָגט עס בלויז אין דער נחמה. — די חכמים איז דאָך דאָס זעלבע וואָס דער ערשטער תנא 2)! — דער אונטערשיעד צווישען זיי איז בדיעבד 3).

די רבנן האָבען געלערנט 4): „פֿון וואַנען איז גענומען אַז בענשען איז מן התורה? ווייל עס שטעהט: „און אַז דו וועסט עסען און זאַט ווערען זאָלסטו בענשען". דאָס מיינט „ברכת הזן", „גאָט דיין האַר 5)" מיינט די ברכה פֿון מזומן, „פֿאַר דאָס לאַנד" מיינט „ברכת הארץ", „דאָס גוטע" מיינט „בונה ירושלים", ווארום עס שטעהט 6): „דיזער גוטער באַרג און דער לבנון", „וואָס ער האָט געגעבען" מיינט „הטוב והמטיב". האָב איך נאָר פֿאַר נאָכדעם, אָבער פֿון וואַנען איז גענומען אַז אויך פֿאַרדעם? מען קאָן זאָגען אַ קל וחומר: מה דאָך אַז מען מאַכט אַ ברכה ווען מען איז זאַט, איז דאָך אודאי אין אודאי ווען מען איז הונגעריג 7). רבי זאָגט: [דאָס 8) איז ניט נויטיג], „און אַז דו וועסט עסען און זאַט ווערען זאָלסטו בענשען" מיינט „ברכת הזן", אָבער די בירכה פֿון מזומן נעהמען מיר פֿון „פֿאַרהערליכט גאָט מיט מיר" 9), „פֿאַר דאָס לאַנד" מיינט „ברכת הארץ", „דאָס גוטע" מיינט „בונה ירושלים", ווארום עס שטעהט: „דיזער גוטער באַרג און דער לבנון", „הטוב והמטיב" האָט מען מתקן געוועזן אין יבנה 10). האָב איך נאָר פֿאַר נאָכדעם, אָבער פֿון וואַנען איז גענומען אַז אויך פֿאַרדעם? דערפֿאַר קומט „וואָס ער האָט דיר געגעבען" (וועלכעס מיינט) באַלד ווי ער האָט דיר געגעבען 11). ר' יצחק זאָגט: דאָס 12) איז ניט נויטיג; אַזוי ווי עס שטעהט 13): „און ער ווּעט בענשען דיין ברויט און דיין וואַסער", זאָלסטו ניט לייענען „און ער וועט בענשען" נאָר „און בענש" 14), און ווען הייסט עס ברויט? בעפֿאָר מען עסט עס. ר' נתן זאָגט: דאָס איז ניט נויטיג, ווארום עס שטעהט 15): „אַז איהר וועט אָנקומען אין שטאָדט אַריין וועט איהר איהם טרעפֿען בעפֿאָר ער געהט אַרויף אויף דער במה 16) צו עסען, ווארום דאָס פֿאָלק וועט ניט עסען איידער ער קומט, ווייל ער מאַכט די ברכה איבערן קרבן און נאָכהער עסען די איינגעלאַדענע". — און צו וואָס איז דאָס אַלין נויטיג געווען 17)? ווייל פֿרויען זיינען פּלאַפּלערקעס, און שמואל האָט געזאָגט: כדי זיי זאָלען (דערווייל) בעטראַכטען די שעהנקייט פֿון שאול, ווארום עס שטעהט געשריבען 18): „פֿון זיין שולטער אָן איז ער געוועזן העכער פֿאַרן גאַנצען פֿאָלק", און ר' יוחנן האָט געזאָגט; ווייל איין רעגירונג באַריהרט ניט די אַנדערע אפילו אויף אַ האָר ניט 19). — האָב איך נאָר פֿאַר בענשען, אָבער פֿון וואַנען איז גענומען פֿאַר די ברכה איבער דער תורה? האָט ר' ישמעאל געזאָגט: דאָס איז אַ קל וחומר: מה דאָך אַז מען מאַכט אַ ברכה איבער דאָס (וואָס גיט) צייטווייליגען לעבען, איז דאָך איבער דאָס (וואָס גיט) אייביגען לעבען אודאי און אודאי. ר' חייא בר נחמני, דער תלמיד פֿון ר' ישמעאל, זאָגט אין נאָמען פֿון ר' ישמעאל 20): דאָס איז ניט נויטיג, ווארום עס שטעהט: „פֿאַר דאָס גוטע לאַנד וואָס ער האָט דיר געגעבען", און ווייטער שטעהט 21): „און איך וועל דיר געבען די שטיינערנע לוחות און די תורה און מצוות אא"וו". ר' מאיר זאָגט: פֿון וואַנען איז גענומען אַז אַזוי ווי מען מאַכט אַ ברכה פֿאַר גוטס דאַרף מען אויך מאַכען אַ ברכה פֿאַר שלעכטס? קומט „וואָס גאָט דיין האַר האָט דיר געגעבען" צו לערנען אַז ער איז דיין ריכטער וואָס משפט דיך סיי לויט דער מדה פֿון גוטס סיי לויט דער מדה פֿון שטראָף 22). ר' יהודה בן בתירא זאָגט:

פירוש.

וועגען דער נחמה פֿון דעם אויפֿבוי פֿון ירושלים. 1) רְצֵה וְהַחֲלִיצֵנוּ אא"וו. — אונטער „קדושת היום" ווערען פֿאַרשטאַנען קידוש איבער וויין און תפלות ווי „יעלה ויבא", „רצה והחליצנו" אא"וו אין בענשען און אין שמונה עשרה, וועלכע ווערען געזאָגט שבת און יום טוב, ווייל זיי, פּראָקלאַמירען די הייליגקייט פֿון דיזע טעג (זעה אויך „פירוש" ז. 107 נומ. 1). דער עיקר פֿון דיזער תקנה איז געוועזן צו ערקלערען די הייליגקייט פֿון דעם טאָג ביים איינטריט פֿון שבת און יום טוב (זעה פסחים ק"ו א'). לויט „רמב"ם" (הל' שבת כ"ט) זיינען דיזע הייליגקייט ערקלערונגען אַ מצוה מדאורייתא, ווייל עס שטעהט „זכור את יום השבת לקדשו". 2) פֿון דער ציטירטער בריתא; טאָ פֿאַרוואָס ווערט דאָס וואָס זיי האָבען געזאָגט באַזונדער דערמאָהנט? 3) אויב מען האָט פֿאַרגעסען צו זאָגען „קדושת היום" אין „בונה ירושלים" איז לויט דעם ערשטען תנא ניט נויטיג נאָך אַמאָל צו זאָגען, אָבער לויט די חכמים איז עס יאָ נויטיג, ווייל זייער אויסדרוק איז באַשטימטער.

4) זעה ז. 76. דאָרט שטעהט אָבער רב יהודה. 5) דיזער און די ווייטערדיגע ציטאַטען זיינען די פֿאָרטזעצונג פֿון דעם פסוק אין דברים ח' י' ○). 6) דאָרט ג' כ"ה. ארץ ישראל איז מייסטענס אַ בערגיג לאַנד. 7) זעה ז. 131. 8) דער קל ותומר. — אין די אַלטע דרוקען פֿעהלען דיזע ווערטער, אָבער רש"י זיינען זיי באַקאַנט געוועזן. 9) ווי ר' אסי האָט געזאָגט; זעה אין אָנפֿאַנג פֿון דיזען פרק, ז. 160. 10) דאַרף מען דערפֿאַר קיין פסוק ניט. 11) ד"ה פֿאַרן עסען, ווארום נאָכן עסען איז דאָך דאָס מעהר ניטאָ. 12) דער לעצטער באַווייז פֿון רבי. 13) שמות כ"ג כ"ה. 14) וּבֵרַךְ — וּבָרֵךְ. 15) שמואל א' ט' י"ג. 16) בָּמָה זעה „פירוש" ז. 51 נומ. 15. 17) ד"ה פֿאַרוואָס האָבען די מיידלאַך ביי וועמען שאול האָט זיך געפֿרעגט אויף שמואל'ן איהם געגעבען אַזאַ לאַנגען און אינדירעקטען ענטפֿער? 18) דאָרט פסוק ב'. 19) ד"ה ווייל צוויי רעגירונגען קאָנען ניט זיין אין דער גלייכער צייט, און אַזוי ווי פֿון דעם מאָמענט וואָס שאול וועט זיך טרעפֿען מיט שמואל וועט איהם געהערען די רעגירונג, האָבען די מיידלאַך בכיוון געגעבען אַ לאַנגע תשובה כדי שמואלס רעגירונגס צייט זאָל נאָך אַביסעל לענגער אָנהאַלטען. 20) אין „בית נתן" ווערט געבראַכט אַ גירסא „תלמידו של ר' שמעון אומר משום ר' שמעין". דיזע גירסא שיינט ריכטיגער צו זיין, ווייל עס איז דאָך אונמעגליך אַז ר' ישמעאל זאָל זיך זעלבסט סותר זיין. אין „מכילתא" פ' בא ט"ז, וואו דיזער ענין קומט פֿאָר שטעהט אפילו די זעלבע גירסא ווי דאָ, אָבער דאָרט ווערט אַ גאַנץ אַנדערע מימרא געבראַכט. 21) שמות כ"ד י"ב. אין ביידע פסוקים שטעהט געבען, איז דאָס איז אַ סאָרט גזירה שוה און עס לערנט אַז מען דאַרף מאַכען אַ ברכה איבער דער תורה אַזוי גוט ווי איבער שפייז. 22) אין דעם ציטירטען פסוק ○○) שטעהט „יהוה אלהיך", און „יהוה" באַצייכענט די מדת הרחמים (ד'

○) לויטן ירושלמי (און אַזוי אויך לויט „תוספות" מ"ו א' ד"ה עד היכן) איז די אָרדנונג פֿאַרקעהרט: „וכרכת זו כרכת הזימון, את ה' אלהיך זו ברכת הזן", און דער סדר פֿון די ברכות איז אַ בעוויז פֿאַר די גירסאַ פֿון ירושלמי.

○○) אין דברים ח' י' שטעהט אפילו „יהוה אלהיך", אָבער פֿאַר „אשר נתן לך", אָפשר ציטירט דאָ ר' מאיר דברים כ"ו י"א וואו עס שטעהט „אשר נתן לך יהוה אלהיך".

איז ביי מיר אודאי 1) קיין פראגע ניט געווען. האט איהם ר' ירמיה געזאגט: דו האסט גוט געטהון וואס דו האסט ניט נעפרעגט. — וואס איז דארט דער טעם 2)? ווייל עס איז דא א מערהייט! איז דאך דא אויך דא א מערהייט 3)! — ער 4) האלט אבער אז מען דארף האבען א מערהייט וואס איז קענטיג.

ינאי דער מלך 5) מיט דער מלכה האבען צוזאמען גע־געסען, און אזוי ווי ער האט אויסגעהרגט די רבנן האט ער קיינעם ניט געהאט וואס זאל פאר זיי בענשען. רופט ער זיך אן צו זיין פרוי: וואו נעהמט מען א מענש וואס זאל פאר אונז בענשען? האט זי איהם געענטפערט: שווער מיר אז אויב איך וועל דיר ברענגען א (זא) מאן וועסטו איהם קיין בייז ניט טהון! האט ער איהר געשווארען. האט זי נעבראכט איהר ברודער שמעון בן שטח. האט ער 6) איהם אוועקגעזעצט צווישען איהם און איהר און האט צו איהם געזאגט: זעה, וואס פאר א כבוד איך טהו דיר אן! האט ער איהם געענטפערט: ניט דו טהוסט מיר אן כבוד נאר די תורה טהוט מיר אן כבוד, ווארום עס שטעהט געשריבען 7): „האלט זי הויך, וועט זי דיך דערהויבען, זי וועט דיך באעהרען, ווען דו וועסט זי ארומנעהמען". רופט ער זיך אן צו איהם: דו זעהסט דאך אז זיי אנערקענען ניט קיין אויטאריטעט 8). אז מען האט איהם געגעבען א כוס צו בענשען, האט ער געפרעגט: ווי אזוי זאל איך בענשען? בָּרוּךְ שֶׁאָכַל יַנַּאי וַחֲבֵרָיו מִשֶּׁלּוֹ (געלויבט איז דער וואס ינאי און זיינע גענאסען האבען פון זיינס געגעסען 9)?! האט ער דעם כוס אויסגעטרונקען און מען האט איהם געגעבען אן אנדער כוס און ער האט געבענשט. האט ר' אבא דער זוהן פון ר' חייא בר אבא געזאגט (אז ר' יוחנן האט גע־זאגט 10)): דאס וואס שמעון בן שטח האט געטהון האט ער נאר שטעלענדיג אויף זיך געטהון, ווארום אזוי האט ר' חייא בר אבא געזאגט אז ר' יוחנן האט געזאגט: מען קאן ניט אנדערש מוציא זיין א רבים [זייער פליכט] סיידען מען האט געגעסען א כזית קארן (שפייזען) 11). האט מען דערויף גע־פרעגט 12): רבן שמעון בן גמליאל זאגט: אז איינער זעצט זיך צום טיש ווערט ער מיטגערעכענט אפילו אז ער האט נאר עפעס איינגעטונקט אדער ער האט ניט מעהר געגעסען ווי איין געטריקענטע פייג 13)! — מיטגערעכענט ווערט ער טאקע, אבער מוציא זיין א רבים [זייער פליכט] (קאן ער ניט) סיידען ער האט געגעסען א כזית קארן (שפייזען). עס איז אויך געזאגט געווארען אז רב חנא בר יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רבא: אפילו אז מען האט נאר (ב') עפעס איינ־געטונקט אדער מען האט נאר געגעסען איין געטריקענטע פייג ווערט מען מיטגערעכענט, אבער מוציא זיין א רבים [זייער פליכט] קאן מען ניט אנדערש [מוציא זיין] סיידען מען האט געגעסען א כזית קארן (שפייזען). רב חנא בר יהודה האט (אויך) געזאגט אין נאמען פון רבא: אז מען האט געגעסען א בלאט גרינס אדער געטרונקען א כוס ווייז ווערט מען מיטגערעכענט, אבער מוציא זיין קאן מען ניט [מוציא זיין] סיידען מען האט געגעסען א כזית קארן (שפייזען).

רב נחמן האט געזאגט: משה האט איינגעפיהרט ביי אידען „ברכת הזן" בשעת דער מן איז פאר זיי געפאלען, יהושע האט פאר זיי איינגעפיהרט די „ברכת הארץ" ווען זיי זיינען אריינגעקומען קיין ארץ (ישראל), דוד און שלמה האבען איינגעפיהרט „בונה ירושלים", (נעמליך) דוד האט איינ־געפיהרט „עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ 14)" און שלמה האט איינגעפיהרט „עַל הַבַּיִת הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ 15)", „הטוב והמטיב" האט מען איינגעפיהרט אין יבנה 16) אנט־קעגען די הרוגים פון ביתר 17), ווארום רב מתנא האט גע־זאגט 18): „דעם טאג וואס מען האט ארויסגעגעבען די הרוגים פון ביתר פאר קבורה האט מען אין יבנה מתקן געווען „הטוב והמטיב„ — „הטוב" וואס זיי זיינען ניט צערפוילט געווארען, „והמטיב" וואס מען האט זיי ארויסגעגעבען פאר קבורה.

די רבנן האבען געלערנט: דער סדר פון בענשען איז אזוי: די ערשטע ברכה איז „ברכת הזן", די צווייטע איז „ברכת הארץ", די דריטע איז „בונה ירושלים", די פערטע איז „הטוב והמטיב", און שבת פאנגט מען אן מיט נחמה און מען שליסט מיט נחמה 19), אבער מען זאגט די

פירוש.

1) דאסווארט ו ד א י איז דא איבעריג, און די מפרשים מאטערן זיך דאס צו ערקלעהרען ס); אין דעם מינכענער כ"י פעהלט עס אבער. 2) ביי זיבען אדער אכט. 3) טא פארוואס זאל ביי זעקס גאר קיין פראגע ניט זיין? 4) ר' זירא.

5) זעה „פירוש" ז. 106 נומ. 19. 6) דער קעניג. 7) משלי ד' ח'. 8) ינאי איז געווען א פאנאטישער צדוקי און האט גרויזאם גערודפט די פרושים, ווייל זיי האבען איהם געוואלט פסלן פון כהונה (זעה קדושין ס"ו א'). אין דיזען זאץ ליעגט א פארענטפערונג פונם קעניג געגענאי־בער שמעון בן שטח פאר זיין פארפאלגונגס פאליטיק געגען די פרושים סס). 9) ווייל שמעון בן שטח האט דאך ניט מיטגעגעסען. 10) דאס פעהלט אין מינכענער כ"י, און ווערט באטראכט אלס א דרוקפעהלער. 11) הגם דיזער שעור איז נאר מדרבנן. 12) פון א בריתא. 13) זעה ז. 149.

14) ווייל ער האט געשאפען די אידישע פאלקסאייגהייט און גע־מאכט ירושלים פאר די הויפט־שטאדט. 15) ווייל ער האט געבויט דעם בית המקדש. 16) זעה „פירוש" ז. 106 נומ. 3. 17) א פעסטונג ניט ווייט פון ירושלים וועלכע איז געווען דער לעצטער שטאנד פון בר כוכבא מיט זיין ארמיי אין זייער רעוואלוציע געגען די רוימער און וואו די רוימער האבען געמאכט א שרעקליכע שחיטה נאכדעם ווי די פעסטונג איז גע־פאלען (אין אב 65 יאהר נאכן צווייטען חורבן). די רוימער האבען א לאנגע צייט ניט ערלויבט די געפאלענע מקבר צו זיין. 18) תענית ל"א א' און בבא בתרא קכ"א ב'.

19) אן אנדער נאמען פאר דער ברכה „בונה ירושלים", ווייל אין איהרע ביידע טיילען (רַחֵם נָא אא"ו, וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם אא"ו), ווערט געבעטען

ס) אין „סמיכת חכמים" ווערט זאגאר געבראכט א מיינונג אז ו ד א י איז א ראשי תיבות פון וד' אכלו ירק (און פיער האבען געגעסען גרינס).

סס) פיליכט איז דאס אבער א פארטייטשונג פון שמעון בן שטח'ס רייד, וועלכער ערקלערט אלס פארטרעטער פון די פרושים אז זיי אנערקענען נאך אלץ ניט זיין אויטאריטעט, פיליכט דארף שטעהן „אמר לה" אנשטאט „א מ ר ל י ה", און דאס איז א פארענטפערונג מצד דעם קעניג, פראוואצירט דורך שמעון בן שטח'ס טראציגע רייד, געגענאיבער דער קעניגין, וועלכע איז געווען אויף דער זייט פון די פרושים און האט איהם תמיד בעאיינפלוסט צו זייער גונסטען.

ר׳ זירא האָט געזאָגט צו רב חסדא: זאָל דער רבי קומען און אונטערריכטען! האָט ער איהם געענטפערט: איך האָב זיך נאָך ניט אויסגעלערנט בענטשען און איך זאָל שוין אונטערריכטען! רופט ער זיך אָן: וואָס הייסט? האָט ער איהם געענטפערט: ווייל מיר איז אויסגעקומען צו זיין ביים ריש גלותא און איך האָב געבענשט ברכת המזון, האָט ר׳ ששת אויף מיר פאַרריסען זיין האַלז ווי אַ שלאַנג. פאַרוואָס? ווייל איך האָב ניט געזאָגט ניט ב ר י ת און ניט ת ו ר ה און ניט מ ל כ ו ת. — פאַרוואָס האָסטו טאַקע ניט געזאָגט? — (ווייל איך האָב געהאַלטען) ווי דאָס וואָס רב חננאל האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט, וואָרום רב חננאל האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: אַז מען האָט ניט געזאָגט ב ר י ת אָדער ת ו ר ה אדער מ ל כ ו ת האָט מען יוצא געווען; ב ר י ת, ווייל דאָס איז ניט שייך ביי פרויען, ת ו ר ה און מ ל כ ו ת, ווייל דאָס איז ניט שייך ניט ביי פרויען און ניט ביי שקלאַפען. — האָסטו, הייסט עס, אַלע תנאים און אמוראים געלאָזען און האָסט געטהון ווי רב?!

רבה בר בר חנה האָט געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: אין „הטוב והמטיב" איז נויטיג מ ל כ ו ת. — וואָס וויל ער אונז דערמיט לערנען? אַז אַ ברכה אין וועלכער עס איז ניטא קיין מ ל כ ו ת איז קיין ברכה ניט?! האָט דאָך ר׳ יוחנן דאָס שוין איינמאָל געזאָגט 1)! האָט ר׳ זירא געזאָגט: דאָס מיינט צו זאָגען אַז עס איז דעריין נויטיג צוויי מאָל מ ל כ ו ת 2), איינמאָל צוליב זיך זעלבסט 3) און איינמאָל צוליב „בונה ירושלים" 4). — אויב אַזוי דאַרף מען דאָך האָבען דריי מאָל: איינמאָל צוליב זיך זעלבסט און איינמאָל צוליב „בונה ירושלים" און איינמאָל צוליב „ברכת הארץ" 5)? נאָר פאַר וואָס איז עס ניטא אין „ברכת הארץ"? ווייל דאָס איז אַ ברכה וואָס שטעהט אונמיטעלבאַר נאָך אַן אַנדערער! איז דאָך אין „בונה ירושלים" אויך ניט נויטיג, ווייל דאָס איז דאָך אויך אַ ברכה וואָס שטעהט אונמיטעלבאַר נאָך אַן אַנדערער! — אייגענטליך איז טאַקע אין „בונה ירושלים" אויך ניט נויטיג, נאָר ווייל מען דערמאָהנט (דאָרט) „מלכות בית דוד" פאַסט דאָס נים אַז מען זאָל ניט דערמאָהנען מלכות שמים. רב פפא האָט געזאָגט: אַזוי האָט ער 6) געזאָגט: עס איז דעריין נויטיג צוויי מאָל מ ל כ ו ת אַחוץ צוליב זיך זעלבסט 7).

ר׳ זירא איז געזעסען הינטער רב גידל, און רב גידל איז געזעסען פאַר רב הונא [איז ער געזעסען] און האָט געזאָגט: אַז מען האָט געמאַכט אַ טעות און מען האָט ניט דערמאָהנט פון שבת 8), זאָגט מען: „בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה לְאוֹת וְלִבְרִית, בָּרוּךְ מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת (געלויבט איז דער וואָס האָט געגעבען שבתים פאַר אַ רוה צו זיין פאָלק ישראל אין ליעבשאַפט פאַר אַ צייכען און אַ בונד; געלויבט איז דער וואָס האָט געהייליגט שבת)". האָט ער 9) איהם געפרעגט: ווער האָט עס געזאָגט? האָט ער געענטפערט: רב. איז ער ווייטער געזעסען און האָט געזאָגט: אַז מען האָט געמאַכט אַ טעות און מען האָט ניט דערמאָהנט פון יום טוב, זאָגט מען: „ברוך שנתן ימים טובים לעמו ישראל לְשִׂמְחָה וּלְזִכָּרוֹן, ברוך מקדש ישראל וְהַזְּמַנִּים (געלויבט אא"וו פאַר פרייד און אַן אנדענק אא"וו)". האָט ער איהם געפרעגט: ווער האָט עס געזאָגט? האָט ער געענטפערט: רב. איז ער ווייטער געזעסען און האָט געזאָגט: אַז מען האָט געמאַכט אַ טעות און מען האָט ניט דערמאָהנט פון ראש חדש, זאָגט מען: „ברוך שנתן ראשי חדשים לעמו ישראל לזכרון". איך 10) ווייס אָבער ניט צו ער 11) האָט דערביי דערמאָהנט „שמחה" אָדער ניט [דערמאָהנט „שמחה"], צו ער האָט דאָס געשלאָסען 12) אָדער ניט [געשלאָסען], צו עס איז געווען זיינס אָדער זיין רבי׳ס.

גדל בר מניומי איז געשטאַנען פאַר רב נחמן, האָט רב נחמן אַ טעות געמאַכט (ב׳) און האָט ווידער אָנגעפאַנגען פון אָנהויב 13). האָט ער איהם געפרעגט: פאַרוואָס האָט דער רבי אַזוי געטהין? האָט ער איהם געענטפערט: ווייל ר׳ שילא האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט אַז אויב מען האָט געמאַכט אַ טעות הויבט מען ווידער אָן פון אָנפאַנג. — אבער רב הונא האָט דאָך געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט אז אויב מען האָט געמאַכט אַ טעות זאָגט מען „ברוך שנתן"? האָט ער איהם געענטפערט: איז דען ניט מכח דעם געזאָגט געוואָרען אַז רב מנשיא בר תהליפא האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט געוואָרען אַז מען האָט נאָך ניט אָנגעפאַנגען „הטוב והמטיב", אָבער אויב מען האָט שוין אָנגעפאַנגען „הטוב והמטיב" הויבט מען ווידער אָן פון אָנפאַנג?!

רב אידי בר אבין האָט געזאָגט אַז רב עמרם האָט געזאָגט און ער ווידער האָט געזאָגט אַז רב נחמן האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: אַז איינער האָט געמאַכט אַ טעות און האָט ניט דערמאָהנט פון ראש חדש אין שמונה עשרה מאַכט מען איהם איבערזאָגען 14), אָבער אין בענשען מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען. האָט רב אבין 15) געפרעגט רב עמרם׳ן: פאַרוואָס זאָל שמונה עשרה אַנדערש זיין פון בענשען? האָט ער איהם געענטפערט: מיר איז דאָס אויך קשה געווען, האָב איך דאָס געפרעגט רב נחמן׳ן, האָט ער מיר געענטפערט: פון דעם רבי אַליין, פון שמואל׳ן, האָב איך גאָרניט געהערט, אָבער לאָמיר זעלבסט זעהן: ביי שמונה עשרה מאַכט מען איהם איבערזאָגען, ווייל דאָס איז אַ חוב, אָבער ביים בענשען מאַכט מען איהם ניט איבערזאָגען, ווייל אַז מען וויל עסט מען און אז מען וויל ניט עסט מען ניט. — אויב אַזוי, האָט מען דאָך ביי שבתים און ימים טובים, וואו עס גענוגט ניט (דער טעם) וואָס מען עסט ניט 16), אויך געדאַרפט איי־

פירוש.

1) זעה ז, 43 און 147. 2) „אבינו מלכנו" אא"וו „המלך הטוב אא"וו". 3) ווייל אין יעדער ברכה מוז זיין מלכות. 4) ווייל דאָרט פעהלט מלכות. 5) ווייל דאָרט פעהלט אויך מלכות. 6) ר׳ זירא. 7) „ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם האל אבינו מלכנו אא"וו המלך הטוב אא"וו".
8) „רצה והחליצנו" אין „בונה ירושלים". 9) רב הונא. 10) ר׳ זירא זאָגט עס. 11) רב גידל. 12) מיט „ברוך מקדש ישראל וראשי חדשים".
13) פון בענשען.
14) פון אָנהויב שמונה עשרה אָן. 15) ריכטיגער רב אידי בר אבין.
16) ווייל שבת און יום טוב טאָר מען דאָך ניט פאַסטען.

דאָס 1) איז ניט נויטיג, ווייל אַזוי ווי עס שטעהט „טובה" און „הטובה"2), מיינט „טובה" די תורה, ווארום עס שטעהט 3): „ווייל איך האָב אייך געגעבען אַ גוטע לעהרע", און „הטובה" מיינט „בונה ירושלים", ווארום עס שטעהט: „דיזער גוטער באַרג און דער לבנון".

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: ר׳ אליעזר זאָגט: דער וואָס האָט ניט געזאָגט „אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה וּרְחָבָה (דאָס שעהנע, גוטע און באַקוועמע לאַנד)" אין „ברכת הארץ" אָדער „מַלְכוּת בֵּית דָּוִד" אין „בונה ירושלים" האָט זיין פליכט ניט יוצא געווען. נחום הזקן זאָגט: מען דאַרף אין איהר 4) דערמאָהנען ברית 5): ר׳ יוסי זאָגט: מען דאַרף אין איהר דערמאָהנען תורה 6). פלימו זאָגט: מען דאַרף ברית דערמאָהנען פאַר תורה 7), ווייל דיזע איז געגעבען געוואָרען דורך דריי בריתן (מ״ט א׳) און יענע איז געגעבען געוואָרען דורך דרייצעהן בריתן 8). ר׳ אבא זאָגט: מען דאַרף אין איהר זאָגען אַ דאַנק אין אָנהויב און צום סוף 9), און ווער עס זאָגט ווייניגער זאָל ניט זאָגען ווייניגער ווי איינמאָל, און ווער עס זאָגט ווייניגער ווי איינמאָל איז מאוס, און ווער עס שליסט „ברכת הארץ" מיט „מַנְחִיל אֲרָצוֹת (וואָס פאַרערבט לענדער)" אָדער „בונה ירושלים" מיט „מוֹשִׁיעַ אֶת יִשְׂרָאֵל (וואָס העלפט אידען)" איז אַ בור 10), און דער וואָס זאָגט ניט ברית און תורה אין „ברכת הארץ" און „מלכות בית דוד" און „בונה ירושלים" האָט זיין פליכט ניט יוצא געווען. — דאָס איז אַ שטיצע פאַר ר׳ אילעא, וואָרום ר׳ אילעא האָט געזאָגט אַז ר׳ יעקב בר אחא האָט געזאָגט אין נאָמען פון אונזער רבי 11): ווער עס האָט ניט געזאָגט ברית און תורה אין „ברכת הארץ" און „מלכות בית דוד" אין „בונה ירושלים" האָט זיין פליכט ניט יוצא געווען.

אבא יוסי בן דוסתאי און די רבנן זיינען מחולק; איינער זאָגט אַז אין „הטוב והמטיב" איז נויטיג (צו זאָגען) מלכות 12), און דער אנדערער זאָגט אַז מלכות איז דעריין ניט נויטיג. דער וואָס האָט געזאָגט אַז מלכות איז נויטיג האַלט אַז דאָס איז מדרבנן 13), און דער וואָס האָט געזאָגט אַז מלכות איז ניט נויטיג האַלט אַז דאָס איז מדאורייתא 14).

די רבנן האָבען געלערנט: ווי שליסט מען „בונה ירושלים"? ר׳ יוסי דער זוהן פון ר׳ יהודה זאָגט: „מושיע ישראל". — „מושיע ישראל" יאָ און „בונה ירושלים" ניט 15)?! נאָר מען קאָן אויך זאָגען „מושיע ישראל" 16). — רבה דעם זוהן פון רב הונא איז אויסגעקומען צו זיין ביים ריש גלותא, האָט ער אָנגעפאַנגען 17) מיט איינער 18) און געשלאָסען מיט ביידע 19). האָט ר׳ חסדא געזאָגט: עס איז אַ דרייסטקייט צו שליסען מיט ביידע, וואָרום אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: רבי זאָגט: מען שליסט ניט מיט צוויי.

עס שטעהט פריהער: „רבי זאָגט: מען שליסט ניט מיט צוויי". האָט לוי רבי'ן דערויף געפרעגט: „על הארץ ועל המזון"?! — פאַר די ערד וואָס גיט אַרויס שפייז 20). — „על הארץ ועל הפירות"?! — פאַר די ערד וואָס גיט אַרויס פירות. — „מקדש ישראל והזמנים"?! — ישראל וואָס הייליגט די צייטען. — „מקדש ישראל וראשי חדשים"?! — ישראל וואָס הייליגט ראשי חדשים. — „מקדש השבת 21) ישראל והזמנים"?! — אַ חוץ דיזע 22). — אָבער פאַרוואָס זאָל דאָס אַנדערש זיין 23)? — דאָ איז עס איינס, אָבער דאָרט זיינען עס צוויי און יעדע איז אַ זאַך פאַר זיך 24). — און פאַר וואָס שליסט מען ניט מיט צוויי? ווייל מען מאַכט ניט פון די מצוות קיין פעקלעך 25). — אַלזא ווי בלייבט עס? האָט רב ששת געזאָגט: האָט מען אָנגעפאַנגען מיט „רחם על עמך ישראל", שליסט מען „מושיע ישראל", האָט מען אָנגעפאַנגען מיט „רחם על ירושלים", שליסט מען מיט „בונה ירושלים". רב נחמן אָבער האָט געזאָגט: אפילו אַז מען האָט אָנגעפאַנגען מיט „רחם על ישראל", שליסט מען מיט „בונה ירושלים", ווייל עס שטעהט 26): „גאָט בויט ירושלים, די פאַרוואָרפענע פון ישראל וועט ער צונויפקלייבען" (ד"ה), ווען בויט גאָט ירושלים? ווען ער וועט צונויפקלייבען די פאַרוואָרפענע פון ישראל 27).

פירוש.

באַרעמהערציגקייט) פון גאָט און „אלהים" די מדת הדין (די שטרענגע גערעכטיגקייט). 1) דער קל וחומר פון ר׳ ישמעאל. 2) דברים ח׳ ח׳ און י׳, איינמאָל מיט דעם באַשטימטען אַרטיקעל און איינמאָל אהן אַן אַרטיקעל. 3) משלי ד׳ ב׳.

4) אין „ברכת הארץ". 5) דעם בונד (דורך די מצוה פון מלה) וואָס גאָט האָט געשלאָסען מיט אברהם אבינו, ווייל אין דיזען בונד האָט גאָט איהם צוגעזאָגט ארץ ישראל (בראשית י״ז ח׳). 6) ווייל צוליבן אָפּהיטען די תורה איז ארץ ישראל צוגעזאָגט געוואָרען צו די אידען (דברים ח׳ א׳). 7) „וְעַל בְּרִיתְךָ שֶׁחָתַמְתָּ בִּבְשָׂרֵנוּ וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ (און פאַר דיין בונד וואָס דו האָסט געשטעמפּעלט אין אונזער לייב און פאַר דיין תורה וואָס דו האָסט אונז געלערנט)". 8) די תורה איז געגעבען געוואָרען אויפן באַרג סיני און איבערגעחזרט געוואָרען אין אהל מועד און נאָך אַמאָל איבערגעחזרט געוואָרען אין דער וויסטעניש פון מואב (זעה סוטה ל״ז ב׳), און אין דער פרשה פון מילה (בראשית י״ז) ווערט ברית דרייצעהן מאָל דערמאָהנט. 9) „נוֹדֶה לְךָ אא״וו, וְעַל הַכֹּל ה׳ אֱלֹהֵינוּ אֲנַחְנוּ מוֹדִים לָךְ". 10) ווייל רער שלום פון דער ברכה איז אַנדערש ווי איהר אינהאַלט. 11) רב.

12) „מלך העולם". 13) און איז אַ ברכה פאַר זיך, וואָרום אַז דאָס וואָלט געהערט צו ברכת המזון איז עס דאָך אַ ברכה וואָס שטעהט אונמיטעלבאַר נעבען אַן אַנדערער און קאָן דערפאַר ניט אָנגעפאַנגען מיט „ברוך" (זעה ז, 163). 14) אָבער זייענדיג קורץ און ניט האָבענדיג קיין שלום איז דאָס ווי די ברכות איבער פירות און מצוות און מעג אָנפאַנגען מיט „ברוך" הגם שטעהענדיג אונמיטעלבאַר נעבען אַן אַנדער ברכה.

15) וועלכעס איז דאָך דער אייגענטליכער אינהאַלט פון דיזער ברכה. 16) ד"ה מען איז יוצא אויב מען האָט בדיעבד געשלאָסען מיט „מושיע ישראל" אנשטאָט „בונה ירושלים", ווייל די הילף פון די אידען איז ווי דאָס אויפבויען פון ירושלים. 17) די ברכה „בונה ירושלים". 18) ניט מיט „רחם ה׳ אלהינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך", נאָר מיט איינער פון זיי. 19) „מושיע ישראל ובונה ירושלים".

20 און 27) אם כן איז דאָס נאָר איינס. 21) ד"ה מילא ראשי חדשים און ימים טובים זיינען אָפּהענגיג פון דער באַשטימונג פון בית דין, דערפאַר קאָן מען זאָגען אַז דאָס איז איינס, אָבער שבת איז דאָך לכתחלה פון גאָט באַשטימט געוואָרען פאַר אַלע צייטען. 22) ד"ה דאָס איז טאַקע אַן אויסנאַהם. 23) ד"ה פאַרוואָס זאָל אויך „מושיע ישראל ובונה ירושלים" ניט זיין אַן אויסנאַהם? 24) ד"ה אין „מקדש השבת אא"וו" איז נאָר דאָ איין פרעדיקאַט (מקדש) וועלכער באַציהט זיך אויף אַלע אָביעקטיווען פון דער ברכה, דערפאַר איז דאָס איין זאַך, אָבער דאָרט זייגען דאָ צוויי פרעדיקאַטען (מושיע, בונה), איז דאָס ווי צוויי באַזונדערע זאַצען. 25) וואָס מען בינדט צוזאַמען כדי וואָס שנעלער אָבפטרן. 26) תהלים קמ״ז ב׳.

נאָר מסתמא איז דערפֿון געדרונגען אַז „נברך" איז בעסער. אַזוי איז טאַקע געדרונגען! — אין אַ בריתא ווערט אויך אַזוי געלערנט 1): „סיי ער האָט געזאָגט „ברכו" סיי ער האָט געזאָגט „נברך" פֿאַרנעהמט מען זיך ניט צו איהם צוליב דעם, אָבער די וואָרט קלייבער וועלען זיך יאָ פֿאַרנעהמען צו איהם צוליעב דעם". — „און 2) פֿון די ברכות פֿון אַ מענש קאָן מען דערקענען צו ער איז אַ תלמיד חכם צו נייןּ". ווי אַזוי? רבי זאָגט: (דער וואָס זאָגט) „ובטובו" איז אַ תלמיד חכם (און דער וואָס זאָגט) „ומטובו" איז אַ בור 3). האָט אביי געפֿרעגט רב דימי'ן: עס שטעהט דאָך געשריבען 4): „און פֿ ו ן דיין ברכה זאָל געבענשט ווערען דאָס הויז פֿון דיין קנעכט אויף אייביג"! — אין אַ בקשה איז אַנדערש 5). — ביי אַ בקשה שטעהט דאָך אויך געשריבען 6): „עפֿען דיין מויל ברייט אויף 7) און איך וועל איהם אָנפֿילען"! — דאָס באַציהט זיך אויף דברי תורה 8). — אין אַ בריתא ווערט געלערנט: רבי זאָגט: (ווער עס זאָגט) „ובטובו חיינו (און דורך זיין גוטס לעבען מ י ר)" איז אַ תלמיד חכם, (אָבער דער וואָס זאָגט „חיים (לעבען ז י י)" איז אַ בור 9). די נהרבלאי האָבען געלערנט 10) פֿאַרקעהרט 11), אָבער דער דין איז ניט ווי די נהרבלאי. — ר' יוחנן האָט געזאָגט: (ווער עס זאָגט) „נברך שאכלנו משלו" איז אַ תלמיד הכם, אָבער (דער וואָס זאָגט) „למי שאכלנו משלו" איז אַ בור 12). האָט רב אחא דער זוהן פֿון רבא געפֿרעגט רב אשי'ן: מיר זאָגען דאָך אָבער 13) „לְמִי שֶׁעָשָׂה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ אֶת כָּל הַנִּסִּים הָאֵלוּ (צו דעמיעניגען וואָס האָט אונזערע אבות און אונז אַלע דיזע נסים געטהון)"! — האָט ער איהם געענטפֿערט: ווייל דאָרט איז דייטליך אַז דער קב"ה איז דער וואָס האָט געטהון די נסים. — ר' יוחנן האָט געזאָגט: (ווער עס זאָגט) „ברוך שאכלנו משלו" איז אַ תלמיד חכם, אָבער (דער וואָס זאָגט) „על המזון שאכלנו" איז אַ בור 14). האָט רב הונא דער זוהן פֿון רב יהושע געזאָגט: דאָס איז נאָר געזאָגט געוואָרען ביי דריי, וואו גאָטס נאָמען איז ניטא, אָבער ביי צעהן וואו גאָטס נאָמען איז יאָ דאָ 15), איז עס דאָך דייטליך 16), ווי מיר האָבען געלערנט אין אונזער משנה: „ווי אַזוי ווערט געבענשט מען איהם: „ברוך ה' אלהינו אלהי ישראל אלהי צבאות יושב הכרובים על המזון שאכלנו" 17). „סיי ביי צעהן און סיי ביי צעהנטויזענד מאָל צעהן".

דאָס ענטהאַלט דאָך אַ ווידערשפּרוך אין זיך! אַז עס ווערט געזאָגט „סיי ביי צעהן סיי ביי צעהנטויזענד מאָל צעהן" זעהט עס דאָך אויס אַז דאָס איז איינס און דאָסזעלבע, און נאָכהער ווערט געלערנט: „ביי הונדערט זאָגט ער", „ביי טויזענד זאָגט ער", „ביי צעהנטויזענד זאָגט ער"! האָט רב יוסף געזאָגט: דאָס איז קיין פֿראַגע ניט, ווייל דאָס איז לויט ר' יוסי הגלילי און יענעס איז לויט ר' עקיבא, ווי מיר האָבען געלערנט אין אונזער משנה: „ר' יוסי הגלילי זאָגט: מען בענשט לויט דער גרויס פֿון דער פֿערזאַמלונג, ווארום עס שטעהט: „אין פֿערזאַמלונגען בענשט גאָט".

„האט ר' עקיבא געזאגט: ווי געפינען מיר אין שוהל אזוי"

אָבער וואָס טהוט ר' עקיבא מיט דעם פסוק פֿון ר' יוסי הגלילי? — ער דאַרף עס פֿאַר דאָס וואָס ווערט געלערנט אין אַ בריתא 18): „ר' מאיר פֿלעגט זאָגען: פֿון וואַנען איז געגומען אַז אפילו קינדער אין דער מיטערס בויך האָבען געזאָגט די שירה ביים ים 19)? ווייל עס שטעהט: „אין פֿערזאַמלונגען בענשט גאָט דעם האר פֿון דעם ק ו ו אַ ל 20) פֿון ישראל". — און דער אַנדערער 21)? — ער נעהמט עס 22) אַרויס פֿון דעם ק ו ו אַ ל 23). — רבא האָט געזאָגט: דער דין איז ווי ר' עקיבא. רבינא און רב חמא בר בווי איז אויסגעקומען צו זיין ביים ריש גלותא. איז רב חמא איפֿגעשטאַנען און האָט געזוכט הונדערט 24). האָט איהם רבינא געזאָגט: עס איז ניט נויטיג, ווייל רבא האָט געזאָגט אַז דער דין איז ווי ר' עקיבא.

רבא האָט געזאָגט: אַז מיר האָבען געשפּייזט ביים ריש גלותא פֿלעגען מיר בענשען זאַלבע דריט 25). — פֿאַרוואָס האָבען זיי בעסער ניט געבענשט זאַלבע צעהנט? — ווייל דער ריש גלותא וואָלט דערהערט 26) און עס וואָלט איהם פֿאַרדראָסען. — אָבער פֿאַרוואָס זאָלען זיי ניט יוצא זיין מיט דעם בענשען פֿונם ריש גלותא 27)? — ווייל אַלע האָבען געשריען 28) האָבען זיי ניט געקענט הערען.

רבה תוספאה 29) האָט געזאָגט: אַז דריי האָבען געגעס־

פירוש.

ביי דריי מוז מען דאָך זאָגען „נברך" און ניט „ברכו". 1) תוספתא פ"ה, אַן אַנדער באַווייז פֿאַר שמואל. 2) דאָרט פ"א. 3) ווייל „און פֿ ו ן זיין גוטס" קאָן אנדייטען אַז גאָט לאָזט אונז נאָר געניסען אַ טייל פֿון זיין גוטס. 4) שמואל ב' ז' כ"ט. 5) ווייל אַז מען בעט עפּעס פּאַסט ניט צו בעטען אַלין. 6) תהלים פ"א י"א. 7) ד"ה זיי ניט צו באַשיידען אין בקשות. 8) ווי מען קאָן זעהן פֿון די ווייטערדיגע פסוקים דאָרט. 9) ווייל ער שליסט זיך אויס פֿון כלל. 10) אין סנהדרין י"ח ב' ווערט ערקלעהרט אַז וואו עס שטעהט „נהרבלאי מתני" מיינט עס דעם אמורא רבי בר ברבי. 11) ווייל „ז י י לעבען" אָדער מ ע ן לעבט מיינט די גאַנצע וועלט. 12) ווייל לְמִי (דעמיעניגען) קאָן זיך באַציהען אויפֿן בעל הבית. 13) אין די סדר נעכט, אין „לפיכך". 14) ווייל ער דערמאָהנט ניט אַז די שפּייז איז פֿון גאָט (מִשֶּׁלוֹ). 15) „נברך אלהינו". 16) אַז עס איז פֿון גאָט. 17) און דאָרט פֿעהלט אויך „משלו", ווייל עס איז אהן דעם אויך דייטליך.

18) כתובות ז' ב' און סוטה ל' ב'. 19) שמות ט"ו. 20) דער מוטערס בויך איז געגליכען צו אַ קוואַל, ווייל דאָס קינד איז דאָרט פֿאַרבאָרגען ווי וואַסער אין אַ קוואַל. 21) ד"ה וואָס זאָגט ר' יוסי הגלילי צו דיזען דרש? 22) דעם דרש פֿון ר' מאיר. 23) און דאָס וואָרט „אין פֿערזאַמלונגען" פֿאַרווענדעט ער פֿאַר זיין אייגענעם דרש. 24) פּערזאָנען.

25) שטילערהייד, און בלייבען ביים טיש ביז דער ריש גלותא האָט געענדיגט די סעודה, וועלכע פֿלעגט זעהר לאַנג געדויערן. 26) ווייל ביי צעהן דאַרף מען הויך בענשען. 27) וויבאַלד זיי זיינען סיי ווי סיי געבליבען ביים טיש, האָבען זיי דאָך געקאָנט וואַרטען ביז ער וועט בענשען. 28) און ביים ריש גלותא איז געווען אַ גרויסער עולם.

29) אַ תלמיד פֿון רבינא און אַ חבר און נאָכפֿאָלגער פֿון רב אשי, לויט „דורות הראשונים" (ח"ג י') ווערט ער גערופֿען ת ו ס פ א ה, ווייל ער האָט מ ו ס י ף געווען צום ש"ס וועלכער איז אין זיין צייט רעדיגירט.

בערואָגנען, אויב מען האָט געמאַכט אַ טעות? האָט ער איהם געענטפֿערט: געוויס; ווארום ר' שילא האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט אַז אויב מען האָט געמאַכט אַ טעות הויבט מען ווידער אָן פֿון אנפֿאַנג. — אבער רב הונא האָט דאָך געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט אַז אויב מען האָט געמאַכט אַ טעות זאָגט מען „ברוך שנתן"? — איז דען ניט מכח דעם געזאָגט געוואָרען אַז דאָס איז נאָר גערעדט געוואָרען אויב מען האָט נאָך ניט אָנגעפֿאַנ־גען „הטוב והמטיב", אָבער אויב מען האָט שוין אנגעפֿאַנגען „הטוב והמטיב" הייבט מען ווידער אָן פֿון אָנפֿאַנג?!

„ביז וויפיעל דאַרף מען זיך באַטייליגען אין א מזומן אא"וו".

מען קאָן זאָגען אַז ר' מאיר האַלט אַ כזית און ר' יהודה ווי אַן איי. מיר האָבען דאָך אָבער פֿאַרקעהרט געהערט! ווארום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 1): „און אַזוי אז איינער איז ארויסגעגאַנגען פֿון ירושלים און האָט זיך דערמאהנט אַז ער האָט אין האַנד פֿלייש פֿון קדשים 2), איז אויב ער איז שוין אַריבער צופים 3), פֿאַרברענט ער עס אויפֿן אָרט, און אויב נאָך ניט, קעהרט ער זיך אום און פֿאַרברענט עס פֿאַר דער בירה 4) מיט די האָלץ פֿון מזבח. ווענען וויפֿיעל דאַרף מען זיך אומקעהרען? זאָגט ר' מאיר אַז ביי ביי־דע 5) ביז ווי אַן איי, און ר' יהודה זאָגט אַז ביי ביידע ביז אַ כזית". — האָט ר' יוחנן געזאָגט: מען דאַרף די מיינונגען פֿאַרבייטען 6). אביי האָט געזאָגט: עס איז גאָר ניט נויטיג צו פֿאַרבייטען, נאָר דאָ זיינען זיי מחולק אין (דער באַדייטונג פֿון) פסוק: ר' מאיר האַלט אַז „און ווען דו וועסט עסען" מיינט עסען, „און זאַט ווערען" מיינט טרינקען, און עסען הייסט שוין אַ כזית, און ר' יהודה האַלט אַז „ווען דו וועסט עסען און זאַט ווערען" מיינט אַן עסען וואָס מען קאָן שוין דערמיט זאַט ווערען, און וואָס איז עס? ווי אַן איי; און דאָרט זיינען זיי מחולק אין אַ סברא: ר' מאיר האַלט אַז דאָס אומקעהרען זיך דאַרף זיין ווי די טומאה (פֿעהיגקייט), און אַזוי ווי דאָס קאָן נאָר טמא ווערען ווען עס איז (די גרויס) ווי אַן איי אַזוי דאַרף דאָס אומקעהרען זיך אויך זיין ווענען (די גרויס) ווי אַן איי, און ר' יהודה האַלט אַז דאָס אומקעהרען זיך דאַרף זיין ווי דער איסור דערפֿון, און אַזוי ווי דער איסור דערפֿון איז שוין אַ כזית אַזוי דאַרף דאָס אומקעהרען זיך אויך שוין זיין ווענען אַ כזית.

משנה ב'.

ווי בענשט מען במזומן? ביי דריי זאָגט ער 7) „נברך (לאמיר בענשען!)", ביי דריי אחוץ איהם זאָגט ער „ברכו (בענשט!)" 8); ביי צעהן זאָגט ער „נברך אלהינו", ביי צעהן אחוץ איהם זאָגט ער „ברכו" 9); סיי ביי צעהן און סיי ביי צעהן טויזענד מאל צעהן 10). ביי הונדערט זאָגט ער „נברך ה' אלהינו", ביי הונדערט אחוץ איהם זאָגט ער „ברכו"; ביי טויזענד זאָגט ער „נברך לה' אלהינו אלהי ישראל", ביי טויזענד אחוץ איהם זאָגט ער „ברכו"; ביי צעהנטויזענד זאָגט ער „נברך לה' אלהינו אלהי ישראל אלהי צְבָאוֹת יוֹשֵׁב הַכְּרוּבִים עַל הַמָּזוֹן שֶׁאָכַלְנוּ (לאמיר בענשען אא"וו וואס טראהנט איבער די כרובים 11) פאר די שפייז וואס מיר האבען גענעסען)", ביי צעהנטויזענד אחוץ איהם זאגט ער „ברכו". גענוי אין דערזעלבער פראזע ווי ער בענשט אזוי ענטפערט מען איהם: „ברוך ה' אלהינו אלהי ישראל אלהי צבאות יושב הכרובים על המזון שאכלנו". ר' יוסי הגלילי זאגט: מען בענשט לויט דער גרויס פון דער פערזאמלונג 12), ווארום עס שטעהט 13): „אין פערזאמלונגען 14) בענשט גאט דעם האר פון דעם קוואל פון ישראל". האט ר' עקיבא געזאגט: ווי געפֿי־נען מיר אין שוהל? סיי עס איז דא אסך סיי עס איז דא ווייניג 15) זאגט מען „ברכו את ה'". ר' ישמעאל זאגט 16): „ברכו את ה' המבורך".

גמרא.

שמואל האָט געזאָגט: אַ מענש זאָל זיך קיינמאָל ניט אויסשליסען פֿון בלל 17). מיר האָבען דאָך אָבער געלערנט אין אונזער משנה: „ביי דריי אַחוץ איהם זאָגט ער „ברכו"! — זאָג (נ' א') אויך „ברכו", אָבער פֿון דעסטוועגען איז „נברך" בעסער, ווארום רב אדא בר אהבה האָט געזאָגט אַז אין רב'ס ישיבה האָט מען געזאָגט 18): עס יוערט געלערנט אין דער משנה 19): „זעקס מעגען זיך צושיידען 20), ביז צעהן" 21), איז אויב מיר זאָגען אַז „נברך" איז בעסער, מע־גען זיי זיך צוטיילען 22), אבער אויב מיר זאָלען זאָגען אַז „ברכו" איז בעסער, פֿאַרוואָס זאָלען זיי זיך מעגען צוטיילען 23)?

פירוש.

1) פסחים מ"ט א' און פ"א ב'. 2) וועלכעס ווערט פסול אין דעם מאָמענט וואס עס געפֿינט זיך אויסערהאַלב דער שטאָדט מויער. 3) אַן אָרט נעבען ירושלים, פֿון וואַנען מען קאָן נאָך זעהן דעם בית המקדש. 4) אן אָרט אויפֿן באַרג פֿון בית המקדש, וואו די פסול געוואָרענע קדשים קלים פֿלעגען פֿאַרברענט ווערען, ווייל זיי מוזען פֿאַרברענט ווע־רען דאָרט וואו זיי ווערען געגעסען. 5) אי בנוגע צו פֿלייש פֿון קדשים אי בנוגע צו חמין וואָס מען האָט זיך דערמאָהנט געהענדיג קוילענען דעם קרבן פסח אַז מען האָט געלאָזען צו הויז, און וועלכעס די ערשטע העלפֿט פֿון דער ציטירטער משנה בעהאַנדעלט. 6) ד"ה דאָס וואָס ר' מאיר זאָגט דאַרף געזאָגט ווערען אין נאָמען פֿון ר' יהודה און פֿאַרקעהרט, וועט ניט זיין קיין סתירה צווישען אונזער משנה און דער משנה אין פסחים.

7) דער וואָס בענשט. 8) ווייל אָהן איהם איז דאָך אויך דאָ די נויטיגע צאָהל. 9) אלהינו אא"וו. 10) די גמרא שטעלט פֿעסט אַז דאָס איז די מיינונג פֿון רבי עקיבא, ר' יוסי הגלילי אָבער דיפֿערענצירט נאָך וויטער צווישען הונדערט און טויזענד און צעהנטויזענד. 11) איינער פֿון די העכסטע קלאַסען פֿון מלאכים. 12) דערפֿאַר מאַכט ער דיזע אונטער־שידען. 13) תהלים ס"ח כ"ז. 14) ד"ה לויט די פֿערזאמלונגען. 15) בלויז צעהן. 16) אַז דער שליח צבור דאַרף שטענדיג זאָגען.

17) ד"ה אז עס איז שטענדיג בעסער צו זאָגען „נברך" ווי „ברכו". 18) אין סנהדרין י"ח ב' ווערט ערקלעהרט אַז אונטער „אמרי בי רב" ווערט געמיינט רב המנינא. 19) אין דער פֿאָלגענדער משנה. 20) אויף צוויי פֿאַרטיעס און בענ־שען במזומן פֿאַרזיך. 21) אָבער ניט צעהן, ווייל ביי צעהן בענשט מען „נברך אלהינו". 22) ווייל עס ווערט פֿון זיי צוויי פֿאַרטיעס צו דריי. 23) ווארום

וואָס שמואל האָט געזאָגט 1): „אַ מענש מעג טהון מיט ברויט אַלץ וואָס ער דאַרף"?—נאָך וועמען?! נאָך ר' אליעזר 2). ר' יוסי דער זוהן פון ר' חנינא האָט געזאָגט: די חכמים זיינען מודה צו ר' אליעזר ביי אַ כוס של ברכה אַז מען טאָר דעריבער קיין ברכה ניט מאַכען סיידען מען האָט אין איהם אַריינגעטהון וואַסער. פאַרוואָס? האָט רב אושעיא געזאָגט: ווייל ביי אַ מצוה פאָדערט זיך דאָס בעסטע. — אָבער צו וואָס טויג ער 3) נאָך די רבנן? האָט ר' זירא געזאָגט: ער טויג פאַר קורייטי 4).

די רבנן האָבען געלערנט 5): פיער זאַכען זיינען געזאָגט געוואָרען בנוגע צו ברויט: מען לעגט נישט קיין רויה פלייש אויף ברויט 6), און מען נעהמט ניט אַריבער קיין פולען כוס איבער ברויט 7), און מען וואַרפט ניט קיין ברויט 8), און מען שפאַרט ניט אָן קיין שיסעל אויף ברויט 9). — אמימר און מר זוטרא און רב אשי האָבען צוזאַמען געגעסען. האָט מען פאַר זיי געבראַכט טייטלען און מילגרוימען. האָט מר זוטרא גענומען און צוגעוואָרפען אַ פאַרציע צו רב אשי. האָט ער איהם געפרעגט: האַלט דער רבי ניט פון דאָס וואָס מיר האָבען געלערנט אין אַ בריתא: מען טאָר ניט וואַרפען קיין עסענוואַרג? — דאָס איז (נאָר) געלערנט געוואָרען ווענען ברויט. — עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ בריתא: אַזוי ווי מען טאָר ניט וואַרפען קיין ברויט, אַזוי טאָר מען ניט וואַרפען קיין (אַנדערע) עסענוואַרג! — האָט ער איהם געענטפערט: עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַן (אַנדער) בריתא: הגם מען טאָר ניט וואַרפען קיין ברויט, מעג מען אָבער (אַנדערע) עסענוואַרג יאָ וואַרפען! — עס איז אָבער קיין קשיא ניט 10), ווייל דאָס 11) איז ביי זאַכען וואָס ווערען כליה 12) און יענעס איז ביי זאַכען וואָס ווערען ניט כליה 13).

די רבנן האָבען געלערנט 14): „מען לאָזט לויפען פאַר חתן כלה וויין אין רעהרען און מען וואַרפט פאַר זיי געבראָטענע זאַנגען און ניס 15) אין זומער 16) אָבער נים אין דער רעגען צייט, אָבער (מען וואַרפט) ניט קיין קיכלעך ניט אין זומער 17) און נים אין דער רעגען צייט".

רב יהודה האָט געזאָגט: אַז מען האָט פאַרגעסען, און אַריינגעטהון עסענוואַרג אין מויל אַריין אָהן אַ ברכה זאָל מען דאָס אַוועקלעגען אויף איין זייט 18) און מאַכען אַ ברכה. אין איין בריתא ווערט געלערנט אַז מען זאָל דאָס אַראָפּשלינגען און אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט אַז מען זאָל דאָס אויסשפּייען און אין אַ דריטער בריתא ווערט געלערנט אַז מען זאָל דאָס אַוועקלעגען אויף איין זייט! עס איז אָבער קיין קשיא ניט, ווייל דאָס וואָס ווערט געלערנט אַז מען דאַרף דאָס אַראָפּשלינגען איז ביי געטרענקען, און דאָס וואָס ווערט געלערנט אַז מען זאָל דאָס אויסשפּייען איז ביי זאַכען וואָס ווערען ניט כליה, און דאָס וואָס ווערט געלערנט אַז מען זאָל דאָס אַוועקלעגען אויף איין זייט איז ביי זאַכען וואָס ווערען יאָ כליה. — (נ"א א') אָבער זאַכען וואָס ווערען ניט כליה קאָן מען דאָך אויך אַוועקלעגען אויף איין זייט און מאַכען אַ ברכה? האָט רב יצחק קסקסאה ערקלעהרט פאַר ר' יוסי בר אבין אין נאָמען פון ר' יוחנן: ווייל עס שטעהט 19): „מיין מויל זאָל זיין פול מיט דיין לויב". — מען האָט רב חסדא'ן געפרעגט: אַז איינער האָט געגעסען און געטרונקען און האָט ניט געמאַכט קיין ברכה מעג ער נאָכהער מאַכען די ברכה? האָט ער געענטפערט: אַז איינער האָט געגעסען קנאָבעל און דער ריח דערפון שלאָגט אַרויס (פון זיין מויל) זאָל נאָך אַ מאָל עסען קנאָבעל כדי דער ריח דערפון זאָל (נאָך מעהר) אַרויסשלאָגען 20)?! רבינא האָט געזאָגט: דערפאַר 21) איז אפילו ווען מען האָט שוין געענדיגט די סעודה זאָל מען נאָכהער מאַכען די ברכה 22), ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא 23): „אַז איינער האָט זיך געטובלט און קומט אַרויס, זאָגט ער ביים אַרויסקומען „ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו על הטבילה" 24). — אָבער דאָס איז ניט דאָס זעלבע, ווייל דאָרט איז דאָך דער מאַן צוערשט ניט געוועזן ראוי 25), אָבער דאָ איז דאָך דער מאַן לכתחלה יאָ געוועזן ראוי 26), איז ווי באַלד ער האָט עס גלאָזט פאַלען איז דאָס פערפאַלען.

די רבנן האָבען געלערנט: שפּאַרגעל 27) איז גוט פאַר'ן האַרץ און גוט פאַר די אויגען און נאָך מעהר פאַר די געדערים, און דער וואָס איז געוועהנט דערצו איז דאָס גוט פאַר זיין גאַנצען קערפּער, און דער וואָס שכורט זיך אָן דער-

פירוש.

גענימבאַר הייסט עס ניט כליה מאַכען עסענוואַרג. 1) שבת נ' ב' אא"ע. 2) ווייל ער ערלויבט דאָך צו וואַשען די הענד מיט וויין. 3) דער ניט געמישטער וויין. 4) אַ מעט געמאַכט פון אַ געוויסער סאָרט טייטלען, אָדער פאַר צוזישען מיט טעריאַק, אַזא רפואה געגען שלאַנגען גיפט.

5) דרך ארץ רבה פ"ח. דאָרט ווערען אָבער אויסגערעכענט פינף זאַכען. 6) צוליב די בלוט. 7און 9) כדי עס זאָל זיך דערויף ניט פאַרגיסען. 8) ווייל דאָס איז אַ גרינגשעצונג פון גאָטס מתנה. 10) פון איין בריתא אויף דער אַנדערער. 11) וואָס שטעהט אַז מען טאָר קיין עסענוואַרג ניט וואַרפען. 12) דורכן וואַרפען, דהיינו ווייכע עסענוואַרג. 13) האַרטע עסענוואַרג.

14) תוספתא שבת פ"ח. 15) דאָס איז דאַמאָלס געוועזן די מאָדע און איז געוועזן אַ סימבאָל פאַר אַ גליקליכע צוקונפט פון אַלדאָס גוטס. 16) ווייל עס איז טרוקען און נים זיינען האַרט ווערען זיי ניט כליה, דער וויין ווערט אויך ניט כליה, ווייל צום סוף פון די רעהרען שטעהט אַ פאַס וואוהין דער וויין גיסט זיך אַריין. 17) ווייל זייענדיג פעט און ווייך ווערען זיי כליה דורכן בלויזן וואַרפען.

18) פון מויל. 19) תהלים ע"א ח'. 20) ד"ה זאָל דער וואָס האָט באַגאַנגען אַ פעהלער ניט מאַכענדיג קיין ברכה באַגעהן אַ נייעם פעהלער פון מאַכען אַ ברכה לבטלה? 21) ד"ה וויבאַלד מען מעג מאַכען די ברכה וואָס פאַרן עסען אויך אין מיטען עסען, ווען מען דערמאָהנט זיך אַז מען האָט דאָס ניט געמאַכט. 22) אויב מען דערמאָהנט זיך אַז מען האָט ניט געמאַכט. 23) פסחים ז' ב'. 24) ער מאַכט אַלזא די ברכה נאָך דער טבילה. 25) צו מאַכען אַ ברכה, ווייל דאָס רוב טבילות זיינען צוליב קרי, און אַ בעל קרי טאָר ניט מאַכען קיין ברכה (זעה ז, 75). 26) צו מאַכען אַ ברכה פאַרן עסען.

27) אַ געטרענק פון שפּאַרגעל וואָס מען פלעגט דאַמאָלס טרינקען אין דער פריה אויפ'ן ניכטערן האַרצען. — דיזער און די פאָלגענדע מאַמרים קומען דאָ ווייל עס האַנדעלט זיך אין זיי וועגען וויין און ווייל עס ווערט דערמאָהנט אַ צאָהל פון זאַכען וואָס ווערען געזאָגט וועגען דעם בעהאַנדעלטען ענין, ווי אין די פריהערדיגע מאמרים.

סען צוזאַמען און איינער פון זיי האָט געחאַפּט און גע־בענשט פאַרזיך, קאָנען זיי יוצא זיין מיט זיין מזומן 1), אָבער ער קאָן ניט יוצא זיין 2) מיט זייער מזומן, ווייל ביי מזומן איז ניטא קיין צוריק.

„ר' ישמעאל זאָגט".

רפרם בר פפא איז אויסגעקומען צו זיין אין דער שוהל פון אבי גיבר. איז ער אויפגעשטאַנען לייענען אין ספר (תורה) און האָט געזאָגט „ברכו את ה'" און איז שטעהן געבליבען און האָט ניט געזאָגט „המבורך" 3). האָט דער גאַנצער עולם געגומען שרייען „ברכו את ה' המבורך". האָט רבא געזאָגט: פאַרשוואַרצט געוואָרענער טאָפּ 4)! וואָס טויג דיר זיך אַריינ־לאָזען אין דער פלוגתא 5)? אַחוץ דעם, די וועלט איז זיך דאָך שוין נוהג ווי ר' ישמעאל 6)!

משנה ג'.

ווען דריי האָבען געגעסען צוזאַמען טאָרען זיי זיך ניט צושיידען, און דעסגלייכען פיער און פינף 7); זעקס מעגען זיך צושיידען 8), ביז צעהן, אָבער צעהן טאָרען זיך ניט צושיידען, ביז צוואַנציג 9). צוויי פּאַרטיעס וואָס עסען אין איין הויז מעגען זיך פאַראייניגען פאַר מזומן ווען מאַנכע פון זיי קאָנען זיך איינאַנדער זעהן, און אויב ניט, בענשען דיזע במזומן פאַרזיך און יענע בענשען במזומן פאַרזיך. מען טאָר ניט מאַכען קיין ברכה איבער וויין סיידען מען טהוט אין איהם אַריין וואַסער 10). דאָס זיינען די רייד פון ר' אליעזר; די חכמים אָבער זאָגען: מען מעג מאַכען א ברכה.

גמרא.

וואָס זאָל דאָס אונז לערנען? מיר האָבען דאָך שוין איינמאָל געלערנט 11): „ווען דריי האָבען געגעסען צוזאַמען זיינען זיי מחויב צו בענשען במזומן"! — עס וויל אונז לער־נען 12) אַזוינס ווי דאָס וואָס ר' אבא האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: ווען דריי האָבען זיך אַוועקגעזעצט עסען צו־זאַמען און האָבען נאָך ניט געגעסען טאָרען זיי זיך ניט צו־שיידען. אַן אַנדער ווערסיע: האָט ר' אבא געזאָגט אַז שמו־אל האָט געזאָגט: עס וויל אונז דאָס לערנען: ווען דריי האָ־בען זיך אַוועקגעזעצט עסען צוזאַמען טאָרען זיי זיך ניט צו־שיידען, הגם יעדערער עסט פון זיין ברויט 13). אָדער אויך ווי רב הונא, ווארום ר' הונא האָט געזאָגט: ווען דריי קומען פון דריי פאַרטיעס 14) טאָרען זיי זיך ניט צושיידען 15). האָט רב חסדא געזאָגט: דאָס איז אָבער נאָר אַז זיי קומען פון דריי פאַרטיעס פון דריי מענשען 16). רבא האָט געזאָגט: (ב') און דאָס איז נאָר געזאָגט געוואָרען אַז יענע 17) האָבען ניט פאַרחאַפּט און זיי מצרף געווען צו מזומן אויפן אָרט, אָבער אויב יענע האָבען זיי מצרף געווען צו מזומן אויפן אָרט 18) פאַלט (דער חוב פון) בענשען במזומן אַוועק פון זיי. רבא האָט געזאָגט: פון וואַנען נעהם איך דאָס? ווייל מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 19): „(נ"א) בעט וואָס אַ העלפט פון איהר איז געגנבעט געוואָרען אָדער [וואָס אַ העלפט פון איהר איז] פאַרלאָרען געגאַנגען אָדער וואָס ברידער אָדער שותפים האָבען זיך מיט איהר צוטיילט ווערט ריין 21); האָט מען זי צוזאַמענגעשטעלט, קאָן זי אננעהמען טומאה פון איצט אָן און ווייטער". אַלזא פון איצט אָן און ווייטער יא, אָבער אויף צוריק ניט, זעהט מען דאָך אַז ווי באַלד מען צוטיילט זי פאַלט די טומאה פון איהר אַוועק 22), אַזוי פאַלט דאָ אויך אַוועק פון זיי דער (חוב פון) בענשען במזומן וויבאַלד 23) יענע האָבען זיי מצרף געווען צו מזומן.

„צוויי פּאַרטיעס אא"וו".

עס ווערט געלערנט: אויב ביידע האָבען איין סאַרווער, פאַראייניגט זיי דער סאַרווער 24).

„מען טאָר ניט מאַכען קיין ברכה איבער וויין".

די רבנן האָבען געלערנט 25): „כל זמן מען האָט אין וויין ניט אַריינגעטהון קיין וואַסער מאַכט מען ניט דעריבער „בורא פרי הגפן" נאָר „בורא פרי העץ" 26), און מען מעג דערמיט וואַשען די הענט 27), אָבער נאָכדעם ווי מען האָט אין דעם אַריינגעטהון וואַסער מאַכט מען דעריבער „בורא פרי הגפן" און מען טאָר ניט וואַשען דערמיט די הענט. דאָס זיינען די רייד פון ר' אליעזר, אָבער די חכמים זאָגען: אַזוי אָדער אַזוי מאַכט מען דעריבער „בורא פרי הגפן" און מען טאָר דערמיט ניט וואַשען די הענט". נאָך ווענמען געהט דאָס

פירוש.

געוואָרען פון רב אשי אין סורא. 1) ד"ה אויב ער זאָגט נאָכהער די ברכת הזמון פאַר זיי. 2) די מצוה פון בענשען במזומן.

3) ווי ר' עקיבא. 4) ער האָט איהם אַזוי גערופען, ווייל ער האָט זיך אַזויפיעל אָפּגעגעבען מיט לערנען אַז ער איז פאַרשוואַרצט געווען און האָט קיין אַכטונג ניט געגעבען אויף זיין אויסערליכקייט. 5) צווישען ר' עקיבא און ר' ישמעאל. 6) און אפילו ר' עקיבא איז מודה אַז עס איז בעסער צו זאָגען „המבורך", נאָר ער האַלט עס ניט פאַר אונבאַדינגט נויטווענדיג.

7) ווייל אַז זיי וועלען זיך צושיידען ווערען זיי ניט קאָנען בענשען במזומן. 8) אין צוויי פּאַרטיעס פון דריי. 9) וועלכע מעגען זיך צו שיידען אין צוויי פּאַרטיעס פון צעהן. 10) ווייל די דעמאָלדיגע וויינען זיינען געווען צו שטאַרק און אונגענוסבאַר אין זייער ריינעם צושטאַנד.

11) זעה ז, 160. 12) אין „אלפס" פעהלט פון דאַנען ביז „אַן אַנדער ווערסיע", און אַזוי אויך אין מינכענער כ"י. 13) און עס איז אַלזא ניט קיין געמיינשאַפטליכע סעודה. 14) און פאָרמירען אַ נייע פּאַרטיע נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין געגעסען און בעפאָר זיי האָבען געבענשט. 15) הגם זיי עסען ניט צוזאַמען, ווייל זיי זיינען שוין מחויב צו בענשען במזומן נאָך פון זייערע ערשטע פּאַרטיעס. 16) ווייל דאַמאלס זיינען זיי מחויב צו מזומן נאָך פון זייערע ערשטע פּאַרטיעס. 17) די צוריקגעבליבענע פון די פּאַר־טיעס וועלכע זיינען פריהער באַשטאַנען פון פיער מענשען. עס האַנדעלט זיך דא אם כן אפילו ביי פּאַרטיעס פון פיער. 18) און זיי זיינען אַוועק גלייך נאָך דער ברכת הזמון. 19) כלים פי"ח מ"ט. 20) אומריינע. 21) פון איהר פריהערדיגע טומאה, ווייל עס הייסט ניט מעהר קיין בעט, ווי דאָס איז געווען בעת עס איז טמא געוואָרען. 22) הגם מען שטעלט זי נאָכהער צוזאַמען. 23) אין מינכענער כ"י פעהלט פון דאַנען אָן, און מיט רעכט, ווייל דער פאַרגלייך באַווייזט אַז ניט דאָס איז דער טעם, נאָר דאָס אָפּטיילען זיך.

24) אפילו אַז זיי קאָנען זיך איינאַנדער ניט זעהן.

25) תוספתא פ"ד. 26) ווי איבער טרויבען. 27) ווייל אַזוי ווי דאָס איז ניט

און קוקען אויף איהם, און מאַנכע זאָגען אַז מען דאַרף איהם אויך שיקען אַ מתנה צו די הויזגעזינד 1). ר' יוחנן האָט געזאָגט: מיר ווייסען נאָר פֿון פֿיער: שווענקען, אויסשווענקען, ריין און פֿול 2). אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: שווענקען מיינט פֿון אינעווייניג און אויסשווענקען מיינט פֿון אויסענוועניג. ר' יוחנן האָט געזאָגט: דער וואָס בענשט איבער אַ פֿולען כוס, דעם וועט מען געבען אַ גרענצענלאָזע נחלה, ווארום עס שטעהט 3): „און פֿול די ברכה פֿון גאָט, ער וועט באַזיצען מערב און דרום" 4). ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא זאָגט: ער וועט זוכה זיין צו באַזיצעןביידע וועלטען, עולם הזה און עולם הבא. באַקרענצען, (זאָגט) רב יהודה אַז (דאָס מיינט) באַקרענצען מיט תלמידים 5). רב חסדא פֿלעגט איהם באַקרענצען מיט (אַנדערע) כוסית. ר' חנן האָט געזאָגט: און ער מוז ריין זיין 6). רב האָט ששת געזאָגט: און צוואַר ביז „ברכת הארץ" 7). בנוגע צו איינוויקלען, פֿלעגט רב פפא זיך איינוויקלען און אַיזעקזעצען. רב יוסי פֿלעגט פֿארשפּרייטען אַ טוך איבערן קאָפּ. בנוגע צו אָנגעהמען מיט ביידע הענט האָט ר' חנינא בר פפא געזאָגט: וואו איז אַ פסוק דערפֿאַר? „העבט אויף אייערע הענט 8) אין היילינקייט און בענשט גאָט"! בנוגע צו האַלטען אין דער רעכטער האַנד האָט ר' חייא בר אבא געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז די פֿארצייטיגע האָבען געפֿרעגט צו די לינקע האַנד מעג אונטערשטיצען די רעכטע. האָט רב איהם געזאָגט: אַזוי ווי דאָס איז געפֿרעגט געוואָרען פֿון די פֿאַרצייטיגע און עס איז ביי זיי ניט קלאָר געוואָרען (ב) דאַרפֿען מיר מחמיר זיין 9). בנוגע צו אויפֿהעבען פֿון באָדען האָט ר' אחא דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט: וואו איז אַ פסוק דערפֿאַר? „איך וועל אויפֿהעבען 10) אַ כוס פֿון ישועה און וועל אויסרופֿען אין גאָטס נאָמען". מען דאַרף קוקען אויף איהם, כדי ער זאָל ניט אַרום פֿון די געדאַנקען. און מען דאַרף עס שיקען אַ מתנה צו די הויזגעזינד, כדי די פֿרוי זאָל געבענשט ווערען 11).

עולא'ן איז אויסגעקומען צו זיין ביי רב נחמן, האָט ער געגעסען און געבענשט און האָט געגעבען דעם כוס של ברכה צו רב נחמן. האָט רב נחמן צו איהם געזאָגט: זאָל דער רבי שיקען דעם כוס של ברכה צו ילתא 12)! האָט ער איהם געענטפֿערט: אַזוי האָט ר' יוחנן געזאָגט: די פֿרוכט פֿון בויך פֿון אַ פֿרוי ווערט נאָר געבענשט דורך די פֿרוכט פֿון בויך פֿונם מאַן, ווארום עס שטעהט 13): „און ער וועט בענשען די פֿרוכט פֿון דיין בויך", עס שטעהט ניט „די פֿרוכט פֿון איהר בויך" נאָר די פֿרוכט פֿון דיין בויך 14)". אין אַ ברייתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: ר' נתן זאָגט: פֿון וואַנען איז גענומען אַז די פֿרוכט פֿון בויך פֿון אַ פֿרוי ווערט נאָר געבענשט דורך די פֿרוכט פֿון בויך פֿונם מאַן? ווייל עס שטעהט: „און ער וועט בענשען די פֿרוכט פֿון דיין בויך", עס שטעהט ניט „די פֿרוכט פֿון איהר בויך" נאָר „די פֿרוכט פֿון דיין בויך". דערווייל האָט ילתא דאָס ערפֿאַהרען. איז זי אויפֿגעשטאַנען אין כעס און איז אריינגעגאַנגען אין ווין קעלער און האָט צובראָכען פֿיער הונדערט פֿעסער ווין. האָט רב נחמן צו איהם געזאָגט: זאָל דער רבי איהר שיקען אַן אַנדער כוס! האָט ער געשיקט (זאָגען): אַלץ דאָס איז אַ כוס של ברכה 15)! האָט זי איהם געשיקט (זאָגען): פֿון וואַגאַבונדען קומט קוואַטש און פֿון לומפּען לייז!

רב אסי האָט געזאָגט: מען טאָר ניט רעדען איבער אַ כוס של ברכה 16). וויטער האָט רב אסי געזאָגט: מען בענשט ניט איבער אַן אונמולדיגען כוס? האָט רב נחמן בר יצחק ערקלעהרט: אַ צווייטען כוס 17). אין אַ ברייתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: דער וואָס טרינקט זוגות זאָל ניט בענשען, ווייל עס שטעהט 18): „גרייט זיך צו פֿאַר דיין גאָט, ישראל", און דאָס העלפֿט ניט 19)'

ר' אבהו האָט געזאָגט, און מאַנכע זאָגען אַז דאָס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: דער וואָס עסט געהענדיג זאָל בענשען שטעהענדיג, און אויב ער עסט שטעהענדיג זאָל ער בענשען זיצענדיג, און אייב ער עסט אָנגעלעהנט זאָל ער זיך זעצען (גלייך) און בענשען. אָבער דער דין איז אַז אין אַלע דיזע פֿאַלען זעצט מען זיך און בענשט.

פרק ח'.

משנה א'.

דאָס זיינען די זאַכען (וואו עס איז דאַ מחלוקת) צווישען בית שמאי און בית הלל בנוגע צו (הלכות) סעודה: ב"ש זאָגען אַז מען מאַכט (צוערשט) די ברכה 20) איבער דעם טאָג 21) און נאָכהער מאַכט

פירוש.

1) ד"ה מכבד זיין די פֿרוי דערמיט ○). 2) אַ מנעמאָטעכנישער סימן דערפֿאַר איז הַ׳מְ׳שָׁ׳ה׳ — פֿינף (הַ — ריין, כָּלֵא — פֿול, שְׁטִיפָה — אויסשווענקען בְּדָקָה — שווענקען). 3) דברים ל"ג כ"ג. 4) דער פשט פֿון פסוק וועלכער איז נאַטירליך ניט מעהר ווי אן אסמכתא (מעיו"ט), איז אַז נפתלי וועט געבענשט ווערען מיט אלדאָס גוטס און וועט באַהערשען מערב און דרום. 5) ד"ה אַז זיינע תלמידים רינגלען אַרום דעם וואָס בענשט. 6) פֿריש געצאַפּט פֿון פאַס צו דיזען צוועק, אָדער ניט געמישט מיט וואַסער, אָבער בשעת מען מאַכט די ברכה מוז ער זיין געמישט, ווי עס ווערט געלערנט אין אונזער משנה. 7) בלייבט דער ווין ריין, כדי צו ווייזען ווי שטאַרק דער ווין פֿון ארץ ישראל איז („רבינו יונה"). 8) אַלזא ביידע הענט. — תהלים קל"ד ב'. 9) אַז די לינקע האַנד טאָר ניט אונטערשטיצען די רעכטע. 10) תהלים קט"ז י"ג. 11) מיט קינדער.

12) ילתא איז געווען די פֿרוי פֿון רב נחמן (וואו עס שטעהט סתם רב נחמן איז לויט רש"י רב נחמן בר יצחק און לויט „תוספות" רב נחמן בר יעקב; זעה גטין ל"א ב') און אַ טאָכטער פֿון רייש גלותא רבה בר אבוה, וועלכער איז געווען זיין רבי. 13) דברים ז' י"ג. 14) בִּטְנְךָ איז לשון זכר. 15) ד"ה דער גאַנצער ווין אין די פֿעסער וואָס זי האָט צערבראָכען איז ווי אַ כוס של ברכה און אויב זי וויל זאָל זי טרינקען דערפֿון.

16) פֿון דעם מאָמענט וואָס מען נעהמט איהם אָן. 17) ווייל אַ גראָד ווערט געהאַלטען פֿאַר ניט מזלדיג (זעה פסחים ק"י א'), וועט מען צוליב דער מורא פֿאַר די פֿאָלגען דערפֿון ניט קאָנען האָבען קיין כונה דערביי. 18) עמוס ד' י"ב. — הִכּוֹן — גרייט זיך צו, האָב כונה. 19) צו כונה.

20) אין קידוש פֿון שבת און יום טוב. 21) די קדושת היום: באַ"י

○) פון דא קאן זיין א באווייז פאר רש"י אין נעגען „תוספות" (זעה „פירוש" ז. 87 נומ.18).

מיט איז דאָס שעדליך פֿאַר זיין גאַנצען קערפּער. — אַז עס ווערט געלערנט אַז עס איז גוט פֿאַרן האַרץ, פֿאָלגליך האַנדעלט עס זיך דאָך וועגען וויין 1), און עס ווערט געלערנט „און נאָך מעהר פֿאַר די געדערים", אין אַ בריתא ווערט דאָך אָבער געלערנט: פֿאַר האַרץ, אויגען, מילץ 2) איז דאָס גוט, אָבער פֿאַר קאָפּ געדערים, אונטערלייב 3) איז דאָס שעדליך! — דאָס וואָס עס ווערט דאָרט געלערנט 4) באַציהט זיך אויף גאַנץ אַלטען (וויין) 5), ווי מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 6): „(אַז איינער זאָגט:) איך נעהם אויף זיך 7) אַז איך זאָל ניט פֿאַרזוכען קיין וויין, ווייל וויין איז שעדליך פֿאַר די געדערים; און מען זאָגט איהם: גאַנץ אַלטער (וויין) איז דאָך אָדער גוט פֿאַר די געדערים! און ער שווייגט, איז איהם פֿאַרבאָטען נייער (וויין) און ערלויבט גאַנץ אַלטער (וויין)". איז טאַקע דערפֿון געדרונגען 8)!

די רבנן האָבען געלערנט: זעקס זאַכען זיינען געזאָגט געוואָרען וועגען שפּאַרגעל (וויין): מען טרינקט איהם נאָר ווען ער איז ריין און פֿול 9), מען נעהמט איהם מיט דער רעכטער האַנד און טרינקט מיט דער לינקער האַנד, און מען רעדט ניט נאָכדעם, און מען איז ניט מפסיק (אין טרינקען), און מען גיט איהם צוריק נאָר צו דעם וואָס האָט איהם געגעבען און מען האָט נאָכהער אויסגעשפּיען, און מען עסט נאָכהער נאָר דאָס וואָס געהערט צום זעלבען מין. — אין אַ בריתא ווערט דאָך אָבער געלערנט אַז מען עסט נאָכהער קיין אַנדער זאַך ווי ברויט! — עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 10) איז ביי וויין און יענעס איז ביי ביער 11). — איינמאָל ווערט געלערנט אַז עס איז גוט פֿאַר ה'א'מ' און שעדליך פֿאַר ק'ג'א', און אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט אַז עס איז גוט פֿאַר ק'ג'א' און שעדליך פֿאַר ה'א'מ'! — עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז ביי וויין און יענעס איז ביי ביער. — איינמאָל ווערט געלערנט אַז ווען מען האָט נאָכהער אויסגעשפּיען ווערט מען באַשטראָפֿט 12), און אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט אַז מען ווערט באַשטראָפֿט אויב מען האָט נאָכהער ניט אויסגעשפּיען! — עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 13) איז ביי וויין און יענעס איז ביי ביער. האָט רב אשי געזאָגט: אַז דו זאָגסט איצט אַז מען ווערט באַשטראָפֿט אויב מען האָט נאָכהער ניט אויסגעשפּיען, דאַרף מען דיזע וואַסער אויסשפּייען אפילו פֿאַר אַ קעניג.

ר' ישמעאל בר אלישע 14) האָט געזאָגט: סוריאל דער שר הפּנים 15) האָט מיר געזאָגט דריי זאַכען: דו זאָלסט אין דער פֿריה ניט נעהמען דיין העמד פֿון דער האַנד פֿון דיין דינער און אָנטהון, און דו זאָלסט זיך ניט לאָזען וואַשען די הענד פֿון איינעם וואָס האָט נאָך אַליין די הענט ניט געוואַשען און דו זאָלסט אַ כוס פֿון שפּאַרגעל (וויין) קיין אַנדערן צוריקגעבען ווי דעם וואָס האָט עס דיר געגעבען, ווייל אַ תכספית 16) און מאַנכע זאָגען אַ איסתלגנית 17) פֿון מלאכי חבלה לויערן אויף מענשען און זאָגען זיך: ווען וועט אַ מענש קומען צו (טהון) איינע פֿון דיזע זאַכען און מיר וועלען איהם פאַקען!

ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דריי זאַכען האָט מיר דער מלאך המות געזאָגט: דו זאָלסט אין דער פֿריה ניט נעהמען דיין העמד פֿון דער האַנד פֿון דיין דינער און אָנטהון, און דו זאָלסט זיך ניט לאָזען וואַשען די הענד פֿון איינעם וואָס האָט נאָך אַליין די הענד ניט געוואַשען, און דו זאָלסט ניט שטעהן פֿאַר פֿרויען ווען זיי קומען צוריק פֿון אַ מת, ווייל איך טאַנץ אַרום אַרום זיי מיט מיין שווערד אין דער האַנד און איך האָב דאָס רעכט מזיק צו זיין. און וואָס פֿאַר אַ מיטעל איז דאָ אויב מען באַגעגענט זיי? מען זאָל אַוועקשפּרינגען פֿיער איילען פֿון דעם אָרט; אויב עס איז דאָ אַ טייך, זאָל מען אַריבערגעהען, און אויב עס איז דאָ אַן אַנדער וועג, זאָל מען דאָרט געהן, און אויב עס איז דאָ אַ וואַנד, זאָל מען זיך שטעלען הינטען; אָבער אויב עס איז גאָר ניטאָ, זאָל מען אומדרעהען דעם פּנים און זאָגען: „און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: גאָט וועט אויף דיר אנשרייען אא"וו" 18), ביז זיי געהען פֿאַר איהם פֿאַריבער.

ר' זירא האָט געזאָגט אַז ר' אבהו האָט געזאָגט, און מאַנכע זאָגען אַז אין אַ בריתא 19) ווערט געלערנט: צעהן זאַכען זיינען געזאָגט געוואָרען וועגען אַ כוס של ברכה: ער דאַרף ווערען געשוואַנקט און אויסגעשוואַנקט און זיין ריין 20) און פֿול און באַקרענצט און איינגעוויקעלט און מען דאַרף איהם אָננעהמען מיט ביידע הענט און האַלטען אין דער רעכטער האַנד און אויפֿהעבען פֿון באָדען 21) אַ טפח

פירוש.

1) וויין וואָס איז געמאַכט געוואָרען פֿון שפּאַרגעל וואַסער געמישט מיט וויין. — ווייטער ווערט פֿעסטגעשטעלט אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען דיזען מין וויין. 2 און 3) אין דער גמרא שטעהען דאָ, צוליב אַ מנעמאָטעכנישען צוועק, אַלס סימן (זעה „פּירוש" ז. 119 נומ. 18) די ראשי תיבות לע"ט, רמ"ת (לֵב, עֵינַיִם, טְחוֹל, ראֹשׁ, מֵעַיִם, תַּחְתּוֹנִית). מיר האָבען ווייטער אויך באַנוצט ראשי תיבות ה'א'מ' ק'ג'א'. 4) אַז עס איז גוט. 5) וואָס איז וועניגסטענס אַלט דריי יאָהר. אין בבא בתרא צ"ח א' ווערט ערקלעהרט אַז יָשָׁן — אַלט מיינט פֿון פֿאַראיאָהרען און מְיוּשָּׁן — גאַנץ אַלט פֿון פֿאַר דריי יאָהרען. 6) נדרים ס"ו א'. 7) קוֹנָם. מיט דיזען אויסדרוק ווערט איינגעלייטעט אַן אסור וואָס אַ מענש לעגט אויף זיך פֿרייוויליג ארויף אַ געוויסע זאַך ניט צו טהון. די עטימאָלאָגיע פֿון דיזען וואָרט איז ניט קלאָר; נאָך איין דעה איז דאָס אַ פֿרעמדוואָרט און נאָך אַן אַנדער דעה איז דאָס אַ וואָרט וואָס די חכמים האָבען אויסגעטראַכט כדי מען זאָל ניט געברויכען דעם אויסדרוק „קרבן לה'" וואָס מען פֿלעגט באַנוצען ביי נדרים (נדרים י' א'). 8) אַז גאַנץ אַלטער וויין איז יאָ גוט פֿאַר די געדערים.

9) דער בעכער. 10) וואָס שטעהט אַז מען עסט נאַכהער נאָר ברויט. 11) עסט מען נאַכהער פֿייגען, אויב די ביער איז געמאַכט פֿון פֿייגען, און טייטלען, אויב זי איז געמאַכט פֿון טייטלען אא"וו. 12) מיט קראַנקהייטען. 13) וואָס שטעהט אַז מען זאָל ניט אויסשפּייען.

14) זעה „פּירוש" ז. 20 נומ. 13. 15) שַׂר הַפָּנִים אָדער שַׂר הַפְּנִים, דער מלאך וואָס שטעהט אין דעם אונמיטעלבאַרען דיענסט פֿון גאָט אָדער וואָס איז דער ממונה איבער די אינערסטע וואוינונג פֿון גאָט. 16 און 17) לויט קאָהוט'ס „ערוך השלם" זיינען דאָס פּערסישע ווערטער וועלכע באַצייכענען מחנות פֿון שדים.

18) אַ פּסוק אין זכריה ג' ב'.

19) מַתְנִיתָא, מיט מתניתא ווערען באַצייכענט ברייתות, צום אונטערשיעד פֿון מתניתין פֿאַר משניות. 20) דער וויין. 21) ד"ה פֿון טיש.

בריתא 1): „אַז מען קומט אין הויז אַריין אוּם מצאי שבת מאַכט מען אַ ברכה איבער וויין און ליכט און בשמים און נאַכהער זאָגט מען די הבדלה, און אויב מען האָט ניט מעהר ווי איין כוס לאָזט מען איהם אויף נאָכן עסען און נאָכדעם פאַרבינדט מען זיי אַלע" 2)! — אָבער פון וואַנען איז גענומען אַז דאָס שטאַמט פון בית שמאי? טאמער שטאַמט דאָס גאָר פון בית הלל? — דאָס לעגט זיך ניט אויפן רעיון, ווייל עס ווערט געלערנט ליכט און נאַכהער בשמים, און וועמען האָבען מיר געהערט אַז ער האַלט דיזע סברא? בית שמאי! וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא 3): „ר' יהודה האָט געזאָגט: בית שמאי און בית הלל זיינען גאַרניט מחולק אַז בענשען קומט צוערשט און הבדלה צולעצט, נאָר בנוגע צו וואָס זיינען זיי יאָ מחולק? בנוגע צו ליכט און בשמים; ב"ש זאָגען אַז ליכט און נאַכהער בשמים, און ב"ה זאָגען אַז בשמים און נאַכהער ליכט". — אבער פון וואַנען איז גענומען אַז דאָס שטאַמט פון בית שמאי און דאָס איז לויט ר' יהודה? טאמער שטאַמט עס גאָר פון בית הלל און דאָס איז לויט ר' מאיר 4)? — דאָס לעגט זיך ניט אויפן רעיון, ווייל עס ווערט דא אין אונזער משנה געלערנט: „ב"ש זאָגען אַז ליכט און בענשען, בשמים און הבדלה, און ב"ה זאגען אַז ליכט און בשמים, בענשען און הבדלה" 5), און אין דער בריתא ווערט געלערנט: „אויב מען האָט ניט מעהר ווי איין כוס, לאָזט מען איהם אויף נאָכן עסען און נאָכדעם פאַרבינדט מען זיי אַלע" 6), איז דאָך דערפון געדרונגען 7) אַז דאָס שטאַמט פון שמאי און עס איז לויט ר' יהודה. — עס איז דאָך אָבער פאָרט אַ קשיא 8)! — ב"ש האַלט אַז עס איז אַן אונטערשיעד צווישען דעם אַריינגאַנג פונם טאָג און דעם ארויסגאַנג פונם טאָג 9): ביים אריינגאַנג פונם טאָג איז בעסער וואָס פריהער, אָבער ביים אַרויסגאַנג פונם טאָג איז בעסער וואָס שפעטער, כדי עס זאָל ניט (אויסזעהען ווי עס וואָלט) זיין אויף אונז ווי אַ לאַסט 10). — אָבער האַלטען דען בית שמאי אַז ביים בענשען פאַרדערט זיך אַ כוס? מיר האָבען דאָך געלערנט אין אונזער משנה: „אַז מען ברענגט וויין נאָכן עסען, איז אויב דאָרט איז ניטא מעהר ווי דער איינער כוס, זאָגען ב"ש אַז מען מאַכט (צוערשט) די ברכה איבער דעם וויין און נאַכהער בענשט מען", מיינט עס דאָך אודאי אַז מען מאַכט איבער איהם אַ ברכה און מען טרינקט איהם אויס 11)! — ניין; מען מאַכט איבער איהם די ברכה און מען לאָזט איהם איבער 12). — דער רבי האָט דאָך אָבער געזאָגט 13): „דער וואָס מאַכט אַ ברכה דאַרף פאַרזוכען"? — מען פאַרזוכט עס טאַקע 14). — דער רבי האָט דאָך אָבער געזאָגט 15): „האָט מען איהם פאַרזוכט, האָט מען איהם פוגם געווען" 16)! — מען פאַרזוכט איהם מיט דער האַנד. — דער רבי האָט דאָך אָבער געזאָגט אַז אַ כוס של בּרכה דאַרף האָבען אַ שעור, און ער מאַכט דאָך איהם וועניגער ווי דער שעור 17)! — (עס מיינט) אַז עס איז דא מעהר ווי דער שעור איז. — עס ווערט דאָך אבער דאָרט געלערנט: „אויב דאָרט איז ניטא מעהר ווי דער איינער כוס"! — פאַר צוויי איז טאַקע ניטא, אָבער מעהר ווי איינער (איז יאָ דאָ). — ר' חייא האָט דאָך אבער געלערנט: בית שמאי זאָגען אַז מען מאַכט אַ ברכה איבער דעם וויין און מען טרינקט איהם און נאַכהער בענשט מען! — נאָר עס זיינען דאָ צוויי תנאים לויט בית שמאי 18).

„בית שמאי זאגען אא'וו".

די רבנן האָבען געלערנט 19): „ב"ש זאָגען אַז מען וואַשט (צוערשט) די הענט און נאַכהער גיסט מען אָן דעם כוס, ווייל אויב מיר זאָלען זאגען אַז מען גיסט צוערשט אָן דעם כוס, איז אַ מורא טאָמער 20) וועט די פליסיגקייט וואָס געפינט זיך אויף דער אויסענווענינגסטער זייט פון כוס טמא ווערען צוליב די הענט 21) און וועט [וויעדער] מטמא זיין דעם כוס". — אָבער די הענט (גופא) קאָנען דאָך מטמא זיין דעם כוס 22)? —די הענט זיינען דער צווייטער (גראד) 23), און ביי

פירוש.

נ"ט ב' אא"ע. 1 און 3) תוספתא פ"ה אא"ע. 2) ד"ה צוערשט בענשט מען און נאַכהער מאַכט מען די דערמאָהנטע פיער ברכות, אָבער יעדענפאַלס קומט דאָך הבדלה, וואָס איז די ברכה איבער דעם טאָג, צולעצט. 4) זעה ווייטער ז. 181, נאָך וועלכען ב"ש און ב"ה זיינען ניט מחולק בנוגע צו ליכט און בשמים נאָר בנוגע צו בענשען, אם כן קאָן דאָך שוין די בריתא שטאַמען פון בית הלל. 5) אם כן איז דאָך די מחלוקת צו נאָך ליכט קומט בענשען צו בשמים. 6) נאָכן בענשען. 7) ווייל ר' יהודה לערנט אַז צוערשט ליכט און נאַכהער בשמים. 8) פון דער בריתא, וואו לויט ב"ש מאַכט מען צוערשט די ברכה איבער דעם וויין און נאַכהער איבער דעם טאָג, אויף דער משנה, וואו זיי זאָגען פאַרקעהרט. 9) ד"ה צווישען קידוש און הבדלה. 10) דערפאַר האַלטען זיי אַז הבדלה קומט צולעצט און די ברכה איבער דעם טאָג צוערשט. 11) אויב מען וויל, און מען קוקט ניט דערויף וואָס מען וועט קיין כוס ניט האָבען פאַרן בענשען. 12) פאַר בענשען. 13 און 15) פסחים ק"ה ב'. 14) און מען לאָזט נאַכהער איבער פאַרן בענשען. 16) אין ער איז ניט מעהר ראוי ניט פאַר בענשען און ניט פאַר קידוש און הבדלה. 17) אַ רביעית (זעה „פירוש" ז. 51 נומ. 15). — דורכן פאַרזוכען. 18) לויט ר' יהודה האַלטען ב"ש אַז ביים בענשען פאַרדערט זיך וויין, און לויט ר' חייא האַלטען זיי אַז עס פאָרדערט זיך ניט.

19) תוספתא פ"ה. 20) גְּזֵרָה שֶׁמָּא אָדער מִשּׁוּם — ד"ה מען האָט גוזר געווען אַ געוויסע זאַך ניט צו טהון, הגם מען וואָלט עס אייגענטליך יאָ געמעגט, טאָמער וועט דאַדורך עפּעס פאַסירען וואָס איז ניט ערלויבט. 21) וועלכע זייגען נאָך ניט געוואַשען. 22) אהן די פליסיגקייט. 23) פון טומאה, די טומאות ווערען איינגעטיילט אין גראַדען וועלכע גענערירען, דורך באַריהרונג און פאַרשידענע אַנדערע אומשטענדען, אַנדערע טומאות אין דעם זעלבען גראַד אָדער אַ גראַד נידעריגער. די העכסטע שטופע איז אַ מת, אָדער די כלים אַחוץ ערדענע) און עסענוואַרג) וואָס האָבען זיך אָן איהם אָנגעריהרט, און הייסט אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה. די צווייטע הייסט אַב הַטּוּמְאָה. פון דיזע זיינען דאָ 32 מדאורייתא (8 בנוגע צו אַ מת, ווי דער וואָס ריהרט זיך אָן אין איהם, זיין אהל — זעה „פירוש" ז. 71 נומ. 19 — אא"וו, 8 מינים פון שרצים, נבלה, 7 בנוגע צו אַ זב און אַ זבה און אַ נדה —זעה „פירוש" ז. 78 נומ. 25 און ז. 79 נומ. 2—און אַ קינפעטאָרען, 4 ביי אַ מצורע, די וואַסער אין וועלכער מען האָט אַריינגעטהון די אש פון דער פרה אדומה — מֵי הַטָּאת —, די פרה אדומה און די פָּרִים הַנִּשְׂרָפִים) און 29 מדרבנן (ערוויטערונגען פון די פריהערדיגע און נייע, ווי עבודה זרה און דאָס וואָס איז שייך דערצו, נבלה פון ריינע עופות אא"וו). אן אב הטומאה קאָן נאָר מטמא זיין מענשען, קליידער און כלים און הייסט אַ הארבע טומאה (טומאה חֲמוּרָה). די טומאות וואָס ענטשטעהען דורך אַן אב הטומאה הייסען לייכטע טומאות (טוּמְאָה קַלָּה) און שטופענווייז

מען די ברכה איבער דעם וויין, און ב"ה זאגען אז (צו־
ערשט) מאכט מען די ברכה איבער דעם וויין און
נאכהער מאכט מען די ברכה איבער דעם טאג; ב"ש
זאגען אז מען וואשט (צוערשט) די הענט און נאכהער
גיסט מען אן דעם כוס 1), און ב"ה זאגעז אז (צוערשט)
גיסט מען אן דעם כוס 2) און נאכהער וואשט מען די
הענט; ב"ש זאגען אז מען ווישט אפ די הענט 3) מיט
א כערוויעט און מען לעגט עס אוועק אויפן טיש 4),
און ב"ה זאגעז אז אויפן קישען 5); ב"ש זאגען אז מען
קעהרט (צוערשט) אוים 6) דאס הויז 7) און נאכהער
וואשט מען די הענט 8), און ב"ה זאגען אז (צוערשט)
וואשט מען די הענט און נאכהער קעהרט מען אוים
דאס הויז; ב"ש זאגען אז ליכט און בענשען, בשמים
און הבדלה 9), און ב"ה זאגען אז ליכט און בשמים,
בענשען און הבדלה; ב"ש זאגען אז 10) „שֶׁבָּרָא מְאוֹר
הָאֵשׁ" 11), און ב"ה זאגען אז „בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ" 12)—.
מען מאכט ניט קיין ברכה ניט איבער ליכט און
ניט איבער בשמים פון גוים און ניט איבער ליכט און
ניט איבער בשמים פון מתים 13), און ניט איבער ליכט
און ניט איבער בשמים פון אן עבודה זרה, און מען
מאכט ניט קיין ברכה איבער א ליכט סיידען מען
האט א גוצען פון זיין לייכטען.—אז איינער האט פאר־
געסען צו בענשען, זאגען ב"ש אז ער דארף זיך אום־
קעהרען אויפן ארט און בענשען, און ב"ה זאגען אז
ער מעג בענשען דארט וואו ער דערמאהנט זיך. און
ביז ווי לאנג מוז מען נאך בענשען? ביז דאס עסען
ווערט פארדייט אין די געדערים.—אז מען ברענגט
וויין נאכן עסען, איז אויב דארט איז ניטא מעהר ווי
דער איינער כוס זאגעז ב"ש אז מען מאכט (צוערשט)
די ברכה איבער דעם וויין און נאכהער בענשט מען,
און ב"ה זאגען אז (צוערשט) בענשט מען און נאכהער
מאכט מען די ברכה איבער דעם וויין.—מען דארף
ענטפערן „אמן" נאך א איד וואס מאכט א ברכה 14),
אבער מען טאר ניט ענטפערן „אמן" נאך א כותי 15)
וואס מאכט א ברכה, סיידען מען האט די גאנצע
ברכה געהערט 16).

גמרא.

די רבנן האבען געלערנט 17): „(דאס זיינען) די זאכען
(וואו עס איז דא א מחלוקת) צווישען בית שמאי און בית
הלל בנוגע צו (הלכות) סעודה: ב"ש זאגען אז מען מאכט
(צוערשט) די ברכה איבער דעם טאג און נאכהער מאכט
מען די ברכה איבער דעם וויין, ווייל דער טאג פאראורזאכט
אז דער וויין זאל קומען 18) און ווייל דער טאג איז שוין הייר
ליג 19) הגם דער וויין איז נאך ניט געקומען, און ב"ה זאגען
אז (צוערשט) מאכט מען די ברכה איבער דעם וויין און נאכ־
הער מאכט מען די ברכה איבער דעם טאג, ווייל דער וויין
פאראורזאכט דאך אז קידוש זאל געזאגט ווערען 20). אן אנ־
דער טעם איז: ווייל די ברכה איבער וויין איז א שטענדיגע זאך,
אבער די ברכה איבער דעם טאג איז ניט קיין שטענדיגע זאך,
און ביי שטענדיג און ניט שטענדיג איז שטענדיג פריהער 21).
און דער דין איז ווי די רייד פון בית הלל".—צו וואס איז
דער אנדערער טעם?—ווייל טאמער וועסטו זאגען אז דארט 22)
זיינען דאך צוויי 23), און דא איז (נאר) דא איינער, האסטו דא
אויך נאך א צווייטען: „ווייל די ברכה איבער וויין איז א שטענ־
דיגע זאך, אבער די ברכה איבער דעם טאג איז ניט קיין שטענ־
דיגע זאך, און ביי שטענדיג און ניט שטענדיג קומט שטענ־
דיג פריהער".—„און דער דין איז ווי די רייד פון בית הלל".
דאס איז דאך קלאר! ווייל עס איז דאך ארוים א בת קול 24).
—אז מען ווייל קאן מען זאגען אז דאס איז געווען פאר דעם
בת קול, און אז מען ווייל קאן מען זאגען אז (אפילו) נאכן
בת קול, (נ"ב א') אבער דאס איז ווי ר' יהושע, וועלכער
האט געזאגט 25) אז מען נעהמט ניט קיין נאטיץ פון א בת
קול.—אבער האלטען דען בית שמאי אז מען דארף פארצי־
הען די ברכה איבער דעם טאג? עס ווערט דאך געלערנט אין א

פירוש.

אמ"ה אשר קדשנו במצותיו וְרָצָה בָנוּ וְשַׁבַּת קָדְשׁוֹ אא"וו" און „כא"י אמ"ה אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עָם אא"וו. 1) און מען איז יוצא מיטן וואשען זיך פאר דער סעודה, לויט „אלפס" האנדעלט עס זיך דא מכח דעם כוס פון קידוש, און לויט רש"י מכח דעם וויין וואס מען טרינקט פאר דער סעודה (זעה ז, 153). 2) און מען טרינקט איהם אוים. 3) נאך דעם דאזיגען וואשען זיך. 4) צו ווישען זיך דערמיט ביים עסען. 5) וואו מען זיצט. 6) צו ענדע פון דער סעודה. 7) אדער דעם טיש, אויב מען האט געגעסען אויף א טיש, כדי עס זאל זיך ניט ארומוואלגערען קיין ברעקלעך. 8) מיט מים אחרונים. 9) ד"ה אז איינער עסט קורץ בעפאר שבת אדער יום טוב געהט אוים און ער האט ניט מעהר ווי איין כוס וויין, טאר ער איהם ניט פארניצען בלויז פארן בענשען, נאר ער מוז ווארטען ביז שבת אדער יום טוב איז אוים און דאן מאכט ער צוערשט די ברכה „בורא מאורי האש", נאכהער בענשט ער, נאכהער מאכט ער „בורא מיני בשמים" און צולעצט „המבדיל". 10) איבער דאס ליכט זאגט מען. 11) וואס האט באשאפען דאס ליכט פון פייער. 12) דער באשאפער פון די (פארשי־דענע) ליכטען פון פייער.—די גמרא ערקלעהרט ווייטער די טעמים פון אלע דיזע מיינונגס פארשידענהייטען. 13) ליכט וואס מען צינדט אן צו־ליבן כבוד פון א מת און בשמים וואס מען רויכערט צוליב זיין שלעכטען ריח. 14) אפילו אז מען האט ניט מעהר געהערט ווי דעם סוף פון דער ברכה. 15) זעה „פירוש" ז, 73 נומ. 4. 16) ווייל ער קאן האבען געמאכט די ברכה צו אן עבודה זרה אדער צום בארג גריזים וועלכען די כותים האבען הייליג געהאלטען.

17) תוספתא פ"ה און פסחים ק"ד א'. 18) ד"ה ווייל מען מאכט דאך קידוש צוליב דעם וואס עס איז שבת אדער יום טוב. 19) ווען עס באווייזען זיך שטערען אדער נאכדעם ווי מען האט געדאווענט מעריב. 20) ווייל מען מאכט דאך ניט קיין קידוש אז עס איז ניטא קיין וויין (אדער ברויט). 21) דאס איז א באקאנטער כלל וואס די גמרא (זבחים פ"ט א') לערנט אפ פון במדבר כ"ח כ"ג. 22) ביי בית שמאי. 23) טעמים. 24) אז דער דין איז תמיד ווי בית הלל (זעה ערובין י"ג ב'). 25) בבא מציעא

אויב מיר זאָלען זאָגען אַז אויפֿן טיש, איז אַ מורא טאָמער וועט די פֿליסיגקייט וואָס געפֿינט זיך אין סערוויעט טמא ווערען צוליבן טיש און וועט [ווידער] מטמא זיין די עסענוואַרג". — אָבער דער טיש (גופא) קאָן דאָך מטמא זיין די עסענוואַרג וואָס געפֿינען זיך אויף איהם? — עס האַנדעלט זיך דאָ ביי אַ טיש וואָס איז אַ שני, און ביי חולין קאָן אַ שני מאַכען אַ שלישי נאָר דורך אַ פֿליסיגקייט. — אין וואָס זיינען זיי (דאָ) מחולק? בית שמאי האַלטען אַז מען טאָר ניט ניצען אַ טיש וואָס איז אַ שני, ווייל עס איז אַ מורא צוליב די וואָס עסען תרומה 1), און ב"ה האַלטען אַז מען מעג ניצען אַ טיש וואָס איז אַ שני, ווייל די וואָס עסען תרומה זיינען זעהר פֿאָרזיכטיג 2). אַן אַנדער טעם איז דאס וואָס וואַשען זיך צו חולין איז ניט מדאורייתא. — צו וואָס נאָך אַן אַנדער טעם? — ב"ה זאגען צו ב"ש אַזוי: אפילו אַז איהר וועט פֿרעגען, פֿאַרוואָס זאָל זיין אַן אונטערשיעד צווישען עסענוואַרג, וואו מיר האָבען מורא, און די הענט, וואו מיר האָבען קיין מורא ניט, פֿון דעסטוועגען איז דאָס בעסער 3), ווייל עס איז גלייכער אַז די הענט זאָלען טמא ווערען, וועלכע האָבען ניט קיין אָפּשטאַמונג אין דער תורה, איידער עסענוואַרג זאָלען טמא ווערען, וועלכע האָבען יא אַן אפשטאַמונג אין דער תורה.

„בית שמאי זאגען אז מען קעהרט (צוערשט) אויס אא"וו".

די רבנן האָבען געלערנט: „ב"ש זאָגען אַז מען קעהרט (צוערשט) אויס דאָס הויז און נאַכהער וואַשט מען די הענט, ווייל אויב מיר זאָלען זאגען אַז מען וואַשט צוערשט די הענט, וועט דאָך אויסקומען אַז עסענוואַרג וועלען כליה ווערען 4). אבער 5) ב"ש האַלטען ניט אַז מען דאַרף צוערשט די הענט וואַשען. פֿאַרוואָס? צוליב די ברעקלעך. „און ב"ה זאָגען אַז אויב דער סאַרווער איז אַ תלמיד חכם נעהמט ער אַוועק די ברעקלעך וואָס זיינען גרויס ווי אַ כזית 6) און לאָזט איבער די ברעקלעך וואָס זיינען קלענער ווי אַ כזית". דאָס איז אַ שטיצע פֿאַר ר' יוחנן. וואָרום ר' יוחנן האָט געזאָגט 7): „ברעקלעך וואָס זיינען קלענער ווי אַ כזית מעג מען אפילו מיט די הענד פֿאַרניכטען". — אין וואָס זיינען זיי (דאָ) מחולק? — ב"ה האַלטען אַז מען טאָר זיך ניט באַדיענען מיט אַ סאַרווער אַן עם הארץ, און ב"ש האַלטען אַז מען מעג זיך יאָ באַדיענען מיט אַ סאַרווער אַן עם הארץ. האָט ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט אַז רב הונא האָט געזאָגט: אין גאַנצען פּרק איז דער דין ווי בית הלל אַחוץ דאָ וואו דער דין איז ווי בית שמאי. ר' אושעיא אָבער האָט דאָס געלערנט פֿאַרקעהרט 8), אַזוי אז אויך דאָ איז דער דין ווי בית הלל.

„בית שמאי זאגען אז ליכט און בענשען אא"וו"

רב הונא בר יהודה איז אויסגעקומען צו זיין ביי רבא און ער האָט געזעהן אַז רבא האָט צוערשט געמאַכט אַ ברכה איבער בשמים, האָט ער צו איהם געזאָגט: ב"ש און ב"ה זיינען דאָך ניט מחולק וועגען ליכט 9), וואָרום מיר האָבען געלערנט אין אונזער משנה: „ב"ש זאָגען אַז ליכט און בענשען, בשמים און הבדלה, און ב"ה זאָגען אַז ליכט און בשמים, בענשען און הבדלה"! האָט רבא זיך אָפּגערופֿען: דאָס זיינען די רייד פֿון ר' מאיר, אָבער ר' יהודה זאָגט 11): „ב"ש און ב"ה זיינען גאָר ניט מחולק אַז בענשען קומט צוערשט און הבדלה צולעצט, נאָר בנוגע צו וואָס זיינען זיי יאָ מחולק? ליכט און בשמים ב"ש זאָגען אַז בנוגע; ליכט און נאַכהער איבער בשמים, און ב"ה זאָגען אַז בשמים און נאַכהער ליכט, און ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז די וועלט איז זיך נוהג ווי בית הלל לויט ר' יהודה".

„בית שמאי זאגען אז שברא אא"וו".

האָט רבא געזאָגט: וועגען בָּרָא איז קיינער ניט מחולק אַז דאָס מיינט וואָס האָט בעשאַפֿען, אָבער וועגען וואָס זיינען זיי מחולק? וועגען בּוֹרֵא; ב"ש האַלטען אַז בורא מיינט וואָס וועט בעשאַפֿען 11), און ב"ה האַלטען אַז בורא מיינט אויך דער וואָס האָט בעשעפֿען. האָט רב יוסף געפֿרעגט: „יוֹצֵר אוֹר וּבוֹרֵא חֹשֶׁךְ", „יוֹצֵר הָרִים וּבוֹרֵא רוּחַ", „בּוֹרֵא הַשָּׁמַיִם וְנוֹטֵיהֶם"12)? נאָר רב יוסף האָט געזאָגט: וועגען ברא און בורא איז קיינער ניט מחולק אַז דאָס מיינט וואָס האָט בעשאַפֿען, אָבער וועגען וואָס זיינען זיי מחולק? ויעגען מאיר און מאורי, וואָרום ב"ש האַלטען אַז דאָס פֿייער האָט איין ליכט, און ב"ה האַלטען אַז דאָס פֿייער האָט מעהרערע (סאָרטען) ליכט. אין אַ בריתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: בית הלל האָבען געזאָגט צו בית שמאי: עס זיינען דאָ אַ סך (סאָרטען) ליכט אין פֿייער.

„מען מאכט ניט קיין ברכה אא"וו".

מילא איבער ליכט 13) ניט, ווייל עס האָט ניט גערוהט 14), אָבער פֿאַרוואָס ניט איבער בשמים? האָט רב

פירוש.

1) ד"ה טאָמער געפֿינען זיך טאָמער מענשען וואָס עסען תרומה ווייל אַ שני פסלט תרומה. 2) וועלען וויסען עסען אונטערזוכען צו דער טיש איז ריין. 3) מורא צו האָבען טאָמער וועט מען ניצען א טיש וואָס איז אַ שני און די עסענוואַרג וועלען טמא ווערען דורך די פֿליסיגקייט פֿון דער סערוויעט וואָס ליגט אויף איהם, איידער מורא צו האָבען טאָמער וועט די סערוויעט טמא ווערען צוליבן קישען און וועט מטמא זיין די הענט.

4) צוליב דעם וואָס זיי וועלען פֿאַרשפּריצט ווערען פֿון די מים אחרונים.

5) דיזער זאַץ פֿעהלט אין דעם מינכענער כ"י, און מיט רעכט, ווייל ער איז איבערפֿליסיג. ער ווערט אויך געמעקט פֿון „ב"ח". 6) בעפֿאָר ער ברענגט די מים אחרונים. 7) שבת קמ"ג א'. 8) ד"ה אַז בית הלל זיינען די וועלכע האַלטען אַז מען מעג זיך באַדיענען מיט אַ סאַרווער אַן עם הארץ.

9) אַז עס קומט צוערשט, טאָ פֿאַרוואָס האָט ער צוערשט געמאַכט איבער בשמים? 10) זעה ז, 179.

11) אם כן קאָן מען דאָס ניט זאָגען, ווייל מיר דאַרפֿען דאָך גאָט דאַנקען ניט פֿאַר דאָס ליכט וואָס ער האָט שוין בעשאַפֿען. 12) ישעיה מ"ה ז', עמוס ד' י"ג, און ישעיה מ"ב ה', פֿון וואַנען עס איז דאָך קלאָר אַז „בורא" מיינט אויך אין דער פֿערגאַנגענהייט, טאָ ווי איז דאָס מעגליך אַז ב"ש און ב"ה זאָלען וועגען דעם מחולק זיין? — זעה די עהנליכע מחלוקה וועגען מוציא און המוציא, ז, 141 און „פירוש" דאָרט נומ, 20.

13) פֿון גוים. 14) ד"ה ווייל דער גוי האָט עס שבת באַנוצט פֿאַר

חולין 1) קאָן אַ צווייטער מאַכען אַ דריטען נאָר דורך פליסיגקייטען. — און ב"ה זאָגען אַז (צוערשט) גיסט מען אָן דעם כוס און נאַכהער וואַשט מען די הענט, ווייל אויב מיר זאָלען זאָגען אַז מען וואַשט צוערשט די הענט, איז אַ מורא טאָמער וועט די פליסיגקייט פון די הענט 2) טמא ווערען צוליב דעם כוס 3), און וועט [ווידער] מטמא זיין די הענט 4). — אָבער דער כוס (גופא) קאָן דאָך מטמא זיין די הענט 5)? — אַ כלי 6) קאָן ניט מטמא זיין אַ מענשען 7). — אָבער ער 8) קאָן דאָך מטמא זיין די משקה פון אינעווענינ? — עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ כלי וואָס איהר אויסענווענינגסטע זייט איז טמא·געוואָרען דורך אַ פליסיגקייט 9), וועלכע איז ריין פון אינעווענינ און אומריין פון אויסענווענינ, וואָרום מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 10); „אין א כלי וואָס איהר אויסענווענינגסטע זייט איז טמא געוואָרען דורך אַ פליסיגקייט איז די אויסענווענינגסטע זייט טמא 11), (ב') אבער איהר אינענווענינגסטע זייט און איהר ברעג 12) און איהר אויער אדער איהרע הענטלעך זיינען טהור 13); איז אבער איהר אינעווענינגסטע זייט טמא געוואָרען, ווערט זי אין גאַנצען טמא". — אין וואָס זיינען זיי (דאָ) מחולק? בית שמאי האַלטעז אַז מען טאָר ניט ניצען אַ כלי וואָס איהר אויסענווענינגסטע זייט איז טמא געוואָרען דורך אַ פליסיגקייט, ווייל עס איז אַ מורא פאַר שפּראָצען 14), אָבער עס איז ניטא וואָס מורא צו האָבען 15) טאָמער וועט די פליסיגקייט פון די הענט טמא ווערען צוליב דעם כוס 16), און בית הלל האַלטען אַז מען מעג ניצען אַ כלי וואָס איהר אויסענווענינגסטע זייט איז טמא געווארען דורך אַ פליסיגקייט, ווייל זיי זאָגען אַז שפּראָצען קומען ניט אָפּט פאָר, דאַגעגען אָבער דאַרף מען מירא האָבען טאָמער וועט די פליסיגקייט פון די הענט טמא ווערען צוליב דעם כוס 17). אַן אַנדער טעם איז וואָס זאָפאָרט נאָך נטילת ידים דאַרף זיין די סעודה. — צו וואָס נאָך אַן אַנדער טעם? — בית הלל זאגען צו בית שמאי אַזוי: אפילו נאָך אייך וואָס איהר זאָגט אַז מען טאָר ניט ניצען אַ כלי וואָס איהר אויסענווענינגסטע זייט איז טמא, ווייל מיר האָבען מורא פאַר שפּראָצען 18), פון דעסטוועגען איז דאָס 19) בעסער, ווייל זאָפאָרט נאָך נטילת ידים דאַרף זיין די סעודה 20).

"בית שמאי זאגען אז מען ווישט אפ אא"וו".

די רבנן האָבען געלערנט 21): „ב"ש זאָגען אַז מען ווישט אפּ די הענט מיט אַ סערוויעט און מען לייגט עס אַוועק אויפן טיש, ווייל אויב מיר זאָלען זאָגען אַז אויפן קישען, איז אַ מורא טאָמער וועט די פליסיגקייט וואָס געפינט זיך אין סערוויעט 22) טמא ווערען צוליב דעם קישען און וועט [ווידער] מטמא זיין די הענט 23). — אָבער די קישען קאָן דאָך מטמא זיין די סערוויעט 24)? — אַ כלי 25) קאָן ניט מטמא זיין אַן (אַנדער) כלי. — אָבער די קישען קאָן דאָך מטמא זיין דעם מענשען (גופא)? — אַ כלי 26) קאָן אַ מענשען ניט מטמא זיין. — „און ב"ה זאגען אַז אויפן קישען, ווייל

פ י ר ו ש.

גענערירענדיג איינע די אַנדערע ווערען זיי איינגעטיילט אין גראַדען: ראשון לטומאה, שני לטומאה, שלישי לטומאה, רביעי לטומאה און אין זעלטענע פאַלען אויך חמישי לטומאה, ד"ה ערשטער, צווייטער, דריטער, פערטער און פינפטער גראד טומאה, פון וועלכע נאָר די ערשטע צוויי זיינען מדאורייתא, דער לעצטער גראד הייסט פסול, ד"ה ער זעלבסט איז טמא אָבער ער קאָן ניט ווייטער מטמא זיין. כלים זיינען מקבל טומאה פון אַן אב הטומאה, זיי קאָנען אָבער קיינמאָל ניט אַליין זיין אַן אב הטומאה. פליסיגקייטען — משקין — (אין מכשירין פ"ו מ"ד ווערען אויסגערעכענט 7 מינים וואָס קאָנען אָננעהמען און איבערטראָגען אַ טומאה: טוי, וואַסער, וויין, אויל, בלוט, מילך און ביענען האָניג) זיינען כמעט תמיד ערשטער גראַד (מדרבנן) אפילו ווען זיי ריהרען זיך אָן אן אַ שני, אין קאָנען גאָר זעלטען זיין דריטער און פערטער גראַד, אָבער קיינמאָל ניט צווייטער גראַד. זייענדיג אַ ראשון זיינען זיי מדרבנן מטמא כלים (מיט אויסנאַהם פון די וואָס זיינען געמאַכט פון מיסט, ערד און שטיין, וועלכע זיינען איבערהויפּט ניט מקבל טומאה) און ביי מענשען בלויז די הענט, וועלכע ווערען אַ שני לטומאה. 1) זעה „פירוש" ז, 166 נומ. 5. 2) וועלכע זיינען ניט גוט אפגעווישט געוואָרען, ווייל ביים טרינקען געהט מען ניט אַזוי געַנוי ווי ביים עסען אַז די הענט זאָלען זיין טרוקען („תוספות"). 3) וועלכער איז טמא פון זיין אויסענווענינגסטער זייט, און דיזע פליסיגקייט וועט ווערען אַ ראשון. 4) און מען וועט עסען מיט אונריינע הענט. 5) אפילו בעת זיי זיינען טרוקען; אם כן האָבען דאָך בית הלל נאָר באַוואָרענט בנוגע צום כוס וואָס פאַרן עסען, אָבער וואָס איז מכח די כוסות וואָס מען טרינקט בעת'ן עסען, וועלכע וועלען דאָך מטמא זיין די הענט? 6) וואָס איז טמא געוואָרען דורך אַ ראשון אין ניט דורך אַן אב הטומאה, ווי עס איז דאָ דער פאַל. 7) ווייל דער דין בלייבט ווי די רבנן וועלכע זיינען מחולק אויף ר' יהושע בנוגע צו כלים וואָס זיינען טמא געוואָרען דורך פליסיגקייטען (זעה ידים פ"ג מ"א) און האַלטען אַז אַ שני קאָן ניט מאַכען קיין שני; דערפאַר איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר די כוסות וואָס מען טרינקט בעת'ן עסען, ווייל טרוקענע הענט קאָנען דאַדורך ניט טמא ווערען, און אפילו אַז זיי זאָלען זיין איינגעריכט פון געקעכץ האָט דיזע פליסיגקייט ניט דעם דין פון משקין נאָר פון עסענוואַרג. 8) דער בעכער. 9) ד"ה וועגען אַ כְּלִי שֶׁטֶף, אַ הילצערנע אָדער מעטאַלענע כלי, וועלכע קאָן ווידער ריין ווערען דורך אויסשווענקען. ערדענע כלים זיינען פון אויסעניוועניג ניט מקבל אפילו קיין טומאה מדאורייתא. 10) כלים פכ"ה מ"ו אא"ע. 11) ווייל הגם מענשען און כלים קאָנען נאר מקבל טומאה זיין פון אַן אב הטומאה, האָבען אָבער די חכמים גוזר געווען אַז פליסיגקייטען זאָלען זיי מטמא זיין צוליב דעם וואָס די פליסיגקייט פון אַ זב איז אַן אב הטומאה און איז זיי מטמא מדאוריתא (זעה שבת י"ד ב'). 12) אפילו ווען ער איז אריבערגעבויגען נאָך אויסענווענינ. 13) ווייל דיזע טומאה זייענדיג בלויז מדרבנן האָט מען דערביי מקיל געווען אַז די אינעווענינגסטע זייט אא"וו זאָל ניט טמא ווערען, כדי מען זאָל ניט דאַרפען צוליב דעם פאַרברענגען תרומה און קדשים, וויעס איז דער דין ביי תרומה און קדשים וועלכע ווערען טמא (זעה בכורות ל"ה א'). 14) ד"ה טאָמער וועט עפּעס אַרויסשפּריצען פון אינעווענינ אויף די אויסענווענינגסטע זייט און וועט טמא ווערען און מטמא זיין די אויסענווענינגסטע זייט פון כוס. 15) ווי בית הלל. 16) ווייל אַזאַ כלי טאָר מען דאָך בכלל ניט ניצען. 17) דערפאַר גיסט מען צוערשט אָן דעם כוס און נאַכהער וואַשט מען די הענט. 18) און עס איז ניטא וואָס מורא צו האָבען טאָמער וועט די פליסיגקייט פון די הענט טמא ווערען צוליב דעם כוס. 19) וואָס מיר זאָגען אַז צוערשט גיסט מען אָן דעם כוס אא"וו. 20) קאָן דאָך שוין דער כוס ניט קומען צווישען, און אַזוי ווי דאָס איז א דין פון די הלכות סעודה קאָן דאָס ניט באַזייטיגט ווערען צוליב א בלויזע מורא פאַר שפּראָצען.

21) תוספתא פ"ה. 22) דורכן אָפּווישען זיך. 23) ביים אָפּווישען זיך אין מיטען עסען. 24) אפילו ווען אין איהר איז ניטאָ קיין פליסיגקייט. 25 און 26) וואָס

מאַכען 1). — איינמאָל ווערט געלערנט אַז איבער דאָס ליכט פֿון אַ קאַלך־אויווען מעג מען מאַכען אַ ברכה און אין אַן בריתא ווערט געלערנט אַז מען טאָר דעריבער ניט מאַכען קיין ברכה! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 2) איז אין אָנפֿאַנג 3) און יענעס איז צום סוף 4). — איינמאָל ווערט געלערנט אַז איבער דאָס ליכט פֿון אַ באַק־אויווען און פֿון אַ קאַך־אויווען מעג מען מאַכען אַ ברכה און אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט אַז מען טאָר ניט מאַכען קיין ברכה! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז אין אָנפֿאַנג און יענעס 5) איז צום סוף. — איינמאָל ווערט געלערנט אַז איבער דאָס ליכט פֿון אַ שוהל און אַ בית מדרש מעג מען מאַכען אַ ברכה און אין אַן אַנדער בריתא ווערט געלערנט אַז מען טאָר ניט מאַכען קיין ברכה! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז אַז עס איז דאָ אַן אָנגעזעהענער מענש 6) און יענעס איז אַז עס איז ניטאָ קיין אָנגעזעהענער מענש 7); און אַז מען וויל קאָן מען אפילו זאָגען אַז דאָס און יענעס איז ווען עס איז דאָ אַן אָנגעזעהענער מענש, עס איז אָבער קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז אַז עס איז דאָ אַ שמש 8) און יענעס אַז עס איז ניטאָ קיין שמש. און אַז מען וויל קאָן מען זאָגען אַז דאָס און יענעס איז ווען עס איז דאָ שמש, עס איז אָבער קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז אַז עס איז דאָ די לבנה 9) און יענעס איז אַז די לבנה איז ניטאָ.

די רבנן האָבען געלערנט 10): „אַז זיי זיינען געזעסען אין בית מדרש און מען האָט זיי געבראַכט ליכט, זאָגען בית שמאי אַז יעדערער מאַכט די ברכה פֿאַרזיך, און בית הלל זאָגען אַז איינער מאַכט די ברכה פֿאַר אַלע, ווייל עס שטעהט 11): „פֿאַר אַ גרויס פֿאָלק איז די שעהנקייט פֿון קעניג". — מילא ב"ה געבען אַ טעם, אבער וואָס איז דער טעם פֿון ב"ש? זיי האַלטען צוליב די שטערונג פֿון בית מדרש 12). אין אַ בריתא ווערט אויך אַזוי געלערנט 13): „רבן גמליאל'ס (בני בית) פֿלעגען ניט זאָגען „צו רפואה!" 14) אין בית מדרש צוליב די שטערונג פֿון בית מדרש".

„מען מאַכט ניט קיין ברכה ניט איבער ליכט און ניט איבער בשמים פֿון מתים".

פֿאַרוואָס? ווייל דאָס ליכט דיענט צוליב זיין כבוד 15) און די בשמים זיינען צו פֿאַרטרייבען דעם (שלעכטען) ריח 16). רב יהודה האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: דער 17) וואָס מען וואָלט פֿאַר איהם געטראָגען 18) אי בייטאָג אי ביי נאַכט טאָר מען דעריבער 19) קיין ברכה ניט מאַכען 20), אָבער דער וואָס מען וואָלט פֿאַר איהם נאָר ביי נאַכט געטראָגען מעג מען דעריבער 21) יאָ אַ מאַכען ברכה 22). רב הונא האָט געזאָגט: איבער בשמים פֿין בית הכסא 23) און איבער אויל וואָס דיענט (בלויז) אַראָפּצונעהמען שמוץ 24) טאָר מען קיין ברכה ניט מאַכען 25). מען קאָן זאָגען אַז דאָרט וואו עס 26) דיענט ניט צו שמעקען טאָר מען דעריבער קיין ברכה ניט מאַכען. האָט מען דערויף געפֿרעגט 27): „אַז איינער נעהמט אַריין אין אַ בשמים קראָם און דערשמעקט אַ ריח מאַכט ער נאָר איינמאָל אַ ברכה אפילו אַז ער זיצט דאָרט אַ גאַנצען טאָג, אויב ער געהט אָבער עטליכע מאָל אריין און אַרויס מאַכט ער יעדעס מאָל אַ ברכה"; דאָ 28) דיענט עס דאָך אויך ניט צו שמעקען 29), און פֿון דעסטוועגען מאַכט מען אַ ברכה! — יאָ, דאָ דיענט עס אויך צו שמעקען, כדי מענשען זאָלען דערשמעקען און אַריינקומען קויפֿען [פֿון איהם].

די רבנן האָבען געלערנט: אַז איינער געהט אויסערן שטאָדט און דערשמעקט אַ ריח, איז אויב דאָס רוב זיינען געצענדיגער טאָר ער קיין ברכה ניט מאַכען, אָבער אויב דאָס רוב זיינען אידען זאָל ער יאָ מאַכען א ברכה. ר' יוסי זאָגט: אפילו ווען דאָס רוב זיינען אידען טאָר ער אויך קיין ברכה ניט מאַכען, ווייל אידישע טעכטער רויכערן צו כשוף (צוועקען). — רויכערן דען אַלע צוליב כשוף? — נאָר איין מינאָריטעט צוליב כשוף און איין אַנדער מינאָריטעט כדי אויסצורויכערן די קליידער 30), קומט שוין אויס אַז על פי רוב דיענט עס ניט צו שמעקען, און דאָרט וואו עס דיענט ניט על פי רוב צו שמעקען טאָר מען דעריבער קיין ברכה ניט מאַכען. — ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט: דער וואָס געהט ערב שבת אין טבריא און מוצאי שבת אין צפורי 31) און

פירוש.

1) ווייל דאָס באַווייזט אַז עס דיענט נאר צו קאָכען, און די ברכה דאַרף מען נאָר מאַכען איבער דאָס וואָס דיענט צו לייכטען. 2) וואָס שטעהט אַז מען טאָר ניט. 3) ווייל דאַמאָלס האָט דאָס פֿייער נאָר דעם צוועק צו ברענען די ציגעל אא"וו. 4) ווייל נאָכדעם ווי די ציגעל זיינען שוין געברענט דיענט דאָס פֿייער אויך צו לייכטען. 5) וואָס שטעהט אַז מען מעג. 6) האָט מען דאָס אָנגעצונדען בלויז צוליב זיין כבוד. 7) האָט מען דאָס אנגעצינדען צו לייכטען. „תוספות" און „ראַ"ש" ערקלעהרען פֿאַר־קעהרט: ווען עס איז ניטאַ קיין אָנגעזעהענער מענש איז דאָס צוליבן כבוד פֿון דער שוהל, אָבער ווען עס איז יאָ דאָ איז דאָס צו לייכטען. 8) וועלכער עסט אין שוהל, איז דאָס ליכט אַלזא צו לייכטען. — אין דער גמרא שטעהט חזן, אבער די אורשפּרינגליכע באַדייטונג פֿון דיזען וואָרט איז געוועזן שמש, און ערשט פֿיעל שפּעטער איז אייגעפֿיהרט געוואָרען דאָס וואָרט שמש (דיענער, סאַרוועך) פֿאַר דעם דיענער און אויפֿפּאַסער פֿון דער שוהל און חזן פֿאַר דעם זינגער אָדער שליח צבור. 9) קאָן דאָך דער שמש אויסקומען אהן אַ ליכט, טאָר מען ניט מאַכען קיין ברכה, ווייל עס איז אין דיזען פֿאַל קלאָר אַז מען האָט עס אנגעצונדען ניט צו לייכטען נאָר צוליבן כבוד פֿון דעם אָנגעזעהענעם מענש.

10) תוספתא פ"ה. דאָרט זיינען אָבער די מימרות פֿון ב"ש און ב"ה פֿאַרקעהרט ווי דאָ. 11) משלי י"ד כ"ח. 12) ווייל אז איינער מאַכט די ברכה פֿאַר אַלע מוז ער זאָגען אויפֿן קול, שטערט עס די וואָס זיינען דאָרט פֿאַרטהון אין לעהרנען. 13) תוספתא שבת פ"ח. 14) ווען אימיצער האָט געניאָסען.

15) און ניט צו לייכטען. 16) פֿון מת, און ניט צו שמעקען. 17) מת וואָס איז אַזוי אָנגעזעהן. 18) ליכט. 19 און 21) איבער דאָס ליכט וואָס מען האָט מוצאי שבת געטראגען ביי דער לויה פֿון אזא מת. 20) ווייל דאָס איז דאָך צוליב זיין כבוד און ניט צו לייכטען. 22) ווייל עס איז דאָך צו לייכטען. 23) וואָס דיענען בלויז צו פֿארטרייבען דעם שלעכטען ריח. 24) אויל מיט וועלכע מען פֿלעגט רייניגען די הענט נאכן עסען. 25) ד"ה מען טאר ניט מאַכען „בורא עצי בשמים", אבער מען מאַכט „בורא שמן ערב", אויב דאָס איז באַלזאַם אויל (זעה ז. 154). 26) די בשמים. 27) פֿון תוספתא פ"ה. 28) אין דער קראָם. 29) נאָר צו פֿאַרקויפֿען.

30) כדי עס זאָל פֿון זיי שמעקען. 31) טבריא, אַ שטאָדט אין אַן

יהודה געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט אַז עס האַנדעלט זיך דאָ ווענגען אַ טיש געזעלשאַפֿט פֿון גוים, ווייל אַ טיש געזעלשאַפֿט פֿון גוים דיענט געוועהנליך צו עבודה זרה צוועקען. — אבער אַז צום סוף 1) ווערט געלערנט: „מען מאַכט ניט קיין ברכה ניט איבער ליכט און ניט איבער בשמים פֿון אַן עבודה זרה", פֿאַלגליך האַנדעלט עס זיך דאָך אין אָנפֿאַנג 2) ניט ווענגען עבודה זרה! — האָט ר' חנינא פֿון סורא געזאָגט: דאָ ווערט אַ פֿאַרוואָס געגעבען 3): פֿאַרוואָס מאַכען מיר ניט קיין ברכה ניט איבער ליכט און ניט איבער בשמים פֿון גוים? ווייל אַ טישגעזעלשאַפֿט פֿון גוים דיענט געוועהנליך צו עבודה זרה צוועקען.

די רבנן האָבען געלערנט: איבער אַ ליכט וואָס האָט גערוהט מאַכט מען אַ ברכה, אָבער (איבער אַ ליכט) וואָס האָט ניט גערוהט מאַכט מען ניט קיין ברכה. (וואָס מיינט גערוהט 4)" און וואָס מיינט „ניט גערוהט"? (נ"ג א') זאָלען מיר זאָגען (אַז עס מיינט) ניט גערוהט צוליב אַרבייט, אַפילו צוליב אַן אַרבייט וואָס איז ערלויבט, ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ בריתא: איבער דאָס ליכט בײַ אַ קינפּעטאָרין אדער בײַ אַ חולה מעג מען מאַכען אַ ברכה 5)! האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: וואָס מיינט גערוהט? וואָס האָט גערוהט פֿון אַ מלאכה וואָס איז אַן עבירה. אין אַ בריתא ווערט אויך אַזוי געלערנט: איבער אַ לאַמטערנע וואָס האָט געברענט אַ גאַנצען טאָג 6) מעג מען מוצאי שבת מאַכען אַ ברכה 7).

די רבנן האָבען געלערנט: אַז אַ גוי האָט אנגעצונדען 8) פֿון אַ אידען אָדער אַז אַ איד האָט אנגעצונדען פֿון אַ גוי מעג מען דאַריבער מאַכען אַ ברכה, אָבער אַ גוי פֿון אַ גוי טאָר מען דאַריבער קיין ברכה ניט מאַכען. — פֿאַרוואָס טאָר מען ניט אַז אַ גוי פֿון גוי? ווייל עס האָט ניט גערוהט! אויב אַזוי, האָט עס דאָך אויך ניט גערוהט אַז אַ איד (האָט אָנגעצונדען) פֿון אַ גוי! און טאָמער וועסטו זאָגען: יענער איסור 9) איז דאָך אַוועק, און דאָס 10) איז גאָר אַן אַנדער זאַך און איז געבאָרען געוואָרען אין דעם אידען'ס האַנד 11), טאָ פֿאַרוואָס ווערט געלערנט אין אַ בריתא 12): „אַז איינער טראָגט ארויס 13) אַ פֿלאַם 14) אין אַ רשות הרבים איז ער חיב" 15)? פֿאַרוואָס זאָל ער חיב זיין? דאָס וואָס ער האָט אַוועקגענומען האָט ער דאָך ניט אַוועקגעלעגט און דאָס וואָס ער האָט אַוועקגעלעגט האָט ער דאָך ניט אַוועקגענומען 16)? נאָר לעולם פֿאַרבלייבט טאַקע דער איסור, און דאָס וואָס ער מאַכט (דאָ) אַ ברכה, מאַכט ער [אַ ברכה] אויף דעם היתר וואָס איז צוגעקומען 17). אויב אַזוי, דאַרף דאָך אויך (זיין ערלויבט) אַז אַ גוי (האָט אָנגעצונדען) פֿון אַ גוי 18)? — יאָ עס דאַרף טאַקע אַזוי זיין, אָבער מען האָט גוזר געווען צוליב דעם ערשטען גוי און דעם ערשטען פֿייער 19).

די רבנן האָבען געלערנט: אַז איינער געהט 20) אויסערן שטאָדט און דערזעהט אַ ליכט, איז אויב דאָס רוב 21) זיינען גוים טאָר ער ניט מאַכען קיין ברכה, אבער אויב דאָס רוב זיינען אידען מעג ער מאַכען אַ ברכה. ענטהאַלט עס דאָך אַ ווידערשפּרוך אין זיך: (צוערשט) ווערט געזאָגט אַז אויב דאָס רוב זיינען גוים טאָר ער ניט מאַכען קיין ברכה, פֿאָלגט דאָך דערפֿון אַז אויב זיי זיינען העלפֿט אויף העלפֿט מעג ער יא מאַכען אַ ברכה, און נאָכהער ווערט געלערנט אַז אויב דאָס רוב זיינען אידען מעג ער מאַכען אַ ברכה, מיינט עס דאָך אַז אויב זיי זיינען (בלויז) העלפֿט אויף העלפֿט טאָר ער ניט מאַכען קיין ברכה! — עס איז טאַקע ריכטיג אַז ווען זיי זיינען העלפֿט אויף העלפֿט מעג ער אויך מאַכען אַ ברכה, נאָר ווייל עס ווערט געלערנט אין אנפֿאַנג „(אויב) דאָס רוב זיינען גוים" ווערט שוין אויך צום סוף געלערנט „(אויב) דאָס רוב זיינען אידען" 22).

די רבנן האָבען געלערנט: אַז איינער געהט אויסערן שטאָדט און זעהט אַ קינד מיט אַ פֿאַקעל אין דער האַנד, זאָל ער אונטערזוכען און אויב דאָס קינד איז אַ איד מעג ער מאַכען א ברכה, אבער אויב דאָס איז אַ גוי טאָר ער קיין ברכה ניט מאַכען. — וואָס איז עפּעס גערעדט אַ קינד? דאָס זעלבע דאַרף דאָך אויך זיין בײַ אַ דערוואַקסענעם! — האָט רב יהודה געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: עס האַנדעלט זיך דאָ גלייך נאָך זונען אונטערגאַנג, ווייל בײַ אַ דערוואַקסענעם איז קלאָר אַז דאָס איז אַ גוי 23), אָבער בײַ אַ קינד איז מעגליך אַז דאָס איז אַ אידיש (קינד) און ער האַלט עס בײַ צופֿאַל 24).

די רבנן האָבען געלערנט: אַז איינער געהט אויסערן שטאָדט און דערזעהט אַ ליכט, איז אויב דאָס איז דיק ווי די עפּענונג פֿון אַ קאַלך-אויווען מעג ער דאַריבער מאַכען אַ ברכה 25). און אויב ניט טאָר ער דעריבער קיין ברכה ניט

פירוש.

אַרבייט. 1 און 2) פֿון דעם ציטירטען מאמר אין אונזער משנה. 3) ד"ה דער אנהויב און דער סוף פֿון דעם מאמר אין אונזער משנה זיינען ניט קיין באַזונדערע זאַכען, נאָר איינס ערקלעהרט דאָס אַנדערע.
4) אין „אלפס" און „רא"ש" פֿעהלט דאָס, אָבער פֿון דער וויטערדיגע פֿראַגע: „וואָס מיינט גערוהט"? איז קלאָר אַז דער נוסח פֿון דער גמרא איז ריכטיגער. 5 און 7) הבדלה מאַכען, הגם עס האָט געברענט אום שבת. 6) אָבער וואָס מען האָט נאָך פֿאַר שבת אָנגעצונדען.
8) אַ ליכט אום מוצאי שבת. 9) דאָס ליכט פֿון דעם גוי, וועלכעס איז פֿאַרבאָטען ווייל עס האָט ניט גערוהט. 10) דאָס ליכט וואָס דער איד האָט אָנגעצונדען פֿונם גוי. 11) דערפֿאַר מעג מען דאַריבער מאַכען אַ ברכה. 12) תוספתא שבת פ"י. 13) אום שבת פֿון אַ רשות היחיד. 14) ד"ה עפּעס וואָס איז ענטצינדבאַר און וואָס האָט זיך ערשט אָנגעצונדען אין אַ פֿלאַם ווען עס איז שוין געווען אין רשות הרבים. 15) ווענגען חלול שבת. 16) און מען איז דאָך נאָר עובר אויפֿן לאו פֿון ארויסטראָגען אַ זאַך אום שבת פֿון אַ רשות היחיד אין אַ רשות הרבים, ווען דאָס וואָס מען האָט אַוועקגעלעגט אין רה"ר איז דאָס וואָס מען האָט אַוועקגענומען פֿון רה"י. 17) ד"ה אויף דאָס ליכט וואָס דער איד האָט אָנגעצונדען און וועלכעס האָט גערוהט. 18) ווייל דאָס ליכט וואָס ער האָט אָנגעצונדען האָט דאָך גערוהט. 19) ד"ה אויב מיר זאָלען ערלויבען בײַ אַ גוי פֿון אַ גוי, וועט מען מיינען אַז מען מעג אויך מאַכען אַ ברכה איבער דאָס ערשטע ליכט וואָס דער ערשטער גוי האָט נאָך אָנגעצונדען אום שבת.
20) מוצאי שבת. 21) איינוואוהנער פֿון שטאָדט. 22) הגם דאָס איז איבעריג.
23) ווייל אַ איד וועט דאָך ניט אנצונדען קיין פֿייער שבת גלייך נאָך זונען אונטערגאַנג. 24) דערפֿאַר זאָל ער אונטערזוכען.
25) ווייל דאָס באַווייזט אַז דאָס פֿייער דיענט צו לייכטען.

האָט פֿאַרגעסען צו בענשען און איז אַרונטערגעגאַנגען דאַרף ער זיך אומקעהרען אויפֿן שפּייז פּונם טורעם און בענשען! האָבען ב"ש געענטפֿערט ב"ה: און ווי איז לויט אייערע רייד אז איינער האָט פֿאַרגעסען אַ בייטעל אויפֿן שפּייז פֿון אַ טורעם? וועט ער ניט ארויפֿגעהן און איהם נעהמען? היינט אויב מען טהוט דאָס פֿאַר זיך דאַרף מען דאָך פֿאַר גאָט אוראי! — עס זיינען געווען צוויי תּלמידים, האָט איינער געטהון בשוגג ווי ב"ש 1) און האָט געפֿונען אַ בייטעל מיט גאָלד, און דער אַנדערער האָט געטהון במזיד ווי בית הלל 2) און אַ לייב האָט איהם צעריסען. רבה בר חנה איז געגאַנגען אין אַ קאַראַוואַן און האָט געגעסען און פֿאַרגעסען צו בענשען. האָט ער ביי זיך געטראַכט: ווי זאָל איך טהון? זאָל איך זיי 3) זאָגען אַז איך האָב פֿאַרגעסען צו בענשען? וועלען זיי מיר זאָגען: בענש (דא)! וואו דו בענשסט, בענשסטו צו גאָט! איך וועל זיי בעסער זאָגען אַז איך האָב פֿאַרגעסען אַ גאָלדענע טויב. האָט ער צו זיי געזאָגט: וואַרט אויף מיר, ווייל איך האָב פֿאַרגעסען אַ גאָלדענע טויב. און ער איז געגאַנגען און האָט געבענשט און דאָרט געפֿונען אַ גאָלדענע טויב. פֿאַרוואָס עפּעס אַ טויב? ווייל די כנסת ישראל איז געגליכען צו אַ טויב, וואָרום עס שטעהט געשריבען 4): „די פֿליגעל פֿון אַ טויב באַדעקט מיט זילבער און איהר שווינגען מיט גרינליכען גינגאָלד"; אַזוי ווי די טויב קאָן זיך נאָר ראַטעווען דורך איהרע פֿליגעל, אַזוי קאָנען זיך אידען נאָר ראַטעווען דורך מצוות.

„און ביז ווי לאַנג מוז מען אא"וו".

ווי לאַנג געדויערט דאָס פֿאַרדויען? האָט ר' יוחנן געזאָגט: אַזוי לאַנג ווי מען איז ניט הונגעריג. און ריש לקיש האָט געזאָגט: אַזוי לאַנג ווי מען איז נאָך דורשטיג צוליבן עסען. האָט רב יימר בר שלמיא [געפֿרעגט מר זוטרא'ן], און מאַנכע זאָגען רב יימר בר שזבי, געפֿרעגט מר זוטרא'ן: האָט דען ריש לקיש אַזוי געזאָגט? רב אמי האָט דאָך געזאָגט אַז ריש לקיש האָט געזאָגט: ווי לאַנג געדויערט דאָס פֿאַרדויען? אַזוי לאַנג ווי עס נעהמט צו געהן פֿיער מייל 5)! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז נאָך אַ סך עסען און יענעס נאָך ווייניג עסען 6).

„אז מען ברענגט ויין אא"וו".

מען קאָן זאָגען אַז מען דאַרף ענטפֿערן 7) נאָך אַ איד, אפילו אַז מען האָט ניט געהערט די גאַנצע ברכה. — אבער אַז מען האָט ניט געהערט, ווי קאָן מען יוצא זיין? האָט חייא דער זוהן פֿון רב געזאָגט: (עס האַנדעלט זיך) אַז ער האָט מיט זיי ניט מיטגעגעסען 8); און אַזוי האָט רב נחמן געזאָגט אַז רבה בר אבהו האָט געזאָגט: אַז ער האָט מיט זיי ניט מיטגעגעסען. — רב האָט געזאָגט צו חייא זיין זוהן: מיין זוהן, חאַפּ און בענש 9)! און אַזוי האָט רב הונא צו רבה זיין זוהן געזאָגט: חאַפּ און בענש! — מען קאָן זאָגען אַז דער וואָס בענשט איז בעסער ווי דער וואָס ענטפֿערט א מ ן. — אין אַ ברייתא ווערט דאָך אבער געלערנט: ר' יוסי זאָגט: עס איז פֿיעל גרעסער דער וואָס ענטפֿערט א מ ן ווי דער וואָס בענשט, און ר' נהוראי 10) האָט צו איהם געזאָגט: ביי גאָט, אַזוי איז דאָס, וואָרום דו קאָנסט עס פֿאַר־שטעהן דערפֿון וואָס די גאַלעאַרען 11) קומען אַרונטער 12) און פֿיהרען אָן דעם קאַמף און (נאָכהער) קומען אַרונטער די העלדען און באַזיגען 13)! — דעריבער איז דא (אַ מחלוקת פֿון) תנאים 14), וואָרום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: געמיינט זיינען סיי דער וואָס בענשט סיי דער וואָס ענטפֿערט א מ ן, נאָר מען באַלוינט גיכער דעם וואָס בענשט ווי דעם וואָס ענטפֿערט א מ ן. — שמואל האָט רב'ן געפֿרעגט: מעג מען ענטפֿערן א מ ן נאָך חדר־קינדער? האָט ער איהם גע־ענטפֿערט: נאָך אַלעמען ענטפֿערט מען א מ ן אחוץ נאָך חדר־קינדער, ווייל זיי טהוען דאָס כדי אויסצולערנען זיך 15); און דאָס איז נאָר ווען זיי זאָגען ניט קיין הפטרה, אבער ווען זיי זאָגען די הפטרה 16) ענטפֿערט מען יאָ.

די רבנן האָבען געלערנט: אויל האַלט אָפּ דאָס בענ־שען 17), דאָס זיינען די רייד פֿון ר' זילאי; ר' זיואי אָבער זאָגט אַז עס האַלט ניט אָפּ. ר' אחא זאָגט: גוטער 18) אויל האַלט אָפּ דאָס בענשען 19). ר' זוהמאי זאָגט: אַזוי ווי דער

פּירוש.

פֿאַרגעסען. 1) ד"ה ער האָט פֿאַרגעסען און האָט געטהון ווי ב"ש. 2) ד"ה ער איז בכיוון אַוועק פֿון דעם אָרט וואו ער האָט געגעסען און איז דאָרט ניט צוריק געקומען צו בענשען. 3) די אַנדערע פּאַסאַזשירען. 4) תהלים ס"ח י"ד.

5) זעה „פּירוש" ז, 54 נומ, 9. 6) לויט רש"י: נאָך אַ סך עסען פֿיער מייל און נאָך ווייניג עסען אַזוי לאַנג ווי מען איז נאָך דורשטיג צוליבן עסען; לויט „תוספות" אבער פֿאַרקעהרט, ווייל פֿיער מייל געהן געדויערט ניט לאַנג.

7) אמן. 8) נאָר ער איז אַריינגעקומען געראַדע צום בענשען, האָט ער דאָך ניט וואָס יוצא צו זיין. 9) ד"ה זעה אַז עס זאָל דיר אויסקומען צו בענשען. — דיזער מאמר געפֿינט זיך אויך צום סוף פֿון סוטה. 10) וועלכער איז געוועהנליך געווען דער בר פלוגתא פֿון ר' יוסי (דאַ און אין שבת ס' ב') ס). 11) די נושאי כלים פֿון די גלאדיאַטאָרען. 12) אין דער אַרענא, אין דעם פּלאַץ וואו דער וועטקאַמף געהט אָן. 13) אַזוי אויך ביים בענשען, האָט דער וואָס בענשט אַ סך צו זאָגען, אָבער דער וואָס ענטפֿערט נאָך איהם א מ ן איז וויכטיגער פֿאַר איהם. 14) און די פֿראַגע איז אלזא ניט ענטשיידען געוואָרען.—אין דעם מינכענער כ"י שטעהט ניט „תנאי היא" נאָר „כי קאמרי אינהו אליבא דהאי תנא (דאָס וואָס זיי זאָגען איז לויט דעם תנא)", און די גירסא שיינט ריכטיגער צו זיין, ווייל דער פֿאָלגענדער ברייתא ציטאַט ברענגט נאָר איין מיינונג סס). 15) און ניט לשם ברכה. 16) מיט די ברכות ססס).

17) ד"ה מען טאָר ניט בענשען במזומן (און מען מעג אלץ עסען אהן אַ ברכה) כל זמן מען האָט ניט געבראַכט דאָס אויל מיט וועלכען מען פֿלעגט רייניגען די הענט נאָך די מים אחרונים. 18) פּאַרפֿומירטער. 19) ביי

ס) עס איז מערקווירדיג וואָס פֿון די גאַנץ ווייניגע מאמרים וואָס מיר האָבען פֿון דיזען תנא (צו אונטערשיידען פֿון דעם אמורא ר' נהוראי, אַ תלמיד פֿון שמואל, חולין נ"ה ב') האָבען זיך צוויי אָן מיט אַ שבועה: דאָ („הסוסים, כן הוא!") און אין „מכילתא" בא פי"ב („העבודה, ולא אחד מהן מאות עלו אא"וו").

סס) לויט „דברי חמודות" ווערט די ברייתא געבראַכט צו ווייזען אַז דער דין איז אַז דער וואָס בענשט איז וויכטיגער, ווייל דיזע מיינונג ווערט אונטערשטיצט פֿון אמוראים.

ססס) מיר האָבען איבערזעצט און ערקלעהרט לויט רש"י און לויט דעם נוסח פֿון דער גמרא („והני מילי בדלא עידן מפטרייהו אבל בעידן מפטרייהו עונין"). אין „אלפס" און „רא"ש" אָבער איז די גירסא „והני מילי בעידנא דקא גמרי להו אבל בעידנא דקא מפטרי (בפטייהו) עונין", ד"ה דאָס איז נאָר ווען זיי לערנען זיך (בענשען), אָבער ווען זיי מיינען יוצא זיין דערמיט (די פֿליכט פֿון בענשען, ווייל זיי האָבען געגעסען) ענטפֿערט מען יאָ („רא"ש" אין נאָמען פֿון „ראב"ד", און אַזוי ערקלעהרט אויך דער „רשב"א"). דער רא"ש ברענגט אויך אַן אַנדער ערקלעהרונג, אַז „בעידן מפטרייהו" מיינט ווען זיי ענדיגען לערנען און זאָגען נאָכדעם קדיש. אָבער דער „שלחן ערוך" („או"ח" רט"ו ג') ברענגט נאָר די ערשטע צוויי ערקלעהרונגען.

דערשמעקט אַ ריח טאָר ער קיין ברכה ניט מאַכען, ווייל עס איז אַלגעמיין אנגענומען 1) אַז דאָס דיענט נאָר אויסצוריי־כערן די קליידער.

די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס געהט אויף אַ מאַרק וואו עס איז דאָ אַן עבודה זרה און ער שמעקט בכיון 2), האָט ער געטהון אַן עבירה.

(ב') „און מען מאַכט ניט קיין ברכה איבער א ליכט סיידען מען האט א נוצען".

האָט רב יהודה געזאגט אַז רב האָט געזאָגט: „מען האָט אַ נוצען" מיינט ניט אַז מען האָט דערפון ווירקליך אַ נוצען, נאָר אייב אַז מען יואָלט געשטאַנען נאהענט יואָלט מען גע־קאָנט האָבען אַ נוצען פון זיין ליכטען איז אפילו אַז (מען שטעהט) ווייט אַוועק 3). און אַזוי האָט רב אשי געזאָגט: עס איז געלערנט געוואָרען אַז 4) ווייט אַוועק. האָט מען דערויף געפרעגט 5): „אַז איינער האלט אַ ליכט פאַרבעהאַלטען אין שויס אָדער אין אַ לאַמטערנע, אדער אַז ער זעהט אַ פלאַם און מאַכט ניט קיין נוצען פון איהר ליכטען, אדער אַז ער מאַכט אַ נוצען פון איהר ליכטען אָבער ער זעהט ניט די פלאַם, טאָר ער ניט מאַכען קיין ברכה, סיידען ער זעהט די פלאַם און מאַכט אַ נוצען פון איהר ליכטען". איז מילא „אַז ער מאַכט אַ נוצען פון איהר ליכטען אָבער ער זעהט ניט די פלאַם" קאָן פאָרקומען, ווייל זי שטעהט אין אַ ווינקעל, אָבער ווי קאָן פאָרקומען „אַז ער זעהט אַ ליכט און מאַכט ניט קיין נוּ־צען פון איהר ליכטען" אַז ניט אויב עס איז ווייט אַוועק 6)? — ניין, צב"ש ווען זי האַלט ביי אויסגעהן 7). — די רבנן האָ־בען געלערנט: איבער גליהענדע קוילען מעג מען מאַכען אַ ברכה, אָבער איבער פאַרדעקטע 8) טאָר מען ניט מאַכען קיין ברכה. ווי איז געמיינט „גליהענדע"? האָט רב חסדא גע־זאָגט: אַז מען לעגט צווישען זיי אַריין אַ שפּענדעל און עס צינדט זיך אָן פון זיך זעלבסט. — עס איז ביי זיי געפרעגט געוואָרען: (הייסט עס) א ו מ מ ו ת אָדער ע ו מ מ ו ת 9)? — קום און הער וואָס רב חסדא בר אבדימי האָט געזאָגט: „צעדערן האָבען איהם ניט פאַרדעקט (עֲמָמֻהוּ) 10) אין דעם גאָרטען פון גאָט". — רבא אָבער האָט געזאָגט אַז 11) מען האָט דערפון ווירקליך אַ נוצען 12). ווי (נאָהענט)? האָט עולא געזאָגט: אַז מען זאָל קאָנען אונטערשיידען צווישען אַן איסר און אַ פונדיון 13); חזקיה האָט געזאָגט: אַז מען זאָל קענען אונ־טערשיידען צווישען אַ מלוזמא 14) פון טבריה און אַ מלוזמא פון צפורי. רב יהודה פלעגט מאַכען אַ ברכה איבער (דאָס ליכט) ביי אדא (זיין) דיענער 15); רבא פלעגט מאַכען אַ ברכה איבער (דאָס ליכט) ביי גוריא בר חמא 16); אביי פלעגט מאַכען אַ ברכה איבער (דאָס ליכט) ביי בר אבוה 17). — רב יהודה האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: מען דאַרף קיין ליכט ניט זוכען ווי מען זוכט אַנדערע מצות 18). ר' זירא האָט געזאָגט: פריהער פלעג איך זוכען, אָבער נאָכדעם ווי איך האָב געהערט דאָס וואָס רב יהודה (האָט געזאָגט) אַז רב האָט געזאָגט זוך איך שוין ניט מעהר, נאָר אַז עס טרעפט זיך מיר ממילא מאַך איך אַ ברכה.

„אז איינער האט געגעסן אא"וו".

רב זביד, און מאַנכע זאָגען אַז רב דימי בר אבא, האָט געזאָגט: די מחלוקת 19) איז נאָר ווען ער האָט פאַרגע־סען, אבער אַז דאָס איז געווען במזיד זאָגען אַלע אַז ער דאַרף זיך אומקעהרען אויפן אָרט און בענשען. — דאָס איז דאָך קלאָר! וואָרום אין דער משנה ווערט דאָך געלערנט „און האָט פאַרגעסען"! — ווייל מען וואָלט געקאָנט מיינען אַז דאָס זעלבע איז אפילו במזיד 20), און דאָס וואָס ווערט גע־לערנט „און האָט פאַרגעסען" איז נאָר כדי צו בעטאנען דאָס וואָס ב"ש (האָבען געזאָגט) 21), דערפאַר לערנט ער 22) אונז. — אין א בריתא ווערט געלערנט: בית הלל האָבען גע־טענהט צו בית שמאי: לויט אייערע רייד קומט אויס אַז ווען איינער האָט געגעסען אויפן שפּיץ פון אַ טורעם און

פ י ר ו ש.

ענגען טיעפען טהאל ביים מערב ברעג פון ים כנרת (זעה „פירוש" ז, 156 נומ. 11). געגרינדעט לערך 100 יאָהר פאַרן צווייטען חורבן פון הורדס אנטיפס צו עהרען פון דעם רוימישען קיסר טיבעריוס. טבריא, די צוויי גרעסטע שטאָדט אין גליל, איז געווען דער זיין פון ר' יהודה הנשיא, דעם רעדאַקטאר פון דער משנה, און פון דער גרויסער ישיבה אין ארץ ישראל. צ פ ו ר י, די גרעסטע שטאָדט פון גליל, מיט אַ גרויסע פעסטונג, איז געלעגען אויפן שפּיץ פון אַ הויכען באַרג, 18 מייל אין מערב זייט פון טבריא. אין טבריא פלעגט מען אויסרויכערן די קליידער פרייטאג כדי עס זאָל שבת פון זיי שמעקען און אין צפורי פלעגט מען דאָס טהון מוצאי שבת כדי צו טרייסטען זיך דערמיט פון דעם צער וואָס שבת איז אַוועק. 1) חֲזָקָה.

2) „נתרצה להריח". אין דעם מינכענער כ"י און אין דער ערשטער תלמוד אויסגאַבע שטעהט „והריח ריח ומתרצה", ד"ה ער דערשמעקט אַ ריח (פון דער עבודה זרה) און עס טהוט איהם הנאה".

3) מאַכט מען אַ ברכה, אייב מען קאָן דאָס זעהן. 4) אַפילו ווען מען שטעהט, 5) פון תוספתא פ"ה, 6) אין כען טאָר קיין ברכה ניט מאַכען, איז דאָך דערפון אַ קשיא אויף דאָס וואָס רב יהודה און רב אשי האָבען געזאָגט. 7) קאָן מען די פלאַם זעהן, אבער קיין נוצען קאָן מען ניט האָבען פון איהר לייכטען. 8) אוֹמְמוֹת אדער עוֹמְמוֹת — פאַרדעקט מיט אש, קוילען וואָס האַלטען ביי אויסגעהן. 9) מיט אלף אדער מיט עין. אין העברעאיש זיי־נען דאָ מעהרערע שרשים וואָס האָבען אַ פאַרשידענע ארטאגראַפיע, ווי דא א מ מ און ע מ מ, הִתְאַכֵּל און הִתְעַכֵּל — פאַרדויט ווערען אא"וו. מאנכמאַל דריקט דער אונטערשיעד אויס אַ פאַרשיעדענעם גראַד פון דער טעטיגקייט אָדער א היפוך (ש ט ף, ש צ ף; נ ש ק, נ ש ך). 10) אַלזא מיט ע'. — יחזקאל ל"א ח'. 11) די משנה מיינט. 12) ד"ה אַז מען שטעהט נאָהענט דערביי. 13) רוימישע קופערנע מטבעות. אן איסר איז די העלפט פון אַ פונדיון. 14) לויט רש"י אַזאַ געוויכט, לויט „ערוך" אַזאַ מטבע. 15) וואָס איז געווען ווייט פון איהם. 16) וואָס איז געווען נאָ־הענט צו איהם. 17) אין דעם מינכענער כ"י שטעהט ב ר ח ב ו, אויב דיזע גירסא איז ריכטיג, איז מעגליך אַז די ענטפערונג וואָס ווערט דאָ אנגעדייטעט איז צווישען די צוויי ערשטע. אין ערובין ט"ו א' ווערט געבראַכט אַ מחלוקת צווישען אבא און רבא וועגען אַ באַלקאָן ביי בר חבו. 18) און אויב מען האָט מוצאי שבת קיין ליכט ניט קאָן מען זיך באַגעהן אהן דעם.

19) אין דער משנה צווישען ב"ש און ב"ה, 20) זייגען אויך ב"ש און ב"ה מחולק, 21) ד"ה אַז אפילו ווען ער האָט פאַר־געסען פערלאַנגען זיי אויך אַז ער דאַרף זיך אומקעהרען אויפן אָרט און בענשען. 22) רב זביד אַז די מחלוקת איז נאָר ווען ער האָט

אוועק דיין נשמה, „און מיט דיין גאנצען פארמעגען" (מיינט) מיט דיין גאנצע געלד. אן אנדער ערקלעהרונג: „מיט דיין גאנצען פארמעגען"—פאר וואס פאר א מאס ער זאל דיר ניט מעסטען זאלסטו איהם דאנקבאר זיין 1).—א מענש זאל זיך ניט באנעהמען לייכטזיניג 2) אנטקעגען דעם מזרח טויער 3), ווייל ער איז אנטקעגען דעם קדשי קדשים, און זאל ניט ארויפקומען אויף דעם בארג פונם בית המקדש מיט זיין שטעקען אדער אין די שיך אדער מיט זיין געלד גארטעל 4) אדער מיט שטויב אויף די פיס, און זאל דאס ניט מאכען פאר א דורכגאנג 5), און (אז מען טאר ניט) שפייען (נעהמען מיר ארויס) פון א קל וחומר 6).—אלע וואס האבען געשלאסען ברכות אין 7) בית המקדש פלעגען זאגען ביז „העולם" 8). אבער אז די צדוקים 9) זיינען פארדארבען געווארען און האבען געזאגט אז עס איז נאר דא איין וועלט 10) האט מען 11) מתקן געווען אז מען זאל זאגען „מן העולם ועד העולם". אויך האט מען מתקן געווען אז איינער זאל דעם אנדערן גריסען מיט (גאטס) נאמען, ווארום עס שטעהט 12): „און בעז איז גערארד אנגעקומען פון בית לחם און האט געזאגט צו די שניטערס: גאט זאל זיין מיט אייך! און זיי האבען איהם געענטפערט: גאט זאל דיך בענשען!", און עס שטעהט אויך 13): „גאט זאל זיין מיט דיר, טאפפערער העלד!", און עס שטעהט אויך 14): „און פעראכט ניט, ווייל דיין מוטער 15) איז אלט", און עס שטעהט אויך 16): „אין א צייט צו טהון פאר גאט האבען זיי פארשטערט דיין תורה" 17). ר' נתן זאגט 18): „זיי האבען פארשטערט דיין תורה", ווייל „עס איז א צייט צו טהון פאר גאט".

גמרא.

פון וואנען איז דאס גענומען 19)? האט ר' יוחנן געזאגט: ווייל אין דער תורה שטעהט 20): „און יתרו האט געזאגט: געלויבט איז גאט 21) וואס האט געראטעוועט אא"וו".—(זאל דאס אלזא הייסען אז) איבער א נס צו א רבים מאכט מען א ברכה 22), אבער איבער א נס צו א יחיד מאכט מען ניט קיין ברכה? עס איז דאך געווען א מענש וואס איז געגאנגען אין עבר ימינא 23), איז אויף איהם אנגעפאלען א לייב און עס איז איהם געשעהן א נס און ער איז פון איהם ניצול געווארען. איז ער געקומען פאר רבא, האט ער איהם געזאגט: יעדעס מאל ווען דו וועסט אהין קומען מאך א ברכה: ברוך שעשה לי נס במקום הזה! און מר דער זוהן פון רבינא איז געגאנגען אין דער שלוכט פון ערבות און איז אויסגעגאנגען פאר וואסער, איז איהם געשעהן א נס און עס איז פאר איהם באשאפען געווארען א קוואל מיט וואסער און ער האט געטרונקען; און אן אנדער מאל איז ער געגאנגען אין דעם גוט 24) וואס ביי מחוזא 25) און עס איז אויף איהם

פירוש.

יֵצֶר הָרַע. 1) דער דרש איז געבויט אויף די עהנליכקייט פון מְאֹד—פארמעגען, זעהר, צו מִדָּה—מאס (מדת הדין און מדת הרחמים; אין דעם פסוק שטעהט „ה' אלהיך" וועלכעס באצייכענט דיזע ביידע מדות—זעה „פירוש" ז. 169 נומ. 22—), מוֹדֵד—מעסט און מוֹדֶה—דאנקבאר. 2) קַלּוּת ראש—רעספעקטלאזיגקייט, איז דער היפך פון כבד ראש—עהרפורכט (זעה „פירוש" ז. 113 נומ. 1). 3) פון דער אויסערסטער מויער ארום דעם בארג פונם בית המקדש (הר הבית) ○). 4) א פוסטער גארטעל אין וועלכען מען פלעגט האלטען געלד ○○). 5) כדי איינשפארען וועג. 6) פון די שיך: מה דאך אז מען טאר ניט ארויפקומען אין די שיך, א פשיטא שוין אז מען טאר ניט שפייען (זעה וייטער ס"ב ב'). 7) דעם ערשטען. 8) אין בית המקדש פלעגט מען שליסען יעדע ברכה מיט „ברוך אתה ה' אלהי ישראל מן העולם", אוי נאטירליך מיט דעם כוף פון דער ברכה, ווי „מגן אברהם", „חונן הדעת" או"וו, און דער עולם פלעגט ניט ענטפערן אמן נאר „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" (זעה תענית ט"ז ב'). דאס איז נאר געווען אין שמונה עשרה, אבער ניט ביי אנדערע ברכות, ווייל ביי קריאת התורה צב"ש שטעהט (נחמיה ח' ו'): „ויברך עזרא וכו' ויענו כל העם אמן". (רשב"א" אין נאמען פון „ראב"ד").—א ריכטיגערע גירסא איז „ביז מן העולם" (זעה „ברטנורה"), אבער נאך בעסער איז די גירסא פון דעם מינכענער כ"י: „פלעגען ניט זאגען „עד העולם". 9) זעה „פירוש" ז. 21 נומ. 11. 10) און האבען געלייקענט אין עולם הבא. 11) עזרא. 12) רות ב' ד'. 13) שופטים ו' י"ב. דער מלאך באגריסט אזוי גדעון, ווען ער ערשיינט צו איהם. 14) משלי כ"ג כ"ב. 15) אֵם (מוטער)—אֻמָּה (נאציאן); ד"ה האלט די אלטע מנהגים פון דיין פאלק. די גמרא ערקלעהרט וויי־טער פארוואס אלע דיזע פסוקים ווערען ציטירט. 16) תהלים קי"ט קכ"ו. 17) ד"ה מאנכמאל מעג מען עובר זיין אויף עפעס וואס איז אין דער תורה פארבאטען, ווען דאס איז פון גאטס וועגען. הגם עס איז אפשר ניט גלייך צו אפט צו דערמאהנען גאטס נאמען, מעג מען דאס אבער טהון ביי באגריסונגען, ווייל דאס איז צוליב שלום, איז דאס ווי פון גאטס וועגען. 18) ער ערקלעהרט דעם פסוק. אין דעם מינכענער כ"י פעהלט דיזער זאץ.

19) לויט רש"י דארף דא שטעהן: „פון וואנען איז גענומען אז מען דארף מאכען א ברכה איבער א נס". 20) שמות י"ח י'.—ווען יתרו האט באזוכט משה'ן, נאכדעם ווי ער האט געהערט פון די נסים וואס גאט האט געטהון צו די אידען. 21) „ברוך ה'". 22) אויב מיר לערנען דאס אפ פון דעם ציטירטען פסוק, ווייל דארט איז דאך געווען א נס צו א רבים. 23) א פראווינץ אין בבל אין דרום זייט פון פרת. 24) לויט רש"י: מארק. 25) א שטאדט אין בבל ביים חדקל.

○) לויט „רמב"ם" („פי' המשניות") דער ניקנור-טויער פון דער עזרה וואס האט געפיהרט פון דער פרויען אבטיילונג צו דער מענער אבטיילונג (זעה מדות פ"א און פ"ב און „תי־פערת ישראל" במשנה). לויט רש"י אבער דער מויער פון הר הבית. (זעה „מלחמה") פון יוסיפון (V 3). אבער מיר האבען ערקלעהרט לויט רש"י, ווייל דורך „שער המזרח" ווערט שטענדיג אויסדריקליך באצייכענט דער מזרח טויער פון הר הבית, הגם באמת איז דא קיין חלוק ניט, ווייל די טויערן זיינען סיי ווי חיי געווען וויזאווי איינער כו אנדערן, ווי רש"י ערקלעהרט דא („לפי שכל השערים מכוונים זה כנגד זה שער מזרח שער עזרת אנשים ושער עזרת ישראל וכו'").

○○) לויט „רמב"ם" („פי' המשניות") איז פונדא אדער אפונדא א מין אונטער־העמד אדער שויים זאקע („כנד שילבש האדם על בשרו להזיע בו וכו'"), און עס איז אונמעגליך ווי ער קומט צו דיזער ערקלעהרונג, ווייל פונדא איז א גריכיש-לאטייניש ווארט וואס זיין באדייטונג איז באקאנט און קאן אומעגליך וואו עס קומט פאר (באזונדערס פיעל אין ירושלמי) קיין אנדער מיינונג ניט האבען ווי געלד גארטעל. דיזע ערקלעהרונג ווערט ניט געבראכט ניט אין „ערוך השלם" און ניט אין לוי'ס „ווערטערבוך". דאס וואס האט דעם „רמב"ם" געצווינגען ניט צו איבערזעצען מיט געלד גארטעל איז פיליכט ווייל אין א פאראלעל בריתא („תוספתא" פ"ז, זעה אויך ווייטער ס"ב ב' און אין ירושלמי סוף ברכות) שטעהט „לא יכנס וכו' ולא בימעות הצרורים לו בסדינו ובפונדתו מופשלת לאחוריו וכו'". און אויב פונדא זאל באדייטע געלד גארטעל, צו וואס דארף נאך שטעהן „ובפונדתו וכו'", נאכדעם ווי עס שטעהט שוין „במעות וכו'"?

וואס איז שמוציג איז פסול צו דער עבודה 1), אזוי זיינען שמוציגע הענד פסול פאר א ברכה. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט: איך ווייס ניט ניט פון א זילאי און ניט פון א זיואי און ניט פון א זוהמאי, נאר איך ווייס פון א ברייתא, ווארום רב יהודה האט געזאגט אז רב האט געזאגט, און מאנכע זאגען אז דאס ווערט געלערנט אין א ברייתא: „און איהר זאלט זיך היילינ מאכען 2)" מיינט מים ראשונים 3), „און איהר זאלט זיין היילינ 4)" מיינט מים אחרונים, „ווארום היילינ 5)" מיינט אויל, „בין איך גאט אייער האר 6)" מיינט בענשען 7).

* * * * * * * * * *

פרק ט׳.

(נ"ד א׳) משנה א׳.

אז מען זעהט אן ארט וואו נסים זיינען געשעהן צו אידען זאגט מען: „ברוך 8) שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ בַּמָּקוֹם הַזֶּה (וואס האט אונזערע עלטערען נסים געטהון אין דיזען ארט)", אן ארט וואס אן עבודה זרה איז פון דארט אויסגעראטעט געווארען זאגט מען: „ברוך שֶׁעָקַר עבודה זרה מֵאַרְצֵנוּ (וואס האט אויסגעראטעט עבודה זרה פון אונזער לאנד)"; איבער קאמעטען 9) און איבער ערדציטערניש און איבער דונערען און איבער שטורעמס און איבער בליצען זאגט מען: „ברוך שֶׁכֹּחוֹ וּגְבוּרָתוֹ מָלֵא עוֹלָם (וואס די וועלט איז פול מיט זיין כח און גבורה)", איבער בערג און איבער בערגלעך און איבער ימים און איבער טייכען 10) און איבער מדבריות זאגט מען: „ברוך עוֹשֶׂה (מַעֲשֵׂה) בְרֵאשִׁית (וואס מאכט די וועלט שעפפונג)". ר׳ יהודה זאגט: אז מען זעהט דעם גרויסען ים 11) זאגט מען „ברוך שעשה 12) את הים הגדול", ווען מען זעהט איהם צייטענווייז 13); איבער רעגענס און איבער גוטע בשורות זאגט מען: „ברוך הטוב והמטיב", איבער שלעכטע בשורות זאגט מען: „ברוך דַּיַּן הָאֱמֶת". אז מען האט געבויט א ניי הויז אדער געקויפט נייע זאכען זאגט מען: „ברוך שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה". מען מאכט א ברכה איבער א רעה 14) ניט קוקענדיג אויף דער טובה 15) און איבער א טובה 16) ניט קוקענדיג אויף דער רעה 17), און אז מען שרייט 18) איבער דאס וואס איז שוין פארביי איז דאס א ווערטלאזע תפלה 19), אז איינעמ׳ס פרוי איז מעוברת און ער זאגט: זאל עס זיין (גאטס) ווילען אז מיין פרוי זאל געבוירען א זכר! איז דאס א ווערטלא־זע תפלה 20); אז איינער קומט פון וועג און הערט א ליארעם אין שטאדט און ער זאגט: זאל עס זיין (גאטס) ווילען אז דאס זאל ניט זיין אין מיין הויז! איז דאס א ווערטלאזע תפלה 21). — אז מען קומט אריין אין א כרך 22) זאל מען מתפלל זיין צוויי (תפלות), איינע ביים אריינקומען און איינע ביים ארויסגעהן 23); בן עזאי זאגט: פיער, צוויי ביים אריינקומען און צוויי ביים ארויסגעהן — ער דאנקט פאר די פארגאנגענהייט און בעט פאר די צוקונפט 24). — א מענש איז מחויב צו לויבען גאט פאר שלעכטס אזוי גוט ווי ער לויבט איהם פאר גוטס, ווארום עס שטעהט 25): „און דו זאלסט ליעבען גאט דיין האר מיט דיין גאנצען הארצען און מיט דיין גאנצער נשמה און מיט דיין גאנצען פארמעגען", „מיט דיין גאנצען הארצען" (מיינט) מיט דיינע ביידע נייגונגען, מיט דער נייגונג צו גוטס און מיט דער נייגונג צו שלעכטס 26), „און מיט דיין גאנ־צער נשמה" (מיינט) אפילו אז ער נעהמט פון דיר

פירוש.

דעם וואס איז געוויעדנט דערצו. 1) אין בית המקדש. 2) ויקרא י"א מ"ד. 3) דאס וואשען זיך פארן עסען. 4, 5, און 6) דאס־ט. 7) אזוי לויט רש"י און „אלפס". לויט „רבינו יונה" די ברכה „על נטילת ידים" איבער די מים ראשונים ס).

8) „אתה ה׳ אלהינו מלך העולם". 9) אדער מעטעארען. 10) נאר די פיער גרויסע טייכען פישון, גיחון, חדקל און פרת, וואס ווערען דער־מאהנט אין בראשית ב׳ („תוספות"). 11) אקעאן, אדער דעם מיטעללענ־דישען ים (ים הגדול), וועלכער איז דאמאלס געווען בעקאנט אלס דער גרעסטער און פארדיענט דערפאר, לויט ר׳ יהודה, א באזונדער ברכה. 12) וואס האט געמאכט, ווייל ער עקזיסטירט שוין פון ששת ימי בראשית אן, אין געגענזאץ צו די פריהערדיגע, וואו עס שטעהט וואס מאכט, ווייל זיי קאנען ענטשטאנען זיין שפעטער („צל"ח"). 13) ניט אפטער ווי דרייסיג טעג. לויט „תוספות" איז דאס אויך ביי די פריהער דערמאהנטע דער פאל. 14) „ברוך דין אמת". 15 און 17) וואס קאן דערפון ארויסקומען. 16) „ברוך הטוב והמטיב". 18) ד"ה בעט. 19) תְּפִלַּת שָׁוְא. 20) ווייל דאס קינד איז דאך שוין ענטוועדער א זכר אדער א נקבה, אם כן איז דאך דאס שוין פארביי. 21) ווייל אויב דאס איז יא אין זיין הויז איז דאך דאס שוין פארביי, אויסער דעם איז אזא תפלה זעהר עגאאיסטיש. 22) אדער א פעסטונג, וואו עס געפינט זיך א שלעכטער הערשער, וועלכער קאן זיך צושעפען מיט א בלבול. 23) אז ער זאל אריינקומען בשלום און ארויסגעהן בשלום. 24) בייב אריינקומען און ארויסגעהן, אם כן איז דאס פיער. 25) דברים ו׳ ה׳. 26) יֵצֶר טוֹב,

ס) „מעדני יום טוב" פארווארפט דיזע ערקלעהרונג און אונטערשטיצט „רבינו יונה", ווייל לויט איהם איז דיזער פירוש באמת אנאנים און שטאמט ניט פון רש"י, אבער דער אינהאלט פון דער גמרא באווייזט דייטליך אז די רש"י ערקלעהרונג איז ריכטיגער. אויך איז צו באמערקען אז די ערקלעהרונג וואס ער מאכט לויט „רבינו יונה" אז „אני ה׳ אלהיכם" געהערט צו ויקרא י"א מ"ד און ניט צו כ׳ ז׳ (ווי עס ווערט אין אלגעמיין אנגענומען, זעה „מהרש"א"), גילט נאך בעסער פאר די רש"י ערקלעהרונג, ווי פאר „רבינו יונה". די ברייתא רעכענט אויס בסדר: די דריי זאכען וואס רייניגען און וועלכע זיינען אנגעדייטעט אין די דריי מאל קדש (היילינ, ריין) וואס געפינען זיך דארט אין פסוק (די קשיא וואס „מעי"ט" פרעגט: „היכי מייתא למדרש על הסמן לסוף כיון שעל הקב"ה הוא אומר כי קדוש אני" איז פארענטפערט דערמיט וואס די ברייתא ציטירט בלויז „כי קדוש" און ניט „כי קדוש אני") און נאכהער „אני ה׳ אלהיכם" וועלכעס דייטעט אן א ברכה (זעה „מהרש"א"), הגם דאס שטעהט פאר „והתקדשתם", דער סדר פון פסוק מאכט ניט אויס, ווייל דאס בענטשן איז א באזונדער זאך, און די כונה פון פסוק איז לויט דעם דרש פון דער ברייתא: אזוי ווי איהר דארפט מאכען א ברכה צו גאט (בענטשען) דארפט איהר האבען די פאלגענדע דריי רייניגונגען וועלכע האלטען אפ דאס בענטשן, מיר האבען דערפאר ביי אלע אנגעוויזען אויף י"א מ"ד, און „רא"ש" איז די גירסא „אני ה׳ מקדשכם זו ברכה", אלזא פון ויקרא כ׳ ח׳. פון דיזען ציטאט קאן שוין אפילו זיין מעהר א באווייז פאר „רבינו יונה", אבער אין „אלפס" ווערט ציטירט „אני ה׳ אלהיכם".

געווען אויפֿן באַרג-אַראָפּ פֿון בית חורון, האָט גאָט אויף זיי געוואָרפֿען גרויסע שטיינער". — וועגען „דעם שטיין וואָס עוג מלך הבשן האָט געוואָלט וואַרפֿען אויף די אידען" האָבען מיר בקבלה 1) אז ער האָט געזאָגט: וויפֿיעל האַלט די איד־דישע מחנה? דריי מייל 2)! וועל איך געהן און אויסרייסען אַ באַרג וואָס האַלט דריי מייל און וועל אויף זיי אַרויפֿוואַר־פֿען און זיי דערהרגענען. איז ער געגאַנגען און האָט אויס־געריסען אַ באַרג פֿון דריי מייל און האָט איהם געבראַכט אויפֿן קאָפּ. האָט דער קב"ה אויף איהם אַנגעשיקט מוראַש־קעס וועלכע האָבען איהם דורכגעלעכערט, אַזוי אַז ער איז איהם אַראָפּגעפֿאַלען אויפֿן האַלז. האָט ער איהם געוואָלט אַראָפּוואַרפֿען פֿון זיך, האָבען זיך זיינע צייהן אויסגעצויגען אין ביידע זייטען און ער האָט איהם ניט געקאָנט אַראָפּ־וואַרפֿען. און דאָס מיינט וואָס עס שטעהט געשריבען 3): „די צייהן פֿון רשעים האָסטו צובראָכען", און דאָס איז ווי ר' שמעון בן לקיש, ווארום ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט געשריבען: „די צייהן פֿון רשעים האָסטו צובראָכען"? לייען ניט „ האָסטו צובראָ־כען" נאָר „האָסטו אויסגעצויגען" 4). ווי (גרויס) איז משה געווען? צעהן איילען 5). האָט ער גענומען אַ האַק פֿון צעהן איילען און האָט אַ שפּרונג געטהון צעהן איילען און האָט איהם אַ קלאַפּ געגעבען איבער די קניע און האָט איהם דערהרגעט.—און „דעם שטיין וואָס משה איז אויף איהם געזעסען", ווארום עס שטעהט געשריבען 6): „און אַזוי ווי משה'ס הענט זיינען שווער געוואָרען 7) האָבען זיי 8) גענומען אַ שטיין און אַוועקגעלעגט אונטער איהם און ער האָט זיך אויף איהם געזעצט". — און „די פֿרוי פֿון לוט", ווארום עס שטעהט 9): „און זיין פֿרוי האָט אַ קוק געטהון ריקווערטס 10) און איז געוואָרען אַ בלאָק זאַלץ". — און „די מויער פֿון יריחו וואָס איז איינגעזונקען", ווארום עס שטעהט געשריבען 11): „און די מויער איז איינגעפֿאַלען אויף איהר אָרט". — מילא אַלע (אַנדערע) זיינען נסים, אבער „די פֿרוי פֿון לוט" איז דאָך אַן אומגליק? ! — זאָגט מען „ברוך דיין האמת". — עס ווערט דאָך אָבער געלערנט „אַ דאַנק און אַ לויב"? ! — האָט מען געלערנט: איבער לוט און זיין פֿרוי מאַכט מען צוויי ברכות: איבער זיין פֿרוי מאַכט מען „ברוך דיין האמת" און איבער לוט „ברוך זוֹכֵר הַצַּדִּיקִים (געלויבט איז וואָס געדענקט די צדיקים)". ר' יוחנן האָט געזאָגט: אפילו בשעת דער קב"ה איז אין כעס האָט ער אין זינען די צדיקים, ווארום עס שטעהט 12): „און עס איז געווען בעת גאָט האָט פֿאַרניכטעט די שטעדט פֿון דער פֿלעכע האָט גאָט געדאַכט וועגען אברהם און האָט אַרויסגעשיקט לוט פֿון דער איבערקעהרע־ניש אא"וו". — „און די מויער פֿון יריחו וואָס איז איינגע־זונקען". איז דען די מויער פֿון יריחו איינגעזונקען? זי איז דאָך איינגעפֿאַלען! ווארום עס שטעהט 13): „און עס איז גע־ווען ווען דאָס פֿאָלק האָט דערהערט דעם קול פֿון שופר האָט דאָס פֿאָלק אויפֿגעהויבען אַ גרויסען יובעל געשריי, און די מויער איז איינגעפֿאַלען אויף איהר אָרט". — אַזוי ווי איהר ברייט און איהר הויך זיינען געווען גלייך, דער־פֿאַר (מוזען מיר זאָגען אַז) זי איז איינגעזונקען 14).

רב יהודה האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: פֿיער זיינען מחויב צו דאַנקען 15): די וואָס פֿאָהרען אויפֿן ים, די וואָס געהען אין מדבריות, דער וואָס איז געווען קראַנק און איז געזונד געוואָרען, און דער וואָס איז געזעסען אין גע־פֿענגעניש און איז פֿריי געוואָרען 16). פֿון וואַנען נעהמען מיר וועגען „די וואָס פֿאָהרען אויפֿן ים"? ווייל עס שטעהט געשרי־בען 17): „די וואָס פֿאָהרען אויפֿן ים אין שיפֿען אא"וו", „זיי האָבען געזעהן גאָטס ווערק", און ווייטער שטעהט: „און ער האָט געלאָזט ענטשטעהן אַ שטורעם ווינד", „זיי הויבען זיך אַרויף צום הימעל און לאָזען זיך אַראָפּ צום אפּגרונד", און ווייטער שטעהט: „זיי דרעהען זיך און וואַקלען זיך ווי אַ שכור", און ווייטער שטעהט: „און זיי האָבען געשריען צו גאָט אין זייער נויט, און ער האָט זיי אַרויסגענומען פֿון זייער קלעמעניש", און ווייטער שטעהט: „ער מאַכט שטיל דעם שטורעם", און ווייטער שטעהט: „און זיי פֿרעהען זיך וואָס זיי זיינען רוהיג געוואָרען", און ווייטער שטעהט: „זיי דאַנקען גאָט פֿאַר זיין חסד און פֿאַר זיינע וואונדער צו מענ־שען". פֿון וואַנען נעהמען מיר וועגען „די וואָס געהען אין מדבריות"? ווייל עס שטעהט געשריבען 18): „זיי האָבען גע־בלאָנדזשעט אין מדבר אין אַ וויסטען וועג און האָבען ניט געפֿונען קיין באַוואָהנטע שטאָדט", „און זיי האָבען געשריען צו גאָט", „און ער האָט זיי אַרויסגעפֿיהרט אויף אַ גלייכען וועג", „זיי דאַנקען גאָט פֿאַר זיין חסד". (פֿון וואַנען נעהמען מיר וועגען) „דעם וואָס איז געווען קראַנק און איז געזונד געוואָרען"? ווייל עס שטעהט געשריבען 19): „נאַראָ־נים ווערען געפּלאָגט צוליב זייער שולדיגען וועג און זייערע זינד", „יעדע שפּייז איז זיי עקעלהאַפֿט", „און זיי האָבען געשריען צו גאָט אין זייער נויט אא"וו", „ער שיקט זיין וואָרט און היילט זיי אא"וו", „זיי דאַנקען גאָט פֿאַר זיין חסד". פֿון וואַנען נעהמען מיר וועגען „דעם וואָס איז געזעסען

פּירוש.

1) גמרא גמירי לה באַצייכענט ענטוועדער אַ הלכה איבערלי־פֿערונג אדער, ווי דא, אַ ביבלישע אגדה. 2) זעה ערובין נ"ה ב'. 3) תהלים ג' ח', 4) שִׁבַּרְתָּ — שִׁרְבַּבְתָּ. 5) זעה ברכות מ"ד א' אא"ע. 6) שמות י"ז י"ב. 7) און ער האָט זיי גיט געקאָנט האַלטען אויפֿגעהויבען די גאַנצע צייט פֿון דער מלחמה מיט עמלק כדי די אידען זאָלען גובר זיין. 8) אהרן און חור. 9) בראשית י"ט כ"ו. 10) אויף די איבערקעהרעניש פֿון סדום, הגם די מלאכים האָבען דאָס שטרענג פֿאַרבאָטען. 11 און 13) יהושע ו' כ'. 12) בראשית י"ט כ"ט. 14) ווייל האָבענדיג דיזעלבע הויך און ברייט וואָלט עס דאָך בלויז פֿאַרענדערט איהר פּאָזיציע, ווען זי וואָלט געפֿאַלען. אין דעם זעלבען פסוק שטעהט אויך אַז דאָס פֿאָלק איז לייכט אַריינגעקומען אין שטאָדט אַריין, אַ זאַך וואָס וואָלט געווען אונמעגליך ביי איינפֿאַלען.

15) גאָט, ד"ה גומל בענשען, ווען זיי קומען אַהיים בשלום. 16) דער סדר פֿון די פֿיער, איז דאַ אַנדערש ווי אין תהלים, און רב האי גאון ערקלעהרט אַז די גמרא רעכענט צוערשט דאָס וואָס איז גע־פֿעהרליכער און אין תהלים שטעהט צוערשט דאָס וואָס איז הייפֿיגער, „תוספות" ערקלעהרט פֿאַרקעהרט. 17) תהלים ק"ז כ"ג — ל"א, 18) דאָרט פסוק ד' — ח', 19) דאָרט י"ז — כ"א.

אנגעפאלען א משוגענער קעמעל; האט זיך א וואנד פאר איהם געשפאלטען און ער איז אריינגעגאנגען אינעווייניג 1). אז ער פלעגט קומען אין ערבות פלעגט ער מאכען א ברכה: געלויבט איז דער וואס האט מיר געטהון א נס אין ערבות און מיטן קעמעל! און אז ער פלעגט קומען אין דעם גוט וואס ביי מחוזא פלעגט ער מאכען א ברכה: געלויבט איז וואס האט מיר געטהון א נס מיטן קעמעל און אין ערבות! — האט מען געענטפערט: איבער א נס צו א רבים 2) זיינען אלע מחויב צו מאכען א ברכה, אבער איבער א נס צו א יחיד איז ער (אליין) 3) מחויב צו מאכען א ברכה 4).

די רבנן האבען געלערנט: אז מען זעהט דעם אריבערגאנג פון ים 5) און דעם אריבערגאנג פון ירדן 6) און דעם אריבערגאנג פון די ארנון טייכלעך און די אלגביש שטיינער 7) פונם בארג אראפ פון בית חורון 8) און דעם שטיין וואס עוג מלך הבשן האט געוואלט ווארפען אויף די אידען און דעם שטיין וואס משה איז אויף איהם געזעסען בשעת יהושע האט מלחמה געהאלטען מיט עמלק און די פרוי פון לוט און די מויער פון יריחו וואס איז איינגעזונקען אויפן ארט, דארף מען אויף אלע דיזע געבען א דאנק און א לויב דעם אויבערשטען. — מילא איבער „דעם אריבערגאנג פון ים", ווייל עס שטעהט געשריבען 9): „און די אידען זיינען אריינגעקומען אין מיטן ים אויף דער יבשה", און איבער „דעם אריבערגאנג פון ירדן", ווייל עס שטעהט געשריבען 10): „און די כהנים וואס האבען געטראגען דעם ארון מיט גאטס בונד 11) זיינען געבליבען שטעהן פעסט אויף טרוקענעם באדען אין מיטן ירדן, און אלע אידען זיינען אריבער אויף טרוקענעם באדען, ביז דאס גאנצע פאלק האט געענדיגט אריבערגעהן דעם ירדן", אבער פון וואנען איז געגומען וועגען „דעם אריבערגאנג פון די ארנון טייכלעך"? — ווייל עס שטעהט געשריבען 12): „דערפאר ווערט געזאגט אין דעם ספר פון גאטס מלחמות 13) את־והב בסופה או"וו". עס ווערט געלערנט: „את והב בסופה", דאס זיינען געווען צוויי מצורעים וואס זיינען געגאנגען צום סוף פון דער אידישער מחנה 14). אז די אידען האבען געדארפט דורכגעהן 15) זיינען די אמורים 16) געקומען (ב') און האבען געמאכט היילען 17) און זיך דארט בעהאלטען און האבען געזאגט: ווען די אידען וועלען דא פארבייגעהן וועלען מיר זיי דערהרגנען! זיי האבען אבער ניט געוואוסט אז דער ארון איז געגאנגען פאר די אידען און פלעגט די בערג נידעריג מאכען פאר זיי. אז דער ארון איז אנגעקומען האבען זיך די בערג צוזאמענגעשלאסען און דאס האט זיי דערהרגט און זייער בלוט איז אריינגערונען אין די ארנון טייכלעך. און ווען את און הב זיינען אנגעקומען 18) האבען זיי דערזעהן אז בלוט קומט ארויס פון צווישען די בערג. זיינען זיי צוגעקומען און אנגעזאגט די אידען, וועלכע האבען געזאגט שירה. און דאס מיינט וואס עס שטעהט געשריבען 19): „און דער אויסגוס פון די טייכלעך וואס נייגט זיך צו דעם זייץ פון ער און שפארט אן ביז צום גרעניץ פון מואב" 20). — „אלגביש שטיינער". וואס באדייטעט „אלגביש שטיינער"? עס ווערט געלערנט: שטיינער וואס זיינען געבליבען הענגען צוליב א מענש און זיינען אראפגעפאלען צוליב א מענש 21). „געבליבען הענגען צוליב א מענש" דאס איז משה, ווארום עס שטעהט 22): „און דער מענש משה איז זעהר באשיידען", און עס שטעהט געשריבען 23): „און עס האבען אויפגעהערט די דונערן און דער האגעל און רעגען האט זיך ניט אראפגעגאסען אויף דער ערד" 24); „אראפגעפאלען צוליב א מענש" דאס איז יהושע, ווארום עס שטעהט געשריבען 25): „נעהם דיר יהושע בן נון, א מענש וואס האט אין זיך א גייסט" און עס שטעהט געשריבען 26): „און עס איז געווען בעת זיי זיינען אנטלאפען פאר די אידען, ווען זיי זיינען

פירוש.

1) אין הויז אריין. 2) ד"ה צו כל ישראל אדער צו דעם רוב פון זיי („רבינו יונה"). 3) אזוי לויט „שלטי הגבורים". אין „אלפס" אבער שטעהט „ער און זיין זוהן און זיין אייניקעל", און אזוי פסקנען אויך „רמב"ם" און „רשב"א". אין „שלחן ערוך" (או"ח רי"ח ד') אבער שטעהט אז דער חוב איז אויף אלע זיינע נאכקומען. 4) „ברוך שעשה לי, ווען ער אליין מאכט די ברכה, און ברוך שעשה לאבי (אדער לאבותי) נס", ווען זיינע נאכקומען טהוען דאס.

5) דעם ארט וואו די אידען זיינען אריבער דעם ים סוף ארויסגעהענדיג פון מצרים. 6) אין יהושע'ס צייטען. 7) האגעל שטיינער. 8) וואס גאט האט געווארפען אויף דער מחנה פון די פינף אמורי קעניגע וועלכע האבען מלחמה געהאלטען מיט יהושע. 9) שמות י"ד כ"ב. 10) יהושע ג' י"ז. 11) די תורה. 12) במדבר כ"א י"ד. 13) איינער פון די עלטסטע היסטאריש־פאעטישעביכער פון דער העברעאישער ליטעראטור, וועלכער איז פארלארען געגאנגען און פון וועלכען עס איז אונז ניט מעהר בעקאנט ווי דיזער ציטאט. 14) ווייל א קרעציגער דארף זיין מחוץ למחנה, כדי ער זאל ניט אנשטעקען אנדערע (ויקרא י"ג מ"ו). — די גענויע באדייטונג פון „את והב בסופה" איז אונבעקאנט, און די גמרא דרשהט אז „את והב" מיינט את און הב, אייגען־נעמען פון צוויי מצורעים, און „בסופה" מיינט צום סוף (זעה אויך קדושין ל' ב'). 15) דורך דעם ענגען טהאל וואו די ארנון טייכלעך פליסען. 16) איינע פון די זיבען פעלקער וועלכע האבען באוואהנט ארץ ישראל פאר די אידען. 17) אין די בערג אויף ביידע זייטען פון טהאל. 18) און זייענדיג די לעצטע האבען דאך די בערג נאך זייער אריבערגאנג צוריק אנגענומען זייער פריהערדיגע פאזיציע. 19) במדבר כ"א ט"ו. 20) לויטן דרש איז די מיינונג פון פסוק: און דאס וואס די טייכלעך האבען אויסגעגאסען (די בלוט פון די אמורים) איז צוליב דעם וואס דער בארג וואס נייגט זיך צו ער (א שטאדט אין מואב; אפשר דאסזעלבע ווי ערוער וועלכע איז געלעגען ביים ארנון — זעה דברים ב' ל"ו או"ע —) האט זיך אנגעשפארט אויף דעם געגענאיבער ליגענדען בארג וואס איז די גרעניץ פון מואב (ד"ה וואו מואב הערט אויף און עס הויבט זיך אן דאס לאנד פון אמורי — במדבר כ"א י"ג —) ס). 21) אלגביש — על גבי איש. 22) במדבר י"ב ג'. 23) שמות ט' ל"ג. 24) ד"ה „זיך ניט אראפגעגאסען אויף דער ערד" באציהט זיך אויך אויף די האגעל שטיינער, וועלכע זיינען געבליבען הענגען אין דער לופטען. 25) במדבר כ"ז י"ח. 26) יהושע י' י"א.

ס) רש"י ערקלעהרט: „דער בארג וואס אויף איין זייט פון טהאל האט זיך אויסגעצויגען בו דעם אנדערען וואס אויף דער זייט פון מואב, און דער נאמען פון מואב איז ער", אבער לויט דיזער ערקלעהרונג (און באזונדערס ווייל רש"י באטאנט „ושם ארץ מואב ער") איז „ונשען לגבול מואב" אן איבערפליסיגע ווידערהאלונג פון „אשר נטה לשבת ער". דער פאקט וואס ער איז געלעגען אין מואב און דער ארנון איז געווען דער גרעניץ פון מואב און געהערט נאך צו מואב (זעה במדבר כ"א י"ג, כ"ב ל"ו וא"ע) באווייזט די ריכטיגקייט פון אונזער ערקלעהרונג.

ווייטער האָט רב יהודה געזאָגט1): דריי זאַכען זיינען מקצר די יאָהרען און טעג פֿון מענשען: ווען מען גיט אייר נעם אַ ספר תורה צו לייענען און ער לייענט ניט אָדער אַ כוס של ברכה צו בענשען און ער בענשט ניט און ווען מען האַלט זיך גרויס ביי זיך. „אַ ספר תורה צו לייענען און ער לייענט ניט", ווארום עס שטעהט געשריבען2): „ווייל דאָס איז דיין לעבען און דיינע לאַנגע יאָהרען" 3), „אַ כוס של ברכה צו בענשען און ער בענשט ניט", ווייל עס שטעהט געשריבען4): "און איך וועל בענשען די וואָס בענשען דיך" 5), „און ווען מען האַלט זיך גרויס ביי זיך", ווארום ר׳ חמא דער זוהן פֿון ר׳ חנינא האָט געזאָגט6): „פֿאַרוואָס איז יוסף געשטאָרבען פֿאַר זיינע ברידער7)? ווייל ער האָט זיך געהאַלטען גרויס ביי זיך".

ווייטער האָט רב יהודה געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: וועגען דריי זאַכען דאַרף מען (בעטען) רחמים: וועגען אַ גוטען קעניג, וועגען אַ גוט יאָהר און וועגען אַ גוטען חלום. „וועגען אַ גוטען קעניג", ווייל עס שטעהט געשריבען8): „ווי טייכלעך וואַסער איז דאָס הארץ פֿון אַ קעניג אין גאָטס האַנד"; „וועגען אַ גוט יאָהר", ווייל עס שטעהט געשריבען9): „תמיד האַלט גאָט זיינע אויגען אויף איהר10) פֿון אנהויב יאָהר ביז סוף יאָהר"; „וועגען אַ גוטען חלום", ווייל עס שטעהט געשריבען11): „און לאָז מיך טרוימען12) און לעבען".

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דריי זאַכען רופֿט דער קב"ה אַליין אויס, און דאָס זיינען זיי: אַ הונגער און אַ גערעטעניש און אַ גוטען פֿיהרער. „אַ הונגער", ווארום עס שטעהט געשריבען13): „ווארום גאָט האָט גערופֿען דעם הונגער אא"וו"; „אַ גערעטעניש", ווארום עס שטעהט געשריבען14): „און איך וועל רופֿען די תבואה און וועל זי פֿאַרמעהרען"; „אַ גוטען פֿיהרער", ווארום עס שטעהט געשריבען15): „און גאָט האָט צו משה פֿאָלגענדעס געזאָגט: זעה, איך האָב גערופֿען דעם נאָמען בצלאל אא"וו". — ר׳ יצחק האָט געזאָגט; מען שטעלט ניט אָן קיין פֿיהרער איבער אַ צבור סיידען מען באַראַט זיך מיט דעם צבור, ווארום עס שטעהט16): „זעהט, גאָט האָט גערופֿען דעם נאָמען בצלאל". דער קב"ה האָט נעמליך משה׳ן געפֿרעגט: משה, געפֿעלט דיר בצלאל? האָט ער איהם געענטפֿערט: רבונו של עולם, אויב ער געפֿעלט דיר, איז דאָך מיר אודאי! רופֿט ער זיך אָפּ צו איהם: פֿון דעסטוועגען געה און פֿרעג זיי! איז ער אַוועק און האָט בע־פֿרעגט די אידען: געפֿעלט אייך בצלאל? האָבען זיי איהם געענטפֿערט: אויב ער געפֿעלט דעם קב"ה און דיר, איז דאָך אונז אודאי! — ר׳ שמואל בר נחמני האָט געזאָגט אַז ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ער האָט געהייסען בצלאל צוליב זיין חכמה. בשעת דער קב"ה האָט געזאָגט צו משה׳ן: געה, זאָג בצלאל׳ן, ער זאָל מיר מאַכען אַ משכן, אַן ארון און כלים! איז משה געגאַנגען און האָט איהם געזאָגט פֿאַר־קעהרט: מאַך מיר אַן ארון און כלים און אַ משכן! רופֿט ער זיך אָן צו איהם: משה רבינו, די וועלט פֿיהרט זיך אַז אַ מענש בויט (צוערשט) אַ הויז און נאָכהער שטעלט ער אַריין די כלים, און דו זאָגסט מיר: מאַך אַן ארון און כלים און אַ משכן! וואו זאָל איך אַריינשטעלען די כלים וואָס איך וועל מאַכען? אפשר האָט דיר דער קב"ה געזאָגט: מאַך אַ משכן, אַן ארון און כלים17)? האָט ער איהם גע־ענטפֿערט: אפשר ביסטו געווען אין גאָטס שאָטען18), וואָס דו ווייסט דאָס? — רב יהודה האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: בצלאל האָט געוואוסט ווי צוזאַמענשטעלען די אותיות19) וואָס הימעל און ערד זיינען דורך זיי באַשאַפֿען געוואָרען, ווייל דאָ שטעהט געשריבען20): „און ער האָט איהם אָנגעפֿילט מיט אַ געטליכען גייסט, מיט חכמה און פֿערשטאַנד און וויסענשאַפֿט", און אין אַנדער ארט שטעהט געשריבען21): „גאָט האָט געגרינדעט די ערד מיט חכמה און אויפֿגעשטעלט דעם הימעל מיט פֿערשטאַנד", און עס שטעהט אויך געשריבען22): דורך זיין וויסענשאַפֿט האָט זיך דער אפּגרונד געשפּאַלטען". — ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: דער קב"ה גיט נאָר חכמה צו דעם וואָס האָט שוין חכמה, ווארום עס שטעהט23): „ער גיט חכמה צו די חכמים און וויסענשאַפֿט צו די וואָס פֿאַרשטעהען וויסענ־שאַפֿט". רב תחליפא פֿון מערב האָט דאָס געהערט און האָט געזאָגט פֿאַר ר׳ אבהו. האָט ער איהם געזאָגט: איהר לערנט דאָס פֿון דאָרט, אבער איך לערן עס פֿון דאַנען24), ווארום עס שטעהט געשריבען25): „און אין הארצען פֿון יעדען חכם האָב איך געגעבען חכמה".

רב חסדא האָט געזאָגט26): זאָל זיין וואָס פֿאַר אַ חלום אַבי ניט (אַזוינער) וואָס מען דאַרף צוליב איהם פֿאַסטען27). ווייטער האָט רב חסדא געזאָגט: אַ חלום וואָס ווערט ניט אויסגעלעגט איז ווי אַ בריעף וואָס ווערט ניט

פירוש.

1) אין דעם מינכענער כ"י שטעהט נאָך „אַז רב האָט געזאָגט", ווי אין דעם פֿאָלגענדען מאמר. אַזוי אויך אין „אלפס" און אין „ילקוט" פ׳ לך לך. 2) דברים ל׳ כ׳. 3) אַלזאָ מיינט עס קורצע יאָהרען ווען מען לייענט ניט די תורה, דער זעלבער נעגאַטיווער באַוויז איז אויך בנוגע דעם כוס של ברכה. 4) בראשית י"ב ג׳. 5) און דער וואָס בענשט בענשט דעם בעל הבית. 6) סוטה י"ג ב׳. 7) ווי עס שטעהט אין שמות א׳ ו׳: „און עס זיינען געשטאָרבען יוסף און אַלע זיינע ברידער", ד"ה יוסף צוערשט.

8) משלי כ"א א׳. 9) דברים י"א י"ב. 10) אויף ארץ ישראל. 11) ישעיה ל"ח ט"ז. — ווי דיזע פסוקים באַווייזען, זיינען אַלע דריי זאַכען אויסשליס־ליך אין גאָטס האַנד. 12) דער פשט פֿון פסוק איז „און מאַך מיך שטאַרק און לאָז מיך לעבען" (דאָס האָט הזקיהו געבעטען ווען ער איז קראַנק געוואָרען), אבער דער דרש איז געבויט דערויף וואָס דער שורש חלם באַדייטעט אי שטאַרק זיין אי חלומען.

13) מלכים ב׳ ח׳ א׳. 14) יחזקאל ל"ו כ"ט. 15) שמות ל"א א׳ ב׳. 16) דאָרט ל"ה ל׳. 17) דער דרש איז געבויט דערויף וואָס אין פ׳ תרומה איז די אָרדנונג ארון, כלים, משכן, און אין שמות ל"א, וואו בצלאלס נאָמען ווערט צוערשט דערמאָהנט, איז די אָרדנונג: משכן, ארון, כלים. 18) בְּצַלְאֵל — בְּצֵל אֵל. 19) פֿון גאָטס נאָמען. 20) שמות ל"א ג׳. 21) און 22) משלי ג׳ י"ט און כ׳. 23) דניאל ב׳ כ"א. 24) פֿון דער פרשה פֿון בצלאל גופא. 25) שמות ל"א ו׳.

26) דיזער און די פֿאָלגענדע מאמרים וועגען חלומות קומען דאָ, ווייל אין דעם פֿאַרלעצטען מאמר פֿון רב יהודה ווערט גערעדט וועגען אַ חלום. 27) אַזוי לויט רש"י, דער „ערוך" ערקלעהרט: אַלע חלומות

אין געפֿענגעניש און איז פֿריי געוואָרען״? ווייל עס שטעהט געשריבען 1): „די וואָס זיצען אין פֿינסטערניש און טיעפֿער טונקעלהייט", ווייל זיי זיינען געווען ווידערשפּענסטיג געגען גאָטס רייד אא"וו", און ווייטער שטעהט: „און ער האָט זייער הארץ אונטערטעניג געמאַכט דורך קוואַל אא"וו", און ווייטער שטעהט: „און זיי האָבען געשריען צו גאָט אין זייער נויט", און ווייטער שטעהט: „ער נעהמט זיי אַרויס פֿון פֿינסטערניש און טיעפֿער טונקעלהייט אא"וו", און ווייטער שטעהט: „זיי דאַנקען גאָט פֿאַר זיין חסד". וואָס פֿאַר אַ ברכה מאַכט מען? האָט רב יהודה געזאָגט: „ברוך גומל חסדים טובים". אביי האָט געזאָגט: און מען דאַרף דאַנקען פֿאַר צעהן, ווייל עס שטעהט געשריבען 2): „און זיי דערהויבען איהם אין אַ פֿ ע ר ז אַ מ ל ו נ ג פֿון פֿאָלק אא"וו" 3). מר זוטרא האָט געזאָגט: און צוויי פֿון זיי דאַרפֿען זיין רבנן, ווייל עס שטעהט 4): „און אין דער זיצונג פֿון די ע ל ט ס ט ע 5) לויבען זיי איהם". האָט רב אשי דאַגעגען אויסגעזעצט: טאָ זאג אַז אַלע דאַרפֿען זיין רבנן! — שטעהט דען געשריבען „אין אַ פֿערזאַמלונג פֿון עלטסטע"? עס שטעהט דאָך געשריבען „אין אַ פֿערזאַמלונג פֿון פֿאָלק! — טאָ זאָג אַז פֿאַר צעהן געוועהנליכע מענשען און צוויי רבנן! — בלייבט אַ קשיא.

רב יהודה איז קראַנק געווען און איז גענעזען געוואָרען, זיינען צו איהם אַריינגעקומען רב חנא פֿון בגדר און די רבנן און האָבען צו איהם געזאָגט: געלויבט איז דער בארעמהערציגער וואס האָט דיך אונז צוריקגעגעבען און האָט דיך ניט צוריקגעגעבען צו דער ערד 6)! האָט ער צו זיי געזאגט: איהר האָט מיך באַפֿרייט פֿון דאַנקען. — אביי האָט דאָך אָבער געזאָגט אַז מען דאַרף דאַנקען פֿאַר צעהן! — דאָס איז געווען פֿאַר צעהן. — אָבער ע ר האָט דאָך ניט געדאַנקט! — דאָס איז ניט נויטיג, ווייל ער האָט נאָך זיי געענטפֿערט א מ ן.

רב יהודה האָט געזאגט: דריי דאַרף מען היטען 7), און דאָס זיינען זיי: א הולה און התן כלה. אין אַ בריתא ווערט געלערנט: א חולה, אַ קינפּעטארין און חתן כלה; און מאַנכע זאגען: אייך אַן אבל; און מאַנכע זאגען: אייך תלמידי חכמים ביינאכט.

ווייטער האָט רב יהודה געזאגט: עס זיינען דאָ דריי זאַכען וואָס אַז אַ מענש איז אין זיי מאריך פֿאַרלענגערט מען זיינע יאָהרען און טעג: דער וואָס איז אַ מאריך אין דאַווענען און איז אַ מאריך ביים טיש און איז אַ מאריך אין בית הכסא. — אבער איז דען אַ מאריך אין דאַווענען אַ מעלה? ר' חייא בר אבא האָט דאָך געזאָגט אז ר' יוחנן האָט געזאָגט 8): **(נ"ה א')** „דער וואָס איז אַ מאריך אין דאַווענען און קוקט דערפֿאַר אויס וועט צום סוף קומען צו אַ וועהטאג אין האַרצען, ווארום עס שטעהט: „אַ פֿאַרשלעפּטע האָפֿנונג איז אַ וועהטאג אין האַרצען", און ר' יצחק האָט געזאגט 9): „דריי זאכען דערמאהנען 10) א מענשענס זינד, און דאָס זיינען זיי: אַ וואַנד וואָס האַלט ביים איינפֿאַלען 11), אויסקוקען פֿאַר אַ תפלה 12) און איבערגעבען א קריוודע געגען איינעם צום הימעל 13)"! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 14) איז אַז מען קוקט אויס 15) און יענעס 16) אַז מען קוקט ניט אויס. און ווי מאַכט מען דאָס? מען בעט (איינפֿאַך) אַ סך רחמים. — „און וואס איז מאריך ביים טיש", כדי טאמער וועט אַן ארימאַן קומען, וועט ער איהם געבען; ווארום עס שטעהט געשריבען 17): „דער מזבח איז געווען פֿון האָלץ, דריי איילען הויך", און (נאָכהער) שטעהט: „און ער האָט גערעדט צו מיר: דאָס איז דער טיש וואָס איז פֿאַר גאָט!", אַלזא ער הייבט אָן מיט אַ מזבח און לאזט אויס מיט אַ טיש! זאגען אי ר' יוחנן אי ר' אליעזר 18): כל זמן דער בית המקדש האָט עקזיסטירט האָט דער מזבח מכפר געווען פֿאַר אידען, אָבער איצט איז אַ מענשענס טיש מכפר פֿאַר איהם. — אָבער איז דען אַ מאריך אין בית הכסא אַ מעלה? אין אַ בריתא ווערט דאָך געלערנט 19): „צעהן זאַכען פֿאַראורזאַכען אַ מענשען אונטערלייב שמערצען: ווען מען עסט בלעטער פֿון ראָהר אָדער בלעטער פֿון וויינשטעק אדער ראַנקען פֿון וויינשטעק אדער די שאָרסטקע (טיילען) פֿון פֿיה 20) אדער דעם רוקענביין פֿון פֿיש אדער געזאַלצענע פֿיש וואָס זיינען ניט גענוג געקאָכט געוואָרען אדער ווען מען טרינקט ווייןהייוועז אדער ווען מען ווישט זיך אונטער מיט קאַלך אדער מיט אַ שאַרבען אדער ווען מען ווישט זיך אונטער מיט אַ קלומפּ פֿון ערד וואָס עמיצער אַנדערש האָט זיך דערמיט אונטערגעווישט, און מאַנכע זאגען: אויך דער וואָס קוועטשט זיך צו לאַנג אין בית הכסא"! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 21) איז אַז מען איז מאריך און קוועטשט זיך און יענעס 22) איז אַז מען איז מאריך אָבער מען קוועטשט זיך ניט. [ווי] אַ געוויסע מאַטראָנע 23) האָט געזאָגט צו ר' יהודה ברבי אילעאי: דו זעהסט אויס ווי אַ חזירים ציכטער אָדער ווי אַ פּראַצענטניק 24)! האָט ער איהר געענטפֿערט: גלויב מיר, אַז ביידע זאַכען זיינען מיר פֿאַרבאָטען, נאָר פֿון מיין אכסניא ביז צום בית המדרש זיינען דא פֿיער און צוואַנציג בית הכסא'ס, און ווען איך געה אהין בין איך זיך בודק אין אַלע פֿון זיי.

פ י ר ו ש.

1) דאָרט י'—ט"ו, 2 און 4) דאָרט ל"ב, 3) און דער מינימום פֿון אַ פֿערזאַמלונג איז, ווי בעקאַנט, צעהן. 5) דער מינימום פֿון מעהרצאָהל איז צוויי.

6) בְּרִיךְ רַחֲמָנָא דִי יַהֲבָךְ לָן וְלָא יַהֲבָךְ לְעַפְרָא.

7) פֿאַר ניט גוטע, וועלכע זיינען באַזונדערס געפֿעהרליך ווען מען איז אין א סכנה אדער ווען זיי זיינען מקנא איינעמס גליק.

8) זעה ז, 120 און „פירוש" נומ. 13—16). 9) ראש השנה ט"ז ב'.

10) אין הימעל. 11) און אַז ער געהט דאָרט איז מען זיך מישב אין הימעל צו ער פֿאַרדיענט ניצול צו ווערען פֿון אַ סכנה, און דערווייל ווערען אלזא זיינע מעשים אונטערזוכט (רש"י ראש השנה ט"ז ב'). 12) ביי זיך זיכער זיין אַז די תפלה וועט אנגענומען ווערען. 13) אין דער האָפֿנונג אַז יענער וועט באַשטראָפֿט ווערען צוליב די זכיות וואָס מען האָט. 14) וואָס ר' יוחנן האָט געזאָגט. 15) אַז צוליב דער אריכות זאָל די תפלה אנגענומען ווערען. 16 און 22) וואָס רב יהודה האָט געזאגט. 17) יחזקאל מ"א כ"ב. 18) בן פדת, וועלכע זיינען תמיד מחולק (זעה „פירוש" ז, 109 נומ. 1). 19) שבת פ"א א'. 20) ווי דער גומען אין די הויט פֿון צונג. 21) וואָס שטעהט אין דער בריתא. 23) אַ רוימישע דאַמע. 24) וועלכע אַרבייטען וועניג און פֿאַרדינען פֿיעל און זעהען דערפֿאַר זעהר גוט אויס.

און זאגען צו זיי: איך האָב געזעהן אַ גוטען חלום! און זיי זאָלען איהם ענטפֿערן: דיזער חלום איז גוט און זאָל זיין גוט. דער באַרעמהערציגער זאָל איהם מאַכען גוט. זיבען מאָל זאָל מען אויף דיר גוזר זיין אין הימעל אַז ער זאָל זיין גוט, און ער וועט זיין גוט. און זיי זאָלען זאגען דריי פֿער־וואַנדלונגען און דריי אויסלייזונגען און דריי פֿרידענס. „דריי פֿערוואַנדלונגען": „דו האָסט מיר פֿערוואַנדעלט מיין קלאָג אין אַ טאַנץ, דו האָסט אפגעבונדען מיין זאַק און האָסט מיך אנגעגורט מיט פֿרייד" 1), „דאַמאָלס וועט זיך פֿרעהען אַ בתולה מיט אַ טאַנץ, יונגוואַרג און אַלטע לייט צוזאַמען, און איך וועל פֿעריוואַנדלען זייער טרויער אין פֿרייד אא"וו" 2), „און גאָט דיין האַר האָט זיך ניט געוואָלט צוהערען צום בלעם און האָט פֿערוואַנדעלט אא"וו" 3); „דריי אויסלעזונגען", וואָרום עס שטעהט געשריבען 4): „ער האָט אויסגעלייזט אין פֿרידען מיין זעעל פֿון אַ קאַמפֿ געגען אא"וו", „און די אויסגעלייזטע דורך גאָט וועלען זיך אומקעהרען אא"וו" 5), „און דאָס פֿאָלק האָט געזאָגט צו שאול: זאָל יונתן שטאַרבען וועלכער האָט געטהון די ישועה אא"וו" 6); „דריי פֿרידענס", וואָרום עס שטעהט געשריבען 7): „ער באַשאַפֿט דעם אויסדרוק פֿון די ליפּען; פֿרידען, פֿרידען צו דעם וויטען און צום נאָהענטען—האָט גאָט געזאָגט—און איך וועל איהם היילען", „און אַ גייסט איז געקומען אויף עמשי אא"וו" 8), „און איהר זאָלט זאגען אַזוי: ביי דעם וואָס לעבט! זיי דו אין פֿרידען און דיין הויז אין פֿרידען אא"וו" 9).

אמימר און מר זוטרא און רב אשי זיינען געזעסען צו־זאַמען און האָבען געזאָגט: זאָל יעדערער פֿון אונז עפּעס זאָגען וואָס די אַנדערע האָבען נאָך ניט געהערט! האָט איי־נער פֿון זיי אנגעהויבען און האָט געזאָגט: אַז איינער האָט געזעהן א חלום און ווייס ניט וואָס ער האָט געזעהן זאָל ער זיך שטעלען פֿאַר די כהנים ווען זיי שפּרייטען אויס זייערע הענט 10) און זאָגען פֿאָלגענדעס: „רבש"ע 11), איך בין דיי־נער און מיינע חלומות זיינען דיינע. עס האָט זיך מיר גע־חלומט אַ חלום, און איך ווייס ניט. וואָס דאָס איז געוועזן. סיי איך האָב געחלומט וועגען זיך זעלבסט סיי מיינע חברים האָבען געחלומט וועגען מיר סיי איך האָב געחלומט וועגען אַנדערע, זיינען זיי גוט, טאָ שטאַרק זיי און באַשטעטיג זיי ווי די חלומות פֿון יוסף, און אויב זיי דאַרפֿען אַ רפואה, טאָ הייל זיי ווי דאָס וואַסער פֿון מרה דורך משה רבינו 12) און, ווי מרים פֿון איהר צרעת 13) און ווי חזקיהו פֿון זיין קראַנק־הייט 14) און ווי דאס וואַסער פֿון יריחו דורך אלישע 15), און אַזוי ווי דו האָסט פֿאַרוואַנדעלט די קללה פֿון בלעם הרשע אין אַ ברכה אַזוי זאָלסטו מיר פֿאַרוואַנדלען אַלע מיי־נע חלומות צום גוטען". און ער זאָל ענדיגען גלייך מיט די כהנים, כדי דער צבור זאָל ענטפֿערען אמן 16). און אויב נים 17), זאָל ער פֿאָלגענדעס זאָגען: „אלמעכטיגער אין דער הויך 18), וועלכער רוהט אין קראַפֿט, דו ביסט פֿרידען און דיין נאמען איז פֿרידען; זאָל עס זיין דיין ווילען צו געבען אונז פֿרידען". — האָט דער אַנדערער אָנגעהויבען און האָט געזאגט: אַז איינער קומט אַריין אין אַ שטאָדט און האָט מורא פֿאַר אַן עין הרע, זאָל ער אַריינטהון דעם דוימען פֿון זיין לינקער האַנד אין זיין רעכטער האַנד און זאָל אַזוי זאָגען: איך, דער און דער, דער זוהן פֿון דעם און דעם, שטאַם אפּ פֿון יוסף'ס קינדער, וואָס אַן עין הרע האָט אויף זיי קיין שליטה ניט, ווייל עס שטעהט: „אַ שעהנער צווייג ביי אַ קוואַל אא"וו", לייען ניט ביי אַ קוואַל נאָר אַריבערשטייגענדיג דאָס אייג 19). ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא האָט געזאָגט: פֿון דאַנען: „און זיי זאָלען זיך מעהרען ווי פֿיש אין דעם לאַנד", אַזוי ווי די פֿיש פֿון ים זיינען באַדעקט פֿונם וואַסער און אַן עין הרע האָט אויף זיי קיין שליטה ניט, אַזוי זאָל אויך אויף יוסף'ס קינ־דער אַן עין הרע קיין שליטה ניט האָבען 20). און אויב ער האָט מורא פֿאַר זיין אייגענער עין הרע, זאָל ער קוקען אויף דעם לינקען פֿליגעל פֿון זיין נאָז 21). — האָט דער דריטער אנ־געהויבען און האָט געזאָגט: אַז איינער ווערט קראַנק, זאָל ער דאָס דעם ערשטען טאָג ניט בעקאַנט מאַכען, כדי זיין מזל זאָל ניט ערגער ווערען 22), פֿון דאַן אָן און ווייטער זאָל ער אָבער יא בעקאַנט מאַכען. ווי רבא (האָט געטהון). אַז ער איז קראַנק געוואָרען האָט ער דעם ערשטען טאָג ניט בעקאַנט געמאַכט, אבער פֿון דאַן אָן און ווייטער האָט ער געזאָגט צו זיין דיענער: געה אַרויס און רוף אויס: רבא איז קראַנק געוואָרען! איז ווער עס איז מיר אַ גוטער פֿריינד וועט בעטען רחמים אויף מיר, און ווער עס איז מיר אַ שונא וועט זיך פֿרעהען איבער מיר, און עס שטעהט געשריבען 23): „ווען דיין פֿיינד פֿאַלט זאָלסטו זיך ניט פֿרעהען און ווען ער שטרויכעלט זאָל דיין האַרץ ניט קווועלען, טאָמער וועט גאָט

פירוש.

1) תהלים ל' י"ב. 2) ירמיה ל"א י"ג. 3) דברים כ"ג ו'. 4) תהלים נ"ה י"ט. 5) ישעיה ל"ה י'. 6) שמואל א' י"ד מ"ה. דער סוף פֿונם פסוק איז: „און דאָס פֿאָלק האָט אויסגעלייזט יונתן און ער איז ניט געשטאָרבען". 7) ישעיה נ"ז י"ט. 8) דברי הימים א' י"ב י"ח. די פֿאָרטזעצונג פֿונם פסוק איז: „פֿרידען, פֿרידען צו דיר אא"וו". 9) שמואל א' כ"ה ו'.

10) צו דוכנען. 11) „רבונו של עולם, אֲנִי שֶׁלְּךָ וַחֲלוֹמוֹתַי שֶׁלָּךְ, חֲלוֹם חָלַמְתִּי אא"וו". 12) זעה שמות ט"ו כ"ג — כ"ה. 13) זעה במדבר י"ב י' — ט"ז. 14) זעה מלכים ב' כ' א' — י"ב און ישעיה ל"ח א' — כ"ב. אין „אלפס" און „רא"ש" שטעהט נאָך פֿאַרדעם „און ווי נעמן פֿון זיין צרעת" (זעה מלכים ב' ה' י' און י"ד), און אַזוי איז אויך דער נוסח אין סדור. 15) זעה מלכים ב' ב' כ"א און כ"ב. 16) און דער אמן פֿון קהל נאָך ברכת כהנים וועט זיך אויך באַציהען אויף זיין תפלה און זי וועט גיכער אנגענומען ווערען. 17) ד"ה אויב ער ענדיגט ניט גלייך מיט די כהנים.— אין „אלפס" און „רא"ש" שטעהט „און ווען די כהנים דרעהען זיך אום" (פֿון עולם צום ארון קודש) אנשטאָט „און אויב ניט", און אַזוי אויך אין דעם מינכענער כ"י; אין „שלחן ערוך" (או"ח ק"ל) שטעהט אבער די גירסא פֿון דער גמרא. 18) אַדִּיר בַּמָּרוֹם, שׁוֹכֵן בִּגְבוּרָה, אַתָּה שָׁלוֹם אא"וו. 19) עֲלֵי עָיִן—עוֹלֵי עָיִן. 20) זעה ז. 73 און „פירוש" נום. 20 — 22. 21) אין דעם מינכענער כ"י פֿעהלט דיזער זאַץ. 22) דאַדורך וואָס זיינע שונ־אים וועלען בעטען אַז ער זאָל שלאַפֿער ווערען. 23) משלי כ"ד י"ז און י"ח.

געלעזען 1). ווייטער האָט רב חסדא געזאָגט: ניט אַ גוטער חלום ווערט אין גאַנצען מקוים און ניט אַ בייזער חלום ווערט אין גאַנצען מקוים 2). ווייטער האָט רב חסדא געזאָגט: אַ בייזער חלום איז בעסער פאַר אַ גוטען חלום 3). ווייטער האָט רב חסדא געזאָגט: ביי אַ בייזען חלום איז שוין גענוג די טרויעריגקייט 4), ביי אַ גוטען חלום איז שוין גענוג די פרייד דערפון 5). רב יוסף האָט געזאָגט: אפילו ביי מיר 6) איז די פרייד פון אַ גוטען חלום איהם מבטל 7). ווייטער האָט רב חסדא געזאָגט: אַ בייזער חלום איז שווערער (צו פאַרטראָגען) ווי קלעפ, ווארום עס שטעהט 8): „און גאָט האָט געמאַכט אַז מען זאָל מורא האָבען פאַר איהם"; האָט רבה בר בר חנה געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז דאָס מיינט פאַר אַ בייזען חלום. — „דער נביא וואָס האָט אַ חלום זאָל דערצעהלען אַ חלום, אבער דער וואָס האָט מיין רייד זאָל רעדען מיין רייד אין אמת; וואָס האָט שטרוי צו טהון מיט געטריידע? זאָגט גאָט" 9). אבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבען שטרוי און געטריידע צו אַ חלום? האָט רב יוחנן געזאָגט אין נאָמען פון ר' שמעון בן יוחאי: אַזוי ווי געטריידע קאָן ניט זיין אָהן שטרוי אַזוי קאָן אַ חלום ניט זיין אָהן פוסטע זאַכען. ר' ברכיה האָט געזאָגט: הגם אַ חלום ווערט טיילווייז מקוים, ווערט ער אָבער אין גאַנצען ניט מקוים. פון וואַנען נעהמען מיר דאָס? פון יוסף, ווארום עס שטעהט געשריבען 10): „און זעה, די זון און די לבנה אא"וו", (ב') און דאַמאלס 11) איז דאָך זיין מוטער שוין ניט מעהר געוועזען. — ר' לוי האָט געזאָגט: אַ מענש זאָל תמיד אויסקוקען אויף (די ערפילונג פון) אַ גוטען חלום ביז צוויי און צוואַנציג יאָהר. פון וואַנען נעהמען מיר דאָס? פון יוסף; ווארום עס שטעהט געשריבען 12): „דאָס איז די אפשטאַמונג פון יעקב: יוסף איז אַלט געוועזען זיבעצעהן יאהר אא"וו", און ווייטער שטעהט געשריבען 13): „און יוסף איז אַלט געוועזען דרייסיג יאָהר ווען ער איז געשטאַנען פאַר פרעה אא"וו". פון זיבעצעהן ביז דרייסיג איז וויפיעל? דרייצעהן, און זיבען פון די זאַטע (יאָהרען) און צוויי פון די הונגער (יאָהרען) 14) איז צוויי און צוואַנציג.

רב הונא האָט געזאגט: אַ גוטען מענש ווייזט מען ניט קיין גוטען חלום און אַ שלעכטען מענש ווייזט מען ניט קיין בייזען חלום 15). אין אַ ברייתא ווערט אייך אַזוי געלערנט: אין אַלע זיינע יאָהרען האָט דוד ניט געזעהן קיין גוטען חלום און אין אַלע זיינע יאָהרען האָט אחיתופל 16) ניט געזעהן קיין בייזען חלום. — עס שטעהט דאָך אָבער געשריבען 17): „עס וועט דיר קיין בייז ניט פאַסירען", און רב חסדא האָט געזאגט אַז רב ירמיהו בר אבא האָט געזאָגט (אַז דאָס מיינט) אז עס וועלען דיך ניט איבערשרעקען קיין בייזע חלומות 18) און ניט קיין בייזע רעיונות, „און אַ פלאָג וועט ניט צוקומען צו דיין געצעלט 19)" (מיינט) אַז דו וועסט ניט געפינען דיין פרוי אַ צווייפעלהאַפטע נדה 20), ווען דו קומסט פון וועג! — ער זעהט דאָס ניט, אָבער אַנדערע זעהן דאָס וועגען איהם 21). — און אַז ער זעהט ניט איז אַ מעלה 22)? ר' זעירא האָט דאָך אבער געזאגט 23): „דער וואָס נעכטיגט זיבען טעג אהן אַ חלום הייסט אַ שלעכטער, ווארום עס שטעהט: „און ער נעכטיגט אַ זאטער און ווערט ניט דערמאָהנט, ער איז אַ שלעכטער", לייען ניט זאַטער נאָר זיבען"! — נאָר ער מיינט דאָס: ער זעהט אבער ער וויים ניט וואָס ער האָט געזעהן 24).

רב הונא בר אמי האָט געזאָגט אַז ר' פדת האָט געזאָגט און ער ווידער זאגט אַז ר' יוהנן האָט עס געזאָגט: אז איינער זעהט אַ חלום און עס ווערט איהם טרויעריג אויפן האַרצען זאָל ער געהן און איהם אויסלעגען פאַר דריי. — „איהם אויסלעגען"?! רב חסדא האָט דאָך געזאָגט: „א חלום וואס ווערט ניט אויסגעלעגט איז ווי אַ בריעף וואָס ווערט ניט געלעזען" 25)! — נאָר זאָג: ער זאָל איהם גוט מאַכען פאַר דריי, (נעמליך) ער זאָל ברענגען דריי 26)

פירוש.

האָבען אַ ממשות, אָבער ניט אַ חלום וואָס קומט נאָך אַ תענית. 1) ווייל אַ חלום ענטהאַלט אַ מיטטיילונג, ווי אַ בריעף. 2) ד"ה הגם ער ענט-האַלט אַ געוויסע שליחות, דאַרף מען ניט אַלץ גענוי נעהמען. 3) ווייל ער ברענגט דערצו אַז מען זאָל תשובה טהון. 4) וואָס ער פאַרשאַפט, אַז די גזירה זאָל בטול ווערען. 5) ד"ה ער איז שוין ווערט בלויז צוליבן פאַרגעניגען וואָס ער פערשאַפט, אפילו ווען ער זאל ניט מקוים ווערען. 6) וואס איך בין אַ בלינדער און קאָן דערפאַר ניט האָבען קיין סך שמחה. 7) אַזוי לויט רש"י. עס איז אבער שווער צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי דאָס זאָל אונטערשטיצען דעם פאַרויסגעהענדען מאמר פון רב חסדא, ווי זיין אייגענטליכער צוועק איז. פילייכט מיינט רב יוסף צו זאָגען: די פרייד פון אַ גוטען חלום מאַכט אפילו מיך זעהענדיג (אַנשטאָט „מפכחא ליה — וועפט איהם אויס, דאַרף אַלזא שטעהן „מפקחא לי" — עפענט מיר די אויגען ס). 8) קהלת ג' י"ד. 9) ירמיה כ"ג כ"ח. 10) בראשית ל"ז ט'. 11) ווען יוסף האָט געחלומט אַז די זון (זיין פאָטער) און די לבנה (זיין מוטער) און עלף שטערען (זיינע עלף ברי-דער) בוקען זיך צו איהם. 12) בראשית ל"ז ב'. 13) דאָרט מ"א מ"ו. 14) ווייל עס שטעהט „ווארום עס איז שוין צוויי יאָהר אַ הונגער" (דאָרט מ"ה).

15) כדי דער ערשטער זאָל אפקומען אויף דער וועלט און דער צווייטער זאל האָבען זיין פולע מאָס עולם הזה. 16) דוד'ס פאַלשער יועץ. 17) תהלים צ"א י'. 18) טא פאַרוואָס זאָל מען אַ גוטען מענש ווייזען בייזע חלומות? 19) דאָס איז די אַנדערע העלפט פון דעם ציטירטען פסוק און האָט אייגענטליך קיין שייכות ניט אַהער, אָבער עס ווערט דאָ גע-בראַכט צוליב דער ערשטער העלפט, ווי עס איז אָפט דער שטייגער אין דער גמרא. אין דער ערשטער תלמוד אויסגאַבע פעהלט עס. 20) צו וועל-כער מען טאָר זיך ניט צוריהרען. 21) ד"ה דאָס וואָס רב הונא האָט גע-זאָגט מיינט ניט אַז דער גוטער מענש אַליין זעהט בייזע חלומות, נאָר דאָס מיינט אַז אַנדערע זעהען דאָס וועגען איהם. 22) ד"ה ווייבאַלד ער אַליין זעהט ניט קיין בייזען חלום און גוטע חלומות זעהט ער אויך ניט, לויט רב הונא, אם כן זעהט ער דאָך גאָר ניט. 23) זעה ז. 52 און „פירוש" נומ. 4 און 5. דאָרט שטעהט אָבער „אבר ר' יונה אמר ר' זירא". 24) ד"ה רב הונא האַלט אַז דער גוטער מענש זעהט מאַקע אַליין אויך גוטע חלומות, אָבער ביז ער האַפט זיך אויף פאַרגעסט ער וואָס ער האָט געזעהען.

25) אָבער אַזוי ווי עס איז איהם אומעטיג אויפן האַרצען, איז דאָך אַ סימן אַז ער וויים שוין וואָס דער חלום באַדייטעט, טא צו וואס זאל ער נאָך געהן פותר חלום זיין? 26) פון זיינע גוטע פריינד („רא"ש").

ס) אַ שטיקעל פאַר אונזער הערה איז צו געפינען אין דעם מינכענער כ"י, וואו אנשטאט „מפכחא" שטעהט „לפתוחי", הגם ר' רנ"ן ראבינאוויץ פארטיגט עס אפ מיט דער לאקאני-שער באמערקונג „וט"ס", אבער אהנע צו ערקלערען פארוואס.

„דיינע זיהן און טעכטער וועלען געהערען צו אַ פרעמדען פאָלק" 1). האָט ער אביי'ן ערקלעהרט: דו וועסט האָבען אַסך זיהן און טעכטער, וועסטו וועלען (זיי אויסגעבען) צו דיינע קרובים, און זי 2) וועט וועלען צו איהרע קרובים, און זי וועט דיך צווינגען און דו וועסט זיי אויסגעבען צו איהרע קרובים, וועלכע זיינען (צו דיר) ווי אַ פרעמד פאָלק; און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט אַז זיין פרוי וועט שטאַרבען און איהרע זיהן און טעכטער וועלען קומען אונטער אן אַנ־דער פרוי, ווארום רבא האָט געזאָגט אַז ר' ירמיה בר אבא האָט געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: וואָס באַדייטעט דאָס וואָס שטעהט געשריבען: „דיינע זיהן און טעכטער וועלען גע־הערען צו אַ פרעמדען פאָלק"? דאָס מיינט אַ שטיף מוטער. מיר האָבען געלייענט אין חלום „געה עס דיין ברויט אין פריידען" 3). האָט ער אביי'ן ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען גוט געהן און דו וועסט פאַר שמחה עסען און טרונ־קען און פסוק לייענען, און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען שלעכט געהן, דו וועסט קוילענען און וועסט ניט עסען און טרינקען, און דו וועסט לייענען צו פאַרטרייבען דיין צער. מיר האָבען געלייענט: „אַסך זאמען וועסטו אַרויסברענגען אויפן פעלד" 4). האָט ער אביי'ן ערקלעהרט פון אנהויב, און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט פון סוף 5). מיר האָבען געלייענט: „אליווען בוימער וועסטו האָבען אין דיין גאַנצען געביט אא"וו" 6). האָט ער אביי'ן ערקלעהרט פון אנהויב, און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט פון סוף. מיר האָבען געלייענט: „און אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלען זעהן אא"וו" 7). האָט ער אביי'ן ערקלעהרט: עס וועט אַרויס אויף דיר אַ קלאַנג אַז דו ביסט געוואָרען אַ ראש ישיבה און אַלע וועלען פאַר דיר מורא האָבען, און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט: מען וועט איינברעכען אין קעניגליכען געריכט און מען וועט דיך פאַקען פאַרן גנב, און אַלע וועלען פון דיר אַ קל וחומר אפּלערנען 8). אויף מארגען האָט מען איינגעבראָכען אין קעניגליכען געריכט און מען איז געקומען און מען האָט רבא'ן איינגעזעצט. האָ־בען זיי צו איהם געזאָגט: מיר האָבען געזעהן סאַלאַט אויפן מויל פון אַ פאַס. האָט ער אביי'ן ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען פונאַנדער וואַקסען ווי סאַלאַט, און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען ביטער זיין ווי סאַלאַט. האָבען זיי צו איהם געזאָגט: מיר האָבען געזעהן פלייש אויפן מויל פון אַ פאַס. האָט ער אביי'ן ערקלעהרט: דיין וויין וועט גוט שמעקען און אַלע וועלען קומען קויפען ביי דיר פלייש און וויין, און רבא'ן האָט ער ערלעהרט: דיין וויין וועט זויער ווערען און אַלע וועלען קומען קויפען פלייש כדי צו עסען דערמיט. האָבען זיי צו איהם געזאָגט: מיר האָבען געזעהן אַז אַ פאַס איז געהאַנגען אויף אַ פאַלמע. האָט ער אביי'ן ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען זיך אויפהעבען ווי אַ פאַלמע, און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען זיס זיין 9) ווי טייטלען. האָבען זיי איהם געזאָגט: מיר האָבען געזעהן אַז אַ מילגרוים איז גע־וואַקסען אויפן מויל פון אַ פאַס. האָט ער אביי'ן ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען זיין טייער ווי אַ מילגרוים, און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען זויער זיין ווי אַ מילגרוים. האָבען זיי איהם געזאָגט: מיר האָבען געזעהן אַז אַ פאַס איז אריינגעפאַלען אין אַ ברונען, האָט ער אביי'ן ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען גע־זוכט ווערען, ווי מען זאָגט: ברויט איז אריינגעפאַלען אין ברונען און מען געפינט עס ניט 10), און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען שלעכט געהן און דו וועסט זיי אין ברונען אריינוואַרפען. האָבען זיי איהם גע־זאָגט: מיר האָבען געזעהן אַז אַ יונגער עזעל איז געשטאַ־נען צוקאָפּענס און האָט געהירזשעט, האָט ער אביי'ן ער־קלעהרט: דו וועסט ווערען אַ מלך 11) און אַן אמורא וועט שטעהן פאַר דיר 12), און רבא'ן האָט ער ערקלעהרט: פֶּטֶר חֲמוֹר איז אויסגעמעקט אין דיינע תפילין. האָט ער איהם געזאָגט: איך האָב דאָך אָבער נאָכגעקוקט און עס איז יא דאָ! האָט ער איהם געענטפערט: אבער דער ואו פון „פטר חמור" איז אויסגעמעקט אין דיינע תפילין 13). ענד־ליך איז רבא צו איהם אליין געגאַנגען און האָט איהם גע־זאָגט: איך האָב געזעהן אַז די אויסגעוועניגסטע טיהר איז איינגעפאַלען. האָט ער איהם ערקלעהרט: דיין פרוי וועט שטאַרבען. האָט ער איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז די באַקציינער און די (פאָרדערשטע) ציינער זיינען אַרויסגעפאַ־לען. האָט ער איהם ערקלעהרט: דיינע זיהן און טעכטער וועלען שטאַרבען. האָט ער איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז צוויי טויבען זיינען אַוועק געפלויגען. האָט ער איהם

פירוש.

פון פסוק איז נעמליך „און דו וועסט זיי ניט האָבען". 1) דאָרט פסוק ל"ב. 2) דיין פרוי. 3) קהלת ט' ז'. 4) דברים כ"ח ל"ט. 5) די ערשטע העלפט פון דיזען פסוק איז: „אַסך זאמען וועסטו ארויסברענגען אויפן פעלד", און די צווייטע העלפט איז: „אבער דו וועסט ווענעיג ערנטען אא"וו". 6) דברים כ"ח מ'. דאָס איז דער אנהויב פון פסוק, און דער סוף איז: „אבער דו וועסט זיך ניט זאלבען מיט אויל אא"וו". 7) דאָרט פסוק י', דער סוף פון פסוק איז: „און זיי וועלען מורא האָבען פאַר דיר". 8) מה דאך אַז מען קאָן רבא'ן האַלטען פאַר אַ גנב, קאָן מען דאָך אונז אודאי. מען וועט אלזא צוליב רבא'ן מורא האָבען. 9) פאַר די קונים, ווייל דו וועסט פאַרקויפען מיט אַ פאַרלוסט. 10) דיזער אויס-דרוק איז ניט גאַנץ פאַרשטענדליך. אין דעם מינכענער כ"י שטעהט „כי הני מידי דנפל לבירא (ווי עפעס וואס איז אַריינגעפאַלען אין אַ ברונען)", אַ גירסא וועלכע איז גוט פאַרשטענדליך און שיינט דאַהער ריכטיגער צו זיין ס). 11) ראש ישיבה. 12) און איבערחזרן דיין שעור אויפן קול (זעה „פירוש" ז. 101 נומ. 4). 23) איינע פון די פיער

ס) אַ באַווייז באַר דער ריכטיגקייט פון דער גירסא פון דעם מינכענער כ"י (ר' רנ"ן ראבינאוויץ באַמערקט דערויף אין זיינע „הגהות": „וגירסא ישרה היא") איז דאָס וואָס אין רש"י איז דאָ גיטאַ קיין שום ערקלערונג, דער אנווייז פון „מסורת הש"ס" אויף שבת ס"ו ב' איז אויך ניט ריכטיג, ווייל דאָרט שטעהט „נפל פותא בבירא", און באַזונדערס לויט רש"ים ערקלערונג דאָרט האָט דאָס געראַדע אַ באַדייטונג וואָס איז דער הפך פון דאָס וואָס דאָ ווערט געמיינט צו זאָגען. אין דעם ניט לאַנג ערשיינענעם רש"י פאַראַלעלען ווערק „ציון רש"י" פון רמ"א חייקין ווערט דאָ רש"ים ערקלערונג אין שבת ניט ציטירט, און, לויט אונזער ערקלערונג, אַלזאָ מיט רעכט.

זעהן און עס וועט איהם פאַרדריסען, וועט ער זיין בעס פון איהם אפּווענדען"1).

ווען שמואל האָט געזעהן אַ בייזען חלום פלעגט ער זאָגען: „און חלומות רעדען פאַלש"2), און אַז ער האָט געזעהן אַ גוטען חלום פלעגט ער זאָגען: „רעדען חלומות פאַלש"? עס שטעהט דאָך געשריבען3) „אין אַ חלום רעד איך מיט איהם"! רבא האָט אויפגעוואָרפען די פראַגע: איינ־מאָל שטעהט געשריבען: „אין אַ חלום רעד איך מיט איהם" און איינמאל שטעהט געשריבען: „און חלומות רעדען פאַלש"! עס איז אבער קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז דורך אַ מלאך און יענעס דורך אַ שד.

ר' ביזנא בר זבדא האָט געזאָגט אַז ר' עקיבא האָט געזאָגט און ער האָט געזאָגט אַז ר' פנדא האָט געזאָגט אַז ר' נחום האָט עס געזאָגט און ער ווידער האָט געזאָגט אַז ר' בירים האָט עס געזאָגט אין נאָמען פון אַ זקן און דאָס איז ר' בנאה: פיער און צוואַנציג חלומות אויסלעגער זיינען געווען אין ירושלים. איינמאל האָט זיך מיר געחלומט אַ חלום, און איך בין צו אַלע געגאַנגען; וואָס דער האָט מיר אויסגעלעגט, האָט מיר דער אַנדערער ניט אויסגעלעגט, אבער אַלע זיינען ביי מיר מקוים געוואָרען, און דאָס באַשטעטיגט וואָס עס שטעהט געשריבען: אַלע חלומות געהען נאָכן מויל 4).— אבער איז דען „אַלע חלומות געהען נאָכן מויל" אַ פסוק? — יא; און צוואַר ווי ר' אליעזר, וואָרום ר' אליעזר האָט גע־זאָגט: פון וואַנען איז גענומען אַז אַלע חלומות געהען נאָכן מויל? ווייל עס שטעהט5) „און עס איז געווען אַז אַזוי ווי ער האָט אונז אויסגעלעגט אַזוי איז דאָס געשעהן". רבא האָט געזאָגט: דאָס איז אָבער נאָר אַז מען לעגט איינעם אויס לויט דעם אינהאַלט פון זיין חלום, ווייל עס שטעהט6): „יעדערן האָט ער אויסגעלעגט לויט זיין חלום".— „און דער אויבער בעקער האָט געזעהן" 7). פון וואַנען האָט ער געוואוסט? האָט ר' אלעזר געזאָגט: דאָס לערנט אַז יעדען פון זיי האָט מען געוויזען זיין חלום און די אויסלעגונג פון זיין חבר'ס חלום.

ר' יוחנן האָט געזאָגט: אַז איינער שטעהט אויף אין דער פריה און עס פאַלט איהם אַ פסוק אין מויל אריין איז דאָס אַ קליינע נבואה. ווייטער האָט ר' יוחנן געזאָגט: דריי חלו־מות ווערען מקוים: אַ חלום פון אין דער פריה און אַ חלום וואָס אַן אַנדערער חלומט וועגען איהם און אַ חלום וואָס איז אויסגעלעגט געוואָרען דורך (אַן אַנדער) חלום, און מאַנכע זאָגען: אויך אַ חלום וואָס ווערט איבערגעחזרט, וואָרום עס שטעהט 8): „און וועגען דער ווידערהאָלונג פון חלום אא"וו".—

ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט אַז ר' יונתן האָט גע־זאָגט: מען ווייזט אַ מענש 9) קיין אַנדער זאַך ווי דאָס וואָס זיין האַרץ טראַכט 10), וואָרום עס שטעהט 11): „דו, אַ קעניג, דיינע געדאַנקען זיינען דיר אַרויפגעקומען אויף דיין געלע־גער". און אַז מען וויל קאָן מען זאָגען פון דאַנען 12): „און די געדאַנקען פון דיין האַרצען זאָלסטו וויסען" 13). רבא האָט געזאָגט: מען קאָן עס דאָך פאַרשטעהן דערפון וואָס מען ווייזט אַ מענש ניט 14) ניט קיין גאָלדענע פאַלמען און ניט קיין העלפאַנט וואָס געהט דורך דורכן אויער פון אַ נאָדעל 15).

(נ"ן א') דער קיסר 16) האָט איינמאָל געזאָגט צו ר' יהושע בן חנניא 17): איהר האַלט זיך דאָך פאַר גרויסע חכמים, טאָ זאָג מיר וואָס איך וועל זעהן אין חלום 18)! האָט ער איהם געזאָגט: דו וועסט זעהן אַז די פערסיער 19) וועלען דיך נעהמען אויף צוואַנג ארבייט און וועלען דיך באַרויבען 20) און וועלען דיך מאַכען פאַשען חזירים מיט אַ גאָלדענעם שטעקען. האָט ער דעם גאַנצען טאָג (וועגען דעם) געטראַכט און ביינאַכט האָט ער דאָס געזעהן.— שבור דער קעניג 21) האָט (איינמאָל) געזאָגט צו שמואל: איהר האַלט זיך דאָך פאַר גרויסע חכמים, טאָ זאָג מיר וואָס איך וועל זעהן אין חלום! האָט ער איהם געזאָגט: דו וועסט זעהן אַז די רוימער וועלען קומען און דיך געפאַנגען נעהמען און וועי־לען דיך מאַכען מאַהלען האַרטע קערנער אין אַ גאָלדענע מיהל. האָט ער דעם גאַנצען טאָג (וועגען דעם) געטראַכט און ביי דער נאַכט האָט ער דאָס געזעהן.

בר הדיא איז געווען אַ חלום אויסלעגער. ווער עס האָט איהם באַצאָהלט, דעם פלעגט ער אויסלעגען צום גוטען, און דעם וואָס האָט איהם ניט באַצאָהלט פלעגט ער אויס־לעגען צום בייזען. אביי און רבא האָבען איינמאָל געחלומט; האָט אביי איהם געגעבען אַ זוז, און רבא האָט איהם ניט געגעבען. האָבען זיי געזאָגט צו איהם: מיר האָבען געלייענט אין חלום: „דיין אקס וועט געקוילעט ווערען פאַר דיינע אויי־גען אא"וו" 22). האָט ער רבא'ן ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען שלעכט געהן און פאַר עגמת נפש וועסט זיך דיר נים געלוסטען עסען, און אביי'ן האָט ער ערקלעהרט: דיינע געשעפטען וועלען גוט געהן און פאַר שמחה וועסט זיך דיר ניט געלוסטען עסען. האָבען זיי איהם געזאָגט: מיר האָבען געלייענט 23): „דו וועסט געבוירען זיהן און טעכטער אא"וו". האָט ער רבא'ן ערקלעהרט לויט זיין שלעכטער באַדייטונג 24) און אביי'ן האָט ער ערקלעהרט: דו וועסט האָבען אַ סך זיהן און טעכטער און דיינע טעכטער וועלען חתונה האָבען אין דער פרעמד און עס וועט ביי דיר אויסקומען אַזוי ווי זיי וואָלטען געפאַנגען געוואָרען. מיר האָבען געלייענט:

פירוש.

1) אַלזאָ וועלען די שונאים אויך העלפען אַז ער זאָל געזונד ווערען. 2) זכריה י' ב'. 3) במדבר י"ב ו', גאָט זאָגט עס וועגען משה. 4) ד"ה ווערען מקוים ווי מען לעגט זיי אויס. 5) בראשית מ"א י"ג. 6) דאָרט פסוק י"ב. 7) „אַז ער האָט גוט אויסגעלעגט" (דאָרט מ' ט"ז). 8) דאָרט מ"א ל"ב, דער סוף פון פסוק איז: „און גאָט וועט איהם שנעל ערפילען". 9 און 14) אין חלום. 10) וואָכענדיג. 11) דניאל ב' כ"ט. דניאל זאָגט עס אויסלעגענדיג נבוכדנאצר'ס חלום. 12) דאָרט פסוק ל'. 13) דניאל רופט אַלזאָ דעם חלום „געדאַנקען פון האַרצען". 15) ווייל דאָס זיינען אַזוינע ווילדע פאַנטאַזיעס וואָס קיינער דענקט אפילו ניט וועגען דעם. 16) וואַהרשיינ־ליך האדריאן. 17) זעה „פירוש" ז. 101 נומ. 5. 18) היינט ביינאַכט. 19) מיט וועלכע ער זאָל דאַמאָלס מלחמה געפיהרט האָבען. 20) אָדער פאַר אַ שקלאַף פאַרקויפען (זעה רש"י גיטין מ"ו ב'). 21) פון פערסיע. 22) דברים כ"ח ל"א. 23) דאָרט פסוק מ"א. 24) די פאַרטזעצונג

בן דמא, ר׳ ישמעאל׳ס שוועסטערס זוהן, האט ר׳ ישמעאל׳ן געפֿרעגט: איך האָב געזעהן 1) אַז מיינע ביידע באקען זיינען אַרויסגעפֿאַלען. האָט ער געזאָגט: צוויי רוימישע אַרמייען 2) האָבען געטראַכט שלעכטס געגען דיר און זיינען געשטארבען. בר קפרא האָט געזאגט צו רבי: איך האָב געזעהן אַז מיין נאז איז מיר אראפּגעפֿאַלען. האָט ער איהם ערקלעהרט: צאָרן 3) האָט זיך פֿון דיר אפּגעווענדעט. האָט ער איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז מיינע ביידע הענט זיינען אָפּגעהאַקט געוואָרען. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו וועסט ניט דאַרפֿען אנקומען צו דיין ארבייט. האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אַז מיינע ביידע פֿיס זיינען אפּגעהאַקט געוואָרען. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו וועסט רייטען אויף אַ פֿערד.—איך האָב געזעהן אז מען האָט מיר געזאגט: דו וועסט שטאַרבען אין אדר און וועסט ניט זעהן ניסן. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו וועסט שטאַרבען אין עהרע און וועסט ניט קומען צו אַ נסיון 4).

אַ מין 5) האָט געזאגט צו ר׳ ישמעאל: איך האָב געזעהן אז איך האָב באגאָסען אליווען בוימער מיט אויל. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האָסט געשלעכטליך פֿאַרקעהרט מיט דיין מוטער. האָט ער צו איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז איך האָב אויסגעריסען אַ שטערן. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האָסט אַ אידען באַגנבעט 6). האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אז איך האָב אַ שטערן פֿאַרשלונגען. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האָסט אַ אידען פֿאַרקויפֿט און דאָס געלד אויפֿגעגעסען. האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אַז מיינע אויגען האָבען זיך געקושט. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האָסט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר מיט דיין שוועסטער געהאַט. האָט ער איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז איך האָב געקושט די לבנה. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האָסט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר מיט אַ אידישער פֿרוי געהאַט. האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אַז איך האָב געטראָטען אויפֿן שאָטען פֿון אַ הדס. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האָכט געהאַט געשלעכטליכען פֿארקעהר מיט אַ פֿאַרלאָבטער מיידעל 7). האָט ער איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז אַ שאָטען איז געווען איבער מיר און איך אונטער איהם. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האסט אן אוננאַטירליכען געשלעכטליכען פֿאַרקעהר געהאַט. האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אז קראָהען זיינען געקומען צו מיין בעט. האָט ער איהם ערקלעהרט: דיין פֿרוי האָט מזנה געווען מיט אַסך מענער. האָט ער איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז טויבען זיינען געקומען צו מיין בעט. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האָכט אַסך פֿרויען מטמא געווען. האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אז איך האָב געהאלטען צוויי טויבען און זיי זיינען אַוועקגעפֿלויגען. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האסט גענומען צוויי פֿרויען און האָסט זיי אוועקגעשיקט אהן אַ גט. האט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אַז איך האָב געשיילט אייער. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו האָסט טויטע אויסגעטהון 8). האָט ער איהם געזאגט: אלץ איז ביי מיר פֿאָרגעקומען אָבער דאָס ניט. דערווייל איז צוגעקומען אַ פֿרוי און האָט צו איהם געזאגט: אט דער מלבוש וואס דו טראָגסט געהערט צו יענעם און יענעם מענשען וועלכער איז געשטארבען און דו האָסט איהם אויסגעטהון. האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אַז מען האָט מיר געזאגט: דיין פֿאטער האָט דיר איבערגעלאָזען אַ פֿאַרמעגען אין קפודקיא. האָט ער איהם געפֿרעגט: האָסטו פֿאַרמעגען אין קפודקיא? האָט ער איהם געענטפֿערט: ניין. איז דיין פֿאטער געגאַנגען קיין קפודקיא? האָט ער איהם געענטפֿערט: ניין. (האָט ער איהם ערקלעהרט): אויב אזוי, איז קפא אַ באלקען און דיקא איז צעהן 9), געה וועסטו זעהן אַז דער ערשטער פֿון די צעהן באַלקען 10) איז פֿול מיט זוזים. איז ער ג׳גאַנגען און האָט געפֿונען אַז ער איז פֿול מיט זוזים.

ר׳ חנינא האָט געזאגט: דער וואס זעהט אַ ברונען אין חלום וועט זעהן שלום, ווארום עס שטעהט 11): „און די קנעכט פֿון יצחק האָבען געגראבען אין טהאל און האָבען דאָרט געפֿונען אַ ברונען מיט לעבעדיגע וואַסער" 12). ר׳ נתן זאגט: ער וועט געפֿינען תורה, וואָרום עס שטעהט 13): „ווייל דער וואָס געפֿינט מיך געפֿינט לעבען", און דא שטעהט געשריבען: „אַ ברונען פֿון לעבעדיגע וואסער". רבא זאגט: טאַקע פשוט לעבען 14). ר׳ חנן האָט געזאגט: עס זיינען דא דריי פֿרידענס 15): אַ טייך, אַ פֿויגעל און אַ טאָפּ; אַ טייך, ווייל עס שטעהט געשריבען 16): „זעה, איך וועל איהר צופֿיהרען פֿרידען ווי אַ טייך"; אַ פֿויגעל, ווייל עס שטעהט געשריבען 17): „אַזוי ווי פֿליהענדע פֿויגעל אַזוי וועט גאָט זיי באַשיצען או"ו"; אַ טאָפּ, ווייל עס שטעהט געשריבען 18): „גאָט, שטעל אונז צו 19) פֿרידען". האָט ר׳ חנינא געזאגט: און דוקא אַ טאָפּ אין וועלכען עס איז ניטא קיין פֿלייש, ווארום מיר האָבען געלערנט 20): „און זיי צוברעכען ווי דאָס וואָס אין טאָפּ און ווי פֿלייש אינעווענינג אין קעסעל" 21).

פֿירוש.

1) אין חלום. 2) אין דעם מינכענער כ"י שטעהט אנשטאט גדודי ריכטיגער גדולי—גרויסע לייט. 3) ד"ה גאָטס צאָרן, אף—צאָרן און נאז. 4) אדר—אדרותא (עהרע), ניסן—נסיון.

5) זעה „פירוש" :. 42 נומ. 10. 6) ווייל אידען ווערען געגליכען צו שטערען. 7) ווייל עס איז געווען אַ מנהג צו באפוצען כלות מיט קראנצען פֿון הדסים (כתובות ט"ז ב׳). 8) ד"ה באַרויבט. 9) אין גריכיש. קפא דיקא—קפודקיא. קאפּאדאָקיא איז אַ פראווינץ אין קליין אזיע, נעבען אַרמעניע. 10) פֿון דיין הויז.

11) בראשית כ"ו י"ט. 12) און ווייטער שטעהט (פסוק כ"ב) „און זיי האָבען זיך צוליב דעם ניט געקריגט"°). 13) משלי ח׳ ל"ה. 14) וועט געפֿינען דער וואס זעהט אַ ברונען אין חלום. 15) דריי זאַכען וואס אַז מען זעהט זיי אין חלום איז דאָס אַ סימן אויף שלום. 16) ישעיה ס"ו י"ב. 17) דאָרט ל"א ה׳. 18) דאָרט כ"ו י"ב. 19) תִּשְׁפּוֹת. דער שורש שפת באדייטעט צושטעלען אַ טאָפּ צו קאָכען. 20) שָׁנִינוּ. ריכטיגער וואלט געווען „שנאמר", ווייל דאָס איז אַ פסוק אין מיכה ג׳ ג׳. 21) צוברעכען שטעהט אַלזא ביי פֿלייש.

°) כחמת האָכען זיי זיך יאָ געקריגט צוליב דעם כרונען וואָס ווערט דערמאָהנט אין פסוק י"ט, און דערפאַר ווערט אין מינכענער כ"י דאָ ציטירט פון פסוק כ"כ: „און אַנדער כרונען, און זי האָכען זיך צוליב דעם ניט געקריגט."

ערקלעהרט: דו וועסט צוויי פּרויען גטען. האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן צוויי קעפּ פון ריבען. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו וועסט צוויי קלעפּ אַריינכאפּען. יענעם טאג איז רבא געגאַנגען אין בית המדרש און איז דאָרט אַ גאַנצען טאָג געזעסען 1). האָט ער געפונען צוויי בלינדע וועלכע האָבען זיך ארומגעאַמפּערט. איז רבא צוגעקומען זיי פונאנדער צו נעהמען. האָבען זיי איהם צוויי קלעפּ געגעבען און האָבען זיך פאַרנומען צו געבען איהם נאָך אַ קלאַפּ. האָט ער געזאגט: איך האָב גענוג! איך האָב (נאָר) צוויי געזעהן. ענדליך איז רבא געקומען און האָט איהם באַצאָהלט און איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אַז אַ וואַנד איז איינגעפאַלען. האָט ער איהם ערקלעהרט: דו וועסט קויפען גרענצענלאזע נחלאות. האָט ער איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז אביי'ס פּאַלאַץ איז איינגעפאַלען און האָט מיך באַדעקט מיט שטויב. האָט ער איהם ערקלעהרט: אביי וועט שטאַרבען און זיין ישיבה וועט צו דיר אַריינפאַלען. האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געזעהן אַז מיין פּאַלאַץ איז איינגעפאַלען און אַלע זיינען געקומען און האָבען צוגומען די ציגעל. האָט ער איהם ערקלעהרט: דיינע הלכות וועלען פאַרשפּרייט ווערען אין דער וועלט. האָט ער איהם געזאָגט: איך האָב געזעהן אַז מיין קאָפּ האָט זיך צושפּאלטען און מיין מוח איז ארויסגערונען. האָט ער איהם ערקלעהרט: די פעדערן וועלען אַרויסקומען פון דיין קישען. האָט ער איהם געזאגט: איך האָב געלייענט דעם הלל פון מצרים 2) אין חלום. האָט ער איהם ערקלעהרט: נסים וועלען זיך מיט דיר טרעפען. איינמאָל איז ער מיט איהם ארויף אויף אַ שיף. האָט ער געזאָגט: וואָס טויג מיר צו געפינען זיך נעבען אַ מענש וואָס עס טרעפען זיך איהם נסים 3)? אַז ער איז אויסגעשטיגען, איז אַ בוך ביי איהם אַרויסגעפאַלען. האָט רבא איהם אויפגעהויבען און האָט באַמערקט אַז דאָרט איז געשטאַנען געשריבען: „אַלע חלומות גייען נאָכן מויל". האָט ער געזאָגט: דו רשע, פון דיר איז עס אפּהענגיג געווען 4), און דו האסט מיך אַזוי מצער געווען! אבער אלץ פאַרגיב איך דיר, אַחוץ רב חסדא'ס טאָכטער 5). זאָל זיין (גאָטס) ווילען אַז דיזער מענש זאָל אויסגעליפערט ווערען אין די הענד פון אַ רעגירונג, וואָס וועט אויף איהם קיין רחמנות ניט האָבען! רופט ער זיך אפּ: וואס זאָל איך טהון? מיר האָבען דאָך בקבלה אַז די קללה פון אַ חכם ווערט מקוים אפילו ווען זי איז אַן אומזיסטיגע, און אַ פּשיטא שוין רבא'ס, וועלכער איז דאָך גערעכט וואָס ער שעלט! [זאָגט ער]: איך וועל געהן און אַפּריכטען גלות, וואָרום דער רבי האָט געזאָגט 6): „גלות איז מכפּר אויף זינד". איז ער אַוועק און איז פאַרוואָגעלט געוואָרען צווישען די רוימער. (איינמאָל) איז ער געגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער טיהר פון דעם קעניגס הויפּט גאַרדעראבע אויפזעהער 7). האָט זיך דעם הויפּט גאַרדעראבע אויפזעהער געחלומט און ער האָט געזאגט: איך האָב געזעהן אין חלום אַז אַ נאָדעל איז מיר אריין אין פינגער. רופט ער זיך אפּ: גיב מיר אַ זוז 8)! און אַזוי ווי ער האָט איהם גאַרניט געגעבען האָט ער איהם גאַרניט געזאגט. (נאכהער) זאָגט ער צו איהם: איך האָב געזעהן אַז אַ וואַרעם איז ביי מיר ארויפגעפאַלען אויף צוויי פינגער. רופט ער זיך אפּ: גיב מיר אַ זוז! האָט דער ניט געגעבען און יענער האָט גאַרניט געזאגט. זאגט ער צו איהם: איך האָב געזעהן אַז אַ וואָרעם איז ביי מיר ארויפגעפאַלען אויף די גאַנצע האַנד. האָט ער איהם ערקלעהרט: מאָטען זיינען אַריין אין אַלע זיידענע קליידער. ווען מען האָט דאָס ערפאהרען ביים קעניג האָט מען געבראַכט צו פיהרען דעם הויפט גארדעראבע אויפזעהער אין מען האָט איהם געוואָלט טויטען. רופט ער זיך אָפּ: פאַרוואס מיך? נעהמט דעם וואָס האָט געוואוסט און האָט ניט אויסגעזאָגט! האָט מען געבראַכט בר הדיא'ן און מען האָט איהם געזאָגט: צוליב דיין זוז זיינען איבערגעפיהרט געוואָרען (בּ') דעם קעניגס זיידענע קליידער! האָט מען צונויפגעבונדען צוויי צעדערן מיט אַ שטריק און מען האָט איהם צוגעבונדען איין פוס צו איין צעדער און דעם אַנדערן פוס צו דער אַנדערער צעדער און (נאַכהער) האָט מען אָפּגעבונדען די שטריק און ער איז צוריסען געוואָרען אויף צווייען ביזן קאָפּ. ווייל בידע (צעדערן) זיינען צוריק געשפּרונגען אין זייער (פריהערדיגער) פּאָזיציע, איז ער צוריסען געוואָרען און איז אַרונטער געפאַלען אין צווייען.

פירוש.

פּרשיות וועלכע געפינען זיך אין תפילין איז „וְהָיָה כִּי יְבִאֲךָ (און אַז ער וועט דיך ברענגען)" (שמות י"ג י"א — ט"ז), וואו עס געפינט זיך דער אויסדרוק „פּטר חמר (די געבורט פון אַן עזעל)" און דאָס וואָרט „חמור" דאַרף דאָרט שטעהן אהן אַ וואו. אין רבא'ס תפילין האָט אָבער דער סופר געשריבען מיט אַ וואו און האָט נאַכהער דעם וואו אויסגעמעקט. 1) כדי בר הדיא'ס אויסלעגונג זאל ניט מקוים ווערען. 2) הַלֵּל הַמִּצְרִי. אַזוי ווערט „הלל" (זעה „פירוש" ז. 51 נום. 5) גערופען, ווייל עס באַהאַנדעלט יציאת מצרים און ווייל מען פלעגט עס זינגען אין בית המקדש ביים קוילענען דעם קרבן פסח וועלכער איז צום ערשטען מאל געבראכט געוואָרען אין מצרים (פּסחים ס"ד א'). רש"י ערקלעהרט אַז עס ווערט אַזוי גערופען צו אונטערשיידען פון דעם אַנדערן הלל וועלכער הייסט „הלל הגדול" און ווערט אויך געזאגט אין די סדר נעכט, אָבער אַ חוץ דעם וואס דאָס ערקלעהרט ניט פאַרוואס עס זאָל הייסען „מצרי", איז דאָס ניט גאַנץ אין איינקלאַנג מיט דער ערקלעהרונג פון דער גמרא אין פּסחים קי"ז א' און קי"ח א'. וועגען „הלל הגדול" זעה „פירוש" ז. 11 נום. 81. א דריטער הלל, „הלל בכל יום", זיינען די „פסוקי דזמרא", די מזמורים קמ"ה — ק"ן (פון „אשרי" ביז „כל הנשמה אא"וו") וועלכע ווערען יעדען טאָג געזאגט אין דאַווענען (שבת קל"ח ב'. 3) ווייל אַ נס זעצט דאָך פאָ־ויס אַ סכנה. 4) אויסצולעגען מיינע חלומות צום גוטען. 5) וועלכע איז געווען רבא'ס פרוי און איז געשטאָרבען צוליב דער בייזער אויסלעגונג פון זיין חלום. 6) ר' יהודה בר' חייא אין סנהדרין ל"ז ב'. 7) לויט רש"י דא שאַצמייסטער (אין ערובין פ' א' און בבא בתרא ח' ב' ערקלעהרט ער אבער וואַפען אויפזעהר, טורזינא — גנטר זינא). מיר האָבען אָבער איבערזעצט לויטן „ערוך", וועלכעס שיינט ריכטיגער צו זיין, לויט דעם אינהאַלט פון דיזער ערצעהלונג ס). 8) זעה „פירוש" ז. 73 נום. 13).

ס) לויט לוי („נייהעבר. אונד כאלד. ווערטערבוך איבער די תלמודים אא"וו") דאַרף דאָ שטעהן טרזינא (אַ פערסיש וואָרט וועלכעס באַדייטעט פאַרציערטע קליידער), און אין ערובין און בבא בתרא טורזינא — וואַפען באַזאָרגער. אויך לויט „ערוך השלם" איז דאָס אַ פערסיש וואָרט, וועלכעס באַדייטעט אַבער גנבים חאַפּער.

דאָס מיינט דוקא ישמעאל דעם זוהן פֿון אברהם 1), אבער ניט גלאַט אַ בעדואינער 2). דער וואָס זעהט אַ קעמעל אין חלום מיינט עס אַז אַ טויט איז איף איהם נגזר געוואָרען אין הימעל און מען וועט איהם דערפֿון מציל זיין. האָט ר׳ חמא דער זוהן פֿון ר׳ חנינא געזאָגט: וואו איז אַ פסוק דערפֿאַר? „איך וועל מיט דיר אַרונטערגעהן קיין מצרים און איך וועל דיך אויך אַרויספֿיהרען" 3). רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט: פֿון דאַנען 4): „אויך גאָט האָט פֿאַרגעבען דיין זינד, דו וועסט ניט שטאַרבען". דער וואס זעהט פנחס׳ן אין חלום וועט איהם אַ וואונדער געשעהן 5). דער וואס זעהט אַ העלפֿאַנט אין חלום וועלען איהם וואונדער געשעהן 6), העלפֿאַנטען, וועלען איהם וואונדער איבער וואונדער געשעהן,— עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ ברייתא: אַלע מינים חיות זיינען גוט פֿאַר אַ חלום אַחוץ אַ העלפֿאַנט און אַ מאַלפּע! — דאָס איז קיין קשיא ניט, (נ״ז א׳) ווייל דאָס 7) איז אַז ער איז באַזאָטעלט און יענעס אַז ער איז ניט באַזאָטעלט. דער וואס זעהט (דעם נאָמען) הונא אין חלום וועט איהם אַ נס געשעהן, חנינא, הנניא, יוחנן, וועלען איהם נסים איבער נסים געשעהן 8). דער וואס זעהט אַ הספד אין חלום (מיינט עס אז) מען וועט זיך אויף איהם אין הימעל דערבאַרעמען און איהם אויסלייזען 9). אבער דאָס איז אַליין נאר (אַז מען זעהט דאָס) געשריבען. דער וואָס ענטפֿערט „יהא שמיה רבא מברך" 10) מעג זיכער זיין אַז ער וועט האָבען עולם הבא. דער וואָס לייענט קריאת שמע 11) (מיינט עס) אז ער איז ראוי אַז די שכינה זאל אויף איהם רוהען, נאָר זיין דור איז דאָס ניט ווערט. דער וואס לעגט תפילין אין חלום דאַרף ערוואַרטען גרויסקייט, ווארום עס שטעהט 12): „און אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט וועלען זעהן אַז גאָטס נאָמען ווערט גערופֿען אויף דיר אא״וו", און אין אַ ברייתא ווערט געלערנט 13): „דער גרויסער ר׳ אליעזר זאגט: דאָס מיינט די תפילין של ראש". דער וואס דאַווענט אין חלום איז דאָס אַ גוטער סימן פֿאַר איהם. דאָס איז אבער נאר אז ער ענדיגט ניט 14). דער וואס האָט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר מיט זיין מוטער אין חלום דאַרף ערוואַרטען פֿאַרשטאַנד, ווארום עס שטעהט 15): „נאָר פֿערשטאַנד זאלסטו רופֿען" 16). דער וואס האָט געשלעכטליכען פֿאַרקעהר מיט אַ פֿאַרלאָבטער מיידעל דאַרף ערוואַרטען תורה, ווארום עס שטעהט 17): „די תורה וואָס משה האָט אונז באַפֿאָהלען איז אַ ירושה פֿאר דער געמיינדע פֿון יעקב", לייען ניט ירושה נאר פֿאַרלאָבט 18). דער וואס האָט אין חלום געשלעכטליכען פֿאַרקעהר מיט זיין שוועסטער דאַרף ערוואַרטען חכמה, ווארום עס שטעהט 19): „זאָג צו דער חכמה: דו ביסט מיין שוועסטער". דער וואָס האָט אין חלום געשלעכטליכען פֿארקעהר מיט אַ פֿאַרהייראַטער פֿרוי מעג זיכער זיין אַז ער וועט האָבען עולם הבא. דאָס איז אָבער נאָר אַז ער קען זי ניט און האָט אין אייגען ייגען איהר ניט געטראַכט.

ר׳ חייא בר אבא האָט געזאגט: דער וואס זעהט ווייץ אין חלום וועט זעהן שלום, ווארום עס שטעהט 20): „דער וואס מאַכט שלום אין דיין געביט, מיט די פֿעטקייט פֿון ווייץ וועט ער דיך זעטיגען"; דער וואס זעהט גערשטען אין חלום וועלען זיינע זינד אראפגענומען ווערען, ווארום עס שטעהט 21): „און דיין זינד וועט אראפגענומען ווערען 22) און דיין פֿארגעהן וועט פֿאַרגעבען ווערען". ר׳ זירא האָט געזאגט: איך בין ערשט אוועק פֿון בבל קיין ארץ ישראל נאָכדעם ווי איך האָב געזעהן גערשטען אין חלום. דער וואס זעהט אַ שווער באַלאָדענעם וויינשטאָק אין חלום וועט זיין פֿרוי קיינמאָל ניט מפיל זיין, ווארום עס שטעהט 23): „דיין פֿרוי ווי אַ פֿרוכטבארער וויינשטאק"; אַ צווייג (פֿון אַ וויינשטאק), דאַרף ער משיח׳ן ערוואַרטען, ווארום עס שטעהט 24): „וואָס בינדט אן צו אַ וויינשטאק זיין עזעל און צו אַ צווייג זיין יונגען עזעל" 25). דער וואָס זעהט אַ פֿייגענבוים אין חלום וועט זיין תורה זיך אין איהם ערהאַלטען, ווארום עס שטעהט 26): „דער וואָס היט אָפּ אַ פֿייגענבוים וועט זיין פֿרוכט עסען". דער וואס זעהט מילגרוימען אין חלום, אויב קליינע, וועלען זיך זיינע געשעפֿטען פֿאַרמעהרען ווי אַ מילגרוים, אויב גרויסע, וועלען זיינע געשעפֿטען וואַקסען ווי אַ מילגרוים, אויב האַלבע, איז אויב ער איז אַ תלמיד חכם דאַרף ער ערוואַרטען תורה, ווארום עס שטעהט 27): „איך וועל דיך אנטרינקען מיט געווירצטען וויין, מיט דעם זאפֿט פֿון מיין מילגרוים", און אויב ער איז אַן עם הארץ, דאַרף ער ערוואַרטען מצות, ווארום עס שטעהט 28): „ווי אַ האַלבער מילגרוים איז דיין שלייף"; וואס מיינט „דיין שלייף"? אפילו דיינע לעדיגע 29) זיינען פֿול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים. דער וואס זעהט אָליווען אין חלום, אויב קליינע, וועלען זיך זיינע געשעפֿטען פֿאַרמעהרען און זיך פֿארגרעסערן און זיך ערהאַלטען אַזוי ווי אליווען; דאָס איז אבער נאר אייב (ער זעהט) די פרי, אויב אבער די בוימער, וועט ער האָבען אַסך קינדער, ווארום עס שטעהט 30): „דיינע קינדער ווי די יונגע צווייגלעך פֿון אליוון בוימער אא״וו". מאַנכע זאגען: דער וואָס זעהט

פירוש.

1) ווייל דאָס איז דער טעם פֿון זיין נאָמען: ישמעאל—שְׁמַע אֵל (בראשית ט״ז י״א). 2) וועלכע מען איז געוועהנט צו באַצייכענען מיטן נאָמען ישמעאל. 3) בראשית מ״ו ד׳. — גַּם עָלֹה קלינגט ווי גָּמָל (קעמעל). 4) שמואל ב׳ י״ב י״ג גַּם. 5) ווי פנחס׳ן ועמען זעקס נסים זיינען געשעהן (זעה סנהדרין פ״ב ב׳), אָדער פֿיליכט ווייל פנחס זאָל אידענטיש זיין מיט אליהו הנביא. 6) פִּיל (העלפֿאנט)—פֶּלֶא (וואונדער). 7) וואָס שטעהט אַז עס איז גוט. 8) אין הונא איז דאָ איין נון ווי אין נס און אין די אַנדערע נעמען איז דאָ מעהר. 9) הספד—חס (ער האָט זיך דערבארעמט) פדה (ער האָט אויסגעלייזט). 10 און 11) אין חלום. 12) דברים כ״ח י׳. 13) זעה ז, 17, און „פירוש" נומ. 18 א, 19. 14) ד״ה אַז ער חאַפּט זיך אויף און מיטען. 15) משלי ב׳ ג׳. 16) אִם לַבִּינָה—אֵם לבינה. 17) דברים ל״ג ד׳. 18) מוֹרָשָׁה—מְאוֹרָשָׂה. 19) משלי ז׳ ד׳.

20) תהלים קמ״ז י״ד. 21) ישעיה ו׳ ז׳. 22) וְסָר עֲוֹנֶךָ, שְׂעוֹרִים (גערשטען) — סָר עָוֹן. 23 און 30) תהלים קכ״ח ג׳. 24) בראשית מ״ט י״א. 25) לויט די תרגומים („אונקלוס" און באזונדערס „יונתן" און „ירושלמי"; זעה אויך „זהר" און רש״י און „ספורנו" דאָרט און אַנדערע מפרשים) באַציהט זיך דער פסוק אויף משיח (וואַהרשיינליך צוליב „עיר" און „בן אתון" וואָס שטעהען דאָ און אין זכריה ט׳ ט׳, וואו עס רעדט זיך וועגען משיח). 26) משלי כ״ז י״ח. 27) שיר השירים ח׳ ב׳. 28) דאָרט ד׳ ג׳. 29) רַקָּה שלייף — רֵק (לעדיג).

ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דער וואָס זעהט אַ טייך אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן: „זעה, איך וועל איהר צופיהרען פרידען ווי אַ טייך", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 1): „ווארום ווי אַ טייך וועט קומען דער פיינד"; דער וואָס זעהט אַ פויגעל אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן: „אַזוי ווי פליהענדע פויגעל אַזוי וועט באַשיצען אַא"ו", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 2): „ווי אַ פויגעל וואָס ווערט פאַרוואָגעלט פון איהר נעסט אַא"ו"; דער וואָס זעהט אַ טאָפּ אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן: „גאָט, שטעל אונז צו פרידען", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 3): „שטעל צו דעם טאָפּ, שטעל צו!"; דער וואָס זעהט ווינטרויבען אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן 4): „ווי ווינטרויבען אין דער מדבר", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 5): „זייערע טרויבען זיינען טרויבען פון ווערמוט"; דער וואָס זעהט אַ באַרג אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן 6): „ווי שעהן זיינען אויף די בערג די פיס פון דעם וואָס זאָגט אָן", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 7): „אויף די בערג הייב איך אויף יאָמער און קלאָג"; דער וואָס זעהט אַ שופר אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן 8): „און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועט געבלאָזען ווערען אין אַ גרויסען שופר", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 9): „בלאָזט שופר אין גבעה"; דער וואָס זעהט אַ הונט אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן 10): „און געגען די אידען וועט קיין הונט זיין צונג ניט שאַרפען", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 11): „און די הינט זיינען דרייסט"; דער וואָס זעהט אַ לייב אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן 12): „דער לייב ברומט, ווער האָט קיין מורא ניט?", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 13): „דער לייב איז ארויסגעקומען פון זיין דזשאַנגל"; דער וואָס זעהט ראַזירען אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן 14): „און ער האָט זיך ראַזירט און אַנגעטהון אַנ־דערע קליידער", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנ־דער פסוק 15): „ווען מען וועט מיך ראַזירען וועט זיך מיין כח אַפּטהון פון מיר"; דער וואָס זעהט אַ ברונען אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן 16): „אַ ברונען מיט לעבעדיגע וואַסער", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנ־דער פסוק 17): „ווי אַ ברונען לאָזט קוועלען זיין וואַסער"; דער וואָס זעהט אַ ראָהר אין חלום זאָל פריה אויפשטעהן און זאָגן 18): „אַן איינגעבראָכען ראָהר צערברעכט ער ניט", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 19): „זעה, דו האָסט זיך פאַרלאָזען אויף די שטיצע פון אַן איינ־געבראָכען ראָהר".

די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס זעהט אַ ראָהר אין חלום דאַרף ערוואַרטען חכמה, ווארום עס שטעהט 20): „ערווערב 21) חכמה!", ראָהרען, דאַרף ער ערוואַרטען פאַר־שטאַנד, ווארום עס שטעהט 22): „אָבער וואָס דו זאָלסט ניט ערווערבען, ערווערב פאַרשטאַנד 23)". ר׳ זירא האָט געזאָגט: קירבעס, פאַלמען שפּיצען, וואַקס, ראָהרען 24), זיינען אַלע גוט פאַר אַ חלום. אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: קירבעס ווייזט מען נאָר דעם וואָס איז אַ ירא שמים מיט זיין גאַנצען כח. דער וואָס זעהט אַן אָקס אין חלום זאָל פריה אויפ־שטעהן און זאָגן 25): „דער בכור פון זיין אָקס איז איהם אַ צירונג", בעפאָר עס וועט איהם איינפאַלען אַן אַנדער פסוק 26): „אַז אַן אָקס וועט אַ מענשען שטויסען".

די רבנן האָבען געלערנט: פינף זאַכען זיינען געזאָגט געוואָרען וועגען אַן אָקס 27): עסט מען זיין פלייש וועט מען רייך ווערען, האָט ער געשטויסען וועט מען האָבען קינדער וואָס שטויסען זיך 28) אין תורה, האָט ער געביסען וועט מען יסורים האָבען, האָט ער געבריקעט וועט אויסקומען צו מאַכען אַ ווייטע נסיעה, האָט מען אויף איהם געריטען וועט מען דערהויבען ווערען. — עס ווערט דאָך אָבער געלערנט אין אַ ברייתא: האָט מען אויף איהם געריטען וועט מען שטאַרבען! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז אַז מען רייט אויפען אָקס און יענעם 29) אַז דער אָקס רייט אויף איהם. דער וואָס זעהט אַן עזעל אין חלום דאַרף ערוואַרטען אַ ישועה, ווארום עס שטעהט 30): „זעה, דיין קעניג קומט צו דיר, אַ צדיק און אַ געהאָלפענער איז ער, אָרים און רייט אויף אַן עזעל". דער וואָס זעהט אַ קאַץ אין חלום, איז דאָרט וואו מען רופט דאָס שונרא 31) וועט איהם אַ שעהן ליעד 32) געמאַכט ווערען, און דאָרט וואו מען רופט דאָס שינרא וועט איהם פאַסירען אַן ענדערונג צום שלעכ־טען 33). דער וואָס זעהט ווינטרויבען אין חלום, איז אויב זיי זיינען ווייסע איז דאָס גוט סיי ווי זיי זיינען אין זומער צייט סיי ווי זיי זיינען ניט אין זומער צייט, אָבער אויב שוואַרצע, זיינען זיי אין דער צייט גוט און ניט אין דער צייט שלעכט. דער וואָס זעהט אַ ווייסען פערד אין חלום, סיי אין טראַט סיי אין גאַלאָפּ, איז דאָס גוט פאַר איהם, אָבער אַ ברוינעם איז אין טראַט גוט און אין גאַלאָפּ ניט גוט. דער וואָס זעהט ישמעאל אין חלום וועט זיין תפלה דערהערט ווערען, און

פירוש.

1) וואָס האָט ניט קיין גינסטיגע אויסלעגונג. — ישעיה נ"ט י"ט. 2) משלי כ"ז ח׳, 3) יחזקאל כ"ד ג׳, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען פורעניות, 4) הושע ט׳ י׳, 5) דברים ל"ב ל"ב, 6) ישעיה נ"ב ז׳, 7) ירמיה ט׳ ט׳, 8) ישעיה כ"ז י"ג, 9) הושע ה׳ ח׳, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען פורעניות, 10) שמות י"א ז׳, 11) ישעיה נ"ו י"א, 12) עמוס ג׳ ח׳, 13) ירמיה ד׳ ז׳, 14) בראשית מ"א י"ד, 15) שופטים ט"ז י"ז, 16) שיר השירים ד׳ ט"ו, 17) ירמיה ו׳ ז׳, 18) ישעיה מ"ב ג׳, 19) דאָרט ל"ו ו׳, 20) משלי ד׳ ה׳, 21) קְנֵה—קָנֶה (ראָהר), 22) דאָרט פסוק ד׳, 23) וּבְכָל קִנְיָנְךָ קְנֵה בִינָה, בינה איז די פעהיגקייט צו פאַרשטעהן און דעדוצירען איין זאַך פון אַן אַנדערער, דער דרש איז געבויט דערויף וואָס דער שורש קנה שטעהט דא צוויי מאָל. 24) קרא, קורא, קירא, קניא. 25) דברים ל"ג י"ז, 26) שמות כ"א כ"ח.

27) אין חלום, 28) זיך מפלפל, 29) וואָס שטעהט אַז מען וועט שטאַר־בען, 30) זכריה ט׳ ט׳, 31) אין אַראַמעאיש, 32) שִׁירָה נָאָה, 33) שְׁנוּי רָע

אַן אמורא 1) האָט געלערנט פאַר רב נחמן בר יצחק: דער וואָס לאָזט זיך אָדער אין חלום וועלען זיינע זינד איהם פאַרגעבען ווערען.—אין אַ בריתא ווערט דאָך אָבער געלערנט: זיינע זינד ווערען איהם אויסגערעכענט!—וואָס מיינט „אויסגע־רעכענט"? אויסגערעכענט צו פאַרגעבען.— אַן אמורא האָט גע לערנט פאַר רב ששת: דער וואָס זעהט אַ שלאַנג אין חלום וועט זיין פרנסה איהם צוגעגרייט ווערען; האָט זי איהם געביסען (מיינט עס) אַז זי וועט איהם פאַרדאָפּעלט ווערען; האָט ער זי דערהרגעט וועט איהם זיין פרנסה פאַרלאָרען געהן. האָט רב ששת זיך אָפּגערופען צו איהם: דאַרף מען איהם דאָך די פרנסה אודאי פאַרדאָפּלען! און דאָס איז ווירקליך ניט אַזוי, ווארום ר' ששת האָט געזעהן אַ שלאַנג אין חלום און האָט זי דערהרגעט 2).—אַן אמורא האָט געלערנט פאַר ר' יוחנן: אַלע מינים געטרענקען זיינען גוט פאַר אַ חלום אַחוץ וויין, וואָס מאַנכער טרינקט איהם און עס איז גוט פאַר איהם און מאַנכער טרינקט איהם און עס איז שלעכט פאַר איהם 3). „מאַנכער טרינקט איהם און עס איז גוט פאַר איהם" ווארום עס שטעהט 4): „און וויין דערפרעהט דאָס האַרץ פון מענשען", „און מאַנכער טרינקט איהם און עס איז שלעכט פאַר איהם", ווארום עס שטעהט 5): „גיט ביער צו אַ פאַרלאָרענעם און וויין צו אַ פאַרביטערטע נשמה". האָט ר' יוחנן געזאָגט צו דעם אמורא: לערן: פאַר אַ תלמיד חכם איז דאָס שטענדיג גוט, ווארום עס שטעהט 6): „קומט עסט פון מיין ברויט און טרינקט פון דעם וויין וואָס איך האָב אַנגעגאָסען". (ב') ר' יוחנן 7) האָט געזאָגט: אַז איינער שטעהט אויף אין דערפריה און עס פאַלט איהם אַריין אַ פסוק אין מויל איז דאָס אַ קליינע נבואה.

די רבנן האָבען געלערנט 8): „עס זיינען דאָ דריי מלכים: דער וואָס זעהט דוד אין חלום דאַרף ערוואַרטען חסידות, שלמה'ן, דאַרף ער ערוואַרטען חכמה, אחאב, דאַרף ער זאָרגען פאַר פורעניות 9). עס זיינען דאָ דריי נביאים: דער וואָס זעהט דעם ספר מלכים דאַרף ערוואַרטען גדולה, יחזקאל, דאַרף ער ערוואַרטען חכמה 10), ישעיה, דאַרף ער ערוואַרטען נחמה, ירמיה, דאַרף ער זאָרגען פאַר פורעניות. עס זיינען דאָ דריי גרויסע כתובים: דער וואָס זעהט דעם ספר תהלים דאַרף ערוואַרטען חסידות, משלי, דאַרף ער ערוואַרטען חכמה, איוב, דאַרף ער זאָרגען פאַר פורעניות. עס זיינען דאָ דריי קליינע כתובים: דער וואָס זעהט שיר השירים אין חלום דאַרף ערוואַרטען חסידות 11), קהלת, דאַרף ער ערוואַרטען חכמה, קינות, דאַרף ער זאָרגען פאַר פורעניות. און דער וואָס זעהט מגלת אסתר וועט אַ נס איהם געשעהן. עס זיינען דאָ דריי חכמים: דעם וואָס זעהט רבי אין חלום דאַרף ערוואַר־טען חכמה, ר' אלעזר בן עזריה, דאַרף ער ערוואַרטען עשי־רות 12), ר' ישמעאל בן אלישע 13), דאַרף ער זאָרגען פאַר פורעניות. עס זיינען דאָ דריי תלמידי חכמים 14): דער וואָס זעהט בן עזאי 15) אין חלום דאַרף ערוואַרטען חסידות, בן זומא 16), דאַרף ער ערוואַרטען חכמה, אחר 17), דאַרף ער זאָרגען פאַר פורעניות".

אַלע מינים חיות זיינען גוט פאַר אַ חלום אַחוץ אַ העלפאַנט און אַ מאַלפּע און אַ מורמעלטיער.—דער רבי האָט דאָך אָבער געזאָגט 18): „דער וואָס זעהט אַ העלפאַנט אין חלום וועט איהם אַ וואונדער געשעהן"!—דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז אַז ער איז באַזאָטעלט און יענעם אַז ער איז ניט באַזאטעלט.—אַלע מינים מעטאַלען זיינען גוט פאַר אַ חלום, אַחוץ אַ גראַבליע, אַ הובעל און אַ האַק; און דאָס איז נאָר אַז מען זעהט זיי אין זייער שטיעל. אַלע מינים פרוכטען זיינען גוט פאַר אַ חלום אַחוץ אונרייפע טייטלען. אַלע מינים גרינסען זיינען גוט פאַר אַ חלום, אַחוץ די קעפּ פון ריבען.—רב האָט דאָך אָבער געזאָגט: איך בין ניט רייך געוואָרען ביז איך האָב ניט געזעהן קעפּ פון ריבען!—די וואָס ער האָט געזעהן זיינען געווען מיטן שטאָם.—אַלע מינים פאַרבען זיינען גוט פאַר אַ חלום אַחוץ הימעל בלוי. אַלע מינים עופות זיינען גוט פאַר אַ חלום אַחוץ אַן אוהו, אַ סאָווע און אַ פלעדערמויז.

(סימן 19): גוף, גוף, עפּעס פון, דערקוויקען און געבען הרחבה).

דריי קומען אַריין אין גוף און דער גוף האָט גאָרניט דערפון: קאַרשען און האָלצטייטלען און אונרייפע טייט־לען. דריי קומען ניט אַריין אין גוף און פונדעסטוועגען האָט דער גוף הנאה דערפון, און דאָס זיינען זיי: באָדען זיך און זאַלבען זיך און געשלעכטליכער פאַרקעהר. דריי האָבען אין זיך עפּעס פון עולם הבא, און דאָס זיינען זיי: שבת,

פירוש.

1) אין דער גמרא שטעהט תנא (תני תנא), אבער דאָ קאָן עס אונמעגליך האָבען די באַדייטונג תנא. מאַנכמאָל באַדייטעט עס בלויז אַן אמורא אָדער איינפאַך אַ תלמיד (זעה צב"ש שבת ס"ז א', בבא מציעא ל"ד א' אא"ע). 2) און פונדעסטוועגען איז ער געווען רייך. רש"י ערקלעהרט פאַרקעהרט: אבער דאָס איז ניט אַזוי (ד"ה אַז מען הרגעט זי פאַרלירט מען טאַקע די פרנסה), נאָר רב ששת האָט געוואלט אויס־לעגען זיין חלום צום גוטען. דער פאַקט אָבער וואָס רב ששת איז גע־ווען רייך אונטערשטיצט אונזער ערקלעהרונג, הגם דער אויסדרוק „ולא היא' באַצייכענט געוועהנליך אַן אנטקעגענגעזעצטע מיינונג ס). 3) און דערפאַר איז דאָס שווער אויסצולעגען. 4) תהלים ק"ד ט"ו. 5) משלי ל"א ו'. 6) דאָרט ט' ה'. 7) דיזער מאמר געפינט זיך אויך אויף ז. 194

8) אבות דר' נתן פ' ל"ט. 9) ווייל ער איז אַם מייסטען באַ־שטראָפט געוואָרען פון אַלע אידישע מלכים. 10) אין אבות דר' נתן פעהלט יחזקאל; אין דעם מינכענער כ"י פעהלט דאַגעגען מלכים (אונטער נביאים איז אַלזא צו פאַרשטעהן פערזאָנען און ניט ביכער). אין אונזערע גמרות איז יעדענפאַלס איינער איבעריג. 11) ווייל דאָס איז אַ סימבאָליש ליעד פון דער ליעבע צווישען קב"ה און די כנסת ישראל. 12) ווייל ער איז זעהר רייך געווען (זעה ז. 101). 13) איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. 14) זיי ווערען גערופען תלמידי חכמים און ניט חכמים, ווייל זיי זיינען ניט געווען קיין מוסמכים („מהרש"א"). 15) שמעון בן עזאי, אַ תנא און אַ תלמיד פון ר' עקיבא. 16) שמעון בן זומא, אַ תנא און אַ תלמיד פון ר' יהושע. 17) זעה „פירוש" ז. 32 נוט. 10.

18) זעה ז. 199 און „פירוש' נוט. 6.

19) זעה „פירוש" ז. 119 נוט. 18.—דיזער און די ווייטערדיגע מאמרים

ס) אין „בית נתן" ווערט ווירקליך געבראַכט אַ גירסאַ „ויקטלים ולאיעתר".

אַן אליוואַן בוים אין חלום וועט באַקומען אַ גוטען נאָמען, ווארום עס שטעהט 1): „אַ בעצווייגטער אָליוואַן בוים, שעהן אין פֿרוכט און אין געשטאַלט, האָט גאָט גערופֿען דיין נאָמען". דער וואָס זעהט אליוואַן אויל אין חלום דאַרף ערווארטען דאָס ליכט פֿון דער תורה, ווארום עס שטעהט 2): „און זיי זאָלען פֿאַר דיר נעהמען קלאָרען אליוואַן אויל". דער וואָס זעהט טייטלען אין חלום וועלען זיינע זינד זיך ענדיגען, ווארום עס שטעהט 3): „ג ע ע נ ד י ג ט 4) איז דיין זינד, ציון'ס טאָכטער". רב יוסף האָט געזאָגט: דער וואָס זעהט אַ ציג אין חלום וועט האָבען אַ געבענשט יאָהר, ציגען, וועט ער האָבען געבענשטע יאָהרען, ווארום עס שטעהט 5): „און גענוג ציגען מילך פֿאַר דיין ב ר ו י ט" 6). דער וואָס זעהט אַ הדס אין חלום וועט זיין פֿאַרמעגען מצליח זיין, און אויב ער האָט ניט קיין פֿאַרמעגען וועט איהם אַ ירושה פֿון ערגעץ צופֿאַלען. האָט עולא געזאָגט, און מאַנכע זאָגען אַז עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: און דאָס איז אַז ער זעהט דאָס אויפֿן שטאַם 7). דער וואָס זעהט אַן אתרוג אין חלום וועט זיין שעהן פֿאַרן אויבערשטען, ווארום עס שטעהט 8): „די פֿרוכט פֿון אַ שעהנעם בוים, פּאַלמען צווייגען". דער וואָס זעהט אַ לולב אין חלום וועט נאָר איין האַרץ האָבען פֿאַר זיין פֿאָטער אין הימעל 9). דער וואָס זעהט אַ גאַנז אין חלום דאַרף ערוואַרטען חכמה, ווארום עס שטעהט 10): „די חכמה זינגט אויפֿן גאַס", און דער וואָס האָט מיט איהר געשלעכטליכען פֿאַרקעהר וועט זיין אַ ראש ישיבה. האָט ר' אשי געזאָגט: איך האָב דאָס געזעהן און האָב מיט איהר געשלעכטליכען פֿאַרקעהר געהאַט און בין טאַקע עולה לגדולה געוועזן 11). דער וואָס זעהט אַ האָהן אין חלום דאַרף ערוואַרטען אַ אינגעל, העהנער, דאַרף ער ערוואַרטען אינגלעך, אַ הוהן, דאַרף ער ערוואַרטען אַ שעהנעם גאָרטען און פֿרייד 12). דער וואָס זעהט א י י ע ר אין חלום (מיינט עס) אַז זיין ב ק ש ה 13) העננט נאָך, אויב זיי זיינען צערבראָכען געוואָרען (מיינט עס) אַז זיין בקשה וועט ערפֿולט ווערען. און דאָסגלייכען ביי ניס און ביי אוגערקעס און ביי אַלע גלאָזוואַרג און ביי אַלץ וואָס איז צערברעכליך. דער וואָס געהט אריין אין אַ כרך וועט זיין פֿערלאַנג ערפֿולט ווערען, ווארום עס שטעהט 14): „און ער האָט זיי געפֿיהרט צו דעם ציעל פֿון זייער פֿערלאַנג". דער וואָס ראַזירט זיך אָפּ דעם קאָפּ אין חלום איז דאָס אַ גוטער סימן פֿאַר איהם 15), דעם קאָפּ און די באָרד, פֿאַר איהם און פֿאַר זיין גאַנצער משפחה. דער וואָס זיצט אין אַ קליין שיפֿעל וועט באַקומען אַ גוטען נאָמען, אין אַ גרויסער שיף (מיינט עס) פֿאַר איהם און פֿאַר זיין גאַנצער משפחה. דאָס איז אָבער נאָר ווען זי האַלט אַלץ אין ארויפֿגעהן. דער וואָס געהט אויף נקיות אין חלום איז דאָס אַ גוטער סימן פֿאַר איהם, ווארום עס שטעהט 16): „דער א ו נ ט ע ר ג ו א ר פֿ ע נ ע ר 17) בעאיילט זיך צו בעפֿרייען זיך". דאָס איז אָבער נאָר אַז ער ווישט זיך ניט אונטער. דער וואָס געהט ארויף אויף אַ דאַך אין חלום וועט עולה לגדולה זיין; איז ער אַראָפּגעגאַנגען וועט ער ארונטערקומען פֿון זיין גדולה. אביי און רבא זאָגען ביידע: וויבאַלד איינער איז אַרויף איז ער אַרויף. דער וואָס צערייסט זיינע קליידער אין חלום וועט מען איהם זיין גזר דין צערייסען. דער וואָס שטעהט נאַקעט אין חלום, אויב אין בבל (מיינט עס אַז) ער שטעהט אָהן זינד, אויב אין ארץ ישראל, (מיינט עס) נאַקעט אהן מצוות. דער וואָס ווערט אַרעסטירט פֿון דער פאליציי (מיינט עס) אַז מען וועט איהם באַהיטען; האָט מען אויף איהם אַרויפֿגעטהון דעם (אייזערנעם) קאָלנער (מיינט עס) אַז מען וועט איהם נאָך מעהר באַהיטען. דאָס איז אָבער נאָר ווען (מען האָט איהם ארויפֿגעטהון) דעם (אייזערנעם) קאָלנער אָבער ניט אַ געוועהנליכע שטריק. דער וואָס געהט אריין אין אַ זומפּ אין חלום וועט ווערען אַ ראש ישיבה, אין אַ וואַלד, וועט ער ווערען דער ראש כלה 18). רב פפא און רב הונא דער זוהן פֿון רב יהושע האָבען געזעהן אַ חלום: רב פפא וועלכער איז אריין אין אַ זומפּ איז געוואָרען ראש ישיבה, און רב הונא דער זוהן פֿון ר' יהושע וועלכער איז אריין אין אַ וואַלד איז געוואָרען ראש כלה. מאַנכע זאָגען אַז זיי זיינען ביידע אַריין אין אַ זומפּ, נאָר רב פּפּא ביי וועלכען עס איז געהאַנגען אַ גלעקעל איז געוואָרען ראש ישיבה, און רב הונא דער זוהן פֿון ר' יהושע ביי וועלכען עס איז ניט געהאַנגען קיין גלעקעל איז געוואָרען ראש כלה. רב אשי האָט געזאָגט: איך בין אַריין אין אַ זומפּ און עס איז ביי מיר געהאַנגען אַ גלעקעל און איך האָב דערמיט געמאַכט אַ גרויסען ליאַרעם 19).

פירוש.

1) ירמיה י"א ט"ז. 2) שמות כ"ז כ'. 3) איכה ד' כ"ב. 4) תָּמָר באַדייטעט טייטעל און תַּם געענדיגט. 5) משלי כ"ז כ"ז. 6) לֶחֶם—חלום. 7) בעפֿאַר עס ווערט אָפּגעריסען. 8) ויקרא כ"ג מ'. 9) לולב—לוֹ לֵב (ער האָט אַ האַרץ). 10) משלי א' כ'. 11 און 19) ער איז נאָכהער געוואָרען ראש ישיבה פֿון מתא מחסיא. 12) תַּרְבְּיצָא ס) נָאָה וגִילָה—תַּרְנְגוֹלֶת (הוהן). 13) בֵּעְיָא (אייער)—בָּעֲיָא (בקשה) אין אראמעאיש. 14) תהלים ק"ז ל'. עס האַנדעלט זיך דאָרט פֿון דעם וואָס רייזט ארום אויף ווייטע ימים און קומט צוריק אַרוים אויפֿן ישוב (זעה ז. 189). 15) ווי ביי יוסף (זעה ז. 198). 16) ישעיה נ"א י"ד. 17) צִיעָה—צוֹאָה. 18) ראש לִבְנֵי כַלָּה. כלה האָבען געהייסען די דרשות איבער הלכות פסח און סוכות וועלכע פֿלעגען געהאַלטען ווערען אין אדר און אלול און צו וועלכע גרויסע מאַסען פֿון אידען פֿלעגען זיך פֿאַרזאַמלען (זעה ז. 63. און „פירוש" דאָרט נומ. 23). יומי דכלה הייסט די צייט ווען דיזע דרשות ווערען געהאַלטען, בני כלה הייסען די צוהערער און ראש לבני כלה אָדער ריש כלה דער דרשן, וועלכער איז געוועזן ענטוועדער דער ראש ישיבה גופא אָדער אַן אַנדער גדול וועמענס ספּעציעלע אויפֿגאַבע און טיטעל דאָס איז געוועזן סס). 19) און בין געוואָרען ראש ישיבה פֿון סורא.

ס) תרביצא באַדייטעט אויך אַ ישיבה, וואַהרשיינליך פֿאַר די אונטערשטע כתות (זעה לוי'ס „נייהעבר. אונד כאַלד. ווערטערבוך איבער די תלמודים אונד מדרשים").

סס) רש"י ערקלעהרט דאָ אַז דאָס מיינט דער בעסטער תלמיד וועלכער ערקלעהרט די תלמידים נאָך דער דרשה דאָס וואָס זיי האָבען ניט פֿערשטאַנען פֿון דער דרשה, ד"ה אַ מין מאַניטאָר אָדער אמורא, אָבער דאָס איז ניט גאַנץ ריכטיג. אויסערדעם זיינען דאָ סתירות פֿון איין אָרט צום אַנדערן אין אַלע ערטער וואו רש"י ערקלעהרט דאָס (זעה חולין מ"ט א', בבא בתרא כ"ב א', מועד קטן ט"ז ב', סוכה כ"ו א', און אפֿילו אין ברכות ו' ערקלעהרט ער איז ע"א אַנדערש ווי אין ע"ב).

וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס זינדיגע בבל!)", האָט ער געזעהן נבוכדנאצר'ס הויז זאָגט ער: „ברוך שֶׁהֶחֱרִיב בֵּיתוֹ שֶׁל נְבוּכַדְנֶאצַּר הָרָשָׁע (געלויבט איז וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס הויז פֿון דעם רשע נבוכדנאצר!)", האָט ער געזעהן די לייבען גרוב 1) אָדער דעם קאַלך־אויווען 2) זאָגט ער: „געלויבט איז וואָס האָט געטהון נסים צו אונזערע על־טערן 3) אין ריזען אָרט!", האָט ער געזעהן די (דאָרטיגע) עבודה זרה זאָגט ער: „געלויבט איז וואָס האַלט איין זיין צארן געגען די וואָס זיינען עובר אויף זיין ווילען!", האָט ער געזעהן דעם אָרט פֿון וואַנען מען נעהמט ערד 4) זאָגט ער: „ברוך אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה גּוֹזֵר וּמְקַיֵּם (געלויבט איז וואָס זאגט און טהוט, וואס איז גוזר און מקים!)". אַז רבא האָט געזעהן 5) עזלען וויאָס שלעפּען ערד פֿלעגט ער זיי אַ קלאַפּ טהון מיט דער האַנד אויפֿן רוקען און זאָגען: לויפֿט, צדיקים, צו טהון דעם ווילען פֿון אייער האַר! אַז מר דער זוהן פֿון רבינא פֿלעגט קומען אין בבל פֿלעגט ער נעהמען ערד אין זיין מאַנטעל און אַ וואַרף טהון, כדי צו מקים זיין דאָס וואָס שטעהט 6): „און איך וועל איהר אויס־קעהרען מיט אַ בעזים פֿון פֿאַרטיליגונג". רב אשי האָט גע־זאָגט: איך האָב דאָס וואס רב המנונא (האָט געזאגט) ניט געהערט, אבער איך האָב אַלע דיזע ברכות פֿון זעלבסט געזאָגט. — (נ"ח א') ר' ירמיה בן אלעזר האָט געזאָגט: ווען בבל איז פֿאַרשאַלטען געוואָרען זיינען אויך איהרע שכנים פֿאַרשאַלטען געווארען, אבער ווען שומרון איז פֿאַר־שאַלטען געוואָרען זיינען איהרע שכנים געבענשט געווארען. „ווען בבל איז פֿאַרשאַלטען געוואָרען זיינען אויך איהרע שכנים פֿאַרשאַלטען געוואָרען", ווארום עס שטעהט געשרי־בען 7): „און איך וועל פֿון איהר מאַכען אַ באַזיץ פֿון יאָזשעס און וואַסער זומפּען" 8), „ווען שומרון איז פֿאַרשאַלטען גע־ווארען זיינען איהרע שכנים געבענשט געוואָרען", ווארום עס שטעהט געשריבען 9): „און איך וועל פֿון שומרון מאַכען אַן אָפּפֿאַל הויפֿען פֿון פעלר און וויינגארטען פֿלאַנצונגען אא"וו".

ווייטער האָט רב המנונא געזאגט: דער וואָס זעהט אידישע מאַכען זאגט: „געלויבט איז וואס וויים די סו־דות!", מאַכען פֿון געצענדינער, זאגט ער: „אייער מוטער מעג זיך שעהמען אא"וו" 10). די רבנן האָבען געלערנט 11): „דער וואס זעהט אַ אידישע מאַסע זאגט: „ברוך חֲכַם הָרָזִים (געלויבט איז וואָס וויים די סודות!)", ווייל זייערע מיינונגען זיינען נים גלייך איינע צו דער אַנדערער און זייערע פנימער זיינען נים גלייך איינער צום אַנדערן. בן זומא האָט גע־זעהן א מאַסע אויפֿן שפּיץ באַרג פֿון בית המקדש, האָט ער געזאָגט: געלויבט איז וואס וויים די סודות און געלויבט איז וואס האָט אַלע די באַשאַפֿען אום מיך צו באַדינען 12). — ער פֿלעגט זאָגען: וויפֿיעל האָט אדם הראשון זיך געמוזט אפּמוטשען ביז ער האָט געהאַט ברויט צו עסען! ער האָט געמוזט אַקערן און זייען און שניידען און גאַרבען און דרע־שען און אויסבלאָזען די מעקענע און זיפּען און טאָהלען און בייטלען און באַקען און נאָכהער ערשט האָט ער געגעסען, און איך שטעה אויף און דערפֿריה און געפֿין דאָס אַלץ שוין צוגעגרייט פֿאַר מיר. און וויפֿיעל האָט אדם הראשון זיך געמוזט אָפּמוטשען ביז ער האָט געהאַט אַ בגד אנצוטהון! ער האָט געמוזט שערען און בלייכען און קעמען און שפּי־נען און וועבען און נאַכהער ערשט האָט ער געהאַט אַ בגד אנצוטהון, און איך שטעה אויף אין דער פֿריה און געפֿין דאָס אַלץ שוין צוגעגרייט פֿאַר מיר. אלע מאַנופֿאַקטורען קומען רעגעלמעסיג צו צו דער טיהר פֿון מיין הויז, און ווען איך שטעה אויף אין דערפֿריה געפֿין איך דאָס אַלץ פֿאַר מיר. — ער פֿלעגט זאגען: וואָס זאָגט אַ גוטער גאַסט? וואס פֿאַר אַ טרחות דער בעל הבית האָט צוליב מיר גע־האַט! וויפֿיעל פֿלייש האָט ער מיר געבראַכט! וויפֿיעל ווייַן האָט ער מיר געבראַכט! וויפֿיעל קיכלעך האָט ער מיר גע־בראַכט! און די גאַנצע טרחה איז נאָר געווען צוליב מיר! אבער וואָס זאָגט אַ שלעכטער גאַסט? וואָט פֿאַר אַ טרחה האָט דאָ דער בעל הבית געהאַט? איך האָב געגעסען איין ברויט, איך האָב געגעסען איין שטיקעל, איך האָב געטרונ־קען איין כוס; די גאַנצע טרחה וואָס דער דאָזיגער בעל הבית האָט געהאַט איז נאָר געווען צוליב זיין פֿרוי און קינ־דער. וואס ווערט געזאגט-וועגען אַ גוטען גאַסט? „געדענק אַז דו זאָלסט גרויס מאַכען זיין טהאַט אַזוי ווייט ווי מענשען זעהן" 13). וואָס שטעהט געשריבען וועגען אַ שלעכטען גאסט? „דערפֿאַר ווערען מענשען פֿאַר איהם מורא האָבען אא"וו" 14).

„און דער מאַן איז אין שאול'ס צייט געווען אַ זקן און האָט געהערט צו די (חשובע) מענשען" 15), האָט רבי געזאָגט, און עס זיינען דאָ וואָס זאָגען אַז רב זביד, און עס זיינען דאָ וואָס זאָגען אַז רב אושעיא (האָט עס געזאָגט): דאָס איז ישי דוד'ס פֿאָטער, וואָס איז אַרויס מיט אַ מאסע און איז אַריין מיט אַ מאַסע און האָט גערדרשהט פֿאַר אַ מאסע. עולא האָט געזאָגט: מיר האַלטען 16) אַז אין בבל איז ניטא קיין מאסען. עס ווערט געלערנט: אַ מאסע 17) איז ניט וועניגער ווי זעקס הונדערט טויזענד.

די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס זעהט אידישע הכמים זאָגט: „ברוך שֶׁחָלַק מֵחָכְמָתוֹ לִירֵאָיו (געלויבט איז

פירוש.

1) אין וועלכער נבוכדנאצר האָט געלאזט אַריינוואַרפֿען דניאל'ן (דניאל ו' י"ז כ"ה). 2) אין וועלכען חנניה, מישאל און עזריה זיינען אַריינגעוואר־פֿען געווארען (דארט ג' כ"א — כ"ח). 3) לויט „אלפס", „ראַ"ש" און „רמב"ם" (און אַזוי אויך אין מינכענער כ"י) „לצדיקים" אַנשטאט „לאבו־תינו", דיזע גירסא איז פֿילייכט דאַדורך באַרעכטיגט וואָס זיי אַלע האבען קיין קינדער ניט געלאזען (זעה סנהדרין צ"ג ב'). 4) די בערג פֿון חורבות פֿון וואַנען מען נעהמט ערד און בוי מאַטעריאַל. 5) אין בבל. 6 און 7) וועגען בבל. ישעיה י"ד כ"ג. 8) אַזוי אַז די שכנים וועלען פֿון דעם פֿראַין ניט קאָנען מאַכען קיין נוצען. 9) מיכה א' ו'.

10) ירמיה נ' י"ב. 11) תוספתא פ"ו. 12) דורך זייער אַרבייט, פֿון וועלכער איך געניס. 13) איוב ל"ו כ"ד. 14) דאָרט ל"ז כ"ד.

15) שמואל א' י"ז י"ב. 16) זעה „פירוש" ז, 161 נומ. 25. 17) אוכלוסא — מענשענמאַסע, אַרמיי.

די זון און תַּשְׁמִישׁ.—וואָס מיינט „תשמיש"? זאָלען מיר זאָגען אַז דאָס מיינט געשלעכטליכער פֿאַרקעהר (תשמיש הַמִּטָּה)? מאַכט עס דאָך מאגער! נאָר דאָס מיינט אַרויסגאַנג (תשמיש נְקָבִים). דריי ד ע ר ק וו י ק ע ן אַ מענשען'ס געמיט, און דאָס זיינען זיי: שטימע, זעהונג און גערוך. דריי ג ע ב ע ן אַ מענשען ה ר ח ב ה, און דאָס זיינען זיי: אַ שעהנע וואהנונג און אַ שעהנע פֿרוי און שעהנע כלים.

(סימן: פֿ י נ ף און ז ע ק ס און צ ע ה ן).

פֿ י נ ף זיינען אַ זעכציגסטעל, און דאָס זיינען זיי: פֿייער און האניג און שבת און שלאָף און אַ חלום. פֿ י י ע ר איז אַ זעכציגסטעל פֿון גיהנם, ה א נ י ג איז אַ זעכציגסטעל פֿון מן, ש ב ת איז אַ זעכציגסטעל פֿון עולם הבא, ש ל א ף איז אַ זעכ־ציגסטעל פֿון טויט, אַ ח ל ו ם איז אַ זעכציגסטעל פֿון נבואה.— ז ע ק ס זאַכען זיינען אַ גוטער סימן פֿאַר אַ חולה, און דאָס זיינען זיי: ניסען, שוויס, שלשול, פאלוציאָן, שלאָף און אַ חלום. נ י ס ע ן, ווייל עס שטעהט געשריבען 1): „דורך זיין ניסען שיינט ליכט", ש וו י י ס, ווייל עס שטעהט געשריבען 2): „אין דעם שוויס פֿון דיין פנים וועסטו עסען ברויט", ש ל ש ו ל, ווייל עס שטעהט געשריבען 3): „דער אונ־ט ע ר וו א ר פֿ ע נ ע ר בעאיילט זיך צו בעפֿרייען זיך, ער וועט ניט שטאַרבען אין גרוב אַריין", פ א ל ו צ י א ן, ווייל עס שטעהט געשריבען 4): „ער וועט זעהן ז א מ ע ן 5), ער וועט מאריך ימים זיין", ש ל א ף, ווייל עס שטעהט געשריבען 6): „איך וואָלט געשלאָפֿען און עס וואָלט מיר וואוילער געוועזן", אַ ח ל ו ם, ווייל עס שטעהט געשריבען 7): „און דו וועסט מיך שטאַרק מאַכען און לאָזען לעבען".— זעקס 8) זאַכען היילען אַ חולה פֿון זיין קראַנקהייט און די רפואה איז אַ ריכטיגע רפואה, און דאָס זיינען זיי: קרויט און מייערן און וואַסער פֿון טרוקענע פאָליי און מאגען און אייטער און לעבער נעץ, און מאַנכע זאָגען: אויך קליינע פֿישלעך. און ניט נאָר דאָס אַליין 9), נאָר קליינע פֿישלעך מאַכען פֿרוכט־באַר און שטאַרקען דעם גאַנצען מענשליכען קערפּער.— צ ע ה ן זאַכען ברענגען אַ חולה צוריק צו זיין קרענק און זיין קרענק ווערט נאָך ערגער, און דאָס זיינען זיי: ווען מען עסט אָקסען פֿלייש, פֿעטע פֿלייש, געבראָטענע פֿלייש, עוף, געבראָ־טענע אייער, ראַזירען זיך, קרעס, מילך, קעז און אַ מרחץ; און מאַנכע זאָגען: אויך ניס; און מאַנכע זאָגען: אויך אוי־גערקעס. אין ר' ישמעאל'ס ישיבה איז געלערנט געוואָרען: פֿאַרוואָס רופֿט מען דאָס 10) קִשּׁוּאִים? ווייל דאָס איז שווער (קָשֶׁה) פֿאַרן גוף ווי שווערדען.— עס קאָן דאָך ניט זיין! ווארום עס שטעהט דאָך געשריבען 11): „און גאָט האָט גע־זאָגט צו איהר: צוויי פֿעלקער זיינען אין דיין בויך", לייען ניט פֿ ע ל ק ע ר נאָר ג ר ו י ס ע 12), און רב יהודה האָט גע־זאָגט אַז רב האָט געזאָגט: דאָס זיינען אנטונינוס 13) און רבי, וואָס פֿון זייער טיש איז ניט אראָפּ ניט חריין און ניט סאלאט און ניט אוגערקעס, ניט אין זומער און ניט אין ווינ־טער 14)!— דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס 15) באַציהט זיך אויף גרויסע און יענעס אויף קליינע.

די רבנן האָבען געלערנט: (זעהט מען אין חלום) אַ מת אין הויז וועט זיין שלום אין הויז, האָט ער געטרונקען און געגעסען אין הויז איז דאָס א גוטער סימן פֿאַרן הויז; האָט ער גענומען אַ כלי פֿון הויז איז דאָס אַ שלעכטער סימן פֿאַרן הויז. האָט רב פפא ערקלעהרט אַז דאָס באַציהט זיך אויף שיך און סאנדאלען. אלץ וואָס דער טויטער נעהמט צו איז גוט אחוץ שיך און סאנדאלען, און אַלץ וואָס דער טויטער גיט איז גוט אחוץ ערד און זענפֿט.

„אַן אָרט וואָס אַן עבודה זרה איז פֿון דאָרט אויס־געראטעט געוואָרען".

די רבנן האָבען געלערנט 16): „דער וואָס זעהט אַן עבודה זרה 17) זאגט: „בָּרוּךְ שֶׁנָּתַן אֶרֶךְ אַפַּיִם לְעוֹבְרֵי רְצוֹנוֹ (געלויבט איז וואָס האָלט איין זיין צאָרן געגען די וואָס זיינען עובר אויף זיין ווילען!)", אַן אָרט וואָס אַן עבודה זרה איז פֿון דאָרט אויסגעראָטעט געוואָרען זאגט ער: „בָּרוּךְ שֶׁעָקַר עֲבוֹדַת אֱלִילִים מֵאַרְצֵנוּ וּכְשֵׁם שֶׁנֶּעֶקְרָה מִמָּקוֹם זֶה כֵּן תֵּעָקֵר מִכָּל מְקוֹמוֹת יִשְׂרָאֵל וְהָשֵׁב לֵב עוֹבְדֵיהֶם לְעָבְדְּךָ (געלויבט איז וואָס האָט אויסגעראָטעט אַן עבודה זרה פֿון אונזער לאַנד, און אַזוי ווי זי איז אויסגעראָטעט געוואָרען פֿון דיזען אָרט אזוי זאָל זי אויסגעראָטעט ווערען פֿון אַלע אידישע ערטער, און קעהר אום דאָס הארץ פֿון די וואָס דיענען צו זיי צו דיענען צו דיר)", אָבער אין חוץ לארץ איז ניט נויטיג צו זאָגען, „און קעהר אום דאָס הארץ פֿון די וואָס דיענען צו זיי צו דיענען צו דיר", ווייל דאָס רוב זיינען דאָך גוים. ר' שמעון בן אלעזר אָבער זאָגט: אפילו אין חוץ לארץ דאַרף מען דאָס אויך זאָגען, ווייל זיי וועלען זיך אַמאָל מגיר זיין, ווארום עס שטעהט 18): „דאַן וועל איך פֿאַרוואַנדלען צו פֿעלקער אַ דייטליכע שפּראַך".

רב המנונא האָט געדרשעט: דער וואָס זעהט דאָס זינ־דיגע בבל דאַרף מאַכען פֿינף ברכות: האָט ער געזעהן בבל זאגט ער: „בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱרִיב בָּבֶל הָרְשָׁעָה (געלויבט איז

פ י ר ו ש.

האַנדלען צוואר ניט וועגען חלומות, אָבער זיי קומען דאָ, ווייל עס רעדט זיך אין זיי וועגען אַ געוויכטע צאָהל פֿון זאַכען, ווי פֿריהער.

1) איוב מ"א י'. 2) בראשית ג' י"ט. 3) זעה „פירוש" ז. 200 נומ. 16 א. 17. 4) ישעיה נ"ג י'. 5) דער פשט איז ק י נ ד ע ר. 6) איוב ג' י"ג. 7) זעה ז. 191 און „פירוש" נומ. 12. 8) זעה ז. 159. 9) זעה ז. 145. 10) או־גערקעס. 11) בראשית כ"ה כ"ג. 12) דער דרש איז געבויט דערויף וואָס געשריבען (כְּתִיב) איז דאָרט ג י י ם און לייענען דאַרף מען (קְרִי) ג ו י ם. 13) דער רוימישער קיסר אנטונינוס פיוס, וועלכער זאָל מיט רבי באַפֿריינדעט געוועזען זיין. 14) ווייל זייער טיש איז געוועזען אזוי רייך אַז מען האָט דאָס געמוזט עסען צו פֿאַרדייען דאָס עסען. 15) וואָס שטעהט אַז עס איז שעדליך.

16) תוספתא פ"ו. 17) אויב ניט אָפֿטער ווי איינמאָל אין דריי־סיג טעג. — אין דער גמרא שטעהט מ ר ק ו ל י ס ד"ה מערקור, דער גריכישער גאָט פֿון האַנדעל, אָבער זעהר אָפֿט ווערט עס געברויכט אַנשטאָט די אַלגעמיינע באַצייכענונג ע ב ו ד ה ז ר ה (אין תוספתא שטעהט ווירקליך „עבודה זרה"). 18) צפניה ג' ט'.

איז די מפלה פֿון רוים 1), און אַזוי שטעהט 2): „און ער האָט געשפריצט זייער זאַפֿט (נִצְחָם) 3) אויף מיינע קליידער אא"וו", „און די מאַיעסטעט" דאָס איז די מלחמה ביי די ארנון טייכלעך, ווארום עס שטעהט 4): „דערפֿאַר ווערט געזאָגט אין דעם ספר פֿון גאָטס מלחמות: את והב בסופה אא"וו", „ווארום אַלץ אין הימעל און אויף דער ערד" דאָס איז די מלחמה מיט סיסרא 5), ווארום עס שטעהט 6): „פֿון הימעל אראפּ האָבען זיי מלחמה געהאַלטען, די שטערען פֿון זייערע וועגען אא"וו", „צו דיר, גאָט, געהערט די הערשאַפֿט" דאָס איז די מלחמה מיט עמלק, און אַזוי שטעהט 7): „ווא־רום די האַנד אויף גאָטס טהראָן!" „און דער ערהאבענער (וְהַמִּתְנַשֵּׂא") דאָס איז די מלחמה פֿון גוג ומגוג, און אַזוי שטעהט 8): „זעה, איך (וועל זיך געהמען) צו דיר גוג, דער פֿירשט (נ שׂ י א) פֿון ראש, משך און תובל", „דער ראש פֿון אַלע", האָט רב חנן דער זוהן פֿון רבא געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: אפילו אַ ראש פֿון (די וואָס רייניגען) רינשטאָקען ווערט פֿון הימעל באַשטימט. אין אַ בריתא ווערט געלערנט אין נאָמען פֿון ר' עקיבא: „צו דיר, גאָט, געהערט די גרויסקייט" דאָס איז קריעת ים סוף, „און די גבורה" דאָס איז די מכת בכורות, „און די שעהנקייט" דאָס איז מתן תורה, „און דער זיעג" דאָס איז ירושלים, „און די מאַיעסטעט" דאָס איז דער בית המקדש.

(ב') די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס זעהט אידישע הייזער 9) ווען זיי זיינען באַוואוהנט זאָגט: ברוך „מַצִּיב גְּבוּל אַלמנה (געלויבט איז וואָס שטעלט אויף דאָס געביט פֿון דער אַלמנה!)", ווען זיי זיינען חרוב, זאָגט ער: „ברוך דין האמת". הייזער פֿון געצענדיענער ווען זיי זיינען באַוואָהנט, זאָגט ער: „דאָס הויז פֿון די שטאָלצע וועט גאָט נידער־רייסען" 10), ווען זיי זיינען חרוב, זאָגט ער: „אַ גאָט פֿון נקמות איז גאָט, דער גאָט פֿון נקמות איז ערשיענען" 11).

עולא און רב חסדא זיינען געגאַנגען אין וועג. אַז זיי זיי־נען אנגעקומען פֿאַר דער טיהר פֿון רב חנא בר חנילאי'ס הויז האָט רב חסדא ארויסגעלאָזען אַ זיפֿץ. האָט איהם עולא געפֿרעגט: פֿאַרוואָס זיפֿצסטו? רב האָט דאָך געזאָגט 12): „אַ זיפֿץ צערברעכט אַ מענשענס האַלבען גוף, ווארום עס שטעהט 13): „און דו, מענשענקינד, זיפֿץ מיט צערבראָכענע לענדען אא"וו" 14), און ר' יוחנן האָט געזאָגט: זאגאַר דעם גאַנצען גוף, ווארום עס שטעהט 15): „און עס וועט זיין אַז מען וועט דיך פֿרעגען: צוליב וואָס זיפֿצסטו? זאָלסטו זאגען: וועגען אַ קלאַנג וואָס איז געקומען און דאָס גאַנצע האַרץ איז צושמאָלצען געוואָרען אא"וו"! האָט ער איהם געענט־פֿערט: ווי זאָל איך ניט זיפֿצען? אַ הויז וואו עס זיינען געווען זעכציג בעקערינס ביי טאָג און זעכציג בעקערינס ביינאַכט וואָס האָבען געקאָכט פֿאַר ווער עס האָט נאָר געדאַרפֿט און וואו מען האָט ניט אַרויסגענומען די האַנד פֿון בייטעל, ווייל מען האָט געטראַכט טאָמער קומט אַן אָרימאַן אַ בן טובים און עס וועט איהם אויסקומען צו שעמען זיך ביז מען קומט צום בייטעל, און וואָס האָט, אויסערדעם, געהאַט פֿיער

אָפֿענע טהירען אין אַלע פֿיער זייטען און ווער עס איז אריינגעקומען אַ הונגעריגער פֿלעגט אַרויסקומען אַ זאַטער, און וואו מען פֿלעגט אין די הונגער יאָהרען אַרויסוואַרפֿען דרויסען ווייץ און גערשטען כדי די וואָס שעמען זיך צו נעהמען ביי טאָג זאָלען קומען און נעהמען ביינאַכט — און איצט איז דאָס איינגעפֿאַלען און עס איז אַ תל געוואָרען, און איך זאָל ניט זיפֿצען?! האָט ער איהם געזאָגט: אַזוי האָט ר' יוחנן געזאָגט: זייט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען איז נגזר געוואָרען אויף די הייזער פֿון צדיקים אַז זיי זאָלען חרוב ווערען, ווארום עס שטעהט 16): „אין מייגע אויערען האָט גאָט געזאָגט: אויב ניט פֿיעל הייזער וועלען וויסט זיין, גרויסע און גוטע, אָהן אַ באַוואָהנער"; ר' יוחנן האָט אָבער אויך געזאָגט אַז דער קב"ה וועט זיי ווידער באַ־וואָהנט מאַכען, ווארום עס שטעהט 17): „אַ שטופֿענליעד פֿון דוד: די וואָס פֿאַרטרויען אין גאָט ווי דער באַרג ציון", (מיינט עס אַז) אַזוי ווי דעם באַרג ציון וועט דער קב"ה ווידער באַוואָהנט מאַכען אַזוי וועט ער די הייזער פֿון צדיקים ווי־דער באַוואָהנט מאַכען. אַז ער האָט אבער געזעהן אַז דאָס באַרוהיגט ניט זיין געמיט האָט ער צו איהם געזאָגט: אַ קנעכט דאַרף צופֿרידען זיין צו זיין ווי זיין האַר 18).

די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס זעהט אידישע קב־רים זאָגט: „געלויבט איז 19) וואָס האָט אייך באַשאַפֿען מיט גערעכטיגקייט און האָט אייך געשפּייזט מיט גערעכטיגקייט און האָט אייך אויסגעהאַלטען מיט גערעכטיגקייט און האָט אייך געטויט מיט גערעכטיגקייט און וועט אייך מאַכען אויפֿשטעהן מיט גערעכטיגקייט!". מר דער זוהן פֿון רבינא פֿלעגט דאָס ענדיגען אין נאָמען פֿון רב נחמן: „און וויים די צאָהל פֿון אייך אַלע און וועט אייך לעבעדיג מאַכען און וועט אייך מאַכען אויפֿשטעהן; געלויבט איז וואָס מאַכט די טויטע לעבעדיג!". (דער וואָס זעהט) קברים פֿון געצענ־דיענער זאָגט 20): „אייער מוטער מעג זיך שעמען אא"וו".

פירוש.

1) אין דער גמרא שטעהט ב ב ל, אבער דאָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרען אַנשטאַט ר ו מ י, וועלכעס די צענזור האָט אויסגעמעקט, גלויבענדיג אַז דאָס באַציהט זיך אויפֿן קריסטענטום, ווי עס איז אָפֿט אין תלמודישע ספרים דער פֿאַל, און וואָס איז אָבער דא ניט אַזוי. דער ציטירטער פסוק באַציהט זיך אויף א ד ו ם, וועלכעס ווערט אבער אויך געברויכט (אין דער תלמודישער פעריאָדע) פֿאַר דאָס פֿאָר-קריסטליכע רוים און (אין דער שפּעטערדיגער פעריאדע) פֿאַר דאָס קריסטענטום בכלל און רוים בפרט. אין די ערשטע תלמוד אויסגאַבען שטעהט דאָ ר ו מ י. 2) ישעיה ס"ג ג'. 3) ד"ה בלוט. 4) זעה ז. 188 און „פירוש" נומ. 12 און 13. 5) פֿון דבורה און ברק. 6) שופטים ה' כ'. 7) שמות י"ז ט"ז. 8) יחזקאל ל"ח ג' און ל"ט א'.

9) אין ארץ ישראל („מהרש"א"). אין „אלפס" שטעהט „בתי כנסיות". 10) משלי ט"ו כ"ה. 11) תהלים צ"ד א'.

12) כתובות ס"ב א'. 13) יחזקאל כ"א י'. 14) די לענדען זיינען די העלפֿט פֿון גוף. 15) דאָרט פסוק י"ב. 16) ישעיה ה' ט'. 17) תהלים קכ"ה א'. 18) ד"ה וואָס איז דאָ צו קלאָגען וועגען אַ צדיק'ס הויז, אַז גאָטס הויז איז אויך חרוב?

19) „בא"י אמ"ה אֲשֶׁר יָצַר אֶתְכֶם בַּדִּין וְזָן אתכם בדין אא"וו, בא"י מחיה המתים". 20) ירמיה נ' י"ב.

וואָס האָט צוגעטיילט פון זיין חכמה צו די וועלכע האָבען פאַר איהם מורא!)", חכמים פון די אומות העולם, זאָגט ער: „ברוך שנתן מחכמתו לבריותיו (געלויבט איז וואָס האָט געגעבען פון זיין חכמה צו זיינע באַשעפעני-שען)". דער וואָס זעהט אידישע מלכים זאָגט: „ברוך שחלק מכבודו ליריאיו!", מלכים פון די אומות העולם, זאָגט ער: „ברוך שנתן מכבודו לבריותיו!". ר' יוחנן האָט געזאָגט 1): „אַ מענש זאָל זיך תמיד באַפלייסיגען צו לויפען אַנטקעגען די אידישע מלכים, און ניט נאָר אַנטקעגען די אידישע מלכים אליין, נאָר אפילו אַנטקעגען די מלכים פון די אומות העולם, כדי, אַז ער וועט זוכה זיין, זאָל ער קאָנען אונטערשיידען צווישען די אידישע מלכים און די מלכים פון די אומות העולם".

רב ששת איז געווען בלינד. אַז אַלע זיינען געגאַנגען מקבל פנים זיין דעם קעניג, איז רב ששת אויפגעשטאַנען און איז מיט זיי מיטגעגאַנגען. האָט איהם אַ מין געטראָפען און האָט צו איהם געזאָגט: קריג (פיהרט מען) צום טייך, אָבער וואוהין די שאַרבענס 2)? האָט ער איהם געענטפערט: קום, וועסטו זעהן אַז איך וויים בעסער פאַר דיר! אַז דער ערשטער סקוואַדראָן איז פאַריבערגעגאַנגען און עס איז געוואָרען אַ גערויש, האָט דער מין צו איהם געזאָגט: דער קעניג קומט! האָט רב ששת זיך אָפּגערופען: ער קומט נאָך ניט. אַז דער צווייטער סקוואַדראָן איז פאַריבערגעגאַנגען און עס איז געוואָרען אַ גערויש, האָט דער מין צו איהם געזאָגט: איצט קומט דער קעניג! האָט רב ששת צו איהם געזאָגט: דער קעניג קומט נאָך ניט. אַז דער דריטער סקוואַדראָן איז פאַריבערגעגאַנגען און עס איז געוואָרען שטיל, האָט רב רב ששת צו איהם געזאָגט: איצט קומט דער קעניג! האָט איהם דער מין געפרעגט: פון וואַנען ווייסטו דאָס? האָט ער איהם געענטפערט: ווייל די מלוכה אויף דער ערד איז אַזוי ווי די מלוכה אין הימעל, ווארום עס שטעהט געשריבען 3): „געה אַרויס און שטעל זיך אויפן באַרג פאַר גאָט, און זעה, ווען גאָט וועט פאַריבערגעהען וועט זיין אַ גרויסער שטאַרקער ווינד וואָס צרייסט בערג און צרשמעטערט פעלזען, ניט אין דעם ווינד איז גאָט, און נאָך דעם ווינד וועט זיין אַ גערויש, ניט אין דעם גערויש איז גאָט, און נאָך דעם גערויש וועט זיין אַ פייער, ניט אין דעם פייער איז גאָט, און נאָך דעם פייער וועט זיין אַ דינער שטילער קול". אַז דער קעניג איז אנגעקומען, האָט רב ששת אָנגעפאַנגען און האָט געמאַכט די ברכה. רופט זיך דער מין צו איהם אָן: דו מאַכסט דאָך אַ ברכה איבער איינעם וועלכען דו זעהסט ניט! און וואָס איז געוואָרען פון דעם מין? עס זיינען דאָ וואָס זאָגען אַז זיינע חברים האָבען איהם די אויגען אויסגעשטאָכען, און עס זיינען דאָ וואָס זאָגען אַז רב ששת האָט זיינע אויגען אויף איהם אַנגעשטעלט און עס איז פון איהם געוואָרען אַ בערגעל ביינער.

ר' שילא האָט געלאָזט שמייסען איינעם וואָס האָט געהאַט געשלעכטליכען פאַרקעהר מיט אַ גויה. איז יענער געגאַנגען און האָט איהם פאַרמסרט ביים קעניג און האָט געזאָגט: עס איז דאָ אַ מאַן ביי די אידען וועלכער משפט אָהן דעם קעניג'ס ערלויבעניש. האָט ער געשיקט אַ שליח נאָך איהם. אַז ער איז צו איהם געקומען, האָט ער איהם געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו יענעם געלאָזט שמייסען? האָט ער געענטפערט: ווייל ער האָט געהאַט געשלעכטליכען פאַרקעהר מיט אַן עזעל. האָט ער איהם געפרעגט: האָסטו עדות? האָט ער געענטפערט: יאָ! איז אליהו געקומען און האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מענש און האָט עדות געזאָגט. רופט ער זיך אָפּ צו איהם: אויב אַזוי פאַרדיענט ער אַ טויט שטראָף. האָט ער געענטפערט: מיר האָבען זייט מיר זיינען פון אונזער לאַנד פאַרטריבען געוואָרען קיין רשות ניט צו טויטען, אָבער איהר מעגט מיט איהם טהון וואָס איהר ווילט. בשעת מען האָט זיך דאָרט מישב געווען ווענגען דיזען משפט האָט ר' שילא אָנגעפאַנגען און האָט געזאָגט 4): „צו דיר, גאָט, געהערט די גרויסקייט און די גבורה אא"וו". האָט מען איהם געפרעגט: וואָס זאָגסטו? האָט ער געענטפערט: איך זאָג אָט דאָס: געלויבט איז דער באַרעמהערציגער וואָס האָט אויף דער ערד איינגעזעצט אַ רעגירונג וואָס איז עהנליך צו דער רעגירונג אין הימעל און האָט אייך געגעבען געוואַלט און ליבע צו גערעכטיגקייט. האָט ער געזאָגט: אָט דאָס הייסט טייער האַלטען דעם כבוד פון דער רעגירונג! און האָט איהם געגעבען די בולעווע און געזאָגט: משפט! אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען, רופט זיך יענער מאַן צו איהם אָפּ: האָט דער אויבערשטער געטהון אַ נס, כדי דו זאָלסט אַזוי לייגען? האָט ער איהם געענטפערט: רשע! ווערען זיי דען ניט אנגערופען עזלען? עס שטעהט דאָך געשריבען 5): „וואָס זייער פלייש איז די פלייש פון עזלען". האָט ער באַמערקט אַז ער וויל געהן זיי דערצעהלען אַז ער האָט זיי גערופען עזלען, און האָט געזאָגט: דאָס איז אַ פאַראָלגער, און די תורה האָט געזאָגט אַז ווען איינער קומט דיך הרגנען מאַגסטו פאַרחאַפען און איהם דערהרגנען. האָט ער איהם געגעבען אַ קלאַפּ מיט דער בולעווע און האָט איהם דערהרגעט און האָט געזאָגט: אַזוי ווי דורך דיזען פסוק איז מיר געשעהן אַ נס וועל איך איהם דרשהנען. „צו דיר גאָט געהערט די גרויסקייט" דאָס איז די מעשה בראשית, און אַזוי שטעהט 6): „ער טהוט גרויסע זאַכען וואָס איז ניט צו ערפאַרשען", „און די גבורה" דאָס איז יציאת מצרים, ווארום עס שטעהט 7): „און די אידען האָבען געזעהן די מעכטיגע האַנד אא"וו", „און די שעהנקייט" דאָס איז די זון און די לבנה וועלכע זיינען פאַר יהושע שטעהן געבליבען, ווארום עס שטעהט 8): „און די זון איז שטיל געשטאַנען און די לבנה האָט זיך אָפּגעשטעלט אא"וו", „און דער זיעג" דאָס

פירוש.

1) זעה אויך ז. 33 און 71.
2) ד"ה וואָס האָסטו דאָ צו טהון? דו קאָנסט דאָך דעם קעניג ניט זעהן! 3) מלכים א' י"ט י"א און י"ב.
4) דברי הימים א' כ"ט י"א, 5) יחזקאל כ"ג כ', 6) איוב ט' י',
7) שמות י"ד ל"א, 8) יהושע י' י"ג.

זאָגען אַז דאָס איז דער קאָפּ פֿון שור 1), אָבער עס איז מעהר סברא ווי דער וואָס זאָגט „דער עק פֿון טלה", ווארום עס שטעהט געשריבען 2): „און קאָנסטו עַיִשׁ 3) איהרע קינ-דער צוריקפֿיהרען?", אַלזא פֿעהלט איהר דאָך עפּעס, און עס 4) זעהט אויס (נ"ט א') ווי עפּעס וואָס איז צוגעטשע-פּעט געוואָרען; און דאָס וואָס זי געהט איהר נאָך 5) איז ווייל זי פֿאָדערט פֿון איהר: גיב מיר מיינע קינדער! ווארום בשעת דער קב"ה האָט געוואָלט ברענגען דעם מבול אויף דער וועלט האָט ער גענומען צוויי שטערען פֿון כימה און האָט געבראַכט דעם מבול אויף דער וועלט 6), און אַז ער האָט דאָס גע-וואָלט פֿאַרשטאָפּען האָט ער גענומען צוויי שטערען פֿון עיש און האָט פֿאַרשטאָפּט.—אָבער ער האָט דאָך איהר געקאָנט צוריקגעגעבען 7)?—„אַ גרוב קאָן מען ניט פֿול מאַכען מיט דאָס וואָס איז פֿון איהר אַרויסגענומען געוואָרען" 8), אָדער אויך: „דער קלעגער קאָן ניט ווערען קיין פֿאַרטיידי-גער" 9).—אָבער ער האָט דאָך איהר געקאָנט בעשאַפֿען אַנ-דערע צוויי שטערען?—„עס איז קיין נייעס ניטאָ אונטער דער זון" 10).—רב נחמן האָט געזאָגט: דער קב"ה וועט זיי איהר צוריק געבען, ווארום עס שטעהט 11): „און עיש וועסטו איהרע קינדער צוריקפֿיהרען".

„און איבער עררציטערניש".

וואָס איז אַן עררציטערניש? האָט רב קטינא געזאָגט: אַ קרעכץ.—רב קטינא איז געגאַנגען אין וועג. אַז ער איז אָנגעקומען פֿאַר דער טיהר פֿון אַ גייסטער-באַשוועהרער האָט עס געגעבען אַ קרעכץ. רופֿט ער זיך אָפּ: ווייס אפשר דער גייסטער-באַשוועהרער, וואָס דיזער קרעכץ איז? האָט ער איהם צוגערופֿען: קטינא, קטינא! פֿאַרוואָס זאָל איך דאָס ניט וויסען?! ווען דער קב"ה דערמאָהנט זיך אַז זיינע קינ-דער געפֿינען זיך אויף צרות צווישען די אומות העולם לאָזט ער פֿאַלען צוויי טרערען אין אקעאַן, און דער קול דערפֿון הערט זיך פֿון איין עק וועלט צום אַנדערן, און דאָס איז דער קרעכץ. האָט רב קטינא געזאָגט: דער גייסטער-באַשווע-רער איז אַ ליגנער און זיינע רייד זיינען ליגען, ווארום אַז דאָס וואָלט אַזוי געווען, וואָלט דאָך געווען צוויי קרעכצען. אָבער דאָס איז גאַרניט, ווייל עס זיינען טאַקע געווען צוויי קרעכצען, און דאָס וואָס ער האָט איהם ניט מודה געווען איז כדי דער עולם זאָל זיך ניט לאָזען פֿאַרפֿיהרען פֿון איהם. רב קטינא האָט אויך זיין אייגענס געזאָגט: ער 12) פּאַטשט מיט די הענט 13), ווארום עס שטעהט 14): „איך וועל אויך פּאַטשען מיט מיינע הענט און וועל שטילען מיין כעס". ר' נתן האָט געזאָגט: ער גיט אַ זיפֿץ, ווארום עס שטעהט 15): „און וועל שטילען 16) מיין כעס אויף זיי און וועל זיך טרייסטען". די רבנן האָבען געזאָגט: ער טופּעט אויפֿן הימעל, ווארום עס שטעהט 17): „הידד! ווי (וויין) טרעטערס, וועט ער אויסשרייען צו אַלע באַוואָהנער פֿון דער ערד". רב אחא בר יעקב האָט געזאָגט: ער דריקט זיינע פֿיס צוזאַמען אונ-טערן כסא הכבוד, ווארום עס שטעהט 18): „אַזוי האָט גע-זאָגט: דער הימעל איז מיין שטוהל און די ערד איז דער בענקעל פֿון מיינע פֿיס".

„און איבער דונערן".

וואָס זיינען דונערן? האָט שמואל געזאָגט: וואָלקען וואָס קאַטשען זיך 19) ווארום עס שטעהט 20): „דורך דעם קול פֿון דיין דונער וואָס קאַטשעט זיך האָבען בליצען אויפֿגעלויכטען די ערד, די וועלט האָט אויפֿגעציטערט און געגרעשט". און די רבנן האָבען געזאָגט: וואָלקען וואָס גיסען וואַסער איינער אויפֿן אַנדערן, ווארום עס שטעהט 21): „ביי דעם קול ווען ער לאָזט רוישען וואַסער אין הימעל". רב אחא בר יעקב האָט געזאָגט: אַ שטאַרקער בליץ וואָס בליצט אויף אין די וואָלקענס און צעבּרעכט די האָגעל גלעטשערס. רב אשי האָט געזאָגט: די וואָלקענס ווערען דורכגעלעכערט און אַ שטורעם ווינד קומט און בלאָזט אַריין אין זייערע עפֿענונ-גען ווי אַ שטורעם ווינד אין די עפֿענונגען פֿון אַ פֿאַס. אָבער עס איז מעהר סבראַ ווי רב אחא בר יעקב, ווארום (צוערשט) גיט אַ בליץ און (נאָכהער) רוישען די וואָלקענס און עס קומט רעגען.

„און איבער שטורעמס".

וואָס זיינען שטורעמס? האָט אביי געזאָגט: אַ זאַווע-רוכע. וויי טער האָט אביי געזאָגט: עס איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען אַז אַ זאַווערוכע יז קיינמאָל ניט ביינאַכט.—מיר זעהן דאָך אָבער אַז עס איז יאָ?!—דאָס הויבט זיך שוין אָן ביי טאָג.—וויי טער האָט אביי געזאָגט: עס איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען אַז אַ זאַווערוכע האַלט קיינמאָל ניט אָן צוויי שעה; צו באַשטעטיגען דאָס וואָס שטעהט 22): „אַ צרה וועט צוויי מאָל ניט באַשטעהן".—מיר זעהן דאָך אָבער אַז עס האַלט יאָ אָן?!—ווייל עס לאָזט אָפּ פֿון צייט צו צייט.

פירוש.

פֿון ניסן. 1) אָקס, דער מזל פֿון איר. 2 און 11) איוב ט"ל"ב. 3) דאָס זעלבע ווי עיש. 4) דער עק. 5) וואָס עיש געהט נאָך כימה. 6) וועל-כער איז געפֿאַלען דורך די צוויי לעכער וואָס זיינען דאדורך ענטשטאַ-נען. 7) די זעלבע צוויי שטערען וואָס ער האָט פֿון איהם גענומען. 8) זעה ז. 8. 9) סנהדרין ט"ז א'. 10) קהלת א' ט'.—ד"ה גאָט בע-שאַפֿט ניט מעהר קיין נייע זאַכען.

12) גאָט. 13) ווען ער זעהט דעם צער פֿון אידען, און דאָס איז עררציטערניש. 14 און 15) יחזקאל כ"א כ"ב. 16) וַהֲנִחוֹתִי-אֲנָחָה (זיפֿץ). 17) ירמיה כ"ה ל'. 18) ישעיה ס"ו א'.

19) און רייבען זיך איינע אָן דעם אַנדערן, און דערפֿון קומט אַרויס דער קול פֿון דונער, אָדער וואָלקען וועלכע שטויסען זיך אָן אָן דעם גלגל (די ספֿערע אָדער דער „טיערקרייז" מיט די צוועלף מזלות, וואָס דרעהען זיך אַרום די ערד, לויט דער פֿאַרצייטיגער אסטראָנאָמיע; זעה פסחים צ"ד ב'). אַ באַוויי פֿאַר דער צווייטער ערקלעהרונג פֿון רש"י איז וואָס עס שטעהט „עננֵי בגלגלא" אנשטאָט „דמגלגלי", ווי עס האָט געדאַרפֿט שטעהן לויט זיין ערשטער ערקלעהרונג, און דאָס וואָס „בגלגל" אין דעם ציטירטען פסוק ווערט פֿון די מייסטען מפרשים אַזוי ערקלעהרט. 20) תהלים ע"ז י"ט. 21) ירמיה י' י"ג.

22) נחום א' ט'.

ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דער וואָס זעהט זיין חבר נאָך דרייסיג טעג זאָגט: „ברוך שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!“, נאָך צוועלף חדשים זאָגט ער: „ברוך מחיה המתים“. רב האָט געזאָגט: אַ טויטער ווערט ניט פאַרגעסען פון האַרצען פאַר צוועלף חדשים, ווארום עס שטעהט 1): „איך בין פאַרגעסען געוואָרען פון האַרצען ווי אַ טויטער, איך בין געוואָרען ווי אַ פ א ר ל אָ ר ע נ ע כלי“ 2).

רב פפא און רב הונא דער זוהן פון רב יהושע זיינען געגאַנגען אין וועג. האָבען זיי געטראָפען רב חנינא דעם זוהן פון רב איקא און האָבען צו איהם געזאָגט: אַז מיר האָבען דיך דערזעהן האָבען מיר איבער דיך געזאָגט צוויי ברכות: „ברוך אשר חלק מחכמתו ליריאיו!“ און „שהחיינו“. רופט ער זיך אָפּ צו זיי: אַז איך האָב אייך דערזעהן זענט איהר ביי מיר השוב געווען ווי זעקס הונדערט טויזענד אידען און איך האָב איבער אייך געמאַכט דריי ברכות: יענע צוויי און „ברוך חכם הרזים!“. האָבען זיי צו איהם געזאָגט: דו ביזט צו קלוג! און האָבען אויף איהם אַנגעשטעלט ווייערע אויגען און ער איז געשטאָרבען.

ר׳ יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דער וואָס זעהט אַ בלייבּ־זיכטיגען זאָגט: ברוך מְשַׁנֶּה הַבְּרִיּוֹת (געלויבט איז וואָס האָט פאַרענדערט די באַשאַפענישען!)“. האָט מען דערויף געפרעגט 3): „האָט ער געזעהן אַ נעגער, אַ רויטען, אַ ווייסען, אַ לאַנגען, אַ קאַרליק, אַ פרישצוואַטען זאָגט ער: "ברוך משנה הבריות!", אַ מענש אהן הענט, אַ בלינדען, אַ קאַלטונאָוואַטען, אַ לאַהמען, אַ קרעציגען, אַ ב ל י י כ ז י כ ט י ג ע ן, זאָגט ער: „ברוך דין האמת“! — דאָס איז קיין קשיא נ י ט, ווייל דאָס 4) איז אַז עס איז נאָך פון דער מוטערס בויך און יענעס אַז נאָכדעם ווי ער איז געבאָרען געוואָרען 5). מען קאָן דאָס אויך אַרויסנעהמען דערפון וואָס דאָס ווערט געלערנט גלייך מיט „אַ מענש אהן הענט“ 6). איז טאַקע דערפון געדרונגען!

די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס זעהט אַ העלפאַנט, אַ מאַלפּע, אַ מורמעלטיער 7) זאָגט: „ברוך משנה הבריות!“; האָט ער געזעהן שעהנע באַשאַפענישען און שעהנע בוימער זאָגט ער: „ברוך שֶׁכָּכָה לוֹ בְּעוֹלָמוֹ (געלויבט איז וואָס האָט אַזוינע זאַכען זיין וועלט!)“.

„איבער קאָמעטען (זיקין)“.

וואָס באַדייטעט „זיקין“? האָט שמואל געזאָגט: קאָמעטען 8). ווייטער האָט שמואל געזאָגט: די וועגען פון הימעל זיינען מיר קלאָר ווי די וועגען פון נהרדעא 9), אַחוץ אַ קאָמעט, וואָס איך וויים ניט וואָס דאָס איז, און עס איז מיר איבערגעגעבען געוואָרען אַז ער געהט קיינמאָל ניט פאַרביי דעם כְּסִיל 10), ווייל ווען ער וואָלט פאַרבייגעגאַנגען וואָלט די וועלט חרוב געוואָרען. — מיר זעהען דאָך אבער אַז ער געהט יאָ פאַרביי! — דאָס איז נאָר זיין שיין וואָס געהט פאַרביי און עס זעהט אויס ווי ער זעלבסט וואָלט פאַרבייגעגאַנגען. רב הונא דער זוהן פון רב יהושע האָט געזאָגט: ער רייסט זיך דורך דורכן פאַרהאַנג 11) און וויקעלט זיך אויף און עס זעהט זיך דאָס ליכט פון הימעל 12). רב אשי זאָגט: דאָס איז אַ שטערן וואָס רייסט זיך אָפּ פון איין זייט פון כסיל און זיין געגענאיבער פון דער אַנדערער זייט דערשרעקט זיך און עס זעהט אויס ווי ער וואָלט פאַרבייגעגאַנגען. שמואל האָט אויפגעוואָרפען די פראַגע: איינמאָל שטעהט געשריבען 13): „ער מאַכט עָשׁ 14), און כִּימָה 15)“ און איינמאָל שטעהט געשריבען 16): „ער מאַכט כסיל און כימה“! טא ווי אַזוי איז דאָס 17)? ווייל ווען ניט די היץ פון כסיל וואָלט די וועלט ניט געקאָנט באַשטעהן צוליב די קעלט פון כימה און ווען ניט די קעלט פון כימה וואָלט די וועלט ניט געקאָנט באַשטעהן צוליב די היץ פון כסיל 18). און עס איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען אַז ווען דער שטאַכעל פון עקרב 19) וואָלט ניט געלעגען אין פייער טייך 20) וואָלט דער וואָס אַן עקדעש האָט איהם געשטאָכען ניט געקאָנט לעבען. און דאָס איז וואָס דער בארעמהערציגער האָט געזאָגט צו איוב 21): „קאָנסטו צובינדען די באַנדען פון כימה אָדער לויז מאַכען די לייצעם פון כסיל?“ 22). וואָס מיינט כימה? האָט שמואל געזאָגט: א ו נ ג ע פ ע ה ר ה ו נ ד ע ר ט שטערען 23). מאַנכע זאָגען אַז זיי זיינען ענג בייזאַמען און מאַנכע זאָגען אַז זיי זיינען פונאַנדער געוואָרפען 24). וואָס איז עש? האָט רב יהושע געזאָגט: יותא. וואָס איז יותא? זאָגען מאַנכע אַז דאָס איז דער עק פון טָלֶה 25) און מאַנכע

פ י ר ו ש.

1) תהלים ל״א י״ג. 2) נאָך צוועלף חדשים איז מען זיך מיאש פון דאָס וואָס מען האָט פאַרלאָרען, ווייל אַ געפינס ווערט אויסגערופען דריי מאָל אין יאָהר פסח, שבועות און סוכות; אויב מען געפינט נאָך סוכות דאַרף מען וואַרטען ביז פסח), און אַז קיינער האָט זיך ניט אפגערופען פאַר דיזער צייט האַלט מען דאָס פאַר פאַרפאַלען.

3) פון תוספתא פ״ו. 4) וואָס שטעהט אַז „ברוך משנה הבריות“. 5) איז עס דאָך אַ שטראָף, דערפאַר דאַרף מען זאגען „ברוך דין האמת“. 6) וואָס קאָן דאָך גיט זיין פאַר דער געבורט.

7) לויט רש״י: גייער (אַ מין אָדלער). אין בכורות ח׳ א׳ אָבער איבערזעצט ער מעערקאַץ.

8) כּוֹכְבָא דִשְׁבִיט — אַ שטערן מיט אַ רוט. 9) וואו ער האָט געוואוינט. 10) דער אָריאָן, אזא שטערען גרופע. 11) דעם הימעל. 12) רב הונא ערקלעהרט וואָס איז אַ קאָמעט (רש״י) אָדער וואָס זיין שיינבארער פאַרבייגעהן פאַר אָריאָן איז („תוספות“). 13) איוב ט׳ ט׳. 14) די שטערען גרופע וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „גרויסער בער“. 15) די שטערען גרופע „פלעיאדען“ אָדער „גרויסער הונד“ מיט דעם הויפט שטערן סיריוס. 16) עמוס ה׳ ח׳. 17) ד״ה וויבאַלד אַז און איין פסוק שטעהט כ ס י ל פאַר כ י מ ה און אין אַנדערן כ י מ ה פאַר כ ס י ל, קומט דאָך אויס אַז כסיל איז דאָס זעלבע ווי כימה און כימה זוי כסיל, אָבער ווי אַזוי קאָן דאָס זיין? 18) דערפאַר שטעהט איינער פריהער אין איין פסוק און דער אַנדערער אין דעם אַנדערן. 19) עקדעש, דאָס זעלבע וואָס כימה (לויט רש״י; זעה אָבער „מהרש״א“), איינער פון די צוועלף מזלות (זעה „פירוש“ ז. 121 נומ. 4). 20) נְהַר דִּינוּר, וועלכער שוואַכט אָפּ זיין כח. 21) איוב ל״ח ל״א. 22) ד״ה פון דאַנען איז אַ באַווייז אַז זיי זיינען ביידע מיט אייגאנדער פאַרבונדען. 23) כ י מ ה — כְּמֵאָה. 24) רש״י ערקלעהרט: „ווי הונדערט שטערען“ אַז כימה האָט מאַנכע שטערען וואָס זיינען אַזוי שטאַרק ווי הונדערט שטערען ווען זיי זיינען צוזאַמען אָדער ווען זיי זיינען פונאַנדער געוואָרען, אָבער דאָס ווידערשפּרעכט דער באַשרייבונג פון כימה אלס אַ קאַלטען שטערן. 25) שעפּס, דער מזל

איז דאָס 1)? האָט אביי געזאָגט: אַלע אכט און צוואנציג יאָהר, ווען עס הויבט זיך אָן אַ נייער מחזור 2) און די תקופה פֿון ניסן 3) פֿאַלט אין כאַטורן 4) דיענסטאג אָבענד וועלכעס איז די נאַכט פֿון מיטוואך 5).

„ר׳ יהודה זאגט: אז מען זעהט דעם גרויסען ים אא״וו“.

וויפֿיעל איז „פֿון צייט צו צייט“? האָט רמי בר אבא געזאגט אַז ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דרייסיג טעג. ווייטער האָט רמי בר אבא געזאָגט אַז ר׳ יצחק האָט געזאָגט: דער וואָס זעהט דעם פרת פֿון דער בריק פֿון בבל זאָגט: „ברוך עושה בראשית!“. אבער היינט אַז די פערסיער האָבען איהם 6) געענדערט איז פֿון בי שבור אַרויפֿצוצו. רב יוסף אָבער האָט געזאָגט: פֿון איהי דקירא ארויפֿצוצו. ווייטער האָט רמי בר אבא געזאָגט: דער וואס זעהט דעם חדקל פֿון דער בריק פֿון שביכתנא זאָגט: „ברוך עושה בראשית!“. וואָס מיינט חדקל? האָט רב אשי געזאָגט: זיין וואַסער איז שאַרף און לייכט (חַד קַל). וואָס מיינט פרת? ווייל זיין וואַסער איז פֿרוכטבאַר און פֿאַרמעהרט (פָּרִין וְרָבִין). ווייטער 7) האָט רבא געזאָגט: דאָס וואָס די איינוואָהנער פֿון מחוזא זיינען שאַרף איז ווייל זיי טרינקען דאָס וואַסער פֿון חדקל, דאָס וואָס זיי זיינען רויט איז ווייל זיי האָבען געשלעכטליכען פֿאַרקעהר ביי טאָג, און דאָס וואָס זיי פינטלען מיט די אויגען איז ווייל זיי וואהנען אין פֿינסטערע הייזער.

„איבער רעגענס אא״וו“.

אָבער מאַכט מען דען די ברכה „הטוב והמטיב“ איבער רעגענס? ר׳ אבהו האָט דאָך געזאָגט, און מאַנכע זאָגען אַז דאָס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: פֿון ווען אָן מאַכט מען אַ ברכה איבער רעגענס? ווען דער חתן קומט אַרויס אַנטקעגען דער כלה 8). וואָס פֿאַר אַ ברכה מאַכט מען? האָט רב יהודה געזאָגט: „מוֹדִים אֲנַחְנוּ לָךְ עַל כָּל טִפָּה וְטִפָּה שֶׁהוֹרַדְתָּ לָנוּ (מיר דאַנקען דיר פֿאַר יעדען טראָפּען וואָס דו האסט אונז אַראָפּגעלאָזען!)“, און ר׳ יוחנן

פ י ר ו ש.

באַשאַפֿען געוואָרען. 1) ד״ה ווען איז די תקופה? 2) די צייט וואָס דיזע קרייז-באַוועגונג געדויערט. געמיינט איז אַ מחזור גדול פֿון 28 יאָהר, וועלכער ווערט איינגעטיילט אין זיבען קליינע מחזורים (צו אונטערשיידען פֿון די מחזורים צו 19 לבנה יאָהרען פֿון איבער 354 טעג, וועלכע הייסען אויך מחזור קטן) צו פֿיער יאָהר. 3) די התחלות פֿון די פֿיער סעזאָנען פֿון יאָהר הייסען אויך תקופות: תקופת ניסן — דער אָנפֿאַנג פֿון פֿריהלינג, תקופת תמוז — דער אָנפֿאַנג פֿון זומער, תקופת תשרי — דער אָנפֿאַנג פֿון הערבסט, תקופת טבת — דער אָנפֿאַנג פֿון ווינטער. 4) די ערשטע שטונדע פֿון דינסטאָג אָבענד, די ערשטע שטונדע פֿון יעדען אָבענד, ד״ה פֿון יעדען מעת לעת אין דער וואָך, האָט אַ באַזונדער נאָמען, נאָך אַ פּלאַנעט: די ערשטע שעה פֿון מוצאי שבת הייסט כּוֹכָב — מערקור, פֿון זונטאָג אָבענד צֶדֶק — יופּיטער, פֿון מאָנטאג אָבענד נֹגַהּ — ווענוס, פֿון דיענסטאָג אָבענד שַׁבְּתַאי — סאַטורן, פֿון מיטוואָך אָבענד חַמָּה — זון, פֿון דאָנערשטאָג אָבענד לְבָנָה — מאָנד, פֿון פֿרייטאָג אָבענד מַאְדִים — מארס. אַ מנעמאָנישער סימן דערפֿאַר זיינען די ראשי תיבות שצ״ם חנכ״ל. 5) ווייל דער אידישער טאָג הייבט זיך אָן מיט דער פֿאַרהערגעהענדער נאַכט. — די פֿיער תקופות פֿון יאָהר קומען איינע שפּעטער פֿאַר דער אַנדערער מיט זיבען און אַ האַלב שעה, ווייל די לענג פֿון אַ סעזאָן איז 91 טעג און זיבען און אַ האַלב שעה, אָדער 13 וואָכען און זיבען און אַ האַלב שעה, ד״ה אַ פֿערטעל פֿון 365 טעג און 6 שעה, די לענג פֿון אַ זונען יאָהר (זעה ערובין נ״ו א׳). אויב תקופת ניסן האָט זיך היי יאָהר אָנגעפֿאַנגען מיטן אָנפֿאַנג פֿונם זונטאָגדיגען מעת לעת, ווער׳ט תקופת תמוז זיך אָנפֿאַנגען זיבען און אַ האַלב שעה פֿון דעם זעלבען מעת לעת (איין און ניינציג טעג שפּעטער), און תקופת תשרי פֿופֿצען שעה פֿון דעם זעלבען מעת לעת, און תקופת טבת צוויי און צוואנציג און אַ האַלב שעה פֿון דעם זעלבען מעת לעת, און תקופת ניסן איבער איאָהר זעקס שעה פֿון דעם מאָנטאגדיגען מעת לעת, אין אַ יאָהר מאַכט עס אַלזאָ אַן אונטערשיעד פֿון דרייסיג שעה, אָדער אַ טאָג און אַ פֿערטעל, ד״ה אויב תקופת ניסן איז היי-יאָהר געווען אין אָנפֿאַנג פֿון דער ערשטער שעה פֿון דעם מיטוואָכדיגען מעת לעת, וועט זי איבער איאָהר אויסקומען אין אָנפֿאַנג פֿון דער זיבעטער שעה פֿון דעם דאָנערשטאָגדיגען מעת לעת, איבער צוויי יאָהר אין אָנפֿאַנג פֿון דער דרייצעהנטער שעה פֿון דעם פֿרייטאָגדיגען מעת לעת, איבער דריי יאָהר אין אָנפֿאַנג פֿון דער ניינצעהנטער שעה פֿון שבת און איבער פֿיער יאָהר אין אָנפֿאַנג פֿון דער ערשטער שעה פֿון זונטאָג אָבענד, ד״ה פֿון דעם מאָנטאגדיגען מעת לעת. די תקופת ניסן קאָן זיך אַלזאָ בלויז איינמאָל אין פֿיער יאָהר אָנפֿאַנגען אין דער ערשטער שעה פֿון מעת לעת. אַ מחזור קטן איז דערפֿאַר אַ פּעריאָדע פֿון פֿיער יאָהר פֿון דעם מאָמענט אָן וואָס די תקופת ניסן האָט זיך אָגעפֿאַנגען אין דער ערשטער שעה פֿון מעת לעת ביז זי פֿאַנגט זיך ווידער אָן אין דעמזעלבען מאָמענט. דאָס וועט אָבער אויסקומען מיט פֿינף טעג שפּעטער (פֿיער מאָל דרייסיג שעה איז פֿינף טעג), ד״ה אויב די תקופת ניסן האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אין דעם ערשטען יאָהר (אין אָנפֿאַנג פֿון דעם ערשטען מחזור קטן) אין אָנפֿאַנג פֿון דעם מיטוואָכדיגען מעת לעת, וועט זי זיך אָנפֿאַנגען אין פֿינפֿטען יאָהר (אין אנפֿאַנג פֿון דעם צווייטען מחזור קטן) אין אָנפֿאַנג פֿון דער ערשטער שעה פֿון דעם מאנטאגדיגען מעת לעת (ווי מיר האָבען פֿריהער באַוויזען), אין דעם ניינטען יאָהר (אין אָנפֿאַנג פֿון דעם דריטען מחזור קטן) אין אָנפֿאַנג פֿון דער ערשטער שעה פֿון דעם שבתדיגען מעת לעת, אין דעם דרייצעהנטען יאָהר (אין אָנפֿאַנג פֿון דעם פֿערטען מחזור קטן) אין אָנפֿאנג פֿון דער ערשטער שעה פֿון דעם דאָנערשטאגדיגען מעת לעת, אין דעם זיבעצעהנטען יאָהר (אין אָנפֿאַנג פֿון דעם פֿינפֿטען מחזור קטן) אין אָנפֿאַנג פֿון דעם דיענסטאגדיגען מעת לעת, אין דעם איין און צוואנציגסטען יאָהר (אין אָנפֿאַנג פֿון דעם זעקסטען מחזור קטן) אין אָנפֿאַנג פֿון דער ערשטער שעה פֿון דעם זונטאגדיגען מעת לעת, אין דעם פֿינף און צוואנציגסטען יאָהר (אין אָנפֿאַנג פֿון דעם זיבעטען מחזור קטן) אין אָנפֿאַנג פֿון דער ערשטער שעה פֿון דעם פֿרייטאָגדיגען מעת לעת. ערשט נאָך אַכט און צוואנציג יאָהר, ד״ה אין אָנפֿאַנג פֿון דעם ניין און צוואנציגסטען, וועט די תקופת ניסן זיך ווידער אָנפֿאַנגען אין אָנפֿאַנג פֿון דער ערשטער שעה פֿון דעם מיטוואָכדיגען מעת לעת. דאָס איז דער מאָמענט ווען אַ נייער מחזור גדול פֿאַנגט זיך אָן. אַ מנעמאָנישער סימן פֿאַר דיזע התחלות איז ד ב״ז הג א״ו, ד״ה 4, 2, 7, 5, 3, 1, 6, אָדער מיטוואָך, מאָנטאג, שבת, דאָנערשטאג, דיענסטאג, זונטאג, פֿרייטאג. אַ מחזור גדול פֿאַנגט זיך תמיד אָן מיט דער ערשטער שעה פֿון דעם מיטוואָכדיגען מעת לעת (דיענסטאג אבענד), ווייל די זון איז דאָך דאַמאלס באַשאַפֿען געוואָרען און האָט דאַמאלס אָנגעפֿאַנגען איהר קרייז באַוועגונג.

6) דעם לויף פֿון טייך. 7) אייגענטליך דאַרף דאָ ניט שטעהן „ואמר“, ווייל פֿאַר דעם איז דאָך קיין מימרא ניטא פֿון רבא, אָבער לויט דעם מיגבענער כ״י געהערט דער ענטפֿער אויף „וואס מיינט פרת?“ צו רבא.

8) ד״ה ווען די ערד איז שוין אַזוי אָנגעזאַפּט מיט רעגען אַז ווען אַ טראָפּען פֿאַלט אויף איהר שפּריגנט אַנטקעגען אַן אַנדערער ארויס פֿון איהר.

„און איבער בליצען זאגט מען: „ברוך שכחו וגבורתו מלא עולם".

וואס זיינען בליצען? האט רבא געזאגט: דאס אויפלייכ־טען. ווייטער האט רבא געזאגט: אַ פאַראיינצעלטער בליץ און אַ ווייסער בליץ און אַ גרינליכער בליץ און וואלקענס וואס שטייגען אויף אין מערב זייט און וואס קומען פון דרום זייט און צוויי וואלקענס וואס שטייגען אויף איינער אנטקעגען דעם אַנדערן, אט די אַלע זיינען ניט גוט. וואס איז דערפון אַרויסצונעהמען? אַז מען דאַרף בעטען אויף רחמים. דאס איז אָבער נאָר ביי נאַכט, אבער אין דער פריה האט עס קיין באַדייטונג ניט. רב שמואל בר יצחק האט גע־זאגט 1): „די וואלקענס אין דער פריה האָבען קיין ווערט ניט, וואָרום עס שטעהט געשריבען 2): „און אייער פרומקייט איז ווי אַ מארגען וואלקען אא"וו". האט רב פפא אביי'ן גע־פרעגט: די וועלט זאָגט דאָך אָבער: ווען דו עפענסט אויף די טיהר 3) און עס רעגענט, שפרייט אויס דיין זאק 4) און שלאָף, עזעל טרייבער 5)! — דאָס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאָס איז אַז עס איז פאַרצויגען מיט געדיכטע וואָלקענס 6) און יענעם אַז עס איז פאַרצויגען מיט שיטערע וואלקענס. — ר' אלכסנדרי האט געזאגט: דונערן זיינען נאר בעשאַפען געווארען כדי אויסצוגלייכען די קרומקייט פון הארצען 7), וואָרום עס שטעהט 8): „און גאָט האָט געמאַכט אַז מען זאָל פאַר איהם מורא האָבען". ווייטער האָט ר' אלכסנדרי גע־זאגט אַז ר' יהושע בן לוי האט געזאגט: דער וואָס זעהט דעם רעגענבויגען אין וואָלקען דאַרף אַנידער פאַלען אויף פנים, וואָרום עס שטעהט 9): „ווי דאָס אויסזעהן פון רעגענ־בויגען וואָס איז אין וואלקען אא"וו און ווען איך האָב גע־זעהן בין איך געפאַלען אויף מיין פנים". אין מערב פלעגט מען דאָס טאַדלען, ווייל דאָס זעהט אויס ווי מען וואָלט זיך געבוקט צום רעגענבויגען. אָבער אַ ברכה דאַרף מען אודאי מאַכען. וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען? „ברוך זוכר הבריות (געלויבט איז וואס געדענקט דעם בונד!)" 10). אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: ר' ישמעאל דער זוהן פון ר' יוחנן בן ברוקא זאָגט: „וואָס איז געטריי צו זיין בונד און האַלט זיין וואָרט". האָט רב פפא געזאָגט: דערפאַר זאָל מען ביידע זאגען 11): „ברוך זוֹכֵר הַבְּרִית וְנֶאֱמָן בִּבְרִיתוֹ וְקַיָּם בְּמַאֲמָרוֹ!".

„איבער בערג און איבער בערגלעך".

געהערען דען ניט אלע די וואָס מיר האָבען ביז איצט דערמאָהנט צו דער וועלט באשאַפונג? עס שטעהט דאָך געשריבען 12): „בליצען צום רעגען האָט ער ב א ש אַ פ ע ן" 13)! האָט אביי געזאָגט: לערן דאָס צוזאַמענגעבונדען 14). רבא אבער האָט געזאָגט: דאָרט 15) מאַכט מען צוויי ברכות 16): „ברוך שכחו מלא עולם" און „עושה מעשה בראשית", אבער דאָ 17) איז נאָר „עושה מעשה בראשית" און ניט „שכחו מלא עולם" 18). ר' יהושע בן לוי האָט געזאגט: דער וואס זעהט דעם הימעל אין זיין קלאָרקייט זאגט: „ברוך עושה מעשה בראשית!". ווען איז דאָס? האָט אביי געזאגט: ווען עס רעגענט אַ גאַנצע נאַכט און אין דער פריה קומט דער צפון ווינד און מאַכט קלאר דעם הימעל. און דאָס איז אין ווידער־שפרוך מיט דאָס וואָס רפרם בר פפא (האָט געזאגט) אַז רב חסדא האָט געזאָגט, וואָרום רפרם בר פפא האָט געזאָגט אַז רב חסדא האָט געזאָגט: זייט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען איז נאָך דער הימעל ניט געזעהן געוואָרען אין זיין קלאָרקייט, וואָרום עס שטעהט 19): „איך וועל דעם הימעל אָנטהון אין שוואַרץ און אַ זאַק וועל איך פאַר זיין קלייד מאַכען".

(ב') די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס זעהט די זון אין איהר תקופה 20) אדער די לבנה אין איהר (פולער) קראַפט אדער די שטערען אין זייערע וועגען אדער די מזלות אין זייער אָרדנונג זאגט „ברוך עושה בראשית!". און ווען

פ י ר ו ש.

1) תענית ו' ב'. 2) הושע ו' ד'. 3) אין דער פריה. 4) און וועל־כען דו קויפסט אויף תבואה פון אָרט צו אָרט. 5) ווייל עס וועט זיין אַ גערעטעניש און דו וועסט פאַרשפאָרען צו זוכען די תבואה. אם כן איז דאָך דער פריה־רעגען יאָ גוט. 6) איז דאָס גוט, ווייל דאָס איז אַ סימן אַז עס וועט געהן אַסך רעגען. 7) ד"ה כדי צו באַווירקען דורך די מורא וואָס זיי וואַרפען אַרויף אַז מענשען זאָלען ניט זינדיגען. 8) קהלת ג' י"ד. 9) יחזקאל א' כ"ח. 10) ווייל דאָס איז אַ צייכען פון אַ בונד וואָס גאָט האָט געמאַכט אַז עס זאָל מעהר קיין מבול ניט זיין (זעה בראשית ט' ח'—י"ז). 11) אָבער אָהן אַ התימה („תוספות").

12) תהלים קל"ה ז'. 13) טא פאַרוואָס זאָל מען ניט אויך איבער זיי מאַכען „ברוך עושה מעשה בראשית"? 14) בינד צוזאַמען די וואָס זיינען פריהער דערמאָהנט געוואָרען מיט די וואָס ווערען איצט אויסגערעכענט און מאַך דערפון איינס, ד"ה אַז איבער אלע מאַכט מען די ברכות „עושה מעשה בראשית" און „שכחו וגבורתו מלא עולם". — דער אויסדרוק „כרוך ותני (בינד צוזאַמען און לערן)" ווערט געוועהנליך געברויכט (באַזונדערס פון רבינא; זעה °) בבא קמא נ"ט א', בבא מציעא פ"ט א', מנחות פ"ז א'), ווען פון צוויי באַזונדערע, (ווי דאָ צב"ש) אָדער זיך שיינבאר ווידערשפרעכענדע (ווי ב"ק נ"ט א' אא"וו) זאַצען ווערט איינער געמאַכט און דער ווידערשפרוך ווערט דאַדורך באַזייטיגט °°). 15) ד"ה איבער די פריהער דערמאָהנטע. 16) לויט „אלפס" מיינט עס אַז מען קאָן מאַכען איינע פון די ביידע, און אַזוי אויך לויט „תוספות" און „רמב"ם" און „רא"ש" און אַזוי איז אויך דער דין אין „שלחן ערוך" (או"ח רכ"ז א'). 17) ביי בערג אא"וו. 18) ווייל דאָס איז דאָך אַ באַשטעהענדע זאַך און ניט קיין מאָמענטאַנע מאַניפעסטאציע פון גאָטס כח, לויט רש"י: ווייל דערביי איז דאָך ניט שייך צו זאָגען „מלא עולם. 19) ישעיה נ' ג'.

20) דער פונקט וואו זי האָט אָנגעהויבען איהר קרייז ווען זי איז

°) אין „מסורת הש"ס" פעהלען דיזע פאראלעלען.

°°) לוי (העכר. אונד כאלד. ווערטערבוך אא"וו) ערקלעהרט: „די ביידען אין דער משנה ערוועהנטען פעללע זינד אומגושטעללען, דער צווייטער פאלל מוס נעמליך פאר דען ער־סטען געזעצט ווערדען", און דאס זעלבע זאגט באכער אין זיין „עקסעגעטישע טערמינאלאגיע דער יוד. טראדיציאנסלעהרע", צווייטער טייל. דאס איז אבער ניט ריכטיג, ווי מען קאן זעהן פון דא און פון סכת ל"ד ב' און פון די אויבען דערמאהנטע דריי ערטער, און אין בענע־ די ערקלעהרונגען פון רש"י אין אלע דיזע ערטער. אויך איז דאס ניט ריכטיג אז דאס באציהט זיך נאר אויף משנה זאצען, ווייל פון די פינף ערטער, וועלכע מיר ווייזען דא אן, האנדעלט עס זיך בלויז דא און אין מנחות וועגען א זאץ אין דער משנה; אין די אנדערע דריי אבער באציהט זיך דאס אויף ברייתות, און דאס וואס שטעהט אין רש"י אין בבא קמא „יוסיף סמדר עזהם במשנה" און אין בבא מציעא „הנך תרתי מתניתין" איז א טעות.

רב הונא ווי ר׳ מאיר און ר׳ יוחנן ווי ר׳ יהודה, אָבער לויט דער אַנדערער ווערסיע 1) האַלט טאַקע רב הונא ווי ר׳ יהודה. אָבער ווי ווער זאָגט ר׳ יוחנן? ניט ווי ר׳ מאיר און ניט ווי ר׳ יהודה 2)! — ר׳ יוחנן קאָן זאָגען: אין דער אמתן דאַרף מען לויט ר׳ יהודה אויך מאַכען אַ ברכה ווען מען האָט שוין געקויפט און מען קויפט ווידער, און דאָס וואָס זיי 3) זיינען מחולק אין ווען מען האָט דאָס שוין און מען קויפט דאָס איז כדי צו באַטאָנען ר׳ מאיר׳ן אַז אפילו אַז מען קויפט ווען מען האָט דאָס שוין דאַרף מען ניט מאַכען קיין ברכה און אַ פשיטא שוין אַז מען דאַרף ניט מאַכען קיין ברכה ווען מען האָט שוין געקויפט און מען קויפט איצט ווידער. — אָבער פאַר וואָס זאָלען זיי ניט מחולק זיין אין אַז ווען מען האָט שוין געקויפט און מען קויפט איצט ווידער דאַרף מען נים מאַכען קיין ברכה 4), כדי צו באַטאָנען ר׳ יהודה׳ן 5)? — עס איז [איהם] בעסער צו באַטאָנען דאָס וואָס איז ערלויבט 6).

„מען מאַכט אַ ברכה איבער אַ רעה אא״וו".

ווי איז דאָס געמאָלט? דהיינו ווען אַ פאַרפלייצונג רייסט זיך אַריין אויף זיין לאַנד. ווייל הגם דאָס איז דאָך אַ טובה פאַר איהם צוליב דעם וואָס דאָס פיהרט אַרויף בלאָטע אויף דעם באָדען און פאַרבעסערט איהם, אָבער דערווילע איז דאָס דאָך אַ רעה 7).

„און איבער אַ טובה אא״וו".

ווי איז דאָס געמאָלט? דהיינו ער געפינט אַ מציאה. ווייל הגם דאָס איז דאָך אַ רעה פאַר איהם, וואָרום אַז דער קעניג זאָל דאָס ערפאַהרען וועט ער דאָס אַוועקנעהמען פון איהם, אָבער דערווייל איז דאָס דאָך אַ טובה 8).

„אַז איינעמ׳ס פרוי איז מעוברת און ער זאָגט: זאָל עס זיין (גאָטס) ווילען אַז מיין פרוי זאָל געבוירען אא״וו איז דאָס אַ ווערטלאָזע תפלה".

און בעטען העלפט שוין (דערצו) גאַר ניט?! רב יוסף האָט דאָך געפרעגט: „און נאַכהער האָט זי געבוירען אַ טאָכטער און זי האָט גערופען איהר נאָמען דינה" 9), וואָס מיינט „און נאַכהער" 10)? האָט רב געזאָגט: נאָכדעם ווי לאה האָט אַליין געאורטיילט און האָט זיך געזאָגט: צוועלף שבטים דאַרפען אַרויסקומען פון יעקב, זעקס זיינען שוין אַרויס פון מיר און פיער פון די דיענסטען איז צעהן, און אויב דאָס זאָל (אויך) זיין אַ זכר וועט דאָך מיין שוועסטער ערגער זיין פאַר די דיענסטען 11)! איז דאָס גלייך פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טאָכטער, וואָרום עס שטעהט: „און זי האָט גערופען איהר נאָמען דינה" 12)! — מען דערמאָנט ניט קיין נסים 13). און אַז מען וויל קאָן מען זאָגען: די געשיכטע מיט לאה האָט פאַסירט אין די (ערשטע) פערציג טעג; ווי עס ווערט געלערנט אין אַ בריתא: די ערשטע דריי טעג 14) זאָל אַ מענש בעטען רחמים אַז עס 15) זאָל ניט פאַרפוילט ווערען, פון דריי ביז פערציג זאָל ער בעטען רחמים אַז עס זאָל דערפון ווערען אַ זכר, פון פערציג טעג ביז דריי חדשים זאָל ער בעטען רחמים אַז עס זאָל ניט ווערען קיין סאַנדאַל פעטוס 16), פון דריי ביז זעקס חדשים זאָל ער בעטען רחמים אַז עס זאָל ניט ווערען קיין מפיל־קינד, פון זעקס ביז ניין זאָל ער בעטען רחמים אַז עס זאָל אַרויסקומען בשלום. — אָבער העלפט דען איבערהויפט בעטען 17)? ר׳ יצחק דער זוהן פון רב אמי האָט דאָך געזאָגט 18): „ברענגט דער מאַן צוערשט אַרויס די זאמען וועט זי געבוירען אַ נקבה, ברענגט די פרוי צוערשט אַרויס די זאמען וועט זי געבוירען אַ זכר 19), וואָרום עס שטעהט 20): ״ווען אַ פרוי פאַרזייט 21) און געבערט אַ זכר״ 22)! — עס האַנדעלט זיך דהיינו אַז ביידע האָבען די זאמען אַרויסגעבראַכט צו גלייכער צייט 23).

„אַז איינער קומט פון וועג".

די רבנן האָבען געלערנט: עס האָט פאַסירט מיט הלל הזקן 24) אַז ער איז געקומען פון וועג און האָט דערהערט אַ ליאַרעם אין שטאָדט האָט ער געזאָגט: איך בין זיכער אַז דאָס איז ניט אין מיין הויז! וועגען איהם זאָגט דער פסוק 25): „פאַר אַ שלעכטע בשורה האָט ער קיין מורא ניט; זיין האַרץ איז פעסט, פאַרטרויענדיג אויף גאָט". רבא האָט געזאָגט: ווען דו דרשהסט דיזען פסוק, דרשה איהם פון אָנהויב צום סוף און [דרשה איהם] פון סוף צום אָנהויב: „דרשה איהם פון אָנהויב צום סוף" — „פאַר אַ שלעכטע

פירוש.

צווישען רב הונא און ר׳ יוחנן איז ווען מען האָט שוין פאַרן קויפען די גלייכע זאַכען. 1) אַז די מחלוקת איז ווען מען קויפט ווידער. 2) ווייל אפילו ר׳ יהודה איז דאָך נאָר מחולק ווען מען האָט שוין די גלייכע זאכען פאַרן קויפען אָבער ניט ווען מען קויפט ווידער. 3) ר׳ מאיר מיט ר׳ יהודה. 4) לויט ר׳ מאיר. 5) אַז לויט איהם דאַרף מען אין דיזען פאַל אויך מאַכען אַ ברכה. 6) ווייל מתיר מאַכען אַ זאַך איז שווערער ווי אסרן (רש״י ביצה ב׳ ב׳), דערפאַר ווערט בעסער דערמאָהנט אַז מען דאַרף ניט קיין ברכה מאַכען, לויט ר׳ מאיר, ווען מען האָט שוין די גלייכע זאַכען און מען קויפט זיי. — כֹּחָא דְהֶתֵּירָא עֲדִיף (די באַטאָנונג פון אַ היתר איז בעסער) איז אַ בעקאַנטער כלל אין דער גמרא.

7) דערפאַר מאַכט מען „דין האמת", ניט קוקענדיג אויף די טובה וואָס וועט שפעטער דערפון אַרויסקומען.

8) דערפאַר מאַכט מען „הטוב והמטיב", ניט קוקענדיג אויף די רעה וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען.

9) בראשית ל׳ כ״א. 10) ד״ה פאַרוואָס שטעהט ניט דאָ אויך „און זי איז ווידער טראגעדיג געוואָרען", ווי עס שטעהט ביי די פריהערדיגע קינדער וואָס זי האָט געבוירען? 11) ווייל די צוויי דיענסטען בלהה און זלפה האָבען דאָך געבוירען יעדע צו צוויי זיהן. 12) דינה — דין (אורטייל). 13) ד״ה מען ברענגט ניט קיין ראיה פון נסים. 14) נאָכן געשלעכטליכען פאַרקעהר. 15) דער זאמען. 16) אַ מיסגעבורט וואָס ווערט צוגאַסען און איז פלאַך ווי אַ געוויסער ים פיש וואָס הייסט סנדל (נדה כ״ה ב׳). 17) אין די ערשטע פערציג טעג אַז דאָס קינד זאָל זיין אַ זכר. 18) נדה כ״ה ב׳ און כ״ח א׳ און ל״א א׳. 19) ווייל דער ולד ענטשטעהט פון די לעצטע זאמען. 20) ויקרא י״ב ב׳. 21) תַזְרִיעַ איז די הפעיל (קויזאטיוו) פאָרם און באַדייטעט אימיצען פאַראורזאַכען עפעס צו טהון. 22) אם כן הענגט דאָך דאָס אָפּ פון פריהער פאַרזייען, טא וואָס העלפט דאָ בעטען? 23) אין דיזען פאַל קאָן שוין בעטען יאָ העלפען.

24) זעה „פירוש" זייטע 139 נומער 2. 25) תהלים קי״ב ז׳.

פֿלעגט דאס אזוי ענדיגן: „אילו פינו מלא שירה כים אא״וו אין אנו מספיקין להודות לך ה׳ אלהינו (ווען אונזער מויל וואלט פֿול געווען מיט געזאנג ווי דער ים אא״וו וואלטען מיר ניט געקענט גענוג דאנקען דיר, א גאט אונזער האר)״ ביז תשתחוה״ 1). „ברוך אתה ה׳ רוב ההודאות (געלויבט ביזטו גאט פֿון א סך דאנקען!)״. — „פֿון א סך דאנקען״ און ניט „פֿון אלע דאנקען״?! האט רבא געזאגט: זאג: „האל ההודאות״. רב פפא האט געזאגט: דערפֿאר לאמיר ביידע זאגען: „רוב ההודאות״ און „האל ההודאות״ 2). אבער (יעדענפֿאלס) איז דאך א קשיא! — עס איז קיין קשיא ניט, ווייל דאס איז אז מען האט עס געהערט 3) און יענעס איז אז מען האט עס געזעהן 4). — אבער אז מען האט עס געהערט איז עס דאך א גוטע בשורה, און מיר האבען דאך געלערנט אין דער משנה: „איבער גוטע בשורות זאגט מען: „ברוך הטוב והמטיב״ 5)! — נאר דא און דארט מיינט עס אז מען האט עס געזעהן, עס איז אבער קיין קשיא ניט, ווייל דא איז אז עס איז געקומען א ביסעל 6) און דארט אז עס איז געקומען אסך 7). און אז מען וויל קאן מען זאגען אז אין ביידע איז אז עס איז געקומען אסך, עס איז אבער קיין קיין קשיא ניט, ווייל דאס איז אז מען האט ערד 8) און יענעס אז מען האט ניט קיין ערד 9). — און אז מען האט ערד מאכט מען דען די ברכה „הטוב והמטיב״? עס ווערט דאך געלערנט אין א בריתא: אז מען האט געבויט א נייע הויז אדער געקויפֿט נייע זאכען זאגט מען: „ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!״, אבער אויב דאס איז פֿאר זיך און נאך אימיצען זאגט מען „הטוב והמטיב״! — דאס איז קיין קשיא ניט, ווייל דא האט מען בשותפות און דארט האט מען ניט בשותפות 10), ווארום עס ווערט געלערנט אין א בריתא: דער קצור דערפֿון איז: איבער דאס וואס איז (בלויז) זיינס זאגט ער „ברוך שהחיינו וקימנו״ און איבער דאס וואס איז זיינס און נאך אימיצענס זאגט ער: „ברוך הטוב והמטיב״! — אבער מאכט מען דען ניט „הטוב והמטיב״ דארט וואו מען האט ניט קיין אנדערן צו זיך? עס ווערט דאך געלערנט אין א בריתא: האט מען איהם אנגעזאגט אז זיין פֿרוי האט געבוירען א אינגעל, זאגט ער: „ברוך הטוב והמטיב״! — דארט האט ער דאך די פֿרוי צו זיך, וועלכע וויל אויך בעסער א אינגעל. — טא קום און הער: אז זיין פֿאטער איז געשטארבען און ער איז זיין יורש זאגט ער צוערשט: „ברוך דיין האמת!״ און נאכהער זאגט ער: „ברוך הטוב והמטיב״ 11)! — דארט איז אויך, ווייל עס זיינען דא ברידער וועלכע ירשהנען מיט איהם צוזאמען. — טא קום און הער 12): צוליב דער פֿארענדערונג פֿון ווייז 13) דארף מען ניט (נאך אמאל) מאכען א ברכה, אבער צוליב דער פֿארענדערונג פֿון ארט 14) דארף מען יא (נאך אמאל) מאכען א ברכה״, און רב יוסף בר אבא האט געזאגט אז ר׳ יוחנן האט געזאגט: הגם מען האט געזאגט אז צוליב דער פֿארענדערונג פֿון ווייז דארף מען ניט (נאך אמאל) מאכען א ברכה, פֿונדעסטוועגען זאגט מען: „ברוך הטוב והמטיב״! — דארט אי״ן אויך, ווייל עס איז דאך דא די טיש געזעלשאפֿט וועלכע טרינקען מיט איהם מיט.

„אז מען האט געבויט א נייע הויז אדער געקויפֿט נייע זאכען אא״וו״.

האט רב הונא געזאגט: דאס איז נאר גערעדט ווען מען האט ניט די גלייכע זאכען, אבער ווען מען האט שוין די גלייכע זאכען דארף מען ניט מאכען קיין ברכה; ר׳ יוחנן אבער האט געזאגט: אפילו ווען מען האט שוין די גלייכע זאכען דארף מען אויך מאכען א ברכה. (ס׳ א׳) פֿאלגליך איז אז ווען מען האט שוין געקויפֿט און מען קויפֿט ווידער זיינען אלע מסכים אז מען דארף נים מאכען קיין ברכה 15). און מאנכע זאגען אז רב הונא האט געזאגט: דאס איז נאר גערעדט ווען מען האט נאך ניט געקויפֿט און קויפֿט איצט, אבער ווען מען האט שוין געקויפֿט און מען קויפֿט איצט ווידער דארף מען ניט מאכען קיין ברכה; ר׳ יוחנן אבער האט געזאגט אז אפילו ווען מען האט שוין געקויפֿט און מען קויפֿט איצט ווידער דארף מען מאכען א ברכה. פֿאלגליך איז אז ווען מען האט דאס שוין און מען קויפֿט איצט זיינען אלע מסכים אז מען דארף מאכען א ברכה 16). האט מען דערויף געפֿרעגט 17): האט מען געבויט א נייע הויז און מען האט ניט דאס גלייכע אדער געקויפֿט נייע זאכען און מען האט נ־ט די גלייכע דארף מען ניט מאכען קיין ברכה. דאס זיינען די רייד פֿון ר׳ מאיר; ר׳ יהודה אבער זאגט: אזוי אדער אזוי דארף מען מאכען א ברכה 18). איז מילא לויט דער ערשטער ווערסיע 19) האלט

פירוש.

1) זעה די תפלה „נִשְׁמַת כָּל חַי״ וועלכע ווערט געזאגט שבת נאך „אָז יָשִׁיר״. לויט „אלפס״ און „רא״ש״, אויך לויט דעם מינכענער כ״י, בלויז ביז „וימליכו את שמך מלכנו״, און אזוי איז אויך דער דין אין „שלחן ערוך״ (או״ח רכ״א ב׳). 2) ד״ה „האל רוב ההודאות״. 3, 7 און 8) זאגט מען „הטוב והמטיב״, ווי אין אונזער משנה. 4, 6 און 9) זאגט מען „מודים אנחנו לך אא״וו״, ווי אין דער בריתא. 5) טא וואס דארף נאך שטעהן באזונדער „איבער רעגענס״? 10) ד״ה אז עס רעגענט רעגענט עס דאך ניט פֿאר איהם אליין נאר פֿאר אלע וואס האבען ערד, דערפֿאר זאגט מען „הטוב והמטיב״, אבער איבער א נייע הויז, וועלכעס איז דאך בלויז פֿאר זיך, מאכט מען „שהחינו״. 11) ווייל איין בשורה איז א שלעכטע און די אנדערע איז א גוטע; אם כן זעהן מיר דאך אז אפילו ווען דאס איז פֿאר זיך אליין מאכט מען אויך „הטוב והמטיב״. 12) פסחים ק״א ב׳. 13) ד״ה אז ער האט געמאכט א ברכה איבער ווייז און מען ברענגט איהם בעתן עסען אן אנדער ווייז וואס איז בעסער („רשב״ם״). 14) ווען מען געהט בעתן עסען איבער אויף אן אנדער ארט און מען טרינקט דארט ווידער ווייז.

15) ווייל דאס וואס ר׳ יוחנן האט געזאגט אז מען דארף מאכען א ברכה אפילו ווען מען האט שוין די גלייכע זאכען מיינט ער נאר אז מען האט זיי דורך א מתנה אדער א ירושה אבער ניט דורך קויפֿען. 16) ווייל דאס וואס ר׳ יוחנן האט געזאגט אז מען דארף ניט מאכען קיין ברכה איז נאר ווען מען האט שוין איינמאל געקויפֿט, ווייל דאן איז דאך דאס קיין נייעס ניט, אבער אז מען האט דאס שוין דורך ירושה אא״וו און מען קויפֿט דאס איז דאך דאס א נייעס. 17) פֿון א בריתא. 18) ווייל מען קויפֿט דאך צום ערשטען מאל. 19) אז די מחלוקת

האָט אביי געזאָגט: אַ מענש זאָל דאָס ניט זאָגען, טאָמער וועלען זיי איהם לאָזען און אַוועקגעהן, נאָר ער זאָל זאָגען: היט מיך, היט מיך! העלפט מיר, העלפט מיר! שטיצט מיך, שטיצט מיך! וואַרט אויף מיר, וואַרט אויף מיר ביז איך וועל אַריינגעהן און אַרויסגעהן, ווייל דאָס איז דער שטייגער פון מענשען". ווען ער קומט אַרויס זאָגט ער 1): „געלויבט איז וואָס האָט פאָרמירט דעם מענשען מיט חכמה און בעשאַפען אין איהם פאַרשידענע עפענונגען און פאַרשידענע רעהרען. עס איז באַקאַנט און באַוואוסט פאַר דיין כסא הכבוד אַז ווען איינער פון זיי 2) זאָל בלייבען אָפען אָדער ווען איינער פון זיי 3) זאָל ווערען צוגעמאַכט, וואָלט דאָס אונמעגליך געווען צו באַשטעהן פאַר דיר". ווי שליסט ער? האָט רבא געזאָגט: „רופא חולים". האָט שמואל געזאָגט: האַלט אבא 4) די גאַנצע וועלט פאַר קראַנקע? נאָר (ער זאָגט): „רופא כל בשר" 5). רב ששת האָט געזאָגט: „מפליא לעשות" 6). האָט רב פפא געזאָגט: דערפאַר לאָמיר זאָגען ביידע: „רוֹפֵא כָל בָּשָׂר וּמַפְלִיא לַעֲשׂוֹת (וואָס היילט יעדע פלייש און מאַכט וואונדערבאַרע זאַכען)".

דער וואָס לעגט זיך אין בעט שלאָפען זאָגט פון „שמע ישראל" ביז „והיה אם שמע" און [זאָגט:] „געלויבט איז 7) וואָס וואַרפט אַרויף די בינדען פון שלאָף אויף מיינע אויגען און אַ דרעמעל אויף מיינע ברעמען, אָבער לאָזט לייכטען דעם שוואַרין-אַפעל פון אויג 8). זאָל עס זיין דיין ווילען, גאָט מיין האַר, אַז דו זאָלסט מיך לעגען שלאָפען אין פריעדען, און גיב 9) מיר אַ חלק אין דיין תורה און געוועהן מיך צו מצוות און געוועהן מיך ניט צו עבירות, און ברענג מיך ניט ניט צו פעהלערען און ניט צו זינד און ניט צו אַ נסיון און ניט צו אַ בזיון, און זאָל דער יצר טוב אויף מיר אַ שליטה האָבען און דער יצר הרע זאָל אויף מיר קיין שליטה ניט האָבען, און ראַטעווע מיך פון אַ בייז באַגעגעניש און פון בייזע קראַנקהייטען, און זאָלען מיך קיין שלעכטע חלומות און קיין שלעכטע געדאַנקען ניט איבערשרעקען, און זאָל מיין בעט זיין פאָלקאָמען פאַר דיר 10), און האַלט אויף דאָס ליכט פון מיינע אויגען אַז איך זאָל ניט איינשלאָפען אין טויט אַריין. געלויבט ביזטו, גאָט, וואָס באַלייכט די גאַנצע וועלט מיט זיין הערליכקייט."! — ווען ער וואַכט אויף זאָגט ער: „מיין גאָט 11), די נשמה וואָס דו האָסט און מיר געגעבען איז אַ ריינע. דו האָסט זי בעשאַפען, דו האָסט זי אַריינגעבלאָזען אין מיר און דו האַלטסט זי אויף אין מיר און דו וועסט זי אַוועקנעהמען פון מיר און זי מיר לעתיד לבא צוריקגעבען. כל זמן די נשמה איז אין מיר דאַנק איך דיר, גאָט מיין האַר און דער גאָט פון מיינע עלטערן, דער האַר פון אַלע וועלטען און הערשער פון אַלע נשמות. געלויבט ביזטו, גאָט, וואָס קעהרט אום די נשמות צו די טויטע פגרים!". ווען ער הערט די העהנער קרעהען 12) זאָל ער זאָגען: „בָּרוּךְ אֲשֶׁר נָתַן לַשֶּׂכְוִי בִינָה לְהַבְחִין בֵּין יוֹם וּבֵין לָיְלָה (געלויבט איז וואָס האָט געגעבען דעם האָהן פאַרשטאַנד צו אונטערשיידען צווישען טאָג און נאַכט)!". אַז ער מאַכט אויף די אויגען זאָל ער זאָגען: „בָּרוּךְ פּוֹקֵחַ עִוְרִים (וואָס עפענט די אויגען פון די בלינדע)!". ווען ער שטעלט זיך אויף און זעצט זיך אַוועק זאָל ער זאָגען: „ברוך מַתִּיר אֲסוּרִים (וואָס בינדט אָפ די געבונדענע)!". ווען ער טהוט זיך אָן זאָל ער זאָגען: „ברוך מַלְבִּישׁ עֲרֻמִּים (וואָס באַקליידט די נאַקעטע)!". ווען ער שטעלט זיך זאָל ער זאָגען: „ברוך זוֹקֵף כְּפוּפִים (וואָס שטעלט אויף די איינגעבויגענע)!". ווען ער געהט אַראָפ אויף דער ערד זאָל ער זאָגען: „ברוך רוֹקַע הָאָרֶץ עַל הַמָּיִם וואָס ציהט אויס די ערד איבערן וואַסער)!". ווען ער מאַכט אַ טריט זאָל ער זאָגען: „ברוך הַמֵּכִין מִצְעֲדֵי גָבֶר (וואָס מאַכט גראַד די טריט פונם מענשען)!". ווען ער טהוט אָן די שיך זאָל ער זאָגען: „ברוך שעשה לִי כָּל צָרְכִּי (וואָס טהוט פאַר מיר אַלץ וואָס איך בעדאַרף)!". ווען ער בינדט זיך אַרום מיטן גאַרטעל זאָל ער זאָגען: „ברוך אוֹזֵר יִשְׂרָאֵל בִּגְבוּרָה (וואָס בינדט אַרום ישראל מיט גבורה)!". ווען ער טהוט אָן די קאָפּ-באַדעקונג זאָל ער זאָגען: „ברוך עוֹטֵר ישראל בתפאָרָה (וואָס באַקרוינט ישראל מיט שעהנקייט)!". ווען ער וויקעלט זיך אַרום מיט די ציצית 13) זאָל ער זאָגען: „ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו לְהִתְעַטֵּף בַּצִּיצִית (געלויבט אא"וו אַרום צו וויקלען זיך מיט די ציצית)!". ווען ער לעגט די תפילין אויפן אָרעם זאָל ער זאָגען: „ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו לְהָנִיחַ תפילין!", אויפן קאָפּ, זאָל ער זאָגען: „ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות תפילין!". ווען ער וואַשט די הענד זאָל ער זאָגען: „ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו על נטילת ידים!". ווען ער וואַשט דעם פּנים זאָל ער זאָגען: „געלויבט איז 14) וואָס נעהמט אַראָפּ די בינדען פון שלאָף פון מיינע אויגען און דרעמעל פון מיינע ברעמען. און זאָל עס זיין דיין ווילען, גאָט מיין האַר, אַז דו זאָלסט מיך געוועהנען צו דיין תורה און מיך באַהעפטען צו דיינע מצוות און זאָלסט מיך ניט ברענגען ניט צו פעהלערן און ניט צו זינד און ניט צו אַ נסיון און ניט צו אַ בזיון, און צווינג מיין ווילען צו אונטערוואַרפען זיך אונטער דיר

פירוש.

וועגען דיר צו היטען דיך אין אַלע דיינע וועגען." 1) כא"י אמ"ה אֲשֶׁר יָצַר אֶת הָאָדָם בְּחָכְמָה אא"וו". 2) פון די רעהרען, ווי הארץ, געדערים אא"וו. 3) פון די עפענונגען, ווי מויל, נאָז אא"וו. 4) זעה „פירוש" ז 165, נומ. 11. 5) ווייל דער שטוהלגאַנג איז אַ רפואה פאַר יעדערן. 6) ווייל דאָס איז אַ וואונדער וואָס עס האַלטען זיך אין קערפער לופט און פליסיגקייטען, הגם ער איז פול מיט עפענונגען און רעהרען.

7) „בא"י אמ"ה הַמַּפִּיל חֶבְלֵי שֵׁנָה עַל עֵינַי אא"וו". 8) ד"ה ער האַלט פונדעסטוועגען אויף די חיות אין מענשען, הגם דער שלאָף איז עהנליך צום טויט (זעה ז, 202). 9) אין דעם היינטיגען נוסח פעהלט פון דאָנען ביז „בייזע קראַנקהייטען", דערפאַר שטעהט אָבער „ותעמידני לשלום", וועלכעס געפינט זיך אין „אלפס" און אין דעם מינכענער כ"י. 10) ד"ה אַז עס זאָל ניט זיין קיין רשע און קיין פסול אין מיינע קינדער. 11) „אֱלֹהַי נְשָׁמָה שֶׁנָּתַתָּ בִּי טְהוֹרָה הִיא אא"וו". 12) דיזע ברכה מאַכט מען אפילו אַז מען הערט ניט קרעהען, ווייל די ברכה איז ניט איבער דאָס קרעהען נאָר איבער דעם טאָג וואָס קומט („תוספות"). 13) ד"ה מיטן טלית. 14) „בא"י אמ"ה הַמַּעֲבִיר חֶבְלֵי שֵׁנָה מֵעֵינַי וּתְנוּמָה מֵעַפְעַפָּי. ויהי רצון אא"וו".

בשורה האָט ער קיין מורא ניט"; פאַרוואָס? ווייל „זיין האַרץ איז פעסט, פאַרטרויענדיג אויף גאָט", „דרשה איהם פון סוף צום אנהויב" — „זיין האַרץ איז פעסט, פאַרטרויענדיג אויף גאָט", דערפאַר „האָט ער קיין מורא ניט פאַר אַ שלעכ־טע בשורה". — עס איז געווען אַ תלמיד וואָס איז נאָכגע־גאַנגען נאָך ר' ישמעאל בר' יוסי אויפן מאַרק פון ציון. האָט ער באַמערקט אַז ער שרעקט זיך און האָט איהם געזאָגט: דו ביזט אַ זינדער! ווארום עס שטעהט געשריבען 1): „עס שרעקען זיך אין ציון די זינדער". האָט ער איהם געענט־פערט: עס שטעהט דאָך אָבער געשריבען 2): „וואוהל איז דעם מענשען וואָס שרעקט זיך שטענדיג"! האָט ער 3) זיך אָפּגערופען: דאָס שטעהט געשריבען ווענגען דברי תורה. — יהודה בר נתן האָט גענומען און געגאַנגען נאָך ר' המנונאי האָט ער 4) אַ זיפץ געטהון. האָט ער צו איהם געזאָגט: יסורים וויל דיזער מענש אויף זיך ברענגען! וואָרום עס שטעהט געשריבען 5): „ווארום די שרעק פאַר וועלכע איך האָב זיך געשראָקען האָט מיך געטראָפען און פאַר דאָס וואָס איך האָב מורא געהאַט איז אויף מיר געקומען". — עס שטעהט דאָך אָבער געשריבען: „וואוהל איז דעם מענשען וואָס שרעקט זיך שטענדיג"?! — דאָס שטעהט געשריבען ווענגען דברי תורה.

„אז איינער קומט אריין אין א כרך".

די רבנן האָבען געלערנט: וואָס זאָגט ער ווען ער האַלט ביי אַריינקומען? „יהי רצון מלפניך ה' אלהי שֶׁתַּכְנִיסֵנִי לִכרך זה לשלום (זאָל עס זיין דיין ווילען, גאָט מיין האַר, אַז דו זאָלסט מיך אַריינברענגען אין דיזער שטאָדט אין פרידען)". ווען ער קומט אריין זאָגט ער: „מודה אני לפניך ה' אלהי שֶׁהוֹצֵאתַנִי מכרך זה לשלום, וכשם שהוצא־תני לשלום כַּךְ תּוֹלִיכֵנִי לשלום וְתִסְמְכֵנִי לשלום וְתַצְעִידֵנִי לשלום וְתַצִּילֵנִי מִכַּף כָּל אוֹיֵב וְאוֹרֵב בַּדֶּרֶךְ (איך דאַנק דיר אא"וו וואָס דו האָסט מיך אַרויסגעפיהרט פון דיזען כרך אין פרידען, און אַזוי ווי אא"וו אַזוי זאָלסטו מיך פיהרען אין פרידען און מיך שטיצען אין פרידען און מיך לאָזען שרייטען אין פרידען און מיך ראַטעווען פון די הענט פון פיינד וואָס לויערן אויפן וועג!)" 6). רב מתנא האָט געזאָגט: דאָס איז נאָר גערעדט ווענגען אַ כרך וואו מען הרגעט אהן אַ משפט, אבער אין אַ כרך וואו מען משפט בעפאָר מען הרגעט מאַכט ניט אויס 7). מאַנכע זאָגען אַז רב מתנא האָט געזאָגט אַז אפילו אין אַ כרך וואו מען משפט בעפאָר מען הרגעט, ווייל מאַנכמאָל (קאָן פּאַסירען אַז עס) זאָל זיך איהם ניט טרעפען אַ מענש וואָס זאָל זיין אונשולד באַווייזען:

די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס געהט אַריין אין אַ מרחץ זאָגט: "זאָל עס זיין דיין ווילען, גאָט מיין האַר, אַז דו זאָלסט מיך ראַטעווען 8) דערפון און פון עהנליכע (ערטער) און אַז עס זאָל מיר ניט פאַרקומען קיין אונגליק און קיין זינד, און אויב עס וועט מיר פאָרקומען אונגליק און זינד זאָל מיין טויט זיין אַ כפרה פאַר אַלע מיינע זינד!".

אביי האָט געזאָגט: אַ מענש דאַרף אַזוי ניט זאָגען, כדי ניט צו עפענען דעם שטן'ס מויל, ווארום ריש לקיש האָט געזאָגט, און אַזוי איז אויך געלערנט געוואָרען אין נאָמען פון ר' יוסי: „אַ מענש זאָל קיינמאָל ניט עפענען דעם שטן'ס מויל, און רב יוסף האָט געזאָגט: וואו איז אַ פסוק דערפאַר? ווייל עס שטעהט געשריבען: „מיר זיינען כמעט געוואָרען ווי סדום", און וואָס ענטפערט זיי דער נביא? „הערט גאָטס וואָרט, איהר קצינים פון סדום אא"וו!" 9). וואָס זאָגט ער ווען ער קומט אַרויס? האָט ר' אחא געזאָגט: „מודה אני לפניך ה' אלהי שֶׁהִצַּלְתַּנִי מִן הָאוּר (איך, דאַנק דיר גאָט מיין האַר, וואָס דו האָסט מיך געראַטעוועט פון פייער)!". — ר' אבהו איז אַריין אין אַ מרחץ און דער מרחץ איז אונטען כליה געוואָרען. האָט זיך איהם געטראָפען אַ נס און ער איז אַרויף אויף אַ זייל, און ער האָט מיט איין האַנד געראַ־טעוועט הונדערט און איין מענשען. האָט ער געזאָגט: דאָס איז ווי ר' אחא 10), (וואָס ר' אחא געזאָגט 11). — דער וואָס געהט אַריין זיך אָדער לאָזען זאָגט: „זאָל עס זיין דיין ווי־לען, גאָט מיין האַר, אַז דיזע האַנדלונג זאָל מיר זיין צו רפואה און דו זאָלסט מיך היילען, ווארום דו ביזט אַ צו־פאַרלעסיגער רופא און דיין רפואה איז אמת. הגם מענשען האָבען ניט געדאַרפט זיך לאָזען היילען 12), אָבער זיי פיהּ־רען זיך שוין אַזוי!". האָט אביי געזאָגט: אַ מענש זאָל אַזוי ניט זאָגען, ווארום אין ר' ישמעאל'ס ישיבה איז געלערנט געוואָרען: „און ער זאָל איהם לאָזען היילען" 13), דערפון איז גענומען אַז די רופאים איז געגעבען געוואָרען רשות צו היילען 14). וואָס זאָגט ער ווען ער קומט אַרויס? האָט ר' אחא געזאָגט: „ברוך רופא חִנם"!

(בּ') דער וואָס געהט אַריין אין בית הכסא זאָגט 15): „זייט געעהרט, איהר געעהרטע און הייליגע דיענער פון דעם אויבערשטען! לאָזט מיך אָפּ ביז איך וועל אַריינגעהן און טהון וואָס איך דאַרף און וועל (צוריק) קומען צו אייך!".

פירוש.

1) ישעיה ל"ג י"ד. 2) משלי כ"ח י"ד. 3) ר' ישמעאל. 4) יהודה בר נתן. 5) איוב ג' כ"ה.

6) אַלזאָ פיער ברכות, ווי בן עזאי זאָגט אין אונזער משנה. 7) ד"ה איז ניט נויטיג צו מאַכען אַלע דיזע ברכות, ווייל אַז ער וועט קיין בייז ניט טהון וועט איהם קיין בייז ניט פּאַסירען.

8) אין „אלפס" און „רא"ש" און „רמב"ם„ און אויך אין דעם מינ-כענער כ"י איז דער נוסח אַן אַנדערער: „שתכניסני לשלום ותוציאני לשלום ותצילני מהאור הזה וּכְּיוֹצֵא בוֹ לֶעָתִיד לָבֹא (אַז דו זאָלסט אא"וו און פון עהנליכעס אין דער צוקונפט)". אַזוי אויך אין „שלחן ערוך" (או"ח ר"ל ג'). 9) זעה אויך ז. 70 און „פירוש" דאָרט נומ. 27-29.

10) אַז מען דאַרף דאנקען ווען מען קומט אַרויס. 11) דיזע ווערטער האָבען קיין שייכות ניט צו דער פאלגענדער מימרא און ניט האָבענדיג צוליב דעם קיין זין ווערען זיי באַטראַכט אלס איבעריג, זיי פעהלען טאַקע אין דער ערשטער תלמוד אויסגאַבע. 12) נאָר בעטען צו גאָט אַז ער זאָל זיי היילען 13) שמות כ"א י"ט. 14) ווייל די תורה אַליין פאַרפליכטעט דאָך דערצו דעם וואָס האָט געשלאָגען.

15) צו די מלאכים וואָס באַגלייטען תמיד דעם מענשען, ווי עס שטעהט אין תהלים צ"א י"א: „ווארום ער באַפעהלט זיינע מלאכים

באַשאַפונג", ווייל ער איז ערשט פאַר שבת איינגאַנג באַשאַ-
פען געוואָרען, אבער „און צוערשט ביי פורעניות" ביי וועלכע
פורעניות? זאָלען מיר זאָגען ביי די פורעניות פון שלאַנג?!
ווערט דאָך געלערנט אין אַ ברייתא 1): „רבי זאָגט: ביי
גדולה הויבט מען אָן פון גרעסטען, וואָרום עס שטעהט
געשריבען 2): „און משה האָט גערעדט צו אהרן און צו
אליעזר און צו איתמר 3) זיינע איבערגעבליבענע זיהן: נעהמט
אא"וו", ביי אַ קללה הויבט מען אָ, פון קלענסטען, (ווייל
צוערשט איז פאַרשאָלטען געוואָרען די שלאַנג און נאַכהער
איז פאַרשאָלטען געוואָרען חוה און צולעצט איז פאַרשאָלטען
געוואָרען אדם" 4)! נאָר דאָס מיינט די פורעניות פון מבול,
וואָרום עס שטעהט געשריבען 5): „און ער האָט אָפּגעמעקט
אַלץ וואָס האָט עקזיסטירט אויף דער אויבערפלעכע פון
דער ערד, פון מענש ביז בהמה", אַלזא צוערשט מענש און
נאַכהער בהמה. — מילא לויט דעם וואָס זאָגט אַז אַ פנים
איז רעכט וואָס שטעהט געשריבען „וייצר" מיט צוויי יודען,
אָבער לויט דעם וואָס זאָגט אַז אַן עק, טאָ פאַרוואָס „וייצר"?—
ווי ר' שמעון בן פזי, וואָרום ר' שמעון בן פזי האָט געזאָגט:
וועה איז צו מיר פון מיין באַשאַפער און וועה איז צו מיר
פון מיין נייגונג! — מילא לויט דעם וואָס זאָגט אַז אַ פנים
איז רעכט דאָס וואָס שטעהט געשריבען 6): „אַ זכר און אַ
נקבה האָט ער זיי באַשאַפען" 7), אָבער לויט דעם וואָס
זאָגט אַן עק, טאָ פאַרוואָס „אַ זכר און אַ נקבה האָט ער
זיי באַשאַפען"? — ווי ר' אבהו; וואָרום ר' אבהו האָט אויפ-
געוואָרפען די פראַגע: איינמאָל שטעהט געשריבען: „אַ זכר
און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפען" און איינמאָל שטעהט
געשריבען 8): „וואָרום אין דעם פורעם פון גאָט האָט ער
געמאַכט דעם מענש" 9). ווי אַזוי איז דאָס? צוערשט האָט
ער בדעה געהאַט צו באַשאַפען צוויי און צום סוף איז נאָר
איינער באַשאַפען געוואָרען 10). — מילא לויט דעם וואָס זאָגט
אַז אַ פנים איז רעכט וואָס עס שטעהט 11): „און ער האָט
דעם אָרט פאַרשלאָסען מיט פלייש" 12), אָבער לויט דעם
וואָס זאָגט אַז אַן עק, טאָ פאַרוואָס „און ער האָט דעם אָרט
פאַרשלאָסען מיט פלייש"? האָט ר' ירמיה געזאָגט, און מאַנ-
כע זאָגען אַז ר' זביד, און מאַנכע זאָגען אַז רב נחמן בר
יצחק: דאָס באַציהט זיך אויפן אָרט פון שניט 13). — מילא
לויט דעם וואָס זאָגט אַז אַן עק איז רעכט דאָס וואָס שטעהט
„און ער האָט געבויט", אָבער לויט דעם וואָס זאָגט—אַז אַ
פנים, טאָ פאַרוואָס „און ער האָט געבויט" 14)? — לויט ר'
שמעון בן מנסיא; וואָרום ר' שמעון בן מנסיא האָט גע-
דרשהט 15): „וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט געשריבען: „און
גאָט האָט געבויט די ריפּ"? דאָס לערנט אַז דער קב"ה האָט
חוה'ן איינגעוויקעלט 16) און האָט זי געבראַכט צו אדם
הראשון, וואָרום אין די ווייטע מדינות רופט מען אַ קנויל
אַ געבוי". אַן אַנדער ערקלעהרונג: „און ער האָט געבויט",
האָט רב חסדא געזאָגט, און מאַנכע זאָגען אַז דאָס ווערט
געלערנט אין אַ ברייתא, אַז דאָס לערנט אַז דער קב"ה האָט
חוה'ן געבויט ווי מען בויט אַ מאַגאַזין: אַזוי ווי אַ מאַגאַזין
אין אויבען שמאָל און אונטען ברייט, כדי אויפצונעהמען די
פרוכט, אַזוי איז אויך די פרוי אויבען שמאָל און אונטען
ברייט כדי אויפצונעהמען דאָס קינד. — „און ער האָט זי
געבראַכט צום מענשען" 17), האָט ר' ירמיה בן אלעזר געזאָגט:
דאָס לערנט אַז דער קב"ה איז געוואָרען אדם הראשון'ס
אונטערפיהרער. פון דאַנען האָט די תורה געלערנט אַ זיטע
אַז אַ גדול זאָל זוכען צו זיין אונטערפיהרער ביי אַ קלענערן
און דאָס זאָל איהם ניט פאַרדריסען. — און לויט דעם וואָס
האָט געזאָגט אַז אַ פנים, וועלכער איז פון זיי 18) פאָרויס-
געגאַנגען? האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט: דער שכל איז
מחיב אַז דער מאַנסביל איז פאָרויסגעגאַנגען, וואָרום עס
ווערט געלערנט אין אַ ברייתא: אַ מענש זאָל ניט געהן אין
וועג הינטער אַ פרוי, אפילו אַז דאָס איז זיין פרוי, און אויב
ער טרעפט זי אויף אַ בריק זאָל ער זי לאָזען געהן ביי דער
זייט, און דער וואָס געהט אַריבער אַ טייך הינטער אַ
פרוי 19) וועט קיין חלק לעולם הבא ניט האָבען.

די רבנן האָבען געלערנט 20): דער וואָס צעהלט אַ
פרוי אויס געלד פון האַנד צו האַנד כדי זי דערווייל צו
באַטראַכטען, וועט ניט בעפרייט ווערען פון דער שטראָף
פון גיהנם, אפילו ווען ער זאָל האָבען תורה און מעשים
טובים ווי משה רבינו, וואָרום עס שטעהט 21): „פון האַנד
צו האַנד וועט ער ניט באַפרייט ווערען פון שלעכטס", (ר"ה)
ער וועט ניט באַפרייט ווערען פון דער שטראָף פון גהינם.
רב נחמן האָט געזאָגט: מנוח 22) איז געווען אַן עם הארץ,
וואָרום עס שטעהט געשריבען 23): „און מנוח איז נעגאַנגען
נאָך זיין פרוי". האָט רב נחמן בר יצחק דאַגעגען אייסגע-
זעצט: אויב אַזוי, מיינט דאָך דאָס וואָס שטעהט געשריבען
ביי אלקנה 24): „און אלקנה איז נעגאַנגען נאָך זיין פרוי"

פ י ר ו ש.

1) תענית ט"ו ב'. 2) ויקרא י' י"ב. 3) אליעזר איז געווען עלטער פאַר איתמר. 4) זעה בראשית ג' י"ד — כ"א. 5) דאָרט ז' כ"ג. 6) דאָרט ה' ג'. 7) ד"ה אַז אין אָנהאַנג פון זייער באַשאַפונג זיינען זיי געווען צוויי, ד"ה אַז אדם הראשון איז געווען אַ זכר און אַ נקבה אין איין פערזאָן. 8) בראשית ט' ו'. 9) אלזא נאָר איינעם. 10) דער פסוק „האָט ער זיי באַשאַפען" שטעהט פריהער. 11) בראשית ב' כ"א. 12) ווייל דורך צו-שפאַלטען דעם קערפער איז דאָך געווען אַ גרויסע וואונד. 13) וואו דער עק איז אָפּגעשניטען געוואָרען. 14) ווייל חוה איז דאָך שוין געווען געבויט. 15) שבת צ"ה א' און ע. 16) צ"ל (ריפּ) הלץ (פלעכטען, צונויפ-וויקלען). 17) בראשית ב' כ"ב. 18) פון די צוויי פערזאָנען, פון וועלכע אדם הראשון איז באַשטאַנען. 19) וואו זי מוז די קליידער אויפהעבען צוליבן וואַסער.

20) ערובין י"ח ב' און כלה פ"א. 21) משלי י"א כ"א. — דאָרט האַנדעלט זיך וועגען אַ פרוי. 22) שמשון'ס פאָטער. 23) שופטים י"ג י"א. 24) שמואל'ס פאָטער. — דער ציטירטער פסוק עקזיסטירט ניט אין תנ"ך, דערפאַר מעקט „תוספות" אויס דעם טייל וואו עס רעדט זיך וועגען אלקנה ס).

ס) אין דעם מינכענער כ"י שטעהט „וילך אלקנה" און ניט מעהר, און דאָס איז אַ באַווייז פאַר די סברא פון „דיקדוקי סופרים" וועלכער אונטערשטיצט די גירסא פון ילקוט שופטים י"ג, וואו דער וועלכער מאמר קומט פאָר און וואו עס שטעהט אבער „וילך אלקנה הרמתה על ביתו (שמואל א' ב' י"א)". דער באַווייז איז דאָ מעהר אַ כתרכאַלטענער און איז נעבויט דערויף וואָס עס שטעהט על ל און ניט אל, ווי עס וואָלט נעדאַרפט שטעהן ווען „על ביתו" וואָלט ווירקליך נעמיינט

און דערוואייטער מיך פֿון אַ שלעכטען מענשען און פֿון אַ שלעכטען חבר און באַהעפֿט מיך אין דיין וועלט צום יצר טוב און צו אַ גוטען חבר און מאַך מיך געפֿינען היינט און אַלע טעג חן און גענאַד און רחמים אין דיינע אויגען און אין די אויגען פֿון אַלע וואָס זעהען מיך און באַלוין מיך מיט דיינע גוטע חסדים. געלויבט ביזטו, גאָט, וואָס באַלוינט זיין פֿאָלק ישראל מיט גוטע חסדים"!

„א מענש איז מחויב צו מאַכען א ברכה אא"וו".

וואָס מיינט „איז מחויב צו מאַכען אַ ברכה איבער אַ רעה אַזוי גוט ווי ער מאַכט אַ ברכה איבער אַ טובה"? זאָל עס מיינען: אַז אַזוי ווי מען מאַכט אַ ברכה איבער אַ טובה „הטוב והמטיב", אַזוי זאָל מען איבער אַ רעה אויך מאַכען „הטוב והמטיב"? האָבען מיר דאָך אָבער געלערנט אין אונזער משנה: „איבער גוטע בשורות זאָגט מען „הטוב והמטיב", איבער שלעכטע בשורות זאָגט מען: „ברוך דיין האמת"! האָט רבא געזאָגט: דאָס איז נאָר נויטיג וועגען דעם אַז מען זאָל דאָס מקבל באהבה זיין. ר' אחא האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' לוי: וואו איז אַ פסוק דערפֿאַר? „פֿאַר גענאַד און פֿאַר רעכט וועל איך צו דיר, גאָט, זינגען און לויבען" 1), אויב דאָס איז גענאַד וועל איך זינגען און אויב דאָס איז רעכט וועל איך זינגען. ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: פֿון דאַנען 2): „אין גאָט וועל איך ריהמען דאָס וואָרט, אין דעם האר וועל איך ריהמען דאָס וואָרט", „אין גאָט וועל איך ריהמען דאָס וואָרט" דאָס איז די מדה פֿון גוטס, „אין דעם האַר וועל איך ריהמען דאָס וואָרט" דאָס איז די מדה פֿון פורעניות. ר' תנחום האָט געזאָגט: פֿון דאַנען 3): „איך וועל אויפֿהעבען אַ בעכער פֿון ישועה און וועל רופֿען אין גאָטס נאָמען", „איך האָב געפֿונען צרה און טרויער, אָבער איך וועל רופֿען אין גאָטס נאָמען". די רבנן האָבען געזאָגט: פֿון דאַנען 4): „גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט אַוועקגענומען, זאָל גאָטס נאָמען זיין געלויבט"!

רב הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' מאיר, און אַזוי איז אויך געלערנט געוואָרען אין נאָמען פֿון ר' עקיבא: אַ מענש זאָל תמיד זיין געוועהנט צו זאָגען: אַלץ וואָס דער באַרעמהערציגער טהוט איז צו גוטען! ווי דאָס וואָס האָט פּאַסירט צו ר' עקיבא'ן, וועלכער איז געווען אונטערוועגענס און איז אָנגעקומען אין אַ שטאָדט און האָט געזוכט אַן אכסניא און קיינער האָט איהם ניט געוואָלט אַריינגעהמען. האָט ער געזאָגט: אַלץ וואָס דער באַרעמהערציגער טהוט איז צו גוטען! און איז אַוועק און האָט גענעכטיגט אויפֿן פֿעלד. האָט ער מיט זיך געהאַט א האָהן און אַן עזעל און אַ ליכט. איז געקומען אַ שטורעם ווינד און האָט אויסגעלאָשען דאָס ליכט, און עס איז געקומען אַ קאַץ און האָט אויפֿגעפֿרעסען דעם האָהן, און עס איז געקומען אַ לייב און האָט אויפֿגעפֿרעסען דעם עזעל. האָט ער געזאָגט: אַלץ וואָס דער באַרעמהערציגער טהוט איז צו גוטען! אין דער זעלבער נאַכט איז געקומען אַן אַרמיי און האָט די שטאָדט געפֿאַנגען גענומען. האָט ער צו זיי געזאָגט: האָב איך אייך ניט געזאָגט אַז אַלץ וואָס דער קב"ה טהוט (ס"א א') איז [אַלץ] צו גוטען 5)?!

ווייטער האָט רב הונא געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' מאיר: אַ מענשען'ס ווערטער זאָלען תמיד זיין וועניג פֿאַרן קב"ה, וואָרום עס שטעהט 6): „איבעראייל זיך ניט מיט דיין מויל און דיין האַרץ זאָל ניט זיין צו שנעל אַרויסצוברענגען אַ וואָרט פֿאַר גאָט, וואָרום גאָט איז אין הימעל און דו ביזט אויף דער ערד, דערפֿאַר זאָלען דיינע ווערטער זיין וועניג".

רב נחמן דער זוהן פֿון רב חסדא האָט גערדרשעט: וואָס באַדייטעט דאָס וואָס שטעהט געשריבען 7): „און גאָט האָט געשטאַלטעט (וַיִּיצֶר) דעם מענש" מיט צוויי יודן 8)? צוויי נייגונגען (יְצָרִים) האָט דער קב"ה (איהם) באַשאַפֿען: איין נייגונג צום גוטען (יצר טוב) און אַן אַנדער נייגונג צום שלעכטען (יצר רע). האָט רב נחמן בר יצחק דאַגעגען אויסגעזעצט: אויב אַזוי קומט דאָך אויס אַז די בהמות, ביי וועלכע עס שטעהט נים געשריבען „וייצר", האָבען קיין נייגונג ניט, מיר זעהן דאָך אָבער אַז זיי זיינען מזיק און בייסען און בריקעווען! נאָר דאָס מיינט ווי ר' שמעון בן פזי, וואָרום ר' שמעון בן פזי האָט געזאָגט: וועה איז צו מיר פֿון מיין באַשאַפֿער און וועה איז צו מיר פֿון מיין נייגונג 9)! אָדער אויך ווי ר' ירמיה בן אלעזר האָט געזאָגט: צוויי פּנים'ער האָט דער קב"ה באַשאַפֿען אין אדם הראשון 10), וואָרום עס שטעהט 11): „הינטען און פֿאָרענט האָסטו מיך געשטאַלטעט" 12). — „און גאָט האָט געבויט די ריפּ" 13), (זיינען) רב און שמואל (מחולק וועגען דעם); איינער זאָגט אַז דאָס 14) איז געווען אַ פּנים, און דער אַנדערער זאָגט אַן עק 15). איז מילא לויט דעם וואָס זאָגט אַז אַ פּנים איז רעכט דאָס וואָס שטעהט געשריבען: „הינטען און פֿאָרענט האָסטו מיך געשטאַלטעט", אָבער לויט דעם וואָס זאָגט אַז אַן עק, טאָ וואָס מיינט „הינטען און פֿאָרענט האָסטו מיך געשטאַלטעט"? דאָס מיינט ווי ר' אמי, וואָרום ר' אמי האָט געזאָגט: צולעצט פֿון דער וועלטבאַשאַפֿינג און צוערשט 16) ביי פורעניות. — מילא צולעצט פֿון דער וועלט

פירוש.

1) תהלים ק"א א'. 2) דאָרט נ"ו י"א. דער דרש איז געבויט דערויף וואָס אין פסוק שטעהט איינמאָל ה' (מדת הרחמים) און איינמאָל אלהים (מדת הדין). 3) דאָרט קט"ז י"ג, ג' און ד'. 4) איוב א' כ"א.

5) ווייל ווען ער וואָלט געווען אין שטאָדט וואָלט מען איהם אויך געפֿאַנגען גענומען און ווען דאָס ליכט וואָלט געברענט אדער דער האָהן געקרעהט אָדער דער עזעל געהירזשעט וואָלט די אַרמיי איהם באַמערקט.

6) קהלת ה' א'.

7) בראשית ב' ז'. 8) אין פסוק י"ט, וואו עס רערט זיך פֿון דער געשטאַלטונג פֿון די חיות, שטעהט ריכטיג וַיִּצֶר, מיט איין יוד. 9) אוי לִי מִיּוֹצְרִי וְאוֹי לִי מִיִּצְרִי, ד"ה פֿאָלג איך דעם יצר הרע וועל איך לויידען פֿון גאָט, און פֿאָלג איך גאָט האָב איך צו ליידען פֿון מיין יצר הרע. 10) און נאַכהער האָט ער איהם צושפּאָלטען אויף צווייען און פֿון איין העלפֿט געמאַכט חוה'ן. 11) תהלים קל"ט ה'. 12) צַרְתָּנִי — צורת. 13) בראשית ב' כ"ב. 14) פֿון וואָס חוה איז באַשאַפֿען געוואָרען. 15) ד"ה אַז אדם הראשון האָט צוערשט געהאַט אַן עק און דערפֿון איז נאַכהער חוה באַשאַפֿען געוואָרען. 16) אָחוֹר וָקֶדֶם — אַחַר וְקֹדֶם (צולעצט און צוערשט).

„און דו זאלסט ליעבען גאט דיין האר".

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט 1): „ר' אליעזר זאָגט: אַז עס שטעהט שוין „מיט דיין גאַנצער זעעלע", טאָ פאַרוואָס דאַרף נאָך שטעהן „מיט דיין גאַנצען פאַרמעגען", און אַז עס שטעהט שוין „מיט דיין גאַנצען פאַרמעגען", טאָ פאַרוואָס דאַרף נאָך שטעהן „מיט דיין גאַנצער זעעלע"? נאָר אויב עס איז דאָ אַ מענש וואָס זיין גוף איז ביי איהם טייערער ווי זיין געלד, דערפאַר שטעהט „מיט דיין גאַנצער זעעלע", און אויב עס איז דאָ אַ מענש וואָס זיין געלד איז ביי איהם טייערער ווי זיין גוף, דערפאַר שטעהט „מיט דיין גאַנצען פאַרמעגען". ר' עקיבא זאָגט: „מיט דיין גאַנצער זעעלע"— אפילו אַז ער נעהמט אַוועק דיין זעעלע.

די רבנן האָבען געלערנט: די פאַרברעכערישע רעגירונג 2) האָט איינמאָל גוזר געווען אַז אידען זאָלען זיך ניט אפּגעבען מיט דער תורה. איז פפוס בן יהודה 3) געקומען און האָט געפונען אַז ר' עקיבא מאַכט עפענטליכע פאַרזאַמלונגען און איז עוסק בתורה. האָט ער איהם געפרעגט: עקיבא, האָסטו קיין מורא ניט פאַר דער רעגירונג? האָט ער איהם געענטפערט: איך וועל דיר געבען אַ משל צו וואָס דאָס איז געגליכען: צו אַ פוקס. וואָס איז אַרומגעגאַנגען ביים ברעג פון טייך און האָט באַמערקט אַז די פיש קלייבען זיך איבער פון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. האָט ער זיי געפרעגט: פאַרוואָס אַנטלויפט איהר? האָבען זיי איהם געענטפערט: צוליב די נעצען וואָס די מענשען ברענגען פאַר אונז. רופט ער זיך אָן צו זיי: אויב איהר ווילט, קומט אַרויף אויף דער יבשה, וועלען מיר וואָהנען צוזאַמען, אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבען מיט אייערע עלטערן געלעבט. האָבען זיי איהם געענטפערט: דו ביזט דאָס דער וואָס מען זאָגט אויף איהם אַז ער איז דער קלוגסטער פון די חיות? דו ביזט ניט קיין פקח נאָר אַ טפש. מה דאָך אַז מיר האָבען מורא דאָרט וואו מיר (קאָנען) לעבען, איז דאָך דאָרט וואו עס מיינט אונזער טויט אודאי און אודאי! אַזוי איז אויך מיט אונז: אויב עס איז שוין אַזוי איצט, ווען מיר זיצען און לערנען תורה, פון וועלכער עס שטעהט געשריבען 4): „ווארום זי איז דיין לעבען און דיינע לאַנגע יאָהרען", וועט עס דאָך אודאי און אודאי זיין, ווען מיר זאָלען געהן זיך אָפּזאָגען פון איהר. מען דערצעהלט: עס האָט בלויז געדויערט אַ פאָר טעג, האָט מען ר' עקיבא'ן אַרעסטירט און מען האָט איהם אַריינגעוואָרפען אין תפיסה. נאָכהער האָט מען אויך פפוס אַרעסטירט און אַריינגעוואָרפען נעבען איהם. האָט ער איהם געפרעגט: פפוס, וואָס האָט דיך אַהערגעבראַכט? האָט ער צו איהם געזאָגט: וואָהל איז צו דיר, ר' עקיבא, וואָס דו ביזט אַרעסטירט געוואָרען וועגען תורה, און וועה איז צו פפוס וואָס איז אַרעסטירט געוואָרען וועגען נאַרישקייטען!—בשעת מען האָט ר' עקיבא'ן אַרויסגעפיהרט צו דער הריגה איז געווען די צייט פון קריאת שמע, האָט מען געריסען זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען און ער האָט אויף זיך מקבל געווען דעם יאָך פון מלכות שמים 5). האָבען זיינע תלמידים איהם געפרעגט: רבי, אַזוי

ווייט? האָט ער זיי געענטפערט: מיין גאַנצען לעבען האָב
איך זיך מצער געווען וועגען דיזען פסוק: „מיט דיין גאַנצער
זעעלע" מיינט דאָך אפילו ווען ער נעהמט אַוועק דיין זעעלע;
ווען — האָב איך זיך געטראַכט — וועט דאָס מיר פאָרקומען
אַז איך זאָל דאָס מקים זיין? און איצט אַז דאָס איז מיר פאָר-
געקומען זאָל איך דאָס ניט מקים זיין?! ער האָט דעם „אחד"
אַזוי אויסגעצויגען, ביז זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען ביי „אחד".
איז אַרויס אַ בת קול און האָט אויסגערופען: וואָהל איז צו
דיר, ר' עקיבא, וואָס דיין נשמה איז אויסגעגאַנגען ביי
„אחד"! האָבען די מלאכי השרת געטענהט פאַרן קב"ה:
איז דאָס דער שכר פאַר דער תורה? „דורך די וואָס זיינען
שטערבליך? דורך דיין האַנד, אָ גאָט! דורך די וואָס זיינען
שטערבליך אא"וו?" 6). האָט ער צו זיי געזאָגט: „זיי האָבען
אַן אַנטייל אין לעבען!" 7). איז אַרויס אַ בת קול און האָט
אויסגערופען: וואָהל איז דיר, ר' עקיבא, וואָס פאַר דיר איז
צוגעגרייט דאָס לעבען פון עולם הבא!

„אַ מענש זאָל זיך ניט באַנעהמען לייכטזיניג אַנטקעגען דעם מזרח טויער, ווייל ער איז פונקט אַנט-קעגען דעם קדשי קדשים אא"וו".

האָט רב יהודה געזאָגט אַז רב האָט געזאָגט: מען האָט
דאָס נאָר געזאָגט פון צופים 8) אָן נאָך אינעווייניג 9) און ווען
מען קאָן איהם זעהן. עס איז אויך געזאָגט געוואָרען אַז
ר' אבא דער זוהן פון ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט: אַזוי
האָט ר' יוחנן געזאָגט: מען האָט דאָס נאָר געזאָגט פון צו-
פים אָן נאָך אינעווייניג און ווען מען קאָן איהם זעהן און אַז עס
איז צווישען 10) ניטא קיין צאַם און בעת די שכינה רוהט 11)

פירוש.

1) פסחים כ"ה א' אא"ע.

2) אין די איצטיגע דרוקען שטעהט „מלכות יון" — די גריכישע רע-
גירונג, וואָס איז אָבער ניט ריכטיג, ווייל דאָס באַציהט זיך אויף רוי
און איז צוליב דער צענזור אַריינגעשטעלט געוואָרען. מיר האָבען אָבע
איבערזעצט לויט די ערשטע אונצענזורירטע דרוקען, וואו עס שטעה
„מלכות הרשעה". 3) די פערזאָן פון פפוס בן יהודה איז שווער פעסט
צו שטעלען, צו דאס איז דער תנא און חבר פון ר' עקיבא, וועלכער ווער
איינינע מאָל דערמאָהנט אין „מכילתא", צו דער ברודער פון לולינוס
וועלכע ווערען איניגע מאָל דערמאָהנט אין ירושלמי און „ספרא" או
מדרש רבה (אין „ספרא" בהקתי שטעהט זאגאַר איינמאָל אויסדריקלי
„פפוס בן יהודה ולולינוס") און וועלכע, זייענדיג גדולי הדור, זיינען זי
געוואָרען מאַרטירער איז דער צייט פון קיסר טראיאן (זעה תענית י"
ב' און שמחות פ"ח), צו אַן אַנדערער. אין שבת ק"ד ב' ווערט ער-
קלעהרט אַז פפוס בן יהודה איז געווען דער מאַן פון מרים, די מוטער פו
יעזוס קריסטוס (אין די היינטיגע דרוקען פעהלט דער מאמר). 4) דברים
ל' כ'. 5) ד"ה ער האָט געלייענט ק"ש (זעה ז. 48 און „פירוש" דאָר
נומ. 11). 6) ד"ה האָט ר' עקיבא פאַרדיענט צו שטאַרבען דורך מענשענ
הענט און ניט דורך דיינע? — דאָס איז אַ פסוק אין תהלים י"ז י"ד
7) עולם הבא. — דאָס איז די פאָרטזעצונג פון דעם פסוק.

8) זעה „פירוש" ז. 172 נומ. 3. 9) צו ירושלים צו. 10) דעם מזר
טויער און דעם באַטרעפענדען מענש. 11) ד"ה ווען דער בית המקד
עקזיסטירט.

און דאס וואס שטעהט געשריבען ביי אלישע 1): „און ער איז אויפגעשטאנען און געגאנגען נאך איהר" אויך ווירקליך נאך איהר 2)?! נאר דאס מיינט נאך איהרע רייד און נאך איהר עצה, אזוי מיינט דא 3) אויך נאך איהרע רייד און נאך איהר עצה. רב אשי האט געזאגט: און לויט דאס וואס רב נחמן האט געזאגט אז מנוח איז יא געווען אן עם הארץ, האט ער אפילו אין א חדר ניט געלערנט, ווארום עס שטעהט 4): „און רבקה מיט איהרע (דיענסט) מיידלעך האבען זיך אויפגעהויבען און האבען גערייטען אויף די קעמלען און זיינען געגאנגען נאכ׳ן מאן", און ניט פאר׳ן מאן 5). ר' יוחנן האט געזאגט: הינטער א לייב און ניט הינטער א פרוי, הינטער א פרוי און ניט הינטער געצענדינער, הינטער געצענדינער און ניט הינטער א שול בשעת דער עולם דאווענט. און דאס איז נאר גערעדט געווארען אז ער טראגט גארניט, אבער אויב ער טראגט עפעס מאכט ניט אויס; און דאס איז נאר גערעדט געווארען אז עס איז ניטא קיין אנדער אריינגאנג, אבער אויב עס איז דא אן אנדער אריינגאנג מאכט ניט אויס; און דאס איז נאר גערעדט געווארען אז ער רייט ניט אויף אן עזעל, אבער אויב ער רייט אויף אן עזעל מאכט ניט אויס; און דאס איז נאר גערעדט געווארען אז מען געהט ניט אין תפילין, אבער אויב מען געהט אין תפילין מאכט ניט אויס 6).

רב האט געזאגט: דער יצר הרע איז געגליכען צו א פליג וואס זיצט צווישען די ביידע עפענונגען פון הארצען, ווארום עס שטעהט 7): „טויטע פליגען מאכען פארשטינקען און געהרען געווירצטען אויל", און שמואל האט געזאגט: ער איז געגליכען צו א סארט ווייץ, ווארום עס שטעהט 8): „די זינד 9) ליגט פאר דער טיהר".

די רבנן האבען געלערנט: צוויי ניערען זיינען דא ביי א מענשען, איינע ראט איהם צום גוטען און די אנדערע ראט איהם צום שלעכטען; און דער שכל איז מחיב אז די וואס צום גוטען איז אויף דער רעכטער זייט און די וואס צום שלעכטען איז אויף דער לינקער זייט, ווארום עס שטעהט געשריבען 10): „דאס הארץ פון א קלוגען איז אויף זיין רעכטער זייט און דאס הארץ פון א נאר איז אויף זיין לינקער זייט".

די רבנן האבען געלערנט: די ניערען ראטען, דאס הארץ פארשטעהט, די צונג דריקט אויס, דאס מויל ברענגט ארויס, די שפייז-רעהר נעהמט אריין און ארויס אלע מינים עסענווארג, די לופט-רעהר ברענגט ארויס דעם קול, (ב') די לונג זאפט אריין אלע מינים פליסיגקייטען, די לעבער רופט ארויס כעס, די גאל ווארפט אין איהר אריין א טראפען און בארוהיגט זי. די מילץ מאכט לאכען, דער קראפ מאהלט, דער מאגען מאכט שלעפערדיג, די נאז וועקט אויף. ווען דאס וואס מאכט שלעפערדיג זאל אויפוועקען און דאס וואס וועקט אויף זאל שלעפערדיג מאכען וואלט מען ביסלעכווייז איינגעגאנגען. עס ווערט געלערנט: ווען ביידע מאכען שלעפערדיג אדער ווען ביידע וועקען אויף, שטארבט מען זאפארט.

אין א ברייתא ווערט געלערנט: ר' יוסי הגלילי זאגט: די צדיקים אורטיילט דער יצר טוב, ווארום עס שטעהט 11): „מיין הארץ איז אין מיר דערשלאגען" 12); די רשעים אורטיילט דער יצר הרע, ווארום עס שטעהט 13): „די שולד רעדט צום רשע אין זיין הארץ: פאר זיינע אויגען איז ניטא קיין פורכט פאר גאט" 14); די מיטעלמעסיגע אורטיילען ביידע, ווארום עס שטעהט 15): „ער 16) שטעהט ביי דער רעכטער זייט פון דעם ארעמען צו העלפען איהם פון די וואס אורטיילען זיין זעעלע". האט רבא געזאגט: צב"ש מיר מיטעלמעסיגע. האט אביי צו איהם געזאגט: דער רבי לאזט דאך קיין לעבען פאר קיין באשעפעניש 17)! ווייטער האט רבא געזאגט: די וועלט איז נאר באשאפען געווארען אנטוועדער פאר פאלשטענדיגע רשעים אדער פאר פאלשטענדיגע צדיקים. רבא האט (אויך) געזאגט: א מענש דארף ביי זיך זעלבסט וויסען צו ער איז א פאלשטענדיגער צדיק צו ניין. רב האט געזאגט: די וועלט איז נאר באשאפען געווארען פאר (אן) אחאב בן עמרי 18) און פאר (א) ר' חנינא בן דוסא 19): פאר (אן) אחאב בן עמרי עולם הזה, און פאר (א) ר' חנינא בן דוסא עולם הבא.

פירוש.

1) מלכים ב' ד' ל'. 2) און עס איז דאך אונמעגליך צו זאגען אויף א נביא אז ער איז געווען אן עם הארץ. לויט ילקוט שופטים י"ג איז אלקנה אויך געווען א נביא. 3) ביי מנוח. 4) בראשית כ"ד ס"א. 5) און ווען מנוח וואלט געלערנט ביי א רבי וואלט ער דאך דאס געוואוסט. 6) זעה ז. 28 און „פירוש" דארט נומ. 8 און 9.

7) קהלת י' א'. 8) בראשית ד' ז'. 9) חַטָּה (ווייץ) — חֵטְא (זינד). לויט מהרש"א" איז דאס א רמז אויף דעם מאמר אז דער בוים פון וועלכען אדם הראשון האט געגעסען איז געווען ווייץ (זעה ז. 146).

10) קהלת י' ב'.

11) תהלים ק"ט כ"ב. 12) ווייל איך האב תמיד מורא טאמער האב איך ניט גענוג גוטס געטהון. 13) תהלים ל"ו ב'. 14) די שולד אליין אלזא איז זיין אנקלעגער. אזוי ווי דער צדיק האט מורא טאמער האט ער ניט גענוג גוטס געטהון, אזוי האט ער מורא טאמער האט ער ניט גענוג געזינדיגט, און דער יצר הרע טרייבט איהם אן מעהר צו זינדיגען. פיליכט מיינט עס אז דער רשע האט אמאל געוויסענביסע און דער יצר הרע רעדט איהם איין אז ער זאל קיין מורא ניט האבען, און עס דארף דערפאר איבערזעצט ווערען: „עס דארף פאר זיינע אויגען ניט זיין קיין פורכט פאר גאט ס). 15) תהלים ק"ט ל"א. 16) גאט. 17) ד"ה אויב דו ביזט א מיטעלמעסיגער, טא וואס זיינען שוין די אנדערע? 18) א אידישער מלך וועלכער איז געווען א גרויסער רשע און איז זעהר רייך געווען. 19) זעה ז. 63 און „פירוש" דארט נומ. 17.

א ה י י ס (זעה „פירוש" ז. 117 נומ. 10). אויך איז „על ביתו", אויב פארש אגען לויטן פשט, אייגענטליך איבעריג, אזעלכעס ווי עס שטעהט פון „הרמתה". דערפאר מיינט דא „ביתו" זיין פ ר ו, (זעה בב"ש שבת קי"ח ב': „מימי לא קראתי לאשתי אלא ביתי" און יומא ב' א': „ביתו זו אשתו"). די גירסא פון דעם מינכענער כ"י אונטערשטיצט אויך די באמערקונג פון „מהרש"ל": „גם דברי התוס' שמוחקין הגירסא כל עיקר מן הספר קשה הוא בעיני וכו'", הגם די ערקלעהרונג וואס ער גיט איז צו ווייטלייפיג.

ס) רש"י ערקלעהרט אז דער צדיק זאגט אז דער יצר הרע איז אין איהם אבגעשטארבען, און דער יצר הרע אורטיילט דעם רשע דערמיט וואס ער דערווייטערט איהם פון גאט, אבער מיר קאנען ניט איינזעהן ווי דיזע ערקלעהרונג זאל זיין אין איינקלאנג מיט דער כונה פון דיזע מאמר, און מיר האבען דערפאר אנדערש ערקלעהרט. אויך „מהרש"א" איז ניט איינפערשטאנען מיט רש"י'ס ערקלעהרונג, וועלכע ער קריטיקירט אלס ניט איינשטימיג מיט דער-כונה פון דער גמרא, און ער ערקלעהרט אויף אן אופן וואס איז ענליך צו אונזער ערקלעהרונג.

געלערנט: איך האָב געלערנט אַז מען געהט ניט אויף נקיות פֿון מזרח צו מערב נאָר פֿון צפון צו דרום, און איך האָב געלערנט אַז מען ענטבלויזט 1) זיך ניט שטעהענדיג נאָר זיי־צענדיג, און איך האָב געלערנט אַז מען ווישט זיך ניט אונ־טער מיט דער רעכטער נאָר מיט דער לינקער האַנד. האָט בן עזאי איהם באַמערקט: אַזוי פֿיעל פֿרייהייט האָסטו זיך גענומען געגענאיבער דיין רבי?! האָט ער איהם געענט־פֿערט: דאָס איז אַ תורה וואָס מען דאַרף לערנען.— אין אַ בריתא ווערט געלערנט: בן עזאי זאָגט: איינמאָל בין איך אַריינגעגאַנגען נאָך ר׳ עקיבאין אין אַ בית הכסא, האָב איך פֿון איהם דריי זאַכען געלערנט: איך האָב געלערנט אַז מען געהט ניט אויף נקיות פֿון מזרח צו מערב נאָר פֿון צפון צו דרום, און איך האָב געלערנט אַז מען ענטבלויזט זיך ניט שטע־הענדיג נאָר זיצענדיג, און איך האָב געלערנט אַז מען ווישט זיך ניט אונטער מיט דער רעכטער האַנד נאָר מיט דער לינקער. האָט ר׳ יהודה איהם באַמערקט: אַזוי פֿיעל פֿריי־הייט האָסטו זיך גענומען געגענאיבער דיין רבי 2)?! האָט ער איהם געענטפֿערט: דאָס איז אַ תורה וואָס מען דאַרף לערנען.

רב כהנא 3) איז געגאַנגען און האָט זיך געלעגט אונטער רב׳ס בעט און האָט געהערט ווי ער האָט זיך געצערטעלט און געשפּיעלט און האָט געטהון וואָס ער האָט געדאַרפֿט 4). רופֿט ער זיך אָן: אבא׳ס 5) מויל איז ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין געקעכץ ניט טועם טעם געווען 6)! זאָגט ער צו איהם: דאָס ביזטו דאָ, כהנא? געה אַרויס! אַזוי פֿיהרט מען זיך ניט! האָט ער איהם געענטפֿערט: דאָס איז אַ תורה וואָס מען דאַרף לערנען.

פֿאַרוואָס ווישט מען זיך ניט אונטער מיט דער רעכטער האַנד נאָר מיט דער לינקער? האָט רבא געזאָגט: ווייל די תורה איז געגעבען געוואָרען מיט דער רעכטער האַנד, וואָרום עס שטעהט 7): „פֿון זיין רעכטער האַנד אַ פֿייערדיג געזעץ פֿאַר זיי". רבה בר בר חנה האָט געזאָגט: ווייל זי איז נאָהענט צום מויל 8), און ר׳ שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: ווייל מען טהוט מיט איהר אָן די תפילין. רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט: ווייל מען טייטעלט מיט איהר אָן די טעמים אין דער תורה 9). ווי די תנאים 10): ר׳ אליעזר זאגט: ווייל מען עסט מיט איהר; ר׳ יהושע זאָגט: ווייל מען שרייבט מיט איהר; ר׳ עקיבא זאָגט: ווייל מען טייטעלט מיט איהר אָן די טעמים אין דער תורה.

ר׳ תנחום בר חנילאי האָט געזאָגט: דער וואָס איז אַ צנוע אין בית הכסא ווערט נצול פֿון דריי זאַכען: פֿון שלאַנ־גען און עקדעשען און ניט־גוטע; און מאַנכע זאָגען אויך אַז זיינע חלומות וועלען באַרוהיגענד זיין.— עס איז געווען אַ בית הכסא אין טבריא, וואו מען פֿלעגט ניזוק ווערען אפילו ווען מען איז דאָרט אַריינגעגאַנגען זאַלבענאַנד בייטאָג. ר׳ אמי און ר׳ יוסי אָבער זיינען דאָרט אַריין יעדער פֿאַרזיך און זיינען ניט ניזוק געוואָרען. האָבען די רבנן זיי געפֿרעגט: און איהר האָט גאָר קיין מורא ניט געהאַט? האָבען זיי זיי געענטפֿערט: מיר האָבען געלערנט אַ טראַדיציע: עס איז אַ טראַדיציע אַז אין אַ בית הכסא דאַרף זיין צניעות און שווייגען, און עס איז אַ טראַדיציע אַז ביי יסורים דאַרף זיין שווייגען 11) און רחמים בעטען.— אביי האָט אויפֿגעהאָדעוועט אַ שעפּס 12) אַז ער זאָל מיט איהם אַריין אין בית הכסא.— פֿאַרוואָס האָט ער ניט אויפֿגעהאָדעוועט אַ באָק?— באָק און שד קאָנען זיך פֿאַרבייטען 13).— בעפֿאָר רבא איז געוואָרען אַ ראש (ישיבה) פֿלעגט רב חסדא׳ס טאָכטער 14) קלאַפּערן מיט אַ נוס אין אַ כלי 15), נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען ראש ישיבה האָט זי געמאַכט אַן עפֿענונג 16) און פֿלעגט אַרויפֿ־לעגען די האַנד אויף זיין קאָפּ 17).— עולא האָט געזאָגט: הינטער אַ צאַם מעג מען גלייך נקיות האָבען, אָבער אין אַ טהאָל 18) אַזוי ווייט אַז אַן אַנדערער זאָל ניט קאָנען הע־רען ווען ער טהוט אַ נפיחה. איסי בר נתן האָט אַזוי גע־לערנט: הינטער אַ צאַם אַזוי ווייט אַז אַן אַנדערער זאָל ניט קאָנען הערען ווען ער טהוט אַ נפיחה, און אין אַ טהאָל אַזוי ווייט אַז אַן אַנדערער זאָל איהם ניט קאָנען זעהן.— האָט מען דערייף געפֿרעגט 19): „זיי 20) מעגען אַרייבגעהן פֿון דער טהיר פֿון דער אויל פּרעס און האָבען נקיות הינטערן צאַם און זיי זיינען טהור" 21)?— צוליב טהרות האָט מען לייכטער געמאַכט 22).— טאָ קום און הער 23): „ווי ווייט

פ י ר ו ש.

1) נִפְרָעִין, אַזוי אויך לויט „רא"ש", „רמב"ם" (הל׳ דעות הל׳ ו׳) או „שלחן ערוך" (או"ח ג׳ ב׳). לויט „אלפס" און דעם מינכענער כ"י אבער נִפְנִין — נקיות האבען. 2) בן עזאי איז געוועזן אַן איידעם פֿון ר׳ עקיבא (זעה כתובות ס"ג א׳) און אַ תלמיד-חבר פֿון איהם (זעה בבא בתרא קנ"ח ב׳ און ירושלמי שקלים פ"ג הל׳ א׳)o).

3) דער ערשטער, אַ תלמיד חבר פֿון רב. 4) מיט זיין פֿרוי. 5) זעה „פירוש" ז. 165 נומ. 11. 6) ד"ה ער באַנעהמט זיך אַזוי ווי ער וואָלט צום ערשטען מאָל געשלעכטליכען פֿארקעהר געהאַט.

7) דברים ל"ג ב׳. 8) ווייל מען באַדיענט זיך מיט איהר צום מויל מעהר ווי מיט דער לינקער. 9) ווי רש"י ערקלעהרט, פֿלעגען נאָך אין זיין צייט די פּאַלעסטינער בעלי קריאה באַגלייטען דאָס לייענען מיט באַ־וועגונגען פֿון דער רעכטער האַנד, וועלכע זיינען געווען פֿארשידע לויט די פֿאַרשידענע סימנים פֿון טראָפּ. 10) ד"ה די זעלבע פֿראַגע איז שיין פֿון די פֿאָלגענדע תנאים פֿאַרשידען פֿאַרענטפֿערט געוואָרען.

11) געדולד. 12) אין דעם מינכענער כ"י שטעהט אַז זיין מוטער האָט דאָס געטהון oo). 13) ווייל שֵׂעִיר באַדייטעט באָק און שד, דער שד פֿון בית הכסא. 14) וועלכע איז געווען הבא׳ס פֿרוי (זעה אייך ז. 196). פֿאַר דעם איז זי געווען די פֿרוי פֿון רמי בר חמא (זעה ז. 157). 15) פֿאַרן בית הכסא, ווען רבא איז דאָרט געזעסען, כדי ער זאָל ניט זיין אַליין. 16) אין דער וואַנד פֿון בית הכסא. 17) ווייל וואָס אַ מענש איז גרע־סער דאַרף מען איהם אַלין מעהר היטען פֿון די ניט-גוטע, וועלכע זיינען איהם מקנא. 18) ד"ה אין אַן אָפֿענעם אָרט דאַרף מען אַוועק געהן. 19) אויף איסי בר נתן, פֿון טהרות פ"י מ"ב. 20) די וואָס היטען אָפּ אַז דאָס אויל פֿון דער פּרעס זאָל ניט טמא ווערען. 21) און מיר האָבען קיין מורא ניט טאמער זיינען זיי אָדער דאָס אויל דערווייל טמא געוואָרען. אם כן זעהען מיר דאָך פֿון דער משנה אַז עס איז ווי עולא און ניט ווי איסי בר נתן. 22) בנוגע צו בית הכסא. 23) די פֿאָרטזעצונג

o) „רשב"ם" אין בבא בתרא דאָרט ערקלעהרט אַז ער איז געוועזן זיין תלמיד און אָבער זיין חבר, אין ירושלמי אָבער ווערט ער גערופֿען „חבר ותלמיד".

oo) אַ באַווייז פֿאַר די ריכטיגקייט פֿון דיזער גירסא איז דאָס וואָס שטעהט אין רש"י „גדלתו ולמדתו" (זעה אונזער „ויאמר יעקב" ז. 64).

די רבנן האָבען געלערנט: דער וואָס געהט אויף נקיות אין יהודה זאָל ניט געהן [אויף נקיות] (אין דער ריכטונג פון) מזרח צו מערב 1) נאָר פון צפון צו דרום 2), און אין גליל זאָל ער נאָר געהן אויף נקיות (אין דער ריכטונג פון) מזרח צו מערב 3). ר' יוסי ערלויבט דאָס, ווייל ר' יוסי פלעגט זאָגען: מען האָט נאָר פאַרבאָטען ווען מען זעהט און דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין צאַם און ווען די שכינה רוהט 4); די חכמים אָבער פאַרבאָטען דאָס. — די חכמים (זאָגען) דאָך דאָס זעלבע ווי דער ערשטער תנא 5)?! — דער אונטערשיעד צווישען זיי איז אויף אַ זייט 6). איין אַנדער בריתא ווערט געלערנט: דער וואָס געהט אויף נקיות אין יהודה זאָל ניט געהן [אויף נקיות] (אין דער ריכטונג פון) מזרח צו מערב נאָר פון צפון צו דרום, און אין גליל איז פון צפון צו דרום פאַרבאָטען און פון מזרח צו מערב ערלויבט; ר' יוסי 7) אָבער ערלויבט, ווייל ר' יוסי פלעגט זאָגען אַז מען האָט נאָר פאַרבאָטען ווען מען זעהט איהם. ר' יהודה זאָגט: ווען דער בית המקדש עקזיסטירט איז פאַרבאָטען, און ווען דער בית המקדש עקזיסטירט ניט איז ערלויבט. ר' עקיבא פאַרבאָט דאָס אומעטום. — ר' עקיבא (זאָגט) דאָך דאָס זעלבע ווי דער ערשטער תנא 8)?! — דער אונטערשיעד צווישען זיי איז בנוגע צו חוץ לארץ 9). — פאַר רבה האָט מען אויפגעלעגט ציגעל 10) פון מזרח צו מערב 11); איז אביי געגאַנגען און האָט זיי איבערגעלעגט פון צפון צו דרום 12). איז רבה געקומען און האָט זיי צורעכט געמאַכט און האָט געזאָגט: ווער איז דאָס וואָס באַלעסטיגט מיך? איך האַלט ווי ר' עקיבא, וועלכער האָט געזאָגט אַז עס איז אומעטום פאַרבאָטען!

(ס"ב א') אין אַ בריתא ווערט געלערנט 13): „ר' עקיבא האָט געזאָגט: איינמאָל בין איך אַריינגעגאַנגען נאָך ר' יהושע'ן אין בית הכסא 14), האָב איך פון איהם דריי זאַכען

פירוש.

1) ד"ה מיטן פאַרענט צו מזרח און מיטן הינטען צו מערב. לויט רש"י מיינט „מזרח ומערב" ניט מיטן הינטען צו מזרח און מיטן פאָרענט צו מערב אדער פאַרקעהרט, אָבער אונזער ערקלעהרונג איז לויט „רמב"ם", וועלכער זאָגט אין הל' בית הבחירה פ"ז הל' ח' „בין מזרח למערב", און לויט דעם ירושלמי, וואו עס שטעהט נאָך דייטליכער (הל' ח') „לא יתן פניו למזרח ואחוריו למערב", און אויך לויטן „שלחן ערוך" (א"ח ג' ה'), הגם רש"י באַגרינדעט זיין ערקלעהרונג דערמיט וואָס אפילו ווען מען זיצט מיטן הינטען צו מזרח ענטבלויזט מען זיך דאָך אָבער פון פאָרענט צו מערב. אויך איז אַ באַוויז דערפאַר פון דעם אויסדרוק „צפון ודרום", וואָרום אויב דיזער אויסדרוק זאָל אויך מיינען ענטוועדער צו צפון אָדער צו דרום קאָן דאָך אויסקומען אַז מען זאָל זיצען מיטן הינטען צו ירושלים o). — דער טעם איז וואַהרשיינליך דאָס ווייל דער קדשי קדשים איז אין מערב זייט, דערפאַר דאַרף דיזע זייט באַזונדערס רעספעקטירט ווערען. לויט רש"י איז דער טעם צוליבן רעספעקט פאַר ירושלים, אָבער לויט דיזען טעם האָט דאָך בעסער געזאָלט שטעהן „אַנטקעגען ירושלים", וואָס וואָלט געווען דייטליכער ווי „ניט מזרח און מערב נאָר צפון און דרום"; באַזונדערס, ווי געזאָגט, דערפאַר וואָס אין יהודה קאָן דאָך אויסקומען אַז דאָס זאָל זיין אַנטקעגען ירושלים. אַן אַנדער טעם גיט „בית יוסף" (טור או"ח ג'): ווייל די שכינה איז אין מערב, אָבער אחוץ וואָס דאָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דאָס וואָס שטעהט אין בבא בתרא כ"ה א': „שכינה בכל מקום" און מיט מעהרערע אַנדערע ערקלעהרונגען אין דער גמרא, וועלכע דייטען אָן אַז די שכינה האָט ניט קיין באַשטימטען פלאַץ, איז פון די ווייטערדיגע פאַרהאַנדלונגען אין אונזער גמרא קלאָר אַז דאָס קאָן ניט זיין דער טעם. 2) נאַטירליך מיט אויסנאַהם פון דאָרט, וואו דאָס קאָן אויסקומען אַנטקעגען ירושלים, אין דעם מינכענער כ"י פעהלט „אלא צפון ודרום", וואָס איז גאַנץ ריכטיג, ווייל, לויט אונזער ערקלעהרונג, איז נאָר נויטיג אָנצודייטען אַז מען טאָר ניט אין דער ריכטונג צו מערב. 3) ווייל גליל ליעגט אין צפון פון יהודה, און אויב ער זאָל זיצען פון צפון צו דרום וועט דאָס אויסקומען אַנטקעגען ירושלים. אויך דאָ האָט דער מינכענער כ"י אַ דייטליכע גירסא „ובגליל צפון ודרום אסור", וועלכע ציינט נאָר אָן די ריכטונג וואו מען טאָר ניט. 4) און אַזוי ווי די דריטע באַדינגונג פאַלט דאָך אַוועק איצט, ווען דער ביהמ"ק עקזיסטירט ניט מעהר, איז ערלויבט אין וועלכער ריכטונג עס זאָל ניט זיין. 5) טאָ פאַרוואָס דאַרף נאָך דערמאָהנט ווערען אַז זיי פאַרבאָטען עס. 6) ד"ה אַז מען זיצט אין אַ פּאָזיציע וואָס איז ניט דירעקט צו מערב אין יהודה און צו דרום אין גליל נאָר דאָרט נאָרד־וועסטליך אָדער זיד־וועסטליך און דאָ זיד־עסטליך אָדער זיד־וועסטליך, דאַרף דאָס נאָך דעם ערשטען תנא ערלויבט זיין, ווייל אַזוי ווי ער זאָגט דייטליך פון מזרח צו מערב און פון צפון צו דרום מיינט עס אַז נאָר דוקא אַזוי איז פאַרבאָטען, און נאָך די חכמים דאַרף דאָס ערלויבט זיין, ווייל זייער אויסדרוק איז ניט דייטליך און דערפאַר מעהר אַלגעמיין oo). 7) אין דעם מינכענער כ"י פעהלט פון דאַנען ביז „און ווען דער ביהמ"ק עקזיסטירט ניט איז ערלויבט" און אַנשטאָט דעם שטעהט: „ר' יהודה אָבער ערלויבט, ווייל ר' יהודה פלעגט זאָגען אַז מען האָט נאָר פאַרבאָטען פון צופים אָן נאָך אינעווייניג און ווען מען זעהט און אַז עס איז צווישען ניטאָ קיין צאַם און בעת דער ביהמ"ק עקזיסטירט; אָבער ר' עקיבא אא"וו". אַז דיזע גירסא איז ריכטיג איז קלאָר דערפון, וואָס לויט דעם נוסח פון אונזער גמרא איז דאָך אומפאַרשטענדליך צו וואָס עס קומט דאָ דער מאמר פון ר' יהודה, וועלכער איז דאָך אייגענטליך דאָס זעלבע וואָס ר' יוסי זאָגט, באַזונדערס אין דער פולער פאָרם פון זיין מאמר. 8) וואָרום ביידע זאָגען דאָך אַז עס איז פאַרבאָטען. 9) וואו עס איז לויט דעם ערשטען תנא ערלויבט, ווייל ער דערמאָהנט דאָך אויסדריקליך יהודה און גליל, און לויט ר' עקיבא איז דאָס פאַרבאָטען, ווייל ער זאָגט דאָך „אומעטום". 10) צו זיצען אויף זיי בעת ער געהט אויף נקיות. 11) כדי ער זאָל זיצען אין דער ריכטונג פון צפון צו דרום, און ניט צו מערב, ווייל ארץ ישראל איז אין מערב פון בבל, וואו רבה האָט געלעבט. — אויך פון דאַנען איז אַ באַוויז אַז „מזרח ומערב" מיינט ווי מיר האָבען ערקלעהרט. 12) כדי עס זאָל איהם אויסקומען צו זיצען אין דער ריכטונג צו מערב. אביי האָט דערמיט געוואָלט אויספּרובירען רבה'ן און זעהן צו ער האַלט ווי ר' עקיבא.

13) דרך ארץ פ"ו. 14) אין יהודה.

o) לויט רש"י באַהאַנדעלט עס זיך דאָ בלויז וועגען אַ שמאָלע ליניע פון „ארץ יהודה" איבער די גאַנצע ברייט פון ארץ ישראל, וואָס ליעגט פון איין זייט פון מזרח און אויף דער אַנדערער זייט פון מערב פון ירושלים. אין דרום פון ארץ יהודה אָבער מאַכט ניט אויס וואו, כל זמן דאָס איז ניט אַנטקעגען ירושלים. אָבער אַחוץ דעם וואָס פון דעם געגענזאַץ גליל איז קלאָר אַז יהודה קאָן דאָ ניט מיינען ארץ יהודה אין דעם ענגען זין, ד"ה דער טייל פון ארץ ישראל, וואָס דער שבט יהודה האָט באַקומען ביי דער איינטיילונג פון א"י צווישען די שבטים, נאָר אין דער אויפפאַסונג ווי דאָס וואָרט האָט באַקומען אין דער צייט פון צווייטען ביהמ"ק; ד"ה די דרום העלפטע פון מערב ארץ ישראל (ווי גליל באַצייכענט די צפון העלפטע), איז פון דעם ענין פון דער גמרא דאָ דייטליך אַז דאָס קאָן ניט זיין דער פאַל. אַן אַנדער באַווייז איז דאָס וואָס אין „אלפס" און „רא"ש" שטעהט דייטליך „בכל מקום ביהודה", און אַזוי אויך אין דעם מינכענער כ"י.

oo) מיר האָבען איבערזעצט לויט דעם מינכענער כ"י, וואו עס שטעהט ניט „נדרין" נאָר „לנדרין", און דערפאַר אַנדערש ווי רש"י, וועלכער ערקלעהרט אַז דאָס מיינט מען די זייטען וואָס זיינען ניט אַנטקעגען ירושלים און וועלכע זיינען לויט דעם ערשטען תנא אויך פאַרבאָטען, ווייל זאָגענדיג „אין יהודה" מיינט דאָס גאַנץ יהודה, און לויט די חכמים איז דאָס ערלויבט, ווייל זיי באַציהען זיך אויף ר' יוסי און זאָגען דעם הפך פון דאָס וואָס ער זאָגט, און ער ערלויבט דאָך אַז מען זעהט ניט אא"וו, אָבער אַחוץ וואָס עס איז שווער איינצוזעהן ווי אַזוי עס איז צו שליסען דערפון וואָס די חכמים זיינען געגען ר' יוסי אַז זיי ערלויבען די זייטען, איז רש"י'ס ערקלעהרונג דאָ בנוגע צום ערשטען תנא אין ווידערשפּרוך מיט זיין פריהערדיגער ערקלעהרונג.

השתנה וואָס געהט צוריק פֿאַראורזאַכט אַ מענשען געלבזוכט". ־ ר' אלעזור איז אַריינגעגאַנגען אין א בית הכסא. איז א רוימער 1) אַריינגעקומען און האָט איהם אַ שטופּ געטהון. האָט זיך ר' אלעזור אויפֿגעהויבען און איז אַרויסגעגאַנגען. איז געקומען אַ דראכען 2) און האָט איהם די געדערים אַרויסגעריסען. האָט ר' אלעזור וועגען איהם אויסגערופֿען: „און איך גיב אַ מענשען אנשטאָט דיר" 3), לייען ניט „מענש (אדם)" נאָר אדום 4)!

„און האָט געוואָלט דיך הרגנען, אָבער עס האָט זיך דערבאַרעמט איבער דיר" 5). „און האָט געוואָלט"?! עס האָט דאָך געדאַרפֿט שטעהן „און איך האָב געוואָלט"! „אָבער עס האָט זיך דערבאַרעמט"?! עס האָט דאָך געדאַרפֿט שטעהן „און איך האָב זיך דערבאַרעמט" 6)! האָט ר' אלעזור געזאָגט: דוד האָט נעמליך געזאָגט צו שאול: לויט דער תורה פֿאַרדיענסטו געהרגעט צו ווערען, ווייל דו ביזט דאָך אַ פֿאַרפֿאָלגער, און די תורה האָט געזאָגט 7) אַז ווען אימיצער קומט דיך הרגנען מעגסטו פֿאַרהאַפּען און איהם הרגענען, אָבער די צניעות וואָס דו האָסט אין זיך דאָס האָט זיך דערבאַרעמט איבער דיר. און וואָס איז דאָס געווען? דאָס וואָס שטעהט געשריבען 8): „און ער איז געקומען צו אַן אפצאַמונג פֿאַר שעפסען ביים וועג, און דאָרט איז געווען אַ הייל, איז שאול דאָרט אַריינגעגאַנגען צו פֿאַרדעקען זיך די פֿיס" 9). עס ווערט געלערנט: (דאָרט איז געווען) אַ צאַם פֿאַר אַ צאַם און אַ הייל אין אַ הייל. „צו פֿאַרדעקען" האָט ר' אלעזור געזאָגט: דאָס לערנט אַז ער האָט זיך פֿאַרדעקט ווי אַ סוכה 10). — „און דוד 11) איז אויפֿגעשטאַנען און האָט שטילערהייד אָפּגעשניטען די פּאָלע פֿון שאולס אויבער־קלייד", האָט ר' יוסי דער זוהן פֿון ר' חנינא געזאָגט: דער וואָס איז מבזה קליידער וועט שפּעטער פֿון זיי קיין נוצען ניט האָבען, וואָרום עס שטעהט 12): „און דוד המלך איז געוואָרען אַלט און באַטאָגט, און אַז מען האָט איהם צוגעדעקט מיט קליידער איז איהם ניט געוואָרען וואַרעם" 13). — „אויב 14) גאָט האָט דיך אויפֿגעהעצט אויף מיר וועט ער שמעקען אַ מנחה" 15), האָט ר' אלעזור געזאָגט: דער קב"ה האָט געזאָגט צו דוד: אַ העצער האָסטו מיך גערופֿען! וועל איך דיך מכשיל זיין אין אַ זאַך וואָס אפילו חדר קינדער ווייסען דאָס, נעמליך און דאָס וואָס שטעהט געשריבען 16): „ווען דו צעהלסט די קעפּ פֿון די אידען זאָל יעדערער געבען אַן אויסלייזגעלד פֿאַר זיין נפש אא"וו". גלייך „איז אויפֿגעשטאַנען אַ שטן געגען די אידען" 17), און עס שטעהט געשריבען 18): „און ער האָט דוד'ן אויפֿגעהעצט געגען זיי, זאָגענדיג: געה צעהל די אידען!", און בעת ער האָט זיי געצעהלט האָט ער פֿון זיי קיין אויסלייזגעלד ניט גענומען, וואָרום עס שטעהט געשריבען 19): „און גאָט האָט געבראַכט אַ מגפה אויף די אידען פֿון אין דער פֿריה ביז צו אַ באַשטימטער צייט". וואָס מיינט „אַ באַשטימטע צייט"? האָט דער אַלטער שמואל, דער איידעם פֿון ר' חנינא, געזאָגט אין נאָמען פֿון ר' חנינא: פֿון דער צייט וואָס מען קוילעט דעם תמיד 20) ביז צו דער צייט פֿון זיין (בלוט) שפּרענגען 21); ר' יוחנן אָבער האָט געזאָגט: גענוי ביז האַלבען טאָג 22). — „און 23) ער האָט געזאָגט צו דעם מלאך, וואָס האָט געהאַלטען אין פֿאַרניכטען דאָס פֿאָלק: גענוג!", האָט ר' אלעזור געזאָגט: דער קב"ה האָט געזאָגט צו דעם מלאך: נעהם דעם גרעסטען 24) צווישען זיי, וואָס דורך זיין טויט קאָנען באַצאָהלט ווערען אַ סך חובות זייערע. אין דעם מאָמענט איז געשטאָרבען אבישי בן צרויה וואָס איז אַזוי וויכטיג געווען ווי דאָס רוב פֿון די סנהדרין. — „און 25) אין (מיי־טען) פֿאַרניכטען האָט גאָט דערזעהן און האָט חרטה געקריגען". וואָס האָט ער דערזעהן? האָט רב געזאָגט: ער האָט דער־זעהן יעקב אבינו, וואָרום עס שטעהט געשריבען 26): „און יעקב האָט געזאָגט ווען ער האָט זיי דערזעהן", און שמואל האָט געזאָגט: די אַש פֿון יצחק 27) האָט ער דערזעהן, וואָ־רום עס שטעהט 28): „גאָט וועט זעהן פֿאַר זיך אַ שעפּס". ר' יצחק דער שמיד 29) האָט געזאָגט: דאָס אויסלייזגעלד 30) האָט ער דערזעהן, וואָרום עס שטעהט 31): „און דו זאָלסט נעהמען דאָס אויסלייזגעלד פֿון די אידען אא"וו". ר' יוחנן

פירוש.

1) אין אונזערע גמרות שטעהט „פּערסיער", אָבער דאָס איז ניט ריכטיג, ווייל אַ פּערסיער קאָן ניט הייסען אדום, און ווייל די פּערסיער זיינען דאָך, לויט רבן גמליאל, געווען צנועים אין בית הכסא (זעה ז. 28), און איז צום ערשטען מאל אין דער באזעלער תלמוד אויסגאבע (של"ח) פֿון דער צענזור אַריינגעשטעלט געוואָרען, וועלכע האָט שטענדיג געהאַט אַ חשד אַז רומי און אדום באַציהען זיך אויף קריסטען און קריסטענטום. 2) אַזאַ שלאַנג. 3) ישעיה מ"ג ד'. 4) זעה „פירוש" ז. 205 נום. 1.

5) שמואל א' כ"ד י"א. 6) ווייל דוד זעלבסט זאָגט עס דאָך צו שאול. 7) זעה ז. 204. — דערפֿאַר שטעהט אין דער דריטער פּערזאָן, ווייל דאָס באַציהט זיך ניט אויף שאול נאָר אויף די תורה און צניעות. 8) שמואל א' כ"ד ד'. 9) עפּעמיסטיש געמיינט — זיך ענטבלויזען, ד"ה נקיות האָ־בען ס). 10) ד"ה גוט פֿאַרדעקט. דער דרש איז געבויט דערויף וואָס פֿאַר פֿאַרדעקען ווערט דאָ ניט געברויכט דער געוועהנליכער ווערב כסה נאָר סכך, הגם דאָס איז אַ געוועהנליכער אויסדרוק און ווערט אויך געברויכט ביי עגלון מלך מואב (זעה שופטים ג' כ"ד). 11) שמואל א' כ"ד ה'. 12) מלכים א' א' א'. 13) ד"ה דוקא ווייל מען האָט איהם צו־געדעקט מיט קליידער („קליידער" איז אייגענטליך דאָ איבעריג און דערפֿאַר ווערט אַ דרש דערויף געבויט) איז איהם ניט געווארען וואַרעם („מהרש"א"). 14) שמואל א' כ"ו י"ט. דוד זאָגט עס צו שאול. 15) וועל איך איהם ברענגען אַ קרבן כדי איהם מפצה צו זיין. 16) שמות ל' י"ב. 17) דברי הימים א' כ"א א'. 18) שמואל ב' כ"ד א'. 19) דאָרט פסוק ט"ו. 20) פֿון אין דער פֿריה. 21) ד"ה אַ גאַנצען טאָג. 22) דער לעצטער טערמין פֿון מקריב זיין דעם תמיד פֿון אין דער פֿריה (זעה ז. 97) ס ס). 23) שמואל ב' כ"ד ט"ז. 24) ר ב־גענוג! ־גרויסער. 25) דברי הימים א' כ"א ט"ו. 26) בראשית ל"ב ג'. 27) ד"ה די אַש וואָס האָט געקאָנט פֿון איהם ווערן. 28) בראשית כ"ב ח'. 29) זעה „פירוש" ז. 149 נום. 10. 30) וואָס די אידען האָבען גע־געבען ביי דער ערשטער צעהלונג. 31) שמות ל' ט"ז. דער סוף פֿון פסוק איז: „און דאָס וועט זיין. פֿאַר די אידען אַן אנדענק פֿאַר גאָט צו מכפּר

ס) פון דער גמרא דא זעהט אפילו אוים או דאס איז ווערטליך געמיינט, ווי רש"י ערקלערט „שסכך רגליו כבגדיו כסוכה" (דער פארגלייך מיט סוכה איז אפשר דערפאר, ווייל א סוכה מוז האבען מינדעסטענס דריי ווענט. און ביי נקיות דארף מען זיך פארדעקען פון דריי זייטען). אין ומא כ"ח א' ערקלערט רש"י אנדערש: „לפי שהצריך לנקבים גדולים כורע על ברכיו ומכסה כנובו את רגליו". אויך איז מערקווירדיג וואס אין יומא ערקלערט ער או דער אויסדרוק מיינט נקבים גדולים און אין יבמות ק"ג א' זאגט ער „מי רגלים".

ס ס) זעה אויך תרגום דארט און אונזער ערקלערונג אין „ויאמר יעקב" ז. 24.

מעגען זיי אוועקגעהן און דאך בלייבען ריין? אזוי ווייט אז ער 1) קאן זיי זעהן" 2)! — ביי די וואס עסען טהרות איז אנדערש, ווייל די רבנן האבען פאר זיי לייכטער געמאכט. רב אשי האט געזאגט: וואס מיינט „אזוי ווייט אז אן אנדערע זאל איהם ניט קאנען זעהן", וואס איסי בר נתן האט געזאגט? אזוי ווייט אז אן אנדערער קאן ניט זעהן זיין ענטבלויזונג, אבער איהם זעלבסט קאן ער זעהן.

עס איז געווען א טרויער רעדנער וואס איז געקומען צו רב נחמן און האט געזאגט אז דער און דער איז געווען א צנוע אין זיין באנעהמען. האט איהם רב נחמן געפרעגט: ביזטו מיט איהם געגאנגען אין בית הכסא און ווייסט צו ער איז געווען א צנוע צו ניט? ווארום אין א בריתא ווערט געלערנט: מען רופט נאר דעם א צנוע וואס איז א צנוע אין בית הכסא. — אבער וואס פאר א נפקא מינה איז דאס געווען פאר רב נחמן? — ווייל עס ווערט געלערנט אין א בריתא: אזוי ווי מען רעכענט זיך אפ מיט די מתים אזוי רעכענט מען זיך אפ מיט די טרויער רעדנער און מיט די וואס באמקען זיי צו.

די רבנן האבען געלערנט 3): „ווער איז א צנוע? דער וואס געהט אויף נקיות ביינאכט אויף דעם זעלבען ארט, וואו ער איז געגאנגען ביימאג" 4). — דאס קאן דאך ניט זיין! ווארום רב יהודה האט דאך געזאגט אז רב האט געזאגט 5): „א מענש זאל זיך געוועהנען 6) אין דער פריה און אין אוונד, כדי ער זאל ניט דארפען צו ווייט אוועק זיין". און נאך עפעס: רבא פלעגט ביימאג געהן ביז א מייל און ביינאכט פלעגט ער זאגען צו זיין דיענער: מאך מיר א פלאץ אין דער הויפט גאס פון שטאדט! און אזוי האט ר' זירא געזאגט צו זיין דיענער: זעה צו אימיצער איז דא הינטער דער ישיבה, ווייל איך וויל געהן אויף נקיות! — זאג ניט „אויף דעם זעלבען א ר ט" נאר אויף די זעלבע א ר ט ווי ער איז געגאנגען ביימאג 7). רב אשי האט געזאגט: מען קאן אפילו זאגע' „אויף דעם זעלבען ארט", מען דארף עס אבער האבען פאר א ווינקעל 8).

עס שטעהט פריהער: „רב יהודה האט געזאגט אז רב האט געזאגט: א מענש זאל זיך תמיד געוועהנען אין דער פריה און אין אוונד, כדי ער זאל ניט דארפען צו ווייט אוועק זיין". אין א בריתא ווערט אויך אזוי געלערנט: בן עזאי זאגט: געה ארויס אין דער פריה און געה ארויס אין אוונד כדי דו זאלסט ניט דארפען צו ווייט אוועק זיין, פיהל 9) צווערשט און זעץ זיך אבער זעץ זיך ניט צווערשט און נאכהער זאלסטו פיהלען, ווארום דער וואס זעצט זיך צווערשט און נאכהער פיהלט ער, איז אפילו אז מען זאל איהם אנטהון א כשוף אין שפאניע 10) וועט עס קומען אויף איהם. — און וואס טהוט מען, ווען מען האט פארגעסען און זיך אוועקגעזעצט און מען פיהלט נאכהער? — ווען מען שטעהט אויף זאל מען פאלגענדעס זאגען: ניט מיר, ניט מיר, ניט תחים און ניט תחתים 11), עס ניצט ניט און עס העלפט ניט, ניט דער כשוף פון א מכשף און ניט דער כשוף פון א מכשפה!

(ב') אין א בריתא ווערט געלערנט: בן עזאי זאגט: ליעג אויף וואס פאר א געלעגער עס זאל ניט זיין אבער ניט אויף דער ערד, זיץ אויף וואס פאר א זיץ עס זאל ניט זיין אבער ניט אויף א באלקען. שמואל האט געזאגט: שלאפען בעת דער מארגענשטערן געהט אויף איז 12) ווי שטאל פאר אייזען, ארויסגאנג בעת דער מארגענשטערן געהט אויף איז ווי שטאל פאר אייזען. בר קפרא פלעגט פארקויפען (פאלגענדע) ווערטלעך פאר א דינר 13): עס גלייך ווי דו ווערסט הונגעריג, טרינק גלייך ווי דו ווערסט דורשטיג, גיס אויס גלייך ווי דיין טאפ האט געקאכט 14), אז א הארן בלאזט אין רוים פארקויף די טייטלען פון דיין פאטער, דו זוהן פון טייטלען סוחר 15)! — אביי האט געזאגט צו די רבנן: ווען איהר געהט דורך די געסלעך פון מחוזא כדי אויפן פעלד צו געהן זאלט איהר ניט קוקען ניט אויף דער זייט און ניט אויף יענער זייט, טאמער זיצען דארט פרויען, און עס פאסט ניט צו קוקען אויף זיי.

רב ספרא איז אריינגעגאנגען אין א בית הכסא. ווען ר' אבא איז אהין אנגעקומען האט ער א הוסט געטהון פאר דער טיהר 16). האט ער זיך אפגערופען: זאל דער רבי אריינגעהן! אז ער 17) איז ארויסגעקומען האט ער 18) צו איהם געזאגט: קוים ביזטו אריין צום באק האסטו זיך שוין עפעס אפגעלערנט פון באק 19)! האבען מיר דען ניט געלערנט אין דער משנה 20): „א גרויסער פלאקער איז דארט געווען 21) און אן אנשטענדיגער בית הכסא, און דאס איז געווען זיין אנשטענדיגקייט: האט מען איהם געפונען צוגעמאכט האט מען געוואוסט אז אימיצער איז דארט, האט מען איהם געפונען אפען האט מען געוואוסט אז קיינער איז דארט ניטא", אם כן פיהרט מען זיך דאך ניט אזוי 22)! — ער 23) האלט אבער אז עס איז געפעהרליך 24), ווארום אין א בריתא ווערט געלערנט 25): רבן שמעון בן גמליאל זאגט: שטוהל־גאנג וואס געהט צוריק פאראורזאכט א מענשען וואסערזוכט,

---

פירוש.

פון דער דארטיגער משנה. 1) דער חבר וואס גיט אויף זיי אכטונג. 2) איז דאך ווידער א קשיא אויף איסי בר נתן, וואס זאגט אז מען דארף אזוי ווייט אוועק פון צאס אז אן אנדערער זאל איהם ניט קאנען זעהן.

3) עבודה זרה מ"ז ב'. 4) ד"ה ער געהט ווייט אוועק. 5) הוריות י"ג ב'. 6) געהן אויף נקיות. 7) ד"ה אז מען זאל דערביי זיצען און זיך ניט ענטבלויזען מעהר ווי דער שעור איז (זעה ז. 85). 8) ד"ה אויב עס איז דא נאהענט א ווינקעל, וואו מען געהט ביימאג, זאל מען דארט אויך ביינאכט געהן.

9) ד"ה אונטער זוך צודו ווילסט ווירקליך האבען נקיות. 10) אספמיא ווערט אפט געברויכט אין תלמוד אלס א באצייכענונג פון אויסערגעוועהנליכער ווייטקייט. 11) לויט רש"י זיינען דאס צווייבער פארמולעי.

12) אזוי גוט פארן קערפער. 13) זעה „פירוש" ז. 67 נומ. 12. 14) ד"ה געה אויף נקיות גלייך ווי עס גלוסט זיך דיר. 15) ד"ה פארקויף אן ארטיקעל ווען עס איז דערויף דא א גרויסע פארדערונג.

16) כדי צו וויסען צו אימיצער איז דארט דא. 17 און 23) רב ספרא. 18) ר' אבא. 19) זעה „פירוש" ז. 219 נומ. 13. 20) תמיד כ"ו א'. 21) אין דער עזרה, כדי די כהנים זאלען זיך אנווארעמען נאך דער טבילה, וועלכע איז פאר זיי געווען אבליגאטאריש נאך נקיות (יומא כ"ח א'). 22) צו רעדען אין בית הכסא, טא פארוואס האסטו גערעדט? 24) זיך איינצוהאלטען. 25) זעה ז. 90 און „פירוש" דארט נומ. 13—15.

אז אין ביהמ״ק ענטפערט מען ניט קיין אמן? — ווייל עס שטעהט 1): „שטעהט אויף און לויבט גאָט אייער האר מן העולם ער העולם" 2), און ווייטער שטעהט 3): „און זיי זאָלען לויבען דעם נאָמען פון דיין הערליכקייט 4), וועלכער איז ערהאבען איבער יעדע ברכה און לויב". מען וואָלט געקאָנט מיינען אַז נאָך אַלע ברכות זאָל זיין איין לויב 5), לערנט אונז „וועלכער איז ערהאבען איבער יעדע ברכה און לויב" אַז ביי יעדער ברכה זאָלסטו איהם געבען א (באַזונדער) לויב.

„אויך האט מען מתקן געווען אַז איינער זאָל דעם אנדערן גריסען אַא״וו".

צו וואָס „און אַזוי שטעהט אויך" 6)? — ווייל טאָמער וועסטו איינווענדען אַז בועז האָט דאָס פון זיך אַליין געזאָגט 7), טאָ קום און הער: „גאָט זאָל זיין מיט דיר, מעכטיגער העלד!", און טאָמער וועסטו איינווענדען אַז דאָס האָט דאָך אַ מלאך געזאָגט צו גדעון, טאָ קום און הער: „פעראַכט ניט, ווען דיין מוטער איז אַלט", און אַזוי שטעהט אויך: „אין דער צייט צו טהון פאַר גאָט האָבען זיי פאַרשטערט דיין תורה" 8). רבא האָט געזאָגט: דיזען פסוק קאָן מען דרשהן פון אַנהויב צום סוף און מען קאָן איהם דרשהן פון סוף צום אנהויב: „מען קאָן איהם דרשהן פון אנהויב צום סוף" — פאַרוואָס איז „צייט צו טהון פאַר גאָט"? ווייל „זיי האָבען פאַרשטערט דיין תורה"; „און מען קאָן איהם דרשהן פון סוף צום אנהויב" — פאַר וואָס „האָבען זיי פאַרשטערט דיין תורה"? ווייל עס איז „צייט צו טהון פאַר גאָט".

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט 9): „הלל הזקן זאָגט: אין דער צייט פון די זאַמלערס גיב אויס, און אין דער צייט פון די אויסגעבערס זאַמעל 10); ווען דו זעהסט אַז די תורה איז ביי דעם דור באַליבט גיב אויס, וואָרום עס שטעהט 11): „מאַנכער גיט אויס און עס קומט נאָך ביי איהם צו" 12), אָבער ווען דו זעהסט אַז די תורה איז ביי דעם דור ניט באַליבט זאַמעל בעסער 13), וואָרום עס שטעהט: „אין דער צייט צו טהון פאַר גאָט האָבען זיי פאַרשטערט דיין תורה".

בר קפרא האָט געדרשהט 14): איז זי 15) וואָלוועל קויף זי און זאַמעל 16), און דאָרט וואו עס איז קיין מאַן ניטא 17) זיי אַ מאַן. האָט אביי געזאָגט: דערפון איז גערדרונגען אַז דאָרט וואו עס איז דאָ אַ מאַן זאָל מען ניט זיין קיין מאַן 18). — דאָס איז דאָך קלאָר?! — דאָס איז נויטיג ווען זיי זיינען ביידע גלייך 19). — בר קפרא האָט געדרשהט: וועלכע איז אַ קורצע פרשה, וואָס דער הויפט אינהאַלט פון דער תורה 20) איז דערפון אָפּהענגיג? — „אויף אַלע דיינע וועגען זאָלסטו איהם 21) אין זינען האָבען, וועט ער דיינע וועגען גלייך מאַכען" 22)! האָט רבא געזאָגט: אַפילו ווען עס האַנדעלט זיך אום אַן עבירה 23). — בר קפרא האָט געדרשהט 24): אַ מענש זאָל שטענדיג לערנען זיין זוהן אַ לייכטע און ריינע מלאכה. וואָס איז דאָס? האָט רב חסדא געזאָגט: נאָדעל שטיקעריי.

אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: רבי זאָגט: אַ מענש זאָל קיינמאָל ניט האָבען צופיעל פריינד אין זיין הויז, וואָרום עס שטעהט 25): „אַ מענש פון (פיעל) פריינד וועט צוברעכען ווערען". אין אַ ברייתא ווערט געלערנט: אַ מענש זאָל ניט אָנשטעלען קיין פאַרוואַלטער אין זיין הויז, וואָרום אַז פוטיפר וואָלט יוסף׳ן ניט געמאַכט פאַר אַ פאַרוואַלטער אין זיין הויז, וואָלט צו יענער זאַך 26) ניט געקומען.

פירוש.

1) נחמיה ט׳ ה׳. — די לויים זאָגען דאָס צום פאָלק וואָס איז פאַרזאַמעלט אין ירושלים און נעהמט אויף זיך צו האַלטען די תורה. 2) זעה ז. 187 און „פירוש" דאָרט נומ. 8. 3) דאָס איז דער סוף פון דעם ציטירטען פסוק. 4) ד״ה זיי זאָלען ענטפערן: „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" און ניט אמן. 5) ד״ה איין התיבה נאָך אַלע ברכות. — דאָס איז בלויז אַן ערקלעהרונג פון דעם סוף פון פסוק און האָט ניט צו טהון מיט דער פראַגע פון ענטפערן אמן.

6) ד״ה צו וואָס נאָך אַ פסוק? 7) און עס איז דערפאַר קיין באַווייז ניט דערפון. 8) זעה ז. 187 און „פירוש" נומ. 13-17.

9) תוספתא פ״ו. 10) ד״ה ווען די חכמים פון דער צייט האַלטען אין לערנען פאַר זיך אין באַמיהען זיך ניט צו פאַרשפּרייטען די תורה, זאָלסטו דאָס טהון, אָבער ווען זיי טהוען דאָס, לערן בעסער פאַר זיך און האָב ניט די אַמביציע צו זיין אַ לעהרער. 11) משלי י״א כ״ד. 12) ווייל דורך לערנען מיט אַנדערע ווערט דעם לעהרערס קענטניש רייכער. 13) וועסטו חאָטש לערנען אַנשטאַט פאַרלירען צייט אויף גאָרניט.

14) פון דאַנען ביזן סוף פון דער מסכתא קומט אַ רייהע פון אגדה מאמרים, וועלכע האָבען זוועניג שייכות אַהער און צו אייננאַנדער און דיענען אַלס אַ סאָרט סיום צו דער מסכתא. 15) די תורה. 16) לערן. 17) וואָס זאָל די תורה פאַרשפּרייטען. 18) און ניט וועלען אַנדערע באַ 19) לעהרען ד״ה אביי מיינט אַז אויב מען קומט אין אַן אָרט, וואו עס איז אַפילו נוטאַ קיין גרעסערער תלמיד חכם, זאָל מען זיך ניט שטופּען אַנדערע צו באַלעהרען און ליבער אַליין לערנען. 20) גופי תורה. 21) גאָט. 22) משלי ג׳ ו׳. 23) לויט רש״י: ווי אליהו האָט געטהון אויפן כרמל, וואו ער האָט מקריב געווען אויף אַ במה, הגם דאָס איז פאַרבאָטען, ווייל ער האָט געוואוסט אַז עס האַנדעלט זיך וועגען אַ קדוש השם. אין „עין יעקב" ווערט עס אָבער ערקלעהרט דורך דעם פאָלגענדעס זאַץ, וועלכער פעהלט אין דער גמרא: „האָט רב פפא געזאָגט: אַ גלייכוואָרט זאָגט: אַ גנב רופט צו גאָט אפילו בשעת ער ברעכט איין״ (00). 24) אין קדושין פ״ב א׳ געפינט זיך דערזעלבער מאמר אין נאָמען פון ר׳ מאיר.

25) משלי י״ח כ״ד. — דער סוף פונם פסוק רעדט פון דער מעלה פון איין גיטען פריינד. 26) וואָס זיין פרוי האָט איהם געוואָלט איינטרייבען.

0) אין זיין „עקזעגעטישע טערמינאָלאָגיע דער ייד. טראַדיציאָנעלן ליטעראַטור" רעכענט וו. באַכער אויס די וואָס האָבען דיזען אויסדרוק געברויכט, כו: תנאים: ר׳ אלעזר חסמא, ר׳ יוחנן בן נורי, ר׳ שמעון ב גמליאל (הגם ביי זיי שטעהט אָדער דאָרף שטעהן „גופי הלכות") און אַ בתם משנה אין חגיגה י׳ א׳, און פון אמוראים: ריש לקיש (חולין ס׳ ב׳) און ר׳ אחא (ברא שית רבה ס׳ ז׳. - אפשר איז ד״ה דער תנא ר׳ אחא — זעה ז. 49 -, באַזונדערס, ווייל ער ווערט דאָרט דערמאָהנט צוזאַמען מיט ר׳ פנחס בן יאיר און ר׳ שמעון בן יוחאי?) פון ארץ ישראל און רב אשי פון בבל, און פאַרגעסט די תנאים בר קפרא (דאָ), ר׳ ינאי און ר׳ סימאי (אין ברייתות) און דעם אמורא אביי (דאָרט), וועלכער איז אויך אַ בבלי.

00) ר׳ יצחק לאַמפּראָנטי זאָגט אין זיין „פחד יצחק" ח״ג („גנבא") אַז אַזוי שטעהט אין דער גמרא, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין פּאָרטוגאַל, ד״ה אין ליסאַבאָן, דיזע באַמערקונג איז זעהר וויכטיג פאַר די ביבליאָגראַפיע פון תלמוד, ווייל די ידות פון איינעם וואָס האָט די אויסגאַבע נאָך געזעהן; מיט קרוב צו 150 יאָהר צוריק, ווייל זי איז איצט ניט בנמצא (און פעהלט הפנים דערפאַר אין בן יעקב׳ס „אוצר הספרים" או. אין אַנדערע ביבליאָגראַפישע ווערק). דער מאמר אין „עין יעקב" איז דערפאַר ניט קיין הוספה פון מסדר, נאָר ר׳ יעקב ן׳ חביב, וועלכער איז געווען אַ שפּאַניער און האָט דאָרט געלעבט ביז כם גירוש אין רנ״ב, האָט איהם קאָפּירט פון דער ליסאַבאָנער גמרא. עס איז אָבער מערקווירדיג וואָס דער מאמר פעהלט אין דער שונצינער אויסגאַבע, די ערשטע גמרא, וואָס איז בכלל געדרוקט געוואָרען און איז אַרויסגעקומען אין רמ״ד. (גמרא לפ״ק), ד״ה 4 יאָהר פריהער ווי די ליסאַבאָנער דרוק (רמ״ח-רנ״ב) האָט זיך אויפגעמאַכט, דאָס וואָס פעהלט אויך אין דער ערשטער ש״ס אויסגאַבע (באָמבערגי, ווענעציאַ ר״פ-רפ״ג) אין דערפאַר וואָס דיזע אויסגאַבע ריכט זיך מייסטענס נאָך דער שונצינער און אפשר אויך וואָס נאָכן גירוש איז שוין דאָ די ליסאַבאָן אויסגאַבע געווען אַזוי זעלטען אַז די ווענעציער מדפיסים האָבען זי ניט געזעהן.

האָט געזאָגט: דעם בית המקדש האָט ער דערזעהן, ייארום עס שטעהט געשריבען 1): „אויף דעם באַרג פון גאָט וועט געזעהן ווערען". ר' יעקב בר אידי און ר' שמואל בר נחמני זיינען וועגען דעם מחולק: איינער זאָגט אז ער האָט דערזעהן דאָס אויסלייזגעלד, און דער אַנדערער זאָגט אז ער האָט דערזעהן דעם בית המקדש. עס איז אָבער מעהר סברא ווי דער וואָס זאָגט אז ער האָט דעם בית המקדש דערזעהן, ווייל עס שטעהט: „וואָס ווערט היינט געזאָגט, אויף דעם באַרג פון גאָט וועט ער געזעהן ווערען" 2).

„א מענש זאָל ניט אַרויפקומען אויפן באַרג פון בית המקדש מיט זיין שטעקען אאַ"וו".

וואָס מיינט קפנדריא? האָט רבא געזאָגט: קפנדריא איז דאָס וואָס די באַדייטונג דערפון איז 3), און רב חנא בר אדא האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב סמא דעם זוהן פון רב מרי: ווי איינער וואָלט זאָגען: אַנשטאָט צו געהן אַרום וועל איך אַריבערשפּרינגען 4) און דאָ דורכגעהן. רב נחמן האָט געזאָגט אז רבה בר אבוה האָט געזאָגט: אז מען געהט אַריין אין אַ שוהל אָהן דער אַבזיכט צו מאַכען דערפון אַ דורכגאַנג מעג מען זי באַנוצען אַלס אַ דורכגאַנג. ר' אבהו האָט געזאָגט: אויב דאָרט איז אַ מאָל אַ וועג געוועזען 5) מעג מען. ר' חלבו האָט געזאָגט אַז רב הונא האָט געזאָגט: אַז מען געהט אַריין אין אַ שוהל דאַווענען מעג מען דערפון מאַכען אַ דורכגאַנג, ווארום עס שטעהט 6): „און ווען דאָס פאָלק פון לאַנד קומט אַריין פאַר גאָט אין די ימים טובים אאַ"וו".

„און (אז מען טאָר ניט) שפּייען (נעהמען מיר אַרויס) פון א קל וחומר".

רב ביבי האָט געזאָגט אַז ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט: דער וואָס שפּייט אויף דעם באַרג פון בית המקדש (אפילו) אין דער איצטיגער צייט 7) איז גלייך ווי ער וואָלט געשפּיען אין זיין 8) אויגעפּעל, וואָרום עס שטעהט 9): „און מיינע אויגען און מיין האַרץ וועלען דאָרט אַלע צייטען זיין". רבא האָט געזאָגט: שפּייען איז אין אַ שוהל ערלויבט; דאָס זעלבע ווי (געהן אין) שיך: אַזוי ווי שיך זיינען אויף דעם באַרג פון ביהמ"ק פאַרבאָטען אָבער אין שוהל ערלויבט, אַזוי איז שפּייען נאָר אויף דעם באַרג פון ביהמ"ק פאַרבאָטען אָבער אין שוהל איז דאָס ערלויבט. האָט רב פפא רבא'ן געפרעגט, און מאַנכע זאָגען אַז רבינא (האָט עס) רבא'ן (געפרעגט): פאַרוואָס לערנט ער דאָס אָפּ פון שיך? זאָל ער דאָס אָפּלערנען פון אַ דורכגאַנג 10)! האָט ער איהם געענטפערט: דער תנא לערנט דאָס אָפּ פון שיך, און דו ווילסט גאָר פון א דורכגאַנג! — וואו איז דאָס? — ווארום עס ווערט געלערנט אין אַ ברייתא 11): „אַ מענש זאָל ניט אַרויפקומען אויפן באַרג פון בית המקדש ניט מיט דעם שטעקען וואָס ער האָט אין האַנד און ניט מיט די שיך אויף די פיס און ניט מיט זיין געלד איינגעוויקעלט אין אַ טוך אדער מיטן געלדזעקעל אַריבערגעוואָרפען אויף הינטען, און זאָל ניט מאַכען קיין דורכגאַנג פון דאָרט, און (אַז מען טאָר ניט) שפּייען (נעהמען מיר אַרויס) פון א קל וחומר פון שיך: מה דאָך ביי שיך, וואָס דערביי איז ניטא קיין שום באַליידיגונג, האָט די תורה געזאָגט 12): „וואַרף אַראָפּ דיינע שיך פון דיינע פיס!", דאַרף דאָך שפּייען, וואָס איז אַ באַליידיגונג, אודאי און אודאי (פאַרבאָטען זיין). ר' יוסי בר יהודה זאָגט: דאָס איז ניט נויטיג, נאָר אַזוי ווי עס שטעהט 13): „ווייל מען טאָר ניט אַריינקומען אין קעניגליכען טויער געקליידעט אין אַ זאַק" איז דאָך דאָס אַ קל וחומר: מה דאָך אַז דאָס איז דער פאַל ביי אַ זאַק, וואָס איז ניט מיאוס פאַר אַ בשר ודם, דאַרף דאָך שפּייען, וואָס איז מיאוס פאַר דעם מלך מלכי המלכים, אודאי און אודאי (פאַרבאָטען זיין). האָט ער איהם געענטפערט: איך מיין אַזוי: לאָמיר דאָ אָפּלערנען אויף אַ חומרא און דאָרט אויף אַ חומרא, (ס"ג א') און זאָגען: ביי דעם באַרג פון ביהמ"ק, וואו שיך זיינען פאַרבאָטען, לאָמיר טאַקע אָפּלערנען פון שיך 14), אָבער ביי אַ שוהל, וואו שיך זיינען ערלויבט, איז אַנשטאָט אָפּצולערנען פון שיך און ער לויבען 15), לאָמיר אָפּלערנען פון אַ דורכגאַנג 16) און פאַרבאָטען דאָס. נאָר רבא האָט (אַזוי) געזאָגט: דאָס איז ווי ביי זיין אייגען הויז: אַזוי ווי ביי זיין אייגען הויז איז אויף אַ דורכגאַנג אַ מענש יאָ מקפיד 17), אָבער אויף שפּייען און אויף שיך איז אַ מענש ניט מקפיד, אַזוי איז אויך ביי אַ שוהל אַ דורכגאַנג יאָ פאַרבאָטען, אָבער שפּייען און שיך זיינען ערלויבט.

„אַלע וואָס פלעגען שליסען די ברכות אין בית המקדש אאַ"וו".

אָבער צו וואָס אַזוי פיעל? — ווייל אין בית המקדש ענטפערט מען ניט קיין אמן. — און פון וואַנען איז גענומען

פירוש.

דאָך ניט געוועזען וואָס מכפר צו זיין דאַרף דאָס זיין אַן אנדענק פאַר גאָט, ווען אַ כפרה וועט יאָ נויטיג זיין. 1) בראשית כ"ב י"ד. 2) ווייל אין דעם פסוק פון אויסלייזגעלד שטעהט ניט דאָס וואָרט זעהן, פילייכט אויך, ווייל אין דעם זעלבען טאָג, וואָס די מגפה האָט אויפגעהערט, האָט דוד געקויפט דעם פלאַץ פאַרן בית המקדש (זעה שמואל ב' כ"ד י"ח—כ"ה), און דערפאַר ווערט דאָ דער פסוק פולער ציטירט ווי פריהער און עס קומט נאָך צו „אשר יאמר היום".

3) אין לאטיין, פון וואַנען דאָס וואָרט איז גענומען (קאָמפּענדיאַריאַ)

4) אדמקיפנא אדרי" קפנדריא, — רש"י ערקלערט „אדרי" שורות, ר"ה, אנשטאט צו געהן אַרום די שורות הייזער וועל איך אא"וו. 5) בעפאָר די שוהל איז געבויט געוואָרען. 6) יחזקאל מ"ו ט'. — דער סוף פון פסוק איז: „דער וואָס קומט אַריין זיך בוקען דורך דעם צפון טויער געהט אַרויס דורך דעם דרום טויער און דער וואָס קומט אריין דורך דעם דרום טויער געהט אַרויס דורך דעם צפון טויער; ער געהט ניט צוריק דורכן טויער, דורך וועלכען ער איז אַריינגעקומען נאָר ער געהט אַרויס אַנטקעגען".

7) וואָס דער בית המקדש עקזיסטירט ניט מעהר. 8) ד"ה גאָטס. 9) מלכים א' ט' ג'. 10) און אַזוי ווי מען טאָר אַ שוהל ניט מאַכען פאַר אַ דורכגאַנג (זעה מגילה כ"ח א'), אַזוי זאָל מען דאָרט אויך ניט טאָרען שפּייען. 11) תוספתא פ"ו. 12) שמות ג' ה. 13) אסתר ד' ב'. 14) אַז שפּייען דאַרף אודאי פאַרבאָטען זיין, ווי די ברייתא טהוט. 15) דאָרט צו שפּייען, ווי רבא טהוט. 16) וועלכעס איז דאָרט פאַרבאָטען. 17) אַז זיין הויז זאָל דערצו ניט באַנוצט ווערען.

זיין גלייבען ניט איבערגעלאָזען אין ארץ ישראל 1). האָט ער צו זיי געזאָגט: איך האָב אויך מיין גלייבען ניט איבער־געלאָזען אין ארץ ישראל 2)! האָבען זיי איהם געענטפערט: די ציקלאַך, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזען, זיינען (דערוויי־לע) געוואָרען בעק מיט הערנער 3), און זיי האָבען אונז געשיקט צו דיר און האָבען אונז אַזוי געזאָגט: געהט און זאָגט איהם אין אונזער נאָמען; וועט ער פאָלגען איז גוט, און אויב ניט וועט ער זיין אין חרם; (ב') און זאָגט (אויך) צו אונזערע ברידער אין גלות 4); וועלען זיי פאָלגען איז גוט, און אויב ניט זאָלען זיי אַרויף אַ באַרג 5), אחיה 6) זאָל בויען אַ מזבח, חנניה זאָל שפּיעלען אויפן פידעל 7), און זיי אַלע זאָלען (גאָט) פאַרלייקענען און ערקלעהרען: מיר האָ־בען קיין געמיינשאַפט ניט מיט דעם גאָט פון ישראל! האָט דאָס גאַנצע פאָלק גלייך אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און אויסגערופען: חס ושלום! מיר האָבען יאָ געמיינשאַפט מיט דעם גאָט פון ישראל 8)! — און פאַרוואָס איז דאָס אַלץ גע־ווען? דערפאַר ווייל עס שטעהט 9): „וואָרום פון ציון וועט אַרויסקומען תורה און דאָס וואָרט פון גאָט פון ירושלים" 10). — מילא ווען זיי וואָלטען מטמא געמאַכט דאָס וואָס ער האָט מטהר געמאַכט איז דאָס כדי מחמיר צו זיין, אָבער ווי קאָן דאָס זיין וואָס זיי האָבען מטהר געמאַכט דאָס וואָס ער האָט מטמא געמאַכט? עס ווערט דאָך געלערנט אין אַ ברייתא 11): „אַז איין חכם האָט מטמא געמאַכט טאָר אַן אַנדערער ניט מטהר מאַכען, אַז ער האָט געאסרט טאָר אַן אַנדערער ניט מתיר מאַכען"! — ווייל זיי האָבען געוואָלט אַז מען זאָל זיך ניט נאָכשלעפען נאָך איהם 12).

די רבנן האָבען געלערנט: ווען אונזערע רביים זיינען אַריינגעקומען 13) אין וויינגאָרטען 14) אין יבנה זיינען דאָרט געווען ר' יהודה 15) און ר' יוסי 16) און ר' נחמיה 17) און ר' אלעזר דער זוהן פון ר' יוסי הגלילי 18) און זיי האָבען אַלע [אנגעהויבען און] גענדרשהט לכבוד דער אכסניא 19). ר' יהודה, דער ראש המדברים אומעטום 20), האָט אָנגעהויבען און גענדרשה'ט לכבוד דער תורה: „און משה האָט גענומען דעם געצעלט און האָט איהם אויפגעשטעלט אוי־סערהאַלב פון לאַגער" 21), קאָן מען דאָך דערפון מאַכען אַ קל וחומר: מה דאָך אַז ביי גאָטס ארון, וואָס איז געווען ווייט ניט מעהר ווי צוועלף מיל 22), שטעהט 23): „און ווער עס האָט עפּעס געדאַרפט האָבען צו גאָט פלעגט אַרויסקו־מען צום אהל מועד", דאַרף עס דאָך ביי תלמידי חכמים, וועלכע געהען פון שטאָדט צו שטאָדט און פון לאַנד צו לאַנד אודאי און אודאי זיין דער פאַל 24). — „און גאָט פלעגט רעדען מיט משה פנים אל פנים" 25), האָט ר' יצחק געזאָגט: דער קב"ה האָט געזאָגט צו משה: משה, איך און דו דאַר־פען מאַכען אַ פריינדליך פנים ביי דער הלכה 26)! מאַנכע זאָגען אַז אַזוי האָט דער קב"ה געזאָגט צו משה: אַזוי ווי איך האָב געמאַכט אַ פריינדליך פנים צו דיר, אַזוי מאַך דו אַ פריינדליך פנים צו די אידען און ברענג צוריק דעם גע־צעלט אויף זיין אָרט 27). — „און ער פלעגט זיך אומקעהרען צו דער מחנה או"ו" 28), האָט ר' אבהו געזאָגט: דער קב"ה האָט געזאָגט צו משה: מען וועט דאָך איצט זאָגען: אַז דער רבי איז אין כעס און דער תלמיד איז אין כעס, טאָ וואָס זאָל ווערען פון ישראל? אויב דו ברענגסט צוריק דעם געצעלט אויף זיין אָרט איז גוט, און אויב ניט וועט יהושע בן נון דיין תלמיד באַדיענען אויף דיין אָרט, און דערפאַר שטעהט „און ער פלעגט זיך אומקעהרען צו דער מחנה". האָט רבא געזאָגט: פונ־דעסטוועגען איז דאָס וואָרט ניט אַרויס אומזיסט, וואָרום עס שטעהט 29): „און זיין דיענער יהושע בן נון, אַ אינגעל, איז ניט אָפּגעטרעטען פון געצעלט" 30). — ווייטער האָט ר'

פירוש.

1) אין ארץ ישראל איז דערפאַר ניט געווען קיינער וואָס זאָל דאָס קאָנען טהון. 2) דערפון און פון דעם ווייטערדיגען ענטפער פון די שליחים איז אַ באַווייז אַז ר' חנניה האָט דאָס ניט געטהון גלייך ווי ער איז געקומען אין בבל און אַז ר' יהושע איז שוין דאַמאָלס געווען טויט, וואָרום אַז ניט וואָלט ער דאָך דאָס ניט געזאָגט, נעהמענדיג אין באַטראַכט די גרויסקייט פון זיין אנקעל. 3) ד"ה גדולי ישראל. 4) אַז זיי זאָלען איהם ניט פאָלגען. 5) ווי די שומרונים. 6) לויט רש"י זאָל דאָס גע־וועזען זיין דער דאַמאָלסדיגער ריש גלותא. 7) ווייל ער איז געווען אַ לוי (זעה ערכין י"א ב'). 8) דער סוף פון דיזער אינטערעסאַנטער פאסירונג פעהלט דאָ, אָבער געפינט זיך אין ירושלמי: נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך נאָך ווייטער געאַמפּערט איז ר' חנניה אַוועק צו ר' יהודה בן בתירא, וועלכער איז געווען ראש ישיבה אין נציבין און וועלכער האָט איהם געראַטען נאָכצוגעבען. ר' חנניה האָט געפאָלגט און איז שנעל אַוועק אויף אַ פערד אומעטום אָנצוזאָגען אַז מען זאָל זיך ניט ריכטען נאָך זיין צייט באַשטימונג. 9) ישעיה ב' ג'. 10) און ניט פון בבל. 11) עבודה זרה ז' א' אא"ע. 12) האָבען זיי דערפאַר מתיר געמאַכט, וויסענדיג אַז דער עולם וועט גיכער פאָלגען דעם וואָס איז אַ מקיל („סמיכת חכמים").

13) ד"ה ווען די מוראדיגע רדיפות פון האדריאַן נאָכן חורבן פון ביתר האָבען זיך אויפגעהערט, מיט זיין טויט, און די חכמים, וועלכע זיינען אויסגעוואַנדערט אָדער האָבען זיך אויסבעהאַלטען, זיינען ווידער צוזאַמענגעקומען אין יבנה צו באַנייען דאָרט די ישיבה און סנהדרין. 14) אַזוי האָט געהייסען, לויט ירושלמי ברכות פ"ד הל' א', די דאָרטיגע ישיבה, צוליב די שורות פון תלמידי חכמים, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי שורות פון וויינשטעק אין אַ וויינגאָרטען. 15) ר' יהודה בר' אלעי, אַ תלמיד פון ר' טרפון און ר' עקיבא און הויז לעהרער (זעה רש"י אין מנחות ק"ד א'), אָדער (לויט „תוספות" דאָרט) רעגירונגס אויפזעהער, ביי דעם נשיא רבן שמעון בן גמליאל °). 16) ר' יוסי בן חלפתא, אַן אַנ־דער תלמיד פון ר' עקיבא. 17 און 18) אויך תלמידים פון ר' עקיבא. 19) ד"ה לכבוד די וואָס האָבען די געסט אויפגענומען אין זייערע הייזער (רש"י), ווייל די שטאָדט פלעגט געוועהנליך אויסהאַלטען די ישיבה. פיליכט לכבוד דער באַנייאונג פון דעם אַלטען מקום תורה, וועלכער האָט צוליב די רדיפות געמוזט אריבערגעטראָגען ווערען קיין אושא (זעה ראש השנה ל"ב ב'). דער אויסדרוק „אכסניא" ווערט אָפט באַנוצט ביי תורה און פאַסט באַזונדערס ביי דיזער געלעגענהייט (זעה צב"ש בבא מציעא פ"ה א': „תורה מחזרת על אכסניא שלה"). 20) זעה שבת ל"ג ב'. 21 און 23) שמות ל"ג ז'. 22) זעה ערובין נ"ה ב'. 24) אַז דער וואָס דאַרף עפּעס האָבען צו גאָט זאָל קומען צו זיי. 25, 28 און 29) דאָרט פסוק י"א. 26) ד"ה איך דאַרף זיך פרעהען וואָס איך גיב די תורה און דו וואָס דו נעהמסט זי (זעה דעם עהנליכען מאמר פון ר' זירא ז, 13). — דערפאַר שטעהט צוויי מאָל פנים. 27) ווייל משה האָט זיך דערווייטערט פון דער מחנה נאָך דער מעשה פון עגל. 30) ד"ה ער איז פאַרבליבען ביים

° אין ירושלמי בכמים פ"ד הל' א' שטעהט אַז רבי איז געווען דער תלמיד פון ר' יהודה, און דערפון איז מעהר אַ באַווייז פאַר רש"י'ס ערקלעהרונג.

אין אַ בריתא ווערט געלערנט 1): „רבי זאָגט: פאַר־וואָס שטעהט די פרשה פון נזיר 2) גלייך נאָך דער פרשה פון סוטה 3)? כדי אנצוזייטמען אַז דער וואָס זעהט אַ סוטה 4) אין איהר שאַנדע וועט זיך אָפּזאָגען פון וויין 5). חזקיה דער זוהן פון ר' פרנך האָט געזאָגט אַז ר' יוחנן האָט געזאָגט: פאַרוואָס שטעהט די פרשה פון סוטה גלייך נאָך דער פרשה פון תרומה און מעשר 6)? כדי אנצודייטען אַז דער וואָס האָט תרומה און מעשר און גיט דאָס ניט דעם כהן, וועט דער סוף זיין אַז ער וועט מוזען אנקומען צום כהן צוליב זיין פרוי, ווארום עס שטעהט 7): „און אַ מענש וואָס האַלט די קדשים פאַר זיך" 8), און גלייך נאָכדעם שטעהט 9): „אַז אימיצענ'ס פרוי וועט אונטריי ווערען", און ווייטער שטעהט געשריבען 10): „און דער מאַן זאָל די פרוי ברענגען צום כהן". און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר דער סוף איז נאָך אַז ער דאַרף צו זיי אנקומען 11), ווארום עס שטעהט 12): „און דער מענש וועט זיינע קדשים האַלטען פאַר זיך". רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט: און אויב ער גיט יא וועט ער [צום סוף] רייך ווערען, ווארום עס שטעהט 13): „דער מענש וואָס גיט דעם כהן וועט האָבען", (ד"ה) ער וועט האָבען אַסך געלד.

רב הונא בר ברכיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' אלעזר הקפר: דער וואָס פאַרבינדט גאָטס נאָמען אין זיין צער 14), וועט מען איהם זיין פרנסה פאַרדאָפּלען, ווארום עס שטעהט 15): „און גאָט וועט זיין אין דיין נויט און מאַסען (תועפות) 16) געלד וועסטו האָבען". ר' שמואל בר נחמני האָט געזאָגט: זיין פרנסה וועט איהם קומען צו פליגען ווי אַ פויגעל 17), ווארום עס שטעהט: „וכסף תועפות לך" 18).

ר' טבי האָט געזאָגט אַז ר' יאשיה האָט געזאָגט: דער וואָס לאָזט זיך אָפּ פון דברי תורה וועט קיין כח ניט האָבען צו באַשטעהן אין אַן עת צרה, ווארום עס שטעהט 19): „לאָזטו זיך אָפּ, איז דיין כח באַשרענקט אין אַ טאָג פון נויט". ר' אמי בר מתנה האָט געזאָגט אַז שמואל האָט געזאָגט: (דאָס מיינט) אפילו ביי איין מצוה, ווארום עס שטעהט „לאָזטו זיך אָפּ", (מיינט עס) אויף יעדען פאַל 20).

רב ספרא האָט געזאָגט: ר' אבהו האָט דערצעהלט 21): אַז חנינא דער זוהן פון ר' יהושע'ס 22) ברודער איז אַוועק אין גלות 23) האָט ער געמאַכט עבור יאָהרען און פעסטגעזעצט חדשים אין חוץ לארץ 24). האָבען זיי 25) געשיקט צו איהם צוויי תלמידי חכמים: ר' יוסי בן כיפר און אַן אייניקעל פון זכריה בן קבוטל 26). אַז ער האָט זיי דערזעהן האָט ער זיי געפרעגט: צו וואָס זענט איהר געקומען? האָבען זיי געענטפערט: לערנען תורה זיינען מיר געקומען. האָט ער אויסגע־רופען: דיזע מענשען זיינען גדולי הדור און זייערע עלטערן האָבען געדיענט אין בית המקדש, ווי מיר האָבען געלערנט אין דער משנה 27): „זכריה בן קבוטל זאָגט: אַסך מאָל האָב איך פאַר איהם 28) געלייענט אין ספר דניאל". האָט זיך אָנגעהויבען: איז ער מטמא, זיינען זיי מטהר, אסרט ער, זיינען זיי מתיר. האָט ער וועגען זיי אויסגערופען: דיזע מענשען זיינען פאַלש, גאַרנישטען זיינען זיי! האָבען זיי צו איהם געזאָגט: דו האָסט שוין אויפגעבויט 29) קאָנסטו ניט צערוואַרפען, דו האָסט פאַרצאַמט קאָנסטו ניט איינברעכען. האָט ער צו זיי געפרעגט: פאַרוואָס זענט איהר מטהר ווען איך בין מטמא, פאַרוואָס זענט איהר מתיר ווען איך אסר? האָבען זיי איהם געענטפערט: ווייל דו מאַכסט עבור יאָהרען און זעצסט פעסט חדשים אין חוץ לארץ. האָט ער זיך אָנגע־רופען: עקיבא בן יוסף האָט דאָך אויך געמאַכט עבור יאָהרען און פעסטגעזעצט חדשים אין חוץ לארץ 30)! האָבען זיי איהם געענטפערט: לאָז ר' עקיבא'ן אין רוה, ווייל ער האָט

פירוש.

1) נזיר און סוטה ב' א'. 2) במדבר ו' א'—כ"א. 3) דאָרט ה' י"א—ל"א. 4) זעה „פירוש" ז. 57 נומער 11. 5) ווייל שכרות פיהרט צו אונזיטליכקייט. 6) במדבר ה' ט' און י'. 7, 12 א. 13) דאָרט פסוק י'. 8) דער פשט איז לויט „ספרי" באמת אַנדערש, אַז יעדערער איז אַ בעל הבית איבער זיינע קדשים צו געבען זיי צו וועלכען כהן ער וויל. 9) דאָרט ו' י"ב. 10) דאָרט פסוק ט"ו. 11) ד"ה אַז ער ווערט אַן אָרימאַן און נעהמט מעשר עני.

14) ד"ה ער בעט רחמים ביי גאָט, אָדער ער לויבט גאָט פאַר אַ רעה. 15) איוב כ"ב כ"ה. 16) רש"י ערקלעהרט, ווייל דער שורש עיף באַדייטעט אין אראמעאיש פ א ר ד אָ פּ ל ע ן (זעה תרגום אונקלוס שמות כ"ז ט'). 17) לייכט אָנקומען. 18) ת ו ע פ ו ת—ע ו ף.

19) משלי כ"ד י'. 20) ד"ה אַזוי ווי דאָס שטעהט ניט אויסדריקליך ביי דברי תורה מיינט עס אפילו ווען מען לאָזט נאָר אויס איין מצוה, וועלכע עס זאָל ניט זיין.

21) די זעלבע געשיכטע, מיט אייניגע ענדערונגען, געפינט זיך אויך אין ירושלמי (נדרים פ"ו הל' ח' און סנהדרין פ"א הל' ב'). 22) ר' יהושע בן חנניה (זעה ז. 101 און „פירוש" דאָרט נומ. 5). 23) ד"ה האָט זיך באַזעצט ס) אין בבל, וואו ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין נהר פקוד סס). 24) זעה „פירוש ז. 112 נומ. 10. 25) די חכמים פון ארץ ישראל. 26) פאָרצוהאַלטען איהם פאַרוואָס ער טהוט דאָס, ווייל דאָס איז נאָר געווען אַ פריווילעגיע פון די חכמים אין יהודה, און אין גליל און חוץ לארץ איז דאָס נאָר געווען ערלויבט, ווען דאָס האָט ניט געקאָנט געטהון ווערען אין יהודה (זעה ירושלמי דאָרט). 27) יומא י"ח ב'. 28) פאַרן כהן גדול, יום כפור ביינאַכט האָט ער ניט גע־טאָרט שלאָפען, כדי ער זאָל ניט האָבען קיין פאָלוציאָן און אונריין ווע־רען. אויב ער איז געווען אַ תלמיד חכם פלעגט ער דרשהנען אָדער לערנען די גאַנצע נאַכט, און אויב ניט, פלעגט מען איהם פאָרלייענען אינטערעסאַנטע קאַפּיטלען אין איוב, עזרא און דברי הימים, כדי ער זאָל ניט איינשלאָפען (זעה דאָרט). 29) אינז אַ גוטען נאָמען. 30) זעה יבמות קכ"ב א'. און ער איז דאָך בכיוון אהין געגאַנגען צו דיזען צוועק.

ס) פון סוכה כ' כ' אפילו ווייזט אויס אז ער איז צוריקגעקומען, אבער אין קהלת רבה (אויף א' ח') שטעהט אויסדריקליך אז ער איז דארט געשטארבען.

סס) לויט רש"י אין סנהדרין ל"ב ב' אין פומבדיתא, ווייל אין ראש השנה כ"ג ב' ער־קלעהרט די גמרא אז „גולה" מיינט פומבדיתא און ווייל אין פומבדיתא איז געווען די גרעסטע ישיבה פון בבל (און דער ווייטער טעם איז מעהר אין איינקלאנג מיטן מאמר דארט אין סנהדרין „אחר חנניה ב"א ר' יהושע לגולה"), אבער פון די דערמאהנטע ערטער אין ירושלמי איז קלאר אז דאס איז געווען נהר פקוד. -- פיליכט איז דא „גולה" ווערטליך געמיינט און איז א רמז אויף דאס וואס שטעהט אין קהלת רבה אז ער האט געהאט באציהונגען צו די קריסטען אין כפר נחום, וועלכע האבען איהם אנגעטהון א כשוף („מתנות כהונה") און איהם געמאכט רייטען אויף אן עזעל אום שבת, און ר' יהושע האט איהם געהיילט דערפון, אבער ער האט איהם געזאגט אז אין ארץ ישראל איז פאר איהם מעהר קיין פלאץ ניטא און האט איהם געראטען גיהן קיין בבל. אין סוכה כ' כ' ערקלעהרט רש"י אז דער צוועק פון זיין גיהן קיין בבל איז געווען צו מאכען עבור יאהרען. רש"י האט הפנים ניט באמערקט די דערמאהנטע ערטער אין קהלת רבה און ירושלמי, ... אנאנדער פון דער ערקלערונג דא ווייזט ניט אויס אז דאס זאל געוועזען זיין דער צוועק.

אויב דו ווייסט אז עס איז דאָ צווישען זיי מוטיגע מענשען זאָלסטו זיי מאַכען פֿאַר פֿיה אויפֿזעהער אויף דאָס וואָס איך פֿאַרמעג", איז עס דאָך ביי דעם וואָס נעהמט אויף אַ תלמיד חכם אין זיין הויז און גיט איהם צו עסען און צו טרינקען און איז איהם מהנה פֿון זיין פֿאַרמעגען אודאי און אודאי דער פֿאַל.— האָט ר' אליעזר דער זוהן פֿון ר' יוסי הגלילי אָנגעהויבען און גערדשהט לכבוד דער אכסניא: „און גאָט האָט געבענשט דאָס הויז פֿון עובד אדום פֿון גת, צוליב דעם ארון פֿון גאָט" 1), קאָן מען דאָך דערפֿון מאַכען אַ קל וחומר: מה דאָך אַז דאָס איז אזוי פֿאַר דעם ארון, וואָס האָט ניט געגעסען און ניט געטרונקען, און וואָס מען האָט איהם ניט מעהר געראַמט ווי אפשטויבען און אַנישטענדיג האַלטען, איז עס דאָך ביי דעם וואָס נעהמט אויף אַ תלמיד חכם אין זיין הויז און גיט איהם צו עסען און צו טרינקען און איז איהם מהנה פֿון זיין פֿאַרמעגען אודאי און אודאי דער פֿאַל.— מיט וואָס פֿאַר אַ ברכה האָט ער איהם געבענשט? האָט רב יהודה בר זבידא געזאָגט: דאָס איז די שוויגער 2) מיט איהרע אַכט שניר, וואָס האָבען געבוירען צו זעקס אויף אַמאָל, (ס"ד א') וואָרום עס שטעהט 3): „פעלתי דער אַכטער", און ווייטער שטעהט: „וואָרום גאָט האָט איהם געבענשט", „דאָס זיינען אַלע עובד אדום'ס קינדער, זיי און זייערע זיהן און ברידער, שטאַרקע מענשען מיט כח צו דער אַרבייט, צוויי און זעכציג פֿון עובד אדום" 4).

ר' אבין דער לוי האָט געזאָגט: דער וואָס יאָגט די צייט ווערט פֿון דער צייט געיאָגט און דער וואָס לאָזט זיך פֿאַרשטופען פֿון דער צייט ווערט פֿון דער צייט געשטופט 5). (אַ ביישפּיל האָבען מיר) פֿון רבה און רב יוסף. רב יוסף איז געווען אַ סיני און רבה איז געווען אַ בערג אויפֿרייסער 6), און די צייט האָט זיי נויטיג געהאַט 7). האָט מען [דאָרט] געשיקט (אָנפֿרעגען): ווער קומט דער פֿאָרצוג? אַ סיני צו אַ בערג אויפֿרייסער? האָט מען (צוריק) געשיקט (זאָגען) אַז דער פֿאָרצוג קומט אַ סיני, ווייל אַלע דאַרפֿען אָנקומען צו דעם וואָס באַזיצט ווייץ 8). פֿונדעסטוועגען האָט רב יוסף דאָס ניט אָנגענומען, ווייל כאַלדעער 9) האָבען צו איהם געזאָגט: דו וועסט רעגירען צוויי יאָהר 10)! האָט רבה רעגירט צוויי און צוואַנציג יאָהר און (נאָכהער) האָט רב יוסף רעגירט צוויי און אַ האַלב יאָהר, און אַלע די יאָהרען וואָס רבה האָט רעגירט האָט ער 11) אפילו קיין רופא 12) ניט גערופֿען אין הויז אריין 13).— ווייטער האָט ר' אבין דער לוי געזאָגט: וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט 14): „גאָט וועט דיר ענטפֿערן אין אַ טאָג פֿון נויט, דער נאָמען פֿון יעקב'ס גאָט וועט דיך שטאַרקען"? „יעקב'ס גאָט" און ניט אברהם און יצחק'ס גאָט? דערפֿון איז געגומען אַז דער וואָס באַזיצט דעם באַלקען זאָל דעם באַלקען אננעהמען ביי זיין דיקען עק 15).— ווייטער האָט ר' אבין דער לוי געזאָגט: דער וואָס געניסט פֿון אַ סעודה, וואָס אַ תלמיד חכם איז דערביי, איז ווי ער וואָלט געגאָסען פֿון דעם גלאַנץ פֿון דער שכינה, וואָרום עס שטעהט 16): „און אהרן און אַלע עלטסטע פֿון ישראל זיינען געקומען עסען ברויט מיט משה'ס שווער פֿאַר גאָט"; האָבען זיי דען פֿאַר גאָט געגעסען? זיי האָבען דאָך געגעסען פֿאַר משה! נאָר דאָס וויל אונז זאָגען, אַז דער וואָס געניסט פֿון אַ סעודה, וואָס אַ תלמיד חכם איז דערביי, איז ווי ער וואָלט געגאָסען פֿון דעם גלאַנץ פֿון דער שכינה.— ווייטער האָט ר' אבין דער לוי געזאָגט 17): „דער וואָס געזעגענט זיך מיט זיין חבר זאָל איהם ניט זאָגען: געה בשלום! נאָר: געה לשלום! וואָרום יתרו וואָס האָט געזאָגט צו משה: „געה לשלום 18)!" איז גרויס און גליקליך געוואָרען, און אַז דוד האָט געזאָגט צו אבשלום: „געה בשלום 19)!" איז ער אַוועק און האָט זיך אויפֿגעהאַנגען". ווייטער האָט ר' אבין דער לוי געזאָגט: דער וואָס זעגענט זיך אָפּ מיט אַ מת זאָל איהם ניט זאָגען: געה לשלום! נאָר: געה בשלום! וואָרום עס שטעהט 20): „און דו וועסט קומען צו דיינע עלטערן בשלום".

ר' לוי בר חייא האָט געזאָגט: דער וואָס געהט אַרויס פֿון שוהל און געהט אַריין אין בית מדרש און איז עוסק בתורה וועט זוכה זיין די שכינה מקבל פנים צו זיין, וואָרום עס שטעהט 21): „זיי וועלען געהן פֿון קראַפֿט צו קראַפֿט און וועט ערשיינען פֿאַר גאָט אין ציון".— ר' חייא בר אשי האָט געזאָגט: תלמידי חכמים האָבען קיין רוה ניט ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט, וואָרום עס שטעהט: „זיי וועלען געהן פֿון קראַפֿט צו קראַפֿט און וועט ערשיינען פֿאַר גאָט אין ציון".— ר' אלעזר האָט געזאָגט: תלמידי חכמים פֿאַרמעהרען שלום אין דער וועלט, וואָרום עס שטעהט 22): „און אַלע דיינע קינדער זיינען גאָט געלערנטע

פירוש.

מ"ז ו'. 1) שמואל ב' ו' י"א און י"ב. 2) עובד אדום'ס פרוי. 3) דברי הימים א' כ"ו ה' און ח'. 4) אַז צוערשט ווערען אויסגערעכענט אכט זיהן און צום סוף שטעהט אַז זיין הויזגעזינד האָט באַטראָפֿען צוויי און זעכציג קומט אויס אַז זיינע אַכט שניר האָבען געהאַט צו זעקס קינדער און זיין פֿרוי האָט נאָך אַ מאָל געהאַט זעקס, צוזאַמען אלזא פֿיער און פֿופֿציג, און מיט די אַכט זיהן פֿון פֿריהער צוויי און זעכציג.

5) ד"ה דער וואָס איז אונגערולדיג מוז וואַרטען, און דער וואָס האָט געדולד ערררייכט זיין ציעל שנעלער. 6) מיט סיני באַצייכענט מען דעם וואָס האָט זיך פֿיעל אָנגעלערנט, מיט עוקר הרים איינעם וואָס איז זעהר שאַרפֿזיניג. 7) ד"ה מען האָט נויטיג געהאַט אַ ראש ישיבה, און איינער פֿון זיי האָט דאָס גערפֿט ווערען. 8) ד"ה אסך וויסען. 9) כאַלדעאישע מכשפים. 10) ד"ה צוויי יאָהר ראש ישיבה זיין און נאָכהער שטאַרבען. 11) רב יוסף. 12) אויף אָדער לאָזען. 13) אַזוי געזונד איז ער געווען. רש"י ערקלעהרט אַז ווען ער האָט געדאַרפֿט זיך אָדער לאָזען פֿלעגט ער אַליין געהן צום רופא און איהם ניט לאָזען רופֿען צו זיך, כדי אָפּצוהיטען זיך פֿון דעם קלענסטען שיין פֿון הערשאַפֿט.—רב יוסף האָט דערפֿאַר געוואונען צוויי און צוואַנציג יאָהר לעבען, ווייל ער האָט ניט פּרעטירט צו ווערען ראש ישיבה. 14) תהלים כ' ב'. 15) ד"ה אַז מען דאַרף האָבען רחמים זאָל מען בעסער דערמאָהנען יעקב'ס נאָמען, ווייל ער האָט די מייסטען צרות געהאַט, וועט ער בעסער אריינגעהן אין דער לאַגע און וועט בעטען פֿאַר דעם וואָס דערמאָהנט זיין נאָמען. 16) שמות י"ח י"ב, 17) מועד קטן כ"ט א'. 18) שמות ד' י"ח. 19) שמואל ב' ט"ו ט', 20) בראשית ט"ו ט"ו.

21) תהלים פ"ד ח', 22) ישעיה נ"ד י"ג.

יהודה אנגעהויבן און גערדרשהט לכבוד דער תורה: „פאס אויף און הער, ישראל, היינטיגען טאג ביזטו געווארען א פאלק" 1); איז דען יענעם טאג די תורה געגעבען געווא־רען? יענער טאג איז דאך גאר געווען דער סוף פון די פערציג יאהר! נאר דאס מיינט צו זאגען אז די תורה איז יעדען טאג באליבט ביי די וואס לערנען זי, אזוי ווי אין דעם טאג, וואס זי איז געגעבען געווארען אויפן בארג סיני. ר' תנחום דער זוהן פון ר' חייא פון כפר עכו האט געזאגט: מען קאן דאס פארשטעהן דערפאר, וואס הגם מען לייענט קריאת שמע אין דער פריה און אין אווענט, פונדעסטוועגען אז מען זאל איין אווענט ניט לייענען איז דאס גלייך ווי מען וואלט קיינמאל קיין ק"ש ניט געלייענט. „פאס אויף" (מיינט) מאכט כתות 2) און גיט זיך אפ מיט דער תורה, ווייל די תורה ווערט נאר ערווארבען אין א געזעלשאפט; (און דאס איז) לויט ר' יוסי דעם זוהן פון ר' חנינא, ווארום ר' יוסי דער זוהן פון ר' חנינא האט געזאגט: וואס מיינט דאס וואס שטעהט געשריבען 3): „א שווערד איבער די אפגעזונדערטע און זיי וועלען נאריש ווערען"? א שווערד אויף די שונאים 4) פון תלמידי חכמים, וועלכע זיצען פארזיך און באשעפטיגען זיך מיט דער תורה. און ניט דאס אליין, נאר זיי ווערען נאך נאריש, ווייל דא שטעהט געשריבען „און זיי וועלען נאריש ווערען" און דארט שטעהט געשריבען 5): „און וואס מיר האבען זיך באנארישט"; און ניט נאר דאס אליין נאר זיי זינדיגען נאך, ווארום עס שטעהט 6): „און וואס מיר האבען געזינדיגט". אז מען וויל קאן מען זאגען: פון דאנען 7): „די הארען פון צוען זיינען נאריש געווארען".— אן אנדער ער־קלעהרונג: „פאס אויף און הער, ישראל" (מיינט): רייבט זיך אויף איבער דברי תורה; (און דאס איז) לויט ריש לקיש, ווארום ריש לקיש האט געזאגט 8): „פון וואנען איז געדרונגען אז די תורה האלט זיך נאר ביי דעם וואס איז זיך ממית איבער איהר? ווייל עס שטעהט 9): „דאס איז די תורה, ווען א מענש שטארבט אין געצעלט".— אן אנדער ערקלעהרונג: „פאס אויף און הער, ישראל" (מיינט) שווייג און נאכהער צורייב 10); (און דאס איז) לויט רבא, ווארום רבא האט געזאגט: שטענדיג זאל א מענש פריהער לערנען תורה און נאכהער דענקען.— אין ר' ינאי'ס ישיבה האט מען געזאגט: וואס מיינט דאס וואס שטעהט געשריבען 11): „ווארום דאס דריקען פון מילך ברענגט ארויס פוטער און דאס דריקען פון נאז ברענגט ארויס בלוט און דאס דריקען פון צארן ברענגט ארויס קריעג"? ביי וועמען געפינסטו די פוטער פון דער תורה? ביי דעם וואס ברעכט אויף איהר אויס די מילך, וואס ער האט געזויגען פון דער מוטערס בריסט 12); „און דאס דרי־קען פון נאז ברענגט ארויס בלוט" (מיינט) אז דער תלמיד, וואס זיין רבי איז אויף איהם צום ערשטען מאל אין כעס 13) און ער שווייגט, וועט זוכה זיין צו אונטערשיידען צווישען אונרייניע און ריינע בלוט 14); „און דאס דריקען פון צארן ברענגט ארויס קריעג" (מיינט) אז א תלמיד, וואס זיין רבי איז אויף איהם צום ערשטען און צום צווייטען מאל אין כעס 15) און ער שווייגט, וועט זוכה זיין צו אונטערשיידען צווישען ציווילרעכט און שטראפרעכט, ווארום מיר האבען געלערנט אין דער משנה 16): „ר' ישמעאל זאגט: דער וואס וויל קלוג ווערען זאל זיך באשעפטיגען מיט ציווילרעכט, ווייל עס איז ניטא אין דער תורה קיין גרעסערער פאך דערפאר, ווייל דאס איז א פליסענדיגער קוואל".— ר' ישמעאל בר נחמני האט געזאגט: וואס מיינט דאס וואס שטעהט געשריבען 17): „אויב דו האסט זיך צו שאנדע געמאכט דורך ערהעבונג און אויב דו האסט געהאלטען פארשלאסען, טא לעג די האנד אויפן מויל"? דער וואס מאכט זיך צו שאנדע צוליב דער תורה 18) וועט צום סוף דערהויבען ווערען, אבער אויב ער האט (דעם מויל) געשלאסען געהאלטען איז די האנד אויפן מויל 19).— ר' נחמיה האט אנגעהויבען און גע־דרשהט לכבוד דער אכסניא: וואס מיינט דאס וואס שטעהט געשריבען 20): „און שאול האט געזאגט צו דעם קני: געה, ווייך אויס און ציה אוועק פון עמלק, כדי איך זאל דיך ניט פארניכטען מיט איהם צוזאמען, ווארום דו האסט דאך גע־טהון גוטס צו אלע אידען"? כדי מען זאל דערפון מאכען א קל וחומר: מה דאך אז דאס איז אזוי ביי יתרו 21), וואס האט משה'ן בלויז מקרב געווען צוליב זיין אייגענעם כבוד, איז עס דאך ביי דעם וואס נעהמט אויף א תלמיד חכם אין זיין הויז און גיט איהם צו עסען און צו טרינקען און איז איהם מהנה פון זיין פארמעגען אודאי און אודאי דער פאל.— האט ר' יוסי אנגעהויבען און גערדרשהט לכבוד דער אכ־סניא: „דו זאלסט ניט פאראכטען אן אדומי, ווייל ער איז דיין ברודער, און דו זאלסט ניט פאראכטען א מצרי, ווייל דו ביזט געווען א פרעמדער אין זיין לאנד" 22), קאן מען דאך דערפון מאכען א קל וחומר: מה דאך אז דאס איז אזוי ביי די מצרים, וואס האבען דאך די אידען בלויז מקרב געווען צוליב זייער אייגענעם נוצען, ווארום עס שטעהט 23): „און

פירוש.

אהל מועד און איז שפעטער געווארען משה'ס נאכפאלגער. רש"י דענקט אז דער פסוק איז דא איבעריג, וואס איז אבער ניט דער פאל לויט אונזער ערקלעהרונג. 1) דברים כ"ז ט'. 2) הַסְכֵּת—עֲשׂוּ כתות. 3) ירמיה נ' ל"ג. 4) עפעמיסטיש געמיינט. 5 און 6) במדבר י"ב י"א. 7) ישעיה י"ט י"ג. 8) שבת פ"ג ב' און גטין נ"ז ב'. 9) במדבר י"ט י"א. 10) הסכת הס כת, ד"ה צוערשט לערן א זאך גוט איין און נאכהער אנאליזיר (צורייב) דאס דורך קשיות און תירוצים ביז דו באגרייפסט דאס ריכטיג. 11) משלי ל' ל"ג. 12) ד"ה ער לעגט אויף איהר אוועק אלע זיינע כחות. 13) אף—נאז, כעס. 14) ד"ה פסקנען שאלות נשים, כשר און טרפה אא"וו. 15) אפים איז אין דער מעהרצאהל. 16) בבא בתרא קע"ה ב'. 17) משלי ל' ל"ב. 18) ד"ה ער שעהמט זיך ניט צו פרעגען וואס ער פארשטעהט ניט, הגם ער ווערט פון די חברים אויס־געלאכט. 19) ד"ה דער וואס פרעגט קיינמאל ניט וועט גאר ניט וויסען און ווען אימיצער וועט איהם עפעס פרעגען וועט ער דארפען ארויפלע־גען די האנד אויפן מויל און שווייגען.— דיזער און די אנדערע פריהער־דיגע מאמרים, וועלכע טראגען ניט ר' יהודה'ס נאמען, געהערען נאטיר־ליך ניט צו זיין דרשה, און שטעהען נאר, ווייל זיי האבען א שייכות צו דעם גלייכען ענין. 20) שמואל א' ט"ו ו'. 21) לויט שופטים א' ט"ז האט דער קני שבט געשטאמט פון יתרו. 22) דברים כ"ג ח'. 23) בראשית

און גרוים איז דער שלום פֿון דיינע קינדער", לייען ניט "דיינע קינדער" נאָר „דיינע אויפֿבויער" 1); „פֿיעל שלום צו די וואָס ליעבען דיין תורה און זיי וועלען קיין מכשול ניט האָבען" 2); „זאָל זיין שלום אין דיין מויער און רוה אין דיינע שלעסער" 3); „צוליב מיינע ברידער און פֿריינד וויל איך רעדען וועגען שלום אין דיר" 4); „צוליב דאָס הויז פֿון גאָט אונזער האַר וויל איך בעטען גוטס פֿאַר דיר" 5); „זאָל גאָט זיין פֿאָלק געבען מאכט, זאָל גאָט זיין פֿאָלק בענשען מיט שלום" 6).

פירוש.

1) בָּנָיִךְ — בּוֹנָיִךְ. 2) תהלים קי"ט קס"ה. 3) דאָרט קכ"ב ז׳. 4) דאָרט פסוק ח׳. 5) דאָרט פסוק ט׳. 6) דאָרט כ"ט י"א.

די נעמען פֿון די ניין פרקים פֿון מסכת ברכות:

פרק א׳ ... ... מֵאֵימָתַי.

פרק ב׳ ... ... הָיָה קוֹרֵא.

פרק ג׳ ... ... מִי שֶׁמֵּתוֹ.

פרק ד׳ ... ... תְּפִלַּת הַשַּׁחַר.

פרק ה׳ ... ... אֵין עוֹמְדִין.

פרק ו׳ ... ... כֵּיצַד מְבָרְכִין.

פרק ז׳ ... ... שְׁלֹשָׁה שֶׁאָכְלוּ.

פרק ח׳ ... ... אֵלּוּ דְבָרִים.

פרק ט׳ ... ... הָרוֹאֶה.

3 1761 07132781 1